פנקס

1927-28

פנקס

א פערטליאָריקער זשורנאַל פאַר יידישער
ליטעראַטורגעשיכטע, שפּראַכפאָרשונג, פאָלקלאָר און ביבליאָגראַפיע

ביי דער נאָענטער מיטאַרבעטערשאַפט פון
דר. מ. ווײַנרײַך, יודאַ א. יאָפע, י. ל. כהן,
ש. ניגער, יצחק ריבקינד און דר. יעקב שאַצקי.

באַנד I. 1927—1928

אַרויסגעגעבן פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט
— אַמעריקאַנער סעקציע —
ניו יאָרק, 1928.

אינהאַלט

I. ליטעראַטורגעשיכטע, שפּראַכפאָרשונג און פאָלקלאָר.

	זייט
ש. ניגער: עלעמענטן פון שלום־עליכם־הומאָר פאַר שלום־עליכמן	1 — 12
דר. יעקב שאַצקי: אַ יידיש ביכל קעגן עלילת־דם פון דער ערשטער העלפט 18טן י"ה	12 — 19
דר. מ. וויינרייך: יידישע יקר־המציאותן אין קעיבּרידזש, ענגלאַנד	20 — 25
יצחק ריבקינד: יידיש אין העברעאישע דרוקן ביזן יאָר ת"ח—1648	26—38, 263—265, 294—296
קלמן מרמר: צוויי יובּילייען. דאָס ערשטע יידיש ביכל אין אמעריקע און די ערשטע יידישע צייטונג אין שיקאַגאָ	38 — 52
משה שטאַרקמאַן: מאָרים ראָזענפעלדס אָנהייב	53 — 57
נ. וויינינג: המן־פיגור און שמאַטע־מענטש	62 — 64
י. ל. כהן: יידישע פאָלקסלידער (נייע זאַמלונגען)	65—128, 321—364
ניגונים צו די פאָקלסלידער (פאַרצייכנט פון לאַזאַר וויינער)	365—368
יודא א. יאָפע: 1) קאַטאָוועס צי כתבות? 2) Varia	129—139
דר. יעקב שאַצקי: אַן אַפּאָלאָגיע פון חזנות אָנפאַנג 18טן יאָרהונדערט	177—192
יצחק ריבקינד: אַ קלאָג־ליד אויפן קאַלטן ווינטער פון יאָר 1784	193—199
קלמן מרמר: פון מאָרים ראָזענפעלדס ליטעראַרישער ירושה	200—212
י. ל. כהן: יידישע פאָלקסמעשיות	217—234, 369—376
יודא א. יאָפע: דער סלאַווישער עלעמענט אין יידיש	235—256, 296—312
מאַרק שווייד: אַקטיאָרן־שפּראַך	257—259
ש. ניגער: ווען האָט א. מ. דיק אָנגעהויבן שרייבן יידיש?	289—293

II. ביבליאָגראַפיע.

פּראָפ. ישראל דאַווידזאָן: פּאַראָדיע־ליטעראַטור (ביבליאָגראַפ. הוספות)	58 — 62
דוד־בער טירקעל: ביבליאָגראַפיע פון דער יידישער פּרעסע אין פילאַדעלפיע	260—262
משה שטאַרקמאַן: קוועלן ליטעראַטור צו דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע (1870—1900)	312—320

III. זכרונות און בריוו.

יהואָש דער וויסנשאַפטסמאַן. זכרונות פון דר. חיים ספּיוואַק	140—145
יצחק יואל לינעצקי. זכרונות, פון ר. גראַנאָווסקי	145—153, 212—216
משה מענדעלסאָנס אַן אומפאַרעפנטלעכטער בריוו. פון דר. יהושע בלאָך	154—155
אַ ניטפאַרעפנטלעכטער בריוו פון א. גאָלדפאַדן צו שלום־עליכמן, מיטגעטיילט פון דר. יעקב שאַצקי	265—266
יעקב דינעזאָנס ניט־פאַרעפנטלעכטע בריוו, מיטגע. פון דר. יעקב שאַצקי	376—389
דר. חיים ספּיוואַק (נעקראָלאָג) פון יצחק ריבקינד	285—288

די יעניקע וואָס ווילן האָבן מער אינפאָרמאַציע וועגן אינסטיטוט אָדער ווילן ווערן מיטגלידער זיינען געבעטן זיך ווענדן צום סעקרעטאַר, דר. י. שאַצקי. אדרעס:

DR. J. SHATZKY, 3451-A Giles Place, Bronx, N. Y.

גערדוקט ביי אפ־טו־דעיט פרינטינג קאָ., ניו יאָרק. ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK CITY 200

פנקס

פערטליאָריקער זשורנאַל פאַר

ליטעראַטורגעשיכטע, שפּראַכפאָרשונג, פאָלקלאָר און ביבליאָגראַפיע.

באַנד 1. (יולי־דעצעמבער, 1927) העפט 2—1.

ש. ניגער:

עלעמענטן פון שלום־עליכם־הומאָר פאַר שלום עליכמן.

(מאַטעריאַלן פאַר א סטודיע)

שלום עליכמס הומאָר האָט פארנומען אין דער יידישער ליטעראטור א באזונדער אָרט, אין רעכטן אויבנאָן, — דערמיט, וואָס ער איז אַ רייִנער, אַ פרייער, אַ שפּילעוודיקער, אַ שטיפערישער הומאָר. שלום עליכם איז גארנישט ניט אויסן געווען מיט זיין לאכן. ער האָט געלאַכט, ווייל „לאַכן איז געזונט; דאָקטוירים הייסן לאַכן". דאָס איז אין אַזאַ „ערנסטער", זיך ניט שפּילנדיקער, ליטעראטור, ווי די יידישע, געווען כמעט אַן איבער־קערעניש. און דאָס איז שלום עליכמס גרעסטער אויפטו. אָבער קיין אויפטו שפּרינגט ניט ארויס פון העלער הויט. עס איז דאָ אַן ערב־שבת ביי יעדן שבת, און עס מוז זיין אויך אַן ע ר ב שלום עליכם.

עס מוזן זיך ערגעץ־וואו געפינען יענע שמאָלע, שוואכע רינעלאך, וועלכע האָבן געטראָגן זייערע לעבעדיקע, שמייכלדיקע וואַסערלעך אזוי לאנג, ביז עס האָט זיך אויפגעזאמלט דער ברייטער, ליכטיקער, זוניקער שטראָם פון שלום עליכמס געלעכטער.

פון אויבנאויף דוכט זיך, אַז פאר שלום עליכמס ג ע ל ע כ ט ע ר (הומאָר) איז אין דער יידישער ליטעראטור געווען נאָר דאָס ג ע ל ע כ ט ע ר ל (די סאַטירע) פון די השכלה־שרייבער. עס דוכט זיך, אַז וויפיל אונזער געניאַלער שטיפער זאָל נישט האָבן געלערנט ביי דעם „זיידן" ר' מענדעלע, ביי לינעצקין און ביי אנדערע פריעדיקע שרייבער, האָט ער נישט געקאָנט זיך אויסלערנען ביי זיי די גרויסע, — צו גלייך אי קלוגע, אי קינדישע — קונסט פון ה ו מ אָ ר. אָבער צי איז עס טאַקע אזוי? צי איז עס אמת, אַז די פריערדיקע יידישע מעשה־ביכלעך זיינען אַלע געווען טאַקע פול נאָר מיט מוסר אָדער השכלה? האָט זיך ערגעץ־וואו דאָרט נישט פארגנבעט א שטיפעריש בלעטל? זיינען די אלטע מחברים געווען אַלע אזעלכע „ערנסטע" מענטשן מיט כמורנע פנימער, פארקנייטשטע שטערנס און איינגע־בויגענע רוקנס? פעלט אין זייער משפּחה גאר אינגאנצן דער מין קונדס?

ניין, ער איז פאַראַן און מען דאַרף אים אויפזוכן.

אָבער דער מיין פון די דאָזיקע נאָטיצן איז ניט צו אנאַליזירן און ניט אויסצורעכענען אַלע לאַכעדיקע, שפּילעוודיקע שטעלן, וואָס זיינען דאָ אין דער פארשלום־עליכמשער יידישער ליטעראטור. איך בין אויסן נאָר צו ברענגען עטלעכע ביישפּילן און צו מאַכן אַן אָנהייב פון דער ארבעט, וואָס איר ציל איז די אויספאָרשונג פון דער געשיכטע אָדער דער פאָרגעשיכטע פון דעם שלום־עליכם־הומאָר און זיינע פארשיידענע עלעמענטן אין דער וועלט פון דעם יידישן וואָרט.

*   *

*

IV. נאָטיצן.

זייט

די רעכט פון „לשון אַשכנזי“. — ביי דין־תורהס (יצחק ריבקינד) 156
דער ווילנער גאון און יידיש. — לומדישער יידיש (י. ר.) .... 157—156
ספרים־אויפשריפטן (י. ר.) .... 158—157
גאָלדפאדן און שמ"ר (משה שטאַרקמאן) .... 160—158
צו דער ביבליאָגראפיע פון „שמחת הנפש“ (יודא א. יאָפע) .... 161—160
די „שטרויענע“ יידן אין גריכנלאַנד (יוסף מאַרגאָשעס) .... 268—267
צו קלמן מרמרס „צוויי יובילייען“ (משה שטאַרקמאן) 268
צו „מאָרים ראָזענפעלדס אָנהייב“ (דר.]. א. מעריסאָן) 269
צו דער ביבליאָגראפיע „פאריש און וויענה“ (י. ש.) .... 270—269
געוויטער־כראָניק (י. ר.) 270
נאָטיצן וועגן ליגעצקין (י. ש.) .... 271—270
אומבאקאנטע יידישע דראמאטורגן (י. ש.) 271
וועגן הירש רייטמאנס „דער קיטטעל“ (י. ש.) .... 272—271
מענדעלעס באגריסונג צום יובליי פון „טאָגעבלאַט“ (מ. שטאַרקמאַן) .... 273—272
אַן אומבאַקאַנטער מחבר פון אַ יידיש־פּוילישער גראמאַטיקע (י. ש.) 273
אַ פאַרזעענע אַרבעט איבער יידישע פאָלקסלידער (י. ש.) 283
צו דער פראַגע וועגן א. מ. דיקס געבורטסיאָר (ש. נ.) .... 382—380
די געגראמטע הקדמה פון קרעמאנער חומש (י. ר.) 282
וועגן לובלינער „צאינה וראינה“ (י. א. י.) .... 383—382
צו דער ביבליאָגראפיע פון פרצס ווערק (י. ש.) .... 385—383
פרישמאנס ערשטע יידישע הקדמה (י. ש.) .... 386—385
צו דער ביבליאָגראפיע פון שלום־עליכמס ווערק (י. ש.) .... 387—386
האָט ליגעצקי אָנגעשריבן א יידישע גראמאטיקע? (י. ש.) 387
אַ „פאָרגעזונט“ נאָך אמעריקע פון יאָר 1853 (י. ר.) .... 388—387
אַ פּאָר ווערטער וועגן די „תפלה זכהם“ (דר. י. א. מעריסאָן) 388
דער ערשטער יידישער שרייבער פאַריין אין אמעריקע (משה שטאַרקמאַן) .... 389—388

V. רעצענזיעס.

א. פרידקין — אברהם־בער גאָטלאָבער און זיין עפּאָכע (דר. יעקב שאַצקי) .... 168—162
פנחס קאָן — דאָס ערשטע פּויליש־יידישער ווערטערבוך (י. ליפשיץ) .... 170—168
נייע ארבעטן צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור (דר. יעקב שאַצקי) .... 176—171
מאַקס עריק — וועגן אלט יידישן ראָמאן און נאָוועלע.... " " " ...... 279—274
ע. קאָרמאן — יידישע דיכטערינס. אַנטאָלאגיע........ " " " ...... 280—279
מאַקס ווײַנרייך — דר. שלמה עטינגערס חתבים .... " " " ...... 283—281
א. פרידקין און ז. רייזין — אב. גאָטלאָבערס יידישע ווערק " " " 284
י. קאָפּעלאָוו — אמאָל אין אמעריקע (זכרונות)........ " " " ...... 285—284
צייטשריפט, באַנד I, אַרויסגעגעבן פון אינוויסקולט .. " " " ...... 391—390
צייטשריפט, באַנד II-III, ארויסגעגעבן פון אינוויסקולט.. " " " ...... 395—391
שריפטן, ארויסגעגעבן פון ייוו"א, I, לאנדוי־בוך ..... " " " ...... 398—395
שריפטן פון ייוו"א, באנד II, פילאָלאָגישע שריפטן.... " " " ...... 400—398

וואָלינער פּאָלקס־מענטשן האָט שלום ראַבינאָוויטש, פאַרשטייט זיך, געקענט גענוג (ער איז דאָך אַליין אַ וואָלינער), און זייערע חכמהס האָט ער נישט גדאַרפט גיין לערנען ביי דעם „סטאָליער מסאַקילען", אָבער ביי אים האָט ער צום ערשטן מאָל געזען, אַז מען קאָן די אַלע ווערטלעך, גלייכווערטלעך און המצאהס נוצן א י ן ש ר י י ב ן, נישט נאָר מינדלעך.

ער האָט געזען ביי אים, אַז מען קאָן מאַכן פאַר „העלדן" פון אַ מעשה־ביכל אידן מיט אַזעלכע טשיקאַווע („שלום־עליכמדיקע"!) נעמען, ווי פּלטיאל זלאַדיוועקער, אהרן לעמיל האָצי־דראַלעווקער, שמעון פייטל גראָביאַניוועקער, אָשר גימפּל שמאַריוואַז. און אויב ער האָט געלייענט אָדער געהערט לייענען אויך דעם צווייטן טייל פון חיים יאָסילס חיבור, האָט ער גלייך אויפן ערשטן בלעטל געקאָנט דאָרט געפינען צווישן „די נעמען פון דער חברה" אַזאַ אוצר פון „שלום עליכמדיקע" אייגננעמען, ווי אשטייגער, ר' אייזיק קריוואראַטשקע, ר' יצחק פּיפּיק, ר' לעמיל שוואָלאַנטשיק, ר' עיקב (יעקב?) טשאַרניסראַקיוועקער, ר' שמערל טראַסקיווייצער א. ד. ג.

אָבער די נעמען זיינען ניט דער איינציקער שלום־עליכם־עלעמענט אין דעם „צווייטן אייזין באַנד". עס זיינען דאָרט פאַראַן אויך אַנדערע וואָרט־שפּילערייען. שוין גלייך אויפן ערשטן בלעטל געפינען מיר אַזאַ מין שפּילעוודיקן שמועס:

„פּלטיאל: . . . איר זאָלט וועלן, וואָלטן מיר יע געקאָנט מאַכן...
שלום יודל: וואָס מאַכן? אַ כוסה?
פּלטיאל: איך מיין טאַקע מיר זאָלן שטעלן...
שלום יודל: וואָס ווילט איר שטעלן? ליכט אין די ענגלייכטערס?
פּלטיאל: גלויבט מיר, מיר וואָלטן טאַקע געקאָנט האָבן...
שלום יודל: וואָס וואָלטן מיר געקאָנט האָבן? יאַהרציוט?" *

דער זעלביגער שלום יודל האָט ליב צו זאָגן ווערטלעך אין דעם גוסט פון טביה דעם מילכיקן. צום ביישפּיל: „אַ גוי זאָגט אַ ווערטל: כל ערב לגירהו (למינהו) — ניט מיט מיר דאַרפט איר טרייבן קאַטאָוועס".

אַ שטיקל ע ר ב־שלום עליכם איז דער נוסח פון בריוו אָדער ריכטיקער פון פּאַראָדיעס אויף בריוו, וואָס געפינט זיך אי אין ערשטן אי אין צווייטן טייל פון דעם „צווייטן אייזן באַנד". אין די בריוו איז יידיש געמישט מיט פאַרגרייזטן העברעאיש, און די העברעאישע ווערטער ווערן עם־האַרציש אויסגעלייגט אויף אידיש. אָט איז דער אָנהויב פון אַ בריוו, וואָס גע־פינט זיך אין ערשטן טייל:

„לידידי הרבני הר"ר שמעון פּייטיל גראָביאַניוועקער וידידי ר' יעקב ראובן דראַליניוועקער, וידידי ר' מרדכי זינדעל סקיפּיאַליוועער וידידי ר' שלום יאָסיל האָליפּאַזיוועקער וידידי ר' אלי גינפּילאָוויטש, וידידי ר' שמואל זייוויל זיניקיוועער.

ראשית זייט וויסן אַז מיר זיינען באָרית אַשעם בקאַב הבריוס קו יוטאַן אַשעם יסבאָרייות לירעום פּנים על פּנים בכערעוו אימים אמן.

שיינים טיידו. אין צווייטינס זאָלט איר וויסן, קא אַשער ראיני עס צאָראָסינו! אזוי ווי מיר האָבן גיזען אונזערי צרות, ווייעס אָראָה אַשער נכפּד אלינו, און דאָס שלעכץ וואָס איז גיקומען אויף אונז, אל וודוי אמייתיילאת אַבאַרזעל! אַשער נאָסע! איבער דעם אייזין באַנד וואָס מע האָט געמאַכט. איבא אוויר זוס אַפּאַרנאָסה דייכיקה לנו. אין איבער דעם איז אונז דיא פּרנסה זייער גישלאָגען מאַכמאַס שערוב תוכרים איינאָם רוצים לינתוע אימנו. וואָרום פיל סוחרים ווילין שוין מיט אונז ניט פאָרין. אי לייאית אַטאָ מוכראָכים אַנאַכנו ליטיין טעווען ומספּוא לייתותיינו. און דערווייל די פערד מוזן מיר דאָך געבן עסן איביפּראָט לייזיגאָתיינו אים באַניינו און אונזערי ווייבער מיט די קינדער מוז מען דאָך אַוודאַי גיבען עסין: ואָזמאַן קאָצאַר, און די צייט איז ניט גיט; לאָחאַן אַל תעכשי באַדאָוואַר, ע"כ זאָלט איר ניט שווייגען דרינען: מאָרי אי בואי לייבייסכם, איר זאָלט קומין אַהיים: ווייהיע אקול אַל נאָחון, אז איר וועט קומען אַהיים וועט אַלעס זיין רעכט: מאַכמעס שע דאָמינו אייצע טוייווע אל אמיתילאה הבאַרזעל, וואָרום מיר האָבען באַקלערט איין עצה פון דעם באַנדס וויגין: ניתקשה אנחנו קאַאשער שאָמאַני קיין ראינו. מיר ווילען טאַקע בלייבן טרר... און דער באַנד וועט טאַקע בלייבן אַ באַנד: איכפּאַל באקאַשטי לייסאַן אַשעם טייקיף לאָווא בימייארה. איך בייט אייך נאָך אמאַל איר זאָלט גיך קומען אהיים: ביולי שום טירוץ קי נאָכוץ מייעוד, וואָרים מיר דאַרפען אייך גיבייטיגט." און אז. וו.

* די אָרטאָגראַפיע איז דאָ, ווי אין די איבעריקע ציטאַטן, די היינטיקע.

דעם אָנהייב האָט איינגנטלעך געמאַכט שלום עליכם אַליין. ער דערציילט אונז אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, אין „פונם יאַריד", אַז נאָך אין די קינדערשע יאָרן האָט ער געהערט זיין פאָטער פירלייענען עפּעס אַ יידישן מעשה־ביכל, פון וועלכן דער עולם האָט זיך „געהאַלטן ביי די זייטן פאַר געלעכטער"... „וואָס דאָס איז געווען פאַר אַ ביכל, — שרייבט ער דאָרטן, — קאָן זיך דער העלד פון דער ביאָגראַפיע ניט דערמאָנען. ער געדענקט נאָר, אַז ס'איז געווען אַ ביכעלע אַ קליינטשיקס, אַ דאַרינקס, מיט געלע, פאַרסמאַלצעוועטע, צעפּאַלענע און אָפּגעריסענע בלעטלאַך. אָן טאָוועלאַך און אפילו אָן אַ פאָדערבלעטל. שבת צו־נאַכטס, אַלע בעלי־בתים פון שטאָט האָבן זיך צונויפגעקליבן ביי רב נחום וועוויקס אויף „מלוה מלכה". די מאַמע איז פאַרנומען אין קיך מיטן „וואַלכישן באָרשטש", און דער עולם האַלט זיך אונטער דערוויל. רב נחום לייענט אַ מעשה ביכל. דער טאַטע לייענט און דער עולם זיצט אַרום טיש, רויכערט פּאַפּיראָסן און מע קאַטשעט זיך, מע האַלט זיך ביי די זייטן פאַר געלעכטער. און מען אונטערברעכט אַלע מינוט דעם פאָרלעזער און מע דריקט אויס די גרויסע התפעלות הויך אויף אַ קול, און עס שיטן זיך קללות אויפן בעל מחברם אַדרעס: „אָט אַ ימח־שמוניק! אַ כל־בוניק! אַ ממזר! אַ רוח אין זיין טאַטנס טאַטן אַריין!... אפילו דער פאָרלעזער אַליין קאָן זיך ניט איינהאַלטן, ווערט שיר דערשטיקט פאַר געלעכטער! די קינדער ווילן ניט גיין שלאָפן און שלום אודאי ניט. פאַרשטיין וואָס דער טאַטע לייענט — פאַרשטייט ער ניט, נאָר ס'איז אים גלאַט געפעלן צו זען, ווי יידן מיט בערד קאַטשן זיך, האַלטן זיך ביי די זייטן און שיסן אויס אַלעמאָל מיט אַ געלעכטער. און ער זיצט פון דערווייטנס און קוקט אין אַלעמענס פנימער, ווי זיי שיינען. און ער איז מקנא יענעם יידן, וואָס האָט געמאַכט אָט דאָס ביכעלע, און זיין טיפסטער וואונש איז אַז גאָט וועט העלפן, ער וועט אויסוואַקסן און ווערן אַ גרויסער, וועט ער אויך אָנשרייבן אַזאַ מין ביכעלע וואָס יידן וועלן דאָס לייענען און לאַכן און וועלן אים שעלטן אין גוטן מוט, גלאַט אַזוי זיך, אין „טאַטנס טאַטן אַריין"... (זז. 66—67) אין דער ש"ע פאָלקספאָנד אויסגאַבע, ניו יאָרק, 1923).

וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ פריילעך ביכעלע אַזאַ, — דאָס האָט שלום עליכם, ווען ער האָט געשריבן דעם ציטירטן קאַפּיטל „פונם יאַריד", „נישט געקאָנט זיך דערמאָנען". אָבער שפּעטער, אין יאָר 1915, האָט ער אין ניו יאָרק אויסגעפונען, ווי י. ד. בערקאָוויטש דערציילט אין „שלום־עליכם־בוך" (ז. 314, אין אַן אָנמערקונג) — אַן עקזעמפּלאַר פון יענעם מעשה־ביכל, „און עס באַהאַלטן ביי זיך אין אַרכיוו".

ווען מען באַקענט זיך מיט אָט דעם מעשה־ביכל, זעט מען, אַז דאָס איז, אין דער קורצער פאָרמולירונג פון י. ד. בערקאָוויטש, „אַ באַשרייבונג פון קליינשטעטלדיקע בעל עגלהס, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט אין אַ „טראָסט" צו קעמפן קעגן דער אייזנבאַן, געשריבן אין אַ פרימיטיוון פאָלקסטימלעכן אידיש, אויסגעמישט מיט פאָלקס־ווערטלעך און הלצהס". אויפן שערבלאַט פון ביכל שטייט „דער צווייטער אייזין באַנד (אייזנבאַן) פון זאַרבינייץ קיין יורקאַיץ פון חיים יאָסילים, סטאָליר מסאַקילען, די ערשטע טייל . . . זיטאָמיר, 1874". אָט „די ערשטע טייל" פונם ביכל האָט זיך אויפגעהיט אין שלום עליכמס אַרכיוו. אין מיין אייגענער ביבליאָטעק געפינט זיך אי דער ערשטער, אי דער צווייטער טייל פונם „אייזין באַנד". דער צווייטער טייל איז אָפּגעדרוקט געוואָרן מיט צוויי יאָר שפּעטער נאָך דעם ערשטן. (זשיטאָמיר, 1876).

ווען שלום עליכם זאָל האָבן געהערט זיין פאָטער לייענען אפילו נאָר דעם ערשטן טייל, גלייך ווי ער איז אַרויס פון דרוק, אין יאָר 1874, איז ער שוין אויך געווען דאַן אַ בחורל פון אַ יאָר פופצן (און ער איז שוין, אַגב געווען דאַן ווידער אין פּערעיאַסלאַוו, ניט אין וואָראָנקאַ, ווי ער אַליין שרייבט, על פי טעות, אין „פונם יאַריד"), האָט ער שוין געקאָנט אויפנעמען „ליטעראַרישע" איינדרוקן. וועט דערפאַר דער, וואָס זוכט די ווערק, וועלכע האָבן געוועקט אין דעם שפּעטערדיקן שלום עליכמן דעם חשק און דעם מוט צו הומאָר, מוזן זיך פריער ווי אַלץ, פאַראינטערעסירן מיט דעם „צווייטן אייזין באַנד".

קיין אמתער הומאָריסט (אינם קינסטלערישן זינען פונם וואָרט) איז חיים יאָסילים, דער פאַרפאַסער פון „אייזין באַנד", ניט געווען. אָבער עס איז אין אים און אין זיין אידיש און אין זיינע מעשיות פאַראַן עפּעס פון יענער ליבע צו שפּילן זיך מיט ווערטער און פון יענער רגילות צו טרייבן קאַטאָוועס, וועלכע איז, דוכט זיך מיר, כאַראַקטעריסטיש פאַר וואָלינער פאָלקס־אידן.

אהרן לעמיל: סטיוטש, וואו האָט איר עס אהין געטאָן?
יענטל: איך האָב דאָס פאַרטאָן... עס איז טאַקע געבליבן דאָרט אין...
אהרן לעמיל (צו פלטיאל): ווײ איז מיר, ווינד איז מיר, אויב זי האָט דעם בילעט אַוועקגעוואָרפן אין... קאָן דאָך דער... אַוועקראַלן. נעמט א ליכט און לאָמיר גיין זוכן דעם בילעט. וואָס דען, עס איז גאָר הפקר? כ'לעבן, מע מוז גאָר דינגען אַן אנדער קאַנטאָר. עס איז גאָר קיין תכלית: דאָס נעמט מען אונזער שלעסל צום... מחילה. דער שלעפּט אַרוים א בילעט, אַז עס האָט ניט קיין ווייך פּאַפּיר... עס איז טאַקע א גליק, וואָס מיר האָבן ניט קיין געלט אין קאַנטאָר, אַזוי ווי אין אַנדערע קאַנטאָרן," און אַז. וו.

ווי דער לעזער זעט, איז דער „הומאָר" דאָ, ווי אין די איבעריקע טיילן פון ביכל, א גאַנץ ביליגער און א וואולגאַרער. פון דעם אמת'ן, געלייטערטן, שלום־עליכם הומאָר איז עס ווייט ווי מזרח פון מערב. אָבער ניט דאָס איז וויכטיק אין דעם פאַל. וואָס איך בין אויסן געווען מיט די ביישפּילן, איז — צווייזן, אַז ביי דעם מחבר פון „צווייטן אייזין באַנד" האָט שלום ראַבינאָוויטש, נאָך איידער ער האָט געטראַכט אפילו צו ווערן שלום עליכם, געזען, אַז מען קאָן מיט דער פּען **שטיפן און קונדייסעווען**, ניט נאָר קנייטשן דעם שטערן און חקירהן זיך. און ניט אומזיסט האָט אים עפּעס א אינסטינקט אונטערגעזאָגט גראַד דאמאלס, ווען ער האָט געהערט זיין פאָטער לייענען אָט דעם מעשה־ביכל, אַז ווען „ער וועט אויסוואַקסן און ווערן א גרויסער, וועט ער אויך אָנשרייבן אַזא מין ביכעלע, וואָס אידן וועלן דאָס לייענען און לאַכן און וועלן אים שעלטן אין גוטן מוט, גלאַט אַזוי זיך, „אין טאַטנס טאַטן אריין"...

דער מחבר פון דעם „צווייטן אייזין באַנד" האָט שפּעטער אָפּגעדרוקט נאָך א הלצה־ביכל מיטן נאָמען „ברוך שפּטרני", און עס איז א סברה, אַז אויך דאָס ביכל איז שלום עליכמן באַקאַנט געווען. דאָס שער־בלאַט פונם ביכל איז אַזאַ:

„ברוך שפּטרני

דיא שרעקלעכע נסיעה פון זארבינעיי קיין באַרישאוו, אומיטען (אינמיטן) א קליין שטעטיל קלײן סדום. ס"ה 5 מייל — האָט געוועהרט די נסיעה אכט טעג רצוף.

דער, וואָס האָט געמאכט דעם צווייטן אַייזין באנד, דער האָט דאָס ביכל אויך געשריבען מיט זיין האנד, נאָר אז איר ווילט ווסן, ווי אזוי הייסט דער מחבר — ער הייסט ר' לייב דער שרייבער.

וואַרשא

ענה בדרך כחי קצר ימי לפ"ק. (1880)

ברוך שפּטרני" האָט דעם זעלביקן מאָטיוו, וואָס „דער צווייטער אייזין באַנד", אָבער עס איז געשריבן נאָך לעבעדיקער און פריילעכער, ווי יענעם ביכל.

„די נעמען פון די „חברה־לייט", ווי עס שטייט אויפן ערשטן בלאַט, זיינען: ר' זיידל טראַסק, ר' שמואל פלאַסק, ר' יעקל קאַזשאַק, איצי פּאַק, ברוך דריידל, אהרן ווידל, שמאי האָז, בערל נאָז, בענדיט באַרימאַלע, איציק פּאַסאַליע, ברוך בערדעלע, יצחק פערדעלע, יוסל הייער, בערל דרייער, שמאי טייוול, דוד זיידל, ייקל בעקער, אברהם לעקער, א. אַז. וו., א. אַז. וו.

שוין די „נעמען פון די חברה־לייט" אַליין ווייזן, אַז „דער מחבר ר' לייב דער שרייבער" איז געווען א פריילעכער יונגערמאַנטשיק. אָבער נישט נאָר אין די נעמען אַליין ווייזט זיך אַרויס זיין שטיפערישקייט. דאָס גאַנצע ביכל איז פול מיט „שקצישע" איינפאַלן. איך וועל דערמאָנען נאָך עטלעכע פון זיי. איינער פון די פּאַרשוינען, אהרן וואָרעניק, שרייבט צו זיין זון א בריוול אויף לשון קודש, וואו יעדעס וואָרט ווערט גלייך איבערגעזעצט אויף יידיש. ער טוט עס צוליב דעם, וואָס זיין פריינד איציק זאָגט צו אים: „אַז אָך און ווײ איז דיר מיט דיין שרייבן. טאָמער קאָן ער ניט לייענען קיין לשון קודש?" — „יע, ביזט אפשר גע־רעכט, ענטפערט אים אהרן וואָרעניק, נאָר וואָס דען? איך וועל אים שרייבן א וואָרט לשון קודש מיט דעם טייטש פון יעדן וואָרט, וועט ער זיך דערווייל אויסלערנען לייענען לשון קודש און וועט טאַקע פשוט ווייסן א טייטשוואָרט". און ער הויבט אָן דעם בריוו אַזוי: „לשמשי צוא מיין זון איאָכאָר דער טייערער ווייז א נעהמאָהד דער גלוסטיגער יאנקאָוו נ"י, עסמול נעכטין כאבאַלטי האָב איך מיכאבייל געוועזן" א. אַז. וו., א. אַז. וו.

אין דעם דאָזיקן ע ר ב - שלום עליכמדיקן בריוול געפינען מיר, אגב, אזא מין פסוק פון טביה דעם מילכיקן, ווי: „והזמן קצר — און די צייט אז ניט גוט״...

אין דעם צווייטן טייל „אייזין באנד״ איז דאָ אַ בריוול:

„ליהוּוד! אטיטי הראפּני רעב ראל והרעב שוטיף אהרן לעמיל תיחיו אט מיוא ויעסרים שאָנים:
מיחטאוּוחעם כאָבאלטי ביום עסמול וסאָמאַכטי סימכע גיידולה אַד מאוד. אין אַזוי וויא איהר שרייט מיר שעאָוואַ טאַביף לאיריייחעם אים אַבעשבאַן אַל קיין טיידעו שע איינע יאַתול מאבמאָס טירדי אַזמאַן; אי מאכמאָס שנייא תיבום: עכאָד מאכמאָס די גניאדע שקאַפּע האָט אַן גיהייבען צו הינקען אויף אַ פּיס, האב איך געהאט צו טאָן מיט איר אַ טאָג אַכט ביז זיא איז גיזונד גיוואָרין, נאָר איידער זיא איז גיזונד גיוואָרין האָט זיך דער טאַטי אַנידער גיליגט און איז טאַקי גישטאָרבען. עס איז אַ דאַנקען גאָט וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזט דער צוא אַבי דיא שקאפּע איז חאטש גיזונד גיוואָרען: אל קיין מאַכט אַכוסי און זייט פרייליך אום אירצע אַשעם זונטאָג וועל איך קומען און וועל אַייך נאָך ברייגגען אמאַטאָנע טייווע. איינע אַ הילצערנע שיסיל בישוויל זיגאָסכעם אַ איכאָרע צום צוואָגען״...

פאר דעם „הומאָר״ פון דעם פאַרפאַסער פון „צווייטן אייזין באנד״ איז כאַראַקטעריס־טיש די פאָלגענדע שטעלע פונם צווייטן טייל:

„. . . פּלטיאל: קומט ר׳ אהרן לעמיל, קומט אַריין אין קאָנטאר און לאָמיר טאקע אקוק טאָן צום קאַנטאָרל, וואָס איר האָט פאַרשלאָסן.
זיי גייען אריין אין קאנטאָר; עס איז גוט פינסטער אין קאנטאר. זיי גייען גלייך צום טישל. אהרן לעמיל טוט א טאפּ דעם שיפלאָד, ער איז אָפן.
אהרן לעמיל: גוואלד, גוואלד מע האָט באַגנב׳עט דעם קאַנטאָר!
אלי זייוויל מיט ווייב: שאַט, וואָס שרייט איר אזוי? וואָס איז פאר א געשריי? ווער גייט דען צו אייער שיפלאָד?
אהרן לעמיל: יאָ, ביי אייך איז דאָס א שיפלאָד. איר ווייסט דאָך אז ביי אונז איז דאָס דער גאנצער קאנטאר.
אלי זייוויל: זאָגט מיר שוין, וואס האָט מען ביי אייך אוועקגעגנב׳עט פון אייער קאנטאר.
אהרן לעמיל: וואָס זאָל איך אייך זאָגן, איך ווייס עפּעס אין דער פינסטער? דאָס שלעסל זע איך שוין, אז עס גייט אָפּ. הייגט, לאָז מען נאָר אָנציגדן א ליכט, וועט מען שוין זען; ווער ווייס, אפשר האָט מען אוועקגעגנב׳עט דעם בוך, אָדער ביליעטן?
פלטיאל האָט געשווינד אָנגעצונדן א ליכט און מען זוכט אין שיפליאָד, זיי זוכן אלי שטיקלעך פאפיר, עס פעלט זיי גארניט.
אהרן לעמיל: שאַט גאָר, ציילט נאָר איבער די ביליעטן.
פלטאיל (ציילט איבער די ביליעטן, עס גייט אָפּ א ביליעט): אהא, אַהא! מען האָט שוין אָנגעהויבן צו גנב׳ענען ביליעטן; נישט קשה, איר זאָלט וויסן ר׳ אלי זייוויל, עס איז אויף אייער קאָפּ. איר וועט אונז מוזן באַצאָלן צוויי רו״כ פאַר דעם ביליעט.
אלי זייוויל: שאַט, שרייט ניט, איך קאָן אייך אַפּגעבן א שטיקל פאפיר.
אהרן לעמיל: יא, איר מיינט איין אמת, איין שטיקל פאפיר. מיר איז דער עיקר דאָס שרייבן. עס קומט מיר אָן מיטן טויט איידער איך שרייב אָפּ אַ ביליעט. עפּעס א קלייניקייט, מע דארף שרייבן אפשר דריי שורות!
אלי זייוויל: עס איז אויך ניט פון די גוואלדן, איך וועל אייך אליין אָפּשרייבן אפילו צוויי ביליעטן צו פיר שורות.
אהרן לעמיל: איך וועל אייך זאָגן, צי איר מיינט אין אמת עס איז הפקר א וועלט? איר מאַכט זיך א געלעכטער? צוויי ביליעטן אָפּשרייבן; וואו איז אָבער דאָס געלט? בארעכנט אַליין, איר ווייסט דאָך, אז מע האָט שוין דעם ביליעט, קאָן זיך שוין ראָלן* אפילו אָן פערד; און חוץ דעם, וואו איז דאָס שלעסל פונם שיפליאָד?
יענטל די דינסט: שאַט נאָר, ר׳ אהרן לעמיל. איך וועל אַייך אויסזאָגן דעם אמת, נאָר איר זאָלט ניט זיין ברוגז.
אהרן לעמיל: אדרבה, הונדערט יאָר זאָלט איר לעבן, זאָגט מיר דעם אמת; פארקערט לאָמיר וויסן.
יענטל: איך בעט אַייך איבער. איך האָב אליין אראפּגענומען דאָס שלעסל, איך האָב פארשלאָסן דעם מחילה... קיין מענטשן פון דער גאס זאָלן אהין ניט גיין, נאָר אז איך האָב געעפנט דעם שיפליאָד, האָב איך גענומען א ביליעט. איך האָב געמיינט, אז עס איז עפּעס אזוי איין שטיקל פאפיר...

---

* פאָרן.

אזוינע שטיפעריען זיינען דאָ אַ סך אין ביכל, און מען וואונדערט זיך ניט, ווען מען לייענט עס, פאַרוואָס זיין פאַרפאַסער האָט ביי שלום־עליכמן, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונג בחורל, אזוי אויסגענומען.

איינינע שטעלן אין „ברוך שפטרני" דערמאָנען שפּראַכלעך און סטיליסטיש אָן שלום עליכמן. צום ביישפּיל, די כאַראַקטעריזירונג פון בערל נאָז: „זייער אַ פיין מענטשל, קורץ און גראָב, דאָס פּנים איז רויט ווי אַ צוויק. אַ נאָז, ווי אַ טראָמבע. אַ פּאָר גרויסע אויגן, ווי די קעלבערנע אייער. צוויי ציין ווי אַ וואָלפּצאָן שטעקן אים ארויס פון פאָרנט. צוויי הענטלעך ווי ביי אַ בער די לאַפּעס. פון איין אויג רינט אביסל. ביידע אויערן פאַר־שטעקט מיט וואַטע. אַ פּאָר צעקאָטשמעטע פּאות. אַ בערדעלע, ווי ביי אַ צאַפּ. אַ קיילעכ־דיקע היטל. אונטערן היטל אויפן קאָפּ, מחילה, אַ... די שטיוול נאָר־וואָס אויסגעשמירט מיט פרישן דאָיהט (דזשעגאכץ?). אויף דער באָרד ליגט עטלעכע ברעקלעך קעז פון דעם קניש. אויף די פּאות אביסל אָנגעשיט אזוי ווי גרייפּלעך..."

אַ חוץ דעם, איז דאָס ביכל פול מיט טביה דעם מילכיקנס פּסוקים:

„. . . באַדינגט זיך מיט מיר און גיט מיר אַ דערויף, איז עפר ואפר — איך שפּאָן שוין. אָבי איר זייט פאַרטיג, מידי תבקשנו — פאַר איך שוין."

„גלויבט מיר, אז איך בין אַלט געווען פינעף יאָר, האָב איך שוין אויסגעריסן דעם רבין די באָרד עד פרוטה אחת און האָב אים דוקא געלאָזט שטיין בגלוי עריות — דווקא אָן דער יארמולקע."

„אל תפל דבר כאשר שברתי — אַ מויל איז ניט קיין כאַליווע".

„כאשר אבדתי אבדתי — גערעדט איז גערעדט."

„טפוי, אזעלכע פאַרשוינען הללו כל צבאיו — הינט זאָלן מיט זיי האנדלען, ניט איך, ר' יונה שלו (רבונו של עולם)..."

צי זיינען באַקאַנט געווען שלום עליכמן אַלע דריי ביכלעך פון ר' ליב דעם שרייבער (חיים יאָסעלים) אָדער נאָר איינס אָדער צוויי פון זיי — ווייסן מיר ניט. עס איז אָבער קלאָר, אַז אַקוראַט ערב שלום־עליכמס באַווייזן זיך אין דער אידישער ליטעראַטור, האָבן אין דרום־רוסלאַנד צירקולירט מעשה־ביכלעך, וואָס זיינען געווען פול מיט נעמען, ווערט־לעך, המצאות, שפּילעריען, איינפאַלן, שקצישע שטיק און כלערליי אַנדערע עלעמענטן, וועלכע זיינען שפּעטער געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פון שלום עליכמס הומאָריסטישן שאַפן. און עס איז אויך קלאָר, אַז דער פאַרפאַסער פון די דאָזיקע ביכלעך, חיים יאָסעלים, איז מיט זיין שטייגער שרייבן געווען באַקאַנט שלום עליכמן.

נאָר צי דען איז חיים יאָסעלים געווען דאַן דער איינציגער שרייבער פון אָט דעם מין? זיינען ניט געווען אויך אַנדערע, וואָס האָבן מקדים געווען אונזער גרויסן הומאָ־ריסט מיט געוויסע עלעמענטן פון הומאָר?

עס זיינען געווים געווען אזעלכע, און צווישן זיי איז, פריער ווי אלץ, ווערט דערמאָנט צו ווערן דער אַנאָנימער פאַרפאַסער פון אַ פריילעכן ביכל, אין צוויי טייל, וואָס איז ארויס אין וואַרשע, 1881, אלזא, ארום יענער צייט, ווען שלום עליכם האָט זיך שוין געקליבן צו ווערן אַ שרייבער (ער האָט שוין דאַן געווען פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדענצן אין העברעאישע צייטונגען). דער נאָמען פון דעם ביכל איז: „הגדה פון יאקינא" („הובא לבית הדפוס ע"י ר' פייביל מאָלדאוועסקי מבארדיטשוב"). דער ארויסגעבער האָט געוואָלט שאַפן דעם איינדרוק ביי דעם עולם, אז עס איז אַ מוסר־ אָדער השכלה־ביכל, האָט ער געשריבן אויפן שער־בלאַט, אז „דערפון קאָן זיך יעדער איין מוסר ארויס נעמען, ווי מען זאָל זעען אלעס צו טוען קינדער צו לאָזען לערנען, מען זאָל ניכט אויף דער וועלט לעבן ווי אַ בהמה". אין דער אמתן אָבער איז עס ניט אזוי מוסר, ווי פּשוטער חוזק און שטיפעריי. עס ווערט דאָ אויפן לצנותדיקסטן אופן געוויזן די פאַרגרעבטקייט און עם הארצות פון די ישובניקעס. דער ישובניק איז פון תמיד אָן געווען אַ דאַנקבאַרער מאַטעריאַל פאַרן אידישן פאָלקס־וויץ, און א. מ. דיק האָט אַ גאַנצן ביכל אויף אָט דער טעמע מיטן נאָמען „דער ישובניק" (ווילנע, 1867) אָבער א. מ. דיק, ווי אויך זיין הויפּט מקור, דער פאָלקס־וויץ, איז ניט געגאַנגען אזוי ווייט אין פּאַראָדיע, שקאָצעריי און לצנות, ווי דער אנאָנימער מחבר פון דער „הגדה פון יעקינא".

אָדער אַזאַ מין געשפּרעך, וואָס קומט פאָר צווישן בערל נאָז, דעם בעל עגלה, און די סוחרים, זיינע פּאַסאַזשירן:

„די סוחרים (באַטראַכטן דאַס ביידל. עס איז פול מיט לעכער): וואָס איז דאָס עפּעס, ר' בעריל, אייער ביידל איז גאָר פול מיט לעכער?

בעריל: חס ושלום. די לעכער האָב איך אומיסטן געמאַכט. עס איז פון דער ניי אַזוי געמאַכט געוואָרן.

די סוחרים (מיט א געלעכטער): וואָס הייסט? נאָך וואָס טויג די לעכער אין בויד?

בעריל: העע, הע. פאַרשטייט איר, די לעכער האָב איך אומיסטן געמאַכט, בכדי עס זאָל זיין וויגאָדנע די פּאַרשוינען. יעדער ווייס זיך אין זיין פּרנסה. וואָס זאָל מען טאָן. מיר מוזען גיין וועזשליווע מיט די פּאַרשוינען. פאַרשטייט איר, זומער אַז די היצן ברענען, מוז זיין די לעכער, עס זאָל אריין א לופט, עס זאָל זיין קיל פאַר די פּאַרשוינען. און אז עס קומט ווינטער, אין די גרויסע פרעסט, גייט דער פּראָסט אַריין דורך איין לאָך און דורך דער אנדערער גייט ער אַרויס. חוץ דעם מאַכט זיך אַמאָל, אַז מען פּאָרט ביינאכט און עס פאָרן חסידים, פרומע יונגע לייט, און ווילן מחדש זיין די לבנה און איך האָב קיין צייט ניט זיך צו שטעלן, זיצן זיי אין בויד און דורך די לעכער זייענען זיי מחדש די לבנה. און אז עס קומט ר"ח אלול, אז עס פּאָרי פרומע יונגע לייט און ווילן בלאָזן שופר, שטעקן זיי ארויס דעם שופר דורך די לעכער און בלאָזן. פאַרשטייט איר, מיינע ליבע (למען שמיכם) ווי אזוי יעדער מענטש ווייס זיך טאַקע אין זיין פּרנסה."

אַן אַנדער בעל עגלה, אהרן ווײדל, טוט אָפּ גאָר אַ מאָדנעם שפּיצל צוויי פון זיינע פּאַסאַזשירען, פאַר וועלכע ער האָט שוין קיין פּלאַץ ניט געהאַט אין בויד און געמוזט אַוועקזעצן ערגעץ פון הינטן. ער גיט זיי „צוהאַלטן" (אויפן גאַנצן וועג!) אַן עמער מיט שמירעכץ... אָט ווי דער פאַרפאַסער באַשרייבט עס:

„... איציק: גיי זשע, אהרן, איך בעט דיך, באַוואָרן מיר די מאַזניצע. בינד זי גוט צו. וואָרום איך האָב ערשט גענומען אין איר פרישע סמאָלע

אהרן (נעמט די מאַזניצע און גייט גלייך צו די צוויי יונגע לייט וואס זיצן פון אונטן): נאַט אייך, זייט מוחל, האַלט אוויילע די מאַזניצע.

די יונגע לייט: וואס רעדט איר, מיר וועלן זיך נאָך אויסשמירן מיט סמאָלע.

אהרן: חס ושלום: נעמט זי אויף א רגע. איך וועל נאָר אויסזוכן א שטריקל, וועל איך זי צובינדן. וואָס דען, איך וועל אייך הייסן האַלטן אַ מאַזניצע א גאנץ וועג? ניין, ניין, חס ושלום.

די יונגע לייט מיינען אין אמת. אז ער וועט זי באלד צונעמען. זיי נעמען ביי אים די מאַזניצע און האלטן זי אין די הענט.

אהרן (טוט אַ ווינק צו איציקן): הייד, הייד הלך!

איציק טוט אַ שמייס די פערד. זיי האָבן קוים גערירט פונם אָרט. „הלך!" האָט אהרן א געשריי געטאָן און איז באלד אריין אין שענק.

די יונגע לייט שרייען: „ר' איציק נעמט די מאַזניצע, מיר וועלן זיך נאָך אויסשמירן אין סמאָלע."

איציק ענטפערט זיי: „האַלט, האַלט, איך וועל פאָרן פּאַמעלעך, וועט אייך ניט טרייסלען, און איר וועט טאַקע ניט אויסגיסן די סמאָלע."

די יונגע לייט האָבן זיך אזוי שוין טאַקע געמוזט האלטן מיט דער מאַזניצע..."

אויף אַ באַזונדער בלאַט אין אָנהויב ביכל איז אויסגעשריבן, אַזוי צו זאָגן, דער מאַרשרוט פון זאַרבעניץ קיין באַרישאָוו, און ער לייענט זיך אַזוי:

1. זאַרבעניצער קאַנטאָר. פאַרן ארויספאָר — לחיים!
2. סמאָליאַנקע. דאָרט גיסט מען אָן די מאַזניצע און — אביסל טאַקע אין מויל — לחיים!
3. סאָטיניאַקע. לעבן דער בריק א גוטע שטיק פיש — לחיים!
4. סאמיראַק. א גוטע פּאָר קנישעס פּארבייסן — לחיים!
5. קליין סדום. אַ גרויסער וואַקזאַל. לאַקשן מיט יויך, אז עס איז צעזעצט געוואָרן דער בויך (מיט אַביסל פּעפּער — לחיים. אדניאָוקע (אַן אָפּרו) אויף אַ פּאָר טעג.
6. יאַנקיטשעווסקע. א פּאָלסטאַניק. א טרוקענער לחיים.
7. ווערטיעווקע. דאַרט זיצט די אלמנה. פּשוט א מצוה — לחיים!
8. דענבאָווקע (א קליין וואַגזאַליכען). א שטיק פליש פּארבייסן — לחיים.
9. רישקאָוו. א טרוקענער לחיים.
10. סינגער. א פּאָלסטאַניק. א פּשוטער לחיים.

באַרישאָוו. דער גרויסער וואַקזאַל.

קטאָ קאַרטשמע מיניאיע, טאָט טשאַסטיע ני מאַיע."

פּעסעלע (הערט פון וויטנס און כאַפּט א טאָפּ און טראַסק אן דער ערד און שרייט): מזל טוב, מזל טוב! יאַקינאַ איז צו מזל א חתן געוואָרען מיט האַנעשען (און טרעפט אַ שטיק שאַרבן דער מאמען אין קאָפּ אריין).

חאשע (זאָגט): א שווארצן מאַרגן אויף אַייך מיט אַייערע תנאים שרייבן.

רענדאַר: נאַ, גיב מיר שוין פאָרט דאָס לוסע סידורל. די נאַכט שטייט ניט (יעקינאַ גרייכט צום גראגער און שלעפּט ארויס אן אלטן צוריסענעם טלית (ווער ווייס ווי לאנג דאָס ליגט דאָרט — און קומט אריין): טאַטע, דאָס איז די מהילה!

רענדאַר: וואָס האָסטו מיר עפּעס געברענגט פאַר אַ שלימזל? ווער ווייס ווער דאָס האָט ארייגעשטעלט? אודאי די כלב'טע די שכנערע, די טשערוואָניצע די קו די מילך אוועקצונעמען. כאַפּ און וואַרף עס אין פייער אריין. און זאָג: אלעם בייז צו איר קאָפּ."

אין אָט דעם נוסח (און אָפט נאָך מיט מער חוזק, פּאַראָדיע און קאַריקאטור) איז געשריבן דאָס גאַנצע ביכל. זיין פּארפאסער איז געווען קענטיק נישט קיין קלענערער קונדס, ווי דער סטאָלער מסאָקילען, דער מחבר פון „צווייטן אייזין באנד" און „ברוך שפטרני".

נאָר אויב זיי זיינען געווען מער קונדסים, ווי שרייבער, האָבן מיר אין דער עלטערער אידישער ליטעראטור אמתע — און זייער וויכטיקע — שריפטשטעלער, וואָס האָבן זיך פאַרגונען אמאָל א שפּיל צו טאָן און א שטיף צו טאָן, און צו זיי געהערט נישט קיין קלענערער, ווי דער זיידע, מענדעלי מוכר ספרים אליין. מענדעלים הומאָר (אפילו אין „קצור מסעות בנימין השלישי", דעם הומאָריסטישסטן פון אלע זיינע ווערק) איז אַן איינגעהאלטענער, א פארשטיקטער, א פארשלייערטער; מענדעלי האָט זיך נישט פארגונען די פריייקייט, די אָפנקייט און די „שקצישקייט" פון זיין שפּעטערדיקן אייניקל; אָבער מענדעלי איז דאָך געווען רייך אין הומאָר, ניט בלויז אין סאטירע, און ער איז זיכער געווען א רבי שלום עליכמס נישט נאָר בנוגע צום סטיל, צו די טעמעס און א סך אנדערע זאכן, נאָר אויך אין שייכות צו קאַטאָוועס, פּאַראָדיע און וואָרט־שטיפעריי. אָבער דאָס איז א קאַפּיטל פאַר זיך, און איך וועל אים דאָ דורכלאָזן, בפרט אז איך האָב שוין אמאָל געמאכט א שטיקל פּרוב (אמת, נאָר א פּרוב) פון א פאַרגלייך צווישן דעם „זיידן" און דעם „אייניקל" (זע „וועגן אידישע שרייבער" 1, ז. 94—97).

דאָ וויל איך אויפמערקזאַם מאכן דעם לעזער אויף אנדערע עלטערע יידישע שרייבער, אַחוץ מענדעלין, וועלכע האָבן אין דעם אָדער יענעם פּרט צוגעגרייט דעם באָדן, וואָס אויף אים האָט זיך שפּעטער צעוואקסן און צעבליט די ליכטיקע שאַפונג פון אונזער הומאָריסט.

איך וויל פריער דערמאָנען יענע שרייבער, וואָס מיר מעגן מאכן א זיכערע השערה, אז שלום־עליכם, ווען ער איז געווען נאָך יונג, האָט זיי געלייענט. דאָס זיינען: דר. שלמה עטינגער, אייזיק מאיר דיק, יצחק יואל לינעצקי און משה אהרן שאַצקעס. זייערע ווערק (אָדער א טייל פון זיי) האָבן זיך געפונען, לויט דער מיטטיילונג פון י. ד. בערקאָוויטש (דאָס שלום־עליכם בוך, ז. 166), „אין דעם ספרים־אַלמער פון זיין שווער לאָיעוו", און מען דאַרף רעכענען, אז ער האָט אין זיי אַריינגעקוקט. אגב, וועגן א. מ. דיקן האָט שלום־עליכם שפּעטער געשריבן און ער האָט זיך וועגן אים זייער וואַרעם אָפּגערופן: „די נאָוועלן פון ה' דיק וועלכע ער האָט אָנגעשריבן (ווי מע זאָגט) מער אלס 200 שטיק, טראָגן אויף זיך עפּעס א מין צויבערלעכקייט, אַ מין רייץ אַז זיי לעזן זיך מיט פארגעניגן און זייער לייכט אפילו ביים וואָלינער לעזער, דאָס הייסט, ביי דעם ניט־ליטווישן לעזער." („דער אידישער דלות אין די בעסטע ווערקע פון אונזערע פאָלקסשריפטשטעלער", ביילאַגע צום „יודישען פאָלקסבלאַט" נומ. 40, 1888). וועגן יצחק יואל לינעצקין און ספּעציעל וועגן זיין „פּוילישן אינגל" האָט שלום־עליכם געשריבן אין דערזעלביקער סעריע ארטיקלען אינם „יודישן פאָלקסבלאַט" (נומ. 42, 1888) און אז ער האָט שטאַרק געהאַלטן אמאָל פון לינעצקין זעט מען פון א רעצענזיע, וואָס ער האָט פארפאסט נאָך פריער, אין 1884, וועגן א ביכל פון מאַני דלוגאַטש (זע שלום־עליכם בוך, ז. 326), און „עס איז גאָר קיין ספק ניט, שרייבט י. ד. בערקאָוויטש, אז יצחק יואל לינעצקי איינער פון די ערשטע קאַריפייען אין דער יידישער בעלעטריסטיק, האָט געהאַט א געוויסע ווירקונג אויף שלום־עליכמען אין זיינע ערשטע ליטעראַרישע איבונגען." (דאָרט, ז. 179).

משה אהרן שאַצקעסן און זיין „אידישן פאַר פּסח" האָט ער אויך אָפּגעגעבן אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דער דערמאָנטער סעריע („יודישעס פאָלקסבלאַט", נומ. 44, 1888), און ער האָט אים, אזוי ווי לינעצקין, איינגעלאַדן מיטצואַרבעטן אין זיין „אידישער פאָלקסביבליאָטעק",

דער הויפטהעלד פון דער „הגדה“ איז י ע ק י נ א (יעקיניו), דעם ראנדארס בן יחיד, אָבער עס ווערט דאָ געמאכט חוכא וטלולא אויך פון די איבעריגע פּאַרשוינען: דעם ר אַ נ־ ד אַ ר , יעקיניוס טאַטע, ח אַ ש ע , זיין מאַמע, פּ ע ס ע ל ע , זיין שוועסטער, ג ב ר י א ל , זיין פעטער, דעם מלמד, דעם אורח, דעם הויפקנעכט סטאַק, דער „מלכה“ י ע פּ ק אַ , דעם מילנער ר אַ ספּ ע ר (דאָס זיינען די פּאַרשוינען פון דעם ערשטן טייל „הגדה“. אין דעם צווייטן טייל זיינען דאָ אנדערע פּאַרשוינען). און כדי דער לעזער זאָל האָבן א השגה פון דעם כאַראַקטער און דעם סטיל פון דעם דאָזיקן הלצה־ביכל, וועל איך ברענגען די ערשטע פּאָר זייטלעך, ווי זיי שטייען און גייען. איך וועל נאָר אויסשטעלן לייטישער דעם טעקסט, צוגעבען די נויטיקע אַפּשטעל־צייכנס און באַנוצן די היינטיקע אָרטאָגראַפיע. דאָס ביכל הייבט זיך אָן מיט דער באַשרייבונג פון דעם ראנדארס הכנות צום סדר און עס איז ביזן סוף געשריבן אין דער פאָרם פון געשפּרעכן:

רענדאַר (פרעגט): וואָס פאַר א שמונה עשרה דאַוונט מען היינט?

מלמד (זאָגט): סטויטש, יעלה ויבא, אונדזער יום טוב'דיגע שמונה עשרה, אתה בחרתנו.

רענדאַר: וואָס מאַכט מיך עפּעס דער ש... מלמד משוגע מיט אן אתה בחרתנו? דאָס האָבן נאָר די שטאָט־לייט ליב די קלאָפּערלאַך, דען זיי האָבן ניט וואָס צו זאָרגן. א דאָרפסמאַן, געבאָר, ער האָרעוועט, געבאַך, שווער און ביטער, אים גיב א מאַמעליגע מיט ברינזע, א קניש מיט קרויש און א שמונה עשרה ווי א גוי (די) גרויס. די קליינע משוגענע סידור'לאַך, די פּיצונקעלאַך, זיינען ביי מיר גאָרניט ווערט. לאָז דער אתה בחרתנו קומען אויף אנדערע הענט.

מלמד: נאַ, נאָ, לאָז זיין ווי דו זאָגסט: וואַרגט אייך מיט אים.

רענדאַר: פּעסעלע, בעט דאָס העסעבעט, איך זאָל ניט עובר מנחה זיין.

פּעסעלע: טאַטע, וויפיל איבערבעטן דאַרף מען צום העסעבעט?

רענדאַר (זאָגט): יעקינא, נאַ, זוך אַרויס דאָס לוסע (?) סידורל. איך דאַרף נאָכצוזוכן וויפיל איבערבעטן מען דאַרף. דאָס יאָר איז גרויס, פאַרגעסט מען, כ'לעבן.

יעקינא: טאַטע, מיט דעם לוסע סידורל איז די זויערע מילך צוגעדעקט. כ'לעבן, אן עבירה. די קאַץ וועט דערוויילע דאָס טעפּל אויפהויבן; דו קאָנסט גוט די לאָסוכע.

רענדאַר (זאָגט): נו, איך וועל דיר, מיין קינד, אן עצה געבן: גיי זוך אַרום די מהילה פון תשעה באב. אפשר וועט שוין דאָס יאָר משיח קומען, וועלען מיר שוין פאַרשפּאָרן יוצרות צו זאָגן? עס קער צו שטעקן אונטער דעם גראַגער לעבן דעם קוסט פּשענדעס. גיי און דעק צו די זויערע מילך מיט דער מהילה און ברענג אהער דאָס סידורל.

יעקינא: טאַטע, וואָס איז דער משיח — אויך אַ רענדאַר?

רענדאַר: פּיש! אויב ער איז אַ רענדאַר? אָבער נאָך פון די גרויסע רענדאַרעס, וואָס האַלטן גאַנצע דערפער מיט די מילכעדיגס. ער וועט קומען צו רייטען אויף א גרויסען קאַשטאַן און וועט טראַשקען מיט דעם ראַפּניק, ער וועט נאָר איין טראָמבע געבן מיט דעם שופר, וועלן אלע רענדאַרס ווערן פּאַמעשציקעס און די פּריצים וועלן ביי זיי הייצן אין הרובע. וואָסער טראַגן און מיר וועלן ביי זיי אַלצדינג אוועקנעמען.

יעקינא: טאַטע, איך האָב נאָך צייט איך לעב ניט געזען קיין שופר.

רענדאַר: מיין, זון, געדענקסט ניט? אויף די ראַשעשאַנקעס נעמט אַ איד אַ ביין אין פּיסק אַריין און טראַמפּעט.

יעקינא: טאַטע, אפשר אַזוי ווי אַ הויף פּאַסטוך האָט, וואָס ער טראַמפּעט צו וואַרמעס צו אויפרופן די פּי.

רענדאַר (זאָגט): יא, יאָ, אבער יענער איז פון איין צאָפּ.

יעקינא: טאַטע, כלעבן עס זאָל אמת זיין, אז מיר וועלען זיך אלעס צונעמען פון פּריצים, וויסטו, וואָס איך וועל מיר נעמען?

רענדאַר: ווייס איך? אפשר די שאַראַוואַרעס און די גלעקלאַך פון די בליאַנא לאַשיקלאַך.

יעקינא: ניין טאַטע, די שאַראַוואַרעס וועט זיך דער משיח אליין נעמען. איך האָב חשק צו האַנעשען דאָס עלטערע שוועסטערל צו נעמען פאַר א כלה.

רענדאַר: יא, אז מען וועט אויף איר א שאלה פרעגען. פאָר וואָס דען ניט? מיר דאַכט זיך, אז אויף איין פּריציש שיקסל דאַרף מען אפילו ניט קיין שאלה צו פרעגען, נאָר מען דאַרף זיך מתיר נדר צו זיין, איז שוין כשר. און עס איז אבער קיין מיוחס ניט? היינטיגע צייטן קוקט מען ניט אויף קיין יחוס.

יעקינא: יאָ, יאָ, טאַטע, זאָג מיר צו. שווער מיר ביי דער באָרד און ביי דער מאַמען. כ'לעבן, טאַקע וועל איך מיר שוין (מער) ניט באַפּ... און וועל באַגערן צו לערנען.

רענדאַר (נעמט זיך אָן ביי דער באָרד מיט דער רעכטער האַנט און האַשען מיט דער אַנדער האַנד און שווערט): ווי עס איז א באָרד מן השמים מיר זאָלן זוכה זיין אונזער אייניציקן בן יחיד מיט האַנעשען צו פּאַרקנסן. זאָג אמן.

דערמאָנען אַזעלכע ביכלעך זיינע, ווי „בליצענדע וויצן" (ווילנע, 1867) אדער „וויצן און שפּיצן" (ווילנע, 1873). אָבער נישט נאָר מיט אָט די וויצן האָט ער אויסגעטראָטן דעם וועג פאַר אַ מער פריילעכן און לייכטן סאָרט שרייבן. ער האָט שוין אין די פופציקער יאָרן פאַרעפנטלעכט דערציילונגען פול מיט הומאָר. צום ביישפּיל, „חייציקל אַליין" און „יעקעלע גאָלדשלעגער", און נאָך פריער האָט ער אויפגעשריבן אויף גמרא־לשון זיין וואונדערלעכע פּאַראָדיע מיטן נאָמען „מסכת עניות" (1848). אמת, ער האָט די דאָזיקע, ווי אַלע איבעריקע, ווערק זיינע באַזאַלצט מיט סאַטירע און פאַרפעפערט מיט אויפקלערונג, מיט מוסר; אָבער דאָס איז געווען נישט מער ווי צינז צו דעם גייסט פון דער השכלה־צייט. האָט דאָך שלום עליכם אַליין אין די ערשטע יאָרן געמוזט צאָלן אָט דעם השכלה־צינז; האָט ער דאָך אַליין נישט געוואגט אין אָנהייב ארויסצוגיין אָפן מיט זיין פרייען און פריילעכן געלעכטער. איז וואָס דער וואונדער, וואָס דיק, וועלכער האָט געהערט צו אַ פריערדיקן דור, האָט נישט געקאָנט זיך פאַרגינען צו לאָזן זיין קלוגן און קינדישן געלעכטער אָן קיין שום כונות? אָבער פון אונטער דעם — איצט שוין אָפּגעקילטן — אַש פון משכילישע כונות פינקלען ארויס פונקען פון — נאָך איצט לעבעדיקן — הומאָר. נאָר א. מ. דיקס הומאָר, ווי בכלל זיינע אויפטואונגען אין דער אידישער ליטעראַטור, מוזן אַרומגערעדט ווערן אויספירלעך, און איך וועל עס טאָן אין אַ באַזונדער אַרבעט.

דאָ וויל איך נאָך זאָגן, אַז די ווערק פון די דערמאָנטע השכלה־שרייבער זיינען נישט די איינציקע ווערק, וואו שלום־עליכם האָט געקאָנט זאַמלען בלומענזאַפט פאַר זיין הומאָר. עפּעס פון אָט דעם שטילן און זיסן זאַפט איז געווען אין די דראַמעס און דערציילונגען פון ישראל אַקסענפעלד, אין דעם ריב"לס „הפקר־וועלט", אין די קלוגע, איידעלע, ביז איצט נאָך ניט אָפּגעשאַצטע יידישע ווערק (אין פּראָזע און אין פערזן) פון אליעזר צבי הכהן צווייפל, אין די לידער פון וועלוול זבאַרזשער, מיכל גאָרדאָן און אברהם גאָלדפאַדען, אין א. ב. גאָטלאָבערס איבעראַרבעטונג פון יצחק ערטערס „גלגול" (אַ קאַפּיטל אין „הצופה לבית ישראל"*) — און דער, וואָס וועט שרייבן די געשיכטע פון דעם הומאָר אין דער יידישער ליטעראַטור פאַר שלום־עליכמן, וועט ביי די אַלע שריפטשטעלער געפינען געוויס אַסך מאַטעריאַל.

ער וועט זיך אָבער נישט קאָנען באַנוגענען בלויז מיט די פאָרשטייער פון דער יידישער ליטעראַטור. ער וועט מוזן גראָבן טיפער, און אַז ער וועט עס טאָן, וועט ער דערגיין ביז צו די אוצרות פון דער יידישער פאָלקסשאַפונג. דאָרט, אין די פאָלקסווערטלעך, וויצן און אַנעקדאָטן, אין די חדר־יינגלשע רעטענישן און המצאהס, אין די פורים־שפּילן און אין די פאַרשייטענע, מינדלעכע, פּאַראָדיעס ((אויף פסוקים, מאמרים, מנהגים) — דאָרט ערשט וועט ער דערשפּירן דעם אמתן קוואַל פון שלום־עליכמס לעבעדיקן און לוסטיקן שרייב־נוסח...

און אַז איך האָב דערמאָנט פּאַראָדיעס וויל איך גאָר באַזונדער אויפמערקזאַם מאַכן, צום סוף, דעם קומענדיקן שרייבער פון דער פאָרגעשיכטע פון שלום עליכמס הומאָר אויף דעם „ספר הקונדס". דער „ספר הקונדס" איז ניט די איינציקע און ניט די ערשטע פּאַראָדיע אין דער העברעאישער און יידישער ליטעראַטור (זע איזראַעל דייווידסאָנס: Parody in Jewish Literature, 1907, New York.), אָבער די דאָזיקע הומאָרפולע פּאַראָדיע אויפן „שלחן ערוך" איז גאָר באַזונדערס געוואגט און שטיפעריש. זי איז, אַ חוץ דעם, אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס זי איז, אין אַ געוויסן זינען, שוין אַ פּראָדוקט פון דער השכלה צייט. זי איז צום ערשטען מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן (אַנאָנים) אין ווילנע, אין 1824. די ווילנער קהלס־לייט האָבן ניט געקאָנט פאַרטראָגן די שקצעריי, האָבן זיי דעם ספרל פאַרברענט. בלויז איין עקזעמפּליאַר אָדער, ריכטיקער, אַ געשריבענע קאָפּיע פון אַ געדרוקטן עקזעמפּליאַר איז אָפּגעהיט געוואָרן אין דעם אַרכיוו פון דעם ווילנער ביבליאָגראַף הלל שטיינשניידער, און לויט אָט דער קאָפּיע איז דער „ספר הקונדס" אין 1914 איבערגעדרוקט געוואָרן אין „יעווריסקאַיאַ סטאַרינאַ"**). געשריבן איז דער „ספר הקונדס" אויפן רבנישן לשון מיט אַסך יידישע ווערטער אריינגעמישט, און דאָך

---

* אַ פּאָר פון אָט די ווערק, ווי, צום ביישפּיל, „די הפקר וועלט", זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן ערשט דאַן, ווען שלום עליכם איז שוין באַקאַנט געווען אין דער ליטעראַטור, אָבער אין האַנטשריפטלעכע קאָפּיעס זיינען זיי נאָך פריער פאַרשפּרייט געווען.

** לויט דייווידסאָן איז עס נאָך פריער איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַ באַזונדער ביכל.

שאַצקעס איז געווען מער סאַטיריקער ווי הומאָריסט, אָבער איינציקע טראָפּנס הומאָר זיינען פאַראַן סיי אין זיינע העברעאישע, סיי אין זיינע יידישע ווערק. איר פילט עפּעס פון שלום-עליכמען נישט נאָר אין דעם ברייטן, צעגאָסענעם פאָלקסדיאַלאָג (שאַצקעס האָט אַריינגעפירט אין דער יידישער ליטעראַטור דעם ל י ט ו ו י ש ן פאָלקגעשפּרעך, אַזוי־ווי ער שטייט און גייט. דאָס, וואָס לינעצקי, און דערהויפּט שלום-עליכם האָבן געטאָן מיט דעם ו ו אָ ל י נ ע ר פאָלקסטימלעכן שמועסן). עפּעס פון שלום-עליכמס שטייגער איז זיכער דאָ אויך אין אַזעלכע בילדער פון „אידישן פאַר פּסח", ווי: „דאָס ווייב שטייט ביים אויוון שוואַרץ ווי די סאַזשע. דער שלייער אָן אַ זייט. די סמאַהע אויף די ליפּן, די נאָז בעט זיך אויסשנייצן, נאָר עס איז ניטאָ קיין צייט, זי לייגט עס אָפּ צום סדר... קללה'ס ליגט ביי איר אין זאַפּאַס אונטער די ליפּן און נאָר וואָס זיי שיטן זיך ניט אויס... דעם מאַן האָט זיך געוואָלט אַביסל צו שמייכלען צו דער יפת תואר, מחמת ער האָט פּאָרט געוואָלט מאַכן אַ שמועס מכח קאַרטאָפל, און האָט געוווסט, אַז ער שפּילט דאָ מיטן לעבן. דאַרום האָט ער גענומען אַביסל וויין אין אַ כוס און איז צוגעגאַנגען צו דער פּרינצעסין מיט די ווערטער: „אַנו, פאַרזוך נאָר אַביסל וויין, דאָס גאָלע זיסער..." — „טשעפּע זיך אָפּ פון מיר! ס'איז מיר שוין, בה"ש, זים אָן דעם וויין! א. אַז. וו. א. אַז. וו."

אַ שטילער, קילער הומאָר פאַרגנבעט זיך דאָ און דאָרטן אויך אין די שורות פון שלמה עטינגער (אין „סערקעלע", אין די עפּיגראַמען און דערהויפּט אין די פאַבלען).

ביי לינצעקין זיינען די הומאָר־טראָפּנס פאַרביטערט, פאַרגאַלט, אָבער זיי זיינען דאָך פאַראַן, און מיר דוכט, אַז לינעצקי האָט געווירקט ניט בלויז אויף „די ערשטע סאַטיריש־פּובליציסטישע איבונגען" פון שלום עליכם (ווי עס זאָגט י. ד. בערקאָוויטש). עס איז מעגליך, אַז לינעצקי האָט איבערגעלאָזן שפּורן אויך אין געוויסע טיילן פון שלום עליכמס שפּעטערדיקן, ריין הומאָריסטישן, שאַפן.

לינעצקי איז געווען צו פאַרביסן, צו פאַרביטערט צו קאָנען שרייבן ריין־הומאָריסטיש, און מיט זיין אייביקער קריגערישקייט איז ער אין עצם געווען דער היפּוך פון שלום עליכמן, אָבער דער לעצטער האָט דאָך געקאָנט געפינען אין זיין שפּראַך און אין זיין גאַנצן שטייגער שרייבן אַ סך „שקצריי", אַ סך פריייקייט און שפּילעוודיגקייט.

נעמט, אַשטייגער, „די וויבאָרעס" פון י. י. לינעצקי (זשיטאָמיר, 1875). שלום עליכם ברענגט גראָד די דאָזיקע זאַך פאַר אַ ביישפּיל אין זיין פריער דערמאָנטער רעצענזיע אויף דלוגאַטשעס ביכל. לייענט דעם צעטל פון די פאַרשוינען: ר' שמעלקע באַשיינפּערלעך, פישקע מאָנקאַלעניק, חיים קערעבאַבעצע, משה בולבע, מיכל קעבעבע, איציע כרכשתא, שמערל דראַל, שמחה קאָקאָריזע, טודרוס מעשטיינסגעזאָגט, זאַוול וואַרעטענע, בערל מאַמעטליווע, מענדל עכברוש, שמחה געפּלאָכטענער, מיכאל קוואשע, קלמן פּזר, צדוק מהיכי תיתי, שפּרינצע כאַפּלאַפּ א. ד. ג. אין דעם גייסט און גוסט פון די דאָזיגע „פריילעכע" נעמען איז געשריבן (אין דראַמאַטישער פאָרם) די גאַנצע זאַך...

ביי לינצעקין האָט שלום עליכם דערהויפּט געקאָנט געפינען יענע נטיה צו איבערטרייבונג, פּאַראָדיע און קאַריקאַטור, וועלכע איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר סאַטיריקער און הומאָריסטן. אַ שטייגער, לינעצקיס באַשרייבונג פון די זעקס כלי־זמר אין דער „שענער קאַפּעליע", וואָס האָט געשפּילט אויף דער חתונה פון דעם פּוילישן אינגל: — „איינער מיט אַ פּויק פון אַ ווייקשעפּל מיט דריי העלצער. איינער מיט אַ פּאָר טאַצן פון צוויי געגלייזטע פּאָקרעשקעס. דער דריטער מיט אַ פידל פון אַ רובל מיט אַ קאַטשעלקע. דער פערטער מיט אַ העלדזל פון צעבראָכענער פלאַש פאַר אַ פליים. דער פינפטער האָט געקלאַפּט דעם זעקסטן מיט די פינגער אין פּלייצע אַריין"...

אָבער נאָך מער — און נאָך עכטערן און ריינערן — הומאָר האָט שלום עליכם געקאָנט געפינען און האָט מסתמא געפונען אין די ווערק פון אייזיך מאיר דיק.

א. מ. דיק איז בטבע געווען אַ הומאָריסט, ניט קיין סאַטיריקער, און אויב עס איז אין דער עלטערער אידישער ליטעראַטור געווען איינער, וואָס האָט באמת ליב געהאַט צו שמייכלען, צו לאַכן, צו פּראַווען המצאות, און צו זאָגן וויצן פון די וויצן ווענן, נישט נאָר אָפּצולאַכן — איז עס געווען דיק.

אַ לאַנגע צייט פאַר די ביכלעך מיט חכמהס פון מאָטקע חב"ד און שייקע פייפער האָט ער שוין געדרוקט זאַמלונגען פון כלערליי וויצן, איינפאַלן און המצאות. עס איז גענוג צו

ר ו ם. געדרוקט (אזוי ווי אויבן) שנת 1706. פאטער ניקלויס רעדאלפ׳ פרעדיגער אונ׳ דש הויך וורדיג אפאסטילשן פאלאסט מגיסטר.״

דאָס לעצטע ביכל הייסט:

„טיטול סאקרא קאנסולטא אדר הויך ווירדיג אונ׳ גנעדיגר הער געציא פאנענטע גנאד איבר איינה אין דר שטאט וויטאערבא, זוא סמוך לעיר רום גלעגן אונ׳ אונטר דעם פויפסט געהעריט, דען יהודים בשולדיגט, שקרים אודר שענדונג וועגן איינש ערדראסילט אודר ער הענגט זיין זאלינדין יונגין. פר צווייא ארמי יהודים בשמם זוא היישן גיאעלא דע קארע אונ׳ יוסף סאמון.

קיגין דעם פיסקוס אודר דיא אובריגקייט אונ׳ זיינס אן הענגרן.

דר טאהט אונ׳ רעכט אן גילאגן.

ר ו ם. גדרוקט אין דער אפאסטאלישן קאמיר דרוקרייא שנת 1706.

מיט ערלויבניש הויכר הערשאפט״.

אין סך־הכל האָט דאָס אינטערעסאַנטע ביכל 56 בלעטער, אכטל (3+20+21+12).

ביז איצט זיינען באַקאַנט פיר עקזעמפּליאַרן פֿון ״תשועת ישראל״, אַ חוץ צוויי פראַג־מענטן. די דאָזיקע עקזעמפּליאַרן געפֿינען זיך: 1) אין דער ברעסלויער שטאָט־ביבליאָטעק [1]; 2) אין בריטישן מוזיי [2]; 3) אין דער פֿראַנקפֿורטער שטאָט ביבליאָטעק [3] און 4) אין „היברו יוניאָן קאַלעדזש״ אין סינסינעטי.

די צוויי פֿראַגמענטן געפֿינען זיך אין דער „ראָזענטאַליאַנא״ (אַמסטערדאַמער אוניווער־סיטעט ביבליאָטעק) [4] און אין „יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר״ אין ניו יאָרק (שטאַמט פֿון אַלחנן אַדלערס קאָלעקציע).[5]

דער גאַנצער ספר ווערט אויספֿירלעך באַשריבן פֿון ב ע ר ל י נ ע ר ן [6] (געווען אין זיין באַזיץ; היינט אין פֿראַנקפֿורטער שטאָט־ביבליאָטעק) און פֿון א י ז י ד א ָ ר ל ע ב. [7]

ווען איז דערשינען „תשועת ישראל״ און ווער איז דער אַרויסגעבער און איבערזעצער?

ב ן ־ י ע ק ב נאָטירט אין זיין ביבליאָגראַפֿיע, [8] אַז „תשועת ישראל בבטול עלילת דם בל״א״ איז דערשינען אין פ י ו ר ד א, אָן אַ דאַטע (חש״ד).

צ ע ד נ ע ר גיט אָן דאָס יאָר 1740 מיט אַ פֿראַגע־צייכן. [9]

ש ט י י נ ש נ י י ד ע ר נעמט אויך אָן, אַז דאָס ביכל איז אַרויס אָן ערך אין יאָר 1740. [10]

ל ע װ ע נ ש ט י י ן האָט אָבער באַוויזן, אַז דער דרוקער פֿון „תשועת ישראל״ ה י ר ש און זיין זון ח י י ם האָבן געאַרבעט אין פֿיורדאָ אין די יאָרן 1742—1745, דעריבער דאַרף מען איבערדרוקן די דאַטע פֿון דרוק אויף יענע יאָרן. [11]

ווער איז דער איבערזעצער, דאָס ווייסן מיר פֿון ערשטן שער־בלאַט. זיין נאָמען איז חיים און ער שטאַמט „מגזע לובלין״, אַלזאָ, אַ פּוילישער ייד. פֿון זיין הקדמה דערוויסן מיר זיך אַביסל מער איינצלהייטן וועגן אים. ער איז געווען זיין גאַנץ לעבן („כל ימי״) אַ גרויסער סוחר. דער ענין פֿון עלילת־דם אינטערעסירט אים זייער בלוטיק, ווייל ער איז אַ „גואל הדם מן הקדושים בק״ק צוזמיר דען צווישן דיא קדושים איז געוועזן מיין פעטיר המפורסום הקצין מוהר״ר וואלף פ״ו דק״ק הנ״ל.״

איבער דעם צוזמירער עלילת־דם וועלן מיר ריידן שפּעטער. איצט איז וויכטיק פֿעסט־צושטעלן אַז דער אַרויסגעבער און אפֿשר אויך דער איבערזעצער פֿון די דריי איטאַליענישע דאָקומענטן קעגן עלילת־דם איז ספּעציעל געפֿאָרן קיין רוים און איז „הלבן נע ונד במדינת אחרים״ געוועזן כדי צו באַקומען די דאָזיקע שריפֿטן. ער באַרופֿט זיך אויף יידן, וועלכע האָבן מיט אים געהאַנדלט, וואָס קאָנען באַשטעטיקן, אַז אַלץ וואָס ער זאָגט איז אמת. ער איז געווען אין רוים און האָט די ביכלאך אויפֿגעזוכט און האָט זיי „מיט גרויזאמי מיא אונ׳ קאשטן אין „טייטשין געברויכט״.

אַלע אַנדערע ענינים וועלן דעם לעזער קלאָר ווערן, ווען ער וועט איבערלייענען די גאַנצע הקדמה זיינע, וועלכע ווערט דאָ איבערגעדרוקט. איצט איז וויכטיק פֿעסטצושטעלן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן אינטערעסאַנטן פּוילישן יידן, אַ סוחר און אַן ענערגישער כלל־טוער, וועלכער האָט באַקומען דאָס, וואָס אַנדערע שליחים פֿון פּוילן פֿאַר אים האָט זיך נישט איינגעגעבן. ער האָט זיך באַזאָרגט מיט חתימות פֿון פֿאַרשיידענע רבנים אין איטאַליע און דייטשלאַנד, וועלכע זאָלן באַשטעטיקן זיינע גרויסע אָנשטרענגונגען אין דעם פּרט.

איז אין אַ געוויסן זינען דאָס ש ל ו ם - ע ל י כ מ ד י ק ס ט ע פון אַלע הומאָריסטישע יידישע ווערק פ א ר שלום-עליכמען.

עס איז געשריבן געוואָרן פון אַ קונדס און עס איז, אין תוך גענומען, ד ע ר ש ו ל ח ן ע ר ו ך פ ו ן ק ו נ ד ס ע ר י י. „נאָך הונדערטער יאָרן", וועל איך זיך דערלויבן צו ציטירן, וואָס איך האָב געשריבן, ווען דער„ספר הקונדס" איז איבערגעדרוקט געוואָרן — „נאָך הונדערטער יאָרן פּלפּול און חריפות ווייזט זיך הומאָר אין דער ליטעראַטור. דורך שווערע, פינסטערע וואָלקנס פון ערנסטקייט ברעכט זיך דורך אַ לוסטיקער זונענשטראַל. עס גיבן זיך אַ גלייך-אויס אויף אַ מינוט די קנייטשן פון שטערן. די שטרענגע באַפעלנדיקע אותיות מרובעות הויבן אָן צו שמייכלען... דער קונדס ווערט אַ פּאַרפּאַסער!" („דאָס לעבן", נומ. 39, וואַרשע, 1914). און דער אַלגעמיינער איינדרוק פון דעם טשיקאַוון „ספר הקונדס" איז געווען ביי מיר, אַז אין דער אַלטער פאָרם (פון שולחן ערוך) איז אַריינגעגאָסן געוואָרן אַ נייער אינהאַלט. די פאָרם, וואָס אין משך פון הונדערטער יאָרן האָט זי געדינט נאָר פאַר הייליקע צוועקן, אויב מען זאָל ניט רעכענען אַזעלכע פּאַראָדיעס ווי „מסכת פּורים" און אַנדערע, איז געוואָרן אַן אויסדרוק פאַר דעם וועלטלעכן, עולם-הזהדיקן, אַרטיסטישן געמיט פון ק ו נ ד ס... עס איז געווען אַן אָנזאָג, אַביסל אַ צופעלי געקומענער, אָבער — דאָך אַן אָנזאָג אויף שלום-עליכמען...

דר. יעקב שאַצקי:

אַ יידיש ביכל קעגן עלילת-דם פון דער ערשטער העלפט פונם אַכצנטן יאָרהונדערט.

1.

אין דער ביבליאָטעק פון „היברו יוניאָן קאַלעדזש", אין ס י נ ס י נ ע ט י, געפינט זיך אַ זעלטן יידיש ביכל וועגן עלילת-דם. דער פולער (ערשטער) שער-בלאַט פון דעם ביכל לייענט זיך אַזוי:

„ס' **תשועת ישראל** הובא לבית הדפוס ע"י מוהר"ר חיים מגזע אלשיך ה"ה מלובלין. לזכות כלל ישראל הועתק מכתב ולשון שלאיטליע ולטיין שנדפס מקדמת דנא ברומא הבירה ברשות וברשיון האדון הפופס יר"ה ותוכן הענין לבטל הבילבולים ולסתום את פ' המקטריגים בענין זה מן פופס יר"ה כאשר עניכם תחזנה במשרים החתימה של אינקווערטאר" Cum unicentie Serenissime.

נדפס בפיורדא ע"י המחוקק כהר"ר הירש ובנו הר"ר חיים מפירדא [אָן אַ דרוק-יאָר].

דאָס ביכל באַשטייט פון דריי באַזונדערע טיילן, יעדע טייל האָט אַן אייגענעם שער-בלאַט. נאָך דעם ערשטן אַלגעמיינעם שער-בלאַט פאָלגן צוויי הקדמות: איינע אַ העברייאישע, (אַ קלענערע) און די צווייטע אַ יידישע (אַ גרעסערע). זיי פאַרנעמען פינף נישט נומערירטע זייטלעך. די דריי טיילן פון דעם ביכל זיינען אויך נישט פּאַגינירט. דאָס ערשטע ביכעלע פאַרנעמט 12 בלעטער, דאָס צווייטע — 21 בלעטער, און דאָס דריטע — 20 בלעטער, 8°.

אויף דעם שער-בלאַט פון דעם ערשטן ביכל געפינט זיך פאָלגנדיקער אויפשריפט:

„אָן דיא הוכי ק ו נ ס ו ל ט א דעם הויך ווירדיגשט אונ' גנעדיגן הערן ה ע צ צ י פ א נ ע נ ט ע דורך דיא אונ' פערשטעט דר יהודים אדדיציאנאל מעמאָריאל מיט אנדרן איבר געבן דעם כ"ו זעפּטעמבר שנת 1705.

ר ו ם. אין דער הויך ווירדיגשטן אפּאסטאלישן קאמר דרוקירייא שנת 1706 מיט ערלויב-נים מהנ"ל."

דער צווייטער שער-בלאַט טראָגט פאָלגנדיקן אויפשריפט:

„אָן דיא הויכי ק ו נ ס ו ל ט א דעם הויך ווירדיגשט אונ' גנעדיגן ה ע ר ן ה ע צ צ י פ א נ ע נ ט ע אין פר ליימדונג איבר איינה ערדראסלונג זוא אין דער שטאט פּיטערבא פר גאנגען זיין זאל' פר גיאעלא דע קארע אונ' יוסף סאמען יודן קורציר בגריף.

וועלכן מען האָט געפּייניקט, ווייל ביי אים אויפן הויף האָט מען געפונען א טויטן ממזר, וועלכן אן אומבאקאנטע פרוי האָט אונטערגעוואָרפן. קיין אויספירלעכע ידיעות וועגן די קדושים פאַרמאָגן מיר נישט. צי איז ר׳ וואָלף, דער פעטער פון אונזער ר׳ חיים אלשיך א דירעקטער צי אן אומדירעקטער קרבן פון דעם עלילת דם, איז אונז נישט באקאנט. מיר ווייסן, אז איינער פון די קדושים פון דעם עלילת דם פון 1698 אלכסנדר מצוזמיר איז געשטאָרבן גאָר אין לובלין.[17] איינס איז קלאָר, אז ר׳ וואָלף איז א קרבן פון דעם צווייטן עלילת דם פון יאָר 1710, ווייל ר׳ חיים דערמאָנט אין זיין הקדמה, אז וועגן דעם גרויסן נס וואָס איז געשען, „וויים די גנצי מדינה פולין״. דאָס מיינט ער מסתמא דאָס אפּשטעלן פון דער גירוש־גזירה, וועלכע איז געהאנגען איבער די קעפּ פון די צוזמירער יידן.

דאָס איז דער פּערזענלעכער הינטערגרונט פון ר׳ חיימס שטרעבונג ארויסצוגעבן די אפּאלאָגיע קעגן עלילת־דם.

עס איז אָבער געווען נאָך אַן אַנדערע סיבה, וואָס איז אים פּערזענלעך נישט נוגע געווען — האָט אָבער אָנגערירט דאָס גאנצע פּוילישע יידנטום. דאָס איז די בארימטע, שוידערלאכע עלילת דם טראגעדיע, וועלכע האָט זיך אפּגעשפּילט אין פּאָזן און האָט געדויערט פיר יאָר, פון 1736 ביז 1740. דער דאָזיקער פּראָצעס האָט ארויסגערופן אן אינטערעס אין גאנץ אייראָפּע. עס זיינען אין אים געווען אריינגעמישט די אנגעזעענסטע פּערזענלאכקייטן פון דער פּויזנער קהילה. דער דרשן אריה־ליב, וועלכער האָט געשטאַמט פון דער איטאַליענישער משפחה קאלאהארא, איז געווען דער ערשטער קרבן. א חוץ דעם זיינען געווען באשולדיקט דער פּרנס הקהילה, א שמש און א שניידער. די פּאָזנער קהילה, זייענדיק נעענטער צו מערב־אייראָפּע, האָט געשטורעמט וועלטן. די יידן האָבן אפּעלירט צום פּויפּסטלעכן דעלעגאט (נונציוס) אין דרעזדן, מאָנסיאָרע פּאלוצי. אין ווין האָט זיך אָפּגערופן דער משומד אלאייזיוס דע זאנענפעלס און האָט געשוווירן, אז יידן באנוצן נישט קיין קריסטלעך בלוט. דער יידישער באַנקיר ווערטהיימער, אין ווין, וועלכער איז געשטאַנען אין פינאנציעלע פארבינדונגען מיט דער סאקסישער דינאַסטיע, האָט זיך אויך משתדל געווען לטובת די יידן. דער סוף איז געווען, אז מ׳האָט די פּאָזנער יידן פריי־געשפּראָכן. פון די פּייניגונגען איז אבער געשטאָרבן אין תפיסה דער פּרנס הקהילה. דעם דרשן ר׳ אריה ליב האָט מען געבראכט א פארבלוטיקטן אהיים און אין א פּאָר טעג ארום איז ער אויך געשטאָרבן (דעם 22טן נאָוועמבער, 1736).[16]

דער דאָזיקער פּראָצעס, וועלכער האָט ארויסגערופן א גרויסן אינטערעס אין דער דאַמאָלסדיקער יידישער און קריסטלעכער אייראָפּע און האָט אפילו פאַרינטערעסירט די פּויפּסט־לעכע ספערן אין רוים — קומט פאָר אין דער צייט ווען ר׳ חיים האָט געקענט זיין אין וועג זוכנדיק די דאָקומענטן פון דעם פּראָצעס אין וויטערבא. מסתמא האָט מען שוין דאמאָלסט געוואוסט, אז דער רוימישער רב, קארקוס, האָט ארויסגעגעבן זיינע מעמאָ־ראנדומס וועגן דער וויטערבאָרן בלוט־בלבול־פּראָצעס, און דער גליקלעכער סוף פון יענעם פּראָצעס האָט אים באַוואויגן די דאָזיקע דאָקומענטן ארויסגעבן פריער אין יידיש, כדי שפּעטער קאָנען זיי אויך ארויסגעבן אין אנדערע לשונות.

די דריי בראָשורן, וועלכע זיינען אריין אין דעם בוך „תשועת ישראל״ באַרירן דעם בלוט־בלבול פון יאָר 1706 אין איטאַליע.

מיר וועלן זיך אין קורצן אויף זיי אָפּשטעלן.

3.

אין א קליין איטאַליעניש שטעטל וויטערבאָ האָט מען געפונען א דערשטיקט קריסטלעך קינד. דאָס איז געווען אין יאָר 1705. מען האָט ארעסטירט פינף יידן, זיי שרעקלעך געפּייניקט און געצוואונגען זיך מודה זיין אין דעם „פארברעכן״. נאָך א פּאָר חדשים האָט זיך ארויסגעוויזן אז זיי זיינען אומשולדיק און מען האָט זיי באפרייט.[19]

דער ארעסט און די באשולדיקונג האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע אויפרעגונג אין די יידישע קרייזן פון רוים. פאר דער באפרייאונג פון די צוויי הויפּט באשולדיקטע, יוסף סאמון

ר׳ חיים „מגזע אלשיך״ האָט אויך געהאט בדעה אָפּצודרוקען דאָס ספר „אויף אנדרי לשונות״, דאָס מיינט, אז ער האָט אפשר געהאט בדעה דאָס דאָזיקע ווערקל ארויסגעבן אויף פויליש, כדי די „שליאכטע״ זאָל זיך איבערצייגן, אז די בלוט־באַשולדיקונג איז א גרונדלאָזע, ווי עס באַשטעטיקן די דאָזיקע דאָקומענטן.

מער ידיעות וועגן דעם חיים „מגזע אלשיך״ פאַרמאָגן מיר נישט. אין דער רשימה פון לובלינער רבנים און תלמידי חכמים ווערט זיין נאָמען נישט דערמאָנט. צי שטאַמט ער פון דעם באַרימטן ר׳ משה בן חיים אלשיך פון צפת, דעם מחבר פון פּירוש צום חומש, וועלכער האָט געלעבט אין 16טן יאָרהונדערט — איז אויך נישט באַקאַנט.

ווייזט אויס, אז אויסער דעם יחוס מיט א פעטער א קדוש פון צוזמיר און מיט זיין גוטער כונה ארויסצוגעבן די דאָזיקע אָפּאָלאָגעטישע שריפטן אויף יידיש, האָט ער זיך נישט געהאט מיט וואָס אויסצוצייכענען; דערפאַר שווייגן וועגן אים אלע ענציקלאָפּעדיעס און ביאָגראַפישע לעקסיקאָנען; דערפאַר ווערט ער און זיין „גזע״ נישט דערמאָנט אפילו אין דער געשיכטע פון די יידן אין לובלין.[12]

2.

אין זכות פון זיין פעטער, א קרבן פון א בלוט באַשולדיקונג אין צוזמיר האָט ר׳ חיים באַשלאָסן ארויסצוגעבן די דאָזיקע וויכטיקע דאָקומענטן קעגן דעם בלבול, וועלכע האָבן געהאט א שייכות מיט א געוואונענעם פּראָצעס אין א קליין איטאַליעניש שטאָט ווי־טערבאָ.

צוזמיר, אָדער אויף פויליש סאַנדאָמיערז, האָט געהאט א סך אויסצושטיין פון בלוט־בלבולים. אין יאָר 1698 האָט מען דאָרט באַשולדיקט די יידן אין הרגענען א פּאָר קריסטלעכע קינדער. מיט וואָס האָט זיך דאַמאָלסט דער פּראָצעס געענדיקט, — און צי איז בכלל געקומען צו א פּראָצעס — דעריבער שווייגן די קוועלן. א גרויסן רושם האָט אבער געמאכט דער צווייטער בלוט־בלבול און דער פּראָצעס פון יאָר 1710.[13]

דעם 18טן אויגוסט, 1710, איז אין צוזמיר פאַרפאַלן געוואָרן א קריסטלעך קינד. די קריסטלעכע בירגער וועלכע האָבן זיך שוין פון לאַנג משתדל געווען ביים קיניג, אז מען זאָל ארויסטרייבן די יידישע סוחרים פון שטאָט, האָבן אינסצענירט א פּראָצעס מיט א פּאָגראָם. זיי האָבן געפונען א גוטן אנרייצער אין דער פּערזאָן פון גלח זשוכאָווסקי, וועלכער האָט אפילו ארויסגעגעבן אן אינטערעסאַנט אנטיסעמיטיש ביכל וועגן דעם בלומרשטן מאָרד פון יאָר 1698.[14]

זשוכאָווסקי האָט אָנגעפירט מיט דער גאַנצער אקציע. ער האָט ספּעציעל ארויפגעבראַכט א משומד מיטן נאָמען יאַן סעראַפּימאָוויטש, וועלכער האָט זיך אָנגעגעבן פאַר א געוועזענעם רב פון בריסק. דער דאָזיקער סעראַפּימאָוויטש איז געקומען צופאָרן קיין צוזמיר אלס אן עקספּערט. אויפן פּראָצעס האָט ער גערעדט פשוט אידיש, ווייל ער האָט קיין אנדער שפּראַך נישט געקאָנט. א צווייטער משומד טאַזשעווסקי האָט באַשטעטיקט, אז דער בלומרשטער רב, סעראַפּימאָוויטש, פאַרשטייט נישט קיין העברייאיש, קיין לאַטיין און קיין פויליש האָט ער אויך נישט געקאָנט. שטיצנדיק זיך אויף סעראַפּימאָוויטשעס עקספּערטיזע האָט דער גלח זשוכאָווסקי געווירקט אויף דעם קיניג אויגוסט דעם 2טן, אז מען זאָל אָנערקענען די יידן פאַר שולדיק און ארויסטרייבן זיי פון צוזמיר. דאָס איז געווען אייגנטלעך דער צוועק פון פּראָצעס און ער האָט אים טיילוויז דערגרייכט.[15]

דעם 28טן אפּריל, 1712, האָט דער קיניג ארויסגעגעבן א דעקרעט אין וועלכן, באַרופנדיק זיך אויף דעם אויטאָריטעט פון גלח זשוכאָווסקי, האָט ער צוגעשטימט, אז די יידן זיינען שולדיק אין הרגענען קריסטלעכע קינדער און אין אויסווייזן א שטענדיקע שנאה צו די קריסטן און האָט זיי באַפוילן פאַרלאָזן די שטאָט „אויף אייביק״. די יידן האָט זיך אבער איינגעגעבן די גזירה אָפּצושאַפן — מסתמא מיט דער הילף פון געלט — און זיי זיינען פאַר־בליבן אין צוזמיר.[16]

בשעת דעם פּאָגראָם זיינען געהרגעט געוואָרן א פּאָר יידן און די יידישע גאַס איז פּאָגראָמירט געוואָרן. א חוץ דעם איז געפאַלן אלס א קרבן דער ראש הקהילה, אַהרן בער,

הקדמה צום ספר „תשועת ישראל".

„דיזון ספר תשועת ישראל האָב איך מיך במיהט צו בקומן אין רום, וועלכש גדרוקט איזט ווארדן אין רום מיט רשות האדון פופס יר"ה.[24] אבר זעלביג איזט גדרוקט געוועזן אויף איטליענש אונ' לשון לטיין, וועלכער אין דיזע מדינות וויניג לייט גיבט אלז זאלכש לשון פר שטין.[25] אלז דען האב איך מיט גרויזאמי מיא אונ' קאשטן[26] פון דיזה לשונות אין טייטשין גברויכט אונ' דען אין האלט ווירט יעדר מעניש קענן זעהן, ווען ער אלי דרייא ביכר דורך לייאנט. דען זיא בציהן זיך איינש אויף דז אנדרי: צו שטאפין די מיילר וועלכי דורך פיינט שאפט אונ' בילבולים אוני נאָך זאגן אלז מיר חלילה זאלטן מוזן דם מהנוצרים האבן. וויא וואהל אלז זעלביג שוין בקאנט איזט בייא גרוזי הערן הש"י[27] יאריך ימיהם אלז נאר לויטר בילבולים זיין וויא הער פראָפעסר וואגן זייל[28] אונ' אנדרי גרוזי פראפעסאריות שוין פיל דא פון גשריבן האבן, אלז לויטר בילבולים זיין, הב דאך דאש אין דר דרוק גבראכט דענן גמיינן לייטן צו בווייזן מיט זאלכן בווייז וויא דורך דען הערן אדפיגאטין[29] אונ' אנגעלא פארעליא נאטריוס. אך פון דען הערן אנגעלא קאמעא מעדיקוס פיסקוס אונ' מוהל מן היהודים ברום.[30]

נון איזט דאך ווישיגליך[31] וואז אונזרי חכמים גשריבן הבן (כל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא).[32] נון וויא פיל חסידים אונ' גרושי גאונים הבן רחמנא ליצלן איבר דען שקר בילבול איר לעבן מוזן אויף געבן אונ' הבן נעביך שוועהרי אונ' ביטרי יסורים גליטן. דעם אין הלט פון דיא דרייא ספרים וויל איך דאך בקיצור שרייבן. דז אייני איזט פון דען מעשה מיט דען יונג וואז דא איזט גשעהן אין וויטא ערבא.[33] דז אנדרי איזט דאש ממריאל וואז האט גמאכט אין דר זאך דר אדפיקאט אנדרע אלבערטא. דר זעלביגי וואר איין גרויזר חסיד (מאומות העולם) אונ' דער זעלביג האט זיך אן גינומן, ווייל ער דעם אויז גדראכטן שקר בילבול האָט נימר קענן צו הערן אונ' דר אדפיקאט איז איין גרויזר בקי געוועזן זא וואהל אין אונזרי ספרים אלז אין איהרי ספרים. זא האט ער אלז בוויזן אין אונזרי ספרים אלז חלילה קיין גדאנקן[34] איין יהודי זאלט הבן גינן איין נוצרי זאלכי זאכן צו טאהן אפילו נאָר מרמאי צו זיין איזט אסור ומכל שכן חלילה איין רציחה צו טאהן. דאז דריטי ספר האט גמאכט דער חכם הרב המאור הגדול מוהר"ר מנח קארקוס אב"ד ור"מ דק"ק רומא הבירה[35] אונ' אויף דיא דריי ספרים איזט רשות געבן פון אינקווערטאר מאדון פופס יר"ה מיט אלי הערן פון טרובינאל[36] פון רום אלז ארלויבט[37] איזט צו דרוקן נאָך איין מאהל זייא אין רום אדר אין אנדרי לענטר.

דרום ביט איך מיר צו העלפן אלש איך דיזוז ספר אויף אנדרי לשונות אך דרוקן קאן.

וויא איך שריפטליך הב פון רבנים ממדינת איטליא אונ' רבנים ממדינת אשכנז זיין מקיים איהרי חתימות אלז איך גרויזי מיהא האב מיט גהאט ביז איך זאלכש בקומן הב. דען זיין אנשים חשובים מדינת פולין גשיקט ווארדן לרום זאלכש ספר צו בקומן הבן אביר ניקשן אויז גריכט.[38] זא הב זאלכש אלז פון מיין געלט הוצאת גהאט אלז בין דערינט הלבן נע ונד במדינת אחרים וועלכש אנשים המכירים אותי ווערדן זאגן, אלז איך כל ימי בין איין גרויזר סוחר גוועזן. אך[39] בין איך דער גואל הדם מן הקדושים בק"ק צוזמיר דען צווישן דיא קדושים איז געוועזן מיין פעטיר המפורסים (!) הקצין מוהר"ר וואלף פ"ו[40] דק"ק הנ"ל. דער האט זיך צום ערשטן לאזן אום דאז חיות ברענגן [אונ'] דאש גרוזי נס וואש ען גשעהן איזט זעלביג ווייס די גנצי מדינה פולין.[41]

אלז זען[42] אירה ליבה לייט וואז איך האב גטאהן וועגן כלל ישראל זאלט איהר מיר גדענקן אונ' זאלכש ספר אום טייער געלט צו קאפן. אונ' זאָלט ניט מיינן איהר טעט מיר עטוואז דראן שענגן. אונ' זאלט בדאכט דרויז לייאנן אונ' ניט איין זעהן[43] אונ' דער נאָך אן דער וואנט צו הענגן. בזכות זה ווערדן מיר זוכה זיין אלז ווייטר גרוזי הערן ווערן איבער אוני הלטן אונ' ווייטר פון זעלכי בלבולים בפרייאט זיין עד ביאת משיחינו במהרה אָמן."

און ג י א י ע ל א ד י ק אָ ר ע האָט א סך אויפגעטאָן דער דאַמאָלסטדיקער רוימישער רב, ד ר. ח ז ק י ה ו מ נ ח ב ן י צ ח ק ק א ר ק ו ס (Tranquillo Vita Corcus)

קארקוס, אָדער קורקוס, איז געווען אַן אָנגעזענער מיטגליד פון דער רוימישער קהלה. אין יאָר 1692 ווערט ער א מיטגליד פון דער קהילה, אין יאָר 1702 — איר סעקרעטאר און רב. קארקוס איז געשטאָרבן אין יאָר 1730.[20]

דר. קארקוס האָט אָנגעשריבן עלף שריפטן איבער פארשיידענע אידישע, אקטועלע אנגעלעגנהייטן. ספּעציעל וועגן דעם עלילת־דם בלבול אין וויטערבא האָט ער אָנגעשריבן צוויי מעמאָראנדומס באשטימט פארן מאָנסיניארע ג ע צ צ י (Ghezzi) דעם רעפערענט פאר יידישע ענינים ביים פּויפּסטלעכן הויף. אין דעם ערשטן מעמאָראנדום (1705, 6 בל.) ווערט באוויזן אויפן סמך פון היסטאָרישע פאקטן, אז די הערשער און די פּויפּסטן האָבן אַלעמאָל באשיצט די יידן קעגן די דאָזיקע בלבולים. עס ווערט באוויזן, אז די ביבל און די תלמודישע ליטעראטור גיט קיין שום גרונט נישט צו באשולדיקן די יידן אין אזא בארבארישן מנהג.

אין א ביילעגענ „סומאריום דאש איז דער קורצי פּראָצעס" (1706, 4 בל.) ווערט איבער־געגעבן א רייע דאָקומענטן און בריוו פון גלחים, קיסרים און א פּסק־דין פון ווענעציאַנער סענאט קעגן דעם בלוט־בלבול. דאַן פאָלגט אַן אויסצוג פון „מורה נבוכים" און דער דעקרעט פון דעם סענאט אין ווענעדיק פון 8טן אפּריל, 1705, וועלכער מאכט א סוף פון די אויפרייצנדע סצענעס, ווי: בילדער וועלכע שטעלן פאָר ווי יידן צאַפּן בלוט פון א קריסטלעכן קינד און אז. וו.

דער צווייטער מעמאָראנדום פון דעם רוימשן רב און דאָקטער (דאטירט דעם 26טן סעפּט., 1705, 8 בל.) באריגט די זעלבע פראגע מיט נייע מאטעריאַלן און באווייזן.[21]

ר' ח י י ם א ל ש י ך האָט אויסגעקליבן דעם מעמאָראנדום פון 1705 און די ביילאַגעס פון 26טן סעפּטעמבער, 1705 פון קארקוסן און זיי איבערזעצט אָדער ארויסגעגעבן. א חוץ דעם האָט ער ארויסגעגעבן צוויי אַנדערע פארטיידיקונגס שריפטן, וועלכע עס האָט פארפאסט דער אדוואָקאט א נ ד ר ע א ל ב ע ר ט א (Andreas Albertus). לויט זיין הקדמה קומט אויס, אז דעם רב קארקוסעס שריפט איז די דריטע, בעת וועט אין דער אמתן, איז גאָר די ערשטע, פארפאסט פון אים.

איז ער דער איבערזעצער, צי נאָר דער ארויסגעבער? ווען מען וואָלט געוואָלט אורטיילן לויט דער זאַפטיקער יידישער שפּראַך פון זיין הקדמה און דעם טרוקענעם דייטשישן סטיל פון די דריי ביכלאַך, דאַמאָלט איז קלאָר, אז נישט ער איז דער איבערזעצער, נאָר דער ארויסגעבער. ש ט י י נ ש נ י י ד ע ר מיינט אויך, אז ר' חיים אלשיך איז נאָר דער ארויס־געבער.[22] נאָר דער פארגלייך פון דער שפּראַך פון די דריי בראָשורן מיט ט ע נ צ ע ל ס דייטשישן טעקסט, וואָלט געקאָנט פעסטשטעלן די פראגע.[23] דאָס גייט אָבער נישט אריין אין די ראַמען פון דעם ארטיקל.

ר' חיים אַלשיך, אפילו ווען ער איז נאָר דער ארויסגעבער פון די דריי אַפּאָלאָגעטישע שריפטן אין יידיש, פארדינט דערמאָנט צו ווערן אין דער יידישער ליטעראטור־געשיכטע. א חוץ דעם איז ער לחלוטין אומבאַקאַנט אין דער געשיכטע פון די יידן אין פּוילן. ער איז איינער פון די אומבאַקאַנטע שתדלנים, וועלכע זיינען געפאָרן, צו יענער צייט, נאָך דעם גרויזאַמען פּאזנער פּראָצעס, זוכן פארטיידיקונג־מאטעריאל קעגן עלילת־דם. מיר האָבן נישט קיין שום מאָטיוו נישט צו גלויבן אין זיין אויפריכטיקייט און אידעאַליזם, אזוי ווי ער שילדערט דאָס איז זיין זייער וויכטיקער, אין קולטור־היסטאָרישן זין, אויטאָביאָגראַפישער הקדמה.

פון דער הקדמה איז צו זען, אז ר' חיים אַלשיך איז געווען אין דייטשלאַנד (אפשר טאַקע אין פיורדא גופא!) ווען דאָס ספר האָט זיך דאָרט געדרוקט, ליידער לאָזט זיך דערוויל נישט פעסטשטעלן זיין ווייטערדיקער גורל.

זאָל די איבערגעדרוקטע הקדמה דערמאָנען אונז וועגן דעם אומבאַקאַנטן יידישן כלל־טוער פון פּוילן, פון סוף 17טן און אָנפאַנג 18טן יאָרהונדערט!

19 די גאַנצע ליטעראַטור איבער דעם פּראָצעס אָנגעגעבן ביי שטיינשניידער: Die Geschichtsliteratur des Juden, § 210.

20 Berliner: Geschichte der Juden in Rom, 1893, II, 69-82. Vogelstein-Rieger. Geschichte der Juden in Rom II, 106, 275. זיין עץ־היחוס און „קבץ עליד“, 1893, ז. 18.

21 דער אינהאַלט פֿון די מעמאַראַנדומס ביי בערלינער: 2, 73-74. די ביבליאָגראַפֿיע פֿון זיינע אַלע דרוקן ביי שטיינשניידער. Die italienische Literatur des Juden. Monat. 43, 518-520. ער האָט דער ערשטער אָנגעוויזן, אַז דער „תשועת ישראל“ איז אפֿשר קאַרקאַסעס מעמאָראַנדום פֿון 1706 און האָט אויסגעדריקט דעם וואונטש צו האָבן אויספֿירלעכע ידיעות איבער דעם (Hebräische Bibliographie, פֿוסנאָט 3. ב. 20, ז. 43). ביי דער געלעגנהייט ווערט אויך קאָריגירט דער טעות פֿון ביבליאָגראַף פירסט (Bibliotheca Judaica III, 59), אַז „תשועת ישראל“, פֿון אַטענזאַסער, איז פּאַראַפֿראַסט נאָך מנשה בן ישראלס באַרימטע שריפֿט און האָט נישט צו טאָן מיט דעם „תשועת ישראל“ פֿון ר׳ חיים אַלשיך.

22 אַזוי דענקט אויך בערלינער אין זיין אַרבעט איבער Gutachten Ganganelis....45-46. ביי דער געלעגנהייט איז כדאי אָנצואווייזן אויף דער פֿאַלשער טראַנסקריפּציע פֿון די איטאַליענישע אייגנגעמען אויף די שער־בלעטער פֿון די שריפֿטן Ghezzi ווערט טראַנסקריבירט: העצצי :Gioiello= גיאָעלא (יואל) און אַז. וו. עס איז אויך זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס די שער־בלעטער האָבן די דאַטן פֿון די אָריגינעלע אויסגאַבן, ווי אויך די שטאָט און די דרוקעריי. דאָס האָט פֿאַרפֿירט געוויסע ביבליאָגראַפֿן.

23 אין זיין אַרטיקל איבער די „העברעאישע דרוקעריען אין דייטשלאַנד“ Z. f. G. d. J. in D. (באַנד 5, ז. 157, פֿוסנאָט 1) — זאָגט שט. בפירוש, אַז די בראָשורן זיינען “Umschreibingen hoch-deutscher Schriften” וואו זיינען אָבער די אָריגינאַלן פֿון די דייטשישע שריפֿטן און פֿון וואַנען איז עס אין אַלגעמיין באַקאַנט, אַז אין רוים זיינען אַרויס די דאָזיקע פֿאַרטיידיקונגס־שריפֿטן אויף דייטש? בכלל איז די פֿראַגע פֿון אַנטשטייאונג פֿון די יידישע טעקסטן ביז איצט אַ רעטעניש. ווען מען וואָלט געאָורטיילט בלויז לויט די שער־בלעטער — קען מען זען אַז דאָס זיינען נישט קיין „אומשרייבונגען“, נאָר איבערזעצונגען. למשל, אַזעלכע אויסדרוקן: „דען יהודים בשולדיגט שקרים“ אָדער: „צוויא ארמי יהודים בשמם....“ און אַז. וו.

24 ירום הודו.

25 דער דאָזיקער זאַץ באַווייזט, אַז ר׳ חיים אַלשיך האָט געשריבן די הקדמה אין דייטשלאַנד, וואו „אין דיזה מדינות“ האָבן באמת „וויניג לייט“ געקענט פֿאַרשטיין „איטליענש אונ׳ לשון לטיין“.

26 קאַסטן.

27 השם יתברך.

28 דאָס מיינט ער דעם באַרימטן העברעאיסט יאָהאַן קריסטאָפֿאַר וואַגנזייל (1633—1705), וועלכער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ בוך איבער דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור. הגם אַן אַנטיסעמיט איז וואַגנזייל אַרויסגעטראָטן קעגן עלילת דם בלבול אין זיין בוך: De infundibuli sui occasione consilio et instituto disertatio epistolica. — Altdorf, 1695, צום סוף געפֿינט זיך אַ טראַקטאַט אונטערן נאָמען: Num judaei cum christianorum sanguine faciant mysteria. עס איז אויך באַקאַנט זיינער אַ צווייטער קליינער טראַקטאַט איבער דער פֿראַגע אונטער אַזאַ פּאָזיטיווער קעפּל: Judaeos non uti sanguine christianos. (יידן באַנוצן נישט קיין קריסטלעך בלוט).

29 אַדוואָקאַטן. אַן אַנדערש מאָל איז געדרוקט: „אדפיקאט“.

30 וועגן די צוויי דערמאָנטע פּערזאָנען האָט זיך מיר נישט איינגעגעבן צו געפֿינען קיין שום אָנווייזונגען אין דער ליטעראַטור.

31 ווישיגליק — באַקאַנט.

32 סנהדרין ל״ז.

33 וויטאַערבא Viterbo. די טראַנסקריפּציע איז אַ דייטשע, ווייל אַמאָל האָט מען געשריבן: Vitoerbo.

34 אַלז — אַמאָל מיינט עס אַז, און אַמאָל — אַלץ = alz מען קען דעם פּאַסיקן טייטש באַקומען פֿון זאַץ גופֿא.

35 אב״ד ור״ת — אב בית דין ורופא מומחה. ווי באַקאַנט איז קאַרקוס געווען אַ דאָקטאָר. עס וואַרפֿט זיך אין די אויגן דאָס פֿעלן פֿון ז״ל, ווייל קאַרקוס איז דאָך געשטאָרבן אין יאָר 1730. זאָל עס הייסן, אַז ר׳ חיים אַלשיך האָט געשריבן די הקדמה פֿאַר 1730, אָדער זייענדיק אין דייטשלאַנד האָט ער נישט געוואוסט, אַז דער רוימישער רב און דאָקטאָר איז שוין טויט? צוליב די בלויזן אין מאַטעריאַל, איז שווער צו אורטיילן.

36 טרובינאַל — אַ כאַראַקטעריסטיש אויסלייגן פֿון אַ פּוילישן יידן, וועלכער לייענט דעם „ו“ פֿאַר אַ „י“, ד. ה. טריבינאַל (פּאַנעטיש).

37 אַרלויבט — נאָך היינט זאָגט מען אין געוויסע פּוילישע געגנטן אַרלויבן, אַנשטאָט ערלויבן,

38 אַן אינטערעסאַנטע ידיעה, ביז איצט נישט באַשטעטיקט דורך קוועלן. מיר ווייסן, אַז אין יאָר 1757 איז דער פּרנס יעקב יעליעק אָדער סעליק געפֿאָרן קיין רוים זיך משתדל זיין ביים פּויפּסט באַנעדיקטוס דעם 14טן מכח באַשיצן די פּוילישן יידן קעגן בלוט־בלבול. דאַמאָלסט זיינען פֿאָרגעקומען מוראדיקע פּראָצעסן אי זשיטאָמיר (1753), יאַמפּאָלע (1756) או פֿריער אַביסל אין זאַסלאַוו (1747). באַלד נאָך דעם הייבן זיך אָן די פּראָצעסן אין סטאָפּניצע (1759) און אין וואַיסלאַוויץ (1760). ר׳ חיים אַלשיכס ידיעה וועגן פּוילישע יידן, וועלכע זיינען געפֿאָרן קיין רוים נאָך אַפּעלאַגעטישע ליטעראַטור פֿאַרדינט אַן אויספֿירלעכע אויספֿאָרשונג.

39 אַך — אויך.

40 פּ״ו — פּודה ומציל.

41 דאָס מיינט, אַז דער גרויסער נס וואָס איז מיט אים (מיט זיין פֿעטער) געשען — וועגן דעם ווייסט גאַנץ פּוילן. וואָס זאָל דאָס באַטייטן? אַז ער איז ניצול געוואָרן פֿון טויט? דאַן האָבן נישט קיין זין די ווערטער, אַז ער האָט זיך „צום ערשטן לאזן אום דאז חיות ברענגן“?

42 דאָס אַלץ.

43 נִיט אַריינקוקן.

הערות

[1] Catalog der Bibliothek der Breslauer Gemeinde 1861, p. 99, No. 1481 רופט אָן דאָס ביכל: "juedisch deutsche apologetische Schriften."

[2] Zedner, p. 45 דער סוף פון צווייטן טייל פעלט.

[3] Lowenstein: Die hebräischen Druckereien in Fürth. Jahbuch der jud-lit. Gesellschaft געדרוקט אין פראנקפורט אם מיין, באנד, 10, נומער 500 פון דער רשימה ה. עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז ל. דערמאָנט אפילו נישט דעם איבערזעצער, וועלכער פיגורירט דאָך אויפן שער־בלאַט!

[4] Roest, p. 55.

[5] דער פראַגמענט פון J. T. S. באַשטייט פון 9 בלעטער פון דער צווייטער טייל. ער שטאַמט פון וואַגענערס זאַמלונג און איז פאַרנאָטירט אין דעם „פאַרשטייגערונגס קאַטאַלאָג" (אַמסטערדאַם, 1904), נום. 1744. וואַגענער (אח"וה) האָט אויך געהאַט דאָס ערשטע ביכעלע פון „תשועת ישראל" (נום. 1745).

[6] אין זיין אַרבעט: Gutachten....in Angelegenheiten der Blutbeschuldigungen der Juden. Berlin 1888, ז. 45—46.

[7] פוסנאָט 2 Revue des études juives. XVIII, p. 197. אין זיין אַרטיקל איבער דעם זעלבן באַריכט פון קאַרדינאַל גאַנגאַנעלי וועגן עלילת דם, וואָס בערלינער האָט ארויסגעגעבן אויף דייטש און לעב האָט אָפּגעדרוקט דעם איטאַליענישן אָריגינאַל (ז. 211—179). לעב טראַנסקריבירט אַלע דריי שער בלעטער פון דעם ביכל מיט לאַטייניש אותיות.

[8] ז. 676, נום. 1053. בן־יעקב דערמאָנט אויך נישט דעם איבערזעצער. דרך אגב וויל איך אָנווייזן, אַז זלמן רייזין גיט אָן אין זיין לעקסיקאָן (1913, ז. 764) דאָס בוך אונטער אַזאַ נאָמען: „תשועות (!) ישראל, וועגן אַ בטל געוואָרענעם עלילת דם" (!). עס איז נישט ריכטיק, ווייל אפילו פו בן־יעקבן איז קלאָר, אַז עס רעדט זיך פון אַ סך באַשולדיקונגען (עלילות), הגם בן־יעקבס אינפאָר־מאַציע איז אויך נישט קיין קאָרעקטע.

[9] צעדנער, ז. 45. ער באַמערקט: חיים אלשיך דער יינגערער, כדי מען זאָל אים נישט פאַרביטן מיט חיים בן משה אלשיך, וועלכער האָט אָנגעשריבן אַ הקדמה צום ביאור אויף תהלים, וואָס זיין באַרימטער פאָטער האָט פאַרפאַסט א. נ. ספר רוממות אל (ערשטע אויסגאַבע, ווענעדיק, 1605), Zedner, p. 128.

[10] שטיינשניידער אין זיין איטאַליענישער אַרבעט: Letteratura Giudaica Italiana (Il Vessilo Israelitico, 1879). (וועגן דעם אָריגינאַל ז. 70 און וועגן דער איבערזעצונג ז. 203) אין דער "Hebr. Bibl." (XX, 43) באַמערקט ער, אַז „תשועת ישראל" איז "kaum bekannt" ער האָט זיך אָבער משער געווען, אַז דאָס זיינען די מעמאָראַנדומס פון 1706 און האָט אויסגעדריקט זיין וואונטש צו האָבן אויספירלעכערע ידיעות וועגן דעם. אין זיין דייטשער אַרבעט: Die italienische Litteratur der Juden. (Monatschrift.... 43, 519) דערמאָנט דער גרויסער ביבליאָגראַף, אַז די לאַטיינישע ביכלעך האָט איבערגעזעצט אויף איטאַליעניש אַ געוויסער אַדוואָקאַט Albertus Andreas. פאַרפירט פון דער דאַטע אויף דעם שער פון דער איבערזעצונג האָט שט. געמיינט, אַז עס איז פאַראַן אַן אויסגאַבע פון 1706 און אויך פון 1740. ער פרעגט זיך: „זאָל דאָס זיין אַ פּלאַגיאַט?" דערביי גיט ער אַן עצה, אַז מען זאָל פאַרגלייכן די אויסגאַבע מיט די וועלכע זיינען פאַראַן אין די ביבליאָטעקן, ווי אויך מיט דער דייטשישער אויסגאַבע פון Tentzel: די דאָזיקע דייטשישע אויסגאַבע איז ארויס אין יאָר 1738 (דאָס דרוק־אָרט ניט באַקאַנט) א. נ. Demütiges und geheimes Schreiben der Juden in Welsh und Deutschland an Innocentium XI, aus dem Italienischen ins Deutsche "ubersetzt vom.—36 pp. (Vessillo Israelitico, 1879, 306 און Roest, 102 נאָטירט ביי לײדער האָב איך די אויסגאַבע נישט געקאָנט זען. איך האָב אָבער אַ חשד, אַז אונזער ר' חיים האָט איבערגעזעצט דאָס ביכל פון דייטש. עס איז קודם אביסל אומגלויבלעך, אַז אַ לובלינער סוחר זאָל קענען איטאַליעניש, און דערצו איז די שפּראַך פון די ביכלעך שטאַרק פאַרדייטשט — דעמאָלט ווען די הקדמה איז געשריבן מיט דאַמאָלסיקן יידיש. עס בלייבט אָבער פאָרט די קשיא: צו וואָס האָט ער באַדאַרפט פאָרן קיין רוים?

[11] לעווענשטיין אין דעם פראַקפורטער יאָרבוך: 10, נומער 500, פון דער ביבליאָגראַפיע פון פירטער דרוקן.

[12] ניסענבוים: „לקורות היהודים בלובלין" און באַלאַבאַן: Die Judenstadt Lublin (Berlin 1919). דערמאָנען די „גזע" אינגאַנצן נישט.

[13] איבער דעם צוזמירער פּראָצעס פון 1698 זע: בערשאַדסקי: Старинное средство. Восход 1894 p5-20. ביי ווישניצער, אין זיין אַרטיקל געדרוקט אין История еврейскаго народа в Россіи". (מאָסקווע, 1913), איז אַ כראָנאָלאָגישער טעות. דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין 1698 און נישט אין 1690.

[14] זשוכאָווסקיס ביכל: Oglos processow criminalnych na Zydach o rozne excessy, takze morderstwo dzieci osobliwie w Sandomierzu, 1698 poswiadczone, zarazem zbior wyrokow. 1700 (Finkiel: Bibliografia historyi polskiej. No. 15953).

[15] וועגן סעראַפּימאָוויטש אין: Kwartalnik poswięcony przeszlosci zydow w Polsce, II, 105, III, 96. זיין עקספּערטיזע אָפּגעדרוקט ביי: КУЗЬМИНЪ. Матеріалы по вопросу об обвинениях евреев в ритуальных процессах. 1913. p265-266. דער דעקרעט פון לובלינער טריבונאַל, דאָרטן, ז. 131—132.

[16] דעקרעט וועגן ארויסטרייבן די יידן פון צוזמיר איז אָפּגעדרוקט אין אָריגינאַל ביי: Bersohn: Dyplomatayusz.... No. 377. (אַ רעגעסט — דאָרטן, נום. 298).

[17] ניסענבוים: „לקורות היהודים בלובלין", 88.

[18] דער דאָזיקער פּראָצעס ווערט זייער אויספירלעך געשילדערט אויפן סמך פון נייע אַרכיוו־מאַטעריאַל אין באַלאַבאַנס אַרבעט: Ритуальный процесс в Познани (1736-1740). Еврейская старина 1913, 469-484. דאָרט ווערט אויך אָנגעגעבן די גאַנצע ביבליאָגראַפיע וועגן דעם ענין.

כתב־יד פון דר. קריסטיאַן גינזבורג אין לאָנדאָן. עריק איז געווען מער ווי גערעכט, ווען ער האָט געהייסן די יידישע פילאָלאָגיע פאַראינטערעסירן זיך מים דעם דאָזיקן ארטוס־טעקסט. שווער צו זאָגן, צי איז ער וויכטיקער איידער די צוויי האַמבורגער כתב־ידן, ווי עריק איז משער, אָבער ער האָט איין גרויסע מעלה אַנטקעגן זיי: ער גיט דעם סוף פון ראָמאַן, אין דער צייט וואָס ביידע האַמבורגער מאַנוסקריפּטן רייסן זיך איבער פריער. דער אָנהייב איז אין אונזער כתב־יד אויך דעפעקט, אָבער ס'ווייזט מיר אויס, אַז עס פעלט בלויז איין בלאַט — הייסט עס אַ סך ווייניקער, איידער אין די האַמבורגער טעקסטן.

אויף דער ערשטער זייט לייענען מיר:

„. . . צו גין אונ' צו רייטן. אל טאג צו אלם צייטן. ניא וואַרד לענגר גישפּארט. מן הורט ויל ורומדי מער אי ער טג וואַרדא. די גרושי הערשפט גיווערט מענכי יאר. וואז איך אויך זג דז אישט וואַר. דז איינש טאַגש דש גישאך. דז מן ניט ורומדי מער הורט נאָך זאך ביש אויף דען טאג עש זיך ור דוך. צו עשן ווש דעם גיזינד נאך דז וואז ניא מן [!] גישעהן. אונ' הט קיין מאן מין גיזעהן . . .”

ווידוווילטס גדולה צום סוף ווערט געשילדערט אַזוי:

„דא מאַכטן זיא איין שוניא הוכצייט. דש ווידר בור נאך נוך איז געזייט. ניא קיין שונר וואַרד גיטון. נון לושן מיר די ריד שטון. ווידווילט וואַרד איין מעכטיגר הער. אונ' גיוואן רעכטי גרושי איר. דר נאך זיין שוועהר שטארב. זיין קוינג רייך ער גאַנץ דר וואַרבא. זיין ואטר אונ' זיין מוטר בורן מיט ורוידן היימא אין איר לאנד. אונ' אויך זיין אילטר ואטר דער קונא וויגנט. דער שטארב אויך שיר. אונ' לאנג דער נאך זיין ואטר דער קינא הער. דיא אירבט אל ווידווילט אליין אונ' בליב זיצן צו דען וואַכשן שטיין. אונ' וואַרבא אל זיין טאַג נוך אירן. דער זעלוויג יונג הערן. ער טעט דר נוך מיט שטרייטן גרוש דינג גינויק. מענכי ריזן גיצווערק ער טוט שלוג. דש בון ווידווילט הוט איין ענדן. גוט זול אונש זיין הילף זענדן. אונ' אל אונש בירן צו האַנט. אין דש היליג לנט נון [=נון!] אונזרים הערצן בינער. אזוי ביט אונ' ביגערט דער שרייבר דער דא דינט גערן אלי ורומן ווייבר.”

דערמיט לאָזט זיך אויס דער ראָמאַן, און ס'גייט נאָך אַזאַ קאָלאָפאָן, געשריבן מיט דינערע אותיות:

„דר דש בוך געשריבן הוט. דער אישט בון גוטיין [1] אויז דער שטאט. ער זיצט גיגן דש טור אויבר. ער אישט בון לויטן ורום [2] אונ' בידר. ער אישט בון דען הולץ איין מאן. דש אן דיא רבנים אויש שניצן [3] קאן. שעפטיל מיט זיין נאמן גינאנט. דער דא אישט אונטר אלי גוטי שלעמר [4] ביקאַנט.”

אויף דער צווייטער זייט מיט אַן אַנדער האַנט:

„זה שלי הספר ווידוווילט ברענדלן שת' אשת היקר והמשכיל כמ"ר יקותיאל כץ, צ"ו בן משה יעקב זצ"ל מוויניזייא. [5]

אויף וויפיל איך האָב געקענט פעסטשטעלן אַגב־אורחא, איז דער טעקסט פון אונזער כתב־יד, אָוועקגעקוקט פון פּרטים, זייער ענלעך צו די האַמבורגער טעקסטן; געוויינטלעך איז נייטיק אַ געַנויע אויספאָרשונג. לוידער איז אונזער כתב־יד אַזוי איבערגעפּירט דורך עפּעס אַ כעמישן פּראָצעס, אַז אָפטמאָל קען מען גאַנצע שורות ניט איבערלייענען (איבערהויפּט נעענטער צום מיטן פון די בלעטלעך).

4 (136). פּאַפּיר 15.4×21.4 צ"מ; 31 בלעטער. אשכנזישע האַנט. אָן אַ דאַטע, פון 16טן יאָרהונדערט. האַלט אין זיך:

א) אליהו בחורס ליד פון דער שריפה אין ווענעציע, לויט „צור משלו אכלנו”.

זע וועגן דעם מ. עריקס „אַ פּאַשקוויל פון אליהו בחור” אין דער „צייטשריפט” 1 (מינסק, 1926, ז' 177—178. עריק האָט געשריבן זיין אַרטיקל לויט דעם כתב־יד פון דער באָדלעיאַנאַ, קאַטאַלאָג נייבויער 1217. ביידע טעקסטן זיינען ניט אינגאַנצן אידענטיש, און אַ פאַרגלייך וואָלט געווים מיטגעהאָלפן אויפצוקלערן כאָטש טייל פון די פאַרגרייזטע ערטער, וואָס מיר געפינען לרוב אין דעם אָקספאָרדער כתב־יד.

[1] Kojetein אין מערן. [2] ע"פ טעות שטייט אין לאָועס קאַטאַלאָג ז' 129 „גרום” אָנשטאָט „ורום”. [3] אַזוי און ניט „שנידן”, ווי ביי לאָוע. [4] הוליאַקעס. [5] ווענעציע.

דר. מ. ווײַנרײַך:

ייִדישע יקר־המציאותן אין קעימברידזש, ענגלאַנד

מינכען, האַמבורג, לאָנדאָן, אָקספאָרד זײַנען שוין די לעצטע יאָרן אַביסל הײמיש געוואָרן פאַרן אויער פון יענע קרײַזן, וואָס אינטערעסירן זיך מיט דער געשיכטע פון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. וועגן קעימברידזש האָט מען ביז איצטער געשוויגן. מײן איך דעריבער, אַז ס'איז כדאי צו געבן כאָטש אַ קורצן באַריכט וועגן די יקר־המציאותן, וואָס ליגן אין דער שטילער ענגלישער שטאָט, גוט געהיט און — גוט פאַרגעסן.

פאַר דער קורצער צײַט וואָס איך בין געווען אין קעימברידזש (פרילינג 1926) האָב איך זיך געקאָנט באַקענען בלויז מיט צוויי ביכער־זאַמלונגען — מיט דער אַלגעמײן־אוניווער־סיטעטישער ביבליאָטעק און מיט דער ביבליאָטעק פון טריניטי־קאָלעדזש. עס קען גרײַלעך געמאָלט זײַן, אַז דערמיט זײַנען די קעימברידזשער אוצרות ניט אויסגעשעפּט: יעטווידער קאָלעדזש האָט זיך זײַן ביבליאָטעק, און קאַטאַלאָגן האָט כמעט קײנער ניט פאַרעפנטלעכט. עס איז אַ בכבודיקע און אַן אַקטועלע אויפגאַבע פאַר דער פילאָלאָגישער סעקציע פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט געוואויר צו ווערן וועגן שלומערנדיקע אַלט־ייִדישע כתב־ידן און דרוקווערק אויפן וועג פון סיסטעמאַטישע אַנקעטעס צווישן די מערב־אײראָפּעאישע ביבליאָטעקן. נאָר זאָל דאָ געמאַכט ווערן דער אָנהײב.

פריער וועל איך באַהאַנדלען דעם טריניטי־קאָלעדזש, ווײַל ער האָט ענדלעך, נאָך יאָרן צוגרײַטונג, פאַרעפנטלעכט זומער 1926 אַן אויסגעצײכנטן קאַטאַלאָג פון זײַנע העברעאישע און ייִדישע זאַמלונגען, וועלכע זײַנען צו אים אָנגעקומען בירושה פון דעם געוועזענעם וויצע־מײַסטער פון קאָלעדזש פּראָפעסאָר אָלדיס רײַט. אָט איז דער פולער טיטל פון דעם קאַטאַלאָג:

Catalogue of the Manuscripts in the Hebrew Character collected and bequeathed to Trinity College Library by the late William Aldis Wright, Vice-Master of Trinity College, by Herbert Loewe. Cambridge University Press, 1926, 166 pp.

צו אונדז זײַנען שײַך אין דעם קאַטאַלאָג אַזוינע נומערן (דער ערשטער נומער איז מײַנער, דערנאָך גײט אין האַלבע לבנות דער נומער פון לויטן קאַטאַלאָג):

1 (84) פיר בלעטער מיט אַ סדר יום־כיפּור און סוכות. פּאַפּיר, 20×14 צ"מ; 4 בלעטער. אַשכנזישע האַנט. אָן אַ דאַטע, אַפּנים פון 16טן י"ה. צום סאַמע אָנהײב שטײט: „דר גוך זאָגט מן אבינו מלכינו איש עש אַנדרש ניט שבת".

2 (94) רש"י אויף תנ"ך מיט ייִדישע טײַטשווערטער. פּאַרמעט, 23.4×16.8 צ"מ; 9 בלעטער, דער סוף פעלט. פראַנצויזיש־דײַטשע האַנט. רש"י־כתב. אָן אַ דאַטע. לויט לאָזעם אָפּשאַצונג פון 13-14 י"ה. די ערשטע ווערטער זײַנען: „בשעה טובה אתחיל", אויף זײַט 68 רײַסט זיך איבער דער טעקסט ביי די ווערטער: „רשות לשון שרות מן תיבות הפוכות".

לאָזע ברענגט אַזוינע מוסטערן פון די טײַטשווערטער:

וקדשו — גליפרטא

אכסניא — הירבערגא

פונדקיתא — ווירטין

שליחות — פּוטשאַפט

דער כתב־יד קאָן האָבן אַ גרויסן באַטײַט פאַר אונזער שפּראַכפאָרשונג צוליב זײַן עלטער; ס'וואָלט געווען אַ וויכטיקע און דאַנקבאַרע אַרבעט צו אַנאַליזירן זײַנע ייִדישע עלעמענטן.

3 (135). קיניג אַרטוס הויף. פּאַפּיר, 18×13 צ"מ; 85 בלעטער (בלאַט 7 איז ווײַס). אַשכנזישע האַנט. אָן אַ דאַטע, אַפּנים פון 16טן י"ה.

דאָס איז יענער דריטער כתב־יד פון אַרטוס־ראָמאַן וועלכן מ. עריק דערמאָנט („וועגן אַלט־ייִדישן ראָמאַן און נאָוועלע", וואַרשע, 1926, ז' 236, הערה 58) אויפן גרונט פון נײַבויערס אַ נאָטיץ אין „לעטערבאָדע", 11, ז' 164 א"וו. אָלדיס רײַט האָט געקויפט דעם

6 (73). העברעאישע מנהגים, געשריבן אין 15טן י"ה, געבן עטלעכע יידישע טייטש ווערטער. אַט זיינען אַ פּאָר ביישפּילן:

„וקח שורש אוכשן צונגן וקח גולט וורצא וקח אַלנט וקח שלא וורצא ולורבער..."

7 (78). אויף דעם סדר יום כפּור קטן, איבערגעשריבן 1775, אין מאנהיים פון אן אמסטערדאמער דרוק, זיינען פאראן אַ פּאָר צוגעשריבענע יידישע ווערטער.

*

די אוניווערסיטעטישע ביבליאָטעק האָט אין איר פאַרמעג אויף וויפיל איך האָב געקענט פעסטשטעלן, ניט מער ווי דריי יידישע כתבי־ידן. מעגלעך, אז ס'זיינען פאַראַן מער. דער פּראָוויזאָרישער קאַרטן־קאַטאַלאָג וואָס איז צונויפגעשטעלט פון ה' הערבערט לאָעוו, טיילט ניט אָלעמאָל אויס די יידישע כתבי־ידן פון די העברעאישע; וואָלט מען בעצם געדאַרפט איבערקוקן כסדר אַלע עקזעמפּליאַרן פון דער זאמלונג.

איך גיב דאָ ווייטער מיין לויפיקן נומער; אין האלבע לבנות גייט די סיגנאַטור פון דער ביבליאָטעק.

8 (Or. 795,11) ספר מידות. פּאַפּיר, 18.5×27.2 צ"מ; 159 וואונדערשיין געשריבענע בלעטער, ברייטע גליונות. אלס פּאָרזאַץ זיינען גענוצט פּאַרמעט־בלעטער. אויפן ערשטן פּאָרזאַץ איז פאַראַן אַן אָנמערק פון 5 שורות, פון וועלכע עס זעט זיך ארויס קלאָר ש נ"ח. דאָס הייסט, אז דער כתב־יד איז געשריבן יעדנפאַלס ניט שפּעטער ווי 1598. נאָכן אינהאַלט (1זב) און גאָר צום סוף איז אונטערגעשריבן: „שמעון בר' יעקב הכהן".

פאַר דעם צווייטן באַנד „שריפטן פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסיטוט, פילאָלאָגישע סעריע", האָט מ. עריק צוגעזאגט אן ארטיקל, וואָס וועט געבן אַ פאַרגלייך פון אונזער כתב־יד מיטן כתב־יד פון ברייטישן מוזעאום (פאַרצייכנט אין מאַרגוליוטס קאַטאַלאָג, 3, ז' 169) און מיט דער געדרוקטער איסניער אויסגאַבע פון 1542. — אין דעם זעלבן צווייטן באַנד גייט אַריין אויך דר. י. צינבערגס אַן ארטיקל, וואָס באַרירט די פּראַגע וועגן ספר מידות.

9 (Or. Add. 12.550). מחזור אויף ראש השנה און יום כיפּור. פּאַפּיר, 30×21 צ"מ; 158 בלעטער, קיין יאָר ניטאָ, נאָר צום סוף איז צוגעשריבן (מיט אַן אַנדער האַנט?):

"Scritto in Prag 1481"

אויף בלאַט 150א ענדיקט זיך נעילה; 150ב—158ב (מיט אַן אַנדער האַנט) — סליחות.

10 (Or. Add. 547). פּאַפּיר, 14.5×20 צ"מ; 92 בלעטער (דערפון 3 ליידיק ביזן טעקסט, איינס אינגאַנצן ליידיק צום סוף). געשריבן זייער שיין, אָנהייב־ווערטער ביי אַ נייער שורה מיט רויט; זייער גוט אויפגעהיט. דאַטירט 1505.

פון 4א ביז 81ב גייט „סדר נשים. נידה חלה הדלקת הנר", אין גראַמען.

אָנהייב: „זייא גילויבט בור אלן זאכן. דש ער אונש ורוליכן הוט מאכן אנטוואכן. מיט גאב זיינר הייליקן תורה. דש מוגן מיר זיין איוויקליכן ורוא..."

ז' 25ב הייבט זיך אָן: „ווארום מאן זיין ווייפּא פליגט לושן חלה אונ' דיא ליכטר אן צונדרן אם שבת אונ' אם יום טוב."

ז' 39א אונטן: „סליק הלכות חלה. נון וויל איך שרייבן צו דיזם מול. ווי מאן די ליכט צום שבת אן צונדרן זול."

בלאַט 45 (הדלקת הנר איז נאָך ניט געענדיקט) ביז 52 פעלן (די פּאַגינאַציע איז געמאכט געוואָרן בשעת די בלעטער זיינען נאָך יאָ געווען). אויף ז' 53 א"וו רעדט זיך וועגן דעם וואָס עס האָט אויסצושטיין אַ פרוי פון אַ שלעכטן מאַן: „עש גיט איר ניוואוך [13] אבר גר זויאר איין..."

ז' 279ב—80ב ווערן באַשריבן חתונה־מנהגים: „זעכט דרויף צו איינר ברוילפט וועו מאן רופט צו ולעכטן. וויא גערן ניוואך זי זיך גשעפטיק מעכטן. זא שטין זי אל דא הער אום די ברויט.[14] איר איינש טיילש זינגאן איר גר לויט.[15] די אלר הופשטן כלה לידר. די זיינט [16] גינומן בון פסוקים אויש דער שידר [!]. דש זי זול הלטן נידה אונ' איר ליכטר צו אנצונדן צו נעמען חלה אונ' צו מאכן דרייא ברכות קוכן דונן.[17] דש זי אירם מאן ניט זול זיין ורומד אונ' זול בלד אויש טון איר העמד. אונ' זול זיך ניט ואשט דר ווידר ווערן. די ערשט בעט [18] זול זי אין יא באלד גיווערן. איר איין טייל ליגן איר איין כלה הויב אויף דען קופא. די

[13] =נעבעך. [14] כלה. [15] הויך. [16] =זיינען. [17] =דינען, דינע. [18] בקשה.

ב) אליהו בחורס ליד „המבדיל", א פּאַשקוויל קעגן אײנעם הלל. נ. שטיף האָט אָפּגעדרוקט דאָס דאָזיקע ליד אין דעם דערמאָנטן בוך „צײַטשריפט", ז' 150—158, מיט גענויע פּירושים, לויט דעם אָנגעװיזענעם כתב יד נײַבויער 1217. פֿון דער צווײטפּאַרלעצטער סטראָפֿע איז אָבער צו זען, אַז דאָס ליד האָט 75 סטראָפֿעס, און דער אָקספֿאָרדער כתב־יד — ממילא אויך שטיפֿס קריטישע אויסגאַבע — גיט ניט מער ווי 55 סטראָפֿעס. דער קעימבּרידזשער מאַנוסקריפּט גיט אויך די פֿעלנדיקע 20 סטראָפֿעס, און אין די איבעריקע טײלן איז אויך דער טעקסט ניט אַזוי גרײַזיק. פֿאַר דער קומענדיקער אויסגאַבע פֿון אליהו בחורס אַלע שריפֿטן וועט מען אַלזאָ פֿאַר דעם ליד דאַרפֿן נעמען אַלס יסוד דעם קעימבּרידזשער נוסח און ניט דעם אָקספֿאָרדער.[6]

ג) מעשה מדנצק (דאָס איז דער אָריגינעלער טיטול: אויף ז' 14א לײענען מיר: „סליק זה המעשה מרנצק"). פּראָזע. דער אָנהײב (מסתמא אײן בלאַט) פֿעלט.

אינהאַלט בקיצור: אַ ייִדישע פֿרוי, אַ שײנע נײטאָרין אין דאַנצק,[7] האָט פֿאַרלוירן איר מאַן. ער איז אַוועק אין אַ ווײַטער מדינה. זי איז געקומען אין דעם זעלבן לאַנד, פֿאַרשטעלט אין מאַנסבילשע קלײדער. דעם קיניגס טאָכטער איז קראַנק געוואָרן פֿון ליבע צו איר. מע האָט זײ בײדן חתונה געמאַכט. נאָר די שײנע נײטאָרין האָט אויסגעפֿונען איר מאַן, און אָנשטאָט איר האָט ער זיך געלײגט צו דער כלה. אויף מאָרגן איז די נײטאָרין אַנטלאָפֿן מיטן מאַן אויף אַ גאַלײע[8] און מיטגענומען מיט זיך דעם קיניגס אוצר.

די שפּראַך פֿון דער דערצײלונג איז זײער גוט ייִדיש; נאָר פֿאַראַן היפּש איטאַליעניש ווערטער.

ד) מעשה ממנץ (אָריגינעלער טיטול, זע ז' 23א). פּראָזע. אַ מעשה מיט צוויי ברידער, וואָס אײנער האָט דעם אַנדערן אויסגעשטאָכן די אויגן.

ה) מעשה פֿון ווירמש (אָריגינעלער טיטול, זע ז' 31א). פּראָזע. אַ מעשה מיט אַ בחור, וואָס האָט אײנמאָל אויף קאַטאָוועס מקדש געווען אַ שדיכע („שידה"); צוליב דעם זײַנען אים צוויי פֿרויען געשטאָרבן, די דריטע האָט זיך געראַטעוועט דורך איר צניעות.

אויף ז' 44א: „זי שפּילטן איין שפּיל דאז הײשט מן אין טײטשן קוגי בערגיליש[9] דאָס שפּיל [!] מן אזו אײנר מוש זיך אֵיין בוקאן אונ' דיא אנדרן ור בערגין זיך. אונ' דער זיך הוט אײן גיבוקט דער מוש זיא אלי זוכן ביז ער זיא אלי גיבינט דיא זיך ור בורגן האבן."

5 (158). אליהו בחורס „פּאַריז און וויענה". גערדוקט אין ווענעציע, 1594. קוואַרט; 72 בלעטער (בלאַט 1—24 פֿעלן).

ס'איז אַפֿילו ניט קײן כתב־יד, אָבער צוליב דער גרויסער זעלטנקײט פֿון דער זאַך איז זי אויך אַרײַנגענומען געוואָרן אין קאַטאַלאָג פֿון די מאַנוסקריפּטן.[10]

ס'איז דער נעמלעכער עקזעמפּלאַר, וועלכער איז דערמאָנט אין דער הערה אויף ז' 193 פֿון לאַנדוי־בוך צו דר. י. שאַצקיס אַרטיקל: „פּאַריז און וויענה" (דאָרט, ז' 187—196).[11] דר. י. שאַצקי האָט געוויזן די גאַנצע פּראָבלעם פֿון דעם ווערק אויפֿן גרונט פֿון אײן בלעטל פֿון דעם בוך, וואָס געפֿינט זיך אין דעם „היברו יוניאָן קאָלעדזש", סינסינעטי. — זע איצט אויך מײַן אַרטיקל אין די „וואַרשעווער שריפֿטן", 1926/27 (17 זײַטן). איך גיב דאָרט דעם אינהאַלט פֿון דעם ראָמאַן מיט אויסצוגן פֿון טעקסט און קום צום באַשלוס, אַז אליהו בחור און ניט קײן אַנדערער איז דער ייִדישער באַאַרבעטער פֿון דעם ראָמאַן.[12]

---

[6] איך האָב אינפֿאָרמירט פֿרײַנט נ. שטיפֿן וועגן דעם קעימבּרידזשער מאַנוסקריפּט, און לויט ווי איך וויער געוווּיר פֿון דער רעדאַקציע פֿון „צײַטשריפֿט", וועט נ. שטיף אין צווייטן בוך געבן די פֿעלנדיקע 20 סטראָפֿעס פֿון „המבדיל".

[7] אַזוי איז נאָך ביז הײַנטיקן טאָג די ייִדישע אויסשפּראַך פֿון „דאַנציג"! [8] שיף.

[9] פֿגל' ביי שמעללער, בײַערישעס ווערטערבוך 970 I. :Gutzeberglein— „באַהעלטערלעך".

[10] לויט ווי ה' לאָוע האָט מיר מיטגעטײלט, איז דאָס אויך געווען אַלדיס רײַטס פּערזענלעכער וואונטש.

[11] אין דעם ענגלישן תּמצית פֿון לאַנדוי־בוך (ז' 23) איז אין דער באַמערקונג פֿון דער רעדאַקציע אָנגעוויזן בפּירוש. לויט ד"ר מ. גאַסטערס מיטטײלונג, אַז דער עקזעמפּלאַר געפֿינט זיך ניט אין אָקספֿאָרד, נאָר אין קעימבּרידזש; אין דעם ייִדישן טעקסט אויף ז' 193 איז דער דאָזיקער אָנווײַז ע"פּ טעות אַרויסגעפֿאַלן.

[12] פֿון ה' זיגמונד זעליגמאַן אין אַמסטערדאַם בין איך געוואויר געוואָרן, אַז ה' הוגאָ באַנדי אין פֿראַנקפֿורט־מאַין פֿאַרמאָגט אויך אַן עקזעמפּלאַר פֿון דעם ראָמאַן. איך האָב זיך געווענדט מיט אַן אָנפֿרעג צו פּראָפֿ' א. פֿרײמאַנען און באַקומען דעם פֿרײַנטלעכן ענטפֿער: 1) אַז ס'איז ניט קײן עקזעמפּלאַר, נאָר מערניט ווי שמות; 2) אַז אין די פֿראַגמענטן איז ניטאָ גאָרנישט וואָס זאָל שטאַמען פֿון די בלעטער 1—24.

שערצן. דש לעצט דש אישט דער טוט דש זול דער לעבנדיק געבן צו זיינם הערצן. יום ב׳ ד׳ אב ר״ס״ד ב״ה״לך.„

אלזא פון איין זייט ווערט קלאָר, ווען דער כתב־יד איז געשריבן געווארן (רס״ד — 1505), און פון דער צווייטער זייט, אז די געדאנקען וועגן טויט זיינען מנחם אָלדענדאָרפס א ווערק. דאָס איז א מחבר וואָס מיר קענען אים: 1) פון א זאמלונג יידישע און העברעאישע לידער, וועלכע ל. לעווענשטיין האָט פובליקירט פון א מינכענער מאנוסקריפט אין „יובעל־שריפט צום 70טן געבורטסטאג דעם דר. י. הילדעס׳היימער״ [40]; 2) פון א יידישן מחזור וואָס געפינט זיך אין בריטישן מוזעאום (קאטאלאג מארגוליות 2, ז׳ 327—329, גיט א גענויע באשרייבונג פון דעם כתב יד) און לאָזט זיך אויס אזוי: ב״ה״ל״ך, ר״ח סיון רס״ד בעזרת הש״י כתבתי פה מ״יישטרי [41] להיקרה מרת תנליין שת׳ הסליחות הללו מנחם אלדנדורף״.

דאָ איז אונז אלזא צוגעקומען נייער מאטעריאל צו דער כאראקטעריסטיק פון מנחם אָלדענדאָרף, וואס האָט געלעבט אין 1504 אין מעסטרע (א שטעטל לעבן ווענעציע) און איז געווען אפנים אן איבערשרייבער, וואָס האָט זיך אין פרייע מינוטן אליין פארנומען מיט שריפשטעלעריי.

[40] אויסצוגן אין באַסינס אַנטאלאָגיע 1.
[41] מעסטרע.

אנדרן שטרעלן [19] איר דען קופר צופא. וועך דער כלה. נויארט דש הור לאנק. עש העט נומר קיין אויש גאנק. איר איינש טיילש ווערפן איר די ווינגאליכש איין אונ' שוועצן מיט איר דש זי זי משמח זיין. אונ' זאגן איר באר בון שימפא ליכן [20] זאכן. אוב זי זי קונטן מאכן לאכן... נון ווישן זי ניט בון גערן וואל טון ווש זי זולן טרייבן. צו דער ברכה וואלטן זי זיך גערן אל אן די כלה רייבן. אונ' לויפן איר נאך אז אום די וועט אונ' הענגן אל אן זי אז איין קלעט.[21] בון דער ברכה רומפילן [22] זי באלד מיט איר צו דעם הון. אזו גערן זי מצוה טון אן דעם שבת נאך שול זא האבן זי אלס די ורייד די גרושן. זי צוקן אונ' העלפן דש טלית שמושן [?]. צו דעם מצוה טאנץ אונ' מורגנש צו דער מייא [23] זו האָבן זי ורייד אונ' מענכסלייא. זא קריכן הער באר די אלטן ורויאן אז די און מייסן [24] שפרינגאן אונ' הופן אז די גיישן.[25] זי קומן דא הער אין איר קורזן [26] ניט אויף דען גלאנץ אונ' טאנצן אל דען מצוה טאנץ. זי זיינט אל אנדר גישפאנט. די כלה בורן [27] זי אויך בעיי [!] דער האנט. באר דינט נון דער חתן די וויש. זו קומן די אלטן ורויאן גר וריש. בעיי דער מצוה וואלן זי יא אויך שטעקן. אן די אלטן גייש וויא גערן זי לעקן.[28] עש טוט אין זאנפט דש די גויט פולציל [29] איר יסורים ניוואך האט אובר ליטן. עש אישט איר זויאר ווארדן מאן הוט זי זער מוישן ביטן. די נשים זאָגן איר עדות אל. וויא זי הוט גישריאן אז איין דיפא [30] אין דעם שטאל..."

ז' 81א—81ב רעדן וועגן די מנהגים ביי דער ברית־מילה:

„באר דער ברית מילה מאכן זי די יוטש [31] קערצן [32] אונ' וואכן בייא דער קינטבעטרין די נאכט בון דער ווייש. ונ' דא עשן זי קוכליכש [33] [!] הייש. וועז מען זול דש קינט צו יוטשן ברינגאן. זי אל אן די קומארי [34] הענגאן. זי האבן אויף אירם הערצן איין גרוש ליידן. זי בורכטן מאן מוכט דעם קינד צו וויל אב שניידן. נון האבן זי נאך איין גוטן זיטן. נאך דעם ברית אן דעם טאג דעם דריטן. זו קומן די ורויאן אלט און יונג דא הער צו שלייפן [35] איינ' באר די אנדר נאך דעם קינד זי אן די מילה גרייפן. דש לושן זי יא ניט הלט. ליבר טעטן זי עש ווער עש אלט. אונ' אזוי שורמן [36] זי עש וועז זי עש באדן איין גדול מושטו ווערדן עש זול דיר אוב גוט וויל ניט שאדן. זי גרייפן אים נוואך ווש אים איש אוואנצערט.[37] אוב גוט איר איינס יין טוכטר בישערט. דש ער זי וולט נעמען צו איינס וויב. דש זי באר העט איין סימן זיינם לייב. זו מאג זי נאך גידענקן בון וערן.[38] דש איר טוכטר בישטיט מיט אירן. דיא סברא אישט יושר אונ' ואר. ווער ווייש ווער דעש אנדרן שוואגר ווערט איבר יאר."

בלאט 82 פעלט; 83א הייבט זיך אָן: „...אונ' זולשט ניט ווידר אין שטרעבן. זא יוערט איר מיט שלו' לעבן. דש זאג איך דיר און גיבער [39] אזו זאגט שמואל לוי דער שרייבער."

מיר האָבן, אלזא, פאר זיך דעם נאָמען פון דעם שרייבער (מחבר? איבערשרייבער?). זייט 83ב איז ווייס; פון ז' 84א גייען גערדאנקען וועגן טויט, וואָס הייבן זיך אָן בזה הלשון:

„עקביא בן מהללאל אומר הסתכל בשלשה דברים ואי אתה בא לידי עבירה. דא וויל איך אי"ה עטווש בון שרייבן." דער אויסלאָז איז אזא:

„גוט ית' אישט ווארהפטיק אונ' טויט נימנט אונרעכט. דש קאן וואל דר קענן מנחם אלדנדורף זיין קנעכט. דארום זול אידרמן הינטר זיך אונ' בור זיך גידענקן אונ' זול ניט

[19] פּאַרקאַמען. [20] „שימפּ" אין דער עלטערער שפּראַך — שפּאַס; שימפּלעך — שפּאַסיק.

[21] דייטש Klette, אַ קליינע, קלעפּיקע פרוכט, ענגל' burdock. יידישע סינאָנימען: בערזעלע (גאָל־דינגען, קורלאַנד), שטעכעלע (בויי־סאַנץ, גאַליציע), דזשעדעס (פּלעשטשעניץ, מאָהילעווער גוב'), שטע־כערס, קעץ (וולאָצלאַוועק), בערעלעך (בריסק).

[22] וועגן דעם רומפּלען פגל' מיינע שטאַפּלען, ז' 235 און אַ. לאַנדוי יוד"פיל — דער גאַנצער מנהג און זיין אָפּשטאַם דאַרף נאָך אויסגעפאָרשט ווערן.

[23] וועגן דעם מנהג פון מייען, מיין־פירן זע גידעמאַן, ייד' קולטור־געשיכטע, בערלין 1922, ז' 85 און ז' 217. [24] אָנמייסן — מוראַשקעס. [25] ציגן.

[26] פעלצענע קליידער; דערפון נאָך אונזער הײַנטיקער „קירזשנער". [27] =פירן. [28] שפּרינגאַיז.

[29] מיידל. [30] גנב. [31] =יודש; די קערצן ביים יידישן (מל זיין). [32] ליכט. [33] קיכלעך. [34] קאַמער.

[35] שלעפּן זיך אַלע אַהער. [36] זאָגן אַ שפּראַך. [37] אַוואַנסירן — אַרויסרוקן זיך פאָרויס.

[38] ווייט. [39] ערשטער פשט: אָן פאַלשקייט.

קומט צו באַטאָנען די וויכטיקייט אונטערצוזוכן די שפּראַך, וואָס די יידן האָבן דאַן אין עלפטן יאָרהונדערט גערעדט אין לינקען ריין־געגנט.[4]

שפּעטער צו, אין 1832 האָט צונץ געווידמעט אייניקע בלעטלעך דעם „פאַרדאָרבענעם דיאַלעקט" יידיש־דייטש און אַנאַליזירנדיק די פאַרשיידענע עלעמענטן פון יידיש, האָט ער זיי אויך אילוסטרירט מיט באַווייזן פון דער רבנישער־ליטעראַטור.[5]

אָבער צונץ האָט זיך געטרייסט, אַז דורך מענדלסאָנס תנ"ך איבערזעצונג וועט סוף כל סוף יידיש באַקומען אַ טויט־קלאַפּ[6] און האָט מיט דעם ביסל יידיש יוצא געווען פאַר דער וויסנשאַפט.

אַ דאַנק צונצס ערשטן שטויס אויף דעם געביט, האָט גידעמאַן נאָכהער געווידמעט אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג „דער שפּראַך פון די יידן אין ריין־געגנט" און מיט דער מיטהילף פון רבנישע קוועלן געקומען צו געוויסע אויספירונגען אין דער פראַגע.[7]

אַ גרעסער פעלד האָט זיך פאַר אים געעפנט מיט דער רבנישער ליטעראַטור פון מהרי"לס עפּאָכע (פון דער צווייטער העלפט פון 14טן יאָרהונדערט) און זיינע תלמידים. די דאָזיקע רעספּאָנסן זיינען אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון יידיש פאַר מערב־אייראָפּע,[8] אַ קאַפּיטל, וואָס האָט נעפונען איצט אַ טרייען באַאַרבעטער אין לונסקין מיט זיינע סיסטעמאַטישע פאַרצייכענונגען.[9]

פונקט אַזוי האָבן די שו"ת פון די מזרח־אייראָפּייאישע רבנים פון ליטע. פוילן צוגעשטעלט דאָקומענטאַלע באַווייזן אַנטקעגן דער טעאָריע פון שפּראַכלעכע סלאַוויזירונג פון די יידן אין יענע לענדער און געגעבן אומשעצבאַרן מאַטעריאַל פול מיט זאַפט און קאָלאָריט פונם יידיש אין זעכצנטן ווי אין זיבעצנטן יאָרהונדערט.[10]

אַ שאָד נאָר וואָס ניט אַלעמאָל האָבן זיך די וויסנשאַפטלער באַנוצט מיט די ע ר ש ט ע אויסגאַבן. פאַר די היסטאָרישע און קולטור־געשיכטלעכע פאָרשונגען איז דער אונטערשייד פון די אויסגאַבן ניט אַזוי גרויס, אָבער ווען מע וויל ציען געוויסע לינגוויסטישע שלוסן מוז מען שטענדיק אָנקומען צו די ערשטע אויסגאַבן, אַז ניט, איז מען עלול לייכט נכשל צו ווערן. ווייל אויב נאָך היינט זיינען די אָרטאָגראַפיע און פאָנעטיקע — פּ ראָ ב ל ע מ ע ס, זיינען זיי אַמאָל געווען אָפּט ה פ ק ר.

מיט רעכט האָבן די שו"ת פאַרנומען — און וועלן נאָך פאַרנעמען — דעם אויבנאָן אין דער געשיכטע פון יידיש, ווי אַ רעזערוואואַר וואו עס האָט זיך אויפגעהיט דאָס לעבעדיקע צאַפּלדיקע לשון „ווי מע האָט גערעדט". נאָך די פאָלקס־לידער קומען די שאלות־ותשובות. דאָס זיינען די צוויי הויפּט מקורים פאַר דער נ אַ ט י ר ל אַ כ ק י י ט פון דער שפּראַך, אין דער צייט ווי אַלע אַנדערע קוואַלן באַווייזן „ווי מע האָט געשריבן", באַווייזן די קינסטלעכקייט פון לשון.

מיט דער רשימה וואָס ווערט דורך מיר דאָ פאַרעפנטלעכט באַצוועק איך צו מאַכן דעם ערשטן פרואוו צו זוכן שפּורן פון יידיש אין זייטיקע ניט אויסגעטראָטענע וועגן. די מערב־אייראָפּייאישע ביבליאָגראַפן, די וואָס האָבן געקוקט און קוקן אויף יידיש פון אויבן אַראָפּ, האָבן (מיט קליינע אויסנאַמען) פאַרשוויגן די דאָזיקע מקורים. א ו נ ז ע ר ע וויסנשאַפטלער האָבן זיך אָנגעכאַפּט נאָר אין דער רבנישער אָדער לעקסיקאַלישער ליטעראַטור. קיין אַנדערע צווייגן האָבן זיי ניט באַרירט. און דאָס איז איינגאַנצן ניט זייער שולד. יענע ספרים זיינען מער שכיח, מע האָט אַסך פון זיי געקענט געפינען אין די יידישע בתי־מדרשים, אין דער צייט ווען די איבעריקע זיינען זעלטנהייטן און געפינען זיך נאָר אין די אוצרות, וואָס זיינען ביז איצט געווען ווייט פון אונז און מיר פון זיי... איך וויל מאַכן אַ התחלה און זאָלן אַנדערע

---

[4] דאָרט, 288, באַמ. 13, און זע אויך ז. 290.

[5] Die Gottesdienstliche Vorträge der Juden, Zweite Auflage (ערשטע אין יאָר 1832) Frankfurt a. M., 1892. 452-458.

[6] דאָרט. 466. "In welchem der Genius der hebräischen und der deutschen sprache mit vereinter Kraft dem Jüdisch-deutschen den Todesstreich versetzten."

[7] התורה והחיים. א', ציון 3, 219—225.

[8] דאָרט. ב. ג'. קאַפּיטל דריי. איבער די פּאָלעמישע שקלא וטריא פון איסערלין און מהר"ם מינ"ץ און אין פאַרשיידענע ערטער פון דעם באַנד.

[9] „איסערלינס יידיש", יידישע פיל. 1. 295—297; „יידיש ביי ר' יעקב ווייל" — לאַנדוי־בריד. 285—288. אַ שאָד נאָר וואָס לונסקי האָט ביי אים ניט באַאַרבעט אויך די אנאָמאַטאָלאָגיע ווי ער האָט עס געטאָן מיט „איסערלינס יידיש".

[10] ДУБНОВ. — Разговорный язык — Еврейская старина I, 10—26.

יצחק ריבקינד:

יידיש אין העברעאישע דרוקן ביזן יאָר ת״ח — 1648.

נאָך אסך וואסערן וועלן אָפּלויפן ביז וואַנען עס וועט מקוים ווערן באָרוכאָווס „פּלאַן פאר א געשיכטע פון יידיש״.[1] עס פאָדערן זיך נאָך אסך פאָרארבעטן. שריט ביי שריט אָבער קומט מען אלץ נעענטער צום ציל. פון דאַן, ווען ער האָט געמאכט זיין פּלאַן, ביז היינט, איז מען אָפּגעגאַנגען א רעכטן מהלך אין פאָרשונג פון יידיש און דער יידישער — איבערהויפּט אַלטער — ליטעראטור.

איינע פון די הויפּט פאָרארבעטן (אויב ניט דער יסוד) פאר דער געשיכטע פון יידיש און דער יידישער ליטעראטור — איז, פאַרשטייט זיך, די פאָלשטענדיקע פארצייכנונג פון אלץ וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין יידיש.

דער גאָניאַלער שטיינשניידער האָט אויך אויף דעם געביט געלייגט, אין זיין צייט, א פונדאַמענט. צונויפגעקליבן אין „סעראפּעאום״ א היפּש ביסל „יידיש דייטשע ליטעראטור״. צום באַדויערן, איז אויך ער אין דעם פאַל געוועזן ניט מער ווי א חברה־קדישא מאַן, וואָס רעגיסטרירט טויטע זאכן, אָן האָפנונג אויף תחית־המתים... אויך ער, ווי אלע אנדערע, האָט געשטעלט דעם טראָפּ אויף „דייטשע״ מער ווי „יידישע״.[2]

איבעריק צו זאָגן, אז איצט פאָדערט זיך אויפצושטעלן דעם גאַנצן בנין, וואָס זאָל זיין צוגעפּאסט צו אונזערע לעבעדיקע באַדערפנישן און אינטערעסן.

אין א געוויסער מאָס ווערט די זאך שוין געטאָן אויף די פאָלגנדיקע צוויי וועגן: מע רעגיסטרירט די ספרים וואָס זיינען אָרגינעל געשאַפן געוואָרן אין יידיש, אָדער איבערגעזעצט געוואָרן פון העברעאיש און אנדערע שפּראכן, ווי אויך די, וואו עס איז העברעאיש מיט יידיש אינאיינעם.

ס׳איז אבער צייט אויך אָנצוהויבן א סיסטעמאַטישע ארבעט אין א דריטער ריכטונג, דהיינו: רעגיסטרירן יידיש ווי א באַגלייטער פון העברעאישע דרוקן. דאָס אילוסטרירט אייגנאַרטיק די לעבעדיקייט פון יידיש און באַווייזט בולט זיין נויטווענדיקייט שוין גאר אמאָל.

ביז היינט האָבן כמעט אלע זיך קאָנצענטרירט אויף דעם געביט נאָר אויף איין איינציקן פונקט, און דאָס איז די רבנישע ליטעראטור, איבערהויפּט שאלות ותשובות (רעספּאָנסן). כמעט אלע האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם צווייג (אָפּגערעדט פון די ריין שפּראַכלעכע מקורים ווי גלאָסאַרן, לעקסיקאָנען און אז. וו.) פון דער העברעאישער ליטעראטור.

אלע האָבן געזוכט „יידיש״ אין די אויבענדערמאָנטע קוועלן — יעדערער, פארשטייט זיך, פאר זיין צוועק: היסטאָריע, קולטור־געשיכטע, פילאָלאָגיע.

צונץ איז געוועזן דער ערשטער, וואָס האָט נאָך מיט 104 יאָר צוריק אין זיין ארבעט איבער רש״י[3] געקליבן און געציילט די איינצלנע דייטשע ווערטער וואס אין רש״י (ניט יידיש־דייטש ("da es um jene Zeit noch keine solche Sprache gegeben") צוליב וואָס ער

[1] לאַנדוי־בוך, ז. 21—28.

[2] דער ביבליאָפיל און יידישפאָב אפרים דיינאַרד, ברענגט אין זיין נייעם ספר „דביר אפרים״ [סט. לואיס, 1926] אַ באַשרייבונג פון זיין פּריוואַט קאָלעקציע, דעם זייער כאַראַקטעריסטישן פאַקט: „עוד בשנת תרמ״ד, בהיותי באדעססא דרש ממני הד״ר שטיינשניידער לאסוף למענו כל ספרי זארגאן אשר נדפסו ברוסיא. הדבר היה אז לפלא בעיני כי ביבליאָגראַף מהלל כמהו ידרוש לאסוף ספרי זארגאן, אשר היו לחרפה בעיני החכמים והסופרים. ועל שאלתי ענני, כי יען הוא בטוח, כי בעוד שנים שלשה דורות זכר לא יהיה לזארגאן בתבל. אחרי, אשר כל היהודים בכל ארצות תבל ירכשו להם שפת העמים אשר בתוכם המה יושבים, ואז תחדל הזארגאן מכל וכל. ועל כן יחפוץ לתת לה שארית למצער באוצר הספרים הגדול בברלין״. — אין דעם פאַל זיינען די רויד פון ה׳ דיינאַרד ריכטיק, ווייל די מיינונג קען באַשטעטיקט ווערן דורך אַ גרויסע צאָל ספּעציפישע אויסדרוקן, וואָס שטיינשניידער האָט געלאָזט פאַלן איבער יודיש אין פארשיידענע ווערק זיינע. אגב טוילט דיינאַרד דאָרט מיט, אַז ער האָט א קאָלעקציע פון אַ טויזנט עקזעמפּליאַרן אין יידיש, געקליבענע ספרים, וואָס האָבן אַ וויסנשאַפטלעכן ווערט, — כדי דער וואָס וועט וועלן קויפן זיין קאָלעקציע זאָל זיך ניט האָבן צו קלאָגן, אז עס פעלט אָן אַפּטיילונג אין אַ שפּראַך וואָס צוועלף מיליאָן יידן רעדן, „ויבכן אָספּתי כאלף מהם, אשר יוכלו לרות צמאון הצמאים לשפת ההמון״.

[3] Zeitschrift für die Wissenschaft des Judenthums. Berlin, 1823, I.

נאָך אַ פאַקט. פריער קומט נאָר דאָס ליד אַליין אין דער הגדה, נאָכהער קומט שוין צו אַביסל מער, אויך די צערעמאָניע פון „סדר" אין געגראַמטער פאָרם. ווערט איז אויך אויפֿמערקזאַם צו מאַכן אויף דעם, וואָס גראָד אין די הגדות וואָס זיינען געדרוקט אין די ערשטע סדורים (זע רשימה), וואו יידיש פאַרנעמט אַ בכבודן אָרט, גראַד דאָרט געפינט זיך ניט קיין מאָל דאָס איבערזעצטע ליד.

אָבער אויך די ספרים וואָס גייען אַרויס פונם גדר פאָלקסטימלעכע (1, 2), באַרייכערן אונז מיט אַסך נייסן. די „פּסקים" באַווייזן, אַז אויך די יינגערע פון אשכנזישן קבוץ אין איטאַליע האָבן אין אָנהייב פון 16טן יאָרהונדערט גערעדט לשון אשכנז, וואָרים עס רעדט זיך דאָרט וועגן אַ יינגל וואָס איז געזעסן ביים רב און גערעדט „לשון אשכנז". אָבער דער קבוץ האָט ניט נאָר גערעדט, נאָר אויך געפירט זיין קאָרעספּאָנדענץ צווישן זיך אין דעם לשון מיט די וואָס האָבן ניט געקענט קיין העברעאיש. און אַזוי זעען מיר אויך פון די געציילטע שורות פונם בריוו־פראַגמענט (אַלנפאַלס זיינען די שורות פון די ערשטע אין העברעאישן דרוק, אויב ניט פון די סאַמע ערשטע!) די פּרוי, די יידיש לעזערין און פּיאָנערין פונם „ווייבער טייטש". צו איר האָט דער רב געשריבן אין יידיש.

אַ באַזונדער כונה האָב איך מיט דעם ספר „חיבורי לקט". איך וויל איינפאַך ציען די אויפמערקזאַמקייט פון אונזערע פילאָלאָגן אויף אים. דער אַלטער כלל „הכל תלוי במזל" באַשטעטיקט זיך. טראָץ דעם וואָס דער ספר איז דורך שטיינשניידער דערמאָנט געוואָרן (לאַקאָניש, אויף זיין שטייגער) שוין אין „סעראַפּעאום" (זייט 171, נומער 374) און אויך אין אַנדערע קוועלן — האָט נאָך ביז היינט דער ספר ניט זוכה געווען צו קיין שום אויפמערקזאַמקייט פון אַ פילאָלאָג, אין דער צייט ווען עס איז אַנגעפּיקעוועט מיט יידישע ווערטער, ממש אין די טויזנטער, און מיר זעען אַז דער מחבר האָט שוין אין זיין צייט מקפּיד געווען אויף דער טראַדיציאָנעלער אַרכאַאישקייט פונם לשון און געשטרעבט איבערצוגעבן „כאשר שמעתי וקבלתי מרבותי". אין אַנדערש מאָל ברענגט ער מער ווי איין אויסטייטש פון אַ וואָרט. אַזוי איז אינטערעסאַנט זיין באַמערקונג צום וואָרט „ומקבות", זייט 20ב: „אונ' המיר [האַמער] וי"א איין מייסיל, בלשון רוסיא דלוטא".

אין דער הקדמה צו דעם זעלטענעם ספר שפּיגלט זיך אויך אָפּ, אויסער די פּונקטן וואָס איך באַמערק ווייטער, דער צושטאַנד פונם ספר און ביכער־מאַרק.

בולט איז אויך דער פאַקט וואָס יידיש קומט שטענדיק מיט דעם ספּעציעלן שריפט. אַמאָל איז דאָס נאָר איינצלנע פראַזן, אַמאָל אפילו נאָר איין איינציקן זאַץ. און דאָך ווערט עס געדרוקט מיט די ספּעציעלע אותיות. נאָכמער, ניט נאָר יידיש באַגלייט דעם העברעאישן דרוק, אויך לאַדינאָ, איטאַליעניש און אַנדערע לשונות, נאָר זיי קומען אין געוויינטלעכן שריפט פונם ספר, קוואַדראַט אָדער רש"י, — אַן אויסנאַם איז מיט יידיש, וואָס זיין לבוש איז אַלעמאָל די צו"ר שריפט.

נאָך עטוואָס לערנען מיר פון דער רשימה וועגן דער געאָגראַפישער פאַרשפּרייטונג פון יידיש. אוואו נאָר עס האָט זיך געדרוקט דער העברעאישער ספר, דאָרט איז שוין אויך געווען דער יידישער שריפט.

אמת, ס'רוב דרוקן וואָס זיינען דאָ אויסגערעכנט קומען פון איטאַליע, דאָס לאַנד וואו עס איז געשטאַנען די וויגעלע פונם העברעאישן דרוק. אין די העברעאישע ספרים וואָס זיינען אַרויס פון די דרוקערייען אין די סלאַווישע לענדער, איבערהויפּט פּוילן, האָב איך דערווייל ניט באַגעגנט קיין יידיש אין דעם מין ספרים, טראָצדעם וואָס די דרוקערייען האָבן, ווי באַוואוסט, אָנגעהויבן צו דרוקן גלייכצייטיק העברעאישע און יידישע ספרים.

צום באַדויערן האָב איך ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו אונטערזוכן, צום ביישפּיל, די ערשטע דרוקן פון פּראַג, ווי פון 1512, 1515, 1536, וואָס ווערן דערמאָנט אין ק. ב., אין דער אָפּטיילונג ליטורגיע. גאַנץ מעגלעך, אַז דאָרט איז פאַרשטעקט אַביסל „יידיש"קייט.

דערביי מוז אָבער אויך באַמערקט ווערן, אַז דווקא די איטאַליענישע דרוקער (צווישן זיי פאַרנעמען אַן אויבנאָניקן אָרט קריסטן) האָבן געדרוקט ניט נאָר פאַרן קליינעם קבוץ יידן פון איטאַליע, סיי אשכנזישע, סיי די איבעריקע, נאָר זיי האָבן אין זינען געהאַט אַלע גרויסע צענטערן פון יידן, מיט וועמען זיי האָבן געפירט אַן עקספּאָרט אויף ספרים, און דער מסחר־חוש האָט, אָן ספק, אויך געפירט צום „יידיש" אין זייערע העברעאישע דרוקן, כדי דורכדעם צוציען

נאָכטאָן, די וואָס זיינען נאָענט צו די גרויסע ביבליאָטעקן. און ווען מיר וועלן אָנקלייבן דעם גאַנצן מאַטעריאַל, אויף דעם געביט אויך, וועלן מיר קענען ציען די נויטיקע טעאָרעטישע און פּראַקטישע רעזולטאַטן פון אַזאַ מין רעגיסטראַציע.

דאָך, מיין איך, אפילו די רשימה, ווייט ניט קיין פולשטענדיקע, אנטהאלט עפּעס מער ווי טרוקענע ביבליאָגראַפיע. זי איז קודם־כּל א נייער קוואַל פאַר דער פילאָלאָגיע פון יידיש. דורך איר קומען צו נייע מקורים פאַר אונזערע שפּראַך־פאָרשער. לאָמיר האָפן, אז מע וועט נאָך אַמאָל שאַפן א ווערטערבוך פון אַלט־יידיש, באַזירט אויף אַלע אַלטע טעקסטן אין שריפט און דרוק. דאַן וועלן די דאָזיקע ספרים זיין פון גרויס שפּראַכלעכן ווערט. נאָר איבער־הויפּט קומט צו א ניי קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון יידיש, וואָס וועט און מוז געשריבן ווערן אין א נייעם קולטור־געשיכטלעכן ליכט.

לאָמיר פּרובירן באַלייכטן די פּונקטן מיט דער הילף פון דער רשימה. אין אַלגעמיין זעען מיר, אז יידיש באַגלייט כמעט נאָר (חוץ אייניקע אויסנאַמען) אַזעלכע העברעאישע ספרים וואָס מיר קענען זיי מיט רעכט אָנרופן פאָלקס־ביכער, יענע ספרי רומ״ל, וואָס האָבן זיך געפונען אין יעדן יידיש־הויז, באַנוצט דורך אַלע בני־בית, מאַן און פרוי. איך מיין די אָפּטיילונג 3, ליטורגיע. עס באַווייזט אונז קלאָר, אז דער המון האָט אויך דאַן נאָר געקאָנט „זאָגן" עברי, אָבער ניט פאַרשטאַנען דעם פּירוש המלות און דעריבער האָט דער עולם זיך אַרויסגעהאָלפן מיט די צווישנבאַמערקונגען צו וויסן „וואו מע האַלט", אָדער וואָס מע באַדאַרף „זאָגן"... וואו עס האַנדלט זיך ביי א דין, ווי ביי ביעור חמץ, שטייט בפירוש „ומי שאינו יודע בלשון הקדש יאמר בלשון אשכנז", און די צאָל וואָס האָבן ניט געקאָנט האָט שוין דאַן אויך געמוזט זיין ניט קליין, אפילו צווישן דעם סאַלאָניקער קיבוץ.

א שיינע אילוסטראַציע איז דער יידישער שער פונם סדור 1549. אז העברעאישע טיטל־בלעטער (אויף הקדמות!) פּלעגן באַגלייטן ריין יידישע ספרים איז קיין נייס ניט. אין א גרויסן טייל פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור באַגעגענען מיר העברעאישע שערים, אָדער פאַרקערט, יידישע שערים אויף העברעאישע ספרים, איז דער ערשטער פאַל (מעגלעך אז אויך די אויסגאַבע פון 1529 האָט דאָזעלבע געהאַט, אָבער קיין עקזעמפּלאַרן פון יענער אויסגאַבע זיינען ניט באַקאַנט ביז היינט). שפּעטער צו, אין 17טן יאָרהונדערט, טרעפן מיר שוין אויך אַמאָל יידישע שערים צו ריין העברעאישע ספרים. ניט אומזיסט איז א פרוי איינע פון די אייגנטימערינס פון דעם סדור.[11]

ניט פון ווייניקער באַדייטונג זיינען אויך די הגדות. די ערשטע איבערזעצונג פון דער הגדה אין יידיש־דייטש איז דערשינען אזוי גוט ווי אין 1609, נאָכהער זיינען שוין נאָכגעקומען אויסגאַבן אין די צענדליקער[12] אָבער אין איינער פון די גאָר ערשטע הגדות, אין דער פּראַכטפולער פּראַגער הגדה פון 1526 (רפ״ו) איז דאָ אַן איבערזעצט ליד פון „אדיר הוא יבנה ביתו בקרוב"[13] וואָס מע פּלעגט זינגען אין די שיינע טראַדיציאָנעל־פּאַטריאַרכאַלע סדרים־נעכט, מיט ספּעציעל פאַרפאַסטע מעלאָדיעס. און אויב אין דרוק איז עס ערשט אריין אין יאָר 1526, האָט מען עס געזונגען געוויס מיט א צייט פריער. ווי טיף איינגעוואָרצלט דער מנהג איז געווען קען מען אויך זען פון דעם, אז דאָס ליד איז מיטגעדרוקט געוואָרן אין הגדות מיט איטאַליענישע איבערזעצונגען, ווייל „האשכנזים נוהגים לומר אלו הפזמונים".

[11] אויף דעם לעצטן לידיקן זייטל (זע וויטער, באַמערקונג *) שטייט אַזוי: „תפלה הלז שייך להאשה חשובה מרת ריבלה אשת כ״ה משה בער ראַזנבוים יצו משוואבאך".

[12] זע ווינערס „רשימת הגדות־פּסח", פּטרבורג. תרס״א—1902, ז. 50, רובריק „תרגומים", וואו ער נעמט אַריין יידיש אונטער דעם נאָמען „אשכנזית" ?! און אז ער וויס דעם „אונטערשיד" האָט ער דאָך באַוויזן אין זיין ביבליאָגראַפיע וועגן די לידער־אויסגאַבן אין יידיש...

[13] אַנדערע ווילן גאָר האָבן, אז דאָס ליד איז אַן אָריגינאַל יידיש ליד, וואָס איז נאָכער איבערגעזעצט געוואָרן אין העברעאיש. שבח קנעביל אין „הגדה של פסח עם מבוא... ווינה, תרפ״ג, ז. 21, שרייבט: „ויש משערים כי השיר הזה [אדיר הוא יבנה] נתחבר בלשון אשכנז כמו שהוא בסידורים ישנים מיוּתקים באַלטדייטש, ומאחרי שלא רצו שיִנוגן בעת הסדר בלשון זרה, ע״כ העתיקוהו ללשון הקודש. ומכירים שתוכן השיר בשפת אשכנז יותר פּיוטי ושירי מהשיר בלשון הקודש" — — — קיין קוועלן זיינען נישט אָנגעגעבן פאַר דער השערה. ביי אַלע אַוטאָריטעטע פאָרשער אויף דעם געביט, ווי צונץ און אַנדערע, איז נישטאָ קיין שפּור פון אַזאַ מיינונג. ניט איינער פון זיי באַטראַכט „אַדיר הוא" פאַר אַן איבערזעצט ליד פון יידיש־דייטש. די ווערטער „אַדיר הוא", „בחור הוא" און אז. וו. שטאַמען נאָך צונץ („ליטעראַטור געשיכטע דער סינאַגאַגאַלן פּאָעזי", בערלין, 1865, ז. 20. פון פאַר קאַלירס עפּאָכע און דאָס ליד (ריכטיקער, די ווערטער „יבנה ביתו בקרוב") זיינען צוגעגעבן געוואָרן אין 15־טן יאָרהונדערט (פאַרטרעגע, אויסג. 1892, ז. 133). לויט אַ מינדלעכע דערקלערונג פון מיין פריינד דר. ישראל דאַווידזאָן איז עס אַ גרונדלאָזע השערה.

רייכן שותף צו א דין־תורה, נאָר בתנאי, אז דער משפט זאָל פאָרקומען אויסער פיראַרה, וואו ער איז א תקיף ביי דער מאכט און שטאָט־פּרנס „וגם אימתו מוטלת על דייני ישראל שמה".

די רבנים האלטן כמעט אלע מיטן אָרימען שותף, אויסער אייניקע ווי ר' דוד פּיצי"גטון און איבעהויפּט ר' אברהם מינ"ץ, וואָס זיינען מיטן רייכן פּרנס, וועמענס פּערזענלעכקייטן עס ווערן אין די פּסקים געשילדערט אלס ניט סימפּאַטישע און מיט טונקעלע פאַרבן.

עס ווערט געבראַכט א גאַנצער צעטל מיט עולות אנטקעגן דעם רייכן תקיף. אסך חטאים, אין ריין מענשלעכן זין, איז פאַראַן אויסצוזעצן, נאָר אינטערעסאַנט אגב אורחא צו ברענגען אויך די עולה: „היה מנהג קדמון בפירר"ה ביום החופה של שום בעל חנות או בנו לסגור כל החנויות וביום חופת המפואר איש חכם ונבון כמה"ר הושע רפאל מקולונייא כל הבעלי חנויות סגרו חנויותיהם ובכח זרוע פתח כמר עמנואל [נאָמען פון רייכן פּרנס] חנותו ולית אינשי די ימחה בידיה."

און ווען א שליח פון באָלאָניער בית־דין איז געקומען נאָך פיראַרה יום ב', ב' אלול רע"ח, דערציילט ער, אז ווען ער איז געווען ביי ר' דוד פּיציגי"טון איז אָנגעקומען א שליח פון פּרנס „ונער אחד היה יושב לפני כמהר"ר דוד הנז' ו ד ב ר ב ל ש ו ן א ש כ נ ז, כי בא שליח מבית כמר עמנואל מנור"צי לקרא אל כמהר"ר דוד הנ'ז" (זייט ז').

און אין לעצטן שאַרפן בריוו פון ר' בינדיט אכסילרד צו ר' אברהם מינ"ץ, וואַרפט ער אים דאָרט פאָר: „הן כתבת מאחורי עורפי אף לנשים דברי זלזולים עלי ועל כל האלופים יצ"ו, אשר גזרו על כמר עמנואל, לומר עליהם כי נשים הטו לבבם וז"ל [=וזו לשון] קנטוריך ב ל ש ו ן א ש כ נ ז א ש ר כ ת ב ת ל א ש ת חיל מר' אסתר מב"ת [־מנשים באהל תברך] ז א ה א ב ט א י ר מ ע ר ו ו ע ן ב ו ק ו ו א ר מ ו כ ט ו ו ע ן א י ר ה א ב ט א ו נ ר ע כ ט צ ו ו ו ע ג א ג י ב ר ו ב ט א ו נ ה ש"י ה א ָ ט ג י ב ו ט ן מ א ן ז ו ל ר ע כ ט ט ו ן ז ו ה א ב ט א י ר י א מ ע ר ו ו ע ן ב ו ק ו ו א ר מ ו כ ט עכ"ל [־עד כאן לשון] זלזוליך אשר תכתוב על האלופים לומר עליהם שהטו בעבור האשה" (ז. כ"ז־ב).

2. לעקסיקאָגראַפישע:

פ י ר ו ש ה מ ל ו ת, ק ר א ק א, ש " ם, 1 5 8 0

אויפן שער: „שחיבר ותיקן וליקט הר"ר מרדכי בן הר"ר יחיאל ז"ל לוריא לפרש כל מלה ומלה של תרגום מחמש מגילות וצירף עמו אגב גררה גם כן דניאל ועזרא כדי שיקפצו עליו קונים." ק. ב. ז. 1670, נומער 6247.

[פּאַרטייטש אויך ווערטער אין ל"א. פאָדערט זיך א פאַרגלייך מיטן „מתורגמן" וואָס האָט פאַר אים געדינט אלס א מקור, ווי עס איז צו זען פון זיין הקדמה „יען כי מתורגמן שעשה הר"ר אליהו ראש המדקדקים הם בדמים יקרים, וגם אינם עוברים ושבים, ואיננו שכיח למוכרים". נאָר אלס א שפּעטערדיקער איז ביי אים מסתמא דא אביסל נייע יידישע ווערטער].

היבורי לקט, לובלין, [נדפס... ש'ע'א'] תם ונשלם כ"ד תמוז שע"ב, 1612. „על ספרי נביאים ראשונים ואחרונים, והמה בכתובי'... אשר היו חתומים ונעלמים עד שבא האלוף... אברה' בר יהודה תנצב"ה, שהיה ש"ץ בק"ק קרעמניץ..."

[ווערט באַצייכנט אין ק. ב„ ז. 696, נומער 4246 "Op. rarum" וואָלפס טעות (ב. 3, ז. 37, נומער 83) וועגן אן ערשטער אויסגאַבע פון יאָר 1593, האָט אויך איבערגעחזרט באָרוכאָוו אין „ביבליאָטעיק פונם יידישן פילאָלאָג", זייט 16 נומער 87 — דעם טעות וועט באַוויזן קלאָר די ווייטער ציטירטע הקדמה. פאַרנאָטירט אויך ביי שולמאַן שפת יהודית... ז. 121.

אויסער דעם סעמינאַר־עקזעמפּלאַר, געזען לעצטנס אויך אן עקזעמפּלאַר פון סאַדיגורער רבינס ביבליאָטעק (צו פאַרקויפן ביי א מו"ס) און איינעם וואָס געפינט זיך אין מיין פּריוואַט באַזיץ. אזוי ווי דער עקזעמפּלאַר איז זייער זעלטן, געפין איך פאַר נויטיק צו ברענגען געוויסע שטעלן פון דער הקדמה, די, וועלכע וואַרפן ניט נאָר א ליכט אויף דעם מחבר און זיין ווערק

דעם המון, די גרעסטע אפנעמער פון רומ"ל, אלס קונים, מאכן מער גאנגבאר פאר זיי די סחורה און געווינען דורכדעם א גרעסערן אָפּזאץ.

ווי אָנגעגעבן, באגרעניץ איך זיך פארלויפיק מיט העברעאישע דרוקן ביזן יאָר ת"ח (1648), (אַ יאָר וואָס באַצייכנט א נייע ווענדונג אין אונזער געשיכטע, וואָס האָט אויך געהאט אַן איינפלוס אויף די שפּראַכלעכע דיפערענצירונגען פון פאָלק) און ניט מיט העברעאישע ספרים אין אַלגעמיין — ווייל אנדערע ספרים, ווי רבנישע רעספּאָנסן, אדער אזעלכע ווערק ווי ר' אליהו בחורס און זיין גלייכן, זיינען מער־ווייניקער באַארבעט און באוואוסט, נאָר עס מיינט אויך אויסצוזוכן און אַריינצונעמען נייע דרוקן פון אלטע ספרים, וואָס ווערן בסדר פארעפנטלעכט. געגוג למשל צו דערמאָנען דעם „ספר חסידים". נאָך גרעץ און גידעמאַן האָבן געזוכט דורך א שפּראַכלעכער אנאליז פעסטצושטעלן דעם אָרט, אוואו דער ספר חסידים איז באשאפן געוואָרן.[14] די באלאניער אויסגאבע פון ספר חסידים, האָט מער פראנצויזישע עלעמענטן, קומט איצט דר. יעקב פריימאן און באווייזט אין זיין איינלייטונג צו דער צווייטער אויפלאַגע פונם ספר חסידים לויט פּארמא מאנוסקריפּט, אז די אויסגאבע האָט מער דייטשע פרעמדווערטער.[15]

אזוי איז עס אויך מיט דעם ספר „לקט יושר". ער איז געשריבן געוואָרן פון איסערלינס תּלמיד, דער ערשטער חלק אין יאָר 1470 און דער צווייטער אין יאָר 1475, און ארויסגעגעבן געווארן ערשט דורך דר. יעקב פריימאן (ביידע חלקים, בערלין, תרס"ג—תרס"ד), מיט א פולשטענדיקער רשימה פון די איבער צוויי הונדערט יידישע ווערטער און אויך פּערזאָנען־נעמען, וואס דער „לקט יושר" פארמאָגט (זע דאָרט צום סוף פונם 2טן חלק, זייט 114—122). און ערשט איצט האָט מען דעם ספר גענומען שפּראַכלעך אויסצונוצן (מיזעס), און אַנדערע האָבן גאָרניט אָנגעהויבן צו ווייסן, אז ער איז שוין פריער געדרוקט געווען.[16]

מיט דער צייט, האָפנטלעך, וועט געמאכט ווערן א פולשטענדיקע רעגיסטראציע פון אלע העברעאישע ספרים, וואָס האָבן אין זיך יידיש. דערווייל וויל איך די ארבעט אָנהייבן. איז גוט געוויסע באגרעניצונגען, דאָס איבעריקע וועט נאָכקומען. „לא עליך המלאכה לגמור".

אלץ וואָס איך גיב אָן אין דער רשימה, האָב איך אליין געזען און אונטערזוכט אין דער ביבליאָטעק פונם יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, אין ניו יאָרק, וואו די אלע ספרים זיינען אויפגעזאמלט.

די איינטיילונג אין דער רשימה איז דערווייל נאָר אין אינהאלטלעכע. לאָמיר האָפן, אז עס וועלן צוקומען נאָך רשימות, דאן וועט זיין די ריכטיקע צייט אויך צוצוגעבן אלפאבעטישע, כראָנאָלאָגישע ווי אויך געאָגראפישע רעגיסטערס.

רשימה.

1. רבנישע.

פסקים, וויניציאה, רעט־1519.

באטיטלט פון שטיינשניידער אין קאטאלאג באדליאנא=ק. ב. זייט 632, נומער 4006 „פסקי הגאון מהר"ר ליווא סג"ל... ומהר"ר אברהם מינץ". אינהאלטלעך מער פאסיק צו באטיטלען „פסקי בינדיט אכסילרדא אשכנזי". באצייכנט דאָרט „דער איינציקער באקאנטער עקזעמפּליאר פון א זעלטנסטן בוך", אבער ער איז א חסר, ער האָט נאָר 28 בלאט; דער עקזעמפּליאר פון סעמינאר־ביבליאָטעק איז פולשטענדיק, האָט 36 בלאט. געבראכט אין דרוק דורך „חייא מאיר בכהר"ר דוד זצ"ל המדפיס בגזרת ומצות האלופים מוויניציאה ושאר גאונים בלעדם".

די פּסקים זיינען פון גרויס קולטור־געשיכטלעכן, איבערהויפּט סאָציאלן ווערט. האנדלט זיך וועגן א רייכן פרנס פון פיורארה אנטקעגן זיין פאראָרימטן שותּף, וועמענס חלק אין געשעפט ער האָט געצוואונגען אים צו פארקויפן פאר א שבוש. דער אָרימער פאָדערט זיין

[14] התורה והחיים, א', ז. 229.
[15] ספר חסידים, מהדורה שניה, פרנקפורט, תרפ"ד, ז. ט"ו (מבוא).
[16] זע מיין באַמערקונג צו לונסקים „איסערלינס יידיש" אין „אונדזער בוך" (ניו יאָרק), נומער צוויי, 1926, ז. 134—135.

צוועהל צו אפיקומן. אונ' די אנדר העלפט ליגט ער ווידר צוואוישן די צווא גנצי מצות. אונ' דר נוך נימט ער אוז דעם ביקן [בעקן] דז איי אונ' דאז ולייש [פלייש] אונ' היבט אן מיט הוהר שטים" [הא כלחמא].

ז. ר.—ב: „אונ' דר נוך איש אונ' טרינק אונ' לוש דיר גאר וואל זיין הושטו אנדרש אויפיש [אויבס, פירות, פרוכט] גוט צו עשן אונ' נוך טיש וועז מאן אוף הוירט [הערט אויף] צו עשן דאז מאן ניט מיין אישט זא נים די האלב מצה די אונטר דער צוועהל ליגט די אפיקומן הייששט אונ' בריך איין שטויק הראב אונ' איש אונ' גיב אין אלן אויך די אם טיש זיצן בוז [פון] דעם אפיקומן אונ' דר נוך וועש [וואש] די הענד אונ' מאך קיין ברכה אונ' דר נוך שענק [גיס אן] דז גלאז ווידר בול [פול] דז איז דאז דריט מולט אונ' בענש דרוף אוף דז ועלביג גלאז."

סליחות מכל השנה... כמנהג האשכנזים ווינציאה ש"ח [1548].

די צוויי יידישע זאצן וואס אין ספר זיינען פארנאטירט געווארן דורך נ. פ. [פרילוצקי] אין „יידישע פילאלאגיע" ב. 1, ז. 239. דער שער ביי אים איז ניט פינקטלעך איבערגעשריבן.

סדור אשכנזי וינידיג [שט—1549] *

* פארנט זיינען מיטגעבונדן 8 לוידיקע זייטלעך מיט געבורטן, יארצייטן, נעמען פון אייגנטימער פונם סידור און אויף איין זייט געפינען זיך די פאלגנדיקע „סגולות" אין יידיש: דז ביז אויג דז דיך ביזאך דז ביזי מונד דז איבר דיך שפראך, וויל איך דיך מיט איין אבני ביראכן —
האל(ש)[ט] ווייב שטאל(ש)[ט] ווייב, מיין קינד טוט טאג אונ' נכט גריינן אונ' שרייאן, דיין קינד זאל גריינן אונ' שרייאן מיין קינד זאל רואן אונ' ראשטן אונ' וואל גוטייאן. — אויף דעז

פנקס. 1927. העפט 1 און 2.

נאָר גיבן אויך אַ בולטן בילד איבער דער אַנטוויקלונג פון יידיש אין זיין צייט און די ליטעראַטור־געשיכטע פון זיין עפּאָכע.

„ויען כי ראיתי רבים, שוטטו לדעת את שאהבה נפשם ללמוד ולחבר הפסוקי', מנביאים ראשוני' ואחרוני' ומספרי כתובים ולבאר המלות בלשון אשכנז ואותם ספרי העשרים וארבע מדפוס הגדול אין יד כל אדם משגת לקנותם מיוקר הון ואינם מצויים ביד כל אדם ללמוד מהם. ואף ביד מי שמצויים אם הוא חכם וצורב יכול ללמוד מעצמו ע"י פירושי המפרשי' האדירי' רש"י ורד"ק ורלב"ג ואבן עזרא, אבל אנשי ערכי שהם בגילי ומלמדי תינוקות ובחורי', שחשקם ורצונם ללמוד בספרים ההם אינם יכולים ללמוד מעצמם, ע"כ אמרתי אלכה לי... ואלקטה באומרי"ם... ולכתוב בקיצור ובהבנה קלה... גם בארתי המלות קשי ההבנה לתלמידים בל"א, כאשר שמעתי וקבלתי מרבותי למען ירוץ הקורא בו...

והיתה התחלת מלאכתי זאת בר"ח אייר שנ"ה לפ"ק ונתעסקתי במלאכת הקדש זאת, עד ר"ח אדר בשנה הנ"ל [?שנ"ו] עד גמר נביאים ראשונים. ובחצי אדר הנ"ל בא אלי אחד מן המגידי' ואמר לי איך שמהר"ר צבי חבר אילה שלוחה על דרך וסיגנון חיבור שלי. ואמר לי שניכם לדבר אחד נתכוונתם, גם יצא טבעו בדפוס שנתן להדפיסו וכמעט שלא נגמר. וכאשר שמעתי שמעו, משכתי ידי ממלאכתי זאת. ואמרתי בלבי על מה אני עמל, כי כבר השקה למלמדים ולבחורים צמאם בחיבור האיל"ה שלוח"ה.. ואח"כ ראיתי חיבורו, כי רחוק הוא מחיבורי, כי לא זו הדרך שעלה על רוחי, כי הוא לא כתב רק פירוש האדירים רז"ל רש"י ורד"ק, ולפעמים כתב מה שקבל מרבותיו. אז אמרתי הניח לי מקום כי אני כתבתי הרבה דברים בהרבא מקומות מהפסוקי' ככל מה שקבלתי מרבותי שלא תמצאם בחיבור האיל"ה שלוח"ה, חוץ מפירושי האדרים ז"ל שהזכרתי למעלה... אז אזרתי כגבר חלצי והלכתי להמאור הגדול גלגל השמש המאיר לארץ ולדרים, הוא הגאון המופלג מ"ה מהר"ר שמשון תנצב"ה, שהיה אב"ד פה ק"ק קרעמעניץ, והראיתי לו חיבורי זה, והיה טוב וישר בעיניו, ואמר לי עתה שמע בקולי, איעצך ויהי ה' עמך ואל תנח ידך ממלאכתך הקדושה זאת וכאשר התחלת גמור אותה... ואני אהיה לך לעזר בעז"ה בהוצא' שתצטרך להוצאת הדפוס ובשאר דברי כדי שתוציא המלאכה לאורה. רק חבי כמעט זמן ורגע עד שהחיבור של האילה שלוחה יהיה נמכר. ואז שמעתי לעצתו ואברה"ם שב למקומו, ואמרתי אשוב למלאכת' ואגמרנה והעוזר האמיתי יהיה בעזרי... וכתבתי וגמרתי מלאכת הקודש זאת קודם ר"ח ניסן שנ"ז לפ"ק...]

3. ליטורגישע:

א) געבעטביכער: (סדורים, מחזורים און אַז. וו.)

סדר תפלות כמנהג האשכנזים, נדפס בבית משק בית האדון מארקו אנטוניו יושיטיניאנו בריאלטו בשנת שלש מאות וחמשה לפ"ק [1545־] פה ויניציאה (אנטהאַלט אין פיל ערטער קורצע אָנווייזונגען און באַמערקונגען אין יידיש ווי „ווען מאַן ואשט [פּאַסט] זא זאג", „אַם מענטג און אַם דורנשטג זאגט מאַן דאז והוא רחום" — אַזעלכע צווישן באַמערקונגען זיינען דאָ אין דעם דיקן סדור אין אַ היפּש צאָל און אַלץ אין דעם ספּעציעלן יידיש־דייטשן שריפט. פריימאַן אין צ. פ. ה. ב. 9, ז. 152 דערמאָנט ניט וועגן דעם קיין וואָרט.

וועל נאָר ברענגען די אייניקע גרעסערע אָפּשניטן.

ז. לה: „דר נוך זאָג דען מזמור ויר מולט ווען ווארום צו וינשט אין דעם מזמור אכציהן מולט דען שם אונ' ויר מולט אכציהן די מאכן צווייא אונ' זיביציג די טרעפן זיך אז ויל אז די צווייא אונ' זיביציג שמות די דא אובן שטינן אונ' דר נוך זאג".

אין דער „הגדה של פסח", וואָס איז אַ טייל פון סידור (פאַרנעמט די זייטן קצ—רז), ווערן געבראַכט, אויסער אַסך קליינע זאַצן, די וויטערדיקע צוויי גרעסערע אָפּשניטן.

ז. קצב—ב: „אונ' מאן נימט דען איפיך אונ' דונקטן (טונקט) אין עסיג אונ' זאגט [בורא פרי האדמה] אונ' אישט אין אונ' גיבט אין אלן איפיך. אונ' דר נוך נימט ער די מיטילשט מצה אונ' בריכט זי אין צווי טאל [טייל]. אונ' נימט איין טאל אונ' ליגט זי אונטר די

ז

הגדה של פסח

אונ' דז זעלביג חמץ דז ער ווייס, זול ער אכטן דז ער עז וואל איין בינט: דאז איס עז ניט ור שלעפן די מויז, ער מויסט זויסט זוכן אויבר איין כוויז: דאז מאג איין איטליכר וואל דר קענן, בוייק כפות אויף דען טאג זול מאן עז ור ברענן: ווער זיך בוירכט דאז מן אין ור מסיר דער וואורף עז איבם וואסר: אונ' בויר דעס ור ברענן זול מן דאז חמץ אלז אויז דעם הויז טראגן, אונ' נוך דעס ור ברענן זול מאן אזו זאגן:

כל חמירא דאיכא ברשותי דחזיתיה ודלא חזיתיה דחמתיה ודלא חמתיה דבערתיה ודלא בערתיה לבטיל וליהוי כעפרא דארעא:

ווען יום טוב גיפאלט אין דער גיטאלט' דז דער אנדר טאג איס שבת גיפאלט, זא טאר מאן אם יום טוב אויף שבת ניט קוכן נאך באכן, זא מוז מן ערב תבשילין מאכן: מן נימט איין גאנצי מצה זו דארף ניט גרוסר זיין אז איין אייא, אונ' איין כזית גלייס אודר ויש וועלכש ער הוט אויבר לייא: אונ' דז זעלביג אן יום טוב מיט עסן טאר, אונ' אייבר מאג קוכן בויר די אנדרן נאר: אלי די זיך דרויף ור לאזן מוגן ורייא קוכן אונ' באכן אונ' די ברכה מאכן:

ברוך אתה יי' אלהינו מלך העולם

ז. רס"ז-ב.

הגדה של פסח

מאן טאר בויר דעס חמץ בטלן דיא מצות ניט באכן, אונ' מאן ליגט דיא קינדר בייא טאג אין דר ווארטן דס זיא כורעס סדר קיינן וואכן: אונ' דס זיא זולן מה נשתנה ורוגן, אז דער פסוק גיט ווען ער ווערט ורוגן דיך דיין זון מורגן צו זאגן: אונ' ווען מן צו נאכט אוז דער שול גיט, זא אכט דס דער טיש גריכט שטיט: אונ' דיא מצות ליגט מאן אובן אייגם דיא מיטיל צווייא דיא אונטר דרייא, דא אראן זער גיוואורכט זייא: אונ' מאך דיר איין הסיבה מיט קיישן, אונ' דס חרוסת טאר מאן אם שבת ניט אן מויסן: דרום זול מן עס אם ורייטג גידענקן, אונ' דיא כוסות זולסטו שווענקן: אונ' זול זיא אל בול שענקן איין, די גהוסט מצוה איז מיט רוטן וויין: אונ' דער קויסטליכסט גיבט דען סדר אן דא איז דער זיט, דער וועטסט זיך אליין אונ' מאכט קיין ברכה אויבר דיא הענד ניט:

ווען פסח גיפאלט אן דען שלעכטן טאג זא היבט מן קידוש דא אן צו זאגן

ברוך אתה יי' אלהינו מלך העולם בורא פרי הגפן:

ברוך אתה יי' אלהינו מלך העולם אשר בחר בנו מכל עם ורוממנו מכל לשון וקדשנו במצותיו

ותתן

ז. רס"ח-ב.

[אויף זייט שפ״ז־א׳ שטייט: „ותשלם המלאכה... בחדש אדר שנת ש״ט לפ״ק". פון שפ״ז ביז ענדע פונם סדור, ביז זייט ת״ח, געפינט זיך דער מפתח „לוח הסדור" און „שיר היחוד". ווערט מיט רעכט באצייכנט אין C. B. 2080 "Ed. rarissima". דער סידור איבערראשט אונז אויסער מיט זיין יידישן שער אויך מיט זיינע יידישע קעפלעך, וואס פון אויבן ביים ראנד, פון זייט מ״ז ביז צ״ו און אויך זייט קמ״ב—קמ״ג, ווי צום ביישפיל: „מעריב אין דער וואוכן", „מעריב בון שבת", „יוצר בון שבת", „מוסף בון שבת", „מנחה בון שבת", „צווישן מנחה אונ׳ מעריב", „שביתת צו נאכט", „ברכות נוך דער הפטרה". — אויסער די דריי אויבנגעבראכטע אפשניטן פונם סידור 1545) אנטהאלט דער סידור, איבערהויפט אינם טייל פון דער הגדה (פארנעמט פון ז. רס״ד ביז ז. רצ״ב), נאך פאלגנדע גרויסע שטיקער יידיש:


רסד

הגדה של פסח

צו: וויסן דיא יונגן אונ׳ די אלטן · וויא מן זיך מיט חמץ בטלן זאל האלטן: דאז חמץ דאז מן עסן וויל דס דעך נו דס מן עז מיט זיכם · אונ׳ דר מך בטלת מן דווק מיט איינס מאכס ליכט · דס מאן עז קאן זוכן אין אן ספלטן · ווינט מאן כיסט זו לוסט מן עס גוט וואלטן: אבר מאן מאג וואל חמץ ליגן וועס עס גלויסט · דס מן יא דיא ברכה ניט מאכט אוס זויסט: אונ׳ דס חמץ מן מיט איינר ועדר אין איין הויבן כלי ספערט · מן בטלת עז נאכט אז מן מורגנס ערב פסח ווערט: אונ׳ די מצוה איז דווקא נאכן בייא נאכטי אונ׳ בויר דעס בטלן מאן די ברכה מאכט:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל בִּעוּר חָמֵץ:

אונ׳ ווען ער מן נאכן איז נאכגן הרוס · אונ׳ הוט ניזוכט אומטוס: דאז ער זיכט דז נוך מיסט מין אין דא · זא מאכט ער די ברכה דען אזו:

כָּל חֲמִירָא וַחֲמִיעָא דְּאִכָּא בִּרְשׁוּתִי דְּלָא חֲמִתֵּיהּ וּדְלָא בִעַרְתֵּיהּ לִבְטִיל וְלֶהֱוֵי כְּעַפְרָא דְאַרְעָא:

ז. רס״ז.

בערג כרמל שטיט איין הינדן אונ׳ שרייט(.) שפראך הש״י(:) ויער שרייט אזו ביזי(?) שפראך מיכאל(:) איין גווינרן(.) שפראך הש״י(:) העלף איר(,) אזו זאל איר אונ׳ אירן קינד גיהאלפן ווערן."

אזא אַרט ווי דער צווייטער „לחש" האָב איך געפונען אין „לחשים וסגולות" (ארויסגעגעבן דורך ישראל יודל גאָלדבערג און אברהם אבא אייזנבערג), ירושלים, תרמ״א, זייט ו׳ (נומער 24): „לחש לילד שצועק הרבה הנקרא קריקסעס, קח הילד ותעמוד בחוץ כדי שיראה איזה אילן ואמור: „איר טענען ביימער, איך האָב קינדער און איר האָט קינדער, איך האָב זון און איר האָט טעכטער, אייערע קינדער שווייגין און גידאוועריין און מיינע קינדער וויינען און שרייען, נאָמיר מחתנים זיין, לאָזין אייערע קינדער וויינען און שרייען און מיינע קינדער זאָלין שוואגין און שלאָפין בשלום. אמן כן יהי רצון."

ב) הגדות של פסח:

הגדה, פּראָג, רפ"ז, 1526 [ווינער 5].

[די באַרימטע אילוסטרירטע הגדה האָט פּאַראיאָרן, 1926, ארויסגעגעבן די געזעלשאַפט „מאָנומענטאַ העבראַיקאַ עט יודאַיקאַ", בערלין, אלס א פאַקסעמילע דרוק אויפס ניי. צום סוף געפינט זיך (און אויף ווי ווייט עס איז באַוואוסט, צום ערשטן מאָל) די איבערזעצונג פונם פּיוט „אדיר הוא יבנה ביתו בקרוב" — „אַלמעכטיגער גוט בויא דיין טעמפּל שירי, אַלזו שיר אין אונזרן טאָגן שירי יא שירי" — וואָס ווערט נאָך היינט צו טאָג געזונגען ביי פיל דייטשישע יידן מיט א באַזונדער נגון. דאָס ליד ציט זיך נאָכהער אַלפאַבעטיש ווייטער ווי „ברמהערציגר גוט", „גרעכטער גוט", „דעמטיגר גוט" און אז. וו. כדאי געווען ארויסצוגעבן דאָס ליד מיט אַלע וואַריאַנטן, וואָס וואָלט אילוסטרירט פאַרשיידענע שטופן פון אויסלייגאַכטס און פאָנעטיק פון יידיש].

הגדה, מנטובה ש"כ—כ"א, 1560 [ווינער 13].

[אין דער קונסט־אויסגאַבע געפינט זיך אויך דאָס אויבנדערמאָנטע ליד.]

הגדה... לאשכנזים ולועזים ולנשיהם... נדפס שנית, מנטובה שכ"ח, 1568 [ווינער 15].

[מיט דער הגדה קומען מיר שוין א שריט ווייטער. אויסער דאָס איבערזעצטע ליד „אלמעכטיגער גאָט" אויפן לעצטן זייט, געפינען מיר שוין אויפן צווייטן זייט שער די גאַנצע פסח־צערעמאָניע געגראַמט „דער סדר אין טויטשן בישיידליך. בויר ורויאן אונ' מיידליך". אן אנדער וואַריאַנט פונם „סדר" געפינט זיך שוין אויך, ווי פריינט יהודה יפה האָט מיר אָנגעוויזן, אין בן יקרס פאַרטייטשטן סדור איכענהוזן 1544. זע גרינבוימס כרעסטאָמאַטיע, 312—313. פריער קומט דער גאַנצער „סדר" אין יידיש־איטאַליעניש, נאָכהער אין „טויטשן". כדאי צו באַמערקן אז פאַר דעם ערשטן טייל, דעם איטאַליענישן, איז גענוצט געוואָרן קוואַדראַט שריפט און פאַרן צווייטן, דער ספּעציעלער שריפט פאַר יידיש.


דער סדר אין טייטשן בישיידליך · בויר ורויאן אונ׳ מיידליך:

הגדה, ויניציאה, שנ"ט, 1599 [וויגער 21].

[אויך דאָסזעלבע, נאָר מיט איין שפּראַך מער. דער סדר איז שוין אויף לשון לעז (איטאַליעניש), לשון ספרד און לשון אשכנז. און אויך די שריפט א דרייפאַכע: לעז — קוואַדראַט; שפּאַניש — רש"י און אשכנז — יידיש־טייטש! צום שלוס די איבערזעצונג פונם ליד „אדיר הוא".

אזוי אויך איבערגעדרוקט אין דער צווייטער אויסגאַבע דאָרט (ויניציאה) שס"א—1601 [ווינער 22], נאָר די רייע איז אַנדערש: ספרד—אשכנז—לעז. אויך דאָס שריפט איז דאָס מאָל פאַר ספרד, לעז—קוואַדראַט און אשכנז, ווי אַלעמאָל, אין ספּעציעלן שריפט.

אויך אין דער דאָרטיקער דריטער אויסגאַבע (פעלט ביי ווינער) פון יאָר שס"ג—1603, דיזעלבע זאַך לויט דעם סדר: לעז—אשכנז—ספרד. שריפט ווי אין דער אויסגאַבע פון 1599.

און דאָסזעלבע חזרט זיך איבער אין דער פערטער אויסגאַבע (פעלט ביי ווינער) פון ווענעציע שס"ד—1604. די רייע ווי אויך שריפט לויט די אויסגאַבע פון יאָר 1601. מיר

מחזור, מנהג אשכנז, סאלוניקי, 1555—1556.

[איבער דער זעלטענער אויסגאַבע פון דעם מחזור, זע געניוערס ביי: A. Berliner "Aus meiner Bibliothek" זייט 64-66].

דער מחזור איז ניט נאָר אָנגענומען געוואָרן ביי די צעשפּרייטע אשכנזישע געמיינדעס אין טערקיי (איבער זיי, זע: רוזאַנים: „דברי ישראל בתוגרמה" (הוסיאַטין, תרס"ח) א' ציון ה' אשכנזים, זייט 163—176) נאָר אומעטום. אַזוי האָבן אויך די אשכנזישע יידן אין איטאַליע גלייך איבערגעדרוקט דעם מחזור פאַר זייער געברויך, באַוואוסט אַלס די אויס־גאַבע פון סביוניטה־קרימונה שי"ז—ש"ך (1557—1560), אויף וואָסער שער עס שטייט „כמחזורי סלוניקי" (בערלינער, דאָרט, ז. 67—68).

איןביידע אויסגאַבן איז אָנגעגעבן „דינים", און דאָרט, איבערהויפּט ביי „דיני פּסח", געפינען זיך אַ היפּשע צאָל איינצלנע ווערטער אין יידיש. נאָר אויף זייט ק"ג (סאַלאָניקי) און אויף זייט ס"ח (סאַביאָנעטע) שטייט אַנטקעגן „כל חמירא" זאָגן אַזוי:

[illegible]:

כל חמירא דאיכא ברשותי דלא חמיתה ודלא ביערתיה ליבטיל ולהוי כעפרא

[illegible]

אל ארהופא און אל זויאר טייג דש דא איש און מיינם גוואלט דש איך ניט הב גזעהן און ניט הן ארויש גטון עש זאל זיין פר שטערט און זול זיין אז עש דער ערדן

[אין ביידע, אין קוואַדראַט שריפט. פּונקטירט. פּאַטאַסטאַט לויט סאַביאָנעטע].

סדר תפלות מכל השנה כמנהג האשכנזים, מנטובה שי"ח—1558.

[געזען אַן עקזעמפּלאַר אויף פּאַרמעט. ק. ב. 2084. יידישע צווישן־באַמערקונגען אין פאַרשיידענע ערטער, איבערהויפּט אין דער הגדה].

[סידור, סביוניטה, 1551—1560].

פּעלט, ליידער, ביז ז. קס"ח. צום סוף שטייט: „ובזה נשלם הסדור ב"ה, פּה סביוניטה ע"י ויצינצ"ו קונטי". דערוויילע ניט געפונען אין ערגעץ פּאַרצייכנט ביבליאָגראַפיש. אויפן רוקן־בונד אָנגעגעבן דאָס יאָר 1557 (?). ניט ווייסנדיק גענוי די דאַטע, גיב איך אָן די צייט ווען מע האָט געדרוקט אין סביוניטה. האָט יידיש. אין דער הגדה (מיט אַ באַזונדער שער, פון ז. רפ"ט ביז שי"ו). איז אַזויפיל יידיש ווי אין דער אויסגאַבע פון 1549.

מחזור מכל השנה כמנהג קהלות פיהם פולן ומערהרן ויניציאה שכ"ח, 1568 (בבית זורזי די קבאלי) [חלק ראשון].

[יידיש געפינט זיך אַזוי ווי אין דער סאַלאָניקער אויסגאַבע. דיזעלבע באַמערקונג אויף זייט קט"ו ביי „כל חמירא", נאָר אין קליינעם שריפט יידיש־דייטש].

[סדר תפלה כמנהג אשכנז] באזיל 1579.

[אין דעם עקזעמפּלאַר וואָס איך האָב געזען, פעלט טיטל־בלאַט. פאַרצייכנט C. B. נומער 2093.

— האָט צווישן באַמערקונגען אין יידיש. אין דער הגדה אַזויפיל ווי די ווענעציער אויסגאַבע פון 1545].

יוצרות כמנהג המדינות האילו פולן ופיהם ומערהרין ורוויסן... ויניציא בשנת נש"א [1591] ע"י זואן דגארה.

[אין דעם גאַנצן ספר (האַלט הונדערט בלאַט) געפינט זיך נאָר אויף זייט ל"ט די פאָלגנדע פראַזע: „נוך דער מגילה זאגט מן דאש" — אין ספּעציעלן שריפט חוץ דאָס וואָרט „מגילה", וואָס קומט ווי דער גאַנצער העברעאישער טעקסט, קוואַדראַט!].

תפלות מכל השנה כמנהג ק"ק אשכנזים, ויניצאה שנ"ט, 1599 (בבית זואן די גארא).

[די יידישע באַמערקונגען געפינען זיך אויף עטלעכע צענדליק זייטלעך].

מחזור... כפי סדר ומנהג דק"ק ורנקבורט ושאר קהלות... [הענא] שפ"ה.

[צעדנער, זייט 457. — אייניקע אומבאַדייטנדע פראַזן אויפן צווייטן זייט שער, ווי אויך אויף זייטן: ג, ה, ט"ו].

איז ער דערווייל געוואָרן מגיד אין אפּאטאָווס קלויז. צוליב פאַרשיידענע מאָטיוון פאַרלאָזט ער ווילנע און פאָרט אָפּ לערנען אין זשיטאָמירער ראַבינער שול. ער ווערט דאָרט לערער פון תלמוד. נאָר סאָבלס ראַבינערשאַפט, אַזוי ווי זיין רבנות איז געקומען ניט אין צייט. ווען ער האָט נאָך דריי יאָר לערנען געענדיקט די ראַבינער־שול, איז אים די שטעלע פון א „קאַזיאָנעם רב" שוין ניט געווען צום הארצן. ער האָט שוין געהאַט העכערע השגות און וויטערע אַמביציעס. איז ער אַוועק קיין אדעס און אריינגעטראָטן אין דער דאָרטיקער נייער רוסישער אוניווערזיטעט, וואו ער האָט שטודירט הויפּטזעכלעך מאַטעמאַטיק.

א מאַן אין מיטעלע יאָרן, א טאַטע פון קינדער און אָן שום שטיצע פון מעצענאַטן אָדער געזעלשאַפטן, האָט דער געוועזענער סלאַבאָדקער רב געמוזט שווער אַרבעטן, כדי צו קאָנען באַזוכן די אוניווערזיטעט. האָט סאָבל געעפנט א פּריוואַט־שול און אויך אַ ליי־ביבליאָטעק. ביי אָט דער לעצטער באַשעפטיקונג איז ער געבליבן אויך נאָכדעם ווען ער האָט, דריי יאָר שפּעטער, געענדיקט די אָדעסער אוניווערזיטעט.

די ליי־ביבליאָטעק האָט סאָבלן געגעבן די מעגלעכקייט צו באַפרידיקן זיין אומאויפהערלעכן דאָרשט נאָך בילדונג. ער האָט פאָרטגעזעצט צו לערנען און לייענען. באַזונדערס האָט ער זיך דעמאָלט אָפּגעגעבן מיט דער נייער רוסישער ליטעראַטור ער איז גלייכצייטיק געוואָרן באַפריינדעט מיט די בעסטע ליטעראַרישע כחות פון אָדעס און קאָרעספּאָנדירט מיט די גדולים פון רוסלאַנד, עסטרייך און דייטשלאַנד און אויך אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין פאַרשיידענע העבראַאישע זשורנאַלן: „המגיד", „המליץ", „הצפירה", „השחר". ווען פּרץ סמאָלענסקין, דער רעדאַקטאָר פון „השחר", איז געוואָרן קראַנק, האָט יעקב צבי סאָבל, לויט ווי זיין טאָכטער טיילט מיר מיט, א ווייל רעדאַקטירט סמאָלענסקינס זשורנאַל.

דער פּאָגראָם אין אָדעס, פון פּסח (28טן מערץ, 1871), האָט סאָבלן אינגאַנצן רואינירט. זיין ביבליאָטעק איז געוואָרן אינגאַנצן צעשטערט. אירע ווערטפולע יידישע ספרים און וויסנשאַפטלעכע ווערק אין רוסיש, דייטש און פראַנצויזיש האָבן די פּאָגראָמשטשיקעס צעריסן אויף שטיקלעך און אַוועקגעוואָרפן אויפן מיסט. אַזאַ סך הכל האָבן זיי אויך געמאַכט פון זיינע פילע מאַנוסקריפּטן.

פון זיינע פריערדיקע יאָרן פון לומדות, רבנות און השכלה, האָט יעקב צבי סאָבל געהאַט אַסך פאַרשיידענע מאַנוסקריפּטן: חדושים בש"ס, פּלפּולים, אַ גאַנצן ספר „דרושים על פּי המחקר", באורים אויפן תנ"ך, דערציילונגען און א בוך אין פיר טיילן — „החוזה חזיונות בארבעה עולמות" (זעאונגען אין פיר וועלטן).

אין דעם ערשטן טייל פון אָט דעם ווערק, וואָס איז ארויס אין אָדעס, 1872, ווענדט זיך סאָבל צום עולם מיט אַ „מודעה", אַז ער האָט דערפאַרן, אַז מענטשן האָבן אויפגעקליבן פונם מיסט זיינע מאַנוסקריפּטן. בעט ער מ'זאָל עס אים צוריקקערן. וואָרנט די געפינער עס ניט אָפּצודרוקן, ווייל אין זיינע כתבים זיינען דאָ אַסך טעותן און נויטיקן זיך אין רעווידירן, אין איבעראַרבעטן. ער סטראַשעט אויך מיט געריכט, די וואָס וועלן אָפּדרוקן זיינע כתבים אויף זייערע נעמען. נאָר, קענטיק, אַז ער האָט זיי ניט מער צוריקגעקראָגן. וואָרים מער ווי דער ערשטער טייל פון זיינע „חזיונות" איז ניט ארויס אין בוך־פאָרם.

2.

סאָבלס „החוזה חזיונות בארבעה עולמות" איז ארויס אין אָדעס אין יאָר 1872 — בשנת „מעולם האמת". ס'האָט אַן הקדמה פון 40 זייטן און דערנאָך קומען 2 זייטן שירים: פּאַראָדיעס און סאַטירעס, וואָס לאַכן אויס די מקובלים און זייער פאָרשטעלונג פון יידישן לעבן אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. פאַראַן אויך א בילד, ווי משה רבינו קומט אַרונטער אויף דער ערד און דערקענט ניט זיין תורה, צוליב די פילע צאַמען ארום איר.

נאָר אַזוי ווי פריער אין זיין לעבן, אַזוי שפּעטער אין זיין שאַפן, איז יעקב צבי סאָבל תמיד אין קאָנפליקט מיט זיך אַליין. ווען ער האָט איבערגעגעבן צום דרוק זיינע „זעאונגען" איז ער שוין געווען ווייט אַוועק פון זיי. ער האָט שוין איינגעזען, אַז דער אַבערגלויבן איז ניט די אורזאַך נאָר דער רעזולטאַט פון דער פינסטערניש אין וועלכער די יידישע מאַסן לעבן. איז זיין לאַנגע הקדמה אַ רעוויזיע פון דער משכּילימשער אויפקלערונג־טאַקטיק. קומט ער צום זעלבן באַשלוס ווי מענדעלע מוכר ספרים, אַז „קיין טאַנץ גייט ניט פאַרן עסן".

זעען נאָר דאָס „אשכנזי״ קומט איין מאָל צום סוף די איבעריקע דריי מאָל — אין מיטן, אבער קיינמאָל ניט צום ערשטן].

הגדה... בלה״ק ופתרונו בלשון איטליאנו, ויניציאה, שס״ט, 1609.

[די אילוסטרירטע שיינע הגדה איז געדרוקט גלייכצייטיק אין דריי באזונדערע אויסגאבן מיט דריי פארשיידענע איבערזעצונגען: העברעאיש—איטאליעניש (געזען צוויי עקזעמפּליאַרן אויף פּאַרמעט און פּאַפּיר), העברעאיש—שפּאניש (ניט געזען) און העברעאיש—יידיש־דייטש (א טייל בלעטער פון דער אויסגאבע געפינט זיך אין יהודה יפהס פּריוואַטער קאָלעקציע). ווינער (26, 27, 28) באמערקט, אז קיין עקזעמפּליאַרן זיינען ניט באקאנט. אזוי האָט ווינעציע שפּעטער צו אויך ארויסגעגעבן גלייכצייטיק דריי איבערזעצונגס־אויסגאבן אין יאָר שפּ״ט (ווינער 30, 31, 32 — געזען אלע דריי), תכ״ד (געזען אלע דריי), תנ״ה, תע״ו. — דאָס אינטערעסאנטסטע דערביי איז, אז אפילו די אויבנגעבראכטע אויסגאבע מיט דער איטאליע־נישער איבערזעצונג פון יאָר שס״ט האָט צום שלום דאָס ליד „אלמעכטיגר גוט״, מיט א באמערקונג: „האשכנזים נוהגים לומר אלו הפזמונים״. אזוי איז אויך אין דער איטאליענישער אויסגאבע פון שפּ״ט, נאָר אָן דער באמערקונג. צי די שפּאַנישע אויסגאבע פון יאָר שס״ט האָט דאָס ליד — ווייס איך ניט. די פון שפּ״ט האָט ניט. פּארקערט, די ביידע אויסגאבן פון תכ״ד, האָט יאָ. די איבערזעצונגען קומען אין קוואדראַט־שריפט און דאָס יידיש אין זיי, אין דעם ספּעציעלן שריפט.]

קלמן מרמר:

צוויי יובילייען.

דאָס ערשטע יידיש ביכל אין אמעריקע און די ערשטע צייטונג אין יידיש אין שיקאגע, וואָס זיינען אַרויס אין יאָר 1877.

א.
דער פּאַרפאַסער פונם ערשטן יידישן ביכל אין אַמעריקע און זיין ווערק.

1.

דער פאַרפאַסער פום ערשטן יידישן ביכל אין אמעריקע, יעקב צבי סאָבל, איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1831, אין שאַוולי, קאָוונער גובערניע.

זיין פאָטער, ר׳ יצחק, איז געווען דין אין שאַוולי. זיין מוטער האָט אפּגעשטאַמט פון ווילנער גאון. האָבן זיי נאַטירלעך געגעבן זייער זון א רעליגיעזע יידישע דערציאונג, אין חדר און ישיבה.

ביז זיין 22טן יאָר האָט יעקב צבי סאָבל געלערנט אין זיין געבורט־שטאָט. נאָך זיין חתונה, אין קעלם, האָט ער דאָרט געלערנט גמרא מיט קינדער פון רייכע עלטערן. צוויי יאָר שפּעטער איז ער אוועק קיין קאָוונע, וואו ער איז דריי יאָר געווען ראש ישיבה אין הירשל נאָוויאַזקערס קלויז. באַלד נאָכדעם קריגט ער סמיכת אויף רבנות און ווערט א רב אין סלאָבאָדקע.

נאָר סאָבלס רבנות איז געקומען ניט אין צייט. ער האָט אין קאָוונע זיך באקאַנט מיט די שריפטן פון יצחק בער לעווינזאָן, אברהם מאַפּו, קלמן שולמאַן א. ד. ג. און פאַר זיינע אויגן האָט זיך געעפנט א נייע וועלט. האָט ער זיך גענומען צו וועלטלעכער בילדונג, געלערנט אין געהיים רוסיש, דייטש, מאַטעמאַטיק און אז. וו. נאָר זיין סוד איז לאַנג ניט געבליבן פאַרבאָרגן. איז געוואָרן א גרויסער סקאַנדאַל און יעקב צבי סאָבל האָט געמוזט פאַרלאָזן סלאָבאָדקע און ווערן אויס רב.

דער דרייסיק יאָריקער עקס־רב ווענדט זיך דאַן קיין ווילנע, מיטן געדאַנק אריינצוטרעטן אין דער דאָרטיקער ראַבינער־שול. נאָר אזוי ווי ער איז נאָך ניט געווען גענוג צוגעגרייט,

יעקב צבי סאָבל האָט זיך דערפון געפילט זייער נידערשלאָגן. זיינע געפילן איבער דעם האָט ער אויסגעדריקט אין א ביכל לידער, אין העברעאיש און יידיש, וואָס ער האָט ארויסגעגעבן אין ניו יאָרק מיט 50 יאָר צוריק, אין 1877.



שִׁיר זָהָב
56091
לכבוד
יִשְׂרָאֵל הַזָּקֵן׃

„O. sage nur Jedem
Es offen und frei:
Ein Jude nun bin ich
Und bleib' es getreu!—"

אֲשֶׁר שָׁר
יַעֲקֹב צְבִי סָאבֶּעל
מְחַבֵּר
סֵפֶר הַחֹזֶה חֶזְיוֹנוֹת בְּאַרְבָּעָה עוֹלָמוֹת׃

איבער זעטצט אין יודיש דייטש,

יִשְׂרָאֵל דֶער אַלְטֶע,

דיעזע גאָלדענע ליעדער,
אָה, מיינע ליעבען ברידער!
געשריעבען מיט ענערגיא,
צו איבער ציינען ריכטיג,
וויא הערליך אונד וויכטיג,
איזט יודישער פאָעזיא.

דאס דיא היילינע שפראכע,
איזט דיא איינציגע זאכע,
וועלכע מיט אונז וואונדער טהוט;
דאס ווען דיעזע שפראכע בליהט,
דאן וויים דער איזראעליט,
ער האט קוראז, שטאָלץ אונד מוטה!

געדרוקט בייא מ. טאפאלאווסקי, 112 קאנאל סטריט נויארק.

בשנת לְכָבוֹד הוֹד גּוֹי יִשְׂרָאֵל לפ"ק.
נוא יארק.

M. Topolowsky, Book & Job Printer, 112 Canal Street, N. Y.
1877.

פאַדערבלאַט פון דאָס ערשט יודיש ביכל אין אַמעריקע
(פון אָריגינאַל אין ניו יאָרקער שטאַטביבליאָטעק).

אַט די לידער־זאַמלונג: „שיר זהב לכבוד ישראל הזקן", אָדער „ישראל דער אלטע", איז וואַרשיינלעך דאָס ערשטע אמעריקאניש בוך אין דער יידישער שפראַך. דאָס קליין ביכל, 36 זייטן אין א °16 פאָרמאַט, באַשטייט פון פיר העברעאישע לידער: „הדבורה" (די בין). „ישראל הזקן" (דער אַלטער ישראל), „תלמיד חכם פולני באמיריקא" (דער פוילישער תלמיד חכם אין אמעריקע) און „חתן וכלה או גמול היהודים ברוסיה" (חתן־כלה און דער לוין פון די יידן אין רוסלאַנד). די ערשטע דריי זיינען איבערגעזעצט, ריכטיקער, איבערגעדיכטעט אין יידיש.

צום סוף, קענטיק, כדי אויסצופילן דאָס איבערגעבליבן ליידיק פאפיר, גיט דער מחבר צו א פּאָר שטיקלעך פּראָזע: 1) אַ אָנווייז, אַז אין דעם נביא „מלאכי" איז פאַראַן אַ „אויסדריקלעכער פּראָטעסט" קעגן קריסטנטום. דערמיט ווערט אינדירעקט אנגעדייט, אַז דער

סאָבל פאַרגלייכט דעם אבערגלויבישן יידן צו אַן אָרימאַן, וואָס שכורט פאַר צרות. אזא שכור, זאָגט ער, קאָן מען ניט העלפן דורך דערווייטערן אים פון ביטערן טראָפּן, נאָר דורך פאַרבעסערן זיין לעבן. די יידישע מאַסן, זאָגט ער ווייטער, נייטיקן זיך מער אין א ביליקערן פונט פלייש ווי אין אַן אָרגל אין שול. ער ווייזט נאָך מיט ציטאַטן פון רוסישע און אנדערע ליטעראַטורן, אז אַלע מענטשלעכע ליידן און דערנידעריקונגען שטאַמען פון אָרימקייט. איז דערפאַר קיין אונטערשייד ניט ווי און וואָס מ׳וועט זיין אין בית המדרש. וואָרים ס׳איז ניטאָ אַזאַ צדיק, וואָס זאָל קאָנען ביישטיין נויט. איז דערפאַר דער צדיק און הייליקער פונם בית המדרש געצוואונגען צו ווערן דער רשע און פאַרברעכער אויפן מארק. אָנשטאָט צו רעפאָרמירן די יידישע רעליגיע, זאָל מען ליבער רעפאָרמירן דאָס יידישע לעבן. אויב מיר, רעפאָרמער, זאָגט סאָבל, מיינען ערנסט מיט די יידישע מאַסן, טאָ —

„אַיילט זיך צו פאַרוואַנדלען אַייערע טעמפּלען און סינאַגאָגן אין פאבריקן. טוט אויס די כהונה־קליידער פון די פּרעדיקער, זינגער און שפּילער און באַקליידט דערמיט די אָרימע קינדער פון אַייער פאָלק; פאַרקויפט די שפּיל־אינסטרומענטן אָדער פאַרבייט זיי אויף געציייג, רופט ספּעציאַליסטן פאַר יעדער מלאכה און טעכניק פון לאָנדאָן, פון בערלין, און זאָלן זיי לערנען אייערע פאָלקס־קינדער מלאכה און פאבריקאַציע, וועט איר דאַן זיין גליקלעך און אויך פארשאַפן יידן כבוד" (ז. 21).

סאָבלס נייער אידעאַל איז ארבעט. ווענדט זיך דער געוועזענער סלאָבאָדקער רב ווען דעם אויך מיט א רוף צו די רבנים:

„מיר פאַרלאַנגען ניט פון אַייך זיך צו נעמען די מי אויסצורייניקן דעם שלחן־ערוך פון דער טומאה פון קבלה, נאָר מיר פארלאַנגען לעבן, אָ לעבן! לעבן! דאָס לעבן פון יידישן פאָלק, וואָס ליגט אין אַייערע הענט — הייבט אויף דעם כבוד פון דער מלאכה! און פארשאַפט יידן כבוד, און אָנשטאָט, וואָס ביז איצט האָט איר דערנידעריקט דעם כבוד פון די בעלי מלאכות דורכדעם וואָס ביים אויפרופן צו דער תורה רופט איר זיי אָן מיטן נאָמען חבר (כאָווייר) און יעדן בטלן און לוידיקגייער מיטן נאָמען מורונו. פון איצט אָן און ווייטער ווען איר רופט אויף אַ בעל מלאכה, רופט אויף אַזוי: „יעמד הישר באָדם ונקי כפים ר׳ פלוני האמן!"[1] (זייט 22).

ער אַטאַקירט אויך די רייכע משכילים פאַר ניט פארשפרייטן קיין השכלה, פאַר ניט העלפן די אָרימע לערנער, וואָס ווילן שטודירן. דערמאָנט דעם פאַקט, אז ס׳איז שוין צוועלף יאָר, ווי ער זוכט בילדונג, נאָר די משכילים העלפן אים ניט. ער ווייזט אָן, אז א קליין שטעטל אין ליטע גיט אויס מער אויף תורה ווי די גאַנצע חברה „מרבי השכלה בישראל" אויף בילדונג (6,000 רובל אין זעקס יאָר). באַזונדערס פארדאַמט ער די רייכע וואָלינער יידן, קינדער פון חסידים, וואָס האָבן ארויסגעוויזן שטיינערנע הערצער, ווען מ׳איז געקומען צו זיי נאָך הילף פאַר די ליידנדיקע יידן פון אנדערע לענדער.

3.

נאָכן פאָגראָם פון אָדעס איז יעקב צבי סאָבל אַוועקגעפאָרן זוכן גליקן קיין אמעריקע. און ווידער איז ער אנטוישט געוואָרן אין זיינע אילוזיעס.

די גרויסע יידישע עמיגראַציע פון מזרח־אייראָפּע האָט זיך נאָך ניט געהאַט אָנגעהויבן. די איינצלנע אימיגראַנטן האָבן זיך מערסטנס גענומען צו פאַקנטרעגעריי. זיי האָבן געפּעדלט איבער דערפער און שטעט.

די „אינטעליגענטע כחות" אין וועלכע אָט די מאַסן האָבן זיך גענויטיקט זיינען באַשטאַנען צוערשט אין שוחטים און שפּעטער אויך אין רבנים און אנדערע כלי־קודש. האָבן די תלמידי־חכמים פון פוילן, וואָס זיינען ניט געווען מסוגל צו זיין כלי־קודש, אָדער ניט געקראָגן קיינע פון אָט די ווייניקע שטעלעס, זיך געמוזט נעמען צום פּעדלען.

דער ארויפגעאַרבעטער ייד אין אַמעריקע, דער אויפגעקומענער נגיד, אָדער „אָלרייטניק", ווי ער הייסט אין היינטיקן אמעריקאַנעם יידיש, האָט בכלל געהאַט ווייניק רעספּעקט פאַר מענטשן פון גייסט, בפרט נאָך פאַר אַן אָרימען פּעדלער. דערצו האָט אָט דער אויפגעקומענער ייד געזוכט זיך וואָס מער צו אַמעריקאַניזירן, זיך צו פירן ווי די וועלכע ער האָט באַטראַכט פאַר העכער פון זיך, שטאַרקער, איינפלוסרייכער. האָט ער זיך געשעמט מיט זיין מאַמע־לשון און ניט געלייגט קיין כבוד אויך אויפן לשון־קודש פון זיינע אָרימע תלמידי־חכמים.

[1] דער ערלעכער מאַן מיט די ריינע הענט, ר׳ פלוני דער בעל מלאכה!

אין אַ ריי פערזן שילדערט סאָבל די יידישע ליידן אין פאַרשיידענע צייטן און ערטער. מאַכט בייסנדיקע באַמערקונגען איבער דאָס קריסטנטום, וואָס האָט זיי פאַרפאָלגט. ער זוכט צו באַווייזן, אַז אַ לאַנד גייט גוט, ווען עס באַהאַנדלט פיין יידן, ווען דאָרט איז טעטיק דער יידישער גייסט:

„בעפאָר הערץ וויזעלס ציים, וואַר פּרייסען איין קליינעס רייך
דורך דעם גייסטרייכען יודען, וואַר עס בעלעבט אונד רייך.
יעצט בייא הילדסהיימער, דאָרט אין זיינעם קלייזעל,
אונד אין אויבס טעמפּל, גיעבט מער קיין הערץ וויזעל,
וייל די גייסטרייכע שפּראַכע איזט דאָרט לעבלאָז אונד טאָדט,
מוס ביסמאַרק מיט זיינע מיליאַרדען שפּיללען באַנקעראָט.“

„אונד טראָץ דער אונגעהייערען קאָנטראַבוציאָן,
ווי גליקליך אין פראַנקרייך איזט דאָרט די נאַציאָן!
וייל יודישער אַליאַנס, האַט דאָרט זיינע ריכטער.
אונד דאַרום זאַגען איזראַעלס דיכטער:
אויס איזראַעל שטראָמט תורה ליכט צו יעדער נאַציאָן,
אונד אויס פראַנקרייך, פּרייהייט אונד עמאַנציפּאַציאָן!“

4.

שוין אין זיין ליד „ישראל דער אַלטע“ געפינען זיך אָנדייטונגען אויף דאָס יידישע לעבן אין אמעריקע פון די זיבעציקער יאָרן. דער אָפּגרונט צווישן די אָרטאָדאָקסן און רעפאָרמער איז געווען ניט בלויז אַ קולטורעלער נאָר אויך אַן עקאָנאָמישער:

„שמאַך דיר! וועלכע אויס מיינער שפּראַכע שפּאָטעט,
וועלכע דעם גאַלדענען קאַלב מיט דעם אָרגל אַנבעטעט.“

נאָר אין גאַנצן לעבנסשטייגער איז דאָס ליד „דער פּאָלנישער תלמיד חכם אין אמעריקא“. דאָרט מאָלט ער פאַר אונז אויס אַ רעאַליסטיש בילד. מיר זעען דעם „תלמיד חכם אויס פּאָלען“, אָדער דעם משׂכּיל פון ליטע, וואָס קומט אין אמעריקע מיט גרויסע דערוואַרטונגען און ווי זיינע אילוזיעס ווערן צערונען, ווען ער שלאָגט זיך אָן אינם פעלד פון דער ווירקלעכקייט. ס'פּילט זיך אויך אָין דאָס ליד אַ היפּש ביסל אויטאָביאָגראַפיע. זיינע אייגענע חלומות און אַנטוישונגען.

דאָס ליד „דער פּאָלנישע תלמיד חכם אין אמעריקא“ באַשטייט פון 12 פערזן און לייענט זיך ווי פאָלגט:

.1

„נון בין איך שאָן אין דעם פרייען לאַנדע,
וואָ עס עקסעסטירט גלייכע 'רעכט',
וואָ דער יודע איזט ניכט צו שאַנדע,
וואָ דער העדר איזט גלייך וויא דער קנעכט.
וואָ עס גיבט קיינע סקלאַפּען,
קיינע באַראָנען, קיינע גראַפען;
נון, גאָטט זייא דאַנק, איזט מיר אללעס געלונגען!
פּוילע יתום, פאַני וועללמאָזי,
קנאה, שנאה, חוצפּה, העזה,
מיט רעליגיאָנס האַסס האַט דער ים פערשלונגען,
צוואַהר, בייא זיך האַב' איך נור איין סענט,
אונד מיין זאָהן קען זיין פּילייכט פּרעזידענט!

.2

איך תלמיד חכם אויס פּאָלען,
דאָרט האַבע איך געדולדעט פּיעל;
היער ווערדע איך מיך ערהאָללען,
ערררייכען דאַס גאָלדענע ציעל;
היער מוס איך בעשטרעבען,
וויא איין מענש צו לעבען,
שאָן ענדע מיט דעם ווילדען געזינדעל,

תנ"ך איז געשלאָסן געוואָרן ערשט אין דער קריסטלעכער צייטרעכענונג; 2) א דערקלערונג צו א שטעלע אין „תרגום אונקלס".

דאָס ערשטע ליד, „די ביענע", איז אייגנטלעך אַן איינלייטונג צו די לידער־זאַמלונג. ס'זוכט צו דערקלערן דעם פֿאַרפֿאַסערס אַבזיכט מיט זיין ווערק.

די בין ווערט געפֿרעגט:

„וואָצו דוא ביענע ווילסטו דוא נור בעשטרעבען,
פאָן דיינעם האָניגע אַנדערן צו געבען?
ווייסטו דוא דען ניכט, אַלע ווערדען עס נאַסען,
אונד דיך פיללייכט פאָר הונגער שטערבען לאַסען?"

נאָר די בין ענטפֿערט:

„איך וויים עס, איך בין אָבער זאָ געשאַפֿן,
זיך פערגניגען, אונד פערגניגען פערשאַפען!"

דיזעלבע פֿראַגע ווערט נאָכדעם געשטעלט צום מחבר:

„דוא יודישער שריפטשטעללער, זאַגע וואָצו
שרייבסט דוא, ווען דוא איין יודע ביזט, איין דזיו?
מיט דער פעדער בייסט דוא, זאָ וויא דיא ביענע,
ווען אויך דו גיעבסט האָניג אויס דיינעם זיננע,
געהיילט ווירד ווערדען ווער פאָן דיר געביסען,
פיעל ווערדען אויס דיינעם האָניגע געניעסען.
פיעלייכט אויך דיך שמייכלען, דו האַסט טאַלענט,
אַבער, ווערסט דו דען פראַפיטירען איין סענט?
מאַנכער יודע, ווערד נאַך דיין ווערקכען לייהען,
אונד עס לעזען שטילל, אונד הער נאַך שרייען,
„ניע לעזע איך יודישע ליטעראַטור,
דען איין בריטע בין איך, אדער גאַר איין מוהר".
זאַגע נון שריפטשטעלער, דו יודע, דו דזיו,
וואָצו דיין שרייבן? דיינע מיהע וואָצו?"

אויף דעם ענטפֿערט דער מחבר, ענלעך צו דער בין:

„איך וויים עס, לאַסס' זיא אויס מיינעם ווערק נאַסען,
אַבער, מאַנן מוס לעבען, אויך לעבען לאַססען."

דאָס צווייט ליד, „ישראל דער אַלטע", וועמענס נאָמען דאָס ביכל טראָגט, האַלט 23 פֿערזן צו זעקס צײַלן. ס'איז א הימן צום יידישן פֿאָלק און דער „העברייעשע שפּראַכע". ער הייבט אָן שטאָלץ:

„איך בין דער אַלטע ישראל, אַלט פיער טויזענד יאַהר,
איין דזיו, איין זשיד, איך זאַג' עס אָפען אונד קלאַהר!
איך בין איזראַעליט, איך וויל זיך ניע מאַסקיערען,
דער אַלטער רבי יודעל, איר מוסט איהם רעספּעקטירען,
אַלט וויא גאַטטעס שפּראַכע די פירסטין דער שפּראַכען,
איהר מוסט מיך עהרען, ווי קענט איהר אויס מיר לאַכען!"

העברייאיש איז דעם אַלטן ישראל טייער, ווייל אין איר איז געשריבן זיין תורה, אויף איר האָט ער געפֿירט זיין רעגירונג, אויף איר האָבן גערעדט זיינע „פּראָפֿעטן" און געזונגען זיינע „שעהנסטע פּאָעטען". ער פֿירט אויס:

„מיין גאַנצער כבוד איזט אין דער שפּראַכע געבליעבען,
מיין אַלטער יחוס איזט אין העברייעשען געשריעבען,
מיין קעניג, מיין לאַנד, מיינע טאַפּפערע סאָלדאַטען,
זינד געוואָרען צערשטערט דורך ראַמישע האַרעמאַטען,
פאָן מיינע גבורות, פון מיינער גאַנצען מאַכט,
די העברייעשע שפּראַכע איזט יעצט מיין פּראַכט."

7.

איך האַב׳ שאָן געלד, בין איך דאָך קיין פול,
מאַן צאהלט מיך שאָן אונטער דזענטל לייט,
זאָ גיעג איך נאַך אייגער שוהל
פלעטצליך: וואַר דאָרט איין גראָסער שטרייט,
מאַן בעגראַבט זיך צעהן קלאַפּטער,
אום ששי אָדער אום מפטיר,
זאָ ענטראַגן איך, פאָלל אנגסט פאָלל בעבען,
אום צו האַבען אַיין עקסעמפּל,
פאָן דער שוהל מיט דעם טעמפּל,
נאַך איינעם קלוב וועלכע דאַגעבען,
דאָרט וואַרען פאָלען אונד דייטשען בייא זאַממען,
דזענטעל לייט, דזענטל וואומענס. העררען אונד דאַממען.

8.

אַיין יינקע שטרייט, ווירד דאָרט געשטריטען:
איך בין יינקע! דען איך רופע מיין ווייב „ווייף“.
ניין, איך בין יינקע! וואָלטע דער צווייטע ביטען;
דען איך ווייס ביים עשען, צו האַלטען פאָרק אונד נייף
אונד מיין מיסיס האַט איין גאָלדנען ציין
אונד מיין מיסיס האַט אַללע נייע ציין!
אונד איך געהע סאָנדייא אין צאָרץ בעשטענדיג!
אונד איך קייע טאַבאַק אונד קענדע זיסע!
אונד איך לעגע אויף דעם טיש ביידע פיסע,
וועהרענד איך גיעב (וואַס ניכט אַנשטאַנדיג)!
אונד מיין מיסיס קענן ווי איין יינקע קוויטצען!
אונד מיין מיסיס פלוידערט, אונד רעדט פוילע וויטצען!

9.

אונד מיין זאָהן געהט שאָן אַכט יאַהר אין סקול,
ער איזט שאָן אַיין אַמעריקאנער (לויפער)!
אונד מיין זאָהן ווייס אריפמעטיקע (מעהר ווי איין נול),
אונד מיין זאָהן אייז גוד טעמפּלער (דאָך אַיין זניפער);
אונד מיין זאָהן ספעללט שאָן Dog!
אונד מיין זאָהן ווייס אויך Pig אונד Hog!
אונד אויף מיין זאָהן מיינט מאַן ער זייא איין כריסט!
אונד מיין זאָהן איזט וויא איין רעפּובליקן סמאַטה!
אונד מיין זאָהן איזט איין וואַהרער דעמאָקראַטה!
אונד מיין זאָתן איזט אין צעהן וואָכען מאשיניסט,
אונד מיין זאָהן ווייס צו הינער אויגען מיקסטור,
אַמעריקא פארדאנקט אונז פיר איהר קולטור.

10.

זאָ האַבען זיא ניכט די גוטע מדות,
היער נאַך אַמעריקא געבראַכט,
ניכט פאָן השכלה ניכט פאָן חסידות,
אויף דעם האַבען זי גאַר אויסגעלאכט;
דו זאַגסט דאָך מאַן דאַרף זיין אויך אין יודיש געלעהרט,
מיט דעם ווערט מאַן דאָך חללה אויף געקלעהרט!
אונד וואַס זאָרגסט דוא זאָ וועגען אונזער נאַציאָן?
מיט דער יוגענד היער איזט שאָן געווים אָל רייט,
תורה מיט חכמה איזט בייא איהנען זאָ וויט,
דאַס זי ווייסען זאָ פיעל פאָן רעליגיאָן,
דאָס זי תורה קעננען ביז פרשת בשלח,
אונד נאָך אין ענגליש. — דאַס קענן נור איין מלאך

שאָן אַיין ענדע מיט מסר׳ן,
מיט רב׳ליך מיט אַסר׳ן
שאָן ענדע מיט אַללער שווינדעל;
היער בין איך יהודי, ניכט דורך אויגען גלאָטצען;
אַרבייטען עהרליכקייט, זאָל זיין מיין פּאָטסען.

3.

איך זאַה אַיין שלאָסס מיר ענטגעגען
גראָסס אונד האָך ווי אַיין גיגאַנט,
צו איהם פאַהרען פיל וואגען
גוטע פפערדע הין איין געשפּאַנט,
היר גיעבט איין אָרכעסטער,
אויך אַיין כאָהר דער בעסטער:
איך גלויבטע, דאַס זייא איין פאַבריק,
אונד יענער רייכע פּריסט,
איזט גאַר איין אַרטיסט,
ער אונטערריכטעט פּהיזיק, מוזיק,
די פפערדע זינד פיר יעדעם אַרמען בויא,
יודען איבען זיך היער, אים אַקקער בויא.

4.

וויר צייכנען זיך אויס אלס עם סגולה,
אויך איך בעקאָממע לאַנד אונד הויז,
דען היער גיעבט דאָך איינע לאַנד בויא שולע,
צוויי זעהנע אַרבייטען דאַס לאַנד אויס,
איך בעקאָממע פפערדע אָקסען,
ווייטץ אונד וויין, נור קיין לאָקסען,
איך אַמעריקאַנער, איך בין קיין נאַרר!
צוויי זאָהנע לערנען שלאססער,
איינער אַרצט, איינער לאַנד מעססער,
היער גיעבט אויך אַיין יודישעס סעמינאַר,
מיין מוזיניק האַט דאָרט סטודירט ראַבינער,
זיא זינד פערזאָרגט מיט סאַפיר מיט דינער!

5.

קוים האַט מאַן מיך אין יענעם שלאָסס,
דאָרט הינאַיין געפיהרט,
דא קאַם צו מיר דער באָס,
(ער שיינט צו זיין ציוויליזירט)
ער זאַגטע מיר מיט היטצע,
הערונטער איהרע מיטצע!
היער איזט יאַ טעמפל, אַיין גאָטטעס הויז,
אונד דאס קאָסטעט אַיינע מיליאָן,
דער יודישען אַרמען נאַציאָן!?
שריע איך ערשראָקען אויס:
זאָ פריסט איין פּריסט אויף תּונדערט ארמע ברידער,
אונד איין כאָהר מעטצעלט אונז טוזענדע ניעדער!

6.

אונד פלעטצליך האַב׳ איך זיך אויף געוואַכט,
איך זיהע: אַיין לאַסט אויף מיינעם ריקקען,
איך טראַגע עס איבער קראַפּט איבער מאַכט,
נישט דאַ מיט וואַס זיך צו ערקוויקען;
אַך אוי, וועה איזט מיר!
איך קריעכע אויף אַללע פיער,
צו נאַכטען אירגענד ביי איינע פאַמער,
איך שטעה אויף מאָרגען,
פאָלל קומער, פאָלל זאָרגען,
עס איזט איין עלענד, איין יאַממער!
זאָ לעבע איך היער אין דער נייען וועלט,
ביז איך ערווערבע מיך אַיין וועניג געלד.

שרייבט מיר, אז ער איז געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1871. נאָך אפרים דיינארד, אין זיין בוך „ביבליאָגראַפיע פון העברעאישע ביכער אין אמעריקע", גיט אָן דאָס יאָר 1875.

מיט וואָס סאָבל האָט זיך באַשעפטיקט „גרינערהייט" איז ניט באַשטימט געגוי. זיינע אַ צוויייטע טאָכטער האָט מיר אַמאָל דערציילט, אַז ער האָט אויך אין ניו יאָרק געהאַלטן אַ לייַ-ביבליאָטעק. נאָך דיינארד שרייבט, אַז סאָבל האָט זיך אָפּגעגעבן מיט לערעריי. זיכער איז, אַז ער האָט מיטגעאַרבעט אין אַלע אַמעריקאַנער העברעאישע אויסגאַבן. זיין אויבן־דערמאָנטע טאָכטער טיילט מיר מיט, אַז ער האָט געשריבן אין ענגלישע צייטשריפטן: אין „דהי טרוט סיקער", ניו יאָרק, און אין די שיקאַגער „דעילי ניוס".

אין יאָר 1914 האָט מיר אַ שיקאַגער משכיל, הירשע הורוויץ, פאָרגעשלאָגן צו עקזאַמינירן און קלאַסיפיצירן סאָבלס נאָכלאָס, וואָס איז באַשטאַנען אין מאַסן בריוו און מאַנוסקריפּטן אין פיר־פינף שפּראַכן. צוליב געוויסע סבות האָב איך דעמאָלט די אַרבעט ניט געקאָנט אונטערנעמען. אַרום צען יאָר שפּעטער, אין 1924, האָב איך זיך וועגן דעם געווענדט צו סאָבלס טאָכטער, אין וועמעס רשות זיין נאָכלאָס איז געבליבן. זי האָט אויסגעמידן אַ דירעקטן ענטפער און ס'זעט אויס, אַז יעקב צבי סאָבלס נאָכלאָס איז פאַרלאָרן געגאַנגען.

ב.

די ערשטע שיקאַגער צייטונג אין יידיש און איר רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער.

1

די ערשטע צייטונגען אין יידיש אין ניו יאָרק און שיקאַגע זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַר מלחמה־נייַעס.

צוליב דער פראַנצויזיש־פּרייסישער מלחמה איז אַרויס אין 1870 די ניו יאָרקער „פּאָסט". צוליב דער רוסיש־טערקישער מלחמה איז אַרויס אין 1877 די שיקאַגער „איזראַעליטישע פּרעסע".

וועגן דער גרינדונג פון דער „פּאָסט", די ערשטע אַמעריקאַנער צייטונג אין יידיש, האָב איך שוין דערציילט אין אַן אַנדער פּלאַץ („האַמער", אַפּריל, 1926). דאָ וועל איך נאָר באַריכטן וועגן דער „איזראַעליטישער פּרעסע", די ערשטע צייטונג אין יידיש אין שיקאַגע.

דער ישוב פון מזרח־אייראָפּייאישע יידן אין שיקאַגע איז אַסך יינגער ווי אין ניו יאָרק. זיין ערשטע אָרגאַניזירטע געמיינדע איז נאָך ניט אַלט קיין פולע זעכציק יאָר. נאָר אַזוי ווי אין ניו יאָרק, זיינען אויך אין שיקאַגע די ערשטע יידיש־רעדנדיקע איינוואַנדערער געקומען פון סואוואַלקער גובערניע. זיי האָבן זיך רעקרוטירט הויפּטזעכלעך פון די שטעט און שטעטלעך ביי דער דייטשער גרענעץ.

דאָך, ניט געקוקט אויף זייער פּאַרדייטשטער שפּראַך האָבן זיך אָט די „קאַלוואַריער דייטשן" געפילט אָפּגעזונדערט פון די דייטשע יידן. ערשטנס, ווייל יענע זיינען געקומען פריער אין אַמעריקע און זיינען שוין געווען אויסגעגרינט, איינגעאַרדערט, אַמעריקאַניזירט. צווייטנס, ווייל צווישן די דייטשע יידן האָבן געגעבן דעם טאָן די רעפאָרמער פון מיטל און דרום דייטשלאַנד און ניט די אָרטאָדאָקסן פון מזרח־פּרייסן, מיט וועלכע די פּויליש־ליטווישע יידן האָבן זיך נאָך ווי עס איז געקאָנט פאַרשטענדיקן.

עקאָנאָמיש און קולטורעל אָפּגעטיילט פון די איינגעוואַנדערטע דייטשע יידן, האָבן די נייַע יידישע איינוואַנדערער פון מזרח־אייראָפּע זיך געטוליעט איינער צום צווייטן. דער גאַנצער יידישער ישוב אין שיקאַגע האָט זיך גרופּירט אַרום דעם וואָקזאַל (פּאָלק סטריט דיפּאָ), אויף וועלכן די איינוואַנדערער זיינען אָנגעקומען אין שטאָט. דאָרט, אין יענעם ווינקל (איצט דער אייזנבאַן־צענטער פון שיקאַגע) האָט זיך אינם סוף פון די 60קער יאָרן אָרגאַניזירט דער הייפל פּאַקנטרעגער, פּעדלער, אין אַ באַזונדער קהלה, אָדער „קאָנגרעגיישאָן"; דאָרט זיינען געשאַפן געוואָרן די ערשטע יידישע קולטור־אַנשטאַלטן, די רעליגיעזע תלמוד תורה און די פריידענקערשע ביבליאָטעק, און דאָרט איז אויך, אין יאָר 1877, עטאַבלירט געוואָרן די ערשטע צייטונג אין יידיש.

11.

אונד וויר זעלבסט זינד דאָך געוויס צדיקים,
שבת שיטען וויר צו נור קאָהליען,
וויר גלויבען אין רוחות און מזיקים,
וויר עשען אויך קוגעל אונד סאָלען;
נור איין צדיק איזט דאָך אויך זינדיג,
זאָ שטאָפּפט יעדער אויף פּסח איין אינדיג,
אויף יום כפּור שלאָגען וויר כפּרות,
מיט פּוילע וויטצען מוססען וויר זיך נעקען,
וויר מוסען זיך חטאים אויף דעקען,
אום אַב צו קאָממען טהוען וויר זיך צרות,
זאָ מוססען וויר שטענדיג פּראָצעססע האַבען,
אונד מיט דעם צווייטענס צרה זיך לאַבען!

12.

דען געוואָהנליך אין יזראָפּ איין צבוע,
מוס זיך פּערמאסקירען, פּערשטעללען;
ער מוס פּאַסטען געהן קרוע בלוע,
אדער מיט פיעל תורה זיך קוועללען;
היער, איזט יעדער פּאָללאַק איין גאון,
יעדער דייטשע איין מענדלזאָהן,
דען אויך פריזהייט בענוטצען מוס מאן וויסען.
זאָ זעהען וויר היער, דער חריף דער קלוגע,
איזט גלייך געשאטצט ווי דער בור דער משוגע
זאָ זעהען וויר דען גן עדן אונד ניכט געניעסען!
זאָ קלאָגט ער, זאָ שפּיללט ער מיט דעם טרויריגען פּיעדעל
זאָ קלאגט איין תלמיד חכם, איין פּאָלנישעס יודעל!

א פאַרגלייך פון יידישן און העברעאישן טעקסט באַווייזט קלאָר, אז יעקב צבי סאָבל האָט ניט „איבערזעצט אין יודיש דייטש" פון העברעאיש, ווי ער גיט אָן אויפן פאָדערבלאַט, נאָר געשאַפן פריי אין יידיש. צום ביישפּיל, ער שרייבט, אויף זייט 26, אין העברעאיש:

„הלא תאמר: כי תוב ללמד שפת עבר".
(זאָגסט: ס'איז א פליכט צו לערנען העברעאיש).

נאָר אין יידיש לייענט זיך עס (זייט 27):

„דו זאגסט דאָך, מאַן דאַרף זיין אויך אין יודיס געלעהרט".

„בוזי שפת עבר" (פאַראכטער פון העברעאיש) הייסט אין יידישן טעקסט „ניהיליסטן" (זייט 13). „שירי העברים" הייסט ביי אים אין יידישן טעקסט „דאס יודישע ליד" (ז. 10), און דאָס גל.

געדרוקט איז סאָבלס ביכל אין דרוק פון מ. טאָפּלאָווסקי, וועלכער האָט א יאָר שפּעטער, אין 1878, ארויסגעגעבן צוזאמען מיט גוסטאַוו לאַנדוי די „יודישע פאָלקס צייטונג", וועגן וועלכער ס'וועט דאָ נאָך גערעדט ווערן.

קענטיק, אז יעקב צבי סאָבל האָט אויך זיין אדעסער אָדער „קאַלוואַריער" דייטש גערעדט מיט זיין היימישן ליטווישן אקצענט. וואַרפן זיך דורך ביי אים אזוינע ווערטער ווי: סקלאַפּן, ערסיטערט, סטאָלצירט, עשען, לאָקסען, סאָלען (טשאָלנט), יודיס, העברייעס א. ד. ג.

אין זיינע ענגלישע ווערטער לאָזט ער אמאָל אויס דעם „ר". אזוי שרייבט ער „סמאטה" (ווי אסך ריידן אויך נאָך היינט אזוי) פאַר „סמאַרט" און „פאַמער" פאַר „פאַרמער". דעם „טש" רעדט ער אויס ווי „צ". ער שרייבט „צאָרץ" אָנשטאָט „טשאָרטש", און „פאָטסען" אָנשטאָט „פאָרטשון". דעם ענגלישן „דזש" שרייבט ער ווי „דז" — דזענטל לייט, דזיו.

די דייטשע קלאַנגען „אָע" און „אע" שרייבט סאָבל מיט א סגל אונטערן אלף. (צוליבן מאנגל פון אזא בוכשטאַב אין היגן דרוק, קומען דאָ אָט־די אלפן גאָר אָן נקודות).

ווי לאַנג יעקב צבי סאָבל איז געווען אין אמעריקע איידער ער האָט אָנגעשריבן זיינע יידישע לידער איז ניט באַשטימט. זיין טאָכטער, פרוי דר. לעוויטאַן (אין וועמעס הויז, אין שיקאַגע, ער האָט געלעבט פון יאָר 1890 ביז צו זיין טויט, דעם 19טן סעפּטעמבער, 1913)

2

נחמן בער עטלזאָן, דער גרינדער פון דער ערשטער שיקאגער צייטונג אין יידיש איז געווען איינער פון די ערשטע מזרח־אייראָפּייאישע איינוואנדערער אין שיקאגע. ער איז אהין געקומען אין יאָר 1851 פון שאַקי, סואוואלקער גובערניע, וואו ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1828. ער איז געווען דער זון פון א דאָרטיקן למדן, ר׳ ברוך עטלזאָן, דער בעל־מחבר פון „כנפי יונה“ און „תואמי צביה“ (געדרוקט אין שיקאגע) און אנדערע ספרים. נחמן בער אליין איז אויך געווען א שול־ייד, מער למדן ווי משכיל.

ביים אויסברוך פון טערקיש־רוסישן קריג האָט נחמן בער עטלזאָן געהאלטן א דרוק אין דעם יידישן קווארטאל פון שיקאגע. ער איז שוין געווען קרוב פון 50 יאָר און ארום 23 יאָר אין אמעריקע. ער האָט באלד איינגעזען מיט זיין „ביזנעס“־חוש, אז דער יידיש־ריידנדיקער עולם נויטיקט זיך אין א יידישער צייטונג, און דאָס קאָן זיין א גוט געשעפט, בפרט, ווען מ׳האָט אן אייגענע דרוקעריי און מ׳נויטיקט זיך אין דרוק־ארבעט. קיין אידעאלע טענדענצן האָט נחמן בער עטלזאָן דערביי ניט געהאט, ווי ער האָט עס מיר אליין דערציילט אין סעפּטעמבער, 1916.

„מיין הויפּטצוועק אין דער צייטונג איז געווען, — האָט מיר דער 88 יאָריקער גרייז דערקלערט, — ניט צו פּרעדיקן א וועלכע עס איז אידייע, נאָר צו געבן דעם יידישן עולם נייעס און אמאָל אויך א באלייכטונג פון א געוויסער צייט־פראגע.“

די „איזראעליטישע פּרעסע“, ווי נחמן בער עטלזאָן האָט זיין צייטונג א נאָמען געגעבן, איז ארוים וועכנטלעך אין 8 זייטן, א העלפט די גרויס פון די איצטיקע יידישע צייטונגען אין אמעריקע. זי איז „געגאנגען איבערן גאנצן לאנד“, ניט געקוקט אויף דער קאָנקורענץ פון כתריאל שרהזאָנס ניו יאָרקער וואָכנבלאט „אידישע גאזעטען“. עטלזאָן האָט אויך געהאט דאָס רעכט זיך צו באנוצן מיט דער פּריווילעגיע פון „סעקאָנד קלאס מעיל“ (צווייטער קלאס פּאָסט־זאכן). איינצלנע נומערן האָבן זיך וויניק פארקויפט. דאָס איז נאָך דענסטמאָל ניט געווען פּאָפּולער — האָט מיר עטלזאָן דערקלערט. מעגלעך אויך, אז דער פּרייז, פינף סענט א נומער, איז געווען צו הויך פאר די יידישע מאסן.

דער ארויסגעבער און דרוקער פון דער „איזראעליטישע פּרעסע“ איז אויך געווען איינער פון אירע רעדאקטאָרן. דער צווייטער רעדאקטאָר איז געווען ש. ל. מארקוס. אויף מיין פארלאנג מיר צו געבן אביסל אינפאָרמאציע וועגן ש. ל. מארקוס האָט נחמן בער עטלזאָן נעענטפערט מיט א טאָן פון ביטול. קענטיק, אז צווישןביידע רעדאקטאָרן האָט ניט געהערשט קיין קעגנזייטיקע אכטונג, אלנפאלס ניט פון עטלזאָנס זייט. כ׳האָב אָפּגעגעבן אסך מי אויסצוגעפינען אין שיקאגע מער איינצלהייטן וועגן ש. ל. מארקוס, נאָר אויך די זקנים האָבן אים שוין דעמאָלט, אין יאָר 1916, ניט מער געדענקט.

דאָס יידיש וואָכנבלאט „איזראעליטישע פּרעסע“ האָט אויך געהאט א העברעאישע אָפּטיילונג: „היכל העבריה“ (דער העברייערינס פּאלאץ), וואו לומדים האָבן זיך געפּלפּלט אין ענינים פון תורה און חקירה.

די יידישע אָפּטיילונג פון דער „איזרעאליטישע פּרעסע“, כאָטש רעדאקטירט פון א שטרענגען אָרטאָדאָקס און למדן, איז דאָך געווען הויפּטזעכלעך א צייטונג פאר אינפאָרמאציע. נאָר ניט אזוי טענדענצלאָז איז געווען די העברעאישע אָפּטיילונג. דאָרט, אינם „פּאלאץ פון דער העברייערין“ איז אָנגעגאנגען א שטורמישער קאמף קעגן דאָס רעפאָרם. הויפּטזעכלעך איז דאָרט געקעמפט געוואָרן קעגן דעם באוואוסטן שיקאגער רעפאָרם־ראבינער און שפּעטערן ציוניסט, דר. בערנהארד פעלזנטאל.

3

ווען דער רעדאקטאָר־ארויסגעבער פון דער ערשטער שיקאגער צייטונג אין יידיש, האָט פערציק יאָר שפּעטער מיט מיר גערעדט וועגן איר, האָט ער באטראכט פאר דער וויכטיקסטער פּאסירונג אין איר לעבן די פעלזנטאל־דעבאטע:

ראבי דר. בערנהארד פעלזנטאל, האָט געוואָלט פארגרינגערן דאָס מגיר זיין זיך פון די קריסטלעכע יונגעלייט, וואָס ווארפן אויגן אויף רייכע יידישע טעכטער. ער האָט געזען, אז

FEBR. 19 1873. 5623.

№ 10. PRICE 6 Cts.

THE NEW YORK

HEBREW TIMES.

A WEEKLY PAPER

OF POLITIC RELIGION HISTORY SCIENCE AND ART

די אידישע צייטונג

ערשיינט פרייטאג מארגען.

פרייז זעכס צענט די נוממער

קול קורא אל אחינו העברים

קרה לשלום ואין טוב לצדקה והנה צעקה

K. BUCHNER

אײנע פון די ערשטע אידישע צייטונגען אין אַמעריקע. אַרויס אין די יאָרן 1872—1873. געשריבן מיטן האַנט און נאָכדעם ליטאָגראַפירט. (פון אַ פאָטאָגראַפיע אין א. האַרקאַווים „יודיש־אַמעריקאַנישן פאָלקס־קאַלענדער", תר"ס).

5

דער חוש פאַר געשיכטע איז ניט געווען גענוג אַנטוויקלט ביים פריערדיקן דור. ניט די לומדים און ניט די משכּילים האָבן אָפּגעהיט זייערע צייטשריפטן. באַזונדערס איז עס דער פאַל מיט זייערע יידישע צייטונגען, וועלכע זיי האָבן אַרויסגעגעבן בלויז צוליב פּרנסה.

אויף מיינע אַנפֿרעגן אין דער אַמעריקאַנער טעגלעכער יידישער פּרעסע נאָך עקזעמפּלאַרן פון אַמעריקאַנער צייטשריפטן אין יידיש פון די זיבציקער און אַכציקער יאָרן, האָט זיך קיינער ניט אָפּגערופן אפילו מיט אַ צייטונג־אויסשניט. מיר ווייסן דערפאַר פון די ערשטע אויסגאַבן אין יידיש בלויז דורך באַשרייבונגען פון זיי.

דער אַרויסגעבער פון דער ערשטער אַמעריקאַנער צייטונג אין יידיש, צבי הערש בערנשטיין, האָט באַשריבן „די פּאָסט" (1870) און אויך „די יידישע נייעס" (1871), וואָס איז אַרויס אין יידיש, העברייאיש, דייטש און ענגליש.

„די פּאָסט", דערציילט בערנשטיין, איז געווען אַ מאַטעריעלער דערפאָלג. דער ערשטער נומער איז אַרויס אין אויגוסט 1870, און אין פאַרלויף פון די ערשטע זעקס מאָנאַטן האָט זי געקראָגן אַסך אַבאָנענטן, קויפער און אַדוועטרטייזער, נישט בלויז אין ניו יאָרק, נאָר אויך אין באָסטאָן און אַנדערע שטעט. וויניקער דערפאָלג האָט געהאַט די רעדאַקציע. דער ערשטער רעדאַקטאָר, צבי גרשוני (הענרי גערסאָני), האָט פאַרלאָזן די „פּאָסט" נאָך פיר וואָכן מיט־אַרבעטערשאַפט. צבי הירש בערנשטיין האָט אַריינגעקראָגן אַ זעצער פון ווילנע און איז ניט געווען מער אָפּהענגיק פון זיין רעדאַקטאָר און שותּף, וואָס איז אויך געווען דער זעצער פון דער צייטונג. האָט בערנשטיין שוין ניט מער געדולדעט, אַז גרשוני זאָל רעדאַקטירן די צייטונג, ווי ער וויל. בפרט, אַז גרשונים פאַרגאַנגהייט (זיין שמדן זיך אַלס סטודענט אין פּעטערבורג, צוליב אַ ליבע, און זיין פאַרפּלאָנטערונג אינם נעץ פון די לאָנדאָנער מיסיאָנערן) איז געווען אַ דאָרן אין די אויגן פון בערנשטיינען און זיינע חברים־משכּילים, כאָטש צבי גרשוני איז געווען אַ טיף־פּילנדיקער ייד און שוין געהאַט אַ נאָמען אַלס גלענצנדיקער זשורנאַליסט אויך אין ענגליש. דאָך האָט די „פּאָסט" געהאַט פאַר זיך אַ צוקונפט אויך אָן גרשונים רעדאַקציע. נאָר בערנשטיין האָט איר אַליין אומגעבראַכט צוליב זיינע גרויסע דערוואַרטונגען פון די „יודישע נייעס".

די „יודישע נייעס" אָדער „היברו ניוס", ווי זי האָט דעמאָלט געהייסן, האָט לאַנג ניט עקזיסטירט. צבי הירש בערנשטיין האָט איר אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט אַ שותּף, איינער אַ יעקב קאָן. יענער האָט, קענטיק, געהאַט פּאָליטישע פאַרבינדונגען און צוגעזאָגט בערנשטיינען שאַפן די פאַר יענע צייטן גאָר גרויסע סומע פון דרייסיק טויזנט דאָלאַר, אויף אָן אייגענער דרוקעריי. זיי האָבןביידע אָפּגעדונגען אַ גרויס הויז ביים סיטי האָל (שטאָטראַט), אין דער שכנות פון די גרויסע ענגלישע צייטונגען. דער ערשטער נומער פון דער „היברו ניוס" אין יידיש, העברייאיש, ענגליש און דייטש איז אַרויס ערב פּסח 1871. זי איז אַרויס אין גרויסן צייטונג־פאָרמאַט און געהאַלטן 32 זייטן. נאָר קענטיק, אַז יעקב קאָהן האָט ניט געקראָגן די צוגעזאָגטע הילף פון זיינע פּאָליטישע פריינט — איז די צייטונג באַלד אונטערגעגאַנגען. מיט אָט דעם שותּף האָט בערנשטיין זיך אַרומגעריסן אַסך מער ווי מיט גערסאָנין. ער האָט אויך געמוזט זיך ווענדן אין געריכט אַרויסצוקריגן זיין זאַץ און אַנדערע דרוקעריי־שטאָפן. דאָס האָט אים אַזוי אַנטוישט, אַז ער האָט שוין ניט מער פּרובירט אַרויסגעבן קיין זאַך אין יידיש.

וועגן דער דריטער יידישער צייטונג איז פאַראַן חילוקי־דעות. אַנדערע גיבן אָן, אַז אין 1872 איז אַרויס אַ וואָכנבלאַט מיטן נאָמען „די אידישע פּאָסט" און איר רעדאַקטאָר איז געווען הענרי גערסאָני (צבי גרשוני). נאָר ס'איז בכלל ניט זיכער, צי גערסאָני האָט ווירקלעך רעדאַקטירט נאָך אַ צייטונג מיטן נאָמען „פּאָסט", אָדער דאָס איז אַ טעות אין יאָר און ס'מיינט די פריער־דערמאָנטע צייטונג פון 1870, וועמעס ערשטער רעדאַקטאָר ער איז געווען. מער זיכער איז, אַז אין יאָר 1872 האָט כתריאל צבי שרהזאָן אַרויסגעגעבן זיין וואָכנבלאַט „די יודישע צייטונג". אויך פון שרהזאָנס ערשטע צייטונג, פּונקט ווי פון זיין צווייטער, „די יודישע גאַזעטן", וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין אין 1874, פעלן די נומערן פון יענער צייט.

די קינדער פון אָט די געמישטע חתונות ווערן דערצויגן פאַר קריסטן, האָט ער זיי געזוכט צו מאַכן פאַר יידן, דורכדעם וואָס ער וועט דערלייכטערן זייערע טאַטעס אָנצונעמען די יידישע רעליגיע.

פאַר אָט דעם צוועק האָט ראַבי פעלזנטאַל פאַרעפנטלעכט אַ בוך „צור פּראָזעליטן פּראַגע", אין וועלכן ער האָט געזוכט צו באַווייזן פון תלמוד און מדרש, אַז אַ גוי קאָן אָננעמען די יידישע רעליגיע בלויז דורך טבילה אליין.

דער פאַרזוך פון דעם שיקאַגער רעפאָרם ראַבי צו פאַרבייטן דאָס מל־זיין אויף באַפּטיזם האָט אַרויסגערופן קעגן אים אַזאַ פּראָטעסט, ווי פון די יידישע באַגרינדער פון קריסטנטום קעגן אַפּאָסטל פּאָול, ווען יענער האָט, מיט 18 הונדערט יאָר פריער, געמאַכט אָט דעם זעלבן פאָרשלאַג (אַפּאָסטל געשיכטע, 15, 1—5). ראַבי פעלזנטאַל, אליין אַ שטאַרקער יידישער נאַציאָנאַליסט, איז ניט שולדיק געבליבן זיינע קעגנער קיין ענטפער. ער האָט דאָס געטאָן אין די נומערן 11 און 12 „איזראַעליטישער פּרעסע„ פון יאָר 1878. דער אַנדער צד האָט אויך ניט געשוויגן. באַזונדערס איז דעם ראַבי פעלזנטאַל „דערגאַנגען די יאָרן" איינער „רב הא"י", ביז נחמן בער עטלזאָן האָט דערקלערט, אַז „די דעבאַטע איז געשלאָסען", און „מער קיינעם ניט געגעבן דאָס וואָרט". ווען ער האָט דערהאַלטן פון זיין מיטאַרבעטער, שמואל הלל אייזיקס אַן ענטפער צו ראַבי פעלזנטאַל, וועלכן ער, עטלזאָן, האָט געהאַלטן פאַר „געלונגען און טאַקטפול", האָט ער עס פאַרעפנטלעכט אין אַ באַזונדער ביילאַגע, נאָר אין דער צייטונג גופא האָט דער רעדאַקטאָר פאַר קיינעם ניט געמאַכט קיין אויסנאַם.

4

נאָך אַ דריי־יאָריקע עקזיסטענץ איז די „איזראַעליטישע פּרעסע" אונטערגעגאַנגען. פון עטלזאָנס ענטפערס אויף מיין פראַגע: וואָס זיינען געווען די אורזאַכן, וואָס האָבן אונטער־געבראַכט זיין וואָכנבלאַט, האָב איך אַרויסגענומען פאָלגנדעס: ערשטנס, האָט ער „זיך ניט געקאָנט צופּאַסן". נחמן בער עטלזאָן איז געווען „צופיל אָפּטנס" און „צו פּריטיקעלע" אין „אָננעמען אַדווערטייזמענטס און פאַרעפנטלעכן מאַנוסקריפּטן"; צווייטנס, האָט צו אים ניט אַפּעלירט די אידייע פון אַ כל־ישראל־אָרגאַן, „וואָס קאָן באַפרידיקן אַלע סאָרטן יידן, איבערהויפּט די אַדווערטייזער און סובסקרייבער" (אַנאָנסן־געבער און אַבאָנענטן).

נחמן בער עטלזאָן האָט געוואָלט געבן אין זיין צייטונג בלויז דאָס וואָס האָט געשטימט מיט זיינע איבערצייגונגען און האָט דערפאַר געמוזט אָפּטרעטן זיין פּלאַץ פאַר אַנדערע. יענע זיינען געווען דערפאָלגרייכער, ווייל זיי זיינען ניט געווען אַזוי „פּריטיקילע", האָבן געשריבן וואָס די אַנאָנסן־געבער (איבערהויפּט די פּאָליטישע) האָבן פאַרלאַנגט און געמאַכט פון זייערע צייטונגען אַ פּראָפיט־ברייִנגענדיקן געשעפט.

ווען איך האָב באַזוכט דעם 88 יאָריקן נחמן בער עטלזאָן, אין סעפּטעמבער, 1916, האָט ער מיר אַפּגערעדט פון צו דערמאָנען זיין זשורנאַליסטישע פאַרגאַנגענהייט. ער האָט ווייניק געהאַלטן פון זיין פאַרדינסט אַלס ערשטער אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון דער ערשטער שיקאַגער צייטונג אין יידיש. זיין פען האָט ער באַנוצט צו שרייבן פייער־פאַרזיכערונג־פּאָליסעס און ניט קיין צייטונג־אַרטיקלען.

זיינע האָר זיינען געווען אינגאַנצן גרוי, בלויז אין זיין לאַנגער ווייסער באָרד האָבן זיך דורכגעוואָרפן ווייניקע גאָלדענע פעדעם, די לעצטע שפּורן פון זיין לאַנג־פאַרשוווּנדענער יוגנט. נאָר זיין ווילן צו לעבן אויפן אייגענעם חשבון, צו זיין פריי און אומאָפּהענגיק, איז נאָך געווען אין פולער קראַפט.

נחמן בער עטלזאָן האָט געלעבט צוריקגעצויגן פון מענטשן, כאָטש ער האָט געהאַט אין שיקאַגאָ קינדער און פיל אַנדערע נאָענטע קרובים. נאָר פון צייט צו צייט פלעגט ער קומען „זאָגן" דעם „בלאַט" גמרא פאַר אַ חברה ש"ס, וואָס ער האָט אַמאָל געגרינדעט אין אַ שיקאַגער בית־מדרש. ער איז געשטאָרבן אין שיקאַגאַ אין עלטער פון 92 יאָר, דעם 25טן מערץ, 1920.

משה שטאַרקמאַן:

מאָרים ראָזענפעלדס אָנהויב.[1]
(1888—1886)

נאָכדעם ווי מאָרים ראָזענפעלד איז ארום דריטהאלבן יאָר אָפּגעווען אין לאָנדאָן, איז ער אין 1886 צום צווייטן מאָל געקומען קיין אמעריקע און זיך גענומען צו זיין אלטער מלאכה — שניידעריי.

אין יענער צייט, האָט אין ניו יאָרק אָנגעהויבן צו דערשיינען „דיא יודישע פאָלקסצייטונג"[2], א האַלב־סאָציאַליסטישע וואָכנשריפט, מיט א נאַציאָנאַליסטיש־משכילישן אונטערשלאַק. דער לשון פון דער „פאָלקסצייטונג" איז געווען א צוזאמענמיש פון יידישע, דייטשע און ענגלישע ווערטער. יעדער שרייבער האָט געשריבן אזא מין יידיש, וואָס אים האָט זיך געגלוסט. אויף דער ערשטער זייט פון ערשטן נומער געפינען מיר פאָלגנדיקע דערקלערונג א. נ. „א פּאָאר ווערטער וועגען דער שפּראַך":

„דער יודישער זשאַרגאָן איז צוזאַמענגעזעצט פון ווערטער פון פערשיעדענע שפּראַכען. ער איז אָהן רעגעלען און אָהן א גראַממער. מיר האַלטען פיר אונניטצליך אריינצוברענגען אין אונזער צייטונג נור איין זשאַרגאָן. דארום זאָללען אונזערע ווערטהע לעזער זיך נישט ווינדערן. דאָס פערשיעדענע אַרטיקלען זאַנען אויף פערשיעדענע זשאַרגאָנען געשריבען. מיר האַלטען נור פיר רעכט אַללע רוסישע ווערטער פון אונזער צייטונג ארויס צו ווארפען".[3]

אין נומ. 26[4] פון דער „יודישער פאָלקסצייטונג", איז געדרוקט געוואָרן דאָס ערשטע ליד פון מאָררים ראָזענפעלד, — א הספּד אויפן יאָר וואָס האָט זיך שוין געהאלטן אין פארענדיקן.

דאָס ליד באשטייט פון דרייצן אַכט־שורהדיקע סטראָפעס און הייבט זיך אָן אזוי:

„דאָס 1886 יאָהר
איז שוין באַלד אין דיא עוויגקייט פערגאַנגען,
ערקלער מיר מיין פאָלק, ערקלער מיר אויף קלאָר,
וואָס האָסט דוא אונטער דער צייט דערגאַנגען?
וואָס פיר אַ נוטצען האָבען דיר געבראַכט
אָ די אַללע פערגאַנגענע יאָהרען?
דוא שלאָפסט, מיין פאָלק, דוא מיינסט עס איז נאַכט —
ערהויב דיך שנעלל — ניט גער פערלאָרען!

הערסט דוא, מיין פאָלק, דיא האַרפע דער צייט?
פרייע ליעדער שפּיעלט זיא שוין אַ ציגד,
זיא וועקט דיא מענשען דער וועלט אויף צום שטרייט!
דיך, מיין פאָלק, מיינט מען אויך, שטעה אויף געשווינד
ערהויב דיך, מיין פאָלק, שטעלל זיך אַנידער,
צום וועלט־קאַמף זייא גרייט מיט אַללע צוגלייך,
האַנד אין האַנד מיט אַללע דיינע ברידער,
אַן ענדע צו מאַכען צו אָרעם אונד רייך!"

און דאָ הויבט אָן דער דיכטער צו שטראָפן זיין פאָלק, וואָס לאָזט זיך פארפירן פון פאלשע לערער און וועמעס אויערן עס בלייבן פארשטאָפּט פאר די ווערטער פון די, וואָס ווילן אים גוטס טאָן. דער דיכטער הייסט דעם פאָלק עפענען די אויגן און זען אז די, וואָסריידן אים איין, אז זיי זיינען זיינע בעסטע פריינט, זיינען אין דער אמתן זיינע גרעסטע שונאים. פארוואָס איז עס אזוי? דער דיכטער ענטפערט, ווי אַן אמתער משכיל, אז די צרה איז, וואָס —

[1] אַ פאַראַרבעט.
[2] „דיא ניו יאָרקער יודישע פאָלקסצייטונג" . . . וויססענשאַפט, אָרגאַניזאַציאָן, פרייהייט (רעדאַקטירט פון מאָזעס מינץ און א. בראַסלאַווסקי).
[3] די אָרטאָגראַפיע פון ציטירטע שטעלן בלייבט אומגעענדערט.
[4] דעצ. 17, 1886.

מיר האָבן אויך אַ גענויע באַשרייבונג פון דער „יודישער ציײטונג״, וואָס בוכנער האָט רעדאַקטירט אין 1872-3. ס׳האָט דעמאָלט פּאַסירט אַ מאָרד אין דעם יידישן קוואַרטאַל פון ניו יאָרק. דער מערדער איז געווען אַ ייד און די יידישע באַפעלקערונג איז געווען שטאַרק אויפגערעגט. דאָס האָט אַרויסגערופן די נײַע ציײטונג, וואָס איז אַרויס מיט כתבעטע אותיות, צוערשט געשריבן מיטן האַנט און נאָכדעם ליטאָגראַפירט. צוויי יאָר שפּעטער האָט מרדכי הימל־שטיין, רעדאַקצירט דעם „ניו יאָרקער איזראַעליט״, וועלכער האָט זיך ווייניק אונטערשיידט פון די „אידישע גאַזעטן״.

גאָר אונטער אַ פאַלשן עטיקעט ווערט אומעטום דערמאָנט די „יודישע פאָלקסציײטונג״ (1878) פון מ. טאַפּלאָווסקי און גוסטאַוו לאַנדוי אַלס „סאָציאַליסטיש־אַטעאיסטישע וואָכנ־שריפט״. זיי זײַנען געווען פּשוט׳ע יידן, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן זייער ציײטונג לשם פּרנסה און ניט צוליב אַזוינע אידייען ווי סאָציאַליזם און אַטעאיזם. מ. טאַפּלאָווסקי איז געווען אַ דרוקער, און ביי אים איז אויך געדרוקט געווען דאָס אויבן דערמאָנט ערשט יידיש לידער־ביכל אין אַמעריקע.

אויך פון דער „איזרעאַליטישער פּרעסע״ (1877—1879) איז ניט צו קריגן קיין איינציקן עקזעמפּליאַר. עקס־ריכטער פּ. פּ. ברעגסטאָן פון שיקאַגאָ, וועלכער האָט זיך משתדל געווען צו קריגן פאַר מיר אַן עקזעמפּליאַר פון דער „איזראַעליטישער פּרעסע״ ביי נחמן בער עטלזאָנס קינדער, שרײַבט מיר, אַז זיי האָבן ניט אין זייער באַזיץ קיין געדעכעניש פון זייער פאָטערס ציײטונג.

פון איר העברייאישער אָפּטיילונג זײַנען אַרויס אַ פּאָר אָפּדרוקן וועגן דער פּעלזנטאַל־דעבאַטע. נאָר פון דער יידישער אָפּטיילונג איז ניטאָ קיין איין אויסצוג, אַזוי, אַז מיר קאָנען ניט אורטיילן אפילו, אויב די שפּראַך איז געווען ריין יידיש, אָדער דײַטשמעריש, ווי די מערסטע אַמעריקאַנער ציײטונגען אין יידיש, פון די זיבציקער און אַכציקער יאָרן. דער פאַקט, וואָס נחמן בער עטלזאָן האָט שפּעטער גערעדט אַ ריינערן ליטווישן יידיש, איז קיין באַווײַז ניט, אַז ער און ש. ל. מאַרקוס האָבן דעמאָלט, אין 1877, ניט געשריבן קיין דײַטשמעריש. מ׳דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז צווישן די יידישע ציײטונג־לייענער פון יענער צײַט האָבן זיך געפונען אַ היבשע צאָל יידן פון אונגאַרן, עסטרײַך און מזרח־פּרייסן, וואָס האָבן ניט געקאָנט פאַר־שטיין קיין ריינעם יידיש. דאָס באַווײַזט אויך דער פאַקט, וואָס צווישן די אַרויסגעבער און רעדאַקטאָרן פון אַמעריקאַנער ציײטונגען אין יידיש, אין די אַכציקער יאָרן, איז געווען פּראָ־מינענט אַן אונגאַרישער ייד, משה וועקסלער, דער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון דער „ניו יאָרקער „יודישער ציײטונג״, „די נײַעסטע פּאָסט״ און די „וו י י ב ע ר ש ע ציײטונג״.[2]

[2] ניט „וועבערשע״, ווי ס׳ווערט אָנגעגעבן אין אלטן „לעקסיקאָן״, זייט 685.

באַמערקונג פון דער רעדאַקציע:

אין לעצטן מאָמענט האָבן זיך געפונען צוויי פאָטאָגראַפישע קאָפּיעס פון דער „איזראַעליטישער פּרעסע״. איינע פון דריטן יאָרגאַנג (שיקאַגע, 4טן אַפּריל, 1879 און אַ צווייטע פון אַכטן יאָרגאַנג (ניו יאָרק, 9טן אַפּריל, 1884 — דעם טאָג ווען די ציײטונג האָט אויפגעהערט אַרויסצוגיין).
איין פאָטאָגראַפישן אָבדרוק גיבן מיר אויף זייט 139.

קינד וועגן דעם אונטערדריקטן מענטשן און זיין קאַמף מיט די שונאים פון ארבעטער־קלאַס. עס זאָגט די מוטער צום קינד:

„הער אוים מיין קינד, מיין טהייער לעבען,
ווי לאַנג דוא ביסט נאָך קליין!
אַ לעהרע וועל איך דיר געבען...
איך האָפּפע דוא וועסט פערשטיין.
הער נור אוים מיין קינד, דיין מוטטער,
איהר ליעדעלע איז וואַהר,
דיא מיינונג איז פון דעם אַ גוטע —
וועסט איהר דאַנקען דערפאַר.”

און עס עצהט די מוטער איר קינד, אַז ווען עס וועט אונטערוואַקסן, זאָל עס גוט באַטראַכטן ווי אין אונזער וועלט „שלעכט איז נור דעם גערעכטען, ער ליידעט אָהן מאָאָס” א. א. וו. ווייטער דערציילט זיך וועגן די אַלע צרות און פּרעניותן וואָס דער אָרימאַן און ארבעטער האָט אויסצושטיין פונם „וויעגעלע ביז'ן קבר” און דערפאַר זיפצט די מאַמע:

„הער מיין קינד מיט אַ ריינעם זיננען,
אַלץ וואָס איך דיר זאָג,
דוא וועסט דורכדעם פיעל גוטץ געפּינען,
ערבע וואָס איך פערמאָג.
פון סאָציאַליזמום די אידעע,
דאָס זאָלל דיין ערבטהייל זיין,
נור לערנע גוט אונד פערשטעה,
דאָס פערמעגען מיין.

אין אַ סך סטראָפעס פון אָט־דעם ליד וואַרפן זיך דורך פיינע פּאָעטישע שורות, וואָס האָבן שפּעטער אַ תיקון באַקומען אין זיין באַוואוסטן „מיין אינגעלע”. דאָס „וויעגען־ליעד” איז בעסער אין אַלע פּרטים, פון די פריערדיקע צוויי לידער; אונטער דעמדאָזיקן ליד האָט דער דיכטער זיך שוין אונטערגעשריבן מיט יידישע אותיות.

דאָס „וויעגען־ליעד” איז דאָס לעצטע, וואָס ראָזענפעלד האָט געדרוקט אין דער „פאָלקס־צייטונג”. פאַרוואָס ער האָט זיך דאָרטן מער ניט באַטייליקט — ווייסט מען ניט. עס איז מיר ניט געלונגען אויסצופאָרשן אין וועלכן אַמעריקאַניש־יידישן בלאַט ער האָט זיך נאָכדעם אָנגעהויבן צו דרוקן, ווייל אַ סך אויסגאַבן, וואָס זיינען דערשינען אין יענעם פּעריאָד, קען מען מער ניט באַקומען.

* *
*

אין יאָר 1888, האָט מאָרים ראָזענפעלד אָנגעהויבן שיקן לידער אין לאָנדאָנער „ארבייטער פריינד”. דאָס ערשטע ליד זיינס וואָס איז דאָרטן פאַרעפנטלעכט געוואָרן, האָט געטראָגן דעם נאָמען „דער וועקער דער פרייהייט” [7], אַ ליד וואָס האָט זיך מיט גאָרניט ניט אויסגעצייכנט און איז געווען ניט מער ווי אַן אימיטאַציע פון די אַנדערע „פּאָעטישע שאַפונגען” וואָס זיינען געדרוקט געווען אין דער דעמאָלט־באַרימטער צייטשריפט.

אָבער צווישן די לידער, וואָס מאָרים ראָזענפעלד האָט געדרוקט אין "ארבייטער פריינד" איז פאַראַן אַ קליינע צאָל, וואו עס ווייזן זיך שוין סמנים פון דעם שפּעטערדיקן מייסטער פון פערז און דיכטער פון גאָל און האַס. מאַכט אַ פאַרגלייך צווישן זיין ליד „די רעוואָלוציאָן” [8] און די שפּעטערדיקע קאַמף־לידער און איר וועט זען אַז אויך דאָ הערט זיך שוין זיין דונערדיקער קול:

[7] „אַרבייטער פריינד”, יוני 1, 1888.
[8] דאָרט, יולי 6, 1888.

„זיעסענקע ליעדעלאַך זינגט מען דיר איין,
אין וויעג „פּאַנאַטיזמוס" — שלאָפסט דוא געשמאַק.
מע־זאָגט דיר, אַז אַנדערס קאָן גאָר ניט זיין,
זעה נור, מיין פאָלק, וויא מען פיהרט דיך אין זאַק
דינים — רבנים — שווינדלער דער וועלט!
זויא שפּיעלען פערשטעללט זויער ראָללע אַצינד,
זויא לאָזען דיך איבער שרעקליך געקוועהלט,
אונד רעדען דיר איין, אַז דוא לוידסט פאַר דיין זינד".

די בעסטע רפואה צו אַט־דער צרה — אגיטירט ראָזענפעלד — איז די „סאָציאַלע אידייע" און אין א האָפערדיקן טאָן ענדיקט ער זיין ליד:

„מאַך אַן ענדע מיט די הערען, פּפאַפּען, טיראַנען,
אַן ענדע מיט בערזע, געלט־זאַק אונד שווינדעל!
אַן ענדע מיט אפּפערס, שקלאַפען מילליאַנען,
אַן ענדע מיט דעם רויבער־געזינדעל!
שטעה ניט מיין פאָלק, שטעה ניט פון דער וויטען,
דיין הילפע איז נאָהנט — אָ! זייט ניט פערשוואַכט!
פערראייניג דיך — אין איינעם צו שטרייטען,
זאָ ווערט אַן ענדע מיט דער פינסטערער נאַכט."

פון די ציטירטע שטעלן קען מען זען, אַז דאָס ליד פאַרמאָגט ניט קיין שמץ פון פּאָעזיע און עס איז ניט מער ווי א געגראַמטע ווערסיע פון דער מאמריסטיק, וואָס האָט אָנגעפילט די יידישע פרעסע אין יענער צייט. עס וועט אויך ניט שאטן צו באמערקן, אַז דעם דיכטערס נאָמען איז געדרוקט אונטערן ליד מיט לאַטײנישע בוכשטאַבן. דאָס איז געווען אַזאַ מאָדע ביי א גרויסער צאָל יידישע שרייבער פון יענער עפּאָכע.

ראָזענפעלד איז, ווי עס ווייזט אויס, געווען איבערגליקלעך, וואָס זיין ליד איז געדרוקט געוואָרן. דאָס צווייטע ליד זיינס, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין נומ. 28[5], איז געווידמעט „פיר דיא ניו יאָרקער יודישע פאָלקסצייטונג" און, פּונקט ווי דאָס ערשטע ליד, איז דאָס אויך א שטיק סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע אין גראַמען און א לויב־געזאַנג, געמישט מיט א טראָפּעלע חניפה, צו דער וואָכנשריפט, וואָס האָט געפּריידיקט דעם סאָציאַליזם.

אין דער דאָזיקער „סערענאַדע" צו דער „פאָלקסצייטונג", זינגט ער צווישן אַנדערעס:

„מיין אינערליכסטען דאַנק,
גיב איך דיר פיר איין געשאַנק,
דיר דוא טהייערעס בלאַטט!
דוא האָסס[ט] זיך פיר אונז ערשיינט,
אַלס וואהרער אַרבייטער פריינד,
דיינע וואָרטען מאַכען מיך זאַט".

אָט אַזוי ציט זיך דער לויב־געזאַנג אין דעמזעלביקן טאָן איבער אַלע צוועלף סטראָפעס פון ליד. ער ענדיקט מיט א „טאָסט":

„עס לעבע „די ניו יאָרקער יודישע פאָלקס צייטונג"!
עס לעבע איהרע רעדאַקטערע,
זויא טייגען קיין ביזנעס, קיין עהרע,
זויא ליעבען בילדונג אונד האַססען אויסבייטונג!"

דאָס דאָזיקע ליד איז אויך מרמז אויפן שפּעטערדיקן מאָריס ראָזענפעלד, אויף ראָזענפעלדן דעם . . . פּאַרפאַסער פון געגראַמטע פאָרדרעס פאַר די ערשטע נומערן פון נייע צייטונגען און זשורנאַלן.

דאָס דריטע ליד פון מאָריס ראָזענפעלד, איז געדרוקט אין נומ. 30[6] און הייסט „דאָס וויעגען־ליעד". דאָס ליד דאַרף געזונגען ווערן פון אַן אַרבעטער־פרוי, וואָס דערציילט איר

[5] „דיא ניו יאָרקער יודישע פאָלקסצייטונג", דעצ. 31, 1886.
[6] דאָרט, יאַנ. 14, 1887.

און דער געשפּרעך צווישן דיכטער און זיין „הערץ" ציט זיך אַזוי ווייטער און ווייטער. דער דיכטער קלאָגט זיך, אַז מע וועט אים אויסלאַכן, ווען ער וועט צווישן די „רויבער און קאַפּיטאַליסטען" פאַריידיקן יושר און מענטשלעכקייט, און פּונקט ווי משה ביים סנה, בעט ער זיך ניט צו מאַכן אים פאַרן שליח, וואָס זאָל „ערציילען זייא פון ציוויליזאַציאָן", „פון מענשליכע רעכטע". דאָס האַרץ אַבער הערט ניט אויף צו שטורעמען און דער דיכטער מוז זיך אונטערגעבן:

„דוא שטורמסט מיין הערץ, דוא ביסט גערעכט,
דאָס אַללעס צו פיהלען און ליידען איז שלעכט —
קיין פרוידע, קיין זינגען — נור האַרפע פון טרויער,
דאָס זייא מיר צום שרייבען, צוא ערוועקען שויער...
וויפיעל איך וועל קענען — ניט אַללעס קען זיין ערפילט —
אַה, נאָך שטורמסטו הערץ, דוא ווערסט ניט געשטילט."

דאָס בעסטע און שענסטע ליד אין דער „גלאָקקע" איז די פּאָעמע „ביינאַכט אויפ'ן ברוקלין-בריק". דאָס דאָזיקע ליד פאַרמאָגט עטלעכע אמתדיקע פּאָעטישע שטעלן, ווי די שילדערונג פון ביינאַכטיקן ברויזן פון ים, אָדער דאָס בילד וואו די סקעלעטן פון די אומגעקומענע ביים בויען די בריק, נעמען זיך צונויף און הייבן אָן זייער אומעטיקן געזאַנג.

אַזעלכע פיינע שטעלן זיינען פאַראַן אין אַ סך לידער ראָזענפעלדס, אָבער זיי ווערן דערטרונקען אין טענדענציעס.

מאַכט מען אַ פאַרגלייך צווישן ראָזענפעלדן און אַנדערע, וואָס האָבן געשריבן לידער אין יענער צייט, זעט מען די שטאַרק ער האָט זי אָפּגעשיידט פון זיי. יענע האָבן געשריבן נאָר פּראָקלאַמאַציעס אין גראַמען, ראָזנפעלד האָט זיך שוין פאַרגונען צו געבן אַמאָל אַ ביסעלע שטימונג, אַ וויכן, האַרציקן טאָן, — אַ זאַך וואָס אין יענער צייט איז זי נאָך גאָרניט געווען בנמצא אין דער אַמעריקאַניש-יידישער דיכטונג.

אַ צאָל פון די לידער, וואָס געפינען זיך אין דער „גלאָקקע" שילדערן דעם אַמעריקאַניש-יידישן אַרבעטער-לעבן אין די אַכציקער יאָרן. אָט די לידער גייען אַריין אין דער אָפּטיילונג א. נ. „לעבענס בילדער". דאָס שענסטע אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג, אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע לידער, איז „די ליכט פאַרקויפערין".

ראָזענפעלדס לידער פון יענער צייט ליידן זייער שטאַרק פון די „טייטשמעריזמען", פון וועלכע ער האָט זיך אויך שפּעטער ניט אינגאַנצן באַפרייט.

אין אַ סך פון די לידער מערקט זיך שוין ראָזענפעלד דער סאַטיריקער, אָבער ס'איז ניט מער ווי אַן אָנדייט, ערשט אין זיין צווייטן בוך א. נ. „די בלוממענקעטטע", וואָס איז דערשינען אין 1890, ווייזט זיך בולט אַרויס דער שפּעטערדיקער ראָזענפעלד, און עס איז ממש אַ וואונדער ווי אַזוי שנעל ער האָט זיך איבערגעביטן אין די צוויי יאָר צייט (1888—1890).

„די בלוממענקעטטע" עפנט אַ נייעם פּעריאָד אין מאָרים ראָזענפעלדס דיכטערישן לעבן.

„נאַקעט, באַר פוס, בלייך און דאַר,
קנירשענד די ציין, צוואוואָרפען די האאַר,
עס קאָכט דאָס הערץ, ס'פינקלען די אויגען,
הויך פלאַטערט די רויטע פאַהן,
בעוואַפענט פעסט מיט פייל און בויגען
געהט צום קאַמף דער אַרבייטסמאַן!
עס ראַשט און שטורמט, עס קאָכט די ערד,
עס שטייגט דער קאַמף, עס בליצט די שווערד,
פאָראויס, מוטהיג די יונגע טרעטען,
פרויען און אַלטע פאָלגען נאָך —
הורראָ. עס ברעכט די שקלאַווען־קעטטען,
הורראָ, עס שווינדעט דרוק און יאָך.”

אַלע לידער וואָס ראָזענפעלד האָט געדרוקט אין „ארבייטער פריינד”, זיינען געווען סאָציאַליסטישע־אַגיטאַציע־לידער, אנדערע מאָטיוון האָבן דעמאָלט סיי דעם דיכטער און סיי דעם לעזער ניט אינטערעסירט.

פון די אַגיטאַציע־לידער האָט, ווייזט אויס, דעם שטאַרקסטן איינדרוק געמאַכט אויף די לעזער זיין סאַטירע „ראַבינער און מאַשינער”[9], אַזוי אַז אויך די „אמעריקאַנער גענאָסען” האָבן דאָס ליד אויפגעכאַפּט און מען האָט עס דעקלאַמירט אויף ארבעטער־פאַרזאַמלונגען ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן.[10]

ראָזענפעלדס מיטאַרבעטערשאַפט אין „ארבייטער־פריינד”, האָט אָנגעהאַלטן ביזן יאָר 1889. דאָס ליד „מיין רעכטע האַנט”[11], איז געווען דאָס לעצטע, וואָס ער האָט דאָרטן פאַרעפנטלעכט.

* *
*

אין יאָר 1888, איז דערשינען מאָריס ראָזענפעלדס ערשטע לידער־זאַמלונג א. נ. „דיא גלאָקקע”.[12] דאָס ביכל באַשטייט פון 68 זייטן און אנטהאַלט 28 לידער, פון וועלכע איינס געהערט צו דעם אַנאָנימען י. מ. חוץ די לידער וואָס ראָזענפעלד האָט געדרוקט אין דער „פאָלקסצייטונג” און אַ טייל פון די וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין „ארבייטער פריינד”, גייען אריין אין דער „גלאָקקע” אויך אַזוינע, וואָס זיינען פריער נאָך אין ערגעץ ניט געדרוקט געוואָרן.

די דאָזיקע לידער־זאַמלונג הייבט זיך אָן מיט אַ במקום־הקדמה־ליד א. נ. „צו זיך אַליין”, אין וועלכן דער דיכטער גיט איבער אַ שמועס מיט זיין „הערץ”. עס הייבט זיך אָן אַזוי:

„דוא שטורמסט מיין הערץ, ערוועקסט מיך ליידען —
וועגען וואָס זאָל איך שרייבען און ריידען?
דוא טרייבסט מיך דיא וואַהרהייט צו זאָגען,
אָבער קען מען דאָס יעצט? מוז איך דיר פראַגען,
איז'ס מעגליך יעצט צו זאָגען וואָס ריכטיג?
מוז מען ניט אויף פינסטער זאָגען ליכטיג?

איך וואָלט וועללען זינגען אויף שעהנע ליעדער —
טרויעריגעס הערץ, דוא ווייזט מיר מיינע ברידער.
איך וואָללט בעזינגען דיא נאַטור, דיא זון, דיא שטער'ן
ווען אַ קלעגליכע שטיממע וואָלט איך פון דיר ניט הער'ן...
דוא שטורמסט מיין הערץ, דוא ערוועקסט מיך ליידען
וועגען וואָס זאָלל איך אַלזאָ שרייבען און ריידען?”

---

[9] דאָרט, אויגוסט 17, 1888.
[10] ב. וויינשטיין: „40 יאָהר אין דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג”, ניו יאָרק, 1924.
[11] „אַרבייטער פריינד”, אויגוסט 2, 1889.
[12] „דיא גלאָקקע” . . . פאלקס ליעדער אונד רעוואָלוציאָנערע געדיכטע ‚ ‚ ‚ Let the voice of the people be heard (הערט נור אויס די שטיממע פון פאָלק) פאַרפאַסט פון מ. י. ראַזענפעלד מיט הילפע פון י. מ. (? — מ. ש.) נו יאָרק 1888, געדרוקט בייא ה. ר. גאָרדאָן, 188 סופפאָלק סט. 8°.

„אוי לך ארץ שמלכך בער“ און ענדיקט: „אין לנו מלך אלא אָטטאָ“ („המגיד“, 30, נומ׳ 27, זייט 220).

בערקאָוויץ (ב.)

8) הגדה של פּרעסע, צו זאָגען מיט׳ן ניגון פון דער הגדה, פערפאַסט פון אַ חברה בני־ברק אונטער דער רעדאַקציע פון בע... בע. אַ סאַטירע אויף דער אידישער פּרעסע (וואַרשאַ), אָן יאָר, 8°, 16 זייטן.

בראָדערס (לייאָן)

9) מסכת ביזנעס, יצא לאור... לתועלת רוכלים, חנונים וסוחרים. אַן אָנאָנס אין תלמודישען סטיל אין צוויי פּרקים: א) הכל פּותחים ביזנעס, ב) כל ישראל ביזנעס. שי־קאַגאָ, 1905, 24°, 11 בלאַט.

ברילל (יוסף)

10) קצור שלחן ערוך הלכות עשירות. ווילנא, 1912, 8° (2) + 34 זייטן.

בריסק (אשר ליב)

11) כמה מעלות טובות, אַ סאַטירע פון אי־דישען לעבען אין ירושלים, אין דעם סטיל פון דער הגדה. ירושלים, אָן יאָר. 12°, 16 זז. דערהויפּט איז אינטערעסאַנט דער פּאַראַגראַף אויף דער לעצטער זייט: „הכרזה: מי ומי החפץ לברך לרומם לעלה ולקלס או לארר לקוב ולקלל יחיד ורבים, ישכרוני ולא במלא בית כסף וזהב“.

גבריאלוב (יוסף)

11א) מסכת פּועלים, עם פּי׳ הר״ש, סאָציא־ליסטישע פּאַראָדיע („הזמן“, נויאָרק, 1895, נומ. 10, 11, 12 (ניט פארענדיקט).

גורלאנד (חיים)

12) שלחן ערוך נוסח קלמבוס, אַ סאַטירע אויף דעם יודישען לעבען אין אַמעריקע. אָן דרוק אָרט, 1912, 8°, 37 זייטן.

גרוסמן (א. ל.)

13) מגלת גנותא או גנזי נסתרות, אַ סאַטירע אויף סאָציאַליסטען. נויאָרק, 1916, 16°, 8 זייטן.

גרינבערג (דוד) פּסודאָנים בן ישי

14) און ישראל שלאָפט, ציוניסטישע פּאַראַ־דיע נאָכגעאָמט גאָלדפאַדען׳ס „שטעה אויף מיין פאָלק“ („טאָגעבלאַט“, יאַנואַר, 1909).

האַראָוויטץ (יעקב)

15) הגדה של פּסח, אַ מודעה אין סטיל פון דער הגדה („טאָגעבלאַט“, מערץ 19, 1909). סעפּאַראַט: נויאָרק, 1909, 12°, 4 זייטן.

הערריס (ה.)

16) קטעים הגדה של אימיגראַנט אחד לפני חג הפסח בשנה הזאת. עס רעדט זיך וועגן דעם לעבן פון דעם אייננוואַנדערער אין נויאָרק. („הלאם“ 7, נומ. 16, אפּריל 17, 1908).

וואלקאוו (שמעון)

17) ילקוט אסתר חדש, אַ סאַטירע וועגן די רדיפות אויף אידן („היהודי“, 1908, נומ. 17).

חאמי (עזאר מורדוך)

18) נוסכת פּורים באַל ערבי מיט דעם העב־רייאישן טיטל: „הגדת פורים בלשון ערבי“, קאַירא, תרס״ח, 8°, 12 זייטן.

חאַמיצער (מ.)

19) דנה כתבא די קרב, אַ סאבאיש־ארמאישע אויפשריפט אויסגעגראָבען פאָן דער דרוגו־לינשען פּאַרשונגס־עקספּעדיציע, אַ פּאַראָדיע אין דעם סטיל פון אַ אינשריפט לכבוד דעם קאָנגרעס פון אָריענטאַליסטען, געהאַלטען אין קאָפּענהאַגען אין יאָר 1908 אין Kalender שנה 1909—1908. לייפּציג, 1909, ז. 51. לייפּציג, 1909, ז. 51.

חרטינר (מאיר)

20) מסכת ארץ ישראל, אַ סאַטירע איבער דעם פּעדאַגאָגישן צושטאַנד אין ארץ ישראל („דאר היום“, ד׳ ניסן, תרפ״ה).

טונקעל (א)

21) די באָלשעוויסטישע הגדה, אָן אָרט און יאָר. 8°, 15 זייטן.

טונקעל (א)

22) דער טונקעלער, דער קרומער שפּיגעל. פּאַראָדיע אויף דעם סטיל פון פּאַרשידענע שריפטשטעלער. וואַרשאַ (1910), 8°, 56 זייטן.

טעללער (ישראל)

23) מסכת יינא („המגיד החדש“ 5, 75).

טראַצקי (א. ד.)

24) מסכת גבאות, אָן דרוק אָרט, 1910, 12°, 12 זייטן.

ישראל זלמן ס״ט

25) סדר ההגדה לבנ״י ברוסיא לשנת 1875, אַ סאַטירע אויף די איסבאָרשטשיקעס, וועלכע זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן אין יענעם יאָר. („המגיד“ 19, 134).

לאטהרינגער (נ׳) און עללענדמאַנן (שמעון)

26) דאָס ליעד פון׳ם קוגעל נאָך אַרט און רהיטמוס פון שיללער׳ס „ליעד פון דער גלאָקע“ („די וואַרהייט“, מאַי 14, 1910).

ד"ר. ישראל דאווידזאָן:

פּאַראָדיעס־ליטעראַטור.

(הוספות)

ווענן פּאַראָדיעס האָב איך שוין מיט צוואַנציק יאָר צוריק פאַרעפנטלעכט א ספר אין ענגליש (Parody in Jewish Literature, New York, 1907). דאָרט האָב איך ארומגערעדט אַלע זייטן פון דעם ענין. צווישן די העברייאישע פּאַראָדיעס האָב אויך אריינגענומען די יידישע און אין דעם לעצטן קאַפּיטל האָב איך פאַרצייכנט אַלע פּאַראָדיעס פון 1800 ביז 1907.

זינט יענער צייט איז צוגעקומען א שיין ביסל נייע פּאַראָדיעס אין העברייאיש ווי אויך אין יידיש.

זעלבסטפאַרשטענדלעך קען איך ניט זיכער באַשטימען אז איך האָב זיי אַלע צונויפגעקליבן. א געוויסע צאָל האָט מיר פאַרשאפט דער ניט לאַנג פאַרשטאָרבענער ביבליאָגראַף א. ז. פריידוס און א סך אנדערע זיינען מיר צוגעקומען על פּי מקרה.

איך מיין פונדעסטוועגן אז דער גרעסטער טייל ניי־צוגעקומענע פּאַראָדיעס איז מיר ניט אומבאַקאַנט און עס איז ווערט, אז מען זאָל זיי צוזאַמען אויפציילן. פיל פון זיי קענען דינען פאַר היסטאָרישע דאָקומענטן פון די לעצטע צוואַנציק יאָר, ווייל אין זייער הומאָר שפּיגלען זיך אָפּ די פּאַסירונגען פון דער צייט.

אָט, צום ביישפּיל, האָבן מיר פּאַראָדיעס וועגן פּאַסירונגען אין ארץ ישראל, ווי די שפּראַך־פראַגע אין דעם טעכניקום (נומ. 74), די פראַגע פון שמטה (נומ. 33), די עפענונג פון דעם העברייאישן אוניווערסיטעט (נומ. 32) און אנדערע געגנ־ענינים (נומערן 11, 20, 30, 31, 34, 56, 59). באָלשעוויזם איז רעפּרעזענטירט מיט צוויי פּאַראָדיעס (נומ. 21, 61) און די סופּראַדזשיסטישע באַוועגונג מיט איינער (נומ. 52).

בכלל אָבער האָב איך ניט וואָס מוסיף צו זיין צו דעם וואָס איך האָב געשריבן אין מיין בוך. איך וועל זיך דעריבער באַשרענקען צו געבן נאָר א ריינע רשימה פון די נייע פּאַראָדיעס און וועל זיי אַלפאַבעטיש אויסשטעלן נאָך די נעמען פון די מחברים.

די אַנאָנימע קומען צום סוף אַלפאבעטיש נאָך די טיטלען.

קיין זייער אויסגעצייכנטע זיינען ניטאָ צווישן די עטלעכע און זיבעציק נייע פּאַראָדיעס. מיר האָבן ניט אזעלכע ווי, למשל, די מגלה טמירין פון פּערלעס, אָדער מסכת עמיריקא פון ראָזענצווייג. פונדעסטוועגן זיינען די מערסטע פון זיי ניט שלעכט געשריבן. דער הויפּט־פּאַראָדיסט צווישן די נייע איז ק. י. סילמאַן פון ירושלים. זיין „שיר השירים" איז זייער געלונגען און זיין „מגלת שמטה" איז אין א שיינעם ביבלישן סטיל. איין ניים געפינט זיך יאָ אין דער ליסטע פון פּאַראָדיעס. צום ערשטן מאָל געפינען מיר א פּאַראָדיע אין דער אראַבישער שפּראַך. דאָס ווייזט, אז אפילו אונזערע ברידער אין אָריענט דערלויבן זיך אַמאָל צו שפּאַסן.

אָגוז (א. ד.)

1) חנה פּעסיל'ס מענה לשון, אַ בוך פול מיט הומאָר, נויאָרק, אָן יאָר, 8° (נאָר דער טיטל איז מיר באַקאַנט).

אָגוז (א. ד.)

2) מסכת קאָרטען, צוזאַמענגעשטעלט פון ר' גמליאל הגדול (אין „מאָרגן זשורנאל", נאָוועמבער 29, 1918).

איזביצקי (ישראל)

3) הלא תשאלי לפעלת רברנדיך, אַ סאַטירע געגען דיא רעפאָרם ראַבינער (נויאָרק, 1911), 1 זייט.

אַפּאָטהעקער (דוד)

4) ביים מאַשינע זיצט דאָס מערבען, אַ פּאַראָדיע פון שיללער'ס „אָן דער קוועלע" (אין זיינע הומאָריסטישע שריפטן, אַפּטיילונג 13, זייט 13).

5) ווען וועט זיין אַן ענדע, מיט דער מעלאָדיע פון „וויחאָזשו אָדין יאַ נאַ דאָראָגו" (דאָרט, ז. 15).

6) תפלה למאָסקיטאָס (דאָרט, ז. 40).

בכרך (שמעון)

7) תפלת יושבי ארץ בייערן, אַ סאַטירע אױבער דעם קעניג אָטטאָ פון בייערן. אָנפאַנגט:

ראַלבע (יוסף)

43) יציב פתגם. אַ פּאַראָדיע אויף דעם באַ־קאַנטן פּיוט, באַהאַנדלט דעם אַרויינטרעטן פון אַמעריקע אין דער וועלט־מלחמה ("פּאָלקס־פריינד", מאי 28, 1915).

ראַקאָווסקי (אברהם אבא)

44) מדרש אסתר. אַ סאַטירע וועגן דעם יידישן מצב אין פּערשיידענע לענדער („הצפירה" 30, 1903, נומ. 41).

45) מגלת אַמעריקא. אַ סאַטירע אויף ר' יעקב עטטינגער פון אַלטונא. אַ כתב־יד אין ביהמ"ד לרבנים דנויאָרק, קליין °4, 14 בלאַט.

שוויינבערג (ט. פ.)

46) הגדה לפרחות, כפי שנוהגים לאמרה בשבת הגדול בכל תפוצות הפרחים, עם פּי' פרת מטה ועם תרגום מדויק בעברי טייטש. לעמבערג, 1911, °16, 15 זייטן.

שלמה בן לאזי סופר

47) בנין שלמה. אַ פּאַראָדיע אויף דער קינה, וועלכע האָט דעם רעפריין: „בצאתי ממצרים" און „בצאתי מירושלים". עס פאַנגט זיך אָן: „בליל יום כפור נדדה שנת כהן הגדול לעשות עבודה ביום בקדשה ובטהרה, בליל פורים נדדה שנת המלך לעשות ביום למרדכי יקר וגדלה." אמשטרדם [1782] °8, 4 בלאַט.

48) אורחת שיכורים, עם פּי' לחקור ממסך עם הקדמה בדרך שיר בשם „מכתם לשיכור". כ"י ביהמ"ד לרבנים בנויאָרק, °8, 4 בלאַט.

49) אַקדמות. אַ סאַטירע אויף דער יידישער דערהציאונג אין אַמעריקע („דיא ווארהייט", יוני 3, 1911).

50) דוד ומיכל. אַ פּאַראָדיע אויף שלום אַשס נייע ביבלישע דראַמען, פון דעם נייעם הומאָרים־טישער בלאַט אין רוסלאַנד, „דער ערל". („ווארהייט", נאָוועמבער 19, 1908). אונטער־געחתמט: אַ באַהאַלטענער לץ.

51) אַ דרשה פון אַ בדחן (גרונוואלד, מיטטיילונ־גען צור יודישען פאָלקסקונדע, באַנד 16, זייט 71).

52) די הגדה פאַר סאַפּראַזשעטקעס („די ווארהייט", אפּריל 24, 1910).

53) די הומאָריסטישע הגדה. אַ נייע זאַמלונג מעשהלאַך, לידער און אַנעקדאָטן.
[וואַרשא], °8, 16 זייטן [די פּאַראָדיע געפינט זיך אויף זייטן 3 ביז 6].

54) המן'ס תנאים. אַ פּאַראָדיע אויף אַ שטר תנאים („די וואשינגטאָנער אידישע שטימע", מערץ, 1909, באַנד 1, נומ. 2).

55) די וידוי פון אַ משומד. פּאַראָדיע פון האַמ־לעטס מאָנאָלאָג („די ווארהייט", יוני, 1910).

56) ויזתא. קובץ שנתי לחוצפה, לעזות פנים, למוסר, לתורה ולדרך ארץ... מופיע פעם בשנה, ע"י כת ליצני הדור... אַ סאַטירע איבער פּאַ־לעסטינישע אַנגעלעגנהייטן. (אין אַ פאָרמאַט פון אַ צייטונג). ירושלים, 1911.

57) ילקוט לפורים. נמסר לדפוס ע"י אחשתרן חוקר קדמוניות („הד הזמן", 1911, נומ. 51).

58) לץ היין והוא דרוש נחמד שדרשתי בימי חורפי בפורים בעיר מלאה שכורים, שנת ביד שכורים לפ"ק (1832). כ"י ביהמ"ד לרבנים דנויאָרק, °8, 12 בלאַט.

59) מחזור לראש השנה לאילנות. אַ סאַטירע איבער דעם מצב אין פּאַלעסטינע (אספקלריה, ירושלים, ט"ו שבט, תרפ"ג).

60) מי מריבה. כולם אהובים כולם ברורים, צלולים המה ולא עכורים, מריבים יחד בדברי הדורים, איש איש דובר בסדורים, ויוצאים בהם לשתות בפורים. שנת אל ת ר א יין כי יתאדם (1841). כ"י ביהמ"ד לרבנים דנויאָרק, °8, 9 בלאַט.

61) מסכת אַדמונים מן תלמוד בולשבי עם פּיר"שה ותוספות ישנים ונרדמים וחדושי מהרש"ע. ועליהם נוספו עור תורא ומסירת הסוס. חברה למען ידעו דור אחרון בנים יולדו יקומו ויספרו לבניהם, מאת אבשלום בר דרומא. תל אביב, תרפ"ג, °8, 48 זייטן.

62) על חטא. פּאַראָדיע פון דיא באַקאַנטע תפלה. („דער קיביצער", נומ. 7), „על חטא שחטאתי בעגל הזהב (ברייען); על חטא שחטאתי וואָס איך בין מיין גאַנצעס לעבן געווען אַ נזיר (נפתלי הערץ אימבער)."

63) פּיוט ליום הבחירה, מיוסד ע"פּ א"ב משלש. אַ סאָציאַליסטישע פּאַראָדיע מיט איין קאָמ־מענטאַר אין יודיש („אַרבייטער צייטונג", נ. י., 1895, נומ. 38).

ליליענטהאַל (מאיר)

27) זמר לפורים, פאַנגט אָן מיט די ווערטער: „מה ידידות מגלתך את אסתר המלכה“. דער מחבר חתמעט זיך: „מאיר עמק שושן“. 1 בלאט, אָן דרוק אָרט און אָן יאָר.

ליפסון (מ.)

28) הדהר, עתון קומי בהריחת לפתן, אַ פּאַראָדיע אין פאָרם פון אַ צייטונג („הדאַר“, י״ד אדר, תרפ״ב).

מאַנאסאָוויץ (מ.)

29) ספר הרפואות. אן אלגעמיינע סאַטירע אין סטיל פון א מעדיציניש בוך (הכרם, ווארשא, תרמ״ח, ח״ב עמ׳ 84—90).

מס—נק (דר.)

30) הגדה מפורים עד פסח וא׳ לאפּריל בכלל ולכל ימות השנה. א סאטירע איבער ציוניסטישע אנגעלעגנהייטן אין פּאלעסטינע. ירושלים, תרפ״ד, 16°, 16 זייטן.

סילמן (ק. י.)

31) הגדת ארץ ישראל עם בדיקת חמץ ועם חד גדיא ועם שני פירושים רס״י ומטה הלוה. אַ סאַטירע אויף די פירער פון ציוניזם. ירושלים, תרע״ג, 32°, 29 זייטן.

סילמאַן (ק. י.)

32) ובכן ויהי בחצי הלילה. לאחר פתיחת האוניברסיטה אומרים כן (ליהודים, חוברת יובל לכבוד פסח, ירושלים, י״ד ניסן, תרפ״ה).

סילמן (ק. י.)

33) מגלת שמטה. נמצאה בגנזי החורבה... עם שני פירושים, ממני הק׳ קל מסבין. א סאַטירע אויף די רבנים פון ירושלים וואָס האָבן געוואָלט ווידער איינפירן די געזעצן פון שמטה. געדרוקט אין פאָרמאַט פון א מגלה און נאָך איין מאָל אין פארמאַט פון א ספר. ירושלים, תר״ע, 32°, 32 זייטן.

סילמאַן (ק. י׳)

34) שיר השירים אשר לשלמה, עם פירוש מלא וגדוש וחדוש ונדוש. אַ סאַטירע איבער דעם מצב אין ארץ ישראל. (ליהודים. חוברת יובל לכבוד פסח, ירושלים, י״ד ניסן, תרפ״ה.

פאלק (גבריאל)

35) מעוז צור לפורים (תורה אור, אמשטרדם, 1857).

פולד (אהרן)

36) קינה היא ותהי לקינה (לב״ע). א סאַטירע אויף דער פארזאמלונג פון רעפאָרם ראבינער (ליטעראטורבלאַט 6, 470—471).

פראַנק (אהרן)

37) הפטרה לכל ימות השנה. א סאַטירע אויף דער „אגודת ישראל“ פון פראנקפורט (הד ליטא, נומ. 11, ב׳ סיון, תרפ״ד, זייט 16).

צדיקוב (שלום בצלאל)

38) אַ נייע הגדה של פסח פיר דיא גלויביגע און ניט גלויביגע ארבייטער און מייסטער. לאָנדאָן, תרס״ח, 8°, 16 זייטן. „אין די הגדה וויל איך אַ ביסעל מאַכען לצנות פון דיא ניט גלויביגע וועלכע מאַכען חוזק פון אונזער טהייערן פסח“ (אין דער הקדמה). „עבדים היינו. אונזערע עלטערען זיינען געווען קנעכט בייא גאָט, בייא די תורה און ביים אידישען פאָלק, האָט אונז דער רויטער האאן פרייא געמאַכט פון זיי אלעמען מיט איין קלאפּ. אונזערע עלטערען זיינען געווען משועבדים און מיר זיינען משומדים. מיר זיינען די חכמים, די נבונים, מיר ווייסען די עקאָנאָמישע תורה, אז א האַלבער לעביל חמץ איז וועניגער פון א גאנצען, מיר זיינען די מגידים, אגיטאַטאָרס און ווער עס קען מעהר ברעכען וויא בויען הרי זה משובח.“

[קאָפּפּענהאַגען, א. ש.]

39) זכרון לחג תקופת מאה שנים, מעת הוסדה ח״ק ראשית חכמה בטו״ב סיון, תרע״ג. א תלמודישע פאראָדיע. הייבט זיך אָן: „הכל חייבין בראייה אחד אנשים ואחד נשים“. אמשטרדם, 1913, 4°, 1 זייט.

קאָפּפּענהאַגען (א. ש.)

40) מסכת קידושין. זכרון לחג תקופת ארבעים שנה להקמת ח״ק חוגי דת. א תלמודישע פאראָדיע מיט צוויי פירושים „רא״ש מקאפּפּענהאגען“ און „תוספות יו״ד.“ באַהאַנדלט א געוויסע געזעלשאַפט אין אמשטרדם. אמשטרדם, 1914, 4°, 4 זייטן.

קמחי (ד.)

41) עשרת הדברות לנשים (הדרבן. ירושלים, 1921, עמ׳ 11).

ראלבע (יוסף)

42) הגדה לפסח. אַ סאַטירע וועגן פארשווידענע יידישע אנגעלעגנהייטן („דער פאָלקספריינד“, י״א, ניסן, תרע״ה).

געשיכטע אחשורש... די הויפּט־פּערזאָן איז א מאַנעקען פון המן, וועלכן מען פאַרברענט אויף א שייטערהויפן, און די פאַרזאַמלטע טאַנצן ארום אים און זינגען און פרייען זיך מיט המנס מפּלה.״

שיפּער [4] אָבער פאַרזיכערט לויט געשיכטלעכע קוועלן, אַז דער דאָזיקער מנהג פון אויפהענגען און פאַרברענען המן איז אונטערגעגאַנגען נאָכן 5טן יאָרהונדערט. דער מנהג אָבער פון מאַכן א שמאַטע־מענטש, אָפּטאָן מיט אים מעשים און דערנאָך פאַרברענען אים, פאַרניכטן אים אָדער דערטרינקען אין וואַסער איז שוין אין מיטלאַלטער נישט געווען פרעמד פאַר די קריסטן, און שיפּער איז זיכער, אַז דעמדאָזיקן מנהג האָבן יידן שפּעטער, אינם 18טן יאָר־הונדערט איבערגענומען פון די קריסטן.

די כראָנאָלאָגיע איז גערעכט, אָבער דער אויסטייטש לייגט זיך נישט אויפן שכל. ווייל מ׳דאַרף אָננעמען, אַז אָדער איז עס א געמיינשאַפטלעכער מאָטיוו, אָדער דער המן־מאָטיוו האָט זיך איבערגעאַנדערשט, טראַנספאָרמירט.

דער דאָזיקער מנהג סיי ביי די קריסטן סיי ביי די יידן פונם 5טן יאָרהונדערט האָט געווים א מין איינהייטלעכן אָפּשטאַם פון די אַלטע גריכישע רעליגיעזע און פאָלקס־מנהגים. ביי גריכן איז אמאָל געווען א יום־טוב לכבוד אדאָניס, אין וועלכן עס האָט זיך איינגעליבט די געטין אַפראָדיטע. אדאָניס איז אויף געיעג דערהרגעט געוואָרן דורך א ווילדן חזיר. אַפראָדיטע האָט לאַנג ארומגעזוכט זיין קערפּער און געפינענדיק אים האָט זי זיך שטאַרק געפרייט פון זיין תחית המתים. דער אדאָניס־קולט, וואָס זיין אָפּשטאַם איז א סיריש־פעניקישער, האָט זיך אריבערגעטראָגן קיין גריכנלאַנד, אַלס יום־טוב „אדאָניאַ״. אין דער דאָזיקער פייערונג האָבן גענומען אנטייל אַלע פרויען, דערנאָך אויסשליסלעך העטערעס. די פייערונג האָט זיך אָנגעהויבן טרויעריק מיט באַוויינען דעם טויטן, דערנאָך האָט מען אריינגעוואָרפן אין וואַסער אריין א לאַלקע, וואָס האָט געזאָלט פאָרשטעלן אדאָניסן, און עס האָבן געהילכט פריילעכע געשרייען: „אדאָניס לעבט, ער איז ארויף אין הימל״.

דער עראָטישער עלעמענט פון דעם יום־טוב איז ביז איצט פאַרבליבן בלויז אינם סלאַווישן פאָלקס־יום־טוב Sobotka און קופּאַלע־מנהגים; [5] אין אנדערע איז בלויז פאַרבליבן דער לאַלקע־עלעמענט. דער דאָזיקער מנהג האָט אָנגענומען ביי פאַרשיידענע פעלקער פאַרשיידע־נערליי פאָרמען. אממייסטן איז באַקאַנט פון דער אַלט־סלאַווישער מיטאָלאָגיע Marena אָדער Marzanna, די געטין פון ווינטער, וואָס דאָס פאָלק האָט געוואָרפן איר לאַלקע פרילינג־צייט אין וואַסער אריין. דער מנהג איז פאַרבליבן נאָך ביזן היינטיקן טאָג. אין זיין ריינערער פאָרם טרעפט מען אים מערער ביי די מזרח־סלאַוון און אויך אין בולגאַריע. ביי די רוסן פאַרברענט מען א לאַלקע מיטן נאָמען קאָסטראָמאַ. [6] אין פּוילן און אין די מערב־לענדער האָט די לאַלקע אויך פאָרגעשטעלט יהודה איש קריות. און דער דאָזיקער מאָטיוו איז אויך אריינגעדרונגען אין די מיטלעלטערישע מיסטעריע־שפּילן.

ביי מאַנכע פעלקער איז דער לאַלקע־מאָטיוו פאַרבונדן מיט דער קאַטוילישער פאַסט־צייט און מיטן קאַרנאַוואַל. אין סאָרענטאָ, איטאַליע, האָט מען אין פריערע צייטן בשעת קאַרנאַוואַל געמאַכט צוויי לאַלקעס, איינע א ווייסע — דעם קאַרנאַוואַל; די צווייטע, א שוואַרצע — דער סימבאָל פון פאַסטן. דאָס פאָלק האָט זיך צעטיילט אין צוויי לאַגערן, געקעמפט צווישן זיך און געזאָגט ווערטלעך. ארום צוועלף ביינאַכט האָט מען די לאַלקע פונם קאַרנאַוואַל מקבר געווען אָדער פאַרברענט. [7]

אַזעלכע אָדער ענלעכע מאָטיוון וואָלט מען געקאָנט מערער פאַרצייכענען.

כאָטש דער מנהג איז ביי די יידן פאַרלוירן געוואָרן אין דער פאָרם ווי זי איז באַשריבן פון 5טן יאָרהונדערט, דאָך לאָזן זיך באַמערקן געוויסע שפּורן פון דעם זעלבן המן־מאָטיוו און אנדערע פאָרמען, וואָס דערלאָזן אונז בשום אופן נישט גלויבן, אַז דער מנהג איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן געוואָרן פונם יידישן לעבן. ער האָט זיך בלויז אנדערש פאַרקליידט, צופּאַסנדיק זיך צו די געביטענע פאַרהעלטענישן.

[4] שיפּער; ערשטער באַנד, זייט 23־24.

5) A. Weselowski: Heterizm, pobratimstwo i kumstwo w obrjadach kupalnych. (Zurnal Ministerstwa Narodnawo Proswiescenya. Peterburg. 1894. Fewral).

6) Weselowski.

7) Gaetano Amalfi: Tradizioni e usi nella penisola Sorentina. Palermo, 1890.

64) דער פייקער, דיא איינציגע צייטונג פיר עהר־ליכקייט און דרך ארץ („פאָרווערטס“, יאנ. 30, 1909).

65) פעלי־עתן, מכתב עטי מעדני, מאדאי וסברותי. יוצא לאור החמה ולאור הלבנה („הצפירה“, 16, 1889, נומ. 44, 69).

66) פרדיה של תנאים, הייבט אָן „בשעה טובה ומופקרת אור לארבעה עשר“ („רשמות“, א׳ 384).

67) פרקי בנים דסינסינעטטי, א סאַטירע אויף די רעפאָרם ראבינער אין סטיל פון פרקי אבות. (Hebrew Standard, Nov. 9, 1906)

68) קדוש לפורים׳ הייבט זיך אָן: „יום השישי ויכלו השמים, השמים מספרים כבוד, כבודו מלא עולם“ (גרונוואלד, מיטטיילונגען צור יו־דישען פאָלקסקונדע, 13, 28).

69) קדושא רבא לפורים. הייבט זיך אָן: „יום הששי ויכולו השמים — פורים היום — היום פורים — כלנו שכורים.“ („רשמות“, ח״א, 382).

70) הקיקיון, עתון אין קוצץ מפוצץ... מזרזר ומבשר על רגל אחת כל הנעשה מהודו ועד כוש ממצרים ועד הנה. ומעתה ועד עולם יצא להתלוצץ מדי פורים בפורים („הצפירה“, 1903, נומ. 41).

71) רבינו בינגהאמ׳ס מתן תורה. אַ סאַטירע אויף דעם אַמאָליקן פאָלים קאָמישיאָנער פון ניו יאָרק („ווארהייט“, מאי 26טן, 1009).

72) שולחן ערוך לשלחן ערוך, נעתק מספר ישן ע״י אחד מבני דרוסאי. אמשטרדם, 1891, 4°, 1 זייט.

73) השיר הזה יהיה לכם בליל התקדש חג הפורים. א שנאָרער בריוו אין סטיל פון א תפלה וואס מוריטץ וורף און הערש בינדערער האָבן אויסגעשיקט צו די מיטגלידער פון זייער קהלה. טשערנאָוויץ, 1861, 2°, 1 בלאט.

74) ש״ס ארץ ישראל (קטן). א. מסכת בבא תכניקא עם פי׳ רס״י ותוספות ביחד עם מהר״י שיף ופי׳ אבות (ההורים) דר׳ נתן ועם מסורת הש״ס וחלופי גרסאות הנ״ל כמו שנדפס בדפוס ווילנא, אמשטרדם ופרנקפורט ע״מ. א סאַטירע אויף דעם טעכניקום אין פאלעסטינא, ירושלים, אָן יאָר, 12°, 24 זייטן.

נ. ווייניג (ווילנע).

המן-פיגור און שמאַטע-מענטש.

דער פוילישער עטנאָגראַף יאַן פראַנצישעק מאַגיערא האָט פאַרנאָטירט דעמדאָזיקן מנהג:[1] אין לימאַנאָווא און אין שכנות (גאַליציע, פאדהאַלע) זאמלט זיך צונויף דאָס יונגוואַרג אינם טאָג פון „גרויס דאָנערשטאָג“, הענגען אויף אויפן דאַך אָדער אויף אַ צווייג דעם ביבלישן המן, געמאכט פון שטרוי, דערנאָך שלעפּן זיי אים אַראָפּ אויף דער ערד, רייסן פון אים פאַסן, שלאָגן מיט שטעקנס און טיילמאָל באַוואַרפן זיי נאָך דעם איבערגעבליבענעם רעשט שמאַטעס מיט שטיינער. מאַגיערא רופט דעמדאָזיקן מנהג בולט אָן „די נקמה אין המן“.

דער דאָזיקער מנהג איז שווער פארשטענדלעך צוליב דעם, וואָס דערווייל איז נישט לייכט אָנצונעמען אַ השערה, אז ער איז איבערגענומען געוואָרן פון די יידן. אן ענלעכער מנהג מיט המן איז געווען אמאָל ביי יידן, ווי עס גיבן איבער ב. גאָרין און דר. יצחק שיפּער.[2]

אין דער מזרח־רוימישער אימפּעריע פלעגן יידן נאָך דער מגילה אויפשטעלן אין שול־הויף אַ תליה און אויפהענגען אַ מאַנעקען, וואָס זאָל האָבן פאָרגעשטעלט המן. דערנאָך פלעגט מען פאַרברענען די תליה צוזאַמען מיט המן. קייזער טעאָדאָזיוס דער צווייטער, האָט אינם יאָר 408 געטאַדלט אין אַ דעקרעט דעם מנהג, און אין יאָר 415 איז צוליב דעם טאַקע אויסגעבראָכן אַ פּאָגראָם אין אַ ישוב נעבן אַנטיאָכיע. דער מנהג איז צוליב דעם אָפּגעשטעלט געוואָרן. דאָך פאַרנאָטירט גאָרין[3] פונם 9טן יאָרהונדערט „אַ פורים־שפּיל, אַ פאַרס, גענומען פון דער

1) Jan Fr. Magiera: Judasz i Haman, Wisla, 1900. Marzec—Kwiecien. Drobiazgi ludoznawcze.

[2] ב. גאָרין: די געשיכטע פון יידישן טעאַטער (ניו־יאָרק 1918); ערשטער באַנד, זייט 22. דר. י. שיפּער: געשיכטע פון יידישער טעאַטער קונסט און דראַמע (וואַרשע 1923); ערשטער באנד, זייט 21.

[3] גאָרין; ערשטער באַנד, זייט 24.

יידישע פאָלקסלידער.

נייע זאמלונגען

פון י. ל. כהן.

עטלאַכע פאָרבאַמערקונגען צו די עלטערע ליבעסלידער.

דאָס רוב פון די פאָלגנדיקע לידער האָב איך צוזאמענגעקליבן דאָ, אין אמעריקע, אין משך פון די יאָרן 1913—1926, און זיי דארפן באַטראַכט ווערן ווי נייע הוספות און טיילווייז אַלס וואריאנטן צו מיין ערשטער לידער־זאַמלונג, ארויסגעגעבן אין 1912.

ווי אין דער ערשטער, אַזוי אויך אין דער פאָלגנדיקער קאָלעקציע, פארנעמען די ליבעס־לידער דעם שענסטן אויבנאָן, און דאָס איז ניט בלויז צוליב זייער טיפערן לירישן אינהאַלט, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס זיי זיינען ניט אין ערך צאָלרייכער און פארשפרייטער, ווי די אַלע אנדערע לידער וואָס ווערן געזונגען אין פאָלק. אַזאַ דערשיינונג מוז האָבן אַ געוויסן באַדייט, און עס פרעגט זיך מיט פאַרווונדערונג: פונוואַנען האָבן זיך צו אונז גענומען אַזויפיל ליבעס־לידער? ווער האָט זיי געשאַפן? און דער עיקר — פון זינט ווען זיינען זיי ביי אונז אויפגעקומען?

אויף דער לעצטער פראגע איז שוין אָבער ביי אונזערע פאָרשער פאראַן אַ באַשטימטער ענטפער און דוקא אַזאַ, וואָס צייכנט אָן, מיט וויסנשאַפטלעכער זיכערקייט, די אויפקום־צייט פון דער יידישער ליבעס־ליריק, גראַד פון דעם מיטן 19טן יאָרהונדערט... און ביז דאַמאָלסט, זאָל עס הייסן, איז דער ליבע־מאָטיוו לחלוטין פרעמד געבליבן דעם יידישן לעבן, פאָלגלעך דעם אַלטן פאָלקס־געזאַנג.

די ראיות, די כלומרשטדיקע פאקטן, אויף וועלכע די דאָזיקע מיינונג שטיצט זיך, האָבן בעצם גאָר קיין שייכות ניט צום יידישן ליבעסליד, — פונדעסטוועגן האָט מען דערויף שוין אויפגעבויט אַ גאַנצע טעאָריע, וואָס איז אָן דער מינדסטער קריטיק אָנגענומען געוואָרן כמעט פון די אַלע, וואָס האָבן זיך נאָר אַמאָל צוגערירט צום ענין, און ס'איז שוין אפילו פאַרצייכנט ווי אַ היסטאָרישער פאַקט אין דר. פינעס'עס פאָפולערער „געשיכטע פון דער יידישער ליטע־ראַטור". דאָרטן דערקלערט זיך עס אַזוי: „ליבעס־לידער געהערן היסטאָריש צום נייסטן מין צווישן די געטאָ־לידער. אין דער צייט, ווען מען פלעגט חתונה מאַכן געוויינטלעך קינדער אין עלטער פון צוועלף־פערצן יאָר, האָט נאַטירלעך גאָר נישט געקענט געבוירן ווערן קיין ראָמאַנטישער ליבעס־געפיל צווישן יונגע מענטשן פוןביידע געשלעכטער. מען קען רעכענען פאר באַשטימט, אַז ערשט אין מיטן פון 19טן יאָרהונדערט, ד. ה. ווען די ענדערונגען אין לעבן פון די געטאָ־באַוואוינער האָבן, צווישן אנדערע, ארויסגערופן אויך די ערשיינונג, אַז חתונה־האָבן האָט מען אָנגעהויבן אביסל עלטער ווערנדיק, און ווען, פון דער אַנדער זייט, די וועלטלעכע ליטעראַטור האָט אָנגעהויבן אריינצודרינגען אין די טיפסטע קעמערלעך פון פאָלק, באַקאַנט מאַכנדיק צום ערשטן מאָל מיט ווערטער, וואָס זיינען אים פריער אינגאַנצן אומבאַקאַנט געווען, ווען ליבע, געליבטע און אַז. וו. — ערשט דאַן זיינען אַנטשטאַנען די ערשטע ליבעס־לידלעך אין יידיש־דייטש."[1]

די דאָזיקע טעאָריע האָט דר. פינעס כמעט אינגאַנצן אנטליען, און דערצו נאָך זייער שלעכט איבערדערציילט פון גינזבורג־מאַרעקס אריינפיר צו זייער לידער־זאַמלונג, ווו עס רעדט זיך וועגן דעם ענין אין אַ גאַנץ אנדער טאָן, הגם אין דעמזעלביקן זין. אָבער נאָך פריער, אין 1898 האָט שוין פראָפעסאָר ווינער געהאַט אויסגעדריקט דיזעלביקע מיינונג אין קנאַפּערע ווערטער: „דאָס וואָרט ‚ליבע' עקזיסטירט ניט אין יידיש־דייטשישן ווערטערבוך, און ווו נאָר דאָס דאָזיקע געפיל, מיט וועלכן די יידן זיינען באַקאַנט געוואָרן זינט דעם מיטן פון

[1] מ. פינעס, געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור (ב. 1, ז' 55), ארויסגעגעבן אונטער דער רעדאַקציע פון בעל־מחשבות. וואַרשע, 1911.

שיפּער, וואָס מיינט, אַז די קריסטן האָבן אין דעם פּרט משפּיע געווען אויף די יידן, ציטירט [8] פונם אָנהייב 18טן יאָרהונדערט אַ פּורים־שפּיל, אין וועלכן ס׳געפינט זיך אַ סצענע, וווּ ס׳ווערט פאַרגעשטעלט המן אויף דער תליה. און ווייטער דערציילט ער, לויט שאָרס געשיכטע פון יידן אין פּשעמישל, וועגן אַ פאַראָרדענונג פון אַ פּוילישן ביסקופּ פון דער ערשטער העלפט 18טן יאָרהונדערט, אין וועלכער עס „רעדט זיך וועגן דעם, אַז פּורים־צייט פלעגן די יידן אין פּשעמישל (קליינפּוילן) דינגען אַ קריסט, אַרומפירן אים אין די גאַסן פאַרשטעלט אַלס המן, שטויסן אים אין די זייטן און אָפּשפּאָטן פון אים״.[9]

אויב מ׳וויל רעדן וועגן וועלכער ס׳איז השפּעה פון אַ קריסטלעכע מנהגים, איז עס אפשר גיכער געווען אַ שטויס פאַר אַן אַנטפּלעקונג פון אַ מנהג, וואָס ער האָט עקזיסטירט פּאָטענציעל און געוואַרט נאָר אויף דער מעגלעכקייט פון פונאַנדערוואַקסן זיך.

נאָך ביז מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט מען אין שטעטל מעלניצע (ביי קאָוועל, וואָלין) פּורים־צייט געדונגען פאַר עטלעכע גילדן אַ גוי, געמאַכט אים שכור, אויפגעזעצט אים אויף אַ פערד, געטריבן איבער דער שטאָט אַלס המן, געשריגן און געשטויסן אים. אין דער דאָזיקער פאַרוויילונג האָבן גענומען אַנטייל יונגוואַרג און עלטערע אויך.[10]

אין לויצק (Luck, וואָלין) איז נאָך פאַראַן אַ מנהג, אַז פּורים אין דער שול, צייכענען די קינדער מיט קרייד אויף דער פּאָדלאָגע, נאָענט צו דער בימה, אַ מענטשעלע, פּרימיטיוו לויט קינדערשער אַרט, מען רופט אים אָן המן, און ביים מגילה־לייענען, שלאָגט מען אים אין קאָפּ מיט שטעקנס אָדער מיט די פיס. אַזעלכע המנס צייכנט מען אויך אויף די בענק אין שול. אָדער מען צייכענט אויף דער פּאָדלאָגע איין גרויסן המן און ביי דער זייט וואָס אמאָל קלענער צוועלף מענטשעלעך — המנס קינדער. מען צייכנט אויך אַ לייטער, און אויף איר ווידער המן.[11]

אפילו דאָס גראַגערן בשעת דעם מגילה־לייענען קאָן מען באַטראַכטן פאַר אַ ביז גאַר ״עדוצירטער היסטאָרישער פאָרם פונם אַמאָליקן פאַרברענען המנען.

די לאַלקע אָבער טרעפט זיך אויך ביי יידן אין אַ גאַנץ אַנדערער פאָרם, אָן קיין שום שייכות מיט פּורים. די דאָזיקע פאָרם, וועט גיכער שטאַמען פון השפּעות פון קריסטלעכע מנהגים. איך ברענג דאָ עטלעכע פּרטים, וואָס זיינען ביז איצט געזאַמלט געוואָרן דורך דער עטנאָגראַפישער קאָמיסיע פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. ווער עס ווייסט נאָך עפּעס, זאָל זיך אָפּרופן.

פאַר דער מלחמה איז געווען אַ מנהג אין קאַליש (Kalisz, דרום קאָנגרעס־פּוילן), אַז שמיני עצרת האָבן ווייסע חברה־ניקעס געמאַכט אַ מענטשלעכע פיגור פון שמאַטעס, אָנגעבונדן אויף אַ שטעקן, אַרומגעטראָגן אין אַלע יידישע גאַסן מיט הויכע געשרייען: „הורא, הורא!״[12] דער דאָזיקער מנהג איז פאַרגעסן געוואָרן שוין די די רעוואָלוציע־צייטן פון 1905.

אַ צווייטער קאָרעספּאָנדענט פון קאַליש [13] באַמערקט, אַז דער גולם איז געמאַכט געוואָרן פון שטרוי. נאָכהער האָט מען אים פאַרברענט. ער דערמאָנט בלויז נאָך אַן ענלעכן מנהג אין קאַליש און אין די אַרומיקע שטעטלעך, וואָס איז פאָרגעקומען אחרון של פּסח; דעם דאָזיקן באַלוואַן האָט מען אָנגערופן כּומעצדיקער באָרכע (=חמצדיקער ברכו).

אין אַלעקסאַנדער (ביי לאָדזש) פלעגן אַמאָליקע יאָרן די ווייסע חברה׳ניקעס מאַכן דעם לעצטן טאָג פּסח אַ באַלוואַן, גערופן אים „יילִיוועַר״ (Jiliver אויף זייער לשון „אַ פּאַרך״), קליינוואַרג אונטערגעשיקטע האָבן געטראָגן אים אונטער די פענסטער פון קראַנקע אויף פּאַווּס און געשריגן: „מ׳פירט דעם יילִיוועַר קיין מצרים, הורא!״[14]

אַלזאָ, פון איין זייט יידישע מנהגים, וואָס מאַכן אונז גלויבן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט קריסטלעכע השפּעות; פון דער צווייטער זייט דער צום אָנהייב באַשריבענער קריסט־לעכער מנהג פון לימאַנאָווא, וואָס זעט אויס ווי צו זיין גענומען פון אַ יידישן מקור.

דאָ שטייט נאָך אַן אינטערעסאַנטע אויפגאַבע פאַרן פאָרשער.

---

[8] שיפּער; ערשטער באַנד, זייט 24.
[9] שיפּער; ערשטער באנד, זייט 24.
[10] איבערגעגעבן מיר דורך פּריינט י. שפּעטער, וועלכער האָט דעם מנהג אליין נאָך געזען.
[11] איבערגעגעבן דורך פּריינט י. שפּעטער.
[12] קאָרעספּאָנדענט שלמה מאַקאָווסקי.
[13] קאָרעספּאַנדענט ש. קרישטאַל.
[14] קאָרעספּאַנדענט י. ש. צענגדאָרף.

פארשטענדלעך, אז אין די דאָזיקע בעל־מלאכה'שע קרייזן, אין א סביבה פון שניידער־יונגען און שניידער־מיידלעך, שוסטער־געזעלן און נייטאָרקעס, בעקער־יונגען און דינסטמיידלעך א. ד. גל. האָבן שוין ביידע געשלעכטער פונ'ם מענטשלעכן מין, ניט געקאָנט שטיין אויף אזא בכבודיקער דיסטאַנץ איינס פונ'ם אנדערן; אין אזא סביבה האָט דאָך דער גאַנצער וועלט־באַנעם, כ'מיין, דער קוק אויף ליבע, געשלעכט, מאָראַל און בכלל דער אינעוויייניקסטער לעבנסשטייגער געמוזט זיין א רעכט ביסל אנדערש, ווי ביי דעם פרום־באַלעבאַטישן עולם. וואָס־וואָס, נאָר אין איבעריקער פרומקייט און אסקעטיזם האָט מען דערדאָזיקער יונגוואַרג קיינמאָל ניט געקאָנט באַשולדיקן. זינגט זיך דאָך פונקט פארקערט אין אן אלט קינדער־לידל: „שנאַדער־יינגלעך, גרויסע דראבעס, טרינקען בראָפן, צולן אין שבת. שיסטער־יינגלעך, גרויסע נעווייערס, טרינקן בראָנפין, פארזעצן פעטשיילעס".[3] און מאָלע וואָס, אזעלכע „שנאַדער און שיסטער־יינגלאַך" האָבן אין אַמאָליקע צייטן געקאָנט אָפטאָן, בעת עלטערן און קהל האָבן, צוליב פארשטענדלאכע טעמים, ניט געקאָנט האָבן אויף זיי קיין דעה און קיין השגחה. און ווייטער, וואָס איז שייך פריע חתונות, איז גאַנץ מעגלעך, אז דיזעלביקע סיבות, וואָס האָבן געצוואונגען אָפצוגעבן יינגלעך צו בעל־מלאכות און מיידלעך פאר דינסטן אין פרעמדע הייזער אריין, האָבן אויך געמוזט גורם זיין, אז ניט אלע זאָלן קאָנען חתונה האָבן צו 13 און צו 16 יאָר. איז שוין ביי דער־דאָזיקער יונגוואַרג געגוג צייט געבליבן פאר דעם פריען אויפבלי פון ליבעס־געפילן און ליבעס־לידער, פאר טאַנצן און זינגען, פאר ראָמאַנסירן און באמתדיקן „ליבן־זיך".

„דאָרט ביי די פועלים, — דערציילט אונז דער קינסטלער־עטנאָגראַף ר' מענדעלי, — „ווערן אָפט געזונגען לידלעך, אייגענע ארבייט טאַקי, וואָס געהען דערנאָך ארויס אויף דער וועלט, צווישען עולם, פאַלען אריין אין מויל צו מיידלעך, דינסטמיידלעך און בעקומען דעם נאָמען „פאָלקסלידלעך". פועלים וואָס פלעגן וואַנדרעווען, ארבייטען ביי גויים אין די דערפער, האָבן אין זייערע לידלעך אריינגעמישט גוי'אישע ווערטער, אזוי אז ס'איז אויס־געקומען האלב יודיש, האלב רייסיש. דער „תוך" פון די לידלעך איז געווען פערשיעדען. ס'איז געוועזען אזוינע איבער ליעבעס. א דינסטמיידעל, א שטייגער, פארביינקט זיך אין דער פרעמד נאָך איהר געליבטען, דערמאָנט זיך וויינענדיג אָן די גוטע, זיסע מינוטען, ווי זיי פלעגען פארברייננגען צוזאמען ווי א פּאָר טויבען אויפ'ן שפּאַציר, אמאָל אין געדיכטע וועלדער און אמאָל צווישען ווייץ און קאָרן, אָדער סתם א מיידעל גיסט אויס איהר הארץ, ציהט זיך מיט דער נשמה צו עפּיס א חתן, ווי א קליין קינד מיט די הענטלעך צו דער לבנה..." „מען קען מיט רעכט זאָגן, אז ביי די בעלי־מלאכות האָט געטליעט א פּאַטישער פונק, זיך געלאָזט פיהלען א יונגע פרישע נשמה, און דערמיט טאַקי לאָזט זיך דערקלערען זייער אומגאַנג ווי חברים מיט קינדער, זייער ליבשאַפט עד היום צו שרייבער, פּאַעטען."[4]

און אויב ס'איז ניט אָפּגעפרעגט, אז פועלים, בעל־מלאכות, האָרעפּאַשניקעס, און ווי זיי זאָלן ניט האָבן געהייסן און ווי קליין צאָל זייער זאָל ניט האָבן געווען, זיינען זיי ביי יידן אלע מאָל געווען, — האָבן מיר שוין דאָ דעם אמתן עלעמענט, די מעגלעכע סביבה, פון וועלכער ס'האָבן זיך, אלע מאָל און אונטער אלע אומשטענדן, געקאָנט רעקרוטירן די באַהעמיענס, די קינסטלער, די פאָלקס־דיכטער און קאָלעקטיווע מיטשאַפער פון אונזער וועלטלעכן פאָלקס־ליד, דער עיקר פון דער ליבע־ליריק, וואָס אירע שפּורן דערפירן ביז טיף אין 16טן יאָרהונדערט אריין.

פאַראַן דערויף א סך ראיות, וואָס מען וואָלט געקאָנט ברענגען, סיי פון דער ליטעראַטור, סיי פון די לידער גופא. נאָר כדי ניט איבערצולאָדן די דאָזיקע קליינע ארבעט מיט היפשע ציטאַטן, וועיז איך דאָ אונטן אָן אויף די נייסטע פאָרשונגען פון דער אלט־יידישער ליטע־

3) דאָס לידל ווערט געבראַכט אין פּראָפ. קאַינדל'ס: „אַללערליי קונטערבונט אַוס דער קינדער־וועלט". Zeitschr. d. V. f. Volksk. 7, 136 ff., ווו צווישן אַנדערע געפינט זיך אויך א צענדליק יידישע קינדער־לידער אויפגענומען אין בוקאָווינאַ און גאַליציע.

4) אַזוי אין „שלמה ר' חיים'ס" (ז' 87-89), וואָס ווערט באַטראַכט אַלס מענדעלי'ס קינסט־לערישע אויטאָביאָגראַפיע. עס לאָזט זיך דאָ משער זיין, אַז סאַי די פאַרשיידענע פאָלקסלידלעך און סאַי די אלע אַנדערע עטנאָגראַפישע שטריכען און בילדלעך, וואָס דער קינסטלער, ר' מענדעלי, האָט מיט אַזאַ פולער האַנט צעשפּריייט איבער אַלע זיינע כתבים, זענען דאָס רוב געשעפּט פון זיינע קינדער־יאָרן זכרונות, בערך פון די יאָרן 1843-47. פגל. דערצו י. ח. רבניצקי'ס ביאָגראַפיע פון מענדעלע מוכר־ספרים (אין אַלע ווערק, ב. 1, ז. 17. קראקא, תרע"א).

דעם (19טן) י״ה, דארף אָנגערופן ווערן ביים נאָמען, געברויכן זיי דאָס דייטשישע וואָרט „ליבע׳.״2)

נאָר ווי אומגלויבלעך די דאָזיקע מיינונג זאָל ניט קלינגען, ווערט עס אָבער אין דעם דערמאָנטן אַריינפיר ביי גינזבור־מאַרעק אונטערשטיצט מיט אַ סך קולטור־היסטאָרישע פאַקטן, וואָס מאַכן אין אָנהייב אַן איבערצייגנדיקן איינדרוק. אזוי, למשל, ווערט דאָרט אָנגעוויזן ווי אויף אַ פאַקט, אַז „ביז דעם צווייטן העלפט פונם 19טן י״ה איז דער פוילישער־ליטווישער ייד זייער ווייניק באַקאַנט געווען מיטן געדרוקטן ראָמאַן און נאָך ווייניקער האָט ער אַליין איבערגעלעבט אַ ראָמאַן, פערזענלעך, ווי דער העלד גופא. דער ליבע־מאָטיוו, ווי אַ פאָרלויפער פון דער הייראַט פעלט כמעט אינגאַנצן אין די אַלטע לידער״, דער עיקר אין די חתונה־און פאַר־חתונה־לידער, וואָס דערפון קאָן מען ארויסדרינגען, אַז „ליבע״ איז ביי יידן געווען אַ פאַרבאָטן וואָרט, וואָס מען האָט קוים געמאָגט אַרויסריידן ערשט נאָך דער חתונה. עס ווערן נאָך געבראַכט אַנדערע ראיות פון פאָלקסגלויבן, מנהגים, לעבנס־שטייגער, געשיכטע א. ד. גל. אזוי, למשל, ווערט אָנגעוויזן אויף דעם אַלטן פאָלקסגלויבן, אַז ערגעץ ווו אין הימל איז שוין פון לאַנג, נאָך פאַרן געבוירן, פאַר יעדן מענטשן זיין זווג באַשטימט געוואָרן; דעריבער האָט מען מער געגלויבט אין פאַטאַליזם, איידער אין געפילן. האָט „ליבע״, אין דעם זין פון בענקעניש פון איין געשלעכט צום אַנדערן, ניט געפונען קיין אָפּקלאַנג, ניט אין לעבן און ניט אין די לידער פון אַלטן דור. ביז צו דער חתונה זיינעןביידע געשלעכטער פון מענטשלעכן מין געשטאַנען אויף אַ בכבוד׳יקער ווייטקייט איינס פונ׳ם אַנדערן: ס׳איז ניט געווען קיין ליבעס־פרייד, ס׳איז ניט געווען קיין ליבעס־פיין, זיינען במילא וועגן דעם אויך קיין לידער ניט געווען. און ווייזט מען נאָך אָן אויף דעם פאַקט, אַז אין אַמאָליקע יאָרן איז אַ 16 יעריקער בחור שוין געווען אַ מאַן, און אַ 13 יעריק מיידל, אַ ווייב — האָבן מיר שוין גענוג ראיות, אַז אין יענער אַלטער תקופה האָט וועגן ליבע און ליבעסלידער גאָר קיין רייד ניט געקאָנט זיין.

אזוי בערך אַרגומענטירט זיך אין דעם קולטור־היסטאָרישן אַריינפיר ביי ג״מ (ז. 17, 28 און אַנדערע ערטער), וואו עס ווערן געבראַכט אַלץ אזעלכע פאַקטן, וואָס פאַר זיך אַליין, זיינען זיי גאַנץ ריכטיקע, און מאַכן אין אָנהייב, ווי איך האָב שוין פריער באַמערקט, אַן איבערצייגנדיקן איינדרוק. בעת־מעשה הויבט מען שוין אפילו אָן צו גלויבן, אַז ביז צום צווייטן העלפט פון 19טן י״ה, איז אפשר אין יידישן לעבן גאָר קיין באָדן ניט געווען פאַר דער עקזיסטענץ אָדער פאַר דעם אויפבלי פון אַ וועלכער ניט איז ליבעס־ליריק. אָבער באַלד כאַפּט מען זיך, אַז דאָ איז געמאַכט געוואָרן אַ היפּשלעכער טעות: אָנשטאָט צו ברענגען פאַקטן פון די אזוי גערופענע „אונטערשטע פאָלקסשיכטן״, פונם מאַסן־לעבן, — האָט מען זיי גאָר געצויגן פון די העכערע און מיטעלערע פאָלקסקלאַסן, דער עיקר פון דעם באַלעבאַטישן, פרום־יידישן לעבנסשטייגער — פון אַ סביבה, וואָס האָט ביז צו דער דערמאָנטער תקופה זייער ווייניק ביי־געטראָגן צו אונזער וועלטלעכן פאָלקסליד בכלל.

און אַז דאָס יידישע פאָלקסליד איז ניט די דורכויסיקע שאַפונג פון גאַנצן פאָלק, נאָר בלויז פון אַ געוויסן קלאַס אָדער קלאַסן, דאָס האָבן אויך, צום טייל, שוין געמוזט איינזען זיינע ערשטע אַרויסגעבער. קענטיק איז דאָס פון אַן אַנדער אָרט אין זייער אַריינפיר (ז. 13), ווו זיי האָבן געפונען פאַר נויטיק צו קאָרעגירן אַ פריערדיקע מסקנא: „הגם ווי עס איז שוין אויבן אָנגעוויזן געוואָרן, דאָס ביז צום צווייטן העלפט פונם 19טן י״ה האָט דאָס פאָלק גופא זיך אַרויסגעוויזן פאַר דעם אויסשליסלעכן שאַפער און אויפבאַוואָרער פון דעם יידישן ליד, האָבן אָבער אין דערדאָזיקער באַציונג ניט אַלע שיכטן פון פאָלק געשפּילט אַ גלייכאַרטיקע ראָל, און ווי דאָס באַמערקט זיך ביי אַנדערע פעלקער, אזוי איז אויך ביי יידן דער שאַפונגס־פּראָצעס אינטענסיווער געווען אין די אונטערשטע סאָציאַלע קלאַסן, איידער אין די העכערע: פרויען, קינדער, אַרבעטס־פאָלק, סאָלדאַטן און דאָס איבעריקע יונגוואַרג — אָט דאָ איז די ספערע, ווו דאָס ליד איז אויפגעקומען און האָט זיך אויפבאַוואָרט.״

אַ טריט ווייטער, און מען וואָלט געמוזט איינזען, אַז גראַד דאָ, אין די אונטערשטע סאָציאַלע קלאַסן, דער עיקר צווישן דער יונגוואַרג פונ׳ם אַרבעטס־פאָלק, האָבן יענע אַלע מניעות קעגן אַ פריען אויפקום פונם יידישן ליבעסליד ניט געקאָנט עקזיסטירן. ס׳איז דאָך

2) L. Wiener, The History of Yiddish Literature in the Nineteenth Century. New York, 1899. p. 57.

אז מען האָט דאָ פאר זיך א גאנצע ריי פון גאָר אַלטע טאנץ־ און ליבעס־לידער, וואס זיינען בלי ספק אמאָל געזונגען געוואָרן פון דערוואקסענע בחורים און מיידלעך. אזוי, למשל, זינגט זיך אויף א תמימות'דיק קינדערישן שטייגער אינ'ם לידל נומ. 165:

1. שיינע מיידעלע, פיינע מיידעלע,
קום שפילן אין באַלען!
— זעה, טאטעלע, זעה, מאמעלע,
דער אינגעלע וויל מיר נאַרען!
— נעהם א שטעקעלע, גיב איבערן קעפּעלע,
וועט ער זיך אוועק שארען!

2. שאַרט ער זאַך, שאַרט ער זאַך,
ביז די מאסקעראדען,
באַגעגנט ער, באַגעגנט ער,
דריי שיינע מאדען.

3. איינע רופט מען חנה,
די אַנדערע מאריאַנע;
די דריטע וועל איך ניט אויסזאָגן —
דאָס איז מיין קוכאַנע.

דר. לאַנדוי באַמערקט דערצו, אז די נאָכפּאָלגנדיקע פערזן (סטר. 2—3) פּאַסן זיך ניט צו די ערשטע (סטר. 1). די דאָזיקע קומען אַרויס פון א גרעסערן ליד, פון וועלכן ער קאָן איבערגעבן א פולשטענדיקערן בראָדער נוסח אין דער פאָרם פון א געשפּרעך צווישן בחור, מיידל און מוטער, וואָס שטאַמט נאָך פונם 18טן יאָרהונדערט: „שאין מאַידעלע, קלאין מאַידעלע, עך וועל אָף דיר הארן! — העי מאמע, העי מאמע, דער בוכאר וויל מאַך נארן! — נעם א שטעקאלע, שלוג אין קעפּאלע, מאַך דאָך נישט וויסן! שאין מאַידעלע, קלאין מאַידעלע, קים צים שעפּן! — העי מאמע, העי מאמע, דער בוכאר וויל מיך פעפן (foppen?) — נעם א שטעקאלע און אז. וו."

מעגלאָך, אז מיר האָבן דאָ פאר זיך אן אַלט־יידיש ליבעס־ליד פון 18טן י"ה, וואָס דר. לאַנדוי פארגינט זיך בלויז אָנצורופן „א געשפּרעך", און איז משער, אז דאָס שטאַמט אָפּ פון א דייטשיש ליד, וואָס איז, דוכט זיך, פאַרלאָרן געגאַנגען, אָבער אז דאָס איז פאַראַנען געווען, ווערט באַוויזן דורך די קינדער־לידער, אין וועלכע אויפן אָרט פון דעם בעל־נסיון איז באַשיינפּערלעך אויפגעטראָטן אן אומשולדיק גענזעלע:

Ei Mütterlein, lieb Mütterlein, das Gäuslein will mich beissen, Nimm ein Gäbelchen, Schlags aufs Schnäbelchen, so wirds dich nimmer beissen! (Böhme, Kinderlied Nr. 647,649; Stöber, Nr. 309; Simrock, Kinderbuch Nr. 674).

פונדאַנען ווערט אונז קלאָר, פאַרוואָס לאַנדוי האָט דעמדאָזיקן (נומ. 165) ניט אַרויס־געהויבן אַלס ליבעס־ליד. נאָר אז מיר באַטראַכטן נאָכאַמאָל דאָס בלומרשט'דיק קינדער־לידל, בעיקר די סטר. 2—3, זעען מיר פּאָרט אין דעם, א פּיקאַנטן ראָמאַנס, וואָס דער פאָלקס־געזאַנג האָט אזוי וואונדערלעך צוגעפּאַסט און צוזאַמענגעוועבט פון צוויי באַזונדערע לידער־פראַגמענטן. הגם דאָס וואָלט נאָך אַליין קיין באַוויז ניט געווען, אז דאָס לידל איז לכתחלה ניט געשאַפן געוואָרן פאר דעם קינדער־געזאַנג, ווען עס וואָלט זיך גראָד ניט אָפּגעזוכט דער פאָלגנדיקער פּוילישער פּאַראַלעל:

1. Kazał sobie konia siodłać
i wyjechał w pole,
i zobaczył trzy dziewczyny
z górecki na dole.

2. Jednej było, panna Anna,
Drugiej Maryjanna,
Ale trzeciej niewysłowił,
boć to jego panna.

ראטור, ווי דער פאראינטערעסירטער לייענער וועט געפינען א סך געשיכטלעכע פאקטן, וואָס האָבן א שייכות צו אונזער ענין. 5)

אויף דעם געביט פון דער יידישער פאָלקסליד־פאָרשונג איז אבער פאראן בלויז איין איינציקע וויסנשאפטלעכע ארבעט, און דאָס איז, דר. אלפרעד לאנדוים רעצענזיע אויף גינזבורג־מארעקס לידער־זאמלונג (מיטטיילונגען 11, ז. 65—80). באמת, איז דאָס אָבער מער ווי א רעצענזיע, עס איז דער ערשטער וויסנשאפטלעכער פרווו אויף א פארגלייכנדיקן אופן אויסצופאָרשן אָדער אויסצושיידן די לידער, וואָס שטאמען פון א ניט־יידישן מקור, כדי דערמיט אָפצוגרעניצן דאָס פעלד פאר די יעניקע, וואָס מען האָט צו באטראכטן אלס אָריגינעל יידישע שאפונגען. און מען קאָן זאָגן, אז אין דעם פונקט האָט זיך די ארבעט גאנץ נישקשה'דיק איינגעגעבן. צו איבער 30 לידער האָט לאנדוי אָנגעוויזן אויף זייערע דייטשישע פאראלעלן און מקורים, וואָס ראָס מיינט, אז די דאָזיקע יידישע לידער זיינען אנטליגן אָדער געשאפן געוואָרן אונטער דער השפעה פון דער דייטשישער פאָלקס־דיכטונג. ליידער איז אבער דער וויסנשאפטלעכער געווינס פון דער דאָזיקער פאָרשונג היפשלעך געמינערט געוואָרן, א דאנק יענער אָנגענומענער מיינונג מכח דער יידישער ליבע־ליריק, וואָס האָט באווירקט אפילו אזא בר־סמכא ווי דר. לאנדוי, און מען זעט עס טאקע ארויס פון די פאָלגנדיקע מסקנות:

„די לידער, וואָס ווייזן זיך ארויס פאר אנטליגן זיינען אָן שום אויסנאם פון א דייטשישן מקור. דאָס, וואָס עס זיינען ניט אנטליגן געוואָרן קיין סלאווישע, לאָזט זיך דערקלערן פון די שפראכיקע מניעות. ביי לידער, ווו טעקסט און ניגון זיינען אומצע־טיילעוודיק, האָט מען ניט געקאָנט סתם איבערנעמען דעם אינהאלט אזוי ווי ביי די מעשיות, ווו די פאָרם האָט קיין ווערט ניט; מען וואָלט געדארפט איבערדיכטן אין א ריטם, וואָס איז צוגעפאסט צום ניגון. לויטן אינהאלט געפינען זיך אָבער, דוכט זיך, די ליבעס־לידער גאנץ היפש אונטער דער השפעה פונם סלאווישן פאָלקס־געזאנג, וואָס איז גראד אויף דעם געביט אנטוויקלט אזוי רייך, — וואָס דאָס שטימט גאנץ גוט צום פאקט, אז די יידישע ליבעס־ליריק דאטירט ערשט פון זינט דעם מיטן 19טן יאָרהונדערט, ווען דער צוזאמענהאנג מיט דייטשלאנד איז שוין געווען אָפגעשניטן. אין דער פריערדיקער צייט, בעת ס'איז נאָך מנהג געווען חתונה צו מאכן מינדערייעריקע קינדער, האָבן געפילן פון ליבע און ליבעס־ליריק גאר ניט געקאָנט אויפקומען. בכן, אזוי לאנג ווי די יידן האָבן געלעבט אין דייטשלאנד, האָט דאָס ליבעסליד, וואָס האָט באזירט אויף פארהעלטנישן, וואָס זיינען פאר זיי לחלוטין פרעמד געווען, ניט געקאָנט געפינען ביי זיי קיין באָדן און קיין הבנה, ניט עס איז אנטליגן, ניט עס איז נאָכגעמאכט געוואָרן." (מיטט. 11, ז' 68).

וואָלט מען אפשר געקאָנט מיינען, אז דער דאָזיקער אויספיר באזירט זיך דורכויס אויף דעם פאקט, וואָס צווישן די פארשיידענע אנטליגענע לידער (ביי ג"מ) האָט זיך טאקע ניט אָפגעזוכט קיין איין איינציק ליבעסליד וואָס זאָל באמת ניט זיין פון א דייטשישן מקור. איז אָבער דאָס ניט דער פאל. פארקערט, אזעלכע ליבעסלידער זיינען דאָרט גראָד פאראן א היפש ביסל, פארצייכנט אונטער די נומערן 136—138, 152, 165, 166, 170—172 און 173, וואס אויף זיי איז שטארק ניכר א דייטשישע השפעה, כ'מיין פשוט אנטליגענע, נאָר מסתמא שוין פון זייער לאנג צוריק. און הגם דר. לאנדוי האָט זיך אָפגעשטעלט כמעט אויף די אלע לידער, האָט אָנגעוויזן אויף זייער דייטשישן מקור, געמאכט וועגן זיי איינעקע באמערקונגען, און דאָך ניט ארויסגעהויבן זיי אלס ליבעס־לידער, ניט באטאָנט דעם פאקט, נאָר סתם אריינגענומען אין דעם אלגעמיינעם צעטל פון די אנטליגענע. אזא פארזען לאָזט זיך טיילווייז צושרייבן צו זיין א פריאָרי, דאָס: „כל־זמן די יידן האָבן געלעבט אין דייטשלאנד און אז. וו." טיילווייז, אפשר, צוליב דעם פאקט, וואָס איינעקע פון די דאָזיקע לידער גיבן אויפן ערשטן בליק דעם איינדרוק פון געוויינלעכע, היינטצייטיקע קינדערלידלעך, וואָס ווערן געזונגען ביי פארשיידענע קינדערשפילן. באמת אבער, אז מען באטראכט געגויער זייער פארשלייערטן אינהאלט און דער עיקר ווען מען פארגלייכט זיי מיט אנדערע, ווערט קלאָר,

5) נ. שטיף, „דיטריך פון בערן", יידישקייט און וועלטלעכקייט אין דער אלטער יידישער ליטע־ראטור; (ייד. פילאָלאָגיע 1, ז. 1—11 און 112—122). י. שיפער, געש. פון ייד. טעאטער־קונסט און דראַמע, 1, ז. 58—64; און דאָס גאנצע ווערק פון מ. עריק, „וועגן אלט־יידישן ראָמאן און נאָוועלע", 1926.

בכלל זיינען די אַלטע ליבעס־לידער אונזערע, ווי עס ווייזט אויס, מער אונטער דער השפעה פונם דייטשישן פאָלקס־געזאַנג, איידער אונטער דעם סלאַווישן; פון דעם לעצטן איז נאָך דערווייל קיין היפּשע השפעה אויף דעם אינהאַלט פון אונזער ליבעס־ליריק ניט אויפגעוויזן געוואָרן. נאָר אויב „אינהאַלט" מיינט דאָ בלויז ניגון אָדער דיכטערישער פּאַטאָס, איז זיכער פאַראַן אַ געוויסע ענלעכקייט צווישן דעם יידישן און אוקראַאינישן ליבעס־ליד. פון דעם צענדליק יידישע לידער, וואָס דער פּוילישער פאָרשער, י. סט. ביסטראָן האָט געפּרופט צושרייבן צו אַ פּוילישן אָדער סלאַווישן אָפּשטאַם, איז דאָס רוב פון אַ ניט־לירישן אינהאַלט. לויט מיין רעכענונג איז דער סך־הכל פון דער פאָרשונג אַזאַ: 5 לידער זיינען דורכאויס פון אַ דייטשישן מקור, 3 — פון אַ אוקראַאינישן, 1 — אפשר פון אַ פּוילישן און איינס איז זיכער אַ יידיש ליד, כאָטש ס'איז פאַראַן דערצו אַזאַ נאָענטער פּוילישער נוסח [9]. פון די אַלע האָט זיך אָפּגעזוכט בלויז איין ליבעס־ליד: „הער נאָר דו שיין מיידעלע" (ביי כהן, 1, ז. 52, נום. 32), וואָס איז בלי ספק פון אַ אוקראַאינישן מקור (ביי טשובינסקי, „טרודי" 5, ז. 1199, נום. נאָר דאָס איז שוין מסתמא פון די נייערע אנטליגענע. דאַגעגן זיינען אָבער פאַראַן גאַנץ טיפע שפּורן פון אַ דייטשישער השפעה אויף אונזער פאָלקס־ליריק, ווי דאָס איז ניכר פון די אויבן אָנגעמערקטע לידער ביי ג"מ. די דאָזיקע שפּורן געפינען מיר דאָס רוב אין דער פאָרם פון אַלטע לידער־פראַגמענטן, וואַנדער־סטראָפעס און אפילו אין איינציקע פערזן, וואָס פלעכטן זיך גאַנץ אָפט דורך אין די, לפנים, נייערע ליבעס־לידער אונזערע. נאָר אַזוי ווי די דאָזיקע פראַגמענטן פון די אַלטע דייטשישע לידער זיינען שוין טיילווייז פאַרשוווּנדן פון זייער מינדלעכן לידער־רעפּערטואַר, דאַרפן מיר אָננעמען, אַז די אַנטלייאונג האָט געמוזט פאָרקומען גאָר אַמאָל, אפשר נאָך מיט הונדערטער יאָרן צוריק, בעת דיזעלביקע זיינען נאָך ביי די דייטשן געווען לעבעדיקער פאָלקס־געזאַנג און מסתמא אויך פּאָפּולער ביי די יידישע מאַסן אין דייטשלאַנד.

זאָל נאָך דאָ באַמערקט ווערן, אַז אונזער חשוב'ער דר. לאַנדוי האַלט ניט פון דער דאָזיקער מעגלעכקייט, וואָס מען איז פריערצו געניגט געווען אָנצונעמען, אַז די אַנטליגענע לידער שטאַמען נאָך פון דער צייט איידער ס'איז פאָרגעקומען די אויסוואַנדערונג פון דייטשלאַנד. אים דוכט זיך, אַז די פראַגע מכח דעם עלטער פון דער אַנטלייאונג קאָן כמעט ניט געלייזט ווערן, מחמת די לידער גופא גיבן ניט דערצו קיין שום אָנהאַלט־פּונקטן, אויף וועלכע מען זאָל זיך קאָנען סומך זיין. פונדעסטוועגן האָט ער יאָ געפונען אַזעלכע פּונקטן אינם ליד נום. 288 (ביי ג"מ.) און אין איניקע קינדער־לידער, וואָס זיינען בלי ספק אַנטליגן געוואָרן אין 19טן י"ה. דעריבער, מיינט ער, וועט די דאָזיקע מעגלעכקייט אויך בנוגע די אַנדערע לידער דורכאויס ניט קאָנען אָפּגעפרעגט ווערן. „אָבער אויף וואָס פאַר אַן אופן די לידער־וואַנדערונג פון דייטשלאַנד נאָך רוסלאַנד איז פאָרגעקומען, וועגן דעם לאָזן זיך נאָר ארויסזאָגן אומבאַשטימטע סברות" (מיטט. 11, 68).

די לעצטע פראַגע איז באמת אַזאַ פּשוט'ע, אַז מען וואָלט זי געקאָנט, אָן ווייטלויפיקע השערות, פאַרענטפערן כמעט אין איין זאַץ: חוץ די אַלטע דייטשישע תושבים אין רוסלאַנד און די גרעניץ אַיינוואוינער, וואָס האָבן געקאָנט זיין מעגלעכע פאַרמיטלער צווישן דעם דייטשישן און דעם יידישן פאָלקסגעזאַנג, האָבן די לידער צו אַלע צייטן אויך געקאָנט פריי וואַנדערן צוזאַמען מיט די וואַנדערנדיקע אַרבעטער פון דייטשלאַנד נאָך רוסלאַנד, מיט די וואַנדערנדיקע שניידער־ און שוסטער־געזעלן, מיט די וועבער און וועבערינס א. אַ., וואָס האָבן פריער אָדער שפּעטער, צוליב פּראָפעסיאָנעלע טעמים, געמוזט קומען אין נאָענטער באַרירונג מיט פאַרטרעטער פון דיזעלביקע מלאכות ביי יידן. און דערמיט איז שוין צוגעגעבן, אַז טייל לידער האָבן געקאָנט אַנטליגן ווערן אין'ם 19טן י"ה. אָבער ווי געזאָגט, זיינען פאַראַן צווישן די אַנטליגענע אויך אַזעלכע, וואָס לויט זייער אינהאַלט אָדער אפילו לויט איניקע פערזן זייערע, איז ניכר, אַז זיי זיינען פון אַ גאַנץ אַלטן אָפּשטאַם, און אַז די אַנטלייונג אָדער די השפעה, ווי מען אָל דאָס ניט אָנרופן, האָט געמוזט פאָרקומען שוין פון זייער לאַנג צוריק, נאָך פאַר דער אויסוואַנדערונג פון דייטשלאַנד.

9) איבער ביסטראָנ'ס אַרבעט, פּגל. מאַקס ווײַנרײַכ'ס אויספירלעכן רעפעראַט אין ייד. פילאָלאָגיע 1, ז. 204—209.

מיט די דאָזיקע פערזן, הייבט זיך אָן א היפּשע פּוילישע פאָלקס־באַלאַדע ביי אָסקאר קאָלבערג 6), פון וועלכער מען וואָלט שוין זיכער געקאָנט שליסן, אז דאָ האָט זיך אָפּגעזוכט דער אמת׳ער מקור פון אונזער ליד, הגם ווען עס האנדלט זיך מכח פּוילישע און יידישע פאָלקסלידער לאָזט זיך, מכמה טעמים, דער אָפּשטאַם מיט אַזא זיכערקייט ניט באשטימען.7) און אָט טראָגט דאָ טאקע אריין אביסל ספקות א דייטשישע ווערסיע, וואָס מיר געפינען ביי ערק־בעהמע, „דויטשער לידערהאָרט״ 2, נומ. 419:

1. Dort oben auf jenem Berge
Da steht ein hohes Haus,
Da schauen wol alle Frühmorgen
Drei schöne Jungfrauen heraus.

2. Die eine heist Susanne,
Die andere Anne-Marei;
Die dritte darf ich nicht nenen
Weil sie es mein eigen soll sein.

פארגלייכט מען די דאָזיקע פערזן מיט די אנדערע, איז שוין שווער צו באשטימען, ווער ביי וועמען האָט דאָ אנטליגן, אָדער ווער וועמען האָט נאָכגעמאכט, מחמת די פּערזענלעכע פרויען־נעמען זיינען אין די אלע דריי נוסחאות כמעט דיזעלביקע. אבער וואָס איז שייך דעם ערשטן אָפּשטאַם, איז דוכט זיך קיין ספק ניטאָ, אז סיי די פּוילישע און סיי די יידישע פערזן זיינען דורכויס פון א דייטשישן מקור.

היפּשע ראיות דערצו קאָן מען ברענגען פון די אַלטע דייטשישע לידער־ביכער, וואָס שטאַמען נאָך פון 16טן י״ה, ווו מיר געפינען אייניקע עלטערע נוסחאות פון דעמזעלביקן ליד. צום פארגלייך וועט אבער גענוג זיין דאָס פאָלגנדיקע ליד פון די „דריי פרייליין״, ביי אוהלאנד, פאָלקסליעדער 1, נומ. 21־a, איבערגעדרוקט פון J. Ott's Liederbuch, Nürnb, 1534, Nr. 25:

1. Mit lust tet ich aussreiten
durch einen grünen wald,
darinn da hort ich singen
drei vöglein wol gestalt.

2. So sind es nit drei vöglein
es sind drei freulein fein;
soll mir das ein nit werden,
gilt es das leben mein.

3. Das erst das heiset Ursulein,
das ander Barbelein,
das dritt hat kein namen,
das soll des Jegers sein.

אין דער דאָזיקער לכתחלה׳דיקער ווערסיע האָט, דוכט זיך, בלויז די דריטע סטראָפע א שייכות צו אונזער ליד, הגם די פרויען־נעמען זיינען דאָ אנדערע. אָבער צום באווייז, אז אויך אנדערע סלאַווישע נוסחאות שטאַמען אָפּ פון דעמזעלביקן מקור, וועל איך דאָ ברענגען די פאָלגנדיקע פערזן פון א אוקראַיניש פאָלקסליד 8), וואָס זיינען גראד ענלעך צו סטר. 1—2:

Ой у полі горина,
Стоїть липка зелена;
Ой на тій липці, на тій зелененкій
Три птахове співають.
Не есть то птахове,
Есть то кавалерове.
Ой змовлялися на одну дівчину,
Котрій ii возьме.

די אומוואַנדלונג פון די „דריי זינגענדיקע פייגעלאך״ אין „דריי קאַוואַלערן״ אָדער ווי אינם דייטשישן אין „דריי פרייליין״, איז נאָך א באַווייז, וואָס לאָזט שוין קיין שום ספק ניט איבער, אז דער מקור פון די אלע אויבנגעבראַכטע נוסחאות איז א דייטשישער.

---

6) Oskar Kolberg, Mazowsze, T. II., nr. 176.

7) ווי עס לאָזט זיך אויפווייזן, זיינען אַ סך פון די דאָזיקע בשותּפות׳דיקע לידער דאָס רוב פון אַן עלטערן דייטשישן מקור, צום טייל אויפגעבויט אויף אינטערנאַציאָנאַלע מאָטיוון, וואָס זיינען פאַרשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּע.

8) Чубинский, Труды V, 223, Nr. 448.

אין אונזער ליד גאר א היפשלאכע. דאָס איז צו זען לויט דעם פאָלגנדיקן סדר פון אונזערע נוסחאות, וואָס ווערן דאָ געבראַכט אין פאַראַלעל צום דייטשישן טעקסט:

(ג"מ, נומ. 136, סטר. 1:)
קליפּ קלאפּ אין גאָלדען טיר,
מיינע ליבע, עפען מיר!

5. ....
....
Ganz leise klopft' er an
Mit seinem goldneu Ring:
"Schläfst oder wachest du,
Mein auserwähltes Kind?"

(אָדער וואַר. נומ. 137, סטר. 1:)
— קליפּ־קלאפּ, עפען מיר!
שלאָפּסטו, טאָ זאָג־זשע מיר!
— שלאָפען, שלאָף איך אפילו ניט,
נאָר עפענען וועל איך דיר אוודאי ניט!

6. "Ich schlafe nicht, ich wache,
Die Thür' ich nicht aufmache,
Reit du nur immerhin
Wo du herkommen bist."
....
....

(כהן 1, ז. 15, סטר. 3:)
וואו זאָל איך שטרייטען?
מ'שלאָפּט ביי אַלע לייטען.
א ווינד וועהט, א רעגען געהט,
איך וועל פארנעצן מיין זיידן קלייד.

7. "Wo soll ich denn hinreiten?
Es schlafen alle Leute,
....
....
Es regnet und es schneiet
Es geht ein kühler Wind."

(ג"מ, נומ. 136, סטר. 2:)
— דער רעגען געהט, דער ווינט שפּרייט
וואו זאָל אי אַהין טאָן מיין זיידן קלייד?
— דיין קלייד קעהר אום אויפ'ן לינקען זייט,
און לייג זיך שלאָפען אויפ'ן גרינעם גראָז.

8. "Reit du an jene Heide!
Da stehn zwei Lindenbäume.
So binde an dein Pferdchen
An einen Lindenbaum,
Und hast dir gut gebettet,
So schläfst du ohne Traum."

(ג"מ, נומ. 136, סטר. 3:)
— מיט וואָס זאָל איך זיך צודעקען?
און ווער וועט מיר אויפוועקען?
— דער בלאַט פון בוים וועט דיר צודעקן,
דער שטראַל פון זון וועט דיר אויפוועקען.

9. "Mit was soll ich mich decken?
Und wer wird mich aufwecken?"
"Leg dich ein Stückel 'nüber,
Das steht ein Nesselstrauch,
Leg du dich nackend drunter.
Der wird dich wecken auf."

קיין נאָנטערן פארגלייך צו אונזער ליד האָט זיך דערוויל ניט געלאָזט אָפּזוכן, אָבער דערפון אליין וואָלט מען שוין אפשר געקאָנט שליסן, אז מיר האָבן דאָ פאר זיך דעם סאַמע מקור פון אַלע אונזערע נוסחאות, מחמת אייניקע פון זיי שטימען דאָך כמעט ווערטלעך מיטן דייטשישן טעקסט, דער עיקר מיט די יעניקע פערזן פון די סטראָפעס 7 און 9. נאָר פונדעסטוועגן לאָזט זיך דאָס אַזוי זיכער ניט פעסטשטעלן, וואָרים אין די קנאַפּע פראַגמענטן אונזערע, זיינען אויך פאראן אייניקע פערזען, וואָס זיינען מרמז אויף אַן עלטערן אָפּשטאַם.

און אָט דעמדאָזיקן רמז געפינען מיר אין אַן אַלט־דייטשישן טעקסט, א האנדשריפט פונ'ם 16טן י"ה, וואָס איז נאָך ליטעראַריש ניט פארפיקסירט געוואָרן. אָפּגעדרוקט פונ'ם אָריגינאַל ביי מיטטלער, „דויטשע פאָלקסליעדער", 1865, נומ. 301, סטר. 7:

Vnd spred deinen mantel
Wol jn dass grüne grass,
Vnd hastu wol gebeddet
So schlepstu desto bass.

דאָ האָבן מיר שוין אי דאָס „גרינע גראָז", אי דעם „מאַנטעל", וואָס האָט זיך אין אונזער פאָלקסגעזאַנג לייכט געקאָנט פאַרוואנדלען אין א „זיידן קלייד", ווי עס זינגט זיך טאַקע אין איינע פון אונזערע וואריאַנטן: „דיין זיידן קלייד קעהר אום אויפן לינקן זייט, און לייג זיך שלאָפן אויפן גרינעם גראָז". און אָט דידאָזיקע פערזן זיינען ניט בנמצא אין דעם שלעזישן טעקסט, און ניט אין די אנדערע ווערסיעס פון דעמדאָזיקן ליד,[10] וואָס זיינען

(10 פלג. „וווּנדערהאָרן", ז' 25; דיטפורטה 2, נומ. 59; ע. מויער, נומ. 181; מיטטלע־
מ. 303, 304; בעקעל, נומ. 94; פרישביער, נומ. 25; ערק־בעהמע, 3, נומ. 1305—6.

נעמען, מיר למשל, די פּאָר לידער, אויף וועלכע דר. לאַנדוי האָט צום שלום פון זיין רעצענזיע אָנגעוויזן, אז זיי זיינען בלי ספק פון א דייטשישן אָפּשטאַם, אָבער זייערע קוועלן האָבן זיך ביז אהער ניט אָפּגעזוכט. דאָס זיינען די לידער אונטער די נומערן 136—138 ביי ג״מ, וואָס ער רופט אָן „קילטליעדער״*), אין וועלכע עס זינגט זיך פון א בחור, וואָס קומט אויף אַ באַנאַכטיקן וויזיט צו זיין פאַרליבט מיידל, קלאַפּט אָן אין טיר און בעט זיך אַריינלאָזן:

1. „ווער גְעהט דאָס אזוי שפּעט ביינאַכט?״
„יאָסעלע קאַזאַנטשיק!
זעה, נחמה׳לע, עפען מיר,
איך בין דיין קאָכאַנטשיק!״

2. „זעה, נחמה׳לע עפן מיר!״
„כ׳האָב מורא פאר מיין מאַמען!״
„זע, נחמה׳לע, עפען מיר
כ׳וועל זיך גאָר ניט זאמען!״

אין דעמדראָזיקן ליד (נומער 138), ווערן אויסגערעכנט כמעט אַלע מיטגלידער פון דער משפּחה, פאר וועמען ס׳איז אַלץ דאָ מורא צו האָבן, און בכן, קאָן זי אים ניט אַריינלאָזן. קיין גרויס פאַרשייטקייט איז אין דעם ניט פאַראַן, ווי אין די ענלאַכע דייטשישע „קילט״ אָדער „טאַגעליעדער״, אין וועלכע ס׳איז דאָ וויניקער תירוצים, אָבער מער מעשים. פונדעסטוועגן לאָזט זיך דאָ א געוויסע השפּעה ניט אָפּפרעגן.

און אָט געפינען מיר טאַקע גאַנץ ענלעכע פערזן צו אונזער ערשטער סטראָפע, אין אַן אַלטן „טאַג־ליד״ ביי ערק־בעהמע, 2, נומ. 817, איבערגעדרוקט פון דעם Bergliederbüchlein בערך 1740, נומ. 44:

'Wer ist denn, der da klopfet an,
Der mich so leis erwecken kann?'
"Es ist das schöne Hänselein,
Steh auf, feins Lieb, und lass mich ein!"

פיל עלטער מוזן אָבער זיין די נוסחאות אונטער די נומ. 136 און 137 ביי ג״מ. (וואַר. ביי כהן 1, ז. 15: נייע זאמל. נומ. 19; באַסטאָמסקי, ז. 48), אויף דעמזעלביקן מאָטיוו, הגם פון די קנאַפּע פראַגמענטן איז דאָס קוים ניכר. פּרופט מען אָבער פון די דאָזיקע פראַג־מענטאַרישע טעקסטן עפּעס צו רעקאָנסטרואירן, באַקומט זיך אַן אינטערעסאַנטע ענלאַכקייט צו אַן אַנדער אַלטן טאַג־ליד, וואָס מיר געפינען ביי האָפּפמאַן־ריכטער, „שלעזישע פאָלקס־ליעדער״, 1842, נומ. 113, אין וועלכן עס זינגט זיך פון דריי „געזעלכען״, וואָס זיינען געזעסן אויף א שמאָלן „שוועלכען״, האָבן געגעסן, געטרונקען און געשמועסט, און אינמיטן דערינען באַרימט זיך אַיינער, אַז אַ מיידל האָט אים צוגעזאָגט אויפצונעמען ביי זיך ביז אין העלן טאָג אַריין. דאָס איז בערך דער אינהאַלט פון די ערשטע פיר סטראָפעס, אבער אין אונזער ליד האָט זיך דערפון גאָר ניט דערהאַלטן, בלויז אפשר א שפּור אין דעם וואַריאַנט: „אויפן באַרג און אויפן בריק, צוויי געזעלן האָבן זיך אויפגערעדט״, (באַסטאָמסקי, ז. 48). דערפאַר אָבער ווען עס קומט צו די סאַמע אינטערעסאַנטסטע פערזן, ווו עס זינגט זיך פון דעם בחור (אַ שטאָלצער רייטער), וואָס קלאַפּט אָן מיט זיין גאָלדענעם רינג אין טיר און בעט זיך אַריינלאָזן, נאָר דאָס מיידל הייסט אים ווייטער רייטן — איז שוין דאָס איבערבלייבעניש

---

*) דערדאָזיקער מין ניט שטאַרק צניעות׳דיקע לידער ווערט דאָס רוב צוגעשריבן צו א שווייצערישן מקור, הגם די שווייצער גופא פּרוּוון דאָס צוריקווייזן. אזוי, למשל, ווייזט אָן ל. טאָבלער אין דעם אַריינפיר צו זיינע „שווייצערישע פאָלקסליעדער״, 1882 (ב. 1, ז. 136), אז דידאָזיקע קילטליעדער וואָס באַציען זיך אויסדריקלעך אויף דעם קילט־גאַנג מנהג, ד. ה. אויף די באַנאַכטיקע ליבעס־זוכעניש און וויזיטן באַ מיידלאַך, איז געווען אַן אַלטער ווייט־פאַרשפּרייטער מנהג, באַזונדערס ביי דער קעלטישער באַפעלקערונג פון ענגלאַנד, ווו עס ווערט נאָך היינט אויך צום טייל פּראַקטיקירט, אָבער פּונקט אזוי שטרענג זיטלעך, ווי אַמאָל אין דער שווייץ, הגם דאָס האָט אומעטום געקאָנט פירן צו א געוויסער אויס־געלאַסנקייט, יעדנפאַלס ניט ערגער ווי דאָס ענלעכע ביי די העכערע קרייזן אין מיטלאַלטער. בכן, זיינען די שווייצערישע קילטלידער געווי די זעלביקע ווי די „טאַגעלידער״ פון די מיננע־זינגער און טרובאַ־דורן״. אויספירלאַכער וועגן דעם מנהג ביי ליעברעכט, Zur Volkskunde, 1879, ז. 378.

ווערט דאָ געבראַכט פּאַראַלעל צו וואָליכ'ס טעקסט, לויט ראָזענבערג'ס דייטשישער טראַנ־סקריפּציע 13) :

(ביי ראָזענבערג, נומ. 16 :)

9. די שוועסטערן וואַרען דריי,
די יונגעסט, די אונטער דען דרייען וואַר,
זי ליעס דען קנאַבען איין.

10. זי נאַם אין ביי דער האַנד,
זי פירט אין וועג אונד איילט,
ביז ער איר בעטליין פאַנד.

11. זי פירט אין אויף דאָס האוז,
זי באַנד איהם הענד אונד פיסע,
צו דעם פענסטער וואַרף זי אין נאוס.

12. ער פיעל וואַל איבער איין בלאָק,
איין ריפ אין זיינעם לייב ענטצוויי,
איין לאָך אין זיינעם קאַפּפע.

(ביי ג"מ., נומ. 166 :)

1. עס זיצען מיידעלעך דריי,
לויפט אַרויס די שענסטע, די קלענסטע,
און כאַפּט דעם בחורל אַריין.

2. און זעצט אים אַוועק ביים טיש,
און גיט אים די בעסטע וויין
און די בעסטע פיש.

3. געקומען די מאַמע פון גאַס,
פרעגט זי: וואָס איז דאָס?
— אַ שניידער געקומען אַראָפּנע־
מען אַ מאָס!

4. איר נאַרט מיר די טעלערלאַך אויס!
זי האָט אים געלעכערט דעם קאָפּ,
און דורכ'ן טיר אַרויס!

לויט ראָזענבערג'ס צעגלידערונג, ווייזט זיך אַרויס, אַז דער סטראָפן־באַשטאַנד פון וואָליכ'ס טעקסט איז היפּשלעך אַנדערש, ווי אין די באַקאַנטע ווערסיעס פון דעמדאָזיקן ליד. למשל, ביי אוהלאַנד 2, נומ. 260, און אין דעם „פראַנקפורטער (אמבראַזער) ליעדערבוך" פונ'ם יאָר 1582, נומ. 259, וווּ די 10טע סטראָפע איז בכלל ניט בנמצא. נאָר אַזוי ווי עס לאָזט זיך ניט אָננעמען, אַז דער זאַמלער זאָל דאָ בכיוון האָבן פאַרבונדן מערערע ווערסיעס אין איין ליד, דעריבער איז ראָזענבערג משער, אַז דער דאָזיקער טעקסט האָט אויך געמוזט עקזיסטירן אין דער געבראַכטער פאָרם. כ'מיין, מען וואָלט נאָך געקאָנט גיין ווייטער און זאָגן, אַז דאָס ליד האָט פריער נאָך געלעבט אין פאָלקס־מויל, פונוואַנען דער זאַמלער האָט אויך געמוזט שעפּן דעם גרעסטן טייל פון זיין מאַטעריאַל. אַ ראיה דערצו געפינען מיר אין 12טער סטר. וווּ עס רעדט זיך וועגן דעם אינצידענט פונ'ם געלעכערטן קאָפּ, וואָס איז אויך ניט בנמצא אין די נייערע ווערסיעס פון דעמדאָזיקן ליד 14). און מחמת דאָס געפינט זיך יאָ אין אונזערע היינטיקע נוסחאות (ביי ג"מ., סטר. 4 ; אונז. נ. זמל., נומ. 17, סטר. 3), לאָזט זיך דערפון שליסן, אַז אונזער ליד שטאַמט נאָך פון אייזיק וואָליכ'ס צייטן, פונ'ם 16טן י"ה. בעת די דאָזיקע פערזן זיינען נאָך אַריין אין דעם באַשטאַנד פון דעם דאַמאָלסדיקן פאָלקס־געזאַנג, אין וועלכן די יידישע יוגנט האָט קענטיק געמוזט נעמען אַ גאַנץ היפּשן אַנטייל, אַלס זינגער און מיטשאַפער פון די אייגענע לידער, אין שותפות מיט די דייטשן. אַנדערש לאָזט זיך, דאָס פאַראַנען זיין פון די אַלע פראַגמענטן און פּיצלעך אַלטע איבערבלייבענישן אין אונזערע היינטיקע פאָלקסלידער, ניט דערקלערן. מעגלעך, אַז אין וואָליכ'ס זאַמלונג וואָס איז שוין פאַר זיך אַליין אַ גאַנץ וויכטיקער דאָקומענט, זיינען נאָך פאַראַן אַנדערע ראיות דערצו, וואָס וועלן נאָך אפשר שפּעטער אַנטדעקט ווערן.

אָבער דערווייל וועל איך דאָ אָנווייזן אויף נאָך אַ קאָנקרעטערן פּאַקט פאַר דעם אַלטן אָפּשטאַם פון אונזער ליבעס־ליריק, וואָס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז אין דער פאָרם פון אַ

13) עס וואָלט אודאי וויכטיק געווען צו ברענגען דאָ דעם ציטאַט לויט וואָליכ'ס אָריגינעלן כתב־יד, איז אָבער דער געפינס צו אונזער ליד ערשט געקומען, ווען די דאָזיקע אַרבעט איז שוין געווען פאַרטיק צום דרוק, און ס'איז שוין קיין צייט ניט געווען צו באַזאָרגן זיך מיט אַ פאָטאָסטאַט. איך האָף, אַז די הערן פילאָלאָגן וועלן דאָס אין באַטראַכט נעמען, און מוחל זיין.

14) פגל. וווּנדערהאָרן, ז. 434 ; האָפמאַן־ריכטער, נומ. 121 ; דיטפורטה, נומ. 51 און 52 ; ע. מייער, נומ. 218 ; מיטלער, נומ. 296—299 ; קעהלער־מייער, נומ. 123 ; ערק־בעהמע, 1, 503, נומ. 157 ; Am Urquell III, S. 250; IV S. 174. Zeitschr. d. V. f. Volksk. III, 410.

אויפגענומען געוואָרן פונ׳ם פאָלקס־מויל אינ׳ם 19טן י״ה. דאָס באַווייזט, אַז די אַנטלייאונג, אָדער די השפּעה אויף אונזער ליד האָט געמוזט פאָרקומען אַ היפּשע צייט פריער.

ווי אַזוי עס קומען צו אונז די דאָזיקע פערזן, וואָס זיינען ניט בנמצא אין די הייניקע דייטשישע לידער, און זיינען אָבער יאָ פאַראַן אין זייערע ווערסיעס פונ׳ם 16טן י״ה, לאָזט זיך דערקלערן פון דעם אומשטאַנד, וואָסביידע פּאַראַלעלע לידער, אי דאָס דייטשישע, אי דאָס יידישע האָבן אויף גאַנץ פאַרשיידענע וועגן געקאָנט דורכמאַכן זייער מאַרשרוט פון אַן אַלטן מקור צו דעם נייערן פאָלקסגעזאַנג. שוין דער פאַקט אַליין, וואָס מיר געפינען נאָך היינט דאָסדאָזיקע אַלט־דייטשיש ליד כמעט אין איר פולן סטראָפן־באַשטאַנד, הגם אין אַ פאַרענדערטער פאָרם, באַווייזט, אַז דער דייטשישער געזאַנג האָט זיך גאַנץ אָפט געקאָנט שטיצן אויף געדרוקטע מקורים, אויף פלוג־בלעטער, מוזיק־ביכער, לידער־ביכער וכדומה, 11) וואָס האָבן צו יעדער צייט געקאָנט אָפּפרישן דעם פאָלקס־זכרון, און אויפבאַוואָרן דאָס אַלטע ליד. ביי אונז אָבער זיינען פאַר דעם פאָלקסליד בכלל קיין געדרוקטע מקורים ניט געווען, און איר קיום איז אַלע מאָל אָפּהענגיק געווען בלויז פונ׳ם פאָלקס־זכרון, פון דער מינדלאַכער טראַדיציע, און דערפאַר אַזאַ קנאַפּע איבערבלייבעניש פון אונזער אַלטן לידער־אוצר. און אָפט מאָל איז עס טאַקע אַ ראיה, אַז וואָס קנאַפּער ס׳איז דאָס איבערבלייבעניש פון אַזאַ ליד אין אונזער הייניקן פאָלקסגעזאַנג, אַלץ עלטער מוז זיין דער אָפּשטאַם, אָדער אויפקום־צייט. דאָס לאָזט זיך פאַקטיש אויפווייזן פון אַן אַנדער פראַגמענט, פון אַ ליבעס־ליד ביי ג״מ. נומ. 166, וואָס איז אויך פון אַ דייטשישן מקור; אָבער דאָ איז שוין קיין ספק ניטאָ, אַז דאָס ליד איז שוין באַקאַנט געווען אונזער פאָלקסגעזאַנג נאָך מיט הונדערטער יאָרן צוריק.

ווי געזאָגט לאָזט זי דאָס פאַקטיש אויפווייזן, און דווקא פון אַן אַלט־יידישן מקור, פון אייזיק וואַליכ׳ס לידער־זאַמלונג, אַ כתב־יד פונ׳ם 16טן יאָרהונדערט, וואָס געפינט זיך אין דער „באָדלעיאַנאַ״ (אָקספאָרדער ביבליאָטעק), און וואָס איז אונז בלויז באַקאַנט פון ראָזענבערג׳ס אַרבעט, אויף וועלכער כ׳האָב שוין אַמאָל געהאַט אָנגעוויזן 12). ס׳איז דאָס אייגענע ליד אין וואַליכ׳ס זאַמלונג (ביי ראָזענבערג, נומ. 16), וואָס איז מיר שוין אַמאָל פאָרגעקומען זייער ענלעך לויטן אינהאַלט (פון די סטר. 5—8) און האָט דערמאָנט אַן אייניקע פון אונזערע הייניקע ליבעס־לידער, טאַקע אָן אַ נוסח פונ׳ם איבערגעבראַכטן טעקסט „קליפּ, קלאַפּ, עפן מיר!״ הגם די אידענטישקייט איז אַ ווייטלעכע. דאָס ליד איז אָבער אויף דעמזעלביקן מאָטיוו, אויך אַ „קילטליד״, נאָר מיט שפּאַסיקן אונטערשלאַק. עס הייבט זיך אָבער אָן זייער ערנסט און סענטימענטאַל: איינער גייט אין אַזאַ פינצטערער נאַכט, אַז ער זעט ניט קיין שטיך. שיפּט ער זיך איבערן רייהן אויף אַ ליליען־בלעטעלע צו זיין האַרץ־געליבטער. קומט ער אָן ווען עס קרייען שוין די הענער און עס הייבט אָן שאַריען אויף טאָג. קלאַפּט ער אָן אין דער געליבטער׳ס טיר, איז עס פאַרשלאָסן, „דער ריגעל וואַר דערפיר״. און ווי געוויינלעך וויל אים דאָס מיידל ניט אַריינלאָזן, סיידן ער זאָל איר צושווערן, אַז ער וועט זיין אירער. קאָן ער דאָס ניט פאַרזיכערן, הגם ער האָט זי ליב, אָבער נעמען זי — וויל ער ניט. אָט דאָס איז דער אינהאַלט פון די סטראָפעס 1—8. צו דער לעצטער געפינען זיך ענלעכע פערזן אין אונזער הייניקן פאָלקסליד.

צופעליק, פאָרשנדיק נאָך וואַריאַנטן און פאַראַלעלן צו די לידער פון דער פאָלגנדיקער זאַמלונג, האָט זיך איצט אָפּגעזוכט אַ פיל בעסערער פאַרגלייך, אַ נאָענטערער צו די סטר. 12—9 פון דעמזעלביקן ליד. אין דעם דערמאָנטן פראַגמענט ביי ג״מ. (אונז. זאַמל. נומ. 17), וואָס

11) דערהויפּט איז דאָס מעגלעך געוואָרן זינט דעם אָנהייב פונ׳ם 19טן י״ה, בעת די ראָמאַנטיקער אַרנים און ברענטאַנאָ האָבן פאַרעפנטלעכט זייער זאַמלונג „דעם קנאַבען וואונדערהאָרן״ (1806—8), וואָס האָט פיל ביגעטראָגן אויפצולעבן און צו פאַרשפּרייטן אין פאָלק די אַלטע, לאַנג פאַרגעסענע לידער, געזונגענע און ניט־געזונגענע.

12) באַרירנדיק דעמזעלביקן ענין אין דעם אַריינפיר צו מיין ערשטער זאַמלונג (ב. 1, ז. 25—30), אויך אויפן סמך פון ראָזענבערג׳ס אַרבעט: Ueber eine Sammlung deutscher Volks-und Gesellschaftslieder in hebräischen Lettern 1888 אין וועלכער ס׳ווערן געבראַכט היפּשע אויסצוגן פון די 55 לידער, וואָס זיינען פאַרשריבן אין וואַליכ׳ס זאַמלונג, מיט אַ גענויען אָנווייז אויף זייערע מקורים. פגל. דערצו נ. שטיף, „דיטריך פון בערן״ (ייד. פילאָלאָגיע 1, ז. 6—7) און אין מערערע שטעלן בײַ י. שיפּער, „געשיכטע פון ייד. טעאַטער קונסט און דראַמע.״

ווי נאָענט די דאָזיקע נידערדייטשישע פערזן שטייען צו אונזער נוסח, קאָן מען זען דערפון, וואָס אפילו אין א יידישער איבערזעצונג פארלירט זיך כמעט גאָר ניט פון זייער אָריגינעלער פאָרם:

איך וויל אין דעם גאָרטן גיין,
ווו די בונטע בלומען שטיין;
די רויטע בלומען פליק איך גערן,
די ווייסע לאָז איך שטיין;
די יונגע בחורים קוש איך גערן,
די אַלטע לאָז איך גיין.

בעהמע באַמערקט דערצו: „איצט זיינען די דאָזיקע טאַנץ־פערזן פון דער אַלטער צייט פארבליבן בלויז נאָך אין קינדער־מויל, זיינען קינדער־לידער געוואָרן, בעת פריער זיינען זיי געזונגען און געטאַנצט געוואָרן פון יונגפרויען." אָבער די נייערע ווערסיעס פון די דאָזיקע קינדער־לידער זיינען שוין דאָס רוב נאָכגעמאַכטע, געקינצלטע.[19] לגבי דעם זיינען אָבער אונזערע יידישע נוסחאות אי עכטער, אי עלטער און שטייען אין פיל פּרטים נעענטער צום אָריגינעלן נידער־דייטשישן טעקסט,[20] וואָס דערפון לאָזט זיך משער זיין, אז אויך די צווייטע סטראָפע פון אונזער ליד שטאַמט, אפשר גלייכצייטיק מיט דער ערשטער, פונ'ם 16טן יאָרהונדערט.

און אָט די אַלע אויבנגעבראַכטע פאקטן פון די לידער גופא, די אַלע קנאַפּע אָבער זייער קענטיקע שפּורן פון דער אַלט דייטשישער פאָלקס־ליריק, וואָס האָבן זיך אויף א טראַדיציאָנעלן אופן דערהאַלטן אין אונזער היינטיקן פאָלקסגעזאַנג — זיינען א סך וואָגיקער, ווי יענע ווייטלויפיקע השערות פון אונזערע פאָרשער, וואָס באַטראַכטן דאָס יידישע ליבעסליד ווי א פּראָדוקט פונ'ם 19טן י"ה. און דוקא אונטער א סלאַווישער השפּעה...[21] אָבער די אוממיטלבאַרע פאַקטן, וואָס זיינען דאָ געבראַכט געוואָרן, באַווייזן דאָס געגנטייל: זיי זעצן פאָרויס אן עלטערן יידישן לידער־רעפּערטואַר, אן אייגנאַרטיקע ליבעסליריק, וואָס האָט שוין פאַר א צייט פריער געמוזט עקזיסטירן אין פאָלק. אַנדערש וואָלט זיך אפשר דאָס פרעמדע גאָרניט אנגענומען און וואָלט ממילא בא אים ניט געקאָנט האָבן אזא לאַנגן קיום.

דער ליבעס־מאָטיוו, ווי דאָס נאַטירלאַכע געפיל פאַר געזאַנג און שפּיל, איז דער יידישער פאָלקס־מאַסע קיינמאָל ניט פרעמד געבליבן.

---

19) פאַרגל. דערצו Zeitschr. d. V. f. Volksk. 9, 391, וואו עס ווערן געבראַכט איניקע מוסטערן פון די נייערע ווערסיעס.

20) אן ענלעך לידל ברענגט אוהלאַנד, פאָלקסלידער 1, נומ. 7, פון דעם „אנטווערפּענער ליעדערבוך" 1544, נומ. 96.

21) און טאָמער איז נאָך אימיצער מסופּק, צי בא אונזערע פאָרשער איז נאָך היינט פאַראַן אזא פאַרעלטערטע מיינונג, זאָל דאָס באַווייזן דער פאָלגנדיקער ציטאַט פון דר. גרונוואַלד'ס באַריכט: „25 יאַהרע יודישע פאָלקסקונדע", ווו עס זאָגט זיך בפירוש, אז „Nach A Landau (Mitt. 11) sind viele dieser Lieder deutschen Ursprungs. Dem Slavischeu sind dem Inhalte nach einige Liebeslieder entlehnt, die erst seit der Mitte des neunzehnten Jahrhunderts sich im jüdischen Volke eingebürgert haben. ((Jahrb. f. jüd. Volksk. 1923, S. 11).

כלומרשטדיקן קינדער־לידל אונטערן נומ. 171 ביי ג"מ. וואָס איז אָבער באמת א פארשלייערט ליבעס־ליד און בלי ספק פון זייער אַן אַלטן מקור. עס הויבט זיך אָן אזוי:

1. ווי עס קומט דער ליבער זומער
שפּילן מיר אין זאמד;
וואו עס איז אונזער וויינונג,
דאָרט איז אונזער לאַנד.

2. שוואַרצע קארשן רייסן מיר,
רויטע לאָזן מיר שטיין; —
שיינע בחורים נעמען מיר,
מאוסע לאָזען מיר געהן.

פון די אַלע וואַריאַנטן (ביי ג"מ. נומ. 170 און 172 אין פאַרבינדונג מיט אנדערע פערזן, ביי כהן, 2, ז. 25; ביי י. וו. זעגעל, איבערזעצט אין פּויליש, זביור וויאד. אנטראָפּאָלאָג. 17, ז. 319; ביי פּערלמאַן, אין יעוור. סטארינא, 4, ז. 473), איז צו זען, אַז דאָס איז אַ ווייט־פאַרשפּרייט יידיש לידל. און אָט האָט זיך צו דער ערשטער סטראָפע אָפּגעזוכט אַ פּאַראַלעל אין אַ נידער דייטשיש מיננע־ליד:

Wan de leve somer kumpt,
so stuft dat sandt,
tho lunebroch wil ich wane
dar is dat lilien landt.

דער מקור פון די דאָזיקע פערזן איז אַ כתב־יד פונם 16טן י"ה, וואָס געפינט זיך אין דער האַנאָווער שטאָט־ביבליאָטעק. דעם ציטאַט ברענג איך דאָ פון בארכלינגען'ס ארבעט איבער די נידער־דייטשישע האַנטשריפטן 15). עס געפינט זיך אויך אין פּאול אַלפּערס נייער אויסגאַב פון די אַלטע נידער־דייטשישע פאָלקסלידער 16), ווו דער זאַמלער מערקט אָן, דאָס אַ חוץ ביי בארכלינגען און שטאַמלער 17) איז דאָס ליד אינערגעץ ניט בנמצא. וואָס דערפון לאָזט זיך שליסן, אַז דאָס דאָזיקע לידל איז ביי די דייטשן פון זינט דעם 16טן י"ה שוין מער ניט געזונגען געוואָרן, זיסט וואָלט עס דאָך, פאַר דער גאַנצער צייט, כאָטש איינער פון די אַלע אייפעריקע פאָלקסליד־זאַמלער, געהאַט ערגעץ ווו פאַרצייכנט. בכן האָבן מיר דאָ אַ ליבעס־ליד, וואָס איז בלי ספק שוין געזונגען געוואָרן פון די יידישע מאַסן, בערך נאָך מיט אַ פיר הונדערט יאָר צוריק, מחמת מען דאַרף רעכענען, אַז איידער דאָס נידערדייטשיש ליד איז איבערגעגאַנגען פון פאָלקס־מויל אין כתב־יד, האָט אויך געמוזט נעמען אַ היפּש שטיקל צייט. והא ראיה, אונזער יידיש לידל, וואָס ס'איז שוין איצט קיין ספק ניט, אַז עס האָט געמוזט אַרומגיין אין פאָלק פאַר הונדערטער יאָרן, איז ערשט פאַרצייכנט געוואָרן אין 1901. און אָט דער דאָזיגער געפינס פונ'ם נידער־דייטשישן לידל, באַפעסטיקט כמעט אַלץ, וואָס איך האָב דאָ געפּרוּווט אויפווייזן בנוגע דעם אַלטן אָפּשטאַם פון אונזער פאָלקס־ליריק.

ווייטער, וואָס איז שייך דער צווייטער סטראָפע פון אונזער ליד, הגם אויך אַ פראַגמענט פון אַן אַנדער טעקסט, פּאַסט עס זיך אָבער זייער גוט צו דער ערשטער, און מען קאָן זאָגן, אַז ס'איז דאָ פאַראַן מער אינהאַלטלעכער צוזאַמענהאַנג, ווי צווישן דער ערשטער און די צוויי נאָכפאָלגנדיקע סטראָפעס פון דעם אויבנגעבראַכטן נידערדייטשישן ליד, און מערקווירדיק איז, וואס גראַד די דאָזיקע צווייטע סטראָפע אונזערע, איז אויך פון אַ נידערדייטשישן מקור. איך ברענג עס דאָ פון ערק־בעהמע'ס „ליעדערהאָרט", נומ. A-985 :[18]

Ik wil in den Goren gan,
Wo de bunten Blomen stan;
De roden Bolmen plück ich geern,
De witten latt ik stan;
De Junkgesellen küss ik geern,
De olen lat ik gan.

15) Nachrichten d. Ges. d. Wiss, zu Gött. Gesch. Mitt, 1898, Heft 2, s. 222.
16) Paul Alpers, Die alten niederdeutschen Volkslieder, Hamburg, 1924, Nr. 45.
17) Stamler, Mnd. Lesebuch, s. 103.
18) טעקסט A ברענגט בעהמע פון מאָנעס, אַנצייגער, 6, 163, און B פון מילענהאָפּ'ס „זאַגען, מערכען אונד ליעדער" 1845, ז. 489; פון דאַנען בא מיטלער, נומ. 1040, 1043; וועגענער, פאָלקסטימ. ליעדער, נומ. 648.

I. ליבעס־לידער*)

1. פאַרביינקט.

1. אוי, דאָרטן, דאָרטן, איבערן וואַסערל,
אוי דאָרטן, דאָרטן, איבערן בריק!
|: פאַרטריבן האָסטו מיך אין די ווייטענע לענדער
און בייַנקען, בייַנק איך נאָך דיר צוריק! :|

2. אוי, וויפל אָוונטן — צוזאַמען געזעסן,
אוי, וויפל אָוונטן שפּעט אין דער נאַכט!
|: און וויפל טרערעלאַך מיר האָבן ביידע פאַרגאָסן,
איידער מיר האָבן די ליבע צוזאַמענגעבראַכט! :|

3. אוי, העלף מיר, גאָטעניו, אוי, גאָט אין הימל,
העלף מיר, גאָטעניו, ס'איז מיר ניט גוט!
|: שוין צייט דריי יאָראַלאַך, ווי מיר שפּילן אַ ליבע,
און אויסשפּילן די ליבע קאָנען מיר ניט. :|

4. אוי, דיינע אייגעלאַך, אַזוי ווי די קערשעלאַך,
און דיינע ליפּאַלאַך — ווי ראָזעווע פּאַפּיר;
|: און דיינע פינגערלאַך, ווי טינט און ווי פעדער —
אוי, שרייבן זאָלסטו אָפטע בריוו צו מיר! :|

5. אוי, דיינע בריוועלאַך וועל איך שטענדיק לייענען,
אוי, דיינע בריוועלאַך — צוקער־זיס!
|: און דיינע ריידעלאַך, אַזוי ווי די פּערל —
אוי, קוויקן וועל איך זיך נאָר מיט דיין גריס! :|

1. — געזונגען פון שרה פרידמאַן, (ביעליצע, ווילנער גוב.) ; צו אונזער סטר. 4 אַ וואַריאַנט בא ג"מ. 210 סטר. 2 ; כהן 1, ז' 158 סטר. 6, וואָס ווערט דאָ געבראַכט צוזאַמען מיט אַ דייטשישן פּאַראַלעל בא ערק־בעהמע 2, נומ. 722 :

Meine Thränen sind die Tinte,
Meine Wangen das Papier,
Meine Finger sind die Feder,
Damit schreib ich, Liebster, dir.

מיינע טרערן איז די טינט,
און מיינע הענט איז דאָס שרייב־פּאַפּיר,
און מיינע פינגער זענען די פּענין,
דערמיט שרייב איך אַ בריף צו דיר.

די דאָזיקע סטראָפע איז שוין אַפילו אַ גרויסע זעלטנהייט בא די דייטשן, עס געפינט זיך בלויז אין אַ פּאָר לידער.

*) צוליב טעכנישע סיבות האָבן מיר ליידער ניט געקאָנט דאָ געבן די נגונים צו די לידער, האָפנטלעך וועלן מיר די מוזיק־נאָטן פאַרעפנטלעכן באַזונדער אין די קומענדיקע נומערן פונם פּנקס.

רשימה פון פאַרגליכענע לידער־זאַמלונגען, וואָס ווערן ציטירט אין אַ פאַרקירצטער פאָרם.

אוהלאַנד, פאָלקסל.	L. Uhland, Alte hoch-und niederdeutsche Volkslieder. 3 Aufl., 4 Bde., Stuttgart.
באַסטאָמסקי	ביים קוואַל... יידישע פאָלקלידער געזאַמלט, דערקלערט און איבערגעגעבן צום דרוק מיט אַ פאָרוואָרט פון ש. באַסטאָמסקי, ווילנע, 1923.
בעקקעל	Otto Böckel, Deutsche Volkslieder aus Oberhessen. Marburg, 1885.
בערמאַן, נ"פ.	פאָלקסלידער. מיטגעטיילט פון ל. ב—ן, אין ש. ניגערס פנקס, יאָרבוך פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, שפּראַך, פאָלקלאָר א. אז. וו. ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין, ווילנע, תרע"ג.
גינזבורג־מאַרעק, ג"מ.	יידישע פאָלקלידער אין רוסלאַנד, געזאַמלט און אַרויסגעגעבן אונטער דער רעדאַקציע און מיט אַן אַריינפיר פון ש. מ. גינזבורג און פּ. ש. מאַרעק. (הקדמה און שער־בלאַט אין רוסיש, טעקסט יידיש מיט אַ פּאַראַלעלע לאַטיינישע טראַנסקריפּציע), א. ט. Еврейскія народныя пѣсни в Россіи. Спб. 1901.
ד. אַ—ן, נ"פ.	פאָלקלידער, געזאַמלט פון חיה פיין אין פּאָדבראַדזע (ווילנער גוב.), איבערגעגעבן צום דרוק פון ד. א—ן. ניגערס פנקס ז. 398—410.
דיטפורטה	Ditfurth, F. W. v., Fränkische Volkslieder. Leipzig, 1855.
האָפפמאַן־ריכטער	Hoffmann und Richter, Schlesische Volkslieder mit Melodien. Leipzig, 1842.
הערשעלע	פונם פאָלקס־מויל. רעקרוטורן סאָלדאַטן־לידער, רעטענישן און אַנעקדאָטן, געזאַמלט פון הערשעלע, אין „באַ אונז יידן", זאַמלבוך פאַר פאָלקלאָר און פילאָלאָגיע, וואַרשע, 1923.
וואונדערהאָרן	Des Knaben Wunderhorn, Alte deutsche Lieder gesammelt von A. Arnim u. C. Brentano. Heidelberg, 1806-8, neu hrsg. Leipzig, Ph. Beclam.
טשובינסקי	Труды этногр. статис. эксп. в западно-русскій край. Матеріалы и изслѣдованія, собранные д. чл. П. П. Чубинским. Том пятый. Спб. 1874.
כהן	יידישע פאָלקלידער מיט מעלאָדיען אויס דעם פאָלקסמויל געזאַמלט פון י. ל. כהן, 1—2, ניו־יאָרק, 1912, צווייטע אויפלאַגע 1920.
לעהמאַן	ליבע־לידער פון גנבים, אויפגעקליבן פון ש. לעהמאַן. אין „לאַנדוי־בוך", שריפטן פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, ב. 1, ז. 291—308.
מיטטיילונגען	Mitteilungen zur jüd. Volkskunde hrsg. von M. Grunwald.
מיטטלער	Fr. L. Mittler, Deutsche Volkslieder. Frankfurt a. M., 1865.
מייער	E. Meier, Schwäbische Volkslieder. Berlin, 1855.
מינדעל	C. Mündel, Elsässische Volkslieder. Strassburg, 1884.
ערק־בעהמע	L. Erk u. Frz. Böhme, Deutscher Liederhort. Bd. 1-3. Leipzig, 1893-94.
פרילוצקי	יידישע פאָלקלידער, געזאַמלט, דערקלערט און אַרויסגעגעבן פון נח פרילוצקי. 1—2, וואַרשע, תרע"א—תרע"ג.
פרישביער	H. Frischbier, Hundert Ostpreussische Volkslieder. hrsg. von J. Sembrzycki. Leipzig. 1893.
קעהלער־מייער	C. Köhler, Volkslieder von der Mosel und Saar. hrsg. von John Meier, Halle a. S., 1896.
ראָזנטאַל	שירי־עם. נאספו על־ידי ז. רוזנטל. אין זאַמל־בוך „רשמות", כרך ב, ז. 358—375.

4. צווישן מיר און דיר רוישט אַ טייך

1. צווישן מיר און דיר רוישט אַ טייך,
ער רוישט און רוישט, און בלייבט ניט שטיין;
‎|: מיט אַן אַלינע פּאַרצווינגן גלייך,
גאָט ווייס צו מיר ווועלן אַריבערגיין! :|

2. דער טייך איז ניט מער פון אונזערע טרערן,
פון אונזער ליבע און אונזער געוויין;
‎|: אַז מיר זאָלן זיך דאַרפןביידע צושיידן,
טאָ בעסער זאָג איך דיר: אוי ניין, אוי ניין! :|

4. — געזונגען פון מאַטילדע מאַלדאַווין, (וואַ־שליקאָוו, גראָדנער ג.). ווייזט אויס אַ פראַגמענט פון אַן אַלט ליד. וואַריאַנטן?

5. דאָס טייערע יאָסעלע.

1. אוי, די יאָסעלע, די טייער יאָסעלע,
אַזאַ שיין יינגעלע ביזטי פון לאַנג!
אוי זאָג מיר, יאָסעלע, צי ליבסטי מיך אמת'דיק?
אוי, ווייל עך שטאַרב אין עך צאַנק!

2. אָט דאָ אין שטיב, זאָג מיר דעם אמת,
ביז וואַנען ווסטע מיך אַזוי פירן?
די באָדסט זעך, דושעניו, אין מיינע טרערן,
אַז ס'קען אַ טויטן אפילו רירן.

3. אָט דאָ אין שטיב, זאָג מיר דעם אמת,
צי ליבסטי מיך, צי מאַכסטי נאָר אַ קאָמפּלימענט?
זאָג מיר, יאָסעלע, מיין טייער יאָסעלע,
עדות וועלן זיין אָט די פיר ווענט!

4. די קימסט אַריין צי מיר אין שטיב
אין באַדויערסט אַזוי מיין לעבן,
אין אַז עך פרעג דעך, צי ליבסטי מעך אמת'דיק?
קיין ענטפער קענסטי מיר ניט געבן.

5. צי מיר אין שטיב פלעגסטי אַריינקימען,
צוועלף אַ זייגער נאָך האַלבער נאַכט;
אוי, ווי שיין עך פלעגט דעך אויפנעמען,
צים סוף האָסטי דעך פון מיר אויסגעלאַכט!

5. — פאַרצייכנט פון רחל סאַסטשין, (טשי־מעראָוויץ, פּאָדאָלער ג.); וואַר.? דורך מיין איני־ציאַטיוו האָט פּריילן ס. קומענדיג אויף אַ באַזוך אין איר געבורט־שטעטל (אין 1913—1914), גע־זאַמעלט צווישן חברטאָרינס און פאַרצייכנט איבער פיר צענדליק ליבעסלידער, פון וועלכע אַ קלענערער טייל איז דאָ אויפגענומען געוואָרן.

2. וואָס טויג מיר דער שיינער וויינגאָרטן...

1. וואָס טויג מיר דער שיינער וויינגאָרטן,
אז פלאַנצן קען איך אים ניט?
|: וואָס טויג מיר א ליבע צו שפּילן,
אז נעמען קענען מיר זאך ניט! :|

2. אוי ווײ, מאַמע, כ'וועל מער קיין ליבע ניט שפּילן,
כ'וועל מער בא זיין טויער ניט שטיין;
|: ער'ט זאך בארימט פאר זיינע חברים,
אז איך רוף אים און ער וויל ניט גיין! :|

3. אוי, פאר וועמען ס'עס איז ליכטיק די נאכט,
פאר מיר איז פינצטער דער טאָג;
|: אוי, פאר וועמען ס'איז נחת און פרייד,
פאר מיר איז א יאָמער און א קלאָג!

2. — געזונגען פון בערטע קלינג, (נאַוואַדוואָק, מינסק. גוב.) — סטר. 1 און 3 קומען פאָר אין פארשיידענע לידער, בא ג"מ. נומ. 192; בערמאַן, נ"פ ז' 379 נומ. 10; פגל. באמערק. צו אונזער נומ. 26.

3. אָפן פריפּעטשיק.

1. אָפ'ן פּריפּיטשיק ברענט א פייערל,
און פון קוימען גייט א רויך;
אז איך זע דיך ניט, מיין זיס-לעבן,
גייט מיר אויס מיין כח!

2. וואָלקן, וואָלקן, שלינג מיך איין,
און טו מיט מיר אוועקשוועבן!
און טו מיך דאָרט אנידערשטעלן,
ווי מיין הארץ טוט גלויבן.

3. מיין הארץ, מיין הארץ ציט צו דיר,
אזוי ווי מאַגנעט צו שטאָל;
איך וואָלט צו דיר אמאָל געקומען,
איז דער וועג צו שמאָל.

4. באַם ברעג וואַסער שטיי איך, דושעניו,
און איך קען צו דיר ניט שווימען;
מיין הארץ ציט צו דיר אזוי ווי מאַגנעט
נאָר איך קען צו דיר ניט קימען.

5. און ניט אזוי געקימען,
כ'וואָלט אפילו צו דיר געפלויגן;
אז איך זאָל דיר ניט קריגן, דושעניו,
צי יואָס-זשע קען מיין לעבן טויגן!

3. — פאַרצייכנטט פון רחל סאסטשין, (טשימעראָוויץ, פּאָדאָלער גוב.). די פערזן 1—2 פון אונזער ערשטער שטראָפע געפינען מיר אין וואַרשאַווסקי'ס „אלף בית-ליד", וואָס איז מסתמא געשעפּט פון פאָלקסמויל אָדער פון ממ"ס „פריזיונ", (אַלע ווערק ב. 9, ז. 13) ווי ס'איז פאַראַן דער פאָלגנדיקער וואַריאַנט:

אויפ'ן פּריפּעטשיקל ברענט א פּויערל
און אויסן קוימענדיל געהט א רויך,
אז איך דערמאָן אין מיין באַשערטן זיך
פאַרליר איך, אוי, דעם קאָפּ אנן דעם מות.

8. איר געשטאלט.

1. צי געדענקסטו, מיין טייער לעבן,
צי געדענקסטו ווען אָן מיר?
אין מיין הארצן ברענט א העליש פייער,
ווען איך דערמאָן מיך נאָר אָן דיר.

2. דיין געשטאלט ווי א שיין וואקס־פיגורל,
און דיינע ליפעלאך — ציקער־זים;
דיינע אייגעלאך, ווי שווארצע קארשן,
אוי ווי נעמט מען נאָך דיין קיש!

3. דיינע בעקעלאך ווי ראָזעווע בלימען,
און דיינע הערעלאך — קוילן־שווארץ;
דיינע הענטעלאך, ווי ווייס־געפאלן שניי,
אוי ווי ס'ציט צי דיר מיין הארץ!

8. — געזונגען פון פראדל אלטמאן, (ווארשע). צו סטר. 2—3 וואר. בא ג"מ. נומ. 152; צו סטר. 3, באסטאמסקי, ז' 58 סטר. 6. דערצו א גאנץ נאָנטער פאראלעל בא האָפפמאן־ריכטער, „שלעזישע פאָלקסליעדער", 1842, נומ. 144:

7. Deine Hände schleierweiss:
Liebe dich mit ganzem Fleiss.
9. Deine Lippen zuckersüss:
Habe dich vielmal geküsst.
11. Deine Auglein Kirschbraun schwarz:
Ja du bist und bleibst mein Schatz.
12. Deine Wänglein rosenroth:
Liebe dich bis in den Tod.

ענלעכע פערזן אין אנדערע לידער בא ערק־בעהמע 2, ז' 530—532.

9. ווי א שעפעלע אין פעלד.

1. אוי ווײ, איז צי מיין לעבן,
אוי ווײ, איז צי מיין וועלט!
עך בלאָנקע זעך ארום,
ווי א שעפעלע אין פעלד.

2. א שעפעלע אין פעלד,
איז דאָך אויך נישט אליין;
אז עך דערמאָן זעך אָן אים,
קלאָג עך און וויין.

3. אז עך דערמאָן זעך אָן אים,
הייב עך מיך אָן באדענקען,
פאל עך אריין
אין אלערליי קרענקען.

4. פון אלערליי קרענקען,
קען א דאָקטער היילן;
די צרות פין מיין הארץ
קען עך קיינעם נישט דערציילן.

9. — צוגעשיקט פון ברכה אדלער, (דינאָוו, גאליציע). צו סטר. 3—4. וואריאנטן אין פארשיי־דענע לידער בא כהן 1, ז' 148; 2, ז' 78.

6. אראָפּ פון דער וועלט.

1. אוי מיין ׳ארץ, מיין קרוין,
אָט לאָז איך מעך פון דער וועלט אראָפּ!
אז כ׳דערמאָן מעך ווי אזוי די ביזט שיין —
פאר דיר, אוי וויי, לייג עך מיין קאָפּ!
פאר דיר, אוי וויי, לייג עך מיין קאָפּ!
|: עך לאָז מיך שוין פון דער וועלט אראָפּ! :|

2. די ׳אָסט מער מיין ׳ארץ ארויסגעריסן,
אזוי ווי א בלים אוים איר אָרט;
כ׳דערמאָן מעך אָן דיינע שיינע אויגן —
קאָן עך ניט ריידן קיין וואָרט.
עך קאָן ניט ריידן קיין וואָרט,
|: אוי אָט שטארב עך אויפן אָרט! :|

6. — געזונגען פון מרדכי דימענט (אַדעס). 70 יאָר אַלט (קירזנער פון דער היים, וווינט 40 יאָר אין אמעריקע). בא ג״מ נומ. 222, בלויז פערז 1: „אַך מיין האַרץ, טהייערע קרוין״; אַן אַנאַלאָגישער פערז אין וואָליכ׳ס לידער־זאמלונג: „אַך דו עדלע קראָנע, מיינעס הערצען איין וואָננע״, (ראָזענבערג, נומ. 2, סטר. 2). די דאָזיקע 2טע סטר. פון וואָליכ׳ס ליד, וואָס איז לויט ראָזענבערגס אויספאָרשונג ניט בנמצא אין די אלע ווערסיעס פון זיינע אלטע דייטשישע מקורים, איז אָבער זייער ענלאך, לויטן אינהאלט, צו אונזער סטר. 1.

7. צעשיידונג.

1. לעבן וואסערל שטייט א ביימעלע,
ס׳ביימעלע האָט זיך איינגעבויגן;
דאָרטן זיצט מיין זיס־לעבן,
מיט פארוויינטע אויגן:

2. ניטע וויין און ניטע קלאָג,
מיט געוויין זאָלסטו צו מיר ניט ריידן;
ס׳איז געקומען אויף אונז א ביטערע צייט,
אז מיר מוזן זיך ביידע צישיידן.

7. — געזונגען פון מרדכי דימענט, (אָדעס). וואַר. בא ג״מ. נומ. 14, אָבער שוין ניט קיין ליבעס־ליד, נאָר פון אַ נאַציאַנאַל־רעליגיעזן אינהאַלט. אַן אנדער וואריאנט (אַ פּאַראָדיע) פון האָמלער געגנט, אין מיטטיילונגען ה. 22, ז׳ 42.

12. פארשטערטע װעגן.

1. משה־לעבן, קום צו מיר,
װיסן זאָלסטו, כ׳בענק נאָך דיר!
. . . .
. . . .

2. װי אזוי קען איך לוסטיק זײַן,
אין אלע מײַנע װעגן?
אז איך דערמאָן מיך אָן דײַן שײן פּנים,
װי אזוי קען איך לעבן?

3. װער ס׳האָט אינז פאַנאַנדערגעשײדט,
דער זאָל ארימגײן אין צרות און לײד!
װער ס׳װעט אינז צוזאמענפּאָרן,
דער זאָל האָבן גליקלעכע יאָרן!

12. — איבערגעגעבן פון יעקב מילך, (געהערט אין װארשע, בערך מיט א יאָר 50 צוריק). װאר. כהן 1, ז. 8, דאָרט מיטן ניגון.

13. לאָמיר זיך איבערבעטן.

1. לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
|: שטײ ניט בײַ דער טיר! :|
|: לאָמיר זיך איבערבעטן,
קום אהער צו מיר! :|

2. לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
|: שטעל דעם סאמאָװאר! :|
|: לאָמיר זיך איבערבעטן,
זײַ זשע ניט קײן נאר! :|

3. לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
|: דו װעסט זײַן מײַן כּלה! :|
|: לאָמיר זיך איבערבעטן,
גאָט װעט זײַן ממלא! :|

4. לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
|: קויף מיר פּאָמעראַנצן; :|
|: לאָמיר זיך איבערבעטן
װעלן מיר גײן טאַנצן! :|

13. — געזונגען פון חיה קאָנער, (קוידענאָװ, מינסק. ג.). װאר. באַסטאָמסקי, ז׳ 47 נום. 1; „רשמות“, ב. ז׳ 377.

10 (א). אַ־ווּ ביזטו געוועז, מאַין מיין?

1. כ׳האָב מיר געמויערט אַ מויער,
אַף דריי אַטאַזשן די הייך;
אין מיין הארצן ברענט אַ פייער
און מען זעט ניט אָן קיין רייך.
כ׳האָב פארלאָרן מיינע יונגע יאָרן,
אַ־ווּ ביזטו געוועזן מאַין מיין?
פון זינט איך האָב דיר אָנגעוואָרן
זיץ איך נאָר און וויין.

2. איך הער די פייגעלאַך זינגען,
די פייגעלאַך גייען מיר ניט איין;
אַווּ ביזטו געוועזן, מיין טייער־לעבן,
כ׳קען אָן דיר ניט זיין!
כ׳האָב פארלאָרן מיינע יונגע יאָרן,
אַ־ווּ ביזטו געוועזן מאַין מיין?
פון זינט איך האָב דיר אָנגעוואָרן —
זיץ איך נאָר און וויין!

10 (ב). סע גייט גאָר ניט איין.

1. איך הער די פייגעלאַך זינגען,
סע גייט מיר גאָרניט איין;
אוי ווּ ביזטו מיין זיס־לעבן,
איך קען אָן דיר ניט זיין!
שוין פארפאַלן מיינע יונגע יאָרן,
אומזיסט איז געווען מיין מיין;
זינט איך האָב דיך אָנגעוואָרן,
טו איך נאָר און וויין.

10. א — געזונגען פון סאָרקע איסער׳ס (ביע־ליצע, ווילנ. ג.); ב — פון סאָניע אַגראַנאָוויץ, (פרילוק, פּאָלטאַווער ג.). אַנדערע וואַריאַנטן?

11. שמעון, שמעון, ווען וועסטי קימען?

1. שימען, שימען, ווען וויסטי קימען?
כ׳וועל אויף דיר ווארטן און האָבן אין זינען;
שימען, שימען, ווען וועסטי זיין,
וועלן מיר גיין אין גאַס אריין!

2. איר נאָר, פירסטי אַפּ אַהיים,
אין מיך לאָזטי זיצן גאָר אַליין;
מיט איר נאָר גייסטי תמיד שפּאַצירן,
אין מיך מיינסטי נאָר צי פארפירן.

3. גייסטי מיט איר, טאָ וואָס קימסטי צי מיר?
קימסטו צי מיר, טאָ וואָס גייסטי מיט איר?
שימען, שימען, ווען וועסטי זיין,
וועלן מיר גיין אין גאַס אריין!

11. — געזונגען פון י. ווינאָגראַד, (קיעוו). צו סט. 2—3, וואר. כהן 1, ז׳ 12, מיט אן ענלאכער מעלאָדיע.

16. פון זונטיק באַגינען.

1. זונטיק, זונטיק, זונטיק,
|: זונטיק באַגינען; :|
כ׳האָב דיר אויסגעזוכט
אין אַלע ווינקעלאַך,
און איך קען די רניט געפינען!

2. מאָנטיק, מאָנטיק, מאָנטיק,
|: מאָנטיק באַגינען, :|
כ׳האָב דיר אויסגעזוכט
אין אַלע ווינקעלאַך,
און איך קען דיר ניט געפינען!

3. דינסטיק, דינסטיק, דינסטיק,
|: דינסטיק, באַגינען, :|
כ׳האָב דיר אויסגעזוכט
אין אַלע ווינקעלאַך
און איך קען דיר ניט געפינען!

מיטוואָך, דאָנערסטיק, א. ז. וו.

7. שבת, שבת, שבת,
|: שבת בייטאָג, :|
כ׳לויף אַרום אין אַלע הייזעלאַך
מיט אַ יאָמער און אַ קלאָג!

16. געזונגען פון י. ז. מילער, (מינסק).
וואר. ד. א—ן, נ״פ. 404 נומ. 14, פארבונדן מיט אן אַנדער ליד.

17. דריי שוועסטערלאַך.

1. |: זיצן שוועסטערלאַך דריי, :|
|: לויפט אַרוים די שענסטע, די קלענסטע,
און רופט דעם בחורל אַריין. :|

2. |: שניידט ער די קעלנערלאַך אוים. :|
|: מ׳האָט אים געהרג׳ט, מ׳האָט אים געשלאָגן,
און דורכן פענצטער אַרוים! :|

3. |: שרייט ער: „אוי וויי, אוי וויי! :|
|: מ׳האָט מיר געמאַכט אין קאָפּ אַ לאָך,
און אין הארצן צוויי! :|

17. — געזונגען פון מאַניע ליובין, (סנאָווסק, טשערניגאָווער ג.). די זינגערין האָט דאָס ליד געהערט בערך מיט אַ יאָר 30 צוריק, אין דער אלטער היים. וואַר. ג״מ. נומ. 166; אונזערע סטר. 1 און 3 שטייען אין איניקע פּרטים נאָענטער צו דעם אויבן געבראַכטן טעקסט פון וואַליכ׳ס ליד. פגל. באַמערק. אויבן ז׳ 75.

14. שוואַרץ, אָבער מיט חן.

1. אין מיינעם האַרצן ברענט אַ פייער,
ברענען ברענט ער אָן אַ שיעור;
אין מיינעם האַרצן ביזטו טייער —
זאָג מיר, דושעניו, ווי איך ביי דיר?

2. שוואַרץ ביזטו ווי אַ ציגיינער,
שוואַרץ ביזטו, אָבער מיט חן;
טאָ גיב שוין גאָט דעם גוטן מזל,
אַז מיר זאָלן קענען צו דער חופה גיין!

14. — געזונגען פון מאַטילדע מאַלדאַווין, (וואַשליקאָוו, גראָד. ג.). פראַגמענט, אויפגענומען צוליב דער מעלאָדיע.

15. אַז עס געפעלט, איז אַ חופה.

1. די מאַמע קאָכט וואַרעניקעס,
און איך בין גאָר פליישיק;
דערזע איך אַ שיין מיידעלע
קריג איך צו איר חשק.
|: לאַ־לאַ, לאַ, לאַ, לאַ־לאַ־לאַ!
|: לאַ־לאַ, לאַ, לאַ, לאַ־לאַ־לאַ! :|

2. מיר געפעלט דאָס מיידעלע,
מיין מאַמע אין דער מיט;
איך האָב ליב דאָס מיידעלע,
מיין מאַמע וויל זעך ניט.

3. שיין איז דאָס מיידעלע,
ווי די גאַנצע וועלט,
נאָר אַ חסרון האָט זי זעך,
זי האָט דאָך ניט קיין געלט.

4. געלט איז זעך קייל־עבדיק,
עס קויקלט זעך אַוועק;
נעם איך מיר מיין מיידעלע
און פאָר מיט איר אַוועק.

5. איך פאָר מיט איר אַוועק
אין דער שטאָט אָדעס;
איך שטעל מיט איר אַ חופה,
אין איין מעת־לעת.
|: לאַ־לאַ, לאַ־לאַ, לאַ־לאַ־לאַ!
|: לאַ־לאַ, לאַ־לאַ, לאַ־לאַ־לאַ! :|

15. — געזונגען פון אסתר פערלמוטער, (טשודנאָוו, וואָלינער ג.). דערצו אַ וואַרשעווער און פאָדאָלער וואַר. באַ כהן 1, ז׳ 20—21.

20 (א). אַשערקע קאַדאַטשניק.

1. ,ווער קלאַפּ דאָס אזוי שפּעט באַנאַכט?׳
„אַשערקע קאַדאַנטשיק!
חיה־שרה׳לע עפן מיר,
איך בין דאָך דיין קאַכאַנטשיק!“

2. ,איך וועל דיר ניט עפענען,
כ׳האָב מורא פאַר מיין מאַמען.׳
„חיה־שרה׳לע — עפן מיר,
איך וועל זאָך גאָרניט זאָמען!“

3. ,איך וועל דיר ניט עפענען,
כ׳האָב מורא פאַר מיין טאַטן.׳
„חיה־שרה׳לע, עפן מיר,
ס׳וועט דיר גאָרניט שאַטן!

4. „וועסטע מיר ניט עפענען,
קריך איך דורכן פענצטער!
חיה־שרה׳לע — עפן מיר,
כ׳בין דאָך ביי דיר דער שענסטער!“

20 (ב). מיכל דער טשינאָווניק.

1. ,ווער שטייט הינטערן טיר?׳
„מיכל דער טשינאָווניק!
שיפּקעלע, פּייגעלע עפן מיר,
איך בין דאָך דיין ליובאָווניק!“

2. ,איך וועל דיר ניט עפענען,
כ׳האָב מורא פאַר מיין מאַמען!׳
„שיפּקעלע, פּייגעלע, עפן מיר,
כ׳וועל זאָך גאָרניט זאָמען!“

20. א — געזונגען פון רייזל דאָריס, (מינסק). ב — פון מאַטילדע מאָלדאַווין, (וואַשליקאָוו, גראָדנ. ג.), וואר. ג״מ. נומ. 138; כהן 1, ז׳ 68, 1 סט. — א חוץ די אָנגעוויזענע דייטשישע נוסחאות (אויבן ז׳ 73, אָנמערק. 10), איז פאַראַן דערצו א טשעכישער פּאַראַלעל בא ערבען, Ceske pisne a rikadla, נייע אויסגאַב, פּראַג, 1886, ז׳ 208, נומ. 383.

18. דריי פריילן.

1. קומט דער ליבער זומער,
גייען מיר אין בארן;
,זע טאַטעלע, זע מאַמעלע,
דער אינגעלע וויל מיר נארן!'

2. „נעם א שטעקעלע,
גיבן איבערן קעפּעלע,
וועט ער זאך אוועקשארן!"

3. שארט ער זאך, שארט ער זאך,
אוועק אף דריי מיילן;
באגעגנט ער, באגעגנט ער,
דריי שיינע פריילן:

4. איינע הייסט פריידל,
די צווייטע הייסט איידל,
די דריטע וויל ער ניט אויסזאָגן —
דאָס איז דאָך זיין מיידל!

18. — געזונגען פון פר. הירשקאן, (דרויע, ווילנ. ג.); וואר. ג"מ. נומ. 165 און 172; כהן 2, ז' 144, נומ. 8; בערמאַן, נ"פ. 377 נומ. 2. א גאנץ אינטערעסאנטן וואריאנט צו אונז. סטר. 3—4 געפינען מיר אין מ. גרונוואלד'ס מאָנאָגראפיע פון „מאַטעסדאָרף", אין יאַהרבוך פ. ייד. פאָלקסקונדע 2, 470, נומ. 144:

אין פּראָג שטעהט ע ברינדל,
דאָרט טאַנצן דריי טאָקען,
אַנע האַסט עדעל,
דע אנדרע האסט קעדל,
דע דריטע האסט שד'ל.

19. קליפ, קלאַפ אין גאָלדן טיר.

1. ,קליפ, קלאַפ, אין גאָלדן טיר,
מאַן טאַיער לעבן, עפן מיר!'
„עפענען דיר וועל עך נישט,
אין אראנלאָזן דעך, אודאי נישט!"

2. 'א רעגנדל גאיט, א וינט וואיט,
ס'איז ציריסן מאַן זאדן קלאַיד.'
„לאיג עס אף דעם גרינעם גראָז
אין שלאָף דעך אָס ווי א יינגער האָז!"

19. — צוגעשיקט פון א. מ. פוקס, געזונגען פון יוסף לעוו (קראָקע, גאליציע) וואר. ג"מ נומ. ז' 43, נומ. 14, ז' 48, נומ. 3; מיט אַן אַנדער אָנהייב באַ ראַזנטאַל ז' 373, נומ. 13. פגל. אונז. באַמערק. אויבן ז' 73.

3. דער זייגער שלאָגט שוין פיר,
שוין צייט אנטשלאָפן צו ווערן;
צו טאָג איז דאָך שוין נים ווייט,
און פון מיינע אויגן גיסן זיך טרערן,

4. די טרערן — זיי טוען זיך גיסן,
יעדער טרער איז היים און גרויס;
אז איך דערמאָן זיך אָן דיר, מיין זיס־לעבן,
גייט מיר מיין חיות אויס!

21. א — פארצייכנט פון רחל סאָסטשין (טשי־מעראָוויץ, פּ. ג.); ב — געזונגען פון שרה פריד־מאן (ביעליצע). וואר. כהן 1, ז' 96 נומ. 9. א פּאָר ענלאַכע סטראָפעס, דאָסזעלביקע בא לעהמאן, נומ. 4א.

22. די מאַמע איז גערעכט.

1. אוי, מאַמעלע, מאַמע,
דער קאָפּ טוט מיר וויי!
שיק נאָך א דאָקטער,
אָדער נאָך צוויי!
א דאָקטער קאָן היילן
דעם קראַנקן זיין קריינק,
אָבער ניט מיר,
נאָך וועמען איך בייַנק!

2. „אוי זע־זשע, מיין טאָכטער,
די שטערן גייען אויס,
אז מען פאָלגט ניט קיין עלטערן,
אזא סוף לאָזט זיך אויס!“
‚אוי, מאַמעלע, מאַמע,
ביזט אודאי גערעכט!
צי דען וויל א מוטער
איר קינד זאָל זיין שלעכט?‘

3. ער האָט מיר געשאָנקען
א בינטעלע פּערל,
כדי מיין שווארץ פּנים
זאָל קלערער ווערן.
אוי, מאַמעלע, מאַמע,
ביזט אודאי גערעכט,
צו דען וויל א מוטער
איר קינד זאָל זיין שלעכט!

4. ער האָט מיר געשאָנקען
א פינגערל פון גאָלד,
ער האָט מיר געליבט,
נאָר איך האָב ניט געוואָלט.
אוי, מאַמעלע, מאַמע,
ביזט אודאי גערעכט,
צו דען וויל א מוטער
איר קינד זאָל זיין שלעכט!

5. ער האָט מיר געשאָנקען
אי שיך, אי קאַלאָשן,
כדי אז אונזער ליבע
זאָל ווערן געשלאָסן.
אוי מאַמעלע, מאַמע,
ביזט אודאי גערעכט;
צו דען וויל א מוטער
איר קינד זאָל זיין שלעכט!

22. — געזונגען פון חיה רייזען, (קוידענאָוו, מינסק. גוב.), וואר. ג"מ. נומ. 196, סטר. 1—3 כהן 1, ז' 120, ענלאך לויטן אינהאלט.

21 (א). באַליידיקט.

1. ביי נאַכט, ווען כ׳ליג אויף מיין געלייגער,
פרעג איך מיין שווער־ביטער האַרץ:
ווען וועט שוין שלאָגן דער זייגער,
די לעצטע מינוט פון מיין שמאַרץ?

2. דער זייגער האָט שוין צוועלעף געשלאָגן,
ס׳איז שוין נאָך ׳אַלבע נאַכט;
כ׳ליג אויף מיין געלייגער פאַרטראָגן,
קיין אויג נאָך ניט צוגעמאַכט.

3. קוק איך אַרויס דורכן פענצטער,
זע איך דער אימל איז שוואַרץ;
ווי־זשע נעם איך מיין טייער זיס־ליבן,
וואָס ציט אים ציט זעך מיין ׳אַרץ?

4. מיין ׳אַרץ ציט דאָך צין אים,
אַזוי ווי מאַגנעט צי שטאָל;
ווען־זשע קענען מיר זיך נאָך אַמאָל זען,
ווען־זשע קענען מיר נאָך ריידן אַ מאָל?

5. „וואָס טויג מיר מיין קומען צי דיר,
אַז נעמען קענען מיר זיך ניט?
בעט איך דיך מיין טייער זיס־לעבן,
אַז באַליידיקן זאָלסטע דיך ניט.“

6. ‚די ׳אָסט דאָך מיך שוין באַליידיקט,
דערפאַר וועט דיר תמיד זיין שלעכט;
גאָט זאָל דיר פאַר דער פאַלשער ליבע באַצאָלן,
ווען סטי וויסן, ווער ס׳איז גערעכט.‘

7. „אַדיע, אַדיע, פראָסטשאַי!
איך פאָר שוין פון דיר אַוועק;
אַזאַ לאַנגע צייט אַ ליבע געשפּילט
און איצט מוז דאָס נעמען אַן עק!“

(טשימעראָוויץ, פּאָד. ג.)

21 (ב). אַ נאַכט אָן שלאָף.

1. באַ נאַכט, אַף מיין געלעגער,
ליג איך מיר תמיד און טראַכט:
ווען וועט שוין שלאָגן דער זייגער,
די לעצטע שעה פון דער נאַכט?

2. דער זייגער האָט שוין צוועלף געשלאָגן,
עס איז שוין נאָך האַלבע נאַכט,
און איך ליג נאָך אַלץ צוטראָגן
און איך ליג נאָך אַלץ און טראַכט.

24. אַז אַ מיידעלע שפּילט אַ ליבע.

1. מיינע שבתים און מיינע יום־טובים,
|: פֿאַרגייען אין יאָמער און געוויין. :|
אַז איך דערמאָן מיך אין מיין טייער זיס־לעבן,
טוען מיר מיינע כחות אויסגיין.

2. מיינע כחות גייען מיר אויס,
איך קען זיי שיין מער ניט דערפֿילן;
דעם צענטן מיידעלע וועל איך פֿאַרזאָגן,
זי זאָל שיין קיין ליבע ניט שפּילן.

3. און אַז אַ מיידעלע שפּילט אַ ליבע,
ווערט זי דאָך אָן אירע פֿאַרבן;
און אַז זי שפּילט די ליבע ניט אויס,
קען זיך דאָך יינגערהייט שטאַרבן.

4. „שטאַרב ניט, דושעניו, שטאַרב ניט, ליובעניו,
צו אונזער ליבע נעמט זיך שוין אַן עק:
זיי מיר געזונט, מיין טייער זיס־לעבן,
איך פֿאָר דאָך שוין פֿון דיר אַוועק!“

5. און אַז דו פֿאָרסט פֿון מיר אַוועק,
אַליין וועל איך דאָ איבערבלייבן;
און אַז דו וועסט ניט וועלן אַ בריוועלע שיקן —
אַ גרוס זאָלסטו כאָטש מיר שרייבן.

6. און אַז אַ מיידעלע שפּילט אַזאַ ליבע,
מעג זי זיין אָרים צי רייך:
פֿון דער ניישענסטער און פֿיינסטער ליבע
לאָזט זיך דאָך אויס אַ טייך.

7. און אַז די טייכעלעך טריקענען אויס,
בלייבן די גריבעלעך ליידיק;
און אַז אַ מיידעל שפּילט איר ליבע ניט אויס,
ווערט זי פֿאַרפֿאַלן אויף אייביק.

24. — פֿאַרצייכנעט פֿון ר. ס. (טשימעראָוויץ, פּאָדאָל. גוב.). וואַר. ג״מ. נומ. 199; כהן 1, ז׳ 84. דאָרט מיטן ניגון.

** יאָשקע פֿאָרט אַוועק.

זומער אין די היצן,
די זון שטייט און ברענט;
שטייען ווייבעלעך און מיידעלעך
און ברעכן זיך די הענט;
|: אוי וויי, אוי וויי,
יאָשקע פֿאָרט אַוועק!
לאָמיר זיך געזעגנען —
דער פּאָיעזשד גייט אַוועק! :|

(זשיטאָמיר).

23. אפן באַרג שטייט אַ טייבעלע.

1. אפן באַרג שטייט אַ טייבעלע,
און טוט זיך טרויעריק ברומען;
|: כ'האָב אמאָל געהאַט אַ גוטן פריינט,
כ'קאָן שוין צו אים מער ניט קומען. :|

2. פון גרוים דאָסאַדע שלאָף איך איין
און מיינע הענט לייג איך צו קאָפּן;
|: אוי, אף אַלץ האָב איך חרטה,
נאָר צוריק קאָן איך שוין ניט כאַפּן. :|

3. אוי, מאַמע, מאַמע, שטיי אוף פון קבר,
און העלף מיר אויס אין מיינע נייטן!
|: פון דער ליבע גיי איך אַרומעט,
ווי אַן אַריסטאַנט אין קייטן. :|

4. אַן אַריסטאַנט געשמיט אין קייטן,
וואָס ערגער קאָן דאָך שוין ניט זיין;
|: ווען ס'זאָל זיך עפענען אַ טיפע גרוב,
וואָלט איך לעבעדיקערהייט אהין אריין. :|

5. אוי שוואַך בין איך, אוי שלאָף בין איך,
אף מיינע פיס קאָן איך ניט שטיין;
אוי, די צרות וואָס איך לייד זיך אָנעט,
לייגן מיך שוין אין דר'ערד אריין!

23. — געזונגען פון שרה פרידמאַן, (ביעליצע, ווילנ. ג.); צו סטר. 2—3. וואר. בא ד. א—ן נ"פ. 400, נומ. 4; מיט אונז. ערשטער סטראָפע הויבט זיך אָן אַ ליד באַ י. י. לערנער („הויז פריינד", ב. 2), אָבער פון אַן אַנדער אינהאַלט, פונדאַנען בא באַסטאָמסקי, ז' 128, נומ. 3.

* איך שטיי מיר ביים טייך...

1. איך שטיי מיר ביים טייך און טרינק זיך,
אַלע מענטשן קוקן מיר אין די אויגן;
וואָס טויג מיר מיין גוטס און מיין רייכקייט,
אַז דו ביזט פון מיר אוועק געפלויגן?

2. דו ביזט פון מיר פאַרפלויגן
אין אַזאַ ווייטן לאַנד;
מיינע עלטערן טוען מיר פרעגן:
טאָכטער, וואָס איז מיט דיין פאַרשטאַנד?

* — געזונגען פון רייזל דאַרים (פינסק, מינסקער ג.), און פון בערטאַ קלינג (נאַוואַרידאַק, מינסקער ג.) פראַגמענט פון אַ גרעסער ליד באַ כהן 1, ז' 47, נומ. 29. דאָ אויפגענומען צוליב דער מעלאַדיע.

25 (ב). ליבע און יחוס.

1. די פֿייערדיקע ליבע,
זי טוט אין הארצן ברענען;
|: וואָס קומט ארוים פֿון א ליבע שפּילן,
אז מיר קענען זיך ניט נעמען? :|

2. שילדיק איז דיין פֿאָטער,
שילדיק איז דיין מוטער,
און דו אליין ווייסט דעם אמת,
ווי מיר איז נעביך ביטער: |

3. עך פֿיר דעך אָפּ אהיים,
צים טיר פֿין דיין שטיב:
|: שטעל דעך שטאָלץ פֿאר דיין מאַמען,
זאָג, די האָסט מעך ליב. :|

4. „אוי הער נאָר אוים, מאַמעניו,
כ׳וויל דיר עפּעס זאָגן:
|: כ׳קען די צרות פֿון מיין געליבטן
שוין ניט מער אריבער טראָגן!׳ :|

5. „ווי איז ער, דער זשוליק?
כ׳וועל אים אוועקטרייבן,
|: אז ער וועט קימען צי מיר אין שטיב,
חרפּה׳ס וועט ער ליידן“. :|

6. „אוי ׳ערט מעך אָפּ צי טרייבן,
אוי ׳ערט מעך אָפּ צי סטראַמען!
|: לאָז אייך אָפּגיין אייער כעס,
וועלן מיר זעך אויסטענה׳ן. :|

7. „ווער איז אייער משפּחה,
ווער איז אייער פֿאָן?
|: און ווען ניט אייער שיינע טאָכטער,
שטייט איר מיר ניט אָן.׳ :|

8. „אוי, מיין שיינע טאָכטער,
עך גיב זי ניט פֿאר דיר;
|: וועסט זעך דערוועגן אהער צי קימען,
מיטן קאָפּ וועסטי עפֿענען די טיר!“ :|

9. „כ׳וועל צי אייך ניט קימען,
כ׳וועל דאָס אייך פֿארשפּאָרן:
|: עך וועל נעמען אייער שיינע טאָכטער
און וועל מיט איר אוועקפֿאָרן.׳ :|

10. „קים אהער, מיין לעבן,
ס׳וועט דיר אויך געפֿעלן:
|: לאָמיר אוועק אין א פֿרעמדער שטאָט,
און דאָרטן א חופּה שטעלן.׳ :|

11. „אין א פֿרעמדער שטאָט,
צווישן פֿרעמדע מענטשן,
|: ווער וועט אינז צי דער חופּה פֿירן?
און ווער וועט אונז בענטשן?“ :|

12. „וואָס ארט אינז די פֿרעמדע שטאָדט?
וואָס ארט אינז פֿרעמדע מענטשן?
|: מלאכים וועלן אינז צי דער חופּה פֿירן,
און גאָט אליין וועט אינז בענטשן!׳ :|

25. א — געזונגען פֿון ישראל זילבערבערג (ליטין, פּאָדאָלער גוב.); ב — פֿארצייכנט פֿון ה. סאסטשין (טשימעראָוויץ, פּ. ג.) ווער. ג״מ. נוט 175, 176; כהן 1, ז׳ 122 (דאָרט מיטן ניגון). דאָס ליד געהערט צו די באַלאַדנאַרטיקע.

25 (א). די פייערדיקע ליבע.

1. די פייערדיקע ליבע,
עס טוט אין הארצן ברענען;
|: אוי זיסער גאָט, דו ווייסט דעם אמת,
אז מיר קענען זיך ניט נעמען! :|

2. שולדיק איז דיין טאטע,
שולדיק איז דיין מאמע,
|: און דו אליין, מיין טייער לעבן,
ביזט שולדיק מער פאר אלע. :|

3. איך גיי אוועק אין גאס,
אביסל זיך פארזאמען —
|: און דו אליין, מיין טייער לעבן,
רייד איבער מיט דיין מאמען. :|

4. „מאמעניו, ליובעניו!
כ'וויל דיר עפעס זאָגן,
כ'וויל מיט דיר עפעס ריידן:
|: מיר קענען זיך ניט מער ציגיין,
מיר קענען זיך ניט שיידן". :|

5. 'אָף מאָרגן אין דער פרי,
דער פאָסטעך בלאָזט זיין האָרן;
|: ,איך מיט דיר, מיין טייער לעבן,
אנטלאָפן געוואָרן'. :|

6. „אין א פרעמדער שטאָדט,
צווישן פרעמדע מענטשן,
|: ווער וועט אונז צו דער חופה פירן,
און ווער וועט אונז בענטשן?" :|

7. ,אין א פרעמדער שטאָדט,
צווישן פרעמדע מענטשן:
|: זיי וועלן אונז צו דער חופה פירן,
און גאָט וועט אונז בענטשן.' :|

(ליטין, פאָדאָל. געגנט).

2. אזוי ווי עס איז ניטאָ קיין עפּעלע,
וואָס זאָל ניט האָבן קיין וואָרעם אין דערינען,
אזוי איז ניטאָ קיין מאַנספּערזאָן,
וואָס זאָל ניט האָבן קיין פאַלש אין זינען.
|: אוי, גאָט זאָל אים באַצאָלן
פאַר דער פאַלשער ליבע,
און דאָס זאָל זיין זיין שטראָף! :|

27. — געזונגען פון וועלוול פרידמאַן (שיקאַן, קאָונער גוב.). דער וואר. בא ג״מ. נומ. 80, וואָס געפינט זיך צווישן די וויגן־לידער, מסתמא צוליב דעם צוגעטשעפּעטן רעפריין: „שלאָף, מיין קינד, שלאָף“, — איז דורכויס א ליבעס־ליד. די צווייטע סטראָפע, וואָס איז אַן אַלטער און ווייט־פאַרשפּרייטער פאַרגלייך אין דייטשישן פאָלקסליד געפינען מיר אויך אין אייזיק וואַליכ׳ס לידער־זאַמלונג, בא ראָזענבערג, נומ. 20, סטר 8.:

עס איזט קיין אַפּעל ראָזענראָט,
עס שטעקעט איין וורם דריין,
עס איזט קיין מאַידליין זאָ העפּיש אונד פיין,
עס פירט איינען פאַלשען זין.

דידאָזיקע סטראָפע געפינט זיך אויך אינ׳ם ליד בא בעהמע: Altdeutsches Liederbuch (צווייטע אויפלאַגע), נומ. 267, סטר. 11, טעקסט אויפגענומען פון „יאָה. לאַנטצענבערגערס לידערביכליין“, 1607, און אין די בייערע וואַריאַנטן בא האָפמאַן־ריכטער, נומ. 155, דיפורטה, נומ. 142 מיטטלער, נומ. 6—1005, ערק־בעהמע 2, נומ. 495, איבערגעדרוקט פון א פלוגבלאַט (בערך 1590).

28 (א). אַף דעם ים ווייעט א ווינטעלע...

1. אַף דעם ים ווייעט א ווינטעלע, ווייעט א ווינטעלע
|: און די כוואַליעס ברומען. :|
|כ׳האָב מיך פאַרליבט אין א שיין אינגעלע,
כ׳קאָן אָבער צו אים ניט קומען. :|

2. כ׳האָב מיר געבויט א קליינינקע שטיבעלע, א קליינינקע שטיבעלע,
|: אַרום און אַרום מיט פענצטער. :|
|: וויפיל קאַרטינעס כ׳האָב געזען,
נאָר דו ביזט פון אַלע דער שענסטער! :|

3. צו ליבסטו מיר פון טיפן הארצן, פון טיפן הארצן,
|: צו ליבסטו מיר נאָר לפנים? :|
|: דו האָסט דאָך מיר אוועקגעקיילעט
אזוי ווי די גרעסטע גזלנים. :|

4. אז א גזלן קיילעט א מענטשן, קיילעט א מענטשן,
|: קיילעט ער אים מיט א מעסער. :|
|: דו האָסט מיך געקיילעט, און ניט דערקיילעט
ביזטו פון א גזלן נאָך גרעסער. :|

26. וואָס טויג מיר?

1. איך גיי מיר אריין אין שטוב,
אין שטוב איז פינצטער ווי׳ן א גרוב;
אין א גרוב איז פינצטער צו ליגן,
גאָט וויים צו כ׳וועל אזא געליבטע קריגן
אז אָך און וויי און ווינד,
איז צו מיינע יונגע יאָרן!
אזא געטרייע ליבע
האָב איך אָנגעוואָרן!

2. איך גיי מיר צו צום טיר,
אין הארצן גיט מיר א ריר;
אין הארצן גיט מיר א ריר,
ווען זי שטעלט זיך פאַר פאַר מיר.
אז אָך און וויי א. ז. וו.

3. איך גיי מיר צו צום טיש,
אין הארצן גיט מיר א ריס;
אין הארצן גיט מיר א ריס,
גאָט וויים, ווו מיין געליבטע איז!
אז אָך און וויי א. ז. וו.

4. וואָס טייג מיר דער שיינער וויינגאָרטן,
אז פלאַנצן קען איך אים ניט?
וואָס טייג מיר א ליבע צו שפּילן,
אז נעמען קאָן איך איר ניט?
אז אָך און וויי א. ז. וו.

5. וואָס טייג מיר די נייע קאַזאַצקע,
אז טאַנצן קאָן איך איר ניט?
וואָס טייג מיר די מיידל די כוואַטסקע,
אז נעמען קאָן איך איר ניט?
אז אָך און וויי און ווינד,
איז צו מיינע יונגע יאָרן!
אזא געטרייע ליבע
האָב איך אָנגעוואָרן!

26. — געזונגען פון סאָרקע איסער׳ס (ביעלי־צע, וו. ג.), וואר. ג״מ. נומ. 192; כהן 1, ז׳ 90, מיטן ניגון; בערמאַן, נ״פ. ז׳ 379, נומ. 10. אונזער סטראָפע 4 איז אויך אַ וואַנדער־סטראָפע אין דייטשישן פאָלקסליד. ערק־בעהמע 2, נומ. 697, סטר. 4:

Was hilft mich ein schöner Garten,
Wenn er Keine Rosen trägt?
Was nützt mich ein schöner Bürschchen,
Wenn es Keine Liebe hat?

פגל. אויך Zeitschr. d. V. f. Volksk. 26, 188, ווו ס׳ווערט אָנגעוויזן אויף דער פּאַראַלעלער סטראָפע באַ גינזבורג־מארעק.

27. קיין עפּעל, אָן א וואָרעם.

1. ער האָט מיר צוגעזאָגט, ער האָט מיר צוגעזאָגט,
ער האָט מיר צוגעזאָגט צו נעמען;
ער האָט מיר צוגעזאָגט, ער האָט מיר צוגעזאָגט,
און האָט מיר געטאָן פארשעמען.
|: אוי גאָט זאָל אים באַצאָלן
פאַר דער פאַלשער ליבע,
און דאָס זאָל זיין זיין שטראָף! :|

29. אויסגעכאַפּט.

1. אוי, ווי ליב איז מיר מיט דיר צי ריידן,
נאָר דיין הארץ פאַרנעמט דאָס ניט;
אז איך דערמאָן מיך, מיר דאַרפן זיך שיידן,
זאָגן, זאָג איך דיר — גאָט באהיט!

2. וויפיל מילך כ'האָב ביי מיין מאמען געזויגן,
אזוי פיל בליט האָסטי מיר אָפּגעצאַפּט;
א גרויס וויטיק טראָג איך אין מיין הארצן —
ווי א שטערים־ווינט האָט מען דיך אויסגעכאַפּט.

3. אוי, אויסגעכאַפּט האָט מען דיך בא מיר,
מיט גרויס פחד און מיט גרויס שרעק;
אַן אימחן האָסטי אויף מיר געוואָרפן,
און מיט אַן אנדער מיידל ביזסטי אוועק.

29. — פאַרצייכנט פון רחל סאָסטשין, (טשימע־ראָוויץ, פּאָדאָליער גוב.). וואר. ?

30. א חלום, א חלום...

1. א חלום, א חלום האָט זיך מיר געחלומט,
|: א חלום, ליובע, האָט זעך מיר געדאַכט — אוי, געדאכט! :|
|: מיט דיינע שווארצע אויגן האָסטי מיך צוגעצויגן,
און פאר א מענטשן האָסטי מיך געמאכט. :|

2. עך עס נישט, כ'טרינק נישט, כ'שלאָף נישט דערך די נעכט,
|: און בענקען, ליובע, בענק איך נאָך דיר, אוי, נאָך דיר! :|
|: ווען עך דערמאָן זעך, דושע, אַז דיר מיין טייער לעבן,
גייען מיר די כחות אויס נאָך דיר! :|

3. שפּאַצירן, שפּאַצירן זענען מיר געגאַנגען,
ארים אין ארים דער באַן, אוי, דער באַן! :|
|: געדענקסטי, ליובע שיינע, ווען די האָסט מיר געשוואָרן,
אז די וועסט מיך נעמען פאר א מאַן? :|

4. שפּאַצירן, אוי ליובע, זענען מיר געגאַנגען,
|: אין דרויסן איז געוועזן א שניי, אוי, א שניי! :|
|: געדענקסטי, ליובע שיינע, די האָסט מיר טריי געשוואָרן?
צים סוף האָסטי גאָר אנדערע צוויי! :|

30. — פאַרצייכנט פון ה. ד. דיימאָנדסטאָן. דאָס ליד איז פּאָפּולער בא רומענישע יידן; דערצו א קאָוונער וואר. בא ג"מ. נומ. 185, פארבונדן מיט אַן אנדער ליד, דאָסזעלביקע בא לעהמאַן, נומ. 10, סטר. 5—6.

28 (ב). פאַרשפּילט די יונגע יאָרן.

1. אויף דעם ים וויעט א ווינטעלע, וויעט א ווינטעלע,
|: און די כוואַליעס יאָגן. :|
אוי, אָפּגעקוילעט האָסטי מיך, דושעניו,
און כ׳קען מיך פאַר קיינעם ניט באַקלאָגן. :|

2. דו האָסט מיר געשלאָסן הענט און פיס, הענט און פיס.
און האָסט מיך געלאָזן שטיין. :|
|: אוי, וויפיל מויערן וועל איך דורכברעכן,
און צו דיר, דושעניו, וועל איך גיין. :|

3. דו האָסט מיר געשלאָסן הענט און פיס, הענט און פיס,
|: און האָסט מיך געלאָזן שווימען. :|
|: אוי, וויפיל בריקעלעך וועל איך דורכברעכן,
און צו דיר, דושעניו, וועל איך קימען. :|

4. ב׳האָב מיר געבויט א שיין מויערל, א שיין מויערל,
|: איז דאָס געווען מיט צוועלף פענצטער. :|
|: אוי, וויפיל שידוכים מ׳האָט מיר איבערגערעדט,
ביזטו ביי מיר, דושעניו, דער שענסטער. :|

5. צי האָסטו מיך, דושעניו, אמת׳דיק ליב, אמת׳דיק ליב?
|: צי האָסטו מיך ליב נאָר לפנים? :|
|: אוי, אָפּגעקוילעט האָסטי מיך, דושעניו,
אזוי ווי די ערגסטע גזלנים! :|

6. אז א גזלן קוילעט א מענטשן, קוילעט א מענטשן,
|: קוילעט ער אים ביז צו טויט. :|
|: אוי, אָפּגעקוילעט האָסטי מיך, דושעניו,
און איך דאַרף נאָך לעבן אין גרויס נויט! :|

7. איך האָב מיר געפלאַנצט א וויינגאָרטן, א וויינגאָרטן,
|: איז עפּעס אין אים ניט געראָטן. :|
|: איך האָב פאַרשפּילט מיינע יינגע יאָרן,
אזוי ווי א קאַרטעטשניק אין קאָרטן. :|

8. אז א קאַרטעטשניק שפּילט אין קאָרטן, שפּילט אין קאָרטן,
|: פאַרשפּילט ער דאָך נאָר זיין געלט. :|
|: איך האָב פאַרשפּילט מיינע יינגע יאָרן,
און דערצו נאָך אזא שיינע וועלט! :|

28. א — געזונגען פון הענע חיימאָוויץ (יעהו־מען, מינסק. ג.); ב — פאַרצייכנט פון ר. ס., (טשו־מעראָוויץ, פּ. ג.). וואר. ג״מ. נום. 143; כהן 1, ז׳ 159—160, דאָרט מיטן ניגון.

5. „נאָר דיר האָב איך ליב, און דיר מוז איך האָבן,
מיט דיר מוז איך אויספירן מיין וועלט, אוי, מיין וועלט!
|: דעם טאטן אַף צולאָכעס, דער מאמען אַף צולאָכעס,
איך וועל דיך נעמען אַן א גראָשן געלט!“ :|

32. — געזונגען פון העניע חיימאָוויץ (איהו־
מען, מינסק. ג.); אַנדערע וואריאנטן?

33. אַז איך בין אַלט געווען...

1. אז איך בין אַלט געווען פופצן יאָר,
האָב איך נאָך פון גאָרניסט ניט געוווּסט;
|: אז איך בין אַלט געוואָרן אכטצן יאָר,
א ליבע שפּילן האָט זאך מיר פארגלוסט! :|

2. און אז איך טו א ליבע שפּילן,
האָבן מיינע עלטערן נאָך דערפון ניט געטראַכט;
|: אז איך האָב זיי דערציילט פון מיין ליבע,
האָבן זיי זאך פון מיר אויסגעלאַכט. :|

3. אז דו פלעגסט צו מיר אריינקומען,
ווי א פיינעלע פלעג איך דיר אויפנעמען;
|: איצטער גייסטו ארום מיט אַן אנדערער,
און מיר טוסטו אזוי ווייט פארשעמען! :|

33. — געזונגען פון שרה פרידמאַן, (היימישער
נאָמען, סארקע איסער׳ס, ביעליצע, ווילנער גוב.).
וואַר. ?

34 (א). אין א פארשאָלטענעם טאָג.

1. כ׳פארשילט דעם טאָג פון מיין געבוירן,
אוי שילטן שילט איך אים אויך אצינד;
ניכאַי וואָלט מיין מוטער מיך פארלאָרן
בעת געווען בין איך נאָך א קליין קינד!

2. בעת כ׳בין נאָך א קליין קינד געוועזן,
פון קיין צרות האָב איך ניט געוואוּסט;
איצט אז איך בין שוין עלטער געוואָרן,
א ליבע שפּילן האָט זיך מיר פארגלוסט.

3. שוין דריי יאָר אַז מיר שפּילן א ליבע
און נעמען זיך, ליובע, קענען מיר ניט;
אין מיין הארצן ברענט א שרעקלעך פייער,
און פארלעשן קען עס קיינער ניט.

31. ניט דערלעבן זאָלן די שונאים...

1. איך האָב שוין ניט קיין כח מיט אַ מענטשן צו ריידן,
פין דער ליבע בין איך שוין מאַט, אוי מאַט!
ניט דערלעבן זאָלן די שונאים אָן מיר אַ נקמה —
דאָס איינציקע בעט איך נאָר ביי גאָט!

2. אוי, שונאים האָב איך, מאַמע, שונאים אָן אַ שיעור,
און פאַר וואָס, ווייס איך ניט אַליין, אוי אַליין!
אוי, ניט דערלעבן זאָלן אַלע מיינע שונאים,
אַז איך זאָל מיט אים מער ניט גיין!

3. כ'האָב מיך אין דיר׳ איינגעליבט, מיין טייער זיס־לעבן,
ניט נאָר ווייל דו ביזט אַזוי שיין, אוי, אַזוי שיין!
נאָר פאַר דיינע אַלע שיינע גוטע מעלות,
וואָס דו ווייסט דיך ווי מיט אַ מענטשן צי באַגיין.

4. נאָר דיר האָב איך ליב, און דיך וועל איך נעמען,
אַנדערש קען דאָך גאָר שוין ניט זאַן„ אוי ניט זאַן!
אוי ניט דערלעבן זאָלן די שונאים אַ נקמה,
אַז דו זאָלסט ניט זיין מיין מאַן!

31. — פאַרצייכנט פון ר. ס. (טשימעראָוויץ, פּ. ג.). דערצו אַ פּאָר ענלעכע סטר. אין דעם פאָלגנדיקן ליד, וואָס איז אָבער פון אַן אַנדער אינהאַלט.

32. ליבע און נדן.

1. „איך האָב שוין ניט קיין כח באַ דער אַרבעט איינצוזיצן,
און פאַר מיין מאַמען זאָג איך דאָס ניט אויס, אוי ניט אויס!
|: אוי, האָב אַף מיר רחמנות און ווער פאַר מיר אַ חתן,
און נעם מיך פון דער אַרבעט שוין אַרויס!‘ :|

2. „פאַר דיר אַ חתן ווערן, איז פאַר מיר קיין ראַסטשאָט ניט,
כ'בין נאָך גאָר אַ בחורל צום שטיין, אוי, צום שטיין!“ :|
|: „און ווייל דו ביזט אַ בחורל מיט פאַלשע געדאַנקען,
פון פאָניעס הענט זאָלסטו ניט אַנטגיין!‘ :|

3. „צווישן בערג און טאָלן זיינען מיר ביידע געגאַנגען,
קיינער האָט פון אונזער ליבע ניט געוואוסט, ניט געוואוסט;
|: היינט טוען אַלע זינגען, אין אַלע גאַסן קלינגען,
אַז אונזער ליבע איז געווען אומזיסט‘. :|

4. „דער טאַטע וויל נדן, די מאַמע וויל נדן,
און פון דעם נדן וועלן מיר ווערן רייך, אוי, רייך!“
|: „גאָט זאָל זיי שיינקען, דעם נדן צו פאַרקרינקען,
זיי זאָלן זיין מיט אַלע קבצנים גלייך!‘ :|

35. א שוואַרצע כמאַרע.

1. א שוואַרצע כמאַרע האָט דעם הימל באַדעקט,
און די וואָלקן האָבן זעך צושפּרייט;
אוי, צייט איך האָב די ליבע דערקענט,
האָט זעך מיר מיין קאָפּ פאַרדרייט

2. דער דריבער רעגן אויף דעם פעלד,
טיט דאָך די גרעזעלעך דערקוויקן;
אוי, ניט גענוג איז מיין מזל אזוי נידעריק,
טיסטי זעך נאָך פון מיר אָפּריקן.

3. שפּאַצירן זענען מירביידע געגאַנגען,
אין מיר האָבן זעך געוויטעט בא די הענט;
צי געדענקסטי די הויכע זאַנגען,
וואָס זענין געווען הויך ווי די ווענט?

4. שפּאַצירן זענען מיר ביידע געגאַנגען,
אַלע מאָל אַראָפּ אין אַרויף;
עך האָב געמיינט די ליבע איז אַף אייביק,
וואָס זאָגט איר, מענטשן צים סוף!

5. זיץ עך מיר אַמאָל בא דעם פענצטער,
זע עך דעם הימל אזוי רויט;
אוי דעמאָלט קימט א טע אויף מיין האַרצן,
ווינטש עך מיר צען מאָל דעם טויט.

6. זיץ עך מיר אַמאָל בא דעם פענצטער,
זע עך דעם הימל אזוי בלאָ;
אויף דער וועלט איז דאָ נחת און פרייד,
נאָר בא מיר איז מיין גליק נישטאָ!

7. זיץ עך מיר אַמאָל בא דעם פענצטער,
זע עך דעם הימל אזוי שוואַרץ;
אוי, ווי נעמט מען, מיין טייער זים־לעבן,
אויסצידערציילן מיין האַרץ!

8. דו האָסט מיר, דושעניו, גיגעבן דיין בילד,
היינגט עס בא מיר אָף דער וואַנט;
אין אַז עס קימט א טע אָף מיין האַרצן,
נעם עך דאָס בילד אין מיין האַנט.

35. — פאַרצייכנט פון רחל סאָסטשין, (טשימעראָוויץ, פּ. ג.). וואַר.?

4. יעדער טאָג ווערט דער פייער גרעסער,
אַז איך זע דיך נאָר מיט אַ צווייטער גיין;
אוי, שטעכן וועל איך מיך מיט אַ מעסער,
אַז מיינע אויגן זאָלן דאָס מער ניט זען.

5. אוי, שטעך ניט, ליובע, אין האַרץ קיין מעסער!
כאָטש דיינע צרות זענען טאַקע גרויס;
לאָז דיר גאָט אַן אַנדער זיווג באַשערן
און מיך שלאָג זיך שוין פון קאָפּ אַרויס!"

34(ב). ניט אַלע ליבעס ווערן אויסגעפירט..

1. אַמיין וואָלט דער טאָג פאַרשאָלטן געוואָרן,
ווייל איך באַוויין מיינע יינגע יאָר;
אַמיין וואָלט איך געווען פאַרלאָרן,
איידער כ'האָב דערקענט די ליבע גאָר.

2. וואָס אַ טאָג איז מיין פייער גרעסער,
ווען איך זע דיך מיט אַ צווייטן שטיין;
שטעכן וועל איך אין מיר אַ מעסער,
מיינע אויגן זאָלן דאָס נישט זען מיין.

3. „שטעך נישט, שטעך נישט, מיין טייער לעבן!
ווייל דיין פּלאָגע איז דאָך גאָר נישט ווערט;
ווער מיט מזל, אַ חתן בעסער,
זאָל דיר גאָט געבן ווער ס'איז דיר באַשערט!"

4. איך האָב פאַרזייעט און פאַראַקערט,
כדי די תבואה זאָל מיר געראָטן;
איך האָב פאַרשפּילט מיינע יינגע יאָרן,
אַזוי ווי איינער אין קאָרטן.

5. ווען פון אַלע ביימעלעך זאָל ווערן פּענעז,
און פון אַלע וואַסערלעך זאָל ווערן טינט;
ווען אַלע ליבעס זאָלן ווערן אויסגעפירט,
וואָלט די וועלט נישט געהאַט קיין גרינט.

34. א — געזונגען פון רייזל דאָרים (פּינסק, מ. ג.); ב — צוגעשיקט פון ברכה אדלער, (דינאָוו, גאַליציע). בא ג"מ. נומ. 185, סטר. 7—10, נומ. 186, 187 און 188. אַלץ פראַגמענטן פון דעמזעלביקן ליד מיט פאַרשיידענע אנפאַנג־סטראָפעס; ד. א—ן, נ"פ. ז' 399, נומ. 2, סטר. 1—5.

5. „און אז א שיינקער צאפּט אַרויס דעם וויין,
בלייבט דאָך א ליידיקע פאַס;
אזוי טיסטי דאָס בליט פון מיר צאַפּן
און די גיסט עס ארויס אויפן גאַס.‘

6. „שלאָג־זשע דיר ארויס די ליבע פון דיין הארצן,
און רייד דיר אזא נארישקייט ניט איין;
איך מוז שוין חתונה האָבן פאַר אַן אנדער מיידל
און דיין חתן קען איך שוין ניט זיין.

7. „שלאָג־זשע דיר ארויס די ליבע פון דיין הארצן,
און מיין ניט, די ליבע איז אויף אייביק;
אזוי ווי די טייכעלעך טריקענען אויס,
אזוי בלייבן די גריבעלעך ליידיק.“

8. „און אז די טייכעלעך טריקענען אויס,
בלייבט דאָך א ליידיקע גריב;
אַז אָך און וויי, איז צו מיינע יונגע יאָר,
אין וועמען איך האָב מיך פארליבט!‘

37. — אויפגענומען פון רחל סאסטשין, (טשי־מעראוויק, פּ. ג.). פגל. אונזער נומ. 46. דאָרט א פּאָר ענלאכע סטראָפעס.

38. אַ ליבע איז ניט קיין עולה.

1. אוי, א ליבע צו שפּילן,
|: איז ניט קיין אוולעריי, :|
|: נאָר ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן,
מיט איינער, ניט מיט דריי! :|

2. ער קומט צו מיר צוגיין,
|: און קוסט מיר אויס די גלידער; :|
|: ער גייט אַוועק צו אַן אנדער מיידל
און זינגט פון מיר לידער. :|

3. ער קומט צו מיר צוגיין,
|: און זאָגט, ער וועט מיר נעמען; :|
|: ער גייט אַוועק צו אַן אנדער מיידל,
און טוט מיר גאָר פארשעמען. :|

4. אוי, אַ ליבע צו שפּילן
|: איז דאָך אוודאי כדאי, :|
|: נאָר ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן,
מיט איינער, נט מיט דריי! :|

38. — געזונגען פון א. פ., (ווילנע), וואר. ג"מ. נומ. 215, 216.

36. דער ערשטער אָנפאַנג...

1. דער ערשטער אָנפאַנג פון אונזער ליבע,
איז געווען ציקער־זיס;
אָבער דער סוף פון אונזער ליבע
האָט זיך אויסגעלאָזן זייער מיאוס.

2. „איין זאַך וועל איך דיר זאָגן,
איין זאַך וועל איך דיר בעטן:
זאָלסט זעך אַרויסגנב'ענען פון דיין שטיב,
און פאָרן זאָלסטו מיך בעלייטן."

3. ,פאָרן וועל איך דיך בעלייטן,
פינ'ם טויער ביז צים באַן;
אָנגעקישט און אָנגעליובעט —
ביז דער פּאָיעזד איז אַוועקגעגאַן.'

4. ,אַז דער פּאָיעזד איז אַוועקגעגאַן,
בין איך געבליבן באַם וואַגזאָל;
ווי מיין זיס־לעבן איז אַוועקגעפאָרן,
האָב איך אַרויסגעלאָזט אַ גרויס קאָל!'

5. „ווייין ניט, דושעניו, ווייין ניט, ליובעניו,
מיר וועלן נאָךביידע זיין אַ פּאָאָר;
שווער מיר צי באַ דיין לעבן,
אַז וואַרטן וועסטי אויף מיר פינעף יאָר!"

6. ,פינעף יאָר וועל איך אויף דיר וואַרטן,
ביז מיין מזל וועט זיין גרויס;
און אפשר וועט מיר גאָט העלפן
און מיט אַ זשערעב וועסטו אַרויס?

7. ,איך האָב געמיינט אויף דיינע רייד,
וועל איך קענען שטעלן מויערן;
אָבער דו האָסט מיר מיין קאָפּ פּאַרדרייט,
אַז שטענדיק זאָל איך גיין און טרויערן.'

36. — צוגעשיקט פון ח. ד. דיימאָנדסטאָן,
(מעזשבוזש, פּ. ג.), וואַר. באַ ג"מ. נום. 201:
כהן 1, ז' 102 (מיטן ניגון).

37. שלאָג דיר אַרויס די ליבע פון דיין האַרצן.

1. שוין דריי יאָר אַז מיר שפּילן אַ ליבע,
און קיינער האָט פון אינזער ליבע ניט געוויסט;
אוי האָב שוין רחמנות אויף מיינע יינגע יאָר,
פאַרשעם מיך פאַר לייטן ניט אומזיסט.

2. עלנט און באַליידיקט בין איך איבערגעבליבן,
ניט דערך קיינעם, נאָר דערך דיר;
אוי, 'אָב שוין רחמנות אויף מיינע יינגע יאָר,
און שיק שוין אַ שדכן צו מיר!

3. „און אַז איך וועל דעם שדכן צי דיר שיקן,
וועט דיין מאַמע דאָך ניט וועלן באַשטיין;
דיין מאַמע וועט דיך ניט וועלן פאַר מיר פאַרקנסן.
זי וועט זאָגן, כ'בין אַ פּאָדלער יינג געווען.

4. „שלאָג־זשע דיר אַרויס די ליבע פון דיין האַרצן,
און רייד דיר אַזאַ ליידיקייט ניט איין;
דאָס געזינט מיטן חיות וועט עס דיר אויסצאַפּן,
אַזוי ווי אַ שיינקער צאַפּט אויס דעם ווייַן."

4. „און טאָמער ליבסטע א שענערער פאַר מיר,
און מיינסט מיט איר חתונה צו האָבן?
|: א ווייסטע וועלט זאָל זי פאַר דיר האָבן,
און יינגערהייט זאָלסטו איר באַגראָבן!“ :|

5. ,אוי, איך ליב טאַקע א שענערער פאַר דיר,
און וועל מיט איר חתונה האָבן,
און א ליכטיקע וועלט וועט זי פאַר מיר האָבן,
און די שונאים זאָל מען יונגערהייט באַגראָבן!' :|

6. אוי, פאַר ווּעמען ס'איז ליכטיק די נאַכט,
און פאַר מיר איז פינצטער דער טאָג;
|: אוי, פאַר וועמען ס'איז א פרייד און א שמחה, —
פאַר מיר איז א יאָמער און א קלאָג! :|

40 (ב). מיט באַנען און מיט פאַראַכאָדן

1. אוי ווײ, מאַמע, כ'ליב א אינגעלע א שיינעם,
שיין איז ער ווי די גאַנצענע וועלט!
פאַר זיין שיינקייט איז ער באַ מיר טייער,
אוי, מיין האַרץ ווערט נאָך אים פאַרברענט!

2. אוי, מיט די באַנען וועל איך צו דיר פאָרן,
מיט פאַראַכאָדן וועל איך צו דיר יאָגן;
כ'וועל פאַרלאָזן מיין פאָטער און מיין מוטער,
און צוליב דיר וועלן זיי יאָמערן און קלאָגן.

3. אוי, פאַר וועמען ס'איז ליכטיק די נאַכט,
פאַר מיר איז פינצטער דער טאָג;
פאַר וועמען ס'איז פריידן און שמחה'ס,
פאַר מיר איז א יאָמער און א קלאָג!

4. אוי ווײ, שיין בין איך אויך אַמאָל געווען,
אַזוי שיין, ווי די זון אין מאַי איז שיין!
פון זינט איך האָב דעם שיינעם אינגעלע דערקענט,
זיץ איך און טרויער און וויין!

40. א — געזונגען פון סאָרקע איסער'ס, (ביע־ליצע, ווילנ. גוב.); ב — געזונגען פון גיטל קרעמען, (טוראָוו, מינסק. גוב.); צו „א" סטר. 2—3 פגל. כהן 1, ז' 124; וואר. בערמאַן, 379, נום. 9; ד. א—ן, נ"פ. ז' 400, נום. 3; באַסטאָמ־סקי, ז' 54, נום. 3.

39. ווען איך זאָל זיין.

1. ווען איך זאָל זיין א פייגעלע,
וואָלט איך צו דיר געפלייגן;
נאָר מיין אומגליק איז זייער גרויס,
וואָס כ'קען צו דיר ניט ריידן.

2. ווען איך זאָל זיין א פישעלע,
וואָלט איך צו דיר געשווומען;
נאָר מיין אומגליק איז זייער גרויס,
וואָס כ'קאָן צו דיר ניט קומען.

3. ווען איך זאָל זיין א וואסערל,
וואָלט איך צו דיר געפלאָסן;
נאָר מיין אומגליק איז זייער גרויס,
וואָס דו ווילסט ניט זיין מיין חתן.

4. ווען איך זאָל זיין א פייערל,
וואָלט איך צו דיר ברענען;
ניכאָי וואָלט דיר א פייער פארברענט,
איידער כ'האָב דיר געטאָן דערקענען!

39. — געזונגען פון י. ז. מילער, (פינסק, מינסק. גוב.). אונזערע סטר. 1—2 געפינען מיר אין פארבינדונג מיט אנדערע לידער בא ג"מ. נום. 135, 173; כהן 1, ז' 48, ז' 64—65; ד. א—ן, נ"פ. ז' 404, נומער 14; לעהמאן, נומער 8, סטר. 5—6. א פאראלעל צו אונז. סטר. 1, אין הערדער'ס „שטימען דער פעלקער", 1778 (רעקלאמ'ס אויסגאם, ז' 264), פונדאנען אין „ווונדערהאָרן" (רעקלאם, ז' 156); מיטלער, נום. 752—755; און דאָס אייגענע בא ערק־בעהמע 2, נום. 512, אבער אַלץ מיט דערזעלביקער אנפאנג־סטראָפע:

Wenn ich ein Vöglein wär,
Und auch zwei Flügel hätt',
Flög ich zu dir;
Weils aber nicht kann sein,
Bleib ich allhier.

בא אוהלנאד, פאָלקס־לידער 3, ז' 232, ווערט געבראכט א ווונש־ליד (פונ'ם יאָר 1547), וואָס איז זייער ענלעך צו אונזערם. אויך דאָ ווינשט זיך דער פארליבטער:

Wollt' Gott, ich wär ein Kleins Vögelein,

און דערנאָך א העכטעלע, קעצעלע, און דגל. דאָס ליד איז שוין ניט בנמצא אין דעם נייערן דייטשישן פאָלקסגעזאַנג פונ'ם 19טן י"ה.

40 (א). כ'האָב געליבט א אינגעלע, א שיינעם...

1. כ'האָב געליבט א אינגעלע, א שיינעם,
שיין איז ער ווי די גאַנצענע וועלט;
|: פאר זיין שיינקייט איז ער בא מיר טייער —
און פאר אים וועל איך סטראַדאַיען מיין וועלט! :|

2. „איבער אַלע באנען וועל איך צו דיר פאָרן,
איבער אַלע וואסערן וועל איך צו דיר שווימען;
|: כ'וועל אוועקווארפן דעם טאַטן מיט דער מאַמען —
און צו דיר, מיין זיס־לעבן, וועל איך קומען." :|

3. „איבער אַלע באנען זאָלסטו צו מיר ניט פאָרן,
איבער אַלע וואסערן זאָלסטו צו מיר ניט שווימען;
|: זאָלסט ניט אוועקווארפן דעם טאַטן מיט דער מאַמען,
און צו מיר, מיין זיס־לעבן, זאָלסט ניט קומען.' :|

43. צי שפעט.

1. שווארצע קארשן ’אָב עך געריסן,
און די גרינע ’אָב עך געלאָזט שטייען;
ניט איין שיין מיידעלע ’אָב עך געליבט,
און נאָר מיט דיר וועל עך מיין ליבע איספּייען.

2. עך העס ניט, עך טרינק ניט, עך ’אָב ניט קיין רי,
אז עך טי מעך נאָר א דערמאָן אין דיר;
ווען די זאָלסט וויסן, ווי אזוי כ’אָב דעך ליב,
וואָלסטי תיכף געקימען צי מיר!

3. „’ער שוין אָף צי וויינען, דושינקע מיין־לעבן,
’ער שוין אָף צי גיסן מיט טרערן!
עך בין שוין צי מזל א כלה געוואָרן,
און גאָט זאָל דיר דיין זיווג באשערן!“

4. „ווי אזוי זאָל עך ניט וויינען, דושינקע מיין לעבן?
ווי אזוי זאָל עך וויזן מיין פּנים פּאר לאאטן?
אז די וועסט מיט א צווייטן צי דער חופּה גיין,
און עך וועל דארפן שטיין פין דער וואאטן!“

43. — פאַרצייכנט פון רחל סאָסטשין, (טשימע־
ראָוויץ, פּ. ג.). וואריאנט?

44 (א). אוי, א נאַכט, א שיינע...

1. אוי א נאכט א שיינע!
|: די נאכט איז געווען זייער שיין; :|
|: אָף א ביינקעלע זענען מירביידע געזעסן —
די לבנה האָט גענומען אוועקגיין. :|

2. אָף א ביינקעלע זענען מיר ביידע געזעסן,
|: מיר האָבן דאָרט פריילעך פארבראכט;
|: וויפיל רייד מיר האָבן איינגעטענה’ט,
קיין ענד האָבן מיר ביידע ניט געבראכט. :|

3. „וואָס־זשע פאר אן ענד, ליבע, ווילסטו?
|: אז כ’בין א יינגעלע און מיז צום זשערעב שטיין;
קיין קנס־מאל קענען מיר ניט מאכן,
דאָס קענסטו אליין גוט פארשטיין.“ :|

4. ,גיב־זשע מיר דיין רעכטי הענטעלע,
|: און שווער מיר צי, אז דו האָסט מיך אמת ליב; :|
שווער מיר, אז דו וועסט מיך נישט פארגעסן
ביזן טאָג פין דעם פינצטערן גריב.’

41 (א). פערווי איז שוין אָנגעקומען.

1. דעם גאָלדענעם רינג האָב איך פאַניען געגעבן,
|: פון ריינעם גינגאָלד איז ער אַליין; :|
|: אַז איך וועל אַרויסנעמען אַ זשערעב אַ גרויסן,
קומען וועל איך צו דיר אַהיים. :|

2. פערווי איז שוין אָנגעקומען,
|: פערווי, פערווי, איז שוין געווען! :|
|: איך האָב אַרויסגענומען אַ זשערעב אַ קליינעם,
און פאַניען דינען מוז איך גיין! :|

3. אוי ווייַן ניט, ווייַן ניט, דושע-לעבן,
|: אוי, איך בעט דיך, ניטע וויין! :|
|: אַף יעדער סטאַנציע, אַז איך וועל נאָר קומען,
וועט צו דיר אַ בריוול גיין! :|

41 (ב). פאָניען דינען.

1. פערווי איז שוין אָנגעקומען,
און צום פריזיוו מוז איך שטיין;
|: אַז איך וועל אַרויסנעמען אַ קליינעם נומער,
און פאָניען דינען וועל איך מוזן גיין. :|

2. פאָניען דינען, איז זייער ביטער,
און אין סלוזשבע איז זייער שלעכט;
|: אַז איך דערמאָן מיך אָן דיר, מיין זיס-לעבן,
שלאָפן, שלאָף איך ניט גאַנצע נעכט! :|

41. א — געזונגען פון גיטל קרעמען. (טוראָוו, מינסק. גוב.); וואר. ג״מ. נומ. 200; ב. צוגעשיקט פון לעאָן עלבע, (מינסק); וואר. כהן 2, ז׳ 179.

42. איך גיי און איך פאַל.

1. איך גיי און איך פאַל,
עס פלאַצט אין מיר מיין גאַל,
|: אַז איך האָב זיך דאָך איינגעליבט
אין אַן אַדעסער שאַרלאַטאַן! :|

2. וואָס ביזטו צו מיר געקומען?
וואָס האָסטו צו מיר געהאַט?
|: איך בין אַ מיידעלע אין יאָרן,
און דו דאַרפסט זיין אַ סאָלדאַט! :

3. דריי יאָר וועל איך אויף דיר וואַרטן,
אָפן פערטן וועסטו אַרויס;
|: דיין מאַמע וועט וועלן נדן,
און דו וועסט זיך האַלטן גרויס. :|

4. „מיין מאַמע וועט קיין נדן ניט וועלן,
און איך וועל זיך ניט האַלטן גרויס;
|: טו בעט זשע נאָר באַם ליבן גאָט,
איך זאָל מיט אַ זשערעב אַרויס!" :|

42. — געזונגען פון בערטאַ קלונג, (נאַוואַרו-דאָק, מינסק. גוב.); צו סטר. 1, בערמאַן, נ״פ. 378, נומ. 8.

45. אויף פראָבע.

1. דער זייגער האָט שוין צוועלף געשלאָגן,
אוי, מאַמע, ס'איז שוין ׳אַלבע נאַכט!
מיין קאָפּ איז מיר פון צרות צוטראָגן,
זינט דו האָסט מעך אין דער ליבע געבראַכט.

2. אַז דו האָסט מעך אין דער ליבע געבראַכט,
׳אָסטו מיר צוגעזאָגט גילדערנע בערג;
און אַז דו ׳אָסט מיר די ליבע אַרויסגענאַרט,
איצט ׳אָב עך שוין באַ דיר ניט די ווערט.

3. וואָס טיסטי מיט דיין שיינקייט שטאָלצירן,
מיין ווייטאָג זאָל מיר ווערן גרויס?
נאָר איינס וועל איך, דושעניו, דעך פרעגן,
צי אינזער ליבע לאָזט זעך שוין אויס?

4. „הער שוין אויף צי וויינען און צי קלאָגן,
אין וויש דיר שוין אויס דיינע אויגן;
אינזער ליבע וועט דעמאָלט זעך צישיידן,
ווען דער הימל וועט צי דער ערד זעך בויגן.“

5. אַז די פייגעלעך פליען אַוועק,
קימען זיי דאָך אויך צוריק;
צי וועט מען מיר קימען אַמאָל זאָגן,
אַז ס'האָט זעך מיר אומגעקערט מיין גליק?

6. „הער שוין אויף צי וויינען און צי קלאָגן,
פאַרגעס שוין די אייגענע טענה!
כ'האָב דיר נאָר געוואָלט אויספּריוון,
אָבער אויף אייביק בלייבסטי שוין מיינע!“

45. — פאַרצייכנט פון רחל סאַסטשין, (משי־
מעראָוויץ, פּ. ג.). וואר. ?

46. תנאים — אָן אַ שדכן...

1. „תנאים, אָן אַ שדכן? אַ ווייטיק איז דער מאַמען!
די ביזט דאָך באַ מיר אַזוי טייער!
וואָס האָסטי דערזען אויף דעם נאַרישן זשוליס,
וואָס אין דיין האַרצן בדענט אַזאַ פייער?“

2. „כ'האָב אויף אים, מאַמע, גאָרנישט דערזען,
נאָר ער איז מיר אַזוי הערצלעך געפעלן;
אין אַ פרעמדער מדינה וועל עך מיט אים אַוועק,
און אַ חופה וועלן מיר דאָרט שטעלן.

5. „מיין רעכטי הענטעלע קען עך דיר ניט געבן —
כ׳שווער דיר צי, אז עך האָב דעך אמת ליב!
|: כ׳שווער דיר, אז עך וועל דעך נישט פארגעסן,
ביז צים טאָג פון מיין פינצטערן גריב!“ :|

44 (ב). אין א זומערדיקן אָוונט.

1. אוי אין א זומערדיקן אָוונט,
|: דער אָוונט איז געווען זייער שיין! :|
|: די לבנה, זי טוט זיך שוין דערווייטערן
און די זון הייבט שוין אָן אויפגיין. :|

2. „אוי, קום אהער, מיין טייער לעבן,
|: און פיר מיך שוין אָפּ אהיים; :|
|: וויפיל איך האָב ניט מיט דיר צוטענה׳ט —
און קיין טאָלק קאָן איך אלץ ניט דערגיין!“ :|

3. ‚אוי, וואָס פאר א טאָלק ווילסטו וויסן?
|: אז איך דארף נאָך גאָר צום פריזיוו שטיין; :|
קיין קנס־מאל קאָנען מירביידע ניט מאכן,
אוי, דאָס קענסטו דאָך אליין פארשטיין!‘ :|

4. „אוי, שטעל מיר צו אלע עדות,
|: און שווער מיר צו, אז דו האָסט מיך ליב, :|
|: און אז קיינער וועט אונז ניט צושיידן —
ביז צו אונזער פינצטערן גרוב!“ :|

5. ‚אוי וואָס פאר אן עדות זאָל איך שטעלן?
|: אז אונזער עדות איז דאָך גאָט אליין! :|
|: און קיינער וועט אונז ניט צושיידן,
אוי, סיידן נאָר דער טויט אליין! :|

6. ‚און מיר וועלן נאָך לעבן גליקלאך,
און מיר וועלן זיין זייער רייך;
מיר וועלן לעבן ווי די פייגעלעך ביים וואסער,
און אזוי ווי די ביימען באם ברעג טייך!‘ :|

44. א — געזונגען פון תוה וועבער, (קעשעניאָוו, בעסאראב. גוב.); ב — געזונגען פון וועלוול פרידמאן, (שיקיאן, קאָוונער גוב.). וואר. ד. א—ן, נ״פ. ז׳ 406, נומ. 16.

3. שוואַרצע קאַרשן טיט מען ראָסין,
אין די גרינע לאָזט מען שטיין ;
מיט אַנדערע מיידעלאַך טיסטי שפּאַצירן,
אין מעך לאָזטי איבער גאָר אַליין.

4. אַ גאָלדענעם רינג האָסטי מער געשיקט,
געוועזן איז ער מיר טייערער ווי גאָלד ;
אוי, ווי גליקלעך וואָלט עך געוועזן,
ווען מער זאָלןביידע זיין אַ פּאָר־פאָלק !

5. פֿין אינזער סוד ווייסט ניט קיינער,
די ציסט מיר אַרויס דעם מאַרך פֿין די ביינער ;
ס'זאָל דיר זיין אַזוי — אוי, ווי מיר איז — וויי,
ווען די זאָגסט מיר שוין דעם לעצטן אַדיע !

6. אַדיע, אַדיע, אַ גיטע נאַכט !
מיר אַ גיטע נאַכט, דיר אַ גיט־יאָר ;
די עקסט מיר מיין לעבן,
די קערצט מיר מיינע יאָר !

48. — פֿאַרצייכנט פֿון ר. ס. (טשימעראָוויץ, פּ. ג.), צו סטר. 1—2 פגל. ג"מ. נומ. 197, 198 ; כהן 1, ז' 120.

49. אַרום אַ סטייגעלע היי.

1. שפּאַצירן זיינען מיר ביידע געגאַנגען,
|: אַרום האָט געשיינט די לבנה ; :|
|: אָך, דו איינציקער גאָט אין הימל,
שיינק מיר די טייערע מתנה ! :|

2. שפּאַצירן זיינען מיר ביידע געגאַנגען,
|: אַרום אַ סטייגעלע היי ; :|
|: מיר האָבן זיך ביידע פֿאַנאַנדערגעשיידט,
אַזוי ווי טייבעלאַך צוויי. :|

49. — געזונגען פֿון חיה רייזין, (קוידענאָוו, מינסק. גוב.). וואַר. באַסטאָמסקי, ז' 49, נומ. 5 ; צו סטר. 2 באַ בערמאַן, נ"פּ. נומ. 7

50. ס'איז דאָ אַ האָפֿענונג.

1. אין אַז די פֿאָרסט אוועק, טייער לעבן מיינס,
אויף וועמען לאָזטי מיך דאָ איבער ?
אין אַז די פֿאָרסט אוועק, טייער לעבן מיינס,
ווען־זשע וועלן מיר זיך זען ווידער ?

2. אין אַז די פֿאָרסט אוועק, טייער לעבן מיינס,
פֿאָרן וועסטי איבער אַלע ימים ;
אין איך פֿאַרהאָף צי דעם זיסן גאָט,
אַז די וועסט זיך נאָך אין מיר דערמאַנען.

3. אין אַז די פֿאָרסט אוועק, טייער לעבן מיינס,
מיט דעם וואַסער וועסטי דאָך שווימען ;
אין איך פֿאַרהאָף צי דעם זיסן גאָט,
אַז די וועסט נאָך צי מיר ציריק קימען !

50. — פֿאַרצייכנט פֿון ר. ס. (טשימעראָוויץ, פּ. גוב.). דערצו אַ וואַרשעווער און אַ רומענישער וואַריאַנט באַ כהן 1, ז' 86—88.

3. כ'האָב זעך מורא טאָמער וועט ער ניט וועלן,
'עט ער זעך מיר מער נישט באַדאַרפן;
שטיינער אויף מיין האַרצן וועל עך מיר אויפהענגען.
אין אין וואַסער אַריין וועל זעך וואַרפן.

4. גאָלד און זילבער, מאַמע, האָב עך אָנגעוואוירן,
אַלץ דערך וועמען, נאָר אַליין דערך דיר;
די וועסט מיר אויסצאַפּן דאָס בליט פין מיין האַרצן,
אַזוי ווי אַ שיינקער צאַפּט אויס דאָס ביר.

5. אַז דער שיינקער טיט דאָס ביר אויסצאַפּן,
קימען גיטע ברידער און טרינקען אויס;
די וועסט מיר'אויסצאַפּן ס'בליט פין מיין האַרצן,
אין גיסן אויפן דרויסן אַרויס!'

46. — געזונגען פון יעטע באַנק, (דובנע, וואָלינער גוב.). צו סטר. 4. וואַר. אין דעם פאָלגנדיקן ליד.

47. גאָלד און זילבער — אָנגעוואָרן.

1. גאָלד און זילבער האָב איך אָנגעוואָרן,
אוי, דושענקע, אַלץ צוליב דיר!
|: טאָ האָב שוין רחמנות און באַרעכן זיך גוט,
און ווער שוין אַ חתן פאַר מיר! :|

2. אַ יאָר אָדער צוויי אַז מיר פירן זיך ביידע,
און יעצט האָבן זיך דיינע עלטערן דערוווסט;
|: טאָ פאַרבלייב-זשע שוין, דושענקע, פאַר מיר אַ חתן,
אַז לייט זאָלן ניט ריידן אומזיסט. :|

3. „יע, יע, איך האָב זיך שוין גוט באַרעכנט,
אַז דו האָסט שוין די ווערדע באַ מיר;
|: דריי טעג נאָך דער חתונה, ברייט מיט זאַלץ צו עסן,
אַבי נאָר אין איינעם זיין מיט דיר! :|

47. — געזונגען פון עטל גאַרבער, (האַראַדאָק, מינסקער גוב.)

48. די לבנה שיינט...

1. די לבנה שיינט, ס'איז שפּעט באַנאַכט,
כ'האָב פאַרשפּילט מיין לעבן דערך אַ נאַרישער זאַך;
כ'האָב פאַרשפּילט מיין לעבן דערך אַ נאַרישער זאַך,
כ'האָב געמיינט עס איז טאָג, צים סוף איז גאָר נאַכט!

2. דערך מיין טיר ביזטי דערך געגאַנגען,
מיט דיינע זיסע רייד האָסטי מעך פאַרגאַנגען;
פאַרגאַנגען האָסטי מעך מיט דיינע זיסע רייד,
כ'וועל 'אָבן צי וויינען אָף אַלע דיינע טריט.

53. אַף דער גיטאַרע.

1. זיץ איך מיר און שפּיל מיר אַף דער גיטאַרע,
זיץ איך מיר און שפּיל מיר זייער שיין;
|: ווער קען פילן, אוי, מיין ביטער האַרץ אצינדער,
נאָר ווי איך און מיין געליבטער אַליין! :|

2. ,אוי וואַרף אוועק, די ליבע פון דיין האַרצן,
וועלן דיר אַלע מענטשן אויך ליב האָבן.׳
|: „כ׳דאַרף ניט, אוי, אַז אַלע מענטשן זאָלן מיר ליבן האָבן,
איך האָב שוין איינעם, וואָס ער האָט מיר ליב!" :|

3. מיט דיינע צוויי פלאָם־פייערדיקע אויגן,
האָסטו מיר פאַרברענט נאָר מיט דיין בליק!
|: דאָס גאַנצע חיות, אוי, האָסטו מיר אַרויסגעצויגן,
און דו גיסט עס מיר ניט אָפּ צוריק! :|

53. — געזונגען פון בערטא קלינג, (נאַוואַ־דאָק, מ. ג.). וואר. כהן 1, ז׳ 55, נומ. 33—1, ז׳ 56, סטר. 3—4.

54. די וואָראָזשקע האָט געטראָפן.

1. שפּאַצירן, זיס־לעבן, זיינען מיר ביידע געגאַנגען,
אין דרויסן איז געווען פינצטער און קאַלט;
|: אוי, וויפיל קושן דו האָסט מיר געגעבן,
מיט טרערן האָט זיך באַגאָסן מיין געשטאַלט. :|

2. טאָ קום נאָר אַהער, מיין טייער זיס־לעבן,
און זאָג, ווער ס׳האָט דיך אָפּגערעדט פון מיר.
„אוי זאָגן וועל איך דיר דעם רעכטן אמת,
אַז דיין חבר׳טע, וואָס זי גייט אַרום מיט דיר."

3. אַף מאַלע באַזאַרנע וווינט דאָך אַ וואָראָזשקע,
זי האָט געוואָראַזשעט און געטראָפן אַף געוויס;
|: זי האָט געזאָגט: „קיין אינגעלע איז ניט צו גלייבן,
אַפילו ער זאָל דיר פאַלן צו די פיס!" :|

54. — געזונגען פון שרה פרידמאַן, (סאָרקע איסער׳ס, ביעליצע, וו. ג.). וואר.

51. פאַרלאַנגען.

1. אַך מיין האַרץ, מיין האַרץ ציט צו דיר,
א פייער פון ליבע ברענט אין מיר;
ווו נעמט מען דעם וואַסער, זאָל לעשן וואָס ס'ברענט?
דער טויט און דער לעבן, איז בא גאָט אין די הענט!

2. אוי וואַסערל, וואַסערל, טריקן זיך איין,
אַז איך מיט מיין געליבטן זאָלן קענען אַריבערגיין!
דערנאָך קענסטו ווידער אָנהייבן צו יאָגן,
און אונזער ליבע וועט קיינער ניט צושלאָגן.

3. איינער בעט אַף קליידער, דער צווייטער אַף געלט,
איך וויל מיט מיין געליבטן אויסלעבן מיין וועלט;
איך וויל א שטיבעלע אַפן גראָז, דעם גרינעם,
אַז איך מיט מיין זיס־לעבן זאָלן ווינען דערינען.

51. — געזונגען פון בערטאַ קלינג, (נאָוואָרי־דאָק, מינסק. גוב.); וואַר. ראָזנטאַל, „רשומות" ב. ז' 366, נומ. 23. ענלעכע פערזן בא כהן 1, ז' 78, אויך א פּאָר בשותּפותדיקע סטראָפעס (4—6) מיט דעם „זליכה־ליד" פון אליקום צונזער'ס „מכירת יוסף", (אלע ווערק, ניו יאָרק, 1920, ב. 2, ז' 63).

52. פאַרשיידענע תירוצים.

1. פונוואַנען הייבט זיך אָן א ליבע?
פון ריידן, פון שמועסן און פון לאַכן;
אונזער ליבע איז געשלאָסן געוואָרן,
גאָר פון אַנדערע זאַכן.

2. „דער זייגער האָט שוין צוועלף געשלאָגן,
טאָ פיר מיך שיין אַפּעט אהיים:
וואָס פאַר א טערעץ זאָל איך זאָגן,
פאַר מיין מאַמען אין דער היים?"

3. „דעם ערשטן טערעץ זאָלסטו זאָגן,
אַז־דו האָסט געאַרבעט שפּעט;
דעם צווייטן טערעץ זאָלסטו זאָגן
אַז דו האָסט געבלאָנדזשעט אין וועג.

4. „דעם דריטן טערעץ זאָלסטו זאָגן,
אַז דו האָסט א ספּיעסקע געהאַט;
דעם פערטן טערעץ זאָלסטו זאָגן,
אַז דו האָסט געבלאָנדזשעט גלאַט.

5. „דעם פינפטן טערעץ זאָלסטו זאָגן,
אַז דו האָסט זיך געבאָדן און געשווומען;
דעם זעקסטן טערעץ זאָלסטו זאָגן,
אַז דו האָסט א געליבטן באַקומען."

52. — געזונגען פון סאָרקע איסערס, (ביעליצע, ווילנער ג'), וואַריאַנטן באַ י"מ, נומ. 177; כהן 1, ז' 172, און אויך אין ספּעקטאָרס „הויז־פריינד" ב. 2, ז' 188. פגל. באַמערק. צו נומ. 63.

II. באַלאַדעס און לידער מיט אַ טראַגישן סוף.

57. ווער ס'איז שולדיק.

1. |: באַקאַנט האָבן זיי זיך ביידע, —
פון בולוואַר געגאַנגען. :|
|: ,איך בעט דיך, לעבן טייערע,
טו מיר מיינע פאַרלאַנגען.' :|

2. |: „דיינע פאַרלאַנגען
קאָן איך דיר ניט טאָן; :|
|: וואָרום אַ גרויס אומגליק
שטייט דאָך פאַר מיר אָן." :|

3. |: ,איך בעט דיך, לעבן טייערע,
קום מיט מיר אין וואַלד!' :|

4. |: „אין וואַלד וועל איך ניט גיין,
וואָרום ס'איז זייער ווייט; :|
|: אין וואַלד וועל איך ניט גיין,
איך שעם זיך דאָך פאַר לייט." :|

5. |: ,איך בעט דיך, לעבן טייערע,
קום מיט מיר אין וואַלד!' :|

6. |: ווי זיי זיינען ביידע
אין וואַלד אריין געקומען, :|
|: אַזוי האָט ער איר באַלד
פעסט אַרומגענומען. :|

7. |: פון וועלדל איז זי אַרויס
מיט וויינען און מיט קלאָגן, :|
|: ,וויין ניט, לעבן טייערע,
ניש־קשה, כ'וועל ניט זאָגן.' :|

8. |: „יע, איך וועל וויינען
מיט אַ גרויס געוויין!" :|
|: ,וויין ניט, לעבן טייערע,
פע, ס'איז ניט שיין!' :|

9. „פע, ס'איז ניט שיין,
דו מעגסט זיך טאַקע שעמען!" :|
|: ,שולדיק ביזטו נאָר אַליין,
כ'וועל דיר שוין ניט נעמען! :|

57. — געזונגען פון רייזל דאָרים, (פינסק, מינסקער גוב.). וואַר. ?

58. אין ווילדן וואַלד אַליין.

1. ,לאָמיר ביידע שפּאַצירן גיין,'
|: אַזוי זאָגט זי, :|
,לאָמיר ביידע שפּאַצירן גיין
אין דעם ווילדן וואַלד אַליין,
|: אין ווילדן וואַלד אַליין!' :|

2. „איך קען איבער מיינעם פערדל ניט,"
|: אַזוי זאָגט ער, :|
„איך קען איבער מיינעם פערדל ניט,
זאָג מיר, מיידל, ווער דו ביזט?
|: אין ווילדן וואַלד אַליין!" :|

3. ,לאָז דאָס פערדל אין שטאַל שטיין,'
|: אַזוי זאָגט זי, :|
,לאָז דאָס פערדל אין שטאַל שטיין,
און לאָמיר ביידע שפּאַצירן גיין
|: אין ווילדן וואַלד אַליין!' :|

4. „איך קען איבער מיינעם זאָטל ניט,"
|: אַזוי זאָגט ער. :|
„איך קען איבער מיינעם זאָטל ניט,
זאָג מיר, מיידל, ווער דו ביזט?
|: אין ווילדן וואַלד אַליין!" :|

55. אַ גרים.

1. כ'האָב מיר געפלאַנצט אַ וויינגאָרטן,
דער וויינגאָרטן איז מיר ניט געראָטן;
כ'האָב פארשפּילט מיין זיס־לעבן,
ווי אין אַ פּעשל קאָרטן.

2. איך האָב געסילעט פערל,
און איינעם האָב איך פארלאָרן;
כ'האָב געהאַט אַ טייערן דימענט
און האָב אים אָנגעוואָרן.

3. זיץ איך מיר אין דרויסן,
און טו מיר אַזוי זאָרגן;
גייט אַ דורך זיינער אַ פריינט,
און גיט מיר אָפּ אַ גוט־מאָרגן.

4. וואָס טויג מיר דער גוט־מאָרגן?
וואָס טויג מיר דער גוט־יאָר?
אַז אַוועקגעפאָרן איז מיין זיס־לעבן,
מיט די שיינע שווארצע האָר.

5. וויהין־זשע פאָרט איר וועגס־לייט?
זאָגט, אויף וועלכע וועגן?
גיט אים אָפּ אַ גרים פון מיינעטוועגן
און פון מיינע פארוויינטע אויגן.

55. — איבערגעגעבן פון דוד אייבראַמס (קיעווער גוב.). סטר. 1, אין מערערע לידער; סטר. 5, בא ראָזנטאַל 368 נומ. 34.

56. נאָר בעסער — ניין.

1. מיין פּנים איז בלאַס און איז פארענדערט,
און קיינער ווייס ניט, וואָס מיר איז;
אַלע זיינען אין מיר פארבלענדערט,
נאָר איך אַליין — ווייס עס ניט!

2. איך וואָלט דיר אַלץ אַוועקגעגעבן,
נאָר די וועלט איז פאר מיר צו קליין;
איך וואָלט סטראַדאַיען מיין גאַנצן לעבן,
נאָר בעסער — ניין, נאָר בעסער — ניין!

3. מיט יעדער מינוט שטארבט אָפּ אַן אבר,
די הארץ ווערט שוואַך, איך בלייב אַליין;
איך וואָלט דיר אַלץ אַוועקגעגעבן —
נאָר בעסער — ניין, נאָר בעסער — ניין!

4. פון מיינע אויגן טוען טרערן פליסן,
כ'קען ניט איינהאַלטן מיין געוויין;
ווען דו, מיין ליבער, וואָלסט עס ויסן —
נאָר בעסער — ניין, נאָר בעסער — ניין!

56. — געזונגען פון עטל גארבער (ד. האראָדאָק מינסק. גוב.). וואר. ג"מ. נומ. 226.

60. דאָס מיידעלע פון וויען.

1. כ'האָב מיך פאַרליבט אין אַ שיין מיידעלע,
געוועזן איז זי פון וויען;
זי איז אַהיים געפאָרן געוואָרע ווערן,
וואָס אירע עלטערן טיען.

2. זייט איך מיר בא מיין ארבעט,
און ס'טוט מיר האַרציק באַנק;
גיט מען מיר אָפּ אַ בריוועלע,
אַז מיין טייערע גאָלדע איז קראַנק.

3. גיי איך מיר אַרויס אין גאַס,
דאָס שטעטעלע אויסציקיקן;
פליט פאַרביי אַ שיינער פויגל
און טוט מיין האַרץ דערקוויקן.

4. ניט אַזוי זיין שיינקייט,
ווי זיין הויעך פליען;
וואַרפט ער מיר אַראָפּ אַ בריוועלע,
אַז מיין טייערע גאָלדע זאָל זיך מיען.

5. זי זאָל זיך פאַר מיר מיען,
אַזוי טו איך קלאָגן;
איר נשמה זאָל אין גן־עדן רוען,
און אַ גוטן זכות פאַר מיר טראָגן.

6. הערט־זשע אויס, גוטע ברידערלעך,
אַ ליבע איז ניט גוט צו קענען;
צינויף צונעמען אַלע ליבעס,
און אָפּן פייער צו פאַרברענען!

60. — פאַרצייכנט פון רחל סאַסטשין, (טשומע־ראָוויץ, פּ. ג.). וואר. כהן 1, ז' 230; בא ג"מ. נומ. 211, פּראָג:מענטאַריש.

61. שיע, דאָס וואוילע, פיינע מאַנעלע.

1. ‚אַ גוט־מאָרגן, דיר, ראָחע־לעבן!'
„אַ גוט יאָר דיר, שיע!
אינזערע יינגע יאָר, אינזערע יינגע יאָר,
הייבן שוין אָן צו בליען!"

2. ‚ראָחע־לעבן, מאַן טאַיער לעבן,
ווי ביזטו אַזוי לאַנג גיוועזן?'
„פרעג נישט, מאַמע, פרעג נישט, מיטער,
אַן אימגליק איז מיר גישען!"

3. ‚ראָחע־לעבן, מאַן טאַיער לעבן,
צו האָסטו נישט געקענט שראַיען, גוואַלד?'
„פרעג נישט, מאַמע, פרעג נישט, מיטער,
דאָס איז גיוועזן אין קייהאַרדעס וואַלד!"

4. ‚ראָחע־לעבן, מאַן טאַיער לעבן,
צו האָסטו נישט געקענט שראַיען העכער?'
„פרעג נישט, מאַמע, פרעג נישט, מיטער,
מ'האָט מיר פאַרשטאָפּט דאָס מויל מיט בלעטער."

5. ‚ברענגט'ס מאַר אַראָן דעם שאַיגעץ איינעם,
ער וועט גאַין האַנט אין פיס געשלאָסן!
ער האָט גענימען אַ מאַידעלע פון זעכצן־זיבצן יאָר,
און האָט איר מיט אַ ביקס דערשאָסן!'

5. ,לאָז דעם זאָטל אויף דעם פערד,׳
|: אזוי זאָגט זי. :|
,לאָז דעם זאָטל אויף דעם פערד,
א שיינע מיידל איז אלצדינג ווערט.
|: אין ווילדן וואלד אליין! :|

6. „איך קען איבער מיינעם הינטל ניט,״
|: אזוי זאָגט ער. :|
„איך קען איבער מיינעם הינטל ניט,
זאָג מיר מיידל ווער דו ביזט?
|: אין ווילדן וואלד אליין!“ :|

7. ,לאָז דאָס הינטל בילן,׳
|: אזוי זאָגט זי, :|
,לאָז דאָס הינטל בילן,
מיר וועלן ביידע שפּילן,
|: אין ווילדן וואלד אליין!׳ :|

58. — פאַרצייכנט פון דר. י. שאצקי, געזונגען פון זיין מוטער איידל איין—שאַצקי, (טשודנאָוו, וואָלינער גוב.). אין דעם געגנט איז שוין דאָס ליד געזונגען געווארן בערך מיט א יאָר 55 צוריק; אויך אין פוילן ווייט פארשפּרייט. א ריי וואריאנטן בא פּרילוצקי 2, נומ. 135—141. אונזער ליד איז בלי ספק פון א דייטשישן אָפּשטאַם, הגם דער מאָטיוו איז אן אינטערנאַציאָנאלער. יאָהאנעס באָלטע, אין דער Zeitschr. d. V. f. Volksk. 28, 65—69, ווייזט אָן אויף א מאסע פראנצויזישע, איטאַליענישע און פּאָרטוגעזישע פּאראלעלן; אבער ביי די דייטשן גופא, ווי עס ווייזט אוים, איז די באַלאַדע וויניק וואס באַקאַנט געווען, א סימן, עס געפינט זיך ניט אין דער גרויסער קאָמפּעלאטיווער קאָלעקציע פון ערק־בעהמע, פון די נייערע אויפצייכנונגען בא פּריש־ביער, נומ. 17; טרייבל, נומ. 7, און זיין די „עטנאָ־לאָגישע מיטט. אוים אונגארן״ 1, ז׳ 222.

59. מיט איינעם, ניט מיט דריי.

1. ,סאָניע־לעבן, ליובע־לעבן,
לאָמיר גיין שפּאצירן!׳
„שפּאצירן, דושעניו, שפּאצירן, ליובעניו,
כ׳האָב מורא פאר מיין מאמען!

2. „ניט אזוי פאר מיין מאמען,
ווי פאר פרעמדע לייטן.“
,קום סאָניעלע, קום ליובעניו,
מיר וועלן גיין פון ווייטן!׳

3. ער האָט איר איינגערעדט,
ער האָט איר איינגערעדט,
ער האָט איר פארפירט אין א טיפן וואלד.
„אוי, געוואלד, וואלאָדיע לעבן,
מיר איז געוואָרן אזוי קאלט!“

4. ער האָט ארויסגענומען זיין אייבער־רעקעלע,
און האָט איר געטאָן ראַטולירן.
„אוי געוואלד, וואלאָדיע לעבן,
קיין ליבע איז ניט גוט צו פירן!“

5. ,א ליבע, דושעניו, א ליבע, ליובעניו,
א ליבע איז דאָך אלץ כדאי;
נאָר ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן?
מיט איינעם, ניט מיט דריי!

6. ,טו איך מיר אפּן גאַניק שטיין,
מיין זיס־לעבן אויסצוקוקן;
אלע קאַוואלערן גייען שפּאצירן,
נאָר איך אליין זיץ אין שטוב!׳

59. — געזונגען פון רייזל דאָרים, (פינסק, מ. ג.). סטר. 5—6 אין פארשיידענע לידער.

14. „׳ערט־זשע אוים ליבע שכנים!
|: נעמט זעך פין מיר א ראיה: :|
|: כ׳אב געזאלט מיין טאכטער צי דער חופה פירן,
פירט מען זי צי דער לויה! :|

62 (ב). דער מערדער יאקוב.

1. זייגער עליף בא דער נאכט,
ווען קיין שום מענטש טיט אין דרויסן גיין;
ארויפגעשיקט האט דער מערדער יאקוב:
דבורה׳לע זאל צי אים ארינטערגיין.

2. ווען דבורה׳לע איז צי אים ארינטער־געקימען,
איז זי געבליבן פון דערווייטנס שטיין.
‚יעצט, דבורה׳לע, איז די צייט געקימען,
זאלסט מיר זאגן — יא, אדער — ניין!׳

3. „יא אדער ניין, קען עך דיר נישט זאגן,
ווייל מיין מאמע לאזט מיך מיט דיר נישט גיין;
מיין מאמע טיט מיר מיינע וועגן שטערן —
כ׳זאל פאר דיר קיין כלה נישט ווערן.“

4. ווי דער מערדער, יאקוב, האט נאר דאס דערהערט,
האט עס אים שטארק פארדראסן;
ארויסגענומען האט ער דעם רעוואלווער,
און האט דבורה׳לען דערשאסן.

5. ווי ער האט נאר דבורה׳לען דערשאסן,
געבליבן איז זי ליגן ווי א ליים;
אויסגעדרייט האט ער דעם רעוואלווער,
און געשאסן האט ער זיך אליין.

6. זיך אליין האט ער נישט געטראפן,
ווייל די קויל איז אין איר אריין.
„בלייבט׳ס מיר געזינט, מיינע גיטע ברידער,
איך גיי שוין אין קרימינאל אריין!

7. „הערט׳ס נאר אויס, מיינע גיטע ברידער,
וואס איך וועל מיט אייך שמיעסן:
אז איר וועט אמאל א ליבע שפילן,
קיין ליבע זאלט איר נישט דערשיסן!“

8. דבורה׳לעס מאמע איז אין קעך געשטאנען,
זי האט דאס פלייש אפגעגאסן;
א שלעכטע בשורה האט מען איר אנגעזאגט,
א מ׳האט דבורה׳לען דערשאסן.

6. ברענגט'ס מאָר אהער דעם שאַיגעץ איינעם,
ער'ט גאַין באַ מיר, מיט זעלנער באַוואַכט;
ער האָט גענימען אַ מאַידעלע פין זעכצן־זיבצן יאָר,
אין האָט פין איר אַן אַם געמאַכט.'

7. 'ראָחע־לעבן, מאַן טאַיער־לעבן,
די דימענטן זענען שוין נישט דאַן;
שיע איז דאָך טאַקע, דאָס ווילע, פיינע מאַנעלע,
און די מיזט פאַר אַן אַם זאַן.'

61. — צוגעשיקט פון ברכה אדלער, (דינאָוו, גאַליציע) דורך דער פאַרמיטלונג פון י. אדלער (ב. קאָוונער). וואַר. ?

62 (א). ווער עס וויל די ליד אויסהערן.

1. ווער עס וויל די ליד אויסהערן,
|: זאָל ניט אַהיים גיין שלאָפן; :|
|: די ליד איז טראָווריק,
די ליד איז וויינענדיק,
די ליד האָט זיך אין קיעוו פאַרלאָפן. :|

2. קיעווער גאַס, וואָלינער סטראָז,
|: דאָרט האָט אַ מיידעלע
איר וועלט פאַרשפּילט; :|
|: אַן אַדוואָקאַט, אַ גרויסער קענער,
ער 'אָט זיין לעבן איינגעשטעלט. :|

3. ‚דו ביזט דאָך מיינס אַ געשוועסטער־קינד,
|: כ'וועל דאָך דיך ניט פאַרפירן; :|
|: טי דיר אָן דאָס זיידן קלייד,
און לאָמיר גיין שפּאַצירן!' :|

4. אָנגעטין, שפּאַצירן געגאַנגען,
|: אָף דעם יעראַצקעם וועג. :|
|: אָנגעקימען — גיטע ברידערלאַך:
— וואָס טיט איר דאָ אַזוי שפּעט? :|

5. ‚אַזוי שפּעט, אַזוי שפּעט,
|: וועט אינז גאָט ניט שטראָפן:
|: אַן ענדע לאָמיר מאַכן צי אירע יאָרן,
און אַהיים גיין שלאָפן!' :|

6. אַזוי ווי זי 'אָט נאָר דאָס דערהערט,
|: האָט זי זעך אָנגעהויבן זאָרגן: :|
|: „בעטן, בעט איך דיך באַ דיין לעבן,
לאָז מיך לעבן ביז מאָרגן! :|

7. „אוי די בוים, אוי די ביימעלע,
|: די 'ערסט דאָך אויס אַלע סודות, :|
|: אין אַז מיין מאַמע וועט דיך פרעגן,
זאָלסטי ניט זיין קיין פאַלשער עדות! :|

8. „אוי אַדוואָקאַט, די אַדוואָקאַט,
|: פון אַלע זאַקאָנעס טיסטי וויסן! :|
נאָר פין דעם זאַקאָן ווייסטי ניט,
אַז מען וועט דיך אין קייטן שליסן!“ :|

9. אַזוי ווי ער 'אָט דאָס דערהערט,
|: 'אָט אים שטאַרק פאַרדראָסן; :|
|: אַרויסגענומען אַ רעוואָלווער —
און ער 'אָט דבורה'טשקען דערשאָסן. :|

10. אַזוי ווי ער 'אָט דאָס דערזען,
|: אַז זיין געליבטע ליגט ווי אַ שטיין,
|: אימגעקערט 'אָט ער דעם רעוואָלווער,
און דערשאָסן זיך אַליין. :|

11. יאָ דערשאָסן, ניט דערשאָסן,
|: זיינע געדאַנקען 'אָבן זעך איבערגעקערט.
|: אַזוי איז פאָליציי אָנגעלאָפן,
און 'אָט אים באַלד פאַראַרעסטערט. :|

12. „'ערט־זשע אויס גיטע ברידער,
|: וואָס איך וויל מיט אייך שמיעסן, :|
|: אַז איר וועט 'אָבן שיינע כלה'ס,
זאָלט איר זיי ניט דערשיסן!“ :|

13. מ'אָט דער מאַמען די בשורה אָנגעזאָגט,
|: ווען זי 'אָט דאָס פלייש אָפּגעגאָסן; :|
|: די בשורה האָט מען איר אָנגעזאָגט,
אַז מ'אָט דבורה'טשקען דערשאָסן! :|

64(א). שבת אינדערפרי — אַ פריילאַכער טאָג.

1. שבת אין דער פרי,
אַ פריילאַכער טאָג!
באַ מאַניעטשקען אין שטוב —
אַ יאָמער און אַ קלאָג:
די מאַמע שרייט און וויינט,
זי ווייס דאָך ניט פונוואַנען —
טראַ־לאַ, לאַלאַ־לאַ־לאַ,
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ!

2. הערט זאָך איין, מענטשן,
וואָס האָט זאָך ספּאַסירט:
הערשעלע טשערטאַק
האָט אַ מיידעלע פאַרפירט!
ער האָט איר פאַרפירט,
ניט ווייט פון אַ שטוב,
און ער האָט איר איינגערעדט,
אַז ער האָט איר ליב.

3. „אוי, וויי, מאַמע,
מאַך ניט קיין געוודער!
מאָרגן וועט ער קומען,
הערשעלעס אַ ברודער;
מאָרגן וועט ער קומען,
כ'וועל זאָך מיט אים באַקענען,
אפשר וועט ער פסק'ענען,
וועלן מיר זאָך ביידע נעמען.'

4. „הער זאָך איין, מאַניעטשקע,
טאָ וואָס־זשע האָסטע מורא?
אַז דער רבי טוט,
טוט ער נאָך דער תורה;
און אַז דער שניידער שניידט —
שניידט ער נאָך דער מאָדע;
און אַז דער רבי מעג,
מעגן מיר אוודאי!“

64 (ב). חתונה געהאַט.

1. אוי וויי, מאַמע,
איך וויל דיר עפּעס זאָגן:
כ'האָב געטין אַ פעלער,
כ'שעם מאַך אויסציזאָגן;
כ'האָב געטין אַ פעלער —
מיר האָבן אַ גרויסן גאָט:
מזל־טוב דיר, מאַמעשי,
כ'האָב חתונה געהאַט!

2. אַז דער שנאַדער נאַיט,
נאַיט ער נאָך דער מאָדע;
און אַז דער רבי מעג,
מעגן מיר אודאי.
כ'האָב געטין אַ פעלער,
מיר האָבן אַ גרויסן גאָט!
מזל־טוב דיר, מאַמעשי,
כ'האָב חתונה געהאַט!

64. א — געזונגען פון מאַטילדע מאָלדאַווין, (וואַשליקאָוו, גראָד. גוב.); ב — צוגעשיקט פון א. מ. פוקס (לעמבערג, גאַליציע).

9. „העלפֿט׳ס מיר, שכנים, העלפֿט׳ס מיר וויינען,
העלפֿט׳ס מיר וויינען און קלאָגן!
אַז ענקערע קינדער וועלן ליבעס שפּילן,
קיין דעה׳ס זאָלט איר זיי נישט זאָגן!

10. „העלפֿט׳ס מיר, שכנים, העלפֿט׳ס מיר וויינען,
העלפֿט׳ס מיר וויינען און שרייען!
כ׳האָב נישט געוואָלט צי דבורה׳לעם חופּה גיין,
מיז עך יעצט גיין צי איר לויה!“

62. א — געזונגען פֿון טויבע סאסטשין, (טשי־מעראָוויץ, פּ. ג.); ב — צוגעשיקט פֿון ברכה אד־לער, (דינאָוו, גאַליציע). שווער צו באַשטימען, וועל־כע פֿון דיביידע ווערסיעס איז דאָס עלטערע, דאָס אָריגינעלערע? וואר. ג״מ. נומ. 233; כהן 1, ז׳ 232, בלויז אָנפֿאַנג־סטראָפֿעס מיט אַן אנדער ניגון; באַסטאָמסקי, ז׳ 57, נומ. 6, ז׳ 59, נומ. 10.

63. וואָווע גוי, אַ גיטער ברידער.

1. יום־כּפּור צו כּל־נדרי,
ווערט אַ גרויס גערידער:
|: ווער האָט אָפּגענאַרט די שיינע רייזעלע?
וואָווע גוי, אַ גיטער ברידער.:|

2. „וואָוועניו, מיין קרוין,
פֿיר מיך אָפּ אַהיים;
|: וואָס פֿאַר אַ תּירוץ זאָל איך זאָגן,
באַ מיין מאַמען אין דער היים?׳:|

3. „דער ערשטן תּירוץ זאָלסטי זאָגן,
די האָסט געאַרבעט שפּעט;
דעם צווייטן תּירוץ זאָלסטי זאָגן,
אַז די האָסט געבלאָנזשעט אין וועג.

4. „דעם דריטן תּירוץ זאָלסטי זאָגן,
די האָסט דיך געלערנט שווימען;
דעם פֿערטן תּירוץ זאָלסטי זאָגן,
אַז די האָסט דיין צייט באַקימען.“

5. „וואָוועניו, מיין קרוין,
הער דיך אויף צי רעש׳ן;
|: פֿיר מיך צי צים שטיינערן ריטשקעלע.
דאָס העמדעלע צי פֿאַרוואַשן.׳:|

63. — געזונגען פֿון משה סלוצקי, (טשערקאַס, קיעווער גוב׳) לויט דעם אינהאַלטלעכן צוזאַמענהאַנג צווישן דער אַריינפֿיר און שלוס־סטראָפֿע, לאָזט זיך שליסן, אַז די דאַזיקע אָריגינעלע באַלאַדע איז, בלי ספק, די לכתחילהדיקע פֿאַרם און דער מקור פֿון די אַלע וואַריאַנטן, אויף וועלכע ס׳איז אָנגעוויזן גע־וואָרן באַ נומ. 52.

3. די כלה אַליין איז צום קבר צוגעגאַנגען,
האָט זי געזען ווי מ'טוט איר חתן צושיטן;
האָט זי געבעטן בא גאָט און באַלייטן,
אַז מען זאָל זי כאָטש לייגן צופיסן.

4. די כלה אַליין איז פֿון קבר אַוועקגעגאַנגען,
האָט זי געמיינט אַז עס גייט אויך איר חתן;
האָט זי געשריגן: מיין טייערר ברוכ'ל,
וואָס לאָזטי מיך אַליין אַהיים גיין!

5. „מאַמע־לעבן, ליובע־לעבן,
עס שמעקט מיר קיין עסן, קיין געטראַנק;
זינט מיין טייער ברוך'ל איז פֿון מיר אַוועק —
בין איך שוין אויך טויט־קראַנק.

6. „אַ חלום, מאַמע־לעב, אַ חלום, ליובע־לעב,
אַ חלום האָט זיך מיר געראַכט:
אַז צוויי רויטע רינגעלעך, דריי רויטע בענדעלעך
האָבן אים דעם טויט געבראַכט.

7. „מאַמע־לעבן, ליובע־לעבן,
לאָמיך זיינע קליידער באַקלאָגן;
כ'וועל זיי צעטיילן פאַר אָרימע בחורים'לעך,
זיי זאָלן נאָך אים קדיש זאָגן."

66. — צוגעשיקט פֿון ברכה אדלער, (דינאָוו, גאַליציע). צוויי וואַריאַנטן בא כהן 1, ז' 226—228 (מיטן ניגון); באַסטאָמסקי, ז' 60, נומ. 11.

67. אין אַ שטורם־נאַכט.

1. אין דרויסן איז אַ שטורם־נאַכט געוועזן,
|: אַף דער פּאָזיציע האָט מען מעך געשיקט; :|
|: און אַ קויל, אוי וויי, האָט מעך געטראָפֿן!
אין שפּיטאָל אַריין האָט מען מעך געשיקט. :|

2. ווי מ'האָט מעך אין שפּיטאָל אַריין גענומען,
האָט מען מעך געלייגט אויף אַ בעט;
צוויי דאָקטוירים מיט איין סאַניטאַטקע,
זיי האָבן מעך פֿון טויט אָפּגעוועקט.

3. עס איז דאָך מיר שוין אַלץ איינס,
וועקט'ס מעך אַף יאָ אָדער ניין;
נאָר איין זאַך איז דאָך מיר אַ שאָדע,
פֿון אַזאַ שיינער וועלט אַוועקציגיין!

.65 איבער'ן באַרג, דעם גרינעם גראָז.

1. איבערן בארג, דעם גרינעם גראָז,
שיפּט זעך אַ שיפעלע אָף דעם טאָך;
דאָרט זיצט זעך אַ פריילן זייער אַ שיינע
און גייט געקליידט זייער ראָך.

2. זי 'אָלט אַ קינד אָף די 'ענט,
איז דאָס שיין, ווי רענדל־גאָלד!
מיט טרערן טיט זי דאָס באַגיסן
עס זאָל פארשטיין איר בעשטאָנד.

3. ,דיין פאָטער, דער מערדער,
וואָס ער האָט דעך גאָר אָף דער וועלט געבראַכט;
ער ליגט זעך רואיק אין זאַן צימער,
מיט די לודן ציגעמאַכט.

4. באַ מיין פאָטער אין וויינגאָרטן,
'אָב עך געלעבט אין פריידן;
דער מערדער האָט זעך מער געקווילעט
אָן אַ פּיסטל אין אָן שווערדן.

5. איר פישעלעך אין איר אירן, (?)
כ'אָב אייך געבראַכט מיין קינד צופירן;
כ'אָב אייך געבראַכט אַ פרישן ביסן;
מיין קינדס נשמה צי געניסן.

6. נעם־זשע אָן, מיין קינד, דיין מוטערס ברוסט,
דאָס לעצטע מאָל גיב איך דיר זייגן;
מיט טרערן טי עך דעך באַגיסן —
און דאָ טי עך דעך אַוועקלייגן.

.65 געזונגען פון חוה וועבער, (קישיניאוו, בעסאראב. גוב.). וואר. ג"מ. נומ. 235; כהן 1, ז' 208; ראָזנטאַל, ז' 369, נומ. 39.

.66 פון אַ דערטרונקענעם חתן.

1. טויזנטער מענטשן זענען געגאַנגען זיך באָדן,
געגאַנגען זענען זיי אַלע גלייך;
פּלוצלינג דערהערט מען אַ יאָמער, אַ געשריי:
אַ חתן האָט זיך דערטרונקען אין טייך!

2. דעם דריטן טאָג, ווען דער חתן איז אויפן וואַסער אַרויפגעקימען,
זענען זיינע פּיס געווען צעביסן;
און ווי נאָר מ'האָט אים אויפן טהרה־ברעט אַרויפגעלייגט,
האָט מען די תנאים אויף שטיקלעך צעריסן.

3. באַלד וועט ווערן אַ טומל און אַ געררודער,
אַלע מענטשן וועלן גיין דעם געהאַנגענעם זען;
נאָר איין מענטש וועט ניט גיין צו דער לויה,
נאָר מיין בילד וועט אים אנטקעגן שטיין.

4. טאַ קום אהער, מיין טייער זיס־לעבן,
קום אהער נענטער צו מיר;
אַ קוש וועל איך דיר איצטער געבן,
דעם לעצטן אָפּשייד צו נעמען פון דיר.

69. — געזונגען פון שרה פרידמאַן (ביעליצע,
וו. ג.). וואר.

70. פון זיבעצן יאָר...

1. ס'איז אַ טייערע וועלט, זי איז ניט פאַר מיר,
זי איז פאַר מיר צו קליין!
כ'האָב זיך שוין גאַנץ גיט באַקלערט,
יינגערהייט פון דער וועלט אוועק צי גיין.
ס'איז אַ טייערע וועלט, אָבער ניט פאַר מיר —
אַך, ווי גרויס איז מיין ווינד!
איך גיי שוין זוכן אין דער ערד אַ טיר —
פין זיבעצן יאָר, אַזאַ ייִנג קינד!

2. איך גיי, איך גיי, ניט לאַנג גיטראַכט,
כ'האָב ניט מיט וועמען צי פאַרברענגען;
איך 'אָב זעך שוין אַ תליה געמאַכט,
כ'וועל מעך גיין אויפהענגען
מיט מיינע עלטערן וועל עך שוין קיינמאָל ניט ריידן —
אַך, ווי גרויס איז מיין ווינד!
כ'מיז זעך אָפּ אייביק מיט זיי צישיידן,
פין זיבעצן יאָר, אַזאַ ייִנג קינד!

3. כ'האָב נאָך אויף מיין לעבן קיין גיטס ניט געזען.
חיץ די שטאָדט יעקאַטערינאָסלאַוו אַליין;
מיין גאַנץ פאַרגעניגן איז תמיד געווען
אויפן בולוואַר שפּאַצירן צי גיין.
אָבער איצט איז דאָס צו מיין הארצן דערגאַנגען —
אַך, ווי גרויס איז מיין ווינד!
מאָרגן וועט מען זאָגן: „זי 'אָט זעך געהאַנגען,
פין זיבעצן יאָר, אַזאַ ייִנג קינד!“

4. ווי מיין כלה איז צי מיר אריינגעקימען,
פין דערווייטנס איז זי געבליבן שטיין;
צוויי דאָקטוירים מיט איין סאַניטאַטקע,
זיי האָבן איר פאַרזאָגט צי ציגיין.

5. „קים אהער, מיין טייער ליובעניו,
|: און זעץ דיך אוועק אָף מיין בעט::|
|: ליג צי דיין אויער צי מיין הארצן,
ועסטי שפּירן ווי די קויל שטעקט.“:'

67. — געזונגען פון ס. גוטמאן, (טאַרנאָוו, גאַליציע). וואר. באַסטאָמסקי, ז' 109, נומ. 5; אין הערשעלעס זאמלונג: „פונ'ם פאָלקס-מויל“ (בא אונז יידן, ז' 101), נומ. 16 און 17.

68. בריוועלעך פון אַ דערשאָסענעם.

1. אַ בריוועלע וועל איך שרייבן צו מיין מאמען,
זי זאָל שוין ניט וויינען נאָך מיר;
|: דריי טעג ליג איך שוין דאָ געשאָסן,
זי זאָל שוין פארגעסן אָן מיר.:|

2. אַ בריוועלע וועל איך שרייבן צו מיין טאטן;
ער מעג שוין קדיש זאָגן נאָך מיר;
|: דריי טעג ליג איך שוין דאָ געשאָסן,
ער מעג שוין פארגעסן אָן מיר.:|

3. אַ בריוועלע וועל איך שרייבען צו מיין כלה,
זי זאָל שוין ניט בענקען נאָך מיר;
|: אַ צווייטן חתן מעג זי זיך שוין זוכן,
זי מעג שוין פארגעסן אָן מיר.:|

4. אַ גריבעלע טוט מען מיר אויסגראָבן,
תכריכים וועט זיין מיין שווארץ העמד;
|: דעם אמת וויל איך אייך אַרויסשרייבן:
כ'וואָלט ניט געוואָלט שטאַרבן אין דער פרעמד.:|

68. — געזונגען פון א. קאפלאן, (סקאלא, אוק- וו. ג.). וואר. ?

69. לעצטער אָפּשייד.

1. די לעצטע ווערטער טו איך צו דיר ריידן,
איך גיב דיר מיין גאָלדענעם רינג;
און שווערן, שווער איך דיר בא מיין לעבן,
אז כ'וועל בעטן פאַר דיין געזונט.

2. פאַר דיר טו איך מיין האלדז אויסציען,
און פארבלייבן הייננען אפן שווערד;
די ליבע, וואָס טוט אין מיין הארצן גליען,
וועט ניט בלייבן מער אָף דער ערד.

יודאַ אַ. יאָפע.

קאַטאָוועס צי כתבות?

א. הקדמה.

דער וואָרט, (זיין אויסלייג און אָפּשטאַם) פאַרנעמט אין דער העברעאיש־יידישער ליטעראַטור־געשיכטע גאָר אַן אָנזעעוודיקן פּלאַץ. שוין כמעט פינעף הונדערט יאָר ווי יידישע מחברים, שפּראַכפאָרשער און סתם מענטשן מיט בויך־סברות, גריבלען זיך אין דער זאַך, וויצלען זיך און קיבעצן איינער דעם אַנדערן און יעדער נייע השערה איז געוויינטלעך ווילדער פון די פריערדיקע. אַרום דעם וואָרט האָט זיך שוין אָנגעקליבן אַ גאַנצע ליטעראַטור, נאָר זי איז צעזייט און צעשפּרייט אין טוצן ביכער און צייטונגען, און עס איז פּשוט צייט צוזאַמענ־צוברענגען דעם ביזיצטיקן מאַטעריאַל אין איין אָפּהאַנדלונג, אים גוט אויסזיפּן און מאַכן אַ סך הכל פון די עלעמענטן וואָס האָבן אין זיך אַ ווערט און אָפּוואַרפן דאָס וואָס איז ניט געשטויגן און ניט געפלויגן.

איך בין זיכער אַז, נאָך אַלעמען, האָט זיך מיר אינגאַנצן דעם מאַטעריאַל ניט אײַנגעגעבן אײַנצוזאַמלען, און אַז מיין השערה און אַרטיקל וועלן אַרויסרופן אַנדערע דערגאַנצונגען, באַמערקונגען, השערות און וויצן, — נו, וועל איך זיין ניט בעסער און ניט ערגער פון אַנדערע.

ב. דער אויסלייג.

1) איסערלין (געשטאָרבן 1460, פגל. גידעמאַן, 3, 23) לייגט אויס כתבות (זע: צונץ, ליטעראַטורגעשיכטע דער זינאַגאָגאַלען פּאָעזיע, בערלין, 1865, ז. 497).

2) אָבער אין לקט יושר פון איסערלינס תלמיד, ר׳ יוסף ב״ר משה (געשריבן אָדער פאַרענדיקט אין 1470 און אָפּגעדרוקט צום ערשטן מאָל אין בערלין, 1903, פון אַ מינכענער כתב־יד נומ. 405), ז. 153, שרייבט דער מחבר: „בכל חנכה עשה קטפות ומקצת בחורים מן הסוגיא שלמדו תו׳ על חנכה... ויש לי קבלה מן הגאון ז׳צ׳ל לכתוב [התיבה מן] קטפות בזה האותיות [לאפוקי מאותן הכותבין כתבות]״. (חלק אורח חיים). דאָס מיינט: אַלע חנכה האָט ער געמאַכט קטפות [מיט] עטלעכע בחורים אַף דער סוגיא פון חנכה תורה... און איך האָב אַ קבלה פון גאון ז׳צ׳ל צו שרייבן [דעם וואָרט פון] קטפות אַזוי [מיט דער אויסנאַם פון די וואָס שרייבן כתבות].

3) דער מהר״ם, משה ס״ל מינץ יצ׳ו ממעגנגץ (מיטל פון 15טן יאָרהונדערט, גידעמאַן, 3, 21-22) שרייבט אין זיינע שאלות־ותשובות (צוערשט געדרוקט אין קראָקאָ, 1617), סימן מ״ג, ז. נ״ח־ב; הקטפים והדרשנים אומרים זה (ווערט אויך געציטירט אין ש״ך יורה דעה הלכות מילה סימן ר׳ס׳ה סעיף קטן כ״ג).

4) אַרום מיטל זעכצנטן יאָרהונדערט (1541) האָט דער גראַמאַטיקער און שריפטשטעלער אליהו בחור (1469?—1549) אָפּגעדרוקט זיין ספר תשבי, וווּ ער זאָגט (שרש כתב), אַז דאָס רוב עולם שרייבט ניט כתבות, נייערט מיט אַ גרייז כטוב, כטובות, ווי אין וואָרט טוב.

5) אין דערזעלביקער שטאָט איזני, און סך הכל מיט אַ יאָר שפּעטער (1542) איז געוועזן געדרוקט דער ערשטער יידישער בוך וואָס מיר פאַרמאָגן הייַנטצוטאָג, דער באַוווּסטער ספר מידות. דאָרט געפינען מיר אונזער וואָרט עטלעכע מאָל, אויסגעלייגט אויף איין אופן: כטובות, אַזוי ווי אויף להכעים אליהו בחורן: אַז איין כטוב דער אַל מול כטובות טרייבן קאָן (ז. 10ב); אודר זאָג ניט אים כטובות צו אים (ז. 58ב); אונ׳ אוי וויא איז צו שרייען אויבר דיא לוייט דיא איר קינדר לערנן אין איר יוגנט כטובות אונ׳ הבלי עולם אונ׳ לערנען זיא ניט תורה... איין מלמד זול ניט כטובות טרייבן מיט זיינן תלמידים״ (ז. 98ב) [אָפּגעקאָפּירט פון דעם וווּנדער־שיינעם עקזעמפּליאַר פון ספר מידות וואָס מע האָט ניט לאַנג אָפּגעזוכט אין ניו־יאָרקער עפנטלעכער ביבליאָטעק אין זייער אינטערעסאַנטע אומשטאַנדן.]

6) דער צוכט־שפּיגל (מראה המוסר, פראַנקפורט אַם־מיין, 1680) שרייבט: עז מאַכט אך (=אויך) דעם מענשן זער אַן גינעם. ביי אידר מאַן דאַ זעלכי קטבות קעם. ביי חתונות

4. מאָרגן, מאָרגן וועט זיין די מטה — מיין בעט,
די תכריכים וועלן זיין מיינע קליידער;
דער קאַלטער קבר וועט זיין מיין קאַבינעט,
די ווערים וועלן עסן מיינעביינער.
אין עך אליין וועל נעביך ליגן און שווייגן —
אַך, ווי גרויס איז מיין ווינד!
דער גאָראָדסקאָי דאָקטער וועט פון מיר שטיקער שניידן —
פין זיבעצן יאָר אזא יינג קינד!

5. בא מיינע עלטערן בין איך א מעזינקע געוועזן,
זיי פלעגן פין מיר אָנקוועלן;
צי דער חופה מיט גליק מיך צי פירן,
פלעגן זיי נאָר אַלץ וועלן.
איצט האָב עך מיין חופה אויף א תליה פארביטן —
אַך, ווי גרויס איז מיין ווינד!
עך האָב שוין אויף דער וועלט פיל צרות געליטן.
פין זיבעצן יאָר, אזא יינג קינד!

6. זייט־זשע מיר געזינט, מיין פאָטער און מיטער!
דאָס לעצטע מאָל טי איך צי אייך ריידן;
מיר איז פינצטער און אייך איז ביטער,
אָבער איך מיז מיך פין אייך צישיידן.
איר קאָנט נאָך אמאָל אייער אומגליק פארגעסן,
אַך, ווי גרויס איז מיין ווינד!
נאָר מיך וועלן אין קבר די ווערים עסן —
פין זיבעצן יאָר, אזא יינג קינד!

70. — געזונגען פון טויבע סאסטשין, (טשו־מעראָוויץ, פּ. ג.); דאָס ליד איז בלי ספק פון א ליטעראַרישן מקור און עס געהערט ניט אַהער. איך ברענג עס דאָ בלויז ווי א מוסטער פון מיין זאמלונג א. נ. „אונזערע פאָלקסטימלאכע לידער פון באקאנטע און אומבאקאנטע דיכטער" (אין מאנוסקריפּט); וואר. ג"מ. נומ. 229; באַסטאָמסקי, ז' 58—59, נומ. 8, 9.

(המשך קומט)

„עוד רע נמצא בכתיבה, כענין שכתוב ומכתבים עמל כתבו, והוא מה שקורין ההמון **כתבות** לכתבי עמל ואון של הולכי רכיל, בעלי שחוק וליצנות לעג מרבה להכיל, העוסקים בנתינת דופי ופגם, בכשרים יתקלסו בם זו לעגם, מושכים בשבט סופר ידיהם את לוצים, ומטילים בעיני הנכבדים קוצים, והיה במחשך מעשיהם ובסתר, בל יודע הממציא אותם כתבי כזבי פלסתר (עיין ס' תשבי) שכן הוא מנהג ברומה משני' קדמוניות, ונקראין פאסק"וויל בלע"ז על שם הצורה הנעשית לתכלית זה, בה מדביקין בלילה מה שנכתב ביום ונחתם"...

2) אין ניינצנטן יאָרהונדערט הייבט צונץ אויף די פראַגע ווידער. ער זאָגט אַז **כתב** האָט געמיינט „דיכטער, עפּיגראַמאַטיסט" אין 13טן יאָרהונדערט, „איבערשרייבער" אין 14טן, און **כתבות** — „שערץ, רעטזעלשריפט", און ווייזט אָן אויף איסערלינען (1440) און דערמאָנט אויכעט אַז ר' יוסף ב"ר משה (1470) הייסט שרייבן קטפות (ליטטעראַטורגעשיכטע..., בערלין, 1865, ז. 497). פגל. אויך זיינע „גאָטטעסדיענסטליכע פאָרטרעגע", ז. 440.

3) א דר. ב... ל (ליטטעראַטורבלאַט דעם אָריענטס, לייפּציג, נומ. 35, אווג. 26, 1848, ז. 556 (דאַרף זיין 558!) לאַכט זיך אויס פון צונצן, אַז פאַר אים איז א „רעטזעל" פון וואַנען צונץ האָט גענומען דעם אויסלייג, די אָפּשטאַמונג און דעם טייטש „רעטזעל" (רעטעניש). ער דערמאָנט נאָך אַנאַנדער דערקלערונג: גדפות פון גדף „לעסטערן, שערצן", גדפן „פּאָססענמאַכער" (שטיפער, פּאַיאַץ), נאָר דאָס געפעלט אים אויך ניט, און שלאָגט פאָר א גריכישן וואָרט. וועגן דעם וועלן מיר ריידן שפּעטער.

4) אין דערזועלביקער צייטונג (דעצעמבער, 23, ז. 805) גיט דר. ב...לן א בייזע לעקציע אַנאַנדער דאָקטאָר, ב. בעער, ווייל ער פאַלט אריין אין דעמזעלביקן טעות ווי אליהו בחור (שרייבן א „כ" פון אָנהייב), און מוסרט אים אַז שרייבן דאַרף מען קטבות „שניידענדע רעדען, שטיכרעדען", פון כאַלדעאיש און אַראַביש קטב—שניידן.

5) אברהם טענדלוי דערמאָנט דעם תשבי און אויך גדוף, גדופה, „שמעהען, לעסטערן". אין זיין אויסלייג (פראַנקפורטער יידיש!) שרייבט ער:

"Chanje (chanukah)—Ketoowes"; "Dos is e Katef" (auch: Baal-Katef) Spassvogel, Witzling. (Abraham Tendlau, Sprichwörter und Redensarten deutsch-jüdischer Vorzeit, Fkf. a. M. 1860, s. 52).

6) ריידנדיק וועגן פאַרשיידענע השערות אין זיין יידיש־דייטשער כרעסטאָמאַטיע (לייפּציג, 1882) לייגט דר. מאַקס גרינבוים פאָר נאָך איינע: חטב, חטיבה, וואָס מיינט אין גמרא „עטוואַס אַוסערלעזענעס, פיינעס" (ז. 491).

7) אלעזר שולמאַן דערציילט אין זיין ממקור ישראל, ברדיטשוב, תרנ"ג (צווייטער באַנד), אַז דעם יינגל בערנען פלעגט מען רופן כתב, און זאָגט דערביי: „לויט מיין פריינט התורני וכו' ה"ר שעפטיל איז דאָס דער תלמודישער וואָרט כדב, געפינט זיך אין תלמוד "מילתא דכדיבא" (ז. 13); „נאָך א קליינע השערה.. לויט אונזער מיינונג, איז דער באַגריף פון דעם וואָרט חדוד („שפּיצלאַך"), שטאַמט פון איינגלשן ווערב to cut, וואָס מיינט שניידן, שלאָגן און אַז. וו., וואָס פון אים נעמט זיך דער וואָרט כּתבן (אָדער קאַטאַוועו) אין יידיש־דייטש..., דאָס הייסט, שלאָגן מיט ריטער, געבן מלקות". ווי עס האָט באַמערקט דער אויס־געצייכנטער שריפטשטעלער וכו' הרי"י וויסבערג, איז אין „הבקר אור", פערטער יאָרגאַנג [ז. 1242], וועגן דעם אויך געבראַכט געוואָרן, אין נאָמען פון הר"מ [=מיכאל] וואָלף, א השערה וואָס שטימט איין מיט הר"י שעפּטילס השערה (אויבן) אין דער גירסא כדיבות, אַז עס איז א סירישער וואָרט, ווילע דעם וואָרט מהתלות (ישעי' ל', י') פאַרטייטשט די פשיטא: כדיבותא. "און דער אויסקלייבער זאָל אויסקלייבן!" (ז. 137).

8) די ספּעציעלע חנכה קאַטאָוועס באַשרייבט (אונטערן איניציאַל) „ל" אין „איזראַעליט", (ז. 20, דעצ. 29טן, 1910, פראַנקפורט); זיי זיינען דאָס רוב צאָלשפּילן, און דעם וואָרט פירט ער ארויס פון ק ט ף, אָפּרייסן, אָפּפליקן—קטופות, אָדער פון כתב—כתבות, אָדער כטובות „שניידענדע רעדן, שערצע".

9) אין דעם נומער פון יאַנואַר 12, 1911, ז. 12, פּאָלעמיזירט מיט אים איזאַאַק מ. מאַינץ. ער זאָגט אַז מע האָט פון לאַנג אָן געזאָגט און געשריבן כדבות, וואָס קומט פון כאַלדעאיש. אונקלוס זעצט איבער ותכחש שרה מיטן וואָרט: וכדיבת, אַזוי ווי עס איז געווען דערלויבט „אָפּצולייקענען" אין חנכה־שפּילן. ער ווייזט ווייטער אָן אַז דער וואָרט געפינט זיך ביי אלישע: אל תכזב בשפחתך — תרגום: ותכדיב.

און ברית מילה אדר וואז פר שמחה דז ער ווער אויש געבן זעלכי קטבות דער צייט גרושי ער (ז. 2א); דרום ביט איך אייך שרייבט מיר ניט אז פר חובות. ווען איך שון צו צייטן ריד (=רעד) איין כטבות (ז. 2ב) דען שימפף (=שפּאַס) און ערנשט שטיט וואו בייא אלין זאכין.

אין ביבליאָטעקע פון ניו־יאָרקער יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר איז דאָ א ביכל (אָן דרוק־יאָר, קענטיק פון סוף 18טן אָדער אָנהייב 19טן יאָרהונדערט, זע: שטיינשניידער, פורים אונד פּאַראָדי, ז. 364, נומ. 12), ווו עס שייט אויפן שער: בע"ה חנוכּה כּתּבית, וגם מילי דבדיחתא.[1]

7) אין זייער „אידיש ווערטערבוך", אונטערן וואָרט קאַטאָוועס (ז. 226) ווייזן ספּיוואַק און יהואָש אָן אויף כּתּבות, ווו זיי זאָגן (ז. 127) שפּאַס, שפּאַסנמאַכעריי. אין כתבות „אין שפּאַס"; מיט דעם מלאך המות מאַכט מען ניט קיין כתבות (שפּוו.), זע: קאַטאָוועס, — דאָס הייסט, זיי פאַררופן זיך צעריק אויף קאַטאָוועס, ז. 228. ספקות האָבן זיי, קענטיק, יאָ געהאַט צווישן דעם העברעאישן אויסלייג און דעם פשוטן אויף יידיש.

8) ביי ליפשיצן, רוסיש־יודישער ווערטער ביך (קיעוו, 1881) געפינען מיר דורכוים קאַטאוועס (ז. 171) — насмешка (ז. 421) шутникъ, шутливый, шутка, шутиха, шутить — טרייבן קאַטאָוועס, קאַטאָוועס־טרייבערין, דער קאַטאָוועס, קאַטאָוועסדיק, וואָס טרייבט קאַטאָוועס, קאַטאָוועס־מאַכער. אין זיין „יודעש־רוסישער ווערטער ביך (זיטאָמיר, 1876), אויכעט: קאַטאוועס, טרייבן קאַטאָוועס, קאַטאָוועס־טרייבער — шутъ, шутить, шутка (ז. 181). בן יעקב, רוססיש־העברייאיש־זשאַרגאָן ווארטערבוך (ווילנא, 1904) פאַרצייכנט шутникъ — א קאַטאָוועסניק (ז. 1004). אין דוד הלוי הורוויצס ספר המלים זשאַרגאָני עברי (יודישער לשון־קדשער ווערטער־בוך, אדעססא, 1903), ז. 81, געפינען מיר קאַטאָוועס, קאַטאָוועס־טרייבער.

9) איגנאַץ בערנשטיין, יודישע שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן, וואַרשוי, 1908, האָט די שפּריכווערטער: א קאַטאָוועס איז א האַלבער אמת; פון קאַטאָוועס קומט קיין גוטס ניט אַרוים (ז. 225); גאָט פאַרשטעהט ניט קיין קאַטאָוועס (73, גאָט, ז. 47); זכות־אבות איז קיין קאַטאָוועס (ז. 100); מיט דעם מלאך־המות טרייבט מען ניט קיין קאַטאָוועס (5, מלאך־המות, ז. 161); מיט א נאַר טאָר מען קיין קאַטאָוועס ניט טרייבן (66, נאַר, ז. 176).

ווי מע קען זען, האָט אונזער איצטיקער אויסלייג קאַטאָוועס הינטער זיך א כסדרדיקע טראַדיציע פון קאַרגע 500 יאָר פאַר די אותיות „ק" און „ט" אין דעם וואָרט.

און פּאַראַלעל מיט דער דאָזיקער לאַנגער טראַדיציע גייט די זוכעניש פון זיין אָפּשטאַם.

ג. דער אָפּשטאַם.

די וואַקלעניש אין אויסלייגן דעם וואָרט זיינען נאַטירלעך געקומען פון דעם, וואָס פאַרשיידענע מחברים האָבן געהאַט פאַרשיידענע מיינונגען וועגן דעם שרש פון וואָרט. עס איז גרינג צו פאַרשטיין אז מע האָט דאָס רוב געזוכט אין העברעאיש אָדער די פאַרוואַנטע סעמיטישע (כּאַלדעאיש־אַראַמעאיש און סיריש) שפּראַכן און נאָר אין די לעצטע 80—100 יאָר האָבן זיך דערהערט שטימעס פאַר אנדערע ניט־סעמיטישע שפּראַכן. כדי צו מאַכן די זאַך מער סיסטעמאַטיש און פאַרלייכטערן דעם לייענער די אַרבעט וועל איך אזוי קלאַסיפיצירן די פאַרשיידענע השערות וואָס מיר איז געלונגען צוזאַמענברענגען פון אלערליי קוואַלן.

I סעמיטישע טעאָריעס. — 1) אליהו בחור (1541) זאָגט: „כתב... מיינט סופר, א שרייבער, ווייל אין פאַרצייטיקע טעג האָבן די ווילצלינגען און די משלים־שרייבער אויפגע־שריבן אנאָנים זייערע ווערטער אויף די טירן פון גבירישע הייזער אָדער אין די רוישיקע גאַסן פון רוים, כדי מע זאָל ניט וויסן ווער דער שרייבער איז. און אזוי איז דער מנהג ביז היינט אין רוים, און אָט די זאַכן רופט מען כּתּבות. (פגל. מ. וויינרייך, שטאַפּלען, ז. 81). און ר' יעקב עמדן אשכנזי (יעב"ץ) (1697—1776) אין „מגדל עז", אלטונא, תק"ח, (ספר שלישי), זייט שכ"ט (עליית הכתיבה) קאָמענטירט איבער אליהו בחור אזוי:

[1] עס איז כדאי צו דערמאָנען, אַז שטיינשניידער זאָגט: „איך האָב געפונען די אָרטאָגראַפיע [כתבות] אין לקט יושר" (?).

„געוויש, שטיפעריי, שפּילן" (דער אַנגלאָ־סאַקסישער וואָרט מיינט נאָר: אבסורד, משוגעת). די טייטשן האָבן געהערט צום דייטשן וואָרט toben וואָס איז מיט אים פאַרוואַנט.

3) פריינט י. ל. זלאָטניק (דער פאָלקלאָריסט עלזעט, מחבר פון „דער ווונדער־אוצר פון דער יודישער שפּראַך, וואַרשא, תרע"ח) שרייבט מיר אין אַ בריוו (פון אַפּריל, 1927): „אויב איך מעג זיך נאַריש מאַכן, וואָלט איך געזאָגט עס האָט אַ שייכות מיטן איינגלשן caitiff; chetif אין פראַנצויז."

די צוויי דערמאָנטע ווערטער קומען פון לאַטיינישן וואָרט captivus: געפאַנגענער, שקלאַף, און מיינען: „געפאַנגען, שקלאַפיש, נידעריק, טרוס, אומגליקלאַך, עלנד, שלעכט, אָבער האָבן קיין שייכות ניט מיטן טייטש: שפּאַס, שטיפעריי און אַז. וו.

4) דער גרויסער דייטשער היסטאָריקער און געלערנטער יאָסט (אַ חידוש פאַר אַ דייטשן יידן און נאָך אין יענע אַלטע צייטן!) איז גאָר אַוועק צו דער רוסישער שפּראַך און האָט דעם מקור פון קאַטאָוועס געפונען אין готово. דער וואָרט מיינט פאַרטיק, גרייט, פאַרענדיקט, גענייגט, וויליק. דאָס אַלץ יאָ, און נאָך אַזוינע זאַכן, אָבער ווי קומט עס צו קאַטאָוועס? דאָס איז באמת ווי מע זאָגט: „אַז מע דאַרף האָבן דעם גנב, שניידט מען אים אָפּ פון דער תליה!" (יאָסטס השערה דערמאָנט אלעזר שולמאַן, ז. 13, אָנמערקונג 6). מיר איז ניט געלונגען אויסזוכן דעם אָרט וווּ יאָסט האָט עס געזאָגט.

5) נאָך אַנאַנדער סלאַוויש וואָרט דערמאָנט (פאַר אַ ווונק, ניט פאַר אַן ערנסטער השערה!) האַרקאַווי אין זיין נייעם יידיש־ענגליש־העברעאישן ווערטערבוך, אין אַ באַמערקונג צו קאַטאָוועס (ז. 438) — דעם פּוילישן וואָרט gadywac. „ריידן, פּלוידערן".

שוין ניט גערעדט פון די סעמאַנטישע שוועריקייטן (גראַנקען־אַנטוויקלונג צו „שפּאַס, שטיפעריי, ליצנות") וואָס שטייען די צוויי לעצטע (סלאַווישע) עטימאָלאָגיעס אין וועג, האָט מען זיך פּשוט ניט גערעכנט מיט די כללים פון יידישער פאָנעטיק. די סלאַווישע קלאַנגען г און д בייטן זיך ניט אין יידיש אויף „ק" און „ט" פאַר וואָקאַלן, און סלאַווישע о, ы (о, у) אונטערן אַקצענט קענען ניט ווערן „אָ" אין ליטוויש־יידיש און „או" אין די אַנדערע יידישע דיאַלעקטן. און פאָרט, ווי מיר דוכט זיך, זיינען יאָסט און האַרקאַווי געווען אויפן ריכטיקן וועג.

יעדערער ווייס ווי לאַנג די מזרח־אייראָפּעאישע יידן האָבן צו טאָן מיט סלאַווישע פעלקער. ווי משונהדיק עס זאָל ניט אויסזען, האָבן ביי די סלאַוון די יידן געשעפּט ווערטער פאַר די אינטימסטע ענינים פון רעליגיע, ריטואַל און פאַמיליענלעבן. קוילען, טרייבערן, זאָדיק, פּריידיק (איך הב גקויפט איין פּ ר י ד י ג בשר פון חזן, שו"ת, מהרש"ל, נומ. 20, פון אַרום 1550 יאָר), פּראַווען דעם סדר, ס ק אַ ר ב אָ וו ע נגונים, טאַטע, מאַמע, זיידע, באָבע קומען אַלע פון סלאַוויש.[2]

אַזאַ ספּעציפיש יידישלעכער וואָרט ווי נעבעשקע, נעבעך, וואָס די דייטש־יידישע געלערנטע זיינען געקראָכן פון הויט צו דערקלערן „ניע ביי אייך" (לא עליכם) איז אויך סלאַוויש.[3] מיר באַגעגענען אים שוין אין די פּראָגער בריוו (פון יאָר 1618—1619): בריוו 34, 35, 43, 46, בלי ספק פון טשעכיש Nebohy

(Dr. A. Landau und Dr. B. Wachstein. Jüdische Privatbriefe, Wien. 1911, s. 128).

מיר זעען דעם וואָרט אויסגעלייגט ניוואַך, ניוואָך שוין אין יאָר 1505 (פגל. כתב־יד נומ. 10, דאָ אין „פנקס", ז. 24). און סלאַווישע ווערטער געפינען זיך שוין ביי רש"ין מיט עטלעכע הונדערט יאָר פריער (זע: א. א. הרכבי, היהודים ושפת הסלאווים, זז. 45—48, ווילנא, 1867; אָדער זז. 24—25, 1865, רוסיש).

---

[2] Даль, Толковый словарь живого великорусского языка, 1903-9.

Колоть; **теребить**, старое **требить**, чистить, править, ровнять (IV, 750), **задок** телятины (I, 1437), передокъ „туши" передняя половина безъ головы и ногъ (III, 118 **скарбовый** — "скарбъ" зап. Казна, казначейство (IV, 175) **тата** "тятя, отецъ" (IV, 730), **мама** (II, 770) **баба** (I, 81, 82). Дзѣдъ (Носовичъ, Словарь Бѣлорусского Нарѣчія, СПБ., 1870, стр. 113); **скарбовый** 1) относящійся къ господскому имѣнью, господскій, 2) казенный, 581).

3) **небожка**, **небiжка** „бедняжка; **небогiй**, **небога** бедняжка", Б. Грiнченко, Словарь Украiньскоi Мови, II, 537 (Кiевъ, 1907).

(פגל. לעווים „כאַלדעאישעס ווערטערבוך איבער תרגומים”, לייפציג, 1867, באַנד 1, זייט 354; זיין „נויהעברעאישעס אונד כאַלדעאישעס ווערטערבוך” (לייפציג, 1879) באַנד 2, זייט 294—295 און „ערוך השלם”, באַנד 4, זייט 196, וווּ עס ווערן געבראַכט אַלע שטעלן איבער דעם וואָרט „כדב”, „כדיבא”, „כדבותא” א. אז. וו.)

אַן ענטפער אויף מאַינצס בריוו האָט דער אווטאָר ל. אָפּגעדרוקט אין נומער פון פעב. 9, 1911 (ז. 12), וווּ ער מאַכט חוזק פון מאַינצן און זיין דרום־דייטשער אויסשפּראַך „קעדראָוועס”. און ענדיקט מיט אַ שטאָך: „דעריבער, הייסט עס, אויב מע זאָגט אַז קעטאָוועס האָט אַ פאַרבינדונג מיט כדב, אראַמ. כדב איז עס אַ „קעדראָוועס”.

10) חנכה־קאַטאָוועס פאַרנעמט אַ חשוב'ן טייל פון דר. ש. ראַפּפּאָפּאָרטס אַרטיקל: חנכה שפּילע דער יוגענד („מענאָראַה”, דעצ., 1926, זז. 672—678, ווין—פראַנקפורט א. מ.). ער מיינט אַז עס איז פאַרבונדן מיט קטף „פליקן, רייסן”, ווייל ביים קאַטאָוועס־שפּיל פלעגן זאַצן, ווערטער אָדער אותיות ווערן פאַנאַנדערגעריסן און באַקומען אַ נייעם באַטייט” (ז. 674).

11) אין דעם גלאָססאַר (ב. וו. זעגעלס?) צום סוף פון איגנאַץ בערנשטיינס „יודישע שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן”, צווייטע אויפלאַגע, וואַרשוי, תרס"ח, ווערט די פראַגע פון אָפּשטאַם אָפּגעפּטרט מיט די קורצע צוויי ווערטער: „עטימאָלאָגיע אונבעקאַננט”. (ז. 32, ערשטער שפּאַלט).

12) כדי צו פאַרצייכענען די גאַנצע ליטעראַטור פון דעם ענין ווי ווייט זי איז מיר באַקאַנט, וויל איך נאָר אָנווייזן אויף:

a) M. Steinschneider, Purim und Parodie, S. 342; b) Dr. J. Perles, Beiträge zur Geschichte der hebräischen und aramäischen Studien, S. 177 (München, 1884); c) Dr. M. Güdemann, Geschichte des Erziehungswesen....in Deutschland, III, 87 (Wien, 1888); d) Dr. A. Berliner, Aus dem Leben der deutschen Juden in Mittelalter, S. 23 (Berlin, 1900; e) J. L. Voorzanger en J. E. Polak, Het Joodsch in Nederland, S. 170 (Amsterdam, 1915).

II ניט־סעמיטישע טעאָריעס. — 1) דער פריער דערמאָנטער דר. ב . . . ל לייגט אַליין פאָר דעם שורש גדף „לעסטערן”, נאָר ער זאָל באַלד נאָכדעם:

aber auch dieses scheint unwarscheinlich zu sein. Am natürlichsten scheint es mir, dieses Wort von dem Griechischen Κότταβος cottabus abzuleiten.”

די צרה מיט אָט דער עטימאָלאָגיע איז וואס דער וואָרט, כאָטשע ער קלינגט טאַקע זייער שטאַרק ווי אונזער יידישער קאַטאָוועס, האָט מיט אים נאָכאַלעמען גאָר נישט צו טאָן. ער מיינט אַ געוויסע, ספּעציעל סיצילישע שפּיל. זי איז געווען שטאַרק באַליבט ביי די רייכע יונגעלייט (אין אַטען) וואָס האָבן געשכורט אויף שמחות. דער עיקר פון דער שפּיל, וואָס מע האָט געשפּילט אויף אַ סך אופנים, איז געווען קונציק אַ שליידער צו טאָן פון דעם בעכער דעם ביסל ווין, וואס איז דאָרט געבליבן נאָכן טרינקען, אין אַ מעטאַלענעם בעקן אריין. פון דעם ווי עס האָט אָפּגעקלונגען פלעגט דער יונגערמאַן וועלן דערוויסן ווי זיין געליבטע האַלט פון אים. אַן אַנדערשמאָל פלעגט מען לאָזן קליינע בעכערלאַך שווימען אין דעם טאַז, און דער קונץ איז געווען זיי אַלע איבערצוקערן מיט אַ באַשטימטן צאָל ווין־שליידערס.

ווי אַזוי אָט די מאָדנע שפּיל האָט געקענט פאַרקריכן צו די יידן מיטן טייטש פון שפּיל אין אַלגעמיין, שפּאַס, שטיפעריי, קאַטאָוועס, קען איך בשום אופן ניט פאַרשטיין. אין דעם גרעסטן אַיינגלש־גריכישן ווערטערבוך (לידדעלל און סקאָטט, אָקספאָרד, 1901, ז. 837) געפינען זיך נאָר אָט די פיר טייטשן: א) די שפּיל גופא; 2) דער פּריז (פּרעמיע); ג) די ווין וואָס מע שליידערט; ד) דער טאַז. דער וואָרט, ווי מע קען פון דעם זען, האָט געהאַט מער ניט ווי דעמזעלביקן קלאַנג ווי קאַטאָוועס.

2) אין אַן אַרטיקל „דיא אבשטאַמונג פון איינינע אידישע ווערטער” (ז. 27, „צוקונפט”, אווגוסט, 1894, ניו־יאָרק) האָט דער באַוווּסטער יידישער לעקסיקאָגראַף, אַלכסנדר האַרקאַווי, געשריבן: „קאַטאָוועס, פון דעם אַנגלאָ־זאַקסישן וואָרט gedof (מערצאָל gedofes) וועלכעס בעדייטעט: געדוויש, שטיפעריי, שפּיעל. דאָ איז פאַרביטן „ג” אויף „ק”. פריינט האַרקאַווי זאָגט איצט, אַז אים האָט פאַרפירט אַ דייטשער ווערטערבוך צו געבן די טייטשן

דער וואָקאַטיוו (ווענדונג־פּאַל) אין יידיש.

דער וואָקאַטיוו, אַ ספּעציעלע פּאָרמע אָדער פּאַל פאַר אויסדריקן אַ ווענדונג (אַ. זאַרעצקי, אין זיין „פּראַקטישע יידישע גראַמאַטיק, מאָסקווע, 1926, רופט עס, זייער אומגעלונגען „אַדרעסאַט") איז אויסגעשטאָרבן אין מאָדערנע קולטורשפּראַכן. ער לעבט נאָך אין די סלאַווישע שפּראַכן, מיט דער אויסנאַם פון באָלגאַריש, סלאָוועניש און ליטעראַרישן רוסיש.[1] אין אוקראַיניש און ווייסרוסיש איז דער וואָקאַטיוו אַ לעבעדיקע, אַלגעמיין־געוויינטלעכע פּאָרמע נאָך היינט צו טאָג,[2] אָבער אין רוסיש זיינען פאַרבליבן בלויז צוויי פּאָרמעס: באָזשע און גאָספּאָדי, נאָר אַפילו זיי קענען דינען פאַר נאָמינאַטיוו־פּאַלן.[3]

אין יידיש, אָבער, האָבן מיר עטלעכע ווערטער וואָס מע קען נוצן נאָר אין ווענדונגען, דאָס הייסט זיי זיינען קלאָרע וואָקאַטיוון און ניט נאָמינאַטיוון, ווייל זיי קענען ניט דינען פאַר סוביעקטן (זאַכווערטער) אין אַ זאַץ.

1) דער העברעאישער וואָרט ר ב ו ת י (מיינע הערן) מיינט ביי אונז יידן נאָר אַ וואָקאַטיוו, ווייל מע קען זאָגן: „רבותי, מיר וועלן בענטשן!", „רבותי, לאָמיר זיך ניט נאַרן!" און אַז. וו., אָבער מיר קענען ניט זאָגן: „די רבותי בענטשן, אָדער נאַרן זיך", ווי אַלט אָט די פּאָרמע איז א י ן י י ד י ש, קען מען זען פון דעם זאַץ: „דרום אויך, ליבה רבותי, טוט קייני שקרים צו הערין", וואָס מיר געפינען אויפן שער־בלאַט פון וויצנהויזנס יידישער איבערזעצונג פון תנ"ך (אַמסטערדאַם, 1687).

2) דער העברעאישער וואָרט אַ ד ו נ י „מיין האַר". אין פּאָרמולעס ווי למשל: „אַדוני פּריץ! אַדוני האַר!" און אַז. וו.

3) גאָטעניו, טאַטעניו, מאַמעניו, זיידעניו, באַבעניו, מומעניו, רעבעניו, קרוינעניו, האַרצעניו, דושעניו, קינדעניו. אין דעם באַקאַנטן אַנעקדאָט בעט דער מאַן פאַר זיין קראַנקער ווייב: „גאָטעניו, טאַטעניו, שיק איר אַ ליכטיקן גן עדן, אַבי נעם זי אַוועק פון מיר!", און אין פאָלקסליד: „טאָ וואָס זשע ווילסטו, דושעניו, מיך פאַרשעמען?"

— „געדענקט איהר, געדענקט איהר, מלכה־טויבעניו!"
— „געדענקט איהר, געדענקט איהר, טריינע־סאָסעניו!" (ווינטשפּינגערל, ז. 80).

4) די צערטל־פּאָרמעס אויף—שע,—שי, וואָס זיינען אַזוי באַליבט און פאַרשפּרייט ביי די פּוילישע, גאַליצישע און (טיילווייז אויך) ביי די דרום־רוסלענדישע יידן; מאַמעשי, טאַטעשי, זיידעשי, באַבעשי, מומעשי, פעטערשי, טאָכטערשי, שווערעשי, שוויגערשי (אַפילו אַ צערטל־וואָרט פאַר אַ שוויגער!).

5) טאַטינקעס; — פון רוסישן Батеньки!

אין די נומערן 3, 4 און 5 זיינען צו די גערמאַנישע, העברעאישע און סלאַווישע ווערטער צוגעלייגט סלאַווישע צערטל־סופיקסן: nia,-sia,-inka (Smal Stockyj, 127),

6) ברודערקע! — פון רוסיש: Братецъ

7) סער(ד)צע! — „מיין האַרץ, האַרצעניו!" (פון רוסיש): איינע דער אַנדערער אַלץ: „סערדצע, קרוין, זאָלט איהר מיר געזונט זיין"... (ווינטשפּינגערל, ז. 80). „אדרבה, זאָגט, קרוין, סערדצע, און איך אַליין פאַר מיר, וואָס איז, וואָס, בעדאַרף נישט עפּיס האָבען?"... „וואָס, סערדצע, בין איך אפשר נישט גערעכט?"... קומט, סערדצע, וועל איך אייך ווייזען". (דאָרט, זז. 82—83).

אָט די אַלע פּאָרמעס גיבן אַ רייכן מאַטעריאַל דעם לערער וואָס דאַרף דערקלערן יידישע שול־קינדער די ווענדונג־פּאָרמע. דער שווערער ענין ווערט אַן אַסך גרינגערע

1) S. Smal-Stockyi und T. Gartner, Grammatik der Ruthenischen (Ukrainischen) Sprache, Wien, 1913, s. 216. 2) Е. Θ. Карскій, Бѣлоруссы, Томъ II, ч. 2, стр. 151 (Варшава, 1911), 3) Боже васъ сохрани шуметь! (Гоголь, Ревизоръ III. 10); Вотъ навязался, прости Господи! (Островскій, Бедность не порокъ, I, (Шахматов, Синтаксисъ Рус. яз. § 181, Ленинградъ, 1925).

ווייטער איז עס זייער וויכטיק פאַר אונזער ענין צו וויסן, אַז די ווערטער פאַר צוויי פון די הייליקסטע צערעמאָניעס אין די רוסישע צערקוועס האָבן דורכגעמאַכט די מערקווירדיקסטע גלגולים אין דער רוסישער פאָלקסשפּראַך.

רוסישע איסטאָריע לערנט אונז אַז גריכישע גלחים האָבן געטויפט די רוסן אין 988. זייער שפּראַך האָבן די רוסן ניט פאַרשטאַנען און זייערע קירכלעכע צערעמאָניעס אין אַ פרעמדער שפּראַך האָבן ביי די רוסן נאַטירלעך געפונען אין אָנפאַנג זייער ווייניק חן. און עס איז אַ טשיקאַווע זאַך פאַר קולטור־געשיכטע, ווי די האַלב־ווילדע רוסן האָבן געריאַגירט אויף אַזוינע ענינים.

א) פון דעם גלחס „קיוריע עלעיסאָן"[4] (דערבאַרעם זיך, גאָט!) וואָס ער האָט געקנאַקט ווי אַ קאַלאַקאָטקע, צייל־מענדיק זיך כסדר און וואַרפנדיק זיך מיט משונהדיקסטע העוויות, — זיינען אויסגעוואַקסן די רוסישע ווערטער: Куролесить „מאַכן זיך נאַריש, מאַכן קונדעס שטיק, שטיפן, וואַיעווען"; און Куролесникъ „שטיפער, קונדעס, שגץ, ווייסער־חברהניק".[5]

ב) ווי באַקאַנט איז אין די רוסישע צערקוועס ניטאָ קיין בענק — דער עולם שטייט די גאַנצע צייט. אַמאָל טרעפט זיך, אַז די צוויי טיילן פון קאָר דאַרפן אַרונטערגיין פון ביידע זייטן און צעזאַמענקומען זיך אין דער מיט פון צערקווע. דאָס רופט מען אָן מיט דעם גריכישן וואָרט קאַטאַוואַסיאַ — „אַרונטערגאַנג", וואָס איז פאַרבליבן עד־היום אין רוסיש.[6] נאַטירלעך, אין אַ געפּאַקטער צערקווע איז דאָס גאָר ניט קיין גרינגע זאַך אויסצופירן, מע הייבט זיך אָן צו שטופן, און עס ווערט אַ גאַנצער טומל, אַ סומאַטאָכע, אַ לעבן פאַר ווייסע־חברה.

און גראָד ווי פון דעם הייליקן „דערבאַרעם זיך, גאָט" איז געוואָרן „מאַכן זיך נאַריש, שטיפן; שטיפער, קונדעס, ווייסער־חברהניק", פונקט אַזוי איז פון דעם הייליקן מאַרש פון דעם קאָר געוואָרן „ס׳מאַטאָכע, טומל, געשלעג, נאַרישע שטיק, שטיפעריי". און דערצו איז נאָך פאַראַן אין רוסיש דער וואָרט катавасника, וואָס איז אַ פּאַראַלעל צו куролесникъ „שטיפער, קונדעס". נו, און יידישע פאָנעטיקע פאָדערט, אַז אויב אַ סלאַווישער „אַ" מיטן אַקצענט אויף אים ווערט אין ליטוויש־יידיש אַן „אָ", גייט ער איבער אין אַ „אָו" אין די אַנדערע יידישע דיאַלעקטן. ס׳הייסט עס ווערט פון דעם, אין ליטוויש־יידיש: קאַטאָ־ווּעס(ניק), און אין די אַנדערע דיאַלעקטן: קאַטאָו—ווּעס(ניק). און פון דאַנען, מיין איך, שטאַמט אונזער וואָרט.

וויבאַלד מיר נעמען אָן די סלאַווישע אָפּשטאַמונג פון וואָרט קאַטאָוועס, ווערן מיט איין מאָל פאַרענטפערט אַלע קשיות וואָס פלעגן זיך שטעלן ווען מע האָט געוואָלט דערקלערן די עטימאָלאָגיע פון וואָרט אויף אַנאַנדער אופן. 1) עס ווערט פאַרשטענדלעך די אוראַלטע טראַדיציע פון אויסלייג מיט „ק" און „ט"; 2) דער טייטש: „נאַרישקייט, שפּאַס, שטיפעריי, שקאָצעריי" איז שוין דאָ אין דעם מקור־וואָרט; 3) די פאָנעטישע דערשיינונגען אין דער פאַרוואַנדלונג פון די סלאַווישע וואָקאַלן ביים איבערגאַנג אין יידיש זיינען כולו אין איינקלאַנג מיט די פעסט באַשטעטיקטע דינים פון יידישער שפּראַכוויסנשאַפט; 4) די אוראַלטע פּריצייטיקע באַרירונג צווישן די יידן און די סלאַוון דערקלערט אויף אַ נאַטירלעכן אופן, ווי אַזוי די יידן האָבן אַנטליען ביי די סלאַוון דעם וואָרט קאַטאָוועס.

צום סוף וויל איך זאָגן אַ האַרציקסטן יישר כח מיין ליבן פריינט יצחק ריווקינדן פאַר זיינע אויסערגעוויינטלעכע אָנשטרענגונגען מיר צו העלפן אין מיין אַרבעט.

---

4. Κύριε ἐλέησον "Господи, помилуй!"

5. **Куролесить**, "дурачить", строить шалости, проказить, проказничать"; **Куролесникъ**, "шалунъ, повѣса, проказникъ".

6. **Катавасія** (греч Καταβασία *нисхожденіе",суматоха, возня); а) побои, драка. Курскъ, Псков. Тверь; в) **дурачество, шалость.** Псков, Тверь (М. В. Фасмеръ, Греко-славянскіе Этюды, III, 81-2, Санктпетербургъ, 1909; Словарь Русскаго языка Императорской Академіи Наук, 1908 (IV, 576).

New York, 1912—1927.

האָט (ז. 65) פאַרנעם: 1) יודישער געמיינדע־פאָרשטאַנד; 2) יודישער האַוזהאַלטונגס־פאָרשטאַנד [=הויפּט פון אַ הויז, ווירטשאַפט, פאַמיליע], האַוזפאַטער [=אַ באַלעבאָס]. אָט דער לעצטער טייטש פון וואָרט: אַ באַלעבאָס, פאַרענטפערט די גאַנצע פראַגע פון פרנשקה. עס מיינט: אַ באַלעבאָסטע, אַ פאַרמעגלעכע, רייכע פרוי.

1926

באָדנזכדיק

ווען צוויי מענטשן לעבן אינאיינעם אַ לאַנגע צייט, נעמט זיך איינער אָן פון דעם אַנדערן די אייגנהייטן פון יענעמס שפּראַך: ווערטער, פראַזעס, אויסדרוקן, אינטאָנאַציע און אַז. וו. און אַז צוויי פעלקער, וואָס ריידן פאַרשיידענע שפּראַכן, לעבן צוזאַמען אָדער נאָך מער, — גאָר דורכגעמישט, נעמען זיי איבער איינער פון דעם אַנדערן גראָד אַזוי ווי צוויי יחידים וואָס לעבן אינאַיינעם. און מיר יידן זיינען ניט קיין אויסנאַם.

די יידן וואוינען אין סלאַווישע לענדער פון 6 ביז 8 הונדערט יאָר: אין טשעכיע אָדער באָהעמיע (פּיהם), אין מאָראַוויע (מערהרן), פּוילן, רייסן (ווייסרוסלאַנד), רוסלאַנד, אוקראַינע. שוין ביי רש״ין, וואָס האָט מסתמא געהאַט תלמידים פון די סלאַווישע לענדער, געפינען מיר סלאַווישע ווערטער: שניר [=שניה? שניי], קרוקים (ווערים), אקרין (מולטער), פּרינוס (=פּערינעס), מקום [מאַק, מאָן]. זז. 45־48, א. א. הרכבי, היהודים ושפת הסלאווים, ווילנא, 1867). [1]

אין משך פון אָט די לאַנגע יאָרהונדערטן האָבן די יידן געגאַשט ביי די סלאַווישע פעלקער אָן אַ שיעור, צי דאָס געפעלט אונזערע „שפּראַכרייניקער" צי ניט. דער איינפלוס פון די סלאַווישע שפּראַכן איז אריינגעדרונגען אין אַלע טיילן פון יידיש: פאָנעטיקע (פאָנעטיקע און ניט פאָנעטיק, ווי די שפּראַכרייניקער מיט אַ משונהדיקער שנאה צו „סלאַוויזמען" ווילט זיך), [2] מאָרפאָלאָגיע (פּרעפיקסן, סופיקסן, בּויגונגען), וואָרטבוי, וואָרט־סדר, סינטאַקסיס. און דער „פרעמדער" עלעמענט איז אָפט פאַרבאָרגן אין אַזעלכע טיפענישן פון יידיש, אַז קיין „רייניקער" וועט אים ניט קענען אָפּרייניקן, סיידן ער וועט איבעראַנדערשן אונזער גאַנצע שפּראַך און איר גאַנצן בוי. פאַר אַ ביישפּיל וועל איך דאָ נעמען נאָר איין פאָרמע וואָס איז ביי אונז אָן אַלטע, לאַנג־איינגעזעסענע, און וואָס מע קען אויף איר ניט זאָגן אַז עס האָבן זי אריינגענומען אין יידיש נאָר יענע יידן וואָס פלעגן זאָגן אויף יידיש: „גרעטכענס טשודנער אָבראַז האָט פּראָאיזוועדיעט אַף פּאַוסטן אַ ניעאָטראַזימע ווּפּעטשאַטליעניע" אָדער עפּעס אַזוינס.

איך מיין דאָ אויסדרוקן ווי: „מיר האָבן זיך שוין גענוג אָנגעזען אין אמעריקע", „איך האָב זיך אָנגעגעסן ביזן האַלז", „מיר האָבן זיך אָנגעשמועסט" און אַז. וו. דאָס זיינען איבערזעצונגען פון רוסיש אות באות: אָן(1),+עסן, זען, שמועסן(2),+זיך(3), פון די רוסישע: на(1.)+едать, смотреть, калякать(2),+ся(3)

דאָ וועט דער ביטערסטער אַנטי־סלאַוויסט ניט קענען זאָגן: מיר האָבן **אונז** (אָנשטאָט **זיך**) אָנגעגעסן, אָנגעשמועסט, איך האָב **מיך** (אָנשטאָט **זיך**) אָנגעגעסן.

די **זיך**־פאָרמעס זיינען אַ פעסט איינגעשטעלטער כלל ביי די ליטוועקעס: איך וואַש **זיך**, דו וואַשסט **זיך**, מיר וואַשן **זיך**. די דרום־רוסלענדישע און רומיינישע יידן גייען ניט אַזוי ווייט אין געוויסע פּרטים און די פּוילישע יידן צעגייען זיך נאָך ווייטער מיט די ליטוועקעס, נאָר אפילו זיי שטעקן זיך אָן פון די געהאַסטע ליטוועקעס אַלץ מער און מער. שלמה בירנבוים, פּראַקטישע גראַמאַטיק דער יודישען שפּראַכע, § 56, ז. 42 (וויען און לייפּציג, 1916), זאָגט אַז נאָר אין 1 און 2 פּאַרשוין איינצאָל און 2 פּאַרשוין מערצאָל נוצן די פּוילישע (גאַליציש) יידן אַנדערע פאָרמעס (מיך, דיך, אייך), אין אַנדערע איז עס דורכוים **זיך**.

1) Объ языкѣ евреевъ, жившихъ в древнее время на Руси, Спб. 1865, стр. 24-5.

[2] דעם איינפלוס פון סלאַוויש אויף יידיש (דעם סלאַווישן עלעמענט אין יידיש) האָב איך שוין לאַנג גרינטלעך אויסגעפאָרשט און דורכגעאַרבעט אין אַ שטודיע וואָס וועט פאַרנעמען אַ 40—50 זייטלעך פון „פּנקס".

פראָבלעמע דורך דעם וואָס די דערמאָנטע פארמעס קען מען ניט נוצן פאר סוביעקטן אין נאָמינאטיוו. נאָר א פעדאנט וועט זיך צוטשעפּען אז מע קען זאָגן :. די טאטינקעס זיינען אוועקגעגאנגען, אָדער עפּעס אנאנדער פראזע אזא !

אווגוסט, 1926.

פ ר נ ש ק ה.

אין די. אלפרעד לאנדאוס און דר. בערנהארד וואכשטיינס יודישע פריוואטבריעפע אוס דעם יאהרע 1619 (ווין און לייפציג, 1911) איז דאָ א וואָרט פ ר נ ש ק ה (בריוו 34) וואָס איז איבערגעגעבן (אויף ז. 73 פון דער טראנסקריפּציע) מיט ליטיינישע אותיות (?) frnske. אויף זייט 28 פון דעם פאָרוואָרט איז דער וואָרט אריינגערעכנט צווישן עטלעכע „קוים לעזבארע רעטזעל"[1] און אין דעם ווערטערביכל פון הארבע ווערטער און אויסדרוקן (ז. 122א) שטייט ווידער א פראגע־צייכן און דערנאָכדעם: „ווי מע קען פארשטיין פון קאָנטעקסט — א פארמעגלעכע פארשוין".

דער זאץ איז: דוא שרייבשט דו ווילש אסתר איר געלט שיקן קאנשט נאר וואז מער ליזן שיק מירז (מיר עס) נאָר צו... זיא איז גאט גין אירז (=פארגין איר עס) איין פרנשקה". דאָס שרייבט א מאמע צו איר טאָכטער און שרייבט ווי זי קען און ניט ווי מע דארף שרייבן . אזוי לייגט זי אויסעט: כסב, כסליף, מסמח, זכות אביז, קאל (כתב, כסליו, משמח, זכות־אבות, קול), אין הש"י און די עכט יידישע ווערטער גילאסן, גינאסן, מאכט זי א שטריכעלע איבערן „ש" און „ס" (אזוי ווי אין כ ס ב , אויבן), יעדער „פ" האָט א שטריכעלע (פרום, פרעמד, בפרט, און אז. וו.) און אינמיטן דערינען: פרעביל (פרעוועל) ניטאָ קיין שטריכעלעך !

אזא פרוי האָט גאנץ נאטירלעך פארביטן דעם שין (ש) מיטן סין און סמך, און דעם פא מיטן פּא. זי האָט געוואלט זאָגן „א רייכע פרוי", און האָט צוגעלייגט דעם סלאווישן סופיקס (מע דארף ניט פארגעסן, אז דאָס זיינען כמעט דורכוים בריוו פון פ ר אָ ג ע ר יידן !) ־קע צום וואָרט פ ר נ ס און האָט געמאכט פרנסקע, אקוראט אזוי ווי מלמדקע, שוחטקע זיינען געמאכט געווארן פון העברעאישע ווערטער מיט דעמזעלביקן סלאווישן סופיקס פאר א סימן פון ווייבלעכן געשלעכט.

וועט מען מיר זאָגן אז פרנס מיינט גאָר א פאָרשטייער, וועל איך אָנווייזן אויף זייטל 34 (בריוו 25): „מיין הערצי ליבר פעטר דוא בישט לנג מיט ליב איין גרושר פרנס און איין ערליכער מאן און גנים דיינע גאר נישט. מיין מום צירל שת"י האָט מיר גישיקט גאָר שינה שפיצן אז איין ליבה מום."

אמת, ז. 126ב (וואָרט ל י ב) און ז. 59 פון טראנסקריפּציע זעצן איבער פאָרשטייער, אָבער א בליק אויף דעם טעקסט ווייזט אז די וואָס שרייבט דעם בריוו מיינט עס ניט אזוי. זי שנאָרט פשוט אביסל געלט פון איר רייכן פעטער, און זאָגט: „דו ביסט, דיר מיט ליבע, צו לאנגע יאָרן, א גרויסער נגיד און בכבודיקער מאן, און (איך) גענים דיינער גאָר נישט, מיר קומט פון דעם ארוים זייער ווייניק. אָט זעסטו די מומע צירל, זאָל לעבן, האָט מיר צוגעשיקט גאָר שיינע שפיצן, אָט דאָס הייסט א מומע !"

איך ווייס גאנץ גוט אז אלע ווערטערביכער (צווישן זיי ספּיוואק און יהואָשעס) האלטן זיך פעסט ביי דעם טראדיציאָנעלן טייטש פון וואָרט. פאר אונז איז אָבער א סך וויכטיקער צו ווּיסן וואָסער טייטש דער וואָרט האָט אין מויל פון פאָלק און בפרט נאָך אין די טשעכיש־דייטשע מקומות.

אין דר. עריך בישאָפס ווערטערבוך דער וויכטיגסטען געהיים־ אונד בערופס־שפּראכן (לייפציג, אָן א יאָר, די פריערדיקע, קירצערע, פערטע אויסגאָב, פאָרוואָרט, 5טן מאי, 1916)

1) Kaum lösbare Rätsel.

*) אויפן שטיקל פאַקסימילע פון בריוו (טאפעל 3) זעען זיך קלאָר די פאַסיקלעך איבערן „ש" אין אלע דריי ערטער ווו עס שטייט הש"י (שורות 21, 23 און 25 פון נאָכדרוק אויף ז. 43). צום באדויערן, האָבן זיי די מחברים פון בוך ניט באמערקט, און דער נאָכדרוק שפּיגלט ניט אָפּ דעם אָריגינאל אַבסאָלוט פּינקטלעך.

נאַטירלעך האָבן ניט אַלע איבערגעזעצט באַדנזיכדיק און וואַשנזיכדיק — די שריפטשפּראַך האָט זיי צו גוט אויסגעדרעסירט. אבער אנדערע האָבן באַלד געענטפערט ווי די אַנקעטע האָט געוואָלט, און האָבן געזאָגט אז אין די געוויינטלעכע ווערטער וואָס חזרן זיך איבער טאָג איין טאָג אויס (ווי וואַשן זיך, באָדן זיך, קריגן זיך און אז. וו.) זאָגט מען גאָר ניט אדערש.

איך בין דערגאַנגען אז אזוי זאָגן מענטשן פון ווילנא, מינסק, שאַוועל, אוקראַינע, וואָלין, בעסאַראַביע. די פּוילישע יידן זיינען ניט אזוי שטאַרק נוטה צו ריידן אזוי, ווײַלע זיי הייבן אָן מיטן „זיך״: זיך וואַשנדיק, זיך באָדנדיק, ווי מע שרייבט ביי זיי.

עס איז זייער אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג, און די וואָס פאַרנעמען זיך מיט יידישער שפּראַכפאָרשונג, וואָלטן געדאַרפט מאַכן געהעריקע אנקעטעס אין אונזער אלטער היים.

ניו יאָרק, 1919—1927.


ISRAELITISCHE PRESSE

איזראעליטישע פרעססע

N. B. Ettelsohn, Publisher.

Chicago, April 4, 1879

Volume III.

No. 14.

N. B. ETTELSOHN, S. L. MARCUS, Editors.

אינהאלט

דר. מ. מיעזעס, אויך אַ גאַליציאַנער, דיע יידדישע שפּראַכע (בערלין־וויען, 1924), זז. 152—153, שרייבט: :עך פּראַי מעך, די פּראַיסט דעך, ער פּראַיט זעך, מיער פּראַיען זעך, איער פּראַיט אאַך, זאַי פּראַיען זעך, און ער באַמערקט ווייטער (כאָטשע אין גאַנץ דייטשלאַנד איז „וויר פרויען זיך" אַ געוויינטלאַכע פאָרמע), אַז די „מער אָדער וויניקער דורכגענגיקע פאַרשפּרייטונג פון „זיך" אויף די ביידע ערשטע פאַרשוינען קומט פון די סלאַוון". אפילו י. ווילּלער (דער יידישער זשאַרגאָן אין די פּוילישע לענדער, ז. 417, 3טער באַנד, 3טער טייל, 1טע אָפּטיילונג, פּוילישע ענציקלאָפּעדיע, קראָקע, 1915), וואָס זאָגט אַז אין פּויליש־יידיש זיינען דאָ 3 פאַרשיידענע פאַרשוינלעכע פאָרמעס, ווי אין דייטש, גיט צו אַז דער איינפלוס פון סלאַווישע שפּראַכן האָט פון זיי געמאַכט אַן איינציקע פאָרמע אין ליטוויש־יידיש און פון דאָרטן פאַרשפּרייט זי זיך ווייטער און אין די אַנדערע דיאַלעקטן.

אַזוי למשל וועט אַ וואָלינער ייד זאָגן מיט די ליטוועקעס: א י ך סטאַרע ז י ך; טראָג ז י ך! און ווען עס קומט צו: גיי ז י ך דיר צום טייוול! א י ך קריג ז י ך (דו קריגסט ז י ך) מיטן באַלעבאָס, וועט אַ גאַליצישער ייד אויך ניט זאָגן אַנדערש. שוין אין די פּראָגער בריוו (8א, ז. 15) לייענען מיר: „נון האָבן מ י ר ז י ך זער תּל מסמח (משמח) גיוועשט". באַקאַנטע פאָלקסלידער זינגען: „לאָמיר ז י ך איבערבעטן!" און: „די מחותּנים גייען, קינדער! לאָמיר ז י ך פריידן, שאַט נאָר, שאַט!"; אַנאַנדערער: „לאַך איך מיך גוט פון מיינע שונאים אויס און גיי ז י ך גאָר אַ פריילאַכס".

ביי די דייטשן איז די פאָרמע ז י ך אין ערשטער פאַרשוין מערצאָל אַ געוויינטלעכע זאַך, און אפילו אין איינצאָל טרעפט מען זי ביי די בעסטע שריפטשטעלערס:

ICH hatte noch keine messe gehört und wollte sie in Innsbruck......nun desto andächtiger zu SICH nehmen, Goethe, 30. 16, 18; Ich rath EUCH, wenn Ihr Kein Steinesel seyd. n'cht auf drei Schritte SICH uns zu nähern, Schikaneder, I, 43 (Paul, Deutsche Grammatik, B. III, 130-1; Halle a. S., 1919); Heb hinten über SICH das Glas (Paul, Prinzip'en der Sprachgeschichte. S 230; Halle, 1920); mir bodn s'ch; wir wollen sich hersetzen (s. 383, L. Sütterlin, Neuhochdeutsche Grammatik, München, 1924.)

ווי מיר זעען, איז „זיך" אין אַלגעמיין־יידיש געוואָרן אַ פעסטער טייל פון די ווערבן (טו־ווערטער), און וואַשנזעך, באָדנזעך, און אַז. וו. זיינען געוואָרן ווערטער וואָס די גראַמאַטישע פּסיכאָלאָגיע פון אונזער פאָלק באַנעמט ווי איינסן, ניט פילנדיק זייערע באַשטאַנדטיילן. אַזאַ זאַך האָט זיך אַמאָל געטראָפן מיט איינגליש: אין די ווערטער ba+sk, bu+sk=bask busk באָדן זיך און צוגרייטן זיך, ווי מע פילט מער ניט דעם צווייטען טייל פון די ווערטער און מע זאָגט איצט basking, he basks וואָס מיינט בוכשטעבלעך אין יידיש: ער באָדזיכט, באָדנזיכדיק, אָנשטאָט צו זאָגן ער באָדט זיך, באָדנדיק ז י ך.

און פּונקט דאָסזעלביקע האָט זיך געטראָפן אין אונזער יידיש. איך האָב די דערשיינונג צוערשט באַמערקט מיט אַכט יאָר צוריק. אין האַרבסט 1919 האָב איך געלייענט אַ רעפעראַט וועגן די קלאַנגען ל, מ, נ. ר אין יידיש, אויף אַ זיצונג פון דער אָרטאָגראַפישער קאָמיסיע. איך האָב אָנגעשריבן „גריבלענזיכדיק", (אַזוי ווי ס'איז ביי מיר פון צונג אַרונטער!) אין צוויי זאַצן נאָכאַנאַנד און זיי בכוון איבערגעלייענט נאָך אַמאָל, אַזוי ווי איך וואָלט עפּעס וועלן אויסבעסערן אַ טעות. קיינער האָט ניט באַמערקט דעם גריבלענזיכדיק (צווישן די אַכט־ניין מענטשן זיינען געווען ש. ניגער, די ברידער האָלמשטאָקס, יעקב לעווין, ל. לעהרער), האָב איך זיי געפרעגט צי זיי האָבן געהערט וואָס איך לייען גריבלענזיכדיק. ערשט דאַן האָבן זיי זיך אַרומגעזען און האָבן איינגעשטימט אַז אין ריידן זאָגט מען: באָדנזיכדיק, וואַשנזיכדיק, ניט ווי אין דער שריפטשפּראַך: באָדנדיק זיך, וואַשנדיק זיך און אַז. וו.

זינט דאַן האָב איך געמאַכט די פּראָבע מיט יחידים און אין פאַרשיידענע קלאַסן פון יידיש. איך האָב עס געטאָן אויף אַזאַ אופן: דער וואָס ענטפערט אויף דער אַנקעטע טאָר ניט וויסן דעם סוד פאָרויס, ווייל שפּראַך פאַקטן מוזן קומען נאַטירלעך, אומבאַוואוסטזיניק. פלעג איך פרעגן, ווי מע זאָגט אויף יידיש אַן ערך אַזאַ זאַץ:

Купаясь въ рѣкѣ, я нашелъ кольцо; умываясь, я расцарапалъ себѣ щеку.
Bathing in the river, I found a ring; washing this morning, I scratched my cheek.

פון דער וויסנשאַפט פאַר טעאָרעטישע אָדער פּראַקטישע צוועקן, מיט איין וואָרט, איינער וואָס דורך זיין שטודיום באַצוועקט ער צו באַרייכערן, פאַרברייטערן און פאַרטיפן די וויסנשאַפט, — הייסט א פ אָ ר ש ע ר.

א מענטש קען זיין א געלערנטער, און ניט זיין קיין פאָרשער. א פאָרשער אָבער מוז אויך זיין א געלערנטער. יהואש באַלאַנגט צו דער קאַטעגאָריע פון וויסנשאַפטסמענער וואָס זענען פאָרשער.

ווען האָט יהואש באַקומען זיין ערשטע אינספּיראַציע צו איבערזעצן די ביבל? מע קען מער ניט ווי מאַכן השערות. נאָך מיין מיינונג קומט אויס, אז ער האָט אפשר געהאַט דעם נעפּלדיקן געדאַנק נאָך אין דער צייט ווען ער האָט געשריבן זיינע ערשטע לידער, וועלכע האָבן זיך געדרוקט אין פּרצס „די יודישע ביבליאָטעק", אין 1890—91. שוין דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן שרייבן אויף ביבלישע טעמעס, ווי „אויף די פעלדער פון בית־לחם", (אויף רחלס קבר), „מזמור שיר ליום השבת", און זיין ערשטע פּראָבע פון איבערזעצן א קאַפּיטל תהלים „פון תהלים". עס איז ווערט אָנצוּווייזן אז זיין ערשטע ריין ביבליש ליד „פון תהלים" קען מען ניט אָנרופן אן איבערזעצונג. דער דיכטער האָט פאַרפאַסט א דראַמאַטיש בילד וואָס האָט אין זיך די הערלעכקייט פון דער שילדערונג פון קאַפּיטל י"ח אין תהלים, אָבער ער האָט זיך דערלויבט צו געבן זיין פאַנטאַזיע א פרייען שוואונג. ער האָט ניט איבערגעזעצט וואָרט פאַר וואָרט, ער האָט ניט געמאַכט קיין פרייע איבערזעצונג, ער האָט אפילו ניט מקפיד געווען אויף מוקדם ומאוחר. די אָרדענונג פון די סטאַנצעס לויט די פסוקים פונם קאַפּיטל זענען ווי פאָלגנד:

פון תהלים (קאַפּ. י"ח)

אויף די פליגלען פון דעם ווינד
רייט דער גרויסער העלד —
גאָט צבאות יאָגט געשווינד
איבער אונזער וועלט... (פסוק י"א)

און דער דונער לויפט פאָראויס, (פסוק י"ד)
זאָגט זיין קומען אָן,
און די בערג זיי הערן אויס:
ציטערן פאַר דעם טאָן... (פסוק ח)

עס ציטערן די בערג און די טאָלען,
עס ווערען די טייכען געשוואָלען,
עס וואַרפען זיך הימעל און ערד (פסוק ט"ז)
זיי ווילן פון שדי אנטרינען
און קענען קיין אָרט ניט געפינען,
ווייל אומעטום זעהט ער און הערט.

און עס שיסן פייער־פלאַמען,
העלע בליצען פון זיין נאָז (פסוק ט)
און עס פלאַצט א מבול וואָלקען
פון זיין שטאַרקען שטורם־בלאָז (פסוק י"ג)

און די זון ווערט פלוצלינג חשך
און איר מורא'דיגע סטאַדעס
יאָגען זיך געדיכטע כמאַרעס,
לויפן פונ'ם צאָרן שדי'ס... (פסוק י"ב)

פינסטער און חשך, דאָס ליכט איר פאַרשטעלט,
די דונערן קייקלען זיך איבער דער וועלט,
עס וואָיעט און יאָמערט דער ווינד,
גאָט פליהט דורך די פינסטערע וואָלקען אַליין (פסוק י)
עס פרעהען זיך אַלע וואָס פיהלען ריין, (פסוק כ"ח)
עס שרעקען זיך פאַלשקייט און זינד. (פסוק מ"ו)

דר. חיים ספיוואַק:

יהואָש דער וויסנשאַפטסמאַן.

(זכרונות)

פון יהואָשעס פּאָעטישע ווערק אַליין, וועט מען ניט קענען באַשליסן צי איז ער געווען אַ וויסנשאַפטסמאַן אָדער ניט.

יהואָש האָט אָבער איבערגעזעצט די ביבל, און צו איבערזעצן די ביבל, וואָס איז פול מיט פּאָעזיע ווי אַ מילגרוים מיט קערנער, איז ניט גענוג צו זיין סתם אַ פּאָעט, מע דאַרף אויך זיין אַ וויסנשאַפטסמאַן.

איידער איך וועל צוטרעטן צום ענין גופא וועל איך, ערשטנס, זאָגן וואָס איך מיין מיט דעם וואָרט וויסנשאַפטסמאַן; צווייטנס, וועל איך פּרובירן צו באַשטימען די צייט ווען יהואָש האָט אָנגעהויבן צו דענקען פון איבערזעצן די ביבל, וואָס וועט האָבן אין אַ געוויסער מאָס אַ ביאָגראַפישן און ביבליאָגראַפישן אינטערעס. און וואָס איז שייך צום ענין גופא, וועל איך באַשפּרעכן אייניקע פון יהואָשעס אייגנשאַפטן וועלכע באַרעכטיקן אים צום ערן־טיטל פון וויסנשאַפטסמאַן.

(1927—1872)

וואָס איז אַ וויסנשאַפטסמאַן? לעקסיקאָניש הייסט אַ וויסנשאַפטסמאַן, „איינער וואָס גיט זיך אָפּ מיט דעם שטודיום פון איינער אָדער מערערע וויסנשאַפטן, און האָט אָנגעזאַמלט פיל ידיעות בנוגע צו די וויסנשאַפטן מיט וועלכע ער אינטערעסירט זיך”. אַזאַ וויסנשאַפטס־מאַן רופט מען געלערנטער.

דער וואָס באַנוגנט זיך ניט מיט דעם שטודיום פון אַלע באַוואוסטע פאַקטן און דאַטן בנוגע צו אַן עקזיסטירנדער וויסנשאַפט, און גיט זיך אָפּ סיסטעמאַטיש צו זוכן נייע פאַקטן, נייע געזעצן אין דער וויסנשאַפט, אָדער אויסגעפינען די שייכות פון דער וויסנשאַפט צו אַנדערע, אָדער אַ נייע אויסטייטשונג פון אַן אַלטן אָנגענומענעם געזעץ, אָדער די אויסנוצונג

דערציילט מיט גרויס התלהבות פון מיין גרויסער אנטדעקונג. מיר האָבן טאַקע דעמאָלט און דאָרט באַשלאָסן, אַז מיר זאָלן זיך נעמען צו דער אַרבעט און צוזאַמענשטעלן אַזאַ ווערטערבוך. מיר האָבן זיך פאַרשאַפט אַלערליי ווערטערביכער, מיר האָבן דורכגעבלעטערט דעם תנ"ך, דעם סידור, קינות, סליחות, מחזורים, תחינות און דעם צאינה וראינה. די ווערטערביכער וועלכע איך האָב באַקומען פון ארבע כנפות הארץ האָבן אונטערגעבראָכן מיין גאוה און איינבילדונג, אַז איך בין דאָס געווען דער ערשטער צו פאַלן אויף דעם שכל צו זאַמלען העברעאישע ווערטער וועלכע ווערן געברויכט אין יידיש. איך האָב אויסגעפונען, צו מיין וואונדער, אַז די גויים, די דײַטשע געלערנטע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט דעם שטודיום פון יידיש נאָך מיט אַ פּאָר הונדערט יאָר צוריק און האָבן פאַרפאַסט גראַמאַטיקעס און לעקסיקאָנס אין וועלכע די העברעאישע ווערטער האָבן פאַרנומען דעם אויבנאָן. איך בין געווען אויסער זיך פון אַזאַ קלאַפּ. יהואָש אָבער האָט מיך באַרואיקט און האָט באַוויזן מיט אותות ומופתים, אַז אונזער ווערטערבוך וועט זיין אַ דבר חדש און מיר וועלן זיך ניט דאַרפן שעמען מיט אים. ער האָט געלייגט גרויס געוויכט אויף דעם, אַז אונזער ווערטערבוך וועט זיין דער ערשטער אויף דעם פעלד פון יידישער לעקסיקאָגראַפיע, מחמת די יידישע ווערטער ווערן פאַרטייטשט אויף יידיש — דער ערשטער יידיש־יידיש ווערטערבוך. איך בין זיך מודה און מתודה, אַז איך בין געווען אַ פולקאָמער איגנאָראַמוס אין הלכות לעקסיקאָגראַפיע, ניט געוואוסט ווי אָנצוהייבן. יהואָש אָבער, כאָטש ער האָט צו יענער צייט ניט געהאַט קיין גרויסע ידיעות אין לעקסיקאָגראַפיע, האָט ער אָבער פאַרמאָגט דעם חוש פאַר אַזאַ אַרבעט. ער האָט דעם גאַנצן ווערטערבוך אונזערן געזען מיט זיין גייסטיקן אויג — די ווערטער, די דעפיניציעס, פּאַפּיר, שריפט, דרוק, איינבאַנד, אפילו די צאָל פון די בלעטער האָט ער געוואוסט נאָך איידער מיר האָבן אָנגעשריבן דעם ערשטן אות.) אונזער בשותפותדיקע אַרבעט איז געווען פאַר מיר אַ קוואַל פון גייסטיקן פאַרגעניגן און פון באַשטענדיקע באַוואונדערונג פון דער שאַרפזיניקייט, ערודיציע און זכרון פון יהואָשן. עס איז געווען אַ שותפות פון מוח און כוח. איך האָב געטאָן די טעכנישע און מעכאַנישע אַרבעט, יהואָש — די וויסנשאַפטלעכע אַרבעט. איך האָב געזאַמלט דעם מאַטעריאַל, די ווערטער, און אויפגעשריבן זיי אויף צעטעלעך. יהואָש האָט דיקטירט די איבערזעצונגען און איך האָב זיי פאַרשריבן. ווי אַ פאַרגאַפּטער פלעג איך זיצן און הערן ווי ער מאַכט די איבערזעצונג, ניט אַפּשטעלנדיק זיך, ניט פאַר־טראַכטנדיק זיך. איך געדענק נאָך ווי היינט די ערשטע צוויי ווערטער, ווי ער האָט זיי פאַרטייטשט כהרף עין: א ב י ד ה פאַרלוסט, שאָדן; פאַרלאָרענער געגנשטאַנד. א ב ו ת, פאָטערס, עלטערן, די אורפאָטערס פון דעם יידישן פאָלק (אברהם, יצחק און יעקב). זעלטן ווען מע האָט געדאַרפט ענדערן די אָרדענונג פון דער פאַרטייטשונג, זעלטן ווען עס האָט געפעלט אַ ניואַנס.

דאָס בוך איז דערשינען אונטער דעם טיטל: „יידיש ווערטערבוך, אַנטהאַלט אַלע העברעאישע (און כאַלדעאישע) ווערטער, אויסדרוקן און אייגננעמען, וועלכע ווערן געברויכט אין דער יידישער שפּראַך, מיט זייער אויסשפּראַך און אַקצענט, און מיט ביישפּילן פון ווערטלעך און שפּריכווערטער אין וועלכע זיי קומען פאָר, מיט איין איינלייטונג פון נויטיקע כללים און באַמערקונגען, און אַ ביילאַגע פון העברעאישע פּערזאָנען־נעמען, פאַמיליען־נעמען און נעמען פון פאַריינען, חברות, שולן, בית עולמס און אַז. וו. פאַרלאַג יהואָש, ניו יאָרק, 1911." די איינלייטונג וועלכע פאַרנעמט אינגאַנצן ניינצן בלעטלעך איז אַ מוסטער פון קלאָרקייט און פולקייט בנוגע די גראַמאַטישע כללים פון די העברעאישע ווערטער אין יידיש. דאָס איז געווען אינגאַנצן יהואָשעס אַרבעט — איך האָב אפילו איין אות ניט צוגעשטעלט. דאָס פאָרוואָרט האָב איך געשריבן, און איך בין געווען אויפן זיבעטן הימל ווען ער האָט דאָס מיר צוגעשיקט פון ניו יאָרק און האָט געזאָגט „טוב".

די אַרבעט וועלכע האָט געדויערט כמעט גאַנצע זעקס יאָר, אין אַרבעט וואָס האָט צו טאָן מיט צוויי שפּראַכן — העברעאיש און יידיש, מיט דעם נאָכזוכן פון די יידישע עקוויוואַלענטן פאַר העברעאישע ווערטער, אויסדרוקן און זאַצן וועלכע געפינען זיך אין דער ביבל, די אַרבעט האָט יהואָשן געגעבן דעם אימפּולס צו מאַכן זיין ערשטע פּראָבע צו איבער־זעצן די ביבל אויף יידיש פון וועלכע מיר האָבן גערעדט פריער. אין דערזעלבער צייט ווען

אין משך פון די זיבן יאָר וועלכע יהואָש האָט פאַרבראַכט אין דענווער האָט ער אָנגעשריבן 214 לידער וועלכע זיינען אַריינגעגאַנגען אין ערשטן באַנד פון זיינע „געזאַמלטע לידער" (פאַרלאַג אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטעק, 1907). די לידער אויף ביבלישע טעמעס פאַרנעמען א גרויסן טייל פון בוך. ביבלישע עפּיגראַפן געפינען זיך אויף די פאָלגנדע לידער: „לא ברעש ה'" (ז. 15), „ויהי למטה" (ז. 21), „איוב" (ז. 23), „יפתח'ס טאָכטער" (ז. 26), „פון תהלים" (ז. 38), „שבת נחמו" (ז. 48), „כי תצא למלחמה" (ז. 359), „שומר מה מליל" (ז. 361), „אַלטע פּסוקים ניי פאַרטייטשט" (ז. 363), „דעם נביא'ס גורל" (ז. 368), „ממעמקים קראתיך ה'" (ז. 378).

מע קען פון דער רשימה זען, אז זיין „שניט" אָדער אַרט פון זיין דיכטן צו יענער צייט איז געווען שטאַרק ביבליש. איך זאָג בכיוון „צו יענער צייט", מחמת אין זיינע ווערק וועלכע זיינען דערשינען שפּעטער („נייע שריפטן", צוויי בענדער, פאַרלאַג יהואָש, 1910; „פון דער וועלט און יענער", פאַרלאַג יהואָש, 1913; „אין זון נעבעל", פאַרלאַג יהואָש, 1913) געפינען זיך גאָר ווייניק לידער אויף ביבלישע טעמעס, און קיינס פון זיי האָט ניט קיין ביבלישן עפּיגראַף.

איך דערקלער די דערשיינונג דערמיט, ווייל צו יענער צייט איז דער דיכטער צוגעטראָטן צו זיין לעבנסווערק — דער איבערזעצונג פון תנ"ך אין יידיש. ער האָט פאַרעפנטלעכט אין 1910 זיין ערשטע איבערזעצונג פון ישעיה, איוב, שיר השירים, רות און קהלת, און דאָס האָט וואַרשיינלעך באַפרידיקט זיין באַגער צו שרייבן אויף ביבלישע טעמעס. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען ער איז געוואָרן דער גרויסער בקי אין תנ"ך מיט אַלע זיינע מפרשים, און האָט זיך באַקענט מיט די איבערזעצונגען פון ביבל אויף אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכן, האָט זיין איבערזעצונג פון די אויבנדערמאָנטע ספרים און מגילות אים פאַרשאַפט פיל גייסטיקע שמערצן. זיין פּאָעטישער גייסט האָט געשוועבט איבער דער איבערזעצונג, און מע קען עס נאָך איצט לייענען מיט גרויס פאַרגעניגען, אָבער עס פעלט דאָרט גענויאיקייט און געלער־זאַמקייט. ער האָט די איבערזעצונג גערעכנט פאַר א פאַרשוועכונג פון דעם גייסט פון דער ביבל און כמעט ווי א גאָטלעסטערונג. פאַר זיינע אינטימע פריינט פלעגט ער אויסגיסן זיין שווער האַרץ און זאָגן, אז אויב עס וואָלט געווען מעגלעך, וואָלט ער אָפּגעקויפט צוריק אַלע פאַרקויפטע עקזעמפּלאַרן און זיי דן געווען לשריפה. די פּלאַטן פון דער אויסגאַבע האָט ער צעבראָכן מיט זיינע אייגענע הענט.

מיר דוכט אָבער, אז דער אימפּולס צו איבערזעצן די ביבל איז געקומען צו יהואָשן אין יאָר 1904. אין דעם יאָר האָט פּאַסירט אַן אינצידענט, וועלכער איז ווערט פאַרצייכנט צו ווערן, כאָטש איך ריזיקיר מיט מיין רעפּוטאַציע — אייניקע וועלן עס אפשר שלעכט פאַרטייטשן, און מיך רופן עגאָיסט. ענדע 1904 האָב איך זיך ניט געפילט מיט אַלעמען. די דאָקטוירים האָבן ניט געוואוסט מיין קרענק, חושד געווען אז איך האָב א „גייענדען טיפוס", און געהייסן גיין אין בעט אריין. יהואָש פלעגט אָפט מקיים זיין די מצוה פון ביקור־חולים. מיינער א פריינט (בערנאַרד לאַנדוי), ווייסנדיק מיינע שוואַכקייטן צו אַלטע ביכער, האָט מיר געבראַכט א מתנה „געזעניוס' לעקסיקאָן פון אַלטן טעסטאַמענט", איבערגעזעצט פון לאַטיין אין ענגליש, פון עדוואַרד ראָבינסאָן (באָסטאָן, 1850). די דאָקטוירים האָבן מיר פאַרבאָטן צו לייענען, אָבער אזוי ווי זיי האָבן גאָר ניט געזאָגט מכוח „בלעטערן" אָדער „אַריינקוקן" אין א בוך, האָב איך זיך מתיר געווען צו טאָן ביידע זאַכן. בלעטערנדיק אזוי דעם לעקסיקאָן איז מיר פּלוצלינג אַרויפגעקומען אויפן געדאַנק אויסצוגעפינען וויפיל העברעאישע ווערטער באַנוצן די יידיש־שפּרעכנדע יידן. איך האָב אָנגעהויבן פון אלף און „געבלעטערט" און „געקוקט". ווי דערשטוינט בין איך געווען געפינענדיק, אז כמעט אויף יעדן בלעטל איז דאָ א וואָרט אָדער צוויי וועלכע יידן געברויכן אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן. אין דעם לעקסיקאָן וואָס האָט קרוב צו דרייצן הונדערט בלעטלעך האָב איך ביז דעם פופציקסטן בלעטל געפונען די פאָלגנדע יידישע ווערטער: אב (אב בית דין) אבידה (לאבוד), אביון (אביונטע), אבל (מנחם אבל זיין), אבן (אבן טוב), אבר, אגודה, אדון, אדוני, אדיר, אדם (אדם הראשון), אהבה (אהבה רבה), אוי, אולי, אופן, אוצר, אור (ויהי אור), אות (אות באות), אזנים, אח, אחד, אחור, אחות, אחת (אחת ואחת) איכה, אימה, איש (אשת־איש), אכזר, אכילה. איך האָב זיך קוים דערוואַרט ביז יהואָש וועט קומען מיך באַזוכן, און איך האָב אים

א שטרענגע, טעקסט־טרייע. צו מאַכן די איבערזעצונג פאָלקסטימלעך, צו באַנוצן זיך מיט אַרכאַאישע זאַפטיקע ווערטער, געקליבן פון אַלטע ספרים און פון די מלמדישע און צאינה־וראינהשע אויסטייטשונגען. צו זיין געצוואונגען צו שאַפן נייע ווערטער און אויסדרוקן און צו דערזועלבער צייט אויסהאַלטן דעם טעמפּאָ, ריטם און פאַרב פון דער ביבל און ניט פאַרשוועכן די מסורה, האָט געקאָסט יהואָשן פיל מי, געזונט און שלאָפלאָזע נעכט. דאָס איז געווען אַן אַרבעט וואָס צענדליקער מענטשן האָבן זי געדאַרפט טאָן. די ערשטע איבערזעצונג פון דער ביבל אין גריכיש איז געמאַכט געוואָרן פון זיבעציק יידן (שבעים זקנים). יהואָש האָט געאַרבעט פאַר זיבעציק. ווי אַזוי עס איז דעם צאַרטן און שוואַכן מענטשן געלונגען צו פאַרענדיקן זיין גיגאַנטישע אַרבעט איז אומפאַרשטענדלאָך. סיידן זיין ליבע צו דער ביבל, זיין איבערגעגעבנקייט צו די צוויי שפּראַכן, — העברעאיש און יידיש, זיין ערפורכט פאַר דער מסורה, זיין שאַרפער מוח און יידישע האַרץ זיינען אים ביי געשטאַנען אין זיין שווערער אַרבעט.

ווען איך פלעג זען יהואָשן ביי דער אַרבעט האָב איך אים תמיד זיך פאָרגעשטעלט אַזוי ווי ער וואָלט געווען דער אַמאָליקער סופר וואָס פלעגט זיך טובלען יעדן טאָג איידער ער פלעגט אָנהייבן שרייבן די תורה, און אויך יעדעס מאָל ווען ער פלעגט דאַרפן שרייבן דאָס וואָרט יהוה. יעדעס וואָרט פון דער ביבל האָט יהואָש געשריבן מיט זיין געטובלטער נשמה, מיט קדושה.

יהואָשעס רום אַלס ביבל־איבערזעצער וועט ניט זיין קלענער פון זיין רום אַלס דער יידישער דיכטער. ער האָט אין זיך פאַראייניקט די זעלטענע גייסטיקע מתנות פון פּאָעט און וויסנשאַפטסמאַן.

ר. גראַנאָווסקי:

יצחק יואל לינעצקי*).

(זכרונות)

ווען איך האָב געלייענט דאָס „פּוילישע יונגל" פון יצחק לינעצקי בין איך געווען נאָך כמעט א קינד, אָבער דער איינדרוק פון דעם, אין יענער צייט, מערקווירדיקן בוך איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב אָנגעהויבן אויך ווייטער נאָכצופאָלגן זיינע שריפטן און אַזוי בין איך באַקאַנט געוואָרן מיט זיין „בייזער מאַרשעליק", „דער קליינער און גרויסער כל בוניק", „דער וואָרם אין חריין" (געדרוקט אין שלום עליכמס פאָלקס ביבליאָטעק"), „דער ישראליק", א צייטונג אַרויסגעגעבן אין לעמבערג אינאיינעם מיט אברהם גאָלדפאַדען, א צווייטע צייטונג: „נאַציאָנאַל" אין באָטאָשאַני (רומעניע), „דער משלחת", „דער וועלט לוח", „די פּריטשעפּי", „דער סטאַטיק" און פיל לוחות מיט וויצן און גלייכווערטלעך.

שפּעטער האָט לינעצקי פאַרעפנטלעכט עטלעכע חבת־ציון בראָשורן: „אַמעריקא צי ארץ ישראל", „אַהער אָדער אַהין", „די געאָגראַפיע פון פאַלעסטינאַ", איבערזעצונגען פון פּיליפּסאָנס „יעקב טיראַדאַ", פון דעם ערשטן באַנד גרעצס היסטאָריע, לעסינגס „נתן דער חכם". אין שלום עליכמס „אידישע פאָלקס ביבליאָטעק" האָט ער אָפּגעדרוקט אין 1888 „נישט טויט נישט לעבעדיק, אָדער דעם פּוילישן יונגס זוהן," אין 1898 — „די פּערעלעך", א קליין ביכעלע לידער, „די פאַרשטויסענע לירע", א ליד מיט נאָטן.

א לאַנגע צייט האָב איך געחלומט וועגן אים און זיך געוואונטשן אַמאָל אים ערגעץ צו באַגעגענען. געהערט האָב איך אַז ער פאָרט אַרום מיט זיינע ווערק זיי צו פאַרקויפן, און ווען

*) וועגן יצחק יואל לינעצקין איז זייער ווינציק געשריבן געוואָרן. די ידיעות, וואָס זיינען אין דער לעצטער צייט פאַרעפנטלעכט געוואָרן וועגן זיין פּערזענלעכקייט (אין שלום עליכם־בוך, ז. ז. 179—181), שטאַמען פון מענטשן, אויף וועלכע ער האָט, ווי עס ווייזט, נישט געמאַכט פּערזענלעך קיין גוטן איינדרוק. איז דערפאַר וויכטיק צו וויסן, אַז ניט אויף אַלעמען האָט ער געמאַכט אַזאַ איינדרוק. פון דעם שטאַנדפּונקט וועלן דעם ביאָגראַף פון י. י. לינעצקי זיכער צוניץ קומען די עראינערונגען פון ה' גראַנאָווסקי, דערפאַר דרוקן מיר זיי, כאָטש זיי טראָגן אַביסל אַ צו סוביעקטיוון כאַראַקטער, וואָס מער פאַקטן און וואָס מער פאַרשיידענע איינדרוקן עס וועלן זיך אָנזאַמלען וועגן לינעצקין, אַלץ מער מאַטעריאַל וועט זיין אויסצומאָלן אַן אָביעקטיוו בילד פון זיין לעבן און כאַראַקטער. — רעד.

מיר האָבן ביינאַכט געאַרבעט אויף דעם ווערטערבוך האָט ער ויינע טעג פאַרבראַכט מיט דער איבערזעצונג פון טיילן פון דער ביבל.

דער יידיש ווערטערבוך פאַר זיך אַליין באַרעכטיקט אונז צו קרוינען יהואָשן מיט דעם טיטל וויסנשאַפטסמאַן. ער האָט אַרויסגעוויזן אָריגינאַליטעט און פּאָרשונגס־פייאיקייטן, און האָט צום ערשטן מאָל אנגעצייגט אויף דעם קוואַל וועלכער באַפרוכפּערט און באַלעבט די יידישע שפּראַך.

און דאָ קומען מיר צום ענין גופא. וואָס מער יהואָש האָט זיך פאַרטיפט אין דעם שטודיום פון דער ביבל אַלץ מער האָט ער אויסגעפונען אַז ער מוז נאָך אַסך לערנען איידער ער קען וואַגן צוטרעטן צו דער איבערזעצונג. ערשנטס מוז ער קענען העברעאיש גרינטלעך. ער מוז קענען כאַלדעאיש גרינטלעך. ער מוז זיך באַקענען מיט אַלע איבערזעצונגען פון דער ביבל — אַראַמעאישע, גריכישע, לאַטיינישע און פון אַלע אַנדערע אייראָפּעאישע שפּראַכן. אַזוי ווי אַראַביש איז א שוועסטער־שפּראַך פון העברעאיש, באַשליסט ער צו פאָרן אין פּאַלעסטינע און לערנט דאָרט גרינדלעך די אַראַבישע שפּראַך. געלערנטע אַראַביסטן האָבן זיך געוואונדערט אויף זיין באַהאַוונטקייט ניט נאָר אין דער אַראַבישער שפּראַך נאָר אויך אין דער קלאַסישער אַראַבישער ליטעראַטור.

די שומרונים אין פּאַלעסטינע האָבן איבערגעזעצט די ביבל אויף זייער שפּראַך (ענלעך צום תרגום), דאַרף מען זיך לערנען די שומרונישע שפּראַך כדי צו קענען לייענען די ביבל אין זייער שפּראַך; עס איז דאָ אַן אַלטע איבערזעצונג פון דער ביבל וואָס הייסט „פּשיטא", געשריבן אויף דער סירישער שפּראַך. דאַרף מען אויסלערנען די סירישע שפּראַך. דריי טעג איידער יהואָש איז נפטר געוואָרן האָט ער אין צוויי טעג דורכגעשטודירט א סירישע גראַמאַטיקע, און איך האָב באַשטעלט פאַר אים, אויף זיין פאַרלאַנג, די לעצטע און בעסטע אויסגאַבע פון א פולשטענדיקן סירישן ווערטערבוך. ער האָט זיך געפרייט ווי א קינד ווען ער האָט זיך דערוואוסט אַז אַ גרויסער יידישער געלערנטער, זיין פריינט ר' חיים העלער, האָט אָנגעהייבן צו דרוקן די „פּשיטא" מיט העברעאישע בוכשטאַבן (סיריש איז ענלעך צו תרגום לשון), אַזוי אַז יעדער ייד וועט קענען לייענען די „פּשיטא".

די אַלע פאָראַרבעטן זיינען געווען אויף דעם געביט פון דעם העברעאישער שפּראַך. ער האָט געוואָלט וואָס טיפער פאַרשטיין דעם גייסט פון דער שפּראַך דורך דעם ווי אַזוי די אַלע אַנדערע האָבן איבערגעלייזדיקט דאָס העברעאישע אין זייערע פאַרשיידענע שפּראַכן. איך רעד גאָר ניט פון די הונדערטער מפרשים יידישע און ניט יידישע, וועלכע יהואָש האָט גרינטלעך געשטודירט — פון רש"י, אבן־עזרא ביז עוואַלד און גונקעל.

און מיט דעמזעלבן אימפּעט מיט וועלכן ער האָט געשטרעבט אַריינצודרינגן אין דעם גייסט פון די העברעאישע ווערטער, האָט ער זיך אָפּגעגעבן צו דעם שטודיום פון דער יידישער שפּראַך. עס איז ניטאָ קיין איין איינציקע יידישע איבערזעצונג וועלכע ער האָט ניט דורכגעלעזן — פון דער גאָר עלצטער איבערזעצונג פון דעם חומש פון מיכאל אדם (1544), תהלים פון אליה בחור (1545), די צוויי איבערזעצונגען פון גאַנץ תנ"ך, פון יקותיאל בליץ (1676) און יוזל וויצן הויזן (1679) ביז די הונדערטער איבערזעצונגען פון סידור מחזור, סליחות, צאינה וראינה און הונדערטער תחינות. אַלע זיינע פריינט האָבן אים געליען יקר־המציאותדיקע ביכער. ער האָט באַצויגן ביכער פון אַלע גרויסע ביבליאָטעקן וואָס האָבן זאַמלונגען פון אידישער ליטעראַטור — די ביבליאָטעק פון טעאָלאָגישן סעמינאַר, ניו יאָרק; די ביבליאָטעק פון היברו יוניאָן קאַלעדזש, סינסינעטי; די דראָפּסי קאַלעדזש, פילאַדעלפיע, און פון זיינע לעצטע מטבעות האָט ער געקויפט ביכער. ער האָט אַלע ביכער געלייענט, און יעדעס בוך איז אים צוניץ געקומען.

עס איז גענוג צו דערמאָנען, אַז אין דעם יהואָש־חומש וואָס איז אַרויס פון דרוק מיט א פּאָר מאָנאַטן איידער ער איז געשטאָרבן, זיינען דאָ איבער פינף הונדערט נייע יידישע ווערטער, א קליינער טייל פון זיי זיינען ווערטער וועלכע ער האָט אַנטליען פון די אַלטע איבערזעצונגען, און האָט אין זיי אַריינגעבלאָזן א נייעם לעבן, און די גרעסטע צאָל זיינען פון זיין אייגענער מינצונג — ער האָט זיי באַשאַפן.

כאָטש ער האָט זיך געמאַכט היימיש אין דער גרויסער מאָדערנער ליטעראַטור פון ביבל־פאָרשונג, האָט ער אָבער ניט אויף א האָר אָפּגעווייכט פון דער מסורה. זיין איבערזעצונג איז

עס האָבן זיך פאַרזאַמלט פיל געסט, שרייבער, דיכטער, סטודענטן און אַנדערע פּערזאָנען, ווי צום ביישפּיל, גורלאַנד מיט זיין פרוי, פּאָמעראַנץ, דער דאַמאַלסטיקער ראַבינער פון אָדעס מיט זיין פרוי (לואי מילערס אַ שוועסטער) און פיל אַנדערע. אַלע האָבן אומגעדולדיק געוואַרט אויף לינעצקין.

לינעצקי איז געקומען אין באַגלייטונג פון זיין פרוי, אַן אויסגעפּוצטער אין אַ צילינדערהוט מיט שוואַרצע עלעגאַנטע הענטשיקעס און שיינע קליידער, וועלכע זיינען געלעגן אויף אים געפּאַסט. ער האָט זיך געהאַלטן מיר ווירדע; געקערט געלאַסן, זיך געגריסט מיט יעדן העפלעך און געזאָגט יעדן אַ גלייכוואָרט. ווען מע האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר אים, האָט מען אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז עס דרוקט זיך מיינס אַ ווערק. ער האָט נאָך אַמאָל איבערגעפרעגט מיין פאַמיליע־נאָמען און געזאָגט: „זייער פיין", און דערביי ליבלעך געשמייכלט. ווען ער האָט געשמייכלט, האָבן זיך אַרויסגעזען זיינע גרויסע פאָדערשטע ציין.

עס איז געוואָרן שטיל. ער האָט פּאַמעלעך, געלאַסן, אויסגעווישט זיינע אויגן־גלעזער מיט אַ ווייס טיכעלע און האָט געגומען פאַרלעזן פון אַ ביכל זיין ניי ווערק „די פּערעלעך". ער האָט געלעזן אַרטיסטיש. מע האָט אים אַפּלאָדירט מיט באַגייסטערונג. אַלע האָבן שטאַרק געלויבט „די פּערעליך". ווען מע האָט אים געפרעגט ווען ער גייט זיי דרוקן, האָט ער געענטפערט:

„דאָס איז ניט פון מיינע בעסטע זאַכן. איך שרייב איצט ניט צום דרוקן. זאָלן אַנדערע דרוקן. אין דעם כאַאָס איז ניטאָ פאַר ווער מען צו דרוקן. דאָס פאָלק איז פאַרפירט און מע נוצט עס אויס. איך וועל פילייכט שרייבן וועגן דעם."

מע האָט דערנאָך אַביסל דיסקוטירט איבער ליטעראַטור און איבער אַנדערע פראַגן. לינעצקי האָט וויציק גערעדט און אַלע האָבן האַרציק געלאַכט. ביים אַוועקגיין האָט ער זיך מיט מיר פריינדלעך געזעגנט און געזאָגט: „יונגערמאַן, קומט אַמאָל אַריין צו מיר און ברענגט מיט אייערע שריפטן. איר וועט זיין אַ גוטער גאַסט". איך בין געווען איבער־גליקלעך פון דער איינלאַדונג, אָבער איך האָב ניט געהאַט גענוג מוט אַליין צו גיין צו אים. ווידער האָבן מיך פריינט אָפּגעראַטן צו אים צו קומען. זיי האָבן מיר געזאָגט: „ער איז צו שטרענג צו יונגע שרייבער". מיינע שריפטן זיינען שוין געווען אין דרוק, האָב איך געוואַרט, אַז ווען מיין ווערק וועט אַרויס פון דרוק, וועל איך דאַן צו אים גיין. נאָר דורך אַ צופאַל האָבן מיר זיך באַגעגנט אין גאַס. ער האָט מיר געמאַכט פאָרוואָרפן פאַרוואָס איך קום ניט צו אים, און דערביי געזאָגט: „מע האָט אייך געווים אָנגעשראָקן. זיי האָבן פיינט ווען מע זאָגט זיי דעם אמת."

ביים געזעגענען זיך האָט ער מיר געזאָגט שטאָלץ: „נו, אַז איר ווילט ניט קומען — קומט ניט!"

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָב איך אים געשיקט מיין בראָשור „אונזערע ציוניסטן", און דאַן האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און בין צו אים געקומען. געוווינט האָט ער אין אַ שיינער גאַס, אַ שטילער, אויפן ערשטן שטאָק. דאָס הויז איז געווען זייער שיין צוגעקליבן. עס האָט זיך אָנגעזען אין דעם אַ פרויעס האַנט. די וווינונג איז באַשטאַנען פון פיר צימערן. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ זידיקער סאַמאָוואַר אויף אַ קופּערנעם טעצל. אָן אַ זייט איז געשטאַנען זיין שרייבטיש. ער האָט זיך געדרייט אַרום טיש און אָנגעגאָסן טיי אין די גלעזער. ער האָט עס געטאָן אַזוי ערנסט, ווי עס וואָלט געווען אַ גאָטעס־דינסט. פאַרן אַריינגיסן די טיי אין גלאָז האָט ער זי באַקוקט צי זי איז ריין, און דערביי מיך געפרעגט מיט וויפל שטיקלעך צוקער איך טרינק. זיך האָט ער אַריינגעוואָרפן זעקס שטיקלעך און צו מיר געזאָגט: „איך האָב ליב שטאַרק זיס". איך האָב באַטראַכט זיין אויסזען: אַ מיטעלער וווקס, זיין קאָפּ דורכגעוועבט מיט גרויקייט... ווען מע האָט זיך צוגעקוקט צו אים, צו זיינע אייראָפּעאישע מאַנירן, האָט מען דאָך געקאָנט באַמערקן דעם „בית המדרשניק", דעם חסיד, — דאָס „פּוילישע יינגל". זיינע געזיכט־שטריכן זיינען געווען ענערגיש. עס האָט זיך אין זיי אַרויסגעזען שטאָלצקייט און עקשנות, אָבער צו יעדער צייט האָט ער געהאַט אַ ליבן שמייכל וואָס האָט אים זייער געפּאַסט.

זיין פרוי האָט אויסגעזען דער היפוך פון אים: זי איז געווען אַ הויכע, אַ דיקע און האָט גערעדט אַ שלעכטן יידיש (ווען איך באַגעגן זי אין גאַס וואָלט איך קיין מאָל ניט

איינער פון מיין שטעטל האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט זיך געטראָפן אונטערוועגנס מיט יצחק יואל לינעצקין אין אַ וואַגאָן, און אַז ער האָט מיט אים גערעדט, האָב איך אים נאָכגעפאָרשט ווי אַזוי לינעצקי זעט אויס און וועגן וואָס זיי האָבן גערעדט.

יצחק יואל לינעצקי.

שפּעטער מיט יאָרן ווען איך בין געקומען קיין אדעס, איז צווישן פיל מיינע חלומות געווען אויך דער חלום: צו זען לינעצקין און באַקענען זיך מיט אים פּערזענלעך. אָבער דעמאָלט האָב איך שוין אַליין אויך געשריבן און בין פּערשלונגען געוואָרן צווישן די יינגערע שרייבער. צום אַלעם ערשטן האָב איך זיך באַקענט מיט דעם דיכטער פּלטיאל זאַמאָשטשין, וואָס האָט זיך אין יענער צייט אויסגעצייכנט מיט אַ גרויסער פּאָעמע: „שמע ישראל", וואָס איז געווען געדרוקט אין דעם זאַמלבוך „דער וועקער", אַרויסגעגעבן פון פראַנקפעלד און ראַווניצקי. איך האָב נאָכדעם מיט זאַמאָשטשין געאַרבעט אין איין קאַנטאָר ביי דעם זון פון אָדעסער געוועזענעם ראַבינער ח. גורלאַנד און איך בין געווען ביי זאַמאָשטשינען אין הויז אַ שטענדיקער איינגייער. איך פלעג זיך דאָרט טרעפן מיט פיל ליטעראַטן, אַרטיסטן און פאַרערער פון יידיש. זאַמאָשטשינס פרוי פלעגט פון צייט צו צייט שרייבן אין רוסיש און אויך אין יידיש אונטער דעם פסעוודאָנים „בת מלכה". אירע אַ גרויסע דערציילונג „ישראלקע דער משוגענער" איז געווען געדרוקט אין דעם זאַמלבוך „דאָס הייליקע לאַנד", אַרויסגעגעבן פון בערטע פלעקסער. ביי די זאַמאָשטשינס אין הויז האָב איך זיך באַגעגנט מיטן שרייבער אלימלך וועקסלער, „איש נעמי", מיט בן־עמין, אויך מיט גאָלדפאַדנס אַ שוואָגער, פ ע ל ד־ ב ע ר ג — אַ געבילדעטער רייכער מאַן וואָס פלעגט אויך שרייבן פון צייט צו צייט.

אַמאָל אין אַן אָוונט, ווען איך בין געקומען צו זאַמאָשטשינען, האָט מיר זיין פרוי דערציילט, אַז לינעצקי קומט פאַרלעזן ביי זיי אין הויז אַ נייע זאַך: „די פערעלעך", און זי האָט ממש געשיינט פון פרייד. דערביי האָט זי געמאַכט די באַמערקונג, אַז מע מוז זיין זייער אויפמערקזאַם ווען לינעצקי לעזט פאָר; ווען ניט, קען ער ברוגז ווערן און אויפהערן לייענען. דערביי האָט זי נאָך אַמאָל באַמערקט, אַז ער איז אַ קאַפּריזנער מענטש, אָבער זייער אַן אינטערעסאַנטער, אַ זעלטן קלוגער, אַ קינסטלער און אַן אויסגעצייכנטער פאַרלעזער. איך האָב אומגעדולדיק געוואַרט אויף דעם אָוונט אים צו זען.

זיין שנור פלעגט זיך האלטן שטאָלץ צוליב דעם וואָס איר פאָטער איז געווען אַן אָדעסער באַוואוסטער מוזיקער. לינעצקי פלעגט אָפט לאַכן פון דער שנורס גרויסקייט און זאָגן: „דיין טאַטע האָט נאָר פארשפילט אדעס, אָבער איך האָב פארשפילט אַ וועלט...״

פרייטאָג צונאַכט פלעגט ער אָפט אויך גיין אין שול אריין. אזוי ווי ער איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון מוזיק און נגינה, פלעגט ער גיין אין דער בראָדער שול הערן ס. מינקאָווסקין. אַמאָל, ווען איך בין מיט אים מיטגעגאַנגען האָבן מיר געטראָפן מינקאָווסקין גיין אין שול אריין. זאַגט לינעצקי צו אים: „אייך איז גוט, איר טוט גאָרניט. זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי אזוי טוט אַ מענטש גאָרניט?״ ענטפערט אים מינקאָווסקי: „איך זיץ דריי שעה ליידיק, ווער איך אַזוי מיד פון ליידיק זיצן, אַז איך זיץ דריי שעה און רו זיך אָפּ.״ זאָגט צו אים לינעצקי: „דאַכט זיך, אַז חזנים זיינען נאַראָנים, אָבער מיט לינעצקין זאָגט אפילו אַ חַזן אַ גלייכוואָרט.״

אַמאָל, ווען איך בין געקומען צו אים, האָב איך געזען, אַז צווישן אים מיט זיין פרוי איז אַן אָנגעצויגענע שטימונג. איך האָב מיך געמאַכט ווי איך פאַרשטיי ניט. אַ גאַנצן אָוונט האָבן זיי ניט גערעדט. ווען ער איז געגאַנגען זיך איבערטאָן האָט זי מיר געגעבן אָנצוהערן, אַז ער איז אַ שגעון און זי מוז ליידן. ער האָט זיך אויסגעפוצט, ווי אַלעמאָל, און מיר זיינען אוועק אין פאַרק. אין פאַרק זיינען מיר לאַנג ניט געזעסן, און אויפן וועג צוריק, איז ער אַריין אין אַ צוקערניע און האָט געקויפט אַ פעקל קאַנדיטעריי. איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און אים געפרעגט פאַר וועמען ער האָט געקויפט, אזוי שפעט, די גוטע זאַכן, און דערביי אים באַמערקט, אַז איך פאַרשטיי, אַז ער איז מיט זיין פרוי ניט בשלום. אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט: „דאָס איז פאַר איר, פאַר מיין ווייב. אַ ״מיתה משונה״ אויף איר. זי זאָל מיך איבערלעבן. איך האָב פיינט ווען זי רעדט און האָב ליב ווען אירע פאַנטאָפל סקריפן״. און ער האָט פאָרגעזעצט: „אַיִ, גוטער ברודער, זאָלסט וויסן זיין, אַז דאָס פאַמיליען־לעבן איז אַ סוד. וואָס מער איינער דערציילט די סודות פון זיין פאַמיליען־לעבן פאַר אַ צווייטן, פאַרבאָרגט ער נאָך מער אין זיך. און וואָס מער ער איז גערעכט, בלייבט ער ביי יענעם אומגערעכט; בעסער איז שווייגן. אויף דער עלטער איז גוט צו האָבן אַ נאָענטן, מיטפילנדן פריינט ער זאָל דיך פארשטיין. איך וואָלט געוואָלט באַגעגענען אַ גוטע, צערטלעכע, אינטעליגענטע פרוי, מיט אַ נשמה און מִיט איר פארברענגען מיין לעבן. מיין קינד! נעמען דאַרף מען „אַ בת תלמיד חכם״. גאָלדפאַדן איז אין דעם פּרט אַ גליקלעכערער מענטש פון מיר. ער האָט גענומען דעם העברייאישן שריפטשטעלער ווערבילס אַ טאָכטער, און זי צערטלט אים ווי אַ קינד, זי פאַרגעטערט אים.״

אַלע מאָל פלעגט ער ריידן פון גאָלדפאַדענען מיט באַגייסטערונג און נעמען זינגען פון „שולמית״:

> שבת, יום־טוב און ראש חודש
> דאַווען איך מיר אַליין פאַר זיך,
> איך האָב מיר אַליין מיין אַרון קדוש,
> עס בעט ניט קיינער אין איהם נאָר איך;
> מיין שווער האַרץ איז דאָרט דער עמוד,
> עס זעהט איהם קיינער ניט אַרוים;
> די ליעבע איז דאָרטען אַ „נר תמיד״
> עס ברענט און לעשט קיין מאָל ניט אוים.

„נו, קען עמעצער זיך פארגלייכן מיט אים? וואָס גיבן אונז איצטער די דעקאַדענטן, וואָס שרייבן מער פינטעלעך ווי געדאַנק, פליען אין הימל און ווילן ניט זען וואָס עס טוט זיך פאַר זייערע אויגן? גאָלדפאַדן האָט געוואוסט וואָס ער וויל און דערפאַר איז ער אזוי באַליבט ביים פאָלק.״

איך האָב זיך שפעטער געטראָפן מיט זאַמאָשטשין און אים דערציילט ווי לינעצקי רעדט מיט באַגייסטערונג פון גאָלדפאַדן. אויף דעם האָט מיר זאַמאָשטשין געזאָגט: „צו פעלדבערגן, גאָלדפאַדנס שוואָגער, איז אָנגעקומען אַ ביכל, אַ גרויסע פּאָעמע פון גאָלדפאַדענען מיטן נאָמען „שבתיאל״. עס איז ווערט דאָס צו זען.״ איך בין אַוועק צו פעלדבערגן, האָט ער מיר געזאָגט אַז דאָס ביכל איז ביי גאָלדפאַדנס עלטערן. איך בין איבערראַשט געוואָרן דערוויסנדיק זיך, אַז גאָלדפאַדן האָט נאָך עלטערן און זיי זיינען אין אדעס, וואו מע קען זיי זען. איך בין אַוועק אויף דער פּרעאָבראַזשענסקי גאַס, וואו זיי האָבן געוואוינט, געטראָפן ביי

חושד געווען אַז זי איז אַ יידישע). לינעצקי האָט זיך צוגעזעצט לעבן מיר און געזאגט: „איך האָב איבערגעלעזן אייער ווערק, נאָר איך וויל אייך איצט מיין מיינונג ניט זאָגן. איך וועל שרייבן וועגן דעם, ווי איר האָט פון מיר פאַרלאַנגט.״

„דאָס איז״, ווייזט אויס, „ניט קיין גוטער סימן״. האָב איך געזאגט. ער האָט מיך גלייך באַרויקט מיט די ווערטער: „איר זייט מיר געפעלן מיט דעם וואָס איר האָט געוואגט צו זאָגן דעם אמת. איך בין אויך אפילו זיכער, אַז דער אמת וועט אייך קאָסטן צו טייער. איך באַגריס אייך פאַר אייער מוט.״ ער האָט מיר געגעבן די האַנט. איך בין געווען איבערגליקלעך פון זיין מיינונג.

איך האָב אים דאַן, אין דעם געשפּרעך, געפרעגט, צי ער שרייבט וואָס די לעצטע צייט? אַלס ענטפער האָט ער מיר געוויזן גאַנצע פּעק אנגעשריבענע זאַכן, און האָט מיר אויך אַ פּאָר זאַכן איבערגעלייענט. דערנאָך האָט ער מיר דערלאַנגט אַ געדרוקטע ליד מיט נאָטן, מיט זייער אַ שיינעם אַרטיסטישן פּאָדערבלאַט, „די פאַרשטויסענע לירע״, און געזאָגט: „דאָס איז מיין לעצט ליד וואָס איז ניט לאַנג אַרויס פון דרוק״, און גענומען אַליין זינגען די ווערטער:

„גיט מיר די לירע! אַך, ווי איז זי ווי?
איך וועל אויף איהר שפּילען מיין־אַלטע מעלאָדי,
אויף וועלכער איך פלעג זיך געשמאַק, צו דער זאַט,
אַלע „ראש השנה״ אויסוויינען פאַר גאָט.״

דער מאָטיוו און די ווערטער האָבן אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, און איך האָב אים זייער געדאַנקט. איך בין זיך פאַרזעסן ביז שפּעט. ביים אַוועקגיין האָט ער מיך געבעטן קומען אָפטער. נאָך דעם אָוונט בין איך געוואָרן זיינער אַ שטענדיקער באַזוכער און שפּעטער, אויך אַן אינטימער פריינט.

אַלע מאָל, ווען איך בין צו אים געקומען און האָב ניט געטראָפן קיין געסט, האָט ער געשריבן, אָדער געלייענט. געשריבן האָט ער אי פּראָזע, אי לידער. ער האָט געמאַכט פיל איבערזעצונגען פון רוסיש און דייטש. ער האָט אויך פאַרפאַרטיקט צום דרוק אַן איבערזעצונג פון סידור אין אידיש, אין גראַמען. עס איז געווען אַ ריזיקע אַרבעט, אָבער ער איז דערמיט שטאַרק צופרידן געווען און האָט געזאגט: „דאָס סידור וועט בלייבן אויף דור דורות״.

צו זיין ערשטן (זעכציק יאָריקן) יובילײ וואָס איז געפייערט געוואָרן פון זיינע פאַרערער, האָט ער צווישן אַנדערע פּרעזענטן אויך געקראָגן אַ געגילדעטע סיגאַרעטן קעסטעלע פון דער חברה „מפיצי השכלה״. אויפן קעסטעלע איז געווען אויסגעגראַווירט אַ סטודענט, מיט אַ „פּוילישן יונגל״. דאָס איז אים זייער געפעלן געווען. ער פלעגט עס שטענדיק האַלטן אויף זיין שרייבטיש. עס איז אויך אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ יובילײ־ביכל מיטן נאָמען „לינעצקים יובילייאום״, וווּ צווישן פיל לויב־געזאַנגען פון שרייבער און דיכטער איז אויך געווען געדרוקט זיינע אַ רעדע: „אַ רייזע אַרום דער וועלט״, וווּ ער האָט געשילדערט זיין ליטעראַרישע קאַריערע.

אין דער צייט וואָס איך האָב זיך מיט אים באַקענט, האָט ער פון שרייבן קיין לעבן ניט געמאַכט. זיין עלטסטער זון, אַ באַרימטער אַרכיטעקט, וואָס פלעגט פאַרדינען מער פון פופצן טויזנט רובל אַ יאָר, האָט אים געגעבן הונדערט רובל אַ מאָנאַט אויף צו לעבן מיט זיין פרוי און דאָס איז פאַר אים מיט זיין פרוי געווען גענוג. אָבער דאָס האָט אים ניט צופרידנגעשטעלט. ער איז געווען צו שטאָלץ אָנצוקומען צו די קינדער, וועלכע זיינען געווען דער קאָנטראַסט פון אים. ער האָט געהאַט דריי זין און איין טאָכטער. די זין האָבן געקאָנט זייער וויייניק יידיש. זיי זיינען געווען פאַראינטערעסירט אין דער רוסישער ליטעראַטור און האָבן זיך געדרייט אין קריסטלעכע קרייזן. די מוטער האָט זיך געלאָזט דערציען פון די זין. די טאָכטער, לינעצקיס ליבלינג, וועלכע מע האָט אין הויז גערופן „דעם טאַטנס טאָכטער״. איז געווען זייער אַ געראָטענע. זי האָט געענדיקט גימנאַזיע מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל און האָט שטאַרק ליב געהאַט דעם טאַטן, אָבער פון איר האָט ער אויך קיין נחת ניט געהאַט: זי האָט חתונה געהאַט מיט אַן אינזשעניר־כעמיק, וועלכער איז געווען אַ סך עלטער פון איר, און איז געבליבן אַן אומצופרידענע. דער שידוך איז לכתחילה געווען קעגן דעם פאָטערס ווילן.

כמעט אַלע פרייטאָג צונאַכט פלעגט לינעצקי מיט זיין פרוי גיין צו זיין עלטסטן זון צוגאַסט. דאָרט פלעגט מען אים שטענדיק אָפיציעל אויפנעמען ווי אַ גרויסן גאַסט, אָבער

עס שאַפט זיך אַן אַבערגלויבן. די מעשה האָט ער גערופן: „אַ פולע שול מיט וועלוול מלמד״. וועלוול מלמד, איז אַ ייד אַ למדן, וועלכער זיצט ימים ולילה און לערנט אין שול. און יוסף שוחט איז אַן ערלעכער ייד, וואָס גייט אַלע אינדערפרי אין מקוה זיך טובל זיין. אַמאָל איז יוסף שוחט געקומען אין שול, ווען עס איז נאָך געווען פינצטער און קיין שוועבעלע האָט ער ביי זיך ניט געהאַט, איז ביי אים געבליבן זיך צו לייגן אויף אַ באַנק ביז עס וועט ווערן ליכטיק. ווען ער איז צוגעגאַנגען צו אַ באַנק, גיט ער אַ טאַפּ, ערשט עס ליגט אַ מענטש. פרעגט ער: „ווער איז דאָס?״ ענטפערט מען אים: „דאָס בין איך, וועלוול מלמד״. פרעגט אים יענער צוריק: „ווער זייט איר?״ ענטפערט ער אים: „דאָס בין איך, יוסף שוחט״. וועלוול מלמד איז אַ ייד מיט דרך ארץ, גייט ער און לייגט זיך אויף אַן אַנדער באַנק. יוסף שוחט גייט צו צו דער צווייטער באַנק און גיט אַ טאַפּ, דערפילט ער אַז עס ליגט אַ מענטש, פרעגט ער: ווער איז דאָס, ענטפערט מען אים: „דאָס בין איך, וועלוול מלמד. ווער זייט איר?״ זאָגט ער אים: „איך בין יוסף שוחט״, איז וועלוול מלמד אַוועק צו אַן אַנדער באַנק. ווען יוסף שוחט איז געקומען צו דער נייער באַנק און וועלוול מלמד האָט אים געזאָגט: „דאָס בין איך, וועלוול מלמד״, האָט יוסף שוחט גענומען שרייען ניט מיט זיין קול: „געוואַלד, געוואַלד, געוואַלד, אַ פולע שול מיט וועלוול מלמד!״

[1] אַלע מאָל ווען לינעצקי פלעגט מיר דערציילן עפּעס אַן עפּיזאָד פון זיין לעבן, האָט ער שטענדיק געהאַט אַ פאַרגלייכונג, און אַ סך מאָל איז מיר די פאַרגלייכונג אינטערעסאַנטער געווען פונם עפּיזאָד אַליין. ער האָט אַלעס דערציילט אַזוי געלאַסן, ווי ער וואָלט עס גע־לעזן פון אַ בוך. אָבער דערפאַר האָט מען אים געמוזט אויסהערן מיט גרויס אופמערק־זאַמקייט, ווען ניט האָט ער דאָס גלייך באַמערקט. ער האָט פאַר מיר אַמאָל געזונגען זיינס אַ ליד, דאַכט זיך, „דער מאַי״. פּלוצים זאָגט ער מיר: אַז די הערסט ניט, וואָס זשע מאַכסטו מיך צום נאַר?״ איך האָב גלייך דערפילט, אַז ער האָט מיך געכאַפּט ביי דער האַנט. איך האָב זיך גענומען פאַרענטפערן און געזאָגט: „וואָס רעדט איר? איך הער גוט, וואָס הייסט, איך הער ניט?״ האָט ער מיר געזאָגט ברוגז'לעך: „לאָז מיך צירי, איך וועל פאַר דיר מער ניט זינגען״. אָבער איך האָב אים שטאַרק געבעטן און ער האָט מיר די ליד געענדיקט זינגען. פון דעמאָלט אָן בין איך געווען זייער פאָרזיכטיק. ווען ער האָט גערעדט, געזונגען, אָדער פאַרגעלעזן האָב איך זיך אָנגעשטרענגט ער זאָל מיך ניט חושד זיין, אַז איך הער ניט. און אין אמתן איז מיר יעדע באַוועגונג, יעדעס וואָרט זיינס געווען אינטערעסאַנט. אַמאָל בין איך צו אים געקומען ווען ער איז געווען ניט געזונט, האָט ער מיך אריינגערופן צו זיך אין צימער, וואו ער איז געלעגן און האָט מיר געזאָגט: „איך האָב דיר צו פאַרטרויען אַ סוד, נאָר עס זאָל קיינער ניט וויסן פון דעם: איך האָב זיך צע־קריגט מיט מיין זון און איך האָב זיך אַנטזאָגט פון די פינף־און־צוואַנציק רובל אַ וואָך, וואָס ער גיט מיר אויף צו לעבן. איצט בין איך קראַנק און איך האָב ניט אַ גראָשן, וויל איך, מיין קינד, זאָלסט מיר טאָן אַ טובה: נאָך מיין יובילייִ האָבן דריי גבירים זיך פאַרפליכטעט מיר צו צאָלן אַ געוויסע סומע געלט אַ וואָך אויף אויף מיין גאַנץ לעבן; אָבער אַזוי ווי איך האָב גענוג געהאַט צו לעבן פון מיין זונס געלט, האָב איך ביי זיי קיין געלט ניט גענומען. איצט, נאַ דיר אַ צעטעלע צו זיי, און זיי וועלן דיר געבן געלט. זאָלסט מער ניט נעמען ווי 25 רובל. נאָר קיינער זאָל ניט וויסן״.

איך בין געווען ביי די דריי גבירים, און זיי האָבן מיר געוואָלט געבן אַ סך מער. „עס קומט אים״, האָבן זיי געזאָגט. נאָר איך האָב גענומען נישט מער ווי פופציק רובל. און טאַקע דעמזעלבן טאָג איז איין גביר געווען ביי אים צו באַזוך. אָבער דיזעלבע וואָך האָט ער זיך איבערגעבעטן מיטן זון און מער האָט ער מיך ניט געשיקט צו זיי. ער האָט מיר קיינמאָל ניט פאַרגעסן די טובה, וואָס איך האָב אים געטאָן, כאָטש ביי מיר איז גאָר אויס־געקומען אַן ערע דאָס, וואָס ער האָט צו מיר אַזאַ צוטרויען געהאַט. ער איז געווען זייער אַן ענערגישער מענטש, און ווען ער האָט אונטערגענומען אַ זאַך, האָט ער זי דורכגעפירט. אָבער אין דער געשעפט־וועלט איז ער געווען פרעמד. האָט אים איינער, זייער אַ פיינער מאַן, אַ ייד אַ משכיל און אַ דערפאָלגרייכער שדכן, צוגערעדט זיי זאָלן ווערן שותפים — און לינעצקי איז געוואָרן אַ שדכן. געווינלעך האָבן זיי געפירט שדוכים צווישן רייכע לייט, האָט לינעצקי אָבער אַלע שדוכים קאַליע געמאַכט: אז דער מחותן, אַ גביר, האָט אַרויסגעוויזן

אַ זייגערמאַכער־פענסטער אַ גרויען אַלטינקען שטייענדיק מיט זיין פאַרגרעסער־גלאָז אַריינגעטאָן אין דעם וועקרצייג פון אַ זייגערל. איך האָב זיך צו אים געווענדט: „זייט איר אברהם גאָלדפאַדנס פאָטער?"

ער האָט מיר, ווי אַרויסגעקייט אין ענטפער: „יאָ!" און האָט מיר גלייך געוויזן מיטן פינגער: „אָט איז מיין אַלטע". דער אַלטער האָט אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ פראָסטן יידן, אַ בעל־מלאכה. איך בין אַריין צו פרוי גאָלדפאַדן. אין פאָדערצימער איז מיר אַנטקעגן געקומען אַ הויכע, שלאַנקע פרוי, מיט אַ גריכיש מאַטעוון פּנים, מיט שיינע שוואַרצע פריילעכע יונגע אייגן, האָט מיר געגעבן פריינטלעך די האַנט און זיך פאָרגעשטעלט. איך האָב זי איבערגעפרעגט: „זייט איר אברהם גאָלדפאַדנס מוטער?" „יאָ", האָט זי מיר געענטפערט. אברהמל איז מיין זון — ער זאָל מיך איבערלעבן. ער איז, נעבעך, איצט קראַנק, ער זעט ניט אויף די אויגן. זיי האָבן עס פאַר מיר פאַרלייקנט און איך בין עס ערשט געוואָר געוואָרן. עס איז שטענדיק געווען מיין גרויס פאַרגעניגן צו לייענען זיינע בריוולעך. איך האָב פאַרנאַכלעסיקט דעם „צאינה וראינה" צוליב זיי. צו וואָס לעזן אַנדערע זאַכן ווען איך האָב אברהמלס בריוולעך? האָט מיך גאָט געשטראָפט און איך האָב זיי פאַרזינדיקט. מיין מאַן איז אַ קאַלטער מלאך, שטענדיק פאַרטאָן אין די זייגערלעך. פרעגט, וואָס דאַרף ער זיי? מיינע קינדער גיבן אונז אויף צו לעבן — און ער וויל זיין אַרבעט ניט אויפגעבן. מיין קאָפּ איז מיר שטענדיק פאַרנומען מיט מיין אברהמלען. דאָ, אַנומעלטן, האָט אים מיין איידים געשיקט צוויי הונדערט רובל — ער שיקט אים שטענדיק, ווען ער פאַרלאַנגט — זאָל אים נאָר גאָט צושיקן אַ רפואה שלמה."

דערביי האָט זי מיר דערציילט, אַז אברהמל איז פון קינדוויייז אָן געווען אַ געראָטענער, האָט געהאַט אַ טייערן קאָפּ און וואָס ער האָט געזען האָט ער נאָכגעמאַכט. אָבער וואָס קומט אַרויס פון די אַלע זאַכן? אַז ער איז איצט באַרימט איבער דער גאַנצער וועלט — אַז די מאַמע זעט אים ניט? זי האָט גענומען ווישן די אויגן: „איך בענק נאָך אים, גאָט זאָל אונז נאָר צוזאַמענברענגען."

איך האָב אָפּגעווענדט דעם געשפּרעך אין אַן אַנדער וועג און מיר האָבן גענומען ריידן פון זיין „שבתיאל", וועלכן איך האָב גלייך איבערגעלייענט אין הויז, און זי האָט האַרציק געלאַכט ביי אייניקע שטעלן. ביים אַוועקגיין האָט זי מיך געבעטן: „קומט אַמאָל אַריין, וועל איך אייך געבן איבערלייענען זיינע בריוולעך." איך האָב ביי זיך געטראַכט: איך האָב נאָך אַזאַ יונגע אַלטיטשקע ניט געזען אין מיין לעבן.

ווען איך האָב דאָס איבערגעגעבן לינעצקין האָט ער געקרעכצט. אַ טרויעריקער, אַ פאַר־זאָרגטער האָט ער אַלץ איבערגערעדט: „גאָלדפאַדן ווערט בלינד און נייטיקט זיך אין געלט".

לינעצקי פלעגט זייער אָפט ריידן פון זיינע עלטערן און פלעגט מיט אַ קרעכץ פון זאָרג דערמאָנען די מוטער. און דעם פאָטער האָט ער ממש פאַרגעטערט. ער פלעגט מיר זאָגן: „מיין קאַמף איז געווען אַ גרויסער, אַ שטאַרקער. אין אַזאַ וועלט, וואו עס האָט געהערשט פינצטערקייט, פאַנאַטיזם און אומוויסנהייט, האָב איך, קליין שוואַך מענטשעלע, געדאַרפט קעמפן. אַ זעלטענע קראַפט האָט אין מיר געאַרבעט. איך געדענק ווען מען איז מיך באַפאַלן און מע האָט צו מיר געשריען, אַז פון מיר רעדט די „קליפּה", אַז אין מיר איז דאָ אַ רוח, האָב איך געזאָגט, איך גלויב ניט אין קיין קליפּה און קיין רוח האָב איך קיין מאָל ניט געזען. איך וועל אין קיין רוח ניט גלויבן, סיידן דער רוח וועט מיך נעמען."

דערביי האָב איך אים געפרעגט, צי עס איז אמת, ווי מע דערציילט, אַז ווען זיין פאָטער האָט אים געפירט צום רבין, האָט דער רבי געזאָגט, אַז אין אים האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ „קליפּה" און אַז אום די „קליפּה" אַרויסצוטרייבן מוז זיין פאָטער אים טובל זיין אין מקוה און זאָגן דריי מאָל: „קליפּה, אַרויס פון מיין זון!", וועט די קליפּה אַרויס און ער וועט ווערן אַ בעל־תשובה. און ווען דער פאָטער האָט עס געטאָן און האָט געשריען: „קליפּה, אַרויס פון מיין זוהן", האָט לינעצקי געשריען דריי מאָל: „טיפּוש, אַרויס פון מיין טאַטן..." לינעצקי האָט דאָס אָפּגעלייקנט און האָט מיר געזאָגט, אַז מען שרייבט אים צו זייער פיל זאַכן, וואָס זיינען ניט ריכטיק. „אין אמתן" — האָט ער געזאָגט — „האָב איך שטאַרק ליב געהאַט מיין פאָטער און איך האָב זייער געליטן ווען איך האָב אים וויי געטאָן, אָבער איך האָב גערעכנט, אַז איך מוז מאַכן די אָפּעראַציע. מיין אַרויסטרעטן קעגן חסידיזם איז מער געווען אַ קאַמף קעגן פאַנאַטיזם און אָבערגלויבן." און ער האָט מיר דערציילט אַ מעשה ווי אַזוי

די געוווינהייט צו א זאך האט ער שטענדיק געהאט. אפילו ביי זיך אין הויז, איז ער געזעסן אלע מאל אויף דעם זעלבן ביינקל, ווי אלע טאג, געטרונקען פון זיין גלאז, און געגעסן מיט איין און דעמזעלבן לעפל. אין פארק האבן שוין פילע מענטשן געוואוסט, אז לינעצקי זיצט אין דער אלייע. און אפט זיינען באקענטע און פארערער צוגעקומען צו אונז זיך אוועקזעצן און פארפירן געשפרעכן, דעבאטעס. כמעט אלע האבן געלאזט לינעצקין ריידן און אויפמערקזאם אים אויסגעהערט.

פון די שרייבער פלעגט אפט צוקומען „איש נעמי" (וועקסלער), יצחק ווארשאווסקי, דער צענזאר פאמעראנץ, דער אדעסער ראבינער, אחד־העם, מנשה מרגלית און אזוי פראָ־מינענטע פערזענליכקייטן. אמאל איז צוגעקומען עפעס א פארפוצטער פראנט, א נודניק, זאגט מיר דערנאך לינעצקי: „אט דער יונגערמאן איז דעם כעלימער חזנס ענדיקס נאז"... פרעגט איך אים, וואס ער מיינט דערמיט? האט ער מיר דערקלערט: „כעלימער זיינען נאראנים. א חזן איז א נאר און אן ענדיק איז אויך א נאר, א סימן, ער בלאזט זיך! היינט אז ער איז דעם כעלימער חזנס ענדיקס נאז, קענסטו שוין פארשטיין, וואס פאר א טפוש ער איז!"

אהיים פלעגן מיר גיין ארום צען אזייגער אין אוונט. אמאל, ווען מיר זיינען אהיים געגאנגען, האט אונז געכאפט א שטורעם. עס האט געדונערט און געבליצט און שטארק גערעגנט. דערנאך האט זיך אנגעהויבן אויסלייטערן, זאגט צו מיר לינעצקי: „קום אהין, וואו עס לייטערט זיך אויס; די כמארעס זיינען צושוואומען, דער שטורעם איז פאריבער, און עס ווערט ליכטיק! כדי עס זאל גוט ליכטיק ווערן מוז זיין א שטורעם. מיין ווייט אויג זעט, אז עס וועט נאך זיין א גרויסער שטורעם, א וועלט־שטורעם ביז מע וועט זיך באפרייען פון דער געדיכטער כמארע! דערנאך וועט זיך אויסלייטערן און עס וועט ווערן ליכטיק. די יוגנט וועט דאס דערלעבן. עס וועט זיין א שיינע וועלט, דו וועסט נאך פיליכט עפעס דערלעבן, אבער איך ניט". און ער האט א קרעכץ געטאן: „אי, אי! עס גלוסט זיך צו לעבן, צו זען דעם סוף. אי! גוטער ברודער, ס'איז אן אינטערעסאנטע וועלט!"

ווען מיר האבן אמאל געשפאצירט אויסער דער שטאט, האבן מיר דארטן געטראפן א בילד פון יעזוסן און א גוי איז געשטאנען און האט זיך געצלמט. זאגט מיר לינעצקי: „קוקסט אן, דו האסט מיך אמאל געפרעגט פארוואס איך האב אזויפיל שונאים? אט וועל איך דיר דאס פארענטפערן. דער גוי איז אונז איצט דער גרעסטער שונא, דערפאר וואס מיר זיינען א פראטעסט קעגן יעזוסן. ער פארשטייט, אז מיר קוקן מיט איראניע אויף אים, מיר לאכן אים אויס. מיינע שונאים האלטן מיך פאר א פראטעסט קעגן זיי. זיי דערקענען אין מיין קוק, אז איך קען זיי דורך און דורך, און איך לאך פון זיי; דערפאר זיינען זיי מיר שונאים, דערפאר דולדן זיי מיך ניט. דו זאלסט וויסן זיין, מיין קינד, אז איך האב זייער ליב מענטשן און איך האב שטארק ליב יידן. און א יידן מוז מען ליב האבן פון די פיאטעס ביזן פארך — אבער צום באדויערן, האט צומאל דער פארך גאר קיין גרענעץ ניט. איי, ברודער לעבן, ניטא קיין אמתר פריינט! אט ביסטו איצט מיין נאענטסטער פריינט. אבער ווען מען וועט אנריידן אויף מיר, וועסטו אויך אוועק פון מיר, אדער גאר מיר ווערן פאלש, ווי אנדערע. דאס ליטעראַרישע געזינדל ליבט מיך ניט — איך זאג זיי צופיל דעם אמת, אבער דרך ארץ האבן זיי פאר מיר. צו מיין לויה וועלן זיי אלע קומען פטור ווערן א קאנקורענט. איך וועל האבן א גרויסע לויה — איך ווייס ניט צי וועסטו זיין דערביי, אבער די צייטונגען וועלן פיל ריידען וועגן מיר. מיינע שריפטן וועט מען אלע איבער־דרוקן".

איינינע שרייבער פלעגט ער ניט רופן ביי די נעמען, נאר ביי די צו־נעמען, ווי: דער געלער, דער שניידערוק, דער פאלשער נביא, דער מביזיניק, און איך האב שוין געוווסט וועמען ער מיינט.

(המשך קומט).

גרויסקייט און האָט, ווי מע זאָגט, געדרייט מיט דער נאָז, האָט אים לינעצקי גלייך געזאָגט: „וואָס בלאָזט איר זיך? ווער זייט איר? עס דאַרף זיין ביי אייך אַ זכיה, אַז יענער וועט זיך מיט אייך משדך זיין", און ער האָט אים גענומען איינראָמען אַ סוד: „איך ווייס, ווער אייער זיידע איז געווען"... און דער שידוך איז שוין סיי ווי סיי צעשלאָגן געוואָרן. האָט ער זיך צוקריגט מיט דעם שותף און אויס שרכן.

ער האָט מיר אויך אַמאָל דערציילט, אַז גוטע פריינט האָבן אים אין אַ געוויסער צייט, צוגערעדט צו עפענען אַ רעסטאָראַן. קוים מיט צרות צונויפגעליגן געלט, אַלעס איינגעאָרדנט. אָבער עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און ער האָט אויפגעגעבן דעם רעסטאָראַן. ער האָט מיר דערביי געזאָגט: „עס איז גוט מכבד צו זיין מענטשן, געסט אָבער באַדינען מענטשן — דאָס איז מיאוס און אָפּשיילעך!"

אַפילו ווען ער האָט געדאַרפט פון איינעם אַ טובה, האָט ער זיך אויך ניט אונטערגעגעבן. איך געדענק, ווי ער האָט אַמאָל געדאַרפט אַ טובה פון אַן אָדעסער באַנקיר, באַרבאַש, וועלכער איז געווען זייער געהויבן ביי די ציוניסטן. לינעצקי, אַ געוועזענער חובב ציון, נאָר אַ געגנער פון פּאָליטישן ציוניזם, האָט מיך מיטגענומען מיט זיך צו באַרבאַשן אין קאַנטור. ווען מיר זיינען אַריינגעקומען אין קאַנטור, איז כמעט אָפּגעשטעלט געוואָרן די גאַנצע ארבעט פון די שרייבערס. אַלע האָבן געווענדט זייערע בליקן צו לינעצקין און אים געגריסט. באַרבאַש האָט אים גענומען געאַרעמט און האָט אים אַריינגעפירט אין זיין באַזונדערן צימער. ביים אַוועקגיין האָט באַרבאַש געוואָלט העלפן אים אָנטאָן זיין ראָק. זאָגט לינעצקי צו אים: „לאָזט אָפּ, איר מיינט דאָס ניט; ווען איך וועל אַוועקגיין, וועט איר לאַכן פון מיר. וואָס פאַר אַ ווערט האָט ביי אייך אַזאַ ייד ווי איך, וואָס האָט קיין געלט ניט? אבער איך האָב אין אייך אַ נקמה: אַלע וואָס זיצן דאָ, לאַכן פון אייך, ווען איר גייט אַוועק". און דאָס איז געווען נאָכדעם, ווי באַרבאַש האָט געטאָן לינעצקיס פאַרלאַנג. אַזוינע מענטשן פלעגט ער אָפּט זאָגן ביים אַוועקגיין: „אַ גוטן יום טוב". ווען מען האָט אים געפרעגט, וואָס ער מיינט דערמיט, האָט ער געזאָגט: „ווען איר וועט מיך פּטור ווערן, וועט זיין ביי אייך אַ יום־טוב".

ווען איך האָב געפרעגט לינעצקין: ווי אַזוי זענט איר געגאַנגען פאַרקויפן אייערע אייגענע ווערק ווען איר האָט אַזאַ שטאָלצן כאַראַקטער?" האָט ער מיר געענטפערט: „מאַכן ביכלעך איז קיין קונץ ניט. דער, וואָס האָט טאַלאַנט, קען מאַכן ביכלעך. אַ קונץ איז פאַרקויפן ביכלעך. ווען איך בין געגאַנגען צו אַ גביר מיט מיין בוך, האָב איך גלייך אַ קלער געטאָן, אַז איך האָב אים פיינט; ביז איך בין געקומען צו זיין טיר, האָב איך מיר פאָרגעשטעלט זיין אַנוועזנהייט, און איך האָב אים פאַרניכטעט ביי מיר אין געדאַנק. אַלזאָ, וואָס זשע איז זיך דאָ צו שעמען פאַר אַזאַ מין באַשעפעניש? און ווידער פאַר אַ פיינעם, אינטעליגענטן און געבילדעטן מאַן איז זיך ניטאָ געוויס וואָס צו שעמען. אָבער גאָר קיין גוט מאכל איז עס ניט געווען. דאָך האָב איך פאַר מיין איבערזעצונג פון גרעצס אידישער היסטאָריע צוזאַמענגענומען מער ווי צען טויזנט רובל". דאָס האָט ער מיר דערציילט ווען מיר זיינען געגאַנגען שפּאַצירן.

און שפּאַצירן זיינען מיר געגאַנגען כמעט אַלע טאָג. אַלע זעקס אַזייגער פאַרנאַכט פלעגט שוין לינעצקי אויף מיר וואַרטן. און ווען איך פלעג קומען, האָבן מיר אַלע מאָל געטרונקען טיי מיט צובייסן און דערנאָך אַוועקגיין. איידער מיר זיינען אַרויס פון הויז האָט ער זיך לאַנגזאַם איבערגעטאָן, געשטאַנען אַקעגן שפּיגל, אויפגעפּאַסט אַלעס זאָל זיין אין אָרדענונג. זיין האַלזטוך איז אימער געווען פונם בעסטן סאָרט. ער האָט געלאָזן אַרויפגעצויגן די הענטשקעס, גענומען דעם שטעקן, אויף וועלכן עס איז געווען געגראַווירט זיין נאָמען, אָנגעטאָן דעם צילינדער הוט און מיר זיינען אַוועק שפּאַצירן. הונדערטער פאַרבייגייער האָבן געהויבן די היטלען און ער האָט אָפּגעענטפערט. ווען מיר פלעגן קומען אין שטאָט פּאַרק האָבן מיר שטענדיק געהאַט אַ באַנק וואו מיר פלעגן זיצן, ווייט פונם פובליקום און פון דער מוזיק. כמעט אַלע מאָל זיינען מיר געזעסן אויף איינער און דערזעלבער באַנק. ווען די באַנק איז געווען פאַרנומען, האָבן מיר געשפּאַצירט אַזוי לאַנג ביז עס איז געוואָרן פּלאַץ פאַר אונז צו זיצן.



(פאַקסימילע פון משה מענדעלזאָנס א בריוו)

נאָטיצן.

דר. יהושע בלאָך:

משה מענדעלסאָנס אַן אומפאַרעפנטלעכטער בריוו.

אין דער זאמלונג פון יידישע און העברעאישע האנטשריפטן און בריוו וואָס געפינט זיך אין דער ניו יאָרק פּאָבליק לייברערי איז פאראן אַן אינטערעסאנטער בריוו אין יידיש, געשריבן פון משה מענדעלסאָן, אָדער ווי ער פלעגט זיך אונטערשרייבן משה מדעסא. מענדעלסאָן, וואָס איז געבוירן געוואָרן דין דעסוי, דעם 6טן סעפטעמבער, 1729, און איז געשטאָרבן אין בערלין דעם 4טן יאַנואַר, 1786, איז, ווי באקאנט, געווען דער גרינדער פון דער השכלה־באַוועגונג אין דייטשלאנד און אַזוי אַרום פון דער גאנצער השכלה־באוועגונג בכלל. ער און זיינע נאָכפאָלגער האָבן באמת געגלויבט אז ווען די יידן אין אייראפּע וועלן זיך צופּאַסן צום אַלגעמיינעם אייראָפּעאישן לעבן און אָננעמען די אייראָפּעאישע קולטור, וועלן זיי דורך דעם קאָנען ווערן גלייכבאַרעכטיקטע מיטגלידער פון דער אלגעמיינער קולטורעלער געזעלשאַפט. איינער פון די הויפּט־נייטיקע מיטלען צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל, לויט זיין מיינונג, איז געווען צו איבערזעצן דעם תנ״ך אין דייטש, דרוקן די איבערזעצונג מיט העברעאישע אותיות צוזאַמען מיטן העברעאישן אריגינאל, דערצו נאָך מוסיף זיין א מאָדערנעם קאָמענטאַר. און מיט אַזאַ ווערק האָט זיך אָנגעפאנגען דער אונטערגאנג פון יידיש אין אייראָפּעאישע לענדער, איבערהויפּט אין דייטשלאנד. ביז דאן האָט זיך געפירט, אז פּאַקטיש אין גאַנץ אייראָפּע האָט מען ביי יידן געלערנט תורה אין דער יידישער שפּראַך. אייגנטלעך האָט זיך מענדעלסאָן לכתחלה גענומען איבערזעצן דעם חומש אין דייטש פאַר זיין אייגענעם נוצן. ער האָט געוואָלט זיינע קינדער זאָלן זייער יידישע דערציאונג באַקומען דורך דער דייטשער שפּראַך, וואָס ער האָט באַטראַכט פאַר זייער מוטערשפּראַך. אָבער ווען שלמה דובנא, דער באַרימטער מדקדק, וואָס איז געווען א מלמד ביי אים אין הויז, האָט געזען מענדעלסאָנס איבערזעצונג האָט ער באַאיינפלוסט דעם איבערזעצער אַרויסצוגעבן דאָס ווערק, באַהויפּטנדיק אז דאָס וואָס ברענגט נוצן זיינע קינדער, קען אויך זיין נוצלעך פאַר אנדערע יידישע קינדער (זע מענדעלסאָנס „אור לנתיבה״, בערלין, 1783).

אָט די דייטשע איבערזעצונג פון חומש איז אומדירעקט געווען פאַרעפנטלעכט פאַר דעם אָנפאנג פון קאַמף קעגן יידיש. עס איז דעריבער אינטערעסאַנט אז אין דעם בריוו, וואָס ווערט דאָ פאַרעפנטלעכט צום ערשטן מאָל, האַנדלט זיך וועגן פּאַפּיר וואָס מענדעלסאָן זאָגט ער דאַרף „להדפסת חמשה חומשי תורה שלי״.(זיין יידיש איז גאַנץ פריי פון פרעמדע איינפלוסן (אַ חוץ דעם פראנצויזמערישן: עקסקוזירן), ער אנטהאַלט אָבער העברעאישע עלעמענטן, און דער אויסלייג איז דער, וואָס איז נאַטירלעך פאַר יידיש פון מענדעלסאָנס תקופה. דער בריוו איז געשריבן צו יוזפּא שמאַלקאַלדען, ווי מע קען זען פון דעם יידישן אַדרעס אויף דער אנדער זייט פון בריוו: לח״מ האלוף המרומם החכם והנבון כש״ת כהר״ר יוזפא שמאלצאלדן צ״ו.

ב״ה ברלין כ״ז מרחשון תקל״ט ל׳ שו״ט לאדו׳ מח״ו [שלום וטוב לאדוני מחותני] ידידי וחביבי ה״ה האלוף הנבון והמשכיל ח״ו וי״א כש״ת כהר״ר יוזפא יצ״ו.

מחו׳ שי׳ האבן בקנטשאפט מיט בוך דרוקרן אונד איר סוחרי׳ משם. קענטי איך ניט על ידו ערפארן וואש פר סארטן גוטי פּאפּירן פוס גרויסטן פארמאַט שם צו בקומן. איך וואלטי זאלכי להדפסת חמשה חומשי תורה שלי אין גרויש 8° ברויכן. אלזוי מוזטי דש פארמאט נויטווענדיג גרויש זיין, אבר ניט צו דיק אויך ניט צו הארט, זונשטן דרוקט זיך ניט גוט דרויף אב. פילייכט קאן איך על ידו פרובן בקומן פון אללן סארטן גרויש פארמאַט די שם צו בקומן, אויך דורך זיא ערפאהרן, אויף וועלכן זיך אם בעסטן דרוקן לאזט, נעבשט דעם גנויאשטן פרייז דאביי. ביטי הטרחה צו עקסקוזירן, אונד בפאשט הסמוכה מיר צו אנטווארטן. והנני כל עת לטובתו ולשרתו.

הכו״ח מחו׳ הקטן משה מדעסא.

פ״ש. שיקן זיא מיר פרובן פון דען טייארשטן בי צו דען וואהלפיילשטן סארטן אין גרויש פארמאט, ע״י פאהרנדי פּאָשט.

געוואָרן פון א מו"ס, דער ביבליאָטעק פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר צו קויפן. די קניה איז צוליב פאַרשיידענע טעמים ניט צושטאַנד געקומען.

דער כתב־יד האָט געהאַט פאָלגנדעם שער: „ספר ויברך דוד והם שאלות ותשובות ואגר(ו)ת שנשלחו להגאון הגדול מאור הגולה מו' הר"ר דוד אופנהיים וכלם ברכו אותו". (ר' דוד אָפּענהיים האָט געלעבט 1664—1736).

אייגנטלעך איז דאָס ניט געווען קיין א י נ ־ ה י י ט ל ע כ ע ר מאַנוסקריפּט, נאָר א זאַמ־לונג פון פאַרשיידענע פראַגמענטן, ווי בריוו, שו"ת, חדושים און נאָך. צווישן זיי אויך א קונטרס חדושי־תורה פון מהר"ם מלובלינס (1554—1616) א תלמיד, א י נ ג א נ צ ן ג ע ש ר י ב ן א י ן י י ד י ש.

דער קונטרס האָט 13 בלאַט פאָרמאַט 12°. די בלעטער זיינען נומערירט פון ק"ס (פון אָנהייב ביז דעם דף פעלט) ביז קע"ב (ענדע פונם קונטרס). אָנ־פאַנג בלאַט ק"ס געפינען זיך צוויי פאַרשניטענע שורות פון א פריערדיקן ענין, אויך אין יידיש. ווייזט אויס פון דעם, אז עס איז געבליבן נאָר אַ פראַגמענט פון א גרעסערן יידישן כתב־יד.

אויף זייט קס"ז געפינט זיך אזא אויבערקעפּל: „חלוקים אשר קבלתי ממורי הגאון מהרר"ם מלוב־לין". פון פאַרשיידענע נאָטיצן איז צו זען, אז מיר האָבן צו טאָן מיט א טרייען תלמיד, וואָס איז נאָכגעגאַנגען זיין רבין אומעטום. אזוי, צום בייש־פּיל, געפינט זיך אויף זייט קס"ב אזא צושריפט: „זה שמעתי ביום ראשון למלאכה מן הגאון מהר"ר מאיר בק"ק ל ב ו ב" (וואו ער איז געווען הויפּט־רב אין יאָר 1595), און אויף זייט קע"א ווערט באַמערקט: „זה שמעתי מהגאון מורי ורבי מהר"ר מאיר בלובלין ב ל ו ב ל י ן" (געווען דאָרט ראש ישיבה פון 1582—1586, נאָכהער אין קראָקא, און ווידער צוריק אין לובלין רב און ראש־ישיבה פון יאָר 1613 ביז דעם יאָר פון זיין טויט 1616). ענלעכע צושריפטן געפינען זיך נאָך אין אייניקע ערטער.

אז די שאלות ותשובות פון מהר"ם מלובלין זיינען א קוואַל פאַר דער פאָרשונג פון יידיש — איז ניט קיין נייס. די גבית עדותן פון דאָרט זיינען שוין לאַנג אויסגענוצט געוואָרן פאַר דער געשיכטע פון יידיש און פילאָלאָגישע שטודיעס — אבער די חדושי־תורה, וואָס איז פון אים געזאָגט געוואָרן אין י י ד י ש אין זיינע י ש י ב ו ת, ענדע 16טן און אָנהייב 17טן יאָרהונדערט, פאַרשטאַרקן נאָך מער דובנאָווס באַווייזן וועגן יידיש אלס אומ־גאַנגס שפּראַך פון די יידן אין ליטא און פּוילן אין יענער צייט.

עס איז געלונגען, אין א געוויסן מאָס, ביז איצט, אויפצוהיטן דעם יידיש־לשון פונם מ ל מ ד, די אַרכאַאישקייט פון דער ח ד ר־שפּראַך, אָבער די העכערע אויסדרוק־פאָרמען פון דעם ר א ש־י ש י ב ה, דעם ל ו מ ד י ש ן יידיש פון דער י ש י ב ה, מיט דער גאַנצער תלמודישער טער־מינאָלאָגיע, מיט דער אייגנאַרטיקייט פון דיאַלעקט, שקלא־וטריא, מעטאַדאָלאָגיע — האָבן מיר דערווייל נאָך גאַנץ ווייניק.

איז אזא קונטרס מיט חדושי־תורה, ממש א שפּראַכלעכער אוצר פונם העכסטן ווערט, איינער פון די געציילטע דאָקומענטן פונם לעבעדיקן לומדישן יידיש, וואָס מיר פאַרמאָגן. און אז אזא מאַנוסקריפּט וואַלגערט זיך ערגעץ וואו אין דער פרעמד, איז כדאַי צו פאַרצייכענען.

[י. ר.] ספרים־אויפשריפטן

די לויידיקע זייטלעך פון ספרים און אייגבאַנדן, האָבן אַ סך מאָל געדינט אויף פאַר פאַרשיידנאַרטיקע פאַרצייכענונגען, איבערהויפּט פאַר פאַמיליע־כראָ־ניקס, ווי געבורטן, יאָרצייטן. אמאָל אויך פאַר זעל־טענע פּאַסירונגען פון היסטאָרישן כאַראַקטער.

לוידער האָט מען ביי אונז, ביז איצט, ניט גע־שאַנקען קיין פיל אויפמערקזאַמקייט צו אַזעלכן אויפשריפטן. כמעט, קען מען זאָגן, גאָרניט. און אזוי גייען פאַרלאָרן אַסך קליינע שטיינדלעך צום קולטור־היסטאָרישן בנין, ווי: פּרייזן פון ספרים, דאַטן, געשעענישן, סתם קוריאָזן און דערהויפּט א ו ט א ג ר א פ ן פון באַרימטע פּערזענלעכקייטן.

מאַנוסקריפּטן האָבן פון תמיד אָן געהאַט און האָבן מער מזל. ביי זיי ווערט אויפגענומען יעט־וועדער פּרט, אפילו די מינדסטע קלייניקייט; אָבער ביי ג ע ד ר ו ק ט ע ספרים — ווער קוקט זיך אום אויף אַזעלכע זאַכן?

וואַכשטיין אין זיין אויסגעצייכנטן קאַטאַלאָג פון דער ווינער געמיינדע־ביבליאָטעק „מנחת שלמה" (ביידע טייל, ווין 1911—1914) — האָט געלייגט געוויכט אויך אויף דעם פּונקט און ער האָט אומעטום אָנגעגעבן דעם דאָזיקן מין אויפשריפטן און אויטאָ־גראַפן.

אייניקע כאַראַקטעריסטישע אויפשריפטן, גע־פינען זיך אויך אין ש. אסף'ס „עם הספר והספר", רשומות, א', ז. 299 באַמ. 4.

דאָ וויל איך פאַרנאָטירן נאָר איין קורצן אויפ־שריפט, וואָס איך האָב געפונען אויף דעם אַנדער זייט טאָוול פון ספר מצות הגדול (סמ"ג), עקזעמ־פּליאַר פון יידיש־טעאָלאָגישן סעמינאַר־ביבליאָטעק, געדרוקט אין ווניציאה ש"ז—1547. די האַנט־

יצחק ריבקינד:

די רעכט פון „לשון אשכנז" ביי דין־תורהס.

אין דער ערשטער העלפט פון פופצטן יאָרהונדערט (צייט אומבאַשטימט) איז פאָרגעקומען אַ רבנים פאַרזאַמלונג אין נירנבערג. נאָר אייניקע שפּורן זיינען פאַרבליבן אין שו"ת פון דעם סינאָד. זע: גרעץ: „געשיכטע דער יודן", באַנד 8—2, דריטע אויפלאַגע, לייפּציג, 1890, 4,426.

צווישן אַנדערע באַשלוסן האָט די אסיפה אויך אָנגענומען אַ תקנה וועגן דער יורידישער אנערקענונג פון יידיש („לשון אַשכנז") ביי דין־תורהס און פעסטגעשטעלט אַ געוויסן רעגולאַמין איבער איר אַנווענדונג אין געריכטס־וועזן, ביי פּראָצעסן. ווייזט אויס, אַז עס איז געווען אַ צייט באַדערפניש און נויטווענדיקייט, ווי אלע תקנות פון די רבנישע סינאָדן זיינען מערסטנטיילס פאָרגעקומען דורך צייט־אַרויספאָדערונגען.

די תקנה, ווי אייניקע אַנדערע, איז אויפגעהיט געוואָרן אין די שאלות ותשובות פון מהר"י ווייל (ווענעציע, 1549), וואָסער פאַקט איז אויך אויסגענוצט געוואָרן אַ סך פריער פון אַ האַנדשריפטלעכן עקזעמפּליאַר אין די פסקים (געדרוקט דאָרט 1519), זייט 10, איבער די זעלטענע אויסגאַבע פון די פסקים זע דאָ, אויבן, זייט 30.

ביי לונסקי אין זיין „יידיש ביי ר' יעקב ווייל" („לאנדוי בוך", 285—288) איז דער געשיכטלעכער פאַקט פאַרבייגעגאַנגען אומבאַמערקט, וואָס איז דאַכט זיך ניט פון ווייניקער וויכטיקייט, ווי די שפּראַכלעכע מקורים זיינע און האָט פאַרדינט גראד דאָרט צו פאַרצייכנט ווערן.

לויט דער תקנה קומט אויס, אַז אויב איין בעל־דין וויל זיך אויסטענהן אויף יידיש („לשון אַשכנז"), אַ שפּראַך וואָס איז פאַר ביידע בעלי־דין גלייך פאַרשטענדלעך, איז דער אַנדערער מחויב נאָכצוקומען דער פאָדערונג.

און עס קען אים אפילו ניט העלפן די איינווענדונג, אַז זיין „מורשה" (באַפאָלמעכטיגטער) פאַרשטייט ניט די שפּראַך. אין דעם פאַל מוז ער דינגען אַן אַנדערן. אויב ניט, וואָלט אויסגעקומען, דאָס די תקנה וואָלט פון זיך אַליין בטל געוואָרן, „דכל אָדם ישכור מורשה שאינו יודע לכתוב בלשון אַשכנז ויאמר כך"!

ווי אָבער, אַז דער בעל־דין אַליין פאַרשטייט ניט די שפּראַך, מוז אָנגעפירט ווערן די דין־תורה אויף אַן אופן, וואָס זאָל פאַר ביידן זיין צוגעגלעך, וואָס איז, אַגב, אין הסכם מיטן תלמודישן גייסט, אַוועקצושטעלן ביידע צדדים פאַר די דינים, אויף איין גלייכן, ווי וויט נאָר מעגלאַך, שטופע.

די תשובה אַליין (סימן ק"א, דף מ"ב, ע"ב, ציטירט לויט דער ערשטער אויסגאַבע) לייענט זיך אַזוי: „ועל מחלוקת רבי טוביה ורבי ורידל, שרבי טוביה רצה לטעון בלשון אַשכנז ור' ורידל חשיב שמורשה שלו אינו יודע לכתו'[ב] בל"א [= בלשון אַשכנז]. הנה כשהיינו בכנופייא בנורנבער"ק תיקננו תקנות הרבה וזו אַחת מהן: „אם אחד מתבעלי דינין רוצה לטעון בל"א [= בלשון אַשכנז], אָז בעל דינו צריך גם הוא לטעון בל"א [= בלשון אַשכנז]. ואם פשטה תקנותינו במקומכם, אָז הדין עם רבי טוביה, אם רבי ורידל מבין לשון אַשכנז ואם המורשה שלו אינו יודע לכתוב בלשון אַשכנז, ישכור מורשה אַחר היודע לכתוב, דאי לא אָמרת הכי, א"כ [= אם כן] תקנותינו בטילה, דכל אָדם ישכור מורשה שאינו יודע לכתוב בלשון אַשכנז ויאמר כך?! וכ"ש [= וכל שכן] אם איתא כמו שכתב רבי טוביה, שמורשה של ר' ורידל יודע לכתוב בלשון אַשכנז, שאָז הדין עם רב טוביה. אבל אם רבי וריד"ל אינו מבין לשון אַשכנז, אָז הדין עם ר' ורידל, וזה אין צריך פנים: נאם הקטן יעקב ווילא".

[י. ר.] דער ווילנער גאון און יידיש.

ס'איז אָנגענומען, אַז חסידים און מקובלים זיינען געווען נאָענט צו מאַמע לשון, געהאַט אַ וואַרימע באַציאונג צו יידיש, דאַגעגן לומדים האָבן געקוקט מיט אַ בטול, פון אויבן אַראָפּ, אויף עברי־טייטש, געהאַלטן פאַר אַ פּחיתת הכבוד צו מעיין זיין אין אַ רעליגיעזן ספר אין יידיש. — זאָל פאַרצייכנט ווערן, אַז צווישן די ספרים, וואָס האָבן זיך געפונען ביי דעם ווילנער גאון זיינען אויך געווען ספרים מיט יידיש. נאָכמער, ער האָט געהייסן אין זיי לערנען זיינע קינדער, די זין ווי די טעכטער. אין זיין באַרימטן בריוו „עלים לתרופה" שרייבט ער צו זיין פרוי איבער דער עטישער דערציאונג פון זיינע קינדער, דאַביי באַמערקט ער: „והנה יש לי כמה ספרי מוסר עם לשון אַשכנז יקראו תמיד וכל שכן בשבת קודש קדשים לא יתעסקו אלא בספרי מוסר והנה תדריכם תמיד בספרי מוסר — — — ובספרים שלו משלי עם לשון אַשכנז למען ה' שיקראו בכל יום והוא יותר טוב מכל ספרי מוסר"...

[י. ר.] לומדישער־יידיש.

מיט אַ קורצער צייט צוריק, איז מיר אויסגעקומען זען אַ מאַנוסקריפּט, וואָס איז אָנגעבאָטן

„קיינער קאָן [נישט] זאָגען דאָס ה' גאָלדפאַדען האָט פאַר דעם פּובליקום אונמאָראַלישעס געגעבען. אין געגענטהייל, מאנכע פון זיינע טהעאַטער שטיקע האָבען אויף פיעלע פעהלער אויפמערקזאם געמאכט און האָבען פיעלע גוטעס געבראכט. זאָ צום ביישפּיעל זיין „קאַפּריזנע טאָכטער", וועלכע שטעלט פאָר דיא דומהייט פון א היינט־מאָדישע מעדכען וועלכע וויל נור הייראַטען אַ פראַנצעלע מיט שוואַרצע וואָנצעלאך און דורך דעם שטירצט זיא אין אונגליק. זיינע היסטאָרישע אָפּערעטעס ב ר כ ו כ ב א און ש ו ל מ י ת האָבען ערוועקט אין דעם אידישען צושויער אלטע זיסע עראינערונגען פון דער פערגאנגענער צייט. דיא מוזיק פון גאָלדפאדענס פּיעסען קוויקען נאָך עד היום דיא הערצער פון טויזענדער אידען."

אין דעמזעלביקן נומער, וואו שמ"ר הויבט אָן זיין סעריע „ליטעראַטור, טהעאַטער און קריטיק", דרוקט ער אויך אַ פּריוואַטן בריוו צו אים פון גאָלדפאַדענען אונטערן קעפּל „אַ בריעף פון א פריינד".

מען זעט באלד פון אָנהייב, אַז דאָס איז א ן ע נ ט פ ע ר אויף א בריוו וואָס שמ"ר האָט צו אים פ ר י ע ר געשריבן.

אין דעמדאָזיקן בריוו קענען מיר זען אין וואס פאר א לאגע גאלדפאדען האָט זיך געפונען אין אָנהויב פון איצטיקן יאָרהונדערט; עס איז דאָרטן אויך פאַראן זייער אַן אינטערעסאנטער עפּיזאָד וועגן די ערשטע טעג פון היינטיקן יידישן טעאטער און אַזוי ווי דער בריוו האָט אויך א גרויסן ווערט פאר דער גאָלדפאדען־ביאָגראפיע, גיב איך אים איבער אינגאנצן, ווי ער איז געדרוקט געוואָרן:

[אָן אַ דאַטום].

„פיעל געשעצטער פריינד נ. מ. שייקעוויטש!

די אורזאכע, וואָס מיין ענטוועך האָט פערשפעטיגט איז, וואָס איך האָב מיך א צייט פון אייניגע מאָנאַטע, פערוויילט אין לאָנדאָן; קומענדיג אהיים האָב איך געפונען פיעל בריעף צו בעאנטוואָרטען פון פערשיעדענע לענדער, איך האָב אבער אזוי שנעל ניט געענטפערט, ווייל איך בין קראנק און האָב געמוזט מיך אויסרוהען, איהר ווייסט דאָך דיא קריינק וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט פונ'ם טהעאַטער: איך לייד אַסטהמאַ און שפּייא צו צייטען מיט בלוט... דאָס בעווייזט וויא וויים דאָס טהעאַטער, ס'הייסט דיא פיזישע און גייסטיגע אָנשטרענגונג, איז מיר דערגאנגען דיא יאָהרען; דען איך בין שטענדיג געזונד געווען און בין פון געזונדע עלטערן, נאָר, פאַרפאַלען, אזוי איז דאָס! דערפאר טאָר איך מיך ניט אָנשטריינגען און איבערהויפט זיך ניט ערגערן.

— — — — — — — — — — — — — — —

וואָס אַנבאַלאַנגט דאָס אידישע טהעאַטער, מוז איך אייך זאָגען, ליעבער פריינד, דאָס איך וויל גאָר פערגעסען אָהן טהעאַטער ווייל... נישט נור דערפאר וואָס [דאָס טעאַטער] איז געגען מיר אונדאַנקבאר; איך קען ניט זיין מעהר מיוחס פון אלע אונזערע ערפינדער, און איך מוז מיך סייא וויא אונטערווארפען דעם ביטערן שיקזאל און אונדאנקבארקייט און נויט, וואָס אלע האָבען געליטען. דאָס איז א געשיכטליכער פאַקט און עפּעס אַ מין נאַטור־געזעץ, וואָס איך מוז מיך לוידער מיט דעם בעגניגען און שווייגען, נאָר איין זאך קען איך ניט ערטראַגען און עס פערורזאכט מיר דיא גרעסטע קריינקונג, וואָס איך מוז הערען, אז אידיש טהעאַטער האָט מען געטויפט און עס איז געוואָרען א „גויש"! איך, ווי איהר זייט אַליין מיין עדות געווען, האָב געמוזט אָנפאנגס אָנהויבען מיט קליינע אָפּערעטען (כאָטש איך וואָלט דאָמאָלס בעסער אומשטאַנד געווען צו שרייבען לעבענס־דראמען), ווייל ערשטענס ווען נישט אָנפאנגס דיא קליינע אָפּערעטען פערפוצט מיט אביסעל פאנטאַזיע, וואָלט גאַר קיין טהעאַטער נישט געווען; דען דיא אַמאלעדיגע רויהע אונגעבילדעטע קרעפטע האָבען איין וואָרט נישט פערשטאַנען אַליין ווען מען שרייבט זוי אָן א רעכטען מאָנאָלאָג און וואָס ערגער איז, אז דאָס ליבע פובליקום, אין דער שטאָדט וואו איך האָב דאָס טהעאטער געגרינדעט, איז געווען נאָך רויהער און אונגעבילדעטער פון די אקטיאָרן און דערצו איז ער דאָך אָנגעטרונקען מיט דעם גוטען ויין, וואָס דאָס לאנד פּראָדוצירט, האָט ער געפאָדערט נאָר א לידעל מיט א טענצל; איך געדיינק, וויא איך האָב זיך אמאָל געוואָלט ערלויבען אָנצושרייבען פיר איין אקטיאָר איין שעהנעם מאָנאָלאַג, איך האָב מיט איהם אַיינשטודירט און בין צופריעדען געווען, ווען ער האָט איהם ארויסגעגעבען ארטיסטיש... דיא גאנצע צייט ווען ער האָט נאָר גערעדט, האָט דאָס פובליקום געשוויגען און עס איז געווען שטיל. איך האָב גערעכענט אז דער עולם איז צופריעדען און וויל ניט איבערשלאָגען דעם געפיהלפאָלען איינדרוק וואָס אויף איהם האָט געמאַכט דער שמערצליכער זעעלענקאמפף וועלכען דער אַקטיאָר האָט אזוי ארטיסטיש ארויסגעגעבען. — פּלוצלונג, ווען דער אַרטיסט איז געקומען אין גרעסטען עקסטאַז און האָט פון זיין ברוסט ארויסגעשריען דעם שמערצליכען „אוי!" — דערהערט מען אין סאַלאָן אַזאַ טראַך אין דער ערד, אז מען האָט געמיינט דיא סטעליע איז איינגעפאלען — מען קוקט זיך אום ערשט אין טהעאַטער ליגט אויף דער ערד א געזונטער קצב, וואָס האָט אין דער צייט פון דעם מאָנאָלאָג אַיינגעשלאָפען אויף זיין בייגקל — און ווען דער ארטיסט האָט א געשריי געטאָן דעם „אוי"

שריפט איז פון איטאַליעניש̈ן כאראקטער און לייענט זיך אזוי:

„זכר כי ביום כ"ו ווניזיא שמ"ב [—26 יוני, 1582] נשבעתי שלא לצחוק בעד עשר שנים הצופות".

הגם דאָס העברייאיש וואָרט „צחוק" האָט א מערפאכע באטיידונג, מיינט דאָ דאָס פּשוט, אזאַרטשפּילן.

אין מאַנוסקריפּטן געפינען זיך א היפּש ביסל ענלעכע נדרים און שבועות אַנטקעגן שפּילן. אזוי, צום ביישפּיל, איז פאַרצייכנט אין אדלערס Catalogue of Hebrew MS., זייט 75, נומער 1023 אַזאַ אַרט שבועה אויף א מאַנוסקריפּט: „אַני ח"מ [זותום מטה] נשבעתי בספר הזה שלא לצחוק בשום צחוק כי אם בחוה"מ של פסח וחוה"מ של סכות וח' ימי חנוכה וזמן נישואין ולילה של נטאל עד כל ימי חיי נשבעתי ואקיימה אי"ה."

און נאָך איין ביישפּיל. געזען אן אויפשריפט צוגעקלעפּט צו א טאָוול פון א „ברכת המזון, דאָס בענשן כמנהג אשכנז ופוילין", אמשטרדם, תס"ב=1702 פון יהודה יפּהס קאָלעקציע, וואו עס ווערט פאַרנאָטירט א פאל, ווי פ י ר ישובים האָבן געקויפט א י י ן אתרוג. עס לייענט זיך אזוי: „לזכר תקע"א לפ"ק האָט קהל קוורה אונ קהל בראדיבך און קהל לײן [אָדער לינץ] אונ קהל טרייס איין אתרוג ביחד גהאט פאר כ"א זהובים. אני הקטן זלמן בן כמר שלמה מאלקן."

דוכט זיך א קליין נאָטיץ, דאָך זייער אינטערעסאַנט, וואַרפט א ליכט אויף דעם לעבן, ווי אויך אויף דעם ע ק אָ נ אָ מ י ש ן מצב פון די יידישע קהלות העכער הונדערט יאָר צוריק.

רעכט אַמאָל נאָר איין שורה, און מיר באקומען אַ בילד פון יידיש לעבן פון אמאָל. זאָלן אויך די דאָזיקע שורות ברענגען צו דעם, אז מע זאָל ניט מזלזל זיין אין ספרים־אויפשריפטן און מע זאָל זיי פאַרצייכענען.

משה שטאַרקמאַן.

גאָלדפאַדען און שמ"ר.

(א ביבליאָגראפישע נאָטיץ)

אין די יאָרן 1889—1891 האָט נחום מאיר שייקעוויטש (שמ"ר) ארויסגעגעבן א וואָכנשריפט א. נ. „דער מענשען פריינד". צווישן אנדערע מאַטעריאלן פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור געפינט זיך דאָרטן אויך א פּאָר פּרטים וועגן גאָלדפאַדען.

אין זיין אַרטיקל „דיא זשאַרגאָנישע ליטעראַטור", שרייבט שמ"ר וועגן גאָלדפאַדענען דאָס פאָלגנדע:

„אַזאַ גוטן אַיינדרוק [ווי ד ר. ש. עטינגערס „סערקעלע"] האָט געמאכט אויף דעם לעבענדען פּובליקום דעם ה' גאָלדפאדענ'ס קאָמעדיע „ד י מ ו ה מ ע ס אָ ס י ע". ווען ה' גאָלדפאדען האָט דיא קאָמעדיע געשריבען, האָט מאַן נאָך פון יודישען טהעאַטער ניכט געוואוסט און ווענן מאַן האָט געלעזען „דיא מוהמע סאָסיע" האָבען זיך איהרע אַללע סצענען פאַר דעם לעזער פאָרגעשטעללט וויא אויף דער ביהנע און ער האָט פון זייא פיעל פערגעניעגען געהאט.

„דער ה' גאָלדפאַדען האָט מיט זיינע פּראכטפאָללע מייסטערהאפטע ליעדער דיא זשארגאָנישע ליטעראטור רייך געמאַכט. ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געוויזען אז מיט דער אַרמער יודישער שפּראַכע קאַן מאַן שרייבען אזעלכע ליעדער וויא מיט דער פיינסטער אייראָפּעאישער שפּראכע. זיינע ליעדער, בעזאָנדערס דיא וואָס ער האָט געשריעבען אין דער יוגענד ווערדען איממער אלס שעהנע ברילליאַנטען גלענצען אין דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור, און ער וועט איממער אלס אונזער ערשטער פאָלקס דיכטער בעטראכטעט ווערדען".[1]

אין יאָר 1901 האָט שמ"ר אָנגעהויבן ארויסצוגעבן אַ זשורנאַל א. נ. „דיא נאַציאָן", און האָט ווידער געשירבן איבער גאָלדפאַדענס ליטעראַרישע טעטיקייט.

אין די ערשטע נומערן פון „דיא נאַציאָן", האָט שמ"ר אפּגעדרוקט א סעריע ארטיקלען א. נ. „ליטעראטור, טעאטער און קריטיק".

פאָלגנדע אויסצוגן פון דער סעריע האָבן א שייכות צו גאָלדפאדען.

מיר דענקען, אז פאר גאָלדפאדענס ביאָגראפיע האָבן זיי אן אינפאָרמאַטיוון ווערט, דעריבער גיבן מיר דאָ איבער די פּאַסיקע שטעלן[2]:

„ה' גאָלדפאַדען וואר דער ערשטער וואס האט געשאַפען אידישע אָפּערעטאס, דראַמאס, קאָמעדיעס און וואָדעווילען; ער האָט זיי געמאכט לויט דיא צייט און לויט דיא קרעפטע פון דער אידישער ביהנע האָבען עס געפאָדערט.

„דאָס אידישע פּובליקום ביי וועלכע דאָס אידישע טהעאַטער וואַר א נייעס, האָט ה' גאלדפאדענס שטיקע מיט פערגעניגען עמפּפאַנגען זאָגאַר יעצט, ווען דאָס אידישע טהעאַטער האָט פּראָגרעסירט, אמוזירט זיך דער עולם ביי גאָלדפאַדענ'ס טהעאטערשטיק.

---

[1] „דער מענשען פריינד", נום. 30; ז' 3—4.

[2] „די נאַציאָן", יאַנואר, 1902; ז' 135—136. דעם זשורנאל האָבן ארויסגעגעבן שמ"ר און מ. גאלדמאן: „רעדאקטערע און פּאָבלישערס".

האָט אָפּיציעל געהייסן: „בבית ובדפוס המשותפים כהר"ר אהרן יצ"ו ובנו כהר"ר זעקל מדפיס יצ"ו.

א צווייטן מאָל אין יענעם יאָר, תקנ"ד (1795), איז דער ספר איבערגעדרוקט געוואָרן מיט דער דרוקפירמעס אָפּיציעלן נאָמען: „בבית ובדפוס כהר"ר זעקל יצ"ו בן כהר"ר אהרן מדפיס ז"ל".

דער שער איז אויסגעזעצט דורכאויס אביסל אנדערש, און די זייטן שטימען ניט איין אות באות, כאָטשע אן ערך גלייך, דאָס הייסט מע האָט דעם בוך איינגאַנצן געזעצט אויפ'ס ניי. עס איז דערביי כדאי צו דערמאָנען א קוריאָז, אז דער גרייז אין פאגינאציע כ"ח אָנשטאָט ס"ד געפינט זיך אין ביידע אויסגאבעס.

ווי דר. מ. וויינבערג,* ווייזט אָן אויף זייטל 153, 8 (באַלד פאר נומער 331) איז Seckel b[en] Ahron (Arnstein) alleiniger Druckherr 1795-1819.

איך וויל דאָ אויסנוצן די געלעגנהייט אנצוּווייזן אויף א פּאר סתירות אין דר. שאצקי'ס אָפּהאנדלונג וועגן די צוויי אויסגאבעס פון 1723 און 1798: „די ביבליאָגראפן פירסט און בן־יעקב ברענגען צוויי אויסגאבן פון ביידע חלקים צוזאמען פון די יאָרן 1723 או 1798. דער טעות נעמט זיך דערפון, אַז גראָד די ביידע אויסגאבן זיינען געדרוקט מיט דעם „התעוררות ליד", וועלכער איז אויך אָפּגעדרוקט אין צווייטן טייל פון „שמחת הנפש", דעריבער האָבן זיי גענומען די אויסגאבן פאר א געזאמלטע פון ביידע טיילן." (ז. 27).

דאָס איז דר. שאַצקיס השערה, ווי אַזוי די צוויי אויבנדערמאָנטע ביבליאָגראפן זיינען געקומען צום טעות.

קודם כל 1) פארצייכנט שאצקי אליין (ז. 27) אז אין דער אויסגאבע (איצט קען איך צוגעבן, אז אין צוויי אויסגאבעס), פון תקנ"ד, איז דער ליד פאראן.

2) דער ליד געפינט זיך אויך אין דער אויסגאבע פון תקנ"ז.

הייסט עס פון וואנען איז געדרונגען, אז פירסט און בן־יעקב זיינען געקומען צו זייער באשלוס, מחמת דער סיבה וואָס דר. שאַצקי שלאָגט פאָר? אויב אזוי, וואָלטן זיי באדאפרט זאָגן, אז ביידע טיילן צוזאַמען זיינען געווען געדרוקט זיבן מאָל: 1723, 1794 (און 1795), 1797 און (ווי ריווקינד האָט אָנגעוויזן) דריי מאָל אין 1798.

קוריאָז איז אבער, אז כאָטשע אויף זייט 27, זאָגט דר. שאַצקי, אז דער ליד געפינט זיך אין 1723 אויסגאבע, זאָגט ער אליין בפירוש, אויף זייט 24, אז „אין דער דאָזיגער אויסגאבע איז שוין דאָס „התעוררות ליד ניטאָ".

און עס איז א פאַקט, אז דער ליד איז טאַקע אין דער אויסגאבע פון 1723 ניטאָ.. וועגן דעם קען קיין ספק ניט זיין.

(מאַרט 12טן, 1927).

* Die hebräischen Druckereien in Sulzbach, Frankfurt A/M. 1904.

האָט ער זיך פאַר שרעק אויפגעכאַפּט און איז אַראָפּגעפאַלען פון דעם בייַנקעל אויף דער ערד... אויף זיין קלאַפּ האָבען זיך אויפגעכאַפּט נאָך אַ פּאָאר אידענעס וואָס זענען אויך אַיינגעשלאָפען און האָבען אויסגעבטילט חלומות צום אַקטיאָרס קאָפּ — און צו מיר זענען מאַנכע פון דעם פּובליקום ארויפגעגאנגען אויף דער ביהנע און מיר געוואָרענט אז ווען איך וועל ווייטער געבען אַזוינע ווייַנענדיגע זאַכען, וועלען זיי מעהר ניט קומען. „איך קום, זאָגט איינער, צון אויך אין טרעיאַטער און צאָהל מיין פראנק איך זאָל מיך אנלאכען... מיין ווייב און קינדער פאַררעָיען מיר אַזוי אויך מיין קאָפּ אין דער היים!" — — —

און אז איך בין געקומען מיט דיא פּיעסען דאַס ערשטע מאָל קיין רוסלאנד אין אונזער ציוויליזירטען אדעסא, איז דיא קריטיק אויף מיר אָנגעפאלען, וואָס איך פּאַסע דעם עולם מיט „באַלאַגאַנשטשינע" און גיב זיי ניט קיין „לעבענס דראמען", נאָר איידער איך האָב פּאָספּיעט מיך ארומצוקוקען און אָנשרייבען נייע פּיעסען פאַר דעם נייעם פּובליקום, זייט איהר, ה' שווקעוויטש וויא אַ מלאך מיר אונטערגעקומען און מיר געהאָלפען ביז איך וועל מיך אויסרוהען מיט אַייערע: לעבענס דראַמען". — וויא געדאנקט האָב איך אַייך פונ'ם האַרצען און וויא ענטציקט בין איך געוועזען ווען איך האָב געזעהן אויף דער ביהנע אייערע פּיעסען „יודישער פרינץ", „בעל תשובה", „שקאַנטיסט און קאטארזשניק" — וויא מחיה האָט זיך געוועזן דאָס אידישע פאָלק, אז ער האָט דערזעהן זיינע אידישע טיפּען, זיין לשון, זיין לעבען און זיך אַלליין!

היינט זעהט דער איד „מעדעא". מען דערמאָנט און מען שווערט ביי גריכישע געטער! נעמען וואָס דער איד האָט ניט געהערט און דאַרף ניט הערען... גרוים און ערהאַבען איז דאָס קונסט־ווערק פאַר דיא גוים און פיר דעם אידישען נאַציאָנאלען גייסט איז דאָס פערדערבליך... פערברעכעריש קרימינעליש!

ניט נור דיא ביהנע האָט מען אָנגעפילט מיט עקעלהאפטע ווערקע אויך דיא גאַנצע זשאַרגאָנישע ליטעראַטור שמעקט היינט מיט „גוי" און נבול־פה.

לאָז אַ מוכר ספרים מאַכען די 58סטע אויפלאַגע פון אייערע ראָמאַנען, פריינד שמ"ר, און אייך ניט צאָהלען, איידער ער זאָל אָנפילען זיין קלויט מיט גויעשע ראָמאַנען, דען דער איד קומט נעביך אין קלייט און בעט „שמרס" אַ ראָמאַן און ער שטופּט איהם אין גאָרגעל מאָנטע קריסטאָ, נאַנאַ און אננא קאַרעניגא; נישט איינמאָל בין איך בייז אויף אייערע ציוויליזירטע אידיאָטען, וואָס שרייען געוואלד און זוכען ביים עולם צו פערמיאוסען שמרס ראָמאַנען, ווער בעט זייא, די פאַלשע היפּאָקריטען, וואָס זענען כלומרשט געטרייא דעם פאָלק און ווילען איהם בילדען מיט דאָן קישאָט און „קאַמעליען־דאַמע", זיי ווילען אז דעם אידען זאָל רייסען דאָס הארץ און זיך צואווייגען ווי אַ פאריזער אויסגעלאסענע זונה געהט אויס פון טשאַכאָטקע, „נאַנא"! וואָס די אויסגעלאסענע פאריזער פארביטען זייערע פרויען און מעדכען דאָס צו לעזען, שטופּט מען עס מיט געוואלד דעם אידישען מיידעל און דער אידענע, זייא ווערען אָהן דעם חשק, דיא זשאַרגאָנישע ליטעראַטור זינקט און דיא מוכרי ספרים לייזט אויך מכות... און וויא לאנג איז ערשט געוועזן אז מען פלעגט בעלאַגערען אלע קלייטען פון דיא מוכרי ספרים און דאָס פאָלק האָט געהאלטען אין איין שרייען שמרס ראָמאַנען גיט אונז! אַך, וויא באנג טהוט מיר וואָס איך בין קראנק אויף דער עלטער און האָב שוין קיין כח צו קעמפּפען ארויסצוראַטעווען אונזער ליעב אָרים פאָלק פון די בלוטיגע נעגעל פון אונזערע וועלף אין שאָפּט פעל [?] וואָס זוכען אויסצוזויגען פון איהם זיין אידיש בלוט און זיך אָנפילען דיא בייכער און קעשענעס אויף זיין רעכענונג.

אַדיע! ליעבער פריינד, איך קען ווייטער ניט ריידען... איך בין שוואך... ווען איהר וועט וועלען אויפהאלטען אונזער קאָרעספּאָנדענץ און מיר וועטער שרייבען האָבען מיר נאָך פיעל צו ריידען... אייגענטליך וואָלט איך געוואָלט וויסען וואס איהר טהו טאון וואָס איהר מאכט ווי אויך אייער ליעבע פרוי און קינדער."

„אַייער אלטער פריינד, א. גאלדפאדען."

[יודא א. יאָפּע]

צו דער ביבליאָגראַפיע פון „שמחת הנפש".

אין נומער 3 (יוני, 1926) פון זשורנאל „אונדזער בוך" ז"ז 192—193 האָט יצחק ריווקינד אָנגעוויזן אויף אַ פּאָר טעותן אין דר. שאצקיס ארייַנפיר צו זיין איבערדרוק פון העַנדל קירכהאנס ש מ ח ת ה נ פ ש, צווייטער טייל, (פיורדא, 1727) און האָט צוגעגעבן עטלעכע אויסגאבעס, וואָס דר. שאַצקי האָט ניט דערמאָנט אין זיין רשימה ז"ז 27—29.

זינט יענער צייט האָב איך באקומען נאָך צוויי:

א) די זעלטענע פיורדער אויסגאבע 1762, וואָס ער דערמאָנט אויף ז. 28, נומער 8, און

ב) א צווייטע תקנ"ד זאלצבאַכער אויסגאבע.

עס איז קלאָר, אז די ערשטע תקנ"ד אויסגאבע איז געווען געדרוקט אין 1794, ווען די דרוקפירמע

אַלטן יידישן לעבנס־שטייגער — דאָס איז איינער פון די מערקווירדיקסטע מאָמענטן אין דער יידישער געשיכטע פון יענער צייט.

און דאָס אַלץ האָט גאָטלאָבער פאַרשריבן. די עליה און ירידה פון דער השכלה, דער קאַמף קעגן חסידות און „פאַנאַטיזם“, דאָס כמעט היסטערישע, ליידנשאַפטלעכע זוכן פון אַ שנעלן וועג פאַר אַרויסגיין פון געטאָ, וואָס זאָל דורך אַ „קאַזיאָנעם“ שולחן ערוך פירן צו רעלאַטיווער פרייהייט.

גאָטלאָבער איז טענדענציעז, איינזייטיק, ער איז א משכיל, מיט א נייגונג צו ראַציאָנאַליזירן, הגם אין דער זעלביקער צייט איז ער אַ קעגנער פון רעליגיעזע רעפאָרמעס. פול מיט אינערלעכע סתירות, ווי אַ סך פון זיינע מיטצייטלער, אַ פאַנאַטישער שונא פון חסידות און דאָך נישט פריי פון ראָמאַנטיקע און אפילו ליבע צו דער יידישער פאָלקס־טראַדיציע, וואָס האָט זיך אָפּגעהיט אין חסידות, אַ לא יוצלח אין פּריוואַטן לעבן, שטענדיק איינגעטונקען אין דאגת הפרנסה, מיט ליטערארישע און געזעלשאַפטלעכע פּלענער, האָט ער אַלץ געטאָן כדי צו דערגרייכן זיינס.

קיין גאָר גרויסע השגות האָט ער נישט געהאַט. דאָס שטרעבן צו זיין א לערער און דוקא א „קאַזיאָנער“, איז געווען מער לשם פרנסה און צוליב דער געזעלשאַפטלעכער באַדייטונג פון אַזאַ מין שטעלע, איידער פון טיפער איבערצייגונג, אַז דער וועג פון דער רוסישער רעגירונג איז באמת דער וועג צו א ישועה פאַר די יידן. „איך האָב גאָרנישט אויסער דעם ברויט, וועלכן איך עס, א דאַנק דער טובה פון דער זאָרגפולער רעגירונג, וועלכע דאגהט זיך וועגן דער בילדונג פון די יידן“ — שרייבט גאָטלאָבער אין איינעם פון זיינע בריוו.

דאָס האָט אים געמאַכט פאַר אַ פּריינט פון דער אָפיציעלער שול־פּאָליטיקע. ווייל ער האָט, אין תוך גענומען, נישט געגלויבט אין איר, נישט דערפאַר ווייל ער אַליין האָט זיך איבערגעצייגט אין דער צוועקלאָזיקייט פון שטרעבן צו בילדונג, פאַר וואָס מע וועט שפּעטער באַלוינען מיט „פּראַוועס“, נאָר פּשוט ווייל ער האָט בכלל נישט געקענט אין קיין זאַך גלויבן. און דאָס איז כאַראַקטעריסטיש נישט נאָר פאַר גאָטלאָבערן אַליין, נאָר בכלל פאַר די שטימונגען פון זיין צייט. מיט זיינעם אַ געוועזענעם חבר, דעם שפּעטערדיקן משומד, דעם צענזאָר גרינבוים־פּיאָדאָראָוו, לעבט ער פריינטלעך, נישט דערפאַר, ווייל ער איז א ראַציאָנאַליסט, אַ משכיל, וועלכער האָט זיך באַפרייט פון דעם פאַנאַטישן „אבערגלויבן“ אַז אַ משומד דאַרף מען פיינט האָבן און אויסמיידן, ניין! אין האַרצן האָט ער פאַראיבל דערויף, נאָר די האָפענונג, אַז דער משומד־צענזאָר קאָן אים העלפן אין זיין קאַריערע, שלעפּט אים אריין אין די דאָזיקע נישט־ווירדיקע באַציונגען מיט אים.

אין דער הינזיכט איז זייער כאַראַקטעריסטיש וואָס אַ העברעאישער שריפטשטעלער דערציילט וועגן גאָטלאָבערס באַציונגען צו מענטשן און... רעליגיעס, און וואָס ווערט נישט געבראַכט ביי פרידקינען.

אין יאָר 1877 איז גאָטלאָבער געפאָרן זוכן גליקן אין רומעניע. אין בוקאַרעסט האָט ער זיך געטראָפן מיט דעם רייכן סוחר און משכיל אברהם הורוויטש. דער דאָזיקער הורוויטש האָט זיך שפּעטער, צוליב אומבאַקאַנטע סיבות, געשמדט. גאָטלאָבער האָט אים געקענט נאָך פון רוסלאַנד און ער האָט אים אויפגעזוכט אין בוקאַרעסט, כדי צו באַקומען פון אים א נדבה (א סובסידיע בלע״ז). באַקומענדיק די מזומנים האָט ער זיך אויסגעדריקט: „ומי יתן ויהיה כל עם ה׳ משומדים“ (זע זכרונות א. ג. פון די איינדרוקן פון דעם פאַרגאַנגענעם דור אין „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ“, 1914, ז׳ 435).

דאָ זעען מיר פאַר זיך שוין דעם משכיל־ציניקער. דיעם טיפּ בטלן, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער השכלה־תקופה. ער איז ווייט פון פּרינציפּן, פון אידעאַלן. ער קעמפט מיט אַלערליי מיטלען, אפילו מיט מסירה קעגן א ליטעראַרישן קאָנקורענט (זע מרדכי בן הלל הכהן, אין זיינע „מערב לערב“, חלק ראשון, ז׳ 144־145). ער איז און וויל זיין א באַאַמטער. זיין פעדער שטעלט ער אין רשות פון דער רעגירונג. קעמפט די רעגירונג קעגן די „ניהיליסטן“, און דאָס ביסל „קאַזיאָנע“ משכילים העלפט איר אונטער און פּריידיקט, אַז די יידישע יוגנט זאָל זיך נישט לאָזן „אריינגאַרן“ אין „נעץ“ פון „ניהיליזם“ — טוט גאָטלאָבער דאָסזעלביקע. ער איז נישט קיין אויסנאַם. קעגן אַ נייעם וואָרט האָבן דאַמאָלסט א סך משכילים געקעמפט מיט מיאוסע מיטלען. גאָטלאָבער האָט געקעמפט קעגן קאָוונערן און שפּעטער קעגן פּאַפּערנען. באַגראַוו האָט אין דעם יידיש־רוסישן זשורנאַל „ראַזסוויעט“, מיט א ראָמאַן־פּאַשקוויל געקעמפט קעגן יידן־רעוואָלוציאָנערן (1879—1881). גאָטלאָבערס חסרונות זיינען איינגעוואָרצלט אין כאַראַקטער פון יענער משכילישער תקופה, פּונקט ווי זיין גאַנצע באַציאונג צו קולטורעלע, געזעלשאַפטלעכע און סאָציאַלע פראַגעס, זיינען אַ טייל פון דער ראַציאָנאַליסטישער אידעאָלאָגיע.

דערפאַר זיינען פאַר אונז אַזוי וויכטיק גאָטלאָבערס זכרונות. אין קיין בוך־פאָרם האָבן זיי קיינמאָל נישט עקזיסטירט, אפילו אויף העברעאיש־

רעצענזיעס.

דר. יעקב שאַצקי.

(אַברהם־בער גאָטלאָבער און זיין עפּאָכע, לויט פאַרשידענע קוועלן (פון) א. פרידקין, ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין, 1925, 380 ז.)

אברהם־בער גאָטלאָבער איז נישט געווען קיין גרויסער שריפטשטעלער. אין דער געשיכטע פון דער העברעאישער דיכטונג פאַרנעמט ער אַ קליינעם פּלאַץ. דער היסטאָריקער פון דער העברעאישער ליטעראַטור ווידמעט אים בכלל ווינציק אָרט, און אין די כרעסטאָמאַטיעס איז זעלטן צו געפינען גאָטלאָ־בערס אַ ליטעראַרישן מוסטער. עס הערשט כמעט אַן איינשטימיקע מיינונג וועגן זיין דיכטער־קונסט. זיינע וויסנשאַפטלעכע ארבעטן איבער קבלה און חסידות, קאַראַימער א. א., וועלכע ער האָט אויך געשריבן אויף העברעאיש האָבן א קנאַפּן ווערט א דאנק זיין סיסטעמלאָזיקייט, צופעליקייט פון מאַטעריאַל, אומקריטישקייט און שווערקייט. אין דער יידישער ליטעראַטור האָט גאָטלאָבער זיך דערוואָרבן אַ נאָמען און וועט אַלעמאָל פאַר־נעמען א געוויסן פּלאַץ, הגם אַ באַשיידענעם, א דאנק דעם, וואָס ער האָט ארויסגעבראכט געוויסע פאָלקס־עלעמענטן און האָט באַשאַפן אַ לעבעדיקע קאָמעדיע „דער דעקטוך“. זיין באַדייטונג האָט מען אָבער אויך אין דער יידישער ליטעראַטור אַביסל איבערגעשאצט (זלמן רייזען, גאָרין, לעצטנס ניגער אין דער „צוקונפט“, אָקטאָבער, 1924). ער איז שפּראַכלאַך אינטערעסאַנט, קערנדיק, פריש. זיין יידיש האָט די וואָלינישע זאַפטיקייט, מיט א רייכן, נישט איבערגעכאַפּטן אין צאָל, עלעמענט פון העברעאיזמען. זיין סאַטירישער טאַלאַנט איז נישט פון א הויכן שוואונג, אָבער דאָך העכער ווי די מיינסטע בדחנים־סאַטיריקער פון זיין צייט. ער שטעלט פאָר מיט זיינע יידישע ווערק אויך אַ געוויסן פאָלקלאָריסטישן און קולטור־היסטאָרישן אינטערעס.

און דאָך, נישט קוקנדיק דערויף וואָס אין די ביידע ליטעראַטורן איז זיין נאָמען נישט צווישן די גדולים — האָט גאָטלאָבער פאָרט א גרויסע באַדייטונג פאַר אונז. עס איז אַ היסטאָרישע פיגור, וועלכע עס קען נישט אויסמיידן קיין איין פאָרשער, היסטאָ־ריקער אָדער לערנער בעת ער וויל קענען אונזער גייסטיקע געשיכטע פון 19טן יאָרהונדערט, די השכלה־באַוועגונג אין רוסלאַנד און אין פּוילן.

דאָס האָט גאָטלאָבער צו פאַרדאַנקען קודם כל זיינע מעמואַרן און פּובליציסטישע ארטיקלען, וועלכע זיינען פול מיט אַווטאָביאָגראַפישע אָדער קולטור־היסטאָרישע פאַקטן, דאַטן, איינצלהייטן און בילדער. גאָטלאָבער רעפּרעזענטירט מיט זיך א גאנצן יאָרהונדערט, דאָס הייסט, מער ווי אַן עפּאָכע. ער איז געבוירן געוואָרן מיט איין יאָר פאַר נאַפּאָלעאָנס אינוואַזיע קיין רוסלאנד און האָט דורכגעמאכט די גלגולים פון דעם יידיש־רוסישן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דעם גאַנצן פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. חסידות קען ער פון דער לעבעדיקער מסורה — הגם ער באַציט זיך צו איר איינזייטיק, מעשה משכיל. גאָטלאָבער האָט די דאָזיקע רייכע, שטורעמישע, שטענ־דיק זיך בייטנדיקע תקופה פול מיט יאוש, האָפענונג און אנטוישונג איבערגעלעבט נישט אלס פּאַסיווער צושויער, נאָר אלס אַן אַקטיווער קעמפער, קעמפנדיק מיט אלע מיטלען וועלכע ער און זיין תקופה האָבן געהאַלטן פאַר ריין, עטיש און פּאַסנדיק.

און דאָ ליגט דער שווער־פּונקט פון זיין באַדיי־טונג. ער איז א מענטש פון אַ רייכער פאַרגאַנגנהייט און ער האָט אונז די דאָזיקע צייט פאראייביקט אין מעמואַרן. אמת, די מעמואַרן זיינען נישט א ווערק מיט אַ געטאָקטער פאָרמע, מיט א גאַנצקייט, מיט כראָ־נאָלאָגישער קלאָרקייט, אָדער אלזייטיקייט. דאָס זיי־נען פראַגמענטן, ברעקלעך, בלעטער. קאַפּיטלען איינ־ציקע, געשריבן דאָס רוב אויף דער עלטער, ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, סטימולירט פון צופע־ליקע, אָפטמאָל גאָרנישט קיין הויכע מאָטיוון. גאָר אַנדערע רעיונות האָבן אים געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל דאָס נעכטיקע וועלן איבערלאָזן בירושה פאַר די קומענדיקע דורות. אַפּאָלאָגעטישע מאָטיוון, אַ שאָן פון זעלבסטשוץ קענט איר זייער לייכט דערפילן אין גאָטלאָבערס מעמואַרן. דער מענטש באַווייזט זיך אין זיין גאַנצער געשטאַלט; דער פאַרשווייגער פון אומאנגענעמע אמתן, דער איבערטרייבער פון קליינע מצוות, מיט אַן אומגע־הערטער באַציונג צו א סך פּאָזיטיווע זאכן.

גאָטלאָבער האָט געקענט כמעט די גאַנצע שריפטשטעלער פּלעיאַדע פון זיין צייט, די אָנגעזעענע כלל־טוער אין דער יידישער וועלט, די אויפגעקומענע סוחרים, פּאָדריאַדטשיקעס, באַנקירן און האלב־ליטעראַטן, וועלכע האָבן געשתדלנט און גערעדט אין נאָמען פון צוויי מיליאָן שוויגנדיקע יידן. ער האָט אויך געקענט די דרויסנדיקע, וועלכע האָבן געוואָלט די יידן „פאַרבעסערן“. דער גרויסער, ממש פאַר־כאַפּנדער דועל וועלכער איז פאָרגעקומען צווישן דער רעגירונג פון ניקאָלאַי דעם 1טן און די רוסלענדישע יידן, דער קאַמף צווישן מלוכה־אסימילאַציע און

נאָגראַפיע איבער דער דאָזיקער ערשטער שולע („וואָסכאָד", 1884, 4). דאָס האָט פרידקין באַדאַרפט אומבאַדינגט אַריינשטעלן אין גאָטלאָבערס זכרונות, און אויף אַזאַ אופן רעקאָנסטרוירן דעם קאַפיטל איבער בער הורוויצן און דער השכלה אין אומאַן.

עס ווערט דערמאָנט דער עכטער פאָלקס־מענטש, דער משכיל אברהם ראַטהויז (ז' 245) און דעם לעזער ווערט נישט קלאָר, ווער איז ער געווען, און דאָס איז זייער אַ לייכטע אויפגאַבע, ווייל אין דעם זעלבן אומשעצבאַרן „וואָסכאָד" איז פאַראַן אַ ביאָגראַפישע אַרבעט איבער אים (1894).

אָפטמאָל שרייבט פרידקין איבער גאָטלאָבערס גרייזן און באַמיט זיך אפילו נישט צו קאָנטראָלירן אָדער נאָכצוזוכן די קוואַלן. אַזוי, למשל, דערמאָנט גאָטלאָבער (ז' 168) אַ געוויסן דאָקטאָר אַקעלשמידט, דעם הויף־דאָקטאָר פון פירשט טשאַרטאָריסקי אין מעדזשיבאָזש. דער נאָמען קלינגט זייער פאַרדעכטיק. אין אַלגעמיין זיינען באַקאַנט די נעמען פון די דאָקטוירים פון יענער צייט אין פוילן בכלל און פון די יידישע בפרט. אַזאַ דאָקטאָר איז נישט געווען, און דאַרפן דאַרף עס זיין דר. עליאָס אַקקאָרד, אַ שטיקל כלל־טוער, דער ארויסגעבער אין דייטש (אייגנטלעך, איבערזעצער) פון אַן אַנאָנימער בראָשורע איבער די „נויטווענדיגע רעפאָרמאַציאָן דער יודען אין פוילען" (וואַרשע, 1786).

אָפטמאָל שטעלט גאָטלאָבער פאַקטן אין אַן אַנדער ליכט, ווי עס איז אונז היינט באַקאַנט, אַ דאַנק די נייע אַרכיוו־קוואַלן.

ער האָט, למשל, געשיקט דעם דאַמאָלסדיקן בילדונג־מיניסטער אוּוואַראָוון זיינע שירים („פרחי אביב", האָט געהייסן די זאַמלונג זיינע) אין דער האָפענונג, אַז דער מיניסטער וועט נתפעל ווערן פון זיינע „דיכטונגען" און אים געבן אַ שטעלע פון אַ לערער אין אַ שול אָן אַן עקזאַמען (גאָטלאָבער איז געווען אַן אויטאָדידאַקט). אין זיינע זכרונות באַקלאָגט ער זיך, אַז מע האָט אָן אים פאַרגעסן און באַשטימט אַן אַנדערן אויף זיין אָרט. פאַרוואָס איז דאָס געשען, האָט גאָטלאָבער נישט געוואוסט. אָבער דער ארויסגעבער האָט שוין געמעגט וועגן דעם וויסן. דאַמאָלסט איז מאַנדעלשטאַם געווען דער מומחה איבער די שולן. מאַנדעלשטאַם האָט כאַראַקטעריזירט פאַר אוּוואַראָוון גאָטלאָבערס לידער און געזאָגט, אַז זיי האָבן קיין שום ווערט נישט. דאַגעגן האָט ער געלויבט זיינע אַרטיקלען, וועלכע „צייכענען זיך אויס, לויט זיין מיינונג, מיט פשטות און נייגונג צו בילדונג".

אומזיסט באַרימט זיך גאָטלאָבער אין אַ צווייטער פעטיציע צום בילדונג־מיניסטער, אַז ער האָט „דערגרייכט אַ פאָלקאָמענהייט אין דעם באַהערשן די העברעאישע שפּראַך". דער מיניסטער און זיין „אוטשאָני יעווריי" האַלטן אַז אָן אַן עקזאַמען קען מען אפילו אַ גוטן בעל־לשון הקודש פאַר אַ לערער נישט נעמען.

דריי בקשות האָט גאָטלאָבער געשריבן (1846, 1847 און יולי 1849). מע האָט אים אָבער אָפּגעזאָגט, כדי נישט צו מאַכן פאַר קיינעם קיין אויסנאַם. און דאָס אַלץ איז געשען אַ דאַנק מאַנדעלשטאַמען.

ער איז געווען אַ פאָטער פון דריי קינדער און אַלט געווען 39 יאָר ווען ער האָט מיט גרויס מי (זיין דייטש איז קלאַסיש אין הלכות גרייזן!) אויסגעהאַלטן אין זשיטאָמירער גימנאַזיע דעם עקזאַמען פון קאַנדידאַט אויף אַ לערער (זע שאול גינזבורגס זאַמלונג פון מאַטעריאַלן א. נ. קאַזיאָניע יעווריעיסקיע אוטשילישטשאַ, מאָסקווע, 1920).

אַזאַ מין דערגאַנצונג מאַכט אַ סך קלאָרער די דאָזיקע שטעל אין די זכרונות.

אַ. פרידקין האָט אויך נישט באַדאַרפט רעדאַקטירן אָדער פאַרקירצן גאָטלאָבערס טעקסט, ווי ער טוט עס אַ פאָר מאָל און גראָד אין זייער כאַראַקטעריסטישע שטעלן, זיי שאָקירן אפשר דעם מאָדערנעם מענטשן, אָבער זיינען גראַד ביי אים אויפן פלאַץ. עס האַנדלט זיך דאָך וועגן אַ תקופה, וועלכע מיר ווילן קענען פון דעם בוך. פאַר דעם צוועק איז גענוג צו פאַרגלייכן גאָטלאָבערס בריוו־אַנקעטע צו דעם צענזאָר גרינבוים־פיאָדאָראָוו, אָפּגעדרוקט אין „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ" (1910, ז' 287—292), און וואָס איז דערפון ארויסגעקומען ביי דעם איבערזעצער פרידקין? אויך איז אַ שאָד וואָס ער האָט נישט איבערגעזעצט זיינע בריוו צו דעם זעלביקן פיאָדאָראָוון, צו מאַנדעלשטאַמען און צו קולישערן פון די יאָרן 1849—1855. זיי זיינען וויכטיק פאַר גאָטלאָבערן דעם מענטש (ער מסרט, למשל, אַ לערער, וועלכער האָט אַנשטאָט אים באַקומען אַ פּאָסטן, און דערציילט, אַז יענער איז אַן עם־הארץ, קען נישט קיין דייטש. — אין דעם בריוו צו קולישערן, פון 12טן מערץ, 1850). פרידקין האָט די בריוו געזען, ווייל ער ציטירט איין פראַגמענט פון זיי, דעריבער איז אַ וואונדער, וואָס ער האָט זיי נישט אויסגענוצט ווי געהעריק (געדרוקט אין „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ", 1911).

עס פעלט אינגאַנצן אין דעם בוך דער פראַגמענט פון זיינע זכרונות אָפּגעדרוקט אין „האָסיף" (1־טער באַנד, ז' 1—11) וועגן ר' יצחק־בער לעווינזאָנען און זיין תקופה. עס וואָלט באַדאַרפט איבערגעדרוקט ווערן אינגאַנצן דער קאַפּיטל איבער די יידישע שרייבער, געדרוקט אין שלום־עליכמס

(מיטן אויסנאַם פון זיינע „זכרונות ימי נעורי", וועלכע זיינען דערשינען אלס א סעפּאַראַט דרוק פון „הבוקר אור"). גאָטלאָבער האָט זיי געדרוקט אין זיין זשורנאַל „הבוקר אור" זייער אומסיסטעמאַטיש און אויך אין זיינע קאָרעספּאָנדענציעס אין „המגיד" איז פאַראַן אַ סך אַווטאָביאָגראַפישעס. אַ פראַגמענט וועגן די יידישע שרייבער האָט ער געדרוקט אין שלום־עליכמס „פאָלקס ביבליאָטעק" (באַנד ב, 250-259). אויסער דעם אַנטהאַלטן אויך זיינע בריוו אַ וויכטיקן ביאָגראַפישן און קולטור־היסטאָרישן מאַטעריאַל.

א. פרידקין האָט אויפגעזאַמלט גאָטלאָבערס צעוואָרפענע זכרונות און זיי צוזאַמענגעשטעלט לויט קאַפּיטלען. אַזוי אַרום האָט זיך אים איינגעגעבן צו געבן די מעמואַרן אַ געוויסע כראָנאָלאָגישע גאַנצקייט, נאָר ביז דעם יאָר 1850. פון דעם יאָר אָן ביז גאָטלאָבערס טויט, האָט פרידקין באַאַרבעט גאָטלאָבערס ביאָגראַפיע זעלבסטשטענדיק, אויף דעם סמך פון פאַרשיידענע קוואלן. אויף אַזאַ אופן האָט זיך אָנשטאָט איינהייטלעכע זכרונות פון גאָטלאָבערן באַקומען אַ צווייזייטיקעס בוך: אַ מעמואַרן־בוך מיט אַ קאָמפּילאַטיווער ביאָגראַפיע ווי אַ דערגאַנצונג צו די מעמואַרן. אַנדערש האָט ער נישט געקאָנט טאָן, ווייל גאָטלאָבער האָט זיינע זכרונות נישט פאַרענדיקט. פון אַ ריין היסטאָרישן שטאַנדפונקט וואָלט בעסער געווען ארויסצוגעבן נאָר דאָס וואָס גאָטלאָבער האָט אַליין געשריבן איבער זיך און זיין צייט. אָבער פרידקין איז נישט דאָס אויסן געווען. זיין ציל איז געווען, ווי מיר לייענען אויף דעם שער־בלאַט, צו געבן גאָטלאָבערן און „זיין עפּאָכע". צו דעם צוועק האָט מען געמוזט טאָן אַזוי ווי דער ארויסגעבער האָט עס געוואָלט טאַן. אויף אַזאַ אופן האָט ער געוואָלט געבן דעם יידישן לייענער אַ בוך, וועלכעס זאָל זיין גלייכצייטיק אַ געשיכטע פון דער השכלה אין 19טן יאָרהונדערט מיט גאָטלאָבערן ווי די צענטראַלע פיגור פון דער דאָזיקער תקופה.

כדי אַזאַ בוך זאָל זיין פאַרשטענדלעך און צוגענגלעך פאַר דעם ברייטן עולם, וועלכער איז נישט אַזוי באַהאַוונט אין דער געשיכטלעכער זייט פון דער השכלה־באַוועגונג, וואָלטן אין אזא מין בוך פון זכרונות געווען, קודם כל, נייטיק אינפאָרמאַטיווע דערקלערונגען. דורך דעם גאַנצן בוך וואַרפן זיך דורך צענדליקער נעמען, ראשי־תיבות, פאַקטן, עפּיזאָדן נישט קיין קלאָרע, לאַפּידאַר דערציילטע, וועלכע פאָדערן אומבאַדינגט אַן אויספירלעכן פירוש, כדי דער לעזער זאָל זיך קאָנען אין זיי אָריענטירן. דאָס וואָלט געווען נייטיק אפילו דאַן, ווען דאָס בוך זאָל ארויסגעגעבן ווערן אַלס אַ ריין היסטאָרישער קוואַל פאַר היסטאָריקער, און בפרט, אַז מע וויל מיט דעם בוך מזכה זיין דעם געוויינטלעכן לעזער. מע טאָר אויך נישט פארגעסן, אז גאָטלאָבער האָט אַ סך זאַכן פאַלש פאָרגעשטעלט, מגזם געווען, אָדער גלאַט שלעכט אינפאָרמירט צוליב דעם וואס דער זכרון האָט אים שוין פארראַטן אויף דער עלטער.

אַזוי, למשל, ווערט דערמאָנט דער כעלעמער רב, ר' יהושע־הערשל (ז' 104) און זיין באַדייטונג ווערט אפילו מיט איין וואָרט נישט אויפגעקלערט. עס ווערט אזוי פיל גערעדט וועגן דעם בארימטן משכיל באַזילי שטערן, פון טאַרנאָפּאָל (געבוירן, 1798 — געשטאָרבן, 1853), וועלכער האָט געשפּילט אזא גרויסע ראלע אין דער געשיכטע פון דעם רוסיש־יידישן שול־וועזן (זיין ביאָגראַפיע ביי סטאַניסלאַווסקי, „וואָסכאָד", 1884; זיין בקיאות אין נאַטור־וויסנשאַפט לויבט דער ווילנער פּראָפעסאָר, דער גלח יונדזיל אין זיינע פּוילישע זכרונות, ארויסגעגעבן פון דער קראַקויער אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפט) און עס ווערן נים געגעבן וועגן אים קיין אויספירלעכע ידיעות.

גאָטלאָבער רעדט וועגן יאָאַכים טאַרנאָפּאָל, דעם שפּעטערדיקן רעדאַקטאָר פון דער ערשטער רוסיש־יידישער וואָכנשריפט „ראַזסוויעט" (אדעס, 1860) און דערמאָנט זיינע צוויי פראַנצויזישע ביכער איבער די יידן נאָר מיט די ערשטע ווערטער: .Reflections און Notices דער ארויסגעבער האַלט אפילו נישט פאַר וויכטיק ארייננקוקן אין א ביבליאָגראַפיע אָדער אַן ענציקלאָפּעדיע און פעסטשטעלן, ווער איז דער דאָזיקער טאַרנאָפּאָל געווען, און ווי הייסן באמת די ספרים, כדי דעם לעזער זאָל קלאָר ווערן דער מענטש און די ווערק, וואָס זענען וויכטיק פאַר יענער צייט.

עס ווערט דערמאָנט יוסף־הירש פּאָליטשינעצקי, דער דירעקטאָר פון זשיטאָמירער רבנים־שול, און קיין איין וואָרט וועגן אים, הגם עס איז געווען אזוי לייכט צו געפינען זיין ביאָגראַפיע און כאַראַקטעריסטיקע ביי קולישער אין זיינע זכרונות („איטאָגי", אין „וואָסכאָד", 1894).

אויף ז' 216 רעדט זיך וועגן מאיר האַרן, דעם ערשטן לערער פון דער ערשטער וועלטלעכער יידישער שול, געגרינדעט פון דעם אומאַנער משכיל הורוויטש, אין זיין שטאָט, אין יאָר 1826. גראַד וועגן האַרנען האָט גאָטלאָבער דערציילט אַ סך מער ווי עס געפינט זיך אין די זכרונות וואָס פרידקין האָט ארויסגעגעבן. ער האָט עס אבער נישט אפּגעדרוקט אליין, נאָר דער היסטאָריקער סטאַניסלאַווסקי האָט זיך באַנוצט מיט זיינעם אַ כתב־יד און איבערגעגעבן אַ סך פרטים אין זיין מאַ-

דער בעסטער סימן, אז זיי זענען פון דער נאַטור דערצו באַשטימט, זייא האָבען געווים גרויסע פעהיגקייטען אונ׳ גרויסען פלייס געהאַט, דער חסרון איז אבער, זייא האבען קיין מדריך, קיין וועגווייזער געהאַט, אונ עס מוז זייא תמיד עפּעס פעהלען. דעם פעהלט דאָס לשון המדינה, וואס איז כמעט דאָס נויטהיגסטע" א. אַז. וו.

„די נייע (שול געבילדעטע) האָבען אלדיג געלערענט — זאָגט גאָטלאָבער — זייא האָבען גוטע לעהרער געהאַט אין אללע זאכען, דער חסרון איז אבער, ניט איטליכער פון זייא איז דער צו געשאַפען, עס קאָן זיין דיא נאַטור האָט איהן בעשטימט גאר א בעל מלאכה צו זיין אונ ער איז געווארען א לעהרער, א רב, א דאָקטאָר, ער קענן טאקע פון אַלעמען א לעק — קיין געלעהרטער, קיין חכם איז ער פארט ניט."

דאָס בעסטע אָבער, לויט זיין מיינונג, איז: „אַז איינער פון דיא אלטע, א זעלבסט געבילדעטער יונגערמאנן, חאַפּט זיך אריין צווישען די נייע, בעזוכט רעגעלמעסיג איינע אנשטאַלט. דער איז שוין גאָר אָהן אַ חסרון. איין אויטאָדידאקט הייסט אבער ניט נאָר דער וואס קענן דוקא פראנצאזיש — ניין, אַ יונגערמאנן וואס האָט א סך גמרא געלערנט אין בית המדרש אונ א סך יודישע חכמה ספרים, דער הייסט אויך א זעלבסט געלעהרטער. העלפט איהם גאָטט אין א שולע אריין צו קוממען, קאָן פון איהם אלדעם גוטס אויסוואקסען."

די דאַזיקע ציטאַטן זענען זייער וויכטיק פאר גאָטלאָבערס כאַראקטעריסטיק׳ עס קלינגט אין זיי אַ ריין פּערזענלעכער טאָן, אַן אויטאָביאָגראַפישער שטריך. די דאָזיקע מיינונג איז די איינציקע אין דעם זין בכלל, ווייל דאָס רוב פון די משכילים האָבן גאָר אַנדערש געקוקט אויף דער פראגע. גאָטלאָבער האָט געקענט אַ סך מער ווי יעדער איינער פון די „אוטשאָניע יעוורעאי", אָדער פון די דיפּלאָמירטע יודישע אינטעליגענטן צו יענער צייט, וועלכע פלעגן שטרעבן צו א קאַריערע מיט אלע כחות. גאָטלאָבער האָט אויך דערצו געשטרעבט. די באדינגונגען פון זיין לעבן האָבן אים אָבער געשטערט און געמאכט פאר א לא יוצלח, פאר א גאַליקן, בייזן, אנטוישטן האַלב־אינטעליגענט. די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיקע פון דעם אלטן און דעם נייעם דור וואַרפט אן אינטערעסאַנט ליכט אויף גאָטלאָבערס משכילישע „וועלטאנשויונג".

זייער אַ וויכטיקן מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע פון דעם יודישן לעבן אין רוסלאַנד אַנטהאַלט גאָטלאָבערס זכרונות, בריוו און קאָרעספּאָנדענציעס אין דער העברעאישער פּרעסע. דער געדאנק צו צעגלידערן דעם מאַטעריאל כראָנאָלאָגיש כדי צו געבן אן אָרגאַנישע גאַנצקייט, איז געווען זייער א גוטער, אָבער ער איז נישט דורכגעפירט געוואָרן ווי געהעריק (אזוי האָט אויך גוסטאַוו קאַרפּעלעס געטאָן מיט היינעס פראגמענטן און בריוו).

דער מחבר האָט זיין ארבעט געטאָן אין איילעניש, נישט אלץ אריינגענומען, נישט אלץ דערקלערט. אויף אזא אופן באקומט זיך נישט קיין קלאָר בילד נישט פון אַברהם־בער גאָטלאָבער און נישט פון דער תקופה, און גראד די תקופה האָט א רייכע מעמואַרן־ליטעראַטור (מרדכי אהרן גינצבורג, פּאַולינע ווענגעראָוו, מנשה מארגוליס, קולישער, פּרושאנסקי, אפרים דינארד, קאטיק, יעקב האלפּערן [דער איינציקער „טאַיני סאָוויעטניק" אין צארישער רוסלאַנד], וולאַדימיר הרכבי, פּאַפּערנא און א סך אנדערע).

די דאָזיקע זכרונות קאָנען דערגאַנצן גאָטלאָבערס מעמואַרן, זיי קאָנען אויך דינען אַלס אַ מאַטעריאַל פאַר אַ גוטער כרעסטאָמאַטיע אויף יודיש איבער דער צייט פון השכלה.

פרידקינס אַרבעט איז אַ דילעטאַנטישע אַרבעט. פרידקין האָט שלעכט פאַרשטאַנען זיין אויפגאַבע. ער האָט זיך נישט אריענטירט אין דער ליטעראַטור פון דעם ענין און אפילו זיינע צילן זיינען אים נישט קלאָר געווען.

פאר דעם ערשטן טייל, נישט קוקנדיק אויף אלע פעלערן, זיינען מיר אים דאנקבאר. דער צווייטער טייל, דער קאָמפּילאַטיווער, איז נישט אַזוי גוט. פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור איז גאָטלאָבער זייער וויכטיק און זיינע מעמואַרן ווי אויך זיין גאנץ לעבן זיינען אן אוצר פון ליטעראַטור־היסטאָרישע פאקטן און איבערלעבענישן. די ליטעראַרישע טעטיקייט פון גאָטלאָבערן אין יודיש איז אין פרידקינס בוך ווינציק וואס באַרירט געוואָרן.

מיר ווייסן, למשל, אז א געוויסער קאָרנפעלד האָט געזען ביי גאָטלאָבערן א סך מאנוסקריפּטן זיינע אין העברעאיש און יודיש („כראָניקא וואָסכאָדאַ", 1885, נומ. 48).

נישט נאָר אין רוסלאַנד, נאָר אפילו אין וויטן האָלאַנד האָט מען געקוקט אויף גאָטלאָבערן, ווי אויף דעם פאָרשטייער פון דער השכלה באַוועגונג און פון דער העברעאישער ליטעראַטור („המליץ", 1892, 124).

אויף זיין באַציונג צו שמ"רן מאכט אויפמערקזאם שמ"ר גופא, אין זיינע ווינציק באקאנטע מעמוארן („דער מענטשן־פריינט", 1891, ניו יאָרק). גאָטלאָבערס אנטייל אין דעם באַרימטן ויכוח

„יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק“ — צוליב דעם אליין, וואָס דאָס בוך איז היינט א זעלטנהייט. פרידקין האָט טיילן פון די זכרונות צעוואָרפן אין דעם בוך אלס הערות און דערגאנצונגען.

דער צווייטער טייל פון בוך איז שוין געשריבן פון א. פרידקין אליין. דאָס איז א ביאָגראפישער עסקיז פון 1850 ביז גאָטלאָבערס טויט, ד. ה, ביז דעם יאָר 1899. איך זאָג „ביאָגראפישער עסקיז“, ווייל עס זיינען נאָר אנגעוואָרפן אין א כראָנאָלאָגישן סדר די געשעענישן אין גאָטלאָבערס לעבן אין משך פו די 49 יאָר.

אין דעם דאָזיקן טייל ווייזט ארויס דער מחבר אַן אומגעניטקייט אין באַנוצן און ציטירן קוועלן. ער וויל, למשל, כאראקטעריזירן גאָטלאָבערן לויט דעם מאַטעריאַל פון גרינבוים־פיאָדאָראָווס בריוו־ווּעקסל, קומט אויס, אז עס רעדט זיך מער וועגן דעם צענזאָר ווי וועגן גאָטלאָבערן אליין. ער דרוקט איבער פיאָדאָראָווס בריוו צו גאָטלאָבערן, אנשטאט צו טאָן פארקערט. די קאַפּיטלען זיינען נ״שט אָרגאַניש צוזאַמענגעשטעלט.

דער מאַטעריאַל פאר א ביאָגראפיע פון גאָטלאָבערן און זיין תקופה איז זייער גרויס. דער מחבר קען אָבער נישט די מקורים, הגם זיי זיינען אין אלגעמיין באַקאַנט און צוגענגלעך. קולישערס זכרונות („איטאָגי“, „וואָסכאָד“, 1894 און שפּעטער) קלערן אויף גאָטלאָבערס באַציאונג צו דער „חברה מפיצי השכלה“, און דערציילן וועגן דער שטיצע, וועלכע ער פלעגט באַקומען פאַר זיין „הבוקר אור“ — „ווייל ער איז שוין צו אַלט אַרומצופאָרן און פערזענלעך דערמאָנען און מונטערן די אַבאָנענטן“ („וואָסכאָד“, 1894, 10, ז. 51).

אַן אינטערעסאנטער אויפרוף פון א גרופּע פּעטערבורגער משכילים און ליטעראטן (גינצבורג, י. קאַנטאָר, באָגראָוו, וואַרשאַווסקי, הרכבי א. א.) איז אפּגעדרוקט אין „ראַזסוויעט“ (1880, נומ. 48). דאָרט ווערט דערמאָנט, אַז גאָטלאָבער האָט שוין „כמעט אינגאַנצן פאַרלוירן די ראיה“. מע האָט צונויפגעזאמעלט באַלד א פּאָר הונדערט רובל (די ליסטע פון מנדבים, זייער אַן אינטערעסאַנטע, איז דאָרט אפּגעדרוקט). וועגן גאָטלאָבערן האָט מען א טראכט געטאָן אין יאָר 1885, ווען דער שריפטשטעלער איז געוואָרן 75 יאָר אלט. דאמאָלסט האָט מען ווייטער א טראכט געטאָן וועגן א יובילוי, דאָס מיינט, וועגן אַ געלט שטיצע. דער באַרימטער פּראָפעסאָר דניאל כוואָלסאָן האָט זיך דערמיט פאַרינטערעסירט (זע: „כראָניקא וואָסכאָדאַ“, נומ. 48 און 49). עס דארף אויך דערמאָנט ווערן, אז די צווייטע רוסיש־יידישע וואָכנשריפט, „רוססקי יעווריי“ האָט נישט ארויסגעוויזן קיין אינטערעס פאר גאָטלאָבערס יובילוי און האָט דעם אויפרוף נישט פארעפנטלעכט. און ביי פרידקינען ווערט געזאגט, אז אויך אין דער צייטונג איז דער אויפרוף געווען געדרוקט (ז׳ 345).

זייער וויכטיקער מאַטעריאַל פאַר גאָטלאָבערס מיינונגען איבער השכלה און בילדונג בכלל איז די ווינציק באַקאַנטע הקדמה זיינע צו אַ דערציילונג פון אַ געוויסן יוסף בר יצחק ווײַנשטיין א. נ. „אַלט און ניי, אָדער דור הולך ודור בא“ (אדעס, 1867).

גאָטלאָבער רעדט דאָרט וועגן מענטשן „וואָס געהערן צו דער אַלטער וועלט“ און וועגן מענטשן „וואָס געהערן צו דער נייער“, ד. ה., וועגן פרומע און וועגן אויפגעקלערטע. ער איז נישט מסכים מיט די וועלכע רופן אָן נאָר די אויפגעקלערטע, אלס א נייע וועלט; פונקט אַזוי ווי מע קען נישט די פרומע אָנרופן די אלטע וועלט.

„מיר זעהען, זאָגט גאָטלאָבער, אינ׳ם נייעם דור נאָך אויך שטאַרק פרומע, א טייל אמת פרום אונ׳ דערצו אויך גוט; דען דאָס איז טאַקי דער רעכטער סימן, אמת פרומע זענען דאס ערשטע (אונטערגעשראָכן פון גאָטלאָבערן — י. ש.) גוטע, ליעבע מענשען, אונ׳ א טהייל קלאָמערשט פרומע, פערשטעלטע, צבועקעס, וואס געבען גאטט מעשר פין שטרויה אונ וואשען זיך דיא הענד נאָך איטליכען קראַטץ.“

דאן דערמאָנט ער, אז עס זיינען אויך פאראן א סך גרויסע חכמים „פול מיט תורה און אמתער אויפקלערונג“, וועלכע פאָרן נישט צו קיין רבין. דעריבער איז פאַלש ווען דער נייער דור שרייבט־צו בילדונג נאָר זיך און אין דער אַלטער, ד. ה., אין דער פרומער, זעט ער נאָר פאַנאַטיזם און אבערגלויבן.

גאָטלאָבער ווערט נישט נתפעל פון די היינטיקע אויפקלערער. נישט זייער פארדינסט איז דאָס. גאָר אַנדערש איז געווען אמאָל.

„אַ דור צוריק, שרייבט ער, זענען אללע געלעהרטע יודען פון זיך אַלליין, פון אייגענעם פלייס געבילדעט געוואָרען; עס זענען ניט געוועזען קיין יודישע שולען, און אַלגעמיינע אנשטאַלטען האָט א יוד זעלטען בעזוכט; דיא רופט מען היינט דיא אלטע וועלט, זעלבסט געלעהרטע (אויטאדידאקטען)“.

„דער נייער דור האָט דערלעבט, בחסד אדונינו הקיסר יר״ה, שולען וויא דיא יוגענד קאן זיך אָהן פיעל מיה אויסבילדען און קונה שלמות זיין, אָט דאָס איז דיא נייע וועלט“.

ער וויל נישט אנאליזירן וואס פאר אַ „וועלט“ איז די אמתע,ביידע האָבן, לויט אים, מעלות און חסרונות.

„די אלטע (אויטאדידאקטען) האבען א מעלה, ווייל זייא האבען זיך אלליין געבילדעט, איז דאָס

געווען אַ נויטווענדיקייט, ספּעציעל פאַר די, וואָס זיינען געקומען אין טאָג־טעגלעכן פאַרקער מיט שכנים אַרום, און מיט די פּוילישע פּריצים, מיט וועמען מע האָט געהאַנדלט.

לעווין אבראַם ליאַנדאר איז בכלל ניט געווען קיין יחיד במינו. כמעט אין דערזעלביקער צייט, וואָס זיין ווערטערבוך איז אָפּגעדרוקט געוואָרן, איז שוין גרייט געווען צום דרוק אַן אויספירלאַכע פּויליש־אידישע גראַמאַטיק פון אָש ר לעמיל בן מאיר (מאירסאָן)[3] און ס׳איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז ס׳האָבן זיך אין יענער צייט באַוויזן אַנדערע פּויליש־יידישע לערן־ביכער. ביז 1855, ביז דער צייט פון דער קרימער מלחמה, איז דער יידישער סוחן פון וואָלין, פּאָדאָליע און ליטע געווען פאַרבונדן מיט פּויליש, ווי מיט אַ פאַרשטענדיקונגס־שפּראַך. אין דער צייט פון דער קרימער מלחמה דרינגט ערשט דער יידישער סוחר אַריין טיפער אין רוסלאַנד, קומט אין פאַרבינדונג מיט אַ רוסיש רעדנדיקער וועלט און דאַמאָלסט קומט ערשט די באַרעכטיקונג פאַר רוסיש מצד דעם יידישן סוחר.

לעווין אַבראַם ליאָנדאָר איז אויך אַ פאַרפאַסער פון אַ בריוונשטעלער, וואָס איז דערשינען 1826 אין ווילנע און האָט זוכה געווען צו האָב אַ סך אויסגאַבעס. מען דאַרף זיכער נישט צושרייבן ליאָנדאָרן דעם פאַרדינסט צו זיין אַ בריוונשטעלער פאַרפאַסער, ווייל, ערשטנס, מוז מען זיין באַקאַנט מיט ליאנדארס בריוונשטעלער און פאַרגלייכן אים מיט די פריערדיקע, די העברעאיש־יידישע בריוונשטעלער, וואָס זיינען דערשינען פאר 1827, ווי: „חנוך הנער”, פון מאארסאָן (מארשן) און משה בענדינער (אמסטערדאַם, 15—1714), „אגרת הראשון” פון צבי הירש בן מאיר (פראַנקפורט אויפן אדער)[4] און אפשר נאָך אַ סך אַנדערע זיינען וויכטיק פאַר אַזאַ אַנאַליז. בכלל איז צו יענער צייט אַ בריוונשטעלער־מחבר געווען מייסטנטייל אַ קאָמפּילאַטאָר. אויב אַבראַם לעווין ליאנדאר האָט וועלכע עס איז פאַרדינסטן מיט זיין בריוונשטעלער, זיינען דאָס אפשר פילאָלאָגישע.

פּנחס קאַן וויל דעם לעזער ניט נאָר באַקענען מיט אַ באמת ווערטפולער דערשיינונג, ווי דער ביז איצט כמעט נישט באַקאַנטער פּויליש־יידישער ווערטערבוך, נאָר ער וויל אונז אויך געבן אַ באַגריף וועגן זיין מחבר ליאנדאר. ער שטעלט צוזאַמען מיט אַ חוש פון אַ פאָרשער, די ביאָגראַפיע פון אַבראַם לעווין ליאנדאר. מיר ווערן געוואָר, אַז דער פאַרפאַסער פונם פּויליש־יידישן ווערטערבוך אַריה ליב בן אַברהם ליאָן־דאר, (דאָס איז זיין ריכטיקער נאָמען) איז געווען אַ שילער פון אַן אָנפאַנגס שול פאַר יידן, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן ביים ווילנער אוניווערזיטעט אין 1808 און האָט בלויז עקזיסטירט עטלאַכן מאָנאַטן (וועגן אָט דער ביז איצט אומבאַקאַנטער שול האָט דערזעלבער מחבר, פּ. קאַן, אָפּגעדרוקט אַן אויספירלאַכע אַרבעט אין דער היסטאָרישער קוואַרטאַל שריפט “Ateneum Wilenskie” (1926, 11—10), וואו ער ברענגט דאָקומענטן פון גרויס וויכטיקייט). ליאָן־דאר איז שפּעטער געווען אַ לערער און האָט זיך באַשעפטיקט מיט געבן העברעאישע, פּוילישע, דייטשע און פראַנצויזישע לעקציעס און זיך אויך באשעפטיקט מיט איבערזעצן העברעאישע דאָקומענטן אין דער פּוילישער שפּראַך. דאָס ווערן מיר געוואָר פון זיינעם אַ בריוו צו דער ווילנער קהלה פון 9־טן אָקטאָבער, 1823. דער מחבר גיט דאָ, דרך אַגב, וויכטיקע ידיעות וועגן דעם ביז איצט ניט צוגענגלעכער טייל פון ווילנער קהלה אַרכיוו, וואָס וועט געוויס פאַראינטערעסירן אַ סך פאָרשער.

פּ. קאָן וויל דערגיין דעם סוד פון זיין פאַרפראַנצויזישטן נאָמען ליאָן־דאר. ער וואַרפט אָפּ אַנדערע השערות, ווי די פון פּראָפּ. מגיד, אַז דער נאָמען זאָל

---

[3] שפת ברורה או תלמוד לשון פּלאניא בלשון עברי ואַשכנזית. חובר ונערך על ידי אָשר לעמיל בן מאיר. בדפוס השותפים דק״ק ווילנא והוראדנא. תקצ״ד. די ערשטע דריי טיילן (112 זייטן) נעמען אַרום אַלע גראַמאַטישע פאָרמעס מיט דערקלערונגען, ווערטער איבערזעצונגען און פּאָפּולערע דערקלערונגען. די פערטע טייל איז אַ כרעסטאָמאַטיע מיט פּאָפּולער וויסנשאַפטלאַכע דערקלערונגען (64 זייטן). די שפּראַך איז אַ קלאָרע, הגם נישט פריי פון דייטשמעריזמען.

אין אַ העברעאישן נאָכוואָרט באַמערקט דער מחבר, אַז שוין דעם 2־טן אַפּריל 1828 האָט ער געהאַט די דערלויבניש פון דער רעגירונג.

ווי גרויס איז געווען דער אינטערעס פאַר פּויליש מצד די ווילנער יידן, באַווייזט אַם בעסטן די אַבאָנענטן ליסטע, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין דער גראַמאַטיקע. פון 94 אַבאָנענטן זיינען 22, ד. ה. כמעט איין פערטל, פון ווילנע; די איבעריקע 72 אַבאָנענטן זיינען פון ביאַליסטאָק, גראָדנע און אַנדערע שטעט אין ליטע. דאגעגן זייער ווינציק אבאָנענטן האָט דאָס בוך געהאַט אין פּוילן.

דער עקזעמפּליאַר, וואָס איך האָב באַנוצט, שטאַמט פון יודא יאפעס פּריוואטער ביבליאָטעק. א צווייטער עקזעמפּליאַר געפינט זיך אין יידיש־טעאָלאָגישן סעמינאַר, ניו יאָרק.

[4] ש. באסטאמסקי, יידיש לימוד, די נייע שול, יאַנואַר־פעברואַר, 1923, ז. 49.

וועגן יידיש פון מאר, פעדער און סאטאנאָווער, איז אויך נישט אויפגעקלערט געוואָרן (דער גאַנצער מאַטעריאַל אָנגעגעבן ביי קלויזנער אין „מדעי היהדות", ירושלים, 1, 165—167).

אַ ביאָגראַפיע פון גאָטלאָבערן און אַ זאַמלונג פון זיינע יידישע ווערק, איז אַ ליטעראַרישער און היסטאָרישער חוב צו אים, וועלכער מוז ענדלעך באַצאָלט ווערן.

פרידקינס בוך איז אַ סוראָגאַט פון אַזאַ ביאָגראַפיע.

צום סוף, אַ פּאָר ווערטער וועגן דער שפּראַך פון בוך:

צופיל העברעאיזמען, אומנייטיקע, וואָס מאַכן שווער דאָס לייענען פאַרן ברייטן עולם. די זאַצן זיינען אָפטמאָל צו לאַנג און פאַרפּלאָנטערט. עס פעלט אַ זוך־צעטל פון נעמען, אָן וועלכן עס איז שווער זיך אָריענטירן אין אַזאַ בוך.

י. ליפשיץ:

(פּנחס קאָן, דאָס ערטשע פּויליש־יידישער ווערטערבוך און זיין מחבר לעווין ל'אַנד'אָר. מיט צוויי רעפּראָדוקציעס, ווילנע 2926, 27 יידישע + 5 פּוילישע זייטלעך.)

די אַרבעט פון פּנחס קאָן האָט זיך געדרוקט אין די „שריפטן פון יידישן וויסנשאַפטליכן אינסטיטוט" באַנד 1 (לאַנדוי־בוך) און איז שפּעטער אַרויסגעגעבן געוואָרן אַלס אַ סעפּעראַט־אָפּדרוק פון דער יידישער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אויפן נאָמען פון ש. אַנ־סקי אין ווילנע.

דער מחבר האָט צוגעגעבן פאַר דעם ניט־יידישן לעזער אַ קורצע פּוילישע רעזיומע פון זיין אַרבעט.

אויך דער דאָזיקער קליינער אַרבעט איז זיך כדאי אָפּצושטעלן, ווייל זי ברענגט מיט זיך וויכטיקע נייע פאַקטן פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך און השכלה אין ליטע.

מיט יצחק בער לעווינזאָנס „תעודה בישראל" (פאַרעפנטלאַכט 1828, געשריבן אַ סך פריער) הייבט זיך אָן אויסקריסטאַליזירן די טענדענץ פון די משכילים אין רוסלאַנד אין דער ריכטונג צו לערנען די מלוכה־שפּראַך. דער משכיל האָט זיך אָפּגעווענדט פון דייטש אַלס דער איינציקער שפּראַך פון בילדונג און האָט אָנגעהויבן זיך צו לערנען פריער די שפּראַך פון דער אַרומיקער, הערשנדע סביבה און שפּעטער די מלוכה־שפּראַך. קיין גרויסע נויטווענדיקייט אין דער רוסישער שפּראַך האָט מען נאָך אין דעם ערשטן פערטל פון 19־טן יאָרהונדערט ניט געפילט, ווייל אין די שטעט און שטעטלעך פון תחום־המושב איז עקאָנאָמיש געווען נאָך שטאַרק דער פּוילישער פריץ און דעריבער האָט מען געמוזט זיין שפּראַך קענען. דאָך באַווייזן זיך שוין צו יענער צייט די ערשטע פּרואוון פון האַנטביכער פון דער רוסישער שפּראַך. אַזוי, למשל, דערשיינט אין יאָר 1825 אַ העברעאיש־רוסישע גראַמאַטיקע, צוזאַמענגעשטעלט פון אַ ווילנער לערער ברוך רינדזשינסקי און פון אַ סמאָרגאָנער לערער משה בן שמעון.[1]

אין וואָלין, פּאָדאָליען און ליטע האָט אָבער די רוסישע שפּראַך צו יענער צייט נישט געשפּילט קיין ראָלע. די שפּראַך פון האַנדל איז געווען פּויליש און דעריבער האָט מען זיך באַמיט צו קענען די דאָזיקע שפּראַך. וואָס פאַר אַ ראָלע עס האָט געשפּילט פּויליש צו יענער צייט, דערוויסן מיר זיך אַם בעסטן פון א. ב. גאָטלאָבערס זכרונות:

„אין יענע צייטן (אָנפאַנגס ניינצנטן יאָרהונדערט — י. ל.) איז די לאַנד שפּראַך פון וואָלין און פּאָדאָליען, אפילו נאָכדעם ווי די רוסן האָבן איינגענומען דעם קאַנט, נאָך אַלץ געווען פּויליש. און אַזוי ווי די גאַנצע פּרנסה געבערינס, די אשת חילס, זיינען דעמאָלט געווען די ווייבער... האָט דעריבער זיך גערעכנט פאַר אַ גרויסע מעלה פאַר אַ אידיש מיידל צו קענען פּויליש".[2]

פּויליש האָט אין ווילנע נישט געשפּילט קיין קלענערע ראָלע ווי אין וואָלין און פּאָדאָליען, און אפשר נאָך אַ גרעסערע. אין ווילנע איז צו יענער צייט געווען אַ גרויסע פּוילישע באַפעלקערונג, אַ גרויסע, אָנגעזעענע פּוילישע אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום דעם דאָרטיקן אוניווערזיטעט און אַרום די פאַרשידענע געהיימע פּאַטריאָטישע אָרגאַניזאַציעס. דער קאָנטאַקט צווישן די יידן און דער פּוילישער באַפעלקערונג איז געווען גאָר אַ נאָענטער, מער אָן עקאָנאָמישער ווי אַ געזעלשאַפטלעכער — דאָך האָט דאָס געווירקט אויף די יידן און זיי באַוואויגן צו שטודירן די שפּראַך פון לאַנד, ד. ה. צו יענער צייט: פּויליש.

לעווין אַבראַם ליאָנדאָר איז ניט געווען, ווי ס'ווייזט אויס, קיין משכיל מיט אַ דייטשער אָדער רוסישער אָריענטאַציע. ער איז אָבער געווען איינער פון די, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ חוש פאַר דער ווירקלאַכקייט. זיין פּויליש־אידישער ווערטערבוך, וואָס איז דערשינען 1827 אין ווילנע, איז

---

[1] תלמוד לשון רוסיא. ווילנע, 1825. 4°. זע: ו ו. צייטלין, ביבליאָטעקאַ העבראַיקאַ פּאָסט מענדעלזאָניאַנאַ, ז. 325.

[2] אַ. פרידקין — אברהם בער גאָטלאָבער און זיין עפּאָכע, ז. 33.

דר. יעקב שאַצקי.

נייע אַרבעטן צו דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור.

(אַ קריטישער איבערזיכט)

פאַר די לעצטע יאָרן האָט זיך די פאָרשונגס ארבעט אויפן געביט פון דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור שטאַרק פונאַנדערגעוואקסן. לײדער זיינען נאָך דאָס רוב פון די דאָזיקע אַרבעטן געדרוקט אין פרעמדע שפּראַכן און דערצו נאָך זעלטן אין אַ בוך־פאָרם, נאָר מערסטנטייל אין פאַרשיידענע זשורנאַלן, זאַמלונגען אָדער אין בראָשורן, וואָס אפילו אַ וואַכזאַמער ביבליאָגראַף קען לייכט פאַרביגיין.

אַ סיסטעמאַטישער איבערזיכט איבער די דאָזיקע אַרבעטן איז איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון אַ יידישן וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל. צווישן די אַרבעטן זיינען פאַראַן ווערטפולע צושטייערן פאַר דער יידישער ליטעראַטור־פאָרשונג, וואָס וועט קענען מיט דער צייט אויסגענוצט ווערן אַלס קוואלן־מאַטעריאל פאַר דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע.

אויך האָבן זיך פאַר די לעצטע צייטן באַוויזן אַ רייע ביכער אויף די־מזעלבן געביט. די דאָזיקע ביכער פאַרדינען אַ באַזונדערע אויספירלאַכע קריטיק און גייען דערוויל נישט אַריין אין די ראַמען פון מיין איבערזיכט.

איך וויל זיך דאָ באַגרעניצן מיט ארטיקלען אין פאַרשיידענע אויסגאַבן און מיט אַזעלכע אַרבעטן, וואָס זיינען אַיינגעפלאָכטן אין אַנדערע אַרבעטן און האָבן אַ שייכות מיט דער יידישער ליטעראַרישער פאַרגאַנגענהייט (געלבער, למשל).

אין דעם דאָזיקן איבערזיכט רעפעריר איך די ארבעטן פאר די לעצטע פינף יאָר. איך האָב נישט בדעה אפילו די דאָזיקע ארבעטן אויסשעפּן. ס'איז ארומגערעדט געוואָרן נאָר די ליטעראַטור, צו וועלכער דער שרייבער פון די שורות האָט געהאט אַ צוטריט. עס איז דעריבער נישט אויסגעשלאָסן, אַז מאַנכע זאַכן פעלן אין דעם באַריכט.

עס איז אָבער צו האָפן, אַז מיט דער צייט וועט דער דאַזיקער איבערזיכט דערגאַנצט ווערן. און איך בעט די מחברים פון ענלעכע ארבעטן, וואָס ווערן רעצענזירט אין דעם אַרטיקל, אַז זיי זאָלן זיך אָפּרופן אין פאַל, אַז זיי וועלן באַמערקן, אַז איך האָב פאַרזען זייערע אַרבעטן.

אויך ווערן אין דעם איבערזיכט נישט אריינגעשלאָסן די ארבעטן איבער יידיש טעאַטער, ספּעציעל די גאָלדפאַדען־ליטעראַטור, וואָס איז אַ דאַנק דעם יובילוי אין 1926 שטאַרק אויסגעוואקסן, ווייל דעם דאָזיקן געביט וועל איך ווידמען אַ ספּעציעלן אַרטיקל.

עס איז מיר ביז איצט נישט אויסגעקומען צו זען אין ערגעץ אַ נאָטיץ וועגן אַ שטודיע איבער תחינות, וואָס איז דערשינען אין ענגליש אין יאָר 1923.[1]

דער מחבר פון דער דאָזיקער אַרבעט שלמה פריהאָף האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע אַנאַליזירן דעם רעליגיעזן און פּאָעטישן אינהאַלט פון די יידישע תחינות. די ליטעראַטור־היסטאָרישע זייט אינטערעסירט אים אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל דאָס איז נויטיק פאַר זיין אַנאַליז. דעריבער איז זיין אַרבעט גאָרנישט נישט מחדש. די אינפאָרמאַציעס איבער דער עלטערער יידישער ליטעראַטור זיינען אויך גענוג אַלט. ער האָט אפּערירט מיט אַ פּאָר עלטערע אויסגאַבן פון תחינות, ווי: אמסטערדאַם (1721), זולצבאַך (1798), פירט (1800) א. אַ. די גאָר אַלטע טעקסטן זיינען אים באַקאַנט פון גרינבוימס כרעסטאָמאַטיע. אפילו ניגערס אַרבעט איבער דער יידישער פרוי אין דער ליטעראַטור (געדרוקט אין „פנקס" 1913), איז אים נישט באַקאַנט.

דאָך האָט זיין אַרבעט אַ פּאָזיטיוון ווערט צוליב דעם, וואָס דער מחבר האָט באַוויזן (אמת זייער אויבנאויפיק), אַז די צוויי באַרימטע קבלהשע זאַמלונגען פון תפלות, דער „שערי ציון" פון נתן נטע האַנאָווער (פּראַג, 1662) און דער „שער השמים" פון ישעיה הורוויץ (אַמסטערדאַם 1717), האָבן שטאַרק באַאיינפלוסט אונזערע תחינות. פריהאָף באַווייזט (ז. 43—42), אַז אין די תחינות, וועלכע זיינען דערשינען אין זולצבאַך אין 1798, זיינען פאַראַן אַכטצן תחינות אַנטנומען פון די דאָזיקע צוויי דערמאָנטע ספרים. „ווי גרויס איז געווען דער דאָזיקער אַיינפלוס — באַמערקט דער מחבר — וועט ווערן קלאָר ערשט דאַן ווען מען וועט דורכפירן אַ גענויע שטודיע וועגן דער קרובהשאַפט צווישן „שערי ציון" און די תחינות".

אַזאַ אויספאָרשונג וואָלט געקענט פעסשטעלן אויף וויפיל איז אין אַלגעמיין די דאָזיקע השפעה אָדער אנטלייאונג א זיכערע. וואס איז שייך דעם פּראָבלעם גופא, האָט זי דער מחבר ריכטיק אַוועקגעשטעלט און עס וועט זיין די אויפגאַבע פון אַ יידישן פאָרשער דעם דאָזיקן פּראָבלעם פאַרטיפן און אַלזייטיק באַפעסטיקן.

1) Solomon B. Freehof: Devotional Literature in the Vernacular. Reprinted from Yearbook, Vol. XXXIII. 44 pp. 1923. (Central Conference of American Rabbis).

גאָר באַטייטן אַ ייִד פֿון שטעטל לאָנדע און ער אַליין פּלפּולט זיך אַביסל און מאַכט אַליין השערות, וואָס זיינען נישט באַגרינדעט. ס'איז אַ פֿראַגע צי ס'איז אַזוי ווי דער מחבר וויל דאָס האָבן. נאָר בכלל איז עס ניט קיין נויטווענדיקייט. אויף די „פֿראַנצוי־זישקייט" פֿון לעווין אבראַם ליאָנדאָר איז זיך ניטאָ וואָס צו וואונדערן, ווייל פֿראַנצויזיש איז צו יענער צייט געווען ניט נאָר אַ פּריווילעגיע פֿון משׂכילים, וואָס האָבן זיך געלערנט שפּראַכן, נאָר אַפילו רייכערע סוחרים, וואָס זיינען געווען ווייט פֿון השׂכלה, האָבן זיך אויך מתקנא געווען אין זייערע פּוילישע פּריצים, מיט וועמען זיי האָבן געהאַנדלט און ביי וועמען פֿראַנצויזיש איז געווען דער קולטור־אויסדרוק, אַז זיי האָבן זיך, און ספּעציעל זייערע קינדער, געלערנט פֿראַנצויזיש. אין די פּוילישע מעמוארן פֿון יענער צייט געפֿינען מיר באַשטעטיקונגען פֿאַר דער פֿאַרשפּרייטקייט פֿון פֿראַנצויזיש צווישן יידישע סוחרים. דער פּוילישער מעמואַריסט טשיי־קאָווסקי דערציילט, אַז בעת די באַרדיטשעווער יאַרידן פֿלעגט קומען אַהין אַ פֿראַנצויזיש טעאַ־טער, און אַז אַ סך יידן האָבן באַזוכט דאָס פֿראַנצויזישע טעאַטער.[5] אַן אַנדער פּאָליאַק, קאָ־וואַלסקי, דערציילט אין זיינע מעמואַרן, אַז אין קרעמעניץ האָבן אַ סך יידן גערעדט פֿראַנצויזיש.[6] אַלזאָ, ווי ס'זעט אויס, איז לעווין אבראַם נישט גע־ווען קיין אויסנאַם, נאָר אַ פּראָדוקט פֿון זיין „פֿאַר־פֿראַנצויזישטער" צייט.

פּ. קאַן באַניגנט זיך נישט מיט באַקענען אונז מיט דעם מחבר פֿון דעם ערשטן פּויליש־יידישן ווער־טערבוך, נאָר ער וויל אונז אויך באַקענען מיט זיין זון הירש ליאָנדאָר, וואָס איז אויך, ווי זיין פֿאָטער, אַבראַם לעווין ליאָדאָר, געווען אַ פּראָפֿעסער פֿון אַ בריוונשטעלער[7] און אַ ביכל, „געשפּרעך, פֿראַנצויז אידעש דייטש", וואָס איז דערשינען אין ווילנע אין 1836. דער מחבר נעמט זיינע אינפֿאָרמאַציעס פֿון דעם ביבליאָגראַף יעקב בן יעקב און ווייסט מסתמא נישט, אַז דאָס ביכל געפֿינט זיך אין דער ביבליאָטעק פֿונם אַזיאַטישן מוזייאום און אַז ס'איז פֿאַרנאָטירט אין ווינערס קאַטאַלאָג (נומער 2010). דעם שרייבער פֿון די שורות דאַכט זיך, אַז דאָס ביכל איז פֿאַרפֿאַסט געוואָרן אונטער דער השפּעה פֿון אַן ענלאַך ביכל, „רוסיש אידיש דייטשע געשפּרעכע" פֿון א. גיטטעלס, וואָס איז דערשינען אין ווילנע מיט אַ יאָר פֿריער (1835) פֿאַר הירש ליאָנדארס ביכל. ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז דאָס דערמאָנטע ביכל האָט ליאָנדאר געקענט נאָך אין מאַנוסקריפּט, וואָס איז דאַמאָלס ניט געווען קיין זעלטנהייט. אַלנפֿאַלס, אַזעלכע אויסגאַבעס זיינען נאָך אין 18טן יאָרהונ־דערט געווען שטאַרק פֿאַרשפּרייט אין דייטשלאַנד. פּראָפֿ. מגיד לאָזט וויסן פּ. קאַנען, אַז הירש ליאָנדאר איז אויך געווען דער מחבר פֿון אַ פֿראַנצויזיש לערנ־בוך פֿאַר יידן.

ווי מע קען זען, האָט פּ. קאַן, ווי ער זאָגט דאָס אַליין, ניט געשטעלט זיך די אויפֿגאַבע אונז צו באַ־קענען מיט דעם ערשטן פּויליש־יידישן ווערטערבוך (דאָס וועלן שוין אַנדערע מוזן טאָן!), נאָר ער האָט אונז געוואָלט באַקענען מיט צוויי פֿאַרגעסענע יידישע מחברים, אַברהם לייב ליאָנדאר און זיין זון, הירש. מע קאָן נישט זאָגן, אַז דער מחבר האָט אונז געגעבן גרינדלעכע ידיעות וועגן די צוויי מחברים, נאָר דאָך אַ ליכט האָט ער אויף זיי געוואָרפֿן, און לאָמיר האָפֿן, אַז זיי, און ספּעציעל אַברהם לייב ליאָנדאַד, וועט, אַלס דער ערשטער מחבר פֿון אַ פּויליש־יידישן ווערטער־בוך, פֿאַראינטערעסירן אונזערע פֿילאָלאָגן און מיר וועלן נאָך הערן וועגן זיינע פֿאַרדינסטן.

פּ. קאַנען קומט די פֿולסטע אָנערקענונג פֿאַר זיין אַרבעט, וואָס עפּנט אַזוי פֿיל קוואַלן פֿון אינטערעס פֿאַרן פֿאָרשער, אַז מע מוז אים פֿאַרגעבן זיין אַביסל צו רעפּאָרטערישע איבעראייליקייט און ניט גרינד־לאַכקייט. ער האָט אונז מזכה געווען מיט נייע ציגל. דעם בנין וועלן שוין, מסתמא, אַנדערע אויפֿבויען.

[5] טשייקאָווסקי, פּאַמיעטניקי, לעמבערג, 1898 (פּויליש).

[6] פֿראַנציִשעק קאָוואַלסקי, וספּאָמניעניאַ, 1823—1819, קיעוו, 1912, ז. 105.

[7] פּ. קאַן ברענגט די צווייטע אויפֿלאַגע פֿון תרט"ז (1856). ס''זיינען נאָך באַקאַנט אַ דריטע און אַ פֿערטע אויפֿלאַגע פֿון דעם זעלבן בריוונשטעלער, וואָס זיינען דערשינען אין 1887 און 1893 ביי ר' א"צ ראַזענקראַנץ ור' מ"מ שריפֿטזעטצער, ווילנע.

זע: ש. באַסטאָמסקי, יידיש לימוד, די נייע שול, יאַנואַר־פֿעברואַר, 1923, ז. 51.

מאַטעריאַל געפינען מיר נישט. די אויסגאַבע פון „משלי“, געדרוקט אין טאַרנאָפּאָל אין 1814, האָט דער מחבר נישט געזען*). וויינליז אינפאָרמירט („העולם“ מ״א, 1925), אַז איין עקזעמפּליאַר געפינט זיך אין „אַזיאַטישן מוזיי“ אין לעגינגראַד. סיי געלבערן און סיי וויינלייזן איז נישט באַקאַנט דער פאקט, אז מענדל לעפין איז געווען א לערער אין דער גוט אוסטיע ביי ר׳ יהושע צייטלין. צייטלינס אוידים אַברהם פּרץ האָט איינגעלאַדן לעפינען פאַר זיין זון צבי הירש פּרץ, שפּע־טער באַקאַנט אַלס גריגאָרי פּרץ, אַ שוואַכער אנטיילנעמער אין דעם דעקאבריסטן אויפשטאַנד. דאָרטן ביי צייטלינען האָט געפין באארבעט דעם „חשבון הנפש“, אַנטנומען פון בענדשאַמין פרענקלין (זע: ש. י. פין, קריה נאמנה). פון אַ בריוו, וואָס מענדל לעפין האָט געשריבן צו זיינעם אַ פריינד, ווערן מיר געוואָר, אַז אַ חוץ „משלי“, וועלכע זיינען דערשינען אין טאַרנאָפּאָל, האָט ער „ליגען מעהרערע דרוקפערטיגע מאַנוסקריפּטע, איינע איבערזעצונג פון דען פסאַלמען, פאָן פּרעדיגער סאַ־לאמאן, פאָן בוכע היאב, דאָס קלאָגליעד ירמיה — אַלעס צור אויפנאַהמע דער יודישען פאָלקסשפּראַכע נעבסט איינען דייטשען אויפזאַץ פאָן דער וויכטיג־קייט דער פאָלקסשריפטן אין יודישער שפּראך צור קולטור אונד אויפקלעהרונג יודישער איינוואָהנער אין פּאָהלען“ (געבראַכט פון ישראל וויינליז אין „העולם“ מ״א, 1925).

די דאָזיקע ידיעות זיינען וויכטיק שוין דערמיט אַליין, וואָס זיי גיבן אונז אַ באַגריף וואָס האָט מענדל לעפין אויפגעטאָן און וואָס פאַר א מאנוסקריפּטן זיינע דאַרף מען אויפזוכן. זייער אינטערעסאַנט איז די ידיעה וועגן דעם „דייטשן אויפזאַץ“. אַ מין פאַרטיידיגונגס־שריפט פון יידיש. ווען זי דערשיינט צו יענער צייט, וואָלט עס געווען דאָס ערשטע וואָרט פאַר יידיש אין דער תקופה פון השכלה.

וויינלייזס ארבעט איבער לעפין („העולם“, ל״ט—מ״ב, 1925) איז א וויכטיקע דערגאנצונג צו געל־בערס ארבעט און ברענגט אזוי פיל ניי מאטעריאל וועגן לעפינס לעבן און טעטיקייט, אז עס וועט זיין נויטיק צו שרייבן א נייע ביאָגראַפיע פונם דאָזיקן שרייבער און אויך פארעפנטלעכן א נייע אויסגאבע פון „משלי“ און „קהלת“. אפשר וועלן זיך אויך מיט דער צייט אפזוכן די איבערגעבליבענע יידישע ווערק, פונקט ווי וויינליז האָט אין טאַרנאָפּאָל גע־פונען די איבערגעבליבענע העברעאישע כתבים?

די דריטע ארבעט איבער מענדל לעפין איז פון רד. יוסף קלויזנער. אין זיין אַרטיקל „מחקרים בתולדות הספרות העברית החדשה“, געדרוקט אין „מדעי היהדות“ (כרך א׳, ירושלים, תרפ״ו), ווידמעט דער מחבר אַ באַזונדער קאַפּיטל — מענדל לע־פין (ז. 165—175). קלויזנערן אינטערעסירט מער לעפין דער סטיליסט און קריטיקער. דאָך האָט זיין אַרבעט א געוויסן ווערט פאר דער לעפין־ביאָ־גראַפיע. די ביבליאָגראַפיע איז ביי אים אַ סך אַ רייכערע ווי ביי געלבער און וויינליז. ער האָט אויך אויפמערקזאַם געמאכט אויף לעפינס אויפהאַלט ביי יהושע צייטלינען (ז. 170—169). אין די הערות זיינען אויך צוזאַמענגעקליבן די קוואַלן צו דער פּע־דער־לעפין דעבאַטע, אַן ענין זייער אַ וויכטיקער פאַר אַ פאָרשער.

דער סך־הכל פון דער לעפין־ליטעראַטור איז אין אַלגעמיין אַ פּאָזיטיווער, אָבער קיין ביאָגראַפיע זיינע איז נאָך נישטאָ. אַלנפאַלס קען דר. געלבערס אַרבעט אויף דעם נישט פּרעטענדירן, בפרט נאָך וויינלייזס ארכיוואלישע דאָקומענטן.*)

דער זעלבער ישראל וויינליז האָט געמאכט א זייער וויכטיקע אַנדעקונג. אין „יידישן ליטעראַ־רישן קאַלענדאַר“, רעדאַגירט פון דר. א. קליינמאַן (לעמבערג, 1924) האָט וויינליז פאַרעפנטלאַכט א פראגמענט פון א ראָמאן „אַנטיגנוס“, וואָס איז אין 1833 איבערזעצט געוואָרן פון דייטש אין יידיש (ז. 114־126). אין זיין הקדמה האָט ער באוויזן, אז דער איבערזעצער פון דעם ראָמאַן איז יוסף פּערל. די אַרגומענטן זיינע זיינען לאָגישע און איבערצייגנדיקע. די שפּראך פון דער איבערזעצונג איז זייער אַ פרישע און א לעבעדיקע. עס וואָלט כדאי געווען אָפּצודרוקן דעם גאַנצן מאַנוסקריפּט פון יוסף פּערל, וועלכער האָט אָן ספק אָנגעהויבן צו

דאָרטן איז אפּגעדרוקט אַ המשך פון דר. מ. וויסבערגס אַן אלטע ארבעט איבער די „ניי־העברע־אישע השכלה ליטעראַטור אין גאַליציען“ (העפט 1—2, זז. 54—62). גראַד דער ארטיקל איז געוויד־מעט לעפינען און הערץ האמבערגן. קיין ביאָגראַ־פישע חידושים האָב איך דאָרט נישט געפונען. די ביבליאָגראַפיע איז אויך נישט צו פאַרלעסיק.

---

*) אַן עקזעמפּלאַר פון דער דאָזיקער זייער זעל־טענער אויסגאַבע געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע (זע דעם באַריכט: „צוויי יאָר ארבעט פון י״וו״א., ווילנע, 1927, ז. 19).

*) שוין נאָכדעם ווי דער דאָזיקער ארטיקל איז געווען אויפגעזעצט איז אָנגעקומען קיין ניו יאָרק דער ערשטער העפט פון „מאָנאַטסשריפט פיר געשיכטע און וויסנשאפט דעם יודענטומס“, פאר׳ן יאָר 1927.

אין יאָר 1923 איז דערשינען אַ בוך מיט היסטאָרישע עטיודן פון דר. נ. מ. געלבער, וועלכער אנטהאלט צווישן אנדערע צוויי ארבעטן, וואָס האָבן א שייכות מיט דער יידישער ליטעראטור־געשיכטע.[2]

איינע פון זיי איז געווידמעט דעם לעבן און דער ליטעראַרישער טעטיקייט פון בערל בראדער. די דאָזיקע ארבעט טראָגט אריין אינפארמאַטיוון כאַראַקטער און איז געשריבן גיכער פאַר גוים אָדער „יידישע גוים", איידער פאַר אַ יידישן לעזער. קיין ביאָגראַפישע חידושים געפינען מיר דאָרטן נישט. אפילו די דאַטן פון זיין געבורט און טויט זיינען מיט קיין פולער זיכערקייט נישט אָנגעגעבן געוואָרן. „ער זאָל אום דאָס יאָר 1880 אין איינער קליינער שטאָט ביי בוקאַרעסט געשטאָרבען זיין" — דערציילט אונז דר. געלבער (ז. 76). דאָס איז אָבער נישט ריכטיק. בערל בראדער־מרגליות (דאָס איז געווען זיין ריכטיקער נאָמען) איז געשטאָרבן נישט 1880, נאָר — 1868 און נישט לעבן בוקאַרעסט, נאָר אין קאַרלסבאַד. (זע: מ. ל. פעטשעניק, בערל בראדער, „ליטעראַרישע בלעטער" נומער 55). וואָס איז שייך דער דאַטע פון זיין געבורט, איז זי נישט 1817, ווי געלבער גיט אָן, נאָר גיכער — 1815 און נישט אין בראָדי, נאָר אין פידקאמין, אַ קליין שטעטל אין מזרח־גאַליציען. אַ סך אַנדערע ידיעות איבער בערל בראדער קאָריגירט דער אויבן דערמאַנטער פעטשעניק אין זיין וויכטיקן אַרטיקל. די דאָזיקע ידיעות שטאַמען פון בראדערס אַ זון, דעם שרייבער „ים־הציוני", וועגן וועלכן ער שרייבט אין אַ באַזונדער אַרטיקל („ליטעראַרישע בלעטער" נומער 75), און דעריבער זיינען זיי נעענטער צום אמת, איידער די אינפאָרמאציעס וואָס געלבער שעפּט פון א. ליטווין, באַסין און ב. גאָרין.

דער אַנאַליז פון בראדערס ליטעראַרישער שאַפונג איז אַ מין סטודענטישע אַרבעט פול מיט נישט באַגרינדעטע התפּעלות. מערסטנטייל גיט ער איבער דעם אינהאַלט פון די לידער און ברענגט לאַנגע ציטאַטן אין אַ מאָדנער לאַטיינישער טראַנסקריפּציע, וועלכע איז האַלב גאַליציש און האַלב... דייטש אין נוסח פון גרונוואַלדס „מיטטיילונגען פיר יידישע פאָלקסקונדע".

עס איז אויך שווער צו דערגיין, פון וואָס פאַר אַן אויסגאַבן ווערן די דאָזיקע לידער ציטירט, ווייל מיט איין אויסנאַם ווערן די קוואַלן בכלל נישט אָנגעגעבן.

דער מחבר האָט זיך אפילו נישט באַמיט פעסטצושטעלן די אַלע אויסגאַבן פון בראדערס לידער און געבן אַ ביבליאָגראַפישע רשימה, וואָס איז דאָך אַן עלעמענטאַרע אויפגאַבע פון אַ ביאָגראַף.

די צווייטע אַרבעט פון דר. געלבער, אויך געדרוקט אין דעם באַנד, באַהאַנדלט דאָס לעבן פון דעם באַוואוסטן השכלה קעמפער מענדל לעפין סאַטאַנאָווער (ז. 39—58).

מענדל לעפין סאַטאַנאָווער האָט פאַר די לעצטע פאָר יאָר פאַראינטערעסירט אַ רייע פאָרשער און זייערע אַרבעטן האָבן אַריינגעבראַכט אַ סך נייע פּרטים צו דער ביאָגראַפיע פון דעם איבערזעצער פון „משלי" און „קהלת".

געלבערס אַרבעט איז די ערשטע. זי איז געבויט אויף געדרוקטע מאַטעריאַלן. פון זיי זיינען גאָטלאָבער און לעטעריס די הויפּט קוואַלן. אינגאַנצן אומבאַקאַנט איז אים געבליבן די אַרבעט פון סטאַניסלאַווסקי („וואָסכאָד", 1881, מאַרט, 116—126) און אפילו דער „כרם חמד" איז נישט אויסגענוצט געוואָרן ווי געהעריק.

בנוגע די ביאָגראַפישע פונקטן דאַרף קאָרעגירט ווערן די דאַטע פון געבורט און דאָס אָרט וואו לעפין איז געשטאָרבן. ער איז געבוירן געוואָרן נישט 1750, נאָר 1749 (תק"ט). לעפין איז געשטאָרבען נישט אין סאַטאַנאָוו, נאָר אין טאַרנאָפּאָל. דער נוסח פון זיין מצבה ברענגט ישראל וויינלייז אין זיין ארבעט איבער מענדל לעפין („העולם", 1925, מ"ב). אַ דאַנק דער אַרבעט פון וויינלייז, וועלכע איז געבויט אויף אַרכיוו־מאַטעריאַל פון טאַרנאָפּאָל, לאָזט זיך זייער אַ סך קאָרעגירן אין געלבערס ארבעט. אזוי, למשל, האָט לעפין אָנגעשריבן זיין פראַנצויזישע בראָשור איבער דער יידן־פראַגע אין יאָר 1791 און נישט אין 1789. דאמאַלסט האָט ער געוווילט אין וואַרשע און האָט זיך מסתמא אינטערעסירט מיט דער יידן־דעבאַטע, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין פּוילישן סיים.[3] מען וואָלט באַדאַרפט לעפינס פּראָיעקט אַנאַליזירן און פאַרגלייך מיט אַנדערע פּראָיעקטן פון יענער תקופה — דאַמאָלסט וואָלט מען געקענט בעסער אָפּשאַצן לעפינס אַרבעט.[4] זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין יידיש און דער קאַמף פון די משכילים קעגן אים ווערט איבערגעגעבן אין קנאַפּע טרוקענע שורות. קיין נייעם

2) Dr. N. M. Gelber: Aus zwei Jahrhunderten. Wien 1924.

ז. 58—39 און ז. 101—70. די אַרבעט איבער „בערל בראדער" איז געווען פריער געדרוקט אין די „מיטטיילונגען פיר יידישע פאָלקסקונדע" (ווין).

3) Smolenski: Ostatni rok sejmu wielkiego. 1897, 329-334.

[4] אַן אויספירלאַכער אַנאַליז פון דער ליטעראַטור ביי:

4) Pilat: Literatura polityczna sejmu czteroletniego.

די מיינונגען, וואָס מיר געפינען אין „ארחות צדיקים“ פאסן זיך מער פאר דער תקופה פון רמ"א און רש"ל און בשום אופן נישט פאַר דער תקופה פון ר׳ ליפמאַן.

3) אין „ארחות צדיקים“ געפינען מיר נישט קיין שפור פון באַקאַנטשאַפט מיט פילאָזאָפיע, וואָס שליסט אוים ר׳ יום טוב ליפמאַנס אויטאָרשאַפט, ווייל ער איז געווען אַ בקי אין דער פילאָזאָפיע.

4) סטיליסטישע אַרגומענטן: דער סטיל פון „ארחות צדיקים“ איז מליצהדיק מאיעסטאטיש, נים אויסגעהאלטן, און דער „ספר הנצחון“ צייכנט זיך אוים מיט פשטות, לייכטקייט און וויכקייט.

5) דער בעל „ארחות צדיקים“ האָט ליב משלים און מעשיות, דער „בעל הנצחון“ ווייזט נישט אַרוים קיין נייגונג צו אַזעלכע מיטלען.

6) דער „בעל הנצחון“ פאַררופט זיך אויף די חכמים פון אַמאָל, דער מחבר פון „ארחות צדיקים“ טוט עס נישט, מיטן אויסנאם פון דער תלמודישער תקופה.

און דער לעצטער אַרגומענט פון דר. קויפמאַן קעגן דער מחברשאַפט פון ר׳ יום טוב ליפמאַן איז, אַז:

7) דער מחבר פון „ספר הנצחון“ באַהאַלט נישט זיין נייגונג צו דער קבלה אין קיין איינעם פון זיינע ספרים. דאַגעגן אין „ארחות צדיקים“ פעלט לגמרי דער יסוד פון קבלה.

דאָס זיינען די אַרגומענטן פון דר. יהודה קויפ־מאַן. די דאָזיקע ארגומענטן שיינען מיר צו זיין זייער לאָגישע. דאָך אַן אויספירלאַכער אַנאַליז וואָלט געווען אַ וויכטיקער אויפטו און עס איז צו האָפן, אַז די ניי־אויפגענומענע פראַגן פון „ספר מידות“ וועט אינספּירירן אונזערע פאָרשער צו אַ ווייטער־דיקער אונטערזוכונג אין דער ריכטונג.

אין דעם זשורנאַל „רויטע וועלט“ (כאַרקאָוו, נומ. 7—8 און 10 פון יאָר 1926) האָט נחום שטיף איבערגעגעבן אַן אויספירלאכן אינהאלט פון דער ווינציק באַקאַנטער קאָמעדיע פון יצחק אייכל: „ר׳ הענאַך אָדער וואָס טוט מען דאַמיט“.

אין זיין אַרטיקל, וועלכער הייסט „ליטעראַטור־היסטאָרישע לעגענדעס“ באַווייזט שטיף, אַז די גאַנצע געשיכטע מיט דער דאָזיקער קאָמעדיע, וואָס איז כלומרשט געווען געשריבן כדי אָפּשפּעטן עם „זשאַר־גאָן“, איז נישט מער ווי אַ לעגענדע; איינע פון די לעגענדעס, מיט וועלכע די אלטע יידישע ליטעראַטור געשיכטע איז אַזוי רייך.

שטיף גיט איבער דעם אינהאַלט לויט אַ מאַנו־סקריפּט („רויטע וועלט“ נומ. 10). וואו עס געפינט זיך דער דאָזיקער מאנוסקריפּט זאָגט ער אונז נים. ווארשיינלעך איז דאָס דער האמבורגער כתב־יד, וועגן וועלכן מיר האָבן געוויסע ידיעות. אַליעזר שולמאַן גיט איבער, אַז עס זיינען פאַראַן אַ פּאָר מאַנוסקריפּטן פון דער דאָזיקער קאָמעדיע, אַ חוץ עטלעכע געדרוקטע אויסגאַבן. דאָך געהערט די דאָזיקע קאָמעדיע צו די גרויסע זעלנטהייטן אז א נייע אויסגאבע אויפן סמך פון אַ כתב־יד, אָדער אפילו אויפן סמך פון אַ גוטן געדרוקטן טעקסט וואָלט געבראַכט אַ סך נוצן דעם יידישן ליטעראַטור־היסטאָריקער.

שטיף גיט לוידער נאָר איבער דעם אינהאַלט פון דער קאָמעדיע „פון מאַנוסקריפּט“, ווי עס ווערט בפירוש געזאָגט אין זיין אַרטיקל. דאָס שטערט אַ סך דעם רעצענזענט צו אנאליזירן די דאַזיקע קאָמעדיע. דאַגעגן, אויף דער הקדמה צו דער איבערדערציילונג, וועלכע איז אָפּגעדרוקט אין נומער 7—8 פון דעם אויבן דערמאָנטן זשורנאַל, איז כדאי זיך אָפּצושטעלן.

אין דער דאַזיקער הקדמה שילדערט שטיף אייכלס לעבן אויפן סמך פון לעטערים „ספר זכרון“. אַז לעטערים ביאָגראַפיע פון אייכלען איז פול מיט גרייזן און נישט פינקלאַכקייטן, האָט ער ווייזט אוים נישט געוואוסט. די דאָזיקע אַלע גרייזן זיינען אויך פאַראַן אין שטיפס ביאָגראַפיע פון דעם מחבר פון „ר׳ הענאך“, און נאָר אויף זיי וועל איך זיך דאָ אָפּ־שטעלן.

קודם כל: די דאַטן פון געבורט. שטיף גיט אָן לויט לעטערים — 1758, דאַמאָלסט ווען אין אמתן איז אייכל געבוירן געוואָרן אין יאָר 1756.[9] דער אָרט פון געבורט איז אויף זיכער קאָפּענהאַגן און נישט קעניגסבערג, וואָס שטיף קען נישט אנט־שיידן אויף זיכער (דאָרטן). די „חברת דורשי לשון עברי“ איז נישט געגרינדעט געוואָרן אין 1784, נאָר נאָך פאַר 1782 (אויך דאָרטן).

דאָס ווערט אויך באַשטעטיקט דערמיט, וואָס שוין דעם 6טן מאַי, 1784 פאַרלאָזט אייכל דייטשלאַנד און פאָרט אַוועק קיין קאָפּענהאַגן. ער באַזוכט דאַ־מאָלסט בערלין, וואו וועסעלי שרייבט אים אַריין אַ ליד אין זיין „שטאַמבוך“. דעם 26־טן יולי 1784 זעען מיר אים אין האמבורג (פאַלגשטיין, דאָרטן), אין סעפּטעמבער 1784 געפינט ער זיך אין קיל.[10]

וועגן דער חברה „געזעלשאַפט דער פרוינדע“ זיי־נען פאַראַן פּינקטלאַכערע און אויספירלאַכערע ידיעות

---

[9] אין פיליפּסאָנס פעסטשריפט, ז. 217. Simonsen: Mendelsohnania aus Denemark.

10) Vogelstein: Handschriftliches zu Isaak Abraham Euchels Biographie. אין דעם זעלבן פעסטשריפט, ז. 227.

שרייבן יידיש אונטערן אײנפלוס פון זיין לערער מענדל לעפין.

גאָר אין אַן אַנדער געביט טראָגט אונז איבער די דייטשע ארבעט פון פּראָפ. דר. וו. שטערק (יענא). אין דעם „יאָרבוך פיר יידישע געשיכטע און ליטעראַטור" (בערלין, 1925) האָט שטערק אָפּגעדרוקט אַן ארבעט א. נ. „פּאַם שטודיום דער היוליגען שריפט אונד דער קונסט דעם איבערזעצענס ביי דען דויטשן יודן דער אַלטען צייט" (ז. 36—17).

אין דער דאָזיקער אַרבעט גיט דער באַוואוסטער יידיש־פאָרשער אַ קורצן איבערבליק איבער יידישע איבערזעצונגען פון תנ"ך, פון די עלטסטע צייטן ביז משה מענדלזאָן. דער מאַטעריאַל איז אַנטנומען פון זיין בוך איבער „די יידישע ביבל איבערזעצונגען ביזן סוף פון 18־טן יאָרהונדערט". עס איז דאַריבער אַ מין פּאָפּולערע און קורצע שילדערונג פון דער זעלבער פראַגע, וואָס אין זיין בוך. די ציטאַטן ווערן געבראַכט אין אַ גאָטישער טראַנסקריפּציע מער נאָענט צו דייטש ווי צו יידיש, וואָס איז לחלוטין פאַלש. כל זמן ס'איז ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן די יידישע היסטאָרישע פאָנעטיק ,אזוי לאנג וועלן אלע פאָרשער, וועלכע טראַנסקריבירן יידישע טעקסטן, נישט האָבן די פולע זיכערקייט, אַז זיי גיבן איבער מיט זייער טראַנסקריפּציע די שפּראַך און די אויסשפּראַך פון דער תקופה.[5]

אויף דער גאַנצער ליטעראַטור קוקט דער מחבר ווי אויף א „גרויסע פארגאנגענהייט" פון דעם דייטשן יידנטום און דריקט אויס די האָפענונג, אַז די דייטשע יידן, וועלן ארבעטן אזוי ווי שטיינשניידער — דעם דאָזיקן „לייכטנדיקן מוסטער פון דייטשער געלערזאַמקייט און דייטשן פלייס" — כדי מען זאָל אַמאָל מאַכן אַ וויסנשאַפטלעכן סך־הכל פון דעם וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרן אויף יידיש אין דייטשלאַנד אין משך פון דורות.

די דאָזיקע אַרבעט פון דר. שטערק איז געשריבן פאַר דייטשישע יידן און טראָגט מער אַ פּאָפּולער־אינפאָרמאַטיוון כאַראַקטער.

דאָך האָט דער אַרטיקל אַ ווערט אויך פאַרן פאָרשער, ווייל עס ווערן דאָרטן געבראַכט אויסצוגן פון תנ"ך איבערזעצונגען, וואָס פעלן אין זיין גרויסן בוך. אַזוי, למשל, ווערט אויף ז. 33—32 געבראַכט אַן אויסצוג פון אַ מגלת אסתר פאראפראזע פון אַ מינכענער כתב־יד.

---

[5] די פראַגע האָט שוין באַרירט דר. מ. וויינרייך אין זיין רעצענזיע איבער שטערק און לויצמאַנס אויסגאבע פון די ביבל־איבערזעצונגען. זע: Literaturblatt für germanische und romanische Philologie, 1925, p. 345-354.

פאַר דעם פאָרשער פון עלזאַסער יידיש איז פון גרויס וויכטיקייט די יידיש געשריבענע מגלה וועגן אַן עלילת דם אין מעץ אין יאָר 1669.

די דאָזיקע אינטערעסאַנטע הן היסטאָריש און הן שפּראַכלעך מגלה האָט אָפּגעדרוקט אַ רומענישער געגערנטער דר. מאיר בן אַברהם הלוי אין „הצופה לחכמת ישראל" (באַנד 11, העפט 1, 1927, ז. 65—46).

דער מאַנוסקריפּט געפינט זיך אין אַרכיוו פון „אַליאַנס איזראַעליט" אין פּאַריז. דער אַרויסגעבער האָט צוגעגעבן אַ קורצע הקדמה און האָט ערקלערט אַ גרויסע צאָל פרעמדע ווערטער. ער האָט אָבער פילאָלאָגיש דעם פראַכטפולן דאָקומענט נישט אָפּגעשאַצט. פאַר דעם אויספאָרשונגען פון ראָמאַניזמען אין דער יידישער שפּראַך און ספּעציעל פאַר דער אַסימילאַציע פון פראַנצויזישע עלעמענטן אין עלזאַסער יידיש איז די „מעשה עלילת דם במיץ" אַ ווערטפולער, רייכער קוואַל.

די שטרייט פראַגע וועגן דער מחברשאַפט פון „ספר מידות" וועט מסתמא אויפסניי אויפגענומען ווערן פון די יידישע ליטעראַטור־פאָרשער. און דאָס איז אַ דאַנק דעם, וואָס דר. יהודה קויפמאַן[6] לייקנט קאַטעגאָריש אָפּ די אויטאָרשאַפט פון רבי יום טוב ליפמאַן מיהלהויזן, ווי דאָס נעמט אָן גידעמאַן[7] און לעצטנס אויך שיפּער.[8]

די אַרגומענטן פון דר. קויפמאַן זיינען פאָלגנדע:

1) דער פראַנצויזישער גירוש, וועגן וועלכן עס ווערט דערמאָנט אין „ארחות צדיקים" איז אַ סך אַ ווייטערע פאַרגאַנגענהייט, ווי גידעמאַן נעמט עס אָן.

2) דער דור פון ר. ליפמאַן איז געווען ווייט פון פלפול און חדוד. עס איז שווער אפילו צו געפינען פלפול אין די שאלות ותשובות פון יענער תקופה און דער מחבר פון „ארחות צדיקים" רעדט דאָך וועגן דעם. ר' יום טוב ליפמאַן איז מער פאַראינטערעסירט אין אינהאַלט פון לימודים און נישט אין די מעטאָדן פון לערנען, ווי עס איז צו זען פון דער ציטאַטע פון „ס' הנצחון" (קויפמאַן, 86).

---

[6] אין זיין מאָנאָגראַפיע א. נ. ר' יום טוב ליפמן מיהלהויזן, בעל הנצחון, החוקר והמקובר, ניו יאָרק, תרפ"ז (ספּעציעל די זייטלאַך 86—85).

7) Geschichte des Erziehungswesens III, 223.

[8] „די קולטורגעשיכטע פון די יידן אין פוילן בעתן מיטלאַלטער", 1926. וואַרשע. ספּעציעל ז. 76—74.

דר. יעקב שאַצקי:

אַן אַפּאָלאָגיע פון חזנות אָנפאַנג 18טן יאָרהונדערט

(יואל חזן און זיין „ריח ניחוח")

I.

דער קאַמף קעגן די חזנים.

די ראָלע פונם חזן אין סאָציאַלן און קולטורעלן לעבן פון דער יידישער קהילה איז נאָך ביז איצט אויספירלעך נישט אויסגעפאָרשט געוואָרן. די גרויסע צאָל פון פארשיידענע מאַטעריאַלן, ווי די „שאלות ותשובות" ליטעראַטור, די באשרייבונגען פון פארשיידענע רייזנדע, וואָס האָבן צוליב נייגעריקייט באזוכט אויף זייערע רייזעס די שולן און איבערגעלאָזט אונדז זייערע באַאָבאַכטונגען, ענדלעך די רייכע יידישע און העברעאישע מוסר־ליטעראַטור — גיט אונז אַ גאָר געגיגענדעם מאַטעריאַל, כדי קלאָר צו מאַכן די סיבות פון דעם געזעלשאַפטלעכן וווּקס פון דעם חזן אין דער קהילה ווי אויך די מאָטיוון, וועלכע האָבן גורם געווען, אז מען האָט אָנגעהויבן קעגן זיי פירן אַ העפטיקע און סיסטעמאַטישע מלחמה.[1]

מיט דער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן תפילה־ריטואַל וואַקסט ממילא די באדייטונג פון חזן. ביז איצט האָט יעדער בעל־הבית געקאָנט זיך שטעלן פאַרן עמוד און דאַוונען. זיין אַ „שליח צבור" איז אָנערקענט געוואָרן פאַר אַ גרויס כבוד. רש"י האָט געדאַוונט פאַרן עמוד. ראָסזעלבע האָט געטאָן זיין אייניקל, ר' שלמה, דער ברודער פון רבינו תם. רבי מאיר פון ראָטענבורג, וועלכער האָט געלעבט אין XIV יאָרהונדערט, און דער באַרימטער עסטרייכישער רב, מחבר פון „מנהגים", דער מהרי"ל (מורנו הרב רב יעקב בן משה הלוי מולין), זיינען אויך געווען שליחי בצבור.[2]

מיר ווייסן נישט, ווען אייגנטלעך אנטשטייט דער טיפּ פון פּראָפעסיאָנעלן חזן. לויט געוויסע קוועלן דאַרף מען קומען צום באַשלוס, אז שוין אין די צייטן פון די אמוראים איז פאַראַן ביי יידן אַ חזן, וועלכער מאַכט פון חזנות אַ באַרוף. נאָר אין גרויסע יום־טובים פלעגן די גאונים און רבנים זיך שטעלן פאַרן עמוד און דאַוונען בצבור. אָבער אזוי ווי די ליטורגיע האָט זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעוויקלט און האָט געפאָדערט ספּעציעלע ידיעות, צייט און געאיבטקייט, איז ממילא ארויסגעוואַקסן אן אָביעקטיווע נויטווענדיקייט, אַז אַ דאַוונער זאָל זיך קענען אָפּגעבן מיט זיין אַמט און אינגאַנצן זיך ווידמען דער אויפגאַבע צו רעפּרעזענטירן די קהילה פאַרן עמוד אין שול. דעמאָלט אנטוויקלט זיך דער פּראָפעסיאָנעלער חזן. דאָס פאָדערן, אז אַ חזן זאָל ניט נאָר אויסריידן דייטלעך די ווערטער פון תפילות, נאָר אויך אויסדריקן דעם געבעט אויף אַ קינסטלערישן אופן האָט גורם געווען אז אַ צופעליקער, ווען אפילו אַ בכבודיגער דאַוונער האָט ניט געקאָנט אַזוי לייכט באַפרידיקן די פאָדערונגען, ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער חזן. די אַנטשטייונג פון אַ פּראָפעסיאָנעלן טיפּ פון חזן שליסט אָבער ניט אויס דעם חזן־דילעטאַנט אין בעסטן זין פון וואָרט, דעם ליבהאָבער פון דאַוונען פאַרן עמוד. דער פּראָפעסיאָנעלער חזן, דער זינגער פון תפילות באַאיינפלוסט אָבער אין אַ שטאַרקערער מאָס די געמיטער פון מתפללים, ווי דער רב וועלכער שטעלט זיך אוועק צו דערפילן די דאָזיקע מיסיע בעת אַ פייערדיקן יום־טוב. דער חזן האָט אַריינגעבראַכט אין שול דעם געזאַנג, די איינציקע קונסט, וועלכע איז געווען צוגענגלעך די יידישע פאָלקס־מאַסן אין די דאַמאָלסטדיקע אומשטענדן פון דעם געטאָ לעבן, וואָס איז געווען באַגרענעצט נאָר צו אַ רעליגיעזן אינהאַלט. די שול איז דער קאָנצערט זאַל, די איינציקע אינסטיטוציע, ווו עס האָט זיך געהערט אַ חוץ טרוקענע דרשות און אסקעטישע מוסר־ווערטער אויך אַ טאָן, אַ קלאַנג, וועלכע האָבן פאַרמאָגט אין זיך עמאָציאָנעלע רייכקייטן. אויב די חשיבות פון די צופעליקע חזנים, ווי

[1] די דאָזיקע טעמע באַאַרבעט דער שרייבער פון דעם ארטיקל אויספירלעך אין שייכות מיט דער געשיכטע פון דער יידישער געזעליקייט אין די גערמאַנישע און סלאַווישע געטאָס. דאָ ווערט דער קאַמף געשילדערט נאָר אין אלגעמיינע שטריכן.

[2] Elbogen. Der juedische Gottesdienst. 2 Auflage. 1924, ז. 490.

ווי ביי לעטערים. דאָס איז די מאָנאָגראַפיע פון דעם היסטאָריקער לעסער.[11]

געשטאָרבן איז אייכל דעם 18־טן יוני, 1804. זיין צוואה איז דאַטירט: דעם 28טן אַפּריל, 1804.

עס איז אויך פאַראַן אן אינטערעסאַנטער עץ־היחוס פון דער משפחה אייכל, וועלכער איז זייער וויכטיק פאַר זיין ביאָגראַפיע.[12]

מערערע ידיעות איבער דער משפחה אייכל (הויפּטזאַכלעך וועגן זיין ברודער גאָטלאָב) געפינען מיר ביי פּראָפ. סימאָנסען.[13]

עס איז גענוג מאַטעריאַל כדי אָנצושרייבן אַ לויטישע ביאָגראַפיע פון יצחק אייכל, וואָס וואָלט געקענט דינען פאַר אַן איינלייטונג צו אַ נייער אויסגאַבע פון זיין קאָמעדיע.

א באזונדער אָרט פארנעמט די ליטעראטור איבער יידיש טעאַטער און די ספּעציעלע מאָנאָגראַפיעס און זאַמלביכער, געווידמעט פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, שפּראַך און קולטור — וועגן זיי אין אַ צווייטן איבערזיכט.

11) L. Lesser: Chronik der Gesellschaft der Freunde, 1842.
12) Joseph Fischer: Ein Stammtafel der Familie Eichel, Kopenhagen, 1904.
13) Dansk Biografisk Leksikon, XI, 480.

פון דער רעדאַקציע:

צוליב טעכנישע סיבות איז אונז ניט געלונגען אָפּצוהיטן אין דעם נומער אַ פולשטענדיקע איינהייטלעכקייט פון דער אָרטאָגראַפיע.

א באריכט וועגן דער טעטיקייט פון דער אמעריקאנער סעקציע יוו״א וועלן מיר פאַרעפנטלעכן אין די קומענדיקע נומערן „פנקס“.

אלע מאַנוסקריפּטן, בריוו וועגן רעדאַקציאָנעלע ענינים, ווי אויך מיטגליד־אָפּצאָל פאר יוו״א, בעט מען צו שיקן אויפ׳ן אדרעס פון ח׳ י. ל. כהן:

L. Cahan,
984 *Bronx Park So.,*
New York City.

הומאָריסטישע דרשות אָדער סתם געזאַנג. ער טוט זאַכן וועלכע זיינען „קעגן דער ווערדע פון זיין אמט" — ווי מיר לייענען אין אַ פּראָטאָקאָל פון אַ קהילה־פּנקס.[5]

דאָס צוזאַמענלעבן פון דעם חזן מיט די פאָלקס־מאַסן איז געווען אין די אויגן פון דער רבנישער עדה אַ מין „חילול השם" פון זיין אמט און בארוף.

דער מהר"ם טאַדלט די חזנים אַז זיי שטעלן זיך אויפן שול־הויף פאַרן דאַווגען, פאַר־ברענגען מיטן פאָלק, „שפּאַסן און פאַרטרייבן די צייט מיט נאַרישקייטן".[6]

דער מהרש"ל (ר' שלמה לוריא) באַדויערט זייער, וואָס דער חזן פירט אַ לעבן פול מיט עבירות און דאָס פאָלק טראַכט נאָר וועגן דעם, אַז דער חזן זאָל האָבן אַ שיינע שטימע. דאָסזעלבע באַשטעטיקט דער רב אפרים לענטשיץ אין זיין ספר „עמודי שש".

„די חזנים — זאָגט ער — טראַכטן ניט וועגן אינהאַלט פון דאַווגען, נאָר וועגן דעם ווי אויסצונעמען ביים עולם מיט זייער שיינער שטימע, כדי מען זאָל זיי לויבן און בעסער באַלוינען מיט געלט און מתנות, זיי איינלאַדן אין טרינק־הייזער, וווּ זיי וועלן זינגען גאָטס ליד."[7]

דער פּאָסטן פון אַ חזן ווערט אַזוי חשוב און הכנסהדיק, אַז ווי עס דערציילט דער־זעלבער אפרים לענטשיץ, האָבן אַ סך מענטשן זיך אויסגעלערנט פאַרשיידענע ניגונים און געוואָלט פאַרכאַפּן די שטעלע פון חזן.

דאָס צוזאַמענלעבן פון דעם חזן מיטן פאָלק, דאָס זינגען אין די שענקען פאָלקס־מאָטיוון, וועלכע זיינען שפּעטער אריינגעטראָגן געוואָרן אין שול אריין, דאָס אַלץ האָט גורם געווען, אַז דער חזן האָט זיך געפילט זיכער מיט זיין שטעלע אין דער קהלה, געווען אַ פאָלקס־ליבלינג און אויך געוווּסט פאַרוואָס ער איז דאָס.

„דער חזן אַלס אַ פאָלקס־מענטש האָט ניט אָפּגעהיט דעם מאָראַלישן גרענעץ און פלעגט אים עובר זיין און איז געוואָרן אַ המון־מענטש" — אַזוי משפּט דעם חזן אַ היסטאָריקער. פאַר אים איז דאָס אַ נעגאַטיווע אָפּשאַצונג.[8]

באמת איז דאָס אַ פעסטשטעלונג פון דער ווירקלעכקייט. דער חזן וויל זיין מער, ווי אַ בעל־תפלה. ער איז דער פאַרווייַלער, דער טרעגער פון געזעליקייט, דער שוישפּילער, דער פאָלקס־הומאָריסט און פאָלקס־זינגער און, אויב איר ווילט, דער לץ. ער פאַרווייַלט דעם עולם אומעטום ווו עס לאָזט זיך: אין שענק ביי די אָרימע, אויף אַ ברית אָדער אַ סעודה ביי די רייכע (ס'האָט געקאָסט געלט!), זיי פירן דאָרט די טישן. — ווי עס דערציילט אַ חזן מיטן נאָמען יהודה ליב זעליכאָווער.[9]

„איך האָב געזען — שרייבט ער — אַז די לידער און געזאַנגען פון די חזנים זיינען זייער באַליבט אין די אויגן פון פאָלק."

זיי האָבן גענומען ניגונים פון וואַנען זיי האָבן געקאָנט: פון טעאַטער (מבתי תיאטראות), פון דורכוואַנדערנדע קאָמעדיאַנטן, פון דער קירך און אַז. וו.

עס איז אַפילו צו יענער צייט ארויסגעגעבן געוואָרן אַ ספּעציעל ווערק פאַר חזנים, ווי אַזוי זיי דאַרפן זיך פירן. און געטאָן האָט עס גראַד אַ חזן מיטן נאָמען שלמה ליפשיץ פון מעץ. מיר ווייסן ניט וואָס האָט אים געטריבן צו מוסרן זיינע חברים, צי איז ער געווען אַן אויסנאַם, אַן אמתער „אַסקעט", וועלכער האָט זיך ניט געשפּילט אין שפּאַס און געזאַנג? מיר ווייסן אָבער אַז זיין ביכל „תעודת חזנים" (אָפנבאַך, 1718) האָט קיין פּעולה ניט געהאַט, ווייל די טענות צו די חזנים ווערן נישט קלענער.[10]

עס זיינען פאַראַן אַפילו צו יענער צייט חזנים, וועלכע זיינען אין דער זעלבער צייט פּראָ־פעסיאָנעלע לצים, דאָס הייסט, אַקטיאָרן.

---

[5] פּראָטאָקאָלן פון דער ספּרדישער קהילה אין האַמבורג, געדרוקט אין די „יאַרביכער דער אידיש־ליטעראַרישן געזעלשאַפט", פראַנקפורט אַם מיין באַנד x, 232. דאַטירט דעם 27טן כסלו, 1663. אויך אין די אשכנזישע פּנקסים באַגעגענען מיר זייער אָפט אַז דער חזן פירט זיך נישט „אַנשטענדיק" מחוץ דער שול.

[6] שאלות ותשובות מהר"ם מינץ סימן פ"א.

[7] „עמודי שש", ז. 22, 23 (לעמבערגער אויסגאַבע, 1865). דער ספר איז ארויס אין פּראַג אין יאָר 1617.

[8] אידלזאָן אין „התורן", 1924, ז. 35.

[9] „שירי יהודה", פון יהודה ליב זעליכאָווער. אַמסטערדאַם, 1696, דף ב².

[10] שלמה ליפשיץ באַשולדיקט די חזנים אַז זיי באַנוצן זיך ביים דאַווגען מיט מעלאָדיעס פון טעאַטער און טענץ. דאָס שטעלט פעסט אויך דער מחבר פון „שירי יהודה".

רבנים און תלמידי חכמים ווערט ניט קלענער, וואַקסט אָבער זיי איבער די חשיבות פון די חזנים־קינסטלער.

די קונסט פון זינגען, וועלכע האָט באַדאַרפט זיין נאָר א מיטל צום צוועק, ווייל דער צוועק איז געווען — דערהויבן דעם יידן און אַריינפירן אים אין א רעליגיעזן עקסטאַז — ווערט מיט דער צייט דער צוועק גופא. די יידישע פאָלקס מאַסן האָבן שטאַרק הנאה פון ריינעם געזאַנג. דער פּראָפעסיאָנעלער חזן ווייל באַפרידיקן די קינסטלערישע בענקשאַפטן פון די מאַסן. ער פאַרטיפט זיין זינגען, לייגט גרויס אַכט אויף די ניגונים, אָפּעריירט מיט זיין שטימע, כדי אַרויסצווייזן איר שיינקייט און שטאַרקייט. די תפילות ווערן א נעבן־זאַך און דער געזאַנג — די הויפּט־זאַך. דער חזן פּאַסט ניט צו זיין שטימע און די מעלאָדיע צו די תפילות, נאָר פאַרקערט. דאָס וואָרט ווערט כמעט ווי איבעריק. ער צעציט עס, חזרט איבער א פסוק א פּאָר מאָל, כדי צו קאָנען זינגען ניט נאָר רעטשיטאַטיוואָ, נאָר אויך אַריע־מעסיק. די באַדינגונגען, אַז דער חזן מוז אויסרעדן דייטלעך די ווערטער פאַרלירן די האַפט, ווייל די מאַסן פאַרשטייען סאַי ווי סאַי ניט קיין לשון קודש און דער גאַנצער ענין קימערט זיי ניט. די רבנים זעען אַז דער חזן וואַקסט אויס אַלס די צענטראַלע פיגור אין דער קהילה. די קהילות שפּאָרן ניט קיין געלט אויף צו האָבן ביי זיך א גוטן חזן, א זינגער. וואָס מער געזאַנג ס'איז געווען אין די תפילות, אַלץ מער דערפאָלג האָט א חזן געהאַט. מען האָט געזוכט די מעלאָדישקייט און דער חזן האָט עס געוווּסט. ער פלעגט נעמען פון פרעמדע קוואַלן, פון די פאָלקס־לידער פון די אַרומיקע פעלקער, אפילו פון דער קריסטלעכער קירכע.[3א] אומזיסט האָבן די רבנים געקעמפט קעגן דער חשיבות פון חזן; אומזיסט האָבן זיי געוואָלט אַרויפצווינגען, אַז די קהילות זאָלן זיך אויסקלייבן אַזעלכע חזנים, וועלכע זיינען מאָראַליש, קאָנען לערנען און אַז. וו. אין שפּאַניען, למשל, האָט אין XIII יאָרהונדערט דער חזן פאַרלאָרן דעם אָנזען, וועלכן מען האָט געוואָלט אין די רבנישע קרייזן, אַז ער זאָל האָבן.[3]

אויף אַזאַ אופן ווערט דער חזן, דער פאָלקס־קינסטלער, דער איינציקער קינסטלער, וועלכער איז בכלל געווען מעגלעך אין געטאָ.

דעריבער איז דער קאַמף קעגן די פּראָפעסיאָנעלע חזנים געווען ניט אַזוי א קאַמף פאַר דער ריינקייט פון ליטורגיע, פאַר דער ערנסטקייט פון דאַוונען, נאָר א קאַמף קעגן דעם גרויסן אויטאָריטעט, וועלכן עס האָבן זיך דערוואָרבן די חזנים און האָבן דעריבער אַרויסגעשטויסן די רבנים פון זייער סאָציאַלער באַדייטונג אַלס די אָנפירער און טאָן געבער אין די קהילות. דאָס פאָלק האָט סימפּאַטיזירט מיט די חזנים, ווייל די חזנים זיינען אָפטמאָל געווען קינדער פון פאָלק און איבערגענומען די פּראָפעסיע בירושה. די רבנישע ליטעראַטור האָט געטאַדלט די חזנים, אָנגערופן זייער דאַוונען „א געזאַנג פון די שוטים“ („קהלת“, ע"ה) און באַמיט זיך מיט אַלע כוחות צו דיסקרעדיטירן דעם חזן אין די אויגן פון די מאַסן. דער רב אָדער סתם דער חשוב'ער בעל־הבית, וועלכער האָט זיך געשטעלט פאַרן עמוד דאַוונען האָט שוין ניט געקאָנט דערוואַרטן אַזאַ דערפאָלג ווי דער חזן, און דער עולם האָט אַזעלכע ליבהאָבער־חזנים ניט געהערט מיט אַזאַ נחת־רוח און ליבע, ווי די פּראָפעסיאָנעלע זינגער־חזנים, די טרובאַדורן פונם יידישן רעליגיעזן געזאַנג. פון דאַנעט נעמט זיך די שטאַרקע אָפּאָזיציע, דאָס שטענדיקע מוסרן קעגן די חזנים, וועלכע געפינט איר היימן און שטאַרקן אָפּקלאַנג אין די שאלות ותשובות און אין דער מוסר־ליטעראַטור.[4]

הויפּטזעכלעך האָט זיך דער קולט פאַרן זינגענדיקן חזן אַנטוויקלט אין די געדיכטע געטאָס פון די גערמאַנישע און סלאַווישע לענדער. דאָרטן איז דער חזן דער באַליבטער פאַרשטייער פון דער קהילה. ער פאַרוויילט דעם עולם ניט נאָר אין שול, שבת אָדער יום־טוב, נאָר אויך אין־דער־וואָכן. ער איז א גאַסט אויף חתונות, בריתן און סתם שמחות. ער אַמוזירט דעם עולם מיט זינגען, אָפטמאָל אויך מיט פאַרשיידענע לצנות, ווי פּאַראָדיעס,

---

[3א] אין „ספר חסידים“ (סימן ל"ח) לייענען מיר: „אסור להשתמש בנגינות שמנגנים הנכרים בעבודתם, ולא יעשה אותו נגון להקב"ה“.

[3] דאָרטן, ז. 401.

[4] צום קאַמף מיט די חזנים, זע: *Zunz.* Gottesdienstliche Vortraege. *Berliner*: Die Entstehung des Vorbeterdienstes: Juedische Presse, 1899. א רייכער מאַטעריאַל געפינט זיך אויך אין די ארבעטן פון אידלזאָן: „החזן בישראל“ אין העברעאישן זשורנאַל „התרן“, ניו יאָרק, 1924, און אין זיין ענגלישער ארבעט: Song and singers of the Synagogue in the Eighteenth Century. יובילוי באַנד פון דעם H. U. C. 1925, סינסינעטי.

יידישע פאָלקס־מאסן, אלץ גרעסער איז דער קאמף קעגן זיי אין דער דאמאָלסטיקער ליטעראטור.[15]

די חזנים האָבן געשוויגן. מסתמא האָט זיי דער אָפּאָרטוניזם דיקטירט צו שווייגן. דערצו זיינען צווישן זיי געווען וויניק מענטשן מיט א פעדער אין דער האנט. אויב א פּאָר חזנים האָבן שוין געשריבן איז עס געווען מוסר בכלל און דרך אגבדיק אויך געשילדערט דאָס אויפפירן זיך פון זייערע פּראָפעסיאָנעלע ברידער, וועלכע „פארשעמען" די פּראָפעסיע מיט זייער וואַגאבונדישן לעבן, גאוה צו זיין בארימט, זאָרגן נאָר פאר געלט און בייפאל.

אַן אַפּאָלאָגיע, א שוץ פון חזנים קעגן די אָנגרייפער איז א זעלטענהייט בכלל, און נאָך זעלטענער איז עס, ווען אזא אַפּאָלאָגיע ווערט ארויסגעגעבן ניט נאָר אויף לשון־קודש, נאָר אויך אויף יידיש, און אזא מין אַפּאָלאָגיע, איין איינציקע אין איר מין, איז דערשינען אין יאָר 1724 א. נ. „ריח ניחוח".

II.

דער „ריח ניחוח", די חזנישע אַפּאָלאָגיע און איר מחבר.

אין יאָר 1724 איז אין דער שטאָט פּירט ארויס א קליין ביכל פון 12 בלעטלעך אין א 16° פארמאט א. נ. „ריח ניחוח שחיבר האלוף... יואל ש"ץ מלייפא וקרא החיבור הזה רי"ח ניחוח הוא נוטריקון ר' יואל חזן ועוד שחיבור זה מהחזני' מדבר ובתפלת' עושים נחת רוח ליוצרים".[16]

דאָס ביכעלע באשטייט פון צוויי געגראמטע אַפּאָלאָגיעס: איינע אין העברעאיש, און די צווייטע אין יידיש. דער יידישער טעקסט איז א פרייע, געגראמטע פאראפראזע פון דעם העברעאישן טעקסט. צום סוף פון ביכל געפינט זיך א שיר אין העברעאיש.

דאָס ביכל געהערט צו די גרויסע זעלטנהייטן און די ביבליאָגראפן נאָטירן נאָר דריי באקאנטע עקזעמפּליארן אין איירָאפּע: אין בריטישן מוזעאום אין לאָנדאָן, אין דער אָקספאָרדער ביבליאָטעק, און אין בודאפעסט.[17] אין אמעריקע געפינט זיך איין עקזעמפּליאר אין דער ביבליאָטעק פון קאָלאָמביא אוניווערזיטעט, נ. י. און א געשריבענע קאָפּיע אין די זאמלונגען פון „היברו קאָלעדזש" אין סינסינעטי.[18] ווי מיר לייענען אויפן שער בלאט פון דעם זעלטענעם ביכל איז דער מחבר אליין געווען א חזן. זיין נאָמען איז ר' יואל בן אליעזר.[19] ער איז א פּוילישער איד, געבוירן אין לובלין, מסתמא אין דער צווייטער העלפט פון XVII יאָרהונדערט. אין דער תקופה פון דער עמיגראציע פון פּוילן קיין מערב־איירָאפּע האָט ר' יואל ווארשיינלעך פארלאָזן זיין היים און איז אוועק קיין דייטשלאנד. אין קעלן האָט ער חתונה געהאט מיט דער טאָכטער פון דעם דאָרטיקן חזן ר' יונה. שפּעטער זעען מיר אים אלס א חזן אין א קליינער בעמישער קהילה, אין דער שטאָט ליפּין אָדער ליפּה. ר' יואל חזן האָט געהאט צוויי זין. איינער פון זיי, אריה ליב איז אויך געווען א חזן אין א דייטש שטעטל האסלאך (Hasslach). ער האָט עס ארויסגעגעבן זיין פאָטערס ביכל. א צווייטער זון זיינער האָט געהייסן מיכל און איז געווען א רב אין א טשעכיש קהילה אין בומסלא.[20]

ר' יואל חזן האָט פארפאסט נאָך א ביכל אין העברעאיש און אין יידיש, אויך אין

---

[15] וועגן דער באַגאַבונג פון מאַנכע חזנים קאָן מען אורטיילן לויטן יידישן הספד ליד פון הירשל טויסיג וויינשענק איבער דעם חזן ליפּמאַן פּאָפּערס (געשטאָרבן 1665). ער האָט געקאָנט שניצן, מאלן און שפּילן אויף אַלע אינסטרומענטן. זע דעם טעקסט ביי וואגענזייל, Sota, 1674, ז. 83.

[16] זי ווערט אויך געבראַכט אין לעווענשטיינס רשימה פון פּירטער דרוקן אין Jahrbuch d. juedisch—literarischen Gesellschaft. Frankfurt a M. Band X, No. 56

[17] צעדנערס קאַטאַלאָג, ז. 324. באָדלעיאַנא קאַטאַלאָג פון שטיינשניידער, ז. 1400, נומ. 5834. בן־יעקב דערמאָנט אויך דאָס ביכל, ז. 546, נומ. 140. אויך אין קויפמאנס ביבליאָטעק, איצט אין בודאפעשט (Weiss Catalog, 1906, נומ. 1056).

[18] איך האָב זיך באַנוצט מיטן עקזעמפּליאר פון דעם קאלומביא אוניווערזיטעט. וועגן דעם כתב־יד קאָפּיע פון (H. U. C.) Hebrew Union College, וועלכער שטאָמט פון עדווארד בירנבוימס זאמלונגען, זע: אידלזאָן, ז. 415 Song and singers of the Synagogue

[19] פּריימאַן (155, 1911) און Zeitschrift fuer Heb. Bibliographie גיט אָן נישט ריכטיק זיין נאָמען אלס יעקב בן אליעזר.

[20] די איינצלהייטן אנטנומען פון די שער־בלעטער פון זיינע צוויי חיבורים און פון א פּאָר אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן אין „ריח ניחוח". ליפּה און בומסלא — טשעכישע שטעט. זע: י. טאָגליכט, „געאָגראפישע נעמען פון טשעכאָסלאָוואַקיע" און „לאַנדוי בוך", ז. 339 און 342.

איינער פון זיי, ליבל דער פירטער (פון דער דייטשישער שטאָט פירט), וועלכער איז געשטאָרבן אין יאָר 1754, האָט זיך אַזוי טיטולירט:

„הרב והחזן המשורר הגדול המפורסם ירמיה הנקרא בפי כל אדם ליב ליבן אדר ליב באסין מאכר".[11]

די דאָזיקע חזנים־שפּאַס־מאַכער האָבן געוועקט די אומצופרידנקייט פון די רבנים, וועלכע טרעטן אַרויס זייער שאַרף קעגן זיי.

„חזנים ווערין תחיית המתים ניט אויף שטין" — שרייבט דער אַסקעטישער מחבר פון „קב הישר" — „ווייל דער קול און דער ניגון איז זאַין איינציגע כוונה".[12]

אין „עץ חיים" טרעט מען אַרויס זייער שאַרף קעגן דעם, וואָס די חזנים זיינען אַזוי באַליבט ביי די פאָלקס־מאַסן און ווייזן דעם פּראָסטן עולם.

„מן געהער די חזנים צו ווארנן זי זינגן אויף סעודות (קדישים) אבר אנדרי (דברים שבקדושה). די זעלביגי חזנים ווערן גוויש איין גרושן עונש האבן דען מון טאר ניט מער זינגן אויף סעודות נייארט וואז מן הט מסדר געוועזן דהיינו (נודה לשמו) אבר אן איין חתונה (זוי הסר) אונ' מכ"ט אן צו שרייאן אונ' ניט צו לײדן פון די פושעים ליצנים וואז מאכן לידר אונ' ריימן אויז פסוקים אדר אויז הייליגי ווערטר. אויף דען האבן אונזרי חכמים גזאגט די ספר תורה קליידט זיך אן איין זאק אונ' קלאגט פאר הש"י אונ' זאגט דיינה קינדר מאכן אויש מיר איין פידל אונ' זינגן הורין לידר אונ' רידן ניבול פה אונ' אויך ווייבר אונ' מעדין לאזן איר קולות הערן וויא צו דיא אורן וואז דז צו הערן אונ' ווער צו צפעלן הט אזו געהער מן אכטונג צו האבן אז זעלכי חוצפה זאל ניט גשעהן אונ' ווער די חצופים אן שרייאט אונ' זי לאזן זיך ניט גזאגן אזוי איז צום בעשטן גאר פון זעלכי סעודות אוועקגין."[13]

פון דער לאַנגער ציטאַטע פון אַ מוסר־ספר איז קלאָר, אַז די חזנים געזעלשאַפט איז באַשטאַנען פון „חצופים", „ליצנים", „ריימען און לידער מאַכער". און דער בעל־המוסר וואָרנט דעם פּרומען עולם קעגן זיי. אפשר איז דאָס זיטן בילד אַביסל איבערגעטריבן צוליב אַ שטאַרקן עפעקט, אָבער דער פאַקט אַז מען וואָרענט די חזנים ניט צו גיין דאָרט, וווּ מען רעדט „ניבול פה" און אַז. וו. באַווייזט אַם בעסטן אַז דער חזן האָט גאַר שטאַרק געהאַלטן פון עולם הזה און אַליין געווען דער לץ, דער לידער מאַכער און אַז. וו. *).

הויפּטזעכלעך אין די סלאַווישע געטאָס האָט געבליט די פריילעכע אַטמאָספערע געשאַפן אַרום דעם חזן, און ווען נאָך די גזירות ת"ק קומט פאָר אַן עמיגראַציע פון פּוילישע כלי קודש קיין מערב־אייראָפּע, עמיגרירט אויך אַהין דער פּוילישער נוסח פון חזנות, מיט די שטאַרקע סלאַווישע מאָטיוון און ווערט דאָרטן זייער שנעל אַנגענומען און באַליבט. דער געזאַנג פון די פּוילישע רבנים — שטעלט פעסט אַ באַרימטער חזן פון XIX יאָרהונדערט — האָט אַרויסגערופן אַ באַוווּנדערונג אפילו מצד די פרומע יידן.[14] אמת, שפּעטער האָט מען פּראָטעסטירט קעגן דער דאָזיקער „אינוואַזיע", אָבער מען האָט זיך שוין ניט געקאָנט העלפן. דער חזן האָט באַהערשט די געמיטער פון אַלע. פאַר די פרומע איז ער געווען דער ליבלינג נאָר אין שול; פאַר די אַנדערע, אויך ניט קיין אַפּיקורסים, נאָר געזונטע פאָלקס־מענטשן מיט אַ חוש פאַר אומגעצווימטער פרייד — איז ער געווען אויך ווילקאָמען מחוץ דער שול: אויף סעודות, אין שענק און אפילו אין דעם פּורים־שפּיל, אַלס דער זינגער, דער פּראָפעסיאָנעלער „פיינזינגער".

און וואָס שטאַרקער עס וואַקסט דעם חזנס ראָלע אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן פון די

---

[11] ליבל דער פירטער איז געווען אַ זעצער אין די יאָרן 1694—1722. זע זיין שלוס־וואָרט צום „ברכת המזון", פירט, 1722. זע: מיין אַרטיקל איבער שיפּערס טעאַטער געשיכטע, „פילאָלאָגישע שריפטן" II, ז. 33.

[12] „קב הישר". פראַנקפורט אם מיין, 1710, פּרק מ"א.

[13] „עץ חיים", פיורדאַ, 1718, דף נ"ב־נ"ג.

*) לויטן פּנקס פון דער פראַנקפורטער קהילה פונם יאָר 1628, האָט מען פון אַ חזן געפאָדערט, אַז ער זאָל זיך האַלטן ווייט פון אַ... פרויען געזעלשאַפט, ניט שפּילן אין קיין שום שפּילערייען חוץ שאָך און ביינדלאַך, ווי אויך אויסמיידן אַרויסצוגיין פון דער... אידישער געטאָ. Kracauer: Geschichte der Frankfurter Juden (1927 II, 110—111).

[14] נאַומבערג אין „אגודת שירים", ציטירט לויט בירנבוימס אַרטיקל אין „עסטרייכישע קאָנטאָרן ציימונג", נומער 26, 1901.

געפינען מיר א פּאָר ידיעות קעגן וועמען אייגנטלעך איז זיין ביכל געצילט. ער דערציילט אונדז, אַז איינער האָט אין „דר דרוק גיבראַכט" אַ ביכל קעגן די חזנים און שרייבט אויף זיי, אַז זיי זיינען ערגער ווי „יונים". די וויכטיקסטע זאַך איז אָבער, אַז דער מחבר „טוט זיך ניט נענן", דאָס מיינט, אַז די אַטאַקע אויף די חזנים איז דערשינען אַנאָנים. אין משך פון זייַע פּאָלעמישע אויספירונגען ווערן מיר געוואר, אַז דער אַנאָנימער קעגנער פון די חזנים איז „אויש וועלטש לאַנד", ד. ה., פון איטאַליען. זיין אַטאַקע האָט ער געשריבן, הייסט עס, אין לשון הקודש. און ער האָט אַ סך גערייזט, געווען אין טערקיי, אין אַפריקע, לויבט בכלל די ספרדים. ווייטער ווערן געבראַכט פון ר' יואל חזן ציטאַטן וועלכע לאָזן מער אָדער ווייניקער פעסטשטעלן קעגן וועמען איז געווענדעט זיין ענטפער. אין דער ביבליאָטעק פון דעם יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, אין ניו יאָרק, געפינט זיך אַ פלוג־בלאַט א. נ. „שלשה צועקין ואינן נענין". דער דאָזיקער פלוג־בלאַט איז שוין פון לאַנג באַקאַנט צו די ביבליאָגראַפן. שטיינשניידער [23] באַשרייבט אין זיין „באָדלעיאַנא" קאַטאַלאָג אַ בראָשורקעלע פון 4 בל. אין 8° פאָרמאַט א. נ. „תוכחה לחזנים". דאָס ביכל איז אַרויס אַנאָנים, אָן אַ דאַטע און אָן אַ דרוק אָרט. עס ווערט אין איר, אין גראַמען, געטאַדלט, דאָס לעבן פון די חזנים־זינגער. איך האָב, ליידער, דאָס ביכל ניט געזען, אָבער איך בין משער, אַז דער אינהאַלט איז אידענטיש מיטן פלוג־בלאַט „שלשה צועקים ואינן נענין", איבערגעדרוקט פון פּ ר אָ פ ע ס אָ ר פ ר יי מ אַ ן („צייטשריפט פיר העברעאישע ביבליאָגראַפיע, 1911, ז. 156—158), וועלכע איז ניט גרעסער ווי די דערמאָנטע „תוכחה לחזנים". דער דאָזיקער פלוג־בלאַט איז געווען אַמאָל גוט באַקאַנט. א האַנטשריפטלעכע קאָפּיע האָט מען געפונען אַריינגעקלעפּט אין א ספר פון אפרים לענטשיץ, „כלי יקר" (לובלין, 1602), איצט דאָס אייגנטום פון דער פראַנקפורטער שטאָט ביבליאָטעק. [24] דער געדרוקטער עקזעמפּליאַר פון דעם פלוג־בלאַט, וועלכער געפינט זיך איצט אין ניו יאָרק, שטאַמט פון אַ ל ק נ ן אַ ד ל ע ר ס קאָלעקציע און איז געקויפט געוואָרן אויף אַ ביכער־פאַרקויף אין אַמסטערדאַם אין 1904. [25]

פון וואָס פאַר א צייט עס שטאַמט די דאָזיקע געגראַמטע, לשון־קודשדיקע אַטאַקע אויף די חזנים קען מען מער אָדער ווייניקער פעסטשטעלן, לויט איין ציטאַטע אין דעם פלוג־בלאַט. עס ווערט דאָרט דערמאָנט דער ספר „שני לוחות הברית" פון ישעיה הלוי הורוויץ (של"ה). אַזוי ווי דאָס בוך איז דערשינען אין יאָר 1649, דעריבער איז קלאָר, אַז „שלשה צועקים" איז געשריבן נאָך יענער דאַטע [25א], מסתמא אין די יאָרן ווען ר' יואל חזן איז געווען טעטיק אין דייטשלאַנד, ווייל זיין תשובה אדער אַפּאָלאָגיע טראָגט דעם בולטן כאַראַקטער פון א דירעקטער תשובה אויף א פרישע אַטאַקע. עס איז אַן אַקטועלער קאַמף, אַ פּאָלעמיק, וועלכע איז צו יענער צייט געפירט געוואָרן מיט פלוג־בלעטער און בראָשורן, ווייל קיין פּעריאָדישע פּרעסע איז נאָך ניט געווען.

און אַז דאָס איז די בראָשורע וועלכע ר' יואל חזן אַטאַקירט לאָזט זיך לייכט פעסטשטעלן אַ דאַנק די דערמאָנטע איינצלהייטן. דער אומבאַקאַנטער מחבר זאָגט צום סוף, אַז

[23] ק. ב. No. 4080

[24] זע: Buecherverzeichnis—No. 46 von Goldschmidt, Hamburg No. 285 דאָס וואָס מען האָט געפונען אַ האַנטשריפטלעך עקזעמפּליאַר אין אַ ספר פון 1602 באַווייזט נאָך נישט, אַז „שלשה צועקים" איז אַנטשטאַנען צו יענער צייט. עמעצער האָט געקאָנט גראַד אין דעם ספר אַריינקלעפּן די קאָפּיע, ווייל דאָרטן רעדט זיך אויך וועגן חזנים. אַ סך פאָרשער זיינען פאַרפירט געוואָרן פון דער דאַטע. אַזוי, למשל, שרייבט אידלזאָן, אַז דער פלוג־בלאַט איז אָנגעשריבן געוואָרן אַן ערך אין 1602. (Song and Singers, 407). ער האָט נישט באַמערקט, אַז דאָרט ווערט ציטירט אַ ספר, וואָס איז ערשינען אַ סך שפּעטער. עס וואָלט געווען אַן אומזין צו ענטפערן אויף אַן אַטאַקע פון אַן ערך 1602 אין יאָר 1724, ד. ה.. אין 122 יאָר שפּעטער.

[25] זע: Versteigerungs Catalog—H. A. Wagenaar, 1904, No. 1379.

[25א] די ביבליאָגראַפישע קוועלן זיינען זיך סותר בנוגע דער ערשטער אויסגאַבע פון „שני לוחות הברית". די רוסיש־יודישע ענציקלאָפּעדיע גיט אָן דאָס יאָר 1621 (VI, 705) ; צעדנער, אין זיין קאַטאַלאָג פון בריטיש מוזעאום גיט אָן 1649 ; בן־יעקב (ז. 597, נומ. 946) — שנת הזא"ת=1653. די ביבליאָגראַפן דאַרפן אויפקלערן ווו איז דער טעות. דער מחבר פון דעם ספר איז געבוירן געוואָרן אַן ערך אין 1555 און געשטאָרבן אין 1630 (אָדער 1639 — לויט האָראָדעצקין). דעם ספר האָט אַרויסגעגעבן זיין זון שעפטיל, מיט אַ הקדמה אָפּגעדרוקט צום סוף פון ספר א. נ. "ווי העמודים". של"הס שטעלונג צו די חזנים דערמאָנט זייער ר' אפרים לענטשיצס מיינונג און עס איז נישט קיין צופאַל. דער בעל־של"ה איז געווען רב צוזאַמען מיט לענטשיצן אין פּראַג. דער לעצטער איז געשטאָרבן אין יאָר 1619. די „שני לוחות הברית" האָט הורוויץ געשריבן פאַר 1620, איידער ער איז אַוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל. דאָרט האָט ער דעם ספר פאַרענדיקט. אלנפאַלס אין יאָר 1602 איז דער ספר אפילו אין מאַנוסקריפּט נישט געווען און דעריבער איז אויסגעשלאָסן אַז דער פלוג־בלאַט קעגן די חזנים זאָל שטאַמען פון יאָר 1602.

גראמען א. נ. „דרך טוב״. דאָס איז א מוסר ווערקל. דערשינען איז עס אויך אין דער שטאָט פירט, אין יאָר 1737, און אנטהאלט 32 זייטלעך, 8° פארמאט. דער „דרך טוב״ איז איינע פון די גרעסטע זעלטנהייטן אין דער אלט-יידישער ליטעראטור. קיינער פון די ביבליאָגראפן האָט דאָס ביכל ניט געזען. דער איינציקער עקזעמפּיאר (אוניקום) געפינט זיך אין דער „לעמעל שולע״, אין ירושלים, און שטאמט פון דר. חאזאנאָוויטשעס זאמלונגען. דאָס ביכל האָט ארויסגעגעבן זיין זון ר׳ מיכל און דאָס איז זייער כאראקטעריסטיש, וואָס די ביידע ביכלעך זיינע האָבן די קינדער באזאָרגט אין דרוק און ניט דער מחבר גופא, וועלכער האָט בלי ספק דעמאָלט נאָך געלעבט, ווייל אנדערש וואָלט אויף דעם שער־בלאט געווען אנגעדייטעט, אז ער איז ע״ה (עליו־השלום, ד. ה. געשטאָרבן).[21]

ווען „ר׳ יואל ש״ץ מליפּה איז געשטאָרבן, איז ניט באקאנט. אלנפאלס נאָך דעם יאָר 1737, ווען עס איז ארויס זיין „דרך טוב״. ווארשיינלעך איז ער געשטאָרבן אין לייפּה, וווּ ער האָט אזוי פיל יאָרן פארבראכט אלס א חזן מיט א גרויסן נאָמען.

אויסער די צוויי חיבורים איז ר׳ יואל באקאנט אלס א קאָמפּאָזיטאָר פון פארשיידענע ניגונים צו די תפילות. אויף דעם געביט האָט ער געהאט א גרויסן שם. זיינע 15 ניגונים געפינען זיך אין דער קאָלעקציע פון דעם בארימטן בערלינער חזן און מוזיקער אהרן בער (געבוירן 1738 אין בייערן, געשטאָרבן 1821). אהרן בער איז זייט 1765 געווען א חזן אין בערלין און האָט זיך באנוצט מיט פארשיידענע קאָמפּאָזיציעס ביים דאווענען. ער האָט געקאָנט שרייבן נאָטן, און צווישן אנדערע האָט ער אויך פארשריבן די ניגונים פון ר׳ יואל דעם חזן. דאָס באווייזט אם בעסטן, ווי פּאָפּולער ער איז געווען ביי זיין לעבן און ווי באליבט עס זיינען געווען זיינע קאָמפּאָזיציעס, וועלכע זיינען געשריבן געוואָרן אין נוסח פון „פּוילישן ניגון״, ד. ה., אין גייסט פון די ניגונים וועלכע די פּוילישע חזנים האָבן געבראכט קיין מערב־איירָאָפּע נאָך 1648 און ארויסגעשטויסן אלע אנדערע חזנישע נוסחאות.[22]

דאָס איז אלץ, וואָס מיר ווייסן וועגן זיין לעבן און שאפן.

III.

קעגן וועמען איז געשריבן געוואָרן די אפּאָלאָגיע?

די אפּאָלאָגיע פון חזנות א. נ. „ריח ניחוח״ איז ניט סתם א שוץ פון חזנות, ווייל מען האָט אָנגעגריפן זיינע רעפּרעזענטאנטן, נאָר איז ספּעציעל געצילט קעגן איינעם, וועלכער איז אין זיין צייט ווארשיינלעך ארויס מיט אן אטאקע אויף זיינע פּראָפעסיאָנעלע חברים, און ר׳ יואל דער חזן האָט געהאלטן פאר זיין פליכט אים צו ענטפערן.

אין דער איינלייטונג צו דער אפּאָלאָגיע לאָזט אונדז ר׳ יואל חזן וויסן, אז ער ברענגט די חזנים א „נייאה צייט״, ווייל „איין קריג האָט זיך טאן אויף זיא ער וועקן״. דעריבער קען ער נישט שווייגן, ווען עמעצער

„טוט זיין מויל גאנץ וויט אויפמאַכין
און רעט ליגן אונטר שידליע זאכן.״

אפילו די רבנים רעדן ניט אזעלכע זאכן אויף די חזנים, ווי דער, קעגן וועלכן ר׳ יואל חזן טרעט ארויס און זייער „קליין פינגר איז מער אז זיין דיקי לענדן״. דאָך האָט קיינער פון זיי אזוי ניט געשענדעט און געלעסטערט די חזנים.

דאן אנטפּלעקנדיק אין דער הקדמה זיין נאָמען, ערקלערט ער פארוואָס הייסט דאָס ביכל „ריח ניחוח״, ווייל „ריח״ מאכט: רבי יואל חזן און אז. וו.

ער האָט זייער שנעל אָנגעשריבן דאָס ביכל אין לשון הקודש און האָט עס „אין טייטש געשטעלט״:

„הימיט דש זאלן פר שטין דיא גאנצי וועלט
דאש לשון הקודש פר טייטש גאנץ יוסט,
דרינן צו לעזן ווערט איר ווידר האבן גרושן לוסט.״

די דאָזיקע איינגארטיקע הקדמה פירט אונז אריין אין דער אפּאָלאָגיע גופא. דאָרטן

[21] דעם „דרך טוב״ האָט געזען נאָר דר. ל ע ו ו ע נ ש ט י י ן און האָט דאָס ביכל באשריבן אין זיין רשימה פון פּירטער דרוקן אין „יאָרבוך״ (X, נומ: 87).

[22] וועגן די קאָמפּאָזיציעס זיינע: אידלזאָן אין Song and singers—412-415 דער מאַנוּ־סקריפּט פון די קאָמפּאָזיציעס געפינט זיך אין „היברו יוניאָן קאלעדזש״.

תורה, און געפינט אין געוויסע פּסוקים זייער באַרעכטיקונג. דאָס הייסט, אַז אַלץ שטימט מיטן גייסט פון דער רעליגיעזער טראַדיציע, און פון דער צווייטער זייט ווערן גלייכצייטיק באַשיצט אָט די אַלע עלעמענטן אין שול, ווי געזאַנג און אַז. וו., וועלכע זיינען אַזוי ליב דעם המון. שוין די יידישע אויסגאַבע פון דער לכתחילהדיקער העברעאישער אַפּאָלאָגיע באַווייזט אָם בעסטן, אַז ר׳ יואל חזן האָט שטאַרק געוואָלט, אַז „די גאַנצע וועלט" זאָל וויסן, אַז אַלץ וואָס די חזנים טוען איז כשר און לעגאַל, און צו וואָס דאַרף מען דעם גאַנצן רעש און די אַלע אַטאַקעס אויף זיי פון אַלע זייטן?

שוין די בטלנישע שפּילערייען מיט פאַרשיידענע גמטריאות פון וואָרט חזן באַווייזט, אַז קיין גרויסער חכם איז ער פאָרט ניט געווען, און די שאלה פאַרוואָס מאַכט חזן בגימטריא שוטה? — וועלכע מיר געפינען ביי י ו ס ף ז ב א ר ה אין זיין „ספר שעשועים" — זעט אויס צו זיין אַ באַרעכטיקטע, אפילו אין ליכט פון ר׳ יואל חזנס פּאָלעמישע אַרגומענטן...[26]

דאָך איז אינטערעסאַנט זיך צו באַקענען מיט אַ גייסטיקן באַגאַזש פון אַ פּוילישן חזן פון XVIII יאָרהונדערט, אַ ליבלינג פון די פאָלקס־מאַסן און אַ באַגאַבטן מוזיקער. ביז איצט האָט מען נאָר געהערט, וואָס מען זאָגט אויף די חזנים, און דאָ האָבן מיר אַ שוץ, געשריבן פון אַ מענטשן, וועלכער איז לויט זיין פּראָפעסיע געווען דערצו באַרופן. די פּראָפעסיע איז אין זיין בלוט: זיין שווער איז אַ חזן, אַ זון — אויך אַ חזן, ווער ווייס, אפשר איז דער פאָטער אויך געווען אַ שליח־צבור אין דער לובלינער געטאָ און דאָרטן געטיילט פרייד מיט זיין זינגען?

די דריטע טייל פון דער אַפּאָלאָגיע איז גאָר אַן אומדערוואַרטעטע מוסר־דרשה: דוכט זיך, אַז יואל חזן האָט אַליין אַזוי שטאַרק ניט געגלויבט אין זיינע קאָנטראַ־אַרגומענטן, אַז אַלץ איז אין בעסטן אָרדענונג, ווייל די לעצטע פּאָר זייטלעך פון דער אַפּאָלאָגיע מיט איר מוסר־טאָן באַשטעטיקן אַז אין דעם טאָג־טעגלאַכן יידישן לעבן איז געווען מער ערד, ווי... הימל, מער פּראַקטיק ווי טעאָריע.

„ווער עד הנה איז גנגן אין איבליין וועג
זאָל ווייטר גין דעם רעכטן שטעג"

מוסרט יואל דער חזן דאָס פאָלק. און מסתמא צו זיינע קאָלעגן־חזנים זיינען געווענדט די ווערטער:

„זאָלט איר מיר אייערי שינה קולות דען ליבן גאָט דינן צו הערין
אונ׳ ניט דערמיט שטאָלצירין."

און יעדן חזן גיט ער אַן אויפגאַבע: „אויף דעם עולם עטוואַש מתקן זיין און זיינה נשמת צו בהאלטן ריין".

און ביים זינגען דאַרפן די חזנים אַרויסריידן די ווערטער „רעכט" און דאַמאָלסט וועט די תפלה „ניט ווערן פר שוועכט", און

„וואול דעם דור דאש זיא איין פרומן חזן טוהן דינגן
וואו ער גלייך הוך טוט זינגן."

די וואונטשן, וועלכע דער חזן ר׳ יואל דריקט אויס אין זיין אַפּאָסטראָפע, צום סוף, זיינען אייגנטלעך די זעלבע אויף וואָס עס האָט זיך געקלאָגט דער אַנאָנים, וועמען ער אַטאַקירט אַזוי שטאַרק. עס איז נאָר דער אונטערשייד, וואָס יענער איז אַ קעגנער פון געזאַנג, בשעת ווען ר׳ יואל בן אליעזר באַשיצט דאָס זינגען ווי אַ וויכטיקן אַטריבוט פון חזנות, ווייל „לויבן גאָט" דאַרף מען מיט „שינה קולות". דאָס איז ניט „וועגין די לייטין", דאָס מיינט, אַז מען זינגט ניט פאַרן המון, נאָר פאַר... גאָט, דאָס פאָלק... הערט זיך נאָר צו. אַזוי האָט דער חזנישער אַפּאָלאָגעט פאַרענטפערט די ביידע פראַגן: די פראַגע פון פרומקייט און פון שיינעם געזאַנג אין דער שול. איז אַ שיינער געזאַנג אַ שטערונג פאַר פרומקייט, צי נישט? אַלס אַ פּראָפעסיאָנעלער חזן האָט ער זיך באַמיט צו באַווייזן דאָס וואָס ער האָט געמוזט באַשיצן — אַז דוקא „שיני קולות" וועקן פרומע געדאַנקען, און מסתמא האָט ר׳ יואל חזן זיינע צייט־מענטשן איבערגעצייגט און האָט... טריאומפירט איבער דעם אַסקעטישן ספרדישן יידן.

יואל חזן איז אַ גוטער פאָרשטייער פון זיין פּראָפעסיע. קיין גרויס לומדות ווייזט ער ניט אַרויס אין זיין אַפּאָלאָגיע. די גמטריאות זיינען שאַבלאָנען, אַלגעמיין באַקאַנט. מסתמא

[26] „ספר שעשועים", אַרויסגעגעבן פון פּראָפ. ישראל דאַווידזאָן, ניו יאָרק, תרע"ד, ז. 48. דער כפר שטאַמט פון צוועלפטן יאָרהונדערט.

זיין נאָמען וועט ער ניט דערמאָנען צוליב די פאָלקס־מאַסן אויף וועלכע עס איז אָנגעפאַלן א שגעון און א גייסט פון שטות („ושמי נעלם ולא אזכיר מפני ההמון עם שרוח שטות ושגעון עליהם עבר״).

דאן דערמאָנט ער די יידן אין אזיע, אפריקע, טערקיי און איטאַליע און הויפּטזעכלעך די „בני ספרד, אשר המה מפוזר ומפורד״ — אז זיי אַלע זינגען אנגענעם און קלאָר. נאָר די פון פּוילן און דייטשלאַנד טוען אָפּ שווידערלאַכע זאכן ביים דאווענען. זיי באנוצן זיך מיט ניגונים, וועלכע זיי האָבן געהערט אין די צירקן, געזונגען פון לצים, און האָבן זיי אריינגעבראכט אין שול אריין. ווי אזוי עס שילדערט דער העברעאישער מחבר די חזנים, וועט דעם יידישן לעזער קלאָר ווערן פון די אויסצוגן, וועלכע ר׳ יואל חזן ברענגט מיט זיינע אייגענע ווערטער פון דעם דאָזיקן פלוג־בלאַט. אמת, ניט אַלע ציטאַטן שטימען. ר׳ יואל חזן גיט איבער די באשולדיגונגען פון אנאָנים אין אזא איבערגעטריבענער פאָרם, אז אָפטמאָל איז שווער פעסטצושטעלן דעם שייכות מיטן פלוג־בלאַט. אזוי, למשל, שרייבט ער צו דעם מחבר פון פלוגבלאַט אז ער האָט זיך אויסגעדריקט אז

„דער חזן טוט דעם קאָפּ הין און׳ הער לענקן,
אז וויא דער׳נואף אנגיף דער זונה טוט ווינקן.״

אויב די ערשטע סטראָפע גיט איבער א שורה פון דעם פלוג־בלאַט איז די צווייטע פשוט א „ליצענציאַ פּאָעטיקאַ״, לשם גראַם. אזעלכע דראַסטישע „שטאַרקע״ שורות, וועלכע זאָלן כלומרשט שטאַמען פון יענער בראָשורע — זיינען פאראן אין דער אפּאָלאָגיע אין א גרויסער צאָל. ווען מען וואָלט געוואָרטיילט לויט די דאָזיקע צוגעטראכטע ציטאַטן, וואָלט געווען שווער צו באַשטימען אז ר׳ יואל חזן ענטפערט דעם אנאָנימען מחבר פון „שלשה צועקים״. אָבער די גרעסטע צאָל פון איינצלהייטן שטימט מיטן אינהאַלט פון פלוג־בלאַט. די אנאָנימיטעט און דאָס רימען פון די ספרדים באשטעטיקן אז דאָס איז דאָס פלוג־בלאַט קעגן וועלכן עס איז ארויסגעטראָטן מיט אן אטאַקע דער מחבר פון „ריח ניחוח״.

IV.

די כאַראַקטעריסטיק פון דער אפּאָלאָגיע.

די אפּאָלאָגיע פון חזנות, „ריח ניחוח״, קאָן מען לויטן אינהאַלט צעגלידערן אין דריי טיילן. אין ערשטן טייל גיט איבער דער מחבר אין שאַרפע, איבערגעטריבענע שורות, וואָס ס׳האָט דער העברעאישער אנאָנים געשריבן וועגן די חזנים. די באשרייבונג איז גאָר אן אויספירלעכע, און ווען מיר וואָלטן אפילו נישט געקענט דעם אָריגינאַל, וואָלטן מיר פון די אויסצוגן, ווען אפילו זיי זיינען ניט ריכטיק איבערגעגעבן און מיט א כוונה איבערגע־טריבן — כדי אויף אזא אופן צו קאָמפּראָמיטירן דעם קעגנער — געקענט האָבן א באַגריף וואָס פאַר א באשולדיקונגען האָט דער ספרדישער ייד ארויסגעשטעלט קעגן די פּויליש־דייטשע חזנים. מיר זעען, אז קיין נייע שטריכן האָט ער ניט צוגעגעבן. די דריי, וועלכע שטייען ביים עמוד, דער חזן מיט די צוויי משוררים, דעם „בס״ און „דישקנט״ (דיסקאַנט) און שרייען אז פון זייערע געשרייען „פלאַצן פענצטער״ — דאָס זיינען שוין אַלץ באַקאַנטע בילדער. מיר האָבן די אַלע איינצלהייטן אין א סך ספרים און אפילו אין די קריסטלעכע קוועלן געפינען מיר א באשטעטיקונג פאַר די דאָזיקע שילדערונגען.

די צווייטע טייל פון דער אפּאָלאָגיע באַשטייט אין פאַרלייקענען פון די באשולדיקונגען אָדער אין אויסטייטשן געוויסע פּאַרוואָרפן אויף אזא אופן, אז עס קומט אויס, אז אַלץ וואָס דער אָנגרייפער האַלט אַלס א ווידערשפּרוך מיט די אויפגאבן פון א חזן, ווערט פון דעם באַשיצער באַגרינדעט מיט... פּלפּול און פּסוקים. אין דעם פּרט איז דער דאָזיקער טייל זייער אינטערעסאַנט, ווייל ער גיט אונדז א שליסל צו דער פּסיכאָלאָגיע פון חזנישע... דיאַלעקטישע פייאיקייטן. מען קען ניט זאָגן, אז ר׳ יואל חזן באַשיצט קלוג זיין פּראָפעסיע און אירע פאַרשטייער. ער אָפּערירט מיט ארגומענטן וועלכע קלינגען פאַר אונז שטאַרק בטלניש... דאָך זיינען זיי אינגאַנצן אין גייסט פון יענער צייט. עס איז א מעטאָד צו געווינען ביידע צדדים — די רבנים און די פאָלקס־מאַסן. זיי באווייזן אז אַלץ, אפילו דאָס נעמען מתנות ביי די רייכע, דאָס שרייען ביים דאווענען, דאָס זאָרגלאָזע לעבן, איז באַזירט אויף דער...

אן קיין מוכיח איז זיא ניקש גלעגין
אז וויא איין ראף[30] טוט ער זיך הינטר ביגן
מן זאל הערן אירן שינן ניגון.
דער בש (באַס) שטעלט זיך אויף דער זייטן
ער מאַכט אז אין עולם קומן שלעכטי לייטן
ער מאכט אויף זיין מויל אז אייגר קענט אריין רייטן
מען הערט איהם פון ווייטן.
ער ווערפט אַרויס איין קויל אז וויא דיא גוילן
ער בלאזט זיך אויף אז ווען ער ווער גשוואלן.[31]
זעלט ער ניט אן גגארט זיין ווען ער טוט זינגן.[32]
זעלטן איהם זיינה גדערם אונ׳ גאל ארויש שפּרינגן.
אויף דער לינקי זייט שטעלט זיך דער זינגער.
ער שטעקט זיך אין האלז דען פינגר.
ער שרייט נאָך אונ׳ פאר[33]
ער ארט[34] קיין ווארט דאש גאנצי יאר.
דער חזן טוט דעם קאפּ הין אונ׳ הער לענקן,
אַז וויא דער נואף אויף דער זונה טוט ווינקן.
זיא פר מיינן[35] אויף איר זינגן טוט דער עולם שטין.
זיא ווישן ניט דאש זיא אין גיהנם מוזן גין.
מיט די פּיס טואן זיא טראפּפּין
אז וויא דיא נארין טואן זיא זיך פאפּין.
מיט דער צונג ווערגרן זיא אונ׳ שטיט ניט שטיל
אז וויא איין ראד אין דער מיל.
אי בעשר אז ער מיט דער צונג קאן איילן.
אז וויא דיא הונט טוט ער היילין.
אין מויל האָט ער זיסי זאכין,
ער זיגט אז וו״א איין זייגדיק קינד טוט ער מאַכין.
אפּילו אין ימים נוראים טוט עש גשעהן.
איז דען דאש ווארן גהערט אדר גזעהן.
זאלכי ביזה זאך
שפּאט אונ׳ שמאך.
זיא האבן איין דיקן האלז אז וויא איין ביק, וויא איין שינר מערמלשטיין.
אירה עבירות זיינן גיצייכנט אן אירה ביין.
אירה אויגן זיינן בוואקסן מיט פייטטיקייט (פעטקייט),
איר פּנים לייכט אז וויא איין רוז דיא אימר שטיט אין די פייכטיקייט.
זיא פירן איין בויך אז וויא איין פרוי דיא דא טוט טראגין.
זי פרעסין אונד׳ זויפין אז וויא איין ווילדי קוא דיא דא טוט אליש שלאגין.
זיא גידענקין ניט אן עה״ב[36] פר אלי זאכין.
זיא טוהן אלי טאג יום טוב מאכין.[37]
זיא זיין טרונקן אז איין שוויין אונ׳ ווילד מער.
פון אלי מצות זיין זיא לער.
דערנאָך שטעלן זיא זיך פר דעם עמוד זינגן אונ׳ זאגן.

[30] ראף = רייף פון א פעסל.
[31] ד. ה. אזוי ווי ער וואָלט געווען געשוואָלן.
[32] ד. ה. ווען ער וואָלט נישט געווען ארומגעגארטלט בשעת זינגען.
[33] ד. ה. ער שרייט פארן דאווגען און נאָכן דאווגען.
[34] אָרן פון orare (לאטיין) = דאווגען.
[35] ד. ה. זיי מיינען.
[36] עה״ב = עולם הבא.
[37] פון די לעצטע 42 שורות ווערן 18 געבראַכט ביי וואָלפן אין זיין ארבעט: Fahrende Leute bei den Juden. Leipzig, 1909. (לויט בירנבוימס כתב־יד עקזעמפּליאַר פון „ריח ניחוח") אַ פּאָר שורות ווערן ציטירט אין שיפּערס: „געשיכטע פון יידישער טעאטער קונסט און דראמע", באנד I, ז. 188—189.

האָט ער אביסל געלערנט און פארשטאַנען מער דעם פירוש המלות, ווי דאָס רוב חזנים פון זיין צייט. איין מאָל ציטירט ער אפילו די מנהגים פון מהרי״ל, א ספר גראד א פאָפולערער אין די גערמאַנישע און די סלאַווישע געטאָס. און דאָס אַלץ.

זיין געגראַמטע אפּאָלאָגיע האָט א באדייטנדן קולטור־היסטאָרישן ווערט: זי גיט אונדז א בילד פון א פוילישן חזן פון יענע צייטן. זי איז אויך פאר אונז וויכטיק פון א ריין פילאָלאָגישן שטאַנדפּונקט. דער מחבר איז א פוילישער ייד און א סך אויסדרוקן, וועלכע זיינען נאָך ביז איצט לעבעדיק אין דער יידישער שפּראַך אין פוילן געפינען מיר ביי אים. ער באנוצט, למשל, די אויסדרוקן: „עטץ״, „ענקער״ (איר, אייער). ער האָט אויך א פּאָר ווערטער וועלכע זיינען אין פוילן ניט באקאנט געוועזן, ווי „סאלטירן״, „מאַנטנירן״ (באלער־נען) און אז. וו. די שפּראַך זיינע איז א לעבעדיקע און גיט א קלאָרן באגריף פון דעם יידיש פון XVIII יאָרהונדערט פון א פוילישן יידן אין א דייטשישער סביבה.

אַלס שרייבער איז ער ניט אינטערעסאַנט. די גראַמען האָבן קיין שום טעם ניט. עס פעלט ריטם און בכלל איז עס געגראַמטע פּראָזע, וועלכע האָט זיך אפשר געלאָזט לייענען... רעטשיטאַטיווא. ער האָט געהאַט בכלל א שוואַכקייט צו גראַמען. זיין צווייט ספר איבער מוסר איז אויך אין גראַמען. עס איז־אָן אויסדרוק פון דער צייט. ס'איז דאָך די זעלביקע תקופה ווען אלחנן קירכהן גיט ארויס זיין „שמחת הנפש״, זמירות און מוסר דרשות, אויך אין גראַמען.[27]

„ריח ניחוח״ איז א ליטעראַטור־היסטאָרישער און א קולטור־היסטאָרישער דאָקומענט. די זעלטנקייט פון דעם ביכעלע באווייזט, אז בשעתו האָט עס געהאַט א דערפאָלג.

איך גיב דאָ דעם פולשטענדיקן טעקסט פון דער אפּאָלאָגיע גופא, מיטן אויסנאַם פון דער הקדמה זיינער, אויך א געגראַמטער, פון וועלכער איך האָב פריער געבראַכט א פּאָר ציטאַטן. איך מוז באמערקן, אז דער העברעאישער טעקסט פון „ריח ניחוח״ איז אביסל אנדערש ווי דער יידישער, מער קאָמפּאַקט און קורץ, בשעת ווען אויף יידיש האָט זיך דער מחבר צעגאָסן אין רעטאָריק און איז אָפטמאָל טריוויאַל.

צו געוויסע ווערטער, אויסדרוקן און רשי תיבות גיב איך צו ספּעציעלע באמערקונגען. א פּאָר שורות האָב איך ארויסגעלאָזט, ווייל זיי האָבן ניט קיין גרויסן אינטערעס בכלל און האָבן צו טאָן מיט בטלנישע חקירות.

דעם פילאָלאָגישן אַנאַליז פון זיין שפּראַך, זאַץ, קאָנסטרוקציע און אז. וו. לאָז איך איבער צו אונזערע פילאָלאָגן, וועלכע וועלן האָפנטלעך, ארויסווייזן דעם געהעריקן אינטערעס צו דעם אינטערעסאַנטן ליטעראַרישן און שפּראַכלעכן דאָקומענט פון אָנפאַנג פון XVIII יאָרהונדערט.

דער טעקסט פון „ריח ניחוח״.

הערט מיר צו וואש דא איז גישעהן.
אייגר האָט אין דר דרוק גיבראכט דאש האב איך מיט מיינה אויגן גזעהן.
אונ׳ שרייבט אויף די חזנים,
צו פאר אליש אויף די יונים [28]
דאש זיא דען טייטש אויף דר תפלה ניט קענן.
אונ׳ ווער דער מחבר איז טוט ער זיך ניט נענן.
ער שרייבט דיא חזנים זינגן באָר מאן זאל איר שין קול הערן.
אונ׳ איר מחשבה טואן זיא אויף הבל הבלים קערן.
זיא פיפצין נאך איר ווילן.
אז וויא דיא הונט אין אנדרן משמור טואן זי בילן.
זיא זינגן גרוב אונ׳ קלאר, זי זיינן גורם שלעכטי יאר.
זיא שטעקן דען דוימן אין דעם קנה [29]
זי ווערן שוואַרץ אז וויא דיא לבנה.
זיין קאפ אויף זיין אקסיל טוט ער ליגן

[27] זע מיין אויסגאבע פון „שמחת הנפש״, ניו יאָרק, 1926, פארלאַג מאַקס מייזל. איינלייטונג.
[28] ד. ה. ער שרייבט זיי אַלץ צו אַזוי ווי די יונים.
[29] קנה=האַלדז.

דער מחבר לובט דאש לאנד אפריקא אונ׳ טירקייא.
דאש זיא זינגן בנעימות און גשרייא.
אז וויא דיא לוים בייא דעם שיר,
איך ווייש ניט וויא מיר דער מחבר קומט פיר.
איך ווייש ניט וואו איהם דאש קומט אהער,
דאש דיא לוים ניט גשריאן האבן זער.
ווען איינר מיך ווערט וועלן פרעגן איין קשיא אז וויא איוזן
וויא קאנשטו דאש בווייזן ?
איך ווילש בווייזן מיט דער גמרא אז די לוים האבן גזונגן זער הוך
אונ׳ דער מחבר האָט דיא גמרא ניט אין זמות.[43]
דיא לוים האבן גיהט איין שטרק קול אז וויא דיא לעמפרט אונ׳ ווילדי טיר
אז וויא די גמרא זאגט מיריחו האט מן גהערט דאש קול פון שיר,
אונ׳ אין דעם לאנד אפריקא אונ׳ טירקייא
לייזן די אומות ניט אהרין [44] ניט גשרייא.
אבר מיר האבן ת״ל איין מלך פולר גינאד אונ׳ בארמהערציקייט [44א]
גאט דער לענג׳ איהם זיינה יאר זאמט אונזרי קייזערן אונ׳ איר פרוכט צו אייביגקייט.
ער טוהט אונש איר דיא גרעשטי גנט ערטיילן,
דרום מגין מיר הוך תפלה טן אלי ווייל
און קיינער בגערט אונש צו ווערן,
פיל וויניגר אונזר גבעט צו פר שטערן.
אויך אלי זיינה שטענדן
טוהן אונש אלי גוטהייט אויף אלי ענדן.
גאט געבי אינן דש לאנגי לעבן
און אלש וואש אינן איזט עבן.[45]
וואן איך זאלט דען מחבר וועלן אלש איבר ווייזין מיט פסוקים צו לאזן הערן,
פאר וואר דיא צייט מעכט צו לאנג געווירן.
אבר איבר דיזן טוא איך מיך ערפרייאן.
דאש דא שטיט אראלים צעקו חוצה גפינן מיר דאש דיא מלאכים טוהן שרייאן.
ווייטר קאן דער מחבר אויש דעם שרייאן ניט מאכין אזו איין וועזין
אונ׳ דיא חזנים זיין פון איהם גנעזן.
אז דער מחבר שרייבט אויף די חזנים וועגין נדרים ונדבות טוט מיך ניט וויניג שמערצין
גאט פריב אלי גידנקן אין הערצין.
אום דער מחבר איז איין קארגין מאן,
אודר אויב איהם דיא נדרים אונ׳ נדבות גילושטן טאן
דאש קאן איך ניט לוידין.[46]
מוז איהם דאך בישיידין.
דער חזן איז צו דעם כהן גדול גליך,
זאגט די גמרא, וואן ער ניט האט מאך איהם רייך.
אויך נעמין דאך די חזנים קיינם קיין משכון פון דער וואנד.
דאש איז דעם מחבר איין גרושה שאנד.
אז ער שרייבט דאש דיא חזנים מאכין זיך אין דער וואכן אז וויא אן שבת וויום־טוב אהער.
שטיט דאך נפשינו יבשה אין קל. מען קאן ניט זינגין ווען דער הלז איז דער,
וויא וואול דאך דאש (כל) מיט דער (כ׳) שטיט גשריבן.

[43] די צוויי שורות זיינען א גוטער ביישפיל אז די געשריבענע שפּראַך האָט זיך שטאַרק אונטערשיידט פון דער גערעדטער. דער פוילישער ייד, יואל חזן, האָט דאָך רעדנדיק געגראמט: הויאך־מאַיאך און שרייבן שרייבט ער: הוך—מות.

[44] =דאוונען.

[44א] ת״ל = תהלת לאל.

[45] די מאָטיוון פאַרוואָס מען קען שרייען ביים דאוונען אין דייטשלאַנד זיינען זייער.... וויציק אָבער היסטאָריש נישט ריכטיק. דער מחבר שטעלט זיך נישט אָפּ פאר קיין שום ארגומענטן, אַבי צו שלאָגן דעם קעגנער.

[46] אַ מוסטער פון א דעמאַגאָגישער ארגומענטאַציע קעגן דעם קעגנער.

מיט פולן בויך אונ׳ מאגן.
זיא קאָן ניט רידן דיא צונג טוט זיא אָן קלעבן.
זיא זיין ווערט מן זעלט זיא בגראבן באי אירן לעבן.
מיט שנדר געלט[38]
איז בייא אינן אז ווען זיא דיא בעל בתים בארשפט גליהן האבן זעלט.[39]
זיא קומן מיט גוואלט אונ׳ טואן דיא בעלי בתים טרילין.
זי נעמן ניט ווינג. זיא וואלן האבן מן זאל דיא בייטל פילן.
זיא ווישן ניט אונזרי חכמים אירה מיינונג.
מען מאָג שנדר געלט געבן פיל אָדר וויניג.
זאלכש שרייבט דער מחבר נאך פיל הונדרט מאל מעהר.
וויא קומט דאש שטרוא צו דען גטרייט אהער[40]
איך ווייש ניט אוב דר מחבר איז איין מוכיח,
אדר דער איזל פון משיח.
ווען ער יוא וויל שטראפן דעם עולם אונ׳ וויל זיין איין פראוור (בראָווער) מאָן
ווארום טוט ער זיך ניט מעלדן טאן,
זיין נאמן איזט פאר הולין.[41]
ניט אז וויא דוד המלך ע״ה האָט גיזאָגט אין ריד קיגן דיא מלאכים אונ׳ שעם מיך
ניט נייארט איך ריד מעהר אז מיר איזט בפולין.
איך האלט דער מחבר איז אויש וועלטש לאנד אהער,
דען ער לויבט זיא וויל זיא זינגן נאך דר מוזיקא אונ׳ שרייאן ניט זעהר.[42]
אונ׳ שרייבט אך איין לשון דאש איזט זער שווער.
דרום וויל איך דיא זאך ניט לאזן אום גראבן.
אונ׳ איהם בענטפרן מיט מיינה שלעכטי פעדר דיא איזט צו בראכן,
אונ׳ זיין שווער לשון צום גרינגן פר ענדערן טאָן.
הימיט דאש פר שטין קאן אידר מאן.
דיזש וויל איך איהם אן טייטן.
אונ׳ איהם בווייזן אויף אונטר שידליכי זייטן.
אז ער שרייבט דאש דער בס אונ׳ זינגר טוהן זיך איטליכר אויף איין זייט פון דעם חזן שטעלן.
דש וויל איך איהם ווייזן איין רמז און דער תורה דאז איהם ניט וואול ווערט גפעלן.
אהרן אונ׳ חור האבן זיך איטליכר אויף איין זייט פון משה טאן שטעלן.
אונ׳ אז ער שרייבט דיא חזנים זינגן פון ערשטן מיט איין גרוב קול דער נאך קלאר.
דער מחבר פעלט פר וואר.
ער האָט זעלין מיט זעלכי ווארט שוויגין.
שטיט דאך בייא מעשה מרכבה נאך דעם רעש קומט איין קלאר קול דאש טוט יוא ניט ליגן.
ווארום דאש זיך די חזנים אהינטר ברעכן טוט דער מחבר פראגין ? ...
דוד המלך עליו השלום האט גיזאגט אלי מיינה בייגר טואן זאגען.
אונ׳ דאש זיך דיא חזנים פר דעם עמוד אהין אונ׳ אהער טוהן ווענדן.
שטיט אין דער תורה דאש דיא צווייא כרובים דאש זיינן גשטאנדן אן דיא צווייא ענדן.
האבן איר אן גזיכט צו אננדר טאן קערן.
דש ווערט דער מחבר ניט גערן הערן.

---

[38] אין די תקנות פון דער קהילה אין פירט ווערט געזאָגט: "Die Schnodergelder bleiben auch ihnen" (ד. ה. די חזנים). זע: *Würfel*: Historische Nachricht von der Judengemeinde. Fürth. Frankfurt, 1754, p. 61. §4. שנדר געלט = געלט וואָס מען איז מנדר אין שול.

[39] די חזנים מאָנען אויף די נדרים אויף אזא אופן, אזוי ווי די בעלי בתים וואָלטן ביי זיי געבאָרגט דאָס געלט מזומן.

[40] ד. ה. ווי קומט שטרוי צו תבואה, ווי קומט נאַרעשקייט צו חכמה? עס איז כדאי צו באמערקן, אז די באשרייבונג פון חזן ביים עמוד שטימט ערטערווייז מיט דער באשרייבונג וואָס עס גיט אונז שודט אין זיינע Juedische Merkwuerdigkeiten (באַנד IV, ז. 346, פראנקפורט אם מיין, 1717).

[41] פאַרשטעלט.

[42] אין „וועלטש לאנד" (איטאַליען) האָט מען געזונגען פון נאָטן און בכלל קולטיווירט די סינאגאָגאַלע מוזיק און זיך נישט דערלויבט אויף אזעלכע אימפּראָוויזאציע־פרייהייטן ווי אין דייטש־לאַנד און פּוילן. זע די ציטירטע ארבעטן פון אידלזאָן.

זיכט איך טוא איך מנטנירין.[54]
דאש איך אויך איין חזן בין דאש קאַנט עטין וואול שפירין.
אונ׳ מארקט אויף פיין,
וואש איך אייך וויל מגלה זיין.
דען סוד אונטר דיא לייטן,
וואש דאש ווארט חזן טוט בטייטן.
(חז״ן) איז לשון חזון, וואר זאגן.
די תפלה פון צבור טוט ער פר הקדוש ברוך הוא טראגן.
אונ׳ דיזש האט מיין שווער ר׳ יונה חזן עליו השלום פון קעלין גזאגט דאש האב
איך פון אים גיהערט מיט מיין אוזן[55]
ווען מען אויש שרייבט חזן (חי״ת, זי״ן, נו״ן) איז ר״ת[56] חזן
— — — — — — — — — — —[57]
. . . דער חזן איז דען צבור איין פיר שפרעכיר
וואן ער פון הארבה עבירות איז זוכר.
אויך איר ליבן קינדר,
זיכט איר איין אין דען עברי דער געבן וואש אין ווארט חזן שטעקט ווערט איר זעהן וואונדר.
היצונד איר ליבה ברידר טוט אייער הערץ דער וועקן,
אונ׳ זיכט וואש סודות אין דען ווארט חזן טוט שטעקן.
דרום זאלט איר מיט אייערי שינה קולות דען ליבן גאט דינן צו עהרין.
אונ׳ ניט דערמיט שטאלצירין.
פריואט אייך מיט אייערי שינה מתנה
אונ׳ זייט מתפלל בכוונה.
דען ניט איטליכם טוט גאט אזו איין מתנה בשעהרן,
וואן גלייך איינר טוט בגעהרן.
דיא מתנה מוז דאך זיין אזו איין גרוש וועזן.
וואן איר וואלט ווישן טוט אין דער הקדמה פון מהרי״ל לעזן[58]
איטליכר פרומר חזן גיהערט אויף דען עולם עטוואש מתקן זיין.
אונ׳ זיינה נשמה צו בהאלטן ריין.
דיא נשמת קומט אהער פון איין הויך אונ׳ ריין אורט,
דרום מוז מען שטאַרק גווארנט זיין אונ׳ זיא צו שטעלן דעם אלמעכטיגן גאט ריין אונ׳ צאַרט.
וויא וואל אונזרי חכמים האָבן גזאגט פר אלטן,
דאש מען אים חוצה לארץ ניט אלש קאן הלטן.
אבר דיזש מאל איטלכר בר ישראל הערן.
אין דער מחשבה זאָל מען גדענקן איך וועלט דיא מצוה הלטן גערן,
וואן עש קענט גזיין.
איז אזו פיל אז ווען ער דיא מצוה האט מקיים גוועזן פיין,
דרום וואַן איר זינגט רעט פיין ווערטר רעכט,
ווערט ענקר תפלה ניט ווערן פר שוועכט,
וואול דעם דור דאש זיא איין פרומן חזן טוהן דינגן
וואן ער גלייך הוך טוט זינגן,
וואן ער נייארט איז בעל תורה.
אודר זאנשט איין ירא.

---

[54] זיכט=זעט, מאנטנירן=באַלערנען, פון : mentire.
[55] אזן = אויער, צום גראם באַנוצט ער דאָ דעם העברעאישן וואָרט.
[56] ר״ת = ראשי תיבות.
[57] דאָ גייען 12 שורות מיט בטלנישע גמטריאות וועגן דעם וואָרט חזן, וואָס האָבן בכלל נישט קיין שום ווערט און זיינען זייער גוט באַקענט פון דער רבנישער ליטעראטור (למשל, אז חזן מאַכט אויס אזוי פיל ווי די דריי שמות (הו״ה, אדנ״י און צבאות) און אז. וו. איך האָב מיך דעריבער דערלויבט די פּאָר שורות ארויסצולאָזן.
[58] מהריל = מורינו הרב ר׳ יעקב בן משה הלוי. די הקדמה צו זיין ספר „מנהגים“. זע: גידעמאַן „יודישע קולטור־געשיכטע אין מיטלאַלטער“, איבערגעזעצט פון נ. שטיף, ז. 21.

נאך גלייך וואול ווערט איין כ׳ פר ענדרט מיט איין ק׳ גנייל דאש ווארט (גיב״ק)
אויש דעם גומן ווערט גשריבן.[47]

אונ׳ אז ער שרייבט דיא חזנים זיינן אימר פול,
איך האלט דער מחבר איז גאנץ טול, (נאַריש),
דאש איז דאך צו פר שטין גרינג אונ׳ לייכט.
דאש ער נישט וויש דעם סימן (לח״ ולוז״ וערמון״), די לעצטי אותיות מאכין ח״זן
דער חזן מוז אימר זיין פייבט.[48]

אונ׳ ניט טרויאיג אום איין האר,
דאש ער קאַן הש״י בשמחה דינן דאש גאנצי יאר,
אונ׳ אז ער שרייבט דיא חזנים האבן דיקי העלז אונ׳ איר פנים לייכט אימר אונ׳ רוט[49]
דאש איז פון דעם מחבר איין ביז ווערק.

האט דאך דער כהן גדול מוזין זיין שין אונ׳ שטערק.
אונ׳ אז ער שרייבט דער חזן דעם פינגר אין קנה אריין שטעכט.
וואש איז דראן גלעגן וועז ער נייארט זיין תפלה טוט רעכט.
אויך איז ער זעלבין ווידר אנדר ווי ער זעלבין גשריבן האט,[50]
דאש איז אים איין שאנד און שפאט.
וויילן ער אזו שטאַרק לובט דיא ספרדים דאש זיא ניט אזו שרייאן דרום ער פון אינן פיל האלט,
אונ׳ איך האב גיהערט פון חכמי האומות דז דאש קוועטשן אין קנה העלפט דז דאש קול לייכט
ארוישגיט אונ׳ ניט שטאַרק מיט גוואלט.

מיט דעם טוהן זיא ניט לייגן
וויא איך דאש וואול קאן בלייגין.
אונ׳ אז ער שרייבט דיא חזנים טראפין מיט די פיסן
דאש טוהן זיא דרום דיא לייט זאלין אויף הערן צו שמועסן.
אונ׳ דער מחבר ברענגט אויף די חזנים איין מליץ דער דא וויל פר איינם סאלטטירן.[51]
וואן ער ניט רעכט רעט באלד טוט מן איהם ארוישפירן,
ניט אליין מן טוט ניט זיין בגער.
מן שטראפט איהם זאמבט זיין שוקר(?) דער צו זער,
מכ״ש[52] וויא זאל מן שיקן זאלכן שליח צבור פר דען הערן פון דיא גאנצי וועלט
זאלכי תפלה ווערט ח״ו איבר ענטפרט צו דיא קליפות, דער נאך איז ח״ו דער האגדל איבל בשטעלט.
ענטלך דאש גיב איך איהם שטאט,
אבר עש זיינן רוב חזנים פרומי לייט און פאר ראט.
דיא דא דינן גאט רעכט דאש טוא איך ניט לייגן,
אונ׳ אין דער תורה שטיט נאָך דעם רוב זאָלשטו נייגן.
אונ׳ דער אריגשטי[53] אונטר ישראל,
איז דאך מהרהר בתשובה אלי מאל.
ישעיה הנביא איז גשטראָפט גווארן ווייל ער אויף ישראל האט ביז גירעט.
וויא זאל דען דער מחבר אוֹיש דיא חזנים שרייבין זאלכש גשפעט.
דרום הערט מיר צו אירה ליבה ברידר,
פרומי אונ׳ בידר.
הערט מיר צו מיינה זאג,
וואש איך ענק פיר שלאג,
ווער עד הנה איז גנגן אין איבלין וועג,
זאל וויטר גין דען רעכטן שטעג.
ווערן דיא ערשטי מעשים ניט גדאכט, ווערין זייא עש וואש עש מעג.

---

[47] ג. כ. ק. — די האַלדז קאָנסאָנאַנטן. דאלמאן (ערכי הנוטריקון, ז. 23) טייטשט אויס: גכ״ק = ממוצא החיך.
[48] זע: בראשית, ל, ל״ז.
[49] רוט = רויט.
[50] דאָס מיינט: ער איז זיך אליין סותר.
[51] ראַטעווען.
[52] = מכל שנאמר.
[53] = ערגסטער.

יצחק ריבקינד:

אַ קלאָג־ליד אויפן קאַלטן ווינטער פון יאָר 1784

אייגנאַרטיק זיינען די קלאָג־לידער אין אַלט יידישן היסטאָרישן ליד. לויט זייער אַרט, פאָרם און צאָל, בילדן זיי אַ ציקל פאַר זיך. זיי זיינען פון אַ גאַנץ באַשטימטן כאַראַקטער און אינהאַלט — ס׳רוב כראָניקעס פון היסטאָרישע פּאַסירונגען — און פון צווישן די היסטאָרישע פּאָעמעס און סתם־לידער לאָזן זיי זיך לייכט אויסטיילן אין אַ באַזונדערער קאַטעגאָריע.

אַ היפּשע צאָל קלאָג־לידער זיינען, אין משך פון די לעצטע יאָרן, פאַרעפנטלעכט געוואָרן, און נאָך אַ גרעסערע צאָל וואַרט צו זען דאָס ליכט, אויסגעלייזט צו ווערן פון דורות־שטויב צוזאַמען מיט די צאָלרייכע אומפאַרעפנטלעכטע אַלט־יידישע היסטאָרישע לידער בכלל.

אין ביבליאָטעק פון יידיש־טעאָלאָגישן סעמינאַר האָב איך געפונען זייער אַן אינטערעסאַנט קלאָג־ליד פון אַכט זייטלעך, פאָרמאַט 24°, ביבליאָטעק נומער 10309. (דער פולער שער און טעקסט ווערט ווייטער איבערגעגעבן.)

ביבליאָגראַפיש האָב איך געפונען דעם עקזעמפּליאַר פאַרצייכנט נאָר אין ליציטאַציע־קאַטאַלאָג „אוצר מאיר״, פון מאָנטיק, 29טן נאָוועמבער, 1909, דורך דער בוכהאַנדלונג פון די ברידער לעווענסאָן, אמשטערדם, נומער 527. ווייטערע ביבליאָגראַפישע מקורים האָט זיך פאַר־לויפיק ניט אָפּגעזוכט.

אויך איבער דעם מחבר פון קלאָג־ליד, שלמה זלמן בול, האָט זיך דערווייל מיר ניט איינגעגעבן אויסצוגעפינען מער פּרטים. מערקווירדיק איז נאָר, דאָס דער מחבר האָט יעטוועדער עקזעמפּליאַר אויטאָגראַפירט, איינגהענטיק אונטערגעשריבן. ביבליאָגראַפיש איז ניט פאַרצייכנט ווען עס איז דער אָנהייב פון אויטאָגראַפירטע עקזעמפּליאַרן. אַזוי געפינען מיר אויך אַז זוסמן רודלסום האָט אַזוי געטאָן מיט זיין יידישן „מקרא מפורש״, אמשטערדם, 1749.

דאָס קלאָג־ליד איז אַ שטיק צאַפּלדיקע כראָניק, אַ לעבעדיק היסטאָרישער דאָקומענט, באַקלאָגט דעם שטרענגען, שטאַרקן ווינטער פון יאָר 1784, וואָס האָט גרויזאַם באַהערשט אַ גרויסן טייל פון אייראָפּע. די באַשרייבונג איז אידענטיש מיט די פון „בכי נהרות״ (אמשטערדם, 1784) פון ר׳ שמעון ב״ר יעקב פון קאָפּענהאַגען (פאַרגלייך שטיינשניידערס „געשיכטס־ליטע־ראַטור״, זייט 154, נומער 269).

די שרעקלעכע פאַרניכטענדע פאַרפליצונג, וואָס איז פאָרגעקומען, נאָכדעם ווי דער אייז האָט זיך גערירט, אין רהיין־געגנט, איבערהויפּט אין באָן, קעלן און זייערע אומגעגענדן, וואָס דער פאַרפאַסער פון „בכי נהרות״ האָט פאַרצייכנט לדורות — האָט אויך געפונען אַן אָפּקלאַנג ביי זלמן בול, אין די סטראָפן כ—מ פון זיין ליד.

דאָס פאָלגנדע קלאָג־ליד, געשאַפן לויט דעם א״ב, קען מען איינטיילן אין דריי טיילן: די סטראָפן א—י, ווו עס רעדט זיך וועגן דעם ווינטער, וועגן אָרים און רייך, גוטס און שלעכטס, דאַן קומט אַן הפסקה, און די סטראָפן כ—מ זיינען געווידמעט, ווי געזאָגט אויבן, די כראָניק פון דעם ווינטער אין אַנדערע טיילן פון אייראָפּע „על הצייטינג משמועה רעה ממדינת אחרים וויא זיא אין איין צרה גדולה האבין טאהן שטין״; שילדערט די גרויסע חורבונות וואָס די פאַרפליצונג האָט אומעטום אָנגעמאַכט. און פון די סטראָפן נ—ת קערט ער זיך צוריק אום צו די היימישע צרות. „נון וועלין מיר ווייטר רידן פון אונזר ווינטר צייטן״, וועגן די גרויסע הילף־אַקציע, צדקה און חסד פון די מענטשן און באַשעפער פון דער וועלט.

דאָס קלאָג־ליד איז געשריבן אין מאָראַליש־דידאַקטישן גייסט, דורכגעדרונגען מיט דעם אַלטן מוסר־טאָן, מיט שטראָף־רייד אין רעליגיעזן זין לויטן שטייגער און וועלט־אויפפאַסונג פון די אַמאָליקע מוכיחים. אָבער דאָ און דאָרט הערן זיך אויך שטאַרקע סאָציאַלע מאָטיוון, דורכ־

אונ׳ פר שטיט דעם פירוש פון די ווערטר.
דיא תפלה איז גוויש אן גנעם פר הש״י, זיין שכינה איז אין אלי ערטר.
אונ׳ טיילט דאש ווארט ניט אויף צווייא.
גיט גוויש פר הש״י זיין גשרייא.
אונ׳ זיין כוונה איז ניט זיין קול נאר צו לאזן הערן.
דיא וואגשאל פון די זכיות מאכט ער איבר שווערן,
אונ׳ דאש אויף איהם איז ניט אוישגנגן איין ביזן שם,
זאלכי תפלה איז גוויש אן גינעם.
אויש זיין תפלה טוט מטט״רון [59] איין קרון מאכין
צו דעם אלמעכטיגן גאט דער דא האט בשאפין אלי זאכין.
מכח זיין תפלה טוט גאט דען צבור אלש בווערן
אונ׳ ניט לידיג ווידר קערן.
אונ׳ דיא תפלה טוט דיא הימלן שפאלטן.
אונ׳ ווערט ניט פון די מקטריגים אויף גהאלטן.
איין פאר שפריכר ווערט אויש דען הינדר,
זיא מוזן פר שליסן אירה מינדר.
דרום אירה ליבה ברידר אונ׳ גזעלן,
וואן ענק דאש צבור פר איין שליח צבור טוט שטעלן.
זייט חס אויף ענקרי נשמת דאש זיא זאלן בלייבן ריין
אלש ווערט עטץ ענק פריאן וואן אויף דיא רשעים איין ציטרנים ווערט זיין.
טוט אַז וויא אונזרי אבות פר צייטן
לובט גאט מיט ענקרי שינה קולות אונ׳ ניט וועגין דיא לייטן.
גוויש ווערט ענקר תפלה קומען פר הש״י אריין.
אונ׳ אלי עולמות ווערן גבענשט זיין.
ענקר שכר ווערט זיין גנץ שטארק.
פון גאט דער דא האט בשאפין אלי ווערק.
אונ׳ משיח ווערט קומן אין אונזרי טעגין, [60]
דורטן ווערן מיר זינגן איטליכר נאָך זיין פרמעגין.

[59] מטט״רון, אָדער מיטטרון, פון גריכישן וואָרט „מעטאַ טראָנאָס“ = דער וועלכער געפינט זיך לעבן טראָן פון גאָט, דער מלאך. אין דער גמרא הייסט ער אויך „שר הפנים“, אָדער „שר עולם“.
[60] יואל חזן שרייבט „טעגין“ אָנשטאָט „טאגין“, ווי מען איז זיך נוהג געווען דאמאָלסט צו שרייבן. דאָס באַווייזט אז ער האָט ער אויסגערעדט „טייגין“ און געגראמט מיט „פארמייגין“.

ז א ת

תהיה לזכרון

מ ה ק ו ר ו ה ח ו ר ף

משנת תקמד לפ״ק

ולמספרם 1784

ב א מ ש ט ר ד ם

בבית ובדפוס

אלמנה עם יתמי

המנוח כהד״ר יעקב פרופס כ״ץ זצ״ל

ולהודיע לכל שנגמר על ידי הק׳ שלמה
זלמן בן לא״א המנוח אייזק ז״ל ;
הנקרא בפי כל זלמן בול
ונחתם בכתיבת ידו:

(ב/1)

מ א ח ר שאני ראיתי איזה פורים קוראנטין׳ דיא אויש געבן זיין גוואָרדן, על הווינטער שהיה בעונת הרבים בשנת תקמ״ד והכל חוצפה ניבול פה, שחוק על עניים, ועל משוגעים, ושאר דברים שאין לדבר. לכן באתי ומיסד על א ב הקלאג ליעד, כל מה שאירע בקור החורף לזכרון לבני בנים. וה׳ יסיר מעלינו חרון אפו, ויתן לכל אחד ואחד די מחסורו, שלא יצטרכו זה לזה, ויקבץ נדחי שה פזורינו, וישלח לנו משיחנו בקרב ימינו, ונזכה לראות בבנין בית מקדשינו במהרה בימינו
א מ ן :

(ב/2)

ס פ ו ר מ ק ו ר ו ח ו ר ף

בניגון אל מלך מלא רחמים

א

אל מלך מלא רחמים ואבינו שבשמים.
על אלה אני בוכיה עיני יורדי מים.
על הקור והחורף דיא זיך בשנה זו איין זמן ארוך האט איין גישטעלט.
דאש דיא ארמן לייטן האבין גליטטין יאמר נויט אונ׳ ביטרין קעלט :

א ו י נ א ל נ ו כ י ח ט א נ ו

ב

בכה וויינין אונ׳ שרייאן האבין עניים ואביונים גיטאהן טאג אונ׳ נאַכטין.
דיא על ידי רעב ובלי אש ומים האבין טאהן פר קעלטין אונ׳ פר שמאכטין.
רבון עולמים זייא דיך מרחם איבר דיא צאן הנדחה דיא דיין הייליגה נאָמן
אן רופן מיט פולר מונדן.
אונ׳ גיבן שבח והודיה צו דיך פון הערצן גרונדן :

א ו י נ א ל נ ו : וגומר

גענומען מיט פּראָטעסט־קלאַנגען, גאַנץ זעלטן אין ענלעכע לידער. אַנדערע סטראָפן זיינען שטאַרק אין זייער צאָרן, אפילו לויט אונזערע מאָדערנע באַגריפן און קלינגען אַנגענעם פאַר אַ ראַפינירטן אויער.

דער פאַרפאַסער, ווייזט אויס, איז אַליין געווען פון די אָרימע שיכטן, פון „דיא פר דרוקטן לייטן", וואָס האָט ניט געקענט מער סובל זיין די קריוודעס, דאָס חוצפה'דיקע אָפּלאַכן און שפּאַס־מאַכן אין די פּורים־בלעטער אויפן חשבון פון זיינע מיט־ברידער, די אָרימע לייט; אויפגעטרייסלט פון דער ניט־מענטשלעכער באַציונג, פון דער שרייענדער נויט און ליידן פון די נויטבאַדערפטיקע, איז ער געקומען צום געדאַנק, אָנצושרייבן אַ ־קלאָג־ליד כדי אַזוי אַרום צו רעאַגירן אויף דעם געוויסן פון דער געזעלשאַפט — אַזוי ווי מיר קענען גאַנץ קלאָר לעזן אין די פּאָר געציילטע שורות און צווישן די שורות פון זיין קורצע העברעאישע הקדמה.

ער רעדט מיט כעס און בולטער פאַראַכטונג אַנטקעגן די רייכע, די וואָס ווייסן ניט וואָס צו טאָן מיט זייער געלט, האָב און גוטס; לעבן אין וואוילטאָג און לוקסוס, פוצן זיך אין עסיק און אין האָניק, טראַכטן נאָר ווי נאָכצוקומען זייערע תענוגים און קערפּערלעכע פאַרלאַנגען.

דער מחבר צאָרנט אַנטקעגן די פאָרדאָרבענקייט פון דער וועלט, וואו מענטשלעכקייט און געוויסן האָבן אַ קנאַפּע אחיזה און איינער רייסט אַרויס ביים צווייטן דעם ביסן ברויט פון מויל; האַרציק און רירנד שילדערט ער די לאַגע פון די אָרימע, די שטענדיק אונטערדריקטע, פאַר־שטויסענע און באַעולטע, וואָס זיינען מתרעם כלפּי מעלה, קעגן דעם אומגערעכטן סדר־העולם און דעם פאַרשוועכטן יושר פון דער וועלט:

„וויא ווערט דער עני ואביון פר שטויסן אונ' אין אלי זאכין אן איין קאנט גשטעלט.
דש ער יומם ולילות טוהט ווינן שרייאן אונ' קלאגן נגד הבורא פון דער וועלט.
דען ואהבת לרעך כמוך טוהט מן ווינג עשטאמירן.
איינר שנייד דען אנדרן זיין פרנסה אפ דש על ידו אשתו וילדים מוזן יום ביומו קראפירן."

ווי שאַרף קלינגט דער סאָציאַלער פּראָטעסט אין די עטליכע שורות, אין זייער פּרימיטיוון פאָרם און שפּראַך!

ווען ער באַשרייבט נאָכהער אויך די צדקה און הילף וואָס איז געקומען פון אַלע זייטן, חזרט זיך ביי אים איבער נאָך אַ סאָציאַלער געדאַנק, אַז די רייכע אויף דער וועלט זיינען נאָר גבאי־צדקה; זייער געלט געהערט צו די אָרימע.

כדאי אויך אָנצוּווייזן ווי ער רעדט אויספירלעך וועגן די הילף און וואוילטעטיקייט פון די גוים צו די ליידענדע יידן און שטעלט זיי פאַר אַ מוסטער אַנטקעגן די יידישע גבירים:

„קומט אירה בני אדם אונ' זיכט וויא ערלים עם בני עמינו זויא גומל חסד זיין.
וויא זאלט איר אן איין עני מדוכה האלטן זויא קליין.
דען הש"י האט דען מענש ניט בחנם גגעבן זיין געלד.
נייארט ער האָט אים אויף דיזר עולם פר איין גבאי צדקה גשטעלט:"

עס גלויבט זיך קוים, אַז אַזאַ פרומער מקונן, קלאָגער, ווי אונזער זלמן בול, דער פאַרפאַסער פון דעם דאָזיגן קלאָג־ליד איז געווען, זאָל האָבן, פאַר יענער צייט, אַזעלכע, קען מען זאָגן, „ראַדיקאַלע" סטראָפן געשריבן.

מיר קענען אין אים זען איינעם פון די לעצטע, אויב ניט דעם לעצטן, פון דער פּלעיאַדע מחברים און „קלאָג־לידער" דיכטער, וואָס האָט געלעבט צום סוף 18טן יאָרהונדערט, ביים שוועל פון אַ נייער תקופה, פון וועלכער עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס ווידערגעבורט און אויפלעבונג פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און דיכטונג.

(ד/2)

ט

טוב שם טוב משמן טוב איז בייא ארם אונ׳ רייך גלייך גנענט.
יום המות מיום הולדו איז אידר מענש בקענט.
געלד אונ׳ גוהט מוז מן דאך לאזן אויף דיזור וועלט,
וואו פאר דער פסוק ועזבו לאחרים חילם [8] איז גשטעלט:

אוי נא לנו: וגומר

י

ישועה וחסד זאלשט דוא ליבר גאט במהרה טאהן אן דיא פר דרוקטן לייטן.
דיא אלי נויט האבן באהבה וחבה אן גנומן אין דיא ווינטר צייטן.
אונ׳ האבין מיט ווייניג מוזן בהאלטן אירן לעבן.
אונ׳ מיט טרערערין אין איר אויגן האבן זיא חצי בש [9] פר איין קויל או טארף מוזן געבן:

אוי נא לנו: וגומר

(ה/1)

כ

כח אונ׳ לושט האט בעוונת אידר בן אדם טאין אוועק גיהן.
על הצייטינג משמועה רעה ממדינת אחרים וויא זיא אין איין צרה גדולה האבין טאהן שטין.
דש דער שר של מים האט בקומין דיא איבר הנד.
וואו על ידי זה זיינן פר פלייטץ גווארן מעניך פלאטץ אונ׳ לנד:

אוי נא לנו: וגומר

ל

לא זו בלבד האבן מיר בעוונת נאך יותר יללות פר נומן.
וויא דיא אייס גאנג האט איבר אל דורך גידרונגן.
אונ׳ האט ככה אלש אום גריסן.
על ידי זה זיינן כמה וכמה בריקן אונ׳ מויהרן ווארדן אום גישמיסן:

אוי נא לנו: וגומר

(ה/2)

מ

מי מנת [10] ווער קען דער צילין פון דער יאמר נויט פון גרויש ביז קליין.
אין להגיד ואין לספר דיא נפשות וגם בהמות דיא טבעו במים זיין.
דיא איבריגה זיינן בעונת גפאלין אין ארמוט.
דש זיא גקומן זיין אום איר געלד אונ׳ גוהט:

אוי נא לנו: וגומר

נ

נון וועלין מיר ווייטר רידן פון אונזר ווינטר צייטן.
וויא האט זיך זויא איין מעניך ערליך גמוח(ה)ט [11]
בחבה האבן זיא עש אן גנומן גרויש אונ׳ קליין.
אום דש זיא איר פנים פר קיינם האבן וועלן מבייש זיין:

אוי נא לנו: וגומר

(ו/1)

ס

סומך נופלים ליבר גאט איז דאך אין דיינה הענדן.
דרום טונן מיר זיך צו דיך קערן אונ׳ ווענדן.

(ג/1)

ג

גרוישר פאטר רחמים זייא דיך מרחם איבר דיא פר דרוקטן הערצן דיא איצונד זיין אין עולם.

טוא דיין צארין פון זיא אפ איבר דיא חטאים גדולים.
דיא דיין עונש אן נעמן מיט גאנצין הערצן.
אונ׳ העלף זיא אויז אלי נויט אונ׳ פיין אונ׳ שמערצן:

אוי נא לנו: וגומר

ד

דוא מענש ווען דוא שוינט [2] געלד אונ׳ גוהט האשט וויא טוסט דוא דיך זויא הויך אויף פיהרן.

אום אלי טאג צו טראכטין אויף בזונדרן מאנירן.
יעדר מאכט פון זיין גוף איין בזונדר פסל מיכה.
וווא לסוף דיא ווערם טונן ארויז אונ׳ אריין קריכה:

אוי נא לנו: וגומר

(ג/2)

ה

הויך מותט טוהט מגדול ועד קטן אנשים ונשים בחורים ובתולות ברויכן מיט אלי שוויהרן. [3]

אום זיך אין אלי פרונק [4] אונ׳ פראכט אויף צו צירן.
וויא זאל מן ניט דענקן דש פתאום קען קומן זיין יום המיתה.
דש דוא טפה סרוחה ווערשט גליגט אין איין האלציני קישט אונ׳
מן לאזט דיך מיט שטריקן אין דיא ערד אריין שיסה:

אוי נא לנו: וגומר

ו

וויא ווערט דער עני ואביון פר שטויסן אונ׳ אין אלי זאכין אן איין קאנט גשטעלט.
דש ער יומם ולילות טוהט וויינן שרייאן אונ׳ קלאגן נגד הבורא פון דער וועלט.
דען ואהבת לרעך כמוך טוהט מן ווינג עשטאמירן. [5]
איינר שנייד דען אנדרן זיין פרנסה אפ דש על ידו אשתו וילדים מוזן יום ביומו קראפירן:

אוי נא לנו: וגומר

(ד/1)

ז

זינדיגר מענש וויא ווייסט דוא ניט ווי קארץ אלש דא זיין דיינה טעג אודר דיינה יארן.
וויא זאלשט דוא דיך ניט דש אין אלי זאכן שטעלין צו פארין. [6]
אום אויף דען עולם השפל צו טאהן וואש רעכט מוז זיין.
כדי דיין חלק אלקי ממעל זאל קומן אין ליכטיגן גן עדן אריין:

אוי נא לנו: וגומר

ח

חרטה מוז דוא מענש האבן אויף דיין פרונק קומעדיעס מוזיעק אונ׳ אלי לושטיקייטן.
דוא מוז דאך דענקן אויף דיא נאהך צייטן. [7]
דש אויף דיר ווערט קומן איין אנגשט ציטירנים אונ׳ מוירא.
ווען מן דיך ווערט פר דען יום הדין ברענגן אום אלש צו פר ענטפערן לפני האל הגדול הגיבור והנורא:

אוי נא לנו: וגומר

ת

תורה ומעשים טובים במקום גאוה או פרונק גהערט יעדרר אויף דיזור עולם נאהך צו גיהן
על ידי זה ווערט אים אין אלי זאכן דש זכות בייא שטין.
דען דורך גמילות חסדים ומעשים טובים ולימוד תורה.
ווערן מיר קומן משעיבוד לגאולה ומיגון לשמחה ומאפילה לאורה:
ובא לציון גואל וכן יהי רצון אמן:

(ח/1)

ועוד להודיע תחלתה וסופו מן הווינטר:

בסוף מהחודש כסליו על יום א' בשחרית קודם חצות בא עלינו החושך וערפל שאין איש מכיר את חברו ואחרי כן בא הקור אחת ואחת כל יום ויום הולך ומתגבר:

ובאמצע מהחורף ראינו על המים שקורין טייא כמה וכמה אלפים נפשות וגם בהמות עגלות עם סוסים שהלכו ממקום למקום ומכפר לכפר וחוץ לשער המים שקורין אמשטיל ראינו גם כן כמה אלפים נפשות עגלות עם סוסים. קוטשין עם ארבעה סוסים.[16] בתים מן עץ שקורין טענטין[17] ומכרו יין שרף שכר וגם כלי זמרים ועשה מחולות וגם מכרו גבעקס שקורין פופערטיעס:[18]

(ח/2) ולבסוף

מי ימלא גבורת ה':

ביום א' שהיה פורים בשחרית א' שעה אחר יציאת מבית הכנסת ראיתי על רחוב שקורין טארף גראפט על המים עמדו כמה וכמה וגם ישבו עם השלחן וגם ספסלים ועשה שחוק עם קארטן. ומכרו יין שרף וגם עשה שחוק עם מעות שקורין אויף שמייסן.[19] וגם עם אבנים שקורין קניקירס[20] איין עגלה שישבו עליו שני נפשות הלכו עמו מכאן לכאן. ולמחרתו שושן פורים היתה הכל מים והספינת בא מכאן ומכאן:

באַמערקונגען.

[1] פורים קוראַנטין = פורים בלעטער Courant = צייטונג, זע אויך: Voorzanger-Polak, Het Joodsch in Nederland, Amst, 1915, 243, Purimkrant שפּאסיקע, וויציקע גלעגנהייטס־בלעטער.

[2] שוינט = שוין.

[3] שוויהרן = מה"ד swaere לייד, שמערץ, שוועריקייטן, באַמיהונגען, לייגן גרויס געוויכטט

[4] פרונק = Prunk

[5] עשטאמירן = אַכטן.

[6] פארין—פאַרינט, שטופּן זיך פאָראויס, באַמיען זיך צו קומען פאָרוועטס. ,

[6] נאהך צייטן = יענער וועלט. קען דינען פאר א גוטן יידישן וואָרט אָנשטאָט צוקונפט.

[8] תהלים, מ"ט, י"א.

[9] בש = ב"ש, באַנק־שילינג.

[11] גמוהט = געמיט, מה"ד Gemuote

[10] מי מנה — געברויכט ניט ריכטיק דעם צייטוואָרט „מנה" — ציילן אין זין פון „דערציילין".

[12] פר וואַכטן = שטיין אויף וואַך, על המשמר.

[13] פר קראַכטן = האָלענדיש פר קראַפּטן, שטאַרק מאַכן.

[14] יר"ה = ירום הודה.

[15] מורמירערין= Murmureeren, מורמלען, וואָרטשען.

[16] אַן ענלעכע שילדערונג וועגן די געפרוירנקייט פון רהיין, האָט אויך געגעבן דער פאַרפאַסער פון „בכי נהרות", זע דאָרט ז. ז'.

[17] טענטין = פּאַלאַטקעס.

[18] פופערטיע = האָלענדיש נידער דייטשע פארקלענערונגס פאָרמע, גלייך צו דער דייטשער פאָרמע „פופערטכיען" אָדער הויך־דייטשע „פופערטליין", פארגלייך גרים, דוו"ב, באנד VII, זייט 2211 2) puffert oder puffertskuchen, kleine eierkuchen von weizenmehl, vgl. puffer 5 .(דאָרט ז 2210) Buffer 4, eierkuchen von rohen kartoffeln. זע אויך: Schweizeriches Idiotikon B. IV. זייט 1046. Püffertlein Name eines Gebäcks דאָרט ווערט אויך אָנגעגעבן ווי עס ווערט געמאַכט, לויט אַ קאָך־בוך פון יאָר 1820, אַ געבעקס וואָס מע מאַכט נאָך אויך היינט צו טאָג אין האָלאַנד: גלייך צו דעם ענגלישן doughnut.

[19] אויף שמייסן — מיינט מסתמא דיזעלבע שפּיל וואָס הייסט אין ענגליש "flip up a coin" אויפשמייסן א מטבע, ווען מען שפּילט "heads —and tails" — גלייך צו „קאָפּ אָדער אָדלער", אָדער ווי מע פלעגט עס רופן אין פוילן „קאָפּ צי שלאַק" און אין רוסישן „орлянка и решето"

[20] קניקירס = Knikker- האלענדיש, אַ קיילעכדיקער מירמלשטיינדל, מיט וועלכן קינדער שפּילן. ווערט גערופן אין ענגליש "marble"— א שפּיל וואָס איז זייער פארשפּרייט צווישן קינדער.

מאשפות ירים אביון איז דאָך אליין אין דיינה מאכטן.
דרום בעטן מיר צו דיך גאט אום פרנסה מידך התמלאה הפתוחה
הקדושה והרחבה צו פר וואכטן: [12]
אוי נא לנו: וגומר

ע

ענִיים דלים ואביונים דיא בעונת איצונד כמה וכמה גקומן זיין.
ליבר גאט דוא קענשט זיא ווידר ערקוויקן אליין.
טוא זיא דאָך דורך דיין גנאדן ווירד ערנערן.
דיא דש לעטשטין שטיק פון איר גוף האבין טאהן פר צעהרן:
אוי נא לנו: וגומר

(ו/2)

פ

פרנסים השם יאריך ימיהם ושנותיהם זיינן דיזה ווינטר אויך גוועזן צו בקלאגן.
דיא כל יום ויום כמה זכמה לייטן האבין פר זיך בקומן מיט ביטרין
טרערין אין איר אגין.
הש"י זאל זיא דאָך אלי צייטן איר כח פר שטארקן אונ' פר קראכטן. [13]
דען צעקת גדולה ומרה האבין זיא מוזן הערן ווען זיא מעות מתחלק לעניים
האבין גיוועזן מעניך הלבי נאכטן
אוי נא לנו: וגומר

צ

צדקות זיינן פון אינם נמולים אן בר ישראלים אין דיזה צייטן אויך פיל ווארין גגעבן
אן ממון מלבושים וגם דבר אכילה אום צו לעבן.
השררה יר"ה [14] האבין אין גאנצין מקום מבית לבית איין קולעקטין לאזין מאכין.
וואו פון זיא אן קהל איין סך ממון האבין גגעבן פר עניים ואביונים צו ברויכן
אין אלי זאכן:
אוי נא לנו: וגומר

(ז/1)

ק

קומט אירה בני אדם אונ' זיכט וויא ערלים עם בני עמינו זויא גומל חסד זיין
וויא זאלט איר אן איין עני מדוכה האלטן זויא קליין.
דען הש"י האט דען מענש ניט בחנם גגעבן זיין געלד.
נייארט ער האָט אים אויף דיזר עולם פר איין גבאי צדקה גשטעלט:
אוי נא לנו: וגומר

ר

ראשית דבר יראת אלקים מוז אידר מענש אן נעמן.
ה" נתן וה" לקח הש"י קען דיך ח"ו ווידר אום דש דיינגה ברענגן.
דרום גהערט אידר דש וואול צו נעמן אן,
אום זיך ניט צו פר זינדיגן אן איין ארמר מן:
אוי נא לנו: וגומר

(ז/2)

ש

שבח והודיה מוזן מיר דאָך אן דיין הייליגן נאמן געבן.
כשם שמברך על הטובה כך מברך על הרעת איין מענש מוז כל יום ויום
דאנקן פר זיין גיזונד אונ' לעבן.
דען דער ווארם אין דיא ערד טוסט דוא דאָך דער נערן.
דרום גהערט דער מענש ווען עש אים אויף דיזור עולם שפל גיהט ניט צו מורמירערין: [15]
אוי נא לנו: וגומר

ווייל דעם, וואָס ווייכט אויס דעם קאָן
פון אַ בלוטיקע מלחמה,
וואָס פאַרטיידיקט ניט קיין פאָן,
וואָס האָט גאָר ניט וואָס צו טאָן,
ווי עס פאָדערט אַ נשמה! ...

אָבער, איך, מיין פריינט, בין דאָ
מיט די ריכטיקע כלי־זיין...
בין שוין אַלט און בין שוין גראָ,
דאָך קיין שלום איז ניטאָ,
קאָן קיין עוולות [4] ניט פאַרציייען.

מעג דער ליגן וואַרפן קויט,
מעג די טומאה שפייען חרמות,
נאַרט דאָס לעבן, לוינט דער טויט,
ערע איז אויף שפּאָט געבויט,
אָ, עס ליידן די נשמות,

וועלכע וואַרפן [5] זיך אין שטרייט
קעגן שלעכטנס ווילדע וואָפן, —
וועלכע גיבן זייער צייט
פאַר אַ שכר, וואָס איז צו ווייט,
און קאָן איצט קיין פרייד ניט שאַפן

שלום? ... קיינמאָל וועט גישען
יענער שלום, וואָס איז מיאוס
כל זמן עס קאָן גיין דער בורען
פון מיין הארצן דורך מיין פען,
בלייבט דער קאַמף אַליין מיין חיות!"

די מערסטע לידער אינם בוך „כעס און שמייכל" זיינען געווען פריער געדרוקט אין פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן. אַנדערע אונטער די פסעוודאָנימען „מטטרון" און „גוט־שבת". אייניקע זיינען שוין אויך אַריין אין זיינע פריערדיקע לידער־ביכער. נאָר כמעט אַלע זיינען קאָרעגירט און אַ סך זיינען איבערגעאַרבעט, איבערגעשריבן.

צווישן די געשריבענע לידער, וואָס מאָרים ראָזנפעלד האָט געגרייט פאַר זיין בוך „כעס און שמייכל" געפינט זיך אויך אַ סאַטירע אויף זיין אייגענער פּאָעזיע. ס'הייסט „שלעכטע גראַמען", און לייענט זיך אַזוי:

„האָב זיך געמאַטערט שפּעט און פרי
צו גראַמען „ברויט" מיט „פּאָעזיע",
צו גראַמען „ליטעראַטור" מיט „געלט",
צו גראַמען „גליקלעכקייט" מיט „וועלט",
צו גראַמען „קאַפּיטאַל" מיט „שיר",
דאָס האָט זיך ניט געגראַמט ביי מיר...
און „פּאָפּולאַריטעט" מיט „גליק"
איז אויך קיין גראַם... עס פעלט מוזיק...
צום גרינגסטן גראַמט זיך „פּאָעזיע"
ביי יעדן דיכטער נאָר מיט „מי"...
און לייכט צו גראַמען אויך איז „ברויט"
נאָר מיט דעם שרעקנס־וואָרט, מיט „נויט"...
ביי מיר האָט אויך געגראַמט זיך „געלט"
אַם מערסטן מיט דאָס וואָרט „עס פעלט"...
און פלעגט מיר קלינגען „שיר" מיט „גביר"
פלעגט דאָס נאָר זיין אויף דעם פּאַפּיר...
דאָס לעבן גיט ניט לייכט אַ גראַם
מיט קלונג, מיט שוווּנג און מיט אַ טעם..."

אין אַנדער בוך וואָס מאָרים ראָזנפעלד האָט געפּלאַנט איז געווען אַ זאַמלונג פון מלחמה און אַרבעטער לידער. דאָס בוך האָט צוערשט געזאָלט הייסן: „בלוט און פייער", נאָכדעם האָט ראָזנפעלד עס געענדערט אויף „קריג און קנעכטשאַפט", מיט אַן אונטערקעפּל: „דאָס בוך פון צוויי מלחמות, די מלחמה אין אייראָפּע און די מלחמה צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט".

די לידער וואָס מאָרים ראָזנפעלד האָט געקליבן פאַר אָט דעם בוך זיינען כמעט נאָך גאָר ניט קאָרעגירט און בלויז עטלעכע פון זיי זיינען איבערגעאַרבעט.

אויסער אָט־די צוויי ניט פאַרענדיקטע ווערק האָט מאָרים ראָזנפעלד אויך איבערגעלאָזן אַ פיר־אַקטיקע דראַמע, וואָס ער האָט געזוכט אויפצופירן אויף דער יידישער בינע, און אַ בוך

[4] אָנשטאָט „רשעות".
[5] אָנשטאָט „שליידערן".

קלמן מרמר:

פון מאָריס ראָזנפעלדס ליטעראַרישער ירושה

1.

מאָריס ראָזנפעלדס אַרכיוו.

מאָריס ראָזנפעלד איז געווען א פלייסיקער זאמלער. ער האָט געזאמלט אלץ וואָס האָט גאָר געהאַט א וועלכער ס׳איז שייכות צו זיין פערזענלעכקייט: בריוו: קריטיקן, רעצענזיעס, נאָטיצן, אנאָנסן, פלאקאַטן, וויזיטקאַרטן, רעכענונגען און אז. וו.

פאראן אויך א סך סימנים, אז מאָריס ראָזנפעלד האָט געפּלאַנט צו באַנוצן זיין געזאמלטן מאַטעריאַל אלס בוי־שטיינער אין א מאָנומענט פאר זיין פּאָעזיע. נאָר קראַנקהייט און טויט האָבן צעשטערט אלע זיינע פּלענער. איז זיין אַרכיוו געבליבן אין א כאַאָטישן צושטאַנד. ס׳פעלן אויך א סך ווערטפולע דאָקומענטן, צווישן זיי אויך בריוו פון באַדייטנדיקע פּערזענלעכקייטן, וואָס ער האָט זיכער געזאַמלט.

נאָך א גענויעם סאָרטירן און סיסטעמאַטיזירן זיין געשריבענעם און געדרוקטן מאַטעריאַל, א פּאַק צוזאַמענגעקאָרטשעטע און צוגעפוילטע שמות, איז מיר געלונגען פעסט־צושטעלן, אז מאָריס ראָזנפעלד האָט אין זיינע לעצטע יאָרן געפּלאַנט אַרויסצוגעבן עטלעכע נייע בענד שריפטן: לידער און פּראָזע, אין יידיש און ענגליש.

מיט באַזונדער פלייס האָט מאָריס ראָזנפעלד געאַרבעט אויף א בוך „כעס און שמייכל״— „סאַטירעס, הומאָר, סאַרקאַזם, וויצן און עפּיגראַמען,״ — ווו ער האָט זיך אויך אָפּגערעכנט מיט אַלע זיינע באַליידיקער און חוזק־מאַכער.

דער גרעסטער אָפּטייל פון אָט דעם בוך הייסט טאַקע אויך „ד י ש ר י י ב א ר נ ע — סאַטירן איבער „נעלע״ בלעטער, שונד־רעדאַקטערס און שונד־רעדאַקציעס״.

„אָנשטאָט א פאָררעדע״ האָט מאָריס ראָזנפעלד איבערגעשריבן זיין ליד „קאַמף״ און אוועקגעשטעלט פאר א מאָטאָ דעם פּסוק „אין שלום אָמר ה׳ לרשעים״. דאָס ליד לייענט זיך אַזוי: *)

„שלום, זאָגסט דו, ליבער פריינט,
גיין געאָרעמט מיט די מענטשן,
אויפצוהערן מאַכן פיינט,
לעבן פרידלעך מיט דעם „היינט״
און דעם „מאָרגן״ צייטלעך בענטשן;

לאָזן גיין אָט ווי עס גייט,
ווי עס פּאַלט אַזוי זאָל ליגן,
זאָל זיך טאָן געזונטערהייט
אונדזער וועלט ווי זי פּאַרשטייט,
ניט כּדאי זיך צו פאַרקריגן;

ווייַנט דער אמת, קלאָגט דאָס רעכט,
זינגט דער שקר ביי די נאַרן,
איז די הייליקייט פאַרשוועכט,
פּאַלט דער יושר אין געפעכט,
שלום!... ווּעמען דאַרף דאָס אַרן?

איין מאָל לעבט מען און ניט מער.
וואָס זשע לוינען שטרייט און צאָרן?
שטענדיק נוצן די געווער

קעגן עולות צאָלט זיך שווער,
איז מקצר נאָר די יאָרן.

אך! איך וויים דאָס, איך פאַרשטיי,
עס דערגרייכן ניט קיין ליידן
דעם, וואָס טוט דאָס האַרץ ניט וויי,
און ער הערט דאָס וואָרט ניט „גיי!
ביסט געשאַפן דו זאָלסט ריידן״.

ווייל דעם,[1] ווער פון מוטערס שויס
קומט אַהער און האָט קיין סמיכות...
און עס טרייבט אים ניט אַרויס
יענער אמת, וואָס איז גרויס,
צו ערפילן זיין שליחות!

דריי מאָל גליקלעך דער,[2] וואָס האָט
גאָר קיין שטאַרקעם[3] וואָרט צו זאָגן,
און ער לאָזט אַלצדינג צו גאָט,
אי די ברכה, אי דעם שפּאָט,
און ער דאַרף קיין ערבות טראָגן!

---

*) זיינע לידער גיב איך דאָ אומעטום איבער לויט דער נייער אָרטאָגראַפיע — ק. מ.

[1] אָנשטאָט „אים״, ווי פריער געדרוקט.

[2] אָנשטאָט „ווער״.

[3] אָנשטאָט „געוויטער״.

ראָזנפעלדס אייגענער האַנטשריפט). די ענגלישע און דייטשע ציטאַטן האָט ראָזנפעלד אַליין איבערגעזעצט. פאַר ציטאַטן פון אַנדערע שפּראַכן האָט ער וואַרשיינלעך געהאָפט צו קריגן אַן איבערזעצער, אָדער אַן איבערזעצונג אין די שפּראַכן, וואָס ער קען. אַזוי ברענגט ער אַ דייטשע איבערזעצונג פון ווערכליצקיס אַ ליד וועגן אים אין טשעכיש. מאָרים ראָזנפעלד האָט אויך געפּלאַנט איבערצודרוקן די באַשרייבונגען וועגן אים, אין דער אייראָפּעאישער יידישער פּרעסע, אין דער צייט פון זיין טריומף־רייזע איבער מיטל־אייראָפּע, אין יאָר 1908. צו אַזאַ באַשרייבונג האָט ער געוויינטלעך צוגעגעבן זיינעם אַן אַריינפיר, אין דריטער פּערזאָן.

פון די ציטאַטן האָט ער אומעטום אויסגעמעקט יענע שטעלן, וואָס ריידן פון אים פּערזענלעך, דערציילן זיין עלנט אין שאַפּ א. ד. ג. נאָך געוויינטלעך האָט ער אויסגעווײַלט בלויז אַזוינע ציטאַטן, וואָס כאַראַקטעריזירן דער עיקר זיין פּאָעזיע און זיין שטעלונג אין דער וועלט־ליטעראַטור.

אין דער קורצער כאַראַקטעריסטיק פון זיין פּאָעזיע, וואָס מאָרים ראָזנפעלד שרייבט אינם אייגענעם נאָמען לאָזט ער אויס די אָריגינעלע ציטאַטן. ער גיט זיי בלויז אין איבערזעצונג און באַנוגנט זיך בלויז מיט ציטירן פיר שרייבער, פון וועלכע צוויי זיינען אידעאָלאָגן פונם קלאַסנקאַמף.

אָט דער לעצטער מאַנוסקריפּט געפינט זיך אין אַ שלעכטן צושטאַנד. ער באַשטייט פון 17 זייטלעך, געשריבן טיילווייז מיט רויטן טינט. אַ טייל בלעטלעך זיינען צוזאַמענגע־שטוקעוועטע, קענטיק אַרויסגענומען פון יענעם מאַטעריאַל, וואָס מאָרים ראָזנפעלד האָט געגרייט פאַר דער גרעסערער אַרבעט, אין דריטער פּערזאָן. ס'איז דאָרט אויך אַ סך געמעקט. אין איין אָרט גאַנצע 18 שורות מיט אַמאָל.

די אָרטאָגראַפיע פונם מאַנוסקריפּט איז די אַלטמאָדישע. מאָרים ראָזנפעלד שרייבט נאָך דאָרט: „דיא", „גליעד", „זעהר" א. ד. ג. נאָר מאָרים ראָזנפעלד האָט זיינע זאַכן אַלעמאָל פאַרעפנטלעכט אין דער אָרטאָגראַפיע פון דער צייטשריפט, וואָס האָט זיי געדרוקט. דערפאַר ווערט דאָ געגעבן ראָזנפעלדס „פאָרוואָרט" אין דער אָרטאָגראַפיע פונם „פּנקס".

מאָרים ראָזנפעלדס „פאָרוואָרט" לייענט זיך אַזוי:

„דעם דיכטערס פאָרוואָרט.

„עס זיינען דאָ [1] פּראָפעסאָר וואָס באַהויפּטען, אַז זיי אַרט [2] ניט וואָס מען דענקט וועגן זייער שאַפען, און זיי קימערט ניט וויפיל מענטשן עס לייענען זייערע ווערק, ווייל אין גרונט גענומען שרייבן זיי נאָר פאַר זיך אַליין, די אייגענע נשמה צו באַרויקן.

אַ געוויסער טייל אמת איז פאַראַן אין זייער באַהויפּטונג, נעמלעך: דאָס זיי שרייבן אום די אייגענע נשמה צו באַרויקן, דאָס איז נאַטירלעך דער פאַל מיט יעדער ערלעכן ליטעראַט און דיכטער, עס איז אבער ניט אמת, אַז אַ שרייבער שרייבט און דרוקט זיינע זאַכן בלויז פאַר זיך אַליין צו לעזן. ווען [3] אַ מחבר זאָגט, אַז עס קימערט אים ניט אויב מען וועט אים לייענען, [4] דאַן איבערטרייבט ער צופיל זיין נאַיוויטעט. [5]

דער באַרימטער דייטשער פּאָעט [6] געטע זאָגט —

„דיכטער ליעבען ניכט צו שווייגען,

וואָללען זיך דער מענגע צייגען."

דאָס הייסט, אַז דיכטער האָבן ניט ליב צו שווייגן, זיי ווילן אָבער אויך ניט ריידן צו זיך אַליין, זאָנדערן זיך ווייזן פאַר „דער מענגע", פאַרן עולם, [7] פאַר דער וועלט, זיי ווילן ניט, אַז זייער פּאָעזיע זאָל בלייבן ווי אַ קול [8] אין דער מדבר.

ווען אַזאַ זאַך האָט געפּאַסט צו זאָגן פאַר געטען, וועמעס נאָמען עס וועט אייביק לעבן, פּאַסט דאָס פאַר מיינע ווייניקייט געוויס.

---

[1] אָנשטאָט דאָס פריער געשריבן און אויסגעמעקט וואָרט „פאַראַן".

[2] מ. ר. שרייבט אומעטום „אַארט", „אַארען".

[3] אָנשטאָט „אויב".

[4] אָנשטאָט „לעזן אָדער ניט".

[5] אָנשטאָט „דאַן איז ער אָדער צו נאַאיוו אַדער אַ פּשוטער ליגנער".

[6] אָנשטאָט „דיכטער".

[7] אָנשטאָט „פאַר דעם עולם".

[8] אָנשטאָט „שטימע".

ענגלישע לידער. וועגן די לידער האָט ער באַלד פיר יאָר (1917—1920) געפירט פאַרהאַנד־לונגען מיט פאַרלעגער פון ענגלישע ביכער. אין 1917 איז דער ענטפער געווען, אַז צוליבן הויכן פּרייז אויף פּאַפּיר און דרוק לוינט ניט אַרויסצוגעבן אַ קליין ביכל פּאָעזיע (דעמאָלט בלויז 45 לידער). אין 1920 איז דער ענטפער געווען, אַז מ׳וועט דאָס בוך דרוקן, אויב אַן „אַמעריקאַנער דיכטער" וועט רעווידירן ראָזנפעלדס ענגליש.

די לידער גופא, זייער אינהאַלט, האָט קענטיק שטאַרק אויסגענומען ביי „ספּעצן" פון די פאַרלעגער. אין ראָזנפעלדס אַרכיוו געפינט זיך אַ קאָפּיע פון אַ באַריכט, וואָס אַ „רידער" (מאַנוסקריפּט־לייענער) האָט צוגעשטעלט זיין פאַרלאַג וועגן ראָזנפעלדס ענגלישע לידער. צווישן אַנדערעס שרייבט דאָרט דער „רידער" אַזוי:

„די לידער רעפּרעזענטירן עפּעס נייס אין דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע; זיי זיינען וווּנדערבאַר עכט און איינפאַך, און זיי מיינען עפּעס אַזוינס וואָס קאָן באַוועגן און געווינען דעם עולם."

מאָרים ראָזנפעלד האָט אָן צווייפל אויך געפּלאַנט אַרויסצוגעבן אין בוכפאָרם זיינע געזאַמלטע פּעק פּראָזע־שריפטן. זיין אַלמנה האָט מיר אַמאָל דערציילט, אַז ער האָט געאַרבעט אויפצושטעלן איניקע אַזוינע ווערק. אין זיין אַרכיוו געפינען זיך פאַרוויקלט אין קנוילן, מערסטנס אין אַ שלעכטן צושטאַנד, באַזונדערע סעריעס פעליעטאָנען. צו אַ טייל פון זיי זיינען צוגעשריבן ווערטער, שורות און פּאַראַגראַפן, וואָס זיינע רעדאַקטערס האָבן וואַרשיינלעך אויסגעמעקט. אַ פּאָר צענדליק אַרטיקלען זיינען אָנגעקלעפּט אויף טיילווייז פאַרשריבענע זייטלעך פּאַפּיר פון שול־העפטן. די לעצטע באַווייזן, אַז מאָרים ראָזנפעלד האָט געהאַלטן אין צוזאַמענשטעלן דריי בענד פּראָזע: 1) פילאָזאָפישע פעליעטאָנען (פאַלשקייט, קנאה, ערגער־ניש, ליבע, גליק א. ד. ג.). ס׳זעט אויס, אַז ער האָט געהאַט בדעה צוצוגעבן דערצו אויך זיין סעריע נאַטורוויסנשאַפט מיט פירושים (מילבן, קאַמאַרעס, שפּינען, פּאַפּוגייען און אַז. וו.); 2) סאַטירישע דערציילונגען, און 3) פּראָווינץ־בילדער (יידישע גאַסן און אַנשטאַלטן אויסער־האַלב ניו יאָרק).

אַ חוץ זיין יידישע פּראָזע האָט מאָרים ראָזנפעלד אויך געגרייט צום דרוק אַ באַנד „שניידערשע געשיכטעס" אין ענגליש. פאַראַן דערצו אויך זיינער אַ פּאָרוואָרט, געשריבן אין עסטערליץ, נ. י., 1913. ער דערקלערט דאָרט, אַז די געשעעניש, וואָס ער דערציילט און די כאַראַקטערן וועלכע ער שילדערט אין זיינע „שניידער געשיכטעס" זיינען ניט מעגלעך אין מאָדערנע פאַבריקן, באַזונדער אין די, וואָס זיינען קאָנטראָלירט פון דער יוניאָן. ער האַלט אויך, אַז דער היינטיקער שניידער איז אינטעליגענטער און אויפגעקלערטער ווי זיין פּאָרגייער פון די אַכציקער יאָרן. ער באַטראַכט אויך זיינע „שניידער געשיכטעס" ניט ווי בעלעטריסטיק, נאָר ווי זכרונות פון פאַרגאַנגענע יאָרן און וויל אַז מ׳זאָל זיי אויך לייענען און אויפנעמען אַלס אַזוינע.

2.

מאָרים ראָזנפעלד וועגן זיך אַליין.

איניקע פון די כאַראַקטעריסטישע דאָקומענטן אין מאָרים ראָזנפעלדס אַרכיוו זיינען זיינע פאַרזוכן צו באַקענען די יידישע לייענער מיט די אָפּשאַצונגען, וואָס זיין פּאָעזיע האָט געקראָגן אין דער גרויסער וועלט. פאַראַן צווישן זיינע איבערגעבליבענע שריפטן אַ פּאָר אַזוינע וואַריאַציעס. איינע, בקיצור, אונטער זיין אייגענעם נאָמען, וועלכע ער האָט קענטיק געוואָלט געבן אַלס „פּאָרוואָרט" צו די דריי בענדער פון זיינע „נייסטע שאַפונגען", וואָס זיינען אַרויס אינם פאַרלאַג „פּאָרווערטס", ניו יאָרק, 1912. אַ צווייטער נוסח, אַ גרעסערע אַרבעט, רעדט וועגן אים אין דריטער פּערזאָן. עטלעכע זייטלעך דאָרט זעען אויס ווי אַן אַנדער האַנטשריפט. דאָס איבעריקע איז געשריבן פון זיין אייגענער האַנט. אויסער די צוויי גאַנצע אַרבעטן זיינען אויך דאָ עטלעכע ניט־געענדיקטע זאַכן פון דעם זעלבן מין. אַלע געשריבן פון זיין האַנט אין דריטער פּערזאָן.

ס׳זעט אויס, אַז מאָרים ראָזנפעלד האָט געפּלאַנט אַ גרויסע אַרבעט, אין וועלכער ס׳זאָל אַריין אַלץ, וואָס מ׳האָט וועגן אים געשריבן. אומעטום האָט ער קאָפּירט אויך דעם אָריגינאַל (פאַראַן דאָרט אויך אַ קאָפּיע פון אַן אונגאַרישער קריטיק, איבערגעשריבן ריין מיט מאָרים

(ווערטער־בוך) צום סוף בוך, כדי ניט־יידן זאָלן אויך קענען דאָס ווערק לייכט לעזן אין אָריגינאַל.[19]

אָט איז אַן אויסצוג פון וויליאַם דיען האָועלס מיינונג:[20]

„דער יידישער לשון מיט זיינע העברייאישע בוכשטאַבן, וואָס לעזן זיך — פונקט ווי די פּאַרציוויטיקע אידישע כאַלאָטן פלעגן זיך שפּילענען — פון רעכטס אויף לינקס,[21] האָט מיר אויסגעזען אַן אומדורכדרינגלאַכע געהיימניס, ווען איך פלעג דאָס מאַנכעסמאָל באַגעגענען אין די סאָציאַליסטישע צייטונגען פון דער איסט־סייד. איך בין דאַרום פרייליאַך איבערראַשט געוואָרן זעענדיק, אַז איך קען דאָס גאַנץ גוט לעזן, ווען איך האָב דאָס געטראָפן אין דייטשע אותיות, ווי דאָס געפינט זיך אין מר. מאָריס ראָזענפעלדס זייער באַרימטן[22] באַנד פּאָעזיע...

דאָס איז דער האָפנונגסלאָזער עלנד און די שרעקלאַכע פאַרצווייפלונג פון דער שוויץ־פאַבריק, די „סוועט־שאָפּ“, וועלכע שרייען פון זיינע פערזן... דאָ האָבן מיר „דאָס ליד פון העמד“ פון איינעם וואָס האָט ג ע מ אַ כ ט די העמד און ניט פון אַ האָב־רחמנותדיקן צוקוקער, וואָס האָט זיך מיט מיטלייד צוגעקוקט ווי די העמד ווערט געמאַכט...

דאָס ערשטע געדיכט, און פלייכט דאָס בעסטע, „אין שאָפּ“, דריקט אוים די שטומפּיקייט און דעם פאַרלוסט פון זיך זעלבסט, וועלכע קומען פון אַן אַרבעט, וואָס דערהרגעט. קיינמאָל זיינען נאָך דיזע אַלגעמיינע פאַקטן אַזוי ניט אויסגעדריקט געוואָרן. מעגלאַך, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס זיי זיינען קיינמאָל ניט אויסגעדריקט געוואָרן פון דער ערשטער האַנט. (דאָס הייסט, זיי זיינען קיינמאָל ניט געשריבן געוואָרן פון אַ דיכטער, וואָס האָט אַליין געהאָרעוועט, זאָנדערן פון רחמנות־האָבער, וואָס האָבן באַקלאָגט דעם אַרבעטער ניט האָבנדיק פאַרזוכט אַליין דעם זאַרגאַלטן טעם פון ביטערע פּראַצע)...[23] דאָס ליד „מיין אינגעלע“ שיינט מיר צו זיין די שטאַרקסטע, איינדרוקפולסטע זאַך אין בוך. אָבער מעגלאַך, אַז דאָס איז אויך דאָס איינציקע געדיכט, וואָס אַפּעלירט אַזוי אוניווערסאַל, אַזוי אַלוועלטלאַך...[24] דאָס קומט פון דאָס טיף פאַרוווּנדעט האַרץ פון ליבע מיט אַזאַ געבעט, אַזאַ תפלה, אַזאַ פּראָטעסט צו דעם אַלמעכטשלאַכן אינסטינקט, דאָס אפילו די, וועלכע זיינען אַזוי גליקלאַך אין לעבן, אַז זיי האָבן פאַר זייערע קינדער דינסטן און גובערנאַנטנס, מוזן אויך מיטפילן מיט דעם פאָטער, וועלכער גייט צו דער אַרבעט צו פרי און קומט אַהיים צו שפּעט און קען ניט זען ווען זיין קינד וואַכט, און הערט נאָר ווי דאָס קינד פּלאַפּלט פון אים אין חלום.

איך האָב אַ קליינעם אינגעלע,
אַ זונעלע גאָר פיין,
ווען איך דערזע אים דאַכט זיך מיר
די גאַנצע וועלט איז מיין.

איך שטיי ביי זיין געלעגערל
און זע, און הער, און שאַ!
אַ טרוים באַוועגט די ליפּעלאַך:
„אָ, ווו איז, ווו איז פּאַ?“

נאָר זעלטן, זעלטן זע איך אים,
מיין שיינעם, ווען ער וואַכט,
איך טרעף אים אימער שלאָפנדיק,
איך זע אים נאָר ביינאַכט.

איך קוש די בלויע אויגעלאַך,
זיי עפנען זיך — אָ, קינד!
זיי זעען מיך, זיי זעען מיך,
און שליסן זיך געשווינד.

די אַרבעט טרייבט מיך פרי אַרויס
און לאָזט מיך שפּעט צוריק.
אָ, פרעמד איז מיר מיין אייגן לייב!
אָ, פרעמד מיין קינדס אַ בליק!

„דאָ שטייט דיין פּאַפּאַ, טייערער,
אַ פּעניעלע דיר, נאַ!“
אַ טרוים באַוועגט די ליפּעלאַך:
„אָ, ווו איז, ווו איז פּאַ?“

איך קום צוקלעמטערהייט אַהיים,
אין פינצטערניש געהילט, —
מיין בלייכע פרוי דערציילט מיר באַלד,
ווי פיין דאָס קינד זיך שפּילט.

איך בלייב צעוויטאָגט און צוקלעמט,
פאַרביטערט —און איך קלער:
„ווען דו ערוואַכסט אַמאָל, מיין קינד,
געפינסטו מיך ניט מער“...

דאָס ליד איז זייער איינפאַך, מר. ראָזענפעלד איז שטענדיק איינפאַך, אָבער טאַקע דאָס גופא

[19] מ. ר. שרייבט אומעטום „אָרגינאַל“.

[20] אָנשטאָט „אָט איז וויליאַם דיען האָועלס קריטיק“ (מ. ר. איבערזעצונג פון האָועלס, ווי אויך פון די איבעריקע, איז שטאַרק צעצויגן און צופיל פּאָפּולאַריזירט דורך איבערחזרונגען און אַדיעקטיוון. די פינטעלאַך און די אונטערשטרייכונגען זיינען מערסטנס זיינע).

[21] ווערטערלעך: „יידיש אין זיין קאַפּטן פון רעכטס אויף לינקס זיך לייענענדיקע העברייאישע בוכשטאַבן“.

[22] ביי האָועלס: „ראָזנפעלדס אָנגעזעענעם“ (notable)

[23] די באַמערקונגען אין פּאַרענטעזיס זיינען אומעטום ראָזענפעלדס.

[24] ווערטערלעך: „איז בלויז דאָס אוניווערסאַלסטע אַפּעלירנדיק“.

אָבוואָל די ערשטע סיבה פון מיינע שאַפונגען איז די שטימע פון הארצן, וואָס זאָגט מיר „זינג", „שרייב", איז אָבער מיין הויפּט ווונטש, ווען איך האָב שוין אפּגעזונגען און אָנגעשריבן, אַז מיינע זאַכן זאָלן געפינען חן ביי דעם יידישן לעזע־פּובליקום[9] בכלל און ביי אמתע[10] ליטעראַטור־מבינים בפרט; דאַן איז מיין הייליקסטער, ברענענדיקסטער באַגער, אַז מיינע ווערק זאָלן ווערן דאָס גייסטיקע אייגנטום פון מיין פּאָלק, אַז איך זאָל געלעזן ווערן פון יונג און אַלט צוגלייך. דאָס איז מיין פאַרדינסט, מיין גרעסטע באַלוינונג.

זייענדיק איבערצייגט פון מיינע פּריערדיקע פּראָבן — צו מיין גרויס צופרידנהייט — דאָס איך האָב די גונסט פון די לעזער און די הסכמה פון דער וועלט־ליטעראַטור, ווי מיר וועלן דאָס שפּעטער זען, נעם איך די פעדער אין האַנט מיט דאָפּעלטער פרייד צו טיילן מיין זעלן־גענוס מיט די לעזער.

אויף דיזער אַרט זיינען די דאָזיקע ציילן ניט בלויז אַ פאָררעדע צופרידן צו שטעלן אַן אַלטן שפּריכוואָרט[11] דאָס „אַ ספר אָן אַן הקדמה איז ווי אַ גוף אָן אַ נשמה", זאָנדערן זיי[12] זיינען אַ טייל פון מיין איצטיקער אויסגאַבע און אַ זייער *וויכטיקער* טייל דערצו. איך גלויב, אַז אַ פאָלק האָט אַ רעכט צו וויסן, וואָס די אַלגעמיינע וועלט דענקט וועגן זיינע דיכטער און שרייבער.

די לעזער דאַרפן און מוזן זיך דאָס דערוויסן ניט נאָר דורך די נייטיקע אַנאָנסן, וואָס פאַרלעגער געוויינטלעך מאַכן;[13] ניט נאָר דורך די געשעפט־רעקלאַמען אין די ביזנעס־שפּאַלטן פון צייטונגען, זאָנדערן אויך דורך פולערע, ערנסטערע קוועלן. די לעזער[14] דאַרפן און מוזן דאָס וויסן אויך דורך *אינטעליגענטע, ריין־ליטעראַרישע* באַריכטן, וווּ עס קלינגען די ערלעכסטע, נשמהדיקסטע מאָטיוון, די מאָטיוון פון ליטעראַטור און קונסט, וועלכע קיינער קען ניט חושד זיין דאָס זיי האָבן אַ שייכות מיט מסחר.

דיזער און נאָר דיזער גרונט, און קיין אַנדערער, באַוועגט מיך צו שרייבן דיזן פאָרוואָרט צו די דריי בענדער פון מיינע נייסטע שאַפונגען. איך בין איבערצייגט מיט מיין פולסטער אויפריכטיקייט, אַז אָן דעם איז מיין איצטיקע[15] אויסגאַבע ניט פולשטענדיק.[16] איך וויל געבן דעם יידישן לעזער אַ גאַנץ קורצן באַגריף ווי וועלט־באַרימטע שריפטשטעלער פון אַנדערע פעלקער עס האָבן אָפּגעשאַצט דעם שרייבער פון דיזע ציילן. אַ זאַך, וואָס די אַלגעמיינע יידישע לעזער וויסן נאָך ניט אויף היינטיקן טאָג, זיי מוזן דאָס אָבער אומבאַדינגט יאָ וויסן, אום בעסער צו פאַרשטיין דעם געדאַנקען־גאַנג, די געפילן און שטרעבונגען, און איבערהויפּט די קונסט־זייט פון דעם מחבר, אום בעסער און טיפער צו באַגרייפן זיינע זאַכן!

איבער צו געבן אַלץ, וואָס עס איז איבער דעם שרייבער פון דיזע ציילן געזאָגט געוואָרן אין פאַרשיידענע אייראָפּעאישע שפּראַכן, איז דאָ ניט דער אָרט און ניט די כונה פון פאַרפאַסער, דאָס וואָלט אויך געדאַרפט פאַרנעמען אַ באַזונדער בוך.

איך וויל דאָ נאָר איבערגעבן אַזוי פיל ווי עס איז נייטיק, אַז דאָס זאָל דינען אַלס אַ גייסטיקער שליסל צו מיינע ווערק אין אַלגעמיין. איך גיב ניט אָן קיין נייע הקדמות צו מיינע איצטיקע ווערק, וועלכע, איך גלויב זיינען די רייפסטע פּראָדוקטן פון מיין גייסט. דאָס, וואָס עס איז וועגן מיר געזאָגט געוואָרן מיט יאָרן צוריק איז מיר גוט גענוג.

מיר וועלן צוערשט זען ווי דער באַדייטנדסטער אַמעריקאַנישער שריפטשטעלער וויליאַם דיען האָועלס, מיט וועמעס מיינונג די וועלט־ליטעראַטור[17] רעכנט זיך—האָט אָפּגעשאַצט מיינע ערשטע פּאָעטישע אַרבעטן. די רעצענזיע[18] איז ערשינען אינם ענגלישן זשורנאַל „ליטעראַטור" (ליטערייטשור), „אַ מאַגאַזין פאַר אינטערנאַציאָנאַלער קריטיק", פעברואַר דעם 10טען, 1899, נאָכדעם ווי מיינע לידער זיינען צום ערשטן מאָל ערשינען אין פּראָפעסאָר וויענערס ענגלישער איבערזעצונג, צוזאַמען מיט דעם יידישן אָריגינאַל אין דייטשע בוכשטאַבן, און אַ גלאָסאַריום

9 אָנשטאָט „גרויסן יידישן לעזע פּובליקום".
10 אָנשטאָט „די גרעסטע"
11 אָנשטאָט „מנהג צו שרייבן" און „מנהג, דאָס אַ ספר מוז האָבן אַ הקדמה".
12 אָנשטאָט „דיזע ציילן".
13 אָנשטאָט „די לעזער דאַרפן זיך דאָס דערוויסן".
14 אָנשטאָט „זוי".
15 אָנשטאָט „געזאַמלטע".
16 אָנשטאָט „פּאַרטיק".
17 אָנשטאָט „אייראָפּע".
18 אָנשטאָט „קריטיק".

צו מיין פּאָפּולערע דייטשע אויסגאַבע, „געדיכטע פון מאָריס ראָזענפעלד", יידישע אוני־ווערסאַל ביבליאָטעק, פּראַג, דרוק און פאַרלאַג פון ריכאַרד בראַנדעיס.

פון דר. אַדלערס פאָררעדע.[34]

„דאָס שטאָפּגעביט פון מאָריס ראָזענפעלדס לירישע געדיכטע לאָזט זיך אין אַלגעמיין אין צוויי הויפּטאָפּטיילונגען גלידערן: אין די געדיכטע, וועלכע שילדערן די סאָציאַלע נויט, און אין די געדיכטע, וועלכע דעם שמערץ דעם יודענטהומס צום אויסדרוק ברייגגען. די סאָציאַלע לידער ערהויבן זיך אַלע אין דעם אויסגעשריי דאָס דעם אַרבעטער פעלט לופט און ליכט, און פון לעבן, פאַר וועלכן ער אַרבעט בלייבט אים קיין זאַך ניט איבער צו געניסן...[35]

„די פינסטערסטע (טרויעריקסטע) זייט פון זיינע געדיכטע[36] אָבער בלייבט דער יודנשמערץ. דער דאָזיקער ליד איז קיין נייער. דער אייגנטימלעכער שיקזאַל פון די יידן, וועלכע, פון זייער הוים פאַרטריבן, האָבן זיך אין אַלע לענדער אָפּגעשטעלט און זיינען אין אַלע לענדער דער געגנשטאַנד פון שרעקלעכער שנאה, וועלכע איז אַלץ שרעקלעכער, וואָס מער זיי (די יידן) לעבן זיך אַריין אין דער קולטור פון דעם פאָלק, ווו זיי געפינען זיך: דיזער שיקזאַל איז פאַר זיך אַליין טרויעריק[37] גענוג. עס קלינגט צום ערשטן מאָל אין די געזאַנגען[38] פון יענע דיכטער, וועלכע האָבן אין שפּאַניען געזונגען..."

דאָ גיט איבער דר. אַדלער אַ ליד פון רבי מאיר אין דייטשער איבערזעצונג, וועלכע געפינט זיך אין דער לידער־זאַמלונג „די עכטע העברייאישע מעלאָדיען" פון ס. העלער.[39] דאַן גיט ער איבער מאַנכע פערזן פון לאָרד בייראָנס „העברייאישע מעלאָדיען" אין דייטשער איבערזעצונג און היינריך היינעס ליד „דער יידישער שפּיטאָל אין האַמבורג", און ער זאָגט ווייטער:

„אָבער די לידער פון היינע און בייראָן קומען אונדז פאָר בלויז ווי אַ ראָמאַנטישער אַקאָרד, ווען מיר דענקען פון דעם פינצטערן עלנד, וועלכער איז נאָך היינט, אין 20טן יאָרהונדערט דער פינצטערער גורל פון יידישע פאַמיליען אין רוסלאַנד. מיר האָבן זיך שוין לאַנג אָפּגעוווינט פּאָעטישע ווערטער אָנצווענדן. אָבער וואָרהאַפּטיק, דער גאַנצער גוואַלטיקער פּאַטאָס פון אַ טאָלסטאָי געהערט דערצו, אום דעם מוראדיקן יאָמער פון יענע יידן נאָענט צום האַרצן צו ברענגען. און פון דיזן געגנט און פון דיזן געביט שטאַמען די מאָטיוון מאָריס ראָזענפעלדס. ער האָט דאָרטן, אין זיין נייע און פרייע אַמעריקאַנישע היים דעם אומגעהייערן ווי פון זיין פאָלק ניט פאַרגעסן, ניט איבערגעקומען, זיין האַרץ בלוטעט נאָך, יאָ, ווי הימנעס פון פאַרצווייפלונג און ראַכע ברעכט זיך דאָס אַרויס פון זיינע ריטמען, ווען ער רעדט פון זייער עלנד...[40]

„דאָך קלינגען נעבן דיזע טיף־טרויעריקע טענער אויך פריינדלעכע, העלערע, נעמלעך אַזעלכע, וועלכע נעמען זייערע מאָטיוון פון פאַמיליענלעבן. אָבער אויך דעם קאַנטשיק פאַרשטייט מאָריס ראָזענפעלד צו הייבן: זיינע סאַטירישע שטיקער זיינען פול מיט סאַרקאַסטישן הומאָר.[41]

---

[34] דאָס וואָרט „פון" איז צוגעשריבן שפּעטער, מיט אַנדערע טינט. ס'שיינט, אַז מאָריס ראָזענפעלד האָט עס געטאָן, נאָכדעם, ווי ער האָט אויסגעמעקט די ערשטע צוויי פּאַראַגראַפן, וואָס לייענען זיך אַזוי:
„אום מאָריס ראָזענפעלד צו פאַרשטיין מוז מען אויך קענען ביטערקייט פון איין שווערן מזל, דען ווי ער זאָגט אַליין, האָט ער זיינע ערשטע פּאָעטישע בליאונגען געמוזט אויף אַ זומפּיקן באָדן רייסן"...
„דאָ גיט דר. אַדלער איבער דעם דיכטערס גאַנצע ביאָגראַפיע, זיין געבורט אין דעם רוסיש־פּוילישן דאָרף באָקשאַ, ביי ניט רייכע עלטערן, זיין אויסוואַנדערן אַלס קינד מיט די עלטערן נאָך וואַרשוי, וואו ער איז אין חדר געגאַנגען און ווי דער ביטערער שיקזאַל האָט אים אין ענגלישע און אַמעריקאַנישע סוועט שעפּער פאַרשפּאַרט, וואו ער האָט געליטן זיינע אייגענע צרות און די צרות פון זיינע יידישע אַרבעטער גענאָסן. אַרומרייִדניק דאָס אַלעס, ווענדעט זיך דר. אַדלער צו מאָריס ראָזענפעלדס ווערט אַלס פּאָעט און ער זאָגט".
(די ציטאַטן פון דר. אַדלער און דעם קיצור פון די דריי זייטן אין וועלכע אַדלער שילדערט ראָזנפעלדס לעבן און די יידישע שפּראַך, האָט ראָזנפעלד אַרויסגענומען פון זיין צווייטן וואַריאַנט, געשריבן אין הריטער פּערזאָן.)

[35] מ. ר. לאָזט דאָ אויס אַדלערס ווערטער: „אָט די קלאַגע געגן שיקזאַל און מענטשהייט געפינט האַרצרייסנדיקע טענער ספּעציעל אין די לידער „דער אַלטער שניידער" און „דער בלינדער בעטלער".

[36] ביי אַדלער: „דיכטונג".

[37] ביי אַדלער: „טראַגיש".

[38] ביי אַדלער: „אין טיפן ווי פון די געזאַנגען".

[39] דאָ זיינען אויסגעמעקט אַט־די שורות: „דאָרט געפינען זיך אויך מאָריס ראָזענפעלדס לידער „ספירה" אין פייוולס איבערזעצונג און פון דעם אונגאַריש־דייטשישן פּאָעט און שריפטשטעלער מאַקס וויאָלאַ". (אַדלער דערמאָנט עס ניט אין זיין אַריינפיר, האָט עס ראָזענפעלד צוגעגעבן אין אַ מאמר המוסגר און נאָכדעם עס אַליין אויסגעמעקט).

[40] מ. ר. האָט דאָ אויסגעמעקט און אויסגעשניטן אַדלערס באַמערקונג, אַז דערפאַר איז כאַראַקטעריסטיש זיין (מ. ר.ס) באַלאַדע „אויפן בוזים פון ים", וועמעס אינהאַלט אַדלער גיט דערביי איבער.

[41] ביי אַדלערן ניט אונטערגעשטראָכן.

מאַכט עס נאָך ערהאַבענער און דאָס איז אָבער אויך פונדעסטוועגן גענוג פיין, איידל און דעליקאַט.[25] דער גאַנצער קומער פון דער[26] געזעלשאַפט-געמאַכטן עלנד איז אויסגעגאָסן אין דאָס מעכטיקע געדיכט „די אָרעמע געזינד“, וועלכע ענדיקט זיך מיט אַזאַ קללה:

דער משפט, ער איז אויסגערעדט, —
און קען ער זיין נאָך ווילדער?
אָ, דאָפּלט פלוך אויף דער ס י ס ט ע ם,
וואָס שאַפט אַזעלכע בילדער!

דאָס ליד „פאַרצווייפלונג“ איז דער האָפנונגסלאָזער יאָמער פון די אַרבעטער פון אַלע יאָר-הונדערטן[27]; און דאָס געדיכט „וואָס איז די וועלט?“ שיינט צו ווייזן ווי דער נייער מענטש שטעלט זיך אויף אין די שקלאַפן-חורבות (די רואינעס פון אומבאַלוינטע פראַצע), וואָס זיינען אַזוי אַלט ווי די מענטשהייט. דאָס ליד „וואָס איז די וועלט?“ איז אויף קיין פאַל ניט דאָס בעסטע געדיכט אין בוך און דאָך האָט דאָס געוויסע אייגנשאַפטן, וואָס האָבן מיך באַוועגט איך זאָל דאָס איבערזעצן אין ענגלישע ריטמען...[28]

אויסער די אַרבעטער-לידער זיינען אין דעם בוך דאָ מאַנכע נאַציאָנאַלע געזאַנגען און אַן אָפּטיילונג „פאַרשידענעס“. דורך דאָס גאַנצע ציט זיך אַ שפּאַנענדער, שרייענדער אומעט,[29] וואָס לאָזט זיך ניט דערגרונטעווען און וועלכער דערהויבט זיך קיינמאָל ניט צו פרוילאַכקייט און זעלטן צו האָפנונג, וועלכער איז אָבער אַנגענעם ווי די שטענדיקע מעלאַנכאָליע פון דעם איטאַ-ליענישן פּאָעט לעאָפּאַרדי איז אַנגענעם. דאָ און דאָרט איז פאַראַן עפּעס אַזעלכעס, וואָס דער-מאָנט אָן דעם געהיימניספולן צויבער פון די דייטשע ראָמאַנטישע פּאָעטן, אַבער אין דיזן נייעם זינגער פון דער אונטער-וועלט און איבעראַרבעטונג[30] איז פאַראַן אַ רייכערער פּאַטאָס, אַ שאַרפערע ליידנשאַפט איידער די, וואָס זייערע חלומות פון מיטלאַלטער האָבן וועז עס איז געקענט.

עס איז זיין גענוגע גלאָריע (זיין ערע, זיין רום)[31] צו ריידן צ ו יעדן איינעם וואָס לעזט אים נאָר און פ א ר אַלע די יעניגע, וואָס זיינען צודריקט פון דער סיסטעם, וועלכע האָט אַמאָל געדראָט[32] זיין אייגענעם לעבן צו פאַרניכטן. ווי אַלע, די געדריקטע און געטראָטענע, ווען זיי דענקען, דענקען זיי אַזעלכע געדאַנקען ווי זיינע; ער איז זייער עלנד-אַרויסריידער אין מוזיק[33]; ער איז זייער שטימע.

עס איז קיין וואונדער דאָס דיזע שטימע זאָל זיך גראָד צוערשט דערהערן צווישן אונז (אַמע-ריקאַנער), דען ווי די מענטשן פון זיין מין דענקען גלויבן, איז דיזע „סיסטעם“ ניט גענוג אונטערזוכט, ניט גענוג פאַרפאָלגט און ניט גענוג באַשפּראָכן. דורך אונדזער געזעץ-געבונג און עפנטלאַכער מיינונג, ווי דאָס ווערט געטאָן אין אַנדערע ערטער. אונדזער אָפּגעשמאַקטע פּאָלי-טישע פרייהייט, לאַדעט איין דיזע שקלאַפן, וואָס ליידן פון דער דאָזיקער „סיסטעם“, צו רעוואָלט און פּראָטעסט, וועלכע זיינען אויפן האַרצן פון מר. מאָריס ראָזענפעלדס פּאָעזיע.

דאָס זיינען די סאָציאַלע אורזאַכן פאַרוואָס די שפּראַך פון אַן אונטערדריקטעס פאָלק זאָל דאָ אויפבליען אין אַ שיינהייט, וואָס איז ביז איצט געווען אומבאַקאַנט“.

מיר וועלן איצט נעמען די מיינונג פון אַ באַרימטן דייטשן געלערטן און דיכטער, דר. פרידריך אַדלער, רעדאַקטאָר פון דער פּראַגער „באָהעמיאַ“, וועלכער האָט געשריבן די הקדמה

---

[25] ביי האָועלס: „איז דאָך ניט ווייניקער סובטיל“. מ. ר. האָט דאָ אויך אויסגעמעקט פון זיין איבערזעצונג אָט די שורות: „וואָס דעם דיכטערס עקאָנאָמישע אמונה איז, קאָן מען דרינגען פון דעם פאַקט, אַז ער באַשולדיקט די א ו מ ש ט ע נ ד ן, אָבער ניט די גייציקייט און ניט די נידערטרעכטיקייט פון געוויסע שלעכטע מענטשן. אויף דעם סיסטעם וואַרפט ער זיין קללה, אָבער ניט אויף דעם באָס, ניט אויף דעם קאַפּיטאַליסט, אָדער אויפן ריכטער“.

[26] אָנשטאָט — „דעם“.

[27] ביי האָועלס: „דורות“.

[28] מ. ר. האָט דאָ געהאַט צוגעשריבן און נאָכדעם אויסגעמעקט די שורה: „איך קאָן ניט ביי-שטיין דעם נסיון איך זאָל דאָס ניט טאָן“. ער האָט אָפּנים געוואָלט איבערגעבן גענויער דעם זין פון האָועלס אויסדרוק, אַז דאָס ליד האָט אים „געריייצט“ (tempted) עס צו איבערזעצן.

[29] ביי האָועלס: „ציט זיך אַ טאָן (strain) פון אַ ניט-דערגרונטעוועטלעכן אומעט“.

[30] ביי האָועלס: „אונטערוועלט פון איבעראַרבעט“.

[31] אָנשטאָט — — — „זיין ערע, זיין רום און פּראַכט“.

[32] אָנשטאָט — „געסטראַשעט“.

[33] ביי האָועלס: „זייער עלנט, וואָס זאָגט זיך אַרויס אין מוזיק“.

אין די אומגערעכטיקייט און אונטערדריקונג.[47] זיי זיינען אויך ביידע (דער ציוניזמוס און די אַרבעטער־באַוועגונג) דער אויספלוס פון אַ בענקונג, אַ טרויערן איבער דעם היינט,[48] און אַ כמעט ווי־זיאַנערעס (חלומותדיקעס) האָפן אויף דעם מאָרגן. זייער אָנפאנג איז, ווי דער אָנפאנג פון יעדער קולטור־פאָרשריטס,[49] דאָס אויפוועקן, אויפטשוכן די מאַסן פון דומפּער צופרידנקייט אָדער שטומפּן דולדן."

דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב געוואָלט די לעזער זאָלן וויסן, אום מיך בעסער[50] צו פארשטיין. ווי ווייט מיינע רעצענזענטן זיינען גערעכט אָדער אומגערעכט איז ניט פאר מיר צו זאָגן.[51] עס איז איבעריק צו באַמערקן, אז איך האָב קיין אורזאך צו זיין מיט דיזע קריטיקן אומצופרידן. ווייטער זאָלן די לעזער אליין אורטיילן.

מאָרים ראָזענפעלד.[52]

3.

מאָרים ראָזנפעלד און דאָס „יידישעס טאַגעבלאַטט".

„איך בין דער שטאָלצער אייכן־בוים,
וואָס לאַכט פון שטורם און פון ווילדסטן וועטער".

אזוי האָט מאָרים ראָזנפעלד אויסגעדריקט אין אַ ליד פון 48 שורות די מאַכט פון דער וועכנטלעכער אויסגאַבע פון דאָס „יידישעס טאַגעבלאַטט".

די וועכנטלעכע אויסגאַבע פונם „טאַגעבלאַטט", די „יידישע גאַזעטטען", האָט דעמאָלט (1894) געפייערט איר 20 יאָריקן יובילייּ. זי האָט זיך באַזונדער איבערגענומען דערמיט, וואָס זי האָט אַריבערגעלעבט 40 „ביטערע קאָנקורענטן" און אַ גרויסן טייל פון זיי געירשנט (איבערגענומען זייערע אַבאָנענטן און אַנאָנסן).

נאָר אויך אויפן שטאָלצן „אייכן בוים" איז געקומען אַ סוף. דער „קונה הכל" איז אליין געוואָרן פארקויפט. דערביי איז ניטאָ קיינער, וואָס זאָל אים נאָכזאָגן אַ גוט וואָרט. דאָס איז דערפאר, ווייל אים האָט געפעלט עטיק און טאַקט.

געוויינטלעך ווען אַ צייטונג גייט אונטער, בפרט נאָך אזאַ, וואָס האָט נאָך הינטער זיך אַ טראַדיציע פון איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט, געזעגנט זי זיך מיט אירע לייענער. זינגט פאר זיי איר „שוואַנען־געזאַנג", „זאָגט ווידוי" אָדער לייענט פאָר איר צוואָה. נאָר דאָס „יידישעס טאַגעבלאַטט" האָט איגנאָרירט אפילו זיינע שרייבער און זעצער. זיי זיינען ווי אַלעמאָל געקומען טאָן זייער טאָג ארבעט, נאָר געפונען פארשלאָסענע טירן. זיי האָבן אזוי ווי פרעמדע זיך דערוווּסט פון זיין אונטערגאַנג, ערשט ווען זיין קונה, דער „מאָרגן זשורנאַל", האָט עס אַנאָנסירט.

קיין חידוש איז עס ניט. וואָרים דאָס „יידישעס טאַגעבלאַטט" האָט אויך אין זיינע בעסערע צייטן אַרויסגעוויזן ווייניק רעספּעקט פאַר זיינע מיטאַרבעטער און פאַר די שאַפער פונם יידישן וואָרט בכלל. דאָס באַווייזט באַזונדער זיין אַקט קעגן מאָרים ראָזנפעלד.

מאָרים ראָזנפעלד האָט אויף דער עלטער געאַרבעט אין דאָס „יידישעס טאַגעבלאַטט". דער 59־יאָריקער דיכטער איז געווען קראַנק און צעבראָכן, פיזיש און גייסטיק. דערצו איז אים, דעם דיכטער, בכלל ניט געווען צום האַרצן קיין זשורנאַליסטישע ארבעט. בפרט נאָך אינם „טאַגעבלאַטט", ווּ ער האָט זיך געמוזט צופּאַסן צום קאָנסערוואַטיוון אָרטאָדאָקסישן עולם און פאַרהערלעכן יענעם מין יידישקייט, וואָס ער האָט פריער אזוי ביטער אויסגעלאַכט. צווישן מאָרים ראָזנפעלדס מאַנוסקריפּטן געפינט זיך אַ גאַנצע ריי לידער ווּ ער דריקט אויס זיין אומצופרידנהייט מיט זיין זשורנאַליסטישער טעטיקייט. אין אַ ליד „זשורנאַליסט און דיכטער" באַדויערט ער שטאַרק, וואָס ער „מוז זיין פּראָסט און מאָגער, אַ טרוקענער שרייבאַר, אַ וואָכעדיקער זאָגער, וואָס ארבעט נאָר פאַר שכר". ער דערקלערט דאָרט אויך,

---

[47] ביי יוליא צאַדעק: „אינם אויפהייבן געגן אומגערעכטן דרוק".
[48] אונטערגעשטראָכן פון ראָזענפעלד, ניט פון יוליאַ צאַדעק.
[49] אָנשטאָט — — — „אָנפאַנג".
[50] אָנשטאָט — — — „ריכטיק".
[51] אָנשטאָט — — — אורטיילן".
[52] נאָכן נאָמען אויסגעמעקט אָט־די שורה: „ניו יאָרק, דעם 26טן מערץ, 1911".

„ניט אַלס ליטעראַט איז ראָזנפעלד דעם וועג פון דיכטער געגאַנגען, אין די טיפסטע ביטערניש פון לעבן איז אים דעם לעבנס ר י י נ ע פּ אָ ע ז י ע ערוואַכט און פון דעם ליידנדן האַרצן האָט ער דאָס פאַרמאָגט צו טויזנטע ליידנדע הערצער דעם וועג צו געפינען. און ווייל ער איז ביי זיינע לידער מיטן גאַנצן הארצן האָט ער געאייזדלט דעם אינסטרומענט וועלכן ער ברויכט.

„יאָ, —

דער „טויטער באַדן" האָט געוויזן לעבן,
די „ווילדע שפּראַך" האָט זיס און ליב געקלונגען,
דער „פּראָסטער שטיין" האָט העלן גלאַנץ געגעבן,
וואָס האָט דורך אַלע וועלטן דורכגעדרונגען.

„אָט אַזוי איז מאָריס ראָזנפעלד א זינגער פון לייד, יענע אייביק־שמערצלעכע מעלאָדיע, וועלכע טויזנט־פאַלטיק ערקלינגט, זינט זי איז געבראַכט געוואָרן צו דער מענטשהייטס באַוווּסטזיין. מעג די מענטשהייט ווער ווייס ווי צעריסן און צעברעקלט זיין אין פאַרשיידענע פּאַרטייען און לאַגערן, דיזע מעלאָדיע וועט איר ענדלעך ווידער פאַראייניקן; צו איין אייניציקער, גרויסער געמיינשאַפט ברענגען...

פּראַג, אין דעצעמבער, 1909. פריעדריך אדלער.

אום די לעזער, איבערהויפּט די יידישע ארבעטער, זאָלן קענען טיפער אריין קוקן אין מיינע לידער איז אבסאָלוט נייטיק׳ צו הערן די מיינונג, וואָס ווערט אויסגעדריקט אין דעם דייטשן סאָציאַליסטישן זשורנאַל „די נייע צייט" פון דעם גרויסן סאָציאַליסטישן געלערטן קאַרל קאַוטסקי.

„די נייע צייט" פון 9טן סעפּטעמבער, 1899, איז פאַרנומען כמעט פולע זעקס בלעטער[42] מיט די גינסטיקסטע מיינונגען איבער מיינע ארבעטער־לידער. די רעצענזיע איז געשריבן פון דר. ר. ס. לאַנדאו, רעדאַקטער פון די „נייע נאַציאָנאַל צייטונג", אין ווין.

דר. לאַנדאו זאָגט צווישן אנדערעס די דאָזיקע ווערטער:

„דיזע געדיכטע זיינען וועק־ און שלאַכט־רופן פאַר דעם קלאַסנקאַמף. איך קען פון דער לעצטער צייט אין קיין שפּראַך — מיט דער אויסנאַם פון דעם באַקאַנטן געדיכט די „וועבער"[43] — פּערזן פון אַזאַ גוואַלטיקער רעוואָלוציאָנערער קראַפט. די לידער רייצן ניט אויף צו טאַטן, זיי אָטעמען דאַכט זיך שטילע רעזיגנאַציאָן (שטילן יאוש), אָבער זייער אמתער צוועק איז, דאָס פּראָלעטאַריאַט אויפצוקלערן, עס צו ברענגען צום באַוווּסטזיין פון זיין יאָמערלעכע געגנוואַרט און פון זיין האָפנונגסלאָזע צוקונפט אין דער געגנווערטיקער געזעלשאַפט."

אָבער ווי דאָס איז באַוווּסט צו די יידישע לעזער פון מיינע שריפטן און פון דאָס פריער־געזאָגטע, בין איך[44] ניט נאָר געריהרט פון דעם ארבעטער עלנד אליין, דער יידישער ווייי ליגט מיר אויך טיף אין האַרצן און דאָס ליד פון ציון פאַרנעמט א בכבודן אָרט אין מיינע שריפטן.[45] ביי מאַנכע, קורצזיכטיקע מענטשן קען דאָס אויסקומען א ווידערשפּרוך, עס איז דאַרום כדאי צו הערן וואָס די דייטשע שריפטשטעלערין יוליא זאדעק האָט וועגן דעם צו זאָגן אין דעם גרויסן דייטשן זשורנאַל „סאָציאַליסטישע מאָנאַטס העפטע", בערלין, ערשטער באַנד, נומער 6, יוני, 1903.

אָט דאָס זיינען אירע ווערטער בוכשטעבלעך איבערגעגעבן:

„ציוניזמוס און ארבעטער־באַוועגונג, אַזוי פאַרשיידן אין זייערע טענדענצן, באַגעגענען זיך דערין (אין מיינע[46] לידער). זיי זיינען אָבער ביידע פרייהייטס־באַוועגונגען וועמעס קראַפט עס וואַרצלט

[42] אָנשטאָט — — — „זייטן". (אין אַ צווייטן וואַריאַנט, געשריבן מיט ראָזענפעלדס האַנטשריפט אין דריטער פּערזאָן, שרייבט זיך אַזוי: „דאָרט זיינען פאַרנומען — — — מיט די גינסטיקסטע רעצענזיעס איבער דעם דיכטערס ווערק. איין רעצענזיע איז פון דר. ר. ס. לאַנדאַו און די צווייטע פון יוליא צאַדעק. אַ זייער גינסטיקע אָפּהאַנדלונג איבער מאָריס ראָזענפעלד איז געדרוקט אין די סאָציאַ־ליסטישע מאָנאַטסהעפטע" — — — אין דיזע אַלע קריטיקן ווערט ראָזענפעלד באַטראַכט אַלס דער גרעסטער אַרבעטער־פּאָעט פון דער נייער צייט און זיינע געדיכטע ווערן געפּייערט אַלס שופרות, אַלס מעכטיקע שלאַכט־רופן אין דעם גרויסן אַלוועלטלעכן לאַגער פון די אונטערדריקטע פון אַלע פעלקער".

[43] ביי לאַנדאַו: „אין די „וועבער" (אין אַ צווייטן וואַריאַנט גיט ראָזענפעלד צו אין אַ מאמר המוסגר די ווערטער „פון הויפּטמאַן").

[44] אָנשטאָט „זינג איך" (קענטיק אַז ער האָט לכתחילה* געוואָלט זאָגן דאָס זעלבע וואָס אין צווייטן וואַריאַנט, וואו ער שרייבט אַזוי: „מאָריס ראָזענפעלד איז ניט נאָר אַן אַרבעטער־דיכטער, ער זינגט אויך דאָס ליד פון ציון, דאָס אַלטע, אייביק־נייע ליד פון זיין פאָלק. ניט אַלע פאַרשטייען ווי אַזוי דאָס האַרמאָנירט, אָבער די שרייבערין פון די סאָציאַליסטישע „מאָנאַטס העפטע" פאַרשטייט דאָס יאָ, און אָט זיינען אירע גאָלדענע ווערטער איבער מאָריס ראָזענפעלדס דיכטונגען".)

[45] אָנשטאָט — — — „געדיכטע".

[46] אָנשטאָט — אין „ראָזענפעלדס".

„עס וויל ניט קיין שרייבאַרניע האָבן
מען זאָל אַלס קראַפּט מיך אַגאַנזשירן,
זיי וואָלטן אַלע מיך באַגראָבן,
פֿאַרמעקן מיך, מיך איבערפירן.
וואָס טויג זיי איינער וואָס קען שרייבן ?
זיי ווילן זעלבסט די „קנאַקער“ בלייבן.

מיין האַרץ איז גוט צו זיי, מיין זינען,
זיי שמירן... ס'איז מיר ניט געלעגן...
דאָך זיי, זיי קענען ניט פֿאַרגינען
קיין איין גוט וואָרט פֿון מיינעטוועגן.
ווי גליקלעך איז דער פעדער־קראַצער !
ווי רואיק דער שרייבאַר, דער שוואַצער !

וואָס טויג מיר די פֿאַרשאָלטענע פעדער,
וואָס מענטשן רופן איר אַ „ברכה“ ?
איך וואָלט אפילו אַלס אַ בעדער
געהאַט אַ בעסערע מערכה.
מיין הייסע טרער וואָלט ניט גערונען,
און איך וואָלט שטיל מיין ברויט געפונען.

מאָריס ראָזנפעלד שאַנעוועט ניט די ארויסגעבער אין זיינע סאַטירישע לידער. נאָר געוויינטלעך האָט ער געזען אין זייער שלעכטן באַהאַנדלען אים די האַנט פון א ניט־פאַרגינער. פאַראַן צווישן זיינע מאַנוסקריפּטן עטלעכע לידער, אין וועלכע ער קלאָגט אָן אַ פּאָר שרייבער, אַז זיי גראָבן אונטער זיין פּאָזיציע אין ציַיטונג. ס'איז דערפאַר ווארשיינלעך, אַז אויך אין דעם פאַל האָט דער דיכטער זיך געפילט וויניקער באַליידיקט פון די ארויס־געבערס גראָביאַנסטווע ווי פון דאָס „ניט פארגינען“, אין וואָס ער האָט חושד געווען געוויסע „שרייבארעס“.

4.

מאָרים ראָזנפעלד און עדווין מאַרקהאַם.

מאָריס ראָזנפעלד האָט אַלעמאָל אַ סך געהאַלטן פון זיין פּאָעטישן טאַלענט. מאָריס ווינטשעווסקי האָט מיר דערציילט, אַז דער יונגער, נאָך אומבאַקאַנטער ראָזנפעלד האָט אים אַמאָל באַגריסט מיט די ווערטער: „כ'האָב געלייענט אייער נייע זאַך. ס'איז אויסגעצייכנט גוט. איר קענט שרייבן. נאָר א ד י כ ט ע ר ב י ן א י ך אַ ג ר ע ס ע ר ע ר פ ו ן א י י ך“... ס'פאַרשטייט זיך, אַז נאָכדעם, ווען ער איז געוואָרן וועלט־באַרימט האָט ער זיך געהאַלטן הימל־הויך איבער אַלע יידישע דיכטער פון זיין דור. ער האָט אַמאָל (אין 1907) פאַראיבל געהאַט אויף מיר, פאַרוואָס כ'האָב געלויבט ביאַליקן. דאָך האָט אים שטאַרק ווי געטאָן ווען זיינע יינגערע קאָלעגן האָבן אים מבטל געווען. (דאָס האָט אויך אין זיינע לעצטע יאָרן אים כסדר אָנגערעגט צו שאַפן אין ענגליש און זוכן צו ווערן אָנערקענט פאַר אן ענגלישן דיכטער).

נאָר סאַי ווי האָבן אים ענגלישע דיכטער באַהאַנדלט מיר מער דרך־ארץ ווי א טייל פון זיינע יידישע קאָלעגן. אין ראָזנפעלדס אַרכיוו געפינט זיך אַ בריוו פון עדווין מאַרקהאַם, אַמעריקעס עלטסטער און אָנגעזעענסטער דיכטער, געשריבן אין די טעג פון ראָזנפעלדס ירידה (אין 1919). דאָך שרייבט צו אים מאַרקהאַם ווי צו זיין גלייכן — „אַ חבר אין וואָפן“. דער בריוו, איבערזעצט אין יידיש, לייענט זיך אַזוי:

32 וואָטערס עוועניו,
וועסט ניו ברייטאָן, נ. י.
מאַי 7, 1919.

מיין ליבער מאָריס ראָזענפעלד:

זייט לאַנגע חדשים בין איך אַרומגעטריבן געוואָרן ווי אַ בלאַט אין אַ ווירבלווינט — אַ טייל פון דער צייט האָב איך געהאַלטן לעקציעס אין ניו ענגלאַנד מיט אַ ברייטן אָפּנייג אין דער מיטלוועסט. דאָך די גאַנצע צייט זייט איר ווידער און ווידער אַריינגעשפּרונגען אין מיין זכרון ווי אַ גייסט אין אַ וואַלד, און ביי אייער יעדן דערשיינען בין איך געווען אומרואיק און טרויעריק. איך האָב געוווּסט זייער גוט, אַז איך האָב אייך שוין לאַנג צוריק געדאַרפט שרייבן, צו באַדאַנקען אייך פאַר דער איבערזעצונג, וואָס איר האָט געמאַכט פון מיין געדיכט „דער מאַן מיט דער גראַבליע“ *. איר האָט עס איבערזעצט אין אידיש און דערמיט לויז גע־מאַכט פאַר אַ פלי און נייע ווינטן.

לאָזט מיר אייך פאַרזיכערן, ליבער און געאַכטעטער דיכטער, אַז איך בין געווען גערירט און דערפריייט פון אָט דער תבֿרשער גוטסקייט. איך האָב גאַנץ באַגריפן וואָס פאַר אַן אויס־צייכנונג איר האָט צוגעטיילט דעם געדיכט. איך ווייס ניט פון קיין אנדערן אין אמעריקע,

* ווערטערלעך: יעט־העקל. מאָטיטשקע.

אז אים „טויט דאָס שרייבעריי!” און נאָר אין זיינע לידער איז ער „באַגליקט און פריי”.
אין אַן אַנדער ליד „זשורנאַליזמוס”, קלאָגט דער אַלטער דיכטער:

„הוינט געשריבן, הוינט געלעזן,
און אויף מאָרגן איז דאָס אַלט.
אַך! ווי שווער די אַרבעט פאַלט,
אַך! ווי ווערט מען פאַרט גענעזן
פון דער מי, וואָס האָט קיין ברכה,
פון דער שענדלעכער מלאכה?
כאָטש אַ יאָר בעפאָר מיין שטאַרבן,
גאָט, ניט לאָז מיך דערביי דאַרבן!”

די אַרויסגעבער פון דאָס „יידישעס טאַגעבלאַטט” האָבן דערפאַר פאָרמעל געהאַט רעכט ניט צו זיין צופרידן מיט מאָריס ראָזנפעלדס מיטאַרבעטערשאַפט. נאָר דערביי האָבן זיי דאָך געמעגט געדענקען, ווער און וואָס איז געווען מאָריס ראָזנפעלד אין און פאַר דער יידישער ליטעראַטור. אויב זיי האָבן זיך אַפילו ניט געקאָנט פאַרגינען אים צו באַהאַנדלען מיט גרויסמוט און מילדקייט, האָבן זיי כאָטש געדאַרפט אַרויסווייזן דערביי אַ געוויסע מאָס רעספּעקט און טאַקט. אָנשטאָט דעם האָבן זיי אין אַ געווינטן טאָג אים צוגעשיקט אָט־דעם פּאַסיר־צעטל:


5M-4-19
MEMORANDUM.
THE JEWISH DAILY NEWS,
יידישעס טאַגעבלאַטט
EVERY EVENING — ESTABLISHED 1885
THE JEWISH GAZETTE,
יידישע גאַזעטטען
WEEKLY — ESTABLISHED 1874
185-187 EAST BROADWAY
NEW YORK, Mch 4 1921
To Mr. M. Rosenfeld
Sarasohn & Son

„ניו יאָרק, מטש 4, 1921.
צו מר. מ. ראָזענפעלד.
געערטער הער: —
מיר געפינען פאַר נויטיק אייך צו לאָזן וויסן, אַז פון היינט אָן דאַרפט איר מער פאַר אונז ניט שרייבן. די אורזאַך איז ווייל אייער שרייבן איז ניט גענוג אין קוואַליטעט און קוואַנטיטעט.
אַכטונגספאָל
סאַראַזאָהן ענד סאָן”.

דער אַלוועלטלעך־באַרימטער יידישער דיכטער האָט ניט אַרויסגערופן ביי די אַרויס־געבער פון דאָס „יידישעס טאַגעבלאַטט” גענוג יראת הכבוד אים צו שיקן אַ פּערזענליכן בריוו, געשריבן פון מענטש צו מענטש, אַדרעסירט ווי צו אַ דיכטער און אונטערגעצייכנט פון אַ באַשטימטער פּערזאָן. ניין, מ'האָט אים געשריבן אויף אַן עכט געשעפטלעכן שטייגער, אויף אַזאַ בלאַנק פּאַפּיר, וואָס מ'באַנוצט ביים מאָנען חובות פון אַבאָנענטן אָדער אַנאָנסירער; מ'האָט אים אַדרעסירט ווי אַ מענטשן פון גאַס, עפּעס אַ „מיסטער מ. ראָזנפעלד” און אונטערגעצייכנט בלויז אַ פירמע; קאַלט, גלייכגילטיק; „סאַראַזאָהן ענד סאָן”.

וואָס דער שטאַרק עמפּינדלעכער דיכטער האָט אויף דעם געענטפערט איז פאָרלויפיק מיר ניט באַוווּסט. נאָר צווישן זיינע מאַנוסקריפּטן פאַרן בוך „כעס און שמייכל” איז דאָ אַ ליד „זיי ווילן מיך ניט”, וואָס דריקט אויס אַזאַ שטימונג ווי די, וועלכע ער האָט וואַרשיינלעך געפילט ביי אָט דער געלעגנהייט. ער זינגט דאָרט אַזוי:

מיין לעבן, דערנידערט צוליב מיינע קינדער. איך זוך זייער גליק, אָבער דאָס גליק פון דער מענטשהייטס באפרייאונג איז העכער פון אַלץ. ווען איך בין יינגער וואָלט איך געוועזן אין דער באוועגונג."

שפּעטער מיט עטלעכע טעג ווען איך בין צו אים געקומען, זאָגט ער מיר: „ברודער, איך שעם זיך פאַר דיר. איך בעט דיך, זיי ניט ברוגז אויף מיר — און ער לאַכט דערביי צווישן די ציין. איך וויל דיר ניט אויסזאָגן, דו וועסט זיין בייז און וועסט זיין גערעכט."

נאָך פיל בעטן ער זאָל מיר דערציילן וואָס איז געשען זאָגט ער מיר: „איך האָב די נאַכט ניט געשלאָפן. עפּעס איז געווען א גערודער אין מיין הויף, עס איז געפאַלן אויף מיר א שרעק און עס האָט מיר געדוכט אז מען גייט מאַכן ביי מיר אן „אָביסק" (א רעוויזיע), האָב איך אין איין אימפּעט געכאַפּט אַלע רעוואָלוציאָנערע שריפטן וואָס דו האָסט מיר געגעבן און האָב זיי פאַרברענט. איצט טוט מיר אזוי באנג. איך האָב בשעת מעשה געטראַכט: וואָס טו איך ווען מען געפינט ביי מיר די שריפטן? און ווען איך ווער ארעסטירט, ווער וועמען וואָלט איך דערמיט א טובה געטאָן? דאָך בין איך איצט געבליבן א נאַר, אן אַלטער נאַר."

* * *

אין יענער צייט איז אין אדעס ניט געווען קיין ליטעראַרישע קאַפייען אָדער רעסטאָ־ראַנען. געשעפטסלייט פלעגן זיך צוזאַמענקומען אין די טיי־הייזער „טשאַינע טראַקטירן", ווו עס פלעגן טאָג און נאַכט שפּילן שאַפּעס, וואָס האָבן אַמוזירט דעם עולם. אַרבעטער פלעגן גיין אין ווײַנקעלערס צובייסן ביי א גלעזל וויין און הערן יידישע לידער און קאָמישע פאָר־שטעלונגען, וואָס זיינען געגעבן געוואָרן פון די זינגער, עלטערע און יינגערע, וואָס זיינען פאַרבליבן פון די אַמאָליקע יידישע טעאַטערס, און פון נייע — וואָס זיי האָט אויסגעפעלט א טעאַטער. סאָציאַליסטן פלעגן זיך פאַרזאַמלען אַלע נאַכט אויף אן אַנדער פּלאַץ, מען זאָל זיי ניט פאַרדעכטיקן אז זיי פירן אַגיטאַציע. ציוניסטן האָבן געהאַט זייער קאַפע „יבנה", ווו זיי פלעגן זיצן און ריידן ניט אזוי פון ציוניזם ווי פון די „אַנטי"־ציוניסטן. די „אַנטי"־ציוניסטן האָבן ניט געהאַט קיין פּאַרטיי. דעם נאָמען האָבן זיי געקראָגן פון די ציוניסטן דערפאַר ווייל זיי האָבן אין ציוניזם קיין אנטייל ניט גענומען, אָבער אזעלכע זיינען געווען זייער א סך; מערסטנס יונגע לייט וואָס זיינען געקומען שטודירן קיין אדעס, און מיידלעך, קורסיסטקעס, וואָס פלעגן זיך לערנען אויף צו ווערן דאַנטיסטקעס, אַקושאָרקעס, מאַסאַ־זשיסטקעס. אָט די אַלע מענטשן פלעגן זיך טרעפן יעדע נאַכט אין איינע פון זייערע הייזער, דעבאַטירן און פאַרברענגען. אָבער גאַנץ אָפט זיינען די עלטערן געווען א שטערונג.

איינמאָל זאָגט מיר לינעצקי: „איר זאָלט האָבן ווו זיך צוזאַמענצוקומען, וואָלט איך געווען מיט אייך. פיליכט וואָלט מען עפּעס אויפגעטאָן — ארויסגעגעבן." האָב איך זיך דורכגערעדט מיט א פּאָר חברים און מיר האָבן באַאיינפלוסט א יונגען מאַן, א זינגער פון פּיניע מינקאָווסקים כאָר און פון שטאָט טעאַטער און ער האָט געעפנט א קאַפע פאַר אונדז. די נייע קאַפע האָט געקראָגן דעם נאָמען די „אַנטי־ציוניסטישע קאַפע". דעם נאָמען האָבן איר געגעבן די ציוניסטן.

ווען די קאַפּיינע האָט זיך געעפנט האָבן די ציוניסטן, אומגעבעטענערהייט, אריינ־געקליבן זיך צו אונדז; ארויסטרייבן האָט מען ניט געקאָנט; האָבן זיי אריינגעבראַכט טומל און קריג; זיי האָבן שטענדיק געזוכט ארויסצורופן דעבאַטן — און אזוי ווי צווישן אונדז זיינען געווען א סך פּאָליטישע טוער, האָבן מיר געוואָלט די דעבאַטן אויסמיידן. זיי האָבן אָבער עקשנותדיק אונדז אַטאַקירט, ביז עס איז געקומען צו קריג און סקאַנדאַלן.

לינעצקין האָב איך א פּאָר מאָל געבראַכט אין קאַפע, נאָר אויפן דריטן מאָל האָט ער מיר געזאָגט: „מער גיי איך ניט אהין: זיי זיינען מענטשן וואָס גיסן וואַסער אין א כלי אָן א דנאָ, און שטויסן וואַסער איז אן עבירה די צייט." מיר, יונגע, האָבן אָנגעווענדט אַלע מיטלען זיי ארויסצושטופּן פון קאַפע. עס איז אונדז ניט גרינג אָנגעקומען. אָבער דער איינגנטימער פון דער קאַפּיינע האָט דערצו מיטגעהאָלפן און מיר זיינען צו ביסלעך פון זיי פריי געוואָרן. דאַן איז דאָס פּלאַץ געוואָרן אונדזער שטענדיקע היים ווו מיר האָבן אַלע טאָג פאַרבראַכט.

ביינאַכט, ארום עלף אַזייגער פלעגט אָפט אריינקומען „אחד העם" מיט זיין יונג טעכטערל,

וואָס איז אַזוי פּויאיק ווי איר זייט פאַר אָט דער אויפגאַבע פון איבערזעצן. איר האָט ניט בלויז געפּילט די ליידנשאַפט פון מיין געדיכט, נאָר איר זייט אויך אַ דיכטער מיט דער קראַפט אויסצוּווײלן דאָס מעכטיק וואָרט. איך בעט אייך נעמט אָן מיין האַרצס טיפסטע דאַנקען פאַר אייער אויסגעצייכנטער טאָט. איך וועל האַלטן די קאָפּיע פון דער איבערזעצונג, וואָס איר האָט מיר געשיקט, וואָרים איך האָף עס צו באַנוצן — צוזאַמען מיט אַנדערע איבערזעצונגען פון דעם גראַבליע־געדיכט — אין דער אויסגאַבע פון מיינע געזאַמלטע לידער.

איך בין העכסט פאַראינטערעסירט וועגן דאָס וואָס איר האָט מיר מיטגעטיילט איבער אייער פּלאַן אַרויסצוגעבן אַ בוך פון אייערע לידער אין ענגליש. איך האָף אין אַ געוויסן טאָג אייך צו זען דאָ ביי מיר אין דערהיים, אַ זונטאָג נאָכמיטאָג, ווען מיינע פריינט — אייניקע פון זיי — וועלן עולה לרגל זיין צו אָט־דעם וואַלדיקן אויפהאַלט. איך וועל אייך מיטטיילן פאָרויס וועגן דעם דעם קומענדיקן אויפנאַם.

אייער חבר־אין־וואָפן
עדווין מאַרקהאַם.

מאָרים ראָזנפעלד האָט ניט געפירט קיין טאָגבוך און פאָרלויפיק איז מיר ניט באַוווּסט צי ער האָט ווירקלעך פאַרבראַכט אַ זונטאָג נאָכמיטאָג מיט אַמעריקעס באַרימטן דיכטער און זיינע פריינט. נאָר ס׳איז ניטאָ קיין צווייפל, אַז אַזוינע בריוו ווי עדווין מאַרקהאַמס האָבן ראָזנפעלדן פאַרזיסט דעם בעכער גאַל, וואָס מ׳האָט אים אין יענער צייט אַזוי אָפט געגעבן טרינקען.

ר. גראַנאָווסקי:

יצחק יואל לינעצקי

(זכרונות)

ווען איך האָב אים אַמאָל געפרעגט אַ מיינונג אויף י. ל. פּרץ, וועלכער איז נאָך דעמאָלט ניט געווען באַרימט, און לינעצקי האָט אים זייער ווייניק געלעזן, מיט דער אויסנאַם פון אַ פּאָר לידער, האָט ער מיר געענטפערט: „פּרץ איז אַ קלוגער רבי", און האָט מיר דערביי דערקלערט: „אַזוי אַז אַ רבי זאָגט תורה, און ווען ער קען ניט, זעען למדנים באַלד איין, אַז ער איז אַ גראָבער יונג; אָבער אַ קלוגער רבי זאָגט „סתרי תורה". דאָס איז שוין אַ זאַך וואָס ניט דער רבי ווייסט וואָס ער זאָגט און ניט די חסידים ווייסן, וואָס ער מיינט."

שפּעטער ווען איך בין געווען אין וואַרשע נאָך פּרצס יובילייִ און איך האָב לינעצקין געבראַכט פּרצס שריפטן און ער האָט זיי געלייענט, האָט ער פון אים געהאַט גאָר אַ הויכע מיינונג און האָט אים שטאַרק געלויבט. אברהם רייזענס לידער און דערציילונגען פלעגט ער לייענען גערן און זאָגן: „רייזען איז אַ גאָט באַגאַבטער דיכטער". ווען ער האָט אַמאָל געלעזן אין דער רוסיש־יידישער צייטונג „בודושנאָסט" אייניקע לידער פון מאָרים ראָזענפעלד, איז ער געווען אַנטציקט און האָט געזאָגט: „ער איז גאָר אַ גרויסער טאַלאַנט!" און דערביי באַמערקט: „אַמעריקע איז אַן אינטערעסאַנט לאַנד, אַ וווּנדערבאַר לאַנד, ווען איך זאָל זיין יינגער, אָדער שטאַרקער, וואָלט איך געפאָרן אַ קוק טאָן אויף דעם וווּנדער־לאַנד." שפּעטער, ווען איך האָב געקראָגן אַ פאַרבינדונג מיט דעם בוכהענדלער און פאַרלעגער, לידסקי, פון וואַרשע, וואָס פלעגט מיר צושטעלן פיל אין רוסלאַנד פאַרווערטע שריפטן פון אַמעריקע, האָבן מיר ביידע, איך און לינעצקי, פאָרזיכטיק און בגנבה זיי געלייענט, און ער איז געווען איבערראַשט פון דער אַמעריקאַנער וואָרט־פרייהייט. אין יענער צייט האָט מען אַרעסטירט פּלטיאל זאַמאָשטשינס איינציקן זון, וועלכער פלעגט שרייבן אין רוסישע צייטונגען אונטער דעם פּסעוודאָנים „מאַרק פּאַוולאָוויטש", און אים פאַרשיקט אויף דריי יאָר קיין סיביר, ווי אַ פּאָליטישן פאַרברעכער. לינעצקי האָט נאָך פיל באַדויערן וואָס זאַמאָשטשינס זון האָט מען פאַרשיקט, געזאָגט: „איך בין אים מקנא, הלואי וואָלטן מיינע קינדער זיך אָפּגעגעבן מיט דער אַרבעט פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט. עס זאָל אויף דיר ניט מאַכן דעם איינדרוק, האָט ער צוגעגעבן, אַז איך האָב ניט ליב מיינע קינדער; דאָס וועט מודה זיין אפילו מיין פרוי — אַז איך בין דער געטרייסטער פאָטער. אַ סך מאָל האָב איך זיך, אין

פלוצים גיט א זאָג לינעצקי: „האָט איר שוין געזען די קריטיק וואָס גראַנאָווסקי האָט געקראָגן איבער זיין ווערק אין „דר. בלאָכס עסטרייכישע וואָכנשריפט"? ווו איז זי?" — האָבן אלע גליך א פרעג געטאָן, און לינעצקי האָט ארויסגענומען פון שרייב־טיש די „עסטרייכישע וואָכנשריפט" און גענומען לייענען אויפן קול. די געסט האָבן אפּלאָדירט. לינעצקי האָט געזאָגט: „איך בין אים מקנא" — א קליניקייט, דר. בלאָך!" זאמאָשטשין האָט אונטערגעכאַפּט: „מען האָט אים שוין גענוג געזידלט אין די צייטונגען". לינעצקי איז בייז געוואָרן: „פון ווענעמען איז ער געזידלט געוואָרן? פון די, וועלכע קענען ניט דולדן קיין אמת וואָרט? מיר קענען אים מקנא זיין, מיר דענקען און פילן ווי ער, און מיר שווייגן."

אך האָב זיך געפילט איבער גליקלעך פון לינעצקיס ווערטער. מען האָט געבעטן לינעצקין ער זאָל עפּעס לייענען, האָט ער פאָרגעלעזן פיל שטעלן פון זיין נייעם סידור, געשריבן אין גראמען, און אלע האָבן באגייסטערט אפּלאָדירט. לינעצקי האָט דאַן א זאָג געטאָן צו זאמאָשטשינען: וועט איר דיזעלבע מיינונג זאָגן אונטער מיינע אויגן אויך?" האָט זאמאָשטשין געענטפערט: „איר הייבט שוין אָן? איך בין איצט אזוי געשטימט, — וואָס דאַרפט איר פאַרזאָרגן וואָס שפּעטער וועט זיין?" זאָגט לינעצקי: „איך מיין דאָס ניט. איך האָב דאָס געדאַרפט צוליב א וויץ וואָס איך האָב אמאָל געשריבן:

„איינער האָט אונטערגעשלאָגן זיין פרוי די אויגן, האָט זי אים פאַרקלאָגט אין געריכט, האָט דער ריכטער געפרעגט: פאַרוואָס שלאָגסטו דיין ווייב? האָט ער געענטפערט: אז מיין ווייב איז א זייגערין בין איך א זייגער, און ווען עס קומט צו דער צייט שלאָג איך. פרעגט דער ריכטער אים: פאַרוואָס־זשע שלאָגסטו זי אונטער די אויגן? ענטפערט ער: אונטער די אויגן מען מען שלאָגן אפילו דעם רבין."

אלע האָבן זיך צולאַכט. נאָכדעם האָט לינעצקי געזונגען זיין נייַ ליד „די פאַרשטויסענע לירע" און אנדערע לידער. און אזוי ווי דער עולם איז געווען פיין אויסגעטרונקען, האָבן אלע געזונגען און פרוי זאמאָשטשין האָט געכאַפּט לינעצקין טאַנצן. דער עולם איז אהיים געגאַנגען שפּעט ביינאַכט אויסערגעוויינלעך פרייליך און לינעצקי איז געווען איבער גליקלעך.

***

אמאָל האָט ער מיר פאַרטרויט א סוד, אז מנשה מרגלית איז געקומען צו אים ריידן וועגן ארויסגעבן א יידישע צייטונג אין אָדעס. וועגן דעם פּראָגראַם פון דער צייטונג האָבן זיי געדאַרפט האָבן א קאָנפערענץ מיט „מענדעלי מוכר ספרים", וועלכער איז אויך געווען אין דעם פאַרינטערעסירט. נאָך די פאַרהאַנדלונגען האָט ער מיר געזאָגט: „מנשה מרגלית האָט גרויסע פאַרבינדונגען אין די גאָר־הויכע קרייזן פון פּעטערבורג און אויב עס וועט אים געלינגען צו קריגן אן ערלויבעניש אויף א צייטונג — דעמאָלט, מיין קינד, וועסטו זען וואָס לינעצקי קען נאָך אויפטאָן. און דו וועסט אויך אויפגעריכט ווערן. די צייטונג וועט זיין ניט קיין פאַרקויפטע צו פאַרטייען, אויך וועט עס ניט זיין קיין צייטונג אויף געלט צו מאַכן. הלואי זאָלן מיר דאָס דערלעבן. איך באַשווער דיך אז קיין מענטש זאָל דערפון ניט וויסן. ס'איז א גרויסער סוד..."

איין אָוונט, ווען איך האָב לענעצקין ניט געטראָפן אין דער היים האָט איך שוין געוווּסט, אז ער איז אויף דער קאָנפערענץ פון דער צייטונג — איך האָב אלע מאָל געוווּסט וווּהין ער גייט. ער איז צו יענער צייט געווען פרייליכער ווי אלע מאָל און ער פלעגט מיר צומאָל זינגען זיינע לידער. ער איז געוואויר געוואָרן, אז איך קען אויך אמוזירן. איך האָב פאַר אים אימיטירט א פּאָר טיפּן און ער איז שטאַרק פאַראינטערעסירט געוואָרן.

צו יענער צייט האָב איך זיך געטראָפן מיט דעם אַקטיאָר און טעאַטער־אונטערנעמער ספּיוואַקאָווסקין, וועלכער איז געקומען מיט א טרופּע קיין אָדעס שפּילן יידיש טעאַטער. כדי צו קריגן א דערלויבעניש האָט ער זיך געווענדט צו דעם אינזשיניר גורלאַנד, ביי וועמען איך האָב געאַרבעט און דערנאָך געוואוינט נאָך מיין פאַרלאָזן די שטעלע. ספּיוואַקאָווסקיס פאַרלאַנג איז געווען, אז גורלאַנד זאָל דורך זיין איינפלוס אים העלפן. גורלאַנד האָט מיך מיט אים באַקענט און איך האָב זיך מיט אים באַפריינדעט. איך האָב פון דער באַקאַנטשאַפט דערציילט לינעצקין און אים געבעטן העלפן קריגן א דערלויבעניש פאַר ספּיוואַקאָווסקין, האָט מיר לינעצקי געזאָגט: „איך האָב אן עצה: זאָל זיך ספּיוואַקאָווסקי ווענדן

פראַנקפעלד, לובאַרסקי, פּרייליין ווערניק וועלכע איז שפּעטער געוואָרן קלויזנערס פרוי, און מען פלעגט אויך דעבאַטירן — אָבער אויף אַ שיינעם אופן, אָן סקאַנדאַלן. כמעט אַלע וועלכע האָבן געאַרבעט ביי „וויסאָצקים מאָסקווער טיי קאָמפּאַני" זיינען געווען ציוניסטן, דערום ווען „אחד העם" איז געוואָרן דער פאַרוואַלטער פון דער דער אדעסער טיי אָפּטיילונג האָט עס געמאַכט זייער א שווערן איינדרוק אויף די אַלע פאַרערער פון אחד העמן". לינעצקי האָט א סך מאָל איבערגערעדט: „אחד העם" א געשעפטמאַן; „אחד העם" מוז אָננעמען א שטעלע און שטענדיק זיין מיט די אונטערלעקער וועלכע ער האָט געווים פיינט. ס'איז אַ טראַגעדיע!"

איינמאָל האָט מיך פרוי זאַמאָשטשין געבעטן, אז ווען איך וועל זיין ביי לינעצקין, זאָל איך אים זאָגן, אַז קומענדיקן זונטאָג זאָל ער זיך ריכטן אויף געסט. „מיטאָג צייט וועלן מיר זיין. מיט אונדז וועט אויך קומען פעלדבערג מיט זיין פרוי, גאָלדפּאַדנס שוואָגער און שוועסטער, אויך א באַרימטער מאלער און, עס קען זיין, עס זאָל אויך קומען איזאַבעלא מ., מיט איר מאַן."

זונטאָג איז ביי לינעצקין אין הויז געווען יום־טובדיק. די געסט האָבן געבראַכט לינעצקין בלומען וועלכע ער האָט זייער ליב געהאַט. לינעצקי איז געוואָרן שטאַרק פאַרטאָן מיט צוגרייטן טיי פאַר די געסט. די אַרבעט האָט ער ליב געהאַט אליין צו טאָן: ער האָט פּאַוואָליע, געלאַסן געהאַלטן יעדע גלאָז אין די הענט און באַקוקט עס זאָל זיין ריין; דערנאָך געזען אז די עסענץ זאָל זיין אָנגעצויגן, עס זאָל „שפּילן" אין גלאָז. אָנגיסנדיק יעדע גלאָז טיי האָט ער נאָכאַמאָל אויפגעהויבן די גלאָז און א קוק געטאָן און יעדן דערלאַנגט טיי. לינעצקיס פרוי איז געווען אין קיך, צוגעגרייט מיטאָג פאַר די געסט, און זאַמאָשטשינס פרוי איז געווען אומעטום און גערעדט צום עולם. שפּעטער האָט מען גערעדט פון די נייסטע רוסישע זשורנאַלן וואָס לינעצקי האָט פיל פון זיי געקראָגן און געלעזן. לינעצקי האָט שטאַרק געלויבט קאָראָלענקאָן און געזאָגט: „איך מוז זיך ווען אויסקלייבן פאָרן זיך באַקענען מיט קאָראָלענקאָן". פרוי זאַמאָשטשין האָט פאָרגעלייענט א פעליעטאָן, א קריטיק איבער טשעכאָווס דערציילונגען, געשריבן פון איר זון מאַרק פּאַוולאָוויטש, וואָס איז געווען געדרוקט אין „אָדעסקיע נאָוואָסטי". מען האָט גערעדט פון סיענקעוויטשן, ווי דאָס פּוילישע פאָלק פאַרגעטערט אים און צוגעגליכן ווי דאָס יידישע פאָלק שעצט אָפּ אירע שרייבער און צאָלט זיי מיט אַ הונגער־לוין. מען האָט גערעדט פון פרישמאַנען, ווי ער אטאַקירט פּרצן אין זיינע „בלעטלאך". לינעצקי האָט שטאַרק געלויבט פרישמאַנען אלס טאַלאַנטפולן שרייבער. זאַמאָשטשין האָט דערציילט אז ער איז די וואָך געווען ביי אָסיפּ לערנער. ער האָט געהאַלטן לערנערן פאַר זייער אַ קלוגן. דאָס האָט בייז געמאַכט פעלדבערגן, און ער האָט געזאָגט: „איך ווייס ניט ווו שטעקט זיין חכמה? אַ מענטש וואָס פאַרקויפט זיין נשמה, זיין גאָט, זיין פאָלק פאַר געלט, איז אַ נאַר און גאָר קיין מענטש ניט. אינם אונטערגאַנג פונעם יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד האָט ער געהאַט א האַנט. איצט שרייבט דער משומד לערנער די „יידישע היסטאָריע", איז ער ניט אומפאַרשעמט?!"

זאַמאָשטשינס פרוי פרעגט: „אויף ווען וואַרט מאַריע לערנער מיטן שמדן זיך?" זאָגט לינעצקי: „זי האַלט איר שמד פאַר א סטראַשונאָק: זי וועט זיך ווענדן צו דער משפחה נאָך שטיצע פאַר איר טאָכטער, זאָ זאָל קאָנען שטודירן פאַר אַן אָפּערע־זינגערין און אז מען וועט איר ניט געבן, וועט זי זאָגן אז זי וועט זיך שמדן". און דערביי דערציילט לינעצקי אזאַ וויץ: „אַ סטודענט איז אמאָל געקומען צו זיין רייכן פעטער ער זאָל אים געבן פינף הונדערט רובל צו קאָנען שטודירן, ווען ניט — גייט ער זיך שמדן. דער קאַרגער פעטער, גלויבנדיק, אז דער סטודענט שרעקט אים בלויז דערמיט, זאָגט אים: „גיי צו אַלע שוואַרצע יאָר, איך גיב ניט אַ גראָשן!" דער סטודענט איז אוועקגעגאַנגען צום גלח און דער פעטער איז אים נאָכגעגאַנגען. ווען דער סטודענט איז עקומען צום גלח, האָט ער אַראָפּגענומען דעם היטל און זיך געזעצט עסן חזיר. אז דער פעטער האָט דערזען דורכן שליסל־לאָך פון דער טיר וואָס ער טוט, האָט ער גלייך געגעבן אַן עפן־אויף די טיר און געזאָגט צו אים: „נאַ דיר די פינף הונדערט רובל, טו אָן דאָס היטל, בענטש אָפּ און קום אהיים."

„אָבער זי וועט זיך דאָך שמדן" — זאָגט די זאַמאָשטשין.

„ווי אזוי שמדט מען זיך ניט, אז מען שרייבט אָן א נאָוועלע „אהיים" און מען איז אזוי נאַציאָנאַליסטיש?"

י. ל. כהן:

יידישע פאָלקסמעשיות.

(פון פאָלקסמויל געזאַמלט.)

פאַר אַן התחלה גיב איך דאָ איבער צום דרוק נאָר א קליינעם טייל פון א גרעסערער קאָלעקציע וועלטלעכע יידישע פאָלקסמעשיות, וועלכע כ׳האָב בדעה ביסלעכווייז צו פאַרעפנטלעכן אין „פנקס“, מיט אַן אַריינפיר און מיט פאַרגלייכנדיקע באַמערקונגען. דערווייל זאָל דאָ בלויז באַמערקט ווערן, אַז די אַלע מעשיות האָב איך אויפגענומען פון פאָלקסמויל און האָב זיי פאַרשריבן אַזוי ווי זיי זיינען מיר דערציילט געוואָרן, אָפּהיטנדיק דערביי באַשטימטע כללים פון דער פאָלקלאָריסטיק. דאָס איבעריקע האָב איך געלאָזן צום הוילן צופאַל: צום זכרון און צום קונסטגעפיל פון דעם צופעליקן דערציילער אָדער דערציילערין.

אָנרופנדיק די דאָזיקע מעשיות „יידישע“, האָב איך בעיקר געוואָלט שטעלן דעם טראָפּ אויף זייער יידישער פאָרם, סטיל און נאַציאָנאַלן קאָלאָריט, ניט אָפּפרעגנדיק דערביי זייער אינטערנאַציאָנאַלן אָפּשטאַם. און כאָטש לויטן אינהאַלט זיינען זיי אפשר ניט אַזוי יידישלעך ווי מ׳ע וואָלט דאָס געוואָלט האָבן, ניט אַזוי עטיש־רעליגיעז געפאַרבט, ווי אין די פרומע מעשה־ביכלעך און מוסר־ספרים — זיינען זיי דאָך יידישע פאָלקסמעשיות; פון א עטנאָגראַפישן קוק, לכל־הדעות.

ביי אַן אַנדער געלעגנהייט וועט דער ענין ברייטער ארומגערעדט ווערן. נאָר קודם דאַרף מען הערן, וואָס די מעשהלעך אַליין האָבן צו דערציילן.

דער זאַמלער.

1. בעבעלע.

ס׳אַמאָל געווען א פאָר פאָלק, האָבן זיי ניט געהאַט קיין קינדער, פלעגן זיי אַלע מאָל גיין אַפן בית־עולם בעטן ביי גאָט ער זאָל זיי שיינקען א קינד. איינמאָל, ווי זיי שטייען אַזוי אויפן בית־עולם און בעטן, איז אַראָפּגעפלויגן א מלאך פון הימל און זאָגט צו זיי: „גאָט האָט אייער געבעט פאַרנומען. וואָס ווילט איר בעסער: צו א זון, וואָס זאָל זיין אַזוי גרויס ווי א בעבעלע? צו א טאָכטער, וואָס אַז זי וועט אַלט ווערן דרייצן יאָר, וועט זי זיך שמדן?“ זאָגן זיי: „בעסער א זון, כאָטש אַזוי גרויס ווי א בעבעלע“. איז אַוועק א יאָר האָבן זיי געהאַט א זון, טאַקע אַזוי גרויס ווי א בעבעלע. גרעסער איז ער שוין קיינמאָל ניט געוואַקסן, דערפאַר האָבן אים אַלע גערופן: בעבעלע.

איינמאָל האָט די מאַמע אָפּגעקאָכט אָנבייסן, האָט זי דאָס אַריינגעגאָסן אין א ליימענעם מאַקעטער*) און געגעבן בעבעלען ער זאָל עס אַוועקטראָגן צום טאַטן אַפן מאַרק. האָט זיך בעבעלע דערפרייט, כאַפּט ער דעם גרויסן מאַקעטער אַפן קאָפּ און לייפט אַוועקטראָגן דעם טאַטן אָנבייסן. לויפט ער, לויפט ער, לויפט ער, באַגעגנט ער אויפן וועג אַן אַלטן בעטלער. זאָגט דער בעטלער צו אים: „שוין דריי טעג האָב איך אין מיין מויל קיין ביסן ניט געהאַט“. האָט בעבעלע אָף אים רחמנות געקראָגן, נעמט ער און גיט אים אַוועק דעם טאַטנס אָנבייסן. האָט אים דער בעטלער אָנגעדאַנקט א פולע היטל: „א געזונט אין דיינע ביינדעלאַך, א ברכה און הצלחה אָף דיין קעפּעלע, וואָס פאַר א גוטינקער יינגעלע דו ביזט!“ אַז דער בעטלער האָט אָפּגעגעסן, האָט בעבעלע זיך אָנגעטאָן דעם ליידיקן מאַקעטער אַפן קאָפּ און געלאָפן ווייטער. לויפט ער, לויפט ער, באַגעגנט ער אַפן וועג א שייקע גנבים. פרעגן אים די גנבים: „אַווו לויפסטו?“ זאָגט ער: „כ׳לויף זאָגן דעם טאַטן, אַז כ׳האָב אַוועקגעגעבן זיין אָנבייסן דעם אַלטן בעטלער“. — „אַזוי, אַזא גוטינקער בינסטו?“ זאָגן די גנבים „וועלן מיר דיר טאַקע אַריינעמען צו אונדז אין שייקע, וועסטו גיין מיט אונדז גנבענען“. האָט בעבעלע געוואָלט זאָגן „גנבענען טאָר מען ניט“, נאָר ער האָט מורא געהאַט טאָמער וועלן זיי אים הרגענען, האָט ער בעסער געזאָגט: „גוט, כ׳וועל גיין מיט אייך“. זיינען זיי געגאַנגען און געגאַנגען, ביז זיי זיינען פאַרביי געגאַנגען א פאַרשלאָסענע שטאָל. און ווי נאָר די גנבים האָבן זיך אָף א ווילע פאַרקוקט, האָט בעבעלע געטאָן א שפרונג צום לעכל פון שלאָס און —

*) קוגל־טאָפּ.

צו אָסיפ מיכאילאָוויטש לערנער און אים געבן א פּאָר רובל, וועט ער אים דאָס דורכפירן.״ אָבער צו אים אליין האָט מען געמוזט האָבן פּראָטעקציע. און ווען איך האָב שוין געווירקט אז לינעצקי זאָל מיט מיר גיין צו לערנערן, האָט ער זיך זייער שיין אויסגעפּוצט, ווי אלע מאָל, אָבער ווען מיר זיינען שוין געווען האַלב וועג, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געבעטן ביי מיר איך זאָל אליין גיין צו לערנערן, זאָגנדיק: „גיין צו לערנערן, הייסט אים געבן א באַרעכטיקונג וואָס ער האָט זיך געשמדט — איך וויל דאָס ניט טאָן. איך וועל טאָן ווי יענער קאַרגער וואָס האָט ניט געהאַט קיין הארץ צו געבן א נדבה און האָט געזאָגט צום אָרימאַן: „לייגט אריין די האנט אין מיין קעשענע און נעמט אייך אליין...״ גיי צו לערנערן און זאָג אים אז איך האָב דיך געשיקט, אז ער זאָל טאָן וואָס עס איז מעגלעך.״ איך בין געגאַנגען אין לינעצקיס נאָמען און ספּיוואקאָווסקי האָט געקראָגן א דערלויבעניש צו שפּילן יידיש טעאַטער — אין דייטש...

ספּיוואקאָווסקי האָט מיך, אין יענער צייט, איינגעלאַדן אין א ווייַן־קעלער און געזאָגט: „קומט, וועט איר זען, ווי יידישע טאַלאַנטן ווערן פאַרלוירן״. אין ווייַן־קעלער זיינען ארויס־געקומען א חברה טענצער, שפּילער און זינגער מיט צוגעטשעפּעטע בערדלעך, מיט שטריימלעך און האָבן געזונגען און געטאַנצט. דערנאָך זיינען זיי געגאַנגען מיט א טעלער צונויפנעמען געלט. ספּיוואקאָווסקין האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן און ער האָט אוועקגעלייגט פינף רובל אויפן טעלער. צווישן די זינגער און קאָמיקער איז געווען דער שפּעטער באקאַנטער ארטיסט סאָבסיי און דער קאָמיקער ליפּאָוועצקי. ווען איך האָב דאָס דערציילט לינעצקין און האָב באַדויערט די יונגעלייט, וואָס ווערן פאַרלוירן אין די קעלערס, האָט ער מיר געזאָגט: „זאָלסט געווען קומען מיט צוואַנציק יאָר פריער קיין אדעס, וואָלסטו אין דיזעלביקע קעלערס געווען געטראָפן מיך און גאָלדפאַדענען זינגען אונדזערע בעסטע לידער. מיר האָבן ביידע געזונגען אין די קעלערס. א סך טאַלאַנטן ווערן ביי יידן פאַרלוירן.״

דעם גאַנצן אויף־דער־נאַכט איז ער געווען מעלאַנכאָליש און גערעדט פון דער פאַר־גאַנגענהייט, פון די פאַרפאָלגונגען וואָס ער איז אויסגעשטאַנען פאַר זיין „פּוילישן יינגעל״. ער האָט זיך דערמאָנט ווי די חסידים האָבן אים געוואָלט אריינוואַרפן אין טייך. ער האָט מיר געלייענט לידער, געוווידמעט צו זיין מוטערס יאָרצייט, ווו עס איז געווען געשילדערט איר אָרים און טרויעריק לעבן.

אויף מאָרגן האָב איך ביי אים געטראָפן דעם וויניצער רב, זיינעם א פּלימעניק, זייער א אינטעליגענטן יונגעמאַן. עס איז געווען אינטערעסאַנט צו זען ווי צוויי באַזונדערע וועלטן באַגעגענען זיך און האַרמאָנירן.

לינעצקי האָט פאַר אונדז געזונגען זיין ליד „די פאַרשטויסענע לירע״.

און דאַן, ווען ער האָט געזונגען האָב איך אין אים דערזען דעם חסיד, דעם אמתן חסיד, נאָך פאַרן „פּוילישן יינגעל״.

אמאָל האָט ער מיר א זאָג געטאָן:

„איך בין ניט אַהין און ניט אהער,
ניט ביים טאַטן, ניט ביים שווער;
איך לעב ניט מיין לעבן...״

ער פלעגט מיר אָפט זאָגן: שרייב אָן עפּעס א גוטע זאַך, וועל איך דיר שענקען א מתנה מיינע א ניט־געדרוקטע זאַך. האָב איך אָנגעשריבן א פּאָעמע און איך האָב זי פאַר אים איבערגעלייענט. זי איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן, ער האָט מיר גלייך געזאָגט: „דו קענסט זי מיר ווידמען״, און ער האָט מיר געגעבן דעם נאָמען צו דער פּאָעמע. ווען איך בין געקומען צום צענזאָר און ער האָט דערזען אז מיין פּאָעמע איז געווידמעט לינעצקין, האָט ער מיר געזאָגט: „איך קען ניט אננעמען דעם מאַנוסקריפּט ביז איר וועט מיר ברענגען א בריוו פון לינעצקין, אז ער איז צופרידן איר זאָלט עס אים ווידמען — עס פעלט מיר צרות?״

איך האָב אים געבראַכט א בריוו פון לינעצקין. דער צענזאָר האָט מיין מאַנוסקריפּט געהאַלטן א פּאָר וואָכן און ער האָט אויסגענעמעקט די שענסטע שטעלן וואָס זיי זיינען צו יענער צייט געווען צו־פריי, און נאָך א גרויסן קריג מיט אים האָב איך אָפּגענומען מיין מאַנוסקריפּט און די פּאָעמע איז געבליבן ניט געדרוקט.

בעבעלע: „יע, איך בין דאס!" — „טא ווי קומסטו גאר אהער?" פרעגט אים ווייטער דער בעטלער. דערציילט אים בעבעלע די גאנצע מעשה. מאכט דער בעטלער: „טע, טע, טע, — וואס אף דער וועלט קאן זיך אלץ פארלויפן!" דערנאך זאגט ער: „און פארוואס האסטי מיר געשטאכן אין פלייצע?" — „ווייל איך האב מורא געהאט, אז דו וועסט מיך אויפעסן אף אנבייסן, פארענטפערט זיך בעבעלע. מאכט דער בעטלער: „טע, טע, טע, — וואס אף דער וועלט קאן זיך אלץ פארלויפן!" פרעגט אים דער בעטלער ווידער: „און אהיים גיין ווילסטו?" זאגט בעבעלע: „יע, כ'וויל גיין אהיים". זיינען זיי ביידע געגאנגען אהיים. און אז דער טאטע מיט דער מאמען האבן דערזען זייער בעבעלע, האבן זיי ביידע געגעבן א געשריי: „בעבעלע! ווו ביסטו געווען?" האט זיי בעבעלע דערציילט די גאנצע מעשה.

א הון מיט א האן
די מעשה הייבט זיך אן;
א קאץ מיט א מויז,
די מעשה לאזט זיך אויס!

דערציילט פון א ווילנער בחור (ווילנע).

2. פון א באבעצקע מיט א בער און מיט א סך קינדערלאך.

אמאל איז געווען א באבעצקע, האט זי געהאט א סך, א סך קינדערלעך. האט די באבעצקע נעדארפט אוועקגיין אין וואלד קלייבן שפענדלעך, האט זי אננגעזאגט אירע קינדערלעך, אז טאמער וועט ווער קומען, זאלן זיי קיינעם ניט אריינלאזן. דער עיקר זאלן זיי זיך היטן פאר דעם גרויסן בער, וואס דרייט זיך ארום אין וואלד, ארום הויז.

אז די באבעצקע איז אוועק קלייבן שפענדלעך, האבן גענומען די קינדערלעך און האבן פארמאכט אלע פענצטער און פארקייטלט אלע טירן און האבן זיך באהאלטן: איינער אפן אלמער און איינער אונטער אלמער, איינער אפן בעט און איינער אונטערן בעט, איינער אפן אויוון און איינער אונטערן אויוון, איינער אפן קוימען און איינער אונטערן קוימען. נאר דערקליינינקער העשעלע האט מער ניט געפונען קיין ארט, ווו זיך צו באהאלטן, ווייל אלע ערטער זיינען שוין געווען פארנומען, האט ער זיך באהאלטן אין א קליינינקער פלעשעלע. דערווײלע איז פארבייגעגאנגען דער גרויסער בער פארביי הויז, האט ער געזען ווי די באבעצקע איז אוועק אין וואלד קלייבן שפענדלעך, טראכט ער זאך: „כ'וועל אריין און אופעסן אלע קינדערלעך". קלאפט ער אן אין טיר: „קינדערעך, קינדערלעך, עפנט מיר!" קיינער ענטפערט ניט. זאגט ער ווידער: „קינדערלעך, קינדערלעך, כ'וועל אייך געבן שווארצע יאגדעלעך!" זאגן די קינדערלעך: „ניין, מיר האבן אליין!" זאגט ער ווידער: „קינדערלעך, קינדערלעך, כ'וועל אייך געבן בלויע יאגדעלעך!" זאגן די קינדערלעך: „ניין, מיר האבן אליין!" האט דער בער געזען אז זיי ווילן ניט עפענען, איז ער אוועק צום קאוואל און האט זיך גוט אנגעשמיט דעם תחת מיט אייזן, און געקומען צוריק און געזאגט: „קינדערלעך, קינדערלעך, אז איר 'עט ניט עפענען וועל איך אליין אריין!" זאגן די קינדערלעך: „מיר האבן פאר דיר קיין מורא ניט! מירן בעסער פאלגן דער באבעצקע!" איז דער בער געווארן אין כעס, און האט זיך אומגעקערט מיטן אנגעשמיטן תחת צום טיר, און האט געגעבן א זעץ — איז די טיר צעבראכן געווארן אויף פיץ־פיצלעך. איז דער בער אריין אין שטוב און האט אויפגעזוכט אלע קינדערלעך, און דערנאך האט ער געעפנט די גרויסע מויל און געמאכט: „האם! האם!" און האט אויפגעגעסן אלע קינדערלעך, נאר דעם קלייניקען העשעלע, וואס האט זיך באהאלטן אין קלייניקען פלעשעלע, האט דער בער ניט געקאנט געפינען, איז ער צוריק אוועקגעלאפן אין וואלד.

ניטאָ! „וווּ איז ער אַהינגעקומען דער קליינינקער מענטשעלע?" האָבן די גנבים זיך פֿאַרוואונדערט. „אָקערשט געווען, און שוין ניטאָ!" האָבן זיי אים געזוכט און געזוכט און ניט געקאָנט געפינען. זיינען זיי אוועקגעגאַנגען. דערווייליע האָט זיך בעבעלע פּאַרקליבן אין שטאָל און האָט זיך באַהאַלטן אין אַ צעבער מיט צעבראָקטע בוריקעס. האָט אים די קו אויפגעגעסן אינאיינעם מיט די בוריקעס. אַז בעבעלע האָט דערזען, אַז ביי דער קו אין בויך איז אַזוי פינצטער און ארויסגיין פון בויך קאָן ער ניט, נו, נו, איז ער געוואָרן גוט אין כעס און האָט זיך גענומען שילטן דער קו: „אַ כאָלערע אַף דיר! אַ ניכפּע אַף דיר!"

אויף מאָרגן אינדערפרי איז די דינסט געקומען אין שטאָל אויסצומעלקן די קו. און ווי נאָר זי האָט אָנגעהויבן צו מעלקן, הערט זי מ'שרייט: „אַ כאָלערע אַף דיר! אַ ניכפּע אַף דיר!" האָט זיך די דינסט זייער שטאַרק דערשראָקן איז זי, ניט טויט, ניט לעבעדיק, אוועקגעלאָפן צו דער באַלעבאָסטע: „באַלעבאָסטע, די קו שילט זיך!" זאָגט די באַלעבאָסטע: „גיי, נאַרעלע, ס'קען ניט זיין. כ'האָב נאָך קיינמאָל ניט געהערט אַז אַ קו זאָל זיך שילטן". זאָגט די דינסט: „באַלעבאָסטע, כ'האָב מורא!" — „אַז דו האָסט מורא, טאָ לייען קריסמע*), זאָגט די באַלעבאָסטע, און איז אַליין אַוועק אין שטאָל אויסמעלקן די קו. און ווי נאָר זי האָט אָנגעהויבן צו מעלקן, הערט זי מ'שרייט: „אַ כאָלערע אַף דיר! אַ ניכפּע אַף דיר!" האָט זיך די באַלעבאָסטע אויך זייער שטאַרק דערשראָקן איז זי, ניט טויט, ניט לעבעדיק, אוועקגעלאָפן צום רב און האָט אים דערציילט די גאַנצע מעשה. האָט דער רב געהייסן קוילענען די קו, און די קישקעס ארויסוואַרפן אַפן גאַס.

אַף מאָרגן אינדערפרי איז געקומען דער שוחט און האָט געקוילעט די קו. און ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן אויפשניידן דעם בויך, ארויסצונעמען די קישקעס פון דער קו, הערט ער מ'שרייט: „שנייד ניט פון בויך, שנייד פון זייט! שנייד ניט פון בויך, שנייד פון זייט!" האָט זיך דער שוחט שטאַרק דערשראָקן, האָט ער גענומען שניידן פון זייט. און אַזוי האָט ער פּאַמעלעך ארויסגענומען די קישקעס און ארויסגעוואָרפן אַפן גאַס. איז פאַרבייגעגאַנגען אַ הונגעריקער בעטלער, זעט ער עס ליגן עפּעס אַזעלנע פרישע קישקעס, טראַכט ער זיך: „גאָט האָט ער מיר צוגעשיקט אַ כשרע מציאה. כ'וועל נעמען די קישקעס אהיים און מאַכן דערפון אַ טייערן אָנבייסן". נעמט ער און לייגט זיי אריין צו זיך אין טאָרבע, און נעמט די טאָרבע אַף דער פּלייצע און גייט און פרייט זיך. גייט ער אַזוי, גייט ער, פּלוצלונג דערפילט ער עס שטעכט אים עפּעס אין פּלייצע. ווייס ער ניט פון וואָס דאָס איז, מאַכט ער זיך ניט וויסנדיק און גייט ווייטער. גייט ער אַזוי, גייט ער, עס שטעכט אים ווידער אין פּלייצע. טראַכט ער זיך: „וואָס קאָן דאָ זיין? דאַכט זיך, קיין שפּילקעס אין טאָרבע האָב איך ניט, נאָר ווייכע קישקעס, היינט טאָ וואָס-זשע קאָן דאָ שטעכן?" מאַכט ער זיך ווידער ניט וויסנדיק און גייט ווייטער. אָבער וואָס ווייטער ער איז געגאַנגען, אַלץ מערער האָט אים געשטאָכן, און ער האָט שוין מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן. שטעלט ער זיך אָפּ און זאָגט צו זיך: „וואָס זאָל איך דאָ טאָן? זאָל איך ארויסוואַרפן די קישקעס, איז דאָך אַן עבירה און איך וועל ניט האָבן אַף קיין אָנבייסן. זאָל איך זיך אַרומטראָגן מיט זיי, וועל איך דאָך בלייבן אָן אַ פּלייצע, ס'אַ שלעכטער עסק!" איז ער געשטאַנען און געטראַכט און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. אין מיטן דערינען דערהערט ער מ'שרייט: „וואַרף זיי אַרויס! וואַרף זיי אַרויס!" האָט זיך דער בעטלער שטאַרק דערשראָקן, האָט ער גענומען און אַרויסגעוואָרפן די קישקעס אַפן גאַס. שטייט ער און קוקט, וואָס דאָ וועט זיין.. זעט ער, ווי עס קריכט פון זיי אַרויס אַ ייִנגעלע, ווי אַ בעבל די גרויס. האָט אים דער בעטלער גלייך דערקענט. זאָגט ער צו אים: „ביסטו דאָס דער יינגעלע, וואָס האָט מיר אַנומלט אוועקגעגעבן דעם טאַטנס אָנבייסן?" זאָגט

*) קריאת-שמע.

האָבן זיי גענומען שרייען: „קינדערלאַך, קינדערלאַך, וואו זייט איר!" איז מיישעלע אַרויס פון אַלמער און האָט זיי דערציילט די גאַנצע מעשה. איז דער רב מיט דער רביצין אַוועקגעלאָפן אין וואַלד זוכן דעם בער. זיינען זיי געלאָפן און געלאָפן ביז זיי האָבן געכאַפּט דעם בער. האָבן זיי אים גענומען און אַוועקגעפירט אין באָד, אַרופגעשלעפּט אַפן אייבערסטן פּאָל און אופגעשניטן די בויך און אַרויסגענומען אַלע קינדערלאַך! און דערנאָך האָבן זיי אַלע קינדערלאַך אַרומגעריבן און אַרומגעוואַשן און געשיקט אַהיים שלאָפן. אָבער דעם בער האָבן זיי פאַרנייט אין בויך שטיינער מיט ביינער, העלצער מיט פלעקער און אַרויסגעטריבן. איז ער געלאָפן, האָט אים געטאָן אַ שטאָך. איז ער געקראָכן, האָט אים געטאָן אַ בראָך.

אַ פלעקעלע אַריין,
אַ פלעקעלע אַרויס —
די מעשה איז אויס!

דערציילט פון דער מומע רחל (ווילנע).

3. מיישעלע און שיינדעלע.

אַמאָל איז געווען אַ רב מיט אַ רעביצין, 'אָבן זיי געאַט צוויי קינדערלאַך, אַ אינגעלע מיט אַ מיידעלע. דעם אינגעלע 'אָט מען גירופן מיישעלע און דער מיידעלע שיינדעלע. 'אָט די רעבעצין געדאַרפט אַוועקגיין אין שול, אָט זי גילאָזן פאַר ביידע קינדערלאַך עסן — מיישעלען אין אַ טעפּעלע און שיינדעלען אין אַ שיסעלע. אָט זי זיי אָנגעזאָגט: „מיישעלע, אַז דו וועסט צעברעכן דעם טעפּעלע, 'על איך דיר צעברעכן די קעפּעלע! — שיינדעלע, אַז דו וועסט צעברעכן די שיסעלע 'על איך דיר צעברעכן די פיסעלע!" און די רעביצין איז אַוועק אין שול. 'אָט שיינדעלע אָפּגיגעסן, אָט זי אויסגעוואַשן די שיסעלע און אַוועקגישטעלט אין גראַטקע. 'אָט מיישעלע אָפּגינעסן, אָט ער גילאָזן שטיין דעם טעפּעלע אַפן באַנק און אַליין איז ער אַרויסגילאָפן אַפן גאַס שפּילן זאַך. איז אַריין דער גילדענער האָן און האָט צעבראָכן דעם טעפּעלע. ווי מיישעלע איז אַריין אין שטיב אָט ער דערזען דעם צעבראָכענעם טעפּעלע איז ער באַלד אַרויף אַפן ביידעם און זאַך באַאַלטן אין אַ קאַטקע*) פון פעדערן.

אַז די רעביצין איז אַריין פון שול און 'אָט דערזען דעם צעבראָכענעם טעפּעלע, 'אָט זי אָנגעאויבן רופן: „מיישעלע, מיישעלע, קום אַרונטער, כ'על דיר אויסקאַמען די קעפּעלע!" 'אָט ער ניט גיענטפערט. רופט זי ווייטער: „מיישעלע, מיישעלע, כ'על דיר געבן פּוטער מיט קוכן!" 'אָט מיישעלע דערערט אַז די מאַמע וויל אים געבן פּוטער מיט קוכן איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון ביידעם. 'אָט אים די רעביצין גיגעבן פּוטער מיט קוכן, און אויסגעקאַמט די קעפּעלע און געלייגט שלאָפן. ווי מיישעלע אָט נאָר איינגעשלאָפן אָט די רביצין גינומען אַ מעסער און 'אָט אים גיקיילעט און 'אָט אָפּגיקאָכט דערפון אַ ראָסל. אַז דער רב איז גיקומען פון שול פרעגט ער: וואו איז מיישעלע: זאָגט זי: „מיישעלע שפּילט זאַך אין גאַס" און 'אָט דערוויילע גיגעבן דעם רב וועטשערע. ווי דער רב 'אָט פאַרזוכט דעם ראָסל 'אָט ער גיזאָגט: „עס הערט זאַך מענטשפלייש!" דערנאָך 'אָט שיינדעלע צונייפגענומען די ביינדעלאַך, איז אַרויס אַפן גאַס און אָנגעהויבן קאָרמענען די פייגעלאַך. 'אָבן די פייגעלאַך רחמנות גע'אַט, 'אָבן זיי אייפגעקליבן די ביינדעלאַך און אַרופגעלייגט אַפן דאַך. און דערפון איז מיישעלע צוריק 'עבעדיק גיוואָרן.

איז מיישעלע געבליבן שטיין אַפן דאַך אַ נאַקעטער. גייט פאַרביי אַ איד מיט 'עמדעלאַך. שרייט מיישעלע: „רעב אידעלע! רעב אידעלע! שיינקט מיר אַ העמדעלע ווע'ל איך אייך זינגען אַ לידעלע:

די מאַמע 'אָט מיר גיקיילעט,
דער טאַטע אָט מיר גיגעסן,

*) אַ קליינע פעסל.

אז די באבעצקע איז געקומען אהיים האָט זי ניט געפונען די קינדערלעך. האָט זי גענומען שרייען און רופן: „קינדערלעך, קינדערלעך, אוו זייט איר?" קיינער ענטפערט ניט. „קינדערלעך, קינדערלעך, אוו זייט איר?" קיינער ענטפערט ניט. האָט זי זיי גענומען זוכן. זי זוכט אין פירעס*) — ניטאָ! זי זוכט אפן בוידעם — ניטאָ! האָט זי ווידער גענומען שרייען און רופן: „קינדערלעך, קינדערלעך, אוו זייט איר?" דערווייל האָט דער קליינינקער העשעלע, וואָס איז געלעגן באהאלטן אין קליינינקען פלעשעלע, דערהערט אז די באבעצקע רופט, איז ער ארויס און האָט איר דערציילט די גאנצע מעשה: ווי ס'איז געקומען א בערעלע און האָט צעבראָכן די טיר און האָט אופגעגעסן אלע קינדערלאך. ווי די באבעצקע האָט דאָס דערהערט, האָט זי גענומען א גרויסן מעסער און איז אוועק צום קאָוואל און האָט אים גוט אָנגעשארפט און באהאלטן אונטערן פארטוך. דערנאָך איז זי אוועק אין וואלד און גענומען רופן: „בערעלע, בערעלע, קום צו מיר אין שטוב אריין!" — „כ'וויל ניט!" זאָגט זי: „בערעלע, בערעלע, כ'וועל דיר געבן קאשע מיט מילך!" — „כ'וויל ניט!" זאָגט זי ווידער: „בערעלע, בערעלע, קום זיך לויזן!" — „כ'וויל!" האָט די באבעצקע אוועקגעלייגט דעם בערעלע אפן שויס און האָט אים גענומען לויזן. און דערנאָך האָט זי ארויסגענומען פון אונטערן פארטוך דעם אָנגעשארפטן מעסער און געמאַכט איבער דעם בערעלעס בייכעלע — „כיק! כיק!" זיינען ארויסגעפאלען אלע קינדערלעך. האָט זי גענומען די קינדערלעך און האָט זיי גוט ארומגעוואשן און ארומגעפוצט, און פארקאמט, און זיי אָנגעטאָן נייע הייזעלעך, מיט נייע שיכעלעך און זעקעלעך, און ארופגעזעצט אף דער לאָפעטע און געמאכט: „פּוּץ, אין חדר אריין!"

א פלעקל אריין,
א פלעקל ארויס —
די מעשה איז אויס!
א פלעקל ארויס,
א פלעקל אריין —
די מעשה איז גאָר פיין!

דערציילט פון סאָרקע איסערס — (ביעליצע, ווילנער גוב.)

(צווייטער וואריאַנט)

אמאָל איז געווען א רב מיט א רביצין, האָבן זיי געהאט א סך קינדערלאָך. איינעם האָט מען גערופן מיישעלע און איינער מייטעלע, איינעם חאצקעלע און איינער כאסקעלע, איינעם טעוועלע און איינער טייבעלע און נאָך א סך, א סך.

איינמאָל איז דער רב מיט דער רביצין געגאנגען אין באָד אריין, האָבן זיי געהייסן די קינדערלאָך פארשליסן די טיר און קיינעם ניט אריינלאָזן. האָבן די קינדערלאָך פארשלאָסן די טיר און זאָך באהאלטן: איינער אפן אויוון און איינער הינטערן אויוון, איינער אפן בעט און איינער הינטער בעט, איינער אפן אלמער און איינער אין אלמער. איז געקומען צוגיין א בער און האָט געגעבן א קלאַפּ אין טיר: קינדערלאָך, קינדערלאָך, עפנט מיר!" זאָגן די קינדערלאָך: „ניין!" זאָגט דער בער: קינדערלאָך, קינדערלאָך, כ'וועל אייך געבן ברויט מיט האָניק!" זאָגן די קינדערלאָך: „ניין!" איז דער בער געוואָרן אין כעס, האָט ער געגעבן א פּאָרץ אין טיר, האָט זאָך די טיר צובראָכן אף פּיצלאָך, איז ער אריין אין שטוב און האָט אויפגעגעסן אלע קינדערלאָך. נאָר מיישעלען האָט ער ניט אויפגעגעסן, ווייל ער האָט זאָך באהאלטן אין אלמער.

אז דער רב מיט דער רביצין זיינען געקומען פון באָד האָבן זיי ניט געפונען די קינדערלאָך,

*) פירהויז.

(צווייטער וואַריאַנט.)

אמאָל איז געווען אַן אָרימער האָלצהעקער האָט ער געהאַט אַ ווייב מיט צוויי קליינע קינדער, אַ אינגעלע מיט אַ מיידעלע. האָט מען דעם אינגעלע גערופן — מיישעלע, און דעם מיידעלע — שיינדעלע. אַז דעם האָלצהעקערס ווייב איז געשטאָרבן האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ צווייטער ווייב, איז זי אָבער געווען אַ גרויסע מערשאַס און אַ בייזע שטיפמאַמע צו די קינדער.

איינמאָל איז דער האָלצהעקער אַוועק אין וואַלד האַקן האָלץ, און די שטיפמאַמע איז געגאַנגען אין מאַרק איינקויפן אַף שבת, האָט זי אַפריער געגעבן די קינדער עפּעס צו עסן, מיישעלען אין אַ טעפּעלע און שיינדעלען אין אַ שיסעלע, און זי האָט זיי אָנגעזאָגט: „מיישעלע, אַז דו וועסט צוברעכן דעם טעפּעלע, וועל איך דיר אַראָפּהאַקן די קעפּעלע! — שיינדעלע, אַז דו וועסט צוברעכן די שיסעלע, וועל איך דיר אַראָפּהאַקן די פּיסעלע!" און זי האָט געטאָן אַ קלאַפּ מיטן טיר און איז אַוועקגעגאַנגען. האָבן די קינדערלאַך מורא געהאַט צו עסן, טאָמער צוברעכט זאַך עפּעס. דערווײַלע האָט דער האָן געטאָן אַ פלי אַפן טיש און האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם טעפּעלע, איז ער צובראָכן געוואָרן אויף פּיץ־פּיצעלאַך. אַז מיישעלע האָט דאָס דערזען, האָט ער זאַך דערשראָקן און האָט אָנגעהייבן צו וויינען. האָט אים שיינדעלע איינגענומען און געזאָגט: שאַ, מיישעלע, וויין ניט, כ'וועל קיינעם ניט אויסזאָגן." און זי האָט גענומען די שערבאַלאַך און פאַרשאַרט אין אַ ווינקעלע. אַז די שטיפמאַמע איז געקומען אַהיים האָט זי ניט געפונען דעם טעפּעלע. פרעגט זי מיישעלען: „אַוווּ איז דער טעפּעלע?" זאָגט ער: „כ'ווייס ניט, דער האָן האָט צובראָכן!" איז די שטיפמאַמע געוואָרן אין כעס, נאָר זי האָט זיך גאָרניט וויסנדיק געמאַכט. דערנאָך זאָגט זי צו מיישעלען: „מיישעלע, קום כ'וועל דיר אויסצוואָגן די קעפּעלע!" איז מיישעלע געגאַנגען. האָט זי אים אַריינגעפירט אין קאַמער און האָט אים אַראָפּגעהאַקט די קעפּעלע און האָט דערפון אָפּגעקאָכט אַ וועטשערע.

אַז דער האָלצהעקער איז געקומען אַהיים פון וואַלד, פרעגט ער: „ווּ איז מיישעלע?" זאָגט די שטיפמאַמע: „כ'ווייס ניט!" האָבן זיי זיך געזעצט צום טיש עסן וועטשערע. האָבן זיי געגעסן די יוך מיט די פליייש. און שיינדעלע האָט פון גאָרנישט ניט געוווּסט, האָט זי אויסגעסמאָקצעט די ביינדעלאַך און אַרויסגעוואָרפן דורכן פענצטער, איז אַף זיי אָנגעוואַקסן אַ בערגעלע ערד, און אַז עס איז געקומען דער ליבער זומער איז פון דעם בערגעלע ערד אַרויסגעוואַקסן אַ נייער מיישעלע. שטייט זיך מיישעלע אַפן בערגעלע ערד. זעט ער, עס גייט פאַרביי אַ שניידער. שרייט ער: „שניידערל, שניידערל! מאַך מיר אַ פאָר הייזעלאַך וועל איך דיר זינגען אַ לידעלע:

די מאַמע האָט מיך געקיילעט,
דער טאַטע האָט מיך געגעסן;
און מיין שוועסטער שיינדעלע
האָט אויסגעסמאָקצעט מיין ביינדעלע
און אַרויסגעוואָרפן דורכן פענצטער!"

אַז דער שניידער האָט געהערט די לידעלע, האָט ער אַף אים רחמנות געהאַט און אים געמאַכט אַ פאָר הייזעלאַך. האָט זאַך מיישעלע אָנגעטאָן די הייזעלאַך, זעט ער עס גייט פאַרביי אַ שוסטער. שרייט ער: „שוסטערל, שוסטערל! מאַך מיר אַ פאָר שטיוועלאַך וועל איך דיר זינגען אַ לידעלע:

די מאַמע האָט מיך געקיילעט,
דער טאַטע האָט מיך געגעסן;
און מיין שוועסטער שיינדעלע
האָט אויסגעסמאָקצעט מיין ביינדעלע
און אַרויסגעוואָרפן דורכן פענצטער!"

און מיין שוועסטערל שיינדעלע
'אַט צונייפגינומען מייןביינדעלע
און גיוואָרפן צו די פייגעלאַך."

'אַט דער איד אַף אים רחמנות געאַט, אַט ער אים גיגעבן א 'עמדעלע. דערנאָך אי' פארבייגיגאנגען א שניידערל. שרייט ער: „שניידערל! שניידערל! שיינק מיר א גאַר־ ויטערל, 'על איך דיר זינגען א לידעלע:

די מאַמע 'אַט מיר גיקיילעט,
דער טאַטע אַט מיר גיגעסן
און מיין שוועסטערל שיינדעלע,
'אַט צונייפגינומען מיין ביינדעלע
און גיוואָרפן צו די פייגעלאַך."

'אַט דער שניידערל אַף אים רחמנות גיאַט, 'אַט ער אים גיגעבן א גארניטערל. דערנאָך איז פארבייגעגאנגען א שוסטערל. שרייט מיישעלע: „שוסטערל! שוסטערל! שיינק מיר א פּאָר שטיוועלאַך וועל איך דיר זינגען א לידעלע:

די מאַמע 'אַט מיר גיקיילעט,
דער טאַטע אַט מיר גיגעסן
און מיין שוועסטערל שיינדעלע,
'אַט צונייפגינומען מיין ביינדעלע
און גיוואָרפן צו די פייגעלאַך."

'אַט דער שוסטערל אַף אים רחמנות גיאַט, 'אַט ער עם גיגעבן א פּאָר שטיוועלאַך. דערנאָך איז פארבייגעגאנגען א קירזנערל. שרייט מיישעלע: „קירזנערל! קירזנערל! שיינק מיר א היטעלע, 'על איך דיר זינגען א לידעלע:

די מאַמע 'אַט מיר גיקיילעט,
דער טאַטע אַט מיר גיגעסן
און מיין שוועסטערל שיינדעלע,
'אַט צונייפגינומען מיין ביינדעלע
און גיוואָרפן צו די פייגעלאַך!"

'אַט דער קירזנער אַף אים רחמנות געאַט, 'אַט ער אים גיגעבן א היטעלע. אַז מיישעלע אי' שיין גיוועזן אינגאַנצן אנגעטאָן איז ער אראָפּגעשפּרונגען פון דאַך און גילאָפן אהיים. אַט ער גיזען דורכן פענצטער ווי די מאַמע זיצט און וויינט: „מיישעלע, מיין קינד, אוווּ ביזטע איצטער? וואָס 'אָב איך גיאַט צו דיר? פאַר וואָס 'אָב איך דיר גיקיילעט?" אַז מיישעלע 'אַט דערערט דעם געוויין פון דער מאַמען, איז ער מיט אימפעט אריין אין שטוב. אַז די מאַמע 'אַט דערזען מיישעלען, 'אַט זי אים גלייך געכאַפּט אין אירע אָרעמס און גינומען קושן און וויינען פאַר שמחה. און זי אַט גישוואָרן, אַז זי וועט שיין קיינמאָל צו אים ניט זיין שלעכט. און אַט אים צוגיזאָגט, אַז פון איצט אָן וועט אים זיין זייער גוט בא איר. און מיישעלע איז איינגעשלאָפן.

א פלעקל אריין,
א פלעקל ארויס,
די מעשה איז אויס!

דערציילט פון מאַטילדע מאָלדאַווין — (וואַשליקאָוו, גראָד. גוב.).

ברעכן אים גוט אָן דיביינער און וואַרפן אים אַרויס פון שטוב. לויפט ער ווידער אהיים צום קייסער מיט א געוויין: „טאַטע, כ'בין געווען אויף א חתונה, האָב איך געזאָגט: גוט מאָרגן, פּאַני פּאָטשטאַליאָן, אפשר האָט איר ניט געזען מיין שקאַרפּעטקע? האָבן זיי מיר אזוי צעהרגט!" טראַכט זיך דער קייסער: „א נאַר איז א צער, אָבער שכל דאַרף מען אים לערנען". זאָגט ער צו אים: „נאָך אמאָל, מיין זון, אז דו וועסט קומען אויף א חתונה, זאָלסטו אריינוואַרפן א קאָפּיקע אין טעלער און גיין טאַנצן מיט אַלעמען צוגלייך". — „גוט," זאָגט דער נאַר, „נאָכאמאָל וועל איך טאָקע אזוי טאָן". און ער גייט זיך ווייטער אוועק.

גייט ער, גייט ער, דערזעט ער א הויז ברענט, ס'איז א גרויסע שרפה. לויפט ער אריין אין דער ברענענדיקער הויז, וואַרפט אריין א קאָפּיקע אין א טעלער און גייט טאַנצן. אז די פּאָזשאַרניקעס*) האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און האָבן אים אָפּגעפּליוכעט מיט די פּאָזשאַרנע קישקע פון קאָפּ ביז די פיס. לויפט ער שוין ווידער אהיים צום קייסער מיט א קלאָג: „טאַטע, כ'האָב געזען א הויז ברענט, בין איך אריינגעלאָפן אינעווייניק, האָב אריינגעוואָרפן א קאָפּיקע אין א טעלער און געגאַנגען טאַנצן, האָבן מיר די פּאָזשאַרניקעס געמאַכט אזא קאַלטע באָד!" האָט דאָס שוין דעם קייסער פאַרדראָסן. זאָגט ער צו אים: „רעכט אָף דיר נאָכאמאָל זאָלסטו ניט זיין קיין נאַר! אז מען זעט עס ברענט, נעמט מען אָן עמער וואַסער און מע לעשט".—„גוט", זאָגט דער נאַר, „נאָכאמאָל וועל איך טאָקע אזוי טאָן". און ער גייט זיך ווייטער אוועק. אויף מאָרגן אינדערפרי, נאָך דער קאַלטער באָד, גייט זיך אזוי דער נאַר אויפן גאַס. דערזעט ער, א יידענע טראָגט א קאָשיק מיט הייסינקע זעמאַלאַך און עס גייט א פּאַרע. מיינט ער, עס ברענט. כאַפּט ער אָן עמער וואַסער און הייבט אָן לעשן די זעמעלעך. האָט אים די אידענע גוט אָנגעפּאַטשט דערפאַר און ביי אים אַראָפּגעכאַפּט די היטל. לויפט ער אהיים צום קייסער אָן א היטל: „טאַטע, כ'האָב געזען א יידענע מיט זעמאַלאַך און ס'איז געגאַנגען א פּאַרע, האָב איך גענומען אָן עמער וואַסער און געלאָשן, האָט זי מיר אָנגעפּאַטשט און אַראָפּגעכאַפּט מיין היטל." איז שוין דער קייסער געוואָרן אין כעס, האָט ער גענומען שרייען אויף אים: „דו נאַר! אז מען זעט אָן אָרימע יידענע מיט זעמאַלאַך, קויפט מען פאַר א קאָפּיקע א זעמעלע." — „גוט," זאָגט דער נאַר, „נאָכאמאָל וועל איך טאָקע אזוי טאָן. און ער גייט זיך ווייטער אוועק.

גייט ער, גייט ער, דערזעט ער ווי א יון גראַבלט זיך עפּעס אין שמוץ, זאָגט ער צו אים: „פאַרקויף מיר פאַר א קאָפּיקע!" — „אָך, מיט דעם גרעסטן פאַרגעניגן", זאָגט דער יון, „פאַר א קאָפּיקע קען איך דיר פאַרקויפן א פולן וואָגן." לויפט שוין דער נאַר אהיים צום קייסער מיט א שמחה: „טאַטע, כ'האָב געכאַפּט א מציאה!" און דער דערציילט אים וואָס דער יון האָט געזאָגט. אז דער קייסער האָט דאָס דערהערט, איז ער שוין אויף אָן אמת אין כעס געוואָרן און האָט דעם נאַר אַרויסגעטריבן פון שטוב.

דערציילט פון אַ ווילנער בחור — (ווילנע).

5. דאָס מזל.

ס'זיינען אמאָל געווען צוויי ברידער, איינער אַן אָרימער און דער אנדערער א רייכער. איז דער אָרימער ברודער געווען א משרת ביים רייכן. איינמאָל, ווי ער שטייט אזוי און היט דאָס טויער פון זיין רייכן ברודער, זעט ער, ווי עס קומט צו א קליין מענטשעלע מיט א גאָלדן קאַפּעלישל אויפן קאָפּ און מיט א זעקל גאָלד אויפן פּלייצע און טראָגט עס גלייך צום רייכן אין שטוב אריין. פרעגט ער אים: „ווער ביזטו?" זאָגט דאָס מענטשעלע: „כ'בין דיין ברודערס מזל." האָט זיך דער אָרימער פאַרוואונדערט. דערנאָך פרעגט ער אים ווידער: „כ'בעט דיך, אפשר ווייסטו וווּ מיין מזל געפינט זיך?" — „אודאי ווייס איך", זאָגט דאָס קליין מענטשעלע, „נאָר ס'וועט דיר גאָר ניט ארויסקומען דערפון אז כ'וועל דיר זאָגן, ווייל ס'מזל

*) פייער-לעשער.

אז דער שוסטער האָט געהערט די לידעלע האָט ער אַף אים רחמנות געהאַט און אים געמאַכט א פּאָר שטיוועלאַך. האָט זאַך מיישלע אָנגעטאָן די שטיוועלאַך, זעט ער עס גייט פארביי א קירזנער. שרייט ער: „קירזנערל, קירזנערל! מאַך מיר א היטעלע, וועל איך דיר זינגען א לידעלע:

די מאַמע האָט מיך געקיילעט,
דער טאַטע האָט מיך געגעסן;
און מיין שוועסטער שיינדעלע
האָט אויסגעסמאָקצעט מיין ביינדעלע
און ארויסגעוואָרפן דורכן פענצטער!"

אז דער קירזנער האָט געהערט די לידעלע, האָט ער אַף אים רחמנות געהאַט און אים געמאַכט א היטעלע. האָט זאַך מיישעלע אָנגעטאָן די היטעלע און אַוועקגעלאָפן אין חדר־אריין.

א קלעצל אריין,
א קלעצל ארויס,
די מעשה איז אויס!

דערציילט פון דער מומע רחל (ווילנע).

4. אַ מעשה פון אַ נאַר.

אמאָל איז געווען א קייסער, האָט ער געהאַט צוויי זין — איינעם א נאַר און איינעם א קלוגן. איינמאָל האָט דער קייסער פאררופן זיינע זין צו זיך און האָט צו זיי אזוי געזאָגט: „הערט זיך איין, מיינע ליבע קינדער, שוין צייט איר זאָלט זיך לערנען עפּעס א מלאָכה אָדער א חכמה. ארומצוגיין ליידיק איז קיין תכלית ניט. זאָגט־זשע מיר, ליבע קינדער, וואָס ווילט איר טאָן?" — „איך וויל גיין לערנען אַלע חכמות אויף דער וועלט," האָט דער קלוגער גלייך געענטפערט. „און דו?" פרעגט דער קייסער דעם נאַר. „און איך," זאָגט דער נאַר, „וויל בעסער גיין צום טייך, וואשן גרעט". — „גאַנץ גוט," זאָגט דער קייסער, „וואשן גרעט איז אויך א מלאָכה". און ער האָט זיי געגעבן געלט און יעדער איז זיך אוועק זיין וועג: דער קלוגער לערנען און דער נאַר — וואשן גרעט. איינמאָל שטייט זיך אזוי דער נאַר ביים טייך און וואשט זיינע גרעט. וואשט ער, וואשט ער, וואשט ער. פּלוצלונג איז אים אוועקגעשווומען א שקאַרפּעטקע און—ניטאָ! לויפט ער זי זוכן אויף דער אנדער זייט טייך. לויפט ער, לויפט ער, באַגעגנט ער א פּאָטשטאַליאָן*), זאָגט ער צו אים: „הער נאַר, דו, האָסטו ניט באַגעגנט מיין שקאַרפּעטקע?" דער פּאָטשטאַליאָן האָט ניט געוווּסט אז דאָס איז דעם קייסערס זון, האָט אים פאַרדראָסן די מעשה. טראַכט ער ניט קיין סך, און לאָזט אים אַראָפּ אזא פּראַסק אין באַק, אז זי איז אים געשוואָלן געוואָרן ווי א פּאַמפּושקע. לויפט דער נאַר אַהיים צום קייסער מיט א געוויין: „טאַטע, כ'האָב געוואשן גרעט ביים טייך, איז מיר פארשוווּמען א שקאַרפּעטקע. פרעג איך ביים פּאָטש־טאַליאָן, צו ער האָט ניט באַגעגנט מיין שקאַרפּעטקע, נעמט ער און מאַכט מיר אזא געשוואָלענע באַק!" טראַכט זיך דער קייסער: „א נאַר איז א צער, אָבער שכל דאַרף מען אים לערנען!" זאָגט ער צו אים: „נאָכאַמאָל, מיין זון, אז דו וועסט טרעפן א פּאָטשטאַליאָן זאָלסטו אפריער אַראָפּנעמען די היטל און זאָגן: גוט מאָרגן, פּאַני פּאָטשטאַליאָן! אפשר האָט איר ניט געזען מיין שקאַרפּעטקע?" — „גוט", זאָגט דער נאַר, „נאָכאַמאָל וועל איך טאָקע אזוי טאָן" און ער גייט זיך ווייטער אוועק.

גייט ער, גייט ער, גייט ער, דערזעט ער אין א שטוב איז א חתונה. לויפט ער אריין אויף דער חתונה, כאַפּט אַראָפּ די היטל פון קאָפּ און זאָגט צום חתן: „גוט מאָרגן, פּאַני פּאָטשטאַליאָן! אפשר האָט איר ניט געזען מיין שקאַרפּעטקע?" דער חתן מיט די מחותנים קוקן אים אָן ווי משוגע: „ווער פּאָטשטאַליאָן? וואָס שקאַרפּעטקע?" און זיי נעמען און

*) בריוו־טרעגער.

6. דער שטריק־דרייער.

אמאָל איז געווען אן אָרימער ייד, א שטריקדרייער. איז ער געווען אזוי אָרים, אז ער האָט אפילו ניט געהאט מיט וואָס צו קויפן קלאָטשע פאר זיינע שטריק צו דרייען. פלעגט ער ארומגיין אויף די גאסן און אויפן מארק צוזאמענקלייבן שטיקלעך אלטע קלאָטשע און פון דערפון פלעגט ער פלעכטן זיינע שטריק. איינמאָל גייט פארביי א רייכער פּריץ, זעט ער ווי דער ייד שטייט אין מיטשעט זיך נעבעך מיט די שטיקלעך אלטע קלאָטשע און קען גאָרניט מאכן. פרעגט אים דער פּריץ: „וואָס טיסטי דאָ?" זאָגט דער ייד: „כ'האָב ניט קיין נייע קלאָטשע צי מאכן מיינע שטריק." האָט דער פּריץ ארויסגענומען א זעקעלע מיט געלט אין האָט געזאָגט: „איך גיב דיר דאָ דריי הינדערט רענדלעך, זאָלסט דיר צירעכטמאכן דעם דאך פין דיין שטוב און זאָלסט דיר קויפן נייע קלאָטשע צי מאכן דיינע שטריק". האָט דער ייד זייער שטארק אָנגעדאנקט דעם פּריץ פאר דער מתנה, ציגענימען די דריי הינדערט רענדלעך און אריין אין שטוב. דערנאָכדעם האָט ער ארויסגענימען א רענדל, געגעבן דער ווייב אויף וועטשטערע און אליין איז ער אוועק אויפן מארק און האָט זיך געקויפט א ניי היטל. דערנאָך אז זיי האָבן אָפּגעגעסן וועטשערע האָט ער אריינגעלייגט דאָס זעקל מיט די רענדלעך אינם נייעם היטל, האָט עס אָנגעטאָן אויפן קאָפּ און זעך געלייגט שלאָפן. נאָר אזוי ווי די שטיב האָט געהאט א צעבראָכענעם דאך, איז דורכגעפלויגן א פויגל, האָט ארייגעכאפּט ס'היטל מיט די רענדלעך אין מויל אריין און איז אוועקגעפלויגן. אז זיי זענען אויפגעשטאנען אינדערפרי האָבן זיי ווייטער גאָרנישט ניט געהאט און דער ייד האָט זיך ווייטער געשטעלט דרייען זיינע שטריק פין אלטע קלאָטשע.

אין א צייט ארום גייט ווייטער פארביי דער פּריץ, זעט ער ווי דער ייד שטייט נעבעך און מיטשעט זיך ווידער מיט די אלטע קלאָטשע, דרייט און דרייט אין ס'קימט גאָרניט ארויס. זאָגט ער צי אים: „דו דרייסט שוין ווייטער דיינע שטריק פין אלטע קלאָטשע? ווו האָסטי אהינגעטין דאָס געלט?" דערציילט אים דער ייד פינם אימגליק וואָס האָט אים געטראָפן איבער דעם צעבראָכענעם דאך. האָט דאָס פּריץ אלץ אויסגעהערט, זעך באקלערט א ביסל אין האָט געזאָגט: „נא, כ'גיב דיר דאָ נאָכאמאָל דריי הינדערט רענדלעך, נאָר זע, ס'זאָל אזעלכעס מער ניט טרעפן!" — חלילה, גאָט באהיט!" זאָגט דער שטריקדרייער, „ס'וועט אזעלכעס מער ניט טרעפן!" אין ער האָט זייער שטארק אָנגעדאנקט דעם פּריץ פאר דער צווייטער מתנה, ציגענימען די דריי הינדערט רענדלעך אין איז אריין אין שטיב. דערנאָכדעם האָט ער ארויסגענימען א רענדל, געגעבן ס'ווייב אויף וועטשערע און ס'איבעריקע האָט ער באהאלטן אין א טאָפּ מיט קלייען, וואָס איז געשטאנען אין א ווינקל. דאָס ווייב האָט אָבער גאָרניט געוויסט דערפין. מאכט זעך גראָד, ווען דער שטריקדרייער איז ניט געווען אין דער היים, פאָרט צי א באלאגאָלע, שטעלט זעך אָפּ פארן שטיב אין פרעגט זי: „באלעבאָסטעניו, אפשר האָט איר ניט אמאָל עפּעס צי עסן פאר מיין פערד?" — „כ'האָב גאָרנישט", זאָגט די יידענע, „בלויז א טאָפּ מיט קלייען, וואָס שטייט דאָ אין ווינקל." האָט דער באלעגאָלע אָפּגע־קויפט בא איר דעם טאָפּ מיט קלייען פאר א שטיקל זייף, און איז אוועקגעפאָרן. אז דער מאן איז אהיימגעקימען, פרעגט ער: „ווו איז דער טאָפּ מיט קלייען?" דערציילט זי אים, אז זי האָט עס פארטוישט פאר א שטיקל זייף. אז דער מאן האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך געוואָלט א מעשה אָנטאָן. ער האָט זעך געבייזערט און געשריגן, אבער ס'האָט אים גאָרנישט געהאָלפן און ער האָט זעך ווייטער גענויזט שטעלן דרייען זיינע שטריק פין אלטע קלאָטשע.

אין א צייט ארום גייט פארביי דער פּריץ מיט זיין עקאָנאָם, זעט ער ווי דער ייד דרייט שוין ווייטער זיינע שטריק פין אלטע קלאָטשע. האָט עס אים שטארק פארדראָסן. האָט ער געטין א מאך מיטן האנט און איז אוועקגעגאנגען. דער שטריקדרייער איז אים נאָכגעלאָפן

דיינס ליגט ערגעץ אויף אַ וויסט פעלד. ס׳איז קרעציק און אָפּגעלאָזן און פאַרשלאָפן, און ס׳איז שווער אהין צוצוקומען". אָבער דער אָרימער ברודער האָט ס׳קליין מענטשעלע ניט אָפּגעלאָזט. ער האָט אָנגעהויבן בעטן און וויינען, נאָר עס זאָל אים זאָגן, ווו זיין אָרים מזל געפינט זיך. האָט דאָס מענטשעלע אויף אים רחמנות געקראָגן, זאָגט ער צו אים: „גוט, כ׳וועל דיר זאָגן: זאָלסט גיין אהין דאָרטן ווייט, ווייט, וועסטו קומען צו אַ פעלד; זאָלסטו גיין ווייטער וועסטו קומען צו אַן אַנדער פעלד, וועסטו זען טויזנטער מזלות ליגן פאַרשלאָפן, זאָלסטו זיי ניט וועקן; זאָלסטו גיין ווייטער, וועסטו זען טויזנטער מזלות האָבן זיך שוין אַביסל אויפגעטשוכעט, זיצן זיי אַזוי זיך, גענעצן און קראַצן זיך, זאָל עס דיך ניט אַרן. זאָלסטו גיין ווייטער, ווייטער און זוכן; וועסטו געפינען אַ מזל, וואָס איז מער פאַרשלאָפן ווי אַלע אַנדערע און כראָפּעט שטאַרקער, ווי אַלע אַנדערע, זאָלסטו וויסן, אַז דאָס איז דיין מזל!" און אַזוי ווי דאָס קליין מענטשעלע מיטן גאָלדן קאַפעלישל האָט אָפּגערעדט, איז עס באַלד פאַרשוווּנדן.

אויף מאָרגן אינדערפרי האָט זיך דער אָרימאַן אויפגעהויבן און איז געגאַנגען זוכן זיין מזל. איז ער געגאַנגען און געגאַנגען ביז ער איז צוגעקומען צו אַ וויסט פעלד, אַזוי ווי דאָס מענטשעלע האָט אים געזאָגט. האָט ער זיך ניט אָפּגעשטעלט און איז ווייטער געגאַנגען, ביז ער איז צוגעקומען צו אַן אַנדער פעלד, אויך אַזוי וויסט. האָט ער זיך אַרומגעקוקט, האָט ער געזען אַ סך און פאַרשיידנערליי מזלות ליגן נעבעך פאַרשלאָפן און כראָפּן. האָט ער זיי ניט געטשעפּעט; אַנדערע ווידער זיינען געזעסן און געגעניצט און געקראַצט זיך, האָט ער זיך אויף זיי ניט אומגעקוקט און איז געגאַנגען ווייטער און געזוכט, ביז ער האָט דערזען ווי איינס, וואָס איז געווען פאַרשלאָפן מער ווי אַלע אַנדערע, האָט ער באַלד דערקענט, אַז דאָס איז זיין מזל. גייט ער צו און הייבט אָן צו וועקן: „מזל, מזל מיינס, שטיי אויף! וואָס ביזטו אַזוי פאַרפאָפן?" דאָס מזל רירט זיך ניט, עס שלאָפט, עס כראָפּעט געשמאַק. וועקט ער עס ווידער, אָבער עס העלפט ניט. הייבט ער אָן צו וויינען און שרייען: „מזל, מזל מיינס, שטיי אויף! גענוג דיר שוין צו שלאָפן! גענוג דיר שוין צו שלאָפן!" האָט זיך דאָס מזל קוים מיט צרות אַביסל אויפגעטשוכעט און געעפנט די אויגן און גענומען געניצן. אַז דער אָרימאַן האָט דאָס דערזען, האָט ער זיך דערפרייט און גענומען זיך בעטן: „מזל, מזל מיינס! שלאָף ניט! קוק זיך אַרום, זע מיין ווייב און קינדער זיינען הונגעריק, העלף מיר, גיב מיר עפּעס!" האָט דאָס מזל גאָרנישט געזאָגט, אַריינגעשטעקט די קרעציקע האַנט אין בוזים אַריין, אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטן אַ זילבערנעם גילדן און האָט עס אים דערלאַנגט. „וואָס וועל איך האָב דערפון?" פרעגט דער אָרימאַן. „וועסט האָבן, וועסט האָבן!" בייזערט זיך דאָס מזל. „גיי אויפן מאַרק און קויף די ערשטע זאַך וואָס דו וועסט אָנטרעפן". איז דער אָרימאַן אַוועק אויפן מאַרק, האָט ער אָנגעטראָפן אַ גוי, וואָס האָט געטראָגן אַ הון צו פאַרקויפן. האָט ער געקויפט די הון, אַוועקגעטראָגן אַהיים און זיך געלייגט שלאָפן. איז די הון אַרויפגעפלויגן אויפן שאַפע און האָט זיך אויך געלייגט שלאָפן.

פאַרטאָג, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער באַמערקט ווי פון שאַפע בליסטשעט עפּעס אַראָפּ. איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער, האָט ער דערזען אויפן שאַפע ליגט אַ גאָלדענע איי, וואָס די הון האָט געלייגט. האָט ער באַלד אויפגעוועקט דאָס ווייב מיט די קינדער און האָט זיי געוויזן די גאָלדענע איי, האָבן זיך אַלע זייער דערפרייט און גענומען טאַנצן און שפּרינגען. דערנאָך האָט ער גענומען די גאָלדענע איי און דאָס פאַרקויפט פאַר זייער אַ סך געלט, און פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרן אַלץ רייכער און רייכער.

און זיי איז גוט,
און אונדז איז נאָך בעסער.

דערציילט פון י. קאָטלער — (זשיטאָמיר).

פּריצס מאַיאָנטקעס און וואָס איר וועט נאָר וועלן." און אַזוי איז טאַקע געבליבן: דער גאָלדשמיד האָט צעהאַקט דעם דימענט אויף קליינע שטיקעלעך און דער שטריקדרייער האָט אַלע מאָל ארויסגענימען א שטיקעלע דימענט און האָט אָפּגעקויפט דערמיט א הויז, א פעלד, א וואַלד און אזוי האָט ער אויפגעקויפט מאַיאָנטקעס און איז געוואָרן זייער רייך. און אַלע אַרומיקע פּריצים האָבן זעך מיט אים גערעכנט ווי מיט זייערס־גלייכן.

איינמאָל האָט איינער פין די פּריצים געמאַכט זייער אַ רייכן באַל, האָט ער אויך פארבעטן דעם שטריקדרייער מיט זיין ווייב. האָבן זיי זעך ביידע אויסגעפּיצט אין עסיק און אין האָניק, איינגעשפּאַנט דעם שיינעם פערד אין דער שיינער בריטשקע און זענען אַוועקגעפאָרן צים באַל. פאָרנדיק אַזוי אויפן וועג זענען זיי פארבייגעפאָרן א פּיסט פעלד. פּאַרקיקט זעך דער שטריקדרייער אַהין, זעט ער ווי עס שטייט אַ שווארצע קראָ אין פּיקט עפּעס מיטן שנאָבל אין א באַקאַנטער זאַך. איז אים געוואָרן טשיקאַווע צי זען, וואָס דאָס איז. גייט ער אַראָפּ פין בריטשקע אין גייט צי צים אָרט, וווּ די זאַך איז געלעגן האָט ער דערקענט, אַז דאָס איז זיין היטל מיט די דריי תּינדערט רענדלעך, וואָס א פויגל האָט פין אים אַמאָל אַראָפּגעכאַפּט. האָט ער דאָס אויפגעהויבן און געפאָרן ווייטער. אָפּפאָרנדיק אזוי א פּאָר מייל האָט ער באַמערקט, אַז ס'איז אים אויסגעגאַנגען דאָס עסן פארן פערד. שטעלט ער זיך אָפּ לעבן א קליין הייזל און פרעגט דאָרט ביי דער יידינע, צי זי האָט ניט עפּעס צי עסן פאר זיין פערד. „כ'האָב גאָרנישט", זאָגט די יידינע, „בלויז א ביסעלע קלייען אין א טאָפּ". נעמט ער ביי איר די קלייען און גיט עס דעם פערד צי עסן, זעט ער ווי עס פאַלן דערפין ארויס א סך גאָלדענע רענדלעך. דערמאָנט ער זעך, אַז דאָס איז דער אייגענער טאָפּ מיט די רענדלעך, וואָס ער האָט אַמאָל באַהאַלטן. האָט ער זיי צוזאַמענגעקליבן אין געזאָגט: „אז עס גייט, גייט עס פין אַלע זייטן", און איז אוועקגעפאָרן צים באַל.

דערציילט פון טויבע סאסטשין — (טשימעראָוויץ, פּאָדאָל. גוב.).

7. דער אוצר אין שטעקן.

ס'איז אַמאָל געווען אַ רייכער אַרענדאַר. האָט ער געהאַט זייער אַ שיין ווייבל. האָט ער מורא געהאַט זי אַרויסצולאָזן אליין פון שטוב, קיין בייז אויג זאָל איר ניט שאַטן. אַז זי האָט באַדאַרפט ערגעץ גיין, איז ער מיט איר מיטגעגאַנגען אָדער ער האָט מיטגעשיקט זיין משרת ער זאָל זי באַלייטן. איינמאָל אָבער האָט זי באַדארפש גיין אין מקוה אַריין, האָט זי זיך אַרויס־געכאַפּט פון שטוב קיינער זאָל ניט זען און איז אַליין אַוועק אין שטאָדט אַריין. אויפן וועג איז זי פאַרבייגעגאַנגען אַן אַלטן שלאָס, ווו עס האָט געוווינט אַ רייכער פּאָפּ, איז ווי נאָר ער האָט זי דערזען דורכן פענצטער האָט ער זעך באַלד פאַרליבט אין איר. אַזוי שיין איז זי געווען. און ער האָט באַלד אַרויסגעשיקט זיינע באַדינערס זיי זאָלן איר כאַפּן און ברענגען אין שלאָס אַריין.

זיינען די באַדינערס אַרויס און האָבן זי באַלד געכאַפּט און מיט געוואַלד אַריינגעשלעפּט אין שלאָס אַריין. איז דער פּאָפּ צו איר צוגעגאַנגען און האָט אָנגעהויבן צו איר צו ריידן זיסע רייד. ער האָט איר געזאָגט, אַז ער איז שרעקלעך פאַרליבט אין איר, אַז ער קען אָן איר ניט לעבן און נאָך אַזעלכע זאַכן. האָט דאָס ווייבל געזען אַז עס האַלט שמאָל, איז זי געפאַלן אויף אַ המצאה. זאָגט זי צום פּאָפּ: „דו קענסט מיט מיר טאָן אַלץ וואָס דו ווילסט, נאָר מיט איין באַדינג, זאָלסט מיר פריער געבן עפּעס צו עסן. איך בין אַרויסגעגאַנגען פון דער היים גאַנץ פרי, בין איך אויסגעמאַטערט און הונגעריק. ברענג מיר עפּעס צו עסן!" ווי דער פּאָפּ האָט דאָס דערהערט, האָט ער זעך גאָר דערפרייט, איז ער באַלד אַוועק אין שטאָדט איינקויפן פון די בעסטע מאכלים פאַרן שיינעם ווייבל. אַז ער איז אַוועק, האָט דאָס ווייבל זעך גענומען

אין האָט אים געוואָלט דערציילן וואָס האָט געטראָפן, אָבער דער פריץ איז שוין געווען ווייט אוועק. איז ער נאָכגעלאָפן דעם עקאָנאָם און האָט אים דערציילט ווי אזוי ער האָט פארלוירן די דריי הינדערט רענדלעך און אז ער איז צוריק דערזעלביקער אָרימאן וואָס פריער. „כ'קען דיר גאָרנישט העלפן,“ זאָגט דער עקאָנאָם, „כ'האָב אין מיין קעשענע א שטיקל בליי, נא דאָס דיר, ס'וועט דיר צוניץ קימען!“ דער ייד האָט ציגענימען דאָס שטיקל בליי און איז אהיינגעגאנגען. אין דער היים האָט ער דאָס נאָכאמאָל באקיקט און געזען אז ס'האָט גאָרניט קיין ווערט. האָט ער עס א וואָרף געטין אויף דרערד און האָט געזאָגט: „אז עס גייט, גייט עס פין אלע זייטן.“ זיין ווייב האָט אָבער פין גאָרנישט געוויסט. זעט זי אויף דער ערד ליגט א שטיקל בליי הייבט זי עס אויף און לייגט עס אוועק אויפן טיש. מאכט זיך גראָד, ווען דער שטריקדרייער איז ניט געווען אין דער היים, קימט צי א פישער וואָס האָט געוווינט דערנעבן און פרעגט זי: „באלעבאָסטעניו, אפשר האָט איר ניט אמאָל עפּעס א שווערע זאך צי מאכן שווערער מיין נעץ?“ — „כ'האָב גאָרניט“, זאָגט די יידענע, „בלויז א שטיקל בליי, וואָס ליגט דאָ אויפן טיש, נעמט עס אייך!“ דער פישער האָט ציגענימען דאָס שטיקל בליי און האָט איר ציגעזאָגט דערפאר צי ברייננגען דעם ערשטן פיש, וואָס ער וועט כאפּן. איז ער אוועק צים טייך און אריינגעלייגט דאָס שטיקל בליי אין זיין נעץ איז עס געוואָרן שווערער, איז עס אראָפּ טיפער אין וואסער. ס'האָט לאנג ניט גענימען האָט ער באלד געכאפּט דעם ערשטן פיש, האָט ער אים אוועקגעטראָגן צים שטריקדרייערס ווייב: „דאָ האָט איר א שיינעם פיש אויף שבת“, זאָגט דער פישער, „עסט אים געזינטערהייט!“ די יידענע האָט אים דערפאר אָנגעדאנקט א פילן ספּאָדיק און זי האָט זעך באלד גענומען צי מאכן דעם פיש. נאָר ווי נאָר זי האָט אים אָפּגעשאָבן און אויפגעשניטן דעם בויך האָט עפּעס געטאָן א בליסטש מיט אזא ליכטיקייט, אז זי איז שיר ניט פארבלענדט געוואָרן. אין מיטן איז אָנגעקומען איר מאן, דער שטריקדרייער. זעט ער ס'איז עפּעס אזוי מאָדנע ליכטיק אין אלע ווינקעלעך פין שטיב. פרעגט ער: „וואָס איז דאָס?“ זאָגט זי: „כ'ווייס ניט“, און ווייזט אים מיטן האנט אויפן פיש, וואָס דער פישער האָט איר געבראכט. לויפט ער צי אין גיט א קיק — זעט ער ווי אינם בויך פין דעם פיש ליגט א גרויסער שטיין, וואָס שיינט און בליסטשעט מיט אלערליי ווינדערלעכע קאָלירן. האָט ער ניט געמאכט קיין לאנגע יעשיעס*), געכאפּט און איינגעוויקלט דעם ווינדערלעכן שטיין אין א שמאטע און אוועקגעטראָגן צים גאָלדשמיד, פרעגן וויפיל ס'איז ווערט. אָבער ווי נאָר דער גאָלדשמיד האָט פארנאנדערגעוויקלט די שמאטע אין ארויסגענומען דעם שטיין, איז ער אויך שיר ניט פארבלעדט געוואָרן פין זיין ליכטיקייט און פין זיינע ווינדערלעכע קאָלירן. „אוי ווי, דאָס איז דאָך גאָר א טייערער דימענט!“ האָט דער גאָלד־שמיד אויסגעשריגן, „רעב ייד, ווי האָט איר אים גענימען? — „אָבער וויפיל איז ער ווערט?“ האָט דער שטריקדרייער געפרעגט. „וויפיל ער איז ווערט, ווייס איך ניט“, האָט דער גאָלד־שמיד געזאָגט, „נאָר מיר דוכט זעך, אז ווען צוויי מלוכות זאָלן ציזאמעננעמען דאָס גאנצע גאָלד און זילבער און אלע אוצרות וואָס זיי פארמאָגן, וואָלטן זיי נאָך אלץ ניט פארמאָגט אזוי פיל, וויפיל דער דימענט איז ווערט.“ אז דער שטריקדרייער האָט דערהערט פין אזוי פיל אוצרות איז ער געבליבן שטיין א געפּלעפּטער אין האָט ניט געוויסט וואָס צי זאָגן. האָט ער געקלערט אין געקלערט און דערנאָך ריפט ער זיך אָפּ צום גאָלדשמיד: „איך וויל אים פאר־קויפן.“ האָט זעך דער גאָלדשמיד צעלאכט: „כ'ווייס אז איר ווילט! אָבער קיינער וועט דעם דימענט ביי אייך ניט קויפן, וואָרים ס'איז נישטאָ אזא מענטש אויף דער וועלט וואָס זאָל פארמאָגן אזוי פיל געלט.“ — „וואָס־זשע טיט מען?“ פרעגט דער שטריקדרייער. „גאָר־נישט“, זאָגט דער גאָלדשמיד. „נאָר מיין עצה וואָלט געווען, איר זאָלט מיר הייסן דעם דימענט צעהאקן אויף קליינע שטיקעלעך, וועט איר פאר דעם קלענסטן שטיקעלע קענען אָפּקויפן דעם

*) שהיות.

שטיב אראָן. ווען זיי זענען אַרויפגעקימען האָט זי זיי געגעבן צי עסן און צי טרינקען און נאָך אַ פּאָר גראָשן דערצי. דערנאָך זאָגט זי צי זיי: „אַצינד מאַכטס קינצן!" האָבן זאָך די הויקערלאַך געגעבן אַ שטעל אַוועק און האָבן געמאַכט דריי קאָזשעלקעס איינס נאָך דאָס אַנדערע, און דערנאָך האָבן זיי זאָך געשטעלט אָפן קאָפּ מיט די פיס אַראָף, און דערנאָך האָבן זיי זאָך געשטעלט אָף די אַקסלען איינס אויפ'ם אַנדערע און אַראָפּגעשפּרינגען פין דער הויעך און נאָך אַזוינע פאַרשיידענע קינצן האָבן זיי געמאַכט. פּליצים האָט דאָס ווייבל דערהערט, עמיץ גייט אָף די שטיגן, האָט זי זאָך דערשראָקן, ווייל זי האָט געוויסט אַז דאָס איז איר מאַן, דער הויקער. האָט זי אָף דער גיך געכאַפּט די דריי קליינע הויקערלאַך און האָט זיי פאַרשלאָסן אין שאַנק.

אַז דער מאַן איז אַרייַנגעקומען האָט ער גאָרנישט באַמערקט, וואָס דאָ איז מיט אַ מינוט פריער פאָרגעקימען. האָט ער זאָך געוואַשן די הענט און זיי האָבן זעך געזעצט צים טיש עסן מיטאָג. דערנאָך אַז ער האָט אָפּגעגעסן און אָפּגעבענשט האָט ער זאָך ציגעלייגט אַביסל שלאָפן אָף דער קאַנאַפּע און איז אַזוי אָפּגעשלאָפן אַ פּאָר שעה. דאָס ווייבל איז אָבער דערוויל אַרימגעלאָפן ווי משוגע, זי האָט פין זעך געריסן שטיקער און האָט נישט געוויסט וואָס צי טאָן, ווי אַזוי ווערט מען פּטור פין די הויקערלאַך וואָס ליגן פאַרשלאָסן אין שאַנק. „זאָל עך זיי אַרויסלאָזן?" האָט זי זאָך געטראַכט, „איז אַ סכנה. מיין מאַן קאָן זעך נאָך אויפכאַפּן און אַז ער וועט דערזען פרעמדע מאַנספּאַרשוינען באַ זעך אין שטיב וועט ער מיך גלייך אָפּגטן. זאָל עך זיי ווידער האַלטן אין שאַנק? איז אַ רחמנות, זיי דאַרפן דאָך נעבעך גיין פאַרדינען אויף ברויט". און ווי זי טראַכט אַזוי, האָט זאָך דער מאַן אויפגעהויבן און אויסגעגענעצט און איז צוריק אַוועק אין בית־מדרש אַריין.

באַלד ווי דער הויקער איז אַוועק איז דאָס ווייבל ציגעלאָפן צום שאַנק, געגעבן אַ שלים אָף דאָס טירל און — אוי וויי! די דריי הויקערלאַך זענען דערשטיקט אָף טויט! האָט זי זעך זייער דערשראָקן און האָט אָנגעהויבן צי שרייען: „אוי וויי, וואָס טיט מען? וואָס הייבט מען דאָ אָן צי טאָן? ווי ווערט מען פּטור פין די דריי מתים?" זי איז אָבער געווען אַ קלוג ווייבל איז איר באַלד געקימען אין קאָפּ אַריין אַ קליגער פּלאַן: זי האָט אַרויסגענימען אַ הויקערל פון שאַנק און האָט אים אַוועקגעזעצט באַם טיש. דערנאָך האָט זי פין אַנטקעגנאיבער אַרייַנגערופן דעם ריסישן זעלנער, דעם דענסטישק, וואָס האָט געדינט באַם פּאָלקאָווניק, און אַז דער זעלנער איז אַרייַנגעקימען זאָגט זי צין אים אַזוי: „דער הויקער, וואָס זיצט דאָ איז אַרויפגעקימען צי מיר עסן פיש, האָט ער זאָך דערשטיקט מיט אַ ביינדל באַם עסן און איז געשטאָרבן. ווייסטי וואָס? כ'וועל דיר געבן פיפציק ריבל און וואַרף אים אין ווייסל אַריין." דער זעלנער האָט זעך דערפרייט מיט דעם שיינעם פאַרדינסטל, זאָגט ער: „כאַראַשאָ, איך נעם מיך אינטער!" און ער כאַפּט דעם הויקערל אויפן אַקסל, טראָגט אים אַוועק צי דער ווייסל און באַץ, און וואַסער אַריין! דערוויל האָט דאָס קליגע ווייבל אַרויסגענימען פין שאַנק דאָס צווייטע הויקערל און האָט אים אַוועקגעזעצט באַם טיש, ווי ציערשט. און אַז דער זעלנער איז צוריקגעקימען נאָך די פיפציק ריבל, זאָגט זי צי'ן אים: „פאַרוואָס זאָל יאָך דיר געבן געלט, אַז דער הויקער איז נאָך דאָ?" דער זעלנער קיקט זאָך אַרים פאַרווינדערט: „וואָס, דער האָרבאַטשל איז צוריקגעקימען?" און ער מאַכט אים אַ ריסישן מי־שברך, כאַפּט דעם הויקערל אָפן אַקסל, טראָגט אים אַוועק צי דער ווייסל און — באַץ, און וואַסער אַריין! דערוויל האָט דאָס ווייבל אַרויסגענימען פון שאַנק דאָס דריטע הויקערל און האָט אים אַוועקגעזעצט באַם טיש ווי ציערשט. און אַז דער זעלנער איז ווידער צוריקגעקימען נאָך די פיפציק ריבל, זאָגט זי צי'ן אים: פאַרוואָס זאָל עך דיר געבן געלט, אַז דער הויקער איז נאָך דאָ?" דער זעלנער האָט זאָך ווידער אַרימגעקיקט פערווינדערט: „וואָס, דער האָרבאַטשל איז שוין ווידער צוריקגעקימען?" און ער מאַכט שוין דעם הויקערל אַ פּאָר גיטע ריסישע יופּקעס,

ארומקוקן ווי זי געפינט זעך. האָט זי דערווייל דערזען דעם פּאָפּס יום־טובדיקע קליידער, איז איר גלייך געקומען אויפן געדאַנק, אַז זי דאַרף זיך פאַרשטעלן פאַרן פּאָפּ און אַזוי וועט זי קענען אַרויס פון שלאָס. האָט זי באַלד אָנגעטאָן זיינע יום־טובדיקע קליידער, גענומען דעם שטעקן, וואָס דער פּאָפּ טראָגט בלויז איינמאָל אין יאָר, און אַזוי האָט זי זיך אַרויסשפּאַצירט פון שלאָס. אָבער ווען די באַדינערס האָבן דערזען דעם פּאָפּ אין זיינע יום־טובדיקע קליידער מיטן שטעקן אין האַנט, האָבן זיי געמיינט, אַז ס'איז אַ חגא, האָבן זיי אָנגעהויבן צו קלינגען אין אַלע גלאָקן פון קלויסטער. דאָס ווייבל איז אָבער געלאָפן ווי די אויגן האָבן געטראָגן. זי איז אַריין אין אַ טיפן וואַלד און האָט דאָרט פאַרבלאָנדזעט. דריי טעג מיט דריי נעכט האָט זי אַזוי געבלאָנזעט ביז זי איז געקומען אהיים.

ווען זי איז אַהיים געקומען, פרעגט איר דער מאַן: „ווו ביזטו געווען אַזוי לאַנג? און וואָס איז דאָס פאַר אַ שטעקן מיט קליידער?“ האָט זי אים דערציילט, וואָס ס'האָט מיט איר געטראָפן: ווי אַזוי מ'האָט איר אַריינגעכאַפּט צום פּאָפּ אין שלאָס, ווי אַזוי זי האָט אים מיט אַ תירוץ אַוועקגעשיקט אין שטאָט אַריין, ווי זי האָט זעך פאַרשטעלט אין זיינע קליידער און אַנטלאָפן פון שלאָס, און דערנאָך ווי אַזוי זי האָט געבלאָנדזעט אין וואַלד. אָבער דער מאַן האָט איר קיין זאַך ניט געוואָלט גלויבן, ער האָט שוין אפילו ניט געוואָלט וווינען מיט איר אינטער איין דאַך. איז געבליבן, אַז זיי זאָלן זיך גטן. זענען זיי געפאָרן אין שטאָדט אַריין צום רב נאָך אַ גט. אינטערוועגס האָט זיי אָנגעכאַפּט אַ שלאַגס־רעגן, עס האָט געגאָסן ווי פון ציבערס, האָבן זיי זעך געמוזט אַרינטערשטעלן אינטער אַ דעכבעלע. שטייענדיק אַזוי פאַרזאָרגט און ברוגז, ניט ער רעדט צו איר, ניט זי רעדט צו אים, איז דערווייל אינטערגעקומען אַ בעטלער אין האָט זיך אויך געשטעלט אינטערן דעכבעלע. אין אַ מינוט אַרום זאָגט דער בעטלער צו איר: „ניט געניג, וואָס איך האָב גאָרניט געהאַט פון דיר, כ'האָב זיך צו דיר ניט ציגערירט אפילו מיט אַ מינסטן פינגער, ביזטי געגאַנגען און האָסט ציגעגנבעט מיין שטעקן, וואָס אין אים איז מיין גאַנץ פאַרמעגן געווען באַהאַלטן, אַ גאַנצער אוצר, און איצט בין איך געוואָרן אַ בעטלער“.—„ניט ציגערירט אפילו מיט אַ מינדסטן פינגער!“, האָט דער אַרענדאַר שטיל פאַר זיך איבערגעחזרט, און ער האָט גלייך פאַרקערעוועט דעם דישל און איז צוריק אַהיים געפאָרן מיט זיין ווייבל. אין דער היים האָט ער פאַרנאַנדערגענימען דעם פּאָפּס שטעקן, האָט ער טאַקע געפינען אין דעם אַ גאַנצן אוצר אין ער האָט שוין אודאי געזען, אַז ער האָט זיין ווייבל אימזיסט חושד געווען. האָבן זיי זעך גלייך איבערגעבעטן און זיי לעבן נאָך גליקלעך ביז אויף היינטיקן טאָג.

דערציילט פון ישראל דובינסקי, קיעווער גוב.

8. די דריי הויקערלאַך.

ס'איז אַמאָל געווען אַ ייד, אַ הויקער, ער האָט אָבער געקאָנט גיט לערנען און דערצי איז ער נאָך געווען זייער רייך. נאָר אַז ער איז געגאַנגען חתונה האָבן האָט ער אויסגענימען מיט זיין כלה, אַז נאָך דער חתונה זאָל זי זאָך מיט קיינעם נישט חברן און זאָל נישט האָבן צו טאָן מיט פרעמדע מאַנסלייט. האָט זי אים אַזוי ציגעזאָגט. האָט ער מיט איר חתונה געהאַט. נאָך דער חתונה פלעגט דער הויקער כסדר זיצן אין בית־מדרש און לערנען, ער פלעגט נאָר אַהיים צו קימען אָף אַ פּאָר שעה, אָפּעסן מיטאָג און צילעגן זאָך אַ ביסל שלאָפן, און דערנאָך ווידער אין בית־מדרש אַריין. אַזוי האָט ער זאָך נוהג געווען אַלע מאָל.

איז דעם ווייבל נעבאַך געווען אימעטיק צו זיצן אַליין אין שטיב, פלעגט זי נאָר אַרויסקיקן דאַרכן פענסטער אין זינגען. איינמאָל ווי זי קיקט אַזוי דאַרכן פענסטער, זעט זי ווי עס קימען אָפן הויף דריי קליינע מענטשעלאַך, הויקערלאַך און הייבן אָן צו מאַכן קינצן. זענען איר די קליינע קינצנמאַכער אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז זי האָט זיי אַרויפגערופן צו זעך אין

אַנדער מדינה און דאָרטן וועלן זיי געפינען אַרבעט. צווישן די בעל־מלאכה׳ס, וואָס האָבן אַזוי אָפּגעמאַכט איז געווען אַ טעסליער, אַ שניצער, אַ מאַליער, אַ דאַמען־שניידער, אַ שוסטער און אַ מלמד. האָבן זיי צינויפגענומען זייער געצייג, מיטגענומען עפּעס צי עסן און זעך געלאָזט אין וועג אַריין. זענען זיי געגאַנגען און געגאַנגען ביז זיי זיינען צוגעקימען צי אַ גרויסן טיפן וואַלד, איז ער געווען אַזוי גרויס און טיף, אַז בא דער נאַכט האָט מען געקענט אין אים פאַרבלאָנדזשעט ווערן. איז ביי זיי געבליבן, אַז זיי זאָלן דערווייל איבערנעכטיקן לעבן וואַלד און אָף מאָרגן אינדערפרי וועלן זיי שוין זען, וואָס זיי האָבן צי טוען. נאָר איידער זיי האָבן זעך געלייגט שלאָפן, האָבן זיי אָפּגעמאַכט, אַז יעדער איינער פון זיי זאָל בלייבן אַ שעה אָף דער וואַך, צי וואָרענען פאַר חיות אָדער פאַר גזלנים, וואָס וועלן זיי וועלן באַפאַלן. און זיי האָבן צווישן זעך געוואָרפן גורל, ווער ס׳זאָל דער ערשטער בלייבן אָף דער וואַך. איז דאָס ערשטע געפאַלן אָף דעם טעסליער. האָבן זיך אַלע געלייגט שלאָפן אין דער טשעסליער האָט אָנגעהאַקט האָלץ, געמאַכט אַ פייער און זעך געוואָרעמט. אינדעם האָט ער דערזען ווי עס ליגט לעבן אים אַ קלאָץ, און אַזוי ווי ער האָט זעך געלאַנגווײַלט און ניט געהאַט וואָס צי טאָן, נעמט ער אַרויס יינע געצייג און טעסיעט אַרום דעם קלאָץ. דערווייל איז אויסגעגאַנגען זיין צייט, האָט ער אויפגעוועקט דעם שניצער און אַליין האָט ער זעך געלייגט שלאָפן. דער שניצער האָט אויך ציגעוואָרפן האָלץ צים פייער און האָט זיך געלאַנגווײַלט. דערהווייל האָט ער דערזען דעם אַרומגעטעסיעטן קלאָץ, טראַכט ער זעך, „מ׳קען עפּעס מאַכן דערפון״. האָט ער אַרויסגענימען זיינע געצייג אין האָט אויסגעשניצט דערפין אַ שיינע פיגור פין אַ פרוי. דערווייל איז אויסגעגאַנגען זיין צייט, האָט ער אויפגעוועקט דעם מאָלער און אַליין האָט ער זעך געלייגט שלאָפן. דער מאָלער האָט אויך ציגעוואָרפן האָלץ צים פייער און האָט זעך געלאַנגווײַלט. אינדעם האָט ער דערזען ווי עס שטייט עפּעס אַן אויסגעשניצטע פרויען־פיגור. טראַכט ער זעך: „מען דאַרף איר אַריינגעבן מער לעבן״. נעמט ער אַרויס זיינע בערשטלעך און פאַרבן און האָ טאַיר אַזוי פיין אויסגעמאַליעוועט אַז זי איז טאַקע געוואָרן לעבעדיק. דערווייל איז אויסגעגאַנגען זיין צייט, האָט ער אויפגעוועקט דעם דאַמען־שניידער און אַליין האָט ער זעך געלייגט שלאָפן. אַז דער שניידער האָט דערזען ווי עס שטייט עפּעס אַ נאַקעטע נקבה, טראַכט ער זעך: „אַ שיינע פיגור האָט זי, דאַרף מען זי באַקליידן״. נעמט ער איר באַלד אַ מאָס, און אין איינס־צוויי — זי שטייט שוין אָנגעטאָן אין די נייעמאָדישסטע קליידער. דערווייל איז אויסגעגאַנגען זיין צייט, האָט ער אויפגעוועקט דעם שוסטער און אַליין האָט ער זעך געלייגט שלאָפן. אַז דער שוסטער האָט דערזען ווי עס שטייט אַזאַ שיין־געקליידטע דאַמע נאָר אינגאַנצן באָרוועס, טראַכט ער זעך: „וואָס איז דאָס פאַר אַ שטאַט? מע דאַרף איר מאַכן אַ פּאָר שיך.״ נעמט ער איר באַלד אַ מאָס און אין איינס, צוויי—זי טראָגט שוין אַ פּאָר פיינע שיכעלעך. דערווייל איז אויסגעגאַנגען זיין צייט האָט ער אויפגעוועקט דעם מלמד און אַליין האָט ער זעך געלייגט שלאָפן. אַז דער מלמד האָט דערזען ווי עס שטייט עפּעס אַ פרעמדע אישה האָט ער זעך שטאַרק דערשראָקן, טראַכט ער זעך: „ווי קימט זי אַהער? אפשר איז דאָס אַ ניש־גיטער?״ האָט ער אָבער געזען אַז זי שטייט אָף אָן אָרט און רירט זעך ניט, מאַכט ער זעך האַרץ און הייבט אָן צי איר צו ריידן, ענטפערט זי ניט. רעדט ער ווייטער צי איר — זי שווייגט. הייבט עס אים אָן צי פאַרדריסן, מאַכט ער צי איר: „אַזוי גאָר, די שווייגסט? בא מיר שווייגט מען ניט, עך בין אַ מלמד, אַז עך וועל נאָר נעמען מיט דיר קנעלן וועסטי שוין בא מיר אָנהייבן צי רעדן!״ האָט ער מיט איר אַזוי לאַנג געקנעלט און געקנעלט ביז זי האָט טאַקע אָנגעהויבן צי ריידן. דערהווייל איז שוין געוואָרן טאָג און דער גאַנצער עולם האָט זעך אויפגעכאַפּט. זעען זיי ווי דער מלמד שטייט אין רעדט עפּעס מיט אַ שיינער פרוי, האָבן זיי זעך שטאַרק פאַרווינדערט. פרעגן זיי אים: „ווער איז

לייגט אים אריין אין א זאַק, טראָגט אים אוועק צי דער ווייסל אין — באַז, אין וואסער אריין! „איצט וועט ער שוין נישט צוריקימען", טראַכט זאָך דער זעלנער, אין ער גייט צים ווייבל אָפּנעמען די פּיפּציק ריבל, וואָס ער האָט אזוי שווער פּאַרדינט. נאָר ארויפגייענדיק אַף די שטיגן טרעפט ער אָן א הויקער, בלייבט ער שטיין פאַרווינדערט: „וואָס, ביזט שוין ווידער דאָ?" — „אין ווער ביזטי דאָ?" פרעגט אים דער הויקער. א וואָרט פאַר א וואָרט אין זיי האָבן זעך אָנגעהויבן צי שלאָגן. דער זעלנער איז אָבער געווען שטאַרקער, האָט ער דערהרגט דעם הויקער אין דערנאָך אים אריינגעלייגט אין א זאַק, אוועקגעטראָגן צים ווייסל אין אריינגעוואָרפן אין וואסער אריין.

אצינד וועט ער שוין זעכער נישט צריקימען", זאָגט דער זעלנער צום ווייבל, ווען ער איז געקימען אָפּנעמען די פּיפּציק ריבל. „מיט וואָס ביזטע אזוי זעכער?" פרעגט אים דאָס ווייבל. פאַרציילט איר דער זעלנער, ווי אזוי ער האָט אַף די שטיגן נאָכאמאָל אָנגעטראָפן דעם הויקער, האָט ער אים אזוי צעהרגעט, אז ער וועט שוין נאָכאמאָל נישט לעבעדיק ווערן, אין דערנאָך האָט ער אים אריינגעוואָרפן אין ווייסל אריין. אָבער ווי דאָס ווייבל האָט דאָס דערהערט, האָט זי געמאכט א גרוים געוואַלד: „מערדער! רוצח! האָסט דאָך געהרגעט מיין מאַן! געוואַלד מענטשן! ער האָט געהרגעט מיין מאַן!" ווי דער זעלנער האָט דאָס דערהערט האָט ער זעך שטאַרק דערשראָקן, האָט ער געכאַפּט די פּיס אַף די פּלייצעס און געמאכט פּליטה אָן די פּיפּציק ריבל.

דערציילט פון א גאָלדשמיד (מלאַווא, פּלאָצקער גוב.)

9. די הילצערנע כלה.

ס'איז אמאָל געווען א מלך מיט א מלכה, האָבן זיי געהאט א טאָכטער א בת־יחידה, זייער א שיינע און א קלוגע. נאָר איינמאָל, ווען דער מלך האָט אָנגעהויבן צו ריידן מיט איר וועגן א שידוך, וועגן חתונה האָבן, האָט זי אזוי געזאָגט: „יא, כ'וועל חתונה האָבן, אָבער נאָר ווען ס'וועט זיך געפינען א קליגער בחור, וואָס וועט מעך קענען ריידעווריק מאכן." און שוין, מער האָט זי שוין ניט געוואלט ריידן. וויפל ער האָט דערנאָך צו איר ניט גערעדט און איינגעטענהט האָט זי ניט געענטפערט, נישט יאָ — נישט ניין, זי איז שטים, און טי אַ־פּעם! האָט דער מלך געזען, אז ער קען מיט זיין בת־יחידה גאָרנישט מאכן, האָט ער געלאָזט אויסרופן, אז ווער ס'וועט קענען ריידעווודיק מאכן דער פרינצעסין, דער וועט זי באַקומען פאַר א ווייב. האָבן זיך געפינען א סך בהלנים, וואָס האָבן געוואָלט חתונה האָבן מיט דער פרינצעסין. ס'זענען געקימען פּרינצן, גראַפן, כראַביעס און א סך אנדערע גרויסע לייט, אָבער קיינער האָט זי ניט געקענט ריידעוודיק מאכן. זיי האָבן אויסגעפּרווט אַלע מיטלען, האָבן גערעדט צי איר, דערציילט מעשיות, געזאָגט חכמת'ס, געפרעגט רעטענישן און זי? — כאָטש רעדט צי איר און רעדט צי דער וואנט איז אַלץ איינס. זי ענטפערט ניט און א סוף. הכלל זענען זיי אַלע נעבעך אוועק מיט אראָפּגעלאָזטע נעז.

איינמאָל האָט זיך אָבער געפינען א בחור, גאָר א פּראָסטער, וואָס האָט זעך אינטער־גענימען זי רעדעוודיק צי מאכן. האָט מען אים אריינגעפירט צי דער פּרינצעסין. האָט ער גערעדט צו איר און גערעדט, נאָר אז ער האָט געזען, אז זי ענטפערט ניט אַף זיינע קליגע רייד, האָט ער צים סוף אזוי געזאָגט: „הער אויס, שיינע פּרינצעסין, כ'וועל דיר דערציילן א ווינדערלעכע מעשה, דו מעגסט עם אויסהערן:

אין א שטעטל האָבן זעך אמאָל געפינען עטלעכע בעל־מלאכה'ס וואָס האָבן ניט געהאט קיין אַרבעט און פלעגן כסדר ארומגיין ליידיק. האָבן זיי זעך איינמאָל ציזאמענגענימען און אָפּגעמאַכט צווישן זעך, אז זיי זאָלן אַלע אויסוואנדרעווען אין אַן אנדער שטאָט פון אַן

יודא א. יאפע:

דער סלאווישער עלעמענט אין יידיש.

(דר. חיים זשיטלאווסקין, דעם קעמפער פאר אונזוער נאציאנאלער שפראך, מיט דאנקבארקייט).

הקדמה

וואס לענגער איך האב געטראכט וועגן דעם ארטיקל „דער סלאווישער עלעמענט אין יידיש” האב איך אלץ מער איינגעזען, אז ס׳וועט זיין אוממיגלעך פאר מיר אויסצוקומען אן א ביסל פאלעמיקע, און איך האב דעריבער באשלאסן איינצוטיילן דעם ארטיקל אין א מער אדער ווייניקער פאלעמישע הקדמה און דעם ארטיקל גופא וואס איז א ריין פילאלאגישע אפהאנדלונג פון די סלאווישע עלעמענטן אין יידיש.

ביי מענטשן וואס פארנעמען זיך מיט שפראכוויסנשאפט האט, דאכט זיך, ניט געדארפט זיין אזא זאך ווי שנאה צו א געוויסן עלעמענט פון א שפראך, אדער איבעריקע ליבשאפט פאר אן עלעמענט פון א שפראך. נאר צום באדויערן געפינט דער סלאווישער עלעמענט פון דער יידישער שפראך כמעט אויסשליסלעך אומחן אין די אויגן פון אונדזערע שפראך־וויסנשאפטלער.

איך שטודיר שפראכנוויסנשאפט בכלל און יידיש אזוי לאנג און האב געשטודירט אזוי פיל שפראכן פון פארשיידענע שפראך־משפחות, אז ביי מיר אין די אויגן זיינען פארשיידענע שפראך־עלעמענטן אלע אבסאלוט גלייך. דער פאקט וואס איך האב געשטודירט די סלאווישע שפראכן אפשר א סך מער ווי אונדזערע אנדערע יידישע פילאלאגן מיינט ניט חלילה, אז דער סלאווישער עלעמענט איז מיר ליבער ווי דער גערמאנישער אדער דער העברעאישער עלעמענט, און דעריבער איז נחום שטיפס באמערקונג (אין „האמער”, מארטש, 1928, ז. 60, אין זיין רעצענזיע אויף מיינע ארטיקלען אין „פנקס” נ. 1—2) אז „יאפע איז א סלאוויסט” און דעריבער זוכט ער נאטירלעך דעם אפשטאם פון קאטאוועס אין סלאוויש, איז לגמרי אומבארעכטיקט.*) גראד פארקערט, מיר זיינען שטארק דערווידער א סך סלאווישע סינטאקטישע ווענדונגען וואס אונדזערע רייניקער באנוצן זייער אפט אין שרייבן.

איך וויל זאגן פארוים, אז קיין געפילן פון שנאה אדער קנאה האב איך ניט געהאט און אויב איך דערמאן נעמען פון קאלעגעס אדער שריפטשטעלער איז דאס נאר צוליב דעם, אז מיינע געדאנקען זאלן זיך איינקריצן טיפער אין זינען פון לייענער און איך זאל קענען מאכן מיינע ארגומענטן בולטער פאר זיינע אויגן. אמת, אין דעם איז פאראן איין אויסנאם (אבער איך מיין, אז ס׳איז ניט נייטיק אנצורופן דא דעם נאמען) און עטלעכע פון זיי זיינען מיינע גוטע פריינט און קיינער דארף ניט חושד זיין אז איך וויל זיך דא אפרעכענען מיט זיי אויף אזא מאדנעם אופן.

מיט זשיטלאווסקין האבן מיר מיט א יאר 14—15 צוריק געהאט א מיניאטורן וכוח וועגן דעם סלאווישן עלעמענט און ער האט געטענהט, אז די סלאווישע ווערטער ווי סטראשענער, פראסט א. א. וו. דארפן מיר אויסראטן פון יידיש, און אז אונדזערע קלאסיקער, פרץ למשל, האבן קיינמאל ניט גענוצט „פראסט”, נאר: „איינפאך” אדער „פשוט”. ווען איך האב געזאגט, אז עס איז פאר מיר באמת א גרויסער חדוש וואס א מענטש מיט אזא ברייטן קולטור־רעלן, געשיכטלעכן און פילאסאפישן בליק ווי זשיטלאווסקי קען קוקן אויף היסטארישע שפראך־פאקטן אזוי באשרענקט שמאל, האט ער מיר געענטפערט: „נו, זיינען מיר איצטער אין דער פוריסטישער אנטיטעזע”.

איך בין אוועק אהיים און האב גענומען לייענען פרצן מיט א שרייבפענדל אין האנט און אין 240 זייטלעך האב איך אויסגעפונען ווי מענטשן שטרענגוויסנשאפטלעכע אין זייער פאך

---

*) איך וויל אויסנוצן אט די געלעגנהייט צו זאגן אז פראפ. לואי גינזבערג פון ניו יארקער יידישן טעאלאגישן סעמינאר, איינער פון די גרעסטע תלמודיסטן וואס די יידן פארמאגן, האט געזאגט, נאכדעם ווי ער האט דורכגעלייענט מיין ארטיקל, אז ווי ווייט אים איז באקאנט, איז ביי די ספרדישע מחברים דער ווארט קאטאוועס נישטא, א פאקט וואס איז גיט צו דערקלערן, אויב דער ווארט שטאמט פון א סעמיטישער שפראך.

דאָס די שיינע דאַמע?" — „דאָס מייקל האָב עך געפינען אין וואלד", זאָגט דער מלמד, „זי איז געוועזן שטים, האָב עך זי ריידעוודיק געמאכט און כ'וועל זי מיר נעמען פאר א כלה." קיקן זיי זעך אַלע אָן און קיקן זעך גיט צי צי דער דאַמע, האָט יעדער איינער באלד דערקענט זיין מלאָכה. „ווען נישט עך", זאָגט דער טעסליער, וואָלט זי גאָר אָף דער וועלט נישט געווען. עך האָב עס ציערשט אַרימגעטעסיעט דעם קלאָץ, דעריבער קערט זי צי מיר!" — „ווען נישט עך", זאָגט דער שניצער, וואָלט זי טאקע געבליבן א קלאָץ, עך האָב עס ציערשט אויסגעשניצט די שיינע פיגור, געהערט זי צי מיר!" ריפט זעך אָפּ דער מאָלער: „וואָס טויג מיר א פיגור א שמיגור? אז עס האָט נישט קיין לעבן בלייבט עס א טויטער גולם. עך האָב זי לעבעדיק געמאכט מיט מיינע טייערע פארבן. דריבער קערט זי צי מיר!" שרייט דער שניידער: פּע, יידן, ס'איז ניט שיין זעך צי קריגן איבער א פרעמדער נקבה וואָס איז אָקערשט געווען אָדם-נאַקעט! עך האָב זי באקליידט פין קאָפּ ביז די פיס אין געמאכט פאַר א לייט, דריבער קערט זי צי מיר!" — „וואָס פאַר א לייט האָט זי געקענט זיין", זאָגט דער שוסטער, אז זי איז אומגעגאנגען באָרוועס? אז כ'האָב איר געמאכט א פּאָר שיך איז זי ערשט געוואָרן א לייט, קערט זי טאקע צי מיר!" און דער מלמד האָט זעך געטענהט דאָס זייניקע: „דאָס מיידל איז געוועזן שטים, האָב עך זי ריידעוודיק געמאכט, דעריבער געהערט זי נאָר צי מיר!" אָבער קיינער האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן און אזוי האָבן זיי זעך געאַמפּערט און געקריגט ביז ס'איז בא זיי געבליבן, זיי זאָלן גיין אין שטאָט אריין האָבן א דין תורה. גייענדיק אָפן וועג זענען זיי געוואָרן הינגעריק, זענען זיי אריין אין א קרעטשמע עפּעס ציבייסן, האָבן זיי דערוויילן דערציילט דעם קרעטשמער די גאַנצע מעשה. האָט דער קרעטשמער גפסקנט, אז דאָס מיידל געהערט צים שיסטער, ווייל ער האָט איר געמאכט א פּאָר שיך. און אצינד פרעג איך דיר, שיינע און קליגע פּרינצעסין, צי דער קרעטשמער האָט געפּסקנט ריכטיק?"

און דאָ האָט שוין די פּרינצעסין שוין מער ניט געקענט איינהאַלטן איר שווייגעניש, ווייל ס'האָט איר פאַרדראָסן דער נאַרישער משפּט, האָט זי געגעבן א פּלאַץ ארויס: „ס'איז ניט ריכטיק געפּסקנט! דאָס מייקל געהערט צים מלמד, ווייל ער האָט זי ריידעוודיק געמאכט." און ווי דער מלך מיט זיינע הויפלייט האָבן דערהערט, אז די פּרינצעסין האָט אָנגעהויבן צי ריידן, איז געוואָרן א גרויסע שמחה. זענען זיי באלד ציגעלאָפן צים בחור וואָס האָט זי ריידעוודיק געמאכט און זיי האָבן אים אָף די הענט ציגעטראָגן צי דער פּרינצעסין. „אָט דאָס איז דער קליגער בחור וואָס דיין האַרץ האָט באַגערט!" האָט דער מלך צי איר געזאָגט. „און מיט אים וועל איך טאַקע חתונה האָבן!", האָט די פּרינצעסין געענטפערט. נו, נו! איז די שמחה נאָך גרעסער געוואָרן, האָט מען זעך טאקע באלד גענימען פראַווען די חתונה. די מוזיק האָט געגעבן א שפּיל אויף און ס'איז געוואָרן גאָר פריילעך.

דערציילט פון מרדכי דימענט (אָדעס).

געהאַלטענע הויז, און אויב אַ מענטש אָן געזונטן שכל קען זיך אַוועקשטעלן אַפּצופּסקענען, אַז די הויז טויג ניט כל זמן גרויע און שוואַרצלעכע שטיינער זיינען דורכגעמישט מיט רויטלעכע אָדער געלבלעכע ציגל וואָס זיינען אין אַ גרויסער מערהייט, איז זאָל אים וויל באַקומען!

נאָר אַזאַ דעספּאָט ווי ניקאָלאַי דער ערשטער (אַזוי האָב איך עס אַמאָל געהערט דאָ אין ניו־יאָרק פון קראַפּאָטקינס מויל) האָט געקענט אין כעס ווערן ווען ער איז געקומען אין דער גרויסער פּעטערסבורגער עפנטלעכער ביבליאָטעקע און האָט דערזען אויף די פּאָליצעס ביכער פון כלערליי גרויס און קאָליר. דער זעלנער האָט אויפגעברויזט אין אים, און ער האָט מיט אַ בייזער געהייסן דעם הויפּט־ביבליאָטעקאַר: „גרויסע ביכער מיט גרויסע ביכער, קליינע ביכער מיט קליינע ביכער! וואָס איז דאָס פאַר אַ ווילדער אומסדר ביי אייך אין ביבליאָטעקע".

אַ שטריימעלע אויפן קאָפּ איבער געגרייזלטע פּאות, אַ דייטשישער קראַג און שניפּס אויפן האַלדז, אַ טלית־קטן מיט די ציצית אַרויס, דייטשישע „פּאַנטאַלאָנס" און חסידישע זעקעלעך און פּאַנטעפּעלעך אויף די פיס, דאָס אַלץ יאָ, אָבער די שענסטע אויסגענייטע רובאַשקע — אוי וויי! חלילה! דאָס איז אַ דיסהאַרמאָניע אויף אַ יידנס לייב אין די אויגן פון אַנטי־סלאַוויסטן!

אין שפּראַך איז ניטאָ קיין יחוס פון ווערטער און צווישן ווערטער איז ניטאָ קיין שדוכים וואָס דערנידעריקן דעם כבוד פון דער מוטער־שפּראַך. אַז אַ וואָרט איז אַריינגענומען פון פאָלק אין שפּראַך איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אַריסטאָקראַטישע יחידים מחותנים וואָס דער וואָרט שטייט זיי ניט אָן און זיי ווילן דעריבער אים אויסראָטן. וויסנשאַפט ווייס ניט פון קיין קלאַסן און שיכטן אין נאַטור, און שפּראַכוויסנשאַפט קען ניט קיין ווערטער וואָס זיינען „העכער" און „נידעריקער". אפילו אין גראַמאַטישע ענינים קען שפּראַכוויסנשאַפט נאָר איין קריטעריום פאַר ריכטיקייט: דעם פּאַקטישן שפּראַכגעברויך.

אַלע פעלקער מיט אַ יונגער נייער ליטעראַטור האָבן אַ טבע צו „רייניקן" זייער שפּראַך. אַזוי האָבן געטאָן די טשעכן, כאָרוואַטן, סלאָווינצעס, לוזשיטשאַנער, די מאַדיאַרן, די פינען *). מיר יידן האָבן שוין אַ פיר־פינף הונדערט יאָר ליטעראַטור הינטער זיך און עס איז צייט צו פאַרשטיין, אַז די „רייניקעריי" איז אַ נאַרישע. רייניקן נעמט זיך ביי אונדז אונטער יעדערער וואָס האָט גאָט אין האַרצן.

למשל, פּרילוצקי, וואָס רעדט כסדר וועגן עכט יידישער שפּראַך און עכט יידישע ווערטער, רייניקט אונדזער מאַמע־לשון מיט אַ גרויסן חשק אויף זייער אַ מאָדנעם שטייגער: ער מאַכט נייע ווערטער: פּאַראַלעליש, פּאָפּולעריש (זאַמל. 147), אוממיטלבאַריש, דענקבאַריש (קאָנס. ז. 9), אומדענקבאַריש, רעגולעריש, ראַדיקאַליש (זז. 3, 4, מאַמע־לשון), געניאַליש (זאַמלביכער פאַר יידישן פאָלקלאָר, I, ז. 146) און אפילו אַזאַ פאַרזעעניש ווי מוילאַרט (אידישע פאָלקסלידער, 1911, I, זז. 57 און 7), וואָס ניט קיין ייד און ניט קיין דייטש און אפילו ניט קיין טערק וועט ניט פאַרשטיין. און געקומען איז ער דערצו, וויל ער האָט „גערייניקט": דער דייטשישער וואָרט „מונד" איז אויף „עכט־יידיש" מויל, נו, הייסט עס, אַז מוילאַרט איז עכט־יידיש אָנשטאָט מונדאַרט!

באָרוכאָוו האָט אויך געוואָלט רייניקן די שפּראַך און „פעסטשטעלן וואָס פאַר אַ פונקציעס ס'ערפילן די העברעאישע, דייטשישע און סלאַווישע ווערטער און פאָרמען אין דער יידישער שפּראַך". קענטיק איז אים ווי זשיטלאָווסקין און אַ סך אַנדערע נייערע דער סלאַווישער עלעמענט געווען ניט ליב: „מיר דוכט זיך, אַז מע קאָן דעם אונטערשייד אַזוי פאָרמולירן: די אידעען און באַציאונגען פונם אַלמענטשלעכן לעבן ווערן אויסגעדריקט אין דייטש; די ערשיינונגען, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פונם אינווייניגסטן יידישן לעבן, ווערן אויסגעדריקט על פּי רוב אין העברעאיש, און די פאָרמען און געפילן פונם אַלטעגלעכן לעבן אינם ענגן פאַמיליען־קרייז אָדער גראָבע, נעגאַטיווע אייגנשאַפטן — אין סלאַוויש" (קורסיו מיינער. — י. י.), „די אויפגאַבן פון דער יידישער פילאָלאָגיע", ז. 10, דער פנקס, ווילנע, 1913.

צי אַ פאָלק (ניט די „ליטעראַטן"!) טיילט אויס געוויסע אָדער באַשטימטע פונקציעס

---

*) Несколько замечаний об употреблении иностранных слов. Речь, сказанная на акте 1882 г. (30 авг.) профессором Р. Ф. Брандтом (стр. 2).

קענען מאַכן באַשטעטיקונגען וואָס זיינען ניט געשטויגן און ניט געפלויגן אין אַנאַנדער ווינקעלע וויסנשאַפט. איך האָב געפונען: „די חובבי ציון אַלס גרויסע אידעאַליסטען זענגען אַ־ודאי געוועזן זעהר נישט פּראַקטיש ביי פּראָסטע זאַכען" (ז. 19); „איהר מיינט אַז ביי פּראָסטע יודען איז שוין גאָר קיין שכל נישט דאָ" (ז. 31); „עס זיינען דאָ גראָבע, פּראָסטע נשמות ווי זרח קנייפ למשל" (ז. 8, דריטע אָפּטיילונג); „ווער עס וויל טרעפען צום הארץ און מח פון פּראָסטען, איינפאַכן פאָלק" (ז. 20, ניו־יאָרקער איינבאַנדיקע אויסגאַבע, היברו־פּאָבלישינג קאָמפּ.). די לעצטע ציטאַטע איז ספּעציעל וויכטיק, ווייל עס דערוויזט, אַז פּרץ האָט געפילט (ווי איך האָב געהאַלטן), אַז פּראָסט, איינפאַך, פּשוט זיינען דריי סינאָנימען מיט פאַרשיידענע ניואַנסן. נאָר די איראָניע פון „שיקזאַל" איז געווען ווען אויפן „פּרץ־טרויער אבענד", 17 אַפּריל 1915, אין קאַרנעגי האָל, ניו־יאָרק, האָט זשיטלאָווסקי פון דער פּלאַטפאָרמע געזאָגט: „מיט וועמען קען ער (דער דיכטער) לייכטער און פּ ר אָ ס ט ע ר צו ריידן ווי מיטן פאָלק?"

ביים איבערגעבן סלאַווישע ווערטער אין יידישער טראַנסקריפּציע האָב איך געוואַקלט זיך אין וואָקאַל פון לעצטן טראַף: אַמאָל האָב איך געשריבן „ע" און אַמאָל „י". איך האָב זיך ניט געקענט געבן קיין עצה, ווייל, ניט דער „ע" און ניט דער „י" גיט ניט איבער דעם קלאַנג ריכטיק.

ווייטער, כאָטשע דאָס איז שוין ביי אונדז אַ מנהג און עס גיט טאַקע צו אַן ארטיקל אַ שטרענג וויסנשאַפטלעכן פּנים, האָב איך ניט אָנגעוויזן די זייטלעך פון ווערטערביכער, צוליב שפּאָרן פּלאַץ, סיידן עס איז געווען אַ ספּעציעלע נייטיקייט. יעדערער וואָס קען די שפּראַך קען דעם וואָרט אַליין אָפּזוכן נאָכן אַלף־בית נאָך, אויב ער גלויבט ניט דעם מחבר, און פאַר דעם וואָס גלויבט, איז ניט נייטיק אָנצווייזן באַנד און זייטל. די פאַרשיידענע ווערטערביכער און פאַרקירצונגען זיינען אָנגעוויזן ווייטער אויף זייט 256.

קודם כל אַ פּאָר ווערטער וועגן „איזמען", באַשטאַנדטיילן אָדער „עלעמענטן" פון אַ שפּראַך, און וועגן גראַמאַטישער טערמינאָלאָגיע.

שפּראַך־וויסנשאַפט איז שוין ניט קיין יונגע וויסנשאַפט און זי האָט אַ געוויסע פעסט־געשטעלטע טערמינאָלאָגיע וואָס איז אָנגענומען ביי אַלע פעלקער. אַן „אַמעריקאַניזם" אין ניו־יאָרקער יידיש הייסט אַן אויסדרוק ווי למשל: „איך קוק פאַר אים" (אַ פּינקטלעכע איבער־זעצונג פון ענגליש: איך זוך אים = I am looking for him) וואָס גרילצט אין יידישע אויערן, אָבער ניט ווערטער ווי ווינדע, סטאָר, פּיקטשע (פענצטער, קראָם, בילד). דאָס זיינען באַרבאַריזמען, פרעמדע ווערטער וואָס האָבן זיך נאָך ניט איינגעבירגערט. אַ גערמאַניזם איז אַ דייטשישער אויסדרוק איבערגעזעצט אויף אַנאַנדער שפּראַך: er sieht gut aus, он хорошо выглядит = . און סלאַוויזם הייסט ביי אַלעמען אַן אויסדרוק אין יידיש וואָס זעצט איבער אַ סלאַווישן אויסדרוק אות באות און קלינגט פרעמד אין יידיש, גראָד ווי ס'איז אַ יידישיזם צו זאָגן אויף רוסיש: я на вас запускаюсь, я да могу пойти, „איך קען יאָ גיין, איך פאַרלאָז זיך אויף אייך".

צו רופן „סלאַוויזם" יעדער יידישן וואָרט, וואָס שטאַמט פון סלאַווישע שפּראַכן אָדער „סעמיטיזם" יעדער יידישן וואָרט וואָס שטאַמט פון העברעאיש, אַראַמעאיש און אַז. וו. ווי עס טוט אַ. זאַרעצקי, פּראַקטישע יידישע גראַמאַטיק (ז. 48, 49, 50, 51), אָדער מ. קוויטני אין „סלאַוויזמען באַ מענדעלען" (די יידישע שפּראַך, נ. 7, זז. 60—53) מיינט אַריינברענגען אַ פּלאָנטער אין וויסנשאַפטלעכער טערמינאָלאָגיע. אויף אַזאַ אופן וועט ווערן אויס יידיש, די יידישע שפּראַך וועט באַשטיין פון אַן ערך 80%—82, „גערמאַניזמען", אַ 7%—8 „סעמיטיז־מען", אַנאַנדערע 7%—8 אָדער 9% „„סלאַוויזמען", אַ קנאַפּע הונדערט „ראָמאַניזמען", און קיין יידישע ווערטער וועט אין אונדזער מאַמע־לשון גאָר ניט בלייבן!

וואָס וועט ווערן פון דער ענגלישער שפּראַך אין אַזאַ פילאָלאָגישן פּראָצעס? 60% „ראָ־מאַניזמען", 30% „אַנגלאָ־סאַקסאָניזמען", 10% „גרעציזמען" און אַנדערע „איזמען", און אויס ענגליש!

איז לאָמיר פאַרשטיין, אַז אַלע שפּראַכן זיינען געבויט פון איינצלנע ווערטער פון פאַר־שיידנסטע ע ל ע מ ע נ ט ן, ווי אַ הויז פון פאַרשיידנפאַרביקע ציגל און שטיינער, און אויב דער קענעוודיקער אַרכיטעקטאָר האָט אויסגעבויט אַ סימעטריש גאַנצע און עסטעטיש אויס־

קען מען דאָ גאָר ניט אויפטאָן; ווייל שפּראַך איז אונטערטעניק פּסיכישע דינים, אָבער אין קיין פאַל ניט לאָגישע דינים, און עס איז אַ פאַטאַלער טעות (ווי מע האַלט אין איין באַמיען זיך) צו וועלן הערשעווען איבער גראַמאַטיקע פון דעם טראָן פון לאָגיקע. אָבער שפּראַך איז ניט לאָגיש; אָן שום ווייטערע דאגות באַווייזט זי צו זאָגן דעם גרעסטן אומזין אין אַ גראַמאַטיש אבסאָלוט ריכטיקער פאָרמע ... ריכטיק אין דער נאַטירלעכער שפּראַך איז וואָס איז אָנגענומען.״

זאָגט זלמן רייזען (גראַמאַטישער מין אין יידיש, זשורנאַל יידישע פילאָלאָגיע, ז. 19): „די פאָלקסטימלעכע פאָרם פון דאָס פּובליקום וועט זיין די פּובליק (לויט דער אַנאַלאָגיע פון אַלע אַנדערע הויפּטווערטער אויף —יק, וואָס זיינען לשון נקבה) די פאַבריק, די קריטיק; די נאָך מער סלאַוויזירטיע, אָבער נישט ליטעראַרישע פאָרם מיט סוף —ע איז די פּובליקע, אַזוי ווי די פאַבריקע, די קריטיקע און אַז. וו.).

עס איז אינטערעסאַנט צו וויסן פון וויפיל פאָלקס־מענטשן האָט רייזען געהערט די פּובליק (און ניט פּובליקע)?*). אויב ער איז אַ פאָלקס־מענטש, זאָגט ער די פּובליקע, און אויב די ליטעראַטן האָבן אים אויסגעדרעסירט, זאָגט ער אפשר דאָס פּובליקום. מיט אַ מאָדנער אָלימפּישער זיכערקייט רעדט דאָ רייזען וועגן עפּעס אַ תהום צווישן דער פאָלקסטימלעכער שפּראַך און דער ליטעראַרישער שפּראַך וואָס שטייט בודטאָ־בי הויך איבער איר, און אויך וועגן „מער סלאַוויזירטע״ פאָרמעס.

אַ פּראָסטער פאָלקסמענטש וואָס האָט ניט געוווּסט פון אַזוינע זאַכן ווי פּוריזם אין רייניקן אונדזער מאַמע־לשון, האָט מיט אַ יאָר הונדערט און צען צוריק אָנגעשריבן אַ מאָגע־רינקע געאָגראַפיע פון 40 זייטלעך: „ראשית לימודי יעאָגראַפיע״. דער דרוקאָרט איז ניט פאַרצייכנט אויפן שער, נאָר פון דער שפּראַך קען מען פאַרשטיין אַז עס האָט געשריבן אַ פּוילישער ייד וואָס האָט געקענט רוסיש אויך. דער דרוקיאָר איז אויך ניט פאַרצייכנט, נאָר ס'איז זיכער געווען צווישן 1801 און 1825. די יעאָגראַפיע ווייס פון אַאוסטראַליאַ. „דיא אינזלין פון אַאוסטראַליע האָט ניט לאַנג גיפונדן דר ברימטער מאַן (קאָאָק)״. קוק האָט אַנטדעקט דעם נייעם קאָנטינענט אין 1770, און אויף זייט 10 („פון רוסישע קסריות״) שטייט: „דאָס רגירונג פון רוסלאַנד איז דורך דען קיסר אַלכסנדר דער I״ און אַלכסנדר דער Iטער האָט גערעגירט 25—1801. מע קען פאַרשטיין, פון דער פאָרמע „גיפונדן״ ווי פון אַנדערע דייטשמערישע פאָרמעס, אַז דער מחבר האָט געשעפּט זיינע ידיעות פון דייטשע ביכער אויכעט, און דעריבער האָט ער אַמאָל פאָרמעס וואָס זיינען דייטשמעריש, נאָר ווען ער שרייבט ווי ער רעדט, איז דאָס די פאָלקסשפּראַך פון דער צייט. אויף זייטל 10 זאָגט ער: „אַלער האַנד פאַבריקעש און האַנד וואַרג פאַר גרעשערין זיך פון צייט צו צייט״... און ווייטער אויף זייט 21 זאָגט ער: „פאַריז איז דיא הויפּט שטאָט פון גאַנצין לאַנד... דרייא אַקאַ־דעמיעס אויך פיל פאַבריקן. די שטאָט ווערסאַל איז אויך אַ גרושע און איין שיינע שטאָט, זי האָט איין פאַבריקי פון געווער... אויך... פיל זייד פאַבריקן... אין יאָר 1789 האָט זיך פראַנקרייך גיטיילט אין 33 גרושע פראָווינציעס״... און אויף זייטל 11 זאָגט ער: „אונ נאָך פיערצעהן גובערניעש... אויך דיא פראָווינציע פון בייאַ־ליסטאָק״...

די גדולים פון אַנדערע וועלט־שפּראַכן האָבן געקוקט גאָר אַנדערש אויף זייער פאָלקס־שפּראַך. אין זיינע „קריטישע באַמערקונגען״ זאָגט פּושקין: „פאַר אַ געניויער באַקאַנטשאַפט מיט די מעלות פון דער רוסישער שפּראַך איז אומבאַדינגט נייטיק דורכצושטודירן די אַלטע לידער, מעשהלעך און אַז. וו.; אַ שאָד וואָס די קריטיקער קוקן אויף זיי מיט פאַראַכטונג... די אומגאַנגשפּראַך פון פּשוט'ן פאָלק (וואָס לייענט ניט קיין אויסלענדישע ביכער און, אַ דאַנק גאָט, קאַליעטשעט ניט זיינע געדאַנקען אויף פראַנצויז) פאַרדינט די טיפסטע אויס־פאָרשונגען. אַלפיערי האָט געלערנט די איטאַליענישע שפּראַך אויפן מאַרק פון פלאָרענציע.

*) „מיר ביטן דעם פּובליק״ (מלך שאול — שפּיל, 3טע שורה, פּרילוצקים זאַמלביכער, I, ז. 112).

פאַר די פאַרשיידענע באַשטאַנד־טיילן פון זיין שפראַך, איז אַ פראַגע, וואָס, ווי ווייט איך ווייס, האָט שפראַך־וויסנשאַפט דערווײַלע ניט גערעכנט פאַר מיגלעך צו באַשיידן. אָבער צ׳י באַרוכאָוו איז געווען גערעכט אין זיין פאָרמולע, וועלן מיר קלאָר זען שפּעטער.

דער סלאַווישער עלעמענט אין יידיש איז אַן אַלטגעזעסענער און חשובער טייל פון אונדזער מאַמע־לשון. זיינע וואָרצלען ציען זיך טיף אין דער געשיכטע פון יידיש אויף אַן ערך זיבן־אַכט הונדערט יאָר צוריק און אפשר מער. יידן (אָדער כאַזאַרן) האָבן געלעבט אין איצטיקן דרום רוסלאַנד אין צענטן יאָרהונדערט, און די ערשטע ידיעות וועגן יידן אין קרים האָבן מיר פון 80־טן יאָר נאָך קריסטוסן (זע Регесты и Надписи, ז. 3). אין פוילן קומען די יידן צום ערשטן מאָל אין 13־טן יאָרהונדערט פון דייטשלאַנד,(Исторія Еврейскаго Народа, т. XI, стр. 2-3) און אין באָהעמיע אין יאָר 906, זע: זייט 1, אין G. Bondy-F. Dworsky, Zur Geschichte der Juden in Böhmen, Mähren u. Schlesien von 906 bis 1620 (Prag 1906).

שוין ביי רש״ין (וואָס האָט מסתמא געהאַט תלמידים פון די סלאַווישע לענדער) געפינען מיר סלאַווישע ווערטער: שניר (שניה ? שניי), קרוקים (ווערים), אקרין (טולטער), פרינוס (— פערינעס), מקום (מאַק, מאָן) א. א. הרכבי, היהודים ושפת הסלאווים, ווילנא, 1867.

ביי מיר איז ניטאָ קיין ספק, אַז איידער די גרויסע כוואַליע יידישע עמיגראַנטן פון דייטשלאַנד אין די סלאַווישע לענדער האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן די יידן וואָס האָבן געוואוינט אין די מזרח סלאַווישע לענדער גערעדט סלאַוויש מערסטנטייל, און די אָנגעקומענע אשכנזישע יידן האָבן געהאַט צו טאָן מיט אַ פעסטן סלאַווישן עלעמענט, ווען זיי האָבן געדאַרפט פאַרשפרייטן די געבראַכטע אשכנזישע אָדער גערמאַנישע שפּראַך צווישן די יידן פון די סלאַווישע לענדער. מיט אַנדערע ווערטער, דער גערמאַנישער עלעמענט (כראָנאָלאָגיש ריידנדיק) האָט אַרויסגעשטופּט דעם סלאַווישן און ניט פאַרקערט, דער סלאַווישער האָט זיך אַריינגערוקט אין דעם גערמאַנישן. צו ריידן וועגן דעם סלאַווישן עלעמענט ווי עפּעס אַ „פרעמדן" עלעמענט אין יידיש איז דעריבער אַן אומזין, און אַריבערצוטראָגן אויף אים די שנאה פאַר די הונדערטער טויזנטער קרבנות וואָס די כמעלניצקים און די גאָנטעס און די ניקאָלאַיעס און די מאַכנאָס האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט, איז אַקוראַט אַזוי שכלדיק און באַרעכטיקט ווי צו האַסן דעם גערמאַנישן עלעמענט מחמת די אַרמלעדער גזירות פון „יודענשלעגער" (1338—9) אָדער דעם פראַנקפורטער פּאָגראָם פון 1614, אָדער צו האַסן די לאַדינאַ שפראַך איבער דער שפּאַנישער אינקוויזיציע.

פאַרשטייט זיך, אַזאַ פראַגע ווי געשמאַק און חוש אין אַ שפּראַך איז גאָר אַנאַנדער זאַך. זי איז פאַרשווינדלעך אינדיווידועל און יעדערער וואָס וויל זאָל זיך אַליין אַרויסגעבן אַ פּאַטענט אויף פּסקענען שאלות וועגן וואָס איז שיין און כשר אין אַ געוויסן עלעמענט פון אַ שפּראַך.

איך רעכן פאַר נייטיק צו מאַכן נאָך אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן דער ראָליע פון גראַמאַטיקע און דער שפּראַך פון פאָלק אין פאַרגלייך מיט דער „ליטעראַרישער" שפּראַך, אָדער בעסער נאָך, פון „ליטעראַטן", פּובליציסטן און שפּראַכגעזעצגעבער.

אין פאָרוואָרט צו זיין איסלאַנדישער גראַמאַטיקע (1811) האָט דער גרויסער דענישער געלערנטער ראַזמוס ראַסק אַרויסגעזאָגט אָט־אָ די מיינונג, וואָס איז איצט געוואָרן אַן אָנגענומענער כלל אין שפּראַכוויסנשאַפט: „אַ גראַמאַטיקע האָט ניט צו באַשטימען ווי מע זאָל בויען די ווערטער, נאָר צו באַשרייבן ווי זיי זיינען געבויט און ווי אַזוי זיי פאַרענדערן זיך". דאָס מיינט פּשוט, אַז אַ גראַמאַטיקע פון אַ שפּראַך איז אַ לייסטער פון די פאַקטן פון דער שפּראַך און ניט קיין מין „סוואָד זאַקאָנאָוו" אָדער צאַרסקע אוקאַזן быть по сему. אַ פילאָלאָג וואָס האָט פּינקטלעך אויסגעפאָרשט אַ שפּראַך אין איר גאַנצער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, קען ריכטיק אָנווייזן די ליניע פון איר אַנטוויקלונג אין איר פאַרגאַנגענהייט און האָבן אַ רעכט צו זאָגן אַז נייע ווערטער אָדער פאַקטן וואָס גייען אין דער ליניע זיינען באַרעכטיקט, אָבער ער האָט קיין שום רעכט ניט צו זאָגן, אַז אַזוי און אַזוי איז שענער אָדער בעסער, ווי אַזוי און אַזוי. זאָגט הערמאַן גיונטערט אין זיינע Grundfragen der Sprachwissenschaft, 26 (Lepzig, 1926): „פאַר שפּראַכריכטיקייט איז, הייסט עס, דאָ נאָר אַ י י ן פּראָבירשטיין, דער פּאַקטישער שפּראַכגעברויך. מיט לאָגישע חקירות

אַקאַדעמישן ווערטער־בוך, וועט מען ניט קענען באַשיידן וואָס פאַר אַ פּראָצענט סלאַווישע און העברעאישע ווערטער ס'איז דאָ אין יידישן וואָרט־אוצר, דאָס הייסט, דעם סטאַטישן פּראָצענט, אָבער דעם דינאַמישן פּראָצענט דאַרף מען גאָר זוכן אין דער לעבעדיקער שפּראַך, אויף זייטלעך צייטונגען, ביכער און אַז. וו. און ניט פאַרגליווערטע אויף די בלעטער פון אַ ווערטער־בוך.

איך האָב אויך איינדרוקן און מיין איינדרוק איז, אַז דער גערמאַנישער עלעמענט איז אַן ערך 80—82 פּראָצענט, און אַז 18—20 פּראָצענט זיינען צעטיילט כמעט אויף העלפט צווישן סלאַוויש (אפשר אַ ביסל אַ גרעסערער טייל) און העברעאיש, 7—8—9 פּראָצענט. איך האָב דורכגעלייענט כסדר איבער 400 זייטלעך (צווישן זיי יעקב פיכמאַנס כרעסטאָמאַטיע „פאַר שול און פאָלק", וווּ מען קען באַקומען אַ פּינקטלעכערן איינדרוק, ווייל דאָ איז אי פּראָזע אי פּאָעזיע) און האָב געצייכנט אויף איין ראַנד די סלאַווישע ווערטער, אויף דעם אַנדערן — העברעאישע. די צאָלן האָבן זיך שטאַרק געביטן אפילו ביי דעמזעלביקן מחבר. אַזוי, אויף די קנאַפּע פינף זייטלעך „הערשעלע ווערט אַ דאָקטאָר" האָב איך געפונען 15, 11, 11, 18, 11 העברעאישע און 11, 18, 16, 11, 5 סלאַווישע. נאָר ווען אימיצער וועט דורכפאָרשן אַ צוויי־דריי טויזנט זייטלעך יידיש פון אַ פּופּציק אַוטאָרן און סיסטעמאַטיש ציילן דעם גאַנצן צאָל ווערטער און די סלאַווישע און העברעאישע ווערטער אויף יעדער זייטל, וועט מען קענען זאָגן מיט אַביסל זיכערקייט וואָס פאַר אַ פּראָצענט — ד י נ אַ מ י ש — העברעאישע און סלאַווישע ווערטער זיינען דאָ אין יידיש, און ביז דאַן וועלן אַלע ציפערן זיין נאָר השערות וואָס האָבן אַ קנאַפּן ווערט פאַר וויסנשאַפט.

I. לעקסיקאַלישער עלעמענט (וואָרט־אוצר).

אַז צוויי פעלקער קומען נאָענט צוזאַמען אין לעבן מוז אומבאַדינגט איין פאָלק באַאיינפלוסן דעם אַנדערן און דער נאַטירלעכסטער אופן איז אַריינצוברענגען נייע ווערטער אין דער שפּראַך פון דעם אַנדערן פאָלק. פירן אַ געשעפט אויף געבאָרגטע געלט איז אויך ניט קיין שאַנדע, אָבער געבאָרגטע ווערטער אין אַ שפּראַך זיינען גאָר אַנאַנדערער סאָרט באָרג ווי די געבאָרגטע געלט אין געשעפט: אַ פרעמד־וואָרט איז ניט קיין וואָרט וואָס מע דאַרף אומקערן דעם לייער, ער פאַרבלייבט אויף אייביק דער אייגנס פון יענעם וואָס האָט אים געבאָרגט. יעדער איינער איז פריי אויסצוקלייבן פון דעם גאַנצן אוצר ווערטער פון זיין מוטער־שפּראַך נאָר יענע וואָס זיינען אים ליב און קיינער קען אים ניט צווינגען צו נוצן יענע ווערטער וואָס זיינען אים ניט געפעלן. אָבער אין דער שפּראַך זיינען זיי דאָ און אַרויסוואַרפן קען מען זיי ניט ווי שטאַרק פאַרשיידענע יחידים זאָלן זיי ניט האָסן.

פון טויזנטער, טויזנטער סלאַווישע ווערטער וואָס זיינען אַריין אין יידיש וועל איך אַרויסכאַפּן עטלעכע הונדערט און וועל זיי קלאַסיפיצירן אונטער פאַרשידענע קעפּלעך כדי צו באַווייזן, אַז עס איז ניטאָ כמעט קיין איין ווינקעלע אין דעם יידנס לעבן וווּ די סלאַווישע ווערטער זיינען ניט אַריינגעדרונגען אין די טיפע טיפענישן.

1) קליידער — בעקעשע, קאַפּאָטע, קאַפּטל, קאַפּטן, טולופּ, וואַטאָווקע, שפּענצער, זשופּיצע, יופּ(ק)ע, ספּאָדניצע, סערטעק, לאַפּסערדאַק, קאַמיזעלקע, קאַפּעליוש, קאַפּער, טשיפּעק, טשעפּטשיק, פּעלישקעס, מאַנישקע, מאַנקעט, יאַרמולקע, קאָלנער, סוקניע, פּלאַכטע, (ש)קאַרפּעטקע, אָניטשעס, לאַפּטשעס, פּאָלע, לאַז(קאַן), שקראָבעס, סטאַניק, פּאַכווע, כאָלעווע, פּאָדעשווע, פּאָדעסקע, אוסטשילקע, קאָלדרע, שמאַטע, לאַטע, טאָרבע, קעשעניע, גאַטקעס, באַיקע, מייטקעס, סאַמעט, מערעזשע, טול (טיול).

2) מאכלים און עסנוואַרג — באָטשווינע, באָב, בעבלעך, בלינצעס, בולבעס, באָרשטש, בוריקעס, באָנדעס, באַלאַבאָשקעס, בולקע, צוואָרעך (סוואָרעך — וואַרשע, צוואָרעכץ — גראָדנאָ), פּאַסאָלעס, פּיסנאָיע, פּיסריבע (פּיש, נאָגע, ריבע), פּיש־בולבע, פּיש־קאַרטאָפּלע, פּוסטע־פּיש, גאַלקעס, גאָמלקעס, האַלישקעס, האַלקעס, קאַבאַק, קאַווענעס, קוילעטש,

עס וואָלט אונדז ניט געשאַט אַמאָל צוצוהערן זיך צו די מאָסקווער בעקערקעס פון קלויסטער בריוטלעך: זיי ריידן אַ ווונדערלעך ריינע און ריכטיקע שפּראַך”.

אין אַ בריוו צו אַ פריינט האָט טשעכאָוו געשריבן: „הערט נאָר, פאָרט וואָס אָפּטער אין דריטן קלאַס. איך באַדויער וואָס מיין קריינק לאָזט מיך ניט איצט פאָרן אין דריטן קלאַס. דאָרט קען מען אַמאָל דערהערן ווונדערלעך אינטערעסאַנטע זאַכן”.

וואָרט-אוצר, דער אומוויכטיקסטער עלעמענט אין איינפלוס אויף אַ שפּראַך.

עס איז אָבער ניט די הויפּטזאַך וויפיל ווערטער פון אַ געוויסן עלעמענט עס קומען אַריין אין אַ שפּראַך: אין ענגליש איז דאָ 60 פּראָצענט ראָמאַנישע ווערטער און דאָך איז ענגליש אַ גערמאַנישע שפּראַך, כאָטש פון גערמאַנישן אָפּשטאַם פאַרמאָגט ענגליש מער ניט ווי 30 פּראָצענט ווערטער. יעדערער האָט זיינע אייגענע אידעאַלן און גוסטן און יעדערער קען זיך אויסקלייבן די ווערטער וואָס זיינען אים געפעלן און ניט נוצן אַנדערע, כאָטשע זיי זיינען דאָ אין יידישן ווערטער-בוך. אָבער קיינער האָט ניט קיין רעכט צו זיין אַ צענזאָר איבערן יידישן ווערטער-בוך פון דער יידישער שפּראַך. האָבן מיר אין יידיש: אָרים, נעבאך, און בידנע, אַלע דריי מיט פאַרשיידענע ניואַנסן אין טייטש: бедная старушка, бедная дочь, бедная хатенка הייסן אויף יידיש „די אָרימע אַלטיטשקע, די טאָכטער נעבאך, די בידנע הייזקע”. זשיטלאָווסקי וואָלט אודאי ב י ד נ ע „אויסגערייניקט” און פאַר אָ ר ע מ ט די יידישע שפּראַך נ ע ב א ך! אָבער ווייסט ער, אַז געטע האָט זיך געקאָנט פאַרגינען צו שרייבן: “er denkt nicht was er war, nicht an den povern stand, aus dem ich ihn gerissen.” (ד'וו'ב, 2040, VII). פרעג איך: האָט געטע געוואוסט, אַז אין דייטש איז דאָ arm, ärmlich, armselig צי ניין? ווי זשע קומט צו אים דער פראַנצויזישער וואָרט pauvre וואָס איז קיין האָר ניט בעסער פון ב י ד נ ע אויף יידיש?

דער גרויסער טעות פון אַנטיסלאַוויסטן.

איך וועל שפּעטער ווייזן אַז אויב עס וואָלט שוין יאָ געלונגען די רייניקער פון יידיש אויסצוראָטן אַלע סלאַווישע ווערטער (וואָס מיט זיי איז אָנגעפילט יעדער ווינקעלע פון יידישן לעבן) וואָלטן זיי גאַנץ ווינציק אויסגעפירט. אָדער עס וואָלטן געבליבן לעכער אין דער געביידע פון יידיש, אָדער זיי וואָלטן פאַרשטעקט און פאַרשמירט די לעכער מיט ליים און ציגל פון איין קאָליר. נאָר דערנאָך וואָלטן, ערשטנס, נאָך אַלץ פאַרבליבן טויזנטער ווערטער אין געשטאַלטן וואָס זיינען עכט סלאַוויש, נאָר זיי אַליין באַמערקן עס גאָר ניט; און, צווייטנס, וואָלט דער גאַנצער קערפּער פון מאַמע-לשון פאַרבליבן דורכגעפלאָכטן און דורכגעדרונגען מיטן סלאַווישן איינפלוס אַזוי ווייט אין פאָנעטיקע, מאָרפאָלאָגיע און סינטאַקסיס, אַז כדי פון אים פּטור צו ווערן וואָלטן זיי געדאַרפט צעפאַסעווען און צעפיצלען, דאָס הייסט, איבעראַנדערשן אונדזער גאַנצע שפּראַך.

דער פּראָצענט פון פאַרשיידענע עלעמענטן פון יידיש.

פּראָפעסאָר לעאָ ווינער גיט די פּראָצענטן: דייטשע ווערטער — 70 פּראָצענט; העברעאישע — 20 פּראָצענט; סלאַווישע — 10 פּראָצענט*). פון וואַנען ווינער האָט גענומען אָט די ציפערן ווייס איך ניט, נאָר פון ביסל אַרבעט וואָס איך האָב אַריינגעלייגט אין יידיש דוכט זיך מיר, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַן איינדרוק, און איינדרוקן האָט יעדערער פאַרשיידענע. ביז עס וועט ניט זיין פּאָרטיק כאָטש אַ גרויסער טייל פון אַ יידישן

*) Jagic, Archiv für slavische Philologie, 1898, xx, ss. 620-4; Jewish Encyclopedia, VII, 305. S. Birnbaum, Das Hebr. u. Aram. Element in der Jiddischen Sprache, s. 53:— 60%, 25%, 10%.

זאַרודעווען, לאָדעווען, ווינטשעווען, שאַנעווען, זשאַלעווען, ראַטעווען (אין ישו"ת „בית־חדש", ע"ט, 1630), באָלבען, באַלאַבאָטשען, בלאָנקען גאָגאָטשען, טעלעפּאָטשען קלאָפּאָטשען, בלאָנדזיען, נודזשען (נודיען), הוליען, פּאַרסאָפּעט און פּאַרכראָפּעט, אויסקאָרעניען, האַלובען, כאָווען, כאָליען, פּאָליובען, לאַסקע, פּראָסט, נודניק, סאַמע אין מיטן.

11) גראַמאַטישע פּאַרטיקלען און אויסרופס־ווערטער — אַזש, אַבי, בודטאָ־בי, יאַק־בי, צי(טשי), היידע, האָדיע, העט, אי־אַי, מאַלעוואָס, אָט־אָט, אָן, נאַ, נאַט, ניט(ע), ניטע, טאַקע, ניבע־נימע, טאָ (טאָ וואָס ווילסטו ?), כיי, ניעכאַי, כאָטשבי, כיבע (אַכיבע אין קאָוונע), ווערלוק, פּאָדלוק, פּאָקעוואַנען, באָקעם, ראַקאָם, כאָדאָראָם, דיבאָם, אומישנע, אין ניוועץ, אויף ציפּוקעניש, טיאָך־טיאָך־טיאָך ! טע־טע־טע ! פּליוך ! טראַך ! באַץ ! פּע !

12) אות־באות איבערזעצונגען פון סלאַוויש־סלאַווימען — וואָס־וואָס, נאָר־וואָס, מיטאַמאָל, עפּעס, ניט־שוין־זשע. что-что (а этого я не сделаю), только-что, разом, ли + уже + не, что-то (мне спится).

פון וועלכע שפּראַכן נעמט יידיש די אינטערנאַציאָנאַלע ווערטער ?

(פּראָגראַם—פּראָגראַמע, פּאָעזי—פּאָעזיע, פּעריאָד—פּעריאָדע, רעליגיאָן—רעליגיע, טענדענץ—טענדענציע און אז. וו. ?)

אַ שרעקלעכער ווירוואַר הערשט ביי אונדז מיט אָט־די קלאַסן ווערטער. דערזעלביקער מענטש קען אָנשרייבן אין צען־צוועלף שורות, דער סיסטעם, די סיסטעם, די סיסטעמע, דאָס סיסטעם ; דאָס פּראָגראַם, די פּראָגראַם, פּראָגראַמע, דער פּראָגראַם. אָן אמת, אַז אַמאָל זאָגט מען, אַז דאָס איז דעם זעצערס שולד, אָבער אַ זעצער איז דאָך אויך אַ ייד און ער שרייבט אויך יידיש. מע שרייבט פּאָעזי און פּאָעזיע, די פּעריאָדע, דער פּעריאָד, די אודיענץ, די אודיענציע, ווי יעדערער מיינט פון וואַנען דער וואָרט שטאַמט. און ווער איז גערעכט ? צו קענען ריכטיק ענטפערן אויף דער פראגע דאַרף מען פאַרשטיין אַ פּאָר פּונקטן אין דער געשיכטע פון יידיש און ווי אַזוי שפּראַכן בכלל נעמען אריין פרעמדע ווערטער.

איך האָב בכיון גענומען פון אונדזערע פירערס אין שפּראַך אַ פּאָר ציטאַטעס, וואָס זיינען געקומען אונטערן האַנט, אָן זוכן, כדי מע זאָל זען דעם אומסדר וואָס מיגלעך בולטער. אין דעם נומער פון „טאָג", מאַי, 16, 1928, געפינען מיר :

1) דר. קאָראַלניק : ווי עס איז דער עמבלעם ; איין סיסטעם גייט, אַ נייער סיסטעם קומט ; פּראָפעסאָרען שאַפן סיסטעמען ; דערלאָזען דעם יידישן נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמען סיסטעם ; די ראָלע, ראָלען (מערצאָל) ; יעדער גרופּע, אימפּעריע, טעאָריע, טעאָריעס, פילאָזאָפיעס ; אַ פילאָזאָפיש נעפּל ; פּאָליטיק.

2) אַלפרעד קליין : אַזאַ מין זאַך ווי דער קוילען פּראָבלעם.

3) ש. ראָזנפעלד : רעפאָרמען ; איר ראָליע.

4) ש. ניגער : גרופּעס ; קאָלעגען.

אין צווייטן באַנד פון די ווילנער שריפטן :

1) מ. וויינרייך : ציטאַטעס (זייט 513).

2) נ. שטיף : מיט אַ געוויסער סיסטעם, די סיסטעם (זייט 145).

אין 7טן נומער „די יידישע שפּראַך" שרייבט נחום שטיף (די ציפערן נאָך די ווערטער ווייזן אָן די זייטלעך) : גראַמאַטיק (35) ; פּובליציסטיק (38, 46) ; רעפּליקע (39) ; ציטאַט (39), באַם ציטאַט (46, 40), בא דעם ציטאַט (40), אויף דעם ציטאַט (39) ; סכעמע (40), סכעמעס (39) ; גרופּע (45), גרופּעס (35, 39) ; טאַבעלע (43, 44) ; פּאָרם (38, 42 פינעף מאָל, 43), פּאָרמעס (38, 42) ; די פּראָפּאָרץ (36, 40) ; פראגעס (34, אכט מאָל, 35, 36, 39, 42) ; אויסגאַבעס (34, צוויי מאָל).

אין זאַרעצקיס „ספּייקעס און גרייזן" געפינען מיר : איבער דער סיסטעם (11), אין דער סיסטעם (5), וועגן דער סיסטעם (6) ; פון דער טעלעגראַם, דיזעלביקע טעלעגראַמע (20) ; טעכניק, לינגוואָטעכניק (11), לעססיק, גראַמאַטיק (5), פּאָנעטיק (143) ; די ציטאַט (10,

קליאָצקע(לאָך), קאַשע, קרופּניק, קנישעס, לאָקשן (קאַטשעט מען אין דרום־רוסלאַנד, אין פּוילן וואַלגערט מען), לאַטקעס, לימענעס, מאַלינעס, מאָסלינקע, האַלובצעס, קוואַס, פּיראָג, פּיראָזשקעס, פּיידע ברויט, לאַכמע, לוסטע, קלין ברויט, פּאָזשעמקעס, פּילעניצעס, פּידפּאַלאָק, פּלעצל, ראָסל, ראָסל־פּלייש, פּיטשעריצעס, סאַלטענאָסעס, סאָק (וואַרעניע), סיראָוועטקע, שטשיפּקעס, קליסקעלעך, אוגערקעס, אוקראָפּ, וואַרעניקעס, וועטשערע, כריין, פּאַלצינעס, זשעראַווינעס, פּרעזעשניצע, אַקרייעץ (ברויט), סטעטענע (ס מ י ט י נ ה, לב טוב, קד, דין הבורר בשבת (1670), פּאָטראַווע, נאָווינע, כאַרטש, ראָשטשינע. פּראַנ(ד)זאָליע, קאַלינע.

3) חיות, פֿייגל, ביימער — שקאַפּע, שעשקע, בוהאַי, ביק, יאָזש, יעזשאַק, לאָשעק, קאָזע, קליאַטשע, פּאַרשוק, טכויער (טכאָר), טעליצע, יאַלאָווקע (יאַלאָווע קו), זשאַבע, אינדעק, אינדעטשקע, קאַטשקע, קוואָטשקע, קוואָקע (קוואָקען), וואָראָנע, סאָראָקע, סאָווע, פּאַווע, שטשור, באָז, בעז (מאַי), בזשאָזע (בעריאָזע), דעמב, יאָלקע, מאַי, ליפּע, סאָסנע, (אַ) טאָפּאָליע.

4) שטוב און קיך — פּליטע, (ה)רובע, פּאָד (פֿון אַן אויוון), פּעטשערע, פּעטשורקע, פּריפּעטשעק, פּיעקעליק, זאָסלינקע, (וו)יושקע, קאַכליע, פּאָדלאָגע, דיל, סופּיט, סטעליע, פּריזבע, קאַטוך (קורניק), ווילקע, קאָטשערע, לאָפּעטע, פּאָמעלע, ראָהעטש, פּאָקרישקע, סקאָווראָדע, סירניקל, זאַפּאַלקע, לעזשאַנקע, פּאָמאָיניצע, לאַכאַנקע, סאַמאָוואַר, שטעלן (גרייטן), פּאַרטושקעווען (פּאַרדישן) דעם סאַמאָוואַר, טשאַיניק, טשאַיניצע, דאָיניצע, סאַכאַר־ניצע, קאַמפּאָרקע, פּאַרפּאַרען (פּאַרקאָכן, בריען טיי), שעטקעווען קרויט, קאַלעדאַטש, וויכעטש. שטשערקע, פּאָלומיסעק, מאַקעטער, מאַקיטרע, דושניק, פּאָליצע, קאַטשעלקע, פּראַלניק, באַנקע, סלאָי, פּערינע, פּוך.

6) טיילן פֿון קערפּער — פּלייצע, קריזש, וואָנצעס (וואָנסעס), פּיסק, לאַפּ(ק)ע, פּאַכווע, מאָרדע, פּאָטילניצע, זשמעניע, פּופּעק, קישקעס, דאָלאָניע, קאָפּיטע, קאָלטן, פּליך, פּאַרך, זאַוואַלקעס, לישאַי, זאַאידעס, טשופּרינע.

7) פֿאַמיליע און היים — טאַטע, מאַמע, זיידע, באָבע, פּלימעניק, פּלימעניצע. ק י נ ד ע ר צ י מ ע ר : האַם־האַם, פּאַפּע, מאָני(ע), מוקעניו, בייאַינקי, הייטע, דיודי(ע), זיוזי, זשיזשי(ע), טיוטיו, קיצי(ע), ציוצי(ע), נאָ קאָסי(ע), טיוטי(ע), האָפּאַ, הוידע, ליוליענקי, ציאַצי(ע), בובעלע, ניוני(ע), קרילעסי(ע), בערעם־בערעם־בוץ, באָדזי־באָדזי (זע זייט 268), פּאָליובען, האָלובען, לאַשטשען, כאָווען, כאָליען, וויכאָוואַנעץ, סערצע, דושעניו, ליוכעניו.

8) גאַס, מאַרק, געשעפֿט — קלייט, קראָם, פּאָטשאָנטעק, מאָ(הא)ריטש, זימיוולע, פּלוג, טאַטשקע, דראָזשקע, דישעל, פּאָדקאָווע, לייצעס, פּורמאַן, סמאָלע, דזעגאַכץ, קוואַטש, מאַיאָנטעק, דזיעדזיניעץ, פּאָמיעשטשיק, סטראַפּטשע, סטאָליער, מוליער, בריקע (איך בין גיפּארין מיט מי(י)נם הר אין דיא פּשיקה (brzyka) , שאלה, קל"ב, סטאליצא, קכ"ח, מהר"ם מלובלין (וויניציאה, 1618), טאָלק, קאָן, קריוודע(ן), קלאַטקע.

9) רעליגיעזער לעבן, מנהגים, שמחות — פּראַווען (אַ סדר, אַ לויה), הוליען, הוליאַנקע, קוילען, טשעפּטשיכע (האַרק.), קניהע (האַרק.), זאָדעק, פּריידעק (שוין אין יאָר 1550, אין שאלות ותשובות מהרש"ל, נ' 20*), טרייבערן, סמאַלען, קוויטל (פֿאַרן שוחט; אויף הושענא רבה), בעל־טאַקסע, בעל־הקאָראָבקע, צדקה־פּושקע, פּאַרעווער, סקאַרבאָווע־נגונים, קאַראַהאָד, טאַנצן אַ קאָזאַצקע, פּאָדריאַד, סטופּע (סטעמפּע) פֿאַר מצה, פּסחאָווקע, יאַטקע, ■אָלקע, פּופּיק, וואָליע, קאָסע, דרויבקעס, קישקע, מאַרשעליק („שמחת הנפש", הקדמה, טייל I, 1707), קאַטאָוועס, שטוקעס.

10) טאָג־טעגלעכער לעבן — מוטשען, סטאַרען זיך, האָרעווען, פּראַצעווען, קירעווען,

---

*) זייער טשיקאַווע איז אין „ספר לחם שערים" (הוראָדנא, תקך"ח), פֿון שאול ב"ר משה שו"ב ומנקר פֿון קידאַן זאָגט דער מחבר: „היינו חלק הפנים הנקרא ב ל ש ו ן א ש כ נ ז (פּרעדיק) (ז. י"ד). ער נוצט אויך: לעדוויצע (ז. י), צעפּצוחה, קניגה (ז. ח־2), קאַשטקע (ז. י"א־2), קישקה. Укр. лідви, лідвиці, ледвиці (Lenden, Huften, S. 705-6, Berneker, Slav. Etym. Wörterbuch); (Даль). чепець = второй желудок животных (Гр.); книга = 3-й желудок животных

(זאַרדינע) ; סאַרקאַזם (זאַרקאַזמוס) ; סאַטירע (זאַטירע) ; דער סאָוס (די זאָסע) ; דער סעקרעט (דאַס זעקרעט) ; סעקטע (זעקטע) ; סעקונדע (זעקונדע) ; דער סעמעסטער (דאַס זעמעסטער) ; דער סעמינאַר (דאַס זעמינאַר) ; סעמיטיש (זעמיטיש) ; סענאַט (זענאַט) ; סענסאַציע (זענזאַציאָן) ; סענסיטיוו (זענזיטיוו) ; סענטימענטאַל (זענטימענטאַל) ; סערענאַדע (זערענאַדע) ; סעריע (זעריע) ; סעסיע (זעסיאָן) ; דער סיגנאַל (דאַס זיגנאַל) ; דער סילועט (די זילועטע) ; סימפּאָניע (זימפּאָני) ; סירענע (זירענע) ; סיטואַציע (זיטואַציאָן) ; די סאָפּע (דאַס זאָפּאַ) ; דער סופיט (די זאָפּיטע) ; סאָליסט (זאָליסט) ; סאָנאַטע (זאָנאַטע) ; דער סאָנעט (דאַס זאָנעט) ; סאָפּיסטיקע (זאָפּיסטיק) ; סאָפּראַנע (זאָפּראַן) ; סורדינ(ק)ע (זאָרדינע) ; דער סאָרט (די זאָרטע) ; סופליאָר (זופלער) ; סאָציאַל—איסט, איזם,— דעמאָקראַטיע (זאָציאַל—איסט, איזמוס, דעמאָקראַטי) ; סאָציאָלאָגיע (זאָציאָלאָגי) ; סוביעקט (זוביעקט) ; דער סיוזשעט (דאַס סיוזשע) ; סומע (זומאַ) ; סימוואָל—איסט, איזם (דאַס סימבאָל—איסט, איזמוס) ; סימעטריע (זימעטרי) ; סימפּאַטיע (זימפּאַטי) ; דער סימפּטאָם (דאַס זימפּטאָם) ; דער סינדיקאַט (דאַס זינדיקאַט) ; דער סינאָד (די זינאָדע) ; דער סינאָנים (דאַס זינאָנים) ; דער סינטאַקסיס (די זינטאַקס) ; סינאָנימיקע (זינאָנימיק) ; סינטעז (זינטעזע) ; דער סיפילים (די זיפילים) ; די סיסטעמע (דאַס זיסטעם) ; סיסטעמאַטיקע (זיסטעמאַטיק).

ווי מע קען זען גייט דאָ דורך אַ שאַרפע שייד־ליניע אין דעם אופן באַהאַנדלען דעם אָנפאַנג אות "s" אין די צוויי קאַטעגאָריעס ווערטער: אין די פרעמד־ווערטער ווערט פון אים אַ קלאַנג „ס" און אין דייטשע ווערטער — אַ „ז".

3) אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. די פאָנעטישע פאַקטן זיינען ניט דער איינציקער באַווייז אַז די ווערטער קומען ניט פון דייטש נאָר פון אַנדערשוווּ. דער מין און די פאָרמע פון די ווערטער אין יידיש און אין דייטש זיינען גאָר ניט גלייך. גראָד ווי אויף צעפּוקעניש זאָגט מען אויף דייטש: די אַנטיקע, אַקציזע, אַנעקדאָטע, אַנאָנסע, באַגאַזשע, באַנדאַזשע, פּאַסאַזשע, קוראַזשע, עקיפּאַזשע, באַריערע, דעוויזע, דיאַגנאָזע, עקסטאַזע, עליפּסע, עפּיזאָדע, עלעקטראָדע, עפּאָדע, אַנאָדע, קאַטאָדע, פּעריאָדע, מעטאָדע, זינאָדע, פאַרסע, פאַסאַדע, פיליאַלע, פלאָטע, פרעגאַטע, (דאַס) פוראָרע, גאַלאָנע, איניציאַלע, לימאָנאַדע, פּאַראַדע, שאָקאָלאַדע, קאַפּריסע, קרעמע, זשעלאַטינע, קרינאָלינע, מאַנעזשע, מאַטראַצע, טואַלעטע, פּאַסטעטע, זילועטע, זאָרטע, זינטעזע, אַפּאָטעאָזע, אַנאַליזע, עלעקטראָליזע, אַוואַנגאַרדע, אַריערגאַרדע, הימנע, היאַצינטע*) און אויף יידיש זיינען זיי אַלע לשון זכר. זיי הייבן זיך אָן מיט אַ „ס" און האָבן ניט קיין „ע" סוף וואָרט, ווייל אין רוסיש איז עס אַזוי:

. антик, акциз, анекдот, аннонс, багаж, бандаж, пассаж, кураж, экипаж, барьер, девиз, диагноз, экстаз, эллипс(ис), эпизод, электрод, эпод, анод, катод, период, метод, синод, фарс, фасад, филиал, флот, фрегат, фурор, галлон, инициал, лимонад, парад, шоколад, каприз, крем, желатин, кринолин, манеж, матрац, туалет, паштет, силуэт, сорт, синтез, апофеоз, анализ, электролиз, авангард, арьергард, гимн, гиацинт.

4) פאַרקערט אָבער, כאָטשע אויף דייטש זאָגט מען: die Synthese, Krise, Krisis, These, Thesis, Antithese, Hypothese, זאָגט מען אין יידיש: דער סינטעז, קריזיס, טעזיס, אָבער די אַנטיטעזע, היפּאָטעזע, ווייל אין רוסיש איז עס אַזוי: синтез, кризис, тезис, антитеза, гипотеза און אויב אין דייטש איז עס: die Analyse, Electrolyse, Paralyse זאָגן די יידן: דער אַנאַליז, עלעקטראָליז, פּאַראַליטש (אין דרום רוסלאַנד), פּאַראַ-

---

*) Antike, Akzise, Anekdote, Annonce, Bagage, Bandage, Passage, Courage, Equipage, Barriere, Devise, Diagnose, Ekstase, Ellipse, Episode, Elektrode, Epode, Anode, Kathode, Periode, Methode, Synode, Farce, Fassade, Filiale, Flotte, Fregatte, (das) Furore, Gallone, Initiale, Limonade, Parade, Schokolade, Kaprice, Creme, Gelatine, Krinoline, Manege, Matratze, Toilette, Pastete, Silhouette, Sorte, Synthese, Apotheose, Analyse, Elektrolyse, Avantgarde, Arrieregarde, Hymne, Hyazinthe.

25), פֿון די ציטאַטן (6); דעבאַטן (6); די פֿאָרמעס (10, 18), די פֿאָרמען (25); פראַזע (6); פראַגעס (5); גראַמיטישע פּערספּעקטיוון (118); די פּראָפּאָרץ (144); קאָרעספּאָנדענצן (6); טערמינען (6).

זלמן רייזען: „גראַמאַטיק“, אויפֿן שער): די סיסטעם (102, 103); (יידישע פֿילאָלאָגיע): די פּראָבלעם (11); די פֿאָרם (11, 16); די פֿאָרמען (13, דריי מאָל, 14, 17); די רעפֿאָר־מען (13); דאָס קריטעריום (17).

אין מינסקער „צייטשריפֿט 2—3, ז. 871, שרייבט וויינגער: די גרונטפֿאָרם; מיט דער־דאָזיקער פֿאָרם; פֿון דער פֿאָרמע; סמיכעס—פֿאָרמען, די דעריוואַטע פאַרמעס; ציטאַטן; גראַמאַטיק.

י. ל. פּרץ: פּראַקטיק, פּראַקטיקע (31, ניו יאָרקער אויסגאַבע).

שלום־עליכם פֿאָלק־אינסטיטוט, פּאַמפֿלעט פֿאַרן צוזאַמענפֿאָר, יוני 22, 1928: אַזאַ פּראָגראַם, די אידעאַלע פּראָגראַם, די פּראָגראַמעס, סאָציאַלע פּראָבלעמען, אַלע פֿאָרמען; פּעדאַגאָגיק, די מעטאָדן, אוניווערזיטעט; אינסטיטוציעס, לעקציעס, אַקציעס, פּראַגעס, פּראַגן, פּראַגעס.

אויפֿרוף פֿון יידישן לערער־סעמינאַר, יוני 23, 1928: מיט אַ ברייטן פּראָגראַם, פּראָב־לעמען, מאַסן, סעריעס, פֿילאָזאָפֿיע, סאָציאָלאָגיע, אוניווערזיטעט, די מאַטעמאַטיק, פּראַקטיק, מעטאָדיק.

די פּראָגראַמע פֿון יידישן לערער־סעמענאַר, 1923—1924: די פּראָגראַם, (17,21); די מעטאָדען (13,15); דער נערוועז־סיסטעם (14); דאָס פּעדעראַל־רעזערוו־סיסטעם (13); פּראָבלעמען (14); רעפֿאָרמען (13, 14); סיסטעמען (13); אַריטמעטיק (11); מעטאָ־דיק (15); מעכאַניק און פֿיזיקע (11); רענטע (13); כעמיע (11); פֿילאָזאָפֿיע (10); סימפּאַטיען (4).

ווי דער לייענער קען זען איז דאָ פֿאַראַנען: דער, די, דאָס סיסטעם, סיסטעמע, סיסטעמען און סיסטעמעס; דער ציטאַט, די ציטאַט, ציטאַטע, כאָטש אויף זייט 17 („ספּייקעס און גרייזן“) זאָגט זאַרעצקי בפּירוש, אַז מע דאַרף זאָגן: אַנקעטע, פּאָעמע, פֿאָרמע, אַנקעטעס, פּאָעמעס, פֿאָרמעס און אַז. וו.

אַפֿילו אויב מיר זאָלן קענען אויסמעקן דעם גאַנצן וואָרט־אוצר וואָס שטאַמט פֿון סלאַווישע שפּראַכן, וואָלטן מיר נאָך אַלץ ניט פּטור געוואָרן פֿון סלאַווישע ווערטער. זיי זיינען די אַזוי גערופֿענע אינטערנאַציאָנאַלע פרעמדווערטער וואָס באַטרעפֿן אין יידיש איבער דריי־פֿיר טויזנט, אויב ניט מער. אַ פּאָר וויכטיקע פֿאַקטן אין די פֿאָנעטישע דערשיינונגען וועלן ווייזן גאַנץ קלאָר אַז די אַלע ווערטער קומען צו אונדז דורך די סלאַווישע שפּראַכן און ניט דורך דייטש.

איך האָב גענומען די זייטלעך 639—1016 אין צווייטן באַנד פֿון ווייגאַנדס דייטשן ווערטער־בוך און האָב געפֿונען אָט די רעזולטאַטן.

1) קודם כּל ווייסן מיר, אַז אַ דייטשער s אָנפֿאַנגס וואָרט פֿאַר אַ וואָקאַל ווערט אין יידיש אַ „ז“. די יידישע ווערטער: זאַק, זאַך, זאַפֿט, זאָגן, זעג, זאַלץ, זאָמען, זאַמלען, זאַנג, זאַט, זאָטל, זאַץ, זויער, זויפֿן, זייגן, זייל, זוים, זעקס, זייל (זעל), זעק, זעגענען, זייער, זייד, זייף, זייגער, זייען, זיין, זייט, זעלבסט, זעלטן, זעמל, זענפֿט, זעצן, זיך, זיכער, זיבן, זידן, זילבער, זיפּ, זיצן, און אַז. וו. האָבן אַלע אין דייטש אַן s וואָס ווערט אי אין דייטש אי אין יידיש אַרויסגערעט ווי „ז“.

2) די פרעמד־ווערטער וואָס איך האָב גענומען פֿון דיזעלביקע זייטלעך פֿון ווייגאַנדס ווערטער־בוך וועל איך ווייטער ציטירן אין זייער יידישער פֿאָרמע, וואָס איז געוויינטלעך דיזעלביקע ווי אין רוסיש (אָדער אין אַנדערע סלאַווישע שפּראַכן) און דעריבער וועל איך די סלאַווישע פֿאָרמעס ניט ברענגען און באַלד נאָך יעדער יידישן וואָרט וועל איך געבן אין קלאַמערן די דייטשע אויסשפּראַכלעכע פֿאָרמע פֿון יעדער וואָרט.

סעקולאַריזאַציע (זעקולאַריזאַציאָן), סאַלאַט, שלאַטן, אין „לב טוב“, ק״צ (1670), (זאַלאַט); סאַלאָן (זאַלאָן); דער סאַנדאַל (די זאַנדאַלע); סאַראַבאַנדע (זאַראַבאַנדע); סאַרדינקע

2) Problem, Ekzem, Emblem, Diadem, Axiom, Poem, Epigramm, Sarkom(a), Telegramm, Anagramm, Programm, Diplom, Symptom(a), Arom(a).

זיי זיינען: 1) די דילעמע, לעמע, פּאַנאָראַמע, פּריזמע, סכעמע, סכיזמע, דראַמע, טעמע, אַסטמע, טראַכאָמע, אַפּאָפעמע; 2) פּראָבלעמע, עקזעמע, עמבלעמע, דיאַדעמע, אַקסיאָמע, פּאָעמע, עפּיגראַמע, סאַרקאָמע, טעלעגראַמע, אַנאַגראַמע, פּראָגראַמע, אָבער: דער דיפּלאָם, דער סימפּטאָם, דער אַראָמאַט, און טאַקע נאָר דערפאַר ווײַלע אין רוסיש זיינען די לעצטע דריי ווערטער לשון זכר, בשעת די אַלע אַנדערע זיינען פון ווייבלעכן געשלעכט:

1) диплом, симптом, аромат.

2) дилемма, лемма, панорама, призма, схема, схизма, драма, тема, астма, трахома, апофема, проблема, экзема, эмблема, диадема, аксиома, поэма, эпиграмма, саркома, телеграмма, анаграмма, программа.

אַגב אורחה וויל איך באַמערקן, אַז די וואָס מיינען אַז מע דאַרף זאָגן: דאָס פּראָבלעם, פּראָגראַם, אָבער: דאָס דראַמאַ, טעמאַ, ווײַלע אַזוי איז אין דייטש, וואָלטן געדאַרפט זיין קאָנסעקווענט און זאָגן: דאָס אַראָם, זימפּטאָם, עקצעם, שעמאַ ווי מע זאָגט אין דייטש, און ניט: אַראָמאַט, סימפּטאָם, עקזעמע, סכעמע.

פון וועלכער סלאַווישער שפּראַך קומען די יידישע פרעמדווערטער?

אויב אין דעם גאַנצן אַרטיקל רייד איך געוויינטלעך וועגן סלאַווישע שפּראַכן אין אַלגעמיין און טייל ניט אויס רוסיש, אָדער פּויליש, אָדער ווייס־רוסיש, אָדער אוקראַיניש ספּעציעל, איז עס דערפאַר ווײַלע פאַר דער פאָלק־שפּראַך איז דאָ ניט וויכטיק פון וועלכער סלאַווישער שפּראַך אַ וואָרט קומט, כאָטשע פאַרבייגייענדיק קען מען זאָגן מיט געוויסער זיכערקייט, אַז דער איינפלוס פון פּויליש אויף יידיש איז ניט אין פאַרגלייך קלענער ווי דער איינפלוס פון די דריי רוסישע אָפּטיילונגען. אָבער די פראַגע איז גאָר אַנאַנדערע, ווען מיר קומען צו די פרעמדווערטער אין יידיש. דאָ האָב איך גערעדט וועגן רוסיש גאַנץ באַוווּסטזיניק.

ווען אונדזער אויפקלערונג־עפּאָכע האָט זיך אָנגעהויבן אַרום מיטל פון נייַנצנטן יאָרהונדערט האָבן אונדזערע משכילים געשעפּט זייערע ידיעות פון דייטש, אָבער ווען די באַוועגונג האָט זיך פאַרברייטערט און הונדערטער און טויזנטער יידישע יונגעלייט זיינען אַוועק אין גימנאַזיעס און אין אוניווערסיטעטן איז עס געווען די רוסישע שפּראַך וווּ זיי האָבן געשעפּט קענטעניש און ניט די פּוילישע שפּראַך, ווייל נאָכאַלעמען האָט די צאַרישע רעגירונג ניט דערלויבט מע זאָל לערנען אויף פּויליש אין די פּוילישע גימנאַזיעס און אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט.

איין בליק אויף עטלעכע צענדלינג פרעמדווערטער אין יידיש וועט קלאָר באַווייזן וועלכע פון די צוויי שפּראַכן, פּויליש אָדער רוסיש, איז דער קוואַל פון וואַנען מיר האָבן געשעפּט אָט די ווערטער.

למשל אונדזערע ווערטער: אַקסיאָמע, אַמאַלגאַמע, פּאָעמע, סכעמע, דראַמע, פּריזמע, זייַנען אין פּויליש: aksiomat, amalgamat, poemat, schemat, dramat, pryzmat, אָבער מיר זאָגן: דאָגמאַט, ווײַלע אַזוי איז אין רוסיש, כאָטשע פּויליש איז געוויינטלעך dogma.

אונדזערע ווערטער: אַקציז, אַקטיוו, אַנילין, אַליזאַרין, אַנטיטאָקסין, אַנטיפּירין, אַנטיפעברין, אַטראָפּין, כינין, פּאַראַפין, ענדיקן זיך אַלע אויף פּויליש מיט אַן „א", און וואָלטן זיך געדאַרפט ענדיקן אין יידיש מיט אַן „ע" אויב זיי וואָלטן געקומען פון פּויליש: akcyza, aktywa, anilina, alizarina, antitoksyna, antypiryna, antyfebryna, atropina, chinina, parafina.

און אין מיטן דערינען זאָגט מען אויף פּויליש atak ווי מיר זאָגן אויף יידיש אַטאַקע (ווייל אין רוסיש זאָגט מען атака.) ווידער זאָגן מיר אויף יידיש: דער אַקראָבאַט, אַעראָנאַווט, אַפעריסט, אַלטרויסט, אַנאַרכיסט, אַנטיסעמיט, אַרגאָנאַווט, אַרטיסט, אַריס־

לי(ז)ש אין פּוילן (און ליטע?), ווייל אין רוסיש און פּויליש זאָגט מען: анализ, электролиз, паралич, paraliż.

האָבן זיך אונדזערע גראַמאַטיקן (ניט גראַמאַטיקעס, די ביכער, מיין איך) אַמאָל פֿאַר־טראַכט וועגן דעם פּראָוואָס ווען די דייטשן זאָגן: *das* Referat, Mandat, Aquarium, Kriterium, Medium, Maximum, Minimum, Kolloquium, Individuum, Herbarium Ideal, Material, *die* Initiale זאָגן מיר דער און די געשטאַלטן פֿון די ווערטער זיינען דיזעלביקע ווי אין דייטש: דער רעפֿעראַט, מאַנדאַט, קריטעריום, אינדיווידוום, אידעאַל, איניציאַל, און ווען א דייטש זאָגט ווייטער: *das* Zitat, Astrolabium, Privillegium, Kollegium, Epitaph (ium), Mysterium, Präludium, Interludium, Intermedium, *die* Moral זאָגן מיר גאָר: די מאָראַל, ציטאַטע, אַסטראָלאַביע, פּריווילעגיע (פּריבלעגי, אַנדער זייט פֿון שער, וויצנהויזנס תנ"ך, 1679), קאָלעגיע, עפּיטאַפֿיע, מיסטעריע, פּרעלודיע, אינטערלודיע, אינטערמעדיע?

די רוסישע פֿאָרמעס פֿון ביידע דערמאָנטע גרופּעס ווערטער גיבן א קלאָרן ענטפֿער:

1) мандат, аквариум, критерий, медиум, максимум, минимум, коллоквиум, индивидуум, гербарий (-ум), идеал, материал, инициал.

2) цитата, астролябия, привилегия, коллегия, эпитафия, мистерия, прелюдия, интерлюдия, интермедия, мораль.

כאָטשע אין דייטש זיינען די פֿיר ווייטערדיקע קלאַסן ווערטער:

1) die Matratze, Dublette, Pastete, Krinoline, Gelatine,
2) die Matrize, Enquete, Disziplin,
3) die Limonade, Parade,
4) die Ballade, Brigade, Barricade, Pomade, Armada, Olympiade, Dekade, Tirade.

פֿון ווייבלעכן געשלעכט, זיינען זיי אין יידיש פֿון פֿאַרשיידענע מינים, און די קלאַסן 1 און 3 זיינען לשון זכר און האָבן ניט קיין סוף וואָקאַל, בשעת קלאַסן 2 און 4 האָבן אי דעמזעלביקן מין אי די פֿאָרמע:

1) דער מאַטראַץ, דובלעט, פּאַשטעט, קרינאָלין, זשעלאַטין;

2) די מאַטריצע, אַנקעטע, דיסציפּלינען (פֿגל. ציפּלינע = מה"ד cipline, Lexer III, 1131; cypline, Taschenwörterbuch, 413);

3) דער לימאָנאַד, פּאַראַד;

4) די באַלאַדע, בריגאַדע, באַריקאַדע, פּאָמאַדע, אַרמאַדע, אָלימפּיאַדע, דעקאַדע, טיראַדע.

דאָ ווידער פֿאַרענטפֿערט אונדזער שאלה די רוסישע שפּראַך:

1) матрац, дублет, паштет, кринолин, желатин.
2) матрица, анкета, дисциплина.
3) лимонад, парад.
4) баллада, бригада, баррикада, помада, армада, олимпиада, декада, тирада.

נאָך איין קלאַס ווערטער, און איך וועל זיין פֿאַרטיק. אַלע פֿרעמדווערטער אין דייטש וואָס ענדיקן זיך מיט —mma, -ma, m(m) — און קומען פֿון גריכיש(—לאַטייניש)ע שרשים זיינען פֿון ז א כ ל ע כ ן ג ע ש ל ע כ ט אָן אויסנאַם. אין רוסיש זיינען זיי אַלע פֿון ווייבלעכן מין, א חוץ געציילטע ווערטער, און אָט די אויסנאַם־ווערטער זיינען אויסנאַמעס אויכעט אין יידיש!

1) Das Dilemma, Lemma, Panorama, Prisma, Schema, Schism(a), Drama, Thema, Astma, Trachoma, Apothem(e).

(ei) ארבעט, ארבעס, וואָלוול, בראנפּן.

(i) באַהאלטענעש, פינצטערנעש, רעטענעש, גלוסט זעך, קימפּעטאָרן, וויפל.

(o) באָקסער, טינטער, בייוול (באמוול), בוימל (bocks-horn, tint-horn, boum— wol, boumöl).

(ou) פירעס (פירעסט), שולעף (שול הויף), באקעס (באק הויז).

(uo, u) באָרוועס, אומעט (און + מוט), פּארטעך, טישטעך, האנטעך, לעקעך, ענטפער.

2) העברייאישע:

נעקייווע, מאַלבעש, גאַלעס, כאנעקע, לעהאכעס, קאָשער, נאכעס, קאדאָכעס, פּאָנעס, טאַלעס, טאָעס, טיפּעש, גאַלעך, גאבע, גאזלען, גאַנעוו, דאַלעס, אפילע, טפילע, עפּשער, העזעק, טאַלמעד, מיספּער, בעפּיירעש, מאכמעס, יאָמטעוו.

3) סלאווישע ווערטער:

(a) קראָכמעל, ראָהעטש, בורעק, באָנדער, קאָלפּעק, קאָזעק, קוילעטש, קאָמער, לאָפּעטע, קאַטשעלקע, בולעווע, קאפּטן, קאטשען.

אויסלאָז וואָרט. קאשע, פּאשע, קאָזע, לאָפּעטע, קאָטשערע, ווילקע, קאווע, כיבע, כמארע, פּעטשערע, זאסלינקע, פּאסטקע, טשערעדע, פּערענע, באָטשווענע, (я) סינעק, וואָליע, קעשענע.

(и) קאַליעקע, פּערענע, מאַלענע, קראָפּעווע, באָטשווענע, אוסטשעלקע, קרוילעק, טאקע.

(o) יאַגעדע, פּאָטקעווע, זאסלענקע, האָדעווען, מאָרדעווען, ראַפּטעם, באָקעם, פּאַ־קעווען, וויאָסלע, ווילנע, בלאָטע, קאָפּעטע, קאָרעטע, פּאסקוטסטווע, אָזערע, פּאָוועדלע, קאָווארלע, בוטעבע.

(y) קאנטשעק, טולעפּ, כאָמעט, ווערדלעק, פּאָדלעק, פּאסטעך, קאָלטן.

(ю) אינדעק, אינדעטשקע.

(ы) קונדעס, קאָפּעטע, קאָרעטע, כאָטשבע, יאַגבע, טשעקאווע.

צוויי קלאַנגען: כוואצקע (נעקייווע), די צארסקע פּאמיליע, צארסקע סיעלאָ, באבסקע רעפּועס.

4) ענגלישע ווערטער:

(a) בענענע, אמברעלע, פּושקע, עקסטרע (banan*a*, umbrell*a*, push*ca*rt, extr*a*)

(ay) פּיידע (payday)

(y) גראָסערע, ספּענסערע, לאָנדרע, פּעקטערע, בייבע, פּענע, פּראָפּעטע, סעמעטערע, קאָמפּענע, לייבערע, סאָסייעטע, פּאַלעסע, דזשעלע.

(o) פּאָטייטע, טאָמייטע, ווינדע, פּיאנע, אָפּרייטער, רייזער, וואָטערמעלען, אייפּרען, בעלעט, קאָנדאָקטער, ביורע, יוניע, פּאַלע.

(u) וואשטעפּ, הערקעט (wash-tub, haircut).

פּיקטשע, פּויניטשע (picture, furniture)

(u)

III) דער אומבאשטימטער סוף וואָקאל אין אַלע אריינגענומענע פרעמדע ווערטער פּאַלט קיינמאָל ניט אָפּ. דאָס איז דער וויכטיקסטער פּרינציפּ וואָס מע טאָר ניט פארגעסן און וואָס באשטימט די פּאָרמעלע ענדונג פון די אַלע ווערטער אין יידיש.

טאָקראַט, אַטעאיסט, אַסקעט, אַטלעט, אַווטאָקראַט, גימנאַזיסט, פּאָעט, סטיליסט, דעספּאָט, אַזוי ווי מע זאָגט אין רוסיש און ניט ווי אין פּויליש: akrobat*a*, aeronaut*a*, aferyst*a*, altruist*a*, anarchist*a*, antysemit*a*, argonaut*a*, artyst*a*, aristokrat*a*, ateist*a*, ascet*a*, atlet*a*, autokrat*a*, gimnaziast*a*, poet*a*, stylist*a*, despot*a*.

אין פּויליש זאָגט מען אויך monarch*a*, (הארקאָווי האָט די פאָרמע מאָנאַרכע*) און אויך מאָנאַרך ווי אין רוסיש), patrjarch*a*, egzarch*a* אָבער eparch, און אין יידיש זאָגט מען די אַלע ווערטער ווי אין רוסיש אָן אַ וואָקאַל צום סוף.

אויך די ווערטער עלעקטראָליז, אַנאַליז, סינטעז, זיינען אין פּויליש: elektroliz*a*, analiz*a*, syntez*a*, און זיי וואָלטן געהאַט אַנאַנדער פּנים אין יידיש אויב זיי וואָלטן געקומען פון פּויליש.

עס וואָלט געווען גרינג דורכצושטודירן אַנדערע קלאַסן ווערטער און אין זיי אויך באַווייזן, אַז זיי קומען כמעט אָן אויסנאַם פון רוסיש און ניט פון פּויליש, אָבער פאַר מיינע צוועקן איז גענוג וואָס איך האָב געזאָגט און איך האָף, אַז קיינער וועט מיך ניט חושד זיין, אַז איך שאַץ פּויליש אַפילו אויף אַ האָר ביליקער.

ווי אַזוי יידיש פאַריידישט פרעמדע ווערטער.

אַלע שפּראַכן אַרבעטן זיך אויס זייער אייגענעם אופן פון איבעראַנדערשן פרעמדע ווערטער. למשל אין פראַנצויז נעמט מען אַלע פרעמדע זאָג־ווערטער (ווערבן) און מע מאַכט פון זיי נייע מיט דער הילף פון er—, פון ערשטער קאָניוגאַציע, כאָטש אין פראַנצויז זיינען דאָ 4 פאַרשיידענע קאָניוגאַציעס: dix sous pour trinqu*er* (=trinken); on va five-o'cloqu*er*, on five-o'cloqu*era*, (פון איינגליש: five o'clock tea)

אין רוסיש לייגט מען צו צו אַלע פרעמדע זאָג־ווערטער: —евать, —ировать, —овать, пак-овать, мал-евать, организ-овать, шок-ировать, иронизировать
Packen, malen, organiser, choquer, ironiser.

אין רוסיש לייגט מען צו אַן אַ סוף וואָרט ווען ער איז לשון נקבה, כאָטש ער פאַרענדיקט זיך אינדערהיים אויף אַ קאָנסאָנאַנט־קלאַנג: Соробонна, клика, ложа, мозаика (fr. Sorbonne, clique, loge, mosaique).

יידיש האָט זיך אויך אויסגעאַרבעט אַן אייגענעם אופן צו פאַריידישן פרעמדע ווערטער, זאַך־ווערטער (סובסטאַנטיוון). דערביי דאַרף מען געדענקען אַ פּאָר אַלגעמיינע דינים פון יידישער פאָנעטיקע:

I) יידיש איז אַ באַריטאָניזירנדיקע שפּראַך, וואָס האָט זייער ליב אַוועקצורוקן דעם אַקצענט (קוועטש) פון אַן אַריינגענומענעם וואָרט וואָס ווייטער צוריק פון סוף: קאָ'פּעטע, פּאָ'טקעווע, בע'קעשע, קאָ'טשערע, לאָ'פּעטע, פּאָ'קרישקע, או'סטשילקע, זאָ'סלינקע, קאָ'לבעס, טאָ'ביקע, טשע'רידע, נאָ'ווינע, אַלע מיטן אַקצענט אויפן ערשטן טראָף, כאָטשע אין די סלאַווישע שפּראַכן איז דער אַקצענט נאָענטער צום סוף.

II) אַ ל ע וואָקאַלן (איינפאַכע און צוויי־קלאַנגיקע) נאָכן אַקצענט ווערן אויסגעגלייכט און פאַרביטן אויף איין קלאַנג: —ע (ə) (דער אומקלאָרער צווישנקלאַנג צווישן ע און י וואָס אין פילאָלאָגיע איז זיין סימן: ə). דער צייכן ע איז אומפּינקטלעך. פאַר אַ „נ" אָדער „ל" פאַלט אָט דער „ע" אינגאַנצן אַרויס.

1) ג ע ר מ אַ נ י ש ע (מיטלהויכדייטשע):

(a) בלאָזזעק, קעזעק (בלאָז און קעז + זאַק), מאָנטעק, דינסטעק, וואוילטעק, מיטעק, ליילעך, לייוונט, קוואַרטל.

*) אָבער עס מיינט: האַר, גרויסער מענטש (ז. 288).

דעם 29טן יוני, אין אונטערבאַן (סאָבוועי) האָט זיך צו מיר צוגעזעצט אַ ייד פֿון אַ יאָר 70, מיט אַ לאַנגער גראָער באָרד און האָט מיך געפֿרעגט: „מיט די טרעין קען מען פֿאָרן צו פֿאָרטינט סטריט?" איך האָב דערקענט אַ וואָלינער יידן (ער איז 36 יאָר אין אמעריקע און קומט פֿון „פּיטשייעוו" = Почаев) און האָב זיך צעפֿרעגט וועגן זיינע אַמעריקאַניש־יידישע ווערטער. ער זאָגט: די קאַר, נעקסט, טרעין, ביורע, סטריט, פּויניטשע, ווינדע, פּיקטשע, לאָקעל; דער טשער, סטייק, אָווערקאָוט, עקספּרעס. דאַן האָב איך גענומען דעם פּראָבירשטיין, ארויסגענומען אַ בלייפֿען און געפֿרעגט ווי ער רופֿט עס. ער האָט געענטפֿערט: „נאַטירלעך דוס פּענסל, ווי מע זאגט דוס ביכל!" פֿריינט האַרקאַווי האָט מיר מיט אַ פּאָר טעג פֿריער געזאָגט אַז ער האָט געהערט אין אַמעריקאַניש־יידיש עטלעכע מאָל דאָס פּענסל (pencil), נאָר דערפֿאַר, וואָס דער סוף „ל" גיט אַן איינדרוק פֿון פֿאַרקלענערונג—סופֿיקס—„ל" און דער פּאָטשאַיעווער ייד האָט עס באַשטעטיקט מיט זיין ענטפֿער, וואָס בעסער האָט מען ניט געקענט ווינטשן.

אַלע איינגלשע ווערטער וואָס ענדיקן זיך מיט אַ וואָקאַל, אָדער מיט 2 וואָקאַלן, האָבן אין אַמעריקאַנער יידיש צום סוף דעם אומבאַשטימטן קלאַנג, אָן אַן אויסנאַם, און זיינען אַלע לשון נקבה: פּיידע, מואווע, פּענע, קענדע, פּראָפּעטע, סעמעטערע, ווינדע, סעלערע, קאָמ־פּענע, לייבערע, סאָסייעטע, פּאָלעסע, געלע, פּאָטייטע, פּיאַנע, טאָמייטע, ביורע, פּיקטשע, פּוינעטשע, הענקעטשע, קאָלאַנע, ביזע, יוניע, פּאַלע, זיינען אַלע פֿון ווייבלעכן געשלעכט: payday, movie, penny, candy, property, cemetery, window, celery, company, library, society, policy, galley, potato, piano, tomato, bureau, picture, furniture, handkerchief, colony, busy, union, parlor.

5) ווייטער, ווי דאַרף מען זאָגן: דער מעטאָד, פּעריאָד, אַנאָד, קאַטאָד, עלעקטראָד, צי די מעטאָדע, פּעריאָדע, אַנאָדע, קאַטאָדע, עלעקטראָדע? דאָ האַלט עס אַ ביסל אַנדערש; אין גריכיש־לעטייניש איז עס periodus, anodus, cathodus ענדונג לשון זכר, אָבער פּאַקטיש לשון נקבה. דאָ גייט רוסיש קאָנסעקווענט — метод, период, анод, катод, электрод, ווייל אין אָריגינאַל ענדיקן זיי זיך מיט אַ קאָנסאָנאַנט. ווייל אָבער אַ רוס אָנווייזן, אַז זיי זיינען לשון נקבה, קען ער אויך זאָגן метода. אין דייטש זאָגט מען: die Periode, Methode, Kathode. ווער עס זאָגט אין יידיש מערצאָל, די מע'טאָדן, פּערי'אָדן, (מיט אַ סוף ן) דער קען ניט זאָגן אין איין־צאָל, די מעטאָ'דע, די פּעריאָ'דע (ווייל אין יידיש קען מען ניט צוריקרוקן דעם אַקצענט אין מערצאָל) און יענער מוז זאָגן, דער מע'טאָד, דער פּערי'אָד, אין איינצאָל. פֿאַרקערט אָבער, זאָגט ער פּעריאָ'דע, מעטאָ'דע, אין איינצאָל, מוז ער זאָגן אין מערצאָל, מעטאָ'דעס, פּעריאָ'דעס. דאָס הייסט: דער מע'טאָד, פּערי'אָד, — מערצאָל די מע'טאָדן, פּערי'אָדן; די מעטאָ'דע, (פּעריאָ'דע) — די מעטאָ'דעס, (פּעריאָ'דעס).

6) דיזעלביקע זאַך קען מען זאָגן מכח ווערטער ווי גראַמאַטיקע, פֿיזיקע, לאָגיקע, מוזיקע, פֿאַבריקע, טעכניקע, אריפֿמעטיקע, עטיקע, עסטעטיקע, פּאָליטיקע, מעטריקע, א. אז. וו., כאָטשע רייזען לאַכט זיך אויס פֿון אַזוינע איבערסלאַווזמען, און פּסקנט אָפּ, אַז מע דאַרף זאָגן, גראַמאַטיק, פֿאַבריק, א. אז. וו.

קודם כל דאַרף מען אַלעמאָל געדענקען, אַז יידיש איז אַ שפּראַך וואָס האָט ניט האַלט קיין אַקצענטן אויפֿן סוף וואָרט.

אפֿילו אין דייטש איז איצט אין פֿאָלקשפּראַך אַ שטאַרקע נייגונג אַריבערצוטראָגן דעם אַקצענט פֿון סוף וואָרט צוריק, אין פֿרעמדווערטער און ספּעציעל אין ווערטער וואָס ענדיקן זיך אין דייטש אויף —יק, אַזוי זאָגט מען איצט: Ko'mpass, Tro'ttoir, Bon'bon, Pa'last, Ba'rbar, A'ltar, Ka'min, Mu'sik, Mo'del, Ko'mpott, Phy'sik, Gramma'tik, Metaphy'sik, Mosa'ik, Bota'nik, Poli'tik (L. Sütterlin, Neuhochdeutsche Grammatik (1924), s. 96 (98).) אַלע מיטן אַקצענט אויפֿן פֿאַרלעצטן (ניט לעצטן!) טראַף.

ווייטער זיינען די אַלע ווערטער גריכיש־לאַטייניש, ווו זיי ליגן זיך אוים: logica, grammatica (=ars), physica, musica דאָס הייסט: די לאָגישע, גראַמאַטישע, פֿיזישע,

איצט לאָמיר אַ קוק טאָן אויף די ווערטער וואָס טוען אָן אַזוי פיל צרות אין יידיש. ווי דאַרף מען זאָגן: דער, די, דאָס פּראָבלעם, פּראָגראַם, סיסטעם, טעלעגראַם, טראַכאָם, צי די פּראָבלעמע, פּראָגראַמע, סיסטעמע, טעלעגראַמע, א. אז. וו.?

אָט די אַלע ווערטער זיינען פרעמדע אין אַלע מאָדערנע שפּראַכן, און זיי שטאַמען פון גריכיש-לעטייניש, וואו זיי ענדיקן זיך אויף אַ און זיינען פון זאַכלעכן געשלעכט problema, programma, systema, telegrammma

אין דייטש זיינען זיי געקומען צולעצט (אַ צווייטן מאָל) סוף 18־טן יאָרהונדערט פון פראַנצויז, ווייל דער קיניג פרידריך דער גרויסער האָט גערעדט נאָר פראַנצויז, און געמיינט, אַז דייטש פּאַסט נאָר פאַר לאַקייעס און קוטשערן, פּונקט ווי עס איז געווען אין רוסלאַנד אין יענער צייט מיט פראַנצויז און רוסיש. אין פראַנצויז פאַרלירן די אַלע ווערטער דעם סוף וואָקאַל אין אויסשפּראַך.

און דערפאַר זאָגן איצט די דייטשן: das Problem, Programm, System, Telegramm אָבער די רוסן, האָלענדער און אַנדערע פעלקער נעמען זיי פון גריכיש גופא, און זאָגן: проблема, программа, система, телеграмма.

1) אַז מיר יידן נעמען זיי ניט פון דייטש, נאָר טאַקע פון די סלאַווישע שפּראַכן, האָב איך שוין דערמאָנט. מיר זאָגן: סיסטעמע און ניט זיסטעם, ווי עס וואָלט געווען מיט ווערטער וואָס קומען פון דייטש.

2) אויב עס איז ריכטיק צו זאָגן דאָס (אָדער דער) פּראָגראַם, פּראָבלעם, סיסטעם, א. אז. וו., טאָ פאַרוואָס איז מען אַזוי אומקאָנסעקווענט און מע זאָגט: די טעמע, דראַמע, סכעמע, לעמע, טראַכאָמע, סאַרקאָמע, אַנאַטעמע, און ניט דאָס (אָדער דער) טעם, דראָם, טעלעגראַם, סכעם, לעם, טראַכאָם, זאַרקאָם, אַנאַטעם, א. אז. וו.?

3) אַזוי ווי אַלע סלאַווישע ווערטער (און מיר נעמען אָט די ווערטער פון סלאַוויש, אָריגינעל גריכיש-לאַטייניש), וואָס ענדיקן זיך מיט אַ וואָקאַל, בייטן אים איבער אויף ע און עס ווערט לשון נקבה, פון וואָס פאַר אַ געשלעכט עס זאָל ניט זיין אין סלאַוויש: למשל, די אָזערע, בלאָטע, פּאָווידלע, קאָפּעטע, קאָרעטע, קאָוואַדלע, פּאַסקוטסטווע, און אפילו סאָפּראַנע (אַ קול נגינה האָב איך אויך בירושה פון מיין טאַטן, אַן אמתע סאָפּראַנע — שלום עליכם, „איך בין אַ יתום”). איז דאַרף מען זאָגן: די פּראָבלעמע, סיסטעמע, פּראָגראַמע, סכעמע, טעמע, וועט יעדערער (און קינדער אודאי) וויסן, אַז עס איז לשון נקבה און אין מערצאָל וועט ער צולייגן —ס, על פּי אַלגעמיינעם כלל פון יידישער גראַמאַטיקע.

דאָס איז אויך אמת וועגן ווערטער ווי פאָרמע, נאָרמע, פּלאַטפאָרמע, רעפאָרמע א. אז. וו. ווייל אויף יידיש קען ניט זיין אַזאַ וואָרט ווי נאָרם און פאָרם; אין יידיש מוז צווישן אַ קאָנסאָנאַנט און מ סוף וואָרט, אַריינקומען דער אומבאַשטימטער וואָקאַל ע. פון די דייטשישע ווערטער: Form, warm, arm, Sturm ווערט אויף יידיש: פורים, וואַרעם, אָרעם, שטורעם און אַז. וו. אַ חוץ די פּאָר ווערטער: כלאָראָפאָרם, יאָדאָפאָרם, וואָס מע רעדט סיי ווי אַרויס כלאָראָפאָרעם, יאָדאָפאָרעם.

4) איין בליק אויף די ענגלישע ווערטער וואָס זיינען אַריין אין אַמעריקאַנער יידיש וועט מער ווי בויגנס דיסקוסיעס אונדז באַשיינפּערלעך ווייזן די פאַקטן פון גראַמאַטישן מין אין יידיש.

קודם כל איז מיר ניט באַקאַנט קיין איינציקער איינגלישער וואָרט וואָס איז אַריין אין יידיש און איז געוואָרן פון זאַכלעכן מין, כאָטש אַלע אומבאַלעבטע זאַכן אין איינגליש זיינען פון זאַכלעכן מין. אַן איינגלישער וואָרט אין אַמעריקאַנער יידיש איז אָדער לשון זכר, אָדער לשון נקבה. דאָס איז דער וויכטיקסטער בייטראָג פון אַמעריקאַנער יידיש צו אונדזער פילאָלאָגישער וויסנשאַפט, אַ פאַקט וואָס שטראַלט מיט אַ בלענדיק העלן ליכט פאַר די וואָס פּראָפּאַגאַנדירן דעם דריי־מיניקן יידיש.

אין מערצאָל און בייטן, און צוריק־רוקן דעם אַקצענט פון איינצאָל? הייסט עס, דאַרף מען זאָגן, פּאָעזיע, היסטאָריע, אַקאַציע, און ניט פּאָעזי, היסטאָרי, און אז. וו.

אין זאַרעצקיס „ספּייקעס און גרייזן" איז דער פּרינציפּ פון עקאָנאָמיע אין שפּראַך דער הויפּט־פּרינציפּ וואָס מוז גובר זיין אַלע אַנדערע פּרינציפּן פון אַ שפּראַך, און אויף ז. 144 רעקאָמענדירט זאַרעצקי די משונהדיקע דייטשמערישע פאָרמע, אַזאַ מאָנקאַלב ווי: „פּראָפּאָרין אָנשטאָט פּראָפּאָרציע, „ווייל קירצער"! איך קען פאַרזיכערן זאַרעצקין, אַז מיין מאַמע ע"ה וואָס האָט ניט געקענט קיין דייטש, פלעגט זאָגן: „איך האָב צוגעטראָפן די ריכטיקע פּראָפּאָרציע". און וועט זאַרעצקי אַליין זאָגן: „איך וועל אים שוין געבן אַ גוטע פּאָרץ"? אויב וואָס קירצער איז בעסער, טאָ פאַרוואָס ניט: דיסערטאַץ, עקזעקוץ, אַמביץ, קאָנסטרוקץ, רעדאַקץ, אַקץ, דיסקוס, קאָמיס, און אז. וו.? ווו איז דער גרעניץ און וואָס איז דער קריטעריום?

און דעמזעלביקן פּרינציפּ פאָרמולירט ער אויף זייט 12. „ווו מען קען אָפּוואַרפן די ענדונג —ונג, איז בעסער אָפּוואַרפן (פון קורצקייט וועגן): דער אויסלייג (פריער פלעגט מען זאָגן: „די אויסלייגונג"), דער באַדינג (בעסער ווי „די באַדינגונג"), אונטערן פּאָרזיץ". (צ). (דערביי אינזינען האָבן, אַז ווערטער מיט —ונג זיינען ווייבלעכער מין, „די", און דיזעלביקע ווערטער אָן ונג — מאַנלעכער, „דער")."

אויב אַזוי, פאַרוואָס ניט פאַרדאַרב, אָנשטאָט פאַרדאַרבונג? ווי זאַרעצקי שרייבט אויף זייט 10. „מיר זעען סמנים פון פאַרדאַרבונג פון דער יידישער שריפטלעכער שפּראַך. אָט זיינען די וויכטיקערע פאָרמעס פון פאַרדאַרבונג".

נאָר אָפּוואַרפן די ענדונג —ונג אין ווערטער אין יידיש איז ניט קיין אויפטו פון אונדזערע איצטיקע שריפטשטעלער און גראַמאַטיקן. עס איז גאָר אַן אַלטע זאַך אין דער יידישער שפּראַך. אַזוי, למשל, אויפן שער פון וויצנהויזנס איבערזעצונג פון תנ"ך (אַמסטערדאַם, 1679) שטייט בפירוש: „מיט דער לויב דער עדילי הערן שטאַטן פון הולאַנד".*)

דער איינציקער קריטעריום, ווי איך האָב באַוויזן פאַר אינטערנאַציאָנאַלע פרעמדווערטער, איז די רוסישע שפּראַך, און פאַר גערמאַנישע ווערטער איז די זאַך אַנדערש: אופּטו, באַטייט, דערלויב, פאַרדאַרב, זיינען אַלטגעזעסענע פאָרמעס, און יידיש האָט אַ סך אַזוינע ווערטער אָן דעם סופיקס —ונג. אָבער זאַרעצקי באַמערקט אַליין, אַז וויבאַלד מע וואַרפט אַוועק דעם סופיקס, בייט זיך אויך דער מין פון וואָרט פון ווייבלעכן אויף מענלעכן. איז דאָס ניט קיין אָנצוהערעניש, אַז די פּראָפּאָרץ וואָלט אפשר געדאַרפט ווערן דער פּראָפּאָרץ, אויב אַזאַ פאָרמע וואָלט געווען אויף דער וועלט!

ווי אַזוי יידיש האַנדלט בנוגע דעם מין פון ווערטער וואָס זייער אונטערשייד ליגט אין דעם סוף „ע", קען מען קלאָר פאַרשטיין פון די עטלעכע צענדלינג פּאָרלעך ווערטער וואָס איך גיב דאָ. איך וויל נאָר זאָגן פאָרויס, אַז צווישן זיי געפינען זיך ווערטער ווי, נאָרע, נאַרע, קראָכע, ספּיצע, שפּאָרע**), וואָס איך האָב געהערט פון אוקראַאינישע יידן וואָס נוצן אַ סך רוסישע ווערטער. אָבער אין דער פראַגע פון מין זיינען זיי פולבאַרעכטיקטע יידישע ווערטער. אין די פּאָרלעך ווערטער קומען ערשט די ווערטער פון לשון זכר מיטן מערצאָל, און באַלד דערביי פון לשון נקבה מיט זייער מערצאָל.

פּאַש (קאָרטן) — פּאַשן, פּאַשע—עס; קלאַטש—ן, קליאַטשע—ס; באַנד—בענדער, באַנדע—ס; ראָט—ן, ראָטע—ס (זעלנער); ראַט—ן, ראַטע—ס (טאַריף); פּאָל (פּאָדלאָגע, דיל)—ן, פּאָלע—ס; טרופּ—ן, טרופּע—ס; גרו(י)פּ—ן, גרופּע—ס; (וויין)טרו(י)ב—ן, טרובע—ס; שפּאַר—ן, שפּאַרע—ס; פּאָלק—ן, פּאָלקע—ס; שלעפּ—ן, שלעפּע—ס;

*) פאַרבויגעוועדיק וויל איך זאָגן, אַז זאַרעצקיס פּסק דין (ערציען—דערציען, אין „ספּייקעס און גרייזן", ז. 59): די בויגונג (מע מוז שרייבן נייגונג=מ'ה'ד': neigunge! — י. יאָפּע) צו פאַרבייטן ער אויף דער איז באַרעכטיקט ווי ס'איז צו זען פון די אַלטגעזעסענע יידישע ווערטער: דערציילונג, דערשרעקן". פאַרבייטן? פּראָסטע יידן האָבן אַנדערש קיינמאָל ניט גערעדט, דערצו וועל איך זיך נאָך אומקערן אַנאַנדערשמאָל. דער ציען (ספר ש"ל רבי אנשל, 1534, ז. 171; בליץ, במדבר, יא, יב), דר פאַרין (=געניט), צמח דוד, שער, אינעוויניק (1698), דר לויב, יוסיפון (1546), י"ח־ב; אַנדערקענען: וויצנהויזן, ז. 3, 1־ב.

**) Нора, нара, кроха (крошка), спица, шпора.

קונסט, און אַז. וו. דייטש האָט ווידער די ווערטער אַריינגענומען פֿון פֿראַנצויזיש, ווי זיי ענדיקן זיך אויף אַ קאָנסאָנאַנט, אָבער אין סלאַוויש איז עס логика, грамматика, физика, музыка און אין האָלענדיש איז עס כמעט אַלעמאָל ווי אין לאַטיין.

ווייטער, אַפֿילו אין מיטל־הויך־דייטש זיינען געווען די פֿאָרמעס: kronike, loica, loike. פֿון דאַנענט האָבן מיר: historje, materje, kompanîe, quitanzje, questie, museke, „אַך געשטעלט די מוזיקי צו מאַכן בעקאַנד" (שער־בלאַט, „שמחת־הנפש", צווייטער טייל, פיורדא, 1727). און „מיר וועלן אונזערע מיילער מיט געזאַנג ערפֿילן, און מיר וועלן הייסן, אַז מוזיקע זאָלן שפּילן". (און מען שפּילט אַ מאַרש), ווילנער „שרפּיטן", II, זייט 255 (פֿון „חכמות שלמה", ווילנע, 1912). ווייטער: „איין געזאַנג דאָס דאָ איז וואָרדען געזונגן גראָדן וויז דר מוזיקא" (קאַפּיטל 120, פֿון תהלים, זייט 67־א, אין אַמסטערדאַמער סדור, 1705).

קאַליקע איז זיכער אַ פֿאָלקסטימלעכער וואָרט, און אונדזערע באָבעס פֿלעגן זאָגן, „עס שטייט אין די קראָליקעס", געמיינט האָבן זיי „כראָניקעס". אָבער די בעסטע ראיה קומט פֿון אַ דרום־רוסישן יידן וואָס האָט געקענט די יידישע פֿאָלק־שפּראַך אַזוי גרינטלעך ווי אפשר קיינער אַנדערש ניט, און וואָס האָט אָפּגעהיט די דריי מינים אין יידיש ווי אַ הייליקע זאַך, איך מיין ליפשיצן, דעם מחבר פֿון דעם ערשטן יידיש־רוסישן און אויך רוסיש־יידישן ווערטער־בוך. ער שרייבט: табакъ — „דיא טאַביקע, דער טיטין". דאָס מיינט, אַז וויבאַלד ליפשיץ האָט געשריבן די ענדונג --יקע אין אַ וואָרט וואָס ענדיקט זיך געוויינטלעך אויף—יק (אָן אַקצענט), האָט ער געפֿילט, אַז עס איז לשון נקבה. און אין רומייניש יידיש, הייסט עס טאַביקע, וואָס קומט זיכער פֿון אוקראַינישן табака = нюхательный табак (Гр.).

אויב מע וועט זאָגן און שרייבן גראַמאַטיקע, פֿיזיקע, לאָגיקע, טעכניקע און אַז. וו. וועט יעדער קינד און אַפֿילו אַן עם האָרץ פֿילן און וויסן, אַז דאָס איז לשון נקבה, אַז דער מערצאָל מוז נאַטירלעך זיין: גראַמאַטיקעס, פֿיזיקעס, לאָגיקעס, טעכניקעס און אַז. וו. ווי דער סדר איז אין יידיש מיט אַלע ווערטער מיטן קלאַנג ע סוף וואָרט. דאָס קען אַפֿילו צונויץ קומען אויף אַנאַנדער אופֿן, און אָנשטאָט די ווערטער פֿיזיקער, לאָגיקער, טעכניקער, גראַמאַטיקער, וועט מען קאָנען זאָגן, דער גראַמאַטיק, דער פֿיזיק, דער לאָגיק, און אַז. וו. (=אַ מענטש וואָס גיט זיך אָפּ מיט דער וויסנשאַפֿט).

צו דעמזעלביקן קלאַס ווערטער געהערן אויך: ציטאַטעס, דעבאַטעס, פּערספּעקטיוועס, איניציאַטיוועס, אָבער, מאָטיוון, פּאַסיוון, אַקטיוון.

און צום סוף, נאָך אַ ריי ווערטער. ווי דאַרף מען זאָגן:

1) די רעליגיאָן, קאָרפּאָראַציאָן, רעוואָלוציאָן, פּראָקלאַמאַציאָן, רעדאַקציאָן, סטאַנציאָן, דיסערטאַציאָן, פּראָפּאָרציאָן;

2) די טענדענץ, אינטעליגענץ, אודיענץ, קוויטאַנץ, דיסטאַנץ, פּראָפּאָרץ;

3) פּאָעזי', געאָמעטרי', פֿילאָזאָפֿי', זאָציאָלאָגי', פֿילאָלאָגי', היסטאָרי', אַקאַדעמי', כעמי', אַקאַצי', (מיטן אַקצענט אויפֿן סוף—י.)?

צי: 1) רעליגיע, קאָרפּאָראַציע, רעוואָלוציע, פּראָקלאַמאַציע, רעדאַקציע, סטאַנציע, דיסערטאַציע, אילוסטראַציע, אילומינאַציע, סיטואַציע, אַקציע,

2) טענדענציע, אינטעליגענציע, אודיענציע, קוויטאַנציע, דיסטאַנציע, פּראָפּאָרציע;

3) פּאָעזיע, געאָמעטריע, פֿילאָסאָפֿיע, סאָציאָלאָגיע, פֿילאָלאָגיע, (ה)יסטאָריע, אַקאַדע־מיע, אַקאַציע, כימיע, פֿאַמיליע, טעאָריע, און אַז. וו.?

איך בין זיכער אַז די צווייטע פֿאָרמעס זיינען די ריכטיקע. עס איז איצט דאָ אומנייטיק איבערצוחזרן וואָס איך האָב פֿריער געזאָגט וועגן די אַנדערע קלאַסן ווערטער: מיר וועלן ניט האָבן קיין אַקצענטן סוף וואָרט און די אַלע ווערטער וועלן זיין לשון נקבה אויפֿן ערשטן בליק און מע וועט וויסן ווי צו מאַכן מערצאָל, מע וועט פּשוט צולייגן אַ ס.

אַז עס ליגן עטלעכע ביכער אויפֿן טיש, ווי זאָגט מען: „געאָמעטרים, אַסטראָנאָמים, זאָציאָ־לאָגים, (עטלעכע הייזער אַזוינע), אַקאַדעמים", צי מע זאָגט: „פּסיכאָלאָגיעס, קאַטעגאָריעס, אילוזיעס, געאָמעטריעס, אַסטראָנאָמיעס, געאָגראַפֿיעס, כימיעס, סאָציאָלאָגיעס, אַקאַדעמיעס?

פֿאַרשטייט זיך — די לעצטע; און אויב אַזוי, איז פֿאַרוואָס זאָל מען אויסריידן די —יעס

וואָלענט פון א טראַנזיטיוון ווערב. מע קען זאָגן: ער האָט מיך, דיך, זי א קוש געטאָן, ער האָט מיך, דיך, זי א זעץ געטאָן, = он меня, тебя, ее поцеловал, он меня, тебя ee ударил, אָבער מע מוז זאָגן: ער האָט מיר, דיר, איר א קוש געגעבן, ער האָט מיר, דיר, איר א פּאַטש געגעבן=רוסיש: он мне, тебе, ей дал поцелуй, пощечину.

מיט אַנדערע ווערטער: די יידישע שפּראַך־פּסיכאָלאָגיע באַנעמט די פאָרמולעס מיט טאָן ווי א ריינעם טראַנזיטיוון ווערב מיט אַ ניואַנס פון איינמאָליקייט אָדער שנעלקייט ווי אין די רוסישע זאָגווערטער אויף —нуть. אין דער אנדער פאָרמולע מיט געבן: א קוש געבן, א פּאַטש געבן, פילט דער ייד שטאַרקער דעם באַטייט פון געבן — געבן עפּעס (א קוש, אַ פּאַטש, א זעץ) עמעצן — дать кому-нибудь поцелуй, пощечину, удар, тумака. דאָ פילט מען דעם ווערבאַלן הויפּטוואָרט (אַ קוש, אַ פּאַטש, אַ זעץ) ווי עפּעס מער קאָנ־קרעטעס, ממשות׳דיקעס, וואָס מע קען איבערגעבן, אריבערטראָגן צו אַנאַנדערן.

עטלעכע פאַקטן אין יידישער גראַמאַטיקע דערווייזן, אַז די יידישע שפּראַך־פּסיכאָלאָגיע פילט קלאָר, אז די אויסדרוקן ווי אַ פּאַטש טאָן, זיינען פאַרגליווערטע, צוזאַמענגעשמאָלצענע פאָרמולעס וואָס זיינען גלייך צו דעם איינמאָליקן אַספּעקט פון „פּאַטשן" (бацнуть, трахнуть, шлепнуть, треснуть), בשעת אין א פּאַטש געבן פילט מען נאָך אַלץ די צוויי עלעמענטן: אַ פּאַטש און געבן, יעדערן פאַר זיך; נאָך מער, אפילו דער אומבאַשטימטער אַרטיקל אַ האָט נאָך מער ווי א פונק לעבן אין זיך און מע פילט, אז דאָס איז איינצאָל.

ווי קלאָר דער יידישער אויער פילט דעם אונטערשייד צווישן אָט די צוויי פאָרמולעס קען מען באַשיינפּערלעך זען פון דער ראיה: מע מוז זאָגן (און אַנדערש קען מען ניט): ער האָט מיר, דיר, איר צוויי, דריי, עטלעכע (מערצאָל) פּעטש געגעבן, דאָס הייסט, מע מוז בייטן דעם אַרטיקל, דעם באַשטימוואָרט פון ה ו י פּ ט ו ו אָ ר ט. אָבער אין פאָרמולעס מיט טאָן מוז מען אין אַזאַ פאַל איבערלאָזן דעם אַרטיקל אַ און צוגעבן אַן אַדווערב (אומשטאַנדוואָרט) וואָס איז אַ באַשטימוואָרט פון ו ו ע ר ב. מע מוז אין אַזאַ פאַל זאָגן: ער האָט זי, מיך, דיך צוויי מאָל, דריי מאָל, עטלעכע מאָל אַ פּאַטש געטאָן. קלאָר, אז דער ייד פילט דאָ מער ניט אַז אַ פּאַטש איז דאָ דער דירעקטער אָביעקט פון געטאָן, נייערט, אַז „א פּאַטש געטאָן" איז צוזאַמען איין זאָגוואָרט.

אָט די צוויי ניואַנסן ווערן זייער קלאָר אָפּגעשיידט אין יידיש אין די שורש־הויפּט־ווערטער וואָס שטאַמען פון סלאַווישע זאָגווערטער.

ווי באַקאַנט, ענדיקן זיך אין יידיש אַלע זאָגווערטער וואָס שטאַמען פון סלאַוויש, מיט דער אויסנאַם פון כאַפּן = chapnąć, chapać, ukr. хапати און מאַכן מיט די הענט) = махать руками (ווו עס איז פאָרגעקומען א צוזאַמענמיש מיטן עכט גערמאַנישן וואָרט מאַכן machen אויף — ען*): וואָיעווען, דרימלען, וואָיען, טרעסען. פון זיי מאַכט דער ייד זאַכווערטער (הויפּטווערטער) אַקוראַט אויפן זעלביקן אופן ווי פון א סך גערמאַנישע ווערטער. פון וויגן, קלאָגן, שמייכלען מאַכט דער ייד טעמאַטישע זאַכווערטער: אַ וויג, א קלאָג, א שמייכל טאָן, און פון די סלאַווישע: טרעסען, דריגען, העצקען, טיאָכקען, לאָפּטשען, פּוקען, פאָרקען, רופּען, שושקען, טראַסקען, פּראַסקען, דרימלען, מאַכט ער: אַ טרעסע, דריגע, העצקע, טיאָכקע, לאָפּטשע, פּוקע, פאָרקע, רופּע, שושקע, טראַסקע, פּראַסקע, דרימל טאָן.

אָבער א היפּשער ביסל זאַכווערטער פון סלאַווישן אָפּשטאַם האָבן אויך א קירצערע פאָרמע, אָן דעם סוף ע: בוכיץ, בריק, דריג, טופּ, טאָרק, טראַסק, כוך, כליאַסק, כליאַפּ, כליופּ, כראָפּ, כרי(י)אַק, פאָרק, פּליוך, פּליוסק, פּליאַסק, פּראַסק, שטשיפּ, שטורך, זשליאָק. זיי קומען פון: (בוכציע=בוכענציע) buchanieć, буханець, брик, брык (Даль), дриг, туп-туп, топ (Д.), торкати, торкаць, (Н.), trzask, (VII, 140), хух (Н), хляськ (Д.), хлясь (Гр.), хляп, хлюп, хропти, хріп, хряк, поркацьца (Н.), плюсь, плюх-

---

*) זע מיין אַרטיקל „שרייבן אָדער שרייבען?" אין פערטל־יאָריקן זשורנאַל ליטעראַטור, יולי 1910, זז׳ 102—111.

בריק—ן, בריקע—ס; שפּיז—ן, ספּיצע—ס; נאָר—ן, נאָרע—ס; נאַר—אָנים, נאַרע—ס; שפּאָר—ן, שפּאָרע—ס; קראָך—ן, קראָכע—ס; מוז—ן, מוזע—ס.

אָבער דער אינטערעסאַנטסטער ווינקל קומט פון ווערטער וואָס האָבןביידע פאָרמעס: סקיץ—ן, סקיצע—ס; פּאַר—ן, פּאַרע—ס; פּרעס—ן, פּרעסע—ס. סקיצע און פּרעסע און פּאַרע זיינען פון ווייבלעכן געשלעכט, די קירצערע פאָרמעס, אָן דעם „ע" זיינען לשון זכר.

סך הכל. פרעמדווערטער אין יידיש.

דער סך־הכל פון מיין טעזיס איז קורץ און קלאָר:

א) די אַלע ווערטער וואָס ענדיקן זיך אויף: 1) יקע (גראַמאַטיקע, עטיקע, פאַבריקע, לאָגיקע); 2) —יע (סאָציאָלאָגיע, ביאָלאָגיע, פילאָסאָפיע, אַקאַדעמיע, פּאָעזיע); 3) —יע, ניט יאָן (רעליגיע, סטאַנציע); 4) —ציע (אינטעליגענציע, אָקופּאַציע, עמאָציע, אַקציע, רעדאַקציע, פּראָטעקציע); 5) —מע (פּאָעמע, סיסטעמע, דראַמע, טראַכאָמע, טעלעגראַמע); 6) —איווע און —איוו (פּערספּעקטיווע, איניציאַטיווע, אַקטיוו, רעצידיוו, דירעקטיווע); 7) —אַטע, —עטע (דעבאַטע, ציטאַטע, אַנקעטע); 8) —אָד און —אָדע (פּעריאָד, אַנאָד, קאַטאָד, מעטאָד, מעטאָדע); 9) —יזם (סאָציאַליזם, קאַפּיטאַליזם, ציוניזם, וואַגנעריזם) קומען אַלע אין יידיש פון קלאַסישע שפּראַכן פון גריכיש און לאַטיין דורך די סלאַווישע שפּראַכן און ניט דורך דייטש ווי די פּאָנעטישע פאַקטן דערווייזן. וואָלטן זיי געקומען דורך דייטש, וואָלט מען אויף יידיש געזאָגט זומא (סומע), זיסטעם, זאָציאָלאָגי, פילאָזאָפי, זאָציאַליזמוס, רעוואָלוציאָן, רעליגיאָן, מעטריק, כראָניק, אָפּאָזיציאָן, די אָוקציאָן און ניט דער אוקציאָן (ליציטאַציע), אינזורעקציאָן, — פאָרמעס וואָס זיינען איצט כמעט ניט בנמצא אין יידיש, כאָטשבע מיט אַ יאָר דרייסיק־פינפונדרייסיק צוריק, ווען „גענאָסען" וואָס האָבן זיך געלערנט ביי די דייטשן האָבן געפּינטלט די זייטלאַך פון יידישע ראַדיקאַלע צייטונגען מיט אַזוינע משונהדיקע פאָרמעס, צוגעפּעפּערט מיט הונדערטער „דיזער"ס.*)

ב) אַלע וואָקאַלן סוף סלאַווישע ווערטער פאַרוואַנדלען זיך אין יידיש אין איין איינציקן קלאַנג, וואָס מע באַצייכנט אומפּינקטלעך מיט אַן „ע". מע וואָלט געקענט אים באַצייכענען מיט אַן איבערגעקערטן ע — די אומות העולם נוצן פאַר אים אַן איבערגעקערטן לאַטייניש ,, און אָט־אָ דער סוף־קלאַנג — ע, ווערט קיינמאָל ניט פאַרשוווּנדן אין יידיש לסוף סלאַווישע ווערטער.

ג) על פי דינים פון יידישער פאָנעטיקע דאַרף מען די אַלע דערמאָנטע קלאַסן ווערטער פאַררעכענען לטובה די סלאַווישע שפּראַכן, מע דאַרף זיי שרייבן (אַ חוץ ווערטער אויף אָד און יזם) מיט אַן ע צום סוף און זיי זיינען אַלע פון ווייבלעכן געשלעכט.

II. וואָרטבוי

טעמאַטישע הויפּטווערטער פון סלאַווישע ווערבן (זאָגווערטער) אויף — ען.

אין יידיש איז פאַראַנען אַ קלאַס צוזאַמענגעשטעלטע (פּעריפראַסטישע, אַרומשרייבנדיקע) ווערבן, ווי: אַ שפּרונג טאָן, אַ פּאַטש געבן, אַ שטאַרב מאַכן, אַ קוק כאַפּן און אַ פּאָר אַנדערע. די געוויינטלעכסטע פאָרמולעס ווערן געמאַכט מיט דער הילף פון „טאָן" און „געבן", און דאָס רוב מיינט מען, אַז ניט נאָר האָבן זיי דעמזעלביקן טייטש, נאָר מע קען זיי בייטן אַפילו: מע דאַרף אַ לויף טאָן, איז גלייך צו אַ לויף געבן=רוסיש нужно сбегать. אָבער מע קען זיי פּאָרט ניט באַנוצן איינעם אָנשטאָט דעם אַנדערן אָן אַן אונטערשייד. סעמאַנטיש זיינען זיי אַלצאיינס, אָבער גראַמאַטיש (אין סינאַקטישן געברויך) זיינען זיי ניט דאָסזעלביקע. אַ+ווערבאַלן שורש+טאָן איז אַ פולשטענדיקער עקוויו־

*) פּראָצעסיאָן, ז. 33, 34 (צוויי מאָל), אין אַ. ש. זאַקס „חרוב'ע וועלטען", ניו יאָרק, 1917.

אקטיארן־שפראך.

צוזאמענגעשטעלט פון מארק שווייד.

מיין פארצייכעניש פון ארום זיבעציק אידיאמען פון דער אמעריקאניש־יידישער טעאטער־שפראך, כאטש גרעסער אין צאל פון דער ענגלישער און דייטשער זאמלונגען, איז דאך ניט פולשטענדיק. עס איז לייכט צו זען, אז די גרעסטע צאל אידיאמען שטאמען פון אמעריקע, פאלגלעך מערסטנס פון אזעלכע, וועלכע איך קען פון דער ערשטער האנט. איך האב אבער אויך איינגעשלאסן עטלעכע ווי „דראנג", „קאיאף", וועלכע שטאמען פון אונזער טעאטער אין רוסלאנד און ווערן פון ניט־לאנג אריבערגעקומענע אקטיארן אויך דא געברויכט.

דער אקטיארישער אידיאם שטאמט געוויינלעך פון פראפעסיאנעלע אויסדרוקן, ווי: „רעזשיסירן", „גרימירן", „מענעדזשן", „אפלאז" און אז. וו. און פון דער גאסן־שפראך, ווי: „אויפן גאנצן זעכער", א „זאגער", א „יאלד" און אז. וו.

דערפון איז ניט שווער צו פארשטיין, אז די יידישע גאסן־אויסדרוקן אין לעמבערג, אדעס, בוקארעסט, בוענאס־איירעס האבן אויך געהאט זייער איינפלוס אויפן יידישן טעאטער־זשארגאן, וועלכער ווערט בלויז לאקאל באנוצט.

די פאלגנדע זאמלונג אבער מעג באטראכט ווערן אלס א מער־ווייניקער פולשטענדיקע פון דעם אמעריקאניש־יידישן טעאטער־אידיאם, ווי ער ווערט כאנוצט אינם יידישן טעאטער אין אמעריקע, קענעדע און ענגלאנד.

(1) אוועקגיין מיט א פיעסע — האבן דעם גרעסטן דערפאלג פון אלע אקטיארן אין א פארשטעלונג. ער גייט אוועק מיט דער פיעסע, מיינט, ער האט דעם גרעסטן דערפאלג.

(2) אויסשטודירן — אויסלערנען אויסנווייניק.

(3) אייגענע פראזע — אימפראוויזאציע.

(4) אונטערשפילן — ריידן און טאן בלויז דאס וואס איז נייטיק, אז דער קעגנ־שפילער, מערסטנס דער „סטאר" זאל זיך מער ארויסזען. ווערט שטענדיק גענוצט מיט פאראכטונג פונם שוישפילער. אונטערשפילער — אומבאדייטנדער, געהארכזאמער אקטיאר.

(5) שפילן אווערטאים — מאכן צופיל מימיק און באוועגונגען און ריידן מער, ווי עס שטייט אין טעקסט. פון אמעריקאנישן יידיש „ארבעטן אווערטאים", ד. ה., נאך די געוויינלעכע ארבעט־שטונדן.

(6) די אזיאטן — דאס פובליקום.

(7) איבערקומען די בראך—אפפטרן א שלעכטע אדער א שלעכט־באזוכטע פיעסע.

(8) די אידיאטן — דאס פובליקום.

(9) אראפריידן די פראזע — 1) ביי א פראבע ריידן בלויז די ווערטער פון א ראלע, אן ווייטערדיקער אויפמערקזאמקייט צו אינטאנאציע אדער מימיק; 2) אפשפילן שנעל א פארשטעלונג.

(10) ארבל־פראזע—שלעכטע אימפראוויזאציע.—פונם אידיאם „שטן ליגנס פון ארבל".

(11) ארויסלאזן זיך א פאוסטער — פארשפרייטן וועגן זיך גינסטיקע נייס אין דער פראפעסיע. (פאוסטער—ענגליש, = אפיש, מודעה.)

(12) ארויפגיין אויפן גאנצן זעכער — (גאליציזם פון זיכער) גיין אויף זעכער = גיין אן שום מורא (גנבים־שפראך), גיין שפילן א ראלע ניט קענענדיק זי, אדער זייענדיק אומפאסיק פאר איר.

(13) אריינפאלן אין א ראלע — גיין שפילן דורך א צופאל, ניט צוגעגרייט, אדער פלוצלינג.

(14) א באמבע — א דערפאלגרייכע פיעסע.

(15) א באמבענראלע—(פון דייטש) א גרויסע ראלע, אין וועלכער מ'קען מאכן ערפאלג.

(16) א בולבע — א טעות אדער א גרייז אין ריידן אויף דער בינע. — מאכן א בולבע. — א בולבעניק.

(17) מאכן די בינע — (דייטש, ענגליש) צוגרייטן, אויפבויען און אויסשטעלן אלץ אויף דער בינע צו א פארשטעלונג.

(18) ברעכן בענקלעך — שפילן צו מעלאדראמאטיש.

нуць (Н.), фляцкати, фласкати, хрясь, фраснути, щип (Д.), штурх, жлокаць (Н.)*)

אָט די לעצטע (קירצערע) פאָרמעס האָבן אַ קאָנקרעטן טייטש, זיי זיינען הויפּטווערטער, נעמען פון איינמאָליקע אַקטן, אָבער זיי מיינען ניט די טואַכץ. זיי אַלע קען מען בשום אופן ניט נוצן אין די פאָרמולעס מיט טאָן, נייערט מע מוז אומבאַדינגט נעמען די לענגערע פאָרמע מיט ע: ער טוט אַ דריגע מיט די פיס (מ'מ'ס', „קליאַטשע", ז. 157, ערשטע אויסגאַבע), זאָגן: „אַ טראַסק, אַ פּראַסק, אַ דריג, אַ בריק, אַ כראָפּ טאָן", קען מען ניט.

פאַרקערט מיט געבן קען מען אָנווענדןביידע פאָרמעס: אַ טראַסק, טראַסקע געבן, אַ פּראַסק, פּראַסקע, געבן אַ דריג, דריגע געבן, אַ בריקע, בריק געבן (ער האָט איר געגעבן אַ בריק אין זייט, הייסט אויף לצ־אָניש רוסיש: он ей дал мост в сторону!) אַ כראָפּ, כראָפּע געבן.

אויב מיר וועלן אָנווענדן דעמזעלביקן קריטעריום (ווי פריער צו די גערמאַנישע ווערטער), וועלן מיר זען אַז אין דעם לעצטן פאַל דאַרף מען זאָגן: צוויי מאָל, דריי מאָל, עטלעכע מאָל אַ טראַסקע, פּראַסקע, דריגע, בריקע, כראָפּע געטאָן. אַנטקעגן זשע, אין ערשטן פאַל, ווען מע וויל אויסדריקן מערצאָל, מוז מען זאָגן: צוויי, דריי, עטלעכע פּראַסקעס, פּראַסקן, אָדער אפילו פּרעסק (אַ פולשטענדיקער מערצאָל מיט אַן אומלויט, ווי אין גערמאַנישע ווערטער, למשל: זאַק, זעק!), טראַסקעס אָדער טראַסקן, דריגעס אָדער דריגן, בריקעס אָדער בריקן, כראָפּעס אָדער כראָפּן געגעבן. מיט אַ יאָר דריי צוריק האָט אַ באַקאַנטער מיינער געזאָגט: „האָב איך געשלאָפן, זאָג איך אייך, איז יעדער כראָפּע געווען ווערט פינעף טאָלער". האָט אים אַנאַנדערער אויסגערעדט, אַז מע מוז דאָ זאָגן כראָפּ און ניט כראָפּע.

דער פאַקט, וואָס טעמאַטישע זאַכווערטער פון ריין גערמאַנישן אָפּשטאַם ווערן ניט אַלעמאָל געמאַכט פון זאָגווערטער (למשל: אַ טרונק, וואָרף, לאָף, גאַס, שאָס, געטאָן), קומען ניט פון טרינקען, וואַרפן, לויפן, גיסן, שיסן, דירעקט, דורך אָפּוואַרפן דעם סוף ן, האָט גאָר ניט צו טאָן מיט דעם ווי די זאַכווערטער ווערן געמאַכט פון די סלאַווישע זאָגווערטער און דערפאַר האָט עס ניט קיין שייכות מיט מיין איצטיקער אַרבעט.

אָבער פון די סלאַווישע טעמאַטישע ווערטער מאַכט יידיש ווי פון גערמאַנישע שטאַמען נייע ווערטער מיט דער הילף פון גערמאַנישע סופיקסן און פּרעפיקסן: געשושקעריי, פּישטשע־ריי, קוויטשעריי, טופּעריי, ווי די גערמאַנישע: גענאַרעריי, זינגעריי, שרייעריי, און אַז. וו.

(המשך קומט)

*) פּוילישע ווערטער האָב איך גענומען (איך גיב ניט דעם נומער באַנד און זייטל) פון: Jezyka polskiego I—VIII

Д. = Даль, Толковый Словарь живаго Великорусскаго языка.
Н. = Носович, Словарь Бѣлорусскаго Нарѣчія (1870).
אַלע אַנדערע (אוקראַיִנישע) ווערטער קומען פון: Гр. = Грінченко, Словарь Украінськоі Мови.

(47) נאָכגיין אַ ראָלע — ריידן דעם טעקסט נאָכן סופלער.

(48) סטאַרשי לובאָוניק (רוסיש: עלטערער ליבהאָבער) איראָניש, דער ליבהאָבער פון דער טרופּע.

(49) אַ סיזען־פּיעסע — (סעזאָן = Season) אַ פּיעסע, וואָס ווערט, וואָלט, געדאַרפט, געקענט גיין אַ גאַנצן סעזאָן.

(50) פּייפּערן אַ הויז — (ענג. Paper the house) אויסטיילן פרייע בילעטן צו אַ פאָרשטעלונג.

(51) אַ מיל־טיקעט (ענג. Meal-ticket = אַ קוויטל צו באַקומען אַ פרייען מאָלצייט) דער קאָנטראַקט אויף אַ סעזאָן.

(52) מאַכן אַ סינגל טוירן — (ענגל. — Single turn) אויפטרעטן אין וואָדעוויל, אין אַ מאָנאָלאָג, אָדער זינגען קופּלעטן אַליין. — איראָניש, ריידן אַ לאַנגען מאָנאָלאָג אין אַ פּיעסע.

(53) מאַכן אַ סקעטש — שפּילן אַ סקעטש אין וואָדעוויל.

(54) מאַכן אַ קאַנע — יענעם עפּעס קאַליע מאַכן.

(55) מענעדזשען די שמינק — (ענג. Manage) אומנויטיק קהלן זיך הינטער די קוליסן, געבן אומנייטיקע עצות.

(56) משה תחת — דער עולם.

(57) פּראָזע — טעקסט.

(58) פאַלן ווי שטרוי — וועגן אַן אַקטיאָר אָדער אַ פּיעסע, זיין אָדער האָבן אַ דורכפאַל.

(59) אַרומגיין פאַרצווייפלט — האָבן לאָמפּען־פיבער.

(60) עסן פיש — זיך אונטערחנפענען.

(61) אַ ציגאַר — אַ מאָנאָלאָג, אַ פראַזע אָדער אַ וויץ, וואָס מוז ברענגען אָדער ברענגט אַן אַפּלאָז אָדער אַ געלעכטער.

(62) אַ צעטל — דער קאָנטראַקט, וואָס אַן אַקטיאָר קריגט פונם מענעדזשער.

(63) צוגרימירן — פאַרלענגערן אדער ענדערן אַן אנעקדאָט אָדער אַ וויץ.

(64) אַ קאָלדרע — אַ לאַנגער מאָנאָלאָג.

(65) דאָס פּרנסה־רעקל — אָוונט־קליידער. (Tuxedo)

(66) אַ פּאַפּוס — אַ היפּאָקריט, פון גאָלדפאַדנס פּאַפּוס אין „בר כוכבא".

(67) קאַיאַף — (Caiaphas) איבערגענומען פון רוסיש), אַ שלעכטער מענטש, אַ היפּאָקריט.

(68) דאָס קעסטל — דעם סופלערס פּלאַץ.

(69) קומען צום פּסוק — קומען צום ווייכטיקן אין אַ סצענע און אויסמיידן, וואָס עס איז איבעריק אדער צו לאַנג.

(70) דעם קצבס הונט — (עפּטער אין ענגליש: „די בוטשערס דאָג"), אַ מאָנאָלאָג, אַ סצענע, אָדער אַ פּיעסע, וואָס איז צו לאַנג (פון אַן אנעקדאָט).

(71) אַ רואינע — פּויליש: Ruina = חורבן, עמעצער, וואָס איז שולדיג אין דעם דורכפאַל פון אַ פּיעסע, אָדער אַ פּיעסע, וואָס איז שולדיק אין די שלעכטע געשעפטן פון אַ טעאַטער.

(72) רעזשיסירן אַ קריטיק — זעען זיך מיט אַ קריטיקער נאָך אַ פאָרשטעלונג און אים באאיינפלוסן ווי אַזוי צו שרייבן.

(73) אַ שאָס — אַ שטאַרקער געלעכטער. — פאַלט אַ שאָס.

(74) שווימען — זיך פּלאָנטערן אין אַ ראָלע אויף דער בינע, באַזונדערס ניט קענען דעם טעקסט.

(75) שניידן — פאַרקירצן.

(76) אַ שטער גייסט — אַן אומנייטיקער מענטש ביי פּראָבע אָדער הינטער די קוליסן.

(77) דער שיינער באָר — איראָניש, דער ליבהאָבער פון דער טרופּע.

(78) שפּילן צוויי ווערטער — אַ קליינע, אומבאַדייטנדע ראָלע.

(19) ברענגען אַ רעפּליק אָדער אַ שטיכוואָרט — דורך אַ וואָרט אָדער טאַט צופירן אַ צווייטן אויף דער בינע צום ריידן אָדער טאָן.

(20) באַקן — אין אַ שלעכטן סעזאָן אָדער אין אַ פּראָווינץ־שטאָט, אויפירן אַ סך פּיעסן איינע נאָך דער אַנדערער.

(21) גיין מיט דעם ליעס—זיין אַנגאַזשירט עטלעכע סעזאָנען דורכאַנאַנד אין דעם זעל־ביקן טעאַטער — ליעס—ענגליש (lease) דער קאָנטראַקט אויף דער געביידע פונם טעאַטער.

(22) אַ גליקלעכער שבתי — אַ קליינער אַקטיאָר, ווען עס גייט אים מזלדיק אין קליינע ראָלען. — (וואַרשיינלעך פון י. לאַטיינערס שבתי גולם אין דער „נאַכטוואַנדלערין".)

(23) אַ געשפּילטער — ביי דער אויפירונג פון אַן אַלטער פּיעסע, אַן אַקטיאָר, וואָס האָט שוין אַמאָל געשפּילט די אייגענע ראָלע אין דער פּיעסע.

(24) געבן קאָנצערט — אָפּשפּילן מיט דערפאָלג אַ ראָלע אָדער אַ פּיעסע.

(25) אַ דאָנער — (דונער) שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן. — פאַלט אַ דאָנער.

(26) אַ דראָנג (פּויליש) אַ שלעכטער אַקטיאָר.

(27) דערלאַנגען — שפּילן, איבערהויפּט גוט.

(28) דערלאַנגען איבערן קאָפּ — איבערראַשן דאָס פּובליקום מיט אַ פּיעסע, מיט אַ שטאַרקן מאָנאָלאָג, אָדער מיט אַן עפעקט.

(29) דרעסן אַ פּאַרט — (ענגליש: to dress a part) זיך אָנטאָן פּאַסיק אין אַ ראָלע.

(30) האַלטן עמעצנס פּראָזע — ביי אַ פּראָבע זאָגן די ווערטער פון אַ צווייטנס ראָלע. (פון האַלטן יענעמס ראָלע אין דער הענט.) פגל. 57.

(31) האָבן יענעמס אַפּלאָז אין דער האַנט — אַ סיטואַציע אין אַ פאָרשטעלונג, ווען אַן אַקטיאָר קען אַזוי צופירן, אַז זיין קעגנשפּילער זאָל באַקומען אָדער ניט באַקומען אַן אַפּלאָז.

(32) אַ האַנט — (פון ענגליש) — קריגן אַ האַנט. — אַ שטאַרקע האַנט. (ענגליש: אַפּלאָדיסמענטן).

(33) ווינען ביי עמעצן — זיך אונטערהנפענען, איבערהויפּט צו אַ בעל הבית.

(34) מאַכן אַן אַקטיאָר אַ וואַנע — האָבן אַ גרעסערן ערפאָלג אין יענעמס ערפאָלגס־ראָלע.

(35) אַ וואָק אָווער — (walk over) אַ ראָלע, אין וועלכער מען קען מאַכן ערפאָלג.

(36) וואָקן פון טעאַטער — (walk) וועגן עולם, וואָס לאַנגווייַלט זיך ביי אַ פאָר־שטעלונג און גייט ביסלעכווייז אַרויס אין מיטן.

(37) אַ זאָגער — אַ שוישפּילער, וואָס שפּילט אַלערליי ראָלען און באַנוגענט זיך דער־מיט וואָס ער קען בלויז די ווערטער.

(38) אַ טומל — אַ גרויסער דערפאָלג. — ער איז אַ טומל = ער האָט גרויס דערפאָלג.

(39) דער טעמפּל — (פון דייטש) איראָניש די געביידע פון טעאַטער.

(40) טראָגן דעם לאָמפּ — אונטערפּילן מיט חניפה, איבערהויפּט דעם „שטערן". עפּעטער געברויכט וועגן חנפענען דעם בעל־הבית אויב אפילו ניט אויף דער בינע.

(41) טרעוולען אויף איר טיקעט — (Travel, Ticket) וועגן אַן אַקטיאָר, וואָס ווערט אַנגאַזשירט צוזאַמען מיט זיין פרוי און אין איר זכות.

(42) טראָגן אַ פּיעסע — זיין די איינציקע אורזאַך פון דעם דערפאָלג פון אַ פּיעסע. ער טראָגט די פּיעסע = בלויז צוליב אים האָט די פּיעסע דערפאָלג.

(43) אַ יאָלד — מיט זעלטענע אויסנאַמען, יעדער מענש, וואָס באַלאַנגט ניט צו דער פּראָפעסיע.

(44) לאָזן פּרינטן — (דרוקן = Print) אַן ענטפער אויף דעם פאַרלאַנגען אַ זאַך, וואָס איז נישטאָ. — איך וועל עס דיר לאָזן פּרינטן = עס איז ניטאָ.

(45) לאָמפּען־פיבער, סטיידזש־פיבער — (Stage-fever) נערוועזיטעט פאַר אַן אויפטריט.

(46) לעקטשורן — (ענג. Lecture) אַ לעקציע לייענען, אָדער געבן) — מאַכן צו לאַנגע און אומנויטיקע דערקלערונגען ביי פּראָבעס.

פרייז 1 סענט. רעדאקטאָר און ארויסגעבער: חיים מאַליץ. מיטארבעטער: שלום-עליכם, י. ש. פרענאָוויץ, דר. ס. זעליקאָוויץ, יאָזעף גראָס.

9. „דער טעלעגראַף און פילאַדעלפיער פאָסט“ — מאָטאָ: „וואַרהייט און פרידען“.

ערשטער נומער: מאַרטש 1898. גרויסער פארמאַט, 4 זייטן, 6 קאָלומס, 1 סענט. דערשינען 8 נומערן. זייער אגרעסיוו. ערשטע „געלע“ צייטונג ביי יידן: שרייענדיקע קעפּ מיט גרויסן שריפט אויף דער ערשטער זייט. די שפראך — דייטשמעריש. רעדאקטאָרן און אַרויסגעבער: אזיאס [יהושע] וואַגמאַן און יעקב שערבאָוו. מיטאַרבעטער: ראַבאָטניק, לאַזאַרסאָן, צבי הלוי און קאָטליאַרסקי.

10. „דער ליטעראַרישער שטראַהל“ — מאָנאַטשריפט מיט אַן ענגלישער אָפּטיילונג. מאָטאָ: „ליטעראטור און וויסנשאפט“.

בוך פאַרמאט, פרייז 10 סענט. ערשטעס העפט: סעפּטעמבער, 1899; לעצטער נומער – פעברואר, 1906. א פּאָר מאָל אָפּגעשטעלט געוואָרן. אַרויסגעבער: „היברו ליטעראטור סאָסייעטי“ רעדאקציע: א קאָלעגיום פון דוד אַפּאָטעקער, דוד בער טירקעל און דר. מ. בארבער. רעדאקטאָרן פון דער ענגלישער אפּטיילונג: יאָזעף גראָס, ב. פּאָקראס, מעטיו טאָפּלינגער, יעקב האָפמאַן און דר. ווענדקאס. מיטאַרבעטער: הלל מאלאכאָווסקי, פּראָפ. ג. זעליקאָוויץ, לעאָן קאָברין, אפרים ליב וואָלפסאָן, דר. אַדאָלף העס, נייטען גרייעוו, ס. באראוועי, וויליאם היגדין, דר. מ. ווייזמאן, י. ש. פּרענאָוויץ, יוליוס שנייער, מאָרים ריינהארט, פּראָפעסאַר ראָבערט עליס טאָמסאָן, ראזאַליע פאבריקאנט, דזשאָן טאָמפּסאָן, מאיר סאק, א. ס. ריסקאָף, פראנק סטיפענס, אברהם רייזען, א. מאגיל, מ. קאטץ, אב. גאָלדבערג, משה הערדער, א. מ. שארקאנסקי, ח. ש. ראזענגליק.

11. פילאדעלפיער אידישע פרעסע“ — א צייטונג פאר פילאדעלפיער אידישע אינטערעסען.

בלויז איין נומער דערשינען — 6טן מערץ, 1904. גרויסער פארמאט, 8 זייטן, 6 קאָלומס, 1 סענט. אַרויסגעבער: לואיס ה. כהן (אַ דרוקער), רעדאקטירט פון יחזקאל לעוויט. מיטאַרבעטער: א. טאַנענבוים, זבחים (מזה), נפתלי הערץ אימבער, ל. נאטאנזאָן (קל-וחומר), ש. שליפער, נייטען גרייעוו, רבי ב. ל. לעווענטאל — אילוסטרירט מיט בילדער פון פילאדעלפיער כלל-טוער.

12. „דער אידישער קעמפּפער“ — וואָכנבלאַט — אָרגאַן פון די פועלי ציון אין אמעריקא.

אָנגעפאנגען צו ערשיינען אין פילאדעלפיע, פרייטאָג, 30טן מערץ, 1906 — ביז יאַנואר 11טן, 1907. פון דאן אָן ערשינען אין ניו יאָרק. 8 זייטן גרויסער פארמאט, פרייז 1 סענט. ערשטער רעדאקטאָר: קלמן מרמר. שפּעטער — י. זאר. מיטאַרבעטער: א. ש. וואלדשטיין, ה. רויזענבלאט, סאָלאָמאָן זאָלצמאַן, מ. מלמד, מנשה גאלפּערן, א. ראדוצקי, א. וואַלינער, מ. שמואלזאָן, יהואָש, מ. לעאָנטיעף (מאָיסעיעף), דר. דניאל פּאסמאַניק, ה. אלעקסאנדראָוו, י. ח. ברנר, בן מרדכי, י. ש. פּרענאָוויץ, ד. אבערסאָן, משה סמיליאנסקי, מ. פּ. זיידמאן, ל. שאַפּירא (ליש), י. ראזאווסקי, א. זעלדין, ל. לאנדאוי (וואלינער), א. שניאורזאָן, ש. דאלינסקי, דר. ישראל מאָרקוס, ישראל לעווין, דוד פּינסקי, ח. נ. ביאַליק, ב. פעוזנער, דר. ה. זאָלאָטאַראָוו, משה פּריוויליכאָוו, יוסף באָנק, בן־רבקה (דניאל פּערסקי), דוד איינהאָרן, מאַני לייב, ד. ל. לאקסאן, דר. י. וואָרשמאַן, טויבע פּרעס, ידידיה מרגלית, דר. מ. ווייזמאַן, משה קליינמאַן, יעקב צוזמער, מרים קאַרפּילאָוו, לעאָן קאָברין, יחזקאל לעוויט, י. ק. רופּיצקי.

13. „דאָס פאָלק“ — וואָכנבלאַט — אָרגאַן פון די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן.

דערשינען פון פעברואר ביז יוני 1906. ארויסגעבער: סאַצ. טעריטאָריאַליסטישע פּארטיי פון אַמעריקע. רעדאקציע קאָלעגיום: מ. קאַץ, דר. חיים זשיטלאָווסקי, דר. הלל זאָלאָטאַראָוו.

14. „דער שטערן“ — יאָהר־בוך — ציוניסטישער זאמעלבוך.

בוך פאָרמאט. פרייז 10 סענט. 1906—1907. ארויסגעבער: אגודת המכבים. רעדאַקטאָר: דוד בער טירקעל. מיטארבעטער: קלמן מרמר, ה. רויזענבלאט, א. גרייזעל, וולאדימיר זשאַבאָטינסקי, משה פּריוויליכאָוו, אפרים ליב וואָלפסאָן, דר. מ. ווייזמאן, יעקב צוזמער, בן־רבקה (דניאל פּערסקי), דר. י. וואָרטסמאן, יהואָש, דר. מ. רייזין, י. אדלער, י. פעפער, פּנחס מארדעל, י. ש. פּרענאַוויץ, מאיר בלינקין, י. כהנאָנאָוויץ.

15. „פילאדעלפיער מאָרגען צייטונג“ — די ערשטע טאָג־צייטונג אין פילאדעלפיע.

ערשטער נומער: זונטאָג, 18טער יאַנואר, 1907; לעצטער נומער — 7טער אפּריל, 1907 (59 נומערן). גרויסער פארמאַט, 6 און 7 קאָלומס. פרייז 1 סענט. אַרויסגעבער: הערים אָזער און ברידער, דרוקער ביים פאַך. רעדאקטאָר: ישראל ציוני. מיטארבעטער: מיכל אהרנסאָן, א. ראדוצקי, לעאָן שנייער, י. ש. פרענאָוויץ, מ. נאדעל, מ. מלמד, דוד אַפּאָטעקער, עוזר סמאָלענסקין, דר. מ. ווייזמאָן, דוד ב. טירקעל, דר. מ. באַרבער, י. הורוויץ, י. ה. נאטאנזאָן, י. מושטין, ז. מזח, סאל ב. פארבשטיין, פיליפּ סאקס, אסתר השכנזי, דר. מאָרים ריינהאַרט, ש. מאַהלינסקי.

16. „פילאדעלפיא אַמעריקאַן“ — וואָכנבלאַט — אידישע שטאָדט־אנגעלעגענהייטען.

ערשטער נומער — 6טער מערץ, 1908. געגאַנגען א יאָר צייט. געדרוקט אין ניו יאָרק, אין „מאָרגען זשורנאַל“. האלבער זייט פאָרמאַט. 3 סענט. ארויסגעגעבן פון יעקב סאַפּירשטיין. רעדאקטירט פון דוד בער טירקעל. מיטאַרבעטער: יאָזעף גראָס, דר. מ. ווייזמאַן, מ. מלמד, א. ל. וואָלפסאָן, דר. ב. ל. גאָרדאָן, ז. מזח, מאָרים דזש. שפּייזער, רעוו. מ. קאפּלאנדער, יעקב צוזמער.

ביבליאָגראַפיע פון דער יידישער פרעסע אין פילאדעלפיע (1928־1891)

(לויטן כראָנאָלאָגישן סדר)

צוזאמענגעשטעלט פון דוד בער טירקעל (פילאדעלפיע)

1. „דאָס ליכט" — וואָכנבלאַט — „צו פערשפרייטען ליכט, רעליגיאָן און וויסענשאפט".

8 זייטן, גרויסער פאָרמאַט, פרייז 3 סענט. ערשטער נומער: אָקטאָבער 1891; לעצטער נומער — יולי, 1892. אַרויסגעבער — מאָריס ראָזענבאַום, באַנקיר; רעדאקטאָר — נחמיה מאָזעסאָן; מיט־ארבעטער — שמואל גאָרדאָן (פעליעטאָן: די הפטורה), פראָפעסאָר געצל זעליקאָוויץ און אנדערע. די ערשטע יידישע צייטשריפט אין פילאדעלפיע.

2. „די יודישע פרעסע" — וואָכנבלאַט — „פאר אויפקלערונג, ווארהייט, ליכט און איינינקייט".

4 זייטן, שפעטער 8 זייטן, גרויסער פארמאַט, 3 סענט. פינף קאָלומס. ארויסגעבער — מאָזעס פרימאַן. ערשטער נומער — פרייטאָג, 26טן אויגוסט, 1892; לעצטער נומער — מערץ, 23טן, 1894. רעדאַקטאָרן: יאָהאַן פאַלעי, י. זעווין (תשר"ק). מיטאַרבעטער: ד״ר. חיים ספיוואק, מאָריס ראָזענפעלד, יצחק ראַבינאָוויטש (איש קאָוונע), י. ש. פרענאָוויץ, מ. נ. באַבער, עוזר סמאָלענסקין, א. רייזגאָלד, מ. טורבאָוו, א. מ. שאַרקאַנסקי, מ. זייפערט, א. טאַנענבאַום, דר. אַדאַשקאָוויטש, חיים מאַליץ, שמואל גאָרדאָן, מאָזעס פרימאַן, י. מושטין, אַלטע ראַבינאָוויטש, א. ח. פרענקעל, הרב שבתי מאָרייעס, משה הערדער, דזשעני גאָלדבערג—פרענאַוויץ.

3. „דער פאָלקס וועכטער" — וואָכנבלאַט — „פאר גערעכטיגקייט, ליטעראטור, און אלגעמיינע פאָלקס אינטערעסען".

גרויסער פאָרמאַט, 6 און 8 קאָלומס. 3 סענט. ערשטער נומער — 18טן אויגוסט, 1893; לעצטער נומער — 3טער אויגוסט, 1894. אַרויסגעבער: בערנאַרד האַריס און יאָהאַן פאַלעי; אַגענטור אין ניו יאָרק: פון יעקב סאַפירשטיין. רעדאַקטאָרן: בערנארד האַריס און יאָהאַן פאַלעי. מיטאַרבעטער: א. האַרקאַווי, איסר גינצבורג, משה שיינדלינג, דר. חיים ספיוואק, יעקב מילך, ג. זעליקאָוויץ, א. טאָנענבוים, ב. פייגענבוים, דוד אַפּאָטעקער, שייקעוויטש (שמ"ר), מ. שור, מ. זייפערט, יצחק ראבינאָוויץ, מאָריס ראָזענפעלד, א. מ. שאַרקאַנסקי, דוד גרינבערג (בן־ישי), גרשון ראָזענצווייג, עוזר סמאָלענסקין, י. יאפא, דוד אריה פרידמאַן.

4. „די פילאדעלפיער שטאָדט־צייטונג" — וואָכנבלאַט — ראדיקאלע טענדענץ.

גרויסער פארמאט. 4 זייטן, 6 קאָלומס, 1 סענט. ערשטער נומער — יאנואר, 1894 — ביז נום. 83. אַרויסגעגעבן אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות פון: ווארהאפטיג, ה. אזער, ליטוואק, אַנטאָקאָלסקי (א ברודער פון סקולפּטאָר אַנטאָקאָלסקי), אַלע זעצער און שרייבער. רעדאַקטאָר: חיים מאַליץ. ערשטע צייטונג מיט דער באַטייליקונג פון יידישע שרייבער אין אייראָפּע: שלום־עליכם, ש. פרוג, אברהם רייזען, קה"ת (פון קיעוו), געשריבן יידישע לידער מיט לאַטיינישע אותיות, א משורר רעוויזין, לעאָן קאָברין, י. ש. פרענאָוויץ, א. ל. וואָלפסאָן (ראבאָטניק), דזשעני גאָלדבערג—פרענאָוויץ, דר. מאַקס באַרבער, רעוו. ח. ש. בראָדסקי, חסיה די חכמה (מרס. א. טענענבוים), מ. וויימאַן.

5. „דער פאָלקס זשורנאַל" — חודש־זשורנאַל — דערשינען פון יוני 1894 ביז סעפטעמבער, 1894.

קליינער פארמאט. 8 זייטן, שפעטער גרעסער און 7 קאָלומס. רעדאקטאָר־ארויסגעבער: מאַקס גילעס (בן־יהושע). מיטאַרבעטער: יצחק ראבינאָוויץ (איש קאָוונע), נ. מ. באַבאַד, א. מ. שאַרקאַנסקי, ז. לעווין, דר. לארגמאן, איידא סוזאן, ג. זעליקאָוויץ, יאָהאַן פאַלעי און מליץ יושר (חיים מאַליץ).

6. „יודעשעס פאָלקס בלאַט" — צוויי־וואָכנבלאַט.

נומער 4 איז דאטירט: זונטאָג, 25טן נאָוועמבער, 1894. ארויסגעבער: מאָגילניצקי בראָדערס, פרינטערס. רעדאקטאָר: יוסף מאגילניצקי. מיטאַרבעטער: בן אהרן, בן יהודה, היימאַן מאנדעלשטאַם, א. טאנענבאום. געדרוקט צוליב פאָליטישע צוועקן.

7. „די געגענוואַרט" — וואָכנזשורנאַל — מאָטאָ: „עיניך לנוכח יביטו". זשורנאַל פאר ליטעראטור, סאטירע און פּאָבליציסטיק.

מיטל פאָרמאט. 8 זייטן, 5 קאָלומס, 2 סענט. ערשטער נומער, די ערשטע וואָך אין אויגוסט, 1895 — ביז סוף פון יאָר 1898. אַרויסגעבער: דוד אַפּאָטעקער און מ. מ. דאליצקי, מיט דער מיטהילף פון 10 געשעפטסלייט. רעדאקטאָר: דוד אַפּאָטעקער. מיטאַרבעטער: מ. מ. דאליצקי, מאָריס ראָזענפעלד, נ. שולמאַן, י. טרויב, משה שיינדלינג, מאַקס גרין, דוד בער טירקעל, הינקענדיגער שלים־מזל (דוד אַפּאָטעקער), א. הארקאַווי, א. טאנענבוים, עוזר סמאָלענסקין, י. ש. פרענאָוויץ, הלל מאלאכאָווסקי, א. ל. וואָלפסאָן (ראבאָטניק), מאָריס ווימעניץ, משה הערדער, ישראל גאמבעראוו, הערים גיומאן, רעוו. מ. י. ברוידע.

8. „פענסילווייניער שטאַאַטס צייטונג" — וועכנטלעך.

קאָנקורענץ־בלאַט צו דער שטאָט־צייטונג. ערשטער נומער: זונטאָג, 25טער אויגוסט, 1895.

יצחק ריבקינד:

יידיש אין העברעאישע דרוקן ביזן יאָר ת״ח—1648

(באַמערקונגען און הוספות, העפט 1־2, ז. 26—38.)

זייט 28. וועגן דאָס ליד „אַלמעכטיגער גוט״ האָב איך אין אַלגעמיין באַמערקט, אַז „אויב אין דרוק איז עס ערשט אריין אין יאָר 1526, האָט מען עס געזונגען געוויס מיט אַ צייט פריער״. אין אַ הגדה־האַנטשריפט, וואָס געפינט זיך אין דער נאַציאָנאַל ביבליאָטעק אין פּאַריז (נומער 1333) פון ערשטן העלפט פון 15טן יאָרהונדערט, איז שוין דאָס ליד פאַראַן מיט אייניקע וואַריאַנטן און באַשטעטיקט אַזוי אַרום מיין אויבנגעבראַכטע באַמערקונג. פגל. Bruno Italiener: Die Darmstädter Pessach—Haggada, Textband, Leipzig, 1927 ז. 178—179 און אויך דאָרט ז. 146. באַמ. 2) איבער „אַדיר הוא״, וואָס איז שוין אין 14טן יאָרהונדערט אַריינגענומען געוואָרן אַלס טייל פון פסח־ריטואַל אין דייטשלאַנד, און עס איז מער ווי זיכער, אַז מען האָט דאָס געזונגען אין העברעאיש און יידיש גלייכצייטיק.

זייט 29. כדי נאָך בולטער צו מאַכן דאָס בילד פון יידישן לשון ביי דעם אשכנזישן קבוץ אין צפון־איטאַליע און איבערהויפּט וועגן דער ראָלע פון דער פרוי אַלס „פּיאָנערין פונם „ווייבער־טייטש״, איז כדאי צו ברענגען נאָך אַן אילוסטראַציע פון שו״ת ר׳ יוסף קולון (מהרי״ק) (איבער אים זע ביי גידעמאַן „התורה והחיים״, ג׳, 186—190). מיר געפינען אַ לעבעדיקע, רירנדיקע שילדערונג, וואָס וואַרפט אַ סך ליכט אויף דעם אינערלעכן לעבן. דאָרט ווערט געבראַכט, ווי אַ מאַן אַ כהן פון פּוויאַ, וואָס האָט געהאַלטן אַן אַריינפאָר־הויז: „הנה זה ימים ושנים היה שכרי להשתכר להיו׳[ת] בעל מחנה בפוויאה״. אַזוי איז אַלץ געגאַנגען כשורה ביזן יאָר ר״ל (1470). צו יענער צייט איז זיין פרוי באַשטאַנען, אַז ער זאָל די פרנסה אויפגעבן, ס׳איז איר מער ניט אָנגעשטאַנען צו זיין אַ ווירטין פון אַן אַריינפאָר־הויז, „כי להיות עוד בעלת מחנה איני רוצה״. ביי אַ זעקס חדשים האָט זי זיך מיט אים וועגן דעם געקריגט און דער מאַן האָט זיך אַלץ אויסגעדרייט נאָכצוגעבן איר פאַרלאַנג. אַלע מאָל צוגעזאָגט, נאָר ניט געהאַלטן וואָרט. און דער שלום־בית פון דאָס פּאָר פּאָלק איז, פאַרשטייט זיך, צעשטערט געוואָרן. אָבער אין אַ שיינעם טאָג (ר״ח אָדר, שנת ר״ל—1471) האָט די פרוי פאַרנומען איר צירונג, קליידער און טעכטערל פון פיר יאָר און איז אַוועק פון הויז, צו אַ גויה, אַ שכינה, איר נייטאָרין און וועש־וואַשערין. דאָרט האָט דער מאַן איר געפונען ארומגערינגלט מיט דעם עלטסטן פון שטאָט, זיין געהילף, גלח, גויות, וואָס זיינען געקומען איר איבעררייידן צו שמדן זיך. און ווען דער מאַן האָט געוואָלט מיט איר אינטים זיך דורכריידן — האָט ער געבעטן ביי דעם עלטסטן דערלויבעניש צו ריידן מיט איר אין לשון אשכנז: „ואָז שאלתי רשות לדבר על לבה בלשון אשכנז, והרשני לדבר עמה בכל לשון של זכות רק שלא אדבר עמה קשות.״ ווייטער ווערט געשילדערט, ווי דער מאַן האָט ביי איר קיין זאַך ניט געקאָנט פּועלן. זי האָט אים מער ניט געגלויבט, אַז ער וועט האַלטן וואָרט און אויפגעבן די אַכסניאָ. נאָר צום סוף האָט זי חרטה געהאַט און אָפּזייענדיק אַ טאָג אין אַ מאָנאַסטיר ביי מאָנאַשקעס („כומריות צנועות״) האָט זי זיך אומגעקערט צוריק אהיים. (שו״ת מהרי״ק, וויניציאה, רע״ט, עמוד קס״ח—קס״ט, סימן ק״ס.)

אויך ביי אַ גט האָט דער מהרי״ק געפאָדערט, אַז די דיינים זאָלן קלאָר מאַכן פאַר אַ פרוי אַ געוויסן תנאי אין לשון אשכנז, אום זי זאָל גוט פאַרשטיין: „שיפרשו הדיינים תנאי זה לכל פרטיו בלשון אשכנז בשעת נתינת הגט לבונה [נאָמען פון דער פרוי] הנ״ל באופן שתהיה מבינה אותו היטב״ (שו״ת מהרי מינץ, ויניציא שי״ג עמוד ל״ח ב, סימן י״א). דער מהרי״ק האָט ניט געקאָנט, ווי ער באַשטעטיקט עס אליין (אין סימן ע״ט) לשון אשכנז, דאָך ברענגט ער מערערע מאָל פאַרשיידענע איינצלנע ווערטער אין ל״א.

זייט 31. כדאי אויך אָנצוווייזן, אַז ווען וויצנהויזן רעכנט אויס אַלע מקורים וואָס ער האָט אויסגענוצט פאַר זיין אַרבעט, און אַז זיין איבערזעצונג איז געמאַכט „על פי מפרשים גדולים וחשובים״, דערמאָנט ער אויך צווישן זיי דעם „חבורי לקט״, גלייך אויפן שער פון זיין תנ״ך איבערזעצונג און אויך אויף זייט צוויי, שפּאַלט 2 פון דער יידישער התנצלות המעתיק (לויט דער צווייטער אויסגאַבע, אַמסטערדאַם, 1687).

17. „דער ליגנער" — וואָכנשריפט — הומאָר־ און וויץ־בלאַט.

ערשטער נומער: 27טער נאָוועמבער, 1908. 3 נומערן אינגאנצן. פּרייז 7 סענט. מיניאַטור פאָרמאַט. רעדאַקטאָר־ארויסגעבער: א. ל. וואָלפסאָן. פון אים אויסגעפילט אינגאנצן.

18. „פילאַדעלפיער פרעסס" — וואָכנבלאַט פאר אידישע אינטערעסען.

ערשטער נומער: ו' אדר, תרע"ג. דערשינען 7 נומערן. פּרייז 2 סענט. ארויסגעבער: „דזשואיש פרעס פּאָבלישינג קאָמפּאני", אדאָלף וואקס, פּרעזידנעט. רעדאַקטירט פון: ש. צ. זעצער, אשר ווייצמאַן, דוד גאלטער, לאַיער יוסף גראָס, מאָזים פרימאַן. מיטארבעטער: דר. מ. וויימאַן, דוד בער טירקעל, יהודה שטיינבערג, מ. זייפערט, מ. קאַץ, ה. פּאַקמאַן, געאָרג ראַטנער, א. ל. וואָלספאָן, יוסף באַנק, לוליפּוט, י. ש. פּרענאָוויץ.

19. „פילאַדעלפיער אידישער העראָלד" — וואָכנבלאַט געווידמעט די פילאַדעלפיער אידישע אינטערעסען.

ערשטער נומער: אָנפאנג מערץ 1913. דערשינען ארום 6 מאָנאַטן צייט. רעדאַקטירט און ארויסגעגעבן פון: אָזער בראָדער און מאקס גילים. שפּעטער רעדאַקטירט פון ה. פּאקמאַן. מיטארבעטער: דוד בער טירקעל, דר. מ. וויימאַן, א. ל. וואָלפסאָן.

20. „די אידישע וועלט" — טאָג־צייטונג, 7 מאָל א וואָך, פאר שטאָדטישע ענינים און פאר אייגענע געשעפטס צוועקען. —

ארויסגעבער: דזשייקאָב גינצבורג און וויליאם ב. ליעף. ערשטער נומער דערשינען דעם 1טן פעברואר, 1914. דערשיינט אומאונטערבראָכן ביזן היינטיקן טאָג. רעדאַקטאָר: מ. קאַטץ.

21. „דער צווייג" — מאָנאַט־זשורנאַל פאר ליטעראַטור און קריטיק.

בוך פאָרמאַט. פּרייז 15 סענט. ערשטער נומער — אויגוסט, 1919. דערשינען 4 נומערן. רעדאַקטאָר: מ. מלמד. מיטארבעטער: מ. באַגדאַנסקי, אהרן קוריץ, ל. חנוקאָוו, מאַרק שווייד.

22. „קונסט און לעבען" — צייטשריפט —

קליינער בוך פאָרמאַט. 4 נומערן ארויסגעבער: י. מענקין און א. ל. וואָלפסאָן [ווען דער־שינען? — רעד.]

23. „ביים פייער" — חודש־זשורנאַל —

דערשינען פון יאנואר ביז אפּריל, 1921. רעדאַקטירט פון ז. וויינפער.

24. „ברית אַחים בולעטין" — מאָנאַטשריפט, פּראָפּאַגאַנדע בלאַט פאר דער „ברית אחים ארגאַניזאַציע" —

דערשיינט זינט 1923. קליינער גארמאַט. רעדאַקטאָר: דוד ב. טירקעל. מיטארבעטער: מאָזעס פרימאַן, וויליאם הינדין, א. שעכטער, אהרן קאָניעפּסקי.

25. „פילאַדעלפיער העראָלד" — וואָכנבלאַט פאר אידישע אינטערעסן און ועד הכשרות —

ערשטער נומער, זונטאָג, 20טער נאָוועמבער, 1927. 3 סענט. דערשינען 4 נומערן. שפּעטער טראנספערירט צו די „גאזעטן" פון ניו יאָרק. גרויסער פארמאַט, 8 קאָלומס. ארויסגעבער: איזידאָר נייבאַוער. רעדאַקטירט פון י. נייבאַוער און ברוך בערגער. האלב אין ענגליש. „סוירוויס קאָמפּאני" מאַטעריאַל.

תפלה מכל השנה, כמנהג ק"ק אַשכנזים, ויניציה, שנ"ט—1599 (בבית זואן די גארא).

כ'האָב שוין פאַרצייכנט איין אויסגאַבע פון שנ"ט (אויך פון זואן די גארא) אָבער יענע איז פאָרמאַט 48° און די איז 12°, צוויי שפּאַלטן יעדער זייט, וואָס איז באַצירט מיט אַ ווינעטע אַלס ראַם און די זעלבע טיטל אויך אָפּ די שפּאַלטן. דער סדור האָט דאָ און דאָרט די געוויינטלעכע פאַרשיידענע צווישן־באַמערקונגען אין יידיש. נאָר מיט איין זאַך איז עס אַן אויסנאַם פון די אַלע איבעריקע, מיט דער הגדה, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אין איר איז אינגאַנצן דאָ נאָר צוויי קליינע יידישע באַמערקונגען, פאַרמאָגט אָבער (אויף זייט מ ב) די יידישע איבערזעצונג פון „אַלמעכטיגר גאָט". און אַזוי אַרום האָט זיך אויך אָפּגעזוכט אַ יוצא מן הכלל צו מיין כלל, אַז „אין די הגדות, וואָס זיינען געדרוקט אין די ערשטע סדורים, וווּ יידיש פאַרנעמט אַ בכבודן אָרט, גראָד דאָרט געפינט זיך ניט קיין מאָל דאָס איבער־זעצטע ליד" (זייט 29).

[סידור, ויניציא, ש"ס—1599].

אין סעמינאַר עקזעמפּלאַר פעלט ביז דעם 17טן קונטרס, נאָר צום סוף סדור שטייט: „נשלם... טוב [=י"ז] חשון שנת... על ההרים [=ש"ס]" און אויף דער נאָענסטער זייט „לוח הסידור" ווערט אָנגעגעבן: „נשלם בחדש מרחשון ש"ס לפ"ק ע"י זואן דגארה". פאָרמאַט 12°. ניט אידענטיש מיט דער אויסגאַבע פון ק. ב. נומער 2109. אין פאַרשיידענע ערשטער צווישן־באַמערקונגען אין יידיש. דער גרעסטער אָפּשניט געפינט זיך אויף זייט רנ"ד ב צווישן מוסף של יום כפור און תפלת נעילה.

[סדר תפלות, כמנהג ק"ק אשכנז, ווירונה ת"ח].

אין סעמינאַר־עקזעמפּלאַר פעלט דער שער און ביז בלאַט 38. דעם טיטל האָב איך קאָפּירט פון צוויי אַנדערע עקזעמפּלאַרן פון דעם זעלבן פאָרמאַט (48°) און דרוק, וואָס האָבן לאַדינא צווישן־באַמערקונגען און דאָרט, פאַרשטייט זיך, איז אָנגעגעבן „כמנהג ק"ק ספר"ד". אונדזער עקזעמפּלאַר האָט אויך מיטגעדרוקט (ווי דער ספּרדישער סדור) תהלים, דאָרט, ת"ט, מעמדות, דאָרט, ת"ח (מיט באַזונדערע שערים). אין אַלגעמיין איז די אויסגאַבע אַ גאַנץ זעלטענע (פאַרצייכנט אין ק. ב. נומער 2147).

דער סדור האָט צווישן־באַמערקונגען אין יידיש און זיי זיינען, אויסנאַמסווייז, געדרוקט מיט די זעלבע אותיות וואָס דער סדור גופא, דאָס הייסט אין קוואַדראַט שריפט.

כ"ו אדר — פ"ת.

אַ ניט־פאַרעפנטלעכער בריוו פון אברהם גאָלדפאַדען צו שלום עליכמן

מיטגעטיילט פון דר. יעקב שאַצקי.

אין „גאָלדפאַדען־בוך" (ניו יאָרק, 1926) האָב איך אָפּגעדרוקט פיר בריוו פון אברהם גאָלדפאַדען צו שלום עליכמן (ז. 23—33). לעצטנס האָט זיך אין שלום עליכם אַרכיוו אָפּגעזוכט נאָך אַ בריוו, וואָס דערגאַנצט די דאָזיקע וויכטיקע קאָרעספּאָנדענץ.

דעם דאָזיקן בריוו, דאַטירט פון פּאַריז, דעם 26טן יאַנואַר, 1890, דרוק איך איבער אָן שום אָרטאָגראַפישע ענדערונגען. איך האָב נאָר צוגעגעבן געוויסע אותיות און ווערטער, וואָס זיינען געווען נייטיק כדי קלאָר צו מאַכן דעם זין פון טעקסט. דער לעזער וועט עס דערקענען פון די האַלב־רונדע קלאַמערן אין וועלכע איך האָב זיי אַריינגעשטעלט. אויך איז די אינטער־פּונקציע פאַרבעסערט געוואָרן פון מיר.

די פיר באַמערקונגען צום בריוו שטאַמען פון מיר. זיי זיינען נייטיק, כדי קלאָר צו מאַכן געוויסע ענינים, וואָס ווערן באַרירט אין דעם דאָזיקן בריוו.

איך דריק אויס מיין דאַנק קאָלעגע י. ד. בערקאָוויטש, וועלכער האָט אָפּגע־זוכט דעם דאָזיקן וויכטיקן בריוו און מיר דערלויבט אים צו פאַרעפנטלעכן.

Paris, la 26 Janvier, 1890.

ליעבער פריינד!

אייער בריעף האָב איך ערהאַלטען — איך דאַנק אייך זעהר וואָס איהר נעמט זיך אָן פאַר מיר, חאָטשע איך האָב דיא „פּאָלקסבלאַטע" ניט געלעזען און וויים ניט וואָס דער ל. י האָט וועגען מיר געשריבען. איך ערלויב אייך צו טהאָן וויא איהר פאַרשטעהט —.

זייט 33 באַמ. *). דאָרט האָב איך פאַרצייכנט אייניקע „סגולות“, וואָס זיינען מיטגעבונדן צום סדור פון 1549 און האָב בשעת מעשה ניט געוווּסט, אַז די דריטע „סגולה“ איז גאַר אַ יידישער מקור פאַר דער צווייטער תפלה פון אַ געווינערין, וואָס ווערט געבראַכט ביי שודטן. איבערגעדרוקט אין באַסינס אַנטאָלאָגיע (א', זייט 80), צוזאַמען מיט נאָך אַ תפלה אַלס איין „געבעט פון אַ געווינערין“ (זע אויך דאָרט די פאָרבאַמערקונג). אין דער צייט ווען ביי שודט שטייט בפירוש “ihre zwei gewöhnliche Gebetter sind gar einfältig“, און באַצייכנט זיי אַלס I, II און גיט נאָך צו, אַז נאָכדעם ווי די געווינערין פלעגט ענדיקן אירע תפלות, פלעגט די אָנוועזנדע נאָך יעדער תפלה באַזונדער זאָגן „אמן“. Hierauf ruffen alle Anvessende zu jedem Gebett Amen

ס'איז כדאַי דאָ צו ברענגען פאַראַלעל ביידע מקורים פון דער זעלטענער תפלה, וואָס באַווייזט קלאָר אויבן אויף אַז די „גלויבווירדיקע קריסטליכע הייבאַמע“, אין וועמענס נאָמען שודט ברענגט די תפלה, האָט ניט געקענט אויפכאַפן די העברעאישע ווערטער פון דער געווינערינס תפלה און אַז אין אונדזער שריפטלעכן מקור, איז אויפגעהיט געוואָרן די תפלה אין איר עכטן יידישן גייסט, אין איר גאַנצקייט און שיינקייט:

יידישער מקור:	שודטס מקור: II
אויף דען בערג כרמל	Auff dem Berg Carmel
שטיט איין הינדן אונ' שרייט	Stehet eine Hindin und schreyet,
שפּראַך הש"י: „ויער שרייט אזו ביזי?“	So kommt ein Engel vom Himmel
שפּראַך מיכאל: איין גווינרן	Und spricht warumb schreystu so?
שפּראַך הש"י: העלף איר!	Ich bin eine Gewinnerin,
אַזו זאל איר אונ' אירן קינד	Ich bin eine Gebährerin;
גיהאָלפן ווערן.	Gott wird dir und allen Menschen helffen.

שודטס וואַריאַנט איז טראַנסקריבירט אין באַסינס אַנטאָלאָגיע, נאָר דאָרט איז די לעצטע שורה פאַרגרייזט און שטייט „בענשען“ אָנשטאָט „מענשען“. ווערט געבראַכט אויך ביי א. שולמאַן „שפת יהודית“, ז. 203.

און ניט נאָר האָט זיך אָפּגעזוכט אַ יידישער מקור פון דער תפלה, נאָר ס'איז קיין ספק ניט, אַז זי איז אַסך עלטער ווי שודטס מקור (אָנהייב 18טן יאָרהונדערט) און איז אַ סך פריער פאַרצייכנט געוואָרן (מעגלעך, נאָך אין צווייטן העלפט פון 16טן יאָרהונדערט), וואָס וועט זיך איצט לאָזן גענוי אויפקלערן, באַווייזן און פעסטשטעלן, נאָכדעם ווי מיר וועלן האָבן אַ יידישע פּאַלעאָגראַפיע.

זייט 36. וועגן זאָגן „כל חמירא“ אין יידיש, ווערט אויך געבראַכט דער נוסח אין מהרי"ל, סביוניטה, שי"ו, זייט ח ב. (אַזוי אויך אין די שפּעטערדיקע אויסגאַבעס ווי קרימונה שי"ח, ט א, דאָרט שכ"ו, ט א, לובלין ש"ן, ט א, און אַ רייע אַנדערע. דער יידישער טעקסט אין געבליבן אומגעענדערט אין אַלע אויסגאַבעס ביז די סאַמע לעצטע).

אויב דער מהרי"ל איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט דעם יידישן טעקסט מתקן געווען, ווי שטיף וויל האָבן, אַז „ער גופא האָט געמאַכט אויף יידיש די פאָרמול „כל חמירא וחמיעא“ („צייטשריפט„ מינסק, 1926, בוך I, ז. 147. אין הערה 16 צייכנט ער אויך איין מהרי"ל 112א אָבער איך האָב דאָרט גאָרניט ניט געפונען וועגן דעם), אָדער אַז דער מהרי"ל האָט נאָר איבערגעגעבן אַ מנהג און פאָרמול וואָס איז געווען פאַרשפּרייט און אָנגענומען אין זיין צייט — איז שווער צו זאָגן. מיר זעען נאָר, אַז צום ערשטן מאָל איז די פאָרמולע געדרוקט געוואָרן גלייכצייטיק, אויסער אין מהרי"ל, אויך אין אַנדערע ערטער, אין דעם מחזור פון סאַלאָניקי (שפּעטער אויך פון סביוניטה־קרימונה) — וואָס מאַכט גיכער צום גלויבן, אַז די פאָרמולע איז געווען אַן אַלגעמיין באַקאַנטע און אָנגענומענע, וועלכע דער מהרי"ל האָט פאַרצייכנט דער ערשטער, אָבער ניט אַז ער איז געווען דער מחבר פון דער פאָרמולע, וועגן וואָס ער אַליין דערמאָנט ניט מיט קיין איין וואָרט, נאָר ער שרייבט סתם „ומי שאינו יודע יכול לומר בכל לשון אפי' בלשון אשכנז ודיו“. און ווען עס וואָלט פון אים געשטאַמט, וואָלטן אויב ניט ער, אַנדערע דערמאָנט און געבראַכט אין זיין נאָמען.

איצט נאָך דריי הוספות צו אָפּטיילונג: 3. ליטורגישע, אפשניט א) געבעט־ביכער — צום סוף פון זייט 36:

[יוסף מאַרגאָשעס]:

די „שטרויענע“ יידן אין גריכנלאַנד

אין העפט 1—2 פון ערשטן באַנד „פנקס“, איז אָפּגעדרוקט א זייער אינטערעסאַנטער ארטיקל וועגן „המן־פיגור און שמאַטע מענטש“, פון נ. ווייניג.

איך וויל דעם ארטיקל דערגאַנצן מיט א באַשרייבונג פון אן אַלטן מנהג וואס איז ווייניק באַקענט. מיט אן אכט יאָר צוריק האָבן די גריכישע יידן פון אינדזל קאָרפו געפייערט דעם הונדערט־יאָריקן יובל פון אָפּשאַפן דעם מנהג.

דאָס איז די געשיכטע פון דעם מנהג:

די יאָנישע אינדזלען זיינען, זייט הונדערטער יאָרן באַוווינט פון גריכן, אַלטע שונאי ישראל. אין דער הויפּט־שטאָט קאָרפו פלעגט זיין איינגעפירט א זייער אלטער מנהג, אז יעדעס יאָר, אין דער נאכט פון „פּאַסכאַ“ פלעגט זיין א גרויסע פּראָצעסיע אין דער דאָרטיקער גרויסער קירך „צום הייליקן גייסט“. נאָכדעם ווי דאָס פאָלק האָט זיך אָנגעהערט מיט די דרשות פון די גלחים, האָט מען זיך א לאָז געטאָן צום יידישן קוואַרטאַל פון קאָרפו. דאָרטן האָבן די גריכן אָנגעהויבן שלאָגן די יידן.

אויב די יידן זיינען געווען קליגער און האָבן זיך גוט אויסבאַהאַלטן, אָדער פאר דער גאַנצער נאכט — עד כי יעבור זעם — זיך אינגאנצן צוריקגעצויגן פון דעם יידישן קוואַרטאַל און גענעכטיקט אויף די פעלדער אויסערהאלב דער שטאָט, האָט דער ווילדער המון־עם אויסגעלאָזט זיין גאנצן כעס צו די יידישע הייזער. און כאָטש זיי האָבן דאָרטן גאר ניט גערויבט, אָדער צוגענומען, דאָך האָבן זיי אָנגעמאכט אַ חורבן.

דאָס האָט אזוי אָנגעהאלטן עטלעכע הונדערט יאָר. די אונטערדריקטע יידן האָבן גארנישט ניט געקאָנט טאָן און עס איז ניט געווען פאר וועמען זיך צו באַקלאָגן.

אין יאָר 1820 האָט ענגלאנד געפירט מלחמה מיט טערקיי און זי האָט דעמאָלט באזעצט די יאָנישע אינדזלען, וועלכע זיינען, פונקט ווי גאנץ גריכנלאַנד, געווען א טייל פון דער טערקישער מדינה.

אַ פּאָר טעג פאר „פּאַסכאַ“ איז אין קאָרפו אָנגעקומען דער ענגלישער לאָרד מעטלען, וועמען די ענגלישע רעגירונג האָט באַשטימט אלס לאָרד־קאָמיסאר איבער אלע יאָנישע אינדזלען.

זיין אָנוועזנהייט האָט אָבער ניט אָפּגעהאלטן די גריכיש־קאַטוילישע גלחים און דאָס פאָלק פאַרטצוזעצן זייער „הייליקן“ מנהג, צו מאַכן אן איבערפאַל אויפן יידישן קוואַרטאַל אין קאָרפו.

די יידישע קהילה האָט אָבער פארשטאַנען, אז איצט האָט זי די בעסטע געלעגנהייט, דורך דעם ענגלישן לאָרד־קאָמיסאר, צו פועלן, אז דער דאָזיקער „מנהג“ זאָל איין מאָל פאר אלע מאָל אפּגעשאפט ווערן.

אויפן צווייטן טאָג, נאָך דעם נאכטלעכן איבערפאַל זיינען די ראשי הקהל אוועק צו לאָרד מעטלען און זיי האָבן זיך פאר אים באַקלאָגט אויף דעם גרויסן אומרעכט וואָס ווערט, יעדעס יאָר, אין דער דאָזיקער נאכט, קעגן זיי באַגאַנגען.

דער לאָרד האָט זיי זייער פריינדלעך אויפגענומען און צוגעזאָגט, אז מער וועט שוין אַזעלכעס אין קאָרפו ניט פאָרקומען. ער האָט אפילו געוואלט מאַכן תיכף א זייער שטרענגע אונטערזוכונג און די שולדיקע אָנפירער, די גלחים, שווער באַשטראָפן. די ראשי הקהל האָבן אים אָבער געבעטן, (און האָבן דאָס אויך ביי אים געפועלט), אז ער זאָל דאָס ניט טאָן. זיי זיינען צופרידן מיט דעם, אז אין דער צוקונפט זאָלן אזעלכע איבערפאלן מער ניט פאָרקומען.

אויפן צווייטן יאָר, עטלעכע טעג פאר „פּאַסכאַ“, האָט לאָרד מעטלען געלאָזט צו זיך רופן דעם ערץ־בישאָף פון קאָרפו און ער האָט פון אים פארלאַנגט, אַז ער זאָל תיכף צו אים איבערשיקן די שליסלען פון דער גרויסער קירכע „צום הייליקן גייסט“, און ווען דער באַפעל איז באלד אויסגעפירט געוואָרן, האָט דער לאָרד געזאָגט צום ערץ־בישאָף, אז אין פערצן טעג ארום זאָל ער זיך ווידער אהער מטריח זיין און דאן וועט ער די שליסלען צוריק באקומען.

דערויף האָט דער ערץ־בישאָף געענטפערט, אז ער דארף האָבן די שליסלען א סך פריער. דאן האָט ער דערציילט דעם לאָרד, אז זייט די לעצטע עטלעכע הונדערט יאָר איז דא פאראן א מנהג, אין דער „הייליקער“ נאַכט פון „פּאַסכאַ“ צו מאַכן א גרויסע פּראָצעסיע אין דער קירך „צום הייליקן גייסט“ און עס איז אוממעגלעך דעם דאָזיקן הייליקן, אלטן מנהג מבטל צו מאַכן.

דער ערץ־בישאָף האָט, סוף כל סוף, געפּועלט ביים לאָרד קאָמיסאר, אז ער זאָל אים די שליסלען צוריקגעבן; ער האָט אבער פריער געמוזט אונטערשרייבן א פּאַפּיר, אז ער און אלע אנדערע גריכיש־קאַטוילישע גלחים פארפליכטן זיך, קיינמאָל מער ניט צו העצן קעגן די יידן, און אז עס וועט מער קיינמאָל ניט פאָרקומען קיין איבערפאל אויף זייער קוואַרטאַל.

אויף די אנדערע אינדזלען, ווי א שטייגער אין

פון אייער „פּראָספּעקט"[2] זעהט מען ארויס אז נאָר איהר איינער בעזיצט דיא פעהיגקייט הערויסצוגעבען א יאהרגאנג. עס ווערט ליכטיג אין דיא אויגען צו זעהן דיא שענע דרוק, די קלינגענדע נאמען פון די גלאוונע מחברים, דיא איבערראשענדע זאגלאַוויעס פון די אַרטיקלען, און געוויס זאָגען זייא אונז צו אז דער אינהאַלט וועט אויך זיין העכסט אינטערעסאנט. אז איהר וועט ווייטער אזוי פיהרען האָט אייער יאהרגאנג א גרויסע צוקונפט.
צלחו רכב!

צון אייער III יאהרגאנג וועל איך אייך אָנזאגען א בשורה. איך האב דא פערפאַסט און געשפּילט ניט לאַנג מיין „יהודה המכבי"[3] האָט זיך ארויסגעחאַפּט בייא מיר א פּאַטריאָטיש ליעד: „אוי ציון, ציון!" — אללע ציוניסטען פון רוססלאנד, אמעריקא, לאָנדאָן און פּאַריז האָבען שוין לאַנג ארויסגעקיקט אויף אזא ליעד — בייא דיא א(ו)מות העולם זעננען דא אַף אַזאַ־ג סארט — „טאָסקאַ פּאָ ראָדיניע" און אַריע „מאָסקוואַ" — אָדער „נאָך דער היימאט" — און זעהער א געלונגענע מעלאָדיע; איך וועל עס אייך צישיקען און איהר וועט עס אפּדרוקען מיט דיא נאָטען פיר פּיאַנאָ — נאָר עס וועט אייך קאָסטען טהייער, 50 קאָפּ. א שורה — עס איז נאָך פריש און קיינער ווייסט נאָך ניט פון דעם —

יעצט איז ביי מיך פּאַ(ר)דרעהט דער קאָפּ מיט דעם טהעאַטער — איך וויל גרינדען אין פּאַריז אַ יודיש טהעאַטער עס קומט מיר אָן שווער: ערשטענס דער מאַט(ע)ריעלע(ר) קאַמפּף; עס איז שווער צו באַקוממען א גיט פּלאַץ און געלד, און צווייטענס זעננען דאָ דאָ פּאַרטייען: דיא באַראָנען וויא באַראָנען וויא אין יעדען לאַנד, דיא יודישע אריסטאָקראַטיע, אָדער בעססער, „דיא תחתלעקערס פון דער רעגירונג" וואס שרייען שטענדיג אז דיא יודען מוזען קענען נאָר דיא שפּראַכע דעם לאַנדעס, צו זיין געטרייע בירגער, זענען פּיינדע פון דעם זשאַרגאָן. — וואָס (שייך) דיא עלזאַסער יודען און אונזערע פּויליש־רוססישע—פּראָטעזשירען (זיי) דאָס טהעאַטער נאָר נישט מיט געלד. הכלל איך ווייס אויך אליין ניט וואָס דא וועט זיך אויסלאָזען — נאָר ווען איך וועל מיך בערוהיגען וועל איך דיא גאַנצע צייט אָוועקלעגען פון אייערטוועגען —

פּאַרוואס שיקט איהר מיר ניט צוריק דיא זאכען וואס איהר האָט זייא ניט אויפגענומען? בייא מיר געפינט זיך ניט קיינע קאָפּיע פון זייא און איהר דאַרפט זייא ניט.[4]

אייער בריעף ווייז איך אפילו מיין אייגענער פרוי ניט. איהר מעגט זיין זיכער אז קיינער וועט ניט וויססען. פאַרגעסט ניט אז איהר שרייבט צו אייער בעסטען
פריינד א. גאָלדפאַדען.

באַמערקונגען.

[1] „פּאָלקס בלאַטע" = יידישעס פּאָלקס בלאַט" (אַרויס אין פּעטערבורג אין די יאָרן 1890—1881). ישראל לעווי, דער אַרויסגעבער, דרוקער און אין די לעצטע דריי יאָרן פון איר עקזיסטענץ (1890—1887) — דער רעדאַקטאָר. וועגן דער פּערזאָן פון ישראל לעווי, זע: ש. ל. ציטראָן „דריי ליטעראַרישע דורות", ווילנע, 1923, ב. III, ז. 152—167. און דעמזעלבן: „די געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע", ווילנע, 1923, ז. 171—150. לעווי האָט שטאַרק אַטאַקירט גאָלדפאַדענען פאַר שרייבן פּיעסן אָין "טנופתדיקן זשאַרגאָן" (ציטראָנס געשיכטע... ז. 166). אויך שלום עליכמן האָט לעווי אָפּטמאָל שאַרף אָנגעגריפן, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס כמעט ביז דער לעצטער צייט איז שלום עליכם געווען א מיטאַרבעטער פון פּאָלקס־בלאַט". (זע אויך: „דאָס שלום עליכם בוך", ניו יאָרק, 1926, ז. 351).

[2] „פּראָספּעקט" = די הקדמה „פונם הערויסגעבער", אין צווייטן באַנד „די יודישע פּאָלקס ביבליאָטעק". (דאַטירט, קיעוו, דעם 31טן דעצעמבער, 1889).

[3] דעם דריטן באַנד האָט שלום עליכם ניט ארויסגעגעבן. פון גאָלדפאַדנס בריוו איז צו זען, אז ער האָט געהאַט בדעה ווייטער אַרויסצוגעבן די „פּאָלקס ביבליאָטעק" און האָט מסתמא געבעטן אז גאָלדפאַדן זאָל אים צושיקן זיינע נייע שריפטן. דער בריוו לאָזט אויך פעסטשטעלן די צייט ווען גאָלדפאַדן האָט אָנגעשריבן זיין „יהודה המכבי". אין מיין „גאָלדפאַדן־ביבליאָגראַפיע" (גאָלדפאַדן בוך, ז. 84, נומער 43) האָב איך פאַרצייכנט: „אָנגעשריבן צווישן 1891—1899". איצט איז קלאָר, אז די דאָזיקע פּיעסע איז שוין אין יאָר 1890 געווען אָנגעשריבן און אפילו געשפּילט אין פּאַריז. אין מיין באַזיץ געפינט זיך א טעאַטער־פּראָגראַם, געדרוקט אויף פראַנצויזיש, פון א פאָרשטעלונג אין פּאַריז, געגעבן דעם 11טן יאַנואַר, 1890. מען האָט דעמאָלט געשפּילט צום דריטן מאָל „יהודה המכבי". גאָלדפאַדענס טעאַטער האָט זיך געפונען אויף 10, Rue de Lancry און האָט געטראָגן דעם נאָמען Club Dramatique Israelite Russe אויספירלעכער אין מיין מאָנאָגראַפיע איבער גאָלדפאַדנס לעבן און טעטיקייט.

[4] גאָלדפאַדן האָט צוגעשיקט שלום עליכמן א פּאָעמע „ימים נוראים" און א ליד „דער המן־טאַש" (דעם 29טן נאָוועמבער, 1889) זיי זיינען אבער ניט געווען געדרוקט אין צווייטן באַנד „פּאָלקס ביבליאָטעק". אין אַ בריוו פון 26טן אפּריל, 1890 (גאָלדפאַדן־בוך, ז. 31—32), חזרט איבער גאָלדפאַדן זיין בקשה מכח די ניט־געדרוקטע זאַכן זיינע, פאָדערנדיק זיי צוריקצושיקן, ווייל ער האָט ניט קיין קאָפּיע. דער „המן־טאַש" איז געדרוקט אין דער זאַמלונג „די אידישע ביהנע", ניו יאָרק, אָן אַ יאָר. סוף XIX יאָרהונדערט, ז. 180 -481 (מסתמא איבערגעדרוקט פון אַ צייטונג אָדער אַ זשורנאַל); „ימים נוראים" זיינען געווען געדרוקט אין „מיניקעס יום־טוב בלעטער" (סוכות־נומער, 1901, ז. 19—20).

צו „מ. ראָזנפֿעלדס אָנהייב".

אין משה שטאַרקמאַנס אַרטיקל „מאָריס ראָזענ־פֿעלדס אָנהייב" (פּנקס, 1—2, ז. 56), ווו ער רעדט וועגן ראָזענפֿעלדס ערשטע לידער־זאַמלונג „די גלאָקקע", דערמאָנט ער איינעם י. מ., מיט וועמענס הילף די דאָזיקע זאַמלונג איז פֿאַרפֿאַסט געוואָרן און צו וועמען עס געהערט אויך איינס פֿון די לידער. איך מוז זיך פֿאַר אייך מודה ומתודה זיין, אַז דער אַנאָנימער י. מ. בין איך עס אַליין (יעקב מעריסאָן), ומעשה שהיה כך היה: איך בין געווען אַן אַרויננ־גייער צו ראָזענפֿעלדן אין הויז און פֿלעג אָפֿט זען זיינע לידער געשריבן אין „קאָטשערעס און פֿאָמע־לעס", אָן אַ שום פֿאַרשטענדעניש פֿון אויסלייגן, אויף די געלע פּאַקפּאַפּיר, אין וועלע עס איז געווען אַיינגעוויקלט די וועש פֿון דער „לאָנדרי". איך האָב אָנגעהויבן קודם כל אים לערנען די ערשטע כללים פֿון אויסלייגן, דערנאָך אויך אביסל אויסגעבעסערט זיין ריטם, ביז עס איז געוואָרן מער אָדער ווייניקער דרוקפֿיאיק, און „אַרבייטער פֿריינד" אין לאָנדאָן, ווו ער האָט געשיקט פֿריער איינציקע לידער אָן דער־פֿאָלג, האָט זיי איצט אָנגעהויבן דרוקן.

דאָס ביכל „די גלאָקקע" האָט ר. ארויסגעגעבן אויף זיין אייגענעם חשבון, ד. ה. אויפֿן חשבון פֿון זיינעם אַ קרוב, א פֿארמעגלעכן קצב, וואָס האָט גאַ־ראַנטירט דעם דרוקער די הוצאות. די צוזאַמענשטע־לונג און די גאַנצע אַרבעט פֿון צוגרייטן עס צום דרוק האָב איך געטאָן. א פּאָר טויזנט עקזעמפּליאַרן זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן, איך בין אָבער מסופּק צי עס האָבן זיך פֿאַרקויפֿט אפֿילו א פּאָר צענדליק. דער קצב האָט עס פֿארנומען אין זיין רשות, און געשפּייזט דערמיט די מייז פֿון זיין קעלער.

איך האָב זינט יעמאָלט ניט באַקומען צו זען א קאָפּיע פֿון דעם ביכל און האָב קיין אַנונג ניט וואָס פֿאַר אַ מין לידל איך האָב דאָרט פֿארעפֿנטלעכט.

דר. י. א. מעריסאָן.

[י. ש.] צו דער ביבליאָגראַפֿיע פֿון „פּאַריש און וויענה".

אין מיין ארבעט איבער אליהו בחורס „פּאריז און וויענא" (לאנדוי־בוך, ז. 187—196) האָב איך געגעבן א רשימה פֿון פֿרעמד־שפּראַכיקע אויסגאַבן פֿון דער דאָזיקער פּאָעמע לויט דעם איטאַליענער מעלצי (Melzi) און דעם דייטש קאַלטענ־באַכער. ציטירנדיק דעם לעצטן פֿאָרשער האָב איך אָנגעגעבן, אַז די לאַטייניש איבערזעצונג איז קיינ־מאָל ניט געווען געדרוקט.

מ. עריק קאָרעגירט די דאָזיקע באַהויפּטונג און אינפֿאָרמירט, אַז א לאַטייניש באַאַרבעטונג איז אַרויס אין ווענעציע, אין יאָר 1516. („די יידישע שפּראַך", קיעוו, נומער 5-6, ז. 78).

ביי קאַלטענבאַכערן פֿעלט אויך א רוסישע איבער־זעצונג פֿון „פּאַריז און וויענה", וואָס שטאַמט פֿון פּיאָטערס צייטן. אין יאָר 1913 האָט דער ליטע־ראַטור־פֿאָרשער נ. נ. ווינאָגראַ־דאָוו אַרויסגעגעבן די דאָזיקע באַאַרבעטונג. (История о Париже и Вене, переводная повесть в стихах Петровского времени. Приготовил к изданию Н. Н. Виноградов. С-ПБ. 1913 (VII. 329).

(**И. А. Наук.** Сборник отд. русского языка и словес ности).

אויף דער דאָזיקער באַאַרבעטונג האָט שוין אָנ־געוויזן דער היסטאָריקער פּיפּין. עס זיינען פֿאַראַן פֿיר וואַריאַנטן, און לויט דער השערה פֿון דעם אַקאַדעמיקער סאָבאָלעווסקי איז די איבערזעצונג געמאַכט געוואָרן פֿון פּויליש. עס איז אָבער ניט ריכטיק, ווייל אין דער פּוילישער ליטעראַטור איז „פּאַריז און וויענה" לחלוטין ניט באַקאַנט.

אין אַן אויספֿירלעכער רעצענזיע אויף ווינאָ־גראַדאָווס אויסגאַבע האָט פּראָפֿעסאָר שליאַפּקין אָנגעוויזן אַז די רוסישע ווערסיע איז באַאַרבעט פֿון איטאַליעניש פֿון איינעם וואָס שטאַמט מסתמא פֿון די געגענטן, ווו די פּוילישע שפּראַך איז די הערשנדע, און דערפֿון נעמט זיך אַזוי פֿיל פּאָלאָניזמען אין דער דאָזיקער איבערזעצונג. זע:

(**И. А. Шляпкин.** История о Париже и Вене. Рыцарский роман-поэма в старой русской литературе. Петроград. 1915, 20 стр.).

(דאָס איז א סעפּעראַט־אָפּדרוק פֿון זשורנאַל פֿון אַמאָליקן בילדונגס־מיניסטעריום.)

עס איז, אַלזאָ, צוגעקומען נאָך א באַווייז פֿאַר דער אומגעהייערער פּאָפּולאַריטעט פֿון „פּאַריז און וויענה".

ווען מיר וועלן האַלטן ביים אַרויסגעבן די יידישע ווערסיע פֿון דער דאָזיקער ריטערלעכער פּאָע־מע לויט דעם איינציקן, לײַדער, ניט קיין גאַנצן עקזעמפּליאַר, וואָס געפֿינט זיך אין „טריניטי קאַ־לעדזש" (קיימברידזש, ענגלאַנד), דאַן וועלן די דאָזיקע אַלע נאָטיצן וועגן פֿרעמדשפּראַכיקע ווערסיעס פֿון „פּאַריז און וויענה" דינען פֿאַר א מאַטעריאַל צו אַן אויספֿירלעכער שטודיע (זע „פּנקס", I, ז. 22).

צאַנטע, איז אויך געווען איינגעפירט דער דאָזיקער מנהג צו מאַכן איבערפאלן אויף די דאָרטיקע יידן, אָבער דאָרטן האָט מען זיך נאָך מער מהדר געווען, אז דאָס זאָל ארויסקומען אביסל „ראָמאַנטיש“.

אין דעם טאָג פון „פאסכא“ פלעגט מען אין צאַנטע (אויף די יאָנישע אינדזלען, גריכנלאַנד) אין מיטן מארק פארברענען א שטרויענעם יידן. מען האָט גענומען יידישע קליידער, ווי עס פלעגן טראָגן די דאָרטיקע יידן און מען האָט זיי אָנגעשטאָפּט מיט שטרוי. אזא יידן פלעגט מען, מיט גרויס פּאַראַד, פארברענען אין מיטן מארק און דער פארזאמעלטער עולם האָט ארום אים געטאַנצט און געהוליעט.

ווען לאָרד מעטלען, דער נייער ענגלישער לאָרד-קאָמיסאר איז דערפון געוואויר געוואָרן, האָט ער באלד געלאָזט מאכן א שטרויענעם גריכישן גלח און ער האָט אים אוועקגעפירט קיין צאַנטע, ווו ער האָט געמאכט די פּאָרבארייטונגען, די דאָזיקע שטרויענע פיגור צו פארברענען, מיט גרויס פּאַראַד, אין מיטן מאַרק.

עס אזוי באלד צו אים געקומען א דעלעגאציע פון דאָרטיקע הויכע באַאַמטע און חשובע בעלי-בתים און אים געבעטן, אז ער זאָל זיי ניט אָנטאָן די גרויסע שאַנדע, עפנטלעך צו פארברענען אזא הייליקע פיגור ווי א גריכיש-קאַטוילישן גלח.

לאָרד מעטלען האָט זיך אבער געהאלטן ביי דאָס זייניקע און האָט דערציילט, אז אין זיין געבורטס-לאנד, אין ענגלאנד, איז פאראן אזא אלטער און הייליגער מנהג, יעדן יאָר, אין דעם טאָג פון „פסח“, צו פארברענען א שטרויענעם גלח.

עס איז אבער דאָך ניט געקומען דערצו. דער לאָרד האָט זיך געלאָזט איבעררייידן און האָט דעם שטרויענעם גלח ניט פארברענט. אבער פון דעמאָלט אָן איז אויך אין צאַנטע, און אין די אנדערע יאָנישע אינדזלען, בטל געוואָרן דער מנהג צו פארברענען א שטרויענעם יידן.

צום אָנדענקען פון די דאָזיקע צוויי גרויסע פּאַסירונגען האָבן די יידן פון קאָרפו געפייערט, אין יאָר 1920, זייער גרויסן הונדערט-יאָריקן יום-טוב.

משה שטאַרקמאַן:

צו קלמן מרמרס „צוויי יובילייען“.

אינם קאַפּיטל ב' פון קלמן מרמרס ארבעט א. נ. „צוויי יובילייען“ (זע „פּנקס“, נומ. 1, ז. 38-52), ווערט דערציילט וועגן „די ערשטע שיקאגער צייטונג אין יידיש און איר רעדאַקטאָר-ארויסגעבער“, ד. ה. די "איזראַעליטישע פּרעסע", און נ. ב. עטלזאָן. צו דעם דאָזיקן אַרטיקל וויל איך געבן א פּאָר מלואים.

א) ש. ל. מאַרקוס, דער צווייטער רעדאקטאָר פון די „איזראַעליטישע פּרעסע“, האָט אינם פינף-און-צוואנציק יאָריקן יובליי-נומער פונם ניו יאָרקער „יידישעם טאַגעבלאט“*) פארעפנטלעכט אַן אַרטיקל א. נ. „אַ ביסעלע היסטאָריע (עראינערונגען פון 25 יאָר צוריק)“. מאַרקוס דערציילט אין זיינע זכרונות, אז געקומען קיין שיקאגע איז ער פון א „סוישערן סטייט וועלכע באַזיצט פיר אלפן“ (אַלאַבאַמאַ), וואו ער האָט געוואוינט צוזאמען מיט זיינעם א ברודער. אין שיקאגע איז מאַרקוס אויך געווען א לערער אין איינער פון די צוויי יהודימשע שולן ווו מ'האָט געלערנט מיט די תלמידים „פון אלף בית ביז חומש מיט מענדעל-סאָנס איבערזעצונג און דקדוק לשון עברי“. פון די צוויי-און-צוואנציק אפליקאנטן וואָס האָבן זיך געמאָלדן אָנצונעמען דאָרטן א לערער-שטעלע זיינען נאָר אויפגענומען געוואָרן מארקוס און זיינער א לאַנדסמאַן.**)

ב) „נאָך א דריי יאָריקע עקזיסטענץ — שרייבט מרמר — איז די „איזראַעליטישע פּרעסע“ אונטערגעגאנגען“. דאָס איז ניט ריכטיק. די דאָזיקע צייטשריפט האָט עקזיסטירט, ניט דריי, נאָר אַכט יאָר צייט. דער לעצטער נומער איז דאַטירט ניו יאָרק, אפּריל 9, 1884. אין דעם נומער איז אויך געדרוקט אַן אָנפאַל אויף די „גאַזעטן“ און כתריאל צבי שרהזאָן, מיט וועמען עטלזאָן האָט קאָנקורירט און זיך פאָרט געמוזט אונטערגעבן.

ג) די פאָטאָגראפיעס פון דעם לעצטן נומער „איזראעליטישע פּרעסע“ און פון א נומער דאַטירט שיקאגא, אפּריל 4, 1879, זיינען רעפּראָדוצירט אינם צוואנציק-יאָריקן יובליי-נומער „יידישע גאזעטן“, וואָס איז דערשינען ערב פסח תרנ"ד (אפּריל 20, 1894)

ד) אין משה שטיינשניידערס זשורנאַל „העברעאישע ביבליאָגראפיע“ איז די „איזראַעליטישע פּרעסע“ (צוזאמען מיט מ. טאָפּאָלאָווסקיס „יודישע פאָלקסצייטונג“) פארצייכנט אין די יאָר-גאַנגען 1878, 1879 און 1880, דאָס מיינט, א די „פּרעסע“ און די „פאָלקסצייטונג“ זיינען געווען די ערשטע פון אמעריקאנער יידישע צייטונגען פאר-צייכנט צו ווערן אין א וויסנשאַפטלעכן, ביבליאָגראפישן זשורנאל. עס איז דעריבער ניט אויס-געשלאָסן אז אין די אייראָפּעאישע ביבליאָטעקן זאָל זיך געפינען א קאָמפּלעט אָדער א יאָרגאנג פון דער דאָיקער צייטונג.

*) מערץ, 20טן, 1910.

**) די לערער-קאנדידאטן זיינען עקזאמינירט געוואָרן פון די ראַבאַים פעלזנטאַל, קאַלער, אַדלער, מעסינג און צבי גרשוני — דער רעדאקטאָר פון די „פּאָסט“.

„גראד צו יענער צייט ווען איך בין געוועזן אין דרום־רוסלאנד — שרייבט דר. פ. וועבער, — האָט צווישן די אָרטאָדאָקסישע יידן געמאכט א באזונדערן רושם א בוך, וואָס הייסט: „דאָס פּוילישע יינגעל“. עס איז געשריבן מיט אזוי פיל וויץ, אז עס ווערט באזונדערס פון די יונגע לייט שטאַרק געזוכט און געלייענט, אָבער דאָס איז א זיסער סם. דער פאַרפאסער וואוינט אין אדעס און באזונדערס די חסידים האָבן זיך זייער א סך באמיט דאָס בוך אונטערצודריקן און דעם פארפאסער אפּצוּוועגן פון ווייטערדיגע אויסגאבן פון דעם מין.“ (ז. 51)

צום סוף פון בוך (ז. 235—264) האָט וועבער אָפּגעדרוקט אין א לאַטייניַשער טראנסקריפּציע א גאנץ קאַפּיטל פון „פּוילישן אינגל“ מיט 469 דערקלערונגען פון די העברעאישע ווערטער און פון די סלאוויזמען.

2) אין יאָר 1876 האָט משה שטיינשניידער אָפּגעדרוקט א נאָטיץ אין „המזכיר“ איבער לינעצקים „פּוילישן יינגעל“, וואָס איז דערשינען אין אדעס, אין 1875. ער האָט געשריבן, אז דאָס ווערקט „שילדערט אויף א דראסטישן אופן א פּוילישן „חסיד“, פון זיין געבורט אָן, זיין דערציונג, זיין צייט פון לערנען, חתונה, זיינע געשעפטסלעבן און קהילה לעבן“ („המזכיר“, 1876, ז. 98).

עס איז זייער כאראקטעריסטיש, אז שטיינשניידער, דער ראציאָנאליסט און אנטי־חסיד האָט געהאלטן, אז לינעצקים ווערק איז געשריבן „אויף א דראסטישן אופן“.

3) אין 1890 (17טן נאָוועמבער) האָט מען אין אדעס געפּייערט דעם 25 יאָריקן יובילוי פון לינעצקים ליטעראַרישער טעטיקייט. א גרופּע אדעסער שרייבער און דיפּלאָמירטע אינטעליגענטן האָבן ארויסגעגעבן אן אויפרוף און געבעטן אז צום יובילוי פון איסאַאַק יאָסיפאָוויטש לינעצקי זאל מען זען צושיקן בריוו און טעלעגראמען אויף דעם אדרעס פון לעווינסאָנס דרוקעריי. די נעמען פון יובילוי־קאָמיטעט גיט אָן זלמן רייזען אין זיין לעקסיקאָן (II, ז. 174א). דער אויפרוף איז געדרוקט אין „ניעדעלנאַיאַ כראָניקא וואסכאדא“ (1890, נומ. 44).

[י. ש.] אומבאַקאַנטע יידישע דראמאַטורגן.

אין יאָר 1881 האָט א געוויסער נ. ב. באַזאַלינסקע (ניט דערמאָנט אין רייזענס לעקסיקאָן) איבערגעזעצט „אין דער יודעשען שפּראכע און אראנזשירט פיר דער ביהנע“ לודוויק פיליפּסאָנס: „אסתר“, אַ טראגעדיע אין פינף אקטן. (אדעס, 84 זייטן, 8°).

לערנער טרופּע אין אָדעס האָט געשפּילט א דראמע „אסתר“. זאָל דאָס זיין די זעלבע?

אין 1890 האָט איגנאַץ זיסער א פארגעסענער יידישער פּובליציסט אין גאליציע (אויך ניט דערמאָנט אין רייזענס לעקסיקאָן) פארעפנטלעכט אין דעם פּויליש־יידישן וואָכנבלאט „איזראעליטא“ א ריי ארטיקלען א. נ. Kilka slow o zargonie i teatrze zydowskim (נומ. 25, 26 און 27). אין די דאָזיקע ארטיקלען, וואָס זיינען געשריבן אין א זייער פריינדלעכן טאָן פאר יידיש און יידיש טעאַטער דערמאָנט זיסער א פּאָר דראמאַטורגן וואָס זיינען ניט באקאנט. זייערע נעמען זיינען: גרינבערג, וואַראַכאָווסקי און שאָר. חוץ דעם דערמאָנט ער פּלטיאל זאַמאָשטשיגען, וועלכער האָט אָנגעשריבן אן איינאַקטער „נור א דאָקטאָר“ (אין פערזן, געדרוקט אין שלום עליכמס „די יודישע פאָלקס ביבליאָטעק“, קיעוו, 1888, I, 93—121). צי מיינט זיסער דעם דאָזיקן איינאַקטער, אָדער האָט זאמאָשטשין אָנגעשריבן נאָך אנדערע פּיעסן וועגן וועלכע מיר ווייסן לחלוטין גארניט? ליידער ברענגט זיסער נאָר די נעמען פון די דראַמאַטורגן, אָבער ניט די נעמען פון די פּיעסן.

זיסער כאַראַקטעריזירט די דאָזיקע דראמאטורגן אלס מענטשן „וואָס ערפילן די אויפגאבע פון פאָלקסשרייבער און פארדינען מצד די אינטעליגענטע שיכטן פון אלע פעלקער און גלויבן, און ספּעציעל מצד דער יודישער אינטעליגענץ אויף עפּעס מער ווי אויף א פאַראַכטונגס נאָמען „זשאַרגאָניסטן“ אָדער גרינגגעשעצטע צוקן מיט די אקסלען.“

דאָס פּובליקום — אינפאָרמירט זיסער — גייט גערן אין טעאטער, ספּעציעל אויף ערנסטע פּיעסן, ווי: „אוריאל אקאסטא“, גאָגאָלס „רעוויזאָר“ (מסתמא אין שמר״ס באאַרבטונג), שילערס „די רויבער“, לעסינגס „נתן החכם“ א. אַ.

צו דער ביאָגראפיע פון איגנאַץ זיסער קען איך נאָך צוגעבן, אז ער איז געוועזן א דערפאָלגרייכער אדוואָקאַט, גרינדער און רעדאַקטאָר פון דעם שפּעטער בארימטן פּוילישן זשורנאל „קריטיק“ (אפּגעקויפט ביי אים פון ווילהעלם פעלדמאַן) און האָט אין די גאליצישע יידיש־פּוילישע אויסגאבן געשריבן זייער א סך וועגן יידיש, יידיש טעאַטער און ליטעראטור. ער האָט אויך ארויסגעגעבן אויף פּויליש אַ בראָשורע וועגן יידישן טעאטער.

אויספירלעכע ידיעות זיינען געוואונטשן.

[י. ש.]: וועגן הירש רייטמאַנס „דער קיטטעל“.

דר. אַלפרעד לאנדוי האָט אין דער „יידישער פילאָלאָגיע“ (נומ. 2/3, ז. 211—212) דערמאָנט הירש רייטמאַן, א פארגעסענעם

[י. ש.] אַ דייטשישע אויסגאַבע פון תחינות.

אין דער ביבליאָטעק פון „יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר" (ניו יאָרק) געפינט זיך אַ דייטשישע איבערזעצונג פון תחינות פון יאָר 1734, וואָס איז, אויף וויפיל עס איז מיר באַקאַנט, אין די ביבליאָגראַפישע רשימות ניט פאַרצייכנט.

דער שער־בלאַט פון דער אויסגאַבע לייענט זיך אַזוי:

סדר תחנות oder Gebet-Buch derer heutigen Jüdinnen. Darinnen XXXV Gebete welche sie auf alle Tage in der Woche und sonst bey allerhand Gelegenheiten zu sprechen pflegen. Aus dem Hebräischen und Jüdisch-Teutschen in das Hoch-Teutsche übersetzt, und mit dienlichen Anmerkungen beleuchtet von Philipp Helfrich Willemer castri Geluhusani Pastore & Ascreterii Civit. Geluh: Rectore. Mit einer Vorrede Herrn. D. Joh. Jan. Rambrachs S. S. Theol. Prof. primarii zu Giessen, wie auch Hoch-Fürstl. Hessen-Darmstadtischen ersten Superintendenten und Consistorial-Raths; daselbst von dem nützlichen Gebrauch Jüdischer Gebet Bücher. Schweidnitz und Leipzig. Verlegt Joh. George Böhm, Buchhändler, 1734.

דאָס טשיקאַווע בוך אַנטהאַלט XVIII + 272 + 6 זייטן, 8°.

[י. ר.] געוויטער־כראָניקעס.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם קלאַג־ליד אויפן קאַלטן ווינטער פון יאָר 1784 (אויבן, זייט 193), איז כדאי אויך צוצוגעבן איניקע ספרים־אויפשריפטן, פון עקזעמפּליאַרן, וואָס געפינען זיך אין ביבליאָטעק פון י. ט. סעמינאַר, וואָס זיינען פון דעם זעלבן כאַראַקטער — נאָטיצן און כראָניקעס איבער שטורעם־ווינטן און שווערע ווינטער־צייטן.

אין אַ פסח־הגדה מיט אַ יידישער איבערזעצונג און פירוש „צלי אש", אילוסטרירט, אַרויסגעגעבן דורך שלמה זלמן לונדן, אמשטרדם, תקכ"ה, אין אַ שיינעם פאַרמעט בונד (שטאַמט וואַרשיינלעך פון זומבילס ביבליאָטעק — איבער אים זע דוקעס חכמי אה"ו, זייט 134 און אין דייטשן טייל, 47) איז מיטגעבונדן אַ בלאַט, אויף וועלכן עס איז פאַרנאָטירט, ווייזט אויס פון ניט קיין „ספרא רבא", די פאָלגנדע נאַטור־פאַסירונג „ לזיכרון איזט יום ג' בלוילי ב' אדר ביז ג' אדר שנאת [שנת] תקצ"ה איין טונטיר וועטיר אונד בליץ געוועזין, אונד האט אין טוהרין איין גשלאגין אונד איין זא איין גרויזיר ווינט גיגאנגין אלז יעדיר האט שאהן אלים אוז דיא הויסיר [הייזער] גטוהן. אונד השי"ב האט אונז אללין זא פיל חסד גטאהן אונז הכל מציל געוועזין, וואה יעדיר אללי צייט גטענקין זאל, ווייל מיר זיין אין איין גרוזין צורי [צרה] גוועזין אין גאנזין איכהוזין."

אַן אַנדער כראָניקע, ניט קיין אַלטע אָבער אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע, געפינט זיך אין אַ סדור „שפה ברורה", רעדעלהיים תרט"ז—1856, וואָס האָט באַלאַנגט צו אַ יידישער פאַמיליע מיטן נאָמען טאָך, פון וגין, וואָס האָט דערנאָך, מיט אַן אַכציק יאָר צוריק, עמיגרירט נאָך אַמעריקע. די ערשטע צוויי ליידיקע זייטלעך זיינען פול מיט פאַמיליע־דאַטן (וואָס הייבן זיך אָן אַ סך פריער ווי דער דאַטום פון סדור) יאָרצייטן פון 1850 און ווייטער, פון דער פאַמיליע טאָך. און אירער אַ מיטגליד מיטן נאָמען מאָזעס טאָך פאַרנאָטירט אין קורצן, דעם 8טן מערץ, 1875, די איבערלעבענישן פון דעם שווערן ווינטער אין ניו יאָרק, וואָס האָט ניט געהאַט קיין גלייכן פאַר אַ סך יאָרן. דער נאָטיץ איז געשריבן דייטשמעריש: „צום עוויגען אַנדענקען דיעזער גענאַנטע ווינטער [1875] וואַר דער שטרענגסטע אין בעצוג אויף קא"לטע און שטערבע פא"ללע זייט 50 יאהרען. פאַסט אללע הייזער אין New York וואהרען דורך צוויי מאַנאַטען אהנע וואססער, ווייל זעלבעס אין דען הויפּט רא"הרען אין דער שטראססע געפראהרען וואהר, אויך וואהרען די פלוסס נאָך Brooklyn & Hoboken צו געפראהרען, זאַ דאס הונדערטע לייטע דאהין צו פוסע גינגען. איבערהויפּט וואהר זעהר פיעל מאַלעער [אומגליקן] אין דיעזעם ווינטער אין יעדער אַרט אונד ווייזע באַנקראַטטען."

צום סוף נאָך אַ נאָטיץ אין ענגליש וועגן טויזנטער פייגלען, בהמות און הויז־חיות, וואָס זיינען געפונען געוואָרן געפרוירן אין דעם גרויזאַמען ווינטער פון יאָר 5635 „שנת איבער" [עבור].

אַזוי ווערן, אַפילו אין אונדזער צייט, אויפגעהיט כראָניקעס אין רומ"ל־ספרים.

[י. ש.]: נאָטיצן וועגן לינעצקין.

אַלס הוספות צו גראַנאָווסקיס זכרונות וועגן לינעצקין גיבן מיר אַ פּאָר אומבאַקאַנטע איינצלהייטן, וואָס קאָנען אַמאָל צונוץ קומען פאַר זיין ביאָגראַפיע.

1) אין יאָר 1872 האָט ד ר. פ ע ר ד י נ אַ נ ד װ ע ב ע ר, אַ דייטשער פאַסטאָר, אַ מיסיאָנער, באַזוכט רוסלאַנד און האָט זיין רייזע באַשריבן אין אַ בוך א. נ. Reiseerinerungen aus Russland (Leipzig 1873) צווישן אַנדערע אינטערעסאַנטע איינצלהייטן וועגן יידן און יידישקייט אין רוסלאַנד — דערציילט דער פאַרפאַסער אויך וועגן לינעצקין:

לאָנזדיק דאָרט אויף תמיד אלצדינג וואָס איז אַייך אַזוי טייער. איבערלאָזנדיק די קברים פון אייערע עלטערן, די ביינער פון קינדער, פון אַלע אייערע ליבע, וואָס אַייך איז אַזוי נאָענט צום האַרצן. וויסט איז דעם אָפּגעפאלענעם בלעטל, וואָס איז געיאָגט, פארשטויסן פונם ווינט, נאָר אָך און ווי איז דעם פארבליבענעם בלעטל אויף דעם דאַרן צווייגל פון וועלכן עס לאָזט זיך אויס פאַר אים די יניקה. געל און שוואך איז עס נעבעך. עס וואַרפט, עס טרעסעט מיט אים פון א מינדסט בלאָז. עס ציטערט, פלאַטערט, עפּעס ווי עס בענקט נאָך די אָפּגעפאלענע פון אים דערווייטערטע בלעטלעך.

„יאָ, מיינע ליבע, איר זענט פארוואָגלט געוואָרן און איך, בין געבליבן זיצן אויף מיין אָרט. נאָר אַז אָך־און־ווי צו אַזאַ בלייבן. די צרות, וואָס אונז האָט געטראָפן האָבן מיך ניט געלאָזט רוען. עס האָט מיר געריסן דאָס הארץ, איך האָב געבענקט, געטראכט, אַלץ געזאָרגט, געטראכט וועגן מיינע געפאַלענע, געיאָגטע בידנע שוועסטער און ברידער, איך בין געבליבן זיצן דאָ און די נשמה מיינע האָט זיך געריסן אַהין צו אייך. זי האָט אייך באַגלייט אויפן וועג און אינאיינעם מיט אַייך אי־בערגעליטן די אַלע שווערע ביטערע לייד, די אַלע צרות, פרעניות, חרפות, בזיונות פון אייגענע און פון פרעמדע, וואָס איר זענט אויסגעשטאַנען ביי דער גרענעץ, אויף דער יבשה און אויפן ים, אין דער שיף, ביז איר זענט אָנגעקומען אויפן אָרט.

„און אַצינד אויף שמחות, אַז גאָט האָט אַייך אויפגעריכט, איר זענט געוואָרן א גרויסע געמיינדע, לאָמיר־זשע זיך דערמאָנען אָן אונזער פריערדיק פעקל צרות, געבראָטענע לײדן און דערציילן עס אין פריידן.

„איך וואָלט אבער געוואלט, אז גרויס ווי אַייער געמיינדע איז אין צאָל, זי איז די גרעסטע אין דער וועלט, אזוי אויך גרוים זאָל זי זיין מיט איר אינעווייניקסטן ווערט, מיט אירע גוטע מעלות, זי זאָל זיין פאראייניקט דורך א גוטער ארדענונג. איר זאָלט מיט אייער אחדות באַווייזן דער וועלט, אַז מיר יידן זיינען א גוי אחד, איין פאָלק, כאָטש צעזייט, צעשפרייט אין פאַרשיידענע לענדער. די אין אמעריקע, אַ שטייגער, קריווְדען ניט חלילה יענע, וואָס פון אַן אַנדער מדינה. איר זאָלט מיט אַייערע הנהגות און מדות טובות מאַכן א כבוד אי זיך אי דעם גאַנצן כלל ישראל. עס זאָל אין אַייך גליען דער פונק פון דעם יידישן גייסט פון ליבשאַפט צו אונזער פאָלק און זיין ליטעראַטור!

„לאָז דאָס „טאַגעבלאַט“, וואָס איז לכתחילה נולד געוואָרן צוליב אַייך און געוואקסן אינאיינעם מיט אַייך — לאָז עס ווייטער וואַקסן אויף לאַנגע, לאנגע יאָר, ברענגען נוצן און לאָזן הערן פון אַייך בשורות טובות, עס זאָל דערפרייט ווערן פאַר זיין צער אייער אַלטער

„מענדעלי מוכר ספרים“.

[י. ש.] אַן אומבאַקאַנטער מחבר פון אַ יידיש־פוילישער גראַמאַטיקע.

אין יאָר 1824 איז אין ווארשע דערשינען א פוילישע גראַמאַטיקע אויף יידיש א. נ. Gramatyka polska w jezyku Zydowsko- niemieckiem.

דער מחבר פון דער דאָזיקער גראַמאַטיקע איז א געוויסער בערנאַרד לעסעלראָט. זיין נאָמען ווערט ניט דערמאָנט אין קיין שום ביבליאָגראַפיע, ווי אויך ניט אין רייזענס לעקסיקאָן. זיין נאָמען האָב איך געפונען אין אַרכיוו פון בילדונגס־קוראַטאָריום אין ווארשע (אַקטן נומער 2432). ווען אין יאָר 1842 איז געשטאָרבן דער וואַרשעווער צענזאָר פאַר יידישע ספרים אברהם שטערן, האָבן אַ סך לערער קאנדידירט אויף זיין שטעלע. צווישן די דאָזיקע קאַנדידאטן אויף דעם צענזור־אַמט געפינען מיר אויך דעם מחבר פון דער יידיש־פוילישער גראַמאַטיקע. דעם 17טן פעברואר, 1842, האָט ער אַריינגעשיקט צום קוראַטאָר א בקשה צו געבן אים דעם פּאָסטן פון צענזאָר. דערביי האָט ער אנגעגעבן, אז ער איז א לערער פון „דער ערשטער שולע פון משהם גלויבן אין פראַגע“ (א פאָרשטאָט פון ווארשע). די גראַמאַטיקע איז א גרויסע זעלטנהייט און מיר איז קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו זען אַן עקזעמפּלאַר. איצט שרייבט דר. א. א. ראָבאַק, אין זיין אַרבעט: „יידיש אין דער האַרוואַרדער ביבליאָטעק“ („שריפטן פון ייוו״א“, II, ז. 386), אז אין דער דאָזיקער ביבליאָטעק געפינט זיך א „גראַמאַטיק פון דער פוילישער שפּראַך אויף יידיש, געדרוקט אין 1824. דאָס איז אָן ספק לעסעלראָטס גראַמאַטיקע.

דער עקזעמפּלאַר, וואָס געפינט זיך אין דער האַרוועררער ביבליאָטעק שטאַמט פון לעאָן וויינערס פּריוואַטער זאַמלונג. אין זיין „געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור“ (ז. 133 און 136). ווערט די דאָזיקע גראַמאַטיקע דערמאָנט און אפילו אָנגעגעבן דער דייטשישער טיטל, וועלכער לייענט זיך אזוי:
B. Lesselroth. Polnische volkomenne Grammatik in jüdisch — deutscher Sprache, für solche, die diese Wissenschaft ohne Hilfe eines Lehrers erlernen wollen. Warshau 16°. 76 pp.

ס'וואָלט געווען זייער געווּנטשן צו האָבן אַן אויספירלעכע ביבליאָגראַפישע באַשרייבונג פון דעם כמעט אוניקום.

ווידישן שרייבער פון דער השכלה־תקופה, וועמענס שיינע פּאָעמע „דער קיטטעל" (געדרוקט אין ווין, אין יאָר 1863, 48 זייטן, קליין 8°) איז אַמאָל געווען זייער פּאָפּולער. די ביאָגראַפישע ידיעות וועגן דעם דאַזיקן שרייבער זיינען זייער מאַגער. דעריבער איז וויכטיק יעדע ידיעה וואָס האָט א שייכות מיט רייטמאַנס ווערק. אין א קאָרעספּאָנדענץ געשיקט פון בראָד (גאַליציע) אין דעם אמעריקאַנער זשורנאַל "The Jewish Messenger" (1861, ז. 99) ווערן דערמאָנט צוויי ווערק, וואָס האָבן דאָרטן א גרויסן דערפאָלג ביים יידישן לייענער; דאָס זיינען: „דער קיטטעל" און „דער בעהעלפער". אזוי ווי „דער קיטטעל" איז געדרוקט אין 1863, איז קלאָר, אז אין דער דאַזיקער קאָרעספּאָנדענץ רעדט זיך וועגן כתב־יד פון דער פּאָעמע, וואָס איז מסתמא איבערגעשריבן געוואָרן אין א גרעסערער צאָל עקזעמפּלאַרן, ווי מען האָט זיך בכלל צו יענער צייט נוהג געווען מיט א סך יידישע ווערק. דאָס איז דער בעסטער באַווייז, ווי „דער קיטטעל" איז געווען פּאָפּולער. די דאַזיקע ידיעה שטימט אויך מיט דר. לאַנדויס אינפאָרמאַציע, אז „דער קיטטעל" איז אומגעגאַנגען אין כתב־יד צווישן דער בראָדער אינטעליגענץ נאָך איידער ער איז געווען געדרוקט". דער צווייטער חלק פון דעם „קיטטעל" איז פארברענט געוואָרן.

זלמן רייזען האָט מיר מודיע געווען אין א בריוו, אַז אין דער נייער פארגרעסערטער אויסגאַבע פון זיין כרעסטאָמאַטיע פון „מענדעלזאָן ביז מענדעלע" וועט ער איבערדרוקן די דאַזיקע פּאָעמע, וואָס איז היינט צו טאָג א גרויסע זעלטנהייט. עס זיינען באַקאַנט נאָר צוויי עקזעמפּלאַרן: איינער אין פראַנקפורטער שטאָט־ביבליאָטעק; א צווייטער, אין „היברו יוניאָן קאָלעדזש", אין סינסינעטי.

ווער ס'איז דער מחבר פון דעם צווייטן ביכל „דער בעהעלפער", קען איך ניט פעסטשטעלן.

משה שטאַרקמאַן:

מענדעלעס באַגריסונג צום יובילויי פון „טאָגעבלאַט"

אין דעם יובילויי־נומער פון „יידישעס טאָגע־בלאַט", וואָס איז דערשינען דעם 20טן מערץ, 1910, געפינט זיך א באַגריסונג פון מענדעלי מוכר ספרים.

די דאַזיקע באַגריסונג האָט א געוויסן אינטע־רעס פאר דער מענדעלע־פאָרשונג, דערפאר דרוקן מיר זי דאָ איבער.

די באַגריסונג לייענט זיך אזוי: *)

„מזל טוב אייך ה' רעדאַקטאָר!

„איר זענט א בעל־שמחה — הערט מען אומע־טום שמועסנדיק צווישן אונדזער עולם — אייער יידישע צייטונג „טאַגעבלאַט" זאָל לעבן, ווערט היינט פינף און צוואַנציק יאָר זינט זי איז געבוירן געוואָרן, און דאָס איז באמת א שמחה! ווער ווייסט עס דען נישט, אז ביי אונדז, יידישע קינ־דער, האַלטן זיך נישט, בעוונותינו הרבים קיין גאַזעטן, זיי גייען נעבעך יונג פון דער וועלט אוועק — א טייל באַלד טאַקע, לעבן אפילו קיין יאָר ניט אויס, און א טייל קרענקען, דאַרן, קוואַרן, גוססן א צייט ביז די נשמה גייט זיי נעבעך אויס. א פינף־און־צוואַנציק יעריקע גאַזעטע אז מען דער־לעבט צו זען, איז אודאי א זעלטענע זאַך, אויף וועלכען מען דאַרף א ברכה מאַכן. דאָס האָט איר אייך איין מאָל, וחוץ לזה איז עס א שמחה, און טאַקע א גרויסע, ווייל זי איז דאָך די עלטסטע, די ערשטע יידישע אמעריקאַנקע, וואָס מיט איר אין איין צייט איז, קען מען זאָגן, גולד געוואָרן ביי אייך אין אמעריקע, א נייע יידישע געמיינדע. ביידע צוגלייך האָבן געוואַקסן, צוזאַמען געלערנט, איינע פון דער אנדערער גענאָסן, איינע פון דער אנדערער מקבל טובה געווען. די שמחה פון איינער, פון אייער צייטונג, איז די שמחה פון דער אנדע־רער, פון דער געמיינדע, הייסט עס.

„גלאַט אַ ייד אז ער קומט אויף א שמחה נעמט מען אים אויך אויף מיט א „ברוך הבא", בפרט נאָך עפּעס א מחותן פון דעם אָדער יענעם צד. יאָ, מיין ליבער הער רעדאַקטאָר, איך מענדעלי מוכר ספרים, ווי איך הייס, בין א שייכות, א שטיקל מחותן מצד דער יידישער איצטיקער געמיינדע ביי אייך אין אמעריקע. ס'איז דאָ אין איר זייער פיל אייגענע מענטשן — שוועסטער, ברידער פון מיין לאַנד, פון מיין געבורט, צווישן וועלכע איך האָב פאר־בראַכט מיינע טעג, מיינע יאָרן, גענומען אנטייל אין זייערע ליידן, אין זייערע פריידן, פאר וועלכע איך פלעג ארויס אמאָל מיט א וואָרט, אָננעמען זיך זייער קריוודע, פאר וועלכע איך פלעג אויסגיסן מיין האַרץ און נישט איין מאָל נאָר געלאָזט פאַר זיי א זיפץ, אַ טרער בשעת אַ נויט. דעריבער, שיקנדיק איצט אייך א מזל־טוב האָט עס מיך א נעם געטאָן ווענדן זיך אויך צו זיי, ווי אַן אייגענער, מיט אַ פּאָר ווערטער, הייסע ווערטער, וואָס רייסן זיך מיר ארויס טיף פון האַרצן.

„וואָס מאַכט איר, שוועסטער, וואָס מאַכט איר, ברידער, אין דעם נייעם לאַנד, וווּהין איר זענט פאַרוואַגלט געוואָרן? ווי א בלעטל, אַסיענצייט, אין שטורעם, אין קעלט, זענט איר פאַרוואָרפן געוואָרן ווייט פון אייער אַלט־באַזעסענער היים, איבער־

*) היות מיר זיינען ניט זיכער צי די רעדאַק־ציע האָט געדרוקט די באַגריסונג לויט מענדעלעס אָרטאָגראַפיע, דעריבער ווערט זי דאָ פאַרעפנטלעכט אינם מאָדערנעם אויסלייג.

מאַן־דיכטונג שטאַמען פון 14טן יאָרהונדערט (זע: H. Tardel. Untersuchungen zur mhd. Spielmanns poesie, Rostock 1894.

נעמען מיר אָן די עקזיסטענץ פון א שפּילמאַן־תקופה אין אונדזער ליטעראַטור, דאַן מוזן מיר גיין נאָך ווייטער און פעסטשטעלן אויב אין אלע ענינים וועט די אַנאַלאָגיע אויסהאלטן. עריק וויל, למשל ניט אָפּטיילן דעם זינגער פון די ביבלישע פּאָעמען פון דעם זינגער פון די ריטער ראָמאַנען (ז. 24). וואָס מער: ער האַלט אז „ס'איז אונדז ניט נייטיק היסטאָריש אָפּטיילן דעם יידישן שפּילמאַן פון דעם ליץ" (ז. 23). מיר שיינט, אז דער דאָזיקער ליץ ירשנט גאָר די שפּילמאַן דיכטונג (אייגנטלעך די שריים). דער נוסח פון די שפּיללייט איז פארבליבן אין דעם פערז און ניגון פון די עיפּוש און קלאָג ליי־דער, אפילו אין מאנכע שטעלן פון די פאָלקס פּיעסן. די יידישע שפּיללייט פון 17טן און 18טן יאָרהונדערט האָבן גארניט וואָס צו טאָן מיט דעם האלב־מוסרנדיקן און האַלב יאָוויאלן זינגער און זאָגער פון „שמואל בוך", „קיניג ארטיש הוף" סטאנסן פּאָעמע א. א.

די טעכניק פון דער יידישער שפּילמאַן־דיכטונג איז געשילדערט קלאָר און אינטערעסאנט. אגב, אין דער שילדערונג פון דעם שפּילמאַן פילט זיך די שטאַרקע השפּעה פון ב ע ר ע נ ט ס ראָמאַן „די לעבעדיקע שטיינער" (Zywe kamienie) וואָס שילדערט דאָס גאַליאַרדן לעבן אין מיטלאַלטער.

צו דער פּאָפּולערקייט פון שמואל ניגון (ז. 24) זאָל נאָך צוגעגעבן ווערן דער ספר „קהל יעקב", „גאר היפּש דריגען צו לעזען, איז קיין נארטייא זונדר אליין איין פרום געטליכש וועזן אין דען ניגון פון שמואל גימאכט, פארפאסט פון יעקב ב"ר צבי סג"ל ש"ץ דק"ק ריטלזיא (געדרוקט אין פיורדא, 1692).

אין דער צווייטער תקופה בליט הער ראָמאַן אַלס דאָס פאָלקס בוך. דאָ האָבן מיר, חוץ דעם „מעשה בוך" אליהו בחורס ראָמאַנען: „„בבא בוך", „פּאַריש אונ' וויענה" און, ווארשיינלעך, די סטאַנסן־ווערסיע פון „קיניג אַרטור", דאַן די „מעשה בריעה וזימרה", „בן המלך והנזיר" און אַ ריי דייטשישע פאָלקס־ביכער וואָס זיינען געווען איבערגעזעצט אָדער אייגנטלעך איבערגעדרוקט מיט העברעאישע אותיות.

די הויפּט־אויפגאַבע פונם פאָרשער איז פעסט־צושטעלן דעם שייכות צווישן אָריגינאַל און דער איבערזעצונג אָדער באַאַרבעטונג; אויף וויפיל איז דער יידישער שרייבער געווען אָריגינעל און זעלבסט־שטענדיק. חוץ דעם איז פאַראַן נאָך א וויכטיקע פראַגע, דאָס איז: פעסטשטעלן די מחברים, ווייל אָפּטמאָל קאָנען מיר דעם קאָפּיסט און מיר נעמען אים אָן פאַר דעם מחבר גופא.

אויף דער פראַגע: וואָס לערנט אונדז דער אַלט־יידישער ראָמאַן? קומט עריק צום ריכטיקן אויס־פיר, אז מיר האָבן מיט „אַ גרויסער לייכטקייט . . . איבערגענומען פרעמדע ליטעראַרישע ווערק און ליטעראַרישע אינסטיטוציעס".

אָבער וואָס האָבן מיר דערפון געמאכט? אויף דעם ענטפערט עריק מיט זיינע שטודיען איבערן ראָמאַן און נאָוועלע אין מיטלאַלטער, וואָס געפינען זיך אין דעם רעצענזירטן בוך.

דעם ערשטן ראָמאַן וואָס עריק אַנאַליזירט איז דאָס „בבא בוך" פון אליהו בחור. אין די אלגע־מיינע אויספירונגען בנוגע דעם אנטשטיין און כאַ־ראַקטער פון בבא בוך שטימט עריק איין מיט באָיען (Christian Boje), וועלכער האַלט, אַז דער אור־מקור איז א פראנצויזישער. עס איז אוממעגלעך אין א רעצענזיע זיך אָפּשטעלן אויספירלעך אויף דער זייער וויכטיקער פראגע. איך וויל אבער ציען עריקס אויפמערקזאמקייט אויף די אויסגעצייכנטע אַרבעטן פון Matzke, וואָס איז נ י ט איינשטימיק מיט באָיען, און האָט א סך אויפגעטאָן פאַר דער פארטיידיגונג פון דער פּריאָריטעט פון דער איטאַ־ליענישע ווערסיע פון „בבא־בוך*). אָבער דאָס איז אַן ענין, וואָס האָט צו טאָן מיטן בבא־בוך. די יידישע ווערסיע, דאַגעגן שטאַמט אָן ספק פון דעם איטאַ־ליענישן מקור (אין דעם פרט — דער טאָסקאַנער טעקסט).

אין דער ביאָגראַפיע פון אליהו בחור איז עריק גארנישט ניט מחדש. א סך קוועלן גייט ער פאַרביי, אַנדערע קאָנטראָלירט ער ניט דורך און גייט אומ־קריטיש נאָך די אלטע מקורים.

לאָמיר נעמען דעם ערשטן פאקט: דאָס געבורט־אָרט פון אליהו בחור. די אלע, וואָס האָבן לעצטנס געשריבן איבער אליהו בחור (גייגער, וויינרייך א. אנד.) גיבן אָן, אז אליהו בחור איז געבוירן געוואָרן

*) אין דער אוקראַיִנישער ליטעראַטור איז דער שפּילמאַן גאָר אַ פריע דערשיינונג — און דאָס אין שייכות מיט דער פאָלקס־דראַמע Возняк. Історія українскоі літературі. У Львові, 1924 III. 153. אויך אין די דייטשע מיסטעריען באַגעגנען מיר דעם שפּילמאַן: WIRTH. Die Oster und Passionspiele biszum XVI Jhr. Halle, 1889, 182-185.

*) The oldest form of the Beves Legend. Modern Philology, X, 19-54.
אויך די ארבעטן וואָס זיינען געדרוקט אין: Publications of the Modern Language Association of America. Cambridge, Vol. XVII-XIX. די גאַנצע דיסקוסיע ווערט קלאָר אַרויסגע־בראַכט אין דעם נייעם בוך פון Laura Hillbard. Mediaeval Romance in England. London, 1924, p. 115-126.

ד"ר. יעקב שאַצקי:

רעצענזיעס

מאַקס עריק. וועגן אַלט יידישן ראָמאַן און נאָוועלע. פערצענטער־זעכצענטער י"ה. מיט 9 אילוסטראציעס און פאַקסימיליעס [ווארשע], 1926, 247 זייטן.

דאָס בוך באַשטייט פון אַ רייע ארבעטן וועגן דעם יידישן ראָמאַן און נאָוועלע אין דער תקופה פון 14טן ביזן 16טן יאָרהונדערט. אייניקע פון די דאָזיקע ארבעטן זיינען, לויט דעם מחברס אויסדרוק, נאָר נאָטיצן, וואָס ווילן „בלויז ווענדן די אויפמערקזאמקייט" אויף אַ וויכטיקן ליטערארישן דאָקומענט, אשטייגער, אויף דעם מינכענער כתב־יד, נומער 347, ווו עס געפינט זיך אַן אויסגעצייכענטער טעקסט פון „בן המלך והנזיר" (עריק, 219—222). אזעלכע נאָטיצן זיינען פאראן אין עריקס בוך א גאנצע ריי.

די גרעסערע ארבעטן זיינען געווידמעט דעם אַלט־יידישן ראָמאַן, דעם בבא־בוך, דעם יידיש־דייטשן אַרטור־ראָמאַן א. אַ. די ערשטע ארבעט „וועגן אלט־יידישן ראָמאַן" טראָגט אַן אונטערקעפּל: „אייניקע אויספירן און השערות".

אין וואָס באַשטייען די דאָזיקע „אויספירן און השערות"? קודם כל וויל עריק האָבן אז דעם אָנהייב פון דער יידישער ליטעראטור דארף מען זוכן אין XIV יאָרהנודערט. זעלבסטפארשטענדלעך, אז כל זמן עס איז נאָך ניט אינווענטאריזירט געוואָרן די ליטעראַרישע ירושה פון די אלטע דורות (ספּעציעל די יידישע גלאָסן אין די העברעאישע מעדיצינישע ספרים) וועט מען נאָר בויען השערות און ווייטער זיך ניט רירן פון אָרט. ווייטער אנטוויקלט עריק די השערה וועגן דעם יידישן שפּילמאן, דעם „פּאַנדאַן" צום גערמאנישן — דעם טרעגער פון דער דייטשישער פאָלקס־דיכטונג אין דעם פריען מיטלאלטער (שוין אין 9טן יאָרהונדערט). די דאָזיקע השערה איז ניט קיין נייע. ל אַ נ ד ו י, דער אַרויסגעבער פון די „אַרטוריען לידזשענדס" (Arthurian Legends) אָפּערירט אויך מיט איר בארופנדיק זיך אויף ה אַ ג ע נ ע ן *). מיר קענען זי אָננעמען, ווייל חוץ דעם עלעמענט פון לאָגישער מעגלעכקייט, פארמאָגן מיר פאר דער השערה אַן ערנסטן באַווייז מאַטעריאל, סיי אַ דירעקטן (רעמאַרקן אין די אלטע יידישע ראָמאַנען), סיי אַן אינדירעקטן (אַנאַלאָגיעס מיט דער דייטשער שפּילמאנדיכטונג). שוין דער „ספר שמואל" באַארבעט אין אָקטאַוון (אויגסבורג, 1547) קען דינען פאר א גענוגענדעם באַווייז, אַז די השערה איז א ריטיקע, אָבער זי איז ניט קיין נייע. עריקס פאַרדינסט באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט דעם יידישן לייענער באַקענט מיט דער דאָזיקער טעאָריע.

ווי לאנג האָט געדויערט די שפּילמאַן־תקופה אין דער יידישער ליטעראטור?

אין זיין „סכעמע פאר דער געשיכטע פון דער אַלט־יידישער דיכטונג (ז. 28—29) וויל עריק האָבן, אַז די שפּילמאַן־תקופה האָט געדויערט פון „דער העלפט (!) 14טן יאָרהונדערט ביז דעם העלפט (!) 16טן יאָרהונדערט". עס קומט, אַלזאָ, אויס, אז די יידישע שפּילמאַן־תקופה אנטוויקלט זיך א סך שפּעטער ווי די דייטשישע און מען קען זאָגן, אז ווען ביי די דייטשן הייבט זי אָן צו פארשווינדן און איר אינהאלט ווערט געראַטעוועט פונם פאָלקס־בוך, וואָס באַווייזט זיך אויף די ירידים אין 16טן יאָרהונדערט, דעמאָלט איז די שפּילמאַן פּאָעזיע אין דער בלי צייט ביי אונדז. מיר מיינען אָבער, אז אויב עס לאָזט זיך פאָרשטעלן א דירעקטע השפּעה פון דייטשן שפּילמאַן אויף דעם יידישן, מוז די השפּעה זיין א סך א פריערדיקע און דאָס איז דערפאַר, וואָס די שפּילמאנדיכטונג האָט זיך אַנטוויקלט אין די שטעט און גראָד אין 15טן יאָרהונדערט קומען פאַר די צאָלרייכע גירושים פון די יידן פון די דייטשישע שטעט. די אַרויסגעטריבענע יידן האָבן שוין געבראַכט מיט זיך אין אַנדערע לענדער ווי אויך קיין פוילן, טשעכן און בכלל אין די סלאַווישע לענדער די שפּילמאנישע דיכטונג. ממילא מוזן מיר דעם אָנפאנג פון דער שפּילמאַנישער תקופה אין דער יידישער ליטעראטור אָפּרוקן מיט איין יאָרהונדערט, ד. ה., אז ניט אין 14טן, נאָר אין 13טן יאָרהונדערט האָט זיך מסתמא אָנגעהויבן די דאָזיקע תקופה אין אונדזער ליטעראטור. די דאָזיקע פראַגע פאָדערט אָבער א גרינדלעכן אַנאַליז פון די מקורים, וואָס זיינען נאָך צו געפינען. ספּעציעל וואָלט געווען אינטערעסאנט פעסטצושטעלן, אויב עס זיינען ניט פאַראן קיין שפּילמאַנישע שפּורן אין די העברעאישע מיטלאלטערישע מעשיות און ראָמאַנען. די השפּעה האָט געמוזט זיין אַ דירעקטע, א מינדלעכע, ווייל די עלטסטע מאנוסקריפּטן פון דער דייטשער שפּיל־

*) VON DER HAGEN. Die romantische und Volks literatur den Juden in juedisch-deutscher Sprache. Abhandlungen der Berliner Akademie 1854.

װען ניט נאָר אין די סלאַװישע געטאָס, נאָר אויך אין די דייטשע.

די צװייטע גרעסערע ארבעט אין דעם בוך איז די שטודיע איבער דעם „יידיש־טײטשן ארטור־ראָמאַן" (ז. 93—121 קאָנסטרוקציע; ז. 123—142 אויסצוגן פון טעקסטן לויט די האמבורגער מאנו־סקריפּטן און װאגענזייל׳ס אויסגאבע).

די דאָזיקע ארבעט טראָגט א ריין רעפערירנדיקן כאַראַקטער. זי איז געבויט אויסשליסלעך אויף ל. לאַנדויס ענגליש בוך, װאָס איז שוין פריער דערמאָנט געװארן.

לאנדויס בוך איז פון פילאָלאָגישן שטאַנד־פּונקט אפשר גוט, אָבער די ליטעראטור־היסטאָרישע זייט איז ניט אויף דער געהעריקער מדרגה. עריק שעצט איבער דעם װערט פון דעם בוך. לאַנדוי האָט זייער אַ סך צו פארדאנקען דער פאָרארבעט פון דר. מ. שילער, װאָס איז געװען געדרוקט אין "צייטשריפט פיר העברעאישע ביבליאָגראפיע" (VIII). אזוי, למשל, איז די „גענעטישע טאַבעלע", װאָס עריק ברענגט פון דר. לאנדויס בוך, אנטנומען פון שילערס ארבעט („צייטשריפט", VIII, 179). אין איין פּרט איז אָבער לאנדוי ניט נאָכגעגאנגען שילערן און דאָס איז ביי דער ביבליאָגראפיע פון די יידישע אויסגאבן פון אַרטור־ראָמאַן. איז ער טאַקע נכשל געװאָרן. דאָס זעלבע האָט פּאסירט מיט עריקן, װעלכער האָט זיך אינגאנצן פארלאָזן אויף לאַנדויס אינפאָרמאַציע. שילער האָט געהאַט בעסערע קװעלן, װייל ער האָט געארבעט אין פראנקפורטער שטאָט ביבליאָטעק.

מען דארף דעריבער קאָרעגירן פאָלגנדע טעותים:

1) די אויסגאבע G איז דערשינען ניט האנוי 1707, נאָר — 1710 (ת"ע).

2) די אויסגאבע H איז ניט װילמערסדאָרף 1715, נאָר — 1718 (תע"ח).

3) די אויסגאבע J איז ניט פּירט 1771, נאָר — 1781 (תקמ"א). אַן עקזעמפּליאַר געפינט זיך אין דער פראנקפורטער שטאָט ביבליאָטעק און דער טעקסט איז אידענטיש מיט װאגנזיילס טעקסט פון יאָר 1699.

װעגן דער השערה, אז אליהו בחור איז דער מחבר פון דער סטאַנסן־װערסיע פון ארטור ראָמאַן, קען מען צושטימען מיט עריקן, אז די דאָזיקע מחברשאפט איז ניט אויסגעשלאָסן, פונקט װי ס׳איז קלאָר אז אליהו בחור איז דער מחבר פון „פּאַריש און׳ װיענא". מען װאָלט אבער באדארפט דורכפירן א גרונטלעכע, שפּראכלעכע אויספאָרשונג איבער דעם טעקסט פון דער דאָזיקער װערסיע. דאָס װעט זיין נאָר מעגלעך דעמאָלט, װען די דאָזיקע אויס־גאבע װעט אין א ניי־דרוק זיין צוגענגלעך די גע־לערנטע (איין איינציקער עקזעמפּליאר געפינט זיך אין באָדליעאנא).

אין דער כאַראַקטעריסטיק און ביאָגראפיע פון יוזל װיצנהויזן, דעם ארויסגעבער פון דער ריימ־פאָרן־װערסיע, איז עריק גאָרנישט ניט מחדש. דאָס אַלץ װייסן מיר פון שילערס ארבעט. עס איז כדאי אָנצוװייזן אויף א פארזעענע ביאָגראפישע קװעלע װעגן װיצנהויזן. דאָס איז דער פּסק ארויסגעגעבן קעגן אים אין אמסטערדאם פון די רבנים ר׳ אברהם בן יהושע פון אמסטערדאם, יעקב קאָפּל בן שמואל פון פּירט און יוסף בן ראובן יהודה הכהן (דעם 6טן חשון, שנת תל"ז).

פאר דער פארשפּרייטונג פון דעם ארטור־ראָמאַן ביי די יידן איז אויך כדאי צו װיסן, אז אין 1279 האָט מען דעם „מלך ארטוש" איבערגעזעצט אויף העברעאיש „מלשון לעז" (מסתמא פון דער דייטש־שער אויסגאבע, פון 13טן יאָרהונדערט).

אין דער הקדמה זאָגט דער אַנאָנימער איבערזע־צער, אז די אויפגאבע פון דער איבערזעצונג איז „כי בתכלית של זה הספר ילמדו החוטאים דרכי התשובה ויזכרו אחריהם וישובו אל השם ב"ה כמו שתראה בסופו"*)

דאָס באַװייזט, אז דער מוסר טענדענץ אין „קיניג אַרטוש הוף" האָט דעמאָלט נושא חן געװען ביי די יידן. עס איז אויך װארשיינלעך, אז אונד־זערע עלטערע האנטשריפטלעכע טעקסטן פון אַרטור־ראָמאַן זיינען איבערגעזעצט פון העברעאיש. מכח דעם מחבר פון דער יידישער װערסיע האלט עריק מיט לאנדוין, װעלכער װיל פעסטשטעלן (עריק זאָגט: „שטעלט פעסט", ז. 117), אז דאָס איז געװען א שפּילמאַן, א פּראָפעסיאָנעלער פאָלקס־זינגער. צי האָט דער יידישער שפּילמאַן געהאט די עלטסטע דייטשע װערסיע (דעם װיגאלויס טעקסט), איז ניט אזוי זיכער און קלאָר פון לאנדויס אויס־פירונגען, אין װעמענס טריט עס גייט עריק. שוין דער פאקט אליין, אז ס׳איז פאראן א העברעאישע איבערזעצונג פון יאָר 1279 — באַװייזט אַם בעסטן, אז מיר מוזן זוכן דעם מקור ניט נאָר אין דייטשן טעקסט, נאָר אויך אין העברעאישן. עס װעט אפשר דעמאָלט קלאָר װערן אז דאָס װאָס דער שפּילמאַן האָט געמוזט אויספילן „מיט זיין אייגענער פאנטאַזיע" (עריק, ז. 118) איז מסתמא פאראַן אין העברעאישן

*) די איבערזעצונג איז ניט פארענדיקט און אויך ניט געדרוקט. דער אריגינאַל געפינט זיך אין װאַטיקאַן. אויסצוגן ביי בערלינער אין זיין „מאַגאַזין", XII, ז. i—ii (העברעאישע אָפּטיילונג). פארגלייכן מיטן ארטיקל פון דר. מ. שילער. Die hebraeische Vision der Sage von Arthur und Lanzeloteaus dem Jahre 1279 (Archiv f. d. Studium d. n. Sprachen u. Literaturen 1909, 51-63).

אין נ י ו ש ט א ט, לעבן נירנבערג, צווישן 1469 און 1472. עס איז אבער באקאנט, אז פאר 1499 האָבן יידן ניט געוווינט אין נײשטאַט. אין 1499 האָט מען די יידן אַרויסגעטריבן פון נירנבערג. איצט, נאָכן יאָר 1499 באגעגענען מיר אין נײשטאַט ר׳ א ש ר ב ן הַ ל ו י, דעם פאָטער פון אליהו בחור*). צו יענער צייט איז אליהו בחור שוין אַלט געווען איבער דרייסיק יאָר. ער איז שוין א פּאָר יאָר אין איטאַליען (זינט 1496). פון דעם איז קלאָר, אז ער האָט ניט געקאָנט געבוירן ווערן אין נײשטאַט. מיר וואָלטן געקאָנט משער זיין, אז ער איז געבוירן געוואָרן אין נירנבערג, ווען ער וואָלט אליין ניט אָנגעגעבן דאָס אָרט פון זיין געבוירן ווערן.

אויפן עקזעמפּליאַר פון רד״קס „ספר השרשים“ (נעאפּאָל, 1490), וואָס געפינט זיך אין ווינער הויף ביבליאָטעק האָט ד ר. א. ז. ש װ אַ ר ץ אנטדעקט דריי אויטאָביאָגראפישע נאָטיצן פון אליהו בחור. די האנטשריפט שטימט מיט דעם אייגנהענטיקן נאָטיץ פון אליהו בחור, וואָס געפינט זיך אין קאָדעקס 47, אין דערזעלבער ביבליאָטעק. דאָרטן ווערט אנגעוויזן אַז אליהו בחור איז געבוירן געוואָרן אין ד אָ ר ף א י פּ ש ה י י ם (מכפר איפשהם). איפשהיים אַן דער טייך אַייש ליגט ניט ווייט פון נײשטאַט. דאָרטן האָבן יידן געוווינט שוין אין אָנפאנג פון 15טן יאָרהונדערט.

פון דעם צווייטן נאָטיץ דערוויסן מיר זיך, אז אליהו בחורס מוטער האָט געהייסן ה ע נ ד ל י ן און איז געשטאָרבן 10 טעג אין חודש ניסן שנת רנ״ב (1492) און איז באגראָבן געוואָרן אין פראַנקפורט.

אין דעם דריטן נאָטיץ ווערט פארשריבן, אז דעם ניינטן טאָג אין חודש אלול, שנת רנ״ה איז געבוירן געוואָרן זיין זון י ה ו ד ה ה ל ו י **).

עס זיינען פאראַן נאָך אַנדערע וויכטיקע פּראָבלעמען פון אליהו בחורס ביאָגראפיע, ווי די דאַטע פון געבוירן ווערן א.אַ. א טייל פון די פראַגן האָב איך באַרירט אין מיין רעצענזיע איבער וויינרייכס בוך: „שטאַפּלען“ (זע: „צוקונפט, מאי, 1925). אנדערע פראַגן וועלן אין גיכן אויפגענומען ווערן אין שייכות מיט דער אַלטער יידישער ליטע-

*) ECKSTEIN. Geschichte der Juden im Markgrafentum Bayreuth. Bayreuth. 1907, p. 15-16.

**) A. Z. SCHWARZ. Zur Biographie Elia Levitas. Archiv für Jüdische Familienforschung. II. Jhr. No. 1-3, p. 24-27.

אויף דער דאָזיקער קוועלע האָט מיר פריינדלעך אויפמערקזאַם געמאַכט פּראָפעסאָר אלעקסאנדער מ אַ ר ק ס.

פאר דער געשיכטע פון יידן אין איפשהיים, זע די נאָטיצן פון ל א ם אין: Blätter für jüd. Geschichte und Liter. 1903, 79; 1904, 97 ff.

ראַטור בכלל און אירע קוועלן בפרט. דאָ האָב איך נאָר געוואָלט אויפמערקזאַם מאַכן אויף די דאָזיקע וויכטיקע קוועלע, וואָס גייגער האָט זי ניט געקאָנט זען, אבער וויינרייך און עריק האָבן שוין געקאָנט זיך מיט איר באַנוצן.

די אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פון אליהו בחור איז ארויסגעקומען שטאַרק און בולט. מען וואָלט אפשר באַדאַרפט זיך אויספירלעכער אָפּשטעלן אויף דער השפעה, וואָס דער דאָזיקער מערקווירדיקער מענטש און שרייבער האָט געהאַט אין זיין תקופה און נאָך אַ לאַנגע צייט נאָך זיין טויט. ספּעציעל זיינען אינטערעסאַנט די לעגענדעס וועגן אליהו בחור, ווי למשל, די לעגענדע וועגן זיין שמדן זיך.

די קוועלן פון דער דאָזיקער לעגענדע זיינען ווינציק וואָס באַקאַנט. די שמד לעגענדע איז פארבונדן מיט א ל י ה ו ק אָ ר ק א ס, א פרנס פון דער רוימישער קהילה, וואָס האָט זיך באמת געשמדט (אויספירלעך וועגן דעם ביי ד ו ד ק ו י פ מ אַ ן*). זיין גרויסער נאָמען אלס פילאָלאָג אין דעם ווייטן אונגארן דארף אויך דערמאָנט ווערן**).

די ביבליאָגראפיע פון די יידישע אויסגאבן פון „בבא-בוך“ איז ווייט ניט קיין פולע, און עס איז אַ שאָד, ווייל אזא ביבליאָגראפיע באשטעטיקט דאָך אם בעסטן די פּאָפּולאַריטעט פון דעם דאָזיקן ראמאן. איך בין דאָ ניט אויסן צו געבן די דאָזיקע ביבליאָגראפיע. איך וויל אָבער, אגב, אָנווייזן אויף אן אינטערעסאַנטן פאקט אין דער געשיכטע פון די „בבא-בוך“ אויסגאבן. די לעמבערגער אויסגאבע פון 1798 איז געווען פארבאָטן אין רוסלאנד, ווייל לויט דער אַטעסטאַציע פון דער רוסישער צענזור אנטהאלט דאָס בוך „מעשיות וועגן טייוואָלים און איז אוממאָראליש, רעדט וועגן א מערדער פון אַ קעניג און פון א ליבע פון זיין פרוי צום מערדער***).

די כאַראַקטעריסטיק פון יידישן בבא-בוך איז זייער פיין דורכגעפירט געוואָרן. עס ווערט בולט אָנגעוויזן אויף די קינסטלערישע פארדינסטן פון אליהו בחור, זיין באַציאונג צום שטאָף, דאָס אויסשיילן פון דעם צו-שטאַרקן עראָטישן עלעמענט און אַז. וו. א טעמע פאר א באזונדערער ארבעט קען זיין דער גלגול פון „בבא בוך“ אין „בבא מעשה“, ד. ה. אין די געקירצטע, פּראָזאַאישע איבעראַרבעטונגען, וואָס זיינען אייגנטלעך אזוי פּאָפּולער גע-

*) Die Quelle der Fabel von Elia Levitas Taufe. (Berliners Magazin, XVII. 166-169).

**) Magyor Zsido Szemle I, 86.

***) Гессен. Евреи в России. 1906, 428.

וועגן רבקה טיקטינער (1719, אלטדאָרף) האָט אין דערזעלביגער סעריע פּובליקירט א ניט ווייניקער שמאַטעדיקע שריפט וועגן ברוריה".

וועגן דעם „סטיל" קענען זיין פארשיידענע מיינונגען, אָבער דער גאנצער זאַץ איז א קוריאָז, ווייל, וואָלט עריק ב א מ ת געזען די „נישטיקע" אפּהאנדלונג וועגן ר ב ק ה ט י ק ט י נ ע ר, וואָלט ער געוווּסט, ווער איז איר מחבר און ניט איבערגעשריבן אזוי זיכער פון אנדערע, אז צ ע ל ט נ ע ר האָט דאָס בוך אָנגעשריבן. און ווען ער וואָלט דערצו נאָך זיך מטריח געווען און די דאָזיקע דיסערטאַציע איבערגעלייענט, וואָלט ער דאָרטן עפּעס אויסגעפונען, וואָס מאַכט די ארבעט פאר א זייער ווערטפולע קוועלע פאר טיקטינערס ביאָגראַפיע. ווייטער: ווען ער וואָלט געזען די „שמאַטעדיקע" שריפט איבער ברוריה, וואָלט ער ניט געשריבן מיט אזא זיכערקייט פון צעלטנערן, אַלס דעם מחבר. אַביסל פארזיכטיקייט שאַדט קיינמאָל ניט!

עס בלייבט נאָך צו דערמאָנען די לעצטע קלענערע ארבעטן. זיי ריידן ארום דריי אנדערע ראָמאַנען, וואָס זיינען באַארבעט געוואָרן אין יידיש, ווי: 1) „די זיבן ווייזן מיינשטער" (לויטן מינכענער כתב־יד, נומער 100); 2) „בוך דער אלטן ווייזן" (כתב־יד, נומער 355), און 3) „בן המלך והנזיר" (כתב־יד, נום. 347).

די איינלייטונגען צו די טעקסטן זיינען שוין דאָ מער סקיצירט, ווי באַארבעט: די טעקסטן האָבן אַ גרויסן ווערט, ספּעציעל דער טעקסט פון „בן המלך והנזיר", וועלכער איז באמת פּראַכטפול.*)

צו דער ביבליאָגראַפיע פון דער „בן המלך והנזיר" ליטעראַטור וויל איך צוגעבן שטיינשניידערס אַנאַליז פון דעם ראָמאַן אין ב ו ש ס „קאַלענדאר און יאַרבוך פיר איזראעליטן", ווין, 1845.

צום סוף נאָך א פּאָר אלגעמיינע באַמערקונגען:

גאָר אומנייטיק טאַדלט עריק דר. לאנדוי פאר זיין פעסטשטעלן, אז „פּאַריש און וויענא" איז געדרוקט אין וועראָנא און ניט אין בערן (עריק, ז. 45). עריק שרייבט אים צו „אימפּעט" און דאָס איז ניט ריכטיק. לאנדוי רעדט וועגן דעם זייער געלאַסן און דעריבער איז דאָס מוסרן, אז ער האָט געדאַרפט דעם אימפּעט פארווענדן אויף א קאטעגאָרישער זיכערשטעלונג פון ר' אליהוס מחברשאפט" (פון דעם ראָמאַן) — גאָר ניט אם פּלאַץ!

אויך דאַרף מען זען אויסמיידן אין א וויסנשאַפטלעך ווערק אזעלכע אויסדרוקן, ווי: „נישטיק", „שמאַטע" און אז. וו. די ארגומענטן דאַרפן ריידן און ניט די שטאַרקע ווערטער.

ארויסגעגעבן איז דאָס בוך זייער שלעכט, מיט א סך דרוק גרייזן. א שאָד! כ'לעבן, דאָס בוך האָט פארדינט א שענערן טיפּאָגראַפישן לבוש!

ניו יאָרק, מערץ, 1928.

[ע. קאָרמאַן. יידישע דיכטערינס. אַנטאָלאָגיע. פארלאַג ל. מ. שטיין. שיקאַגאָ (1928) LXXXIV + 390 זז. 4°]

די דאָזיקע פּרעכטיק ארויסגעגעבענע אַנטאָלאָגיע נעמט אַריין מוסטערן פון דער יידישער פרויען דיכטונג פון 16טן יאָרהונדערט ביזן יאָר 1927. אונז אינטערעסירט דאָ הויפּטזעכלאַך די אַלטע אידישע ליטעראַטור. זי איז פארטראָטן מיט ר ו י ז ל פ י ש ל ס, ט ו י ב ה פּ אַ ן, ג ע ל ה ב ת מ ש ה ב ן אַ ב ר ה ם ה אַ ז ע און ח נ ה כ"ץ. די מוסטערן פון זייערע געגראַמטע ווערק, וואָס מען קען קוים אָנרופן דיכטונג, זיינען אין דער דאָזיקער אַנטאָלאָגיע געדרוקט לויט פאָטאָסטאַטישע קאָפּיעס פון באָדלעיאַנא, לוידער, אָן שום קריטיש־פילאָלאָגישע פּירושים.

אין דער אויספירלאַכער הקדמה שטעלט זיך אָפּ ע. ק אָ ר מ אַ ן אויף די טענדענצן אין דער אַנטוויקלונג פון פרויען פּאָעזיע און כאַראַקטעריזירט גאָר ברייט די פרויען מחברטעס פון 16טן און 17טן י. ה. אין 18טן י. ה. געפינט ער ניט קיין פרויען, וואָס שרייבן לידער, הגם די מחברטעס פון תחינות, וואָס זיינען מערקווירדיק אינגאַנצן ניט פאַרטראָטן אין דער אַנטאָלאָגיע האָבן געהאַט דעם אמתן דיכטערישן שוואונג. אין 18טן י. ה. שרייבט שוין סעריעל בת הרב יעקב סג"ל פון דובנע. אירע „תפלת אמהות", דערשיינט צום ערשטן מאָל אין פראַנקפורט אן דער אָדער, אין 1790 (9 בל. 12°). צו יענער תקופה געהערט אויך די „תחנה אמרי שפר" פון שרה בת יוסף פון בראָד. פאַר דער ערשטער העלפט פון 19טן י. ה. איז פאַראַן גאָר אַ סך פאַרפאַסערינס פון תחנות, וואָס וואָלטן געקענט אַ סך ווירדיקער רעפּרעזענטירן די אידישע פּאָעזיע ווי פ א ו ל א ר. א ו ן אַ נ ד ע ר ע ענלאַכע „טאַלאַנטן".

אַזוי, למשל, י ו כ ב ד ה אַ פּ מ אַ ן פ ו ן ה אַ ל י ט ש איז ביז גאָר אינטערעסאַנט מיט אירע פּאָעטישע תחינות. („מיטטיילונגען פאָר יידישע פאָלקסקונדע", 1915, 61—41).

---

*) דרך אגב וויל איך באַמערקן אז דאָס לעצטע וואָרט אין „טיל־אוילענשפּיגל" פאָרשונג איז ניט ל א פ ע נ ב ע ר ג, אויף וועלכן עס באַרופט זיך עריק (ז. 204), נאָר פ ר י ד ר י ך ב ר י ע (Brie) מיט זיין בוך א. נ. Eulenspiegel in England. (בערלין, 1903) האָט ער אפּגעשוואַכט די באַדייטונג פון לאַפּענבערגס חלק און האָט ארויסגעשטעלט א גאַנצע ריי וויכטיקע קאָנטער־ארגומענטן.

טעקסט, ווייל דער דייטשישער מאנוסקריפט איז אויך באשעדיקט.

עס עפענען זיך דעריבער מעגלעכקייטן פאר א גרונטלעכע, זעלבסטשטענדיקע שטודיע וועגן דעם מקור פון דער עלטסטער יידישער ווערסיע פון ארטור ראָמאַן.

אין דער דריטער ארבעט ווערט באשריבן דער מינכענער כתב־יד, נר. 100, וואָס שטעלט פאר מיט זיך א זאמלונג פון אלטיידישע ראָמאַנען און נאָוועלן. דאָ איז שוין אויפגעטאָן געוואָרן א סך נייס און באמת ווערטפולעס.

אַזוי איז, צום ביישפיל, די „מעשה בריעה וזימרה" באמת אן אָריגינעלע יידיש־דייטשע נאָוועלע. ווער איז איר מחבר איז אומבאַקאַנט. מיר קענען דעם קאָפּיסט, דאָס איז יצחק ב״ר יודא רויטלינגען. ער האָט געלעבט אין דער צווייטער העלפט פון 16טן יאָרהונדערט. דער זעלבער רויטלינגען האָט קאָפּירט א פּאָר אנדערע דייטשישע מעשיות ווי אויך מעשיות פון דעם „מעשה־בוך".

עריק ברענגט א סך איבערצייגנדע ראיות אז יצחק רויטלינגען איז נאָר דער קאָפּיסט פון די אַנדערע טיילן פון דעם מאַנוסקריפט (צוזאמען מיט בנימין בן יוסף הרופא מירקש, וועלכער איז געשטאָרבן אין 1614). דאַגעגן די דאָזיקע מעשה האָט ער ניט קאָפּירט, נאָר אליין פארפאסט*).

אין דעם זעלבן מאַנוסקריפט זיינען פארשריבן 22 מעשיות פון דעם „מעשה בוך". אַזוי ווי דער דאָזיקער מאַנוסקריפט שטאַמט פון 1580, און די ערשטע אויסגאבע פון „מעשה בוך" איז דערשינען אין באַזעל אין יאָר 1602, איז קלאָר, אז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט א סך אן עלטערן, לוידער נאָר פראַגמענטאַרישן טעקסט פון מעשה בוך ווי די ביז איצטיקע אויסגאבע פון 1602.

שטיינשניידער האָט שוין אַמאָל ארויסגעזאגט די השערה אז די באזעלער אויסגאבע פון יאָר 1602 איז ניט די ערשטע בכלל. איצט איז אַ דאַנק עריקס ארבעט קלאָר, אז דאָס מעשה בוך איז אַנטשטאַנען פאַרן יאָר 1580, און אז יצחק רויטלינגען איז נאָר דער קאָפּיסט פון די מעשיות. דאָס רוב פון די מעשיות אין מינכענער מאַנוסקריפט שטימען מיט די טעקסטן פון „מעשה־בוך". מען מוז דעריבער אָננעמען, אז עס איז געווען אן אויסגאבע נאָך פאר 1580 און יצחק רויטלינגען האָט קאָפּירט און טיילווייז אויך באַארבעט בעתן קאָפּירן פון

*) אגב וועגן י. רויטלינגען: עס איז באקאנט אַ רב, יהודה מילר רויטלינגען (1609—1659), דער מחבר פון „שבות יהודא". אפשר האָט ער א שייכות מיטן מחבר פון „מעשה בריעה וזימרה"? זעה בלאָכס ארטיקל אין Festschrift . . . Philipp sons, 1916, 114-134

יענער אויסגאבע. וועגן דער אנטשטייאונג פון דעם „מעשה־בוך" איז נאָך שווער צו ריידן. די אלע השערות זיינען ווינציק וואס נוצלעך, ווייל כל זמן מיר פאַרמאָגן ניט קיין וויסנשאַפטלעכע אויסגאבע פון „מעשה־בוך" קען מען צו קיין שום אויספיר ניט קומען. גרינבוים האָט זייער א סך אויפגעטאָן פאר די פאראלעלן צו די מעשיות; עס איז אָבער אלץ צו ווינציק.

דאָס „מעשה־בוך" איז באמת „דאָס גרעסטע ווערק פון דער אלט־יידישער ליטעראטור" (ז. 203), און דריבער דארף מען היינט צו טאָג שטיין א סך ווייטער אין דער אויספארשונג פון דעם בוך ווי שטיינשניידער. לוידער איז נאָך ווייט דערצו. עריק האָט א ריר געטאָן פון אָרט די פאָרשונג אויף דעם געביט א דאנק זיין פובליקאציע וועגן די 22 מעשיות פון מינכענער כתב־יד, נאָר עס איז נאָך אז התחלה.

אין איינער פון די מעשיות (נומער 4). ווערט א „גרושר עשיר(!)" פארגליכן צו שמעון גינצבורג. עריק מיינט אז דאָס איז שמעון לוי גינצבורג, דער, וואָס האָט ארויסגעגעבן בשותפות מיט זיין ברודער יצחק די „זולתות לשבתות בין פסח לשבועות (טאנהויזן, 1594) (בן יעקב, ז. 155, 84). ער איז אבער ניט געווען קיין עושר און דערפאר קען אים יצחק רויטלינגען ניט באנוצן פאר א שם־דבר צו פארגלייכן מיטן העלד פון דער מעשה. דוד גאַנס דער בעל „צמח דוד", לויבט איינעם שמעון גינצבורג (געב. 1506, געשטאָרבן 1586) און האלט אים פאר דעם רייכסטן יידן אין דייטשלאנד. דער זעלבער שמעון בן אליעזר גינצבורג ווערט דערמאָנט אין דעם יזכור־ספר פון דער קהילה פפערזע (Pfersee), דערפאר וואס ער האָט אין משך פון פערציק יאָר געארבעט פארן כלל „ובטל מכסים וקנה קרקע ובית החיים בבורגא והקיפו וגדרו לכבוד השם ית' ולכבוד הצדיקים שוכני עפר ובהשתדלותו הוציא כמא אסורים מידי גוים ופרנס עניי מדינת שוואַבן זה כמה שנים וכלכום לפי הטף..." *)

מיר מיינען, אז דאָס איז דער זעלביקער שמעון גינצבורג.

אויף זייטל 186 געפינט זיך ביי עריקן אזא זאץ: „לשם קוריאָז וועל איך דערמאָנען אז דערזעלביקער פראָפעסאָר גוסטאַוו געאָרג צעלטנער, וואָס האָט פארפאסט א נישטיקע לאַטייניש אפהאנדלונג

*) PERLES. Das Memorbuch des Gemeinde Pfersee Mon. XXII 509-11.
Zur Genealogie der Familie Ginzburgs, Z. f. h. B. V., 187-191
Günzburg und die schwäbischen Gemeinden. Bl. f. j. G. und L. 1901.

ד ר. ש ל מ ה ע ט י נ ג ע ר ס כ ת ב י ם. ארויסגעגעבן לויט די מאַנוסקריפּטן מיט אַ ביאָגראַפישן און ביבליאָגראַפישן אַריינפיר און מיט הערות פון דר. מאַקס ווײַנרייך, ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, 1925. LXIV + 516 זייטן. 8° (אין צוויי בענד).

זאָל דאָ באַלד אין אָנפאַנג פעסטגעשטעלט ווערן, אַז ד ר. ש ל מ ה ע ט י נ ג ע ר האָט מיט דער דאָזיקער אויסגאַבע באַקומען אַן אייביקן דענקמאָל און אַז ער האָט עס צו פאַרדאַנקען דער פּראַכטפולער, מעטאָדיש אויסגעצייכנט דורכגעפירטער אַרבעט פון ד ר. מ אַ ק ס ו ו יַ י נ ר י י ך.

עס איז באַשערט געווען גראָד דעם מחבר פון „סערקעלע" צו האָבן אַזאַ אויסגעצייכנטן אַרויסגעבער און ביאָגראַף. די דאָזיקע אויסגאַבע דאַרף דינען פאַר אַ מוסטער ווי אַזוי מען דאַרף ביי אונדז אַרויסגעבן די קלאַסיקער.

דאָס בוך באַשטייט פון אַן אויספירלעכן ביאָגראַפישן אַריינפיר, וואָס פאַרנעמט 64 זייטן. דאַן גייען אַלע ווערק פון עטינגערן, אַרויסגעגעבן מערסטנטייל לויט מאַנוסקריפּטן. די ווערק וואָס זיינען שוין געדרוקט געווען זיינען אין דער אויסגאַבע אַריין פאַרבעסערט לויט די געשריבענע טעקסטן און וואַריאַנטן.

אינגאַנצן אומבאַקאַנט זיינען ביז איצט געווען: די צוויי קאָמעדיעס וואָס ווײַנרייך האָט אַ נאָמען געגעבן „דער פעטער פון אַמעריקע" און „די פרייליכע יונגעלייט", אַ רייע קאַטאָוועסלעך, בריוו און פאַרשיידענע פראַגמענטן.

אויף אַזאַ אופן האָבן מיר אין די דאָזיקע צוויי בענד אַ קריטישע אויסגאַבע פון אַלע ווערק פון דר. עטינגער, מיט נייע אייַנצלהייטן וועגן זיין לעבן און שאַפן. איצט דאַרף מען גרונטיק פאָרשן זיין שאַפן, פעסטשטעלן די השפּעות, די מקורים פון וואַנעט עס זיינען אַנטנומען געוויסע מאָטיוון אין זיינע פּיעסן, און בכלל אָפּשאַצן עטינגערס באַדייטונג און פאַרדינסטן פאַר דער יידישער ליטעראַטור. ווײַנרייך האָט דאָס ניט געטאָן. ער האָט זיך געשטעלט דערווייל אַ סך אַ שמאָלערע אויפגאַבע. זיין ציל איז געווען אַרויסצוגעבן אַלע ווערק פון שלמה עטינגער, באַלייכטן זיין לעבנס געשיכטע און כאַראַקטעריזירן זיין פּערזענלעכקייט. די דאָזיקע אויפגאַבע איז פון אים גלענצענד דורכגעפירט געוואָרן.

אין דער ביאָגראַפיע פון ש. עטינגער זיינען פאַראַן זייער אַ סך חידושים. אַזוי, צום ביישפּיל, איז באַרירט געוואָרן די אַלטע פראַגע וועגן דעם געבורטסיאָר פון דעם מחבר פון „סערקעלע". אין אַ ספּעציעלן עקסקורס (ז. 585-588) אָפּערירנדיק מיט אַ ריי דאַטן פון פאַרשיידענע קוועלן קומט ווײַנרייך צום אויספיר, אַז עטינגער איז געבוירן געוואָרן אין 1803. די דאַטע איז אפילו נאָך ניט קיין פעסטגעשטעלטע, אָבער לויט די ראיות, וואָס ער ברענגט קענען מיר די דאַטע אָננעמען (ניט אַרום 1801, ווי רייזען וויל האָבן אין זיין „לעקסיקאָן" II, 725).

חוץ דעם זיינען אויפגעקלערט געוואָרן געוויסע עפּיזאָדן, וואָס האָבן אַ שייכות מיט די צענזורשוועריקייטן ביים דרוקן עטינגערס ווערק (למשל, די שתדלנות פון אַנטאָני אייזענבוים פון יאָר 1843, א. אַ.).

אין דעם ביאָגראַפישן אַריינפיר ווערט זייער אויספירלעך געשילדערט עטינגערס לעבן. די דאָזיקע שילדערונג איז לעבעדיק ביז גאָר. עס פעלט איר אָבער איין זאַך: סביבה. עס איז שווער צו פאַרשטיין עטינגערן אָן דער סביבה. און גראָד די סביבה אין וועלכער עס איז אים אויסגעקומען צו לעבן איז זייער אַן אינטערעסאַנטע. זאַמאָשטש, חרוביעשאָוו, שטשעברעשין — דאָס זיינען צו יענער צייט געווען די נעסטלעך פון פּוילישע משכילים. זאַמאָשטש האָט פאַרמאָגט אַ שפּאָר ביסל משכילישע אינטעליגענץ. דאָרטן איז געבוירן געוואָרן און האָט געלעבט אריה לייב (לעאָן) ק י נ ד ע ר פ ר י י נ ד, אַ מחבר פון לשון-קודשדיקע שירים א. ג. „שירים שונים", וואָס זיינען דערשינען אין לעמבערג אין 1834. ער איז געשטאָרבן אין לעמבערג אין 1837. זיין זון דר. יוסף קינדערפריינד האָט פּראַקטיצירט אין זאַמאָשטש אין דערזעלבער צייט. דער דאָזיקער דר. קינדערפריינד איז אויך געווען אַ משכיל און געהאָט גרויס אינטערעס פאַר ליטעראַטור. שפּעטער איז אים געוואָרן אַביסל ענג אין דער קליינער שטאָט. אין 1857 האָט ער באַקומען די דערלויבעניש צו פּראַקטיצירן אין וואַרשע און איז באַפרייט געוואָרן פון צאָלן דעם „בילעטן אָפּצאָל", וואָס פרעמדע יידן האָבן געמוזט צאָלן אין דער הויפּט-שטאָט (אַקטן פון אַדמיניסטראַטיוון ראַט, פון 1857, באַנד I, וואַרשעווער אַרכיוו פון אַלטע אַקטן).

אַ צווייטער יידישער דאָקטאָר אין זאַמאָשטש, וואָס לעבט אין דער זעלבער צייט איז פּ נ ח ס ר אָ ז ע נ ט אַ ל. ער איז געווען אַ לענגערע צייט דער „בירורג פון זאַמאָשטשער קרייז" און האָט זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט אין יאָר 1830, בעת די מגפה פון כאָלערע האָט געבושעוועט גאָר שטאַרק אין יענעם געגנט. אין 1836 האָט דער דאָזיקער דר. ראָזענטאַל געבעטן מען זאָל אים דערלויבן צו קויפן אַ גוט. מען האָט אים אָבער אָפּגעזאָגט, ווייל זייענדיק אַ ייד האָט ער ניט געהאַט קיין בירגער-רעכט און נאָר אַ בירגער האָט געקאָנט זיין אַ גוט-באַזיצער (פּראָטאָ-

עס איז אומפֿאַרשטענדלאַך, וואָס טוט דאָ אין דער אַנטאָלאָגיע געלה, די טאָכטער פֿון דעם גר־דרוקער משה בן אַברהם האַאַזע פֿון ניקאָלסבורג. אויב געלה איז אַריין אין דעם זכות, וואָס זי האָט פֿאַרפֿאַסט אַ געגראַמטע הקדמה צום סידור „תפלה למשה" (און ניט צום „תפלת משה", ווי עס ווערט ניט ריכטיק אָנגעגעבן ביי קאַרמאַנען אויף ז. XXXII און ז. 341) — דאַרף דאָך אויך פֿיגורירן איר שוועסטער עלה (געב. 1687, אַרבעט אין דעסוי אין 1696).

עלה האָט פֿאַרפֿאַסט אַן ענלאכע געגראַמטע הקדמה צו דעם זעלבן סידור „תפלה למשה", נאָר געדרוקט ניט אין האַלע, נאָר אין דעסוי (1696, 426 + 18 בל. 4°).

דער טעקסט פֿון דער הקדמה ווערט געבראַכט ביי שטיפֿן (לאַנדוי־בוך, ז. 127, הערה 1) און ביי פֿרוידנטאַל: Aus der Heimat Mendelsohns (ז. 163).

עלה האָט אויך געזעצט דעם מחזור, וואָס הירש עטינגען האָט אין 1700 אַרויסגעגעבן אין פֿראַנקפֿורט דאדר (C.B. 8093).

אויב אָבער עלהס זכות באַשטייט אין דעם, וואָס זי איז געווען אַ זעצערין — דאַרף מען קלאָר מאַכן, אַז זי איז ניט די איינציקע. אין 1627 האָט אין פּראָג געאַרבעט גיטל בת יהודה הכהן. אין קראָקע האָט געזעצט צערנע בת מנחם מייזלש. אַ געוויסע שרה יפה ווערט דערמאָנט אַלס אַן אייגנטימערין פֿון אַ דרוק און אַ זעצערקע. ווער ווייסט אפֿשר וואָלט זיך געלאָזט פֿעסטשטעלן, אַז זיי האָבן אויך געשריבן געגראַמטע הקדמות?

ניט נאָר די שוועסטער געלה און עלה שרייבן געגראַמטע הקדמות צו די ספֿרים וואָס זיי זעצן, דאָס טוט אויך זייער פּלימעניצע רבקה, די טאָכטער פֿון ישראל בן משה גר.

אין דעם מחזור, וואָס ישראל בן משה האָט אַרויסגעגעבן אין ניי־וויד, אין 1735 [אין צוויי חלקים קוואָרטאָ, געפֿינט זיך אין פֿראַנקפֿורט און אין דאַרמשטעטער הויף־ביבליאָטעק] איז פֿאַראַן דער זעלבער נוסח צום סוף פֿון ערשטן חלק, ווי אין „תפלה למשה":

„דיא טייטשי אותיות צו דעם מחזור חלק ראשון האב איך גיזעצט מיט מיינר האַנד, רבקה בת מהור"ר ישראל בעל המדפיס בין איך גינאנט: איר ליבי לייט ווען איר טון איין טעות גיפֿינט: אזוא גידענקט דאז איז האט גיזעצט גיוארט איין קינד."

אין די שאלות ותשובות „שאגת אריה" (ניי־ווינד, 1736) פֿיגורירט זי אַלס אַ זעצערין. „על ידי הפועלת במלאכת הקודש באמונה הזעצערין רבקה בת כהר"ר ישראל בעל המדפיס"...

לויטן יושר האָט זי אויך באַדאַרפֿט פֿיגורירן אין דער אַנטאָלאָגיע.

די כאַראַקטעריסטיק פֿון דער פּרוזע אין דער יידישער ליטעראַטור (אין דעם אַריינפֿיר) איז צו סכעמאַטיש, ווינציק זעלבשטענדיק און מערסטנטייל ניט באַגרינדעט. אַזוי, צום ביישפּיל ציטירט דער פֿאַרפֿאַסער פֿון דער הקדמה טובה פּאַנס אַ שאַבלאָנע שורה וועגן דער גאולה אַז גאָט „זאָל אונז היטן פֿר אלין פּיין און זאָל אונז פֿירן אין הייליגן לנד אַניין" און גיט צו אַז דער „באַלד" איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער פֿרויאישער דירעקטקייט, אַז די אויסלייזונג זאָל קומען „בלד". און ווי איז דער דין אַז אַלע מענערישע גאולה אַפּאַסטראָפֿן האָבן דעם זעלבן „בלד"?

אין דער הקדמה צו דער עלטערער דיכטונג פֿילט זיך אַ ניט קיין גרינטלאַכע באַקאַנטשאַפֿט מיט דער תקופֿה און מיט די מקורים. די גוטע כוונות זיינען אין דעם פֿרט אַ סך מכפּר.

פֿאַר אַ כאַראַקטעריסטיק פֿון דער יידישער לעזערין וואָלט מען באַדאַרפֿט אָפּערירן מיט אַ ביסל מער קוועלן; ווי, למשל, ראָזאַליע פּערלעס עסיי וועגן „אונזערע באָבעס" (יאָרבוך פֿיר יידישע געשיכטע און ליטעראַטור, בערלין, 1905), זכריהס פֿראַנקעלס פֿאַרזיכערע אַרבעט איז „מאָנאַטשריפֿט" (1885, ז. 145—165) און אפֿילו גליקעלן פֿון האַמעלן. עס וואָלט ניט געשאָדט זיין דערמאָנט אַזאַ טאַנדעט ווי קייזערלינגס בוך איבער דער יידישער פֿרוי, און דערצו נאָך מיט אַן אָנמערקונג אַז ס'איז אַ יקר־המציאות (ז. XXXVI). וועגן אַנדערע אָפּטיילונגען פֿון דער אַנטאָלאָגיע לאָט זיך קאָנקרעט גאָרנישט ניט זאָגן, ווייל דעמאָלט איז דאָס שוין אַן ענין פֿון געשמאַק און ניט פֿון וויסן און מעטאָדע.

אין סך הכל קאָן מען זאָגן, אַז די דאָזיקע אַנטאָלאָגיע, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן מיט פֿיל ליבשאַפֿט, געשמאַק און ענערגיע, וואָלט אַ סך געוווּנען, ווען די עלטערע יידישע דיכטונג וואָלט איינגאַנצן אויסגעלאָזט געוואָרן. זי פֿאָדערט גאָר אַן אַנדערן צוגאַנג, און אַ ספּעציעלע צוגרייטונג און מיט פּאַטאָסטאַטן אַליין איז מען דאָ ניט יוצא.

די אויסשטאַטונג פֿון דער אַנטאָלאָגיע איז ממש אימפּאָזאַנט און עס איז אַ פֿרייד צו קוקן אויף אַזאַ אויסגאַבע, אין וועלכער עס פֿילט זיך חוץ דער אַרבעט פֿון דעם צוזאַמענשטעלער אויך דער געשמאַק פֿון פֿאַרלעגער, ל. מ. שטיין.

פיר „אַ וואָרט פריור“ און דער נאָכוואָרט „אַ וואָרט דערנאָך“.

עס וואָלט בכלל געווען כדאי דורכפירן א פּאַראַלעל צווישן די טעקסטן פון וויינרייכס אויסגאַבע און די ניו יאָרקער מאַנוסקריפּטן. אזא ארבעט וואָלט אונדז באַלויכטן די וועגן פון עטינגערס שאַפן און דעם סיסטעם לויט וועלכן ער פלעגט באַאַרבעטן זיינע ווערק.

צום סוף וויל איך אָנווייזן אויף אַ פּאָר ניט־אויסגעניצטע קוועלן. די זשדאַנאָווער קאָלאָניע ווערט אויך באַשריבן אין דער רוסישער ביילאַגע צום „הכרמל“ (1862, 46). וועגן זאַמאָשטש געפינען מיר צוויי אינטערעסאַנטע קאָרעספּאָנדענצן אין „יוטשענקאַ“ (נום. 20, 1861 און נומער 22, 1862).

אין 1888 האָט שלום־עליכם געהאַט „די איבערשרייבונג אין זשאַרגאָן צווישן דר. עטינגער און לעווינזאָהן ז״ל“. ער האָט זיי צוגעזאָגט אָפּצודרוקן אין צווייטן באַנד פון זיין „פאָלקס ביבליאָטעק“. ליידער האָט ער דאָס ניט געטאָן, און מען ווייסט אפילו ניט ווו די בריוו זיינען אהינגעקומען*).

צו די אויפפירונגען פון „סערקעלע“ (ז. LXVII) דאַרף נאָך צוגעגעבן ווערן, אז אין 1881 האָט ל ע ר נ ע ר געשפּילט אין אָדעס די דאָזיקע פּיעסע „עטוואַס איבערגעמאַכט“ (ש מ ״ ר : „דאָס יודישע טעאַטער“, געדרוקט אין „דער כל־בוניק“, ביילאַגע צום „מענשען פריינד“, נומער 13, 1891, ניו יאָרק).

פאַר דער באַציִונג פון צעדערבוים צו עטינגערן איז כדאי אָנצוּווייזן, אז ער פלעגט אים ביי יעדער געלעגנהייט דערמאָנען (זע: „המליץ, 1868, נום. 31, אין א הערה צו אן ארטיקל פון א געוויסן יהושע לעווינזאָהן).

א סך ענינים זיינען נאָך ניט אויפגעקלערט געוואָרן. די כראָנאָלאָגיע פון עטינגערס ווערק פאָדערט נאָך א גרינדלעכע אויספאָרשונג. אזוי, למשל, איז ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן, ווען איז „סערקעלע“ אָנגעשריבן געוואָרן. פון דעם דאָקומענט, וואָס מ. וויינרייך ברענגט (ז. XXIX—XXVII) קען מען די דאַטע ניט באַשטימען. אויף גאָטלאָבערס זכרונות קען מען זיך שטאַרק ניט פאַרלאָזן. צ י נ ב ע ר ג („וואָסכאָד“, 1903, III, 64) נעמט אָן, אז „סערקעלע“ איז אָנגעשריבן געוואָרן פאַר 1837. אָבער וואָס מיינט דאָס „פאַר“? אפשר האָט ער די פּיעסע אָנגעשריבן אין לעמבערג, באַלד נאָכדעם, ווי ער האָט איבערגעלייענט די יידישע באַאַרבעטונג פון „טאַרטיף“? די פּרענומעריר־קוויטלעך שטאַמען פון אָדעס, ד. ה. פון אַן ערך 1847, ווו מען האָט שוין מסתמא געקענט זיין „סערקעלע“? מיר ווייסן דאָך, אַז אין אָדעס איז געווען א קרייז פון משכילים וואָס פלעגן פאַרברענגען זייער צייט, „אין לייענען ווערק אויף דעם פּויליש־יידישן זשאַרגאָן“ — ווי עס אינפאָרמירט אונדז א מיטצייטלער י אָ אַ כ י ם ט אַ ר נ אָ פּ אָ ל (1810—1900) אין זיין: Опыт современной и осмотрительной реформы в области юдаизма в России. Одесса, 1868, 86).

דאָס זיינען אַלץ פראַגן, וואָס וועלן אפשר מיט דער צייט פאַרענטפערט ווערן**)

אין וויינרייכס אויסגאַבע פון עטינגערס כתבים פאַרמאָגן מיר א פונדאַמענט אויף וועלכן מען וועט קענען בויען די ווייטערדיקע קאָנסטרוקציע, וואָס זאָל אַרומנעמען ניט נאָר דאָס לעבן פון דר. שלמה עטינגער, נאָר אויך דעם קריטישן אנאַליז פון זיין שאַפן, מיט א ברייטער שילדערונג פון זיין תקופה, אָנווייזונגען בנוגע זיין אָריגינאַליטעט און השפּעות אין זיינע ווערק.

„הונדערט יאָר האָט דר. שלמה עטינגער געמוזט וואַרטן, אַז זיינע ווערק זאָלן אַרויסגעריסן ווערן פון פאַרגעסעניש“ — זאָגט וויינרייך אין זיין הקדמה — „אָבער סוף כל סוף האָט ער זיך יאָ דערוואַרט אַ תיקון“ — גיט ער צו. ער פאַרדינט אַ יישר־כח פאַר דעם דאָזיקן תיקון!

[י. ש.] אַ פאַרזעענע אַרבעט איבער יידישע פאָלקס־לידער.

אין יאָר 1905 האָט דער סלאַוויסט פּ אָ ג אָ ד י ן אָפּגעדרוקט א גרעסערע אַנאַליטישע ארבעט איבער די יידישע פאָלקס לידער. זי איז געדרוקט אין דער „וואַרשאַווסקיא אוניווערסיטעטסקיאַ איזוויעסטיאַ“ (1905, I, ז. 1—35) און איז געבויט אויסשליסלעך אויף דעם מאַטעריאַל פון גינזבורג־מאַרעקס זאַמלונג. פּאָגאָדינס אַרבעט ווערט ניט דערמאָנט ניט אין ב. באָראָכאָווס ביבליאָגראַפיע („פנקס“, ווילנע, 1913) און ניט אין רייזענס לעקסיקאָן.

---

*) זע: "יודישע פאָלקס ביבליאָטעק, I, ז. 130. אויך אין א בריוול צו ש מ ע ו ן ד ו ב נ אָ ו ו (דאַטירט, קיעוו, דעם 7טן אויגוסט, 1888) דערמאָנט שלום־עליכם, אז ער האָט די קאָרעספּאָנדענץ צווישן דר. עטינגער און יצחק בער לעווינזאָן „וואָס האָט א וויכטיקע באַדייטונג“ („יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינא“, 1916, ז. 237). אין שלום־עליכם אַרכיוו זיינען די בריוו ניט אָפּגעהיט געוואָרן.

**) ו ו י נ ע ר שרייבט אַז די פּיעסע איז אָנגעשריבן געוואָרן אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן (it was written early in the twenties) פון וואַנען ער שעפּט די דאָזיקע ידיעה איז שווער צו וויסן (זע: The History of Yiddish Literature . . . N. Y., 1899. p. 140). ISRAEL COHEN אין זיין קאָמפּילאַטיווער ארבעט: Literature in the Ghetto געדרוקט אין The Jewish Literary Annual לאָנדאָן, 1904, ז. 29—62, נעמט אויך אָן וויינערס דאַטע.

קאָלן פון אדמיניסטראַטיווען ראַט פון 1836. רעזאָלוציע פון 8טן מאַרט, 1836. באַנד I).

ווי לאָזט זיך דאָס דערקלערן, וואָס גראַד זאַמאָשטש האָט געהאַט צו יענער ציַיט דריַי יידישע דאָקטוירים, דעמאָלט, ווען א סך גרעסערע שטעט האָבן זיך באַנוגענט מיט איינעם און אַמאָל אויך דאָס ניט געהאַט? די נאָענטקייט פון לעמבערג, וווּהין די זאַמאָשטשער משכּילים פלעגן אָפּט פאָרן און דרוקן דאָרט זייערע ווערק בכלל, דער קאָנטאַקט מיט די משכּילים אין גאַליציע איז געווען א סך לעבעדיקער ווי מיט די פון וואָלין, ליטע און אוקראַינע. די פּוילישע משכּילים האָבן געפילט א גרעסערע נאָענטקייט מיט די גאַליצישע חברים, איידער מיט די ליטווישע און אוקראַינישע. דערצו נאָך האָט זאַמאָשטש אין די יאָרן 1796—1807 געהערט צו עסטריַיך (מזרח־גאַליציען). דאָס ערקלערט אונז פאַרוואָס איז גראַד דאָרטן די השכּלה געווען בעסער רעפּרעזענטירט ווי אין אַנדערע יידישע שטעט אין פּוילן.

; חוץ דעם האָט זאַמאָשטש פאַרמאָגט סתם בעלי־בתים־אינטעליגענטן, כּלל־טוער, כּמו מעצענאַטן ווי: ר׳ שעיה מאַרגוליס, וואָס האָט געהאָלפן עטינגערן גרינדן אַן אַפּטייק. און עטינגער אַליין בליַיבט אין זכרון פון די זאַמאָשטשער יידן ניט נאָר אַלס רופא, נאָר אַלס א מחבר פון קאַטאָווועסלעך און מעשׂיות. (זע אַלטבערגס קאָרעספּאָנדענץ אין „יוטשענקא“, 1861, נומער 20).

אפילו אין דער קאָלאָניע זשדאַנאָוו, געגרינדעט פון עטינגערן איז געווען א צענטער פון דעם „העברעאישן אינטעלעקטואַליזם“. דאָרטן, דערציילט אונז נחום סאָקאָלאָוו, לויט מינדלעכע אינפאָרמאַציעס פון אַלטע משכּילים, פלעגן פאַרברענגען א סך „העברעאישע אינטעליגענטן פון זאַמאָשטש“ („איזראַעליטא“, 1898, 12).

אין הרוביעשאָוו איז אויך געווען א צענטער פון פּוילישע משכּילים. דאָרטן איז געווען א דרוקעריַי און די פּערזאָן פון דעם ליידער ווינציק באַקאַנטן יידישן כּלל טוער ליב שפּער האָט צוגעצויגן צו זיך מענטשן מיט וויסן און רעפאָרמאַטאָרישע פּלענער אויפן געביט פון קאָנסטרוקטיווער אַרבעט לטובת די „גלויבנס־ברידער“.

און ניט וויַיט אין שטשעבזשעשין איז געזעסן דער גרויסער תּלמיד־חכם, דער אויטאָדידאַקט יעקב רייפמאַן און לויטן זאַמאָשטשער מוסטער האָבן זיך דאָרטן אַרום אים גרופּירט די משכּילים, וואָס פלעגן פאַרברענגען זייער ציַיט אין ויכּוחים און שמועסן איבער ליטעראַטור און... ערד־אַרבעט (פויווישיפער, דער מחבר פון „מטע לשם“, א העברעאישע דראַמע־אידיליע איז אויך געווען צווישן זיי).

אַריינפלעכטן די דאָזיקע משכּילישע סביבה פון יענעם פאַרוואָרפענעם קרייז פון לובלינער געגנט אין דער ביאָגראַפישער קאַנווע פון עטינגערס לעבן מיינט פּשוט ערקלערן א סך זאַכן, וואָס זיינען אַזוי ניט פאַרשטענדלעך. בכלל די גייסטיקע אַטמאָספערע פון די דאָרטיקע יידישע קהילות אין שייכות מיט סטאַניסלאַוו סטאַשיצעס טעטיקייט לטובת דער עקאָנאָמישער אויפהייבונג פון פּוילישן פּויער און מיט זאַמאָיסקיס הילף און שטיצע פאַר ליב שפּער, אַז יידן זאָל זיך נעמען צו ערד־אַרבעט—דווקא אין זייַנע גיטער—דאָס זייַנען די סאַמע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון יענער תּקופה, ספּעציעל אין דער דאָזיקער סביבה אין וועלכער ס׳איז אויסגעקומען דר. עטינגערן צו לעבן און צו ווירקן.

ספּעציעל וועגן די יידישע קאָלאָניסטן אין לובלינער גובערניע פאַרמאָגט א סך מאַטעריאַל דער „אַרכיוו פון אַלטע אַקטן אין וואַרשע“ (נומ. 5199). בעת איך האָב וועגן דעם אינפאָרמירט דר. וויַינרייך האָב איך ניט געהאַט אונטער דער האַנט מיינע נאָטיצן און דעריבער האָט ער ניט געקאָנט געפינען דאָרטן די וויכטיקע אַקטן, וואָס אַנטהאַלטן, צווישן אַנדערע, אויך א כאַראַקטעריסטיק פון דר. עטינגער (זע: הערה נומ. 29 אין וויַינרייכס הקדמה, זייט LX).

בנוגע די טעקסטן פון דער אויסגאַבע, וויל איך באַמערקן, אַז די מאַנוסקריפּטן פון „סערקעלע“, ווי אויך פון די „פאַבלען אין יודישער שפּראַכע פאָם דאָקטאָר עטטינגער, אין זאַמאָסטש“ — וואָס געפינען זיך אין דער יידישער אָפּטיילונג פון דער ניו יאָרקער עפנטלעכער ביבליאָטעק, זיינען ניט קיין קאָפּיעס, ווי איך האָב אינפאָרמירט דר. וויַינרייך (זע: הערה 47 אויף ז. XLVI)— נאָר אָריגינאַלן. איצט האָבנדיק עטינגערס א פאַקסימיליע האָב איך דאָס געקענט פעסטשטעלן. אויך די אינפאָרמאַציעס, וואָס דער פאַרשטאָרבענער פּריידוס האָט מיר געגעבן וועגן דעם מקור פון וואַנען די ביבליאָטעק האָט די דאָזיקע מאַנוסקריפּטן — איז ניט קיין ריכטיקע. לויט דעם איינקויף־בוך פון דער ביבליאָטעק זיינען די פאַבלען געקויפט געוואָרן דעם 29טן יולי, 1898, ביי דעם ניו יאָרקער אַנטיקוואַר שטעכערט. דער לעצטער האָט דעם מאַנוסקריפּט געקויפט ביי דעם משכּיל און ביכער־זאַמלער באַנק. דער טעקסט פון די פאַבלען ווי אויך פון „סערקעלע“ וויַיכט שטאַרק אָפּ פון דעם נוסח, וואָס וויַינרייך האָט אָפּגעדרוקט. אָפטמאָל באַשטייט דער אונטערשייד ניט נאָר אין ווערטער אָדער זאַצן, נאָר אין גאַנצע קופּלעטן. אַזוי, למשל, פאַרמאָגט די פאַבל „באָלוואַן“ (וויַינרייך, ז. 167—169) מיט 12 שורות מער אין דעם ניו יאָרקער מאַנוסקריפּט, ווי אין וויַינרייכס טעקסט.

אין „סערקעלע“ פעלט דער געגראַמטער אַריינ־

פון דעם פאַרגעסענעם הומאָריסט ד ו ד א פּ אָ ־ ט י י ק ע ר.

חוץ דעם געפינען מיר אין דעם דאָזיקן באַנד זכרונות צוואָרפענע שטריכן, וואָס וועלן מיט דאַנקבאַרקייט אויסגענוצט ווערן אין דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע און געזעלשאַפטלעכע ריכ־טונגען דאָ אין לאַנד, וואָס וועט מוזן מיט דער צייט אָנגעשריבן ווערן. אַזוי, צום ביישפּיל, זיינען אינ־טערעסאַנט די דעבאַטן וועגן ארויסגעבן א צייטונג (ז. 247—249), די אָפּשאַצונג פון די „יודישע גאַזעטן" מצד אַ ראַדיקאַל (ז. 107), די פּראָיעקטן פון די „פּיאָנערן פון פריהייט" ארויסגעבן א יידישע צייטונג (ז. 243) און אַז. וו. אויספירלעכער פון אלע אנדערע צייטונגען פון דער געשילדערטער עפּאָכע איז באשריבן די „פריוע ארבעטער שטימע" און אירע גלגולים (ז. 256—260 און דער גאַנצער קאַפּיטל 25). פאַר דער פּאַדאָגאָגישער ליטעראַטור פון יענער תקופה, ווי צום ביישפּיל, פאַר דער „תפלה זכה", וואָס די אנאַרכיסטן האָבן ארויסגעגעבן אין די ניינציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, ווערט פעסטגעשטעלט אַז ד ר. י. א. מ ע ר י ס אָ ן האָט געשריבן דעם יידישן טעקסט און ד ר. י ע ו ו ־ ז ע ר אָ ו ו, (זיין פרוי) — דעם העברעאישן (ז. 234). אויף אַזאַ אופן ווערט דערגאַנצט פּראָפע־סאָר ד אַ ו ו י ד ז אָ נ ס ביבליאָגראַפיע (Parody in Jewish Literature, p. 260) וועגן יידישע פּאַראָדיעס, ווו די דאָזיקע „תפלה זכהס" ווערן ארייגערעכנט צווישן די אַנאָנימע אויסגאַבן (נומער 394).

קיין סך נייע דאַטן צו דער געשיכטע פון דער יידישער פרעסע אין אַמעריקע גיבן די זכרונות ניט. זייער באדייטונג באַשטייט אָבער ניט אין דאַטן, נאָר אין מאָלן די געזעלשאַפטלעכע אטמאָספערע, וואַס האָט גורם געווען די אנטשטייאונג פון דער דאָזיקער פרעסע און גיט דערפאַר אויך דעם שליסל צום פראָב־לעם פארוואָס האָט די דאָזיקע פרעסע געהאט אזא קורצן פרילינג און איז שנעל אונטערגעגאנגען.

דער סך־הכל: אין דעם דאָזיקן בוך זכרונות איז פאַראַן א סך מאַטעריאַל, וואָס דער היסטאָריקער פון דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט בכלל און פון איר הויפּט־אויסדרוק, דער פרעסע, וועט ניט קענען פאַרבייגיין.

דר. חיים ספּיוואַק

(1927—1861)

מיט דעם טויט פון דר. חיים חייקל ספּיוואַק איז אוועקגעריסן געוואָרן פון אמעריקאנער יידנטום א גרויסע, אידעאלע, ליכטיקע פערזענלעכקייט, אַן אמתער באַשיידענער, מוסטער־האַפטער הומאַניסט, אַ זעלטענער טיפּ ייד־מענטש און א פילזייטיקער, אויסגעצייכנטער תלמיד־חכם, געלערטער און וויסנשאַפטמאַן.

עס איז אויסגעלאָשן געוואָרן אַ שיינע, קרישטאָל־ריינע, טיף־גלויביקע נשמה, אַ זוכנדער, בענקענדער גייסט און א לעבן פול מיט מעשים, אויפטוּונגען און שאַפונגען.

ניט קיין פולע אָפּשאַצונג, אפילו ניט די הויפּט־שטריכן און מאָמענטן פון זיין אינהאַלט־רייכן, ווירקזאַמען לעבנסלויף בין איך בדעה דאָ צו געבן. ניט גענוג פאַר דעם זיינען די ראַמען פון אַן הזכרה, די געציילטע שורות פון א נעקראָלאָג

פאַר די וואָס ווילן דאַטן, וועלן עס געפינען אין ז. רייזענס נייעם „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור", באַנד II, ז. 687—690. פאַר די וואָס זוכן מער אינפאָרמאַטיווע מאַטעריאַלן, כאַראַקטעריסטישע איינצלהייטן און לעבעדיקע באַשרייבונגען איבער זיין פיל געשטאַלטיקער פּערזענלעכקייט און פאַרצווייגטע טעטיקייטן אויף פאַרשיידענע געביטן, וועלן עס, טיילווייז, געפינען אין דעם ספּעציעלן מעמאָריאַל־נומער פון The Sanatorium, Vol. XXII, Nr. 4 אַ זשורנאַל, וואָס איז דורך ספּיוואַקן אין 1907 געגרינדעט און פון אים ביז די לעצטע טעג רעדאַקטירט געוואָרן, געווידמעט אינגאַנצן ספּיוואַקס אָנדענקען, און אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט א צאָל פריינט און קאָלעגן מיט מערערע אָפּשאַצונגען און אויך זכרונות.

כ'וויל נאָר דאָ באַרירן אייניקע פּונקטן איבער ספּיוואַק דעם וויסנשאַפטמאַן. אין ערשטן העפט „פנקס" האָט ער געשריבן זיינע זכרונות וועגן יהואָש דעם וויסנשאַפטסמן, און עס האָט

(א. ב. גאָטלאָבערס יידישע ווערק, ארויסגעגעבן פון א. פרידקין און ז. רייזען. ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין, 1927. XXII+257 זייטן. מיט פיר שערים פון גאָטלאָבערס ווערק).

אין מיין רעצענזיע איבער פרידקינס „גאָטלאָבער און זיין עפּאָכע" (פנקס" I, ז. 162-168) האָב איך אויסגעדריקט דעם ווונטש, צו זען געזאַמלט אין איין באַנד אַלע יידישע ווערק פון אברהם בער גאָטלאָבער.

דער ווונטש איז רעאַליזירט געוואָרן א סך פריער, ווי איך האָב ערוואַרטעט. די זאמלונג פון רייזען און פרידקין איז ניט קיין וויסנשאַפטלעכע. זי טראָגט מער אַ כאַראַקטער פון סתם אַ זאַמלונג פון גאָטלאָבערס ווערק. די צוזאַמענשטעלער האָבן א סך פאַרפעלט. אַזוי, למשל, פעלן די לידער, וואס זיינען געדרוקט (לויט ווינערס אָנווייזונגען אין זיין געשיכטע, ז. 76) אין „ישראליק", נומער 13, „יידישעס פאָלקס-בלאט" (צווייטער יאָרגאַנג, נומער 10).

אין זיינע „אידישע מעלאָדיען" דערמאָנט קאַצענעלענבאָגען (ז. 55) א ליד, וואָס הייבט זיך אָן: „איך לאַך זיך פון אַייערי טראָטן אויס", אנטנומען און באַארבעט פון א ווינער זשורנאל.

אין ספעקטאָרס „פאַמיליען פריינד" (ווארשע, 1887) איז געדרוקט גאָטלאָבערס אן אָפּערעטע „דער מעדאַליאָן" (אויך באארבעט נאָך „חותם שדי"). עס פעלן די צוויי כאַראַקטעריסטישע הקדמות, וואָס גאָטלאָבער האָט געשריבן צו י ו ס ף ו ו י נ ש ט י י נ ס „אַלט און ניי, אָדער דור הולך ודור בא" (אָדעס, 1867) און א קורצערע צו ה ע נ י ה ע ל פ מ א נ ס „דיא פארפיהרטע יוגענד, אָדער די בלינדע עלטערן. איינע ערצעהלונג פין געגענווערטיגער אויך פין פערגאַנגענער צייט" (אָדעס, 1886).

עס וואָלט אויך געווען א יושר אָנצוגעבן די דאַטן, ו ו ע ן די לידער זיינען אָנגעשריבן אָדער געדרוקט געווען.

די איינלייטונג צום בוך האָט א ריין אינפאָרמאַטין ווערט.

די גאַנצע אויסגאבע איז דורכגעפירט געוואָרן אָן גרויסע הכנות. דאָס פילט זיך אויף טריט און שריט.

דאָך קומט די ארויסגעבער א יישר כח. פאָרט עפּעס אויפגעטאָן. מען וועט כאָטש האָבן ווו אַריינצוקוקן — ווייל עס איז א באַקאַנטע זאך, אז גאָטלאָבערס ווערק זיינען זייער זעלטן און מען קען אפילו ניט באקומען די זשורנאלן, ווו זיינע לידער האָבן זיך געדרוקט.

די פולשטענדיק געזאמלטע יידישע ווערק פון א. ב. גאָטלאָבער דארף נאָך ארויסגעגעבן ווערן.

(י. קאָפּעלאָוו: אַמאָל אין אַמעריקע. זכרונות פון דעם יידישן לעבן אין אמעריקע אין די יאָרן 1883—1904. פארלאג ח. בזשאָזא. ווארשע, 1928, 464 זייטן, 8°.)

ק א פּ ע ל א ָ ו ו ס זכרונות פון דעם יידישן לעבן אין אמעריקע זיינען געשריבן זייער לעבעדיק און אינטערעסאַנט. דאָס בוך דארף פאַרינטערעסירן דעם לייענער, אפילו ווען ער איז באַקאַנט מיט דער תקופה, וואָס ווערט אין די זכרונות געשילדערט.

אונדז אינטערעסירט דאָס בוך חוץ אלעמען אויך צוליב דעם, וואָס מיר געפינען דאָרטן אינטערעסאנטע שילדערונגען פון דעם יידישן ליטעראַרישן לעבן דאָ אין לאַנד; פּאָרטרעטן פון פאַרשטאָרבענע שרייבער (עדעלשטאַט, אַפּאָטייקער) און וואָס מיר באַקענען זיך מיט געוויסע הינטערקוליסן פאַקטן, וואָס וואַרפן אַ ליכט אויף דער אַנטשטייאונג פון פארשיידענע פּאַרטיי־צייטונגען און אויסגאַבן, אין אמעריקע. דערפאַר האָט דאָס בוך א באַדייטנדעם ווערט פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע דאָ אין לאַנד.

קאָפּעלאָוו איז געקומען קיין אמעריקע אין יאָר 1883 „שלעפּנדיק" מיט זיך ל י פ ש י צ ע ס יידיש־רוסישן ווערטערבוך. ער איז געשטאַנען זייער נאָענט צו דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג און דערפאַר קאָן ער מיט אזעלכע איינצלהייטן דערציילן די גלגולים פון דער יידישער פרעסע פון דער דאָזיקער ריכטונג.

אין דעם דאָזיקן באַנד ווערן באַשריבן: די ערשטע אַנאַרכיסטישע צייטונג אויף יידיש אין אמעריקע „די וואַרהייט" (אין 1889), „די נייע צייט" פון ראַיעווסקי און קאַהאַן (1886), „די נייע וועלט" און אנדערע.

מאַנכע צייטונגען ווי „דער מאָרגנשטערן" (1890), „די ארבעטער צייטונג" (מערץ, 1890) און „פרייע ארבעטער שטימע" (ערשטער נומער דערשינען דעם 4טן יולי, 1890) ווערן באַשריבן גאַר אויספירלעך. די כאַראַקטעריסטיקן פון די רעדאַקטאָרן, פון דער אַטמאָספערע ארום דער צייטונג און דער אידייען־קאמף זיינען גאָר א וויכטיקער צושטייער פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער פרעסע אין אמעריקע.

אפילו אזא צייטונג ווי „דאָס יידישעס טאַגעבלאַטט" קריגט דאָ אַ בולטע כאַראַקטעריסטיק א דאנק דער שילדערונג פון זיינע לייענער אין די „קאָנטריס".

פאַר דער ליטעראַטור־געשיכטע האָבן א באַדייטונג קאַפּיטל 18, אין וועלכן ס'רעדט זיך אויספירלעך וועגן ד ו ד ע ד ע ל ש ט א ַ ט ן. אויף ז. 343 געפינען מיר אַן אינטערעסאַנטע כאַראַקטעריסטיק

אויך אויף יידישע. געמיינט מיט דעם יידישע וויסנשאַפט ניט אָפּהענגיק פון שפּראַך, מערסטנטיילס טאַקע אין ענגליש. אָבער פּאַראַלעל מיט דעם איז ער אויך געווען אן אומער־מידלעכער אַרבעטער, פאָרשער און באַריכערער פון וויסנשאַפט אויף י י ד י ש. און אין דעם פּאַל אויך אויף צווייערליי אופנים: סתם ו ו י ס נ ש אַ פ ט אין יידיש ווי מעדיצין און אַנדערע געביטן, און ספּעציפישע י י ד י ש ע וויסנשאַפט, ווי פילאָלאָגיע, פאָלקס־מעדיצין, פאָלקלאָר, ביבליאָגראַפיע, סאָציאָלאָגיע און אויך ריין ליטעראַרישע.

אויף דעם פילאָלאָגישן געביט איז גענוג צו דערמאָנען דעם „יידיש־ווערטערבוך" (העב־רעאישע עלעמענטן), ניו יאָרק, 1911, וואָס ער האָט צוזאַמען מיט יהואש געשאַפן און אַרויסגעגעבן, און איבער וועלכן ער האָט אויספירלעך געשריבן אין זיינע זכרונות אין „פּנקס", אויף ווי ווייט ס'באַשטייט זיין חלק אין דעם.

(פון דר. ספּיוואַקס לעצטע בילדער)

ספּיוואַק האָט אויך געלאָזן פיל ניט פאַרענדיקטע זאַכן, צווישן זיי האָב איך געפונען אין ניו יאָרקער אָפּיס פון דענווער סאַנאַטאָריום אן אָנגעהייבענע אַרבעט איבער דעם יידישן וואָרט־אוצר, קלאַסיפיצירט לויט באַגריפן און געגנשטאַנדן, ווי מידות, רעליגיע, געזונטהייט, מסחר, רייך, אָרים, פרייד, ליבע, צייט, דענקען, און א סך אַנדערע; א פלייסיקע זאַמלונג פון הונ־דערטער און אפשר טויזנטער ווערטער.*)

פון באַזונדער וויכטיקייט זיינען דר. ספּיוואַקס פּאָפּולערע מעדיצינישע אַרטיקלען געשריבן אין א זאַפטיקן קערענדיקן יידיש, דורכגעשפּונען מיט דעם יידישן לעבענס־שטייגער, מיט דעם יידישן פאָלקס־לעבן, מעדיצין און היגיענע. גענוג צו דערמאָנען זיין סעריע אַרטיקלען

*) זאָל אויך פאַרצייכנט ווערן די אויסגעלאָזענע אַרטיקלען פון זיין ביבליאָגראַפיע: „די גאַנצע וועלט רעדט לשון קודש" (רעצענזיע), „ציקונפט", 1908, ז. 555—561; די העברעאישע עלעמענטן אין יידיש", „דאָרט", 1913, ז. 59—63; יהואשעס יידישע איבערזעצונג פון חומש, „פאָרווערטס", נאָוו. 9 1926; אַלטע און נייע ווערטער אין יהואשעס יידישן חומש, פיל. שריפטן, צווייטער באַנד, 55—68.

קיינעם און קיינמאָל ניט געקאָנט קומען אויפן געדאַנק, אַז אין דעם צווייטן העפט וועט מען באַדאַרפן טאָן דאָסזעלבע פאַר אים, אונטערשטרייכן דעם לעצטן סך־הכּל פון זיינע פּרוכבאַרע וויסנשאַפטלעכע אויפטוּאונגען און ליטעראַרישע לייסטונגען.

וואָס האָט ספּיוואַק אויפגעטאָן פאַר דער וויסנשאַפט בכלל און פאַר דער יידישער בפרט? קודם־כּל אַלס מעדיצינער. די מעדיצין איז ניט נאָר געווען פאַר אים אַ פּראָפעסיע, נאָר אויך אַ הייליקע שליחות פון מענטשן־ליבע, פאַר לינדערן שמערצן, ליידן, נויט און עלענד. און נאָך ער אליין איז געווען מסוגל אויפצוגעבן זיין גרויסע דערוואָרבענע פּראַקטיק פאַר צענדליקער יאָרן לטובת דעם דענווער סאַנאַטאָריום, ווען מען האָט דאָס פון אים פאַרלאַנגט, אַזוי ווי ער האָט אויך באַוויזן זיין אידעאַליזם מיט זיין אייגנאַרטיקער הומאַנער צוואָה, אָפּזאָגנדיק זיין קערפּער פאַר מעדיצינישער פאָרשונג לטובת וויסנשאַפט.

אַזוי האָט ספּיוואַק געקוקט אויף זיין קאַריערע אין לעבן, אַ קוק וואָס נאָר יחידי סגולה פון זיין פאַך פאַרמאָגן. און דעריבער, פאַרשטייט זיך, איז ער ניט נאָר געווען פון די געלערנטע אין זיין געביט, נאָר אויך אַ פאָרשער, ווי ער האָט דאָס פאָרמולירט מיט זיינע ווערטער: „איינער, וואָס דורך זיין שטודיום באַצוועקט ער צו באַרייכערן, פאַרברייטערן און פאַרטיפן די וויסנשאַפט... און גיט זיך אָפּ סיסטעמאַטיש צו זוכן נייע פאַקטן, נייע געזעצן אין דער וויסנשאַפט".

און ער איז געווען פון די זוכער, אויב אפילו ניט אַלעמאָל פון די אַנטדעקער, דאָך פון די שטענדיקע גריבלער, עקספּערימענטאַטאָר און פאָרטיפער. ער איז אויף דעם מעדיצינישן געביט געווען שעפעריש אין פאַרשיידענע ריכטונגען: אַלס פּראַקטיקער, אָרגאַניזאַטאָר, לעקטאָר, פּראָפעסאָר פון אַנאַטאָמיע און מאָגן־קראַנקהייטן, און איבערהויפּט אַלס פאַרפאַסער פון אַ גרויסער צאָל מעדיצינישע שריפטן און אַרבעטן.

ביז 1911 איז פאַרצייכנט געוואָרן 49 נומערן פון ספּיוואַקס מעדיצינישע אַרבעטן אין Index—Catalogue of the Library of the Surgeon General's Office, U. S. Army, Second Series, Vol. XVI, pp. 409-410 (Washington 1911)

אַ פאַרגרעסערטער ביבליאָגראַפיע איז דערשינען אין Medical Life, Jan. 1928 צוזאַמען מיט דר. לעווינסאָנס אַרטיקל איבערגעדרוקט נאָכהער אין „סאַנאַטאָריום", וואָס אַנטהאַלט אויך אַ פאַרגרעסערטע רשימה פון דר. ספּיוואַק'ס „ניט מעדיצינישע" אַרטיקלען אין ענגליש, יידיש, העברעאיש און רוסיש — אָבער איז זייער ווייט פון שלמות, און אויך ניט אויסגעהאַלטן אין איר קלאַסיפיקאַציע.

די אָפּשאַצונג פון זיינע מעדיצינישע פאַרדינסטן און אויפטוּאונגען, באַלאַנגט צו אַ פאַך־מאַן, און דאָס האָט טאַקע געטאָן זיין פריינד און קאָלעגע דר. א. לעווינזאָן (פון שיקאַגאָ) אין אַ אָפּהאַנדלונג „דר. ספּיוואַקס ביישטייערונג צו מעדיצין", אין דעם אויבנדערמאָנטן „סאַנאַטאָריום".

אָבער אויך אַלס מעדיקער איז דר. ספּיוואַק ניט נאָר געווען דער אַלגעמיינער, נאָר גלייכצייטיק אויך דער יידישער וויסנשאַפטסמאַן. שוין זיין ערשטע מעדיציניש ווערק איבער „מענסטרואַציע" (פילאַדעלפיע, 1891), איז געווען באַזירט הויפּטזעכלעך אויף תּלמודישע מקורות. און אַזוי האָט זיך געצויגן דער פאָדים פון אַ יידישן תּלמיד חכם אין אַ סך פון זיינע מעדיצינישע פאָרשונגען, איבערהויפּט היסטאָריש־מעדיציניש. (זע ביבל. אין „סאַנאַטאָריום" I. Medical History).

ליידער האָבן די אומשטענדן, סביבה, זיין נע ונד לעבן, זיין זעלבסטאָפּפערונג פאַרן סאַנאַטאָריום — האָבן מער ווי געשטערט צו קענען זיך ווידמען פאַר אַ גרויס ווערק. אָבער אַיין מאָנומענטאַלע אַרבעט האָט ער אָפּגעגעבן אַ סך יאָרן און דאָס איז: זיין ביבליאָגראַפיע פון דער יידישער מעדיצין. איבער דעם ווערק האָט ער שטענדיק געאַרבעט און געגאַרט צו זען געדרוקט. פון דעם האָט ער אפילו ניט מסיח דעת געווען אויף זיין טויטן־בעט.

מען קען זיך ניט פאָרשטעלן קיין פאַסיקערן מאָנומענט פאַר אים, ווי אַרויסגעבן זיין יידיש מעדיצינישע ביבליאָגראַפיע, וואָס וואָלט געווען אויך פון גרויס נוצן און וויכטיקייט פאַר פאָרשער און וויסנשאַפט.

ווי באַמערקט, האָט ער גלייכצייטיק געאַרבעט אין צוויי ריכטונגען, אפילו אויך אין פרעמד־שפּראַכן, האָט ער ניט נאָר געאַרבעט אויף אַלגעמיינע וויסנשאַפטלעכע געביטן נאָר

ש. ניגער:

ווען האָט א. מ. דיק אָנגעהויבן שרייבן יידיש?

וואָס איז געווען דאָס ערשטע ווערק פון אייזיק מאיר דיק אויף יידיש און ווען איז עס פארעפנטלעכט געוואָרן? דאָס איז א פראגע, וואָס איז וויכטיק נישט נאָר פאַר דער ביאָ־און ביבליאָגראַפיע פון דעם פּראָדוקטיווסטן יידישן השכלה־שרייבער. פאַר דער גאַנצער אויפקלערונגס־ליטעראַטור אויף יידיש, ווי ווייט זי איז געווען בעלעטריסטיש, איז דער דעביוט פון א. מ. דיק א היסטאָרישע דאַטע. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון דער געדרוקטער יידישער בעלעטריסטיק אין דער עפּאָכע פון דער השכלה.

דאָס איינציקע ווערק, וואָס איז אויפן געביט פון דער שיינער ליטעראַטור פאַרעפנטלעכט געוואָרן, איידער עס איז געקומען דיק, איז געווען אהרן וואָלפסאָנס „לייכטזין אונד פרעמעליי" (ברעסלוי, 1796), אָבער דאָסדאָזיקע ווערק געהערט נאָך אייגנטלעך צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין דייטשלאַנד און דער עיקר איז, וואָס עס איז געבליבן פאַראיינצלט (אייכלס קאָמעדיע „רב העניך אודר וואש טוט מען דער מיט" איז געדרוקט געוואָרן ערשטע שפּעטער, אין יאָר 1864). אַלע איבעריקע יידישע אויפקלערונגסווערק, וועלכע זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין סוף 18טן און אָנהייב 19טן יאָרהונדערט, ווי, צום ביישפּיל, דר. מאַרקוזעס „ספר רפואות" (1790), מענדל לעפינס איבערזעצונג פון משלי (1816), חיים חייקל הורוויצס „צפנת פענח" (1817), ר' מנשה איליערס „סמי דחיי" (1818 אָדער 1823), מרדכי אהרן גינזבורגס „ענטדעקונג פון אַמעריקאַ" (1824) — זיינען געשריבן געוואָרן ניט אין א בעלעטריסטישער פאָרם. די דערציילונגען, דראַמעס, לידער, משלים, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן פון פּוילישע, דרום־רוסישע אָדער ליטווישע שרייבער פאַר דער עפּאָכע פון א. מ. דיק, זיינען אַלע אָן אויסנאַם געדרוקט געוואָרן ערשט נאָכדעם ווי דיקס ביכלעך זיינען שוין ווייט און ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן פון די מוכר ספרים־ניקעס און די פּאַקנטרעגערס. יצחק בער לעווינזאָנס „הפקר וועלט" איז צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן ערשט אין יאָר 1888. עטינגערס, אַקסענפעלדס, גאָטלאָבערס דראַמעס און דערציילונגען, האָבן, פּונקט אַזוי ווי די לידער פון בערל בראָדער און וועלוול זבאַרזשער — זיך אָנגעהויבן דרוקן ניט פריער ווי אין די זעכציקער יאָרן, אין „קול מבשר" אָדער אין באַזונדערע ביכלעך, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס פאַרפאַסט (און אין מאַנוסקריפּט פאַרשפּרייט) געוואָרן זיינען זיי נאָך אין דער ערשטער העלפט אָדער גאָר אפילו אין דעם ערשטן דריטל פון 19טן יאָרהונדערט. דער איינציקער השכלה־שרייבער אין רוסלאַנד, וועלכער האָט געדרוקט זיינע מעשה־ביכלעך אויף יידיש נאָך פאַר די 60ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, וועלכער האָט צוגעגרייט לעזער פאַרן „קול מבשר" און זיינע מיטאַרבעטער און איז דער פאַקטישער אָנהייבער פון דער נייער יידישער דערציילונגס־ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט — איז אייזיק מאיר דיק.[1] באַשטימען די צייט, ווען זיינע ערשטע ווערק האָבן זיך געוויזן אויף דער ליכטיקער שיין, הייסט, אַלזוי, פעסטשטעלן דעם היסטאָרישן מאָמענט, ווען די

[1] מיר איז באַקאַנט אַ יידיש מעשה־ביכל פון דעם יאָר 1857, אַלזוי, פון פאַר די 60ער יאָרן. דאָס איז: „היסטאָריע פאָן אלגירדען איין פישערס זאהן מיט דעם וויגדערבארן רינג, די געדאַנקען גענאממען פאן פאָלנישע אונד דייטשע ביכער, געשריבען דורך אביגדור ברכ"י רוף, אין יאָהר 1857". (אין צוויי טייל, דרוקאָרט נישט אָנגעגעבן). דער זעלביקער פאַרפאַסער האָט אין יאָר 1866 פאַרעפנטלעכט אַ ביכל „דער בין הזמנים אָדער בין רגל לרגל, אָריגינאַל געשריבען פון אביגדור ברכ"י רוף, ווארשע, 1866". (אין דער ערשטער אויסגאַבע פון „לעקסיקאָן" אַזוי דער נאָמען ר וף נישטאָ). אָבער ווען אפילו אביגדור רוף וואָלט פאַרעפנטלעכט זיין ביכל ניט ערשט אין 1857, נאָך דיקס דעביוט, נאָר פריער, וואָלט מען אים אויך נישט געקאָנט רעכענען פאַרן אָנהייבער פון דער השכלה־בעלעטריסטיק. זיין „היסטאָריע" איז ניט אָריגינעל, זי איז „גענאָממען פאָן פאָלנישע אונד דייטשע ביכער" און דער עיקר איז, וואָס איר צוועק איז געווען פּראָפיט, ניט אויפקלערונג און ניט ליטעראַטור בכלל. „זא באלד איך וועדע זעהין — לאָזט ער אויסזן טייטשמערישע פאָררדע — דאָס עס זיך מיט פּראָפיט אויס פערקויפט, ווערדע איך שעהנערע היסטאָריעס שרייבען".

איבער אריכת ימים (דערשינען אין „פאָרווערטס", פון 2טן אפריל ביזן 10טן סעפּט., 1922.**) ווי ער נעמט אלס מאָטאָ דעם יידישן רעדנסאַרט: „הונדערט און צוואנציק יאָר זאָלט איר לעבן", און אין דעם ארייַנפיר שטעלט ער זיך גענויער אָפּ אויף די אייגנאַרטיקייט פון דער יידישער שפּראַך אין באצוג צום מענטשנס געזונט און לעבן, ווי עס שפּיגלט זיך אָפּ אין ברכות, שפּריך־ווערטער, רעדנסאַרטן. אזוי אויך אין א סך אנדערע זעלבסטשטענדיקע ארבעטן, ווי: „דאָס יידישע הארץ און דאָס הארץ אין יידיש", אָדער „דער קאָפּ" אין יידיש און פיל אנדערע. א זאמלונג פון זיינע יידישע מעדיצינישע ארטיקלען וואָלט געווען ניט פון קליינעם ווערט, נוצן און וויכטיקייט פאר דעם ניט איבעריקס רייכן צווייג פון דער יידישער ליטעראַטור, סיי פון פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט און סיי ריין־שפּראַכלעך פאר־בונדן מיט פאָלקלאָר און פאָלקס־מעדיצין — און פאר אים א ווירדיקן באַשיידענעם זכרון.

א פּאָר ווערטער זאָל אויך געזאָגט ווערן וועגן דר. ספּיוואַק אלס ביכער־זאַמלער. ער האָט פארמאָגט א גאָר שיינע ביבליאָטעק, וואָס ס'איז ביי אים געווען טייער ווי דאָס אויג אין קאָפּ און זיין הויפּט חלק מכל עמלו, איבערהויפּט רייך איז זי געווען מיט איר פיל־שפּראַכיקע קאָלעקציע וועגן דער יידישער מעדיצין און מיט א שפּאָר ביסל אנטיקלעך, גאַנץ זעלטענע דרוקן און יקרי המציאות פון דער, אַלטער יידישער ליטעראַטור. — ווער ווייס וואָס עס וועט זיין דער גורל פון זיין מיט אזוי פיל ליבע און מי געקליבענער אוצר, אויף וועלכן ער האָט אָפּגעגעבן אזוי פיל יאָרן?

כ'האָב פּרובירט נאָר אויף וויפיל ס'איז מעגלעך אנצוצייכענען אייניקע הויפּטשריכן פון ספּיוואַקס וויסנשאַפטלעכע טעטיקייט, אלגעמיינע און יידישע, דורך וועמענס טויט די יידישע וויסנשאַפט בכלל האָט געליטן א גרויסן פארלוסט און מיר אלע — .א טייערן פריינט. אַן אמתן אידעאַליסט, הומאַנעם גייסט, דעם מאָדערנעם נזיר — דעם גוטן, גוטן דר. ספּיוואַק.

ב' תמוז, תרפ"ח. **יצחק ריבקינד**

**) פון דער סעריע זיינען אין דער ביבליאָגראַפיע אויסגעלאָזן געוואָרן די אַרטיקלען וואָס זיינען דערשינען דאָרט אין די זונטיק נומערן פון 6־טן אויג. ביזן 10טן סעפּ. (צוזאַמען 6 אַרטיקלען): 1) יידישע דינים צווינגען די פרוי צו האַלטן ריין איר קערפּער; 2) אַלטע יידישע דינים וועגן די ריינקייט פון דער פרוי; 3) די יידישע דינים צו פאַרהיטן דעם געזונט פון קינפּעטאָרינס; 4) אַלטע יידישע דינים און מנהגים וועגן „באַהערשן די ליידנשאַפט"; 5) דער געשלעכטס־לעבן ביי אידן איז געווען ריינער ווי ביי אַנדערע אַלטע פעלקער; 6) די שטרענגע יידישע דינים וועגן „ריניגן זיך" און „וואַשן זיך".

כדאַי אויך צו דערמאָנען זיין אַרטיקל: „דאָס לאַכן, פון אַ פיזיאָלאָגישן, פסיכאָלאָגישן און פילאָזאָפישן שטאַנדפּונקט, „צוקונפט", 1906, ז. 620—623.

האָבן מיר, הייסט עס, אַ כשרן עדות, אַז דאָס ערשטע ווערק דיקס איז „ט״ו כסלו״.

אָבער אַז מיר קוקן אַריין אין „דיא נאַכט פון ט״ו כסלו״, ווערט אונדז קלאָר, אַז דאָ מוז זיין עפּעס אַ טעות.

די פריסטע אויסגאַבע, וואָס מיר איז באַקאַנט פון אָט דער סאַטירישער דערציילונג שטאַמט פון ווילנע, 1867 (דרוקעריי פון פין און ראָזענקראַנץ), און דאָס מוז זיין די ערשטע אויסגאַבע. איך נעם עס פון אַ העברעאישער רשימה פון איבער הונדערט ווערק דיקס, וועלכע שטאַמט פון זיין אייגענער האַנט.[4] אין דער דאָזיקער רשימה איז דאָ די פאָלגנדיקע שטעלע: „ט״ו כסלו, מלא בקרת על חברה קדישה ועל בית החולים, נדפסה גם פעם שנית פה ווילנא תרמ״ג (1883). („ט״ו כסלו״, פול מיט קריטיק אויף דער חברה קדישה און דעם הקדש, געדרוקט אויך אַ צווייטן מאָל דאָ אין ווילנע, תרמ״ג.) הייסט עס, די אויסגאַבע פון 1867 איז געווען די ערשטע. קאָן עס דאָך ניט זיין דאָס ערשטע געדרוקטע ביכל דיקס: אונדז זיינען באַקאַנט ווערק זיינע, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן מער ווי מיט צען יאָר פריער פאַר 1867. נאָר אפשר איז „דיא נאַכט פון ט״ו כסלו״ נאָר געדרוקט געוואָרן אין 1867, אָבער געשריבן געוואָרן איז עס פריער? ווען מיר באַקענען זיך מיטן טעקסט פון „ט״ו כסלו״, זעען מיר, אַז געשריבן געוואָרן איז עס טאַקע פריער, אָבער נישט פריער ווי אין יאָר 1861. עס רעדט זיך אין דעם ביכל וועגן אַ געשיכטע, וואָס האָט פּאַסירט „אין דעם יאָר תקל״א״ (1771) און עס ווערט אַ פּאָר מאָל געזאָגט, אַז דאָס איז געווען „מיט ניינציק יאָר צוריק״ (ז. 5 און ז. 12). איז קלאָר, אַז עס איז פאַרפאַסט געוואָרן אין ניינציק יאָר אַרום נאָך 1771, ד. ה., אין 1861, — אין דעם יאָר, ווען עס זיינען שוין געווען פאַרקויפט געוואָרן הונדערט טויזנט עקזעמפּליאַרן פון דיקס פריערדיגע ווערק.[5]

היינט ווי אַזוי האָט עס א. מ. ד. געקאָנט זאָגן דינעזאָנען — און נאָך „מערערע מאָל ווידערהאָלן״ — אַז „דיא נאַכט פון ט״ו כסלו״ איז געווען זיין „ערסטע ליטעראַרישע פאַרפאַסונג״? סיידן מיר זאָלן אָננעמען, אַז געשריבן געוואָרן איז עס טאַקע אַ סך פריער ווי אין 1861, נאָר אין יענעם יאָר האָט זיך דיק געקליבן עס צו פאַרעפנטלעכן, האָט ער אַריינגעשטעלט דעם אויסדרוק „מיט ניינציק יאָר צוריק״? דאָס ליגט זיך אָבער ניט שטאַרק אויפן שכל, וואָרים אויב אין 1861, ווען דיק זאָל האָבן זיך געקליבן דרוקן „ט״ו כסלו״, האָט ער געענדערט די שטעלע אין טעקסט, וואו עס רעדט זיך וועגן דער צייט פון דער געשיכטע, וואָלט ער געדאַרפט מאַכן די געהעריקע ענדערונג אויך אין 1867, ווען ער האָט עס געלאָזט דרוקן, און שרייבן ניט „מיט ניינציק״, נאָר מיט „זעקס און ניינציק יאָר צוריק״...

אָבער די השערה, אַז דאָס ביכל איז געשריבן געוואָרן אַ צייט פאַר 1861 און איז אפשר טאַקע דאָס ערשטע אידישע ווערק דיקס, געפינט דאָך אַ געוויסן אָנהאַלט אין דעם סטיל און אין דער שפּראַך פון „דיא נאַכט פון ט״ו כסלו״. עס איז געשריבן אין זייער אַ ריינעם יידיש, עס איז כמעט אינגאַנצן פריי פון טייטשמעריש (אַ חוץ „אונד״, „וואַר״ אָדער „איזט״, וועלכע זיינען דאָ אומעטום ביי דיקן), עס הייבט זיך אָן אין דעם נוסח פון אַ פאַרצייטיקן מוסר־ספר — און אָט דאָס איז כאַראַקטעריסטיש דערהויפּט פאַר די ווערק דיקס, וועלכע ער האָט געשריבן אין די 50ער יאָרן.

אָבער בויען אויף דעם קאָן מען נישט. דער שפּראַך־ און סטיל־אונטערשייד צווישן די פופציקער און דעם אָנהייב זעכציקער יאָרן איז ניט אַזוי שאַרף און ניט אַזוי שטרענג אויסגעהאַלטן, אַז מיר זאָלן בלויז אויפן סמך פון דעם אופן שרייבן קאָנען זאָגן מיט זיכערקייט, אַז „ט״ו כסלו״ איז געשריבן געוואָרן אַ צייט פאַר 1861, בפרט נאָך, אַז דער דערמאָנטער אויסדרוק „מיט ניינציק יאָר צוריק״ איז אַ בפירושער באַווייז קעגן דעם.

---

[4] די רשימה האָב איך געזען אין דעם מאַנוסקריפּט פון צווייטן טייל „עיר ווילנא״, פון הלל נח מגיד—שטיינשניידער. דער כתב יד געפינט זיך ביי דעם פאַרשטאָרבענעם מחברס זון, פּראָפ. דוד מגיד, לענינגראַד.

[5] זע דיקס הקדמה צו „מחזה מול מחזה״, וואַרשע, 1861.

נייע, ש י י נ ע יידישע ליטעראַטור האָט אויפגעהערט צו זיין אָנגעוויזן אויף א קליינער צאָל האַנטשריפטלעכע קאָפּיעס און איז געוואָרן א ליטעראַטור, וואָס ווערט שטאַרק פאַרשפּרייט מיט דער הילף פון דער דרוקקונסט און דעם בוכהאַנדל.

ווען איז אָט דער וויכטיקער מאָמענט אין דער געשיכטע פון דער נייער יידישער ליטעראַטור אָנגעשטאַנען?

אויף אָט דער פראַגע האָט אייגנטלעך געדאַרפט זיין לייכט צו ענטפערן. איז דאָך אינגאַנצן פינף און דרייסיק יאָר זינט דיק איז געשטאָרבן, און זיינע ביכלעך האָבן זיך געדרוקט ניט אין מרחקים, נאָר אין אונדזער וואַרשע און אין אונדזער ווילנע. אָבער ביז טיף אין די 60ער יאָרן זיינען אַלע זיינע ווערק פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַנאָנים,[2] און דער עיקר איז וואָס אפילו די אַנאָנימע ביכלעך זיינען ווייט ניט אַלע אויפגעהיט געוואָרן. עס איז ניטאָ, ווי מיר איז באַקאַנט, קיין איין ביבליאָטעק אין דער וועלט, וועלכע זאָל פאַרמאָגן א פולן קאָמפּלעקט פון דיקס ווערק. אפילו די בערך רייכע זאַמלונג פון שטראַשונס ביבליאָטעק אין ווילנע און מיין פּריוואַטע קאָלעקציע איז ניט פולשטענדיק. און נישט נאָר איצטער איז אוממיגלעך צו געפינען אַלץ, וואָס דיק האָט געשריבן. ביי זיין לעבן נאָך איז שוין געווען שווער אויפצוזוכן זיינע ערשטע ביכלעך. אין יאָר 1869 האָט ח"י גורליאַנד צוגעשיקט געלט דיקן און געבעטן אים שיקן זיינע ווערק, האָט אים דיק געענטפערט, אַז אין די ווילנער בוכהאַנדלונגען קאָן ער נישט קריגן „אפילו קיין הונדערט חלק („עשירית שבעשירית") פון דער צאָל, וואָס איז אַרויס פון דרוק זינט איך האָב אָנגעהויבן שרייבן דערציילונגען, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי זיינען געדרוקט געוואָרן אין נישט ווינציקער ווי זעקס טויזנט עקזעמפּליאַרן יעדע אויפלאַגע, וואָרים זיי ווערן צענומען און אויספאַרקויפט אין דעם יאָר, ווען זיי ווערן אָפּגעדרוקט, און עס בלייבן פון זיי נאָר איינציקע עקזעמפּליאַרן און אויך דאָס ניט פון יעדער אויסגאַבע" און אַז. וו.[3]

דערפאַר מעג דיקס א ביכל זיין ווי אַלט, איז עס נאָך נישט קיין באַוויז, אַז ס'איז דאָס עלטסטע; אפשר זיינען נאָך פריער אַרויסגעגאַנגען אַנדערע ביכלעך. קאָן מען זיך נישט פאַרלאָזן אויף די א ו נ ד ז ב א ק א נ ט ע אויסגאַבן. מען מוז זוכן אַנדערע קוועלן כדי צו דערגיין, וועלכע זאַכן זיינען די ערשטע און ווען זייזיינען זיי געדרוקט געוואָרן.

אין ווילנע, אין ראָמס און אַנדערע דרוקעריען, האָב איך קיין גענויע ידיעה'ס וועגן דעם נישט געקאָנט באַקומען. האָב איך אמאָל, נאָך פאַרן קריג, אָנגעפרעגט וועגן דעם אין א בריוו ביי דינעזאָנען, וועלכער איז זינט דעם יאָר 1877 געווען שטאַרק באַפריינדעט מיט דעם אַלטן ווילנער שריפטשטעלער. האָט מיר דינעזאָן געענטפערט, אַז „דיקס ערסטעס ליטעראַרישעס קינד אָדער ערסטע ליטעראַרישע פאַרפאַסונג" איז „די נאַכט פון ט"ו כסלו" אָדער „ט"ו כסלו", ווי ער האָט עס אָנגערופן פאַרקירצט. דערביי האָט ער זיך סומך געווען אויף דיקן אַליין. „אַזוי האָט ער מיר אַליין דערציילט און מערערע מאָל ווידערהאָלט", לייען איך אין דינעזאָנס בריוו (פון דעם 10/V, 1911), וועלכער ליגט פאַר מיר, ווען איך שרייב אָט די שורה'ס.

[2] אין זיין אַריינפיר צום „ערסטען נאַבאַר", ווילנע, 1871, שרייבט דיק, אַז אַלע זיינע פריערדיקע ווערק „וואַרן געשריבן אַנאָנים". דאָס איז ניט פּינקטלעך. דער פּסעוודאָנים אמ"ד, אונטער וועלכן עס איז אַרויס „דער ערסטער נאַבאַר", געפינט זיך שוין אויף די שער־בלעטלעך פון אַזוינע ווערק, וועלכע זיינען געדרוקט געוואָרן נאָך אין די 60ער יאָרן. ער געפינט זיך אין „הונדערט פראַגען אונד אַנטוואָרטען", ווילנע, 1869, „איין נייע מאָדישער שידוך", ווילנע, 1868, „פויגעלע דער מגיד", 1868, „דער גלגול", וואַרשע, 1867. עס איז אָבער ריכטיק, אַז אין די 50ער און אין דער ערשטער העלפט 60ער יאָרן האָט דיק זיינע ביכלעך ניט אונטערגעשריבן ניט מיט זיין אייגענעם נאָמען, ניט מיט קיין ראשי תיבה'ס, ניט מיט קיין פּסעוודאָנים. און עס זיינען דאָ אַזעלכע ווערק דיקס, ווו פאַרן פאַרפאַסער ווערט אָנגעגעבן גאָר דער אַרויסגעבער אָדער עס שטייט סתם אַזוי אַ נאָמען פון דער הפטורה. אַזוי ווערט „הדרת זקנים", ווילנע, 1864, און „דברי יושר", ווילנע, 1863, אָנגעגעבן ווי דער חיבור פון ש. ציונסאָן (אַ ווילנער דרוקער), אויפן שער־בלאַט פון „וויגדארקע", וואַרשע, 1872 און „דיא פרויען", וואַרשע, 1872, שטייט Сочинение И. Копелевича (אַ דווינסקער פאַרלעגער). אונטער דעם העברעאישן פאָרוואָרט „אל הקורא" פון „ספורי ארץ הקדושה", ווילנע, 1862, שטייט אונטערגעשריבן „אברהם אבא ק"ב". אויפן פאָדערבלאַט פון „דער בעל שם און די זאַרנעס", ווילנע, 1869, איז אָנגעגעבן דער נאָמען „שרף"; אויף „הפעמון בבגדד" שטייט „נעתק ונאסף ע"י י. שאַפּירא; אויפן „פּרוש פון בערדיטשעוו" — „נעתק ונאסף ע"י ז. ה. שאַפּירא"; אויף „גרונעלע די רעבעצין", 1874, שטייט „פאָן אפס" און אויף רוסיש: "Соч. Н. Субоцкаго".

[3] זע דעם העברעאישן וואָכנבלאַט „אספקלריה", חוברות י"ב, ירושלים, תרפ"ג.

האָבן אויף וואָס צו שטיצן. ער האָט געקאָנט, אגב, דיקן פּערזענלעך, און ווען ער איז געווען אין ווילנע, אין די 60ער יאָרן, האָט ער געפירט מיט אים ניט איין מאָל געשפּרעכן וועגן זיין יידיש שרייבן און געזען ביי אים א רשימה פון זיינע — ביז דאַן פאַרעפנטלעכטע — ווערק. פּאַפּערנא דאַרף זיך רעכענען דערפאַר פאַר א באַגלויבטן עדות. בפרט נאָך, אז ס'איז דאָ, ווי מיר האָבן געזעען, א צעטל פון דיקס ווערק, וווּ עס ווערט דערמאָנט זיינע „אַ שעהנע וואונדערליכע היסטאָריע" פון 1847.

אָבער דאָס אַלץ וואָלט אפשר געווען נאָך נישט גענוג, ווען מיר זאָלן נישט האָבן קיין דערקלערונג פון דיקן אַליין, אז „מעשיות שרייבען" האָט ער אָנגעהויבן אן ערך אַרום דעם יאָר 1847, ניט פריער, אָבער אויך ניט שפּעטער. די דאָזיקע דערקלערונג געפינט זיך אין „ר' טרייטל דער קליינשטעדטעלדיגער נגיד". „ר' טרייטל" איז אין א באַזונדער ביכל אָפּגעדרוקט געוואָרן אין ווילנע, אין יאָר 1872, אָבער לויט ז. רייזענס לעקסיקאָן איז עס פריער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „ווארשויער יודישע צייטונג" אין 1867, און אין אָט דער דערציילונג געפינען מיר אָט די שטעלע: „מיט אַ יאהר צוואנציג צוריק, אַלס איך האב מיך נאך געיאגט נאָך דעם פאַלשען גליק, דאַש הייסט אלס איך האַב נאך גיוואָלט דורך דעם סאחאַר געלט פאַר דינען און מעשיות שרייבען איז מיר נאָך ניט גילעגן אין זינען און אַז. וו. (ז. 21). הייסט עס, מיט א יאָר צוואַנציק פאַר דעם דעם יאָר 1867, איז אים ניט געלעגן נאָך אין זינען צו שרייבן מעשיות (דאָס מיינט ער יידישע מעשיות), אָבער דאַן, אַרום דעם יאָר 1847, האָט ער עס שוין אָנגעהויבן צו טאָן. [10]

און פאַרוואָס זאָל ער עס ניט האָבן אָנגעהויבן צו טאָן שוין דאַן? אמת, ער האָט געשריבן דאַן העברעאיש („זפרונה", „האורח", „מצב עיר ווילנא", „מסכת עניות"), אָבער דיקס איבערגיין צו יידיש האָט זיך ניט גענומען דערפון, וואָס ער האָט געענדערט זיין מיינונג, די גוט באַקאַנטע משכילישע מיינונג, וועגן דער יידישער שפּראַך. ער האָט געקוקט אויף יידיש ניט קיין סך אַנדערש פון אַנדערע משכילים, און אויב ער האָט אָנגעהויבן צו באַנוצן אָט די „גראָבע האַק", ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט אין א שמועס מיט א. י. פּאַפּערנא, אָנשטאָט דעם העברעאישן „גילדענעם נאָדעלע", איז עס געווען דערפאַר, ווייל אים איז געווען נאָענט דאָס טאָגטעגלעכע לעבן פון דער יידישער פאָלקסמאַסע, אָבער אָט דאָס לעבן איז אים געווען נאָענט און טייער אַלעמאָל, און דאָס זעט מען טאַקע פון די העברעאישע ווערק, וועלכע ער האָט געשריבן אין די פערציקער יאָרן. [11] דערפאַר איז ניטאָ ביי אונדז קיין שום יסוד ניט צו גלויבן, אז ער האָט אָנגעהויבן שרייבן און דרוקן מעשיות אויף יידיש אַרום דעם יאָר 1847, און אז אָט דאַן האָט זיך עס אָנגעהויבן די געדרוקטע יידישע השכלה־בעלעטריסטיק.

---

[10] די „וואַרשויער יודישע צייטונג" האָב איך אַליין נישט געזען, און איך ווייס ניט, צי געפינט זיך דאָרט אויך דער געבראַכטער זאַץ און אין וואָס פאַר אַ נוסח.

[11] זע מיין אַרטיקל „אייזיק מאיר דיק וכתביו העברים" אין „לוח אחיעבר", קובץ שני, ניו־יורק, תרפ"א.

מוזן מיר שטאַרק צווייפֿלען אין דער פּינקטלעכקייט פֿון דער אינפֿאָרמאַציע, וועלכע דינעזאָן האָט מיר געגעבן אין נאָמען פֿון דיקן אַליין מכח „די נאַכט פֿון ט״ו כסלו״, און די פֿראַגע וועגן דעם, וואָס איז געווען דאָס ע ר ש ט ע ווערק דיקס מוז בלייבן אָפֿן, ביז עס וועלן געפֿונען ווערן נייע דאַטן.

מיר קאָנען אָבער ריידן מיט אַ געוויסער זיכערקייט מכח דער צייט, ווען דיק האָט אָנגעהויבן דרוקן זיינע ערשטע ביכלעך, הגם מיר ווייסן ניט גענוי דעם אינהאַלט און די נעמען פֿון יענע ווערק.

די דאָזיקע צייט האָט געמוזט זיין — ס ו ף פּ ע ר צ י ק ע ר יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט.

מיר איז, אמת, נישט געלונגען ביז איצט אויפֿצוזוכן קיין איינציקן יידישן ביכל דיקס, וואָס זאָל האָבן געדרוקט געוואָרן פֿאַר דעם יאָר 1856. אָבער אין אָט דעם יאָר זיינען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אַזויפֿיל ווערק פֿון א. מ. ד., אַז שוין צוליב דעם אַליין וואָלטן מיר געדאַרפֿט משער זיין, אַז דאָס איז ניט געווען דאָס ערשטע יאָר, ווען דיק האָט אָנגעהויבן דרוקן ביכלעך אויף יידיש. אין דעם יאָר זיינען, אַ חוץ „דעם פּרוש פֿון בערדיטשעוו״, וועלכן עס דערמאָנט דר. מ. וויינרייך, [6] פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן די פֿאָלגנדיקע, מיר באַקאַנטע, ווערק: „הנדח, אָדער דער פֿאַרשטויסענער זאָהן״, „ספורי הורדום״, „פּלאי ד׳, דיא וואונדער גאָטעס״, „איי הים״, „הנסיון אָדער דיא פּראָבע״, „גדולת משה״, איבערזעצונג פֿון העברעאיש (אינאיינעם מיטן העברעאישן טעקסט), „מרדכי ואסתר״, [7] כמעט אַלע איז ווילנע, אין ראָמס דרוקעריי. עס איז ניט צו גלויבן, אַז די ווילנער דרוקער זאָלן האָבן ריזיקירט אַרויסצוגעבן אין איין יאָר אַזויפֿיל ביכלעך דיקס, אויב זיי וואָלטן ניט געוווּסט פֿון זייער פֿריערדיקער דערפֿאַרונג, אַז דאָס זיינען ספּרימלעך, וואָס האָבן אַן אָפּגאַנג. דערפֿאַר רעכן איך, אַז שוין דאָס אַליין, וואָס דאָס יאָר 1856 איז דאָס דרוקיאָר פֿון אַזויפֿיל ווערק דיקס, איז אַ געוויסער באַווייז, אַז דאָס איז ניט געווען דאָס ע ר ש ט ע יאָר, ווען זיינע ביכלעך האָבן זיך אָנגעהויבן דרוקן. עס זיינען אָבער דאָ אויך אַנדערע, מער דירעקטע, ראיהס.

[*] אין אַ האַנטשריפֿטלעכער רשימה פֿון דיקס ווערק, וועלכע געפֿינט זיך אין דעם אַרכיוו פֿון דעם היסטאָריקער שאול גינזבורג, לענינגראַד, האָב איך געפֿונען די נעמען פֿון צוויי ווערק, וואָס איינס פֿון זיי — „בבא מעשה״ [8] (אַ נייע פּראָזאישע באַאַרבעטונג פֿון דעם בארימטן „בבא בוך״) — איז דאַטירט 1854 און דאָס צווייטע — „אַ שעהנע וואונדערליכע היסטאָריע״ — 1847.

כ׳ווייס ניט, פֿון וואַנען שטאַמט די דאָזיקע רשימה, און ווי ווייט מען קאָן זיך אויף איר פֿאַרלאָזן, אָבער דאָס איז ניט דער איינציקער מקור, אויף וועלכן עס שטיצט זיך מיין מיינונג, אַז שוין אין די פֿערציקער יאָרן האָט דיק געהאַט פֿאַרעפֿנטלעכט ביכלעך אויף יידיש, נאָר עס איז פֿון זיי קיין זכר ניט געבליבן. עס איז דאָ וועגן דעם אַ בפירושע דערקלערונג פֿון א. י. פּאַפּערנאַ. אין זיינע מעמואַרן דערציילט ער אָן קיין שום קווייטלעכיש, אַז שוין אין די פֿערציקער יאָרן האָבן זיך גענומען ווייזן דיקס „לעבנסשילדערונגען אין הומאָריסטישע ערציילונגען״. [9] אמת, פּאַפּערנאַ איז נאָך דאַן געווען אַ קינד (ער איז געבוירן געוואָרן אין 1840) און געלייענט דיקס ביכלעך האָט ער ערשט אין די פֿופֿציקער יאָרן, ווי דאָס איז צו זען פֿון זיינע אייגענע ערינערונגען. אָבער ער וואָלט דאָך ניט דערמאָנט סתם אין דער וועלט אַריין דעם פּעריאָד פֿון די פֿערציקער יאָרן (און ער האָט אים צוויי מאָל דערמאָנט, פֿריער אין „פּערעזשיטאָיע״ און דערנאָך אין „פּנקס״), — ווען ער זאָל זיך ניט

---

[6] „בילדער פֿון דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע״, ווילנע, 1928, ז. 295.

[7] די לעצטע צוויי ווערן נישט דערמאָנט אין קיין מיר באַקאַנטער רשימה פֿון דיקס ווערק. אָבער זיי דערמאָנען זייער שטאַרק דיקס אַנדערע אויסגאַבן פֿון יענער צייט, דערפֿאַר בין איך משער, אַז זיי שטאַמען פֿון זיין פּען.

[8] ראָמס אַן אויסגאַבע פֿון „בבא מעשה״, וועלכע געפֿינט זיך ביי מיר, איז דאַטירט 1857 (צענזור־אויפֿשריפֿט פֿון 17טן נאָוועמבער, 1856) און איז נאָר אין איניקע, אומבאַדייטנדיקע, סטיליסטישע פּרטים אַנדערש פֿון אַן עלטערן פּראָזע־טעקסט פֿון אליהו בחורס ראָמאַן

[9] „פּערעזשיטאָיע״, II, ז. 18. זע אויך „פּנקס״, ווילנע, 1913, ז. 185.

קליינע צווישן־באַמערקונגען אין יידיש געפינען זיך אין ערשטן חלק ביז זייט ס"ה, נאָכהער אויף די זייטן: רכ"ב, שי"ח, שכ"א־ב, שכ"ב און שכ"ד. אין צווייטן חלק — אויף זייט ח־ב, ס"ו־ב ע"ז און רצ"ו־ב.

כדאַי צו באַמערקן, אַז מיר האָבן דאָ וואַקלונגען ביים אויסלייג פון אַ וואָרט אויף דרייערליי אופנים. „מען", „מאַן", „מן" גלייך פון אָנהייב: דאָז זאַגט מ ע ן וועז מ ע ן אין די שול גיעט". נאָכהער: „מ אַ ן שטעט אין פושן [אויף די פיס] אונ' זאָגט"; „וועז מ אַ ן פאַשט תענית צבור דאַ זאַגט דער חזן דאַ עננו"; וועז מ ע ן די ספר תורה אויז נעמט זאַ זאַג דאָז חזן וקהל"; „וועז מ ן די ספר תורה איין היבט זאַ זאַגט מ ן דאָז".

ס'איז כדאַי אויך אָנצוּווייזן ווי איין באַמערקונג קומט האַלב יידיש און האַלב אין לשון קודש: „אונ' דז קהל זאָגט רצה וכו' והשליח צבור מתחיל ויכלו ואחר כך אומר" (ח"א, מ־ב).

נאָר דער עיקר, מיט וואָס דער מחזור צייכנט זיך אויס פון די אַלע ביז איצטער אויסגע־רעכנטע סדורים און מחזורים, איז וואָס אין אים געפינט זיך אין ערשטן חלק (פון זייט רכ"ג־ב ביז רל"ג) גאַנץ פּרקי אבות איבערזעצט אין יידיש!

ס'איז פאַר אונדז פון באַזונדער ווערט דער איבערדרוק פון פּרק, ווייל אַ חוץ דעם, וואָס פּרק אין יידיש איז אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל פון יוסף בר יקרס סידור פון 1544, איז ער אין די דרוקן פון 16טן יאָרהונדערט ניט בנמצא. אַ זעלבסטשטענדיקע אויסגאַבע איז, דוכט זיך, באַקאַנט נאָר די פון קראַקא סוף 16טן יאָרה". (1586?). זע קאַט. באָד. זייט 236, נומער 1498 און ווייטער.

דערפאַר איז פון אָנפאַנג 17טן יאָר"ה. און ווייטער פּ ר ק געוואָרן אַ נויטיקער טייל פונם ס י ד ו ר און פיל מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן אין זעלבסטשטענדיקע אויסגאַבן — דעריבער האָט טאַקע אַ זייער וויכטיקן באַדייט אַן אויסגאַבע פון פּרק וואָס האָט זיך געדרוקט אין אַ מחזור(!) אין גרעניץ־יאָר, אין יאָר 1600. מער אויספירלעך איבער די איבערזעצונגען און אויסגאַבן פון פּרקי־אבות אין יידיש — לאָז איך פאַר אַנאַנדער געלעגנהייט.

כ'האָב באַטאָנט אַן א י ב ע ר ד ר ו ק פונם פּרק, ווייל לויט אַ פאַרגלייך, וואָס כ'האָב געמאַכט, ווייזט זיך אַרויס, אַז מיר האָבן דאָ פאַר זיך ניט אַ נייע איבערזעצונג, נאָר טאַקע אַן איבערדרוק פון יוסף בר יקרס איבערזעצונג.

פאַרגליכן האָב איך מיט די טיילן וואָס גרינבוים ברענגט אין זיין „יידיש־דויטשע כרעס־טאָמאַטיע", ז. 313—315. צוליב דער לאַטייניזשער טראַנסקריפּציע איז שווער צו וויסן אויב דער איבערדרוק איז אויך גלייך צו דער ערשטער אויסלייגאַכטס אַזוי ווי עס איז גלייך און געטריי דעם תוכן און שפּראַך. צום ביישפּיל וועל איך ברענגען איניקע אָפּשניטן (ווי 3, 5, 12, 13, 14, 17 און 18) פון ערשטן פּרק, פון וועלכע איניקע לאָזן זיך אויך פאַרגליכן מיט גרינבוימס מוסטערן פון בר יקרס סידור.

ג. אנטיגנוס איין מאַן בון סוכו, דער אַנפּפינג זיין תורה בום זעלבן שמעון הצדיק, דער זאַייט: זולט דעם בורא ניט דינן אַז דיא קנעכט די אירם הערן דינן אום דעש לון ווילן. נוייערט זייט אַז דיא קנעכט דיא אירם הערן דינן ניט אום דעש לון ווילן, נוייערט בון ליבשאַפּט וועגען. אונ' די בורכט דעש בורא זול אויף אויך זיין.

ה. יוסי זון יוחנן זאַייט: דיין הויז זול ווייט אופן שטין צו אידרמן. אונ' דו זולשט אַלמול אָרמי לוייט אין דיינס הויז בייא דיר האַבן. אונ' דו זולשט ניט ויל רידן מיט וראויען... אפילו מיט זיינם אייגינן וייב האַבן זיא עש געזאַגט. מכל שכן מיט זיינש חברש וייב. דאַ בון האָבן אונזרי חכמים גיזאַגט: אַל צייט דש איינר ויל רידט מיט וראויען דער בולן ברענגט צו אים זעלוורט בויזא, אונ' ור זוימט זיין תורה לערנן דרויבר. און צו לעצט קומט ער דר דוך אין דש גיהנם.

יב. הילל אונ. שמאַי לערנטן בון שמעיה אונ' אבטליון. הלל דער זאַייט: זיא בון דען תלמידי' בון אהרן הכהן. האַב ליבא וריד. האַב ליבא וריד. אונ' יאַג נוך דעם וריד. אונ' האַב ליב דיא לוייט. אונ' מאַך זיא גינעהן צו דער תורה:

יג. הוא דער זעלביג הילל זאַייט מיר, ווער תורה לערנט דרום עש ער זיין נאַמן דר דורך

יצחק ריבקינד:

יידיש אין העברעאישע דרוקן ביזן יאָר ת"ח—1648

(באַמערקונגען און הוספות צו העפטן 1—3, ז. 26-38, 263-265.)

ז. 27. מיט יידיש־דייטש אין דער רבנישער ליטעראטור פון מהרי"לס עפּאָכע, האָט נאָך פאר גידעמאַנען זיך פאראינטערעסירט דר. א. בערלינער, וועלכער האָט געווידמעט אַן ארטיקל איבער: "Mittelhochdeutsches in jüdischen Quellen"—Litteratur-Blatt der jüdischen Presse I (1870) No. 1, s. 2-3.

בערלינער שטעלט זיך דאָרט גענויער אָפּ אויף דער באַדייטונג פון צען זעלטענע ווערטער ווי „ערד אפפיל", „מירא", „טילר" (טעלער) „אובין שושיל" (אויוון שיסל) און אנד. דערקלערענדיג זייער אָפּשטאַם און קולטור־היסטאָרישן אינטערעס.

פיל אויפמערקזאַמקייט האָט ער אויך געשאָנקען צו אַזעלכע אויסדרוקן אין זיין „אויס דעם אינערן לעבן דער דויטשן יודען אין מיטעלאַלטער" (בערלין, 1871, צווייטע אויפלאגע, דאָרט, 1900.

צום סוף פון מיין ארטיקל, וויל איך צוגעבן נאָך דריי הוספות, איינע צו דער אָפּטיילונג: 1 רבנישע און צוויי צו דער אָפּטיילונג: 3. ליטורגישע, אָפּשניט א) געבעט־ביכער. —

ויקם עדות ביעקב, פראג שנד—1594, °16. — ס'איז א פסק עגונה פון מהר"ל מפּראַ"ג און ר' יעקב פולק. אויף גאַנצע צוויי זייטן געפינט זיך א גרויסע גבית־עדות. אין פארבינדונג מיט א געהרגטן יידן און זיין פרוי די עגונה. די גבית־עדות איז דאטירט פון יאָר 1583. שטייט בפירוש: „עדות זו נגבה כדת ודין היום יום ב' כ"א תמוז, גש"ם לפ"ק. העתק אות באות מגוף העדות."

ביי די אלע וואָס האָבן פארנאָטירט יידיש אין שו"ת האָב איך דעם פסק ניט געפונען. דער פסק איז אויך איבערגעדרוקט געוואָרן מיטן זעלבן נאָמען אין פראַנקפורט אַן מיין, אין יאָר תע"ט.

כ'וויל נאָר מאַכן אויפמערקזאַם אויף איין וואָרט. אין דער שטעלע ווו ס'רעדט זיך וועגן די זאַכן, וואָס מ'האָט דערקענט אויף דעם הרוג, ווערט געזאגט: דאז איז דש פוטר פון דער שויפא אונ' דער ראק, זיין תפילין אונ' זיין געלד בייטל אונ' זיין וואטשקי [!] אונ' זיין בריב אונ' זיין טעבליין."

אזוי האָב איך געלייענט דאָס וואָרט: „וואטשקי" און אזוי איז דאָס אויך בפירוש אין דער פראַנקפורטער אויסגאבע. נאָר אַזוי ווי דער אות נאָכן טית איז ניט קלאָר, מען קען דאָס אָננעמען אי פאַר א „ש" און אי פאר אַן אָפּגעמעקטן „פ" — דאַן ווערט אין דעם אנדער פאַל זיין די באַדייטונג פונם וואָרט: ואטפקי=וואטאַוועקע.

[**סדר תפלה מכל השנה**], **ויניציא, שלט—1578.**

פעלט דער שער און ביז זייט כ"ה. אָבער צום סוף שטייט: נשלמה התפלה מכל השנה... פה ויניציאה בבית מיסר אליסנדרו גרדאני, בחדש חשון של"ט. גרויס °24. אלע בלעטער זיינען ארומגענומען אין אלע פיר זייטן מיט צוויי שמאָלע פאסן. דאָ און דאָרט — צווישן־באַמערקונגען אין יידיש. דער שריפט פון די באַמערקונגען איז דאָ געמישט, אין ווייבער ווי אויך אין קוואדראַט שריפט. אין דער הגדה אזוי פיל יידיש, ווי אין סדר תפלות פון יאָר 1545. פגל. אויבן, ז. 32.

מחזור, כמנהג ק"ק אשכנז, ויניציאה, (זואן דגארה) שנט־ש"ס—1599-1600.

דער מחזור איז באקאנט מיטן פירוש „הדרת קדש" באשטייט פון צוויי חלקים. ערשטער חלק (דאטירט שנ"ט־ש"ס), האלט 340 זייטן; דער צווייטער חלק (דאטירט נאָר ש"ס) האלט 315 זייטן. פאָרמאט פאָליא.

קלאַנג מיט אַ „י״, ווייל דאָס וואָלט צוגעגעבן אַ נייעם טראַף דעם וואָרט: עכינקען, שלאָפּינקען, קליינינקער, פּיצינקער = маленький, малюсенький, спатоньки, істоньки , כאָטשע שלום עליכם שרייבט פּעדיקאַ, ווען ער וויל געננוי פאַרצייכענען דעם ווייכן קלאַנג פון „ד״ אין רוסיש.

אין זיינע ווערטער־ביכער, יידיש־רוסיש און רוסיש־יידיש טוט עס ליפשיץ אויף אַנאַנדער אופן: ער שטעלט אריין דעם „י״ פאַר דעם קאָנסאָנאַנט, באַלד נאָכן וואָקאַל. אַזוי האָבן מיר: צידרויבען, מענדאַיל, מאָיל, טאָיל, טאָיליען (פון טאָיל), קאָוועיל, דער אַרטעיל, דער בושעיל (זשערעוועיל), סטעילמעך, קאָפּאַילניע, דער ווינקלמאָס פון אַ סטאָילער, באָטאַיניק, באָטאַיניקער, קאָלאָיניסט דער, די מעכאַיניק, פּעין, פּעניאָק, ציקאַלאָיצען, די אַטעפּאָילע, טאָפּאָילע, דער וואַלד פון טאָפּאָילעס, באָילבען.
= искрошивать, медаль, моль, тюль, тюлевый, коваль, артель, журавль, pol. stelmach = колесник, купальня, малка, ботаника, ботаник, ботанический, новоземец, механика, механик, пень, мутить, илем, ильмовник, булькать.

פאַרשטייט זיך, אַז יידיש האָט אַן אומפּינקטלעכן מיטל צו באַצייכענען אַ סלאַווישן געפּאַלאַטאַליזירטן (פאַרווייכערטן) קאָנסאָנאַנט וואָס קומט פאַר אַ וואָקאַל: ניאַנקע, ניאַנטשען, ניוכען, חסידאַרניע, ווינשעוואַניע, מיאַט(ק)ע, מיאַטעליצע, מיאַטעזש(ניק), מיויקען, פּאָמיעשטשיק, פּאַמיאַטניק, פּאַמיאָנטעק, פּאָטיעכע, טיאָך, טיאָכקע(ן), [טיוקען], מאָטיע, כליאָבען, כליאָפּען, כליאַסק, כליאַניען, כליושקען, פּליוך, פּאַליען, פּאַליענע, פּאָליוס, כליופּען, פּליאַם, פּליאַדרע, וויאַלען, וויאַניען, וויון, וויושקע, וויאָסלע, וויעדמע, זאַציעפּקע, ציאָנגע, ציאַצקע, (דרום־רוסלאַנד) = צאַצקע, זיינען אין סלאַווישע שפּראַכן:
нянька, няньчить, нюхать, — арня, winszowanie, віншування, мят(к)а, мятелица, мятеж(ник), мяукать, помещик, памятник, pamiontek, лотеха, тьох, тьохкати, тюкать, Мотя, хлебать (ухлебывать), хляпати, хляск, хлянути, хлюсти, плюх, палить, полено, полюс, плюхать, пляма, flader, вянуть, вьюн, вьюшка, весло (весла), wiosło, ведьма, зацепка, семга, цяцька, цяця.

אין פּויליש־יידיש און טיילן פון וואָלינער יידיש, ווערט יעדער „ל״ קלאַנג פאַרווייכערט נאָך די גומען־קלאַנגען: ג, ק; גלי, קלי — קליוגן (קלאָגן), קליור (קלאָר), קליאַנג, קליוב, קליאָץ, קליאָטשע; גליוס (גלאָז), גליאַט, גליאָק, גליאָטעק (=דלאָטעק). ווי דער לעצטער וואָרט ווייזט, איז אַפילו דער האַרטער פּוילישער ł (dłotko, dłoto) פאַרביטן געוואָרן אויף אַ „ווייכן״ ל וויבאַלד עס איז געקומען פּאַר איִם דער קלאַנג „ג״ פון דעם „ד״.

ווי אויבן דערמאָנט, קען זיך יידיש קיין עצה ניט געבן ווען מע דאַרף באַצייכענען אַ געפּאַלאַטאַליזירטן קאָנסאָנאַנט סוף וואָרט אָדער פאַר אַנאַנדער קאָנסאָנאַנט. אַזוי שרייבט מען אין יידיש: וויכאָט, וויכעט(ש), ווילגאָט, וויעדמע, ציאַצקע, דיאַדקע, וואָס זיינען אין די סלאַווישע קוועלן: віхоть, вільгість, ведьма, цяцька, дядька. אָבער ווען עס קומט צו אַ ווייכן סלאַווישן „ר״־קלאַנג, ווערט ער האַרט אין דער יידישער פאָלקשפּראַך: פּאָדראַטשיק, פּראַסקן, טראַסקען, כראַקען, כרוקען, רומקע, בעראָזקע, דראַכלע. подрядчик, хряскати, хряск, фраснути, тряскати, хрякать, хрюкать, рюмка, березка, дряхлый.

אמת, אַז דער יידישער „ר״ (אַ חוץ ביי די דרום־רוסישע יידן וואָס ריידן גוט רוסיש און סטאַרען זיך פּינקטלעך איבערצוגעבן די רוסישע קלאַנגען און זאָגן: פּאָדריאַדטשיק, בריאַקען, בריוקען, ריומקע) איז ניט דערזועלביקער ווי דער רוסישער. דער רוסישער איז אַ שפּיץ־צונג ציטער־קלאַנג, דער ליטוויש־יידישער איז אַ צינגעלע־קלאַנג, דער פּויליש־יידישער איז אַ שפּיץ־צונג קלאַנג מיט איינעם אָדער צוויי קלעפּ, אָדער גאָר אָן וויבראַציעס, אָבער די אינטערעסאַנטסטע זאַך איז דערביי וואָס גראָד אין ווייס־רוסלאַנד, ווו די ליטווישע יידן וווינען, איז כמעט ניטאָ קיין פאַרווייכערטער „ר״־קלאַנג, און ביי די פּאָליאַקן איז אויך ניטאָ קיין ווייכער „ר״־קלאַנג*). דערפאַר טאַקע האָבן ליטווישע יידן צרות ווען זיי לערנען זיך ריידן רוסיש: я говору, румка, трапка, нераха.

הערשן וויל. דער ווערט ור לורן זיין נאמן. אונ׳ ווער ניט מירט צו לערנן, דער ווירט צו גין. אונ׳ ווער גאר ניכש לערנט דער איז שולדיג צו טוטן. אונ׳ ווער דא ברויכט די קרון בון דער תורה, דש ער זיך דער בון נירן וויל, דער ווערט אב גיטון בון דער וועלט:

יד. דער זעלוויג הילל דער זאייט נוך מיר [מער]: ווען איך מיר ניט זעלברט בור בין, ווער וויל מיר דען בור זיין? און ווען איך מיר שון זעלברט בויר בין, ווש בין איך. (אודר וואש קאן איך אויש ריכטן)? אונ׳ ווען איך עש ניט איצונד טוא אין דיזר וועלט, ווען וויל איך עש דען טון?

(פאַרגלייך אויך דעם אָפּשניט ביי שטיפן, מינסקער „צייטשריפט“, II־III, זייט 533).

יז. שמעון דעש רבן גמליאלש זון דער זאייט: איך בין אל מיין טאג דער צוהן ווארדן אונטר דען חכמי׳. אונ׳ הון קיינרלייא גבונדן דש דעם מענשן בישר איז דען שוייגן, אונ׳ דש תורה לערנען, אונ׳ דרשן איז ניט עקר, נוייערט דש מן זיא האלט אונ׳ טוט. אונ׳ ווער ויל רידט דש ברענגט זוינד:

יח. ער זאייט: אויף דרייארלייא בלייבט דיא וועלט בשטין: אויף דער וואַרהייט, אונ׳ אויף דעם גיריכט, אונ׳ אויף דעם שלום, אז דער פסוק זאָגט: וואַרהייט אונ׳ גריכט וריד ריכטט אין אוייערן פפורטן:

גאָר צום סוף פון פרק געפינט זיך אין פעטן שריפט דער גראַם:

„דא האבן פרקים איין ענד.
גאט שטערק אונז אונזר הענד.“

יודא א. יאָפּע:

דער סלאַווישער עלעמענט אין יידיש.

(המשך פון ז. 256)

IV. סלאַווישע אַיינפלוסן אין דער יידישער פאָנעטיקע

ווען די אשכנזישע יידן פון דייטשלאַנד זיינען געקומען אין די סלאַווישע לענדער האָבן זיי אין זייער שפּראַך געהאַט די קלאַנגען פון מיטל־הויך־דייטש און אפשר צוויי פאַרשיידענע גומען־רייבקלאַנגען פאר „כ“ און „ח“, ווייל אין פופצנטן יאָרהונדערט האָט איסרלין נאָך גערעדט פון די צוויי פארשיידענע קלאַנגען („לקט יושר“, 70, 1). אין די סלאַווישע לענדער האָבן די איינוואַנדערער באַגעגנט נייע קלאַנגען, וואָס זיינען זיי געווען אינגאַנצן פרעמד אָדער האָבן זיך געטראָפן זעלטן אין דער שפּראַך וואָס זיי האָבן מיטגע־בראַכט. די וויכטיקסטע פאָנעטישע נייעסן וואָס זיינען אַריינגעקומען אין יידיש פון די סלאַווישע שפּראַכן זיינען: א) פּאַלאַטאַליזאַציע; ב) קלאַנגען זש, דזש, און טיילווייז טש; ג) די אַזוי־גערופענע פליכטיקע וואָקאַלן (беглые гласные).

1) פּאַלאַטאַליזירונג אָדער פאַרווייכערונג פון קלאַנגען.

עס איז אַ ספּעציפיש סלאַווישע דערשיינונג אין פאָנעטיקע, אַז כמעט אַלע קאָנסאָנאַנטן קומען אין פאָרלעך „האַרטע“ און „ווייכע“.

אזוי ווי אין יידיש איז ניטאָ קיין סימן פאַר דעם רוסישן ь (мягкий знак), איז סוף וואָרט און אין מיטן וואָרט צווישן צוויי קאָנסאָנאַנטן אוממיגלעך צו באַצייכענען אַ ווייכן

ברעמער*) זאָגט: „אַזוי, למשל, געפינט מען באַזונדער לאַנגע און פון פאָרנט ברייטע צונגען ס'רוב ביי יידן. דערמיט דערקלערט זיך די „ליספּעלנדע" (שטשיפּעליאַווע, שעפּעליאַווע אויסשפּראַך פון קלאַנג ס, וואָס מע טרעפט ביי יידן ניט אַן ערך מער ווי געוויינטלעך ביי יחידים." (ז. 11).

פון דער אַנדער זייט זאָגט באָגאָראָדיצקע**): די פיזיאָלאָגיע פון קלאַנגען לערנט אונדז, אַז ביים אויסריידן דעם דייטשען ס s שטייט דער שפּיץ־צונג אָפּ פון די אויבערשטע ציין ווייטער איידער אין דער רוסישער שפּראַך ביים אַרויסריידן די קלאַנגען ס (=c) און ז (=з). פונדערפון באַקומט דער קלאַנג א מין שטשיפּעליאַוועקייט אין דייטש (קורסיוו מיינער — י. י.). דערפון נעמט זיך עס וואָס אין רוסיש און אַנדערע סלאַווישע שפּראַכן, אין ווערטער אַנטליענע פון דייטש, ווערט דער דייטשישער s אַמאָל איבערגעגעבן דורך א זשיפּ־קלאַנג. אַזוי, למשל, רוסיש кошт, פויליש koszt =דייטש Kost, אָדער פויליש żegnać, סלאָוויניש żegnati = דייטש segnen (ז. 16). מ'ה'ד. sîde (זייד), איז אין אַלטרוסיש (1392) шида (דאָרט, ז. 481).

ווי מע קען זען פון באָגאָראָדיצקעס ווערטער, קענען די יידן זיך טרייסטן, אַז די ציינגונג צו די שטשיפּעליאַווע קלאַנגען האָבן זיי געאַרבט פון דער דייטשער שפּראַך!

3) די פליכטיקע וואָקאַלן (беглые гласные) אין יידיש.

מיר שרייבן אין יידיש: פאַרוואָרפן, געשריבן, געריבן, אָן אַן „ע", אָבער: פאַרוואָרפענער, געשריבענער, געריבענער, מיט אַן „ע", גראָד ווי אויף רוסיש שרייבן מיר: виновен, праведен, אָבער: виновна, праведна אָן אַן „ע". דאָס קומט פון די צוויי פאַרשיידענע „נ" קלאַנגען, וואָס מיר האָבן אין יידיש גופא און דאָ איז ניט דער פּלאַץ וועגן דעם צו ריידן.

אָבער ווען מיר זאָגן אין יידיש***): בורעק, סיני(אַ)ק, אינדעק, קיזעק, קאָזעק, (פגל. ברײנדעלע קאָ'זעק!), ווישניק, סאָנישניק, סיטניק, סמיטניק מיט די מערצאָלן: בורעקעס, סיניקעס, אינדעקעס, קיזעקעס, קאָזאַקן, ווישניקעס, סאָנישניקעס, סיטניקעס, סמיטניקעס, דאָס הייסט, דער וואָקאַל פון לעצטן טראַף פאַרבלייבט אין מערצאָל, און דערנאָך נעמען מיר די ווערטער (וואָס אין מערצאָל פאַלט ביי זיי אַרויס דער וואָקאַל פון לעצטן טראַף, גראָד ווי אין פאַרוואָרפענער — רפן, געשריבענער—בן): גאַנעק—נקעס, ווערשאָק—שקעס, וויכאָוואַנעץ—נצעס, זאַיעץ—יצעס, זווערינעץ—נצעס, קאָזירעק—רקעס, מאַיאָנטעק—נטקעס, סאַמעוואָלעץ—לצעס, סאַמאָדערזשעץ—זשצעס, ספּאָדעק—דקעס, פּאַראָנדעק—דקעס, פּאַטשאַ(נ)טעק—טקעס, פּופּעק—פּקעס, פּריפּעטשעק—טשקעס, פּריקאַהאַלעק—לקעס, ראַטונעק—נקעס, ראַכונעק—נקעס, קען מען דאָ בשום אופן קיין כלל ניט איינשטעלן.

א ניט־ייד וועט מוזן יעדערן פון די ווערטער (עס איז דאָ נאָך אַנדערע!) אויסלערנען איינציקוויים. וואָס איז דער אונטערשייד צווישן די צוויי גרופּעס ווערטער? דעם ענטפער קען מען אָפּזוכן נאָר אין די סלאַווישע שפּראַכן פון וואַנען זיי שטאַמען.

אין רוסיש און פויליש פאַרבלייבן אין מערצאָל אַלע אַנדערע וואָקאַלען פון לעצטן טראַף איינצאָל, א חוץ ע און אָ. (ניט דאָ איז דער אָרט אַריינצולאָזן זיך אין דער איסטאָריע פון סלאַווישע וואָקאַלן, און די אויבן־אויסגערעכנטע ווערטער, מיט זייערע מערצאָלן זיינען:

1) бурак — аки, синяк — яки, индюк — юки, кизяк — яки, козак —аки, wisniak — *a*ki, соняшник — ики (Даль, IV, 165), смiтник — ики (Гр.).

---

*) Otto Bremer, Deutsche Phonetik, Leipzig, 1893.

**) В. А. Богородицкий, Общий Курс Русской Грамматики, Казань, 1911.

***) איך וויל דאָ ווידער דערמאָנען אַז דער אונטערשייד אין דעם וואָקאַל פון לעצטן טראָף קומט פון א ניט איינגעשטעלטער אָרפאָגראַפיע — דער קלאַנג איז דערזעלביקער אומבאַשטימטער ע—י, פאַרוויכערט אָדער ניט.

צו פאַרצייכענען אַ פּאָר פאָרמעס פון לינעצקיס „משלחת" (זשיטאָמיר, 1875): סטראַ־דאַניע, ביליעטען, ליובאָווניקעס, קאַליע, האָרעוואַניע (זייט 7) וויעליקאָסוויעטסקי דאַממען, נאַריאַדען, ספּליעטנים, טשליען, אַקטיאָר (זייט 6), גובערניע, דיעלאָ, דאָליע, (ז. 13). פאַרשטייט זיך, אַז ניט אַלע מאָל ווערן די ווייכע קלאַנגען פּינקטלעך פאַרצייכנט, און אַזוי שרייבט לינעצקי סאָוועסט (ז. 4, 7), אָן אַ „י" פאַרן „ע".

2) די זשיפּיקע קלאַנגען (צישקלאַנגען): זש, דזש, טש, שטש.

דער זש קלאַנג געפינט זיך אין דייטש נאָר אין פרעמדווערטער, ווי: זשורנאַל, זשאַרגאָן, זשעני, זשאַנדאַרם, באַגאַזשע, רעזשי, און דזש אין איינגלשע ווערטער: דזשינגאָ, דזשאָקעי, דזשענטלמען.

פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן מיר ניט גענומען פון דייטש, די ווערטער און הייסט עס די קלאַנגען זש, דזש זיינען ניט געווען אין דייטש, ווען יידיש איז געוואָרן לשון אשכנז פאַר זיך: אונדזערע זשיפּיקע קלאַנגען שטאַמען פון סלאַוויש און אינטערנאַציאָנאַלע פרעמד־ווערטער.

זש: זשאַלעווען, זשאַברעס, זשאַבע, זשאַווערן (פון פאַר־זשאַווערן=פאַר(רזשאַווען)', זשיפּען, זשוזשען, זשע, זשוק, זשוראַוועל, זשעראַווינע, זשמעניע, זשל(י)אָקען, זשוליק, זשמורקעס. жаловать, жабры, жаба, ржаветь, зіпати (Гр.), жужжать, же, жук. журав(е)ль, журавина, жменя, жлокаць (Н.), жулик, жмурки.

די צווייקלאַנגען דז, דזש זיינען כמעט נישטאָ אין רוסיש, אָבער מע טרעפט זיי אָפט אין פּויליש, ווייס־רוסיש און אוקראַיניש: נודזשען,ברידזשען, בלאָנדז(ש)ען, האדזיען (הארקאַווי), מעשאָנדזשניק (ליפשיץ, 160). нудити, нуджу (Гр.), нудзиць (Н.), nudzić, бридити, бриджу (Гр.), бридзицьца (Н.), błądzić, гадзиць (Н.), mosiężnik.

דער קלאַנג טש איז דאָ אין גערמאַנישע ווערטער, ווי: קוועטשן, דייטש, פּאַטשן, בייטש, גליטש, אָבער דאָס רוב געפינען מיר אים אין ווערטער פון סלאַווישן אָפּשטאַם: מוטשען, טשוכען, דערקוטשען, קאַטשען, קאַטשקע, טשעפּען, כאָטשע, קליאַטשע, טאַטשקע, קאַליעטשען, טשאַיניק, קאַלעדאַטש, ראָהעטש, קוויטשען. мучить, чухать, докучать, качать, качка (Гр.), чіпати (Гр.), хоч(а) (Гр.), кляча, тачка, калечить, чайник, колодач (Гр.), рогач, квічати (Гр.).

דער קלאַנגען־קאָמפּלעקס שטש (=щ) קומט אויסשליסלעך אין ווערטער פון סלאַווישן אָפּשטאַם: שטשאָבען, שטשאָגעל, שטשאָקע, שטשיזשליק, שטשעטינע, שטשיפּען, שטשער, שטשערב(אַטע) (אַלע פון ליפשיצן), אָבשטשעסטווע, שטשעפּקעס, באַראַבאַנשטשיק, שאַרמאַנ־שטשיק, שטשירען (הארקאַווי). ściobać, ściągnąć (Karł. VII, 718, 710). щеголь, щепка, щиглик (Гр.), szczyglik, щиглик (Н), щетина, щипать, щур (Гр.), szczur, щерб(атый), общество, щепка, барабанщик, шарманщик, щирозубий (оскаливающий часто зубы, Гр.).

פאַרבייגייענדיק איז כדאי צו באַמערקן, אַז ליטווישע יידן וואָס ריידן מיטן „סין", פּלאָנטערן זיך ניט אין ש י ן און „סין", ווי מע מיינט געוויינטלעך — אַז זיי זאָגן ווי אויף צעלהכעים: סאַבעש, שמעטענע און אַז. וו. עס קומט פּשוט דערפון וואָס ביי זיי איז דאָ נ אָ ר א י י ן ק ל אַ נ ג (ź) ś (אַ מיטל־קלאַנג צווישן ש און ס) פאַרביידע קלאַנגען, און ווען זיי נוצן אים פאַר אַ שין קלינגט ער ניט גענוג ריכטיק און דער אויער באַנעמט אים ווי אַ ס, און, פאַרקערט, אין ווערטער מיט אַ סמך קלינגט ער ווידער צופיל ווי אַ שין. יענע ליטווישע יידן (אַמאָל אינטעליגענטן!) זאָגן אויף רוסיש: неш(с)авш(с)ем.

*) Е. Ѳ. Карскій, Бѣлоруссы, 1, 95, II, 1. 382—393.

ג) **העברעאישע ווערטער**: בשר־ודמניק, בעל־העזהניק, בעל־גאוהניק, בעל־תאוהניק, בעל־עברהניק, בעל־תשובהניק, בעל־בתניק (מיזעס, 135), בעל־מצוהניק, בר־מצוהניק, אתה־בחרתניק, צו־להכעיסניק, ימח־שמוניק, ישובניק, כל־בוניק, כלנו־חברימניק, קדושניק, למד־וואניק, מוכר־ספרימניק, מחלל־שבתניק, שבתי־צביניק, מוסרניק, מסורניק (אין דרום־רוסלאַנד— מאַסירניק, דאָנאָסטשיק), עולם־הזהניק, שמדעלניק, שלימעזאַלניק, תלמיד־תורהניק, ווייסער־חברהניק, שיקסעניק, חניפהוּשניק (חריפהוּשניק, מאָהילעווער גוב., חליפהוּשניק, ווילנע, גראָדנע, קאָוונע), חזרניק (אין דרום־רוסלאַנד חזירניק מיטן אַקצענט אויפן צווייטן טראַף), סוואַרבעניק (עשרים וארבעניק), מה־יפיתניק, נכפהניק, מה־יעשהניק, אשת־אישניק, אשת־אישניצע, נבזהניק, נע־ונדניק, עזותניק, ירידניק, (ליפשיץ), חטאתניק.

ד) **ענגלישע ווערטער**: דאָ אין אַמעריקע האָבן די יידן שוין צוגעלייגט דעם סלאַווישן סופיקס נ י ק צו א פּאָר ענגלישע ווערטער: אָלרייטניק, אָלרייטניצע, האָלדאָפּניק (all right, hold-up).

2) —אַק, —יאַק, —ליאַק, —ניאַק, אַטשקע. —ак, —як, —ляк, —няк, —чка

א) **סלאַווישע ווערטער**: פּאַסקודניאַק, פּוסטיאַק, לאַידאַק, זשידליאַק, שמאָכטע־לאַקעס(?), טביה דער מילכיגער. זז. 69,62, 76, 77), וואָס מער קבצן מער הוליאַק(ע), וואָס מער נגיד מער סוויניאַק (סאָבאַקע ?).

ב) **גערמאַנישע ווערטער**: פּרומאַק (אַטשקע), יודאַק (האַרקאַווי), יידליאַק.

ג) **העברעאישע ווערטער**: צבועיאַק (אַטשקע), טריפהניאַק, (טראַפּניאַק, מיזעס, 135). קצבניאַק (שלום עליכם, טביה דער מילכיגער, ז. 76).

3) —וק, יוק = —ук, —юк

א) **סלאַווישע ווערטער**: סוויניוק, פּאַרשוק. (поросюк, Гр., порсюк, Нос., свинюх, Даль IV, 63),

ב) **גערמאַנישע ווערטער**: שניידערוק (קיעוו), שניידעריוק (ליפשיץ, портняга)

ג) **העברעאישע ווערטער**: ממזרוק (ליפשיץ: штукарь) ממזיר׳יוק.

4) —יוגע: גויגע (וואָס איז זיכער א קענגשטיק, נאָכגעמאַכט נאָך דעם רוסישן (жид-юга, увеличительное от жид, Гр., татарюга, ув. от татарин) (פּאָלטוסק, ביאַליסטאָק).

5) —אַטש (אַטשקע), (—אַץ): — —ач, —ачка,

א) **סלאַווישע ווערטער**: טרובאַטש, פּאָרטאַטש, פּאָנפּאַטש, קריוואַטש, פּיסקאַטש, פּאַרכאַטש, מאָרדאַטש, סמאַרקאַטש.

ב) **גערמאַנישע ווערטער**: יונגאַטש, מאַידאַטש, פּערדאַטש (טביה דער מילכיגער, ז. 26).

ג) **העברעאישע ווערטער**: שייגאַץ, גויאַץ (מיזעס, ז׳ 132).

ד) **ענגלישע ווערטער**: סקעבאַטש (סטרייק־ברעכער, לייוויקס „שאַפּ“, פון ענגלישן scab) אויך סקעפּאַטש.

6) —וץ = —уц.

א) **סלאַווישע ווערטער**: פּאַרכוץ (מיזעס, 132). (пархуцик, вшивец, слово ругательное, Нос.)

ב) **גערמאַנישע ווערטער**: נאַרוץ, קאַרביץ (אין דרום־רוסלענדישער אויסשפּראַך, טביה דער מילכיגער, ז. 45), שניידרוץ (שניידרוטש, ביאַליסטאָק), שניידערוץ (יעליסאַ־וויעטגראַד).

7) —עץ, = —ец (стар-ец, мертв-ец, слеп-ец)

א) **סלאַווישע ווערטער**: פּאַרכעץ (קיעוו, גראָדנא).

ב) **העברעאישע ווערטער**: גויעץ (פּאָלטוסק, קיעוו, פּאָלטאַווע, רומייניע), בחורעץ.

2) ганок — нки (Гр.), вершок — шки, вихованець — нци, (Гр.), заяц —йцы, зверинец —нцы, козырек —рьки, majątek — tki, самоволець — льця, самодержец —жцы, spodek — dki (VI, 308), porządek — dki, początek — tki. початок — тки, пупок — пки, припечек — чки, прикагалок — лки (Н.), ратунок — нки (Н.), рахунок — нки (Н.).

און פון דאַנען קומט דער אונטערשייד.

IV. מאָרפאָלאָגיע.

A) פרעפיקסן:

1) без— בעז: בעזדיעטניק, בעזדיעטניצע, בעזלאַד, בעזלאַדניק, בעזדיעלניק, בעז־נאָסע, בעזפּאַספּאָרטני, בעזפּעטשני. די אַלע ווערטער זיינען פון ז. 126—127 אין אַלכסנדר האַרקאַוויס יידיש־ענגליש־העברעאישן ווערטערבוך (1925). אַ דעם פּרעפיקס בעז לייגט מען צו אין יידיש אויך צו העברעאישע ווערטער און מיר האָבן אין יידיש בעזבושניק, בעז־בושניצע, בעזחאַרפּאָטניק, בעזחאַרפּאָטניצע.

2) до— דאָ: דאָקוטשען, דאָקאַזשען, דאָביוועןֹ. אין אַלפרעד לאַנדוים אַרטיקל*) וועגן די סלאַווישע עלעמענטן זיינען פאַרצייכנט אַט די „איינגאַנצן סלאַווישע צייטווערטער": זיך דאָביוועןֹ, דאָקיטשען, דאָדזשוויגען, דאָדישען, דאָמיטשען, נאַרישען, ניראַיען, (נאַרייען, האַרקאַווי), אַגוווירען, זאַנאַדען, פּיטאַקעווען (פּאָטאַקעווען, האַרקאַווי), זאַטשמעלען, זאַטשעפּען.

צו די וואָלט מען געקענט צוגעבן נאָך הונדערטער אַנדערע וואָס זיינען געבוכט ביי האַרקאַווין, ווי למשל: אַגוואַזשען, פּאָפּראַווען, פּאָסטאַרען, דאָקאַזשען, דאָקלאַדעווען, און אַז. וו.

איך וויל אָבער באַמערקן, אַז אין ליטווישן יידיש און דרום־רוסלענדישן יידיש איז די פּאָרמע פון פּרעפיקס כמעט אָן אויסנאַם דער און ניט דאָ אין די ווערטער וואָס קומען פון גערמאַניש אָדער העברעאיש און אפילו אין סלאַווישע ווערטער ווי: דערביוועןֹ זיך, דערקאָנטשען (זז. 173, 176, האַרקאַווי). ד. ה. ס'איז אַן אמת, אַז דער סלאַווישער פּרעפיקס דאָ האָט געגעבן דעם דייטשען עקוויוואַלענט דער אין יידיש אין איבערזעצונג, נאָר איך האָב גרויסע ספקות צי דאָס איז דער סלאַווישער פּרעפיקס גופא, ווייל די פּאָנעטיקע פון די ניט־פּוילישע דיאַלעקטן האָט קלאָר דערהאַלטן דעם פּרעפיקס דער—.

B) סופיקסן.

I. זאַכווערטער (סובסטאַנטיוון).

1) ניק, ניצע = ник, —ница: —: דער סופיקס קומט פון סלאַוויש ווי עס באַטייט אַ מענטשן וואָס פאַרנעמט זיך מיט אַ געוויסער אַרבעט אָדער אַ זאַך וואָס דאָס איז איר כאַראַקטעריסטישע באַצייכענונג. דאָס איז אונדזער פּרוכפּערסטער שטיקל געצייג וואָס מיט אים קען די יידישע שפּראַך אָפּערירן כמעט אָן אַ שיעור אויף די וואַנדער־לעבסטע אופנים, צו בויען נייע ווערטער.

אַ). סלאַווישע ווערטער: פּאַסקודניק (יצע), בעזדיעטניק, נודניק, פּאָזשאַרניק, טשינאָווניק, אוריאַדניק, אַקציזניק (ווינשפּ. 363), קאַרטיאָזשניק, קאַרטאָווניק, וואַרטעווניק, טשאַיניצע, סאַכאַרניצע, סאַלניצע.

אַ b). סלאַווישע ווערטער צונויפגעשטעלט אין יידיש: יאַטאָבעדאַמניצע (זאַקס, חרובע וועלטן, 45), פּריזיוו־ניק (האַרקאַווי).

ב) גערמאַנישע ווערטער: בלעכערניק, געוועלבניק, דרייווייבערניק, וואָכערניק (ווינשפּ. 198, 363), פּראָצענטניק (364) פּורימשפּילניק, צווייווייבערניק, קלויזניק, קלע־טערניק, טייניצע, פּעפערניצע, אַשניצע.

*) ווילנער שריפטן, II, 199—214.

מיזעס (ז. 131) זאָגט אזוי: „דעם סלאַווישן פאַרקלענערונגס סופיקס אויף —קאַ (ka) פילט מען ניט אין יידיש פאַר אזאַ סופיקס ביי די הויפּטווערטער, און דערפאַר לייגט מען צו צו אזוינע באַרגווערטער אַן אייגענעם פאַרקלענערונג סופיקס, למשל: שאַפּקע—שאַפּקעלע. אין דרום־רוסלאַנד און אויך זיכער אין געוויסע טיילן פון ליטע און פוילן האָט נאָך דער סופיקס —קע אַ ניואַנס פון פאַרקלענערונג, ווי אין סלאַווישן מקור.

b). פאַר אָט דעם פאַרמינערונגס־סופיקס האָט יידיש זייער ליב אריינצושטעלן נאָך אנדערע פאַרקלענערונג סופיקסן (אויך גענומען פון סלאַוויש) און אזוי האָבן מיר נאָך אָט די שאַטירונגען פון פאַרקלענערונג:

א) —ינקע: Васенька, рученька, заинька, — енька, —инька טאַטינקע, מאַמינקע, ביילינקע, מאַטינקע, שרהינקע, אַלינקע, חאַצינקע.

ב) —עטשקע, איטשקע: אַליטשקע, סאַניטשקע.

ג) —ושקע, —ושעטשקע: ברעקושקע, ברעקושעטשקע.

ד) שיקסלקע, אַ זעלטן אינטערעסאַנטע פאָרמע, ווו צו אַ העברעאישן שטאַם־וואָרט שיקסע איז צוגעלייגט ערשט דער גערמאַנישער פאַרקלענערונג סופיקס ל און נאָך אים דער סלאַווישער פאַרקלענערונגס סופיקס קע.

ה) דער סלאַווישער סופיקס קע + גערמאַנישן לע: אברהמקעלע (אוורעמקעלע), שרהקעלע, חנהקעלע, איצקעלע, איטקעלע, שייקעלע, שלמהקעלע, ברודערקעלע, שאַפּקעלע.

15) —שע: ווי אין די סלאַווישע ווערטער: авторша, учительша. דאָ האָבן זיך צונויפגעמישט דער סלאַווישער סופיקס מיט דעם מיטל־הויך־דייטשן סופיקס se(n)—, אין webersen (וואָס האָט זיך אין 14—15 יאָרהונדערט איבערגעביטן אויף —sche Schneiderin = Snîderschen (1469), איצט זאָגט מען אין דייטשע מונדאַרטן: die Bäckersche, Schneidersche, die Feldwebelse (Weigand, Deutsches Wörterbuch, II, 687,— sche). די פאָרמעס קען מען כמעט גאָר נישט אין פוילן און אין ליטע, אָבער אין דרום־רוסלאַנד זיינען זיי גאַנץ פאַרשפּרייט אין די שטעט ווו די יידן ריידן אויף רוסיש: לערערשע, דאָקטערשע, בעקערשע.

16) —שע, שי, פאַרקלענערונג סופיקס פון פּוילישן sia- — און אוקראַיניש־רוסישן —ся, —ша ווי אין: Маруся (бабушка) бабуша, babuś ,babusia ,бабуся אָט דער סופיקס איז זייער פאַרשפּרייט אין פוילן (פאַרשטייט זיך, אז דאָס נעמט אריין אויך גאַליציע) און טיילן פון וואָלין, אָבער אין ליטע און דרום־רוסלאַנד קען מען אים כמעט גאָר ניט.

מאַמעשי, טאַטעשי, טאָכטערשי, זינעשי, פעטערשי, מימעשי, שוועסטערשי, ברידערשי, באָבעשי, זיידעשי, שווערשי, און אפילו שוויגערשי! (אַ ליבע־פאָרמע פאַר אַ שוויגער!).

17) —ער, —אַרעס, מערצאָל פון פּויליש־רוסיש: —арь, —яр, ,—arz אויך אין דער פאָרמע —יאַר: סטאָליער, סטאָליאַר, סטאָליאַרעס; маляр, столяр, пекарь. מוליער, מוליאַר, מוליאַרעס; מאַליער, מאַליערעס, מאַליאַרעס, (הארקאווי); כאָטשע אין אנדערע ווערטער, ווי: מוטלער, טאָקער, באָנדער (אין פוילן: בעדנער), פּאָטשטער, גאַרבער, קוכער, הובלער און נאָך אנדערע לייגט מען צו נאָר אַ ס, ווי אין אַלע ווערטער אויף —ער, וואָס שטאַמען פון גערמאַניש, ווי למשל: זינגער, זיצער, שווייגער.

די מערצאָל אויף —אַרעס באַנוצט מען אין אַ סך אנדערע ווערטער מיט אַן איראָנישן ניואַנס, און אין ניו יאָרק מאַכט מען די מערצאָל בוטשאַרעס פון דעם ענגלישן וואָרט בוטשער (קצב) butcher.

18) —ניו, —עניו: פון דעם סלאַווישן סופיקס бабуня, мамуня —ня, уня, (S. Smal-Stockyj und T. Gartner, Grammatik der Ruthenischen Sprache, s. 127) מאַמעניו, טאַטעניו, זיידעניו, באָבעניו, מימעניו, זינעניו, גאָטעניו, רעבעניו, הארצעניו,

8) —עטשניק (עטש, עץ+ניק): גויעטשניק (פּולטוסק).

9) —יכע: (ковал-иха, портн-иха)

א) פון סלאַווישע ווערטער: וואַרעניציכע (צשעשנע דיא וואַרעניציכע, א קליינער שיינער ראָמאַן פערפאַסט פון י. בודזאָהן, ווילנא, תרנ"ז (Чешня Вареничница), אדוואַקאַטיכע (א. קליין, „דער טאָג", ז. 9, מאַי 6, 1928).

ב) גערמאַנישע ווערטער: פּורמאַניכע, לייביכע, פערדיכע, הינטיכע (סיעדלעץ), בעריכע, לייזער(טש)יכע.

ג) העברעאישע ווערטער: שוחטיכע, שדיכע.

10) —וך (צוריק געבויט פון סלאַווישן ווייבלעכן סופיקס וכא, —уха (стар-уха). עכע (= —уха)

סלאַווישע ווערטער: סטאַרוך (הארקאַווי — אַלטער), סעדעכע (הארקאַווי) = (сiдуха, торговка, сидящая на базаре, Гр.)

11) —וליע = —уля

סלאַווישע ווערטער: כאַמוליע (פּרץ הירשביין, „פּוסטע קרעטשמע") ביי די ליטוואַקעס — כאַמולע. (хамулька, мужичок, слово шуточное, по бранное, (Н); хамула, неповоротливый, неуклюжий, Гр.).

12) —קע פון סלאַווישן —ка. צו באַצייכענען דעם ווייבלעכן געשלעכט: (кухар-ка, знахар-ка, индюч-ка)

א) סלאַווישע ווערטער: סטודענטקע, סטאָליאַרקע, זנאַכערקע.

ב) גערמאַנישע ווערטער: שיינקערקע, שניידערקע, שוסטערקע, ליגנערקע, לערערקע, דאָקטערקע, הונטקע, נאַשערקע, גרעט־וואַשערקע, וואַסער־טרעגערקע, מצות־וועלגערקע, פּוצערקע, צופּערקע (פּעדערן־פּליקערן, אין פּוילן), מאַכערקע, גאָלדמאַנקע, בערמאַנקע.

ג) העברעאישע ווערטער: שוחטקע, מלמדקע, כלי־זמרקע, מגידקע (יהואָש—ספּיוואַק).

ד) ענגלישע ווערטער: טיטשערקע, בוטשערקע, אָפּערייטערקע, סטאָרקיפּערקע, דרעס־מייקערקע, לויפערקע, (פון ענגלישן, loafer וואָס מיינט פּוסטעפּאַסניק, און די יידן האָבן אין אַמעריקע צוגעפּאַסט צום „לויפער"*) באָרדערקע, טייפּרייטערקע, געמבלערקע, סאַנאָוואַביטשקע, סאַנאָוואָגאָנקע.

13) אַנדערע סופיקסן + —קע:

א) —איסטקע: בונדיסטקע, יידישיסטקע, העברעאיסטקע, ציוניסטקע, מאַשיניסטקע, סטענאָגראַפיסטקע, דאַנטיסטקע;

ב) —אַנקע: אַמעריקאַנקע, אינטריגאַנקע, שאַרלאַטאַנקע;

ג) —אַטשקע, —וטשקע און אז. וו.: פרומאַטשקע, טריפהניאַטשקע, סוויניוטשקע.

14) —קע: פאַרקלענערונג פאָרמע ווי אין סלאַווישע ווערטער:

а) руч-ка, машин-ка, лошад-ка, Вась-ка.

א) סלאַווישע ווערטער: ליולקע, באַבקע, קאַראָבקע, טרובקע, פּושקע, נעבישקע, נעבעכקע.

ב) העברעאישע ווערטער: בת יחידהקע, בן יחידקע.

ג) גערמאַנישע ווערטער: מאַכערייקע.

---

*) אין אַלט־יידיש האָט לויפערן, אויסלויפערין געמיינט: אַ פרוי וואָס קען ניט אויבזיצן אינדערהיים. „וויא קומט דען דז אופט, איין צדיק איין חסיד האט איין ביז וויב, איין אויז לויפרן, איין שפילרן, אונ' איין גנבתה (לב טב. אמסט. 1670, עמוד ס"ג). יצאנית — אוין לויפרין, אמרי שפר, וויניציאה, 1583 (זע שולמאַן, ז. 118).

היפּאָקריטסטווע*) (ספּיוואַק—יהואָש, ז. 225), דער וואָרט איז געבויט פּינקטלעך נאָכן רוסישן: ханжа, ханжество

24) —אָק, ווי אין סלאַוויש кол-ок, бож-ок, душ-ок
העברעאישע ווערטער: בנ'אָק.

II) אייגנשאַפטס־ווערטער:

1) —סקע(ר) —שקע(ר), פון סלאַוויש жен-ский, поль-ский.

א) סלאַווישע ווערטער: באַבסקע (מעשיות, רפואות); דאַמסקער (שניידער), כוואַטסקע (נקבה).

ב) גערמאַנישע ווערטער: מאַנסקער (אקראַינער, פּויליש מענסקער), אַרי־מאַנסקע (וועטשערע).

ג) העברעאישע ווערטער: גויאישקער

מיזעס, ז. 148, זאָגט: „אַן איראָניזירנדיקן עפעקט מאַכט אין יידיש די נאָרמאַל סלאַווישע ענדונג —סקי, צוגעלייגט צו העברעאישע ווערטער (שיקאָרסקע גאָרגל = גאָרגל פון א שיכור)". קומט דער איראָנישער עפעקט פון סופיקס, צי פון דעם וואָרט גופא מיט דעם פאָנעטישן איבערבייט אין שיקאָר?

2) —אַטע(ר) פון סלאַוויש: рог-атый, волох-атый, бород-атый. מיט א באָרד, האָר, הערנער.

סלאַווישע ווערטער: האָרבאַטער, פּיסקאַטער, סמאַרקאַטער.

3) —עוואַטע, פון סלאַווישן оватый—, וואָס איז א פאַרמילדערונג סופיקס ווי אין глуп-оватый, мешк-оватый.

א) סלאַווישע ווערטער: קאָלטונעוואַטע, פּליכעוואַטע, פּאַנפּעוואַטע.

ב) גערמאַנישע ווערטער: נאַרישעוואַטע.

ג) העברעאישע ווערטער: תמעוואַטע, משוגעוואַטע, בטלנעוואַטע, בהמהוואַטע, לעמעכאָוואַטע (מיזעס, ז. 142 און 149; בירנבוים, יידישע גראַמאַטיק, ז. 40—41).

4) —עוו (פון זאַגווערטער אויף —עוו —ען) + דעם גערמאַנישן סופיקס דיק.

א) סלאַווישע ווערטער: קירעוודיק, פּאַקעוודיק, שפּאָרעוודיק, פּראַצעוודיק (צירעוודיק).

ב) גערמאַנישע ווערטער: בייגעוודיק, רירעוודיק, ציעוודיק, אָנזעעוודיק, טיילעוודיק, שעמעוודיק, ריידעוודיק, באַרעטעוודיק, שפּילעוודיק, שפּאָרעוודיק, באַליידעוודיק, אָנרירעוודיק, באַטייטעוודיק (פּרילוצקי, קאָנסאָנאַנטיזם, ז. 204, אָנמ. 2), שמוצעוודיק.

ג) העברעאישע ווערטער: חנעוודיק, שוואַרץ־חנעוודיק (כענעוודיק, אין ביאַליסטאָק, גראָדנאָ).

5) —אינקער, פון דעם סלאַווישן פאַרקלענערונג סופיקס, ווי אין די ווערטער: маленький, хорошенький, старенький טייערינקער, קליינינקער, פּיצינקער, זיסינקער, פיינינקער, גאַנצינקער, שוואַכינקער, אָרימינקער (ווי אין פאָלקס־ליד: כאָטש אַן אָרימינקע, פּאָרט א מומע), שלאָפינקער, יונגינקער, שיינינקער, און אז. וו. כמעט אָן א שיעור.

6) —אינק+עלער: פּיצינקעלער.

7) —יוסענקער, פון דעם סלאַווישע טאָפּלפאַרקלענערונגסופיקס, ווי למשל אין די ווערטער: малюсенький, белюсенький פּיציוסינקער, קליינציוסינקער.

*) עס איז דאָ כדאַי צו באַמערקען, אַז דער וואָרט היפּאָקריטסטווע איז אויך אַ יידישע נייבילדונג. ער איז ניטאָ אין רוסיש, ניט אין פּויליש. קענטיק, האָבען די מחברים אים געמאַכט פון פּוילישן: hypokryt אָדער ענגלישן: hypocrite. אין רוסיש איז עס ипокрит, אָן דעם г

קרוינעניו, קינדעניו, מיידעניו, האַנטעניו, ליובעניו. מיט הונדערט און צוויי און צוואַנציק יאָר צוריק האָט ר׳ שניאור זלמן, „דער רב״, געשריבן: „גידענק זלמוני סערצע, פּאָלג מיך, שוואַיג ניט״... (יום ה׳ דחנוכה, תקס״ט=1806).

אין יידיש ווערט דער סופיקס באַנוצט נאָר פאַר אַ וואָקאַטיוו אָדער ווענדפאָרמע (פאַרגלייך פּנקס I, ז. 135).

19) —טשיק, פון דעם סלאַווישן פאַרקלענער־ און צערטל־סופיקס: —чик, мальчик, пальчик, стаканчик.

א) סלאַווישע ווערטער: גראַפינטשיק.

ב) גערמאַנישע ווערטער: יונגערמאַנטשיק.

ג) העברעאישע ווערטער: פּאָד־ראַבינטשיק (אונטער־ראַבינער, אַ יונגער (האַרקאַווי) פלג. פּויליש: podrabin, podrabinek

ד) ענגלישע ווערטער: באָיטשיק, באָיטשיקל.

20) —(ש)טשיק: פון סלאַווישן ווו עס מיינט: איינער וואָס באַשעפטיקט זיך מיט אַ זאַך: —чик, —щик, счетчик, конторщик;

א) סלאַווישע ווערטער: באַראַבאַנשטשיק, שאַרמאַנשטשיק, קאַטערינשטשיק, אָטקופּק־שטשיק, פּאָדר(י)אַ(ד)טשיק, דאָנאָשטשיק, פּריקאַשטשיק, קאַרמאַנשטשיק.

21) —אַרניע, פון סלאַווישן: —арня, —arnia

דער סופיקס באַטייט אין סלאַווישע שפּראַכן: אַ פּלאַץ, אַ געביידע פאַר ספּעציעלע צוועקן: псарня מיינט אַ הויף אָדער געביידע ווו מע האָדעוועט הינט; овчарня, איז אַ הויף אָדער אַ שטאַל ווו מע האַלט אָדער פאַרטרייבט שאָף. די סלאַווישע ווערטער שטאַמען ניט פון пёс אָדער овца גופא, נאָר פון псарь און овчар וואָס מיינען: דער משגיח איבער די פּאָלעוואַניע־הינט (ליפשיץ, 310), פּאַסטוך פון שאָף, און די ווערטער פּסאַרניע און אָווטשאַרניע מיינען ריכטיק אַ וווינונג אָדער אַ פּלאַץ פאַר אויפזעער איבער הינט אָדער שאָף. אַזויאַרום האָט זיך אַנטוויקלט דער געפיל, אַז דער סופיקס איז אַרניע און ניט —ניע אליין.

א) מיר האָבן אַריינגענומען אַ היפּש ביסל סלאַווישע ווערטער מיט דעם סופיקס: נאַרבאַרניע, שפּיזאַרניע, דרוקאַרניע, פּיעקאַרניע, מלעטשאַרניע;

ב) קיבעצאַרניע קומט פון פּויליש. kibic, איינער וואָס שטייט דערביי און קוקט ווי מע שפּילט אין קאָרטן, שאַך, ביליאַרד, (Slownik, II, 318), kibicowanie kibicować פון דייטש: Ki(e)bitz. אַ פויגל וואָס דערעסט מיט זיין העסלעכן געשריי; אַ מענטש, וואָס מישט זיך אומגעבעטענערהייד אין אַנאַנדערנס געשעפט, (ד׳וו׳ב׳, V, 657, b, 1.): kiebitzen.

ג) גערמאַנישע: פרעס־אַרניע, שמעלצ־אַרניע.

ד) העברעאישע: חסיד־אַרניע, אויך סכיר־אַרניע (גאָטלאָבער, ז. 255).

22) —אָווקע, פון: owka —, овка—

א) סלאַווישע ווערטער: דוכאָווקע, וואַטאָווקע, באַראַנאָווקע.

ב) העברעאישע ווערטער: פּסחאָווקע (פּסחדיקער בראַנפן) געבויט נאָך אַזעלכע סלאַווי־שע נעמען פון משקאות, ווי: рябиновка, малиновка, грушовка, вишневка, кизилевка.

23) —סטווע, —צטווע, פון סלאַווישן: stwo—, ство—, ствие—

א) סלאַווישע ווערטער: פּאַסקודסטווע, גראָביאַנסטווע, אָב(ש)טשעסטווע, פּריסוט־סטווע (האַרקאַווי).

ב) העברעאישע ווערטער: צבויאַצטווע (—טוואָ, פּאַרמאַסקירטקייט, פאַלשקייט,

פּאוואָליטשקע, שטיליטשקע, שטילינק(ערהייד), тихон-ечко, легон-ечко, мален-ечко פּאמעלאַכקע.*)

5) **אויסרוף־ווערטער**: גוואַלדינקעס! (האַרקאַווי).

6) **צאַרטווערטער פון קינדערצימער.**

מיזעס (Die Jiddische Sprache ז. 224) זאָגט: „ניט לאַנג האָט זיך א מחבר געוואונדערט וואָס די באַצייכענונגען פאַר די נאָענטסטע קרובים אין א פאַמיליע: טאַטע, מאַמע, באָבע, זיידע, אין יידיש, זיינען סלאַוויש. אינדעראמתן האַנדלט עס זיך דאָ וועגן א קענטיקן סלאַוויזם.״ און דערנאָך סטאַרעט זיך מיזעס מיט אַלע כחות צו ווייזן, אַז די ווערטער זיינען אַלגעמיינע יעוואָרפּעאישע. און דאָס פאַרפירט אים אַזוי ווייט, אַז ער איז גרייט אָנצונעמען, אַז אונדזער וואָרט זיידע שטאַמט פון ציפּסער דייטש oschade, און אַלץ נאָר כדי ניט צו דערלאָזן, אַז עס קומט פון דעם סלאַווישן וואָרט дзѣдъ, dziad. אומזיסטע באַמיִונגען! אין די לאַנגע יאָרהונדערטער וואָס די יידן וווינען אין די סלאַווישע לענדער האָבן זיי געהאַט גויאישע דינסטן וואָס האָבן אויפגעפּאַסט אויף די קינדער און זיי געניאַנטשעט. איך האָב אַליין געזען גויאישע דינסטן, וואָס פלעגן זאָגן „מודה אני״ און ברכות מיט די קינדער. פאַרשטייט זיך אַז די ניאַנקעס און דינסטן האָבן אריינגעבראַכט אין דעם אינטימסטן ווינקעלע פון קינדערצימער און אין הויז בכלל צאַרטע אויסדרוקן אין יענע יאָרן פון א מענטשנס לעבן ווען די איינדרוקן אויף א יונגען מח זיינען די שטאַרקסטע און פאַרבלייבן אויפן גאַנצן לעבן.

אמת, אַז די ווערטער וואָס איך רעדן דאָ אוים געהערן, שטרענג־גענומען, אונטערן אָפּטיילונג פון וואָרט־אוצר און ניט אונטער פאַרקלענערונג־סופיקסן, נאָר זיי זיינען אַזוי נאָענט פאַרבונדן מיטן אויבנדערמאָנטן נומער 3, אַז איך גיב זיי א פּלאַץ דאָ צוליב באַקוועמלעכקייט.

אָט אָ די קינדערווערטער (אינפאַנטיליא, ווי מע רופט זיי), נעמען ארום דעם גאַנצן קינדערשן לעבן.

האַם־האַם (עסן); פּאַפּי (ברויט, עסן); מאָני(ע) (מילך); מוקעניו (מילך, טרונק); מלימלי (אין פּוילן — מילך); בייאינקי (שלאָפן); הייטי (שפּאַצירן, אין גאַס); דיודי (קאַלט); זיוזי (אָפּשיי); זשיזשי (ליכט); טיוטיו (טרונק); קיצי(ע) (קעצעלע*)); ציוצי, טשוטשי (הינטעלע); קאָסי(ע) (פערדעלע); נאָ קאָסי(ע) (פּאָרן, אָנטרייבן א פערד); טיוטי(ע) (הינדעלאך); האָפּאַ (שפּרינגען); הוידא (וויגען זיך); ליולענקי (איינשלעפערן, איינוויגן); ציאַציע, צאַצע (שפּילצייג); קוקע (א וווּנד); וואַווע (א וווּנד); בובע(לע) — א וווּנד (פּאַדאָליע, רומעניע); ניוניע (קלאָגמוטער, פּלאַקסע); קריליעסי (פליפּייגעלעך — אין פּוילן); בערעם־בערעם־בוץ (אָנשטויסן שטערן אָן שטערן); באָדזי־באָדזי (אָנשטויסן שטערן אָן שטערן — אין פּוילן).

Гам (меж. 1.) означаетъ въ дѣтск. яз. **ѣсть.** **Гам(к)ати**, дѣтск. **ѣсть.** **Папа**, дѣтск. **хлѣбъ.** **Моня (монька)**, дѣтск. **молоко.** **Му**, меж. выражающее мы-

---

*) "Смягчительныя формы, по преимуществу оказавшіеся въ именахъ, языкъ распространяетъ и на другія части рѣчи: напр. **баиньки, спатиньки, питиньки** (отъ пить), **естечка** (отъ есть), **люлиньки** (люли), **мнѣшинька** и пр.

Примѣч. Въ областномъ языкѣ: отъ частицъ, въ разныхъ мѣстахъ: **аханьки, ахонюшки** (отъ **ахъ**), **аиньки** (отъ **ай**). **асинька -и** (отъ **ась**); въ новг., пск., твер. **здѣсинька, здѣська, здѣсятка** (отъ **здѣсь**); **откулинька, отсулинька** и **отсюлинька** (откуда, отсюда): **доселичка, дотуличка, дотулинька** (доселѣ, дотолѣ); въ смол. **домойки** (домой). Отъ мѣстоимений: въ твер. **никовушко** (вовсе никого), въ арханг. **тоговасько** (какъ бишь); въ тверск. **охти мнѣченьки**, в тверск. **охти мнѣчушки**, въ нижегор. **что-нибудка** (что-нибудь); отъ глаголовъ: **можнешенко** (можно); особенно въ малорус. **питки, питочки; исти, источки, истоньки** (отъ пить, ѣсть); **ристочки, ходусеьки** (отъ рости, ходить), что придаетъ особую нѣжность въ колыбельныхъ пѣсняхъ; напр., "а ристочки у кисточки" (въ косточки), "а въ ниженьки (ноженьки) ходусеньки". (Буслаевъ, Истор. Грам. Рус. Яз., I, 136-7).

ווער האָט ניט געהערט מאַמעס זאָגן צו זייערע פּיצעלעך: „ביזאַהערינקע, אַהיימעלע, וואַקסינקען אין די ביינדעלעך, גייאינקען אין די פּיסעלעך״ — אַלץ וואָרט נאָך וואָרט ווי אין סלאַוויש.

8) —עטשקער (איטשקער), פון סלאַווישן סופיקס ווי אין: малеп-ечкий, легон-ечкий קליינימשקער, אַלטיטשקער (אַלטיטשקע), יונגיטשקער.

9) —טשיק: פון דעמזעלביקן סלאַווישן סופיקס ווי נומ. 8: קליינטשיק, שיינטשיק. ווי ווייט איך ווייס, איז דער סופיקס כמעט אומבאַקאַנט אין דרום־רוסלאַנד, אָבער שטאַרק באַליבט אין פוילן (אין גאַליציע?), און א גרויסן טייל פון ליטע.

10) —טש+ינק: קליינטשינקער.

11) —אַסטער, פון סלאַוויש, ווי אין: горл-астый, зуб-астый פון גערמאַנישע ווערטער: שפּיצ—אַסטער (ספּאָדעק), ווינטשפינגערל ז. 38,36, 39.

12) —אַצקער, פון סלאַוויש ווי אין: казацкий, дурацкий. העברעאישע ווערטער: צבועיאַטצקער.

III) זאָגוו,ערטער (טו־ווערטער, ווערבן):

1) —עווען, פון דעם סלאַווישן סופיקס, ווי אין די ווערטער: бал-овать, рад-овать, бесед-овать.

ווען דייטשע זאָגווערטער קומען אריין אין די סלאַווישע שפּראַכן, ווערט אָט אַ דער סופיקס זייער אָפט צוגעלייגט צו די דייטשע וואָרצלען: malen, packen = малевать, паковать, malować, pakować.

א) סלאַווישע ווערטער: קירעווען, שעטקעווען (שאַטקעווען, איז דרום רוסלאַנד), פּראַצעווען, צירעווען, פּאַקעווען, קאַטעווען, טשאַטעווען, גוואַלדעווען, האָדעווען, ראַטעווען, שאַנעווען, סקאַסעווען (הארקאַווי), וואַנדרעווען („ווינשפּינגערל“, I, ז. 35), ראַבעווען, קאָמאַנדעווען, איינפּונדעווען (זשיטלאָווסקי, „ליטעראַטור און לעבן—יידישע וועלט“, ז. 221, אַפּריל, 1914), ארומבריקעווען (פּרץ הירשביין, „פּוסטע קרעטשמע“, 11), זאַפּאַסעווען (לינעצקי, „משלחת“, ז. 7, 18; 1875), מאָרדעווען, לאָדעווען, מאַרודעווען, אָרודעווען, אימפּעטעווען (מוקדוני, „מאָרגן זשורנאַל“, מאַרטש 14, 1926).

ב) העברעאישע ווערטער: באַלאַבאַטעווען, טאַכלעווען, פּאַרטאַכלעווען (הארקאַווי, אויך פּאַרתכל(י)עווען, תכלעווען, נאָר ניט טאַכלעווען). אָבער עס איז גאַנץ מיגלעך, אז דאָ איז צוגעמישט דער געדאַנק פון פּוילישן וואָרט tachlować.

ג) גערמאַנישע ווערטער: הערשעווען (ליפשיץ) (управить פון מיטלהויכדייטשן hërschen, צירעווען.

ד) ענגלישע ווערטער: סקראָבעווען (וואַשן, שייערן, שרופּן), scrub.

IV) פאַרקלענערונגסופיקסן:

1) זאַכווערטער: —קע, —טשיק, טשקע, —יטשקע. (פאַרגלייך זז. 4—263).

2) אייגנשאַפטסווערטער: אינקער, (צ)ינקער, (טש)ינקער, יטשקער.)פאַר־גלייך זייט 266).

3) זאָגווערטער: —ינקען, —ינקי פון סלאַווישן סופיקס אין ווערטער ווי: баиньки, люлиньки, спатиньки, питиньки, естечка; Укр. спатоньки, істоньки, питиньки, пиcіньки, спаточки, істочки, питочки; Белор. спаценьки, спатэньки (Нос.). שלאָפינקען, עסינקען, זיצינקען, זייגינקען, ליולינקי, בייאינקע, פּאָפּינקען.

4) אומשטאַנדווערטער (אַדווערבן): —איטשקע, —אינקע(רהייד), פון סלאַווישן;

רייזען קומט מיט דער שאלה אביסל צו שפּעט, ווייל די פאָרמעס האָבן זיך שוין לאַנג אַנטוויקלט.

אָנהייבנדיק מיט אויסדרוקן ווי: אַ טרייפענע דרוק, טרייפענע קרבן מנחות (ז. 8), אייערי טרייפהנע מאסקע (ז. 9, לינעצקי, „דאָס משלחת", זשיטאָמיר, 1875), טרייפענע האלדז, גאַנצענע טעג, נעכט (אַ מאמע וועט פּאַרקערט זאָגן וועגן איר פּיצעלע: „אַ גאַנצינקע נאַכט ניט געשלאָפן), די גאַנצענע מעשה, גרויסענע צרות, אזעלכע גוטענע יאָרן זאָל איך האָבן, שלעכטענע מענטשן, לאַנגענע וואָכן, חדשים, יאָרן; „און ווי גיט מען דאָס ניט אַ ליולקע טאבאק, איז אָבער געוועזן אזא בייזענע גרוים פון אַ ליולקע, אז די גאַנצענע פוהר טאבאק איז דאָרט אריין" (ז. 3, „שייקע פייפער", ניו יאָרק, היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני), איז עס געגאַנגען דורך פאָרמעס ווי „אָן אמת אָפּגעהיטענער ייד (פּרץ, „אָן אָפּקמעניש", ז. 71, בירנבוימס יידישע גראַמאטיק), „געברענטענע ווונדן" (פלאָצק), אַ פאַרטאָגענער מענטש, און אזעלכענער:

„נישט געגוג איז מן הסתמא"
„פאַר אזעלכענע נשמה"
„אַלע אונזערע שטאָפען" (פּרישמאַן „פאַר משיחן").

„איך האָב שוין עטליכענע מאָל געשרובן בריף און איך האָב און לעצטון בריף געגיבן אַ טערמין" ספר מקור חיים, לעמבערג, 1912, ז. 3), אסאכענע (מאָהילעוו), איז עס צולעצט געקומען צו אזוינע אויסדרוקן ווו קיין געלעגנהייט וואָלט דאכט זיך גיט געדאַרפט זיין פאַר פאַרגרעסערונג פאָרמעס, און פּאָרט האָבן מיר זיי שוין אויכעט דאָרט געמאַכט. איך מיין אין ריינע פּירוועדטער, ווי: „די זעלבענע זאַך איבערגעחזרט", דעמענען, אָט דעמענען, וועמענען, קיינעמען (ניט אויסגעזאָגט פאַר קיינימון, ז. 25ב, „ספר מקור חיים").

דער נייער פאַרגרעסערונג סופיקס שטאַמט פון רוסיש. די רוסן וואָס ווינען צוזאַמען מיט יידן וייסן דעם אונטערשייד צווישן כשר און טרייף און פאַר אונדזערע ווערטער כשר און טרייף זאָגן זיי: кошер-ный, треф-н-ой. פאַרשטייט זיך, אז קיין פאַרגרעסרונג־פאָרמע אָדער פאַרגרעבערונג־פאָרמע פאַר כשר דאַרף קיין ייד נישט, אָבער אויף טרייף איז אַ פאַרגרעבערונג־פאָרמע אַ ניצלעכע זאַך. און אזוי האָט דער ייד גענומען די סלאַווישע פאָרמע трефной און האָט פון איר געמאַכט טרייפענער, גראָד ווי פון דער אַלגעמיינער פאָרמע страшный האָט דער רוס און דער אוקראַינער געמאַכט די פאַרגרעסערונג פאָרמע страшенный וואָס איז אַריין אין יידיש אין אזעלכע אויסדורקן ווי: „אַ סטראשענער דונער, שוידערלעך, גוזמעדיק, שרעקלעך, און страшный — שרעקלעך, מוראדיק; здоровенный ריזיק, גרויס, ריזיק געוואַקסן קומט פון здоровый — געזונט, שטאַרק, גרויס, אין אוקראַיניש.

1) силенний מאַכטיק, זייער שטאַרק, קומט פון сильний שטאַרק;

2) труженний דערגרייכט מיט אָנשטרענגונג, האָרעוואַניע, קומט פון трудный, שווער;

3) важенний זייער שווער (אין געוויכט); וואָס קומט פון важний וואָס וועגט אַ סך;

4) довженний זייער לאַנג, קומט פון довгий לאַנג;

5) величенний אומגעהייער, ריזיק גרויס, קומט פון великий גרויס.

(אַלע גענומען פון הרינטשענקאָס ווערטערבוך).

אין ווייס־רוסיש האָבן מיר большенный ריזיק, גרויס, פון большой גרויס (נאָסאָוויטש).

θ. И. Карскiй, Бѣлоруссы, II, 2, стр. 50-51 זאָגט אזוי: ספּעציעל צייכענען זיך אויס די פאַלן פון פאַרטאָפּלען דעם н אין סופיקס פון אייגנשאַפטווערטער, כדי אויסצודריקן אַ פאַרשטאַרקטע אייגנשאַפט, וואָס איז גלייך צו דעם דריטן גראַד: велизманный (огромный), большенный, добренный, огроменный, богаценный, страшенный, кысмаценный.

чаніе коровы; **мукати** — мычать. **Баю, баиньки.** (Даль).. **Гайти,** дѣтск. **гулять. Дюдя,** дѣтск. **холодъ, холодно. Зюзя,** дѣтск. **букашка** и вообще все крошечное. **Жижа,** все горящее и горячее (дѣтск. сл.) **Киця,** ум. кицюня, кицюнечка, **кошка. Цюця,** дѣтск. **собачка,** цюц(ін)ька, цюцічка. **Кося, коська,** дѣтск. **лошадка. Тюті,** меж. для призыва кур: цыпъ, цыпочка; тют(ін)ьки, тютічки. **Гоп!** меж. подражание звуку отъ топанья при прыжкѣ или пляскѣ; **гопати,** топать, прыгая или танцуя. **Гойда!** меж. отъ глаг. **гойдати,** выражающее качаніе. **Люлі-люлі,** меж. баюшки баю; **люлечки. Цяця,** дѣтск. **цаца,** все хорошее, игрушка. **Вава,** дѣтск. **ранка, боль. Буба,** дѣтск **рана,** нарыв, слѣды удара. **Нюня, плакса. Крилесі.**

(דעם לעצט דערמאָנטן וואָרט האָב איך געהערט אין באכמוט [יעקאַטערינאָסלאַוער גוב.], איצט אַרטעמיווסק. צווישן די גויאישע קינדער איז ער געווען דער געוויינטלעכער נאָמען פאַר דער זאַך: צוויי אירע פלעגן נעמען אַ פּיצעלע אונטער די אָרעמס און אים טראָגן אינדערלופטן. כאָטש דער וואָרט איז ניטאָ ביי הרינטשענקאָ, בין איך זיכער, אַז ער קומט פון крило = פליגל, ווי דער פוילישער נאָמען „פליפּויגלעלעך" ווייזט.)

Буц! меж. выражающее столкновение лбами. **Баран-баран-буц!**

Hamać' jeść. **Mlimli:** mleko (Slownik Gwar Polskich). **Tutu:** pić. **Hopa!:** dla oznaczenia skoku, podskakiwania. **Kuku, kuka:** wszelkie skaleczenie, stłuczenie, ból. **Buba:** 2) ból, cierpienie, dolegliwość. **Bodzieć:** bodnąć.

איך מיין, אַז יעדערער וואָס וועט זיך אריינטראַכטן אין די צוויי־דריי צענדלינג קינדער־שפּראַכווערטער וועט פאַרשטיין, אַז מע האָט ניט קיין רעכט צו זאָגן, אַז דער סלאַווישער עלעמענט איז כלומרשט די נידעריקע שפחה אין אונדזער יידיש און אַז מע ווענדט אים אָן פאַר גראָבע און נידעריקע ענינים.

v) פאַרגרעסערונג־פאָרמעס: סופיקסן (אויגמענטאַטיווא)

די סלאַווישע שפּראַכן, ווי אויך אַ טייל ראָמאַנישע, זיינען רייך ניט בלויז אין פאַרקלענערונג־סופיקסן, נאָר אויכעט אין פאַרגרעסערונג־סופיקסן. אין די גערמאַנישע שפּראַכן איז פון די לעצטע נישטאָ כמעט גאָרניט. דעם געדאַנק פון פאַרגרעסערונג אָדער גראָבקייט קען מען אין יידיש אויסדריקן מיט דער אינטאָנאַציע. אַז מע זאָגט אויף יידיש: „אוי איז ביי אים אַ האַנט!" מיינט עס אויף רוסיש: Ну и рука-же у него! און מע קען עס זען נאָך בולטער, ווען אָנשטאָט דעם וואָרט ה א נ ט זאָגט מען אין דער אויבנדערמאָנטער פראַזע די צאַרטפאָרמע אָדער פאַרקלענערונג־פאָרמע ה ע נ ט ע ל ע: „אוי האָט ער אַ הענטעלע!" Ну и руч(ень)ка-же у него!

אָבער פאַרמאָל האָט יידיש איבערגענומען פון די סלאַווישע שפּראַכן אַ פּאָר פאַרגרעסערונג־סופיקסן. עטלעכע האָב איך דערמאָנט אונטערן קעפּל פון סופיקסן פאַר זאכווערטער (זע ז. 261), אָבער דאָ וויל איך דערמאָנען דערשיינונגען וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש סלאַוויש אין אייגנשאַפט־ווערטער.

A) אייגנשאַפט־ווערטער.

אין יידישער פילאָלאָגיע, ז. 97, פרעגט זלמן רייזען: „קענען די פאָרמעס, גאַנצענע טעג, גרויסענע צרות, אַזעלכענע זאכן, אַנטוויקלען אַ פאַרגרעסערונג פאָרם פון יידישן אַדיעקטיוו?"

Grimm V, 870: Kitze, Kize, "Weibliche Katze, kätzlein". Schmeller I, 398: Pap. Naturausdruck der Kinder für . . .. . . das Essen, die Speise . . . Der Papp (e). die Pappm, 'sPappal (Kinderspr.) Brod.

וואָרט שפּיגלען אָפּ בילדלעך דעם פּסיכאָלאָגישן פּראָצעס, וואָס גייט אָן אין קינדס מח. אַ דערוואַקסענער וועט אפשר אין אַזאַ פאַל נאָך פאַרציען אויך דעם קאָנסאָנאַנט און זאָגן: „אַ גר—ר—ר—ו—ו—ויסער!״ דאָ קען מען דערמאָנען די נאַטירלעכע נייגונג צו פאַרלייִנגערן און פאַרשטאַרקן איינציקע קלאַנגען אונטערן איינפלוס פון שטאַרקע געפילן און אויך כדי צו פאַרשטאַרקן דעם עפעקט פון דעם גערעדטן וואָרט. אַזוי למשל אין: “it is very cold!” (=kooulld!) (ס'איז זייער קאַלט) ווערט אי דער וואָקאַלישער צווייקלאַנג אָו, אי דער קאָנסאָנאַנט ל אַרויסגערעדט אויסערגעוויינטלעך לאַנג; אין “terribly dull” ווערט דער ל אויסגעצויגן, און אין “extremely long” ווערט אָדער דער וואָקאַל אָ אָדער דער קאָנסאָנאַנט נג (אָדער ביידע) פאַרלייִנגערט (אָטאָ יעספּערסען, „די שפּראַך״, ז. 404, אין ענגליש, 1923).

ווען אַ מענטש איז כעס שטאַרק אין כעס קען מען פון אים אָפט הערן: פּ־פּ־פּ־אַר־כ־כ־אַפּט זאָל עס ווערן! אָדער פּ־פּ־פּ־אַרפּ־פּ־ל־ל־ל־וכט זאָל ער ווערן! אַמאָל פלעגן די אַמעריקאַנער צייטונגען אָפּלאַכן פון ראָזוועלטן און איבערקרימען ווי ער פלעגט זאָגן (De-e-e-lighted!—אַנטציקט!) אַנשטאָט Delighted!, ביי באַגעגענישן.

ווען אַ ניו־יאָרקער וויל אויסדריקן אַן אויסערגעוויינטלעכע פרייד ווען מע קומט אים זען, זאָגט ער: “I'm *sooou* *glll*ad to see you!” און פאַרקערט, וועט אַ ניו־יאָרקער זאָגן: “It's te*rrr*ible!” ווען ער וויל פאַרשטאַרקן דעם געדאַנק פון „שרעקלעך״: ש־ר־ע־ק־ל־ע־ך!

און דערזעלביקער פּסיכאָלאָגישער פּראָצעס טרייבט דעם יידן צו מאַכן פּראַסקענען, כראָפּענען, פּאָרקענען, פון טראַסקען, כראָפּען, פּאָרקען און אַז. וו.

זאַכווערטער (הויפּטווערטער).

מיר דאַכט זיך, אַז נאָכדעם ווי די פאַרגרעסערונג (און פאַרגרעבערונג) סופיקסן אין ווערבן און אייגנשאַפטווערטער האָבן זיך אַנטוויקלט אין יידיש האָט זיך ביי אונדז יידן אויסגעאַרבעט אַ געפיל, אַז דער איבעריקער טראַף —ען איז אַ סימן וואָס מע קען אָנווענדן פאַר פאַרגרעסערונג בכלל. און אַזוי האָבן זיך ביי אונדז אַנטוויקלט פאַרגרעסערונג פאָרמעס פאַר הויפּטווערטער מיט דעם סופיקס — ען אָדער —אַן, נאָר אַלע מאָל אין מערצאָל. „לעבן דער פאַרקלענערונג־פאָרמע האָט דער ייד אויך אין געברויך אַן אויגמענטאַטיוו אין געוויסע פאַלן. שוין דער טעמאַטישער סובסטאַנטיוו*) דערוועקט אַ בילד פון איבערגעוויינטלעכער גרויס; און דערצו קומט אַמאָל נאָך אַ באַזונדערער סופיקס אויף — yn — (—ען—) (נאָר אין מערצאָל): אויגענעס (פון אויג, = איבערוים גרויסע אויגן); פּיסענעס**) (פון פּיס = איבערוים גרויסע פּיס); מיידאַנעס (איבערוים גרויסע מיידלעך); שטעקענעס (גרויסע שטעקנס); שטיוואַנעס***) (איבערוים גרויסע שטיוול); זאַכענעס (כלערליי פאַרשיידענע זאַכן). די ענדונג אָט די איז אַן איטאַליענישע, איר שטאַם איז אין gatto קאַץ, gattone, אַ גרויסע קאַץ.״ (מיזעס, ז. 132). וועגן דער איטאַליענישער אָפּשטאַמונג פון אָט דעם סופיקס מיין איך, אַז עס איז גאָר איבעריק צוריידן, ווייל לעת עתה קען מען ניט דערווייזן קיין שפּורן איינפלוס פון איטאַליעניש אין יידישער גראַמאַטיק.

אינטערעסאַנט אין די הויפּטווערטער איז דער פאַקט, אַז מיר באַגעגענען אים אויסשליסלעך אין מערצאָל. איך מיין, אַז סלאַוויש האָט דאָ ווידער געשפּילט די הויפּטראָליע. אונדזער וואָרט לאָקשן קומט פון סלאַוויש локша (лапша), אָבער אין אוקראַיניש און

*) ווי איך פאַרשטיי, מיינט דאָ מיזעס, אַז די אינטאָנאַציע וועט מאַכן דעם איינדרוק פון פאַרגרעסערונג אין אַ פּשוטן וואָרט, ווי איך האָב דערמאָנט אויף ז. 269. —

**) פּיסאַנ'עס — אין ליובלין.

***) אויך שטיוואַ'נעס; אַנאַנדער פאָרמע שטיוואַ'נעס (גרויסע, ניט שיינע שטיוול) ווייזט ווי יידיש נוצט אויס אַן איבעריקן וואָקאַל צו מאַכן אַ פאַרגרעסערונג־פאָרמע. פון שטיוול (דער סוף — ל באַטראַכט פאַר דעם גערמאַנישן פאַרקלענערונג־סופיקס) איז געוואָרן שטיוואַנעס, גראָד ווי פון אויג(ל) איז געמאַכט געוואָרן אויגענעס. בירנבוים פאַרצייכנט די פאָרמע: אויגאַנים (מיטן אומאָרגאַנישן נ) אין זיין „דאַס העברעישע אונד אַראַמעישע עלעמענט״, ז. 37.

דער העכסטער גראַד ווערט אויך אויסגעדריקט דורך איבערחזרן אַן אייגנשאַפטוואָרט
אַמאָל דריי דורכאַנאַנד: большенный, большенный, большенный, страшенный, стра
шенный, страшенный פגל. יידיש: אַ גרויסער, אַ גרויסער, אַ גרויסער!

מיר יידן האָבן אָט דעם מיטל פון פאַרגרעסערונג דורך דעם סופיקס —ען איבערגענומען
פון דער רוסישער שפּראַך, ווי איך האָב באַוויזן: גרויסענער איז большенний, לאַנגענער,
довженний, און האָבן אים נאָך ווייטער אָנגעווענדט צו אַזעלכע שפּראַכטיילן ווי: דעמענען,
ווענענען, אַזעלכענע, עטלעכענע, און אַז. וו. וואָס די רוסישע דיאַלעקטן האָט זיך גאָר ניט
געחלומט וועגן זיי, כאָטש מיט פאַרקלענערונג פאָרמעס אין אַזוינע סאָרטן ווערטער קענען
זיי זיך גאָר גרויסן (זע ז. 267).

סמאָל—סטאָצקי (גראַמאַטיק דער רוטעניש שפּראַכע § 41, 2, ז. 142) זאָגט: „פאַר-
גרעסערנדיקע און פאַרגרעבערנדיקע סופיקסן זיינע, величенний, —езний, —енний—
-езный זייער גרויס (великий) довженний, езний זייער לאַנג (довгий לאַנג.
здоровезний זייער געזונט, (здоровий געזונט).

(B זאָגווערטער.

אין דער אַנטוויקלונג פון —ען פאַר אַ פאַרגרעסערונג סופיקס אין אייגנשאַפטווערטער
האָט די סלאַווישע שפּראַך אָן אַ ספק געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע. מיר געפינען דעמזעלביקן
סופיקס —ען ווי אַ מיטל צו בויען פאַרגרעסערונג־פאָרמעס אין זאָגווערטער און דאָרט קומט
דער סופיקס כמעט אויסשליסלעך פון מיטל־הויך־דייטש. די דערשיינונג איז ניט קיין נייע,
גאָר אַן אַלטגעזעסענע אין יידיש, נאָר זי טוט איצט גאָר אַנאַנדער שטיקל אַרבעט ווי
פאַרצייטן.

שוין אין מיטל־הויך־דייטש האָט דער איבעריקער סופיקס —ען אין זאָגווערטער
צוגעגעבן אַן איבערחזרונג ניואַנס:

K. Weinhold, Mittelhochdeutsche Grammatik, s. 254, §256: Intensiva und Iterativa: bib*en*en (beben) klag*en*en, glîhs*en*en (gelîchen = heucheln), nâh*en*en, wint*en*en. Lexer: red*en*en, reg*en*en, rech*en*en, ord*en*en, oug*en*en, morg*en*en.

אין די העברעאישע שרשים ווי: דרשנען, פסקנען, חתמנען, הרגנען, האָבן מיר געהאַט
דיזעלביקע דערשיינונג. אָבער אין יידיש האָט זיך ביסלעכווייז אַנטוויקלט דער ניואַנס פון
פאַרגרעסערונג און פאַרשטאַרקונג. אַז אַ ייד זאָגט כראָפּן, פון סלאַוויש хропти, храпеть
און דערנאָך מאַכט ער פון דערפון כראָפּענען, מיינט עס שוין אַ גאַנץ אַנדערשן ניואַנס; עס
מיינט (צו דער צייט וואָס ער באַשרייבט): „שטאַרק אויף אַ קול, לאַנג, געשמאַק כראָפּען".
אַז מע זאָגט פּראַסקענען, איז דאָס ניט דער פּשוטער פּראַסקען, אַ פּראַסק געבן, נאָר: האַלטן
אין איין פּראַסקען, שיטן פּעטש, קלעפּ. אַזוי אויכעט מיט: טראַסקענען, קאָרמענען, שטשאָ-
בענען, קאָרטשענען (זאַקס, 16), פּאָרקענען, סטאַרענען, פּאָרענען (זיך מיט עפּעס), ווירענען,
ט(ש)ערפּענען (קול פּלאים — מעשה מר' אברהם בעין אחת — ז. ב', וואַרשאַ, 1865),
גייענען. אָבער עס קומט ניט אינגאַנצען פון דייטש. אין רוסיש זיינען די פאָרמעס:
долб-ан-уть, сад-ан-уть, толк-ан-уть, хват-ан-уть, свист-ан-уть, мот-ан-уть,
пих-ан-уть, кат-ан-уть, бод-ан-уть, тиск-ан-уть, щелк-ан-уть, скреб-ан-уть,
зип-ан-уть (скреб-ан-уць, Нос.), שטרעק־פאָרמעס אָדער פאַרגרעסערונג־פאָרמעס פון זאָג-
ווערטער און זיי האָבן געפונען אַ פרוכפּערן גרונט אין די מיטלהויכדייטשע פאָרמעס ווי:
רעכענען, רעגענען, געזעגענען, מיטן פאַרטאָפּלטן —ען סופיקס וואָס די יידן האָבן מיט-
געבראַכט פון דייטשלאַנד.

אָט די מאָרפאָלאָגישע דערשיינונג איז פאַרוויקלט אין פאָנעטישע פאַקטן וואָס שטיצן זיך
אויף אַ פּסיכאָלאָגישן יסוד. יעדערער ווייס, אַז אַ קינד וועט זאָגן: „אַ גרו—ו—ויסער, אַ
גרו—ו—ויסער בער!" ווען ער וויל באַשרייבן אַ שרעקלעך גרויסן בער. אי די איבערחזרונג
פון אייגנשאַפטוואָרט, אי די איבערחזרונג אָדער פאַרלייענגערונג פון וואָקאַל אין אייגנשאַפט-

אין דער פאָלגנדיקער רשימה זיינען פארצייכנט איבער הונדערט „קוועלן". דאָס איז אודאי נאָר אַ קליינער טייל פון יענע מאַטעריאַלן, וואָס זיינען צעוואָרפן אין אַלערליי צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער. **יעדער איינער וואָס קאָן עפּעס מוסיף זיין צו אונדזער רשימה, איז געבעטן דאָס צו טאָן.**

צום סוף וויל איך אויסדריקן מיין דאנק דר. **יעקב שאַצקין**, ערשטנס, ווייל ער האָט מיר געגעבן די אידייע צונויפצושטעלן די דאָזיקע ארבעט, און, צווייטנס, וואָס ער האָט מיר אויפמערקזאַם געמאַכט אויף אַ גרויסער צאָל קוועלן וועלכע זיינען דאָ פארצייכנט.

קוועלן אין יידיש און העברעאיש:

1. **אנאָנים**: 1 געגען 43, מעכטיגער וויא זייא אללע צוזאמען... „אידישע גאזעטען", אַפּריל 20, 1894.

[אַ רשימה פון דריי און פערציג אמעריקאנער יידישע צייטונגען מיט דאַטן און באמערקונגען. אין דעם זעלביקן נומער ווערן אויך געגעבן א צאָל פאָטאָגראַפיעס פון עלטערע צייטשריפטן.]

2. די געשיכטע פון דיא אידישע צייטונגען און זשורנאַלען אין דיא פעראייניגטע שטאַאטען. (כראָנאָלאָגישע טאַבעלע) — „קאַלענדאַר און אלמאַנאַך (צו דעם פינף־יאָהריגען יובילעאום פון „פאָרווערטס"".. ארויסגעגעבען אונטער דער רעדאקציאָן פון דר. טש. ראַיעווסקי... אַפּריל 22, 1902. ז. 56—57.

[אַ ביבליאָגראַפיע פון דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע זינט 1870. מן הסתם איבערגעדרוקט פון א. ז. פריידוסעס רשימה אין „אַמעריקאַן דזשואיש יער בוק", באַנד איינס, זע נומ. 65.]

3. **פריהער פאַר'ן „פאָרווערטס" און ווי אַזוי דער „פאָרווערטס" איז געגרינדעט געוואָרען** — „פאָרווערטס", אַפּריל 23, 1922.

[דער אויפקום פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע אין אמעריקע.]

4. **אייזענשטאַדט בן־ציון**: חכמי ישראל באַמריקא . . . ניו יאָרק תרס"ג.

[דאָ געפינען זיך אויך די ביאָגראַפיעס פון א צאָל מענטשן וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט דער אַמעריקאנער יידישער פּרעסע, אלס רעדאקטאָרן אָדער אַרויסגעבער.]

5. **אָרטמאַן, דר. א.**: אַ בלעטעל געשיכטע — „צוקונפט", יאַנואר, 1912, ז. 57—61.

[זכרונות ווי אַזוי די „צוקונפט" איז געגרינדעט געוואָרן.]

6. **בורגין הערץ**: דיא געשיכטע פון דער אידישער אַרבייטער בעוועגונג... ניו יאָרק, 1915.

[אויספירלעכע אפּהאנדלונגען איבער דער יידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע אין דער גאַרער וועלט, באַזונדערס אין די פאראייניקטע שטאַטן.]

7. **בערנשטיין צבי הירש**: דברים אחדים על דבר היהודים והיהדות לפני שלשים וארבע שנה בנויאָרק — „ילקוט מערבי"... נויאָרק, תרס"ד.

[בערנשטיין דערציילט אין זיינע זכרונות ווי אַזוי ער האָט געגרינדעט „די פּאָסט" — די ערשטע יידישע צייטשריפט אין אמעריקע (1870): וועגן זיינע פארבינדונגען מיט יעקב קאָהן, אלס שותפים־אַרויסגעבער פון דער פיר־שפּראַכיקער צייטונג „היברו ניוס" (1871) און באַזונדערס שטעלט ער זיך אָפּ אויף דעם „הצופה בארץ החדשה" — די ערשטע העברעאישע וואָכנשריפט אין אמעריקע, וואָס ער האָט ארויסגעגעבן פון 1871 ביז 1876.]

8. **גאָרין עליזאבעט**: ב. גאָרין. זיין לעבען און ליטעראַרישע טעטיגקייט" — „ב. גאָרין (י. גוידא) געזאמעלטע שריפטען", ערשטער באנד, ניו יאָרק, 1927, ז. 27—72.

[צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דער אַמעריקאנער יידישער פּרעסע אין די ניינציקער יאָרן.]

9. **גוידאָ, י.**: די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור אין אַמעריקע — יידיש־אמעריקאַנישער פאָלקס־קאַלענדאַר... ניו יאָרק, 1896—1897, ז. 73—76.

10. **גוידא י.**: דיא יידישע פּרעסע אין אַמעריקא — „דער 20סטער יאָהרהונדערט" . . . ניו יאָדק, 1900, ז. 31—40.

[ביידע ארטיקלען: צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דער אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע אין די ניינציקער יאָרן.]

pol. łokszyn (a), łokszyny, укр. локша, локшина פּויליש איז פאַראַן אויך די פאָרמעס און פון דעם נעמט זיך אונדזער פאָרמע לאָקשענעס, וואָס מיינט: ניט שיין געשניטענע, גראָבע לאָקשן, גראָד אַזוי ווי גריבענעס (גריוועןנעס) (פון אוקראַאינישן гривини מיינט גרויסע ניט איבעריק שיינע גריבן, כאָטשע דער וואָרט גריבן שטאַמט ביי אונדז פון מיטלהויכדייטש: Engl. greaves; griebe . דאָס איז געווען דער אָנרעגונג־פּונקט צו פאַראַלגעמיינערן דעם —ענ— סופיקס פאַר אַ מיטל פון פאַרגרעסערונג אָדער פאַרגרעבערונג און אָט אַזוי זיינען געקומען די אַנדערע מערצאָל פאָרמעס וואָס איך האָב פריער דערמאָנט. נאַטירלעך האָט דער מערצאָל אין זיך אַליין געטראָגן פסיכאָלאָגיש אַן עלעמענט פון פאַרגרעסערונג (פאַרמערונג) אין פאַרגלייך מיט איינצאָל און צודערצו האָט מערצאָל געהאַט דעם סופיקס ען (ארויסגערעדט נ) וואָס מע האָט גרינג געקענט פאַרלייגנערן (פאַרציען אין אויסשפּראַך אין ען) און צולייגן אַ נייעם סופיקס עס צום סוף, און אַזוי אַרום אַריינברייינגען דעם אַלגעמיינעם פאַרגרעסערונג סופיקס —ענ— אין יענע ווערטער.

.(1918—1928)

(שלום קומט.)

פּ. ס. צום באַדויערן, האָבן זיך אין מיין אַרטיקל אַריינגעכאַפּט עטלעכע דרוקפעלער, וואָס עס איז איצט צו שפּעט צו פאַרריכטן. נאָר איין זאַך וויל איך פאָרט אויסבעסערן: לאַכמע (ז. 242, דריטע שורה) איז דער העברעישער וואָרט לחמה, לחם, וואָס איז פון אַ ראַנדבאַמערקונג אין מיין אַלטן מאַנוסקריפּט אַריין דורך אַ טעות אין טעקסט פון מיין אַרטיקל.

משה שטאַרקמאַן:

קוועלן־ליטעראַטור צו דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע (1900—1870)

די קאַרגע זעכציק יאָר, וואָס שיידן אונדז אָפּ פון יענע טעג, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די פּיאָנירן־אַרבעט פון די ערשטע אַמעריקאַנער יידישע אַרויסגעבער, רעדאַקטאָרן און זשורנאַליסטן, דערמאָנען, אַז ס'איז שוין געקומען די צייט צו שרייבן דאָס ווערק וואָס זאָל ראוי זיין צו טראָגן דעם נאָמען „די געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע".

די אַמעריקאַנער יידישע פּרעסע איז אַנטשטאַנען אונטער אַנדערע באַדינגונגען און האָט געהאַט אַנדערע צילן, ווי די יידישע פּרעסע אין אייראָפּע. די געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע דאַרף דעריבער ניט געשריבן ווערן צוזאַמען מיט דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע אין אַנדערע לענדער. לויט איר כאַראַקטער און וואוקס, פאָדערט זי אַ באַזונדערע באַהאַנדלונג.

כדי אַזאַ מין געשיכטע זאָל געשריבן ווערן, דאַרף מען קודם־כל צונויפקלייבן און רעגיסטרירן אַלע מאַטעריאַלן וואָס האָבן אַ שייכות מיטן עבר פון דעם יידישן צייטונגסוועזן דאָ אין לאַנד. ראשית איז נייטיק אַ רשימה פון דער קוועלן־ליטעראַטור, פונוואַנען דער געשיכטע־שרייבער זאָל שעפּן זיינע ידיעות.

מיר מאַכן דאָ אַ קליינעם אָנהייב. אונדזער רשימה נעמט אַרום נאָר די ערשטע דרייסיק יאָר (1900—1870), דעריבער זיינען דאָ פאַרצייכנט נאָר יענע מקורים וואָס באַלייכטן דעם דאָזיקן פּעריאָד.

אין אַ טייל קוועלן וואָס זיינען דאָ רעגיסטרירט, זיינען פאַראַן אַ סך טעותן, באַזונדערס אין די נעמען פון פאַרשיידענע צייטונגען און אין די דאַטן, ווען זיי זיינען דערשינען. מערסטנס זיינען עס דרוק־פעלערן און טיילמאָל טעותן פון די מחברים גופא. דער היסטאָריקער וועט אַליין דאַרפן אויסגעפינען וו ס'איז ריכטיק און וו ס'איז אַ טעות.

[וועגן דעם ערשטן רעדאַקטאָר פון דער „אַרבעטער צייטונג“ (1890) און זיין אַרבעט ביי דעם דאָזיקן וואָכנבלאַט.]

22. ווינטשעווסקי מאָריס: די „צוקונפט“, איהר געשיכטע און איהר אויפגאַבע — „צוקונפט“, יאַנואר, 1912, ז. 6—11.

23. ווינטשעווסקי מאָריס: זכרונות (רוסלענדישע אויסגאַבע).

24. וויערניק פּ.: געשיכטע פון דיא אידען אין אַמעריקא... ניו יאָרק, 1914.
[אין א טייל קאַפּיטלען שטעלט זיך אָפּ דער מחבר אויף דער אמעריקאנער יידישער פרעסע אין ביינצנטן און צוואנציקסטן יאָרהונדערט; דאָס זעלביקע בוך איז פריער דערשינען אין ענגליש (זע נומ. 84).]

25. זאקס א. ש.: צוואַנציג יאָהר פריהער און איצט — „צוקונפט“, יאנואר, 1912, ז. 1—5.
[צו דער געשיכטע פונם חודש-זשורנאַל „די צוקונפט“.]

26. זאקס א. ש.: די געשיכטע פון אַרבייטער רינג... ניו יאָרק, 1925, צוויי טיילן.
[אינם ערשטן באנד זיינען פאַראַן ידיעות וועגן דער אנטשטייאונג און אנטוויקלונג פון דער אַמעריקאנער יידישער, באזונדערס ארבעטער, פרעסע אין אמעריקע.]

27. זעליקאָוויטש ג.: דער גרענד אָלד מען“ פון איסט-בראָדוויי — „דער טאָג“, נאָוו. 23, 1924.
[וועגן כתריאל צבי שרהזאָן, גרינדער פון „יידישע גאזעטטען“ און „יידישעס טאַגעבלאַט“.]

28. טירקעל ד. ב.: די געשיכטע פון אידישען זשורנאַליזם אין פילאדעלפיע. — „דער אידישער העראַלד—אידישע פּרעססע“, פילאדעלפיע, 1913.
[וועגן דער דאָזיקער אַרבעט האָט מיר מודיע געווען, דורך אַ בריוו, דער מחבר גופא. איך אליין האָב דעם ארטיקל נים געזען.]

29. טערמאַן מ.: די אַמאָליגע און די היינטיגע „צוקונפט“ — „צוקונפט“, יאַנואר, 1917, ז. 4—7.

30. יאַנאָווסקי ש.: די „פרייע אַרבייטער שטימע“, איהר געבורט, איהר לעבען און איהר ווירקונג — „פ. א. ש.“, סעפּט. 26, 1914, ז. 1.
[דערציילט אגב וועגן די ערשטע פּרווון פון די אמעריקאנער יידישע אנארכיסטן ארויסצוגעבן צייטשריפטן אין יידיש.]

31. יידיש-אַמעריקאַנישער פאָלקס קאַלענדאַר... 1899—1900; ז. 70.
[אַ פאָטאָגראַפיע פון ניו יאָרקער ליטעראַפירטן בלעטל „די יידישע צייטונג“ וואָס איז דער־שינען אין 1873.]

32. ליעסין א.: צום 25 יאָהריגען יובילעאום פון „צוקונפט“ — „צוקונפט“, יאנואר, 1917, ז. 1—3.
[אַן אָפּשאַצונג.]

33. מאַסליאַנסקי צבי הירש: מאַסליאַנסקי'ס זכרונות... ניו יאָרק, תרפ"ד.
[אין די ערשטע קאַפּיטלען פון דער אָפּטיילונג „אַמעריקע“, ווערט דערציילט וועגן די אמעריקאנער יידישע צייטונגען, רעדאקטאָרן און ארויסגעבער אין ניו יאָרק און אויף דער פּראָווינץ, בעת די נייטציקער יאָרן.]

34. מאַרקוז [ש.] ל.: אַ ביסעלע היסטאָריע — „יידישעס טאגעבלאַט“, מערץ, 20סטן, 1910.
[זכרונות פונם מיט-רעדאקטאָר פון נ. ב. עטלזאָנס וואָכנשריפט „איזראעליטישע פּרעסע“ — די ערשטע יידישע צייטונג אין שיקאַגע.]

35. מילך יעקב: די געבורט פון דער „צוקונפט“ און איהר בעדייטונג. — „צוקונפט“, יאנואר, 1912, ז. 27—32.
[עראינערונגען און אן אפּשאַצונג.]

11. האַרקאַווי אַלכסנדר: אַמאָל און היינט — „דער טהעאַטער זשורנאַל און פאַמיליען־פריינד", יאַנ. 1, 1903 (ז. 5—6); יאַנ. 15, 1903 (ז. 7).
[דאָס איז „אַ קורצער בליק אויף די אידישע דרוקעריייען און צייטשריפטן אין אמעריקע" אין אָנהייב פון די אַכציקער יאָרן. אַ וויכטיקע קוועלע.]

12. האַרקאַווי אַלכסנדר: די ערשטע צייטען פון דער אידישער פּרעסע אין אַמעריקע — „יידישעס טאַגעבלאַט", מערץ, 20, 1910.
[אַ זייער אינפאָרמאַטיווע אָפּהאַנדלונג איבער דער עלטערער אמעריקאַנער יידישער פּרעסע און איר ערוויסגעבער. וויכטיקע ידיעות וועגן די ערשטע יידישע דרוקעריייען אין ניו יאָרק.]

13. הלוי יצחק אייזיק בן אריה צבי: מיין פערבינדונג מיט דער פרייע אַרבייטער שטימע". — „פרייע אַרבייטער שטימע", סעפּט. 26, 1914, ז. 8; 11.
[זכרונות].

14. הערמאַלין, ד. מ.: דיא יודישע פּרעסע — „דער יודיש־אמעריקאַנישער פאָלקס־קאַלענדאַר. אַ יאָהר בוך... פון אלכסנדר האַרקאַווי, ניו יאָרק, תרנ"ו". ז. 57—60.
[אין דער צווייטער העלפט פונם אַרטיקל ווערט דערציילט ווי אַזוי די ערשטע אמעריקאַנער יידישע צייטונגען זיינען צונויפגעשטעלט געוואָרן און וועגן קוריזאַן און עטלאַכע משונהדיקע איבערזעצונגען פון דער ענגלישער פּרעסע, מחמת דער „גרינקייט" פון די יידישע זשורנאַליסטן אין יענער צייט.]

15. הערמאַן יעקב שמואל: דיא שולמית — „דיא יידישע גאַזעטטען", אַפּריל 20, 1894, ז. 6.
[דערציילט וועגן דער ציוניסטישער וואָכנשריפט „שולמית", דערשינען אין ניו יאָרק (1889־1890). דער שרייבער דערמאָנט אויך אַ צייטשריפט אַ. נ. „דער חובב ציון" וואָס דר. יוסף אהרן בלאַשטיין האָט רעדאַקטירט בעפאָר דעם „שולמית".]

16. וויינבערגער משה: היהודים והיהדות בנויאָרק... תרמ"ז [1887], ז. 40—49.
[אַ באַשרייבונג פון ניו יאָרקער יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן אין די אַכציקער יאָרן. דער מחבר, געבוירן אין אונגאַרן, אַ שטרענגער אָרטאָדאָקס, דעקט אויף אַלע ווינקעלעך פון דער היגער יידישער קהלה אין יענער צייט. הגם די טענטענץ שטעקט אַרויס פון יעדער שורה, איז דאָס דאָזיקע ביכל אַ קוועלע פון גרויס וויכטיקייט פאַרן היסטאָריקער פון יידישן ניו יאָרק. אינטערעסאַנט זיינען אויך דעם מחברס באַמערקונגען און כאַראַקטעריסטיקעס פון די יידישע צייטונגען וואָס זיינען דעמאָלט דערשינען דאָ אין שטאָט. ער רעדט וועגן די „יידישע גאַזעטן", און מ. וועקסלערס „ניו יאָרקער יידישע צייטונג". אַ דריטע יידישע צייטונג וואָס איז דעמאָלט געגרינדעט געוואָרן, וויל ער ניט דערמאָנען, מחמת איר סאָציאַליסטישער פאַרב און זידלט זי, כאָטש ער גופא איז זיך מודה אַז ער האָט דאָס נייע בלאַט ניט געלייענט. דאָס איז געווען די „ניו יאָרקער יודישע פאָלקסצייטונג" — געגרינדעט אין 1886.]

17. וויינטרויב י.: די „צוקונפט" און דער „אַרבייטער רינג" — „צוקונפט", יאַנואַר, 1912, ז. 101—103.
[וועגן דער שלעכטער פינאַנציעלער לאַגע פונם זשורנאַל בעת די ערשטע יאָרן פון זיין עקזיסטענץ און די שטיצע וואָס דער „אַרבעטער רינג" האָט אים געגעבן.]

18. וויינשטיין ב.: פערציג יאָהר אין דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג (בלעטלאַך עראינערונגען)... ניו יאָרק, 1924.
[אַ סך ידיעות וועגן דער אנטשטייאונג און אנטוויקלונג פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע אין אמעריקע.]

19. וויינשטיין ב.: די ערשטע צעהן יאָהר — „אב. קאַהאַן יובילעאום־שריפט"... ניו יאָרק, 1910, ז. 36—62.
[דערציילט וועגן אב. קאַהאַנס שייכות מיט דער גרינדונג פון דער „אַרבעטער צייטונג".]

20. וויינשטיין ב.: שיער ניט געבליבען אָהן אונזער „אַרבייטער צייטונג" — „דער וועקער", נ. י., יאַנ. 14, 1928, ז. 9—10.
[זכרונות פון די ערשטע טעג ווען די „אַרב. צייט". האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען. וויינשטיין דערציילט ווי אַזוי דידאָזיקע וואָכנשריפט איז איין מאָל שיער ניט אונטערגעגאַנגען צוליב דעם וואָס מען האָט איינגעוואָרפן דאָס הויז ווו די רעדאַקציע האָט זיך געפונען, און קיינער פון די מיטאַרבעטער האָט ניט געוווּסט דערפון; עטלעכע אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן פון יענע טעג.]

21. וויינשטיין ב.: עראינערונגען וועגען גענאָסע פיליפּ קראַנץ — „דער וועקער", ניו יאָרק, דעצ. 10, 1927, ז. 8—10.

47. קאָברין לעאָן: פון דייטשמעריש און זשאַרגאָן צו מאַמע־לשון — „דער טאָג", נאָוו. 23. 1924.
[די אמעריקאַנער „יודישע צייטונג־שפּראַך אין די נײַנציקער יאָרן און אין אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. דער אופן ווי עס האָבן דעמאָלט געשריבן די יידישע זשורנאַליסטן. אַ כאַראַקטעריסטיק פון דער יידישער פרעסע אין יענע טעג.]

48. קאַהאַן אב.: עראינערונגען פון אַ רעדאקטאָר — „פאָרווערטס", ניו יאָרק, אפּריל 23, 1922.
[זכרונות וועגן „פאָרווערטס" פונם ערשטן און איצטיקן רעדאקטאָר.]

49. קאַהאַן אב.: בלעטער פון מיין לעבן, 3 בענדער, ניו יאָרק, 1926.
[אין זיינע עראינערונגען דערציילט אב. קאהאן אויספירלעך וועגן דער אַנטשטייאונג און אנט־וויקלונג פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פרעסע אין אמעריקע בעת די נײַנציקער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט.]

50. קראַנץ פיליפּ: אַ בליק אויף די אידישע פרעסע אין אַמעריקא" — „„יידישעס טאַגעבלאַט", ניו יאָרק, מערץ 20, 1910.
[אַ לענגערער ארטיקל מיט אַ סך ידיעות וועגן די ערשטע אמעריקאנער יידישע צייטונגען.]

51. ראָגאָף הלל: די געשיכטע פון „פאָרווערטס" פון די ערשטע מאָנאַטען ביז היינט — „פאָרווערטס", ניו יאָרק, אפּריל 23, 1922.
[וועגן דער גרינדונג פון „פאָרווערטס" און די סיבות וואָס האָבן געבראַכט דערצו.]

52. ראָגאָף הלל: דריי קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון „פאָרווערטס" — „פאָרווערטס", אפּריל 24, 1927.
[וועגן דער גרינדונג פון „פאָרווערטס" און זיין אנטוויקלונג.]

53. ראָזענבלאַט דר. פ. (בן־יקיר): די „צוקונפט" און איהר היסטאָריקער — „צוקונפט", אויגוסט, 1914, ז. 869—874.
[אַ קריטיק אויף יעקב מילכס אַרטיקל אין ווילנער „פנקס" (זע נומ. 36).]

54. ראָזענבלאַט דר. פרענק (בן־יקיר): ווידער די „צוקונפט" און איהר היסטאָריקער — „צוקונפט", דעצעמבער, 1914. ז. 1288—1284.
[אַן ענטפער אויף מילכס ארטיקל קעגן ראָזנבלאַטן אין „ליטעראַטור און לעבן" און „די יידישע וועלט" (זע נומ. 37).]

55. רובין א. מ.: אַ גוטמוטיגער, נאַאיווער און צאָרנדיגער פארלעגער — „דער טאָג", נאָוו. 23, 1924.
[וועגן מייקל מינץ, דער גרינדער פון דעם „פאָלקס אַדוואָקאַט" און „העראַלד".]

56. רייזען זלמן: לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור און פרעסע, — ווארשוי, 1914, ז. 742—765.
[אין דער ביבליאָגראַפיע פון די „יודישע פעריאָדישע אויסגאבן" זיינען אויך פארצייכנט די אַמעריקאנער יידישע צייטונגען און זשורנאַלן.]

57. ריינוויין א.: דער איד אין קאַנאַדע — פארלאַג „קאַנאַדע", 1925.
[וועגן דעם אויפקום פון דער פרעסע — אינם זיבעצענטן קאפּיטל.]

58. שאָכאַט ח. ק.: די ענטוויקלונג פון צייטונגען — „יובילײ אויסגאבע פון „קענעדער אדלער", מאָנטרעאל, אויגוסט 3, 1927.
[וועגן דער יידישער פרעסע אין אמעריקע נאָך צוויי פאראגראַפן, דערצו מיט סאַמע טעותן.]

59. שאַמעס י.: א בליק אויף דער ניו יאָרקער אידישער פרעסע — „די פרעסע", בוענאָס איירעס, יאַנואר 1, 1928, ז. 44—50.
[דער מחבר גיט אויך די דאַטן ווען די עלטערע ניו יאָרקער יידישע צייטונגען זיינען געגרינדעט געוואָרן.]

60. שרהזאָהן יחזקאל: אַ בליק צוריק — „יידישעס טאַגעבלאַט", ניו יאָרק, מערץ 20, 1910.
[זכרונות וועגן די ערשטע יאָרן פון די „יודישע גאַזעטן" און „יידישעס טאַגעבלאַט". דער ארטיקל פארמאָגט א צאָל אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן. אין דעמזעלביקן נומער זיינען אויך פאַראַן פאָטאָ־גראַפיעס און ציטאַטן פון עלטערע נומערן „טאַגעבלאַט".]

61. שרהזאָהן כתריאל צבי: דיא ביאָגראַפיע פון דיא „יודישע גאַזעטטען" און פון דעם „טאַגעבלאַט" — „יודישע גאַזעטטען", ניו יאָרק, אפּריל 20 — מאי 25, 1894.
[אויספירלעכע עראינערונגען פונם גרינדער און ארויסגעבער פון ביידע בלעטער. עס ווערט אין זיי א סך דערציילט וועגן די אמעריקאנער יידישע צייטונגען אין די זיבעציקער און אכטיקער יאָרן. איינע פון די וויכטיקסטע קוועלן פאַרן פאָרשער פון דער יידישער פרעסע דאָ אין לאַנד.]

36. מילך יעקב: צום 20-יעהריגען יובילייא פון דער „צוקונפט". „דער פנקס", תרע"ב. רעדאַקטירט פון ש. ניגער... ווילנע, תרע"ג, ז. 203—230.
[אין דעם אַרטיקל ווערט אויך דערציילט וועגן די עלטסטע יידישע צייטונגען אין אַמעריקע.]

37. מילך יעקב: די אַלטע און די נייע „צוקונפט" — „ליטעראַטור און לעבען— די יודישע וועלט"... ניו יאָרק, 1914, ז. 93—105.
[אַן ענטפער אויף בן יקירס (פ. ראָזנבלאַט) קריטיק אין „צוקונפט" (זע נום. 53) איבער מילכס אַרבעט אין ווילנער „פנקס" (זע נום. 36).]

38. מלאכי א. ר.: גאָלדפאַדען אלס רעדאַקטאָר — „אונדזער בוך"... באנד 1, ניו יאָרק, 1926. ז. 256—261.
[אַ באַשרייבונג פון דער צוויי-וואָכנשריפט „ניו-יאָרקער יודישע אילוסטרירטע צייטונג", וואָס אברהם גאָלדפאַדען האָט ארויסגעגעבן און רעדאַקטירט אין 1887—1888.]

39. מרמר ק.: די ערשטע אַמעריקאַנער צייטונג אין אידיש — „דער האמער", ניו יאָרק, אפּריל 1926. ז. 48—52.
[וועגן צבי הירש בערנשטיין, דער ארויסגעבער, און צבי גרשוני, דער ערשטער רעדאַקטאָר פון „די פּאָסט", די ערשטע יודישע צייטשריפט אין אַמעריקע. אַן אַרטיקל פון דעמזעלבן מחבר וועגן בערנשטיינען און זיין בלאַט איז געדרוקט אין דער „פרייהייט", דעצעמבער 1טן, 1923. אין דער „פרייהייט" פון 13טן מערץ, 1928, האָט ק. מרמר פאַרעפנטלאַכט אַן אַרטיקל א. נ. „די יידישע פּרעסע אין אַמעריקע מיט א דור צוריק". עס ווערט דאָרטן דערציילט וועגן די „אידישע גאַזעטען" און איר אַנטוויקלונג.]

40. מרמר קלמן: צוויי יובילייען — דאָס ערשט יידיש ביכל אין אַמעריקע און די ערשטע צייטונג אין יידיש אין שיקאַגע וואָס זיינען ארויס אין יאָר 1877. :פנקס", ניו יאָרק, נום. 1—2, ז. 38—52.
[אינם צווייטן טייל פון אַרטיקל ווערט דערציילט וועגן נ. ב. עטלזאָן און זיין וואָכנשריפט די „איזראַעליטישע פּרעסע". וועגן עטלזאָנען און זיין צייטונג, האָט ק. מרמר אויך געדרוקט אַרטיקלען אין שיקאַגער „אידישן רעקאָרד" (1916) און אין „פרייהייט", יוני 2טן, 1923.]

41 עדלין וויליאַם: אַן אַרויסגעבער וואָס איז אויך געווען אַ רעדאַקטאָר — „דער טאָג", נאָוו. 23, 1924.
[וועגן יעקב סאַפּירשטיין, גרינדער פון „אַבענד פּאָסט" און „מאָרגן זשורנאַל".]

42. פראָבסט מענדל: די יידישע פּרעסע פון גאָר דער וועלט אין פאַרשיי-דענע שפּראכן — „ביכער וועלט", נום. 4—5, 1922. ז. 438—443.
[די דאָזיקע אַרבעט באַשטייט פון דריי טאַבעלן: 1) „די יידישע פּרעסע אין פאַרשיידענע שפּראַכן פון יאָר 1557—1920"; 2) „די יידישע פּרעסע לויט שטעט און לענדער"; 3) „די אַנטוויקלונג פון דער יידישער פּרעסע לויט די יאָרן".]

43. פרובסט מנדיל: חומר מספרי (סטטיסטי) לתולדות התפתחותה של העתונות הישראלית לארצותיה, לשנותיה וזמניה החל מיום הוסדה (1667) עד סוף 1920 — „קרית ספר"... שנה שניה... ירושלים, תרפ"ה—תרפ"ו, ז. 12—14.
[די דאָזיקע אַרבעט באַשטייט פון עלף טאַבעלן לויט דער פאָלגנדער אָרדענונג: 1) די אַנטוויקלונג פון דער אַלגעמיינער יידישער פּרעסע — כראָנאָלאָגיש, לויט די יאָרן און שפּראַכן; 2) איר אַנטוויקלונג לויט די לענדער און שפּראַכן; 3) ווען די צייטונגען זיינען דערשינען, טעגלעך, וועכנטלעך און אז. וו., און אין וועלכע שפּראַכן; 4) די העברעאישע און — 5) די יידישע פּרעסע לויט די לענדער און שפּראַכן; 6) די העברעאיש-יידישע פּרעסע און אירע ציילן; 7) די צאָל צייטונגען אין איטלעכער שפּראַך באַזונדער; 8) ווי לאַנג די העברעאישע און 9) יידישע צייטונגען זיינען דערשינען; 10) זאַמלביכער און פלוגבלעטער; 11) די יידישע פּרעסע אין די מזרח-שפּראַכן.]

44. פייגנבוים ב.: גענאָסע קאַהאַן אין די היטציגע יאָהרען פון דער בעוועגונג — „אב. קאהאן יובילעאום שריפט"... ניו יאָרק, 1910, ז. 62—76.
[דערציילט אויך וועגן קאהאנס שייכות מיט דער יידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע אין אַמעריקע.]

45. פינקעלשטיין ל.: די פאָר-געשיכטע פון די „פרייע אַרבייטער שטימע" — „פ. א. ש.", אָקטאָבער 2, 1909, ז. 4.

46. צביון: די ערשטע אידישע צייטונגען אויף דער וועלט — „פאָרווערטס", יובילעאום אויסגאבע". ניו יאָרק, אפּריל 22, 1917.
[אַ לענגערער אַרטיקל וועגן דער יידישער פּרעסע אין פאַרשיידענע לענדער, אַמעריקע אריינ-גערעכנט.]

איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון יוסף מאַרגאָשעס. ער האָט זיך באַנוצט מיט די קאָלעקציעס פון דער יידישער אָפּטיילונג ביי דער ניו יאָרקער שטאָט־ביבליאָטעק און די זאמלונגען פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר.]

77. *Raisin, Max.*—A history of the Jews in modern times. New York. 1919.
[וועגן דער אמעריקאנער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און טעאַטער, ז. 316—327.]

78. *Rhinwine, O.*—The Jewish Press in Canada—The Jew in Canada. Compiled and edited by Arthur Daniel Hart. Toronto-Montreal. [1926.] pp. 457-459.

[פון דער קאַנאַדער יידישער פּרעסע אין נײַנצנטן יאָרהונדערט דערמאָנט ער נאָר, אז אין 1891 האָט ג. זעליקאָוויץ רעדאקטירט אין מאָנטרעאל א יידישע צייטשריפט פון וועלכער עס זיינען דערשינען נאָר עטלעכע נומערן. דער נאָמען פון דער צייטשריפט ווערט ניט אָנגעגעבן.]

79. *Sack, Benjamin G.*—History of the Jews in Canada—The Jew in Canada. Compiled and edited by Arthur Daniel Hart. Toronto-Montreal. [1926.] pp. 1-80.

[אינם דרייצנטן קאפיל (ז. 70—73) דערציילט דער מחבר וועגן אלכסנדר הארקאַוויס „די צייט“,— די ערשטע יידישע צייטשריפט אין קאנאדא וואס איז דערשינען אין מאָנטרעאל בעתן יאָר 1887, געדרוקט ליטאָגראפיש.]

80. **М. Сайферт.** “Жаргонная Пресса в Нью Иорке”. “Недельная Хроника Восхода”. № 22, 1886 г. Стр. 627-631.

[דערציילט וועגן דעם נידעריקן מצב פון דער יידישער פּרעסע אין די אכציקער יאָרן. דערמאָנט די „גאזעטן“, „טאָגעבלאַט“, „ניו יאָרקער יודישע צייטונג“ און „פארמער צייטונג“ (1885), וועמענס נאָמען ער גיט אָן אלס „דער יודישער פארמער“.]

81. *Soltos, Mordecai* — The Yiddish Press. An Americanizing Agency. New York City. 1925.

[דער צוועק פונם מחבר איז צו ווייזן דעם אמעריקאנישן דערציִונגס ווערט פון דער היגער יידישער פּרעסע. ער שטעלט זיך אָפּ אויף דער אנטשטייאונג פון דער יידישער פּרעסע דאָ אין לאנד, באזונדערס אין ניו יאָרק; דער כאראקטער פון איטלעכער צייטונג באזונדער, דער מאַטעריאל וואָס ווערט דאָרט געדרוקט און דער קולטורעלער מעמד פון די לעזער. אינם בוך איז אויך פאראן א ביבליאָגראפיע פון דער ניו יאָרקער יידישער טעגלעכער פּרעסע פון 1885 ביז 1923 און איר צירקולאציע אין פארשיידענע יאָרן; טאבעלן און אילוסטראציעס. צום סוף א רשימה פון די באנוצטע קוועלן. די דאָזיקע ארבעט איז פריער פארעפנטלעכט געוואָרן אין American Jewish Year Book 5685. Vol 26. Philadelphia. 1924. pp. 165-372. נאָר אָן דער קוועלן־ליטעראטור און אָן דעם „אינדעקס“.]

82. *Steinschneider, Moritz*—Hebraeische Bibliographie. Berlin.

[נ. ב. עטלזאָנס „איזראַעליטישע פּרעסע“ איז פארצייכנט אין די נומערן פון יולי־אויגוסט, 1878; מערץ־אפּריל, 1879 און מאי־יוני 1880. אין די זעלביקע נומערן איז אויך רעגיסטרירט משה טאָפּאָלאָווסקיס „יודישע פאָלקסצייטונג“, רעדאקטירט פון ג. לאַנדוי.]

83. *Wiener, Leo*—The History of Yiddish Literature in the Nineteenth Century. 1899. pp. 357-360.

[אַ ביבליאָגראפיע פון יידישע צייטשריפטן אין דער הארוועררער קאָלעקציע.]

84. *Wiernik, Peter*—History of the Jews in America. New York. 1912.

[זע נום. 24.]

85. *Zinberg, I.*— יידיש־רוסישע ענציקלאָפּעדיע. ב. 12, ז. 415—417.

[צו דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע אין אמעריקע.]

נאָכדעם ווי די גאנצע רשימה איז געווען אויפגעזעצט, זיינען צוגעקומען די פאָלגנדע נומערן:

86. (1) דובנאָוו ש.: די נייסטע געשיכטע פון יידישן פאָלק — פארלאַג „קולטור־ליגע“, ווארשע, 1928.

[אינם פינפטן קאַפּיטל (ז. 262—281) ווערט אויך דערמאָנט די אמעריקאנער יידישע פּרעסע פונם 19טן יאָרהונדערט.]

87. (2) דראָשער נייטען: אַכט־שטונדן טאָג — היברו אמעריקאַן טיפּאָגראַפיקאל יוניאָן, נום. 83 ... 35 יעריקער יובילייאום ... סואווענירבוך ... ניו יאָרק, ז. 15-20.

[זכרונות וועגן דער לאַגע פון די זעצער אין די אַכציקער און נײַנציקער יאָרן. אינטערעסאנטע עפּיזאָדן אין שייכות מיט עטלעכע שטרייקן אין די דעמאָלטיקע יידישע צייטונגען.]

88. (3) טירקעל דוד בער: ביבליאָגראַפיע פון דער יידישער פּרעסע אין פילאדעלפיע (1891—1928) „פנקס“, ניו יאָרק, העפט 3, 1928; זז. 260—262.

[אונטער דעם טיטל פון יעדער צייטונג, ווערט אָנגעגעבן די דאַטע פון איר גרינדונג, אונטערגאַנג; די נעמען פון די רעדאקטאָרן און מיטאַרבעטער.]

פרעמדשפּראַכיגע קוועלן:

62. *Ayer, N. W. & Sons*—American Newspaper Annual and Directory. 1880—
[אין די דאָזיקע יאָרביכער ווערט אָנגעגעבן די צירקולאַציע פון דער אמעריקאַנער פּרעסע אין אַלע שפּראַכן.]

63. *Buchwald, Nathaniel*—Yiddish אין The Cambridge History of American Literature. Part III. New York [1921] pp. 598-609.
[אַ באַזונדערער איבערבליק איבער דער יידישער פּרעסע און זשורנאַליזם אין אמעריקע.]

64. **С. М. Дубнов.** "Новейшая История Еврейского Народа". Берлин. 1923 г. Том III. Стр. 27.
[דערמאָנט די אמעריקאַנער יידישע פּרעסע אין די אכציקער יאָרן.]

65. *Friedus, A. S.*—A List of Jewish Periodicals Published in the United States. The American Jewish Year Book, Philadelphia, 1899, pp. 271-282.
[אַ רשימה פון אמעריקאַנער יידישע צייטונגען אין ענגליש, דייטש, העברעאיש און יידיש. אויך אַ ביבליאָגראַפיע פון קוועלן.]

66. [*Freidus, A. S.*]—List of Jewish Periodicals in the New York Public Library—Bulletin of the N. Y. P. L. Vol. VI. July, 1902, pp. 258-264.
[אַ ביבליאָגראַפיע פון יידישע צייטונגען אין אַלע שפּראַכן אין דער ניו יאָרקער שטאָט-ביבליאָטעק. זיבעצן צייטונגען אין יידיש זיינען פאַרצייכנט אין דער דאָזיקער רשימה.]

67. [*Freidus, A. S.*]—List of Anti-Semitic and of Jewish-Christian (Conversionist) periodicals in the New York Public Library—Bulletin of the N. Y. P. L., Vol. VII. pp. 30-31.
[אין דער דאָזיקער ביבליאָגראַפיע פון אַנטיסעמיטישע און מיסיאָנערישע בלעטער אין אַלע שפּראַכן, איז פאַרצייכנט אַ יידיש-מיסיאָנערישער חודש-זשורנאַל „תקות ישראל", ב. 4—7, ניו יאָרק, 1896—1900. 4° און 8°. דעם זשורנאַל האָט רעדאַקטירט אַ געוויסער A. C. Gaebelein.]

68. *G[otheil Richard]*—*W[illiam] P[opper]*—Periodicals. The Jewish Encyclopedia. Vol. IX, pp. 602-615.
[אַ קורצער איבערפלעכלעכער סך-הכל פון דער אַלגעמיינער יידישער פּרעסע.]

69. *G[ottheil Richard]*—*W[illiam P[opper]*—List of Peroidicals. The Jewish Encyclopedia. Vol. IX., pp. 616-640.
[אַ ביבליאָגראַפיע פון יידישע צייטונגען אין אַלע שפּראַכן אין דער גאַרער וועלט.]

70. *Grünbaum, M.*—Die Jüdische-Deutche Literatur in Deutchland, Polen und America. Die Jüdische Literatur Seit. Abschluss וויינטער און ווינשעם Des Kanons. 1896. Vol. III., pp. 533-623.
[אינעם קאַפּיטל Das Polnisch-jüdisch-deutsche Idiom in America רעדט זיך וועגן די ענגלישע ווערטער אינעם אמעריקאַנישן יידיש. דער מחבר ברענגט אויסצוגן פון „צוקונפט" (1891) און „ניו יאָרקער יודישע פאָלקסצייטונג (1886—89).]

71. *Hapgood, Hutchins*—The Spirit of the Ghetto. New York, 1902. pp. 177-198.
[אינעם פערטן קאַפּיטל פון זיין בוך, דערציילט דער מחבר וועגן דער יידישער אַרבעטער- און באַלעבאַטישער פּרעסע, ווי אויך וועגן די זשורנאַליסטן, אין ניו יאָרק, סוף פון ביינצנטן יאָרהונדערט.]

72. **А. А. Гаркави.** "Еврейская Периодическая Печать и Литературные Сборники". "Еврейск. Библиотека", т. III. Петербург, 1880 г.
[פאַרצייכנט עטלעכע אמעריקאַנער יידישע צייטונגען.]

73. *Hurwitz Maxmilian*—One hundred years of the Yiddish Press. ענגלישע ביילאַגע פון „טאָג", נאָוו. 23, 1924.
[נאָטיצן וועגן דער יידישער פּרעסע אין אייראָפּע און אמעריקע.]

74. *Lippe Ch. D.*—Bibliographisches Lexicon. Wien 1881. pp. 662-671.
[אין דער אָפּטיילונג Zeitschriften זיינען אויך פאַרצייכנט יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבן, צווישן זיי עטלעכע אמעריקאַנער.]

75. *Lippe, Ch. D.*—Bibliographisches Lexicon. Wien 1899. pp. 457-475.
[אמעריקאַנער יידישע פּעריאָדיקא, פאַרצייכנט אין דער אָפּטיילונג Zeitungen und Zeitschriften.]

76. *Margoshes S.*—The Jewish Press in New York City—The Jewish Communal Register of New York City. 1917-1918. פנקס הקהלה דניויארק רבתי תרע"ח
[באַהאַנדלט די ניו יאָרקער יידישע פּרעסע אין ענגליש, דייטש, העברעאיש, יידיש און שפּאַניאָליש, פון איר אַנטשטייאונג אָן ביז 1917. צום סוף זיינען געגעבן ביבליאָגראַפיעס פון דער פּרעסע אין די אויבנדערמאָנטע שפּראַכן. די ביבליאָגראַפיע פון דער יידישער און העברעאישער פּרעסע אין ניו יאָרק

יידישע פאָלקסלידער

נייע זאמלונגען

פון י. ל. כהן.

(המשך פון דער זאמל. ז׳ 128)

III. טאַנץ־לידער.

71. דאָס ליד פונ׳ם טאַנץ־פירער.



1. סאַ־רע־רי־ווקע,
דריי זאך דורכ׳ן מיטן,
טרא, לא, לא!
חיי־קע־לע,
גיי־זשע דו ביים זייט —
טרא־לא־לא!

2. נו, טו זאך א דריי,
א בראָך צו דיר!
גיי־זשע דורכ׳ן מיטן!
נו, טו זאך א דריי,
א קלאָג צו דיר, —
איך ברעך דיר דיין גאָרסעט!

3. זע, טאמארע,
מאך א ווארע!
זע, געבעלע, ווי איך גיי!
און דו, יאנקעלע, דורכ׳ן מיטן —
חייקעלע, טו זאך א דריי!

(מינסק).

89. (4) יאנאָווסקי ש.: די ערשטע 20 יאָר „פרייע אַרבייטער שטימע"— „פ. אַ. ש.", נאָוועמבער, 2, 1928; זז. 3, 5.

[די דערשיינונג פונם אַנאַרכיסטישן זשורנאַל „די פרייע געזעלשאַפט" (אָקטאָבער, 1895) און די געבורט פון דער „פרייע אַרבייטער שטימע". דער ערשטער נומער איז דערשינען דעם 6טן אָקטאָבער, 1899.]

90. (5) מאַרקוס ש. ל.: שקלא וטריא וועגן זשאַרגאָן — „יידישע גאַזעטען", מערץ 24, 1899.

[דער אויפטו פון די „גאַזעטען" פאַר דער יידישער שפּראַך אין אַמעריקע.]

91. (6) פאַרנבערג דר. ק.: די ערשטע אידישע אַרבייטער־צייטונג אין אַמעריקע — „דער טאָג", אָקטאָבער 27, 1928.

[„ווי די ראַדיקאַלע אידישע באַוועגונג אין אַמעריקע איז געוואָרן זשורנאַליסטיש. — די סאָציאַ־ליסטישע „אַרבייטער־צייטונג" און די אַמאָלגע אַנאַרכיסטישע „פרייע אַרבייטער־שטימע". — דער אידעאַ־ליסטישער אָנהויב אין דער אָנהויב פון געיעג נאָך לעזער„ — דער דאָזיקער אַרטיקל טראָגט א פּאָלעמישן כאַראַקטער און איז איינער פון דער סעריע אַרטיקלען וועגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און אירע פירער דאָ אין לאַנד.]

92. (7) קאָפּעלאָוו י.: אַמאָל אין אַמעריקע — זכרונות . . . די יאָרן 1883—1904 פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע, 1928.

[קאָפּעלאָוו דערציילט אין זיינע זכרונות אַ סך אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן דער אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע און כאַראַקטעריזירט יעדע צייטונג באַזונדער. זע די קאַפּיטלען י"ג, ט"ז, י"ז, י"ח, כ"ב, כ"ד, כ"ה.]

93. (8) קונטרס: בלעטער אויס דער געשיכטע פון דער אידישער אַרביי־טער בעוועגונג — „צוקונפט", סעפּטעמבער, 1908; זז. 40—45. נאָוועמבער, 1908; זז. 37—42.

[דערציילט, פאַרבייגייענדיק, וועגן דער אַמעריקאַנער יידישער אַרבעטער־פּרעסע, בעת די אַכציקער און ניינציקער יאָרן.]

94. (9) ראָזענבערג אברהם: עראינערונגען פון די קלאָוקמאַכער און זייערע יוניאָנס . . . ניו יאָרק, 1920.

[צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דער אַמעריקאַנער יידישער אַרבעטער־פּרעסע.]

95. (10) ראָזענסאָן היימאַן: עראינערונגען פון 1888 ביז 1898—היברו־אמעריקאַן טיפּאָגראַפיקאַל יוניאָן, נומ. 83... 35 יעריקער יובילייאום... סואווועניר בוך... ניו יאָרק. זז. 8—14.

[זכרונות וועגן די קאָנפליקטן צווישן די יידישע צייטונגס־אַרויסגעבער און דעם יידישן זעצער־פאַריין אין קאַמף פאַר בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען.]

96. (11) שטאַרקמאַן משה: צו קלמן מרמרס „צוויי יובילייען —„פנקס", ניו יאָרק, העפט 3, ז. 268.

[מילואים צו ק. מרמרס אַרטיקל וועגן די „איזראַעליטישע פּרעסע", די ערשטע יידישע צייטונג אין שיקאַגע (זע „פנקס", נומ. 1, ז. 38—52).]

97. (12) שרהזאָן כתריאל צבי: מאפלה לאור גדול—„יידישע גאַזעטען", מערץ, 24, 1899.

[די „יידישע גאַזעטען" און דער כלל ישראל.]

98. (13) *Bernheimer, Charles S.*, Editor: The Russian Jew in the United States. Philadelphia, 1905.

[אַ זאַמלבוך פון אַרטיקלען וועגן דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן אין ניו יאָרק. שיקאַגאָ, פילאַדעלפיע און אנדערע ערטער.]

99. (14) *Budish, J. M.*, and *George Soule.* The New Unionism in the Clothing Industry. New York. 1910.

[אין דעם 9טן קאַפּיטל ווערט געגעבן א קורצער סך־הכל פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע אין אמעריקע.]

100. (15) *Levine, Louis.* The Women's Garment Workers—A History of the International Ladies' Garment Workers Union. New York. 1924.

[אינם ערטשן טייל פון דעם דאָזיקן ווערק ווערט דערציילט וועגן דער אמעריקאַנער יידישער אַרבעטער פּרעסע און איר חלק אינם אויפבוי פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן. א רשימה פון צייטונגען וואָס די יוניאָן האָט אַרויסגעגעבן. ז. 568.]

101. (16) *Park, Robert E.* The Emmigrant Press and its Control. 1922

[אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דער פרעמדשפּראַכיקער פּרעסע אין די פאַראייניקטע שטאַטן. צו דער געשיכטע פון דער אמעריקאַנער יידישער פּרעסע, זע קאַפּיטל IV, ז. 89—110.]

73א. צו א „זיבן־טריט".



איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס, זיבן,
א שיינעם בחורל האָב איך מיר אויסגעקליבן.
|: דער טאַנץ איז דאָך שיין, ריכטיק, יע,
איך קאָן טאַנצן א־מע־רי־קע ! :|

(ביעליצע, ווילנ. ג.)

73 ב.

איינס, צוויי, דריי, פיר, פינעף, זעקס, זיבן,
שפּילט זשע מיר די פּאָילקע, ווי עס שטייט געשריבן;
שיפּט זע זעך אהער, שיפּט זע זעך אהין,
אזוי ווי די ראָזעווע בלומען בלין.

(פּאָדאָלער ג.)

74. ריינלענדער.

איינס, צוויי דריי, פיר, פינף, זעקס, זיבן,
א־ווו איז די מיידעלע וואָס איך טו איר ליבן?
אָט איז זי דאָ,
און אָט איז זי ניטאָ,
און אָט איז זי אוועקגעגאַנגען
צו אַלדי שווארץ־יאָר!

(ד. האָראָדאָק, ווילנ. ג.)

75. צו א ברוגז־טאַנץ.

1. ‚אפשר פארלאַנגסטי, דושקעניו, א קיש?
א קיש, א קיש, א קיש!'
„פון וועמענען יאָ, אָבער פון דיר ניש'!
טאַם, טידע־רא־לא־לא־לא,
טי דע־די לא לא!"

2. ‚אפשר פארלאַנגסטי אוירינגלעך פון מיר?
פון מיר, פון מיר, פון מיר?!'
„פון ווֹעמענען יאָ, אָבער נישט פון דיר!
טאַם־טי־דע־ראל־לא־לא,
טי דעדי לא־לא!"

(ווארשע).

72א. בא אַ לאַנסעי.



ראַצע! ראַצע!
צי מיר מיטן פּנים!
צי מיר מיטן פּנים,
צי מיר מיטן פּנים!

יענטע, יענטע,
גייען זי אַדאָרך,
גייען זי אַדאָרך,
גייען זי אַדאָרך!

|: איך האָב איהן געהייסן טאַנצן,
האָבן זי קאַליע געמאַכט אינגאַנצן;
כ'האָב איהן געלאָזט אַדאָרך
האָבן זי מיך נישט געהאָרכט. :|

(וואַרשע)

72 ב.

1. מאַטל, מאַטל, צי מיר מיטן פּנים,
יענטע, יענטע — גאַי אינדערמיט!
גיטל, גיטל, גאַי שוין אהער,
דבורה — גאַן שוין צריק!

2. די ביזט ניש' געגאַנען גיט,
אָסט בעדאָרפן גאַין אין־דער־מיט!
אָסט בעדאָרפן גאַין אהער —
געב־זשע די האַנד דעם בער!

3. ביזט ניש' געגאַנען גיט,
אָסט בעדאַרפן גאַין אינדערמיט!
אָסט אָפּגעקלאָגט די לאַנסע —
זאָל דיר פּוילן....!

(וואַרשע).

82. אַ גאַנצע נאַכט.



1. „וווּ ביזטו געווען אַ גאַנצע נאַכט,
פאַרוואָס ביזט ניט געקומען שלאָפן?'
„אוי וויי, מאַמע, ניט דאַ געדאַכט,
מיר האָט זאַך אַן אומגליק געטראָפן!"

2. „וווּ ביזטו געווען אַ גאַנצע נאַכט,
טאָכטער, מיינע, געטרייע?'
„אונטערן טיר, מיט אַן אָפּעציר,
מאַמע, ס'אַ מחיה!"

(וואַשליקאָוו, גראָד. גוב.)

83. צו אַ קאַדריל.

חאַשקע, גיי אַרויסעט,
וויכנע, דריי זאַך אויסעט!
אַ כאָלערע זאָל דיך טרעפן!
אַ ווּהין ביזטו פאַרקראָכן,
מיט דיין ווייסינקע בלוזקעלע?!

(ד. האָראָדאָק, מינסק. ג.)

84. וואַלץ.

1. היי, האָבער און קאָרן,
רישקע האָט דעם פאַרטעך פאַרלאָרן!
מיישקע איז געגאַנגען — געפונען,
און רישקען פאַר אַ כלה גענומען.

2. וואָס זאָגט איר צו היינטיגע מיידן,
זיי גייען אין צרות און ליידן!
די באָכרים — די הענט אין די טאַשן,
און גייען אין צוריסענע קאַמאַשן!

(פינסק).

85. פּאָלקע.

אַ פּאָלקע טאַנצן בין איך גערן,
נאָר מיט שיינע קאַוואַליערן!
טו־זשע אָן די ווייסע האַנצן,
און לאָמיר גיין אַ פּאָלקע טאַנצן!
|: טראַ לאַ לאַ, טראַ לאַ לאַ. :|

86.

העי, דו, רוק זאַך צו,
אַריין זאָלסטו אין דר'ערד!
מסתמא אַז איך האָב דיר ליב,
האָסטו דאָס די ווערד!

(ביעליצע, ווילנ. ג.)

87. וואַלץ.

היינטיקע מיידעלאַך, זיי האָבן גאָר קיין שכל,
זיי בריקענען נאָר ווי די פערד;
פּאַפּאַדיען זיי אַ באָכער פון אַ פאַלשער ליבע,
ליינט ער זיי יונגערהייד אין דר'ערד.

(וואַשליקאָוו, גראָד. גוב.)

76. צו אַ קאַדריל.



פּעשע, גיי אין ווינקל,
גנעלע — גיי באַם זייט!
פּעשע, נעם דעם בעזעם —
גנעלע — קער זאַך אויס!

(וואַשליקאָוו, גראָד. גוב.)

77. קראַקאָוויאַנקעס.

1. קראַקאָוויאַק, העריץ,
שטיפּ אַרויס דעם פּריץ!
אַז ער וויל נישט גיין
זעץ אים אויס די צייהן!

2. קראַקאָוויאַצקאַ אַנאַ,
שטיפּ אַרויס די פּאַנאַ,
אַז די פּאַנע וויל ניט גיין,
האַק איר אַרויס די ציין!

(טשודנאָוו.)

78.

1. טשטערי־דזשעסצי, טשטערי,
פיר־און־פערציק פירן;
אַלע מאַמזעלן
גיין זיך שפּאַצירן.

2. מיידלעך רופט מען — מאַמזעל,
ווייבלעך רופט מען — מאַדאַם;
שפּילט־זשע מיר אַ ביסל,
אויפן פּאָרטעפּיאַן!

(וואַרשע)

79א.

1. יאַקאָוו, יאַקאָוו־יאַנע,
שטיפּ אַרויס די פּאַנע!
די פּאַנע וויל ניט גיין.
זעץ איר אויס די ציין!

2. די ציין טאָר מען ניט זעצן,
דאָס פּנים טאָר מען ניט נעצן;
אַזוי ווי אין אַדעס,
אַזוי אין בוקאַרעסט!

(בראַילאָוו, פּאָדאָלער ג.)

79ב.

קראַקאַ־קראַקאַ־וויאַנע,
שלעפּ אַריין די פּאַנע;
די פּאַנע וויל ניט גיין —
שלעפּ איר פּאַר די ציין!

(פּרילוק, פּאָלטאַווער גוב.)

80. אויף אַ קראַקאָוויאַנקע.

1. באַ דעם קצב'ס יאַטקע,
שטייט די מיידל ביילקע, —
מיט אַ רויטע קליידל
און מיט אַ ווייסע פּאַטשיילקע.

2. ביילקע, ביילקע, ביילקע!
כ'וועל דיר עפּעס פרעגן:
ווער איז דאָס דער בחור,
וואָס שטייט דאָ דיר אַנטקעגן?

(פּינסק).

81. צו אַ קאַדריל.

מאַלקאַ זשאַטאַ,[1]
עס טיט אין האַרצן ברענען!
מאַלקאַ זשאַטאַ,
לאָז זשע זאַך דערקענען.

מאַלקאַ זשאַטאַ,
כ'קען אָן דיר נישט זיין!
איך צו דיר,
דו צו מיר,
לאָמיר טאַנצן אַלע פיר.

(וואַרשע).

---

[1] פּויליש — Malgorzata.

93. אז אַ מיידל גייט שפּאַצירן.



אז אַ מיידל גייט שפּאַצירן,
שלאָפט זי ניט אַ גאַנצע נאַכט;
דער בחור טוט איר אהיים אָפּפירן,
און זינגט איר די פּאָילקע—ראַכ־צאַכ־צאַך!
|: ראַם,טאַ־די־די־די, ראַם־טאַ־־דאַ־די־דאַ,
טאַם, טאַ די־די־דאַ, ראַם־טאַ־טאַ! :|

(ביעליצע).

94 א. ליב — אָן אַ שיער.

1. דו זאָלסט ניט ריידן קיין נארישע ריידעלאַך,
זאָלסט ניט גיין צו דיין מאַמען אין שטוב;
דו זאָלסט ניט ליבן קיין אנדערע מיידעלאַך,
נאָר מיר אליין, ווייל איך האָב דיר ליב.
איך האָב דיר ליב, גאָר אָן אַ שיער,
אַ סימן האָסטו, כ׳קאָן ניט זיין אָן דיר!
|: טראַ לאַ לאַ לאַ, טראַ לאַ לאַ לאַ! :|

2. כ׳וועל זיך הייגגען און טרינקען, אוי מאַמעניו,
פאַר דעם שיינעם און פיינעם קומאַ!
וואָס ער שטייט בא באָדאַנסקען אין קלייטעלע,
און שרייט: „פּאָזשאַלוסטע סודאַ!“
איך האָב דיר ליב, גאָר אָן אַ שיער,
אַ סימן האָסטו, כ׳קאָן ניט זיין אָן דיר!
|: טראַ לאַ לאַ לאַ, טראַ לאַ לאַ לאַ! :|

(ביעליצע, ווילנ. גוב.)

94 ב. כ׳וועל מיך שטעכן...

כ׳וועל מיך שטעכן און הייגגען, אוי מאַמעלע!
פאַר דעם שיינעם און פיינעם קאַוואַלער,
וואָס ער רופט בא וואַזשאַנסקען פון פענצטערל;
„אוי, רחל׳ע, קום נאָר אהער!“
|: טראַ לאַ־לאַ לאַ, טראַ־לאַ־לאַ לאַ! :|

(פינסק, מינסקער גוב.)

88. בין איך געפאָרן קיין אדעס.



1. בין איך געפאָרן קיין אדעס
אויף דער מאָלדאָוואנקע;
האָב איך געטאנצט אַ פּאָלאָניעז,
מיט אַ שארלאָטאנקע!

הייסע טיי, קאלטע טיי,
טייגלעך מיט פאסאָליעס;
אַלע שיינע מיידעלעך
האָבן מיאוסע דאָליעס!

2. וואָס האָסטי געקאָכט אַ גאנצע וואָך?
טייגלעך מיט פאסאָליעס;
וואָס האָסטי געקאָכט אויף שבת נאָך?
פארפל מיט בארבאָליעס.

הייסע טיי, קאלטע טיי,
טייגלעך מיט פאסאָליעס;
אַלע שיינע מיידעלעך
האָבן מיאוסע דאָליעס!

89א. צו אַ וואלץ.

ביאליסטאָקער קאָקעטקעס
בלאָנדינקעס און בראנעטקעס;
זיי קלייבן זיך אויף איניינעם,
און זוכן אַ בחור אַ שיינעם.

(וואשליקאָוו, גראָד. גוב.)

89ב.

ביאליסטאָקער מיידלאך,
זיי גייען אין צעריסענע קליידלאך;
זיי האָבן קיין געלט אין די טאשן,
און גייען אין צעריסענע קאמאשן.

(וואשליקאָוו, גראָד. גוב.)

89ג.

ווארשעווער פאצעטן,
זיי ליגן אינטער די בעטן;
זיי האָבן קא' גראָשן אין די טאשן,
און גייען אין צריסענע קאמאשן!

(ווארשע).

90. „וועינגערקע".

פינסקער מיידעלאך — ווארשעוויאנקעס,
טאנצן, טאנצן זיי ווי גאלעגאנקעס,
און דאָס רופן זיי — אויך אַ לעבן, —
קאראָכעס האָבן זיי דעם קלעזמער צו געבן.

(פינסק).

91. אַ קאזאצקע.

שיין מיידעלע, קום טאנצן,
ווייל דאָס רעדל דרייט-זיך!
שיינקארקע, דאוואי וואָדקע,
די באלעבאָסטע פרייט-זיך!

(טשודנאָוו, וואָלין).

92.

1. שרה'לע, שרה'לע, סיינקא,
טאנץ אביסעלע פּאָמאלענקא!
פּאָמאלענקא, הייסט, פּאמעלעך,
מעין טאנץ עך, מעין וויל עך!

(טשודנאָוו, וואָלין).

IV. חתן־כלה און חתונה־לידער.

97. אַ רייכע אויסשטייער.

1. זיצט אַ מיידל אפן פענצטער
אין אַ שיינעם ראָג, ראָג;
גייט אַ אינגל אין שול אריין
אין אַ שיינעם טאָג, טאָג.

2. „אינגל—לעבן, הארצע־לעבן,
נאָדיר אַ גוטמאָרגן!
זאָג דעם טאַטן מיט דער מאמען,
זאָלן זיי ניט זאָרגן.

3. ליגן זיבן העמדער
אין דעם קאסטן, ווי די בעכער:
דריי מיט לאַטעס,
פיר מיט לעכער."

(קאָזלאָוויטש, מינסקער גוב.)

98. אַ רויז אפ'ן דאַך.

1. אַ רויז* אפ'ן דאַך,
אַ ליכטיקע נאַכט;
איך בין בא מיין טאטקען
זייער געאַכט.

2. קומט דעם רבס זון,
און זעצט זיך אויבן־אָן,
וויל ער מיט מיר ריידן,
שטייט דאַך מיר ניט אָן;
וויל איך אים פארשוויינן,
הייבט ער מיט מיר אָן.

(סנאָווסק, טשערניג. ג.)

* ארויס?

99. אַ טאָכטער — אַ בריה.

זעליק, זעליק קער זאַך אום,
נעם מיין טאָכטער פאַר דיין זון,
סיסל, לעפל קען זי וואַסן,
פון די טעפּ קען זי נאַסן,
פון די קויפן
טרינקט זי ברוינפן,
און פון די פלעסער,
מאַכט זי בעסער.

(קאָזלאָוויטש, מינסק. גוב.)

100. אַ גלייכער שידוך.

1. איך האָב אַ טאָכטער
און דו האָסט אַ זון,
טאָ לאָמיר אלע—ביידע
אַ שידוך טאָן.

2. ניט איך האָב קליידער,
ניט איך האָב קיין געלט;
נאָמיר נעמען די טאָרבעלע
און גיין איבער דער וועלט.

3. ניט איך האָב קיין זייגער,
ניט דו האָסט קיין ווייזער;
נאָמיר נעמען אַ טאָרבעלע
און גיין איבער די הייזער.

(וואַרזאַן, קאָוונער גוב.)

101. יונגע פרייד.

1. „שפּרינג אַראָפּ,
שפּרינג אַראָפּ,
טעכטערל פין אויוון!
כ'האָב דיר געבראַכט,
כ'האָב דיר געבראַכט
אַ חתן צי פארקויפן.'

2. „אוי ווי, מאַמע,
בין עך יינג!
פין דעם אויוון
טי עך אַ שפּרינג —
גלייך צים חתן
טי עך אַ ווינק!"

(בערלאַד, רומעניע).

102. מיט אלע מעלות.

טאַטע, טאַטע, גיי אפן בן־זכר!
און קלייב מיר אויס אַ שיינעם בחור,
מיט געלע פאות'ן, מיט שוואַרצע אויגן,
און צו דער תורה זאָל ער טייגן.

(קאָזלאָוויטש, מינסקער גוב.)

95. פון דער קאַלאמייקע.



1. „פינוואנען קימט איר גיטע ברידער?“
— פון דער קאַלעמייקע.
„האָט איר גיש געזען א מאידעלע,
וועלכע האיסט לייקע?“

2. — יאָ גע׳זען, גיש געזען,
ווילן מיר אייך נישט זאָגן;
טוט א כאַפּ א פערד און וואָגן
און טיט איר נאָכיאָגן.

3. קימען מיר אראַן אין קרעטשמע אראַן,
האיסט מען אינץ זעצן;
אימגעשאילטע באראבוליעס
האיסט מען אינץ עסן.

4. אימגעשאילטע באראבוליעס,
זענען זייער מיעס, —
אָפן אויוון זיצט א מאידעלע
איז ער ציקער־זיס.

5. וועמעס ביזטי, מאידעלע?
„יאנקל דעם בעדער׳ס פאַנעלע“,
גי־זשע מיר ס׳פּיסקעלע,
פאר א מאקאראָנעלע

(בערהאָמעט, בוקאָווינע.)

96.

האָסטי באילע פּרישן מעיד,
גיב אהער דעם האיבער!
וועסטי מיינען ס׳איז שוין שפּעיט,
צוועלף איז דער זאיגער.

אָנגעגעסן, אָנגעטרינקען,
נישט געהאט צי צאָלן;
געכאפּט דאָס זעקל מיטן פּעקל
און אוועקגעפאָרן.

(בויבערקע, גאַליציע)

105. ארום דער חתונה־הויז.



1. ווער עס קען כסדר ציילן,
וואָס עס מיינט — איינס?
איינס איז דאָס חתונה־הויז,
אין וואָס מע עסט,
אין וואָס מע טרינקט,
אין וואָס מע׳טאַנצט,
אין וואָס מע שפּרינגט.
‖: טאַ־לאַ־לאַ, טאַ־לאַ־לאַ־לאַ,
טאַ־לאַ־לאַ־לאַ,
טראַ־לאַ־לאַ, אוי! :‖

2. ווער עס קען כסדר ציילן,
וואָס עס מיינט — צוויי?
צוויי זענען די חתן־כלה,
וואָס דער אייבערשטער איז זיי ממלא.
איינס איז דאָס חתונה־הויז,
אין וואָס מען עסט,
אין וואָס מע טרינקט, אאז״וו.

3. ווער עס קען כסדר ציילן,
וואָס עס מיינט — דריי?
דריי זענען די מחותנים,
וואָס זיי ציילן די מזומנים;
צוויי זענען די חתן־כלה,
וואָס דער אייבערשטער איז זיי ממלא,
איינס איז אאז״ו.

4. ווער עס קען כסדר ציילן,
וואָס עס מיינט — פיר?
פיר זענען די חופּה־שטאַנגען,
וואָס חתן־כלה ווערן געפאַנגען;
דריי זענען די מחותנים,
וואָס זיי ציילן די מזומנים, אאז״וו.

5. ווער עס קען כסדר ציילן,
וואָס עס מיינט — פינף?
פינף זענען די כלי־זמרים,
וואָס זענען משמח רייך און אָרים;
פיר זענען די חופּה־שטאַנגען,
וואָס חתן־כלה ווערן געפאַנגען, אאז״וו.

6. ווער עס קען כסדר ציילן,
וואָס עס מיינט — זעקס?
זעקס זענען די ליכט־הבדלות,
וואָס דער אייבערשטער שיקט מזלות;
פינף זענען די כלי־זמרים,
וואָס זענען משמח רייך און אָרעם, אאז״וו

7. ווער עס קען כסדר ציילן,
וואָס עס מיינט — זיבן?
זיבן זענען די שבע־ברכות,
וואָס דער אייבערשטער שיקט הצלחות;
זעקס זענען די ליכט־הבדלות,
וואָס דער אייבערשטער שיקט מזלות;
פינף זענען די כלי־זמרים,
וואָס זענען משמח רייך און אָרים;
פיר, זענען די חופּה־שטאַנגען,
וואָס חתן־כלה ווערן געפאַנגען;
דריי, זענען די מחותנים,
וואָס זיי ציילן די מזומנים;
צוויי, זענען די חתן־כלה,
וואָס דער אייבערשטער איז זיי ממלא;
איינס, איז דאָס חתונה־הויז,
אין וואָס מע עסט,
אין וואָס מע טרינקט,
אין וואָס מע טאַנצט,
אין וואָס מען שפּרינגט.
‖: טאַ־לאַ, לאַ־לאַ־לאַ־לאַ,
טאַ־לאַ־לאַ־לאַ,
טאַ־־לאַ־לאַ־לאַ, אוי! :‖

(טשימעראָוויץ, פּאָד. גוב.)

103. וואָס דאָס מיידעלע וויל.

1. שפּיל־זשע, שמואליקל, שפּיל,
וואָס דאָס מיידעלע וויל:
,דאָס מיידעלע וויל אַ קליידעלע האָבן,
דאַרף מען גיין דעם שניידער זאָגן.'
„ניין, מאַמע, ניין!
דו ווייסט נישט וואָס איך מיין,
דו קענסט מיך נישט פאַרשטיין."

2. שפּיל־זשע, שמואליקל, שפּיל,
וואָס דאָס מיידעלע וויל:
,דאָס מיידעלע וויל אַ פּאָאַר שיכעלע, האָבן,
דאַרף מען גיין דעם שוסטער זאָגן.'
„ניין, מאַמע, ניין!
דו ווייסט נישט וואָס איך מיין,
דו קענסט מיך נישט פאַרשטיין!"

3. שפּיל־זשע, שמואליקל, שפּיל,
וואָס דאָס מיידעלע וויל:
,דאָס מיידעלע וויל אַ קייטעלע האָבן,
דאַרף מען גיין דעם גאָלדשמיד זאָגן.'
„ניין, מאַמע, ניין!
דו ווייסט נישט וואָס איך מיין.
דו קענסט מיך נישט פאַרשטיין!"

4. שפּיל־זשע, שמואליקל, שפּיל,
וואָס דאָס מיידעלע וויל:
,דאָס מיידעלע וויל אַ חתן האָבן,
דאַרף מען גיין דעם שדכן זאָגן.'
„יאָ, מאַמע, יאָ!
דו ווייכט שוין וואָס איך מיין,
דו קענסט מיך שוין פאַרשטיין!"

(נאראיאָוו, גאַליציע).

104. גלייכער — גאָרניט.

1. די האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט,
אַז די וועסט מעך נעמען;
צים סוף ביזטי אוועקגעפאָרן,
אין ווילסט מעך גאָר ניט קענען.

2. פאַר־זשע פאַר, צים שווארצן יאָר,
זאָלסטי זעך בארענקען!
אַז די וועסט קימען צי אַ וואַסער,
זאָלסטי זעך דערטרענקען!

3. אַז די וועסט קימען צין אַ בראָווער,
וועסטי שמעקן ביר;
וועסטי וויסן די ביטערקייט,
וואָס איז דאָ אין מיר.

4. אַז די ביר איז יונג,
הייבט עס אָן צו שפּילן;
אַז אַ מיידעל נעמט אַ בחור,
בייטען זעך אירע געפילן.

5. אַז די ביר איז אַלט,
הייבט עס אָן צו זויערן;
אַז אַ מיידל נעמט אַן אַלטן מאַן,
טיט מען איר באַדויערן.

6. זאָל עך נעמען אַן אַלטן מאַן,
קיק עך ניט אויף אים;
זאָל עך נעמען אַ יונגן מאַן,
קיקט ער ניט אויף מיר.

7. זאָל עך נעמען גאָרניט,
זאָגן לייט: מ'טאָר ניט;
זאָל עך נעמען אַ שלימעזאַלניק,
איז שוין גלייכער גאָרניט!

(טשודנאָוו, וואָלינ. גוב.)

V. פאַמיליע־לידער.

111. יונגערהייט — אוועקגעפלויגן.

1. שטייען דריי קאַראַטן,
לעבן מיין מאַמקעס טיר.
,שיינע, פיינע מעדכען,
זעץ זיך, פאַר מיט מיר!'
„ווי זאָל איך זיך זעצן,
פאָרן איצט מיט אייך,
אז איך האָב זיך ניט געזעגנט
מיט מיין מאַמקען נאָך?

2. „זיי געזונט, מאַמע מיינע!
איך בין דאָך די טאָכטער דיינע:
קליינערהייט אויפגעצייגן,
יונגערהייט אוועקגעפלייגן —
קאָכאַנאַ מאָיאַ!
קאָכאַנאַ מאָיאַ!"

(סנאָווסק, טשערניג. גוב.)

112. ניטאָ קיין רו.

1. גיי איך מיר אין קעמערל
און לייג מיר צו מיין קעפעלע
אויף מיין מאַמקעס בעטעלע,
און די מאַמע גייט
בענטשנדיקערהייט:
,אַך, דו טאָכטער יונגינקע,
דו האָסט דאָך דיעטקעס דראָבנינקע,
דו האָסט דאָך ניט קיין רו,
דו האָסט דאָך ניט קיין רו!'
„אוי איך טו, איך טו,
איך האָב דאָך ניט קיין רו!"

2. גיי איך מיר אין קעמערל,
און לייג מיר צו מיין קעפעלע,
אף מיין טאַטקעס בעטעלע —
און דער טאַטע גייט
בענטשנדיקערהייט:
,אַך, דו טאָכטער יונגינקע א. ז. וו.

3. גיי איך מיר אין קעמערל
און לייג מיר צו מיין קעפעלע,
אויף מיין שוויגער'ס בעטעלע,
און די שוויגער גייט
שילטנדיקערהייט:
,אַך דו שנור, דו פוילעניצע,
קיין מלאכה טוסטו ניט,
נאָר דו טוסט און שלאָפסט,
נאָר דו טוסט און שלאָפסט!'
„אוי איך טו, איך טו,
איך האָב דאָך ניט קיין רו!"

4. גיי איך מיר אין קעמערל
און לייג מיר צו מיין קעפעלע,
אויף מיין שווער'ס בעטעלע,
און דער שווער גייט —
שילטנדיקערהייט:
,אַך דו שנור, דו פוילעניצע, א. ז. וו.

5. גיי איך מיר אין קעמערל
און לייג מיר צו מיין קעפעלע,
אף מיין מאַנ'ס בעטעלע,
און מיין מאַן ער גייט
בענטשנדיקערהייט:
,אַך, מיין ווייבעלע, יונגינקע,
דו האָסט דאָך דיעטקעס דראָבנינקע,
דו האָסט דאָך ניט קיין רו,
דו האָסט דאָך ניט קיין רו!'
„אוי, איך טו, איך טו,
איך האָב דאָך ניט קיין רו!"

(סנאָווסק, טשערניג. גוב.)

106. נאָר אַ סעמעלע־טאַנץ.

1. שרה'לע די רביצן,
דער כלה'ס אַ מומע;
ניט קיין געבעטענע,
אַליין געקומען.
אָרעם איז ניט גוט,
אָרעם איז ניט גוט,
לאָמיר זיך ניט שעמען
מיט אונזער אייגן בלוט.

2. שפּילט מיר אַ סעמענע,
ניט קיין קאַזאַצקע,
כאָטש אַן אָרעמע
דאָך אַ כוואַטסקע.
אָרעם איז ניט גוט,
אָרעם איז ניט גוט,
לאָמיר זיך ניט שעמען
מיט אונזער אייגן בלוט.

3. נאַט אייך אַ פּיימעלע
און שפּילט מיר אַ סעמעלע,
חנה'לעס חתעלע
רופט מען אברהמעלע.
אָרעם איז ניט גוט,
אָרעם איז ניט גוט,
לאָמיר זיך ניט שעמען
מיט אונזער אייגן בלוט.

(ביעליצע, מינסקער גוב.)

107. צו דער טבילה.

1. מאַן טאַטע האָיסט פּאָריעם,
מער ווינען מאַר צווישן גויים.
אין שטיב איז אַ חתונה,
אין דאָרף איז אַ שרפה;
פירט מען די כלה אין באָד אריין,
ווערט זי גאָר טריפה.

2. דער חתן שניידט שטיקער פלאָדן,
מ'זאָל די כלה כשר באָודן;
מ'זאָל זי גיט אָפּשווענקען,
מ'זאָל זי נישט דערטרענקען!

(מיקולעניץ, גאַליציע).

108. אָט אזוי נאַרט מען אָפּ...

1. אָט אזוי און אָט אזוי,
נאַרט מען אָפּ אַ חתן:
מען זאָגט עם צו אַ סך נדן
מ'גיט עם ניט קיין גראָשן!

2. אָט אזוי און אָט אזוי,
נאַרט עם אָפּ די שוויגער:
זי זאָגט עם צו זיידנס געבן,
און גיט עם ניט קיין טיגער.

3. אָט אזוי און אָט אזוי,
נאַרט עם אָפּ דער שווער:
ער זאָגט עם צו טויזנט גליקן —
און הייסט עם קושן אַ בער.

(ביעליצע, ווילנ. ג.)

109. אָפּגעקוילעט...

שדכן, שדכן, אַ קלאָג צי דיר!
וואָס האָסטו געהאַט צו מיר!
צוגענומען די שדכנות,
אָפּגעקיילעט אָן רחמנות —
אַ קלאָג צו דיר,
אַ קלאָג צו דיר!

(ביעליצע, ווילנ. ג.)

110. צרות — פון אַלע זייטן.

אוי וויי, מאַמע, מיטער!
זע, די קאַץ לעקט די פּיטער,
און די הינער פּיקן די אייער,
און די כלה בעט דעם שלייער,
און דער חתן בעט דעם טלית,
און דער מחותן האָט דעם דלות!

(זשיטאָמיר).

114. בא פרעמדן טיש.



1. לייטישע מזלות טוען אפן וואסער שווימען,
איך זוך מיין מזל און קאן ניט געפינען;
אך און וויי, ווי ביטער איז,
אין א פרעמדע לאנד, בא א פרעמדן טיש!

2. מיין באלעבאסטע זאגט: „עס, ניט שעם זיך!“
און אין הארצן טראכט זי: „צום ברויט, ניט נעם זיך.“
אך און וויי, ווי ביטער איז,
אין א פרעמדע לאנד, בא א פרעמדן טיש!

3. און אז מיין מוטער זאל דאס וויסן,
אז איך שלאף דא גאר אן א קישן;
אך און וויי, ווי ביטער איז,
אין א פרעמדע לאנד, בא א פרעמדן טיש!

(נאווארעדאק, מינסק. ג.)

115. פייגעלע די שמדיקע.

1. פון קאמערויקע — מאנאסטיר,
איז גארניט קיין מהלך;
פייגעלע האט זאך אפגעגנב׳עט
פרייטיק צונאכט, צום גלח.

2. ווי די באבע לייקע
האט דאס נאר דערהערט,
אזוי איז זי געפאלן
מיטן קאפ אן דר׳ערד.

3. „פייגעלע, דו פייגעלע,
קום צו מיר אהיים!
איך וועל דיר געבן,
וואס דו ווילסט אליין.

4. „איך וועל דיר געבן
קליידער און נדן,
איך וועל דיר געבן
יאנקאווסקין פאר א מאן.“

5. פייגעלע מיט פיאדערקען
זיינען געפארן אף א באל,
האט ער איר געקייפט
א שליאפע מיט א שאל.

6. פאר דער שליאפע מיטן שאל,
האט זי זאך געשמד׳ט;
פייגעלע מיט פיאדערקען
האבן חתונה געהאט.

(האראדאק, מינסקער גוב.)

116. ווער עס וויל נאר הערן...

1. ווער עס וויל נאר הערן,
וואס אין לידע האט געטראפן:
בא קאפלמאן דעם שיינקער
איז פייגעלע אנטלאפן.

2. „פייגעלע, מיין טאכטער,
קום צו מיר אהיים!
און וועל דיר געבן דערצו
וואס דו ווילסט אליין.

3. איך וועל דיר געבן
קליידער און נדן;
איך וועל דיר געבן
א פיינעם יונגנמאן!׳

4. „פאטער, מיין ליבער,
כ׳קען צו דיר ניט קומען:
סטרינסקי דער אוראטניק —
האט מיר צוגענומען!

(שיקיאן, קאוונער, גוב.)

113. באַ שווער און שוויגער.

1. ,טאָכטער, דו מיינע, ליבסטע דו מיין,
אווו ביזטו געוועזן?'
„באַ דער בייזער סוויגער,
וואָס ברומט ווי א טיגער,
מוטער, דו ליבסטע, דו מיין!"

2. ,טאָכטער דו מיינע, ליבסטע דו מיין,
אווו ביזטו נאָך געוועזן?'
„באַ דעם בייזן סווער,
וואָס ברומט ווי א בער,
מוטער, דו ליבסטע, דו מיין!"

3. ,טאָכטער דו מיינע, ליבסטע דו מיין,
וואָס האָסטו דאָרטן געטאָן?'
„גרעט געוואַסן, איבער אַלע גאַסן,
מוטער, דו ליבסטע, דו מיין!"

4. ,טאָכטער דו מיינע, ליבסטע דו מיין,
וואָס נאָך האָסטו דאָרטן געטאָן?'
„טים און ביינק,
מיט טרערעלאַך געסווינקט,
מוטער, דו ליבסטע, דו מיין!"

5. ,טאָכטער דו מיינע, ליבסטע דו מיין,
וואָס נאָך האָסטו דאָרטן געטאָן?'
„לייכטערלאַך געסייערט,
די הענטלאַך געפּייערט,
מוטער, דו ליבסטע, דו מיין!"

6. ,טאָכטער דו מיינע, ליבסטע דו מיין,
וואָס האָסטו דאָרטן געגעסן?'
„א סטיקעלע פּארסימלטע ברייט,
ליבער דער טייט,
מוטער, דו ליבסטע, דו מיין!"

7. ,טאָכטער דו מיינע, ליבסטע דו מיין,
וואָס האָט מען דיר געגעבן טרינקען?'
„מעד און וויין, מיט סם דעריין,
מוטער, דו ליבסטע, דו מיין!"

8. ,טאָכטער דו מיינע, ליבסטע דו מיין,
ווו האָט מען דיר געלייגט סלאָפן?'
„אף דער ערד, די סטוב ניט געקערט,
מוטער, דו ליבסטע, דו מיין!"

9. ,טאָכטער דו מיינע, ליבסטע דו מיין,
וואָס האָט מען דיר געלייגט צוקאָפּן?'
„א זעקעלע ערד, ווי איך בין ווערט,
מוטער, דו ליבסטע, דו מיין!"

10. ,טאָכטער דו מיינע, ליבסטע דו מיין,
מיט וואָס האָט מען דיר צוגעדעקט?'
„מיט סווארצע געוואנט,
און כ׳סטום ווי די וואנט,
מוטער, דו ליבסטע, דו מיין!"

11. ,טאָכטער דו מיינע, ליבסטע דו מיין,
ווו האָט מען דיר געטראָגן?'
„פון א ליכטיקע סטוב,
אין א פינצטערער גרוב,
מוטער, דו ליבסטע, דו מיין!"

12. ,טאָכטער דו מיינע, ליבסטע דו מיין,
פארביי וואָס האָט מען דיר געטראָגן?'
„פארביי אַלע פוסטע קלייטן,
קיינער ניט געגאנגען באלייטן,
מוטער דו ליבסטע, דו מיין!"

(קאָזלאָוויטש, מינסקער גוב.)

119. וויגנדיק אַ פרעמד קינד.



1. זאָ׳סט אזוי לעבן,
אין זאַן געזינד!
ווי יאָך׳על דאר זיצן
אין וויגן ס׳קינד.
אליו־ליו, שאַ־שאַ־שאַ!
דאַן מאַמעשי איז געגאַנגען
אין גאַס אַראַ;
אַ־ליו־ליו, שלאָף מאַן קינד!
די מאַמעשי וועט קימען
געך אין געשווינד!

2. זאָ׳סט אזוי לעבן...
ס׳ליגט מאר דרינען!
דאַן מאַמעשי איז געגאַנגען
אין גאַס פאַרדינען.
אַ־ליו־ליו, שאַ־שאַ־שאַ!
די מאַמעשי איז געגאַנגען
אין גאַס אַזאַ;
אַ־ליו־ליו, שלאָף מאַן קינד!
די מאַמעשי וועט קימען
געך אין געשווינד.

3. אנדערע מאַידעלאַך
טאַנצן אין שפּרינגען,
אין יאַך מיז נ׳קינד
וויגן אין זינגען.
אַ־ליו־ליו, שאַ־שאַ־שאַ!
דאַן מאַמעשי איז געגאַנגען
אין גאַס אַראַ׳;
אַ־ליו־ליו, שלאָף מיין קינד!
די מאַמעשי וועט קימען
געך אין געשווינד.

4. אנדערע מאַידעלאַך —
ציקאָרלאַך נאַשן,
אין יאַך מיז נ׳קינד׳ס
ווינדאָלאַך וואַשן.
אַ־ליו־ליו, שאַ־שאַ־שאַ!
דאַן מאַמעשי איז געגאַנגען
אין גאַס אַראַ׳;
אַ־ליו־ליו, שלאָף מאַן קינד!
די מאַמעשי וועט קימען
געך אין געשווינד!

(וואַרשע).

120. דאָס אַלטע וויגליד.

אונטער יאַנקעלעס וויגעלע,
שטייט אַ ווייסינקע ציגעלע,
ציגעלע איז געפאָרן האַנדלען,
ראָזינקעס מיט מאַנדלען;
דאָס איז די בעסטע סחורה,
יאַנקעלע וועט לערנען תורה.
תורה וועט ער לערנען,
ספרים וועט ער שרייבן,
און אַ גוטער און אַ פרומער
וועט ער תמיד בלייבן.

(ווילנע)

VI. וויגן־לידער.

117. שלאָף, מיין גדולה.

1. שלאָף, מיין קינד, מיין קרוין, מיין שיינער,
אי־לע ליו־ליו־ליו!
‖: לעבן דיין וויגל זיצט דיין מאמע,
און מאכט קיין אויג ניט צו. :‖
‖: אילע־ליו־לע,
שלאָף מיין גדולה,
אילע־ליולינקע ליו־ליו! :‖

2. אין שלאָף גייט די נשמה אין הימל ארופעט,
עבירה'ס פארשרייבט מען אין ביכער,
אָבער דו, מיין קינד, ביזט נאָך א קליינער,
מעגסט שלאָפן רואיק און זיכער.
‖: אילע ליו־לע,
שלאָף מיין גדולה,
אילע־ליולינקע ליו־ליו! :‖

(ביעליצע, ווילנ. גוב.)

118. שלאָף, אינגעלע, שלאָף.

1. שלאָף, אינגעלע, שלאָף,
דער טאַטע וועט פאָרן אין דאָרף;
וועט ער ברייגנען אַן עפּעלע,
וועט זיין געזונט דיין קעפּעלע.

2. שלאָף, אינגעלע, שלאָף.
דער טאַטע וועט פאָרן אין דאָרף;
וועט ברייגנען בייגעלאך,
וועט זיין געזונט די אייגעלאך.

3. שלאָף, אינגעלע, שלאָף,
דער טאַטע וועט פאָרן אין דאָרף.
וועט ער ברייגנען ניסעלאך,
וועט זיין געזונט די פיסעלאך.

(נאווארידאָק, מינסקער גוב.)

VII. קינדער־לידער.

א) אויסציילעניש און באַ פאַרשיידענע שפּילן.

124.

די טויב איז געפלויגן
איבער אַלע לענדער,
האָט זי געזען א שיינע לאַנד,
איז די לאַנד צונעשלאָסן,
איז דער שליסל אָפּגעבראָכן.
איינס, צוויי, דריי,
גיי דו ארויס פריי!
(ביעליצע)

125.

איינגעלע, ביינגעלע,
שטיפּ א סטיינגעלע.
פּיף, פּאַף!
נאָגל בריי!
אנע זאנע,
קימט די פּאנע,
גרייט צים טיש,
אין כאפּט אראָפּ
די גרעסטע שטיק פיש.
(מעזשביזש, פּאָדאָל. ג.)

126.

ענא, דוא, ראבא,
ענטשיק, בענטשיק, זשאבא;
ענא, דוא, רעש,
ענטשיק, בענטשיק, בעש.
(ווארשע).

127.

אנטים אין מאנטים,
בלאָבן לעב,
האָכטע די ביזטע
בלאָבן שטרעב.
קראָזע דע מינקע
וואסער געוואלד,
וואסער העלפן
דאס קיין גאָלד.
(זשעלעבאָוו, שעדליצער גוב.)

128.

איין קאָטלער, באָטלער
האָט געהאט צען קעסטלאך
צו באשלאָגן.
האָט ער ניט געוווּסט,
וויפל נעגעל מע דאַרף צו האָבן.
האָט ער געציילט:
ניט איינס, ניט צוויי, ניט דריי,
ניט פיר, ניט פינף, ניט זעקס,
ניט זיבן, ניט אכט, ניט ניין,
ניט צען — ארויס! (ווילנער גוב.)

129.

מאַריאנדל, קום טאַנצן,
דאָס רעדל דרייט זאך!
די מאַמע קאָכט לאָקשן,
מאַריאנדל פרייט זאך.
(קוידענאָוו, מ. ג.)

130.

איינס, צוויי, דריי,
אָדער־לידער־ליי.
אָקום,
באָקום,
בענדזע גלאָקן —
שערעלע, בערעלע.
פּוקס!
(ביעליצע, ווילנער גוב.)

131.

1. סאַקלאַ ווילא —
א מיידעלע פון זיבן יאָר.
אין זיבן יאָר ארום,
חייקע קער זאך אום!

2. חייקע האָט זאך אומגעקערט,
סאָרקע האָט זאך דעם קאָפּ פארדרייט,

3. סאַקלאַ ווילא —
א מיידעלע פון זיבן יאָר,
אין זיבן יאָר ארום —
באשקע קער זאך אום!
(ביעליצע).

121.

אונטער יאנקעלעס בעטעלע
וואקסט א גרינינקע בלעטעלע,
גרינינקע בלעטעלע,
אין גרינעם וואלד,
יאנקעלעס טאטע וועט קומען באלד.

(מינסק).

122. אינטער שרה׳לעס וויגעלע.

אינטער שרה׳לעס וויגעלע,
שטייט א גאלדן ציגעלע,
ציגעלע, מיגעלע וואקס אין קריגעלע.
ס׳ציגעלע איז געפארן האנדלען
ראזינקעס מיט מאנדלען,
ראזינקעס מיט פייגן,
שרה׳לע ׳עט שלאפן און שווייגן.

שלאף־זשע, שלאף־זשע אין דיין רו,
מאך דיינע כשרה אויגעלעך צו;
מאך זיי צו און מאך זיי אויף,
קומט דער טאטע און וועקט דיר אויף.
וואס אט ער דיר געבראכט?
א פאמעניק.

וואס איז די בעסטע סחורה?
שרה׳לעס חתן וועט לערנען תורה.
תורה, תורה אין קעפעלע,
קאשע מיט מילך אין טעפעלע;
ברויט מיט פיטער עט מען שמירן,
דער טאטע מיט די מאמע וועלן דערלעבן
שרה׳לען צו דער חופה צו פירן.
צי דער חופה צי פירן,
און גאנץ שיין זיך צירן.

ס׳קעלבעלע גייט אין פיטער —
ווער סוועט נעמען נעמען שרה׳לען
וועט פרעגן פאטער אין מיטער.
פאטער און מיטער וועט מען פרעגן,
טויזנט טאלער ׳עט מען לייגן,
טויזנט טאלער ׳עט מען ציבארגן.
ווער ס׳עט נעמען שרה׳לען,
וועט נישט האבן וואס צו זארגן.

(ביאלע, סעדלעצער גוב.)

123. שוין ארוים פון וויגל.

פאטשע, פאטשע, קיכעלאך,
דער טאטע ט׳קויפן שיכעלאך!
שיכעלאך וועט ער קויפן,
אין חדר אריין וועסטי לויפן;
לויפן וועסטי אין חדר,
לערנען וועסטי כסדר;
כסדר אין עטלעכע שורה׳ס,
טאטע־מאמע זאלן דערלעבן
צי הערן גיטע בשורה׳ס!

צו בשורה׳ס ציגעוויינען,
דאוונען און שרייבן און טייטש־לייענען,
טייטש־לייענען אויס די ביכלאך,
נייען און העפטן שטערנטיכלאך.
שטערנטיכלאך אויסציוועבן,
אין דעם אלעמען אן עצה געבן,
אן עצה געבן איז דאך זייער שיין,
מע דארף זיך לערנען, ווייל מ׳איז קליין.

ווייל מ׳איז קליין דארף מען זיך לערנען,
מ׳זאל די עלטערן ניט דערצערנען;
ניט דערצערנען, מיט א פריילאך פנים,
הייבן זיך אן דרייען די שדכנים,
די שדכנים ווילן קיין קאטאוועס ניט טרייבן,
זיי ווילן שוין תנאים שרייבן.
תנאים שרייבן, דער חתן איז קליין,
אבי ער זאל קענען צו דעם פריץ באשטיין.

צו דעם פריץ אין הויכע דרכים,
שרה׳לעס חתן וועט זיין א תלמיד־חכם.
א תלמיד־חכם מיט גוטע מעלה׳ס,
שרהלעס חתן וועט קענען פסק׳ענען שאלה׳ס.
שאלה׳ס וועט ער פסקענען
און צו דער חופה דרשהנען.

ער וועט צו דער חופה גאנץ שיין זיך שטעלן,
און ער וועט דעם עולם גאנץ פיין געפעלן.
אי דעם עולם, אי דער גאנצער וועלט,
שרה׳לען וועט מען צוזאגן א סך געלט.
א סך געלט א חוץ מזונות,
ברענגט מען אריין די גילדערנע ציפלוינעס,
גילדענע ציפלוינים אין זילבערנע בעכער—
זאגט דער חתן די דרשה העכער.

(ביאלע, סעדלעצער גוב.)

.140

טרו, טרו, טרו,
דער טאטע איז נישטאָ!
ווי הין איז ער געפאָרן?
קיין קאָניטיר.
וואס וועט ער ברייגגען?
א פעסאלע ביר.
ווי וועט ער עס שטעלן?
אינטער דער טיר.
מיט וואס'עט ער עס צידעקן?
מיט א בויגן פאפיר.
ווער'עט עס טרינקען?
איך מיט דיר!

(פאָדאָלער ג.)

.141

העי, העי העמערל,
קום צו מיר אין קעמערל!
כ'וועל דיר עפּעס ווייזן,
סיסעלאך מיט רייזן,
סיסעלאך מיט לויטער גאָלד,
חתן־כלה האָבן זאך האָלט.
א פּאָר פערד יאָגן זאך,
מחותנים שלאָגן זאך,
רעדאלע דרייט זאך,
און חתן־כלה פרייט זאך.
צימבל, בימבל טו א קלונג,
חתן־כלה, טו א שפרונג!

(קאָזלאָוויטש, מינסקער גוב.)

ב) שפּאַס און שפּאָט־לידער.

.142

— באבעצקע, ליובעצקע,
וואס הערט זיך אין דער היים?
— די קאצקע איז געפּגר'ט,
די באבעצקע איז געסטאָרבן,
דער מילכיקער קלינגל
איז פארפאלן געוואָרן.
אוי א יאָמער,, אוי א קלאָג,
דריי נעפּאָסעם אין איין טאָג!

(טשודנאָוו, וואָלין).

.143

מאמעלינע, מאמעלאי,
פּאָרט דער טאטע קיין וואָלעכאי.
און אז דער טאטע פּאָרט אוועק,
ליגט די מאמע אליין אין בעט;
און אז דער טאטע קומט צופאָרן,
ליגט די מאמע א קינפּעטאָרן.

(בעלדאַד, רומעניע).

.144

אָט אזוי נייט א שניידער,
אָט אזוי נייט א שניידער;
ער נייט און נייט א גאנצע וואָך,
און קריגט א גילדן מיט א לאָך.

(מינסק).

.145

ויתן לך,
קיין געלט איז ניטאָ;
מטל השמים,
ניטאָ ווו צו לייען;
ומשמני הארץ,
געשטאָרבן דער פּריץ,
ורוב דגן ותירוש,
מ'אָט אים באגראָבן אין פירעס.[1]

(מינסק).

[1] פיר־הויז.

.146

יאָשקע פאָדוואראָטניק,
איז געגאנגען אין טעאטער,
האָט ער זאך פּאָזנאקאָמעט
מיט דעם גובערנאטער.

(קובעד, מאָהילאָוו. ג.)

.147

א פּסוק, א פּסוק,
איך זאָג דיר אָפּ א פּסוק:
אז איך בין מיט דיר ברוגז.
מיר אן עפּל,
דיר א צעפּל,
מיר א גדויל,
דיר א פ. אין מויל.

(באבער, מאָהליווער גוב.)

.132

איין מאָל ארום,
צוויי מאָל ארום,
שרה'ן האָט זיך פארדרייט
די קעפּעלע.
איין מאָל ארום,
צוויי מאָל ארום,
שרה, שרה, דריי זאך אום!

.133

גאָט, גאָט, גיב א רעגן,
פון די קליינע קינדערס וועגן!
די קינדער שרייען — פּאפּע,
דו ביזט אונזער טאטע!
(טשודנאָוו, וואָלינער ג.)

.134

לעכטעלע, לעכטעלע,
בוי־בוי־בוי!
קים אין שיל אראן
און זאָג אזוי:
יאָ אזוי, נישט אזוי,
כי לעולם חסדו. (קאָלאָמיי, גאַליצ.)

.135

א רעגן גייט,
א חופה שטייט.
אלע קינדער פאסטן,
שמעון ליגט אין קאסטן.
האָץ, האָץ,
שמעון ליגט אין קלאָץ!
האָפּ, האָפּ,
א געזונד דיר אין קאָפּ! (ביעליצע).

.136

איינס, צוויי, דריי,
די שעפּסעלאך גייען פארביי.
ברויט ליגט אין קאסטן,
ס'מעסער ליגט דערלעבן,
די מאמע וויל נישט געבן.
נעמט דער טאטע א פייערטאָפּ,
און מאכט די מאמע א לאָך אין קאָפּ.
שרייען די קינדערלאך: אוי, אוי, אוי!
זאָגט דער טאָטע: ס'איז גוט אזוי!
(זשעלעכאָוו, שעדליצער גוב.)

.137 טרעפּעניש שפּיל.

1. ראטע, ראטע בולעוואי,
השם יתברך שטייט דערביי:
ראָט, ראָט, אויף וועמעס האנט
ליגט דער גילדערנער פינגערל?
— אף שרה'ם!

2. שרה'ם האנט איז וויל באקאנט,
דער פינגערל ליגט אף אן אנדער האנט;
ראָט, ראָט, אף וועמעס האנט
ליגט דער גילדערנער פינגערל?
— אף גיטל'ם! (און אז. וו.)

(קאָוונע).

.138

קעסטעלע, קעסטעלע,
גיב זאך א דריי!
ווינטעלע, ווינטעלע,
גיב זאך א וויי!
הענדעלע, הענדעלע,
גיב נאָר א קריי!
הינדעלע, הינדעלע,
לייג מיר אן איי!
(מינסק).

.139

אפן הויכן בארג,
אפן גרינעם גראָז,
שטייען א פּאָר טייטשן
מיט די לאנגע בייטשן;
הייכע מענער זיינען זיי,
קורצע קליידער טראָגן זיי;
געלט אין די טאשן,
ביר אין די פלאשן,
וויין אין די קריגעלאך,
קינדער אין די וויגעלאך.
קומט משה פלעכטער,
און מאכט אָן א געלעכטער;
קומט חיים דער בלינדער,
און שרעקט איבער אלע קינדער:
כי־בי־בי, בא־בא־בא!
אבמאנולא פיעטושקא!
(ביעליצע, ווילנ. ג.)

ד) פאַרשיידענע.

.159

לאשענקע,[1] ווײשענקע,[2]
אווּ ביזטי געווען?
— באַם האַר געווען.
וואָס האָסטו פאַרדינט?
— א סטיקעלע קעז.
אווּ האָסטע געלייגט?
— אין פּאָפּיעץ.
אווּ איז דער פּאָפּיעץ?
— מיט וואַסער פאַרלאָפן.
אווּ אי' די וואַסער?
— אָקסן אויסגעטרונקען.
אווּ אי' די אָקסן?
— דובינעם האָבן צוהאַרגעט.
אווּ די דובינעם?
— ווערים האָבן צוגעסן.
אווּ זיינען די ווערים?
— הינער האָבן צופּיקט.
אווּ זיינען די הינער?
— אפן פעלד אוועקגעפלויגן.
אווּ אי' די פעלד?
— מיט קראַשקעס פאַרוואַקסן.
אווּ אי' די קראַשקעס?
— מיידלאַך האָבן צוריסן.
אווּ זיינען די מיידלאַך?
— אינגלאַך האָבן צונומען.
אווּ זיינען די אינגלאַך?
— אף מלחמה אוועקגעלאָפן.
אווּ אי' די מלחמה?
— ביזן קני אין בלוט!

(קאָזלאָוויטש, מינסקער גוב.)

.160

בית, א שטיבעלע—טאַ כאַטאַ,
אם, א מוטער—טאַ מאַמאַ,
אָב, א פאָטער—טאַ טאַטאַ.
דרך, א וועג—טאַ דראָגאַ,
יד, א האַנט—טאַ רוקאַ,
רגל, א פוס—טאַ נאָגאַ.

(טשודנאָוו, וואָלינ. ג.)

.161

מיטערטאַיגל, מיטערטאַיגל,
צייג מיר דיינע הערנער!
אז די וועסט מיר נישט צייגן,
וועל עך דיין שטיבעלע אנלייגן.

(בויבערקע, גאַליציע.)

.162 א.

בובע, בובע, לייזעלע,
אין קראַקע שטייט א הייזעלע,
אין הייזעלע פאַראַן דריי פאַנעלאַך:
איינע שפּינט גאָלד,
איך האָב עליצקען האָלט;
איינע שפּינט זילבער,
איך האָב עליצקען ליבער;
איינע שפּינט זייד,
איך האָב עליצקען פיינט!

(סנאָווסק, טשערנ. ג.)

.162ב.

ביבי, ביבי, לאַזעלע,
אין קרוקע שטאַיט א האַזעלע.
—ווער ווינט דרינען?
יאַש מיט מארינען,
דרא פאַנעס זיצן אין שפּינען.
איינע שפּינט זאַד,
די צווייטע שפּינט זילבער,
די דריטע שפּינט גאָלד,
דאָס קינדעלע האָב עך געוואָלט.

(טלאָווע, פלאָצק. גוב.)

.163 א מעשהלע אין גראַמען.

אמאָל איז געווען א באָבעצקע,
האָט זי געהאַט א הינדעלע,
א ראַבעצקע.
הינדעלע האָט געלייגט
אַן אייעלע,
איז געוואָרן צווייעלע.
האָט גענומען די באָבעצקע,
באַהאַלטן די אייעלע
אונטערן טיסעלע;
איז געקומען די מייזעלע,
און צובראָכן די אייעלע
מיטן פיסעלע.
דער דיעד וויינט,
די באָבעצקע כליפּעט,
דער טויערל סקריפּעט,
און די פייגעלע סוויסצעט,
און יאַנקעלע פּיסצעט!

(ביעליצע).

[1] פונ'ם רוסישן = Ласочка, [2] ווייסינקע.

.148

מודה אני,
שטיי אוף אינדערפרי,
קריך אריין אין בלאָטע
ביז צו די קני.

.149

אל־בני, אל־בני,
יאַשקע ליגט אפן דאך אן איי.

.150

שובי, שובי,
קער זאך ווידער;
השולמית,
לייג זאך אנידער,
ונחזה בך
מע וועט דיר שמייסן אין ל...
(ווילנער גוב.)

.151

דער רבי גייט,
דאָס ביינקעלע שטייט;
דער רבי שמייסט,
דער ת... בייסט.
(טשודנאָוו).

.152

געשמיסענער ת...
מיט צוויי בראָכעס!
ליכטעלאך געצונדן,
פייערלאך געבונדן,
קומט דער אסעסער
און מאכט עס בעסער.
(ביעליצע).

.153

ברוך אתה,
יאַשקעס טאטע,
מיישקעס פערד,
ליגן ביידע
טיף אין דר'ערד. (מינסק)

.154

א סיס, א סיס,
א שמחת תורה.
האָסט א שוועסטער,
הייסט זי דבורה,
פאָר א מייזעלע
האָט זי מורא.
(בערלאד, רומעניע).

.155

פאנטאָפל, פאנטאָפל,
דער הימל איז אָפן!
פאנטי, פאנטי,
דער הימל איז צי.
דער גוישער גאָט
ער ליגט אפן פעלד,
ער האָט א מכה —
נישט קיין געלט.
(בערלאַד, רומעניען).

.156

בואי בשנאבל, עטרת באטל,
גם בצימבעל, וצעהאָטל,
תוך און מינדל, עם סעקינדל —
בואי קוטשער, בואי קאטשקע!
(מלאָווע, פלאָצק. ג.)

.157

אייער לייגער,
באָרוועס גייער,
גיט מיר א פאָר
כאָדאקעס! כאָדאקעס!
(נאָוואָרידאָק, מינסק. גוב.)

ג) די פינגער־נעמען אין דער קינדער־שפּראַך.

158א.
(אָנהייבנדיק פון קליינעם פינגער)

יידעלע,
שפיל פידעלע,
קנאַק ניסעלע,
פוטער שיסעלע,
גראָבער גוי.
(טשודנאָוו).

158 ב.

גאָט'ס פינגערל,
גאָט'ס זינגערל,
גרויסער גוי,
פוטער־שמירער,
לייז־קנאַקער.
(מינסק).

158 ג.
(אָנהייבנדיק פון גראָבן פינגער)

גוי,
סלוי,
מיטל־מעסער,
האָניק־פרעסער,
צוציקל — אין הימל אריין!
(ווילנע).

8. זענען מאר געגאנגען קעסטאלאך זאמלען,
האָבן מאר באגעגנט א יינגל גאַין.
— יינגל, יינגל, וואָס לאַיגסטי אַן?
— עך לאַיג אַן מאַן תורה.
יינגל'ס תורה — סוחר'ס סחורה,
חזן'ס געזאנג, גלח'ס געקלאַנג,
מאידל'ס צאָפּ, הינדיק'ס קראָפּ,
היהנ'ס אי, האָהנ'ס קראַי —
האָבן מאָר געשלאָגן קעסטאלאך צוואַי!

(גאַליציע).

165. ווּנדער איבער ווּנדער.

1. אויפן קייסערס טויער
שטייען א פּאָאר אָקסן.
און די אָקסן, בראָקן לאָקשן —
דאָס איז גאָר א ווּנדער!
אוי, ווּנדער איבער ווּנדער —
דאָס איז דאָך א ווּנדער!

2. אויפן קייסערס טויער
שטייען א פּאָאר בערן.
און די בערן, שטובן קערן —
דאָס איז גאָר א ווּנדער!
אוי, ווּנדער, און אז. וו.

3. אויפן קייסערס טויער
שטייען א פּאָאר ציגן.
און די ציגן, קינדער וויגן —
דאָס איז גאָר א ווּנדער!
אוי, ווּנדער, און אז. וו.

4. אויפן קייסערס טויער
שטייען א פּאָאר טויבן.
און די טויבן, שטיקן הויבן —
דאָס איז גאָר א ווּנדער!
אוי, ווּנדער, און אז. וו.

5. אויפן קייסערס טויער
שטייען א פּאָאר הענער.
און די הענער קלייבן שפּענער —
דאָס איז גאָר א ווּנדער!
אוי, ווּנדער איבער ווּנדער —
דאָס איז דאָך א ווּנדער!

(טשודנאָוו, וואָלינער גוב.)

166. באַ מיין רבין איז געוועזן...

1. באַ מיין רבי'ן איז געוועזן,
איז געוועזן באַ מיין רבי'ן,
באַ מיין רבי'ן איז געוועזן:
א שטוב אָן א דאך
און א סוכה גאָר אָן סכך.

2. באַ מיין רבי'ן איז געוועזן,
איז געוועזן באַ מיין רבי'ן
א שפּיץ אָן א טייטל,
און א שנירל פון א בייטל.

3. באַ מיין רבי'ן איז געוועזן, א. ז. וו.
א פּאָר פלודערן פול מיט לעכלעך
און א זשופּעצע ביז די קנעכלעך.

4. באַ מיין רבי'ן איז געוועזן, א. ז. וו.
א קאָפּ, א געגאָלטן
און א באָרד פול מיט קאָלטן.

5. באַ מיין רבי'ן איז געוועזן, א ז וו
א שפּיגל, אָן א גלאָז,
און א רביצין אָן א נאָז.

6. באַ מיין רבי'ן איז געוועזן, א. ז. וו.
זיבן העמדער ווי די בעבער:
דריי מיט לאַטעס, פיר מיט לעכער.

7. באַ מיין רבי'ן איז געוועזן, א. ז. וו.
זיבן מיידן ווי די פּויקערס,
דריי מיט האָרבעס, פיר מיט הויקערס.

8. באַ מיין רבי'ן איז געוועזן, א. ז. וו.
דריי סידורים, פיר מחזורים,
און א זייגער אָן געדערים.

9. באַ מיין רבי'ן איז געוועזן,
איז געוועזן באַ מיין רבי'ן;
באַ מיין רבי'ן איז געוועזן:
זיבן פּאָר לייכטער, ווי די בערן:
דריי אָן פּיסלעך, פיר אָן רערן.
באַ מיין רבי'ן איז געוועזן!

(פּאָדאָלער גוב.)

164. זענען מאָר געגאַנגען...

1. זענען מאר געגאַנגען קעסטאָלאַך זאַמלען,
האָבן מאר באַגעגנט אַ האָן גאַין.
— האָן, האָן, וואָס לאַיגסטי אָן?
— עך לאַיג אָן מאַן קראַי.
אינ׳ם האָנס קראַי
האָבן מאר געשלאָגן קעסטאַלאַך צוואַי!

2. זענען מאר געגאַנגען קעסטאָלאַך זאַמלען,
האָבן מאר בעגעגנט אַ היהן גאַי:
— היהן, היהן, וואָס לאַיגסטי אָן?
— עך לאַיג, אָן מאַן אַי.
האָנ׳ס קראַי, הינ׳ס אַי,
האָבן מאָר געשלאָגן קעסטאַלאַך צוואַי!

3. זענען מאר געגאַנגען קעסטאַלאַך זאַמלען,
האָבן מאָר בעגעגנט אַ הינדיק גאַין:
— הינדיק, הינדיק, וואָס לאַיגסטי אָן?
— עך לאַיג אָן מאַן קראַפּ.
אינ׳ם הינדיק׳ס קראָפּ, אינ׳ם היהנ׳ס אַי, א. ז. וו.

4. זענען מאר געגאַנגען קעסטאָלאַך זאַמלען,
האָבן מאר בעגעגנט אַ מאַידל גאַין.
— מאַידל, מאַידל, וואָס לאַיגסטי אָן?
— עך לאַיג אָן מאַן צאָפּ.
אינ׳ם מאַידל׳ס צאָפּ, אינ׳ם הינדיק׳ס קראפּ, א. ז. וו.

5. זענען מאר געגאַנגען קעסטאָלאַך זאַמלען
האָבן מאר באַגעגנט אַ חזן גאַין.
— חזן, חזן, וואָס לאַיגסטי אָן?
—עך לאַיג אָן מאַן געזאַנג.
אינם חזן׳ס געזאַנג, א. ז. וו.

6. זענען מאר געגאַנגען קעסאָלאַך זאַמלען,
האָבן מאר באַגעגנט אַ גלח גאַין.
— גלח, גלח, וואָס לאַיגסטי אָן?
— עך לאַיג אָן מאַן געקלאַנג.
גלח׳ס געקלאַנג, חזן׳ס געזאַנג, א. ז. וו.

7. זענען מאר געגאַנגען קעסטאַלאַך זאַמלען,
האָבן מאר באַגעגנט אַ סוחר גאַין.
— סוחר, סוחר, וואָס לאַיגסטי אָן?
— עך לאַיג אָן מאַן סחורה.
סוחר׳ס סחורה, חזן׳ס געזאַנג, א. ז. וו.

169. צו קען מען...?



צו קען מען ארופגיין אין הימל אריין?
און פרעגן בא גאָט, צו ס'דאַרף אזוי זיין?

— עס דאַרף אזוי זיין, עס מוז אזוי זיין,
ס'קען אַף דער וועלט דאָך גאָר אנדערש ניט זיין!

(ווילנע)

170. שפּאָטליד אַף געצנדינער.

1. זאָג מיר געטשינקע,
וואָס־זשע מאַכסטע?
זאָג מיר געטשינקע,
וואָס־זשע טראַכסטע?
אַז אָך און וויי
איז צו זיי!
אַ ליימענעם גאָט
האָבן זיי!

2. דו האָסט אַ מוחל
און קענסט ניט קלערן,
דו האָסט אויערלאַך
און קענסט ניט הערן.
אַז אָך און וויי
איז צו זיי:
אַ טויבן גאָט האָבן זיי.

3. דו האָסט אויגעלאַך
און קענסט ניט קוקן,
דו האָסט קניעלאַך
און קענסט זיך ניט בוקן.
אַז אָך און וויי
אַ בלינדן גאָט האָבן זיי!

4. דו האָסט אַ נעזעלע
און קענסט ניט שמעקן,
דו האָסט אַ ליפּעלע
און קענסט ניט לעקן.
אַז אָך און וויי און אַז. וו.

5. דו האָסט הענטעלאַך
און קענסט זיי ניט צונעמען,
דו האָסט הערעלאַך
און קענסט זיי ניט קעמען.
אַז אָך און וויי
איז צו זיי,
אַ ליימענעם גאָט האָבן זיי!

(ווילנע)

VIII. פון אַ רעליגיעזן אינהאַלט.

167. אוי, געוואלד, שבת!



אוי, געוואלד, שבת!
שבת, שבת, שבת!
שבת וויל מיך נעמען,
איך וויל נעמען שבת!
וואָלט איך געהאט כח,
וואָלט איך געלאָפן אין אלע גאסן
און וואָלט געשריגן — שבת!
אוי, געוואלד, שבת!

(דאָמבראָוויץ, וואָלינ. ג.)

168. אונטער די בערג.

1. שטייען מיר, שטייען מיר,
אונטער די בערג;
זעען מיר, זעען מיר
הימל און ערד.

2. אפן הימל איז פייער פיל,
יעדער מלאך האָט זיין שפיל.
זיי שפילן און טאנצן און לויבן גאָט,
וואָס האָט געבאָטן, די צען געבאָט.

3. סייבלנע היטעלע, גילדערנע פאָן,
שלמה המלך זיצט אויבנאָן;
האלט א בעכער אין דער רעכטער האנט,
און מאכט א ברכה איבער גאָר דער לאנד.

(סנאָווסק, טשערניג. ג.)

173. לכבוד שבת.



1. לכבוד שבת, לכבוד שבת —
פרייטיק, פרייטיק צונאכט:
עסן מיר אלע פיש!
און א צימעסל — פון פּאַסטערנאַק,
און א צימעסל — פון מערעלאַך,
און א קישקעלע?
און א קישקעלע אויבעט!
|: קישקעלע הייסטע,
אין אויוון שטייסטע,
אין מויל צעגייסטע,
לכבוד שבת! :|

2. שבת קודש, שבת קודש,
שבת, שבת אינדערפרי,
עסן מיר אלע פּוצא!
און א קאַשקעלע — פון בעבעלאַך,
און א קאַשקעלע פון ארבעסלאַך,
און א קוגעלע?
און א קוגעלע אוי—בעט!
|: קוגעלע הייסטע,
אין אויוון שטייסטע,
אין מויל צעגייסטע,
לכבוד שבת! :|

3. שבת קודש, שבת קודש;
שבת, שבת צונאכט:
עסן מיר קאַלטע פיש!
און א טייגעכצל — פון לעקשעלאַך,
און א טייגעכצל — פון פאַרפעלאַך,
און א פלעדעלע?
און א פלעדעלע אוי—בעט!
|: פלעדעלע הייסטע,
אין אויוון שטייסטע,
אין מויל צעגייסטע,
לכבוד שבת! :|

(דווינסק, וויטעבסק. גוב.)

IX. הומאָריסטישע לידער.

171. געוואַלד, אַוווּ נעמט מען?

1. אוי, געוואַלד, אַוווּ נעמט מען, אַוווּ נעמט מען? —
אַוווּ נעמט מען אַ ביסינקע מעל?
וואָלט איך געהאַט אַ ביסינקע מעל,
וואָלט איך געמאַכט וואַרציקלאַך!

2. אוי, געוואַלד, אַוווּ נעמט מען, אַוווּ נעמט מען? —
אַוווּ נעמט מען אַ קאַפּיצקע שמאַלץ?
וואָלט איך געהאַט אַ קאַפּיצקע שמאַלץ,
וואָלט איך געמאַכט וואַרציקלאַך!

3. אוי, געוואַלד, אַוווּ נעמט מען, אַוווּ נעמט מען? —
אַוווּ נעמט מען אַ ווייבעלע?
וואָלט איך געהאַט אַ ווייבעלע,
וואָלט זי מיר געמאַכט וואַרציקלאַך!

(קיעוו).

172. אַ האַרציקע באַלעבאָסטע.

1. מזמור לתודה ברננה,
צי קען מען אריינפאָרן, באַלעבאָסטעניו?
— באי לפני ברננה —
מען קען אריינפאָרן, מיין נשמה'ניו!

2. מזמור לתודה ברננה,
ווו שטעל איך די פערדעלעך, באַלעבאָסטעניו?
— באי לפני ברננה —
אין שטאַל אריין, אין שטאַל אריין, מיין נשמה'ניו!

3. מזמור לתודה ברננה,
ווו וועל איך עסן, באַלעבאָסטעניו?
— באי לפני ברננה —
ביי מיר, ביי מיר, מיין נשמה'ניו!

4. מזמור לתודה ברננה,
ווו זשע וועל איך שלאָפן, באַלעבאָסטעניו?
— באי לפני ברננה —
ביי מיר, ביי מיר, מיין נשמה'ניו!

(טשודנאָוו, וואָלינ. ג.)

176. אַ פּאַטרעט.

1. ווייסט איר ווער איך בין?
די אַלטע זאָגערין.
ווייסט איר ווו איך וווין?
אַפן שולהייף איז מיין היים.

2. ווי מען טוט אַ קלאַפּ,
טו איך זאַך אַ כאַפּ;
כאַטש מיין קאָפּ איז דול,
לייף איך גלייך אין שול.

3. גיי איך מיר פון שול
מיט אַלע מיינע תחינות,
טו איך אַ טרונק בראַנפן
און פאַרביים מיט הייסע בלינעס.

4. גיי איך אַפן בית־עולם
מיט אַ פּלעשל משקה,
צו איטלעכער מצבה
מאַך איך אַ פּאַפּאַסקע. 1)

5. פון די שדכנים
מאַכט זיך ניט צו מיין טיר;
און ווו נאָר אַ רעדל,
רעדט מען אַרום מיר.

6. אפילו מיטן בעדער,
האָט מען מיר אויך שוין גערעט —
ווען ניט מיינע סטופּלען,
בין איך אַ פּאַטרעט.

(האָראָדאָק, מינסקער גוב.)

177. אברהמ׳עלע מלמד.

1. אַוורעמעלע מלמד,
אַוורעמעלע מלמד!
וואָס שטייסטו ביי דעם פענצטער?
אַוורעמעלע מלמד,
דו ביזט ביי מיר דער שענסטער,
|: אַוורעמעלע מלמד! :|

2. אַוורעמעלע מלמד,
וואָס שטייסטו ביי דער טיר?
אַוורעמעלע מלמד,
קום אַהער צו מיר!
|: אַוורעמעלע מלמד! :|

3. אַוורעמעלע מלמד,
זעץ דעך דאָ אַנידער!
אַוורעמעלע מלמד,
ווער אַ גוטער ברידער!
|: אַוורעמעלע מלמד! :|

4. אַוורעמעלע מלמד,
טרינק אַ גלעזעלע ביר;
אַוורעמעלע מלמד,
ריק דעך צי צו מיר!
|: אַוורעמעלע מלמד! :|

(מעזביזש, פּאָדאָלער גוב.)

178. פון אַ שיינער משפחה.

וואָס ביזטו, קעצעלע ברוגז,
וואָס גייסטו אַראָפּגעלאָזט די נאָז?
אפשר ווילסטו וויסן פון דיין שיינער משפחה?
וועל איך דיר זאָגן, קעצעלע, אָט דאָס:

דיין טאַטע איז אַ סמאַראָוואָזניק,
דיין מאַמע גנב׳ט פיש אין מאַרק;
און דיין ברודער איז אַ מאַרעוויכער,
און דיין שוועסטער — טראַ לאַ לאַ לאַ!

דיין זיידע איז אַ שטיקל שמש,
דיין באָבע אַ טוקערין אין באָד,
און דיין מומע שטייט אַפן אונגאָל,
און דיין פעטער ליגט אין אַ שפּיטאָל.

י. ז. מילער (פּינסק, מינסקער גוב.)

---

1) אונטערבאַפּן ס׳האַרץ.

174. וואָס בראנפן קאָן אופטאָן.

1. אלוהי נשמה שנתת בי,
|: דארף מען דאָך באנייען. :|
|: א גאנצע וואָך, האָרעוועט מען דאָך,
קומט שבת דארף מען לייען! :|

2. לייען, באָרגן, זאָרגן,
זאָל מען ניט באדארפן;
אָן פיש, אָן פלייש קען מען זיך באגיין,
אָבער ניט אָן בראנפן.

3. בראנפן, בראנפן, בראנפן,
איז דאָך מיין נחמה!
איך מאך א שנאפס, און נאָכאמאָל א שנאפס,
ווערט מיר ליכטיק אף דער נשמה!

4. נשמה, נשמה, נשמה,
דו ביזט בא מיר אינגאנצן;
איך מאך א שנאפס, און נאָכאמאָל א שנאפס,
און גיי מיר אוועק טאנצן.

5. טאנצן, זינגען, שפרינגען,
דארף מען דאצו טויגן;
איך מאך א שנאפס און נאָכאמאָל א שנאפס,
ווערט ליכטיג אין די אויגן!

6. אויגן, אויגן, אויגן,
|: איר זייט דאָך בא מיר קלאָרע! :|
ברוך אתה ד׳,
שהכל נהיה בדברו! (פינסק, מינסק. ג.)

175. א וואָלכ׳ל דארף מען...

1. כ׳האָב דיר געזאָגט און געזאָגט און געזאָגט,
אז א וואָלכ׳ל דארף מען שרייען;
א גאנצע וואָך האָרעוועט מען
און אף שבת דארף מען לייען.

2. כ׳האָב דיר געזאָגט און געזאָגט און געזאָגט,
אז א וואָלכ׳ל דארף מען באזאָרגן;
א גאנצע וואָך האָרעוועט מען,
און אף שבת דארף מען באָרגן.

3. כ׳האָב דיר געזאָגט און געזאָגט און געזאָגט,
אז א וואָלכ׳ל דארף מען שרייען.
טאָ לאָמיר נעמען צו ביסעלאָך משקה,
און לאָמיר מאכן לחיים! (פינסק, מינסק. גוב.)

5. גיי איך מיר אַריין צו מיין געליבטער פרוי,
דערזע איך — איינס און צוויי:
אין בעט ליגן הערן,
איינס און צוויי און דריי.
גיב איך מיר א פרעג מיין געליבטער פרוי:
— וואָס פאַר א הערן זיינען דאָס?
ענטפערט זי מיר: „שלאָף־קאָלדרעלאך,
די מאַמע שיקט מיר זיי!“
— אוי, שלאָף־קאָלדרעלאך, מיט שוואַרצינקע אייגעלאך!
אוי, מיין פרוי, מיין האַרץ טוט מיר וויי,
איך בין דאָך דיין מאַן — טו גיי אין דר׳ערד מיט זיי!

(פינסק).

X. פאַרשיידנאַרטיקע.

180. שטיינערנע הערצער...

שטיינערנע הערצער האָבן די באַלעבאַטים,
זיי גלויבן ניט דעם אַרבעטער פונדאַנען אהין.
ווען דער אָרעמער אַרבעטער טרינקט אויס א ביסעלע י״ש,
רופט מען אים א שיכור אפ׳ן מיטן גאַס.

פראָסטע בראַנפן איז ניט קיין וויין,
א גילדענער בעכער איז ניט קיין כוס;
און אַן אָרעמער אַרבעטער איז ניט קיין באַלעבאָס.
רבונו של עולם, פאַרוואָס?

(לעכעוויטש, מינסקער גוב.)

181. באַם פינצטערן געניי.

1. זומער גייט א רעגן,
זומער גייט א רעגן,
און ווינטער שיט א שניי, א שניי;
מיינע יונגע יאָרן,
האָב איך אָנגעוואָרן
בא דעם פינצטערן געניי.

2. האָדי דיר צוויינען,
האָדי דיר צו קלאָגן,
ועסט מאַכן אף דער אַרבעט א פלעק!
באַלד וועט אַריינקומען
דער מייסטער, דער מערדער,
טרייבט ער דיך פון דער אַרבעט אוועק.

3. ווער איז דאָס דער מייסטער,
ווער איז דאָס דער מערדער?
איך האָב פאַר אים קיין שרעק;
זאָל ער נאָר אַריינקומען
אין מייסטערסקאַיע,
מאַך איך פון זיין לעבן אַן עק.

(בראָוואַרי, טשערניג. גוב.)

179. דער אָפּגענאַרטער מאַן.

1. גיי איך מיר אַריין צו מיין געליבטער פרוי,
דערזע איך — איינס און צוויי:
אין שטאַל שטייען פערדעלאַך,
איינס און צוויי און דריי.
גיב איך מיר אַ פרעג מיין געליבטער פרוי:
— וואָס פאַר אַ פערדעלאַך זיינען דאָס?
ענטפערט זי מיר: „בהמה׳לאַך,
די מאַמע שיקט מיר זיי!“
— אוי, בהמה׳לאַך מיט שוואַרצינקע זאָטאַלאַך!
אוי, מיין פרוי, מיין האַרץ טוט מיר וויי,
איך בין דאָך דיין מאַן, אויף וואָס־זשע דאַרפסטו זיי!

2. גיי איך מיר אַריין צו מיין געליבטער פרוי,
דערזע איך — איינס און צוויי:
אפ׳ן וואַנט הייגען שינעלעכלאַך,
איינס און צוויי און דריי.
גיב איך מיר אַ פרעג מיין געליבטער פרוי:
— וואָס פאַר אַ שינעלעכלאַך זיינען דאָס?
ענטפערט זי מיר: „שלאָף־מאַנטעלאַך,
די מאַמע שיקט מיר זיי!“
— אוי, שלאָף־מאַנטעלאַך, מיט מעשענע קנעפּעלאַך!
אוי, מיין פרוי, מיין האַרץ טוט מיר וויי,
איך בין דאָך דיין מאַן, אויף וואָס־זשע דאַרפסטו זיי!

3. גיי איך מיר אַריין צו מיין געליבטער פרוי,
דערזע איך — איינס און צוויי:
אין ווינקל שטייען שווערדעלאַך,
איינס און צוויי און דריי.
גיב איך מיר אַ פרעג מיין געליבטער פרוי:
— וואָס פאַר אַ שווערדעלאַך זיינען דאָס?
ענטפערט זי מיר: „האַקמעסערלאַך,
די מאַמע שיקט מיר זיי!“
— אוי, האַקמעסערלאַך מיט שוואַרצינקע שיידעלאַך!
און, מיין פרוי, מיין האַרץ טוט מיר וויי,
איך בין דאָך דיין מאַן, אויף וואָס־זשע דאַרפסטו זיי!

4. גיי איך מיר אַריין צו מיין געליבטער פרוי,
דערזע איך — איינס און צוויי:
אפ׳ן טיש ליגן קאַשקעטעלאַך,
איינס און צוויי און דריי.
גיב איך מיר אַ פרעג מיין געליבטער פרוי:
— וואָס פאַר אַ קאַשקעטעלאַך זיינען דאָס?
ענטפערט זי מיר: „שלאָפמיצלאַך,
די מאַמע שיקט מיר זיי!“
— אוי, שלאָף־מיצלאַך מיט רויטע קאַלישקעס!
אוי, מיין פרוי, מיין האַרץ טוט מיר וויי,
איך בין דאָך דיין מאַן, אויף וואָס־זשע דאַרפסטו זיי!

185. אַ גנב איז ניט גוט.

1. בעת כ'בין אַלט געווען דרייצן יאָר,
לערנען האָב איך גאָר ניט געוואָלט קענען,
נאָר אַ גנב צו זיין האָב איך חשק געהאַט.
אוי, זינט איך בין אַ גנב געוואָרן,
האָב איך ניט קיין פרייע מינוט!
איך האָב פאַרשפּילט מיינע יונגע יאָרן,
געוואַלד, אוי ברידער, אַ גנב איז ניט גוט!

2. איך האָב אָנגעהייבן גיין איבער אַלע באַנען,
איך האָב אָנגעהויבן קלעטערן איבער אַלע טשעמאָדאַנען,
איך בין געוואָרן אַ גאַנצער קאָנטרעליאָר;
אוי, זינט איך בין אַ קאָנטרעליאָר געוואָרן,
האָב איך ניט קיין פרייע מינוט!
איך האָב פאַרשפּילט מיינע יונגע יאָרן,
גוואַלד, אוי ברידער, אַ גנב איז ניט גוט!

186. נאָסקע קאַצענעלן.

1. אפשר ווילט איר וויסן, וואָס ס'האָט זיך פאַרלאָפן?
אױף דער פּאָליצייסקע אוליצע האָט זיך אַן אומגליק געטראָפן:
אוי וויי, אַ יאָמער, אוי וויי, אַ קלאָג,
נאָסקע קאַצענעלן — אוועק אין אַסטראָג!

2. אוי, נאָסקעס פּאָרטעפּיאַנען שטייען און ברילן,
ניטאָ דער נאָסקע, וואָס זאָל אױף זיי שפּילן.
אוי וויי, אַ יאָמער א. ז. וו.

3. אוי, נאָסקעס סאַמאָווארן שטייען און ווינקען,
ניטאָ דער נאָסקע, וואָס זאָל פון זיי טרינקען.
אוי וויי, אַ יאָמער א. ז. וו.

4. אוי, נאָסקעס ביכער שטייען און שימלען,
ניטאָ דער נאָסקע, וואָס זאָל אין זיי גריבלען.
אוי וויי, אַ יאָמער, אוי וויי, אַ קלאָג,
נאָסקע קאַצענעלן, אוועק אין אַסטראָג!

(בריסק, גראָד. גוב.)

187. דאָס ליד פון די כאַפּערס.

1. בין איך מיר געשטאַנען בא מיין פאָטער אָפן הייף,
גיט מען אַ געשריי: „יונגער־מאַן אַנקלייף!"

2. בין איך מיר געלאָפן גיך און באַלד,
ביז איך בין געקומען אין אַ טיפן וואַלד.

3. דריי טעג און דריי נעכט ניט געגעסן, ניט געטרונקען,
נאָר מיט די אייגן צום אייבערשטן געוווּנקען.

182. ניט קיין ביר, נאָר א טאַנץ-ליד.

איין בוטל ביר, צוויי בוטל ביר,
דריי בוטל-בוטל ביר!

פיר בוטל ביר, פינף בוטל ביר,
זעקס בוטל-בוטל ביר!

זיבן בוטל ביר, אכט בוטל ביר,
ניין בוטל-בוטל ביר!

צען בוטל ביר, עלף בוטל ביר,
צוועלף בוטל-בוטל ביר!

צוועלף בוטל ביר, עלף בוטל ביר,
צען בוטל-בוטל ביר, א. ז. וו. (אויף צוריק).

(נאָוואָרידאָק, מינסק. ג.)

183. בלויז — צוויי.

|: דאָרט, אין גאָרטן שפּאַצירט ארום א פּאַווע, :|
|מען רייסט ארויס א פעדער פון איר. :|

|: דאָרטן ליגט א וואָלף טיף אין שניי; :|
|: דער אַלטער מאַן, די קאָפּ טוט אים וויי. :|

|: דער אַלטער מאַן, ער האָט ווייבער צוויי, :|
|: דער אַלטער מאַן, די קאָפּ טוט אים וויי. :|

|: די ערשטע קערט די שטיבעלע אויס, :|
|: די צווייטע וואַרפט די מיסט אפּן גאַס ארויס. :|

(וואַשליקאָוו, גראָד. גוב.)

184. מער ניט גנבענען.

ס'פייגעלע איז געפלויגן
|: איבערן וואַסער, :|
פייגעלע, געב איבער
א גרוס צו דעם פּאַסער!
|: אוי כוועל מער ניט גנבענען,
גנבענען, גנבענען! :|

ס'פייגעלע איז געפלויפן
|: פאַרביי מיינע גראַטן; :|
פייגעלע גיב איבער,
א גרוס צו מיין טאַטן!
|: אוי, כ'וועל מער ניט גנבענען,
גנבענען, גנבענען! :|

(פּינסק, מינסקער גוב.)

קירצונגען וואָס זענען ניט פאַרצייכנט אין דער ערשטער רשימה (פגל. ז. 78).

אורקוועלל	Am Urquell. Monatschrift für Volkskunde. I-VI, N. F. I-II.
אַנ־סקי	פאָלקס־קינדערלידער. ש. אַנ־סקים געזאַמלטע שריפטן, ווארשע, 1925, ב. 15, ז״ז 214-195.
בעהמע	F. M. Böhme, Deutsches Kinderlied und Kinderspiel. Leipzig 1924.
דונגער	H. Dunger, Kinderlied und Kinderspiele aus dem Vogtlande. 1894.
דראָזיהן	F. Drosihn, Deutsche Kinderreime und Verwandtes. Leipsiz 1897.
האַליוועלל	J. O. Halliwell, The Nursery Rhymes of England. London, 1846.
ווייסענבערג	S. Weissenberg, Beitrg. zur Volksk. der Juden (Globus. Bd. 77, pp. 130-31)
וויענער	L. Wiener, Aus der Russisch-Jüdischen Kinderstube. (Mitt. II. 40-49).
וועגענער	Ph. Wegener, Volkstümliche Lieder aus Norddeutschland. 1879-80.
זימראָק	K. Simrock, Das Deutsche Kinderbuch 3. Auffage, Basel, O. J.
לעהמאַן	די קינדער־וועלט. גראַמען, לידלעך, המצאות און שפּילן. („באַ אונדז יודן" — זאַמלבוך פאַר פאָלקלאָר און פילאָלאָגיע, ווארשע, 1923, ז״ז 149—113).
לעוואַלטער	J. Lewalter, Deutsches Kinderlied und Kinderspiel. Kassel 1911.
ניועלל	W. W. Newell, Games and Songs of American Children, New York, 1903.
ערבען	K. J. Erben, Prostonardodni Ĉeske pisne a Rikalda. 1886.
פּרץ	L. Perez, Judendeutsche Volkslieder aus Russland (Urquell, N. F. II, pp. 27-29).
ציריכער	G. Züricher, Kinderlieder der Deutschen Schweiz, Basel 1926.
צש״ר.	„צייטשריפט", באַנד III-II, אויסגאַבע פון אינבעלקולט, מינסק, 1928. ז״ז 830—787: פאָלקלאָר זאַמלונגען פון מ. אנגילעוויטש (מינסק); ש. קופּער־שמיד (בעלאָצערקאָוו); ל. דושמאַן (מינסק); ראָוורעבע—פּערלמאַן (לענינגראַד).
ראָכהאָלץ	E. L. Rochholz, Alemannisches Kinderlied und Kinderspiel aus der Schweiz. Leipzig 1857.
שטייבער.	A. Stöber, Elsässisches Volksbüchlein. Mülhausen 1859.

באַמערקונגען.

צו די נומערן 70—1 (אויבן ז״ז 128—79), זיינען די באַמערקונגען געבראַכט באַם פוס פון יעדן ליד־טעקסט באַזונדער.

71. געזונגען פון פּ. לאַגין, (מינסק). דאָס ליד איז בלי ספק אויפגעקומען באַם טאַנץ אונטער דער השפּעה פון דער מעלאָדיע, אין אַ מאָמענט ווען דער „טאַנצפירער" האָט געגעבן זיינע אינסטרוקציעס. אינטערעסאַנט איז די באַמערקונג פון דער זינגערין: „די ליד האָט מען באַ אונדז געזונגען צו אַ טאַנץ, צו אַ „פּאַדיספּאַן" אָדער צו אַן אַנדער מין טאַנץ, כ'האָב שוין פאַרגעסן דעם נאָמען, נאָר איך געדיינקט, אַז שבת ביי־טאָג, ווען מען פלעגט באַ אונדז אין שטוב זיך צונויפקומען טאַנצן און זינגען דערצו, פלעגט דער טאַטע זאָגן: אַז בחורים מיט מיידלאַך טאַנצן, טאַנצן שדים צווישן די פיס." דער גלויבן איז ווערט פאַרצייכנט צו ווערן.

72. א) געזונגען פון חנה אָדאָנער, (ווארשע); ב— פון מיינע ערשטע ווארשעווער זאַמלונגען. ביידע נוסחאות זיינען טאַנץ־אימפּראָוויזאַציעס (מיט בייסנדיקן הומאָר), אויפגעקומען באַ אַ לאַנסע־(פראַנצויזיש: Lanciere) אַ מין קאַדריל־טאַנץ.

73-74א— געזונגען פון סאָרקע איסער'ס (ביעליצע, ווילנער גוב.); ב— פון ש. ר. (פּאָדאָליער גוב.); 74. — פון עטל גאַרבער, (האָראָדאָק, מינסק. גוב.). וואַריאַנטן: בערמאַן, נ״פ. 390 נ' 63 (קאָוונער גוב.), דאָרט גופא פיין און ד. א־ן 410, נ. 8 (פּאָדבראָדזשע, ווילנ. גוב.). צו 73־א און ב. ענלעכע דייטשישע טאַנצלידער באַ ערק־בעהמע II, נ' 991; קעהלער־מייער, נ' 346, און אין די קינדערליד. זאַמלונג. באַ זימראָק, נ״נ 863—65; וועגענער 7—996; דראָזיהן 236—41; בעהמע, קינדערליד. 1812—16; לעוואַלטער, נ' 172, 180. אַלס אַ טאַנצליד א. נ. Der Siebenschritt וויַיט פאַרשפּרייט אין בייהמען. פגל. יונגבאַוער: Bibliographie d. deutsch. Volkslied. In Böhmen, nr. 2113.

75. געזונגען פון חנה אָדאָנער (ווארשע). דאָס איז געזונגען געוואָרן צו אַ ברוגז־טאַנץ מיט אַ שיינעם ניגון און מיטן פינאַלע: „גאַי שוין, די ביזט אַ פראַיער, גאַי שוין די ביזט אַ פראַיער!" וואָס איך האָב פאַרזען אין דרוק.

76. געזונגען פון מאַטילדע מאָלדאַווין, (וואָשליקאָווע, גראָדנער גוב.). פאַראַן דערצו אַן ענלעך טאַנצלידל פון אַ שטעטל אין אויבערונגאַרן (מיטטיילונגען XXXIII, ז' 126). אויך דאָרטן ווינצלט זיך דער „טאַנצמייסטער" אפן חשבון פונ'ם שוואַכן טענצער:

הערויף צים קאַסטן,
ערו' צי דע טיר;
עהער צים אויוועןַ
דענוך צי מיר.

4. גיב איך זיך מיר אַ קער אַז אַ זייט,
ערשט איך דערזע מיר אַ שטיבעלע ניט ווייט:

5. באַלעבאָסטעצקע, באַלעבאָסטעצקע, עפנט מיר אָפּ די טיר,
האָט רחמנות און גיט אַ קוק אַף מיר!

6. באַלעבאָסטעצקע, באַלעבאָסטעצקע, גיט מיר אַ שטיקעלע ברייט,
גיט אַ קיק אַף מיין צורה און זעט, ווי זי איז טייט.

7. איך האָב זיך נאָך ניט צייט געהאַט די הענט צו וואַשן,
ערשט איך האָב דערהערט, אַז מע כאַפּט שוין אין די גאַסן

8. איך האָב נאָך ניט צייט געהאַט אָפּצובענטשן,
ערשט עס זיינען שוין געקומען די כאַפּער־מענטשן.

9. 'אידעלאַך, אידעלאַך, וואָס זייט איר געקומען צופאָרן?'
„מיר זיינען געקומען נאָך ווייץ און נאָך קאָרן."

10. איר זייט ניט געקומען ניט נאָך ווייץ און ניט נאָך קאָרן,
איר זייט דאָך געקומען נאָך מיינע יונגע יאָרן!

11. האָט מען מיך אוועקגעלייגט אַפן וואָגן,
האָט מען מיך אוועקגעפירט און אָנגעהייבן פּלאָגן.

12. פירט מען מיך אריין אין דער ערשטער טיר,
ערשט, עס זיצן יונים און וואַרטן שוין אַף מיר.

13. פירט מען מיך אריין אין דער צווייטער טיר,
ערשט, עס זיצט פּריסוטסטווע און וואַרט שוין אַף מיר.

14. שטעלט מען מיך אוועק אונטערן מאָס,
גיט מען אַ געשריי: „מאַלאַדיעץ כאַראָש!"

15. בעסער צו לערנען חומש מיט רש"י,
איידער צו עסן די סאָלדאַטסקע קאַשע.

16. בעסער צו טראָגן טלית און קיטל,
איידער צו אָנטאָן די סאָלדאַטסקע היטל.

17. בעסער צו לעבן אין אַלע זאַווּלקעס,
איידער צו עסן דעם קייסער'ס בולקעס.

18. בעסער צו לעבן אין צרות און אין נייט,
איידער צו עסן דעם סאָלדאַטסקע ברייט.

(באַבער, מאָהליוער גוב.)

שפּרויטן. דייטשישן Spinnerlied, צוערשט אויפגענומען אין „וווּנדערהאָרן“, 1808 (רעקלאַמס אויסגאַב, ז׳ 638), און שפּעטער אין אַ פּאָר צענדליק אַנדערע זאַמלונגען. צו די צאָלרייכע וואַר. פון׳ם שפּינערליד“. פגל. ערק־בעהמע, נ׳ 838 און דער עיקר בא י. ק. בלימל אין Herrigs Archiv, ב. 115, ז. 42.

צו די פּוילישע און יידישע נוסחאות פגל. מ. וויינרייכס רעצענזיע אף י. סט. ביסטראַנס אַרבעט: Uwagi nad 10 piesniami ludowymi zydow polskich. אין ייד. פילאָגאָגיע I, ז׳ 205, און דערצו אַ. לאַנדוים באַמערקונגען, דאָרט גופא ז׳ 333, זוּ עס ווערט אויך אָנגעוויזן אף אַן איטאַליענישן פּאַראַלעל.

פאַראַן אויך ענגלישע פּאַראַלעלן צו אונדזער ליד. בא האַליוועלל, 219; ניועלל, נומ. 33; גאָמם, ב״נ 000. די אַלע ענגלישע נוסחאות זענען שוין פון לאַנג איבערגעגאַנגען אין רעפּערטואַר פון די קינדערלידער און טראַדיציאָנעלע קינדערשפּילען; אין דעם אַזוי־גערופענעם Sally Waters־שפּיל, אין וועלכע די פאָרשונג האָט אַנטדעקט קענטיקע שפּורן פון פּרימיטיווע חתונה־צערעמאָניעס. שפּעטער מסתמא האָבן אייניקע וואַריאַנטן אריבערגעוואַנדערט קיין אַמעריקע.

אין ניועללס זאַמלונג נ׳ 33:

“Whistle, daughter, whistle,
And I’ll give you a sheep.”
“Mother, I’m asleep.”

“Whistle, daughter, whistle.
And I’ll give you a cow.”
“Mother, I don’t know how.”

“Whistle, daughter, whistle,
And I’ll give you a man.”
“Mother, now I can!”

דעם גרונט־מאָטיוו פון אונדזער ליד געפינען מיר אויך אין אַן אוקראַיניש קינדערלידל, בא טשובינסקי, III, ז׳ 59. צום פאַרגלייך, געגוג בלויז די לעצטע פערזן:

“Мамо, дай хліба”.
— А той, де діла?
Съ козакомъ ззіла”.
— А робить?
“Голова болить!”
— А замужъ?
“Хочъ заразъ!” —

אַן אוניווערסאַלער ענטפער — אַ מאַן.

104. געזונגען פון אסתר פּערלמוטער, (טשודנאָוו, וואָלינ. גוב.). דאָס ליד איז קענטיק זייער אַלט, אַ שידוך־ליד. די סטר. 2—5, וואָס מיר געפינען אין אַנדערע לידער אין אַ לויזער פאַרבינדונג, צום טייל ווי וואַנדערסטראָפעס — זענען דאָ אָרגאַניש אַרויסגעוואַקסן פונעם אינהאַלט. צו סטר. 2, וואַר. כהן I, 94 נ׳ 8, סטר. 2, (יאַסי, רומעניע); צו 5, ג״מ. נ׳ 283, סטר. 6 (קאָוונער גוב.); אַנגעלאָוויטש, צש״ר. II-III, 793, נ׳ 13, סטר. 3 (מינסק); צו 7, ראָזנטאַל 373, נ׳ 11 (בעסאַראַביע); צו סטר. 5, אַ דייטשישער פּאַראַלעל אין פישאַרטס Geschichtklitterung, 1575, קאַפּ. 8, איבערגעדרוקט בא מיטלער, נ׳ 688, סטר. 1:

Wann der best Wein ins faul Fass Käm,
Darinn Müst er ersauren,
So wann jungs Meidlin ein alten näm,
Jr hertz müst drob ertrauren.

105. געזונגען פון טויבע סאָסטשין, (טשימעראָוויץ, פּאָדאָל. גוב.). דאָס אַלטע חתונה־ליד מיטן ניגון אין איר לכתחילהדיקער ריין פאָלקסטימלאַכער פאָרם, איז באמת אַ גרויס געפינס. דער וואַר. בא ג״מ. נ׳ 259 זעט אויס ווי אַ בדחנישע באַאַרבעטונג פון אונדזער אָריגינאַל. יעדע סטראָפע דאָרט הייבט זיך אָן מיט דעם בדחנישן פּזמון:

אי אַך
בימינו!
לאָמיר געבען אַ שמחה
צום בורא אלהינו,
וואָס ער זיצט ממעל עליונים —
אַחת ואַחת!
לאָמיר זעהן צו פאַרטייטשן
וואָס „איינס“ טהוט באַטייטען
איינס איז דעם חתנ׳ס טיש,
אוואו מע עסט, אוואו מע טרינקט אאַז״וו.

קענטיק, אַז דאָ האָט דער בדחן פאַרביטן דאָס אַלטע „חתונה־הויז“ (טאַנצהויז) אף דעם „חתנ׳ס טיש“, און דעם פאָלקסטימלעכן רעפריין, אף בדחנישע פּיקחות.

אַ צווייטער וואַר. (מיטט. 16, ז׳ 107), וואָס שטאַמט פון בייהמען, צוגעשיקט פון פּראָפ. אַנטשערל אויס וויען (געהערט בערך מיט אַ יאָר 60-80 צוריק), איז שוין אינגאַנצן פאַרדייטשמערישט: Achas w’achas: Eines ist das Chasene-Haus, wo man isst und trinkt und tanzt und springt. און אַזוי כסדר ביז זיבן.

דריטער וואַר. שטאַמט פון דער סלאָוואַקיי, אויפגענומען פון מ. גרונוואַלד אין זיין מאָנאָגראַפיע „מאַטטערסדאָרף (Jahrb. f. Jüd. Volksk. ב. II, 471, נומ. 148), איז שוין גאָרניט קיין חתונה־ליד, נאָר עפּעס אַ מין לויבגעזאַנג אַפן בית־המדרש. כאַראַקטעריסטיש איז דער אַריינפיר:

Der Kohjne-godl hat mechaper bawojnes gewesen, we kach hojoh mojne Achas.

די איבעריקע פערזן בעטן זיך אין אַ יידישער טראַנסקריפּציע:

אחת ואחת
לאָמער ע ביסעל דום אחת איבערדויטשען,
וואס דום אחת קאַן בעדייטען:
אחת איז דאָך אנס,
אַנס איז דום בעסעמעדרעש־האוז
ווי מע לערנט גאנץ ש״ס אוס

77-78. פאַרצייכנט פון דר. י. שאַצקי, געהערט פון זיין מוטער איידל איין־שאַצקי (טשודנאָוו, וואָלין. גוב.). פגל. פאָלגנדיקן נומ.

79. א— געזונגען פון סאָניע אגראַנאָוויץ, (פּרילוק, פּאָלטאַוו. גוב.), ב— פון יעקב טארלע, (בראַילאָוו, פּאָדאָל. גוב.). וואר. ראזענטאל, רשמות ב. 359, נ' 6 (בעסאראביע). צו די אלע „קראַקאָוויאַנקעס" האָב איך, אַחוץ דעם ניגון, קיין פּוילישן פּאַראלעלן טעקסט ניט געפונען.

80. געזונגען פון י. ז. מילער (פּינסק, מינסק. גוב.), אויך מיטן ניגון פון א קראַקאָוויאַק. וואר. באַסטאַמסקי, ז' 115 נ' 12 (ווילנע); אַנגילאָוויטש, „צייטשריפט" II-III, 792, נ' 11, (מינסק).

81. געזונגען פון חנה אַדאָנער (וואַרשע). דאָס לידל איז געזונגען געוואָרן בא פאַרשיידענע טענץ מיטן ניגון פון א פּוילישער אָפּערעטקע.

82. געזונגען פון מאַטילדע מאַלדאָווין, (וואָשליקאָוו, גראָדנער גוב.). וואר. ?

83. געזונגען פון עטל גארבער, (האַראָדאָק, מינסק. גוב.). פּלג„ דערצו באמערק. צו נומ. 76.

84. געזונגען פון רייזל דאַרים, (פּינסק, מינסק. גוב.). אן אנדער פּינסקער וואר. מיטן ניגון בא כהן, II, ז' 35; בערמאן 397, נ' 20, (קאָוונער גוב.); באַסטאַמסקי, ז' 69, נ' 9, (ווילנע).

85. איבערגעגעבן פון לעאָן עלבע, (מינסק). וואר. פּיין, 409, נ' 6, (פּאָדבראָדזע); באַסטאַמסקי, ז' 115 נ' 14 (ווילנע). אן ענלעך דייטשיש טאַנצלידל באַ מערידזש: Volkslieder aus der Badischen Pfalz, נומ. 247 B:

Polka, Polka danz' ich gern
mit de Schéne junge Herrn;
hân se weisse Handschuh â,
das ich Polka danze ka?

86-87. געזונגען פון סאַרקע איסערס (ביעליצע), נ' 87 פון מאַטילדע מאַלדאַווין (וואַשליקאָוו).

88. איבערגעגעבן פון חיים דיימאַנדשטיין, (מעזשביזש, פּאָדאָל. גוב.), פריער טיילווייז אויפגענומען בא כהן, II, ז' 83 נ' 14 נאָך דעם רעפּריין (קיעוו. גוב)., ז' 139 נ' 62 אָנפאַנג־סטר. (פּאָדאָל.).

89. א—ב געזונגען פון מאַטילדע מאַלדאַווין, (וואַשליקאָוו, גראָד. גוב.). ג— פון מיינע ערשטע וואַרשעווער מאַטעריאַלן. פּגל. אויבן נומ. 84, סטר. 2.

90. געזונגען פון רייזל דאַרים (פּינסק). ענלאַכע פערזן אין א גרעסער טאַנצליד מיטן ניגון בא כהן, II, ז"ז 41-42.

91-92. געזונגען פון אסתר פּערלמוטער (טשודנאָוו), צו נ' 91 ענלאַכע פערזן אין די קינדערלידער בא כהן, II 115 נ' 12; בערמאן 384 נ' 20 (קאָוונע).

93-94. געזונגען פון סארקע איסערס (ביעליצע). 94ב— פון רייזל דאַרים (פּינסק). א דרויער וואר. אָן דעם רעפריין בא כהן I ז' 26 נ' 16, מיטן ניגון; צו 94ב. פּגל. ראַזנטאל 363 נ' 2, (אָדעס).

95. איבערגעגעבן פון ל. קעסנער, (בערהאָמעט, בוקאָווינע). צו דעם פּראַכטפולן קאָלאָמייקע־ליד קיין וואר. ניט געפונען.

96. איבערגעגעבן פון אבא שטאָלצנבערג, (בויבערקע, לעמבערגער קרייז, גאַליציע). ווי עס ווייזט אויס. אויך א קאָלאָמייקע אין דעמזעלביקן ריטם.

97. געזונגען פון פעשע־ריווע שער (קאַזלאָוויץ, מינסק. גוב.) אונזער 60־יאָריקע זינגערין געדענקט נאָך דאָס ליד פון אירע קינדער־יאָרן. דאָס איז טאַקע אן אלטער ראָמאַנס, ניט קיין כלה־ליד, הגם אין סטר. 3 זינגט זיך אין א שפּאסיקן טאָן פון עפּעס אן ארימער חתונה־אויסשטייער. בעצם איז דאָס אן אלט יודיש ליבעסליד, וואָס שטאַמט אפשר פון פּרום־באַלעבאַטישע קרייזן, דאָס איז ניכר פון סטר. 1 און פון אן אַנדער מינסקער וואר. בא אַנגילאָוויטש, צש"ר. II-III, 789, נ' 4, דער עיקר אין סטר. 2:

בחור ס'לעבן, הארץ ס'לעבן,
תנא גדול, מלך,
אז איך זע דיר פון פלייט אַרויס
ווערט אין הארצן פריילעך.

98. געזונגען פון עלקע ראסקין (סנאָווסקי, טשערניגאָווער גוב.). אויך דאָס לידל געהערט אפשר צו אונדזער גאָר אלטער ליבעלּיריק, הגם דער מאָטיוו איז דאָ ניט גאַנץ ניכר. צו סטר. 1, 1-2 אין פאַרבינדונג מיט אנדערע פערזן אין קינדערלידל בא ג"מ. נ' 103. „א רויז אַפן דאך" איז פאַרגרייזט. ס'דאַרף אפשר זיין: „אַרויס" אפן דאך", דערפון ווערט קלאָר „אַ ליבטיקע נאַכט". צו סטר. 2. ענלעכע פערזן בא כהן II ז' 25, סטר. 4.

99. געזונגען פון פעשע־ריווע שער (קאַזלאָוויטש). באַסטאַמסקי, ז' 46, נ' 26; א פּאָר ענלעכע פערזן אין אן אנדער ליד בא כהן II 255, נ' 6.

100. איבערגעגעבן פון רחל לוריע, (וואַרזאַן, קאָוונער גוב.). דערצו קיין וואר. ניט געפונען.

101. געזונגען פון פרומע־שרה וואָלפאָוו, (בערלאַד, רומעניע). וואר. ג"מ. נ' 101 (קאָוונער גוב.); באַסטאַמסקי ז' 66, נ' 2, (ווילנע).

102. געזונגען פון פעשע־ריווע שער (קאַזלאָוויטש), וואר. ג"מ. נ"נ 247 (מינסק. גוב), 248, (ווילנע).

103. איבערגעגעבן פון יצחק רייז, (נאַראַיעוו, גאַליציע). וואר. ג"מ. נ' 244 (קאָוונער גוב.); כהן II, ז' 9 (וואַרשע); באַסטאַמסקי 66, נ' 3, (ווילנע). ס'איז כדאי צו באמערקן, דאָס דער קאָוונער נוסח, וואָס הויבט זיך אָן מיט די פערזן: „מאַמע וואו געהסטו?—טאַכטער וואָס ווילסטו?" איז חוץ אין זיינע גרונט־מאָטיוון, קנאַפּוואָס ענלעך צו דעם נאַראַיאָווער אַדער וואַרש. נוסח: „יאַמע, יאַמע שפּיל נאָך א לידעלע". דער ערשטער נוסח איז מער ענלעך צום פּוילישן ליד בא וואָיציצקי Piesni ludu, 1836, ב. II, 223, וואָס הייבט זיך אָן כמעט אין אָן ענלאַכן רוגזה'דיקן טאָן; און באַ קאָלבערג Mazarowsze, II. נ' 83. דאגעגן שטייען אונדזערע אנדערע וואַריאַנטן אין געוויסע פּרטים נעענטער צו דעם ווייטפאַר־

אין דעם ענגלישן לידל בא Halliwell, 1846 ז׳ 235, ווערן שוין די „קוכן“ אָדער די „קיכעלעך“ אָנגערופן באם פּראָזאַישן נאָמען — „הענט“ און טאַטע־מאַמע זיינען שוין ווידער דאָ:

Clap hands, clap hands!
Till father comes home;
For father's got money,
But mother's got none.

124. איבערגעגעבן פון סאָרקע איסער׳ס (ביע־ליצע, ווילנ. גוב.). וואַר. גינזבורג־מאַרעק, נ׳ 90 (קאָוונער גוב.), בערמאן ז׳ 384 נ׳ 19 (ווילנ. גוב.) ענלעכע דייטשישע קינדערלידער בא וועגענער, נ׳ 570; זימראָק נ׳ 823, בעהמע, נ׳ 1752, א. א.

125. איבערג. פון חיים דיימאָנדשטיין (מעזש־ביזש, פּאָדאָל. גוב.). וואר. אַנ־סקי, נ׳ 2 (ווילנע), נ׳ 3 (מינסק); פּיין ז׳ 407 נ״נ 9, 19, (פּאָדבראָד־זע); באַסטאָמסקי ז׳ 32 נ׳ 10, ז׳ 35 נ׳ 12 (מע־רעטש, ווילנע); וויענער, ז׳ 41, נ׳ 4 a — קאָוונער גוב. b — ווילנע, נ׳ 6— זוואַנעץ (קאַמענעץ־פּאָדאָלסק). א פּאָר פערזן 1—3 פון אונזער מעזש־ביזשער נוסח שטימען מיט דעם שווייצער לידל ביי ציוריכער, נומ. 2945:

Engeli, Bengeli,
Tüfeli, Schüfeli,
Piff, Paff, Puff,
Und du bisch duss.

אנדערע וויטערע דייטשישע נוסחאות בא בעהמע נ״נ 1522-24; זימראָק נ׳ 1032; בא לעוואלטער נ׳ 663 פאַרצייכנט בלויז דריי ווערטער: Engel, Bengel, Zuckerstengel, וואָס שטימען מיט די וואר. בא וויענער נ׳ 4a, סטר. 1; פּיין נ׳ 19: „איינדעל, ביינדעל, צוקער שטיינדעל“. פּיינס נ׳ 9 אין אַנ־סקים נומ. 3 זיינען אידענטיש. דאָס לעצטע ווערט דאָ געבראַכט צוליב אן אנדער פאַרגלייך:

איינגע, ביינגע, סטופּ א ציינגע,
ארצע, בארצע, גאלע שווארצע,
אוימל־רוימל, בייגעלע פייגעלע— האָפּ!

אן אינטערעסאַנטער פּאַראַלעל דערצו איז דאָס אוקראַיניש קינדערלידל בא טשובינסקי III, ז׳ 102:

Эндель, биндель,
Ципа, циндель,
Арци, барци
Куліш' варці.

אויך אין פּוילן איז פאַראַן א שפּור פון דעמ־דאָזיקן לידל: Angjel, bang-jel, fussi leer אָדער Angilicki, bangilicki, cerwone guzicki אין דער צייטשר Lud VIII ז״ז 25 און 153. צום אָפּשטאַם פון די דייטשישע וואַר. פגל. Zs d. V. f. Volksk. 17. ז׳ 287.

126. איבערגעגעבן פון חנה אָדאָנער, (וואַר־שע). לעהמאַן, נ׳ 36. ענלעכע אויסציילעניש־גראַמען אין א געמיש פון דייטש, פּויליש און לאַ־טייניש ווערטער אין צש״ר. Lud VIII ז׳ 150.

127. איבערגעגעבן פון ש. ט. (זשעלעכאָוו, סעדלעצער גוב.). צו פערז. 1, פגל. דראָזיהן, נ׳ 206; וועגענער, נ׳ 624.

128. איבערגעגעבן פון נ. ט. (ווילנע). ג״מ. נ׳ 87 (קאָוונער גוב.). פאַרבונדן מיט אנדערע פערזן. באַסטאָמסקי, 32, נ׳ 7 (ווילנע); לעהמאַן נ״נ 17, 79 (קוטנע, וואַרשע). ענלעכע דייטש. קינדערליד. בא זימראַק, נ׳ 867; וועגענער 620; דונגער, 286; בעהמע 1778.

129. איבערגעגעבן פון ח. רייזען (קוידענאָוו, מינסק. גוב.) וואר. כהן II, 115, נ׳ 12 (וואַרשע); בערמאַן 384, נ׳ 20 3קאָוונער גוב.); לעהמאַן, נ׳ 62 (וואַרשע).

130. געזונגען פון סאָרקע איסער׳ס (ביעליצע, ווילנער גוב.). ג״מ. נ׳ 87, מיט אן אנדער אָנהייב; כהן II, ז׳ 125, נ׳ 32 (פּאָדאָל. גוב.); אַנ־סקי, נ׳ 7, (וויטעבסק); באַסטאָמסקי 31 נ׳ 6, 33 נ׳ 14, 124 נ׳ 2 (ווילנע); וויענער, ז׳ 41 נ״נ 9a— קראַס־נאָיאַרסק, b, c— טשערניגאָוו. גוב. d —ווילנע, — באָברויסק; מיטטיילונגען 49, ז׳ 11 נ׳ 4, (מאָהילעוו); וויסענבערג, נ׳ 3, (יעליסאַוועט־גראַד); פון פאַרשייד. געגענט. בא לעהמאַן, נ׳ 21.

131-132. געזונגען פון זאָרקע איסערס (ביע־ליצע). ענלעכע טאַנצלידלעך, ווו עס זינגט זיך „אין דריי מאָל“, אָדער „אין זיבן יאָר ארום“ — כהן II, 123, נ׳ 30 (וואַרשע); בערמאַן 386 נ׳ 30 (קאָוו־נער גוב.); באַסטאָמסקי 27 נ׳ 2—3 (ווילנע); לעהמאַן 121 נ׳ 64, (וואַרשע).

133. איבערגעגעבן פון איידל איין־שאַצקי (טשודנאָוו, וואָלינ. גוב.). וואר. ג״מ. נ׳ 120 (אָדעס, גראָדנע); כהן II, 116 נ׳ 13 (ווילנע); ראַוורעווע, צ״ש. II-III, 821, נ׳ 4 (בעסאַראַביע), וויענער, נומ. 45 a— ווילנע, b— מערעטש, c— וואָל־קאָוויסק, גראָדנ. גוב.

134. איבערגעגעבן פון נ. גראָס, (קאַלאָמיי, גאַליציע). וואר.?

135. איבערגעגעבן פון סאָרקע איסערס (ביע־ליצע). וויענער, נומ. 46 (וואָלקאָוויסק); מיט אן אנדער אָנהייב בא באסטאָמסקי 37, נ׳ 23 (ווילנע).

136. איבערגעגעבן פון ש. ט., (זשעלעכאָוו שעדליצער גוב.) לעצטער פיר־פערז אין א פּורים־לידל בא כהן II, 227, נ׳ 8 (וואַרשע).

137. איבערגעגעבן פון א. ד. לאַקסאַן (קאָוונע), מיטן ניגון און מיט א דערקלערונג פונ׳ם שפּיל: ס׳נעמען זי צוזאמען א גרופּע יינגלעך אדער מייד־לעך. איינע זעצט זיך אוועק און אן אנדערע, אף וועמען ס׳פאַלט דער גורל, לייגט זיך מיט׳ן פּנים אַראָפּ אף דער זיצנדיקערס שויס, בעת אן אנדערע פון די ארומיקע דירט אָן מיט א פינגער אף דער ליגנדיקערס רוקן און אַלע זינגען: „ראָטע, ראָטע, בולעוואי“ אאַז״וו. טרעפט זי, בלי ראיה, וועמעס פינגער דאָס איז, לייגט זיך יענע אף איר אָרט, אויב ניט, זינגט מען ווייטער: „שרה׳ס האַנט איז וואויל באַקאַנט, דער פינגערל ליגט אף אַן אנדער האַנט;

ווי מען טאַנצט און ווי מען שפּרינגט,
ווי מען עסט און ווי מען טרינקט,
און ווי מען דע שירה׳ס
פאַר השם (ב)שמים זינגט.

אין א פערזן וואר. געבראכט פון מאַטעסדאָרף גופא (ז. 472, נ׳ 149), וואס איז אפשר צופעליק אויפגענומען געוואָרן פונ׳ם פאָלקסמויל, געפינען מיר שוין ווידער אונזער אָריגינעל חתונה ליד, פריי פון בדחנישער און כלי־קודשדיקער באַפוצונג:

1. אַנס איז ס׳חתונה־הויז
ווו מע עסט, ווו מע טרינקט,
ווו מע געהט איין און אויס,
ווו מע טאַנצט, ווו מע שפּרינגט,
ווו מע לאכט, ווו מע זינגט,
ווו מאַ זאָך געהרט
פין טיש ביז אָף דע ערד.

און אזוי ביז סטר. 4. ווייטער, ווייזט אויס, האָבן די מאַטערסדאָרפער שוין פארגעסן אויפצוציילן.

106. געזונגען פון סאָרקע איסערס (ביעליצע). וואר. ג״מ. נ׳ 254, (מאָהילעווו. ווילנער און קאָוונער גוב.); כהן II, ז׳ 34, נ׳ 29, ראָוונע, ז׳ 45 (מינסק).

107. צוגעשיקט פון א. מ. פוקס, (מיקולעניץ, גאַליציע). צו סטר. 2 ענלאַכע פערזן אין א גרעסער ליד בא ג״מ. נ׳ 260 סטר. 2—3, (קאָוונער גוב.).

109-108. געזונגען פון סאָרקע איסערס (ביע־ליצע, ווילנער גוב.). צו 108, סטר. 1, וואר. ג״מ., נ׳ 238, (קאָוונער גוב.); כהן II, 33, נ׳ 22 (וויל־נע); דושמאַן, צ״שר. 820 נ׳ 7 (מינסק); מיטט. I, 57, נ׳ 7; צו נ׳ 109 וואר. ג״מ. נ״נ 279-80 (קאָוו־נע און מינסק).

110. איבערגעגעבן פון יאָסל קאַטלער (זשיטאָ־מיר). וואר. ג״מ. נ׳ 258 (קאָוונע, מינסק).

112-111. געזונגען פון מאַניע און עלקע ראָס־קין, (סנאָווסק, טשערניגאָווער גוב.) צו 111 וואר. באַסטאָמסקי 68 נ׳ 7 (ווילנע). צו 112, כהן II, ז׳ 59 מיטן ניגון (דרויע, ווילנ. גוב.). ענלעכע לידער ביי טשובינסקי V, 700, נ״נ 304, 306.

113. געזונגען פון פעשע־ריווע שער (קאָזלאָ־וויטש). ג״מ. נ״נ 267, 268 (קאָוונע און קורלאַנד); פגל. ש. ביילינס זאמל. אין מיטט. 44, ז׳ 131; און בא ווינער, History of Yiddish Literature ז׳ 63;

114. געזונגען פון בערטאַ קלינג (נאָוואָרידאָק, מינסק. גוב.). בא ג״מ. אין אַ פּילסטראָפּיקן אָרעם־בחורים ליד, נ׳ 314 סטר. 11.

116-115. דאָס ערשטע ליד געזונגען פון ליבע צוקערמאַן (האַראָדאָק, מינסק. גוב.), דאָס צווייטע פון וועלוועל פרידמאַן (שיקיאַן, קאָוונער גוב.) ג״מ. נ״נ 354,355 (מינסקער און וויטעבסקער גוב.); כהן II, ז״ז 85-88, פולשטענדיקער, מיטן ניגון.

117. געזונגען פון סאָרקע איסערס (ביעליצע). א פּאָר ענלעכע פערזן אין אנדערע וויגן־לידער.

118. געזונגען פון בערטאַ קלינג (נאָוואָרי־דאָק). ג״מ. נ׳ 72 (ווילנע), נ׳ 73 (קאָוונ. גוב׳).

119. פון מיינע ערשטע וואַרשעווער זאמלונגען. אין ב. II, 98, נ׳ 4, בלויז דער רעפריין; צו סטר. 3-4 באַסטאָמסקי 127, נ׳ 3 (ווילנע); ווינער, אין Americana Germanica ב׳ II, נום. 1, ז׳ 16. א פּאָר ענלעכע פערזן אין א דייטשיש ליבעסליד בא ערק־בעהמע נ׳ 536 סטר. 5—6; און א וויגנליד בא שטייבער ג׳ 19, א פּאָר פערזן:

Wenn andri Maide danze gehn,
Muess i bi d'r Wagle Stehn.

121-120. איבערגעגעבן פון לעאָן עלבע, (מינסק). צו 121 וואר. ג״מ. נ״נ 72, 73 (ווילנע, קאָוונע); באַסטאָמסקי, 25, נ׳ 2; ווינער ז׳ 49, נ׳ 55 (בעסאַראַביע). צו 120 פגל. פאָלגנדיקע נום.

123-122. איבערגעגעבן פון הינדע געלבארט (ביאלע, סעדלעצער גוב.). אין די דאָזיקע צוויי וויגן־לידער, איינגעשלאָסן נ׳ 120, האָבן מיר א קאָנ־טאַמינאַציע פון א סך פראגמענטן, וואָס זענען צע־שפּרייט אין פארשיידענע זאמלונגען: ג״מ. נ״נ 60, 60, 61, 62, (פּאָדאָל. גוב.), 64, 66, 67 (וויטעבסק, קיעוו); כהן II, ז׳ 97 (וואַרשע); באַסטאָמסקי, 25, נ׳ 1, ז׳ 42 נ׳ 10 (ווילנע); פּיין נ״פ. 407 נ׳ 8 (פּאָד־בראָדזע); „רשמות" ב. 359 נ׳ 4 (דרויע, ווילנ. ג.); מיטט. I, ז׳ 50 נ׳ 1—2; ווינער, ז״ז 48—49, נ׳ 53 a — (בעסאַראַביע), b—בא ממו״ס „קליין מענשעלע"; c— סוּוואַלק. גוב. d — ביאַליסטאָק, e — וואָלקאָוויסק, גראָד. גוב. נ׳ 54 (טשערניג. גוב.). גוב.); ווייסענבערג ז׳ נ׳ 1. (יעליסאַוועטגראַד).

צו נום. 123 סטר. 1: „פּאַטשע, פּאַטשע קיכע־לאך", ווערט געזונגען אלס זעלבסטשטענדיק לידל, בא וועלכן עס ווערט לייכט געפּאַטשט אף דער פלאַך פונ׳ם קינדס הענטלאך, אָדער עס פּאַטשט זיך אליין. וואַר. כהן II, 118 נ׳ 19 (ווילנע); בערמאַן, 385 נ׳ 25 (קאָוונער גוב.); ווינער, נ״נ 43 a, b— סוּוואַלק. גוב. c, d— גראָדנער גוב.

פאַראַן א סך קינדערלידער און קינדערשפּילן, וואָס זענען דער בשותפותדיקער פארמעג פון די קינ־דער, בא פארשיידענע פעלקער, בכן טרעפט מען גאַנץ אָפט גאָר אינטערעסאַנטע פּאַראַלעלען: בא דערזעל־ביקער געגעלנהייט ווי דאָס ייִדישע ווערט אויך גע־זונגען אן ענלעך טשעכיש קינדערליד, בא Erben, ז׳ 3:

Paci, paci pacičky!
tata koupil strevičky,
a maminka pasek
za mysi vocasek.

אין ענלעכע דייטשישע לידלעך ווערן טאַטע־מאַמע ניט דערמאָנט: "Wunderhorn", ז׳ 822:

Patsche, patsche, Küchelchen,
Mir und dir ein Krügelchen.

פגל. אויך בעהמע, קנל. נ׳ 181; זימראָק, נ׳ 47; אין דער שווייץ בא ציריכער, נום. 1816:

Patsche, patsche, Kuchen,
Der Bäcker hat gerufen.

שפּאַס. אַזוי צ. ב. אין דעם טשעכישן נוסח בא ערבען, ז' 4: Co jsou prsty? (וואָס זיינען די פינגער?). אַנהייבנדיק פון גראָבן פינגער:
To je táta—to je máma—to je dědek—to je bába —to je vnoucek, malej kloucek,
ענלעך אין א קאַטאַלאָגישן פּאַראַלעל בא ליעבערעכט Zur Volkskunde ז' 390, לויט דעמזעלביקן סדר:
„דאָס איז דער פאָטער, — דאָס איז די מוטער, — דער מאַכט די זופּן, — דער עסט זיי אַלע אויף, — דער מאַכט פּיפּ, פּיפּ; איז נישטאָ עפּעס פאַר מיר, וואָס איך בין אַזוי קליין?"

אויך אין קאָרעאַ און אין כינע ווערן די פינגער צום טייל פּערזאָניפיצירט, צ. ב. „מוטער-פינגער", „זון-פינגער". פּגל. S. Culin, Korean Games, 1895, ז' 30 פּוס-באַמערק.

159. איבערגעגעבן פון פּעשע-ריווע שער (קאַזלאָוויטש, מינסק. גוב.). געזונגען בא א קינדערשפּיל. א פראַגמענט פון אן ענלעך אוקראַיניש קינדערליד בא טשובינסקי, III, ז' 107: „Мишка, шишка де була?" מיט אן ענלעכן אָנהויב אויך בא בעהמע, ז' 504 נ' 258: Maus, Maus! Wo ist die Maus?, וואָס שטימט אין א פּאָר מאָטיוון מיט אונדזער נוסח, און אויך מיט דעם ענגלישן בא מעקלעגען ז' 255; א פולערע ווערסיע, אידענטיש מיטן יידישן טעקסט, בא ראַדטשענקאָ: Гомельскія народныя песни, 1888, ז' 220.

160. אויפגענומען פון איידל-איין שאַצקי, (טשודנאָוו). א דריי-סטראָפיק ליד בא באַסטאָמסקי ז' 104 נ' 3; בערמאַן, 381, באַמערק. צו נומ. 1.

161. איבערגעגעבן פון אבא שטאָלצנבערג, (בויבערקע, גאַליציע), מיט דער באַמערקונג: 'אַזוי זינגען בא אונדז די קינדער ווען זיי דערזעען א מוטער-טאַיגל, (א שנעק), און ווען עס שטעקט נישט אַרויס די „הערנער", וואַרפן זיי שטיינער אויפן הייזל. „מוטערטאַיגל" הייסט עס דערפאַר, ווייל דאָס הייזל אין וועלכן דער שנעק זיצט זעט אויס ווי א טייגל.' די עטימאָלאָגיע הינקט אפשר אביסל אונטער, אָבער דער נאָמען איז סאַי ווי סאַי אָריגינעל. אין אַ בעסאַראַביער וואַר. בא ראָזנטאַל, נ' 15, הייסט שוין אונדזער מיטערטייגל — „קאַדיבו" (אף מאָלדאַוויש) און דער שפּרוך גייט אַזוי:

קאַדיבו, קאַדיבו, קום ארויס,
וועסטי זען דיין טאַטנס הויז!

זייער פאַרשפּרייט איז דער „שנעקענשפּרוך" באַ די דייטשן: פון פאַרשיידענע מקורים בא בעהמע נ"נ 885—900; זימראָק, נ"נ 568—79; לעוואַלטער 94—96 א. אַ. אינטערעסאַנט איז דער אָסטפּריזישער וואַר. בא וועגענער I, נ' 254, וואָס דערמאָנט לויטן וואָרטקלאַנג אונדזער „מיטערטאַיגל, מיטערטאַיגל", אין ערשטן פערז:

Tikeltakel, Holdrau hakel!
Stek dien veer Paar Horens uut.
Wullt du se neit utstek'n,
Will'k dien Hüüske brek'n.

ענלעכע שנעק-שפּרוכן אין דער שווייץ: בא ציוריכער נ"נ 85—1358; ענגליש: האַליוועלל ז"ז 161—172; טשעכיש: בא ערבען ז' 88.

162. א— איבערגעגעבן פון י. אַפּאַטאָווסקי, (מלאַווע, פּלאָצקער גוב.). ב— פון עלקע ראַסקין, (סנאָסק, טשערניגאָווער גוב.). וואַריאַנטן: פּרילוצקי II, נ"נ 103— וואַרשע, 104— סאָכאַטשעוו, 105— מזרח-גאַליציע; א. לאַנדוי ברענגט א לובאַטשעווער און א בראָדער וואַר. אין זיינע באַמערק. צו פּרילוצקי (ייד. פילאָלאָגיע, I, 2—3, ז' 159); בערמאַן 388 נ' 49, קאָוונער גוב., באַסטאָמסקי, ז' 39 נ"נ 42—43, ווילנע; וויענער, 44 נ' 30 — סוואַלקער גוב.

פּגל. דערצו דאָס דייטשישע קינדערליד פון די דריי שפּינענדיקע בתולות (Die drei Jungfrauen,) אָדער Nornen, Mareien), וואָס איז פאַרשפּרייט אין א סך וואַר. פון פאַרשיידענע געגנטן, בא בעהמע, נ"נ 380-399, 978-1058, 1817 און 1854, אין דער שווייץ: ציוריכער, נ"נ 1037—1094. פון די אַלע בלויז א פּאָר פערזן צום פאַרגלייך מיט אונדזער מלאַווער נוסח:

ביבי, ביבי, לאַזעלע,
אין קראָקע שטאַט א האַיזעלע.

וואָס קלינגט זייער ענלעך צו דעם שווייצערישן, בא ציוריכער נ' 1065:

Riti, Riti, Resseli,
Z'Bäre steit es Schlesseli.

163. איבערגעגעבן פון סאָרקע איסערס, (ביעליצע). וואַר. כהן II, 118, נ' 22 פּאָדאָל. גוב. — א פראַגמענט בא בערמאַן 389 נ' 56, קאָוונער גוב. — ראָזנטאַל 361, נ' 25 (בעסאַראַביע); אן ענלעך אוקראַיניש קינדערליד בא טשובינסקי, III, ז' 107.

164. צוגעשיקט פון א. מ. פוקס (גאַליציע). וואַר. ג"מ. נ' 129 (ווילנע, קאָוונע און מינסקער גוב.); בערמאַן 383 נ' 16 (קאָוונער גוב.); לעהמאַן נ' 80 (וואַרשע). אין אייניקע פּרטים שטימט אונדזער נוסח מיטן דייטשישן ליד Der wunderliche Kittel „וווּנדערהאָרן" ז' 809; האָפמאַן-ריכטער, נ' 51; בעהמע, נ' 1262; וועגענער, 167; זימראָק 184; אורקוועלל V, 107; Zs. d. V. f. Volksk. V, 287.

165. איבערגעגעבן פון איידל איין-שאַצקי, (טשודנאָוו). ג"מ. נ' 131 (ווילנע, קורלאַנד, מינסק, קאָוונער און גראָדנער גובערניעס). דאָס ליד געהערט צו די אַזויגערופענע „ליגענמערכען". פּגל. דערצו די דייטשישע נוסחאות בא מייער, נ' 124; מיטלער 1315, 1316; ערק-בעהמע III, נ"נ 1101, 1109. אין דער שווייץ: בא טאָבלער II, ז' 191; ציוריכער, נ"נ 41—1335. פּויליש: בא קאָלבערג, „מאַזאָווש", II, 147, נ' 327.

166. איבערגעגעבן פון ח. דיימאָנדשטיין, (מעזביזש, פּאָדאָל. גוב.). א פראַגמענט בא ג"מ. נ' 132, (קורלאַנד); אן ענלעך ליד מיט אן אנדער אָנהויב כהן, II, ז' 265 (וואַרשע).

167. געזונגען פון משה לעווין (דאָמבראָוויץ, וואָלינער גוב.).

ראָט ראָט אף וועמענס האַנט ליגט דער גילדענער פינגערל?" אאַז"וו. אַן ענלעך לידל מיט א באַשרייבונג פונ'ם שפיל ברענגט וויענער, מיטט. 18, ז' 76. פראַגמענטן פונ'ם ליד באַ אַנ־סקי, נ' 4; באַסטאָמסקי, 30, נ' 16.

אין א פאָר אוקראַינישע קינדערשפילן, באַ טשובינסקי, III, נ"נ 37, 45, זינגט זיך אַן ענלעך לידל:

Угдай, Ганно,
Приличная панно,
На чиій руці,
На мереженці
Перстень упавъ.

139-138. געזונגען פון סאַרקע איסער'ס (ביעליצע). צו 139 וואַר. ג"מ. נ"נ 112-113 (צוגעשיקט פון פאַרשיידענע געגנטן); פיין, ז' 407, (פּאָדבראָדזע); „אורקוועלל" IV, ז' 119 (באַלשאָוועצע, גאַליציע); מיטט. I, ז' 52, נ' 6; וויענער, 45 נ' 31 *a* — ראָוונע, *b* — ביאַליסטאָק, *c* — קאַלוואַריע (סווואַלק. גוב.); ווייסענבערג, 131, נ' 4 (יעליסאַוועטגראַד).

140. איבערגעבן פון רחל סאַסטשין (טשימעראָוויץ, פּאָדאָל. גוב). וואַר. ג"מ. נ"נ 108 אָדעס, 109 מינסק. גוב. 110—111 (קאָוונער גוב.); אַנסקי, נ' 12 (וויטעבסק); בערמאַן 389, נ' 57 (קאָוונער גוב.); באַסטאָמסקי 46, נ' 27; מיטט. I, ז' 53, נ' 9; וויענער, נ' 50 (וואָלינ. גוב.); לעהמאַן נ' 88 (וואַרשע, סאַכאַטשעוו, פּאָרצעוו, בעבעווע, לובל. גוב.).

141. איבערגעבן פון פּעשע־ריווע שער (קאַזלאָוויטש, מינסק. גוב). וואַר. ג"מ. נ"נ 115-117, (ווילנע, קאָוונע, מינסק, אָדעס); כהן, II, ז' 115, נ' 11 (טשימעראָוויץ), 134 נומ. 47, (בריסט־ליטאָווסק); באַסטאָמסקי 44 נ' 16; וויענער נ' 51; מיטט. 49, ז' 10, נ' 2 (מאָהילעוו).

142. איבערגעגעבן פון אײַדל איין־שאַצקי, (טשודנאָוו). וויענער, נ"נ 37-38 (וואָלקאָוויסק, אָדעס), ביידע פראַגמענטן דערגאַנצן זיך.

143. איבערגעגעבן פון פרומע־שרה וואָלפּאָוו (בערלאַד, רומעניען). דער אָנפאַנג באַ ג"מ. נ' 108 (אָדעס); מיט אַן אַנדער אָנהייב באַ כהן, II, 113, נ. 6 (וואַרשע).

145-144. צוגעשיקט פון לעאָן עלבע (מינסק). צו 145 וואַר. כהן II, 151 נ' 76 (ווילנע); מיטטיילונגען I, ז' 56, נ' 4; 21, ז' 59, נ' 4 (לעמבערג).

147-146. איבערגעגעבן פון נחום י. (באָבער, מאָהילעווער גוב.) צו 146, בערמאַן, 396 נ' 17 (קאָוונער גוב.).

150-148. איבערגעגעבן פון נ. ט. (ווילנע), מיט דער באַמערקונג צו נומ. 150: „די ליד פלעגט געזונגען ווערן פון חדר־יינגלעך (בערך מיט א יאָר 40 צוריק), ווען א יינגל פלעגט זיך ניט לאָזן אָפּשמייסן פון רבין פאַר ניט געדענקען עפּעס אין דער הפטורה אָדער אין דער פרשה פון דער וואָך."

אַן אינטערעסאַנטער פּאַראַלעל דערצו, וואָס שפּיגלט אָפּ אַן ענלעכע מלמדישע פּעדאַגאָגיק, איז פאַראַן אין א שווייצערישן קינדער־שפּרוך, באַ ראָכהאָלץ, ז' 537:

Nominativ, leg di,
Genitiv, streck di,
Dativ, über der Bank,
Accusativ, mach nit lang,
Vocativ, o weh,
Ablativ, s'ist scho r'scheh.

152-151. אויפגענומען פון אײַדל איין־שאַצקי (טשודנאָוו); נ' 152, פון סאָרקע איסערס (ביעליצע). וואַר. כהן II, 113 נ' 44 — וואַרשע, ז' 138 נ' 58 — ווילנע; אַנ־סקי, נ' 18 — מינסקי, נומ. 19 — וויטעבסק, 20 — בערדיטשעוו; „אורקוועלל" V, 196 נ' 1 (גאַליציע); ווייסענבערג נ' 5 (יעליסאַוועטגראַד).

153. צוגעשיקט פון לעאָן עלבע (מינסק). כהן II, 126 נ' 36 (פּאָדאָל. גוב.); מיטן אָנהויב: „ברוך אתה". מיטט. IV, 127 נ' 7 (זאַסלאָסצע, גאַליציע); ראָזנטאַל, 362, נ' 34 (בעסאַראַביע).

155-154. איבערגעגעבן פון פרומע־שרה וואָלפּאָוו (בערלאַד, רומעניע). צו 154 וואַר. מיטט. XXI יאָרגאַנג, ז' 60 נ' 9 (לעמבערג); צו נ' 155 ענלעכע פערזן באַ כהן, II, 139, נ' 60; מיטט. III, ז' 6 נ' 1 (קורלאַנד).

156. איבערגעגעבן פון י. אַפּאַטאָווסקי (מלאַווע, פּלאָצקער גוב.). דאָס איז א פּאַראָדיע אף דעם פּזמון: „בואי בשלום עטרת בעלה" אאַז"וו.

157. איבערגעגעבן פון בערטאַ קלינג (נאָוואַרידאָק, מינסק. גוב.), מיט די גראַמען אימיטירן די קינדער א קוואָקעדיקער הון. די פערזן ווערן געזונגען שנעל אין א קרייענדיקן טאָן: „כאָדאַקעס, כאָדאַקעס!" וואַר. באַסטאָמסקי, 38, נ' 31; דושמאַן, צ"שר. II-III 818, נ' 2 (מינסק).

158. א — צוגעשיקט פון לעאָן עלבע (מינסק), ב — פון אײַדל איין־שאַצקי, טשודנאָוו; ג — פון נ. ט. ווילנע. אַנדערע וואַר. בערמאַן 385 נ' 29, קאָוונער גוב. באַסטאָמסקי 31, נ' 1; לעהמאַן נ' 119 (וואַרשע).

די שפּאַסיקע צונעמענישן אף די פינף פינגער פון דער האַנט איז א ווייט־פאַרשפּרייטע שפּיל צווישן מוטער און קינד, באַ וועלכער עס אַמוזירן זיך אויך עלטערע קינדער. די רייכע פּאַראַלעלן לאָזן זיך דאָ ניט פאַרצייכענען. געבן בלויז אַן אָנווייז אף עטלעכע מקורים באַ פאַרשיידענע פעלקער. דויטש: באַ זימראָק, נ' 24; דראָזיהן 43; וועגענער 155; לעוואַלטער 42; בעהמע 195 *f--a*; פון פאַרשיידענע געגנטן אין „אורקוועלל" II, 80, IV. 189, V. 221. אין דער שווייץ: באַ ראָכהאָלץ, נ' 221; ציוריכער נ"נ 2—800; ענגליש: באַ האַליוועלל, ז' 206. קעלטיש: באַ מעקלעגען, Games & Diversions of Argyleshire 1901, ז' 114.

באַ אַנדערע איז די באַצייכענונג פון די פינגער־נעמען א גאַנץ פּשוטע און מיט ווייניקער

ניגונים צו די פאָלקסלידער *

פאַרצייכנט

פון לאַזאַר וויינער.

1. אוי, דאָרטן, דאָרטן איבער וואַסערל (טעקסט נומ. 1.)



2. וואָס טויג מיר דער שיינער וויינגאָרטען. (טעקסט נומ. 2.)



3. צווישען מיר און דיר רוישט אַ טייך. (טעקסט נומ. 4.)



4. אוי, מיין האַרץ מיין קרוין. (טעקסט נומ. 6.)



ווער קלאַפּט דאָס אַזוי שפּעט באַנאַכט (טעקסט נומ. 20א.)



* צוליב דוחק אין פּלאַץ גיבן מיר דאָ בלויז אַ טייל פון די ניגונים צו די ליבעסלידער, געצייכנט לויט דעם לויפנומער פונ'ם טעקסט אין דער קאָלעקציע.

168. געזונגען פון עלקע ראַסקין, (סנאָווסק, טשערניגאָוו. גוב.). וואר. באַסטאָמסקי, 33, נ' 16, (ווילנע); צו סטר. 2 — ג"מ. נ' 8 פערז. 7—10, נ' 31 סטר. 2. צו אונז. סטר. 3 ג"מ. נ' 11, סטר. 1.

169-170. די ביידע פאָלקסטימלעכע לידער האָב איך דאָ איבערגעגעבן פון זכרון, אזוי ווי כ'האָב זיי געהערט (אין מיינע קינדער יאָרן) פון מיין פאַרערטער מוטער אסתר־וויטע כהן ע"ה.

נומ. 169 ווייזט אויס, א פראַגמענט פון א גרעסערער ליד, וואס איז שוין אפשר פארלוירן געגאנגען. צו נ' 170 וואר. ג"מ. נ"נ 37, 38 (כערסאָנער און גראָדנ. גוב.)

171. געזונגען פון אברהם ראַווינסקי (קיעוו). דער זינגער מיינט, אז דאָס ליד שטאַמט פון די „ליטוויקעס", דערפאר האָט ער עס געזונגען מיט אַ ליטווישער אויסשפּראַך. די „וואָרציקלאך" ווייזן אָבער אָן אַפן אמתן מקור — אוקראַינע.

172. איבערגעגעבן פון איידל איין־שאַצקי, (טשודנאָוו).

173. געזונגען פון ד. קאַפּלאַן (דווינסק, וויטעבסקער גוב.). פון מיינע ערשטע זאמלונגען (מאַנוסקריפּט). וואר. ג"מ. נ' 367 (אָרשע).

174-175. געזונגען פון גרשון קאָהן (פּינסק), נ' 175 פון י. ז. מילער (פּינסק). וואר. ג"מ. נ' 369, 370 (קאָוונער און וויטעבסקער גוב.). באַסטאָמסקי, ז' 118, נ"נ 28, 29; 120 נ' 31 (מאָהליווער גוב.).

176. געזונגען פון ליבע צוקערמאַן, (האָרע־דאָק, מינסק. ג'.). וואר. ג"מ. נ' 331 (מאָהיל. גוב.).

177. איבערגעגעבן פון ח. דיימאַנדשטיין, (מעזביזש, פּאָדאָל. גוב.).

178. געזונגען פון ז. ז. מילער, (פּינסק, מינסק. גוב.). וואר. ראָזנטאַל, 363 נ' 6 (בעסאראַ־ביע). צו דער שיינער משפּחה זיינען אויך פאראַן אינטערעסאַנטע פּאַראַלעלן אין די דייטשישע פּאַראָ־דיסטישע לידער פון איבערלאַוזיטץ Zs. d. V. Volksk. f. 15, 279 און א וויענער וואר. דאָרט גופא ז' 311, וואָס ווערט דאָ געבראַכט צום פּאַרגלייך:

1. Wollts wiss'n, wer mein Vata is,
Wollts wiss'n wer er is?
Mein Vata is a Naglschmied,
Und was er sicht das nimmt er mit.

ענלעכע פיינע מלאכות טוט די מוטער, די שוועסטער, דער ברודער און אויך די פריינט.

179. געזונגען פון י. ז. מילער (פּינסק, מינסק. גוב.). וואר. ג"מ. נ' 288, קאָוונער גוב. כהן II, נ' 10, ווארשע; הערשעלעס זאמל. „בא אונדז יידן" ז' 102 נ' 19; (ווארשע).

דאָס וויטפאַרשפּרייטע הומאָריסטיש פאָלקסליד פון „דעם אָפּגענאַרטן מאַן", איז פון אַן ענגליש־שאָטישן מקור. בא טשאַילד: English and Scottish Popular Ballads, באָסטאָן, 1882-98 ב. V נ' 274 *A - B* די ווערסיע *A* ווערט געבראַכט פון הערדס זאמלונג, אונטערן נאָמען: Herd's Ancient and Modern Scottish Songs. 1776. *B* פון א פלוגבלאַט געדרוקט אין לאָנדאָן, אָן א דאַטע. די דאָזיקע ווערסיע איז אין 1789 באַ־אַרבעט געוואָרן אין דייטש פונם דיכטער פריעדר. לודוו. מעיער, א. נ. Des Pachters Rückkehr וואָס איז אלס „בענקלזינגערליד" פאַרשפּרייט גע־וואָרן אין פאָלק. פגל. דערצו האָפּמאַן־ריכטער, נ' 195; האָפּמאַן פאָן פאַללערסלעבן: „אונזערע פאָלקס־טימליכען לידער" 1900 נ' 619; י. מייער: „קונסט־ליעדער אים פאָלקסמונדע", נ' 156; דיטפורטה נ' 61; ע. מייער, נ' 142; ערק־בעהמע, II, נ' 900, III, ז' 872 א. א. זאמלונגען.

פון דייטשלאַנד האָט זיך דאָס ליד באַלד פאַר־שפּרייט אין די סקאַנדינאַווישע לענדער, אויך אין אונגאַרן, פראַנקרייך און איטאַליע. פגל. טשאַילד V, ז"ז 88—91.

אונדזערע פּינסקער און קאָוונער נוסחאות שטי־מען אין פיל פּרטים מיט די דייטשישע וואַריאַנטן, פאַרמאָגן אויך א היפּש ביסל „דייטשמעריש" אויס־דרוקן, די פּערסאָנאַזשן און זאכן, וואָס קומען פאָר אינם ליד זיינען אין מערצאָל: דריי קי, דריי שווערדן, דריי מענער אאַז"וו. דאַגעגן אין אונדזערע ווארשעווער נוסחאות זיינען די אלע זאכן אין איינ־צאָל: איין קו, איין שווערד, איין מאַן, — פּונקט ווי אין דער שאָטישער *A* ווערסיע, וואָס איז אין דייטשישע פאָלקסלידער ניט בנמצא. די ווארשעווער נוסחאות פאַרמאָגן אַן עכט פאָלקסטימלעכן טאָן, די שפּראַך — ריין יידיש. דערפון לאָזט זיך משער זיין, אַז דער שאָטישער נוסח איז צו אונדז געקומען פריער ווי די דייטשישע. ס'וואָלט כדאי געווען דאָס אויס־צופאָרשן.

180. איבערגעגעבן פון ברכה קאַפּעל (לעכע־וויטש, מינסק. גוב.)

181. געזונגען פון בינא צוקערמאַן (בראַוואַרי, טשערניג. גוב.). וואַר. לעהמאַן, „ארבעט און פריי־הייט", נ' 69.

182. איבערגעגעבן פון בערטא קלינג (נאָוואָרו־דאָק), מיט דער באַמערקונג: די ליד האָב איך גע־הערט בערך מיט א יאָר 35 צוריק. געזונגען האָבן דאָס שניידער טאַנצנדיק אין א ראָד און בא יעדער „בוטל־בוטל ביר", האָבן זיי צום טאַקט שווער צוגע־פּעט מיט די פיס." דאָס טאַנצליד שיינט צו זיין פון א דייטשישן אָפּשטאַם.

183-184. געזונגען פון ז. ז. מילער (פּינסק). ענלעכע פערזן אין אנדערע גנבים־לידער.

185. געזונגען פון מאטילדע מאָלדאַווין (וואַש־ליקאָוו, גראָדנער גוב.). ווייזט אויס, א פראַגמענט פון א גרעסערער ליד.

186. איבערגעגעבן פון ה. גאָלד (בריסק, גראָד־נער גוב.).

187. איבערגעגעבן פון נחום י. (באַבער, מאָ־הילעווער גוב.). בא ג"מ. געפינען מיר זייער אן אינטערעסאַנטע סעריע רעקרוטן־לידער פון די אמאָ־ליקע „כאַפּערס". די נאָנטסטע וואר. צו אונדזער ליד זיינען די נ"נ 43—45 (פאַרשריבן אין וואָלינער, קאָוונער און וויטעבסקער גוב.). פגל. אויך וויענער, אין Americana Germanica ב. II, ז"ז 20-21.

11. די פייערדיקע ליבע. (טעקסט נומ. 25א.)



12. א חלום, א חלום האָט זיך מיר געחלומט (טעקסט נומ. 30.)



13. אף דעם ים ווייעט א ווינטעלע. (טעקסט נומ. 28א.)



14. כ׳פאַרשילט דעם טאָג פון . . . (טעקסט נומ. 34א.)



15. אוי, א ליבע צו שפילען איז ניט... (טעקסט נומ. 38.)



5. צי געדענקסטו מיין טייער לעבן. (טעקסט נומ. 8.)



6. כ'האָב מיר געמויערט אַ מויער. (טעקסט נומ. 10א.)



7. די מאַמע קאָכט וואַרעניקעס. (טעקסט נומ. 15.)



8. אוי מאַמעלע, מאַמע, דער קאָפּ . . . (טעקסט נומ. 22.)



10. אפן באַרג שטייט אַ טייבעלע. (טעקסט נומ. 23.)



י. ל. כהן:

יידישע פאָלקסמעשיות.

(המשך פון דער זאַמלונג ז׳ 234)

10. אַ מעשה פון אַ געשייטן גנב.

עס איז אַמאָל געווען אַ קייסער, האָט ער געהאַט דריי זין — צוויי קלוגע און איינעם אַ נאַר. האָט ער זיי אַוועקגעשיקט לערנען אין אַן אַנדער מדינה, אויסמענטשלען זיך, הייסט עס. נו זיינען זיי אָפּגעווען אין דער פרעמד דריי יאָר און דערנאָך געקומען צוריק אַהיים. אַז זיי זיינען געקומען האָט מען זיי אויפגענומען גאַנץ פיין, ווי עס פּאַסט פאַר פּרינצן. איז אָבער דער קייסער זייער צעקאַווע געווען צו דערגיין, צו זיינע דריי בנים האָבן עפּעס אַ פּעולה געטאָן אין לערנען, האָט ער אַפריער גערופן זיין עלטסטן זון אויף אַ שפּאַציר. נו, זיינען זיי געגאַנגען, גערעדט, געשמועסט פון כל־ערליי וועלטזאַכן און—גאָרניט. „מילא״, האָט זיך דער קייסער געטראַכט, „איז מיין עלטסטער זון ניט אַזאַ חכם ווי כ׳האָב געמיינט״. דערנאָך האָט ער גערופן דעם צווייטן זון אויף אַ שפּאַציר. נו, זיינען זיי געגאַנגען, גערעדט, געשמועסט פון כלערליי וועלטזאַכן און — ווידער גאָרניט. ער האָט שוין געזען, אַז דער צווייטער איז אויך ניט אַזאַ פּקח, ווי ער האָט געמיינט. דערפאַר האָט ער שוין זיין דריטן זון, דעם נאַר, גאָרניט געוואָלט אָנקוקן, עס איז אים אַזוי אויך געווען געגוג קאַלעמוטנע אויפן הארצן. אָבער דער נאַר האָט ניט געוואַרט אויף דרך ארץ. געזען, אַז דער פאָטער רופט אים ניט, איז ער אַליין צוגעגאַנגען און האָט געזאָגט: „טאַטע, איך וויל מיט דיר עפּעס ריידן״. האָט שוין דער קייסער אים ניט געקאָנט פאַרשעמען, איז ער מיט אים געגאַנגען שפּאַצירן. זיינען זיי גע־גאַנגען, גערעדט, געשמועסט פון כלערליי זאַכן. און וואָס מער זיי האָבן גערעדט און וואָס מער זיי האָבן געשמועסט, אַלץ מער האָט דער קייסער געזען, אַז זיין מוזיניק איז גאָרניט אַזאַ נאַר, ווי ער האָט אַפריער געמיינט. פאַרקערט, ער איז גאָר אַ גרויסער חכם, אַ געשייטער יונג, אַ קאָפּ־מענטש. „אָט דער וועט טאַקע קאָנען פירן די מלוכה נאָך מיין טויט״, האָט זיך דער קייסער געטראַכט, און אַזוי האָט ער טאַקע איינגעשריבן אין זיין צוואה, אָבער קיינער האָט דערפון ניט געוווּסט.

אַז דער קייסער איז געשטאָרבן האָבן זיינע בײדע עלטסטע זין גלייך געעפנט די צוואה, און אַז זיי האָבן אַ קוק געטאָן, וואָס עס שטייט דאָרט פאַרשריבן, שוואַרץ אויף ווייס, איז זיי פּשוט פינצטער געוואָרן אין די אויגן. אָבער זיי האָבן קיינעם גאָרניט דערציילט, נאָר גלייך געשיקט רופן זייער יינגערן ברודער און אַז ער איז געקומען, זאָגן זיי צו אים אַזוי: „הער זיך איין, גוטער ברודער, די מעשה דערפון איז אַזוי און אַזוי, מיר ווילן דיר ניט האָבן אין אונדזער מדינה. נעם די פיס אויף די פּלייצעס, און — מאַרש פונדאַנען!״ דערהערט אַזעלכע דיבורים, הייבט ער אָן צו טענהן: „סטייטש, וואָס האָט איר צו מיר? וואָס האָב איך אייך אַזוינס געטאָן?״ — „שווייג!״ האָבן די ברידער אַ געשריי געטאָן, „אַז דו וועסט ניט שווייגן, וועסטו ערגער מאַכן!״ און זיי נעמען אים און זיי פירן אים צו צום טויער און זאָגן: „אָט האָסטו דיר אַ זאַק מיט גאָלד, מיט אַ גוטן פערד דערצו. נעם און פאָר, — היידאַ!״ האָט ער שוין מער גאָרנישט ניט געזאָגט, צוגענומען דעם זאַק מיט די גאָלדענע רענדלעך, זיך אַרופגעזעצט אויפן פערד און אַוועקגעריטן. איז ער געריטן און געריטן ביז ער איז צוגעקומען צו אַ גרויסן וואַלד. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד און גענומען גיין טיפער אין וואַלד אַריין, זוכן אַן אָרט וווּ איבערצונעכטיקן. פּלוצלינג דערהערט ער עפּעס אַ מאָדנעם גערויש, אַ טומל און אַ קלינגעריי פון אַ סך געווער. ער קוקט זיך אַרום, דערזעט ער ווי עס קומט אָן אַ באַנדע גזלנים, אפשר אַ שטיק צוועלף און אַלע זיינען זיי באַהאַנגען מיט געווער פון קאָפּ ביז די פיס. און איידער ער האָט צייט געהאַט אַ טראַכט צו טאָן וואָס מע טוט, זיינען זיי שוין אַלע געווען לעבן אים און איינער האָט שוין אַ געשריי געטאָן: „שטיי! ווער בינסטע, וואָס טראָגסטו דאָ אין זאַק!״ דער געשייטער פּרינץ האָט זיך אָבער געמאַכט, ווי ער וואָלט געווען פון זייער חברה: „כ׳בין אַ גנב״, זאָגט ער, „אַ סימן האָט איר דעם זאַק מיט גאָלדענע רענדלאַך, וואָס כ׳האָב אָקאָרשט אַרויסגעלאַטכנט פונם קייסערס אוצר״. זיינען די גזלנים באַלד צוגעפאַלן צום זאַק, אויפגעשניטן אים מיט זייערע קינזשאַלן און ס׳האָבן זאָך אַ שאָט געטאָן אַ סך בליסצענדיקע רענדלאַך. אַז דער עלטסטער פון די גזלנים האָט

16. איך האָב שוין ניט קיין כח. (טעקסט נומ. 32.)



17. דעם גאָלדענעם רינג, האָב איך... (טעקסט נומ. 41.)



18. איך גיי און איך פאַל... (טעקסט נומ. 42.)



19. אוי, אַ נאַכט, אַ שיינע. (טעקסט נומ. 44.)



20. ווער עס וויל די ליד אויסהערן. (טעקסט נומ. 62א.)



געבויט דעם פּאַלעץ און איז געוואָרן מיט אים א גוטער ברודער, א גאַנצער פּאַני בראַט. געטרונקען מיט אים, געהוליעט און געשפּילט אין קאָרטן. אזוי איז אוועק א שטיקל צייט. נאָר איינמאָל גיט ער א זאָג צום פּאָדריאַטשיק, „דו ווייסט, איך האָב א טייערן פּלאַן, פון וואָס מיר קאָנען ביידע רייך ווערן". פרעגט אים יענער, „וואָס איז דאָס פאר א פּלאַן?" זאָגט ער צו אים, „דער פּלאַן איז א פּשוטער: אזוי ווי דו סטראָיעסט איצטער דעם קייסערס שאַצקאַמער, וווּ ס'וועלן ליגן אוצרות, זאָלסטו, בעת מעשה, איין שטיין אין וואַנט ניט פארמויערן, נאָר אזוי אריינשטעלען מע זאָל אים דערנאָך קאָנען גרינג אַרויסנעמען. אויף אזא אופן וועלן מיר קאָנען אַריין אינעווייניק ווען מיר וועלן נאָר וועלן און ארויסנעמען פון דאָרטן גאָלד און זילבער און בריליאַנטן, וויפיל די האַרץ וועט גלוסטן און קיינער וועט דערפון ניט וויסן". איז דאָס דעם פּאָדריאַטשיק זייער געפעלן געוואָרן. זאָגט ער, „גוט, דער געשעפט איז אָפּגעמאַכט, נאָר דערווייל קלייב זיך אריין צו מיר אין הויז און וואַרט ביז דער בנין וועט פארטיק ווערן". האָט ער אזוי געטאָן.

אז דער פּאַלעץ איז פארטיק געוואָרן, זיינען זיי איינמאָל אין א פינצטערער נאַכט אוועק אַהינצו, האָבן אַרויסגענומען דעם שטיין פון וואַנט, דורך וואַנען מ'האָט געקאָנט אריין אין שאַצקאַמער צום קייסערס אוצרות. נאָר אפריער האָבן זיי געוואָרפן גורל, ווער עס זאָל דער ערשטער אריין. איז דער גורל געפאַלן אפן פרינץ. איז ער אריין און אָנגעשטאָפּט פולע קעשענעס מיט גאָלד און בריליאַנטן און ארויס צוריק. דערנאָך האָבן זיי צוריק אריינגעשטעלט דעם שטיין אין וואַנט, אז מ'האָט גאָרניט געקאָנט דערקאָנען און זיינען אוועק אַהיים. אזוי האָבן זיי געטאָן פאר א לאַנגער צייט. איינמאָל האָט זיך אָבער דער שאַצמייסטער געכאַפּט, אז עס פעלן אוצרות, האָט ער דאָס געמאָלדן צום קייסער. איז דער קייסער אַראָפּגעקומען מיט זיין גאַנצערי סוויטע. האָבן זיי אַלץ באַקוקט, באַטראַכט און זיך געוווּנדערט: „דאַכט זיך, אַלע טירן פארמאַכט, אַלע שלעסער פארשלאָסן? נאָר אוצרות פעלן!" האָט דער קייסער געהייסן אַרעסטירן דעם שאַצמייסטער. אין א חודש אַרום האָט דער צווייטער שאַצמייסטער זיך געכאַפּט, אַז עס פעלן אוצרות, האָט ער דאָס געמאָלדן צום קייסער. איז דער קייסער ווידער אַראָפּגעקומען מיט זיין גאַנצער סוויטע. האָבן זיי אַלץ באַקוקט, באַטראַכט און זיך געוווּנדערט: „דאַכט זיך, אַלע טירן פארמאַכט, אַלע שלעסער פאַרשלאָסן? נאָר אוצרות פעלן!" האָט דער קייסער געהייסן אַרעסטירן דעם צווייטן שאַצמייסטער. אין א חודש אַרום ווידער די איינגענע מעשה—עס פעלן אוצרות. מילא, האָט דער קייסער שוין געזען, אז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט, אז אין דעם שטעקט עפּעס א קונצשטיק פון א געשייטן גנב, האָט ער פאַרופן אַף אַן אַסיפה זיינע קלוגסטע מיניסטאָרן צו באַקלערן, וואָס מע קאָן דאָ טאָן. האָבן זיי געקלערט און געקלערט, ביז זיי זיינען געפאַלן אויף דעמזעלביקן שכל, אַז אין דעם שטעקט עפּעס א קונצשטיק פון אַ געשייטן גנב. „אָבער דורך וואַנען קומט ער אַריין אָט דערדאָזיקער גנב?" האָט דער קייסער געפרעגט. — „דאָס ווייסן מיר ניט", האָט דער עלטסטער פון די מיניסטאָרן געענטפערט, „ס'איז אָבער פאַראַן אַן עצה: אזוי ווי דער שאַצקאַמער איז אומעטום פארמאַכט, זאָל מען אינעווייניק אָנלייגן אַ סך טרוקענע שטרוי און דאָס אונטערצינדן. וועט מען זען, דורכוואַנען דער רויך גייט אַרויס, דורכדאַנען קומט דער גנב אַריין". איז די עצה דעם קייסער געפעלן געוואָרן, האָט ער געהייסן אַזוי טאָן. האָט מען אָנגעצונדן אין שאַצקאַמער א סך טרוקענע שטרוי, איז דער רויך אַרויס דורך די שפּאַלטן פון צווישן דעם שטיין, וואָס איז ניט געווען פאַרצעמענטעוועט. אַ כלל, האָט מען שוין געוווּסט דעם אָרט דורכוואַנען דער גנב קומט אַריין. אבער ווי אזוי כאַפּט מען אים? — האָט דער מיניסטער ווידער געגעבן אַן עצה, אז מע זאָל אַוועקשטעלן אַ פאַס מיט הייסע פּעך לעבן אָרט, וואו דער שטיין נעמט זיך אַרויס, און וויבאַלד דער גנב וועט אריין און זיך וועלן אראָפּלאָזן אַף דער פּאָדלאָגע, וועט ער גלייך אַריינפאַלן אין דעם פאַס מיט פּעך און וועט שוין ניט קאָנען אַרויס, און אזוי וועט מען אים כאַפּן. האָט דער קייסער געהייסן אזוי טאָן. אָבער דער געשייטער גנב מיטן פּאָדריאַדטשיק האָבן פון גאַרנישט ניט געוווּסט. זיינען זיי זיך געגאַנגען, ווי אַלע מאָל, אין א פינצטערער נאַכט אַרויסלאַטכענען אביסל גאָלד פון קייסערס אוצרות, איז אבער דעם מאָל גראָד אויסגעפאַלן אַפן פּאָדריאַטשיק אריינצוקריכן אינעווייניק. איז ער אריין און דער געשייטער גנב האָט געוואַרט אין דרויסן. ער וואַרט און וואַרט, דער פּאָדריאַטשיק ווייזט זיך ניט. טראַכט ער זיך. „וואָס קאָן דאָ

דערזען אזוי פיל גאָלד, זאָגט ער צו אים: „יע, איך זע טאַקע אַז דו ביזט אַ גנב און איינער פון אונזער חברה, נאָר פונדעסטוועגן וועלן מיר דיר שטעלן אַף נאָך אַ פּראָבע: אויב דו וועסט אונדז דאָ אַפן אָרט קאָנען באַווייזן נאָך עפּעס אַזאַ גנבישע קונצשטיק, איז גוט, — וועלן מיר דיר צוריקגעבן די גאָלדענע רענדלאַך מיטן פערד און דיך לאָזן פריי. נאָר אויב ניט — מאַכן מיר דיר שוין מיט אַ קאָפּ קירצער". צווישן יע און ניין, האָבן זיי דערזעען ווי אַפן וועג פאָרט זיך אַ פּויער מיט זיין פערד און וועגעלע און פירט אַ קאַלב צו פאַרקויפן אַפן יאריד. „אנו", זאָגט דער עלטסטער צו אים, „איצטער באַווייז אַ גנבישע קונצשטיק: אָט נעם און לאַטכן אַוועק ביים פּויער זיין פערד און וועגעלע צוזאַמען מיט דער קאַלב און מיט די זאַכן, וואָס ער טראָגט אויף זיך, נאָר הרגענען זאָלסטו אים ניט, אַפילו קיין האָר זאָל אים ניט געקרימט ווערען!" — „גוט, איך נעם זיך אונטער", זאָגט דער פּרינץ. און ער לויפט אַרויס פון וואַלד, כאַפּט אַראָפּ פון פוס אַ שטיוול, וואַרפט אים אַוועק אַפן מיטן וועג און אַליין באַהאַלט ער זיך הינטער אַ בוים. דער פּויער פאָרט פאַרביי, זעט ער ווי אַפן וועג ליגט עפּעס אַ שיינער שטיוול. טראַכט ער זיך: „מסתמא האָט עס אַ פּאַניץ פאַרלאָרן. נאָר איין שטיוועלע, וואָס קאָן איך מאַכן דערמיט?" און ער פאָרט ווייטער. אַז דער פּויער איז אַוועק, לויפט ער אַרויס פון וואַלד, כאַפּט דעם שטיוול און לויפט פאַראויס בערך אַ האַלבן וויאָרסט, גיט דעם שטיוול ווידער אַ וואָרף אַפן מיטן וועג און באַהאַלט זיך הינטער אַ בוים. דער פּויער פאָרט פאַרביי, זעט ער ווידער ס'ליגט עפּעס נאָך אַ שטיוול. טראַכט ער זאָך: „סאַראַ פּויערשע קאָפּ איך בין — דער שטיוועלע און יענער שטיוועלע זיינען דאָך צוזאַמען אַ פּאָר שטיוועלאַך! דאַרף מען זיך טאַקע ניט פוילן און גיין אופהויבן יענעם שטיוועלע". קריכט ער אַראָפּ פון וועגעלע און גייט זוכן דעם אַנדערן שטיוול. אָבער ווי נאָר דער פּויער איז אַוועק, לויפט. דער פּרינץ אַרויס פון זיין באַהעלטעניש, כאַפּט אַראָפּ די קאַלב פון וועגעלע, פירט איר אַוועק ניט ווייט לעבן אַ טייכל, האַקט איר אַראָפּ די קאָפּ און לאָזט איר שווימען אַפן וואַסער, און אַליין נעמט ער די קאַלב אַפ'ן פּלייצע, גייט אַוועק אין וואַלד און באַהאַלט זיך. דער פּויער האָט דערווייַלע געזוכט דעם שטיוול און ניט געקאָנט געפינען, האָט ער זיך אומגעקערט צוריק צו זיין פערד און וועגעלע. ער גייט צו, ער גיט אַ קוק — די קאַלב איז ניטאָ! מילא, לויפט ער שוין זוכן די קאַלב. לויפט ער אַהין, לויפט ער אַהער, זוכט ער דאָ, זוכט ער דאָרט — די קאַלב איז ניטאָ! דערווייַלע איז ער אַזוי זיך צוגעגאַנגען צום טייכל. ער גיט אַ קוק אויפן וואַסער, דערזעט ער די קאָפּ פון זיין קאַלב, און אָט־אָט דערטרניקט זיך זאָך. טראַכט ער ניט קיין סאָך, טוט אויס אַף גיך זיינע זאַכן און לאָזט זיך שווימען אין טייכל צו ראַטעווען די קאַלב. אַז דער געשייטער יונג האָט דאָס דערזען, איז ער אַרויס פון וואַלד, צוגעכאַפּט דעם פּויערס בגדים, אַרופגעוואָרפן די קאַלב אַפן וועגעלע און צוגעפאָרן צוריק צו די גזלנים. און ווי נאָר זיי האָבן אים דערזען מיט די אַלע זאַכן וואָס ער האָט אַזוי קונציק צוגעלאַטכנט, האָבן זיי געמאַכט פאַר אים אַ גרויסע וואַרע, און האָבן געשריען: „הוראַ, הוראַ, פאַר דעם געשייטן גנב!" און האָבן אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד. דערנאָכדעם האָט אים דער עלטסטער פון די גזלנים צוריק אָפּגעגעבן זיין זאַק מיט די גאָלדענע רענדלאַך מיטן פערד און ער האָט זיך מיט זיי גאָר פיין אָפּגעזעגנט און איז אַוועקגעפאָרן.

איז ער געפאָרן און געפאָרן ביז ער איז אָנגעקומען אין אַ גרויסער שטאָדט פון אַ פרעמדער מדינה. געלט האָט ער געהאַט גענוג, איז ער פאַרפאָרן אין דער רייכסטער אַכסניה און האָט דאָרט געלעבט אַ גוטן טאָג. נאָר איינמאָל כאַפּט ער זיך צום זעקל, ער גיט אַ קוק — עס טאָגט שוין! ס'איז שוין געבליבן בלויז אַ פּאָר רענדלאַך „אַי שלעכט!" — טראַכט ער זיך,— און וואָס טוט מען ווייטער?" איז ער אַרויס אין גאַס און גענומען אַרומקוקן זיך, אפשר וועט זיך עפּעס מאַכן. דערזעט ער, ווי עס סטראָיעט זיך עפּעס אַ וווּנדערלעכער בנין. פרעגט ער ביי די מענטשן: „וואָס סטראָיעט זיך דאָ?" ענטפערט מען אים: „דאָ סטראָיעט זיך דעם קייסערס פּאַלעץ און דאָ וועט אויך זיין דער שאַצקאַמער, ווו עס וועלן ליגן די אוצרות פון דער מלוכה". אַ געשייטער גנב איז ער דאָך שוין, איז דאָס אים אריין אין נאָז, „ס'וועט שוין זיין אַ פּאַרדינסטל", טראַכט ער זיך, און גענומען זוכן אַ פּאָרטל, ווי אַזוי צו באַגנבענען דעם קייסערס אוצרות. און אַז מען זוכט געפינט מען. האָט ער אויפגעזוכט דעם פּאָדריאַטשיק, וואָס האָט

ער געזאָגט: דער גנב מוז געכאפּט ווערן, וואָס דאָס זאָל ניט קאָסטן!" און אַף מאָרגן אינדערפרי האָט ער געהייסן אויסרופן אין שטאָט צו אַלע איינוואוינער, אַז זיי זאָלן קומען צום באַל וואָס ווערט געמאכט אין דעם קייסערס פּאַלעץ, און אייב אימיצער וועט זיך דערוועגן אויסנבלייבן, וועט מען אים אריינזעצן אין תפיסה. האָט שוין דער גנב קיין ברירה ניט געהאט, איז ער אויך געקומען צום באַל גלייך מיט אַלע איינוווינער פון שטאָט. אָבער ווי ער איז נאָר אריין אין דעם קייסערס פּאַליי, האָט דערזען ווי עס ליגן עפּעס גאָלדענע רענדלעך אַף דער פּאָדלאָגע, האָט אים גענומען בייסן אין די הענט און ער האָט זיך שיר ניט געוואלט איינבויגן און עפּעס צולאטכענען, נאָר ער האָט זיך איינגעהאלטן, ער האָט פארשטאַנען אַז מען וויל אים אַף אַזא אופן כאַפּן. „נו, אייב אַזוי", טראַכט ער זיך, „וועל איך אייך שוין אָפּטאָן א בעסערע שטוקע". איז ער ארויס אין גאַס, געקראָגן ערגעץ א שטיק פּעך און האָט זיך דערמיט אָנגעשמירט די פּאָדעשוועס פון זיינע שיך, דערנאָך איז ער צוריק ארייז אינעווייניק און האָט זיך אויסגעמישט מיטן עולם. דערווײַלע האָט ער ארופגעטראָטן אַף די גאָלדענע רענדלאַך וואָס האָבן זיך צוגעקלעפּט צו זיינע שיך און אַז ער האָט דערפילט, ס'איז שוין דאָ גענוג, האָט ער זאַך אַדורכגעדרייט דורך א טיר און איז אוועק אהיים. האָט מען באַלד באַמערקט, אַז עס פעלן אַ סך רענדלאַך, אָבער מען האָט ניט געזען אַז אימיצער זאָל זיך איינבויגן און זיי אויפהויבן. אבער דער קייסער האָט שוין פארשטאַנען, אַז דאָס איז די ארבעט פונם געשייטן גנב, איז ער געוואָרן אין כעס און געזאָגט: „עס מעג דונערן און בליצן, דעם גנב מוז איך כאַפּן!" און האָט באַלד געלאָזט אויסרופן: אַז ווער ס'וועט קענען אראָפּגנבענען פון דעם קייסערס טאָכטער דעם דימענטענעם האַלדזבאַנד, וואָס זי טראָגט אַפן האַלדז, דער וועט איר באַקומען פאַר א ווייב און נאָך א האַלבע מלוכה דערצו. און דערווײַלע האָט דער קייסער בעשטיקע[2] געהייסן אויסגראָבן אַ טיפע גרוב אַרום און אַרום דעם פּאַלעץ, ווו די פּרינצעסין איז געזעסן, און דערנאָך זאָל מען די גרוב פּאַרדעקן מיט דינינקע ברעטלאַך און פון אויבן באַשיטן מיט שטרוי און מיט גראָז, אַז מ'זאָל גאָרניט דערקענען. האָט מען אַזוי געטאָן. אבער אַז דער גנב האָט געהערט דעם קייסערס אויסרוף, האָט ער געלאַכט: „אויך מיר א קונץ, אראָפּצוגנבענען ביי דער פּרינצעסין דעם האַלדזבאַנד! כ'האָב שוין באַוויזן גרעסערע קונצן!" און אַזוי איז ער איינמאָל אין א פינצטערער נאַכט אַוועק צום פּאַלעץ, ווו די פּרינצעסין האָט געוווינט. אָבער אַז ער איז צוגעקומען גאָר נאָענט, האָט זיך די ערד אונטער זיינע פיס פּלוצלינג איינגעבראָכן און ער איז מיט אַ קנאַק אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן גרוב. „אַי שלעכט", טראַכט ער זיך, „אָט איצטער האָט מען מיך געפּאַקט!" אָבער א געשייטער יונג איז ער געווען, האָט ער באַלד זיך גענעבן אן עצה. ער האָט אַרויסגענומען פון א קעשענע א פּאָר שוועבעלאַך, האָט זיי גענעבן א רייב אָן — און ס'האָט זיך אונטערגעצונדן מיט אַמאָל די שטרוי מיט ברעטלאַך און ס'איז טאַקע געוואָרן אן אמת'ע שרפה. האָבן די שומרים דערזען, אַז אַרום דעם פּאַלעץ ברענט, האָבן זיי אָנגעהויבן צו קלינגען אין די גלאָקן און שרייען: פייער! זיינען זיך צונויפגעלאָפן די מענטשן פון שטאָט צו ראַטעווען דער פּרינצעסין, און לויפנדיק אַזוי צום פּאַלעץ זיינען זיי אַלע אַריינגעפאַלן אין גרוב. ווי דער קייסער האָט דאָס דערזען, האָט ער גענעבן א באַפעל, אַז מען זאָל אַלע מענטשן אַרויסנעמען פון גרוב. האָט מען זיי אַלעמען אַרויסגענומען, איז דער גנב אויך געווען צווישן זיי. דערווײַלע האָט ער זיך אין דער סומאַטאָכע גענעבן אַ דריי־אויס, איז אַריין אין פּאַלעץ און אין, איינס־צוויי, האָט ער שוין געהאט בא זיך דער פּרינצעסינס האַלדזבאַנד און איז דערמיט אַוועק אהיים.

בקיצור, דער קייסער האָט געזען אַז ער האָט נאָך ערגער געמאַכט. ניט גענוג וואָס ער האָט דעם גנב ניט געכאַפּט, וועט ער אים נאָך אפשר דאַרפן אַוועקגעבן די פּרינצעסין פאַר א ווייב און א האַלבע מלוכה דערצו, אַזוי ווי ער האָט צוגעזאָגט. „ניין, צו דעם וועט ניט קומען", האָט זיך דער קייסער געטראַכט. און ווי ער טראַכט אַזוי האָט אַ באַדינער געמאָלדן, אַז דער גנב איז אַליין געקומען אין פּאַלעץ און וויל ריידן מיטן קייסער. האָט דער קייסער אים געהייסן אַריינלאָזן. און ווי ער איז אַריין, האָט ער זיך געבוקט פאַרן קייסער און געזאָגט: „אדוני, קעניג! איך בין דאָס דער און דער גנב וואָס האָט אָפּגעטאָן די אַלע שטוקעס און בין געקומען מאָנען, וואָס דו האָסט מיר צוגעזאָגט". — „גיב מיר עפּעס א סימן!" זאָגט דער קייסער.

[2] בשתיקה.

זיין?" מיט אַמאָל דערהערט ער מ'שרייט פֿאַרשטיקט: „ראַטעווע! ראַטעווע!" האָט ער שוין פֿאַרשטאַנען, אַז דאָ איז עפּעס אַ צרה. נעמט ער און קריכט אַריין אינעווייניק. ער גיט אַ קוק, דער פּאָדריאַטשיק שטעקט אין אַ פֿאַס מיט פּעך ביז צום האַלדז. פּרובירט ער אים אַרויסשלעפּן — עס גייט ניט. פּרובירט ער נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל — עס רירט זיך ניט פֿון אָרט. טראַכט ער זיך: „וואָס זאָל איך דאָ טאָן? זאָל איך אַנטלויפֿן און אים דאָ איבערלאָזן? וועט מען אים דערקענען, וועל איך אויך אַריינפֿאַלן. זאָל איך אים ווידער פּרובירן ראַטעווען, אַרויסשלעפּן פֿון דעם פּעך? איז דאָ צו ווייניק צייט, אימיצער קאָן נאָך אָנקומען, בין איך אויך אַ פֿאַרפֿאַלענער". טראַכט ער אַ ווײַלע, טראַכט ער, און כאַפּט אַרויס זיין שווערד און האַקט אים אַראָפּ די קאָפּ. „איצטער" זאָגט ער, „וועט ער שוין ניט קאָנען אויסזאָגן". און ער כאַפּט די קאָפּ, לויפֿט ערגעץ דערמיט אַוועק און באַגראָבט איר אין דער ערד. אין דער היים האָט ער דעם פּאָדריאַטשיקס ווייב געזאָגט, אַז איר מאַן איז ערגעץ־ווו אַוועקגעפֿאָרן און אַז ער וועט קומען צוריק אין אַ פּאָר טעג אַרום. האָט זי אים געגלויבט. בקיצור, אַף מאָרגן איןדערפֿרי, ווען דער אויפֿזעער פֿון שאַצקאַמער האָט געפֿונען אין פֿאַס אַ מענטשן אָן אַ קאָפּ, האָט ער דאָס תּיכּף געמאָלדן צום קייסער. איז דער קייסער אַראָפּגעקומען מיט זיין גאַנצער סוויטע, האָבן זיי באַטראַכט דעם טויטן קערפּער פֿון אַלע זייטן, אָבער אָן אַ קאָפּ האָט אים קיינער ניט געקאָנט דערקענען. האָט דער קייסער געהייסן, מע זאָל דעם קערפּער אופֿהיינגען אַף אַ מויער אין מיטן שטאָט, און ווער עס וועט פֿאַרבייגיין און וועט אָנהייבן צו וויינען אָדער אַזוי מאַכן אַ טרויעריקע מינע, זאָל מען אים באַלד אַרעסטירן, וועט מען פֿון דעם שוין קענען דערגיין, ווער דער גנב איז און ווער ס'האָט אים אַראָפּגענומען דעם קאָפּ. האָט מען אַזוי געטאָן.

דערווײַלע איז אָבער דעם פּאָדריאַטשיקס ווייב זייער אומרואיק געוואָרן, וואָס איר מאַן איז נאָך ניט געקומען אַהיים, האָט זי אָנגעהויבן וויינען, „ווו איז מיין מאַן? ווו איז מיין מאַן?" און זי האָט שוין געוואָלט אַרויס אין גאַס זוכן אים. האָט דער געשייטער גנב געזען, אַז עס האַלט שמאָל, האָט ער זיך ביי איר קאַם איינגעבעטן, אַז זי זאָל בלייבן אין דער היים און ער אַליין וועט גיין אויפֿזוכן איר מאַן. איז ער אַרויס אין גאַס כלומרשט אים אויפֿזוכן. גייט ער אַזוי און טראַכט, וואָס ער זאָל דאָ טאָן? מיט אַמאָל דערזעט ער, ווי עס הענגט אַראָפּ פֿון אַ שטריק דעם פּאָדריאַטשיקס קערפּער און דריי סאָלדאַטן שטייען דערביי און קוקן אַף יעדער איינעם וואָס גייט פֿאַרביי. האָט ער זיך געמאַכט קילעיאָדע[1] און איז זיך פֿאַרבייגעגאַנגען, גלייך ווי ניט אים מיינט מען דאָס. אָבער ביינאַכט, ווען אַלע זיינען שוין געשלאָפֿן, האָט ער זיך איבערגעטאָן אין צעריסענע קליידער, אַרויסגענומען פֿון שאַפֿע דריי פֿלעשער ווײַן און האָט זיי צורעכט געמאַכט מיט אַ שטאַרקן שלאָף־געטראַנק און איז צוריק אַוועק צום אָרט, ווו די סאָלדאַטן זיינען געשטאַנען און האָבן געהיט דעם טויטן קערפּער. ווען ער איז צוגעקומען נענטער צו זיי, האָט ער כלומרשט אָנגעהויבן זיך צו וואַקלען ווי אַ שכּור וואָס קאָן זיך ניט האַלטן אויף די פֿיס. האָבן דאָס די סאָלדאַטן דערזען, האָבן זיי אָנגעהויבן צו לאַכן און מאַכן חוזק: „העי, דו שכּור! וואָס גייסטו ניט אַהיים שלאָפֿן? האָסט דאָך שוין אין קעפּל מער ווי אין פֿלעשל!" האָט ער זיך געמאַכט תּמעוואַטע און האָט פּאַמעלעך אַרויסגעשלעפּט די דריי פֿלעשער ווײַן פֿון די קעשענעס און האָט זיי גענומען באַקוקן. אַז די סאָלדאַטן האָבן דערזען די פֿלעשער מיט ווײַן איז זיי געקומען די סלינע אין מויל אַריין. האָבן זיי ווידער חוזק געמאַכט: „דו שכּור, האָסט דאָך ליידיקע פֿלעשער, אַליין אויסגעטרונקען אינגאַנצן!" האָט ער זיך אַלץ געוואַקלט אַהין און אַהער און איבערגעחזרט: „אינגאַנצן — אויסגעטרונקען — ליידיקע — פֿלעשער? — טאָ נאַט־זשע אייך אַ־ווע־קעט!" די סאָלדאַטן האָבן אַ כאַפּ געטאָן די דריי פֿלעשער מיט ווײַן, אויסגעליאָקטשעט ביז צום דעק, און זיינען באַלד אַנידערגעפֿאַלן ווי די סנאָפּעס. און ווי ער האָט דאָס דערזען, האָט ער גלייך איבערגעשניטן די שטריק, געכאַפּט דעם טויטן פּאָדריאַטשיק אין אַ זאַק און אַנטלאָפֿן מיט אים אַהיים.

אַף מאָרגן איןדערפֿרי האָט מען געמאָלדן צום קייסער, אַז מען האָט צוגעגנבעט דעם טויטן קערפּער און די דריי סאָלדאַטן וואָס האָבן אים געהיט, האָט מען געפֿונען שלאָפֿן ווי דערהרגעטע. האָט שוין דער קייסער פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז די אַרבעט פֿון דעמזעלביקן געשייטן גנב. האָט

[1] כלא־ידע.

אפֿן אַנדערן טאָג האָט מען אים אָװעקגעשיקט מיט צען װילדע האָזן צו פּיטערן זיי אפֿן פֿרייען פֿעלד. אָבער דער קייסער האָט שוין אָנגעהויבן אַביסל זיך צו שרעקן. טאָמער װעט דער דאָזיקער חברה־מאַן די אַנדערע זאַכן אויך דורכפֿירן. האָט ער זיך איבערגעטאָן אין אַנדערע קליידער און איז אַװעק אין פֿעלד זען װאָס דאָרט טוט זיך. ער קומט צו, זעט ער, װי דער יונג ליגט זיך צעשפּרייט אפֿן גראָז װי ביי זיין טאַטן אין װיינגאָרטן, פּייפֿט זיך אַף אַ פּייפֿעלע און די צען האָזן שפּילן זיך אַרום אים. פֿרעגט — אים דער קייסער: „מיט װאָס פֿאַר אַ מיטל האַלטסטו אַרום זיך אַזעלכע צען װילדע האָזן, װאָס אַז זיי דערהערן דעם קלענסטן שאָרך דערשרעקן זיי זיך און אַנטלויפֿן?” — „איך טאָר עס דיר ניט אויסזאָגן”, זאָגט דער יונג, „דאָס איז אַ סוד פֿאַר מיר אַליין”. — „מילא, ניט איז ניט”, מאַכט דער קייסער. און מיינט אַז דער חברה־מאַן האָט אים ניט דערקענט. דערנאָך זאָגט ער צו אים: אפֿשר קאָנסטו מיר פֿאַרקייפֿן אַ האָז?” — דאָס אויך ניט”, זאָגט דער יונג, „אַז איך זאָל דיר איצטער פֿאַרקויפֿן אַ האָז, װעל איך דערנאָך בלייבן אָן אַ קאָפּ. נאָר ס'װאָלט אַלץ כדאַי געװען, װען דו װאָלסט זיך אויסגעטאָן און געטאַנצט פֿאַר מיר נאַקעטערהייט, װאָלט איך דיר געגעבן אַ האָז אומזיסט.” דעם קייסער האָט עס אַפֿילו גאָרניט געשמעקט, נאָר ער האָט זיך באַרעכנט, „איידער צו דאַרפֿן שפּעטער אָפּגעבן מיין טאָכטער צו אַ גנב פֿאַר אַ װייב, איז בעסער באַצייטנס פֿון אים פּטור װערן”. האָט ער זיך אויסגעטאָן נאַקעט און געטאַנצט. און אַז ער האָט אָפּגעטאַנצט, האָט אים דער יונג געגעבן אַ האָז. האָט דער קייסער געכאַפּט דעם האָז און איז מיט אַ שמחה אַנטלאָפֿן אַהיים. אָבער פֿאַרנאַכט, װען דער יונג האָט זיך באַדאַרפֿט מעלדן אין פּאַלעץ מיט די צען האָזן, האָט ער אַרויסגענומען זיין פּייפֿעלע און געגעבן אַ פּייף — איז דער האָז געקומען צופֿליען צוריק. און אַזוי האָט ער צוריקגעבראַכט אין פּאַלעץ אַלע צען האָזן. אפֿן צװייטן טאָג איז אונטערגעקומען די קייסערינע אויס־נאַרן ביי אים אַ האָז. זאָגט זי צו אים: „איך מאַך היינט אַ באַל פֿאַר גרויסע לייט, װיל איך זיי װייזן װאָס פֿאַר אַ שיינע האָזן מיר האָבן. פֿאַרקויף מיר איינעם!” — „אַז איך װעל דיר איצטער פֿאַרקייפֿן אַ האָז”, זאָגט ער, „װעל איך דערנאָך בלייבן אָן אַ קאָפּ. נאָר ס'װאָלט אַלץ כדאַי געװען, װען דו װאָלסט זאַך אויסגעטאָן און געטאַצט פֿאַר מיר נאַקעטערהייט, װאָלט איך דיר געגעבן אַ האָז אומזיסט.” דער קייסערינע האָט דאָס גאָרניט געשמעקט, נאָר זי האָט זיך באַרעכנט: „איידער צו דאַרפֿן שפּעטער אָפּגעבן מיין טאָכטער צו אַ גנב פֿאַר אַ װייב, איז אַ סך בעסער באַצייטנס פֿון אים פּטור צו װערן”. האָט זי זאַך אויסגעטאָן נאַקעט און געטאַנצט. האָט ער איר געגעבן אַ האָז. האָט זי געכאַפּט דעם האָז און איז מיט אַ שמחה אַנטלאָפֿן אַהיים. אָבער פֿאַרנאַכט װען דער יונג האָט זיך װידער געדאַרפֿט מעלדן אין פּאַלעץ מיט די האָזן, האָט ער אַרויסגענומען זיין פּייפֿעלע און געגעבן אַ פּייף, איז דער האָז געקומען צופֿליען צוריק. און אַזוי האָט ער װידער צוריקגעבראַכט אין פּאַלעץ אַלע צען האָזן. אפֿן דריטן טאָג איז געקומען די פּרינצעסין אויסנאַרן ביי אים אַ האָז, האָט זי אויך אַזוי געמוזט טאַנצן װי דער קייסער און װי די קייסערינע, איידער ער האָט איר געגעבן אַ האָז, װעלכער איז דערנאָך געקומען צופֿליען צוריק, װי נאָר ער האָט געטאָן אַ פּייף מיט זיין פּייפֿעלע. און אַזוי האָט ער זיך צום דריטן מאָל געמאָלדן מיט אַלע צען האָזן אין קייסערס פּאַלעץ.

קורץ, אַז דער קייסער האָט געזען, װאָס פֿאַר אַ װוּנדער דער יונג האָט באַװיזן, האָט ער אים שוין ניט געהאַלטן פֿאַר גנב, נאָר עפּעס פֿאַר אַ װוּנדערלאַכן מענטשן. דערפֿאַר האָט ער שוין צו דער דריטער פּראָבע געמאַכט אַ גרויסאַרטיקן באַל, האָט פֿאַרבעטן אַלע מיניסטאָרן און אַלע גרויסע לייט פֿון זיין מדינה, זיי זאָלן קומען זיך משמח זיין און דערצו נאָך זען דעם גרעסטן װוּנדער אַף דער װעלט, װי איינער װעט אָנריידן דריי לעכערדיקע זעק פֿול מיט רייד. זיינען טאַקע אַלע געקומען זען די װוּנדער. האָט זיך פֿריער אָנגעהויבן אַ סעודה מיט עסן און מיט טרינקען, און אינמיטן דערינען האָבן דריי אָפֿיצירן אַריינגעטראָגן אַ גרויסן זאַק, װאָס איז געװען פֿול מיט לעכער און האָבן זיך אַנידערגעשטעלט אין מיטן זאָל. האָט דער קייסער געטאָן אַ װוּנק, איז דער יונג צוגעגאַנגען און גענומען אַריינריידן אין זאַק, װאָס די אָפֿיצירן האָבן געהאַלטן אַ ביסל אָפֿן. האָט ער גערעדט און גערעדט פֿאַר פֿייער און פֿאַר װאַסער. ער האָט דערציילט מעשהלאַך, — געזאָגט װיצן, אָבער דער זאַק איז געבליבן ליידיק,

נעמט דער גנב און שיט אַרויס אויפֿן טיש אַלע רענדלאַך מיט דעם דימענטענעם האַלדזבאַנד, וואָס ער האָט צוגעגנבעט פֿון דער פּרינצעסין. האָט דער קייסער געזען, אַז דאָס איז טאַקע דער ריכטיקער חברה־מאַן, זאָגט ער צו אים אַזוי: „הער זיך איין, יונגערמאַן, דאָס וואָס איך האָב דיר צוגעזאָגט צו געבן מיין טאָכטער פֿאַר אַ ווייב, איז טאַקע גאַנץ ריכטיק. כ'האָב אָבער בעת מעשׂה פֿאַרגעסן צו לאָזן אויסרופֿן נאָך דריי זאַכן וואָס דו וועסט מוזן דורכפֿירן". — „וואָס זיינען דאָס פֿאַר אַ זאַכן?" פֿרעגט דער גנב. — „אָט וועל איך דיר אויסרעכענען", זאָגט דער קייסער: „ערשטנס, מוזטו איבערנעכטיקן אַ נאַכט מיט אַ ווילדן בער אַליין אין אַ חדר. צווייטנס, וועסטו מוזן דריי טעג נאָכאַנאַנד פּיטערן צען ווילדע האָזן אויפֿן פֿרייען פֿעלד, און אַלע פֿאַרנאַכט זאָלסטו זיי צוריקברענגען אין פּאַלעץ און קיינער זאָל ניט פֿעלן. און דריטנס, וועסטו מוזן אָנרייִדן דריי לעכערדיקע זעק פֿול מיט רייד. איז אויב דו וועסט באַווייזן דעם קונץ דורכצופֿירן די אַלע דריי זאַכן, איז גוט, וועל איך האַלטן מיין וואָרט און דיר געבן וואָס איך האָב דיר צוגעזאָגט. און אויב דו וועסט נאָר איין זאַך ניט ריכטיק דורכפֿירן, וועל איך דיר באַשטראָפֿן מיטן טויט". אַז דער גנב האָט דאָס דערהערט, האָט ער אָנגעהויבן צו שוויצן. האָט ער געבעטן ביים קייסער ער זאָל אים כאָטש געבן צען טעג צייט זיך צוצוגרייטן, האָט ער אים געגעבן. דער קייסער האָט סאַי ווי סאַי געוווּסט, אַז ס'איז ניטאָ אַזאַ מענטש אויף דער וועלט וואָס זאָל קענען דורכפֿירן די אַלע זאַכן.

איז דער געשייטער גנב אַוועק אין פֿעלד, האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטיין און גענומען טראַכטן, וואָס ער זאָל דאָ טאָן. מילא די ערשטע פּאָר טעג האָט ער זיך געטרייסט, אַז ער האָט נאָך גענוג צייט, אַז ער וועט נאָך געפֿינען אַ מיטל ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען פֿון טויט. אָבער אַז עס איז געקומען דער לעצטער טאָג און קיין מיטל האָט ער ניט געפֿונען, איז ער געוואָרן טרויעריק און האָט אָנגעהויבן באַקלאָגן זיין ביטערן מזל. און אַזוי ווי ער זיצט אַזוי און קלאָגט, קומט אָן פּלוצלינג אַן אַלטע באָבעצע מיט אַ זעקל אויפֿן פּלייצע, שטעלט זיך אָפּ און פֿרעגט אים וואָס ער וויינט. ווערט ער אין כעס און גיט אַ געשריי: טראָג זיך אָפּ פֿון דאַנען, דו אַלטע מכשפֿה, איך קען ניט קוקן אין דיין מיאוסער צורה!" זאָגט זי צו אים מיט גוטן: „שאַ, בייזער זיך ניט, מיין זון, זאָג מיר בעסער וואָס דיר פֿעלט, אפֿשר וועל איך דיר קענען העלפֿן". זעט ער, אַז ער וועט זיך שוין פֿון איר ניט קענען אָפּטשעפּענען און סאַי ווי סאַי האָט ער שוין ניט וואָס אָנצוווערן, דערציילט ער איר די גאַנצע מעשׂה. זאָגט זי גאָרניט, נעמט אַראָפּ דעם זעקל פֿון פּלייצע און הייבט אָן זוכן אין אירע טראַנטעס. האָט זי געזוכט און געזוכט ביז זי האָט געפֿונען אַ קליינע פֿידעלע. נעמט זי דאָס אַרויס און זאָגט: „הער זיך איין, מיין זון, אָט גיב איך דיר אַ פֿידעלע. און אַז דער קייסער וועט דיר פֿאַרשפּאַרן מיט אַ ווילדן בער אין אַ באַזונדערן חדר, זאָלסטו גלייך אַרויסנעמען די פֿידעלע און טאָן אַ שפּיל, וועט דער בער גלייך אַנטשלאָפֿן ווערן". דערנאָך האָט זי ווידער געזוכט אין אירע טראַנטעס, געזוכט און געזוכט ביז זי האָט געפֿונען אַ פּייפּעלע. נעמט זי דאָס אַרויס און זאָגט: „הער זיך איין, מיין זון, אָט גיב איך דיר אַ פּייפּעלע. און אַז דער קייסער וועט דיר שיקן אין פֿעלד צו פּיטערן די צען ווילדע האָזן, זאָלסטו זיך גאָרניט זאָרגן, אַז זיי וועלן אַנטלויפֿן, זאָלן זיי אַנטלויפֿן. נאָר אַז דו וועסט דאַרפֿן גיין צוריק אין פּאַלעץ, זאָלסטו אַרויסנעמען די פּייפּעלע און געבן אַ פּייף, וועלן זיי אַלע קומען צולויפֿן צוריק." און אַז זי האָט דאָס אָפּגעזאָגט, נעמט זי דעם זעקל אויפֿן פּלייצע און וויל שוין אַוועקגיין, פֿאַרהאַלט ער איר און פֿרעגט: „נו, און וואָס זאָל איך טאָן מיט די דריי לעכערדיקע זעק?" — „דאָס ווייס איך ניט", זאָגט זי, „דו וועסט זאַך שוין אַליין אַן עצה געבן", און זי איז פֿאַרשוווּנדן. האָט ער גענומען די פֿידעלע מיט דעם פּייפּעלע און באַהאַלטן אין בוזים. „מילא", טראַכט ער זיך, „אַ חיי־שעה איז אויך גוט". איז ער אַוועק צום קייסער און האָט געזאָגט: „אדוני קעניג, איך בין שוין פֿאַרטיק דורכצופֿירן די דריי זאַכן". זאָגט דער קייסער: „גוט, מיר וועלן זען". נו, האָט מען דעם יונג פֿאַרשפּאַרט מיט אַ ווילדן בער אין אַ באַזונדערן חדר, און ווי נאָר דער בער האָט דערשמעקט מענטשן־פֿלייש, האָט ער אָנגעהויבן צו ברומען, האָט זיך אויפֿגעשטעלט אויף די הינטערסטע לאַפּעס און האָט שוין געוואָלט אויף אים אַרופֿאַלן. כאַפּט ער אַרויס די פֿידעלע פֿון בוזים און הייבט אָן שפּילן. איז ווי נאָר דער בער האָט דערהערט דעם ניגון, איז ער באַלד אַנטשלאָפֿן געוואָרן. אינדערפֿרי האָט דער קייסער געשיקט אַ באַדינער אַ קוק טאָן צו דער גנב לעבט נאָך, האָט ער אים גאָר געפֿונען שפּילנדיק אויפֿן פֿידעלע און דעם בער אַ שלאָפֿנדיקן.

1.

וואַרשוי ערב פּסח תרס"ט

אַלערוועַרטהעסטע בעסטע פריינדין —

עס איז אפילו ערב פּסח היינט, און וועלכער כשר'ר יוד האָט עס צייט אין אַזאַ טאָג פון אַזוי פיעל הכנות נאָך בריוועלעך צו שרייבען? מוז איך עס אָבער פּאָרט טהון, אַנדערש, וועט מיין געוויסען מיך פּלאַגען, זעלבסט ביים סדר־טיש. אלערבעסטע אונד אַלערווירדיגסטע פרוי און פריינדין. איך פיהל מיך אונפערצייהליך שולדיג געגען אייך. איהר האָט פאַר מיר אַייער עדעל שעהן הערץ געעפענט, אַלע וואונדען און אָנגעוועהטיגטע ווינקעלעך אין איהם מיר אָנגעוויזען, ווי פאַר אַ נאָהענטען איבערגעבענעם און אויספּראָבירטען פריינד, חאָטש איך האָב אַזוינס נאָך מיט ניכטס פערדינט ביי אַייך, ניט פערשווייגען זעלבסט דאָס, וואָס איהר זענט געוועהנט צו פערשווייגען אָפט זעלבסט פון די אייגענע אייערע. איהר האָט געוואָלט איך זאָל אַייך אין גאַנצען, דורך און דורך פערשטעהען, מיין מיינונג אייך ארויסזאָגען, מיין אורטהייל אייך לאָזען הערען, אונד ענדליך, אייך אויך מיין פריינדליכע ראַטה געבען וואָס איהר ברויכט צו דעם אַלעם אָנפאַנגען, צו דעם אַלעם טהון. איז וואָס האָב איך אייך אויף דעם אלעם געענטפערט? מעשה'לעך אַייך דערצעהלט, אייגענע עמפּפינדונגען בעשריבען, און געוויס נאָך אַ סך נאַרישקייטען אַזעלכע, פון וואָס אַייך קען ניט קעלטער, ניט וואַרעמער ווערן. בין איך אַ מענש? בין איך אַ פערשטענדיגער מענש?, וויל איך זאָגען, אימער מיט זיך, מיט מיינע אייגענע, פיליכט נישט מעהר ווי קינדערשע קליינליכקייטען, זיך ארומצוטראַגען, חאָטש איך זעה יענעמס אָפענע וואונדען און הער יענעמס הערצרייסענדעס קרעכץ פון זיינע פיין און ליידען, וואָס ער דערצעהלט מיר.

ליעבע קלוגע ערפאהרענע פריינדין. ענטשולדיגט אַלס פּסיחאָלאָגין, מיר דיזע שווערע ניט קלוגע זינד געגען אייך. אַייער, מיר זאַ טהייערע, גרענעצלאָזע ליעבע מירעלע, האָט מיר אין אַ בריוועלע אַמאָל געשריבען, אז אין אייער קליינעם געזעלשאַפטליכען קרייז, האָט מען מיך שוין מיט דעם נאָמען בעל הרגש געשטעמפּעלט. וואָס זאָל איך טהון, אז דאָס איז פּאָרט אַ אמת, און איך קען אַנדערש ניט זיין, — (חאָטש איך וויל עס אָפט זעהר), — ווי גאָט האָט מיך בעשאַפען? גאָט האָט מיר מעהר הערץ אַלס מוח געגעבען, און אומעטום, און אַלע מאָל אי דאָס הערץ ביי מיר פריהער ווי מיין שכל, זעלבסט אין קאַמף פיר עקזיסטענץ, און נאָך מעהר, אין קאמפף פיר רעכט און אונרעכט, דאָרט, וואו דער שכל הישר ברויך אין זיין ראָליע אַריין, וואו ענערגיע, כח און ענטשלאָסענהייט איז נויטהיגער ווי אלץ, זעלבסט דאָרט איז מיין הערץ פריהער אויפן פּלאַץ און זאָגט זיך פון זיין ראָליע נישט אָב, און אז דאָס הערץ איז אַ בעדויערנסווירדיגער אונגליקליכער העלד אין מלחמה, ברויך איך ניט צו דערצעהלען. איצט מיין טהייערע, ווירקליך פיעל געעהרטע הערצענס פריינדין, איצט פערשטעהט איהר שוין פאַר וואָס איך האָב אייך אויף אַייער בריעף, אויף אַייערע דרינגענדע פראַגען געענטפערט נאָר דאָס, וואָס מיין הערץ האָט בעת מעשה געפיהלט, און ניט וואָס מיין שכל האָט מיר בעדאַרפט דיקטירען, אום חאָטש מיט מיין פריינדליכסטע ראַטה אייך בייצושטעהן אין אייער שווערען קאמף אויף טוידט און אויף לעבען? —

ענטשולדיגט, ענטשולדיגט, טהייערע, גרויסע און רייגע זעלע. ניט אורטהיילען אייך בין איך ווערטה, בעוואונדערן נור און אָנבעטען אַייך ווי אַ הייליגע מאַרטירערין קען איך. דאָס איז *מיין איבערצייגטע מיינונג* וועגען אייך, וועגען אייער האנדלען און וואנדלען אין דעם וועג, וואָס איז פאר אייך מיט אַזוי פיעל דערנער אויף יעדען שריט און טריט אויסגעזייעט, וואָס צערייסען אַייער פליש, וואָס פערוואונדען אַייער זעלטען שעהנעס מענשליכעס הערץ, און ריהרען אייער ריינע ערהאַבענע נשמה דאָך ניט אָן.

איך טראַכט שוין לאַנג, אז די נאָרמאַלע מענשהייט, אז די זאָגענאַנטע פּראַקטישע מענשהייט, וואָס לעבט און שטרעבט נור מיט'ן שכל, ניט איבערקלויבענדיג די מיטעל, און ניט אומקוקענדיג זיך אויף די צוטרעטענע און דערדריקטע, וועלענדיג אָדער ניט וועלענדיג, ארום זיך און אונטער זיך. אָט אַזעלכע מענשען ווייסען וואָהין זיי געהען, ווייסען זייער ציעל, זעהען איהם און דערגרייכען איהם. אזעלכע מענשען, אז זיי פרעגען אמאָל: וועלכער איז דער נאָהענטסטער וועג צו זייער ציעל, וואָס זיי האָבען פאר זיך, איז זיי גרינג צו ענטפערן, קאַטעגאָריש צו ענטפערען: רעכטס אָדער לינקס, אי זיי, וואָס פרעגען, אי די וואס ענטפערן זיי, געהערען צו דער פּראַקטישער וועלט, צו דער נאָרמאַלער מענשהייט. מיר אָבער, מיין טהייערע הערצענס פריינדין, איהר זעלבסט און אויך איך ניט ווענינער, געהערען ליידער צו דער ניט נאָרמאַלער מענשהייט. אידעאַליסטען זענען מיר, מיר זעהען אונזער אידעאל פאַר זיך אפילו גענוג קלאָר און דייטליך אָפט, אָבער מיר פערגעסען, אז מיר בלאָנזען אין דער וויסטע, און דאָס, וואָס מיר זעהען אַזוי קלאָר, איז נישט מעהר ווי אַ מיראזש, אַ פאַטאַ מאָרגאַנע. מיט ברענענדען דורסט לויפען מיר צו דעם כלומערשטען קלאָרען וואַסער־שטראָם,

מען האָט אַפילו ניט באַמערקט ער זאָל זיך כאָצבע א ביסל אָנבלאָזן. האָט ער ווייטער גערעדט, דערציילט מעשיות, ביז ער האָט אָנגעהייבן דערציילן די מעשה, ווי ער איז געזעסן אין פעלד און האָט געהיט צען ווילדע האָזן. „איז געקומען דער קייסער און געבעטן כ׳זאָל אים פאַרקייפן א האָז. האָב איך געזאַגט, אז ער וועט זאך אויסטאָן און טאַנצן פאַר מיר נאַקעטערהייט, וועל איך אים געבן א האָז. האָט ער זאך אויסגעטאָן נאַך . . . — „סטאָי!" האָט דער קייסער אַ געשריי געטאָן, „פאַרבינדט דעם זאַק, דער זאַק איז שוין פול!" האָבן די אָפיצירן באַלד פאַרבונדן דעם זאַק און אַריינגעבראַכט דעם צווייטן. האָט דער יונג ווידער גענומען אַריינריידן אין צווייטן זאַק. האָט ער גערעדט און גערעדט פאַר פייער און פאַר וואסער. געזאָגט וויצן, דערציילט מעשהלאַך, ביז ער איז אַרופגעקומען אַף דער מעשה, ווי ער איז געזעסן אין פעלד און האָט געהיט צען ווילדע האָזן. „איז געקומען די קייסערינע און האָט מיר געבעטן כ׳זאָל איר פאַרקייפן א האָז. האָב איך געזאַגט, אַז זי וועט זיך אויסטאָן און טאַנצן פאַר מיר נאַקעטערהייט, וועל איך איר געבן אַ האָז. האָט זי זאך אויסגעטאָן נאַך..." —„סטאָי!" האָט דער קייסער א געשריי געטאָן, „פאַרבינדט דעם זאַק. דער זאַק איז שוין פול!" האָבן די אָפיצירן באַלד פאַרבונדן דעם זאַק און אַריינגעבראַכט דעם דריטן. האָט דער יונג ווידער גענומען אַריינריידן אין דריטן זאַק. האָט ער גערעדט און גערעדט און דערציילט מעשהלאַך אַזוי ווי פריער, נאָר ווי ער האָט גענומען דערציילן פון דער פּרינצעסין, ווי אַזוי זי האָט זיך גענומען אויסטאָן, האָט דער קייסער ווידער אַ געשריי געטאָן: „סטאָי! פאַרבינדט דעם זאַק, דער זאַק איז שוין פול!" און אַז די אָפיצירן האָבן שוין געהאַט פאַרבונדן דעם דריטן זאַק, איז דער קייסער צו אים צוגעגאַנגען, האָט אים געדריקט די האַנט און געזאַגט: „איצטער זע איך טאַקע, אַז דו ביזט ניט קיין גנב, נאָר א וווּנדערלעכער מאַן און א גרויסער חכם דערצו. כ׳גיב דיר דערפאַר מיין טאָכטער פאַר א ווייב און א האַלבע מלוכה אין נדן". — „און איצטער", רופט זיך אָפּ דער יונג, דער פאַרשטעלטער פּרינץ, „וועל איך אייך אויסזאָגן דעם סוד, — איך בין א קייסערס א זון!"

נו, נו, וואָס דאָרטן האָט זיך אָפּגעטאָן, פרעגט שוין ניט. די שמחה האָט זיך אָנגעהויבן איבעראַניים, מע האָט געטרונקען און געגעסן — נאָר אָן אונדז האָט מען פאַרגעסן.

דערציילט פון יעקב דוב שוחט (סאַדאָווע, קאָוונער, גוב.).

יעקב דינעזאָנס ניט־פאַרעפנטלעכטע בריוו

מיטגעטיילט פון דר. יעקב שאַצקי.

אַ דאַנק דער פריינדלעכקייט פון אַן אָנגעזעענער יידישער משפּחה, וואָס איז מיט א פּאָר יאָר צוריק אָנגעקומען קיין אַמעריקע און וואָס איז געווען אינטים באַפריינדעט מיט יעקב דינעזאָן, האָב איך די מעגלעכקייט צו פאַרעפנטלעכן א ריי אינטערעסאַנטע בריוו פון אים געשריבן.

דער ערשטער בריוו, וואָס ווערט דאָ אָפּגעדרוקט איז דאַטירט: וואַרשע, פּסח תרס"ט (1909). דער אינהאַלט זיינער איז פון גרויס באַדייטונג פאַר דער ביאָגראַפיע, אָדער ריכטיקער געזאָגט, פאַר דער פּסיכאָגראַפיע פון יעקב דינעזאָן. דער דאָזיקער בריוו איז אַזוי קלאָר אַז עס איז איבעריק צו מאַכן וועלכע עס איז באַמערקונגען. א פּאָר ערקלערונגען, וואָס מען וואָלט אפשר באַדאַרפט געבן זיינען צוליב פאַרשיידענע טעמים דערווייל פּריציייטיק. אויף דעם ווונטש פון דער אייגנטימערין פון די דאָזיקע בריוו האָב איך אויסגעשטראָכן דעם נאָמען פון דער אַדרעסאַטין.

דער בריוו איז געדרוקט מיט דער אָרטאָגראַפיע פון דעם אָריגינאַל, נאָר די אינטערפּונקציע איז פאַרבעסערט געוואָרן. אַנדערע בריוו וועלן געדרוקט זיין אין די ווייטערדיקע נומערן פון „פּנקס".

פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון דינעזאָן דעם בריוונשרייבער, זע: ש. ניגערס אַרטיקל אין די אַמעריקאַנער „שריפטן" (הערבסט, 1919, VI אָפּטיילונג, ז. 28-26).

פאַן דער נאַטור דוקא פרויהליך און מונטער אימער, בעקלאָג זיך העכסטענס אויף קערפּערליכע שמערצען, מיינע זעעלען שמערצען טראָג איך נור אליין, און ווי מיר דאכט, איז גאר קיינער ניט חושד אפילו, אז אַזאַ אַרט בענקען און דערבען קען אין מיין אינערעס פלאַץ פינדען.

דעריבער בעגרייף איך אייער נשמה, דעריבער פערשטעה איך אייך אזוי טיעף, און דעריבער קען איך אויך אזוי טיעף פיהלען און מיטפיהלען אייערע פיין און לײדען. — דעריבער פיהל איך מיט אויך אַייער עדעלע ליעבע מירעלען, און עס ווײנט מיין הערץ אין מיר, פאַר וואָס קענט איהר ביידע אויך גליקליך ניט זיין; ווי איך וויל אַייך זעהן נאָך אין מיין לעבען. און ווייס איך נור מיט וואָס איך קען אייער גליק צוהעלפען, גלויבט מיר, מיט מיין גאַנצען לעבען, מיט אלץ וואָס איך פערמאָג, מיט מיין גאנצען ערווינשטען גליק, בין איך גרייט, אין דיעזעם רייבעם הייליגען זינן, צו טהון פאַר אַייך און פאַר אונזער זאָל לעבען טהייערער מירעלען. פאר וואָס? ווי זאָל איך אייך עס ערקלערען אום ניט שלעכט פערשטאַנען צו ווערען? איך ערקלערע עס מיר אליין נור מיט דעם, ווייל איך פיהל אייער הערץ אין מיין אייגענעם הערצען, ווייל איך ערקענע מיין אייגענע נשמה, אין אַייערע נשמות. איך פיהל מיך געטרייסט דערמיט, וואָס מיין נשמה בענקט און ווערט צוגעצויגען צו אַזעלכע ריינע ערהאַבענע נשמות ווי איך דערקען זיי אין אייך, הויכגעערטע פריינדין, און אין דער זעלענגוטער אלערליעבסטער מירעלען. איך טרייסט מיך דערמיט, ווייל דאָס ווייזט מיר בחוש, אז מיין אייגענע נשמה בעזיצט נאָך די געטליכע רייגהייט, די אונבעפלעקטקייט פון לעבען און פערפיהרעריי און ליעבט ניט דאָס וואָס עס גלאנצט און שיינט פיר דעם אויג, נור דאָס וואָס איז הערליך און ערהאבען פיר דעם געטליכען גייסט אין אונז.

איך פערלאנג וועדער פון אונזער מירעלען נאָך פון אַייך, מיין טהייערע פריינדין, קיין שום זאַך אין דער וועלט ניט, אויסער אַייער רייגער, ריינער הערצליכער אינטימער פריינדשאפט. זאָלען אונזערע אָנגעוועהטיגטע הערצער אָפען זיין פאַר אונז דרייען, זאָלען מיר זיך ניט שעמען מיט אונזערע חסרונות ווי אויך זיך ניט איבערנעהמען מיט אונזערע מעלות. זאָלען מיר די ריינע, זיכערע איבערצייגונג האָבען, אז אונזער הערץ געהער ניט נור אונז אליין, אָבער עס געהערט אונז דרייען. יעדער פון אונז טראָגט אין זיין בוזים נאָר איין דריטעל פון איהם, און אין גאנצען גאנץ קען עס נור אין אונז דרייען זיין. ווי ווינש איך אזא פריינדשאפט, ליעבע פרוי! ווי האָב איך אזא געזוכט אין מיין אידעאליסטישען וועלטעל. און ווי בעטריבט און לוסטלאָז איז מיין לעבען, ווייל איך האָב עס נאָך ביז אהער ניט געפונען!

אין אייך, מיינע טהייערע, ווילט זיך מיר גלויבען און איבערצייגט זיין, האָב איך אזוינס געפונען. דאָס אונבעגרענצטע צוטרויען, וואָס איהר ביידע האָט מיר געשענקט פון אונזער ערסטער שריפטליכער בעקאַנטשאפט אָן, פערזיכערט מיך אין מיין איבערצייגונג, און איך פיהל מיך אין איהר בעפרידיגט און גליקליך. איך האָב איצט דאָס בעוואוסטזיין, אז עס געפינדט זיך ערגעץ א הארץ, וואס איז א טהייל פון מיין הערצען, און עס ווערט דאָרט אזוי גוט און גאַנץ פערשטאַנען, ווי איך פערשטעה אַליין דעם טהייל וואָס איז אין מיר, און ריין און אונבעפלעקט ווערט יענער טהייל דאָרט אָבגעהיט, ווייט פון עגאָאיסטישע אבזיכטען, אָדער זאָנסט אונווירדיגקייטען. מיר איז קיין אונטערשיעד ניט צי הייסט דער אָרט שפּיקאָוו, ווארשוי, ירושלים אָדער בבל. פאר דער זעעלע עקזיסטירט קיין ווייטקייט אָדער נאָהענטקייט ניט, ווי עס עקזיסטירט ניט פאַר איהר קיין גרעניץ און קיין צוים, וואָהין זי קען ניט אַריינקומען ווען זי וויל נור קומען. פיהלט איהר, מיינע ליעבע פריינדינען, אַז אַזאַ פריינדשאפט קען אייך ערווינשט זיין, טאָ זייט איבערצייגט אין דעם, אז זי פעהלט אייך נישט מעהר. איהר וועט פון אייער אייגענעם הערצען, וועלכער לעבט אין מיר, איז מיר טהייער ווי מיין לעבען, יעדענפאַלס ניט וועניגער טהייער ווי דער טהייל פון מיין הערצען, וואָס איך דערקען אין אייך. מיט אזא ריינער און פעסטער איבערצייגונג, האָפּפע איך, וועט איהר אימער זיך קענען ווענדען צו מיר, אָהן צערעמאָניעס, — ווי עס רעדט זיך, — ווי צו זיך זעלבסט. זיך אויסרעדען, זיך אויסוויינען, ווען דאָס איז אזוי נויטהיג, חאָטש די נשמה א פרייען אָטהעם צו צולאָזען, בעת דער גוף ווערט אונטערן שווערען לעבענס־ און שיקזאל־דרוק דערשטיקט. טהוט עס ליעבע פריינד. דאָס וועט אַייך חאָטש פיעל וועניג אייער שווערען לעבען גרינגער מאַכען. אָט נור אין דעם קען איך אייך בעהילפיג זיין. קיין אנדערע הילפע אייך אָנצובאָטען וואַג איך ניט, חאָטש עס קען גאָר די רעדע ניט זיין וועגען ענטזאגען אייך, וואָס זאָל מיר נור מעגליך זיין.

און אייך, מיין פארנעהמע טיעפדענקענדע פריינדין. אייך קען איך נור איינס ראַטהען, זאָגאר אייך בעשווערען, מיר אין דעם צו פאָלגען: וואַרפט אַוועק אלע אייערע ספקות. גריבעלט זיך ניט צופיל און צו טיעף אין אייער עדעלער זעעלע. גלויבט אין זיך, אין דעם אנגעבוירענעם ריינעם געפיהל

וואָס ערשיינט פאר אונז, לויפען, יאָגען זיך נאָך איהם, מיר מיינען, מיט יעדען טריט, וואס מיר שטעלען מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג, קומען מיר אלץ נעהענטער, נעהענטער, און בעמערקען קוים ווי אין דערזעלבער מאָס דערווייטערט זיך אויך אונזער אידעאל פון אונז ווייטער ווייטער, ביז די לעצטע כחות שעפּען זיך אויס ביי אונז, און מיר פאַלען און ווערן בעגראָבען און פערשאָטען אין דעם טרוקענעם זאַמד פון דער וויסטע. זעהר זעלטען, מיין ליעבע פריינדין, וואַקסען חאָטש בלימעלעך אַרוים אויף אונזערע קברים... אמאָל איז חאָטש דאָס א טרייסט פאר אונז אין לעבען, אבער ווער קען אין דעם פערזיכערען אויף נאָך אונזער לעבען?

היוסט עס, וועט איהר מיינען, איך זאָג אייך, אַז עס לויהנט ניט אידעאליסט צו זיין? ניין, דאָס זאָג איך ניט. צי עס לויהנט, צי עס לויהנט ניט, מיר קענען אנדערש ניט זיין ווי מיר זענען. דאָס איז די אייגענשאַפט פון אונזער נשמה, די בעשאַפענהייט פון אונזער הערצען. כי לכך נוצרנו. — ניט דאָס לעבען, דאָס עררייכען דאָס לעבען איז אונזער ציעל, אָבער נור דאָס שטרעבען, דאָס אייביגע בלאָנדזען און זיך יאָגען צו אונזער אידעאל. דאָס שטרעבען אליין איז אונזער מיסיאָן, אויב עס איז, ווירקליך, דאָס יעדער לעבעדיגער מענש מוז א מיסיאָן האָבען. איך קען וועניג גליקליכע, וואס האָבען זייער אידעאל עררייכט, האָבען עס מאַנכע יאָ, האָט דער אידעאל אויפגעהערט אידעאל צו זיין אין זעלבען מאָמענט, וואָס זיי האָבען איהם עררייכט.

און ווייל דאָס איז אזוי, ווייל גאָט, די פאָרזעהונג, די נאַטור, אָדער ווער דאָרט פערוואלטעט מיט דער וועלט און איהרע בעשעפענישען, האָט שוין איינמאָל אזוי איינגעאָרדענט אָדער פערפּושט, מוזען מיר מיט אונזער גורל צופרידען זיין, שטרעבען און נור שטרעבען צום אידעאל, און אין שטרעבען, זעלבסט דעם אינהאלט פון אונזער לעבען געפינען, קיינע גוואַלדטהאַטען געגען זיך זעלבסט נישט אויסאיבען. לעבען ווי עס לאָזט זיך און שטרעבען ווי עס ווילט זיך!

אך בין אין מיין נשמה פון אייגענעם מאַטעריאל געקנאָטען, וואס איהר, מיין ערסט ענטדעקטע, מיר אזוי פיעל נאָהענטע ליעבע פריינדין, איך האָב אין מיין לעבענסוועג אויך גענוג הינדערניסע אַלערליי בעגעגענט, געליטען, ליעבע פריינדין, כמעט די אייגענע פיין, חאָטש אויף א גאַנץ אַנדערן באָדען און געביט, וואָס איהר. עס זענען מאָמענטען געוועזען, וואָס איך האָב געמיינט, איך וועל, מיט שמערצען אפילו, מיך קענען ארויסרייסען פון מיין אידעאליסטישען וועלטעל, און זיך אַרויסוואַרפען מיט לייב און לעבען אין די פּראַקטישע וועלט, וואו אלערליי גליקען, גענוס און וואָס איהר ווילט פאַר אַ פליטערלעך, מיר האָבען זיך פאָרגעשטעלט און זענען מיר כמעט ביי דער האַנד געוועזען. איך האָב אויך גענרובט אַפילו מיין האַנד אויסשטרעקען, און די גליקען מיר נעהמען, אָבער איך האָב מיך באלד איבערצייגט, אז פיעל גרינגער קען מיר זיין פון אייגענער הויט ארויסצוקריכען, איידער צו בעהאלטען ערגעץ מיין נשמה אין מיר, זי זאָל מיר קיין דעת ניט זאָגען, נישט אריינמישען זיך אין מיינע עסקים, און דאָס גליק מיר פערסמ׳ן נאָך איידער איך האָב עס מיט מיין האַנד אנגעטאַפּט... לייט, אייגענע און ניט אייגענע, גוטע פריינד און בעקאנטע האָבען מיך פאר משוגע גערעכענט: ווי זאָגט זיך אַ מענש אָב פון אַזאַ גליק! וואָלטען אָבער יענע לייט מיין נשמה געקענט, וואָלטען זיי אפשר פערשטאַנען, אז אָהן א נשמה קען א מענש נישט לעבען. מיין נשמה וואָלט ביי יענע גליקען ניט געקענט זיין מיט מיר, איך האָב נאָך אבער לעבען געוואלט, האָב די גליקען פון זיך אָפּגעשטויסען, און בין ביי מיין נשמה געבליבען. — וואָס זאָל איך אייך פיעל דאָ זאָגען? גענוג, אז מיין אידעאליזם האָט מיך ביז א געוויסער שטופע פון אסקעטיזם צוגעפיהרט, און דורך דעם בין איך אזוי עלענד און אליין אין מיין לעבען געבליבען ביז היינטיגען טאָג. איהר ווייסט עס אפשר ניט, הערט זשע דעם טראָסטלאָזען פאקט: איך בין אונפערהייראט געבליבען, האָב ניט און ווייס ניט פון דער זעליגער צערטליכקייט און ווייכליכקייט אין מיינעם איינזאמען האלב אסקעטישע לעבען, וואָס נור א איבערגעבענע טרייע פרוי וואָלט מיר געקענט געבען, און מיין לעבען וואָלט אַזוי קאַלט און טראָסטלאָז ניט געווען, ווי עס איז אַצינד.

איך מאַכע אייך דיזע טרויעריגע געשטענדניסע, מיין אללער ווערטהעסטע גוטע פריינדין, וואָס איך האָב זאָנסט ביז אהער, נאָך פיר קיינעם ניט געמאכט, ווייל, איהר האָט פאר מיר אויך אפּגעדעקט א טיעפע וואונד אין אייער ריינער נשמה, וואָס איהר האָט זי געוויס פון יעדען אנדערן פערדעקט און פערשוויגען. ווייזען אייך, ווייל איך דערמיט, א גראָדע אונז אידעאליסטען, וואָס זאלכע ריין מענשליכע צערטליכקייט איז אזוי נויטהיג פיר אונזער נשמה, ווי ליכט און ווערמע, מוזען מיר ענטבעהרען טאקי נור צוליעב אונזער אידעאליזם. — און וויפיעל ליידעט די איינזאַמע נשמה, וויפיעל בענקט זי נאָך איהר אונעררייכבאַרען אידעאל, וואָס זאָל אזוינס איהר ערזעטצען! די נאָהענטעסטע און אינטימסטע פון מיינע פריינד ווייסען עס ניט. איך בין

לקחו חלק בהריב הקדוש הזה, ויהי שמור בנאד זכרוני ימים רבים עד כי מצאתי און לי למשוך בעט ספר." און אַזוי ווי דאָס איז פאָרגעקומען ארום דעם יאָר 1832, ווי מען זעט עס פון דער זעלביקער פאָררעדע, וואו עס שטייט, אז דאָס האָט פּאַסירט מיט זעקס און דרייסיג יאָר צוריק, איז קלאָר, אַז דאַן האָט דיק נאָך ניט געשריבן, ממילא, מוזן די שירים, וועלכע ווערן געבראַכט אין „מקור ברוך", זיין אָדער ניט דיקס, אָדער זיי מוזן שטאַמען פון א פיל שפּעטערדיקער צייט.

2. דער פאקט, וואָס ארום דעם יאָר 1832 האָט דיק נאָך ניט געפילט אין זיך די פאייקייט צו שרייבן („למשוך בעט ספר"), איז אין אַ געוויסער מאָס א ראיה צו דער מיינונג, אז ער איז געבוירן געוואָרן שפּעטער, ווי אין 1807. ווען זיין געבורט־יאָר זאָל זיין 1807, וואָלט ער אין יאָר 1832, ווען עס האָט פּאַסירט די געשיכטע פון „זפרונה", געווען אַלט שוין ביי א 25 יאָר. ליוגט זיך ניט אויפן שכל, אַז ער זאָל אין דעם עלטער נאָך נישט האָבן געפרוווט שרייבן. פון דער אנדער זייט דארף מען ניש פאַרגעסן, אַז אויב אַזילו ער איז געבוירן געוואָרן ערש אין 1813—1814, איז ער דאַן, ווען עס האָט פּאַסירט די געשיכטע פון „זפרונה" — שוין אויך געווען אַ יאָר 18—19, און אויב ער האָט ניט געשריבן צו 18—19, איז מיגלעך, אז ער האָט נאָך נישט אָפּגעגעבן זיך מיט ליטעראַטור אויך צו 5 2 יאָר. אַזוי, אַז שטאַרק בויען אויף דעם דאָזיקן באַווייז לטובת פ. קאַנס השערה — קאָן מען ניט.

פאַרקערט, זיינען דאָ געוויסע באַווייזן קעגן דער דאָזיקער השערה, און אָט זיינען זיי:

3. רוידנדיק וועגן דעם, אז מען קאָן נישט בויען צופיל אויף די רשימה'ס פון די נכתבים וואָס זיינען אמאָל געפירט געוואָרן אין רוסלאנד, זאָגט פ' קאָן, אז ער „בויט ניט אויסשליסלעך אויף דער סקאַזקע פון 1816 (לויט וועלכער דיק איז געבוירן געוואָרן אין 1813—ש. נ.), זי שטיצט נאָר אונטער דעם ערנסטן און גלויבווירדיקן אָנווייז פון דיקן גופא." דעם דאָזיקן אָנווייז האָט דיק געמאַכט, ווי איך האָב געשריבן אין מיין אַרבעט וועגן זיינע העברעאישע ווערק, — איינמאָל אין „זפרונה" און נאָך אַמאָל אין דעם „ערסטן נאַבֿאָר". אָבער אויב פון יענע דערקלערונגען דיקס איז געדרונגען, אַז ער איז געבוירן געוואָרן ארום דעם יאָר 1814 אָדער 1815, קאָן מען פון אַן אַנדער שטעלע אין זיינעם אַ ביכל אָפּלערנען, אז 1817 איז געווען זיין געבורטיאָר. די דאָזיקע שטעלע געפינט זיך אין „דעם אידישען פאסלאניק" (ווילנע, 1880). אין מיין דערמאָנטן העברעאישן ארטיקל האָב איך זי ציטירט. און מיך וווּנדערט באמת, וואָס פ. קאָן וועלכער שטעלט זיך אָפּ אויף יעדן יאָר, וואָס ווערט ערגיץ־ווּ אָנגעגעבן ווי דיקס געבורטסיאָר — פאַרשווייגט ער דעם יאָר 1817, אויף וועלכן עס איז דאָ שווייזט ער דעם יאָר 1817, אויף וועלכן עס איז דאָ אַן אָנווייז ביי דיקן אליין. ווען פ. קאָן זאָל ניט האָבן איגנאָרירט די דערקלערונג, וועלכע געפינט זיך אין „דעם אידישן פאסלאניק", וואָלט ער געמוזט צוגעבן, אז אויב עס איז דאָ ביי דיקן אן „ערנסטער און גלויבווערדיקער אָנווייז" אויף 1814 אָדער 1815 (אגב, ניט אויף 1813, דעם יאָר פון דער „סקאַזקע", אויף וועלכער עס איז סומך פ. קאָן), איז דאָ ביי אים פונקט אַזאַ „ערנסטער און גלויבווערדיקער" אָנווייז אויף 1817.

4. פ. קאָן דערמאָנט אויך ניט דאָס, וואָס עס זאָגט אין זיינע זכרונות ש. ל. ציטראָן. ער דערציילט דאָרט, אז ווען ער האָט באזוכט דיקן אין יאָר 1879, איז דער לעצטער געווען שוין „העכער פון א בן שבעים" („דריי ליטעראַרישע דורות", I, ז. 7). אויב ער זאָל געווען געבוירן געוואָרן ערשט אין יאָר 1814, וואָלט ער דאַך געווען דאַן ערשט 65 יאָר אלט. נאָר אפשר איז עס געווען נאָר ציטראָנס אייגענע השערה, אז דיק איז געווען העכער ווי א בן שבעים אין יאָר 1879? דערציילט אָבער דער זעלביקער ש. ל. ציטראָן, אז דיק אליין האָט נאָך פריער מיט א פּאָר יאָר געשריבן אין א בריוו צו מענדעלע מוכר ספרים: „אז א ייד א זקן פון א בן שבעים ווי איך בין און אז. וו." אויב דאָס איז אמת, האָט דיק אליין עדות געזאגט, אז ער איז געבוירן געווארן ארום 1807, און אינאיינעם מיט דער דערציילונג פון זיין זון, אז ווען דיק איז אלט געווען 5 יאָר זאַל זיין פּאַטער מיט אים געווען געגאנגען באַגעגענען נאַפּאָלעאָנען, ווען יענער איז אָנגעקומען קיין ווילנע אין 1812, — האָבן מיר צוויי באַהויפּטונגען אין נאָמען פון דיקן אליין, אז ער איז געבוירן געווארן אין 1807. איך זאָג ניט, אז זיי זיינען אזוי וויכטיק, ווי די דירעקטע דערקלערונגען, וואָס דיק אַליין האָט געמאכט, אָבער עס שאדט ניט צו האָבן זיי אין זינען.

5. אין א בריוו האָט מיר יעקב דינעזאָן אמאַל געשריבן, אז ווען ער האָט זיך געזען מיט דיקן אין יאָר 1877, איז דער אלטער ווילנער שרייבער געווען „אַ בן שבעים וחמש", אויב נישט עלטער, אבער אויסגעוויזן האָט ער ווי א בן חמישים". האָבן מיר שוין גאָר א נייע דאטע — 1802! ווען דאָס זאָל זיין ריכטיק, וואָלט עס הייסן, אז ווען עס האָט פּאַסירט די געשיכטע פון „זפרונה", איז ער שוין

וועגן יושר און אויפריכטיקייט! וואָס איהר טהוט, איז רעכט! ... וואָס אייער יושר דיקטירט אײַך, קען ניט אונגערעכט זיין. דער שטענדיגער ספק, אזי א געפעהרליכער וואָרעם וואָס טאָטשעט, פרעסט אויף דאָס הערץ און פערגיפטעט די נשמה. אמת, אַ מענש איז עלול אַ טעות צו האָבען, אָבער צום אבזאָלוטען אמת איז נאָך אונזער מענשליכער גייסט ניט צוגעקומען. וואָס היינט שיינט אונז פאר אמת, קען מאָרגען זיך ארויסווייזען פאר ניט אמת. אבער מיר דארפען זיך רעכענען נור מיט'ן היינט, וועט דער מאָרגען אונז אנדערש בעווייזען, וועט מיט דעם דער מאָרגען א היינט, און נור אזוי קענען מיר לעבען מיטן אמת און נאָך איהם זיך ליטען לאָזען.

זייט מיר געזונד, מיין עדעל עדעלע פריינדין.

אַייער דינעזאָהן.

נ אָ ט י צ ן

[ש. נ.] צו דער פראַגע וועגן א. מ. דיקס געבורטסיאָר.

אין דער זייער ווערטפולער ארבעט, „ווען איז געבוירן געוואָרן אייזיק מאיר דיק?" („פילאָלאָגישע שריפטן", II, זז. 329—344) קומט פ. קאָן צום אויספיר, אז דיק איז געבוירן געוואָרן סוף 1813 אָדער אָנהייב 1814. זיין אויספיר מאַכט ער אויפן סמך פון ווילנער ארכיוו־קוואלן. אָבער אזוי ווי די דאָזיקע מקורים זיינען סותר אוינס דאָס אנדערע — לויט איין „סקאַזקע" זאָל דיק געווען געבוירן געוואָרן אין 1813, לויט אנאַנדערער, — אין 1807 — קאָן מען די פראַגע ניט האַלטן פאַר אבסאָליוט און אַנטגילטיק פארענטפערט, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס פ. קאָנס דערקלערונג פון דער סתירה לטובת דעם יאָר 1813 אָדער 1814 ליגט זיך אויפן שכל. ווען עס זאָל אויפגעזוכט ווערן אַ טעם, פאַרוואָס מען האָט בעת דער רעוויזיע פון יאָר 1816 געוואלט פארשרייבן דיקן יינגער, ווי ער איז געווען אין דער אמתן, וועט די דאָזיקע השערה זיין פונקט אַזאַ באַרעכטיקטע ווי קאָנס מיינונג, אז מען האָט אין 1827 פארשריבן דיקן עלטער, ווי ער איז געווען. דערוויילע זעט קאָנס היפּאָטעזע אויס צו זיין קרוב אל האמת, אָבער עס שאדט ניט צו זוכן נייעם מאַטעריאַל. דיקס ראָליע אין דער אנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור און דער יידישער אויפקלערונגסבאַוועגונג אין 19טן יאָרהונדערט איז געווען צו גרויס, אז מיר זאָלן ניט פלייסן זיך צו דערגיין אלע פרטים פון זיין לעבן אויפן פינקטלעכסטן אופן.

וויל איך דאָ ברענגען נאָך עטלעכע מקורים, וועלכע קאָנען, פון איין זייט, פארשטאַרקן און, פון דער אנדערער — אָפּשוואַכן דעם אויספיר, צו וועלכן פ. קאָן איז געקומען.

1. אין „מקור ברוך" פון הרב ברוך הלוי עפשטיין (ווילנע, תרפ"ח) ווערט דערציילט, אז אין דעם יאָר, ווען עס איז ארויס די גזרה צו נעמען יידישע רעקרוטן, דאָס הייסט, אין יאָר 1827, זאָל דיק/האָבן געלערנט אין באָברויסק אין דער ישיבה פון הרב עפשטיינס זיידע. אינאיינעם דערמיט ווערן דאָרט געבראַכט העברעאישע שירים אין דעם גייסט פון השכלה, וועלכע דיק זאָל שוין דאן האָבן געשריבן, און וועלכע זאָלן האָבן ארייגעבראכט אין כעס דעם ראש ישיבה (זע חלק שני, ז. תק"א). דער דאָזיקער פאקט, ווען ער זאָל זיין ריכטיק, וואָלט ער נישט נאָר געהאט א באדייטונג פאר דער געשיכטע פון דיקס יוגנט, וועגן וועלכער מיר ווייסן אזוי ווינציק. ער וואָלט אויך געווען אין א געוויסער מאָס אן אינדירעקטער באַווייז קעגן דער השערה, אַז דיק איז געבוירן געוואָרן אין 1813 אָדער 1814, ווייל עס איז שווער צו גלויבן, אַז אַ בר־מצוה־אינגל זאָל האָבן געשריבן אזעלכע שירים (און אַזאַ בריוו), וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין „מקור ברוך". אָבער דער זייער חשוב'ער מחבר פון דעם דאָזיקן ספר האָט זיכער געמאכט אַ טעות. און איך דערמאָן דעם דאָזיקן נייעם מקור פאַר דיקס ביאָגראפיע נאָר כדי צו ווייזן, אַז מען קאָן זיך אויף אים ניט פארלאָזן. אָדער דער יונגערמאן, וועגן וועלכן הרב עפשטיין דערציילט, איז ניט געווען דיק, אָדער דאָס האָט ניט פּאַסירט אין דער צייט פון דעם „ערשטן נאַבאָר". אין יענעם יאָר איז דיק געווען אין ווילנע. אַזוי שרייבט ער בפירוש אין „דעם ערשטען נאַבאָר": „בשנת, אין דעם יאָהר תקפ"ח צוא דיא ערסטע סליחות איז דער אוקאַז אָנגעקומען קיין ווילנא — — — איך האָב דערפון דערהערט שטייענדיג לעבין מיינע עלטערינס קראָם און אז. וו." (ז. 9). אויב דיק איז געווען דאן אין ווילנע, האָט ער, פארשטייט זיך, ניט געקאָנט זיין אין באָברויסק. אגב, האַט ער ניט נאָר אין 1827, נאָר אפילו אזוי שפּעט ווי אין 1832 נישט אָפּגעגעבן זיך נאָך מיט שרייבן. דאָס זעט מען פון זיין פאָררעדע צו זיין העברעאישער דערציילונג „זפרונה" (ווילנע, 1868). ער שרייבט דאָרט: „ואנכי מבני הנעורים אז אשר

איך בין געווען אביסל מקנא מיינע יעווראָ־פעאישע קאָלעגעס, וואָס האָבן זיך אָנגעזען אזוי פיל אוצרות פון דער אלט־יידישער ליטעראטור אז זיי קענען באשטימען דעם דרוקאָרט פון אן אלט־יידישן ספר אָן א שער און דעם דרוקיאָר אין די גרענעצן פון בלויז אַ פּאָר יאָר (1618-20), „לויט א סך סימנים".

מיר איז אָבער געווען א חידוש ווי אַזוי קומט א שמשון זימלה בן משה בעל מדפיס מק"ק מעץ אין לובלין אין 1618-20?

איך האָב אָבער געלייענט ווייטער ביי עריקן: „עס זאָל זיך אויסצייכענען מיט איר פּראכט די אויסגאַבע פון דעם דרוקער מאַי אין מעץ (סוף 18טן י"ה)".

עס איז געווען קלאָר אז עריק האָט די מעצער „צאינה וראינה" ניט געזען. זי איז געווען געדרוקט במיץ (=מעץ) ת'ק'פ'ח: „הובא לבית הדפוס ע"י הרר משה מאיי" בק"ק מיץ יע"א.

A. METZ, de l'Imprimerie de **Joseph Antoine**
Imprimeur ordinaire du Roi

די ערשטע 17 בלעטלעך פאַרנעמען: שחרית, מוסף און הלל. ווייטער גייען 36 זייטלעך יוצרות און א תחינה. נאָך צאינה וראינה קומען „אקדמות עם פירוש ל'א."

האָב איך אַ קוק געטאָן אויפ'ן קאָלאָפאָן, זייטל שעה, פאַר די אקדמות, און דאָרט האָב איך געפונען אָט וואָס:

„על ידי המסדר לא כפועל מתחדר. אלא לכבוד אבי. נשאתי את ידי ולבי לזאת המלאכה. ומה אשא ברכה. נאם שמשון זימלה בן כהרר משה מאיי (אָט דעם שליסל־וואָרט האָט עריק, קענטיק, פאַרזען!) בעל מדפיס מק"ק מיץ יע'א."

משה מאַיי איז אויפן שער און שמשון זימלה, זיין זון, איז אויפן קאָלאָפאָן פון דער מעצער 1768 אויסגאַבע פון צאינה וראינה, און ניט פון דער לובלינער 1618-1620! ווו זיינען די „אַ סך סימנים"?

עריקס טעות קומט, דוכט זיך, פון דעם וואָס ער האָט זיך פאַרלאָזן אויף שולמאַנען (פּ סבאַמער־קונג נומ. 2, ז. 36, שפת יהודית־אשכנזית וספרותו, 1913). ווער עס האָט נאָר דעם קלענסטן באַגריף פון יידישער ביבליאָגראַפיע, מוז וויסן, אז די טעותים (דרוקפעלער און פשוט גרייזן) זיינען דאָ אזוי פיל, אז מע טאָר ניט אָננעמען קיין איינציקע דאַטע זיינע, סיידן מע ווייס פון אַנדערע מקורים אז זי איז ריכטיק.

סעפּט. 23, 1928.

[י. ש.]

צו דער ביבליאָגראַפיע פון פּרצס ווערק.

1) „מאָניש".

די ערשטע זאַך וואָס פּרץ האָט געדרוקט אויף יידיש איז געווען זיין באַלאַדע „מאָניש". זי איז געווען פאַרעפנטלעכט אין שלום־עליכמס „די יודישע פאָלקסביבליאָטעק" (קיעוו, 1888, באַנד I, זז. 148—158).

שלום־עליכם האָט די פּאָעמע שטאַרק געקירצט און אפילו געענדערט (מוסטערן פון שלום־עליכמס רעדאַקציע ביי ציטראָנען „דריי ליטעראַרישע דורות", I, זז. 135—136). דאָס האָט אויפגעבראַכט פּרצן און ער האָט דעריבער באַשלאָסן אָפּצודרוקן די באַלאַדע אין איר אָריגינעלער פאָרמע.

דער ערשטער, וואָס אינפאָרמירט וועגן דעם, אז פּרץ האָט די באַלאַדע אָפּגעדרוקט באַזונדער, איז ב. גאָרין („צוקונפט", 1915, ז. 549).

נחמן מייזיל דערציילט אין זיין אַרטיקל „פּרץ און שלום־עליכם" („לאַנדוי־בוך", ז. 266) — אז ער האָט דאָס ביכעלע ניט געקענט געפינען. און א פּאָר שורות ווייטער זאָגט ער — אז ער ווייסט ניט בכלל אויב עס איז אַרויס די געפּלאַנטע, פולע רעדאַקציע פון „מאָניש" (ז. 267).

עס לאָזט זיך אויס, אז גאָרין איז גערעכט.

אין לעאָ וויינערס פּראַכטפולער קאָלעקציע פון יידישע ביכער, וואָס איז היינט דאָס אייגנטום פון דער האַרוואַרדער ביבליאָטעק, אין באָסטאָן, האָב איך געפונען די באַפּרעגטע אויסגאַבע פון פּרצס מאָניש".

דאָס איז אַ ביכעלע פון 40 זייטלעך, 12°, מיטן נאָמען: פּאָעזיע. י. ל. פּרץ, צווייטעס העפט. מאָניש. באַלאַדע. וואַרשא, תרנ"ב [1892].

אויפן צווייטן זייטל פון שער־בלאַט געפינט זיך פאָלגנדער אויפשריפט, וואָס גאָרין דערמאָנט פון זכרון — דעריבער איז ביי אים פאַראַן א סך אומ־פּינקטלעכקייטן: „געדרוקט אין „פאָלקס־ביבליאָ־טהעק" האָט דיא באַלאַדע געליטטען פון רעדאַק־טאָרס שעער און פעדער. די געקרענקטע אייגענ־ליעבע האָט מיך באוואויגען זיא איבער צו שרייבען. אונד גוטע פריינד — איבער צו דרוקקען."

עס איז כדאַי צו באַמערקן, אז אין באָראָכאָווס „פּרץ־ביבליאָגראַפיע" (ניו יאָרק, 1915) ווערט די אויסגאַבע אויך ניט דערמאָנט.

עס וואָלט געווען כדאַי צו פאַרגלייכן דעם דאָ־זיקן טעקסט פון „מאָניש" מיט דעם, וואָס שלום־עליכם האָט אָפּגעדרוקט — כדי פעסטצושטעלן, וואָס פּאַר אַן ענדערונגען האָט דער רעדאַקטאָר פון דער

אַלט געווען אַ יאָר דרייסיק און דאָך איז ער נאָך אַלץ נישט געווען קיין „מושך בעט ספר" — אַן אומגלויבלעכע זאַך! עס וואָלט אַן אויך געהייסן, אַז אין „זפרונה" האָט ער אַ טעות געמאַכט אויף 13 יאָר און אין דעם „אידישען פּאַסלאַניק" — אויף גאַנצע 15 יאָר! דינעזאָנס מיטטיילונג זעט נישט אויס צו זיין ריכטיק. פונדעסטוועגן איז כדאַי זי צו דערמאָנען, ווי מאַטעריאַל פאַר דער נאָך אַלץ פאַר־פּלאָנטערטער פראַגע וועגן א. מ. דיקס געבורטיאָר.

[י. ר.] די געגראַמטע הקדמה פון קרעמאָנער חומש.

אין זיין „געשיכטע פון דער יידישער ליטע־ראַטור" ברענגט מאַקס עריק, אויף זייט 220, אַן אָפּבילד מיט דעם איבערשריפט „די כאַראַקטעריס־טישע הקדמה צום קרעמאָנער חומש" — אַזוי אַז עס גיט אַ געלעגנהייט צו מאַכן אַ טעות אָנצונעמען אַז די פאָטאָגראַפיע איז פון דער ערשטער אויס־גאַבע, פון 1560, ווען ס'איז באמת פון דער צווייטער אויסגאַבע פון באַזעל 1583. עריק האָט זיך באַנוצט מיט אַ פאָטאָסטאַט פון אַן עקזעמ־פּליאַר פון ייט"ס [=יידיש טעאָלאָגישן סעמינאַר] ביבליאָטעק, ניו יאָרק, וואָס כ'האָב בעֶרך מיט צוויי יאָר צוריק צוגעשיקט צו זלמן רייזענען.

פאַראַן דריי הויפּט־אונטערשיידן (אָפּגערעדט פון אייניקע קליינע אָפּווייכונגען) צווישן דיביידע אויסגאַבעס פון דער הקדמה:

1) אין דער קרעמאָנער אויסגאַבע איז די הקדמה געדרוקט אין קוואַדראַט שריפט און פּונקטירט, און אין דער באַזעלער — אין ווייבער־שריפט.

2) אין דער ערשטער אויסגאַבע לייענען זיך די לעצטע דריי סטראָפעס אַזוי:

„אזוי איך זאָג. אן דען טאָג. דז— אם מנשטין טג. מזל שו פן || און טריכט און טראַכט. דער נואך בייא נאכט. פיר מול מן מאכט. בורא גפן || אין שין כף יאָר. איך האש פער וואר. ליב און גוט פאַר. איז מיין ואו פין". ||

אין דער צווייטער באַזעלער, אַזוי:

„אזו איך זאָג. אן דען טאָג. דז — אם דינשטג טג פורים זויפן || אונ, טריכט אונ' טרכט. דש אויך בייא נאכט. פיל מול מן מאכט בורא גפן || אין שין מג יאר. אין האש פער וואר. ליב און גוט פאר. איז מיין ואו פן". ||

3) די נאָכבאַמערקונג פונ'ם ארויסגעבער פון דער צווייטער אויסגאַבע: „אונ' דר וויל דז חכמים הבן גיזאגט כל האומר דבר בשם אמרו מביא גאולה לעולם... דארום הבן מיר דעם ער־שטן מחבר זיין הקדמה און שירה לאשן בלייבן" — איז אין דער ערשטער, פאַרשטייט זיך, נישטאָ.

ווען עריק גיט זיך די מי דורכצולייענען דאָס ליד און די נאָכבאַמערקונג, וואָלט ער געזען אַז ער האָט פאַר זיך די צווייטע אויסגאַבע, נישט די ערשטע, די קרעמאָנער.

ווייַנרייך אין זיין אַרטיקל „די יידישע שפּראַכ־פאָרשונג אין 17טן יאָרהונדערט" (מינסקער צייט־שריפט", II-III, ז. 731) ברענגט נאָך אַ יידישן שיר וואָס וואַגענזייל האָט איבערגעדרוקט „מיט דייטשי־שע אותיות דעם גאַנצן רעקלאַמע־שער פון אַ חומש מיט הפטרות און מגילות" און ער פרעגט אין אַ באַמערקונג: „פון וואָסער אויסגאַבע?" נישט וויסנ־דיק וועלכן חומש וואג. האָט באַנוצט.

אויף דער שאלה איז זייער לייכט צו ענטפערן: וואַגענזייל האָט איבערגעדרוקט די הקדמה לויט באַזעלער אויסגאַבע. דערביי האָט אויך געטראָפן אַ טעות גוי. וואַגענזייל האָט די לעצטע שורה „אין שין מג יאר" געלעזן פאַלש פאַרבייטנדיק דעם וואָרט „שין" (ש=דריי הונדערט) פאַר „שוין" און דעם נישט גאָר דייט־לעכן גימל אויף אַ נון „מג יאר" (43 יאָר) פאַר „מניאר" — נישט באַמערקנדיק אַז די צוויי ווערטער „שין מג" זיינען געדרוקט אין קוואַדראַט שריפט — און אין זיין טראַנסקריפּציע איז ארויסגעקומען אַזוי:

“In schön Manier. ich has fürwar lieb und gut vor is mein Waf-fen.”

און ווי עס ווייזט אויס, האָט דער טעות וואָס וואַגענזייל האָט געמאַכט, לעזנדיק די לעצטע שורה, וועלכע גיט אָן דעם יאָר פון דרוק (שמ"ג=1583), געבראַכט ווייַנרייכן צו דער שאלה.

[י. א. י.]

וועגן לובלינער „צאינה וראינה".

אין זיין געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַ־טור (וואַרשע, 1928), ז. 229, שרייבט מאַקס עריק: „ביי דעם יידישן בוכהענדלער אין לאָנדאָן, ש. גאָלדענבערג (באַרי סטריט, 14) האָב איך געזען אַן עקזעמפּליאַר פון אַ „צאינה וראינה", וואָס איז לויט אַ סך סימנים געדרוקט געוואָרן אין לובלין צווישן 1618-20 (קורסיוו מיינער — י. א. י.) ביים דרוקער שמשון זימלה בן משה בעל מדפים מק"ק מעץ. ליידער פעלט דער שער־בלאַט."

גען, וועלען זיי געווים באַלד אַליין איינזעהן אונ ערקענען אונזער אמתען צוועק מיט דער „גראָשען ביבליאָטהעק". אז מיר וועלען זעהן, אז מיר האָבען א פּובליקום, וואָס פערשטעהט און קויפט אזעלכע זאַכען, וועלען מיר, מיט גאָט'ס הילף, די פעדער פון דער האַנד ניט אוועקלעגען אונ וועלען אונזער ארעמע זשאַרגאָן־ליטעראַטור רייכער מאַכען מיט הונדערטען אזעלכע ערצאהלונגען, וועלכע וועלען יעדענפאַלס ביליגער קאָסטען אונ מעהר נוצען ברענגען אלס די „האכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען" וועלכע האָבען ביז איצט אַזוי ווי אַ רעגען געגאָסען אונ אַ סך בלאָטעס אָנגעמאַכט.

מיר האָפען, אז אונזער אויסגאַבע וועט זיך אַליין צום גוטען רעקאָמענדירען אונ זעלבסט די דאַ אויסגעשפּראָכענע ווערטער וועלען ניט בלייבען אומזיסט." (זז. 3—4). [Harvard]

[י. ש.] פרישמאַנס ערשטע יידישע הקדמה.

פרישמאַנס באַציונג צו יידיש און צו דער יידישער ליטעראַטור איז נאָך עד היום ניט אויסגעפאָרשט געוואָרן, הגם מאַטעריאַל איז פאַראַן גענוג. אַזוי ווי אַלע משכילים, האָט אויך פרישמאַן אין אָנפאַנג געקוקט אויף ליטעראַטור אין יידיש, ווי אויף א „נויטווענדיקער שלעכטער זאַך", ווי אויף א מיטל צו בילדן דאָס פאָלק, אָבער ניט ווי אויף אַ זעלבסטשטענדיקן קולטור־אינסטרומענט.

אין יאָר 1888 האָט פרישמאַן אָפּגעדרוקט אין „יודישען פאָלקס בלאַט" א ליד א. נ. „אויף'ן בערגעל". אין ערשטן באַנד פון דער „יודישער פאָלקס ביבליאָטעק" איז געווען געדרוקט זיין „אויפיר" (זז. 211—224).

דאָך האָט פ ר י ש מ אַ ן זיך ניט געהאַלטן פאַר אַ יידישן שרייבער. „איך בין ניט פון די זשאַרגאָנישע שרייבער און עס איז ניט מיין ווילען צו זיין אין דעם גאָרטען, און נאָר כדי צו באַפרידיגען די בקשה פון אן אנגעזעהענער פּרוי האָב איך געשריבען אין מאָל [אויף יידיש] דאָס וואָס איך האָב געשריבען" — דערקלערט פרישמאַן אין א בריוו צו שלום־עליכמן. (אגרות דוד פרישמאַן. ארויסגעגעבען פון א. ר. מלאכי, ניו יאָרק, תרפ"ז, ז. קכ"א. דער בריוו איז דאַטירט דעם 25טן מערץ (אַלטער סטיל), 1888).

פרישמאַן האָט „פּאַרלייקנט די עכטקייט פון דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור" — זאָגט י. ד. ב ע ר ק אָ ו ו י ט ש (שלום־עליכם בוך, ז. 161). דאָס איז אפשר ריכטיק בנוגע דער ערשטער תקופה פון זיין שרייבן אויף יידיש, אָבער שפּעטער האָט ער זיין מיינונג געביטן.

אין יאָר 1894 האָט אין ט אַ ר נ אָ ו (גאַליציען) אָנגעהויבן דערשיינען א „יודישע פאָלקס־ביבליאָטהעק", ארויסגעגעבען פון דער „עקסעקוטיוו קאָמיטע דער ציוניסטישען פּארטיי".

אַלס ערשט ביכל איז דערשינען א זאמלונג פון פרישמאַנס דערציילונגען א. נ. „קליינינקייטען". די דאָזיקע זאמלונג באַשטייט פון אן הקדמה, געשריבן אָריגינעל אויף יידיש, און פון צוויי דערציילונגען איבערגעזעצט פון העברעאיש: 1) מטות און מסע, און 2) אום יום כפור. פרישמאַן האָט דאַמאָלסט געוואוינט אין ברעסלוי, ווו ער האָט שטודירט פילאָזאָפיע און קונסט־געשיכטע אויף דעם דאָרטיקן אוניווערסיטעט. ער האָט פאַר דער אויסגאַבע אָנגעשריבן א „הקדמה צו דער זשאַרגאָנישער איבערזעצונג" וואָס איז דאַטירט ברעסלוי, דעם 16 אויגוסט, 1893, וואָס האָט אן אינטערעס ניט נאָר פאַר פרישמאַנס קוק אויף יידיש, נאָר אויך אלס אַ כאַראַקטעריסטיק פון דער יידישער ליטעראַטור פון יענער צייט.

די דאָזיקע אויסגאַבע איז פרישמאַנס ביאָגראַפן געבליבן אומבאַקאַנט. ז ל מ ן ר י י ז ע ן אינפאָרמירט ניט ריכטיק, אז פרישמאַן האָט זיך געדרוקט אין ע ר ע נ פ ר י י ז ס, אַ גאַליציש אויסגאַבע „קליינינקייטען" („לעקסיקאָן", 1914, ז. 495). אַזאַ אויסגאַבע עקזיסטירט ניט, און ווייזט אויס, אז דער נאָמען פון דעם ביכעלע האָט ער נאָר געהערט, אָבער זי ניט געזען. דאָס איז א קליין ביכעלע, 8°, אנטהאַלט 38 זייטן. אן עקזעמפּלאַר געפינט זיך אין האַרוואַרדער אוניווערסיטעט ביבליאָטעק.

אויך די דאַטע פון דער הקדמה איז זייער וויכטיק, ווייל אַ דאַנק איר לאָזט זיך פעסטשטעלן מ ל א כ י ס אומפּינקטלעכקייט אין זיין ביאָגראַפיע פון פרישמאַנען, ווו ער גיט אָן, אז פרישמאַן האָט שטודירט אין ברעסלוי אין די יאָרן תר"ן—תרנ"ב (אגרות פרישמאַן, ז. י"ג). ווייזט זיך ארויס, אז אויך אין יאָר תרנ"ג איז ער נאָך געווען אין ברעסלוי.

די הקדמה דרוק איך איבער אָן שום שנוים, מיט דער אָרטאָגראַפיע פון אריגינאַל.

„הקדמה צו דער זשאַרגאַנישער איבערזעצונג."

„מען זאָלל נישט דאַס אומריינע וואַססער אויסגיעססען אויידער מען האָט דאָס ריינע — אַזוי לאַנג וויא דער המון עם איז נישט אים שטאַנד זיין בעדאַרף פון בילדונג אונ פון וויססען אויס אַנ־איירא־פּעאישער שפּראַכע צו שעפּפען, אַזוי לאַנג זעגען מיר מחויב, איהם די דאָזיגע זאַכען אין זיין זשאַרגאָנישער שפּראַכע צו געבען. אונ די זשאַרגאַנישע שרייבערס זענען געקוממען פון מזרח אונ פון

„פאָלקס-ביבליאָטעק" געמאכט אין פּרצס ערשטער יידישער שאַפונג.

2) אַן אומבאַקאַנטע הקדמה צו פּרצס „באַקאַנטע בילדער".

אין באָראָכאָווס „די פּרץ ביבליאָגראַפיע" (י. ל. פּרץ, א זאמעלבוך צו זיין אָנדענקען, ניו יאָרק, 1915), ווערט געבראַכט אונטער נאמער 8 א טיטל: „בעקאַנטע בילדער. פערפרוירען געוואָרען! וואַרשא, 1894". דער נומער האָט ניט קיין שטערנדל — אַ סימן, אַז באָראָכאָוו האָט דאָס ביכעלע געזען. עס איז אבער מסתמא א טעות. ווייל וואָלט ער, באמת, דאָס דאָזיקע ביכעלע געזען — וואָלט ער זי באשריבן אויספירלעך, ווייל זי פאַרדינט עס, צוליב אַן אייגנאַרטיקער הקדמה וואָס געפינט זיך דאָרטן.

אין דער אויבן דערמאַנטער האַרוואַרדער ביבליאָטעק, וואָס איז שוין באשריבן געוואָרן פון ד ר. א. א. ר אָ ב אַ ק (שריפטן פון י. וו. א., באנד II, זז. 381—400) האָב איך געפונען א ביכעלע, וואָס טראָגט פאָלגנדן נאָמען:

„בעקאַנטע בילדער. פערפרוירען געווארען. פון י. ל. פּרץ. צווייטע אויפלאגע. ווארשא, תרנ"דק [1894], בהוצאות בית מסחר הספרים של יצחק פונק בווילנא", 8°.

דאָס ביכעלע באַשטייט פון דריי דערציילונגען געדרוקט צוזאמען, אבער פאַגינירט באזונדער. דאָס זיינען 1) דער משולח (22 זייטן); 2) וואָס הייסט נשמה (26 זייטן), און 3) דער משוגענער בטלן (22 זייטן).

דאָס דאָזיקע ביכעלע פאַרמאָגט אַן הקדמה א. נ. „איניגע ווערטער פונ'ם הערויסגעבער".

די דאָזיקע הקדמה האָט ניט נאָר א קולטור-היסטאָרישן אינטערעס, נאָר איז אויך וויכטיק פאר דער ביאָגראַפיע פון י. ל. פּרץ.

דער אויפשריפט „צווייטע אויפלאגע" קען אויך באַדייטן, אז אין דעם זעלבן יאָר זיינען דערשינען צוויי אויפלאגן: איינע די, וואָס באָראָכאָוו באַשרייבט און די צווייטע — די, וואָס דער ווילנער פאַרלעגער פונק האָט ארויסגעגעבן.

היות ווי באָראָכאָוו גיט אפילו ניט אָן די צאָל פון זייטלעך פון דער אויסגאבע וואָס ווערט ביי אים דערמאָנט, ווי אויך ניט דעם אינהאלט פון דעם ביכעלע, איז שווער צו אורטיילן, צי איז דאָס די זעלבע אויסגאבע, אָדער אַן אַנדערע, וואָס איז דערשינען אין דעם זעלבן יאָר?

ווער איז דער מחבר פון דער הקדמה, איז ניט שווער פעסטצושטעלן. אורטיילנדיק לויט דער גוטער שפּראַך אירער און ווויסנדיק וואָס פאר ַ ראָלע עס האָט געשפּילט י ע ק ב ד י נ ע ז אָ ן אין באַזאָרגן פאַרלעגער פאר די ווערק פון זיין גרויסן פריינט, וואָלט מען געקענט משער זיין, אז די הקדמה האָט געשריבן דינעזאָן.

קענענדיק דעם סטיל פון די הקדמות פון יענער צייט, געשריבן פון די פארלעגער (מערסטנטייל האָבן הקדמות און זעלבסט-רעקאָמענדאציעס געשריבן די מחברים גופא), ווילט זיך ניט גלויבן, אַז די הקדמה איז פארפאסט געווארן פון פארלעגער פונק.

שוין די אָנגעגעבענע ביבליאָגרפיע פון פּרצס ווערק אין יידיש זאָגן עדות, אז די הקדמה איז ארויס פון אַ פעדער פון א מענטשן, וועלכער שטייט נאָענט צום מחבר און ווייסט אפילו וועגן דעם, אַז פּרץ האָט זיך געדרוקט אין אָדעסער "קליינער וועקער"*), אַ זאַמעלבוך, וואָס איז אין פוילן פּאָפּולער ניט געוועזן.

דער טעקסט פון דער הקדמה לייענט זיך, ווי פאָלגט:

„איניגע ווערטער פונם הערויסגעבער."

„דער צוועק פון דער אויסגאבע איז: דעם לעזענדען פובליקום צו געבען ביליגע ערצאהלונגען פון אונזער יודישען לעבען אין אונזער יודישען לשון, יעדער זאָל זיי קאָנען ק ו י פ ע ן, ל ע ז ע ן א ו נ פ ע ר ש ט ע ה ן.

„מיר הייבען אָן מיט די נאָוועלען און בילדער פון אונזערן קאָלעגע, הערךן י. ל. פּרץ, וועלכער איז שוין דעם עולם באַקאַנט דורך זיין פּאָעמא: „מאָניש" (פאָלקס - ביבליאָטהעקע, שלום - עליכם, 1889) אונ איניגע נאָוועלען (דאָרט 1890) אונ אויך אין „נייען [קליינעם] וועקער" (אדעססא, 1890).

„ה' פּרץ שרייבט נישט צו חנפענען דעם גראָבען געשמאַק פון דער נידריגער קלאססע לעזער, פערקעהרט, ער וויל איהם פערפיינערן אונ' אויסבעסערן. דאריבער געפינען מיר פאַר ניט איבריג צו בעטען די געעהרטע לעזער, וועלכע זענען נאָך ניט געוואהנט, אין א קליין זשאַרגאָניש ביכעל, עפּיס רעכס צו געפינען — זיי זאָלען אונז זייער צוטרויען שענקען, אַז מיר מיינען ניש נור דאָס געשעפט אַליין, ווען מיר ראַטהען זיי דאָס ביכעל צו קויפען, אָבער מיר מיינען מעהר, זיי זאָלען דיזע ביליגע ערצאהלונגען אויך לעזען... לעזען מיט כונה, זיך צו קוקען צו די ווארטער אונ צולעגען הערץ אונ מוח צו דעם גאנצען אינהאלט! ווען זיי אונז פאָל-

---

*) דורך א טעות, מסתמא, ווערט אין טעקסט דער "קליינער וועקער" (אָדעס, 1890) אָנגערופן: „נייער וועקער".

דוב בן משה [ב. באָראָכאָוו] פאַרצייכנט די דאָזיקע אויסגאַבע אין זיין שלום־עליכם ביבליאָגראַפיע („צוקונפט“, 1916).

אין דער האַרוואַרדער ביבליאָטעק געפינט זיך אַן עקזעמפּליאַר פון דעם דאָזיקן ביכל, וואָס טראָגט פאָלגנדן נאָמען: „אויף ישוב ארץ ישראל. א ספור המעשה פון שלום־עליכם (ש. ראַבינאָוויטש).
Ойф ишув эрец-исроэл, т. е. на колонизацію Палестины. Разсказ Шолом-Алейхема (Соломона Рабиновича). Кіевъ 1890.

דאָס ביכעלע איז געדרוקט אין בערדיטשעוו און אַנטהאַלט 44 זייטן, 8°. די דערציילונג איז געווידמעט דעם „קאָלעגע און פריינד בן עמי“ (די ווידמונג אויף רוסיש).

אויף דעם שער־בלאַט ווערט אָנגעגעבן אַז „דאָס פערדינסט פונ'ם ביכעל געהער צו דיא חו"צ אין קיעוו“.

די דערציילונג האָט אַ קנאַפּן ליטעראַרישן ווערט, איז אָבער אינטערעסאַנט אַלס אַ פּראָפּאַגאַנדע בראָשורע אין אַ בעלעטריסטישער פאָרמע און פאַר דער חיבת־ציוניסטישער אידעאָלאָגיע פון שלום־עליכם, איז „אויף ישוב ארץ ישראל“, אַ וויכטיקער דאָקומענט.

אויך ביבליאָגראַפיש איז כדאי דאָס ביכעלע צו פאַרצייכענען, ווייל עס איז זייער זעלטן און אפילו דער רייכער ש"ע ארכיוו באַזיצט עס ניט.

[י. ש.] האָט לינעצקי אָנגעשריבן אַ יידישע גראַמאַטיק?

ב. באָראָכאָוו גיט אָן אין זיין „ביבליאָטעק פון יודישן פילאָלאָג“ („פנקס“, ווילנע, נומ. 474), אַז לינעצקי האָט אַרויסגעגעבן אַ יידישע גראַמאַטיק. דערביי באַרופט ער זיך אויף אַ נאָטיץ פון וויליהעלם פעלדמאַן, געדרוקט אין „אויטשיזנא“ פון 51טן דעצעמבער 1890. די גראַמאַטיק האָט באָראָכאָוו ניט געזען.

בעל־דמיון (נ. שטיף) אין זיין רעצענזיע אויף'ן ווילנער „פנקס“, געדרוקט אין „די יודישע וועלט“ (1914, נומ. 2, ז. 401), באַפרעגט בכלל די עקזיסטענץ פון אַזאַ גראַמאַטיק („שטאַרק אָפּגעפרעגט צי אַזוינס איז פאַראַן“?).

איגנאַץ זוסער, אין זיין ביכעלע, וואָס ווערט פון מיר ציטירט אין „פנקס“ (ז. 271), שרייבט אויף ז. 3 אַזוי:

„אין די לעצטע פּאָר יאָרן האָבן זיך באַוויזן פּרוּוון פון אַ נאָרמאַלער גראַמאַטיק פון דער זשאַרגאָנישער שפּראַך: לינעצקיס אויף זשאַרגאָן, און מאַנשעס — אויף דייטש.“

וועגן פיליפּ מאַנשעס גראַמאַטיק ווייסט זוסער צו אינפאָרמירן, אַז זי באַהאַנדלט דעם געגנשטאַנד „ערנסט און וויסנשאַפטלעך“. דאַגעגן וועגן לינעצקיס גראַמאַטיק זאָגט ער גאָרניט.

זוסערס אַרבעט האָט זיך לכתחילה געדרוקט אין דעם זעלבן זשורנאַל, וואו באָראָכאָווס קוועלע איז געווען פאַרעפנטלעכט, ד. ה. אין „אויטשיזנא“.

עס איז דעריבער קלאָר, אַז זוסער האָט די גראַמאַטיק אויך ניט געזען, דעמאָלס ווען מאַנשעס גראַמאַטיק האָט ער געלייענט אין „איזראַעליט“ (לעמבערג, 1890—1888).

אין דער ביבליאָגראַפיע פון לינעצקיס כתבים, צוזאַמענגעשטעלט פון אים אַליין, און אָפּגעדרוקט אין זיין „פונ'ם יאַריד“ (אָדעס, 1909) ווערט די גראַמאַטיק ניט דערמאָנט.

דעריבער דאַרף מען איינשטימען מיט נ. שטיפן אַז אַזאַ גראַמאַטיק איז קיינמאָל ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

[י. ר.] אַ „פּאָר געזונט“ נאָך אמעריקע פון יאָר 1853.

אין אַ „סדר קינות“, כמנהג אשכנז, דרוק אופּיבאַך אין יאָר „ונחמתים“ [=תקנד] פון דער ייט"ס־ביבליאָטעק, מיט אַן „עקס־ליברים“ פון הערי פרידענוואַלד, פּראָפ. אין דזשאָן האָפּקינס, באַלטימאָר — איז צוגעקלעפּט אַ ווידמונג, אין אַ בריוו־פאָרמע, וואָס אַ פריינט האָט געשריבן צו אַנאַנדערן, ווען ער האָט פאַר אים איינגעבונדן די קינות און געגעבן, אַלס מתנה, צום אָנדענק פאַר זיין אַוועקפאָרן אין „גאָלדענעם לאַנד“, נאָך אמעריקע, „וואו קיין גלות איזט“. דער גאַנצער אינהאַלט פון דעם אויפשריפט, האָט דעם כאַראַקטער פון אַ גייסטיקע „צידה לדרך“, וואָס ער האָט מיטגעגעבן דעם פריינט אין וועג נאָך דעם טריפהנעם לאַנד, אָנזאָגנדיק אים ניט צו פאַרגעסן (ווען ער וועט זיך אַרויפאַרבעטן) דעם גרויסן יידישן טרויער־טאָג, תשעה באב און „אויך ניכט אַן גאָטט“ — לויט דעם אַלטן כלל: וישמן—ויבעט“.

דער אויפשריפט איז דאַטירט יום א' י"ט סיון. תרי"ג (י"ט סיון איז יענעם יאָר אויסגעפאַלן ניט יום א' נאָר שבת, מסתמא געשריבן מוצאי־שבת, גלייך 25טן יוני, 1853) און מיר האָבן, הייסט עס, צו טאָן מיט אַ יידישן עמיגראַנט פון אַ שיינע פּאָר יאָר פאַר דעם „בירגער־קריג“ (Civil War).

די ווידמונג לייענט זיך, אין דייטשמערישן סטיל אַזוי:

„ליבר פריינד פּיים שלאָס[!] דיזעס שרייבה איך דיר צור עררינערונג: 9 טאַגן אין אַ־ איזט תשעה באב[.] דער ליבע גאָטט געבה זיין זעגן, אלס עס

מערב, פון צפון און פון דרום אונ האָבען געשריע־בען אונ געשריעבען... זיי האָבען געשריעבען אלל־דינג... זיי האָבען געשריעבען אללעס וואָס מען קענן נור מיט א פעדער אונ מיט טינט פארטיג מאכען... געדענקט איהר נאָך יענע גאָלדענע יאָהרען, אז מען האָט געפלעקט צו שרייבען „מעשה ביכלעך״?

„אַך, וואָס האָט מען נישט אללעס געשריעבען אין יענע גאָלדענע יאָהרען! אַ מעשה פון א בן־מלך מיט אַ בת־מלכה, א מעשה פון ג׳ אחים, א מעשה פון ז׳ בעטטלערס, אַ מעשה פון זיעבען רוצחים, אַ מעשה פון א ליגנער מיט זיין רואה ואינו־נראה־היטעל, א מעשה, וואס איז נישט געשטויגען אונ איז נישט געפלויגען. בקיצור, אללעס, אללעס האָט מען געפלעגט צו שרייבען; אונ א גראססער אומגליקק איז, אַז די אָרעמע אומגליקקליכע לעזערס האָבין דאָס אללעס נעביך געלעזען, אונ נאָך א גראססער אומגליקק איז עס געוועזען, אז די לעזער האָבין זיך גאָר דערקוויקט דאביי אונ האָבין געלעקקט דאפון די פינגער.

„דער געשמאק פון דעם פובליקום איז פער־דארבען אונ פערווילדעט געוואָרען, אויף אזא־נ־אופן אַז עס האָט שוין גאר נישט געוואוסט צו אונטער־שיידען צווישען גוט און שלעכטס, צווישען שיין אונ מיאוס, צווישען ניטצליך און שעדליך.

„אונ דאָ איז אבער א בעססערע, א ליכטיגערע צייט געוואָרען!

„הערט, עס קלאפפען די פושקעס „צדקה תציל ממות״; ער ארבייטען די שופלען ביים גראָבען, אונ שטיקקער ערד פאַללען אראָב אויף דעם פרישען קבר און לאָזען פון זיך א פארזומפין קול הערען — ווייסט איהר, וואָס דאָס איז? דאָס זענען דאָס די מעשה־ביכלעך וואָס ווערין בעגראבין, דאָס איז דאָס די אלטע ליטעראַטור פון פוסטע פאַנטאַזיעס וואס ווערט אין קבר אריין געלייגט, אונ דאָ הערט זיך דאָס קלאפפען און דאָס ארבייטען. צדקה תציל ממות, צדקה תציל ממות!

„און אַ נייער דור איז אויפגעשטאַנען, וואָס שרייבט נישט מעהר קיין מעשה־ביכלעך! דער נייער דור האָט געזעהען, אז מען מוז דעם פובליקום געבען בילדער פון דעם לעבען, בכדי עס זאָלל לערנען דאָס לעבען און די מענשען, און נישט איהם געבין פוסטע פאַנטאַזיעס אונ ווילד־משונהדיגע מעשיות, וואָס דערהיטצען נור דאָס בלוט אונ ניטצען צו גאר נישט, און דאָ האָבען זיי איהם געגעבען ראָמאַנע אונ ערצאהלונגען, נאָוועלען אונ בילדער, וואס שיל־דערן גענוי דאָס לעבען אונ די מענשען אזוי ווי זיי לייבען און לעבען, אונ די ליבע לעזערס האָבער גע־זעהען אונ האָבען זיך זייער געפרייט, דענן זיי האָבען דערקעננט דארין א זאלכע פיגורען אונ א זאלכע מעשות, פונקט אזוי ווי מען זעהט זיי יעדען טאג אונ יעדע מינוט דא דרויסען אין אמת׳ען לע־בען. מען קען נישט לייקענען, אז דאָס ניצט א ביסיל מעהר ווי יענע פוסטע פאַנטאַזיעס אונ ווי יענע ווילד־משונה׳דיגע מעשות.

„אויך איך האָב געפרובט צו געבען עטליכע ערצאהלונגען, צייכנונגען און בילדער. איך האָב מיר אָבער מיין אייגענע אָרט אויסגעזוכט און בין מיר געגאנגען מיט מיין אייגענעם דרך. אמת איז אמת, ווילד משונהדיגע מעשות און פוסטע פאַנ־טאַזיעס האָב איך מיך געהיט צו שרייבען, אָבער אויך דעם אַנדערען מין, די רעעללע ערצאהלונגען אונ די פאָטאָגראַפיעס פונקט פונ׳ם לעבען האָב איך נישט געשריבען. דעם טעם דאפון איז פשוט. איך האָב געוואָללט צייכענען פיגורען, נישט אַ זאלכע וואָס מען געפינט זיי אויף דער גאסס צו יעדער מינוט אונ צו יעדער שעה, נור א זאלכע וואס געהערען צו די אויסנאהמען. איך האָב געוואָללט פאַקטען דערציילען, נישט אַ זאלכע וואָס פּאַססירען יעדען טאָג אין יעדען חדש אין יעדען ווינקעל אונ אויף אַללע עקקען, נור א זאלכע וואָס פאססירען איין מאָל אין אַ שמיטה אונ צוויי מאָל אין א יובל, אָדער אזאלכע וואס האָבען געקעננט זיין פאסירט, ווענן די אומשטאנדע אונ די כאַראַקטערען פון די פערזאָנען וואָללטען געוועזען אזוי ווי איך האָב זיי געשילדערט. אין די גויעשע ליטעראַטורען רופט מענן דאָס „שטודיען״, „שטודיענקעפּפע״. איך האָב דורכאויס געוואָלט „אויסנאהמען״, שילדערן „אָרי־גינאלען״, „זאנדערלינגען״, „אויסטערלישע מענ־שען״ אונ „אויסטערלישע מעשות״.

„דאָס זענען די עטליכע ווארטער וואס איך האָב געהאט צו זאָגען דעם זשאַרגאָנישען לעזער, ביי דער געלעגענהייט ווי מיינע בילדער זענען איבערזעצט געוואָרען אין דעם זשאַרגאָן.

„און דער בורא־עולם זאָלל געבען, אז די דאָ־זיגע בילדער זאָללען ביים זשאַרגאָן פובליקום אזוי מוצא־חן זיין, ווי זיי האָבער מוצא־חן געוועזען אין דעם אָריגינאל אונ אין איבערזעטצונגען אין אַנ־דערע שפראכען!

דוד פרישמאַן.

ברעסלוי, 16 אויגוסט, 1893.

[י. ש.] צו דער ביבליאָגראַפיע פון שלום עליכמס ווערק.

אין „שלום־עליכם בוך״ (ז. 363, הערה נומ. 2) ווערט באפרעגט די עקזיסטענץ פון א ביכל וואָס שלום־עליכם האָט ארויסגעגעבן אין 1890 א. נ. „אויף ישוב ארץ ישראל״.

וועגן דעם ענין דערשינען דער פאָלגנדער קול־קורא פונם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט:**)

„דער אימער וואקסענדער פּראָגרעס דער זשאַרגאָן־ליטעראַטור אין דער אַללגעמיינער ליטעראַרישער וועלט, זיין אימער שטאַרקערער אויפשוואונג צו איינער קראפט, וועלכע פאַנגט שוין אָן אלס זאלכע אנערקענט צו ווערען, האָט די עהרליך דענקענדע אידישע ליטעראטען, פּערפאַסערס און דראמאטורגען באוועגען א ניכטערן בליק ארום זיך צו ווארפען און צו בעאָבאַכטען דעם יעצטיגען צושטאַנד פון דער היינטיגער אידישער זשאַרגאָן פּרעססע. — ליידער מוז מען זאָגען, דאָס דיזעלבע מוז איינער שטאַרקער קריטיק אונטערוואָרפען ווערן. און אין דער טהאט, וועלכען שמוטץ, וועלכען אונזינן, וועלכע פערדאמונגס ווערטהע בעציהונגען צווישען פערשיעדענע ציטונגען, וועלכע גענצליכע אַבוועזענהייט פון געגענזייטיגער אכטונג און פּרינציפּן טאָלעראנץ האָט אונזער ארימע ליטעראַטור ניט אויפצואווייזען.

„און דעסהאלב האָבען עס דיא אונטערצייכענטע גרינדער פון אבענגענאנטען קלוב געפונען פיר זייער היילִיגסטע פפליכט דיא פעהלערן און די אָרגאַנישע קראנקהייט פון דעם יונגען און בליהענדען קערפּער נאָך רעכטצייטיג צו־ענטפערן.

„צו דיעזען צוועק פעררופען מיר, אונטערצייכענטע, אַללע אידישע רעדאקטערע, פערפאַסערס, דראמאטורגען און מיטאַרבייטער צו איינער פערזאמלונג, וועלכע וועט שטאָטפינדען פרייטאַג אַבענדס, דעם 25טען אָקטאָבער, פּונקט 8 אוהר, אין פּאסיפיק האָל 209 איסט בראָדוויא, רום נומער 2, אום דאָס פּראגראם אויסצואַרבייטען, און דעם קלוב אין דאָס לעבען צו רופען.

„מיר האָפפען, דאָס אַללע עהרליך־דענקענדע שריפטסשטעללער, וועמען דיא אינטערעסען פון דער זשאַרגאָן ליטעראטור זיינען טהייער, וועללען ניט פערפעהלען פּינקטליך צו ערשיינען.״

„אַכטונגספאָלל, „פיר דאָס קאָמיטע, י. יאפּפּא.״

צווישן די „עדיטאָריעלס“ אין דעמזעלביקן נומער (זז. 90—91), איז אויך פאראַן א נאָטיץ וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַ ליטעראטן־קלוב.

די פאַרזאמלונג וואָס דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט האָט פאַררופן, איז צושטאַנד געקומען. א באַריכט פון דעם דאָזיקן מיטינג איז פארעפנטלעכט געוואָרן אינם „הויז פריינד“.***)

דער באריכט לייענט זיך אזוי:

„פרייטאַג אַבענדס, דעם 25 ד״מ, האָבן זיך דיא ליטעראטען דער זשאַרגאָנישער שפּראכע אין פּאסיפיק האָלל פערזאמעלט און אָרגאַניזירט.

„אָלס פּאָרזיצענדער פיר דיזען אבענד איז געוועהלט געווארען א. ראַכעלים; אלס קאסירער פון פעראיין י. יאפפאָ; אלס סעקרעטער י. זילבערבערג. פּאָרלויפיג איז פאלגענדעס בעשלאָסען געוואָרען:

„1) דער נאמען דעם פעראיינס: זשאַרגאָן ליטעראטען פעראיין. 2) דער צוועק:

„א) אויסבעסערונג דער זשאַרגאָנישען ליטעראַטור אין גייסטיגער בעציהונג און אויסערער פאָרם;

„ב) געגענזייטיגער אונטערשטיצונג פון דיא זשאַרגאָן ליטעראַטען אין גייסטיגער און מאַטעריעלער לאַגע;

„3) מיטעל — אַיינקויפסגעלד, וואָכען ביי־טרעגע, עפענטליכע אונטערהאלטונגען, פאָרלעזונגען;

„4) אויפגענומען ווערען נור זאלכע מיטגליעדער, וועלכע פון דעם פעראיין אלס פעהיגע זשאַרגאָן־שרייבער אַנערקענט ווערען;

„5) אַלס קאָמיטע צור אויסארבייטונג דער שטאַטוטען זיינען געוועהלט געווארען:

„י. בארסקי (ישראל בן עולם), ד. אפּאָטהעקער, י. פּעטריקאָווסקי, מאָריס ראָזענפעלד, יאַאַן פּאַליי.

„ת) אַלס ספּעציעלער אָרגאן פיר פעראיינס אַנגעלעגענהייטען איז איינסוויילען געוועהלט געוואָרען הער „הויז־פריינד“. נעכסטע פערזאמלונג וועט אָפּגעהאלטען ווערען דאָנערסטאָג דעם 31 אָקטאָבער אין 56 אָרטשאַרד סטריט 1 פלאָר, 8 אוהר אבענדס, צו וועלכער עס ווערען איינגעלאדען אלע ליטעראטען דער שטאט ניו־יאָרק: רעדאקטערע, מיטארבייטער, דיכטער, פערפאַסער פון דראמאַטישע שטיקע א. ז. וו.

„צו גלייכער צייט ערזוכען מיר אללע זשאַרגאָנישע שרייבער פון סיטי־ניו יאָרק און אַללע קאָנטריעס דער פעראייניגטען סטאַאַטען זייערע אדרעסען אונז איינצושיקען אויף דעם פון אונזער סעקרעטער,

G. Silverberg, 342 Cherry St., New York.״

ווי לאַנג דער „ל י ט ע ר אַ ט ע ן ־ פ ע ר א י י ן“ האָט עקזיסטירט, איז ניט באַוווּסט. סאַי אינם „הויז־פריינד“ און סאַי אין די אנדערע אמעריקאנער יידישע ציטונגען און זשורנאַלן פון יענער צייט האָבן מיר ניט באַגעגנט קיין שום אנדערע ידיעות וועגן אים.

משה שטאַרקמאַן.

**) „דער ניו יאָרקער זשאַרגאָן פּרעססע קלוב“ — „דער הויז־פריינד“, יאָרגאנג 1, נומ. 6, אָקטאָבער 25, 1889; ז. 91.

***) „זשאַרגאָן ליטעראטען פעראיין“—„הויז פריינד“, יאָרגאנג 1, נ׳ 7, נאָוו. 1, 1889; ז. 107־108.

דיר אין אמעריקא וואהל געהן זאָלל, אונד געבה דיר אַללעס נאך הערצענסווינשת דיין בעשטרעבן אונד דיין פאהרנעהמן, אַללעס נאך דיינעם וואונשע צו ערפיללען, טהוט דיר גאטט דיינן וויללען ערפיללען].[זא פארגעססע אויך ניכט אן גאטט, אונד אן דען הייטיגע טאגה: אונד עררינערע דיך, אן דיזע טרויריגה טהאַט וועלכה דאמאהלס געשעהן איזט: זאַ איין בראכטפאללעס גאטטעסהויס צו איינעם אשן הויפן געוואָרדן איזט, די הייליגה שטאט ירושולים צערשטעהרט ווארדן איזט, זא דאָס קיין שטיין בוים אנדערן בליעב, דאס בלוד אונסערער גלויבענסגענאססען איסראעל [ישראל] איזט וויא איין שטארקר באך געש[ט]רעהמט, יא דאס קינד פאן מוטטע[ר]ס ברוסט ווארדע וועגגעריססן אונד אים בלוטהע פערוואנדעלט.

דאהער איזט יעדר איזראעליט פערפליכטעט אַן דיזעם טאגה, דיזע טרויריגה טהאַט צו הערצן צו נעהמן, וואן ער שאנד [שוין] אין אַמעריקאַ איזט, וואו קיין גולת [גלות] איזט: פאן הערצן צו טרויערן אונד פאסטן, אונד אין דיזעם בוכע די גלאכליעדר צו זינגן, אונד צו בעטהן, וועלכעס דער פארציגליכר בראפעט [פּראָפעט] ירמיה ז"ל פערפאסט האט אונד עררינגערה דיך אן דעם דער דיזעס בוך אונענטגעטליך [אונענטגעלטליך] איינגעבונדן האט וועלכר זיך נענעט דיין ניעפערגעסנר פריינד שמואל שטרויס מרסנק.

נעשה ביום א׳ י"ט סיון תרי"ג לפ"ק."

אַ פּאָר ווערטער וועגן די „תפלה זכהם".

פאר דעם ביבליאָגראַף איז די אנטדעקונג פון דעם פארפאסערס נאָמען פון א געוויסער אנאָנימער אויסגאבע אוודאי א גרויס געפינס; די היסטאָרישע פינקטלעכקייט אָבער דארף אריבערוועגן איבער אלץ. איך זאָג עס אנטקעגן דר. שאַצקיס פרייד פון פעסטשטעלן (אין פאָריקן נומער „פנקס") די אוטאָרן פון די פּאַראָדישע תפלה זכהם וועלכע ווערן פון פראָפ. דאווידזאָן אריינגערעכנט צווישן די אנאָנימע אויסגאבן.

דר. שאַצקי האָט געמלעך ארויסגעליִיענט פון י. קאָפּעלאָווס צווייטן באנד זכרונות אז דער שרייבער פון אָט די ציילן „האָט געשריבן דעם יידישן טעקסט און זיין פרוי, דר. יעווזעראָוו, — דעם העברעאישן". בכן האָבן מיר, הייסט עס, שוין פעסטגעשטעלט די נעמען פון די פארפאסער. איז דאָס טאַקע פון אויבנאויף ריכטיק, אָבער פאקטיש ווייט פון פינקטלעך. און די צרה נעמט זיך דערפון, וואס אין דעמדאָזיקן נאָטיץ רעדט זיך וועגן תפלה זכהם אין לשון רבים בעת דר. יעוורעזאָוו און איך האָבן בייגעטראָגן בלויז צו איין אויסגאבע, מיט א תוספת פון נאָך א שטיקל פיוט אין א פיל שפּעטיקערער אויסגאבע.

די פאקטן זיינען*) ווי פאָלגט: די ערשטע תפלה זכה איז ארויסגעגעבן געוואָרן אין 1889 און איז צוזאמענגעשטעלט געוואָרן פון דעם זעצער ב. מילכיקער און פון דעם גענאָסע ס. גאָרדאָן בלויז ווי א שטיפעריי מיט דעם צוועק צו אנאָנסירן דעם יום־כפור באַל, וואָס האָט דאמאָלסט געזאלט פארקומען. מיין לעצטנס פארשטאָרבענע פרוי, דר. יעוורעזאָוו, האָט געשריבן אירע אויסגעצייכנטע פיוט פּאראדיעס אין דער צווייטער תפלה זכה, וואס איז דערשינען אין יאָר 1890, און האָט געטראָגן א גאנץ ערנסטן כאַראַקטער, ווי איך האָב אויך בייגעטראָגן אַן ערנסטן ארטיקל איבער דער אנטוויקלונג פון געטער און רעליגיעס. אן ערך א יאָר 9 שפּעטער האָט דער פארשטאָרבענער יעקב נעטער, א סאָציאליסט און אַלטער גאָט־באַקעמפער, ווידער ארויסגעגעבן א נייע אויפלאגע פון דער צווייטער תפלה זכה און האָט פועל געווען ביי דר. יעווזעראָוו צוצוגעבן נאָך א פּאַראָדיע (איך געדענק ניט צי א „יעלה", צי אַ „כהנה") צו די פריערדיקע.

אין צווישנצייט און אפשר אויך שפּעטער האָבן די „גענאָסן" דאָ אין ניו יאָרק און אין ענגלאנד איבערגעדרוקט טיילווייז, מיט פארשיידענע הוספות און ענדערונגען, געוויסע אויסגאַבן פון „תפלה זכהם", וועלכע זיינען פארפאסט געווארן, ווי א. רודאש דערמאָנט עס, פון דעם אמאָליקן משכיל־זשורנאליסט, א. טאַנענבוים.

איך האָף, אז דר. שאַצקי וועט אויפנעמען אָט די פינקטלעכערע דאטן מיט נאָך מער ביבליאָגראַפישער צופרידנשטעלונג און וועט קיין גאראיבל ניט האָבן אויף מיר פאר אָט דער היסטאָרישער קאָרעקציע.

דר. י. א. מעריסאָן.

דער ערשטער יידישער שרייבער־פאריין אין אַמעריקע.

אין סוף פון די אכציקער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט, איז ביי עטלעכע שרייבער געבוירן געוואָרן דער פלאַן צו אָרגאַניזירן א פּראָפעסיאָנעלן פאריין.

אינם וואָכנבלאַט „דער הויז פריינד"**) איז

---

*) ווי א. רודאש, איינער פון די אַמאָליקע „פּיאָנערע דער פריהייט" און אַ מענטש מיט אַ גוטן זכרון האָט עס איבערגעגעבן אין דער „פרייער ארבייטער שטימע" פון 7טן דעצעמבער, 1928.

**) הויז פריינד, איין וועכענטליכע צייטונג פיר ליטעראטור, וויססענשאפט און אונטערהאלטונג... ש. קאפלין, הערויסגעבער... י. יאפפא רעדאקטאָר... (ניו יאָרק, סעפּט. 19, 1889—יאַנ. 17, 1890. דערשינען אכצן נומערן. פון ניינטן נומער אן רעדאקטירט דורך יוסף פּעטריקאָווסקי).

א ביסל איז ביי סאָסיסן פאַרפלאָנטערט די ביבליאָגראַפיע פון די מוסר־ספרים. די ערשטע יידישע אויסגאַבע פון „קב הישר" איז דערשינען אין פ"פ ד"מ, אין 1709, די צווייטע — אין 1724. אין זולצבאַך איז די עלטסטע אויסגאַבע ערשינען אין 1795. בכלל האָט דער „קב הישר" געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג און איז דערשינען איבער 30 מאָל.

אין באַנד II-III האָט סאָסיס א גרעסערע אַרבעט: „דער יידישער סיום אין ליטע און ווייס־רוסלאנד און זיין געזעצגעבערישע טעטיגקייט (1623—1761) לויט זיינע פּראָטאָקאָלן". (ז. 72-1). דאָס איז אַ גוט קאָנסטרוירטע ארבעט, וואָס ברענגט א ביסל ניי מאַטעריאל פון פערטן (ניט פארעפנטלעכטן) באנד פון „רוסיש־יידישן ארכיוו"..

ס'איז ניט ריכטיק די באהויפּטונג אז מיר האָבן ניט קיין פּראָטאָקאָלן פון דער יידישער זעלבטפארוואלטונג אין דייטשלאנד. בער (Baer) האָט פארעפנטלעכט א בוך איבער דעם „לאַנד יודנשאַפט דעם הערצאָגטומס קלעווע", צוזאָנגדיק אפּדרוקן אויך א באַנד פּראָטאָקאָלן (בערלין, 1922, 162 זז. *)

אויף ז. 7 דערמאָנט סאָסיס דעם „פּאָווראָטני"־שטייער און זאָגט, אז מען דארף זיין אנטשטייאונג נאָך אויספאָרשן. אזא מין שטייער איז באקאנט אין סאָקאָלאָוו אין 18טן י"ה, ווי אויך אין מאנכע דייטשע קהילות, (זע מיין ארבעט אין די „שריפטן פאר עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק פון ייוו"א, I, 86). אויב עמיצער האָט זיך איבערגעקליבן אין אַן אַנדער שטאָט און האָט זיך שפּעטער געוואלט נאָך אַמאָל באַזעצן אין זיין אַלטן מקום, האָט ער געצאָלט אַ "צוריקקער" שטייער, ד. ה. פּאווראטני.

אַן אינטערעסאנטע זאמלונג פון מאטעריאלן געפינען מיר אין דער ארבעט א. נ. „סאָציאַלע קעגנזאַצן אין יידישע קהילות אין 16טן און 17טן י"ה לויט ראבאָנישע רעספּאָנסען" (שאלות ותשובות (באַנד I). די טעקסטן זיינען אָפּגעדרוקט אין אָריגינאל און אין אַ יידישער איבערזעצונג. די טעמע גופא איז ניט ניי. א דייטשער ראַבינער האָט שוין אַמאָל אויסגענוצט אַזאַ מאַטעריאל (מנחם מענדל קראָכמאַלס תשובה בעת ער איז געווען רב אין קרעמזיר.*)

ראָמבאַכס אַרטיקל איבער יידישע בעל־מלאכות אין רוסלאנד אין דער ערשטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט, איז זייער א וויכטיקער, פשוט צוליב דעם נייעם אַרכיוו מאַטעריאל. דער מאַטעריאַל איז ניט באארבייט ווי עס דארף צו זיין. אין ערשטן באנד האָבן מיר נאָך א סך ארכיוו־מאטעריאלן פון מינסקער קהל פון די יאָרן 1839—1819 וועגן שטייערן, רעקרוטן און אַז. וו.

אין באנד II-III איז די געשיכטס אָפּטיילונג פאַרטראָטן חוץ פון סאָסיסן, נאָך פון ד״ר. ווישניצער, שאול גינזבורג, באָראָוואָי, פּנחס קאָן און אַז. וו.

ווישניצערס ארטיקל איבער „דער סטרוקטור פון יידישע צעכן אין פּוילן, ליטע און ווייסרוסלאנד אינם 17טן און 18טן יאָרהונדערט" איז גאָר שוואך. דאָס זיינען אַלץ אַלטע זאַכן, וואָס ס'איז אפשר כדאי צו באַנייען אין א פּאָפּולערן זשורנאל, אָבער ניט אין אזא אויסגאבע, ווי די „צייטשריפט".

שאול גינזבורג שרייבט איבער דער „אַנטשטייאונג פון דער יידישער רעקרוטשינע" (לויט אַרכיוו־מאַטעריאלן). עס איז צו באַדויערן וואָס דער פאַרפאַסער האָט אפילו ניט אָנגערירט די השפעה פון פּוילן, וואָס איז געווען גאר שטאַרק. אזוי איז אויך נאָוואָסילצאָווס ראָלע אין דער רעקרוטשינע ניט באַלויכטן געוואָרן ווי עס דארף צו זיין. און מאַטעריאל איז פאראַן א סך, אפילו געדרוקט (אשכנזי, קאַנדעל אין „ביבליאָטעקאַ וואַרשאַווסקאַ", 1910). דער וויכטיקסטער רעזולטאַט פון גינזבורגס ארבעט איז דאָס פעסטשטעלן, אז דער מחבר פון אוסטאַוו איז געווען א געוויסער פּאָקראָווסקי, אַ דירעקטאָר פון א דעפּארטאַמענט אין אינערן־מיניסטעריום.

באָראָוואָי האָט אַן אַרבעט איבער די „יידישע קאָלאָניעס נאָך דער צווייטער איבערוואנדערונג פון ווייס־רוסלאנד". דאָס זיינען די קאפּיטלען XI, XII און XIII פון זיין רוסישן בוך איבער „די יידישע קאָלאָניזאַציע אין אלט־רוסלאנד" (מאָסקווע, 1928). אין „צייטשריפט" זיינען די קאפּיטלען געדרוקט מיט געוויסע פארקירצונגען. דער מאַטעריאל איז א פרישער; די באַארבעטונג — גאָר גוט.

בוזעוויטש שרייבט איבער דער לאַגע פון די יידישע קאָלאָניסטן נאָך דער דריטער איבערוואנדערונג פון ווייסרוסלאַנד (ז. 156—138), אויך אויפ'ן סמך פון ארכיוו־מאַטעריאַן.

בכלל איז די נייע יידישע היסטאָריאָגראַפיע אין ראַטן־פארבאנד אויפן געביט פון אויספאָרשן די יידישע קאָלאָניזאַציע אוועק זייער ווייט אַזעלכע ארבעטן ווי באָראָוויים און בוזעוויטשעס פון דער אַלטער היסטאָרישער שולע — און נאָך איז שוין ניקיטין ניט צו באַנוצן, הגם זיי האָבן אים נאָך א סך צו פאַרדאנקען.

*) Fritz Baer. Das Protokollbuch der Land-judenschaft des Herzogtums Kleve I Berlin, 1922.

*) Dr. A. Frankl-Gruen. Geschichte der Juden in Kremsier III, 1901. Kap II Der Klassenkampf in Ghetto, pp. 12-28.

דר. יעקב שאַצקי:

רעצענזיעס

צייטשריפט, בוך I. ארויסגעגעבן פון אינסטיטוט פאר ווייסרוסלענדישע קולטור. מינסק, 1926, 272 זז. 4° (אין צוויי עמודים).

צייטשריפט פאר יידישער געשיכטע דעמאָגראַפיע און עקאָנאָמיק, ליטעראטור־פאָרשונג, שפּראַכוויסנשאַפט און עטנאָגראַפיע. באַנד II־ III, מינסק, 1928, XIII+908 עמודים, 4°.

דער יידישער סעקטאָר ביים אינסטיטוט פאר ווייסרוסלענדישער קולטור, אין מינסק, האָט מיט די דאָזיקע צוויי בענד אָנגעהויבן זיין וויסנשאַפטלעכע טעטיקייט. דער ערשטער באַנד באַשרענקט זיך נאָר אויף געשיכטע, ליטעראַטור־פאָרשונג, פילאָלאָגיע און פאָלקלאָר. דער צווייטער באַנד האָט שוין ארויינגענומען אין פּראָגראַם אויך דעמאָגראַפיע און עקאָנאָמיק, וועלענדיג, ווייזט אויס, מאַכן פון „צייטשריפט" דעם צענטראַלן אָרגאַן פאַר דער פאָרשערישער אַרבעט אויף יידיש וואָס עס ווערט אָנגעפירט אין ווייסרוסלאַנד.

אין די צוויי אימפּאָזאַנטע בענדער נעמער אַנטייל ניט נאָר פאָרשער פון ראַטן־פאַרבאַנד נאָר אויך פון „אויסלאַנד". צווישן די מיטאַרבעטער זענען פאַראַן נעמען וואָס מען האָט ביז איצט אין דער ליטעראַטור ניט בעמערקט און אויב מאַנכע פון זיי זענען באַקאַנט איז אַלענפאַלס ניט אַלס פאָרשער; מען מוז באַלד אונטערשטרייכן, אז הגם די אויסערלעכע פאָרמע איז ניט קיין געלונגענע, איז אבער דער איינדרוק פון די ארבעטן גופא—זייער א גינסטיקער.

אין מאַנכע אַרבעטן פילט זיך נאָך רויקייט, אָנפאַנגעריי, ניט באַהערשן פון מאַטעריאַל אָדער סתם פאָלעמישע טענער פון ניט קיין וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער, אָבער עס פילט זיך ערנסטקייט, סיסטעמאַטישקייט און ליבע צום ענין.

פון מיין באַריכט איבער די צוויי בענדער שליס איך אויס די דעמאָגראַפיש־עקאָנאָמישע אַפּטיילונג (אין באַנד II-III) ווי אויך א טייל פון פילאָלאָגישע און פאָלקלאָריסטישע אַרבעטן — ווייל זיי פאָדערן א ספּעציעלע אָפּשאַצונג, וואָס וועט מסתמא פון אַנדערע דורכגעפירט ווערן.

דיביידע בענדער „צייטשריפט" זענען רייך אין היסטאָרישע אַרטיקלען.

וועגן די אַרבעטן וואָס באַרירן די ביבלישע עפּאָכע איז מיר שווער צו אורטיילן.

דער היסטאָריקער י. סאָסיס, ניט קיין פנים־חדשות, גוט באַקאַנט פון דער „יעווריייסקאַיא סטאַרינאַ" האָט אין ערשטן באַנד אַן אַרבעט א. נ. „צו דער סאָציאַלער געשיכטע פון יידן אין ליטע און ווייסרוסלאַנד" [באַנד I, ז.ז. 1—25]. די דאָזיקע אַרבעט באַשטייט פון צוויי עטיודן. דער ערשטער באַהאַנדעלט די סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַציונגען אין 16—18טן י"ה, און דער צווייטער — דאָס יידישע סאָציאַלע לעבן אין דער „מוסר" אין 16—18טן י"ה.

דער ערשטער עטיוד ברענגט קיין שום נייס ניט. עס איז א נייע איבערגרופּירונג פון אַלטן מאַטעריאַל (בערשאַדסקים אַרכיוו, „רעגעסטי אי נאַדפּיסי" און אַז. וו.). די טעמע פון דעם צווייטן עטיוד פון י. סאָסיס איז גראַד זייער אַן אינטערעסאַנטע, אָבער מעטאָדאָלאָגיש איז דאָס גאַנצע פּראָבלעם פאַלש אוועקגעשטעלט געוואָרן.

סאָסיס נעמט די מיט א כיוון איבערגעטריבענע שילדערונגען פון די מוסר־זאָגער, מאָראַליסטן־דרשנים און וויל אויף זייער סמך שילדערן דאָס יידישע סאָציאַלע לעבן. דאָס איז שטאַרק איינזייטיק. ווען מיר וואָלטן געקענט אַנטקעגנשטעלן אַנדערע מאַטעריאַלן, וואָס באַשטעטיקן דאָס בילד פון דער מוסר־ליטעראַטור, — דאַמאָלס וואָלט מען געקענט בויען אויף אַזאַ מאַטעריאַל. שיין וואָלט אויסגעזען פלאָרענץ געשילדערט לויט סאַוואָנאַראָלאַס אַסקעטישע דרשות. ניט וויל אַרי און ניט דאַווידסאָן — די צוויי גרעסטע אויטאָריטעטן אויף דעם געביט פון פלאָרענץ און סאַוואָנאַראָלאַ האָבן געבויט אויף די דרשות זייערע שילדערונגען, נאָר זיי האָבן געזוכט א פאַרגלייכנדן מאַטעריאַל. דאָס זעלבע איז מיט אונזער מוסר־ליטעראַטור. זי פאַרמאָגט א געוויסן היסטאָרישן ווערט, אָבער ניט ווי א היסטאָרישער דאָקומענט. די סטרוקטור פון אַרבעט איז זייער א קלאָרע.

א פּאָר דערגענצונגען.

דאָס לערנען זיך פראַנצויזיש אין 18טן י"ה (דערמאָנט אין „קב הישר") באַציט זיך ניט אויף פּוילן נאָר אויף פראַנקפורט אַם מיין (ז. 23). אין דעם פרט איז סאָסיס פאָרזיכטיקער פון אַנדערע (פרענק, למשל, אין „איסטאָריאַ יעוורייסקאַוואָ נאַראָדאַ", מאָסקווע, 1913, ז. 357, וואָס מיינט אַז דאָס מיינט דער בעל „קב הישר" — די יידן אין פּוילן).

דאָס ציטירט? די דאָזיקע געגראַמטע אַפּאָסטראָפּע געפינען מיר אין קרעמאנער חומש (1560), אין באזעלער חומש (1583) און אין „קוה־בוך“ (פ“פ ר“מ 1697).

מאַקס עריק האָט אין ערשטן באנד צוויי עטיודן א. נ. „בלעטלעך צו דער געשיכטע פון דער עלטערער יידישער ליטעראטור און קולטור“.

דער ערשטער עטיוד באַהאַנדלט דעם „בראַנטשפּיגל“ — די „ענציקלאָפּעדיע פון דער יידישער פרוי אין 17טן יאָרהונדערט“. עס איז זייער א שיינע כאַראקטעריסטיק פון „בראנטשפּיגל“, אָבער ליידער, איז דער ביאָגראפישער מאטעריאל וועגן דעם מחבר ר' העניש זייער מאָגער, הגם קיין מאַטעריאל וועגן אים פעלט ניט.

אין צווייטן עטיוד ווערט איבערגעגעבן אליהו הבחורס ליד־פּאשקוויל וועגן דער שריפה אין ווענעציע (אין אויסצוגן), וואָס האָט א גרויסן ביאָגראפישן ווערט.

אַ גוטע אַרבעט איז דער „אינווענטאַר פון דער יידישער שפּילמאַן־דיכטונג“ (רעפּערטואר פון יידישע וואנדערנדיקע פאָלקסזינגער אין דעם אויסגייענדיקן(!) מיטלאלטער). [באַנד II-III, זז. 545—588].

די דאָזיקע ארבעט איז דערווייל א רוין־אינפאָרמאַטיווע, אָבער זי גיט גענוג שטאָף פאר פארגלייכנדע שטודיען בנוגע די שייכותן צווישן די מקורים־אָריגינאַלן און די יידישע באַאַבערטונגען, ווי דאָס האָט געטאָן פּאָרגעס מיט דער קראָקעווער אויסגאבע פון „זיגענאט“ (1597), אין „מאָנאַטשריפט“, 1876.

פון די אַרבעטן, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער נייער יידישער ליטעראַטור דארפן קודם כל אַרויסגערוקט ווערן די צוויי ביבליאָגראפישע ארבעטן פון א. גורשטיין. די ערשטע א. נ. „דער איצטיקער צושטאַנד פון פּרצס ביאָגראפיע“ (I, 87—73); די צווייטע וועגן די „סאַכאַקלען פון דער מענדעלע פארשונג“ (II, 524—485). די ארבעט איבער פּרצן באַשטייט פון איבער הונדערט קוועלן, וואָס ווערן קריטיש אנאליזירט און אָנגעוויזן זייער ווערט פאר דער ביאָגראפיע פון י. ל. פּרץ. פארשטייט זיך, אז די טעמע איז ווייט ניט אויסגעשעפּט געוואָרן און מען וואָלט געקענט זי אין א סך פּרטים דערגאנצן. אָבער אלס א התחלה איז די ארבעט זייער א נוצלעכע, און מעטאָדאָלאָגיש ריכטיק אוועקגעשטעלט.

די ארבעט איבער מענדעלע האָט שוין א סך א ברייטערן פארנעם. דאָ איז שוין אריינגענומען געוואָרן ניט נאָר דער ביאָגראפישער קוועלן־מאטעריאל, נאָר אויך אלע עסטעטיש־קריטישע אַרבעטן איבער מענדעלע. א ביסל שאָקירנד איז דער פּאָלעמישער טאָן, דאָס ווענדן פּסלען די ניט־„מאַרקסיסטישע“־קריטיקער. אָפּטמאָל פּסלט ער גראָד א מאַרקסיסטישן צוגאנג צו מענדעלע, דערפאר וואָס דער מחבר איז ניט אידעאָלאָגיש (היינט) אַיינשטימיק מיט גורשטיין. מען וואָלט באַדאַרפט די דאָזיקע ניגונים אין א ווינשאַפטלעכער אויסגאבע ניט באַרירן.

פון די ארבעט וואָס גורשטיין האָט פארזען דארף אָנגעוויזן ווערן אויף א ביכל פון זאב בן משה זאָלאָטאַראָוו א. נ. „ר' יואלקילס יום טוב“ (אָדעס, 1891, 36 זייטן). דאָס איז א פארטיידיקונג פון מענדעלע און זיין קרייז קעגן די אָנפאלן פון לינעצקי. צו די קעגנער פון מענדעלע האָט אויך געהערט פלטיאל זאַמאָשטשין. פון די שטודיען איבער מענדעלע פעלן: יואל ענטינס בוך א. נ. „די זיילן פון דער יידישער ליטעראטור“ (ניו יאָרק, 1923) און דר. בירנבוים (מתתיהו אחר) געזאַמעלטע דייטשע שריפטן (טשערנאָוויץ, 1910), וואו עס זיינען פאראן ארבעט איבער פּרץ און מענדעלע.

אַ גרינטלאכע אויספאָרשונג וואָלט פעסטגעשטעלט א סך מער בלויזן אין דער ביבליאָגראַפיע, אָבער זיי זיינען אין אַזאַ אַרבעט אומפאַרמיידלעך.

אין אלגעמיין זיינען גורשטיינס צוויי ארבעטן אין „ציימשריפט“ די בעסטע און די נוצלאכסטע אויף דעם געביט פון דער פאָרשונג פון דער נייער יידישער ליטעראטור.

מיט פּרצן באַשעפטיקט זיך נ. אויסלענדער אין זיין ארבעט „פּרצס „שטעט און שטעטלעך“ (I, 72—61). אויסלענדער וויל באווייזן, אז די „שטעט און שטעטלעך“, וואָס פּרץ האָט געדרוקט אין „יוד“ (1902) איז א „אָריענטירונגס ארבעט“ אין וועלכער ער האָט צוריסן מיט דער טראדיציע. איצט נאָכדעם איז ער אוועק אין די פארגאנגענהייט און אָנגעהויבן שרייבן די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן“ (1904).

מיר דוכט זיך, אַז דאָ האָט אויסלענדער אַ סך מער אַריינגעטייטשט, ווי אַנאַליזירט.

דאָברושינס ארבעט איבער „שלום עליכמס דראַמאַטורגיע“ (II, 424—405) איז, ווי דער מחבר רופט עס אָן, „אַ פּרווו פון א אויספאָרשונג“.

דאָברושין ווייזט ריכטיק אָן אַז שלום עליכם האָט אַ ליטעראַרישן דערציילערישן צוגאַנג צו דער שילדערישער רעמארקע פון די טיפּן. ער קומט צום אויספיר — מיט וועלכן מען מוז איינשטימען, אז „שלום עליכמס וועג איז געווען „דראַמאַטורגיש א ריכטיקער, הגם טעאטראל(יש) ניט קיין איינגעגעבענער“ (ז. 420).

פּנחס קאָן האָט א קליינע ארבעט וועגן עפּענען יידישע שולן אין מאָהילעווער און וויטעבסקער גו־בערניעס אין יאָר 1800 (לויט אַרכיוו־מאַטעריאַלן). די מאַטעריאַלן וואָס זיינען געדרוקט באזונדער אין דעם זעלבן באַנד (זז. 753-760) זיינען זייער וויכ־טיג און ברענגען ארויין אזוי פיל חידושים, אַז אַלץ וואָס מיר ווייסן וועגן דעם שול־וועזן אין ווייס־רוסלאנד וועט מוזן איצט נאָך אַמאָל באַאַרבעט ווערן. עס איז צו האָפן, אז מיט דעם שעפּט זיך ניט אויס דער ארכיוו־מאַטעריאל וועגן דער יידישער שול־פּאָליטיק אין יענע מקומות.

באנד II-III איז זייער רייך אין רויע אַרכיוו־מאַטעריאַלן, ווי: „פּראָשעניעס" פון מאָהילעווער און גראָדנער קהילות צו ניקאָלאַי דעם ערשטען (1827), סטאַטיסטיק פון יידן אין די שטעט און שטעטלעך פון מינסקער גובערניע אין יאָר 1808, מאַטעריאַלן וועגן רעקרוטשינע פון די יאָרן 1838-1848.

דאָ זיינען אויסגענוצט געוואָרן די רעשטלעך פון מינסקער פּנקס הקהילה מיט וועלכן עס האָט זיך באנוצט בראַפמאַן אין זיין „קניגאַ קאַגאַלאַ" (1888). ביי אים זיינען פאראן אויסצוגן נאָר ביז 1841. מען וואָלט באַדאַרפט אַ זוך טאָן אין קאָרני־לאָווס ארכיוו אין ווילנע, אפשר געפינען זיך דאָרטן בראַנפמאַנס פּאַפּירן און צווישן זיי אויך דער פּנקס פון מינסק?

מיט דעם שעפּט זיך אויס דער היסטאָרישער טייל פון די צוויי בענדער „צייטשריפט".

רייך איז אויך די אָפּטיילונג פאר דער יידישער ליטעראַטור געשיכטע.

דעם אויבנאָן פארנעמט דאָ די ארבעט פון נ. שטיף א. נ. „אַ געשריבענע יידישע ביבליאָטעק אין א יידיש הויז אין ווענעציע אין מיטן 16טן יאָרהונדערט [באַנד I, ז. 141-158; באנד II-III, ז. 524-544].

די דאָזיקע ארבעט איז באזירט אויף דעם יידישן קאָדעקס נומער 1217, וואָס געפינט זיך אין באָדלעיאַנא. עס איז א מין יידישע „סילוואַ רערום", אַ האַנט־ביבליאָטעק, אַן אָפּשפּיגלונג פון דער לעזע־קולטור אין יידיש צו יענער צייט. פארשטייט זיך, אז דער עלעמענט פון וועלטלאכקייט איז אין דער דאָזיקער „ביבליאָטעק" אַ סך קלענער ווי דער עלע־מענט פון רעליגיעזקייט.

אין אלגעמיין איז דאָס א מוסטערהאַפטע ארבעט, ליידער פארפלייצט מיט דרוק־גרייזן. עס וואָלט גע־ווען כדאי צו פארגלייכן די דאָזיקע געשריבענע „ביבליאָטעק" מיט אנדער־ע ענלעכע קאָדעקסן (אפילו ווייס־רוסישע זיינען פאראן אזעלכע א פּאָר), כדי ארויסצובאַקומען דעם עלעמענט פון קולטור און וועלטלעכקייט ביי אונדז און ביי ניט־יידן.

אלס א ביילאַגע צו דער ארבעט איז אָפּגעדרוקט אליהו הבחורס פּאסקוויל־ליד „המבדיל" וואָס האָט א געוויסן אינטע־עס פאר זיין ביאָגראַפיע.

מ. וויינרייך האָט צוויי ארבעטן. אין 1טן באנד האָט ער פארעפנטלעכט אַ יידיש ליד וועגן שבתי־צבי פון יאָר 1666 מיט א שיינער אויספיר־לעכער הקדמה (באַנד I, זז. 159—172).

דער מחבר פון'ם ליד איז יעקב בן בנימין וואָלף טויסק, פון פּראג. פארשטייט זיך, אז דאָס ליד האָט נאָר א ליטעראַטור־היסטאָרישן ווערט און ניט קיין דיכטערישן. אזוי ווי דאָס ליד איז אפּגעדרוקט פולשטענדיקער (מיט צוויי סטראָפן מער) אין וויינ־רייכס „בילדער פון דער יידישער ליטעראַטור־גע־שיכטע" (ווילנע, 1928), וועט מיר נאָך אויסקומען זיך אומקערן סיי צום ליד און סיי צו דער ביאָ־גראַפיע פון יעקב טויסק, זיין מחבר.

אין באנד II- III האָט וויינרייך אן ארבעט איבער „די יידישע שפּראַכפאָרשונג אין 17טן יאָר־הונדערט" (ז.732—689). דאָס איז א המשך פון דער שיינער ארבעט איבער דער געשיכטע פון יידי־שער שפּראַכוויסנשאַפט, וואָס איז געדרוקט אין זיינע „שטאַפּלען" (זז.139—59).

אין דער ארבעט ווערן אנאַליזירט יאָהאַן בוקסטאָרף דער עלטערער, נתן נטע האַנאָווער און וואַגענזייל. די באדייטונג פון די דריי פילאָלאָגן פאר דער אויס־פאָרשונג פון יידיש ווערט זייער ריכטיק און גרינט־לאַך אנאַליזירט.

א פּאָר מלואים:

בנוגע בוקסטאָרף איז כדאי צו באמערקן, אַז אין1619 האָט ער אויסגעהאַלטן צוויי משפחות וואָס האָבן אים געהאָלפן איבערזעצן דעם תנ"ך.*)

אַ סך מאַטעריאל געפינט זיך אין די ארטיקלען איבער בוקסטאָרפס יידישע קאָרעספּאָנדענטן Revue des Etudes Juives, VIII, XI-XIII

אויף ז. 731 ציטירט וויינרייך א פּאָר שורות פון גענראַמאַטער הקדמה צו א חומש וואָס וואַגענזייל ברענגט אין זיין Belehrung: וואָס הייבט זיך אָן:

איך דר שרייבר
אלע ווייבר
און פרום לייבר
טו איך רופן, און אז. וו.

און פרעגט זיך: פון וואָסער אויסגאַבע איז

*) A. Wolf. Die Juden in Basel 1903, pp. 5-6.

וועלכן עס פיגורירט א פאָלקס־זינגער, פאר וועלכן די לירישע שורות פון א פורים שפּיל פארוואנדלען זיך כמעט אין זעלבסטשטענדיקע פאָלקס לידער. זייער ריכטיק ווייזט דער מחבר אָן אויף דעם ווי אזוי עס גיסן זיך איבער די לירישע עלעמענטן פון פאָלקס־טעאַטער אין פאָלקס־לידער, און אויף זייער געמיינשאַפטלעכן שייכות.

עס זיינען פאַראַן נאָך א סך אנדערע קלענערע נאָטיצן און ארטיקלען, וואָס פארדינען דערמאָנט צו ווערן, אָבער דער מאנגל אין פּלאַץ ערלויבט מיר ניט זיך אָפּצושטעלן אויף זיי.

די פילאָלאָגישע אָפּטיילונג אין ביידע בענד רעפּרעזענטירן: מ. וויינגער, מ. וויינרייך, א. סלוצקי, י. ראַווערעבע, יע. קאַגאַראָוו, ש. ראַבינאָוויטש און אז. וו.

פאָלקלאָר־זאמלונגען זיינען פארעפנטלעכט געוואָרן פון ז. כראַפּאָווסקי, ש. קו־פערשמיד, מ. אַנגילאָוויטש, ש. ביילין, י. צינבערג, דער פאַרשטאָרבענער ד״ר. י. ספּיוואַק (דער „קאָפּ״ אין יידיש), א. אַ.

פון די פאָלקלאָריסטישע ארטיקלען איז כדאי צו דערמאָנען י. גאָלדבערגס צוויי ארבעטן איבער דעם „פּאָעטישן שטייגער פון יידישן פאָלקס ליד״ (באַנד I) און איבער די יידישע מיש־שפּראַכיקע און פרעמד־שפּראַכיקע פאָלקס־לידער (באַנד II).

אין אלגעמיין דארף מער ווארים באגריסן די ארבעט פון די מינסקער קאָלעגן. ניט קוקנדיק אויף געוויסע טענדענציעזע ארויסטרעטונגען דאָ און דאָרטן, מוז דאָך צוגעגעבן ווערן, אז די ארבעטן זיינען אָביעקטיווע, מיט א ריינער שטרעבונג צו זיין קלאָר און גלייכצייטיק וויסנשאַפטלעך.

ווייסרוסלאַנד מיט איר גרויסן יידישן ישוב, וואָס האָט נאָך אלעמען איר אלטן לעבנס שטייגער אינגאנצן ניט פארלאָרן, קען אינספּירירן צו אַזאַ ארבעט ווי די „צייטשריפט״. נאָך די רוסישע „יעווריסקאיא סטאַרינא״ און „פּערעזשיטאָיע״ איז ענדלעך געקומען די דאָזיקע אויסגאבע. א נייער יידישער צענטער פון יידישער וויסנשאַפט. אין ראַטן־פארבאנד ווערן געבוירן זעלבסטשטענדיקע וויסנשאַפטלעכע כחות, ווייל דער באָדן איז א גינסטיקער און עס זיינען פאראן אויך בעסערע מאטעריעלע אומשטענדן.

ווי עס זאָל ניט זיין, די צוויי גרויסע בענד „צייטשריפט״ זיינען א שיינע און רייכע מתנה פאר דער וויסנשאַפט אין דער יידישער שפּראך.

שריפטן פון יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט, ב. I, פילאָלאָגישע סעריע I, לאנדוי־בוך. דר. אלפרעד לאנדוי, צו זיין 75סטן געבורטס־טאָג, דעם 25סטן נאָוועמבער, 1925. פון זיינע גוטע פריינד און תלמידים. ווילנע, 1926, תרפ״ו, ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין, 4°, 428+XXVIII זייטן ענגליש, (אין צוויי עמודים).

פילאָלאָגישע שריפטן, צווייטער באנד. ווילנע, ווילנע, 1928, תרפ״ח. ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין, 516 עמודים+XXVIII (אין ענגליש), 4°.

מיטן ערשטן באַנד שריפטן פון דער פילאָלאָגישער סעריע האָט דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט געהאט זיין „דעביוט״. און כדי אונטערצושטרייכן אז דער אינסטיטוט וועט פארטזעצן די ארבעט אויף די געביטן פון יידיש, וואס אנדערע האָבן געטאָן, צום באַדויערן אין פרעמדע שפּראכן, ווידמעט דער אינסטיטוט די בכורים זיינע, דעם געסטאָר פון דער יידישער פילאָלאָגיע ד״ר אלפרעד לאַנדוי.

אַזוי אַרום איז דער ערשטער באַנד פון יוו״א דער ערשטער אין דאָפּלטן זין: דער ערשטער אַרויסטריט פון דער נייער אינסטיטוציע און דאָס ערשטע יובילעי־בוך אויף יידיש, געווידמעט א געלערנטן.

דער יובילעי כאַראקטער פון לאנדוי־בוך שעפּט זיך אויס באַלד אויף די ערשטע 12 עמודים פון דעם בוך. מיר געפינען דאָרטן א קורצע ביאָגראַפיע פון דעם יובילאר מיט א ביבליאָגראפיע פון זיינע ווערק (קליין אין צאָל אבער גרויס אין איכות), אן עץ־היחוס פון די בראָדער לאנדויס און אן אָפענער בריוו צום יובילאר פון זיין אינטימען פריינט, פּראָפעסאָר לעאָן קעללנער (געשטאָרבן דעם 4טן דעצעמבער, 1928, אין ווין).

די ביבליאָגראַפיע פון דר. לאנדויס שריפטן איז דערגענצט געוואָרן אין צווייטן באנד (ז. 486־485).

דער גרויסער יידישער פילאָלאָג, וועמענס לעבנס ווערק, דער יידישער ווערטערבוך ליגט אין מאַנוסקריפּט שוין יאָרן לאנג, האָט אויף דער עלטער דערלעבט די נחמה, אז זיינע פארדינסטן זיינען אנערקענט געוואָרן (אָבער נאָך ניט אפּגעשאצט ווי עס דארף צו זיין) און מען דארף איצט גלויבן, אז זיין ווערטערבוך וועט ארויסגעגעבן ווערן און נאָר דער ייוו״א וועט עס קאָנען טאָן.

איך בין אויך בטוח, ווי דער פארשטאָרבענער פּראָפ. קעלנער, אז דאָס לעבנס־ווערק פון יובילאר וועט געדרוקט ווערן, ווייל עס איז שוין דאָ די

י. נוסינאָווס ארבעט א. נ. „פון בוך צו בוך“ (צו דער געשיכטע פון די מענדעלע וואריאַנטן) [II-III, 482—425], איז א ביסל א צו־דעטאַליזירטער אַנאַליז פון די טעקסטן פון „די טאַקסע“, „מסעות בנימין השלישי“ און „דאָס ווינשפינגערל“.

נוסינאָוו ווייזט אָן זייער גרינטלעך אויף די סטיליסטישע ענדערונגען, ניואַנסן, סינאָנימען, אידעאָלאָגישע עוועלוציעס און אַז. וו.

עס איז א מוסטערהאפטע ארבייט, הגם זי איז שוין א ביסל צו אויספירלעך געשריבן.

וועגן אברהם גאָלדפאדן געפינען מיר אין „צייטשריפט“ צוויי ארבעטן: איינע א גרעסערע פון אורי פינקעל און די צווייטע א קלענערע, פון ש. ניעפאָמניאַטשי.

פינקעלס ארבעט טראָגט דעם נאָמען: „סאָציאַלע פיגורן אין א. גאלדפאדענס ערשטע ווערק“ (מאטעריאַלן צו דער כאראקטעריסטיק פון א. גאָלדפאדענס שאפן).

די השפעה פון אקסענפעלד און ספּעציעל עטינגערן אויף גאָלדפאדענס ערשטע דראַמען איז שוין לאנג באקאנט. ווינער האָט דער ערשטער אויף דעם אויפמערקזאם געמאכט.

פינקעל וויל אינטערפּרעטירן מאטעריאליסטיש דעם אויפקום פון דער פרוי, דער אשת־חיל אין דער דראַמע. אבער די אינטערפּרעטאַציע הינקט שטאַרק אונטער, ווייל דער מחבר האָט ניט באַוויזן אַז אין די 70קער יאָרן איז שוין די יידישע פרוי ניט געווען די מאַכטהאָבערין אין שטוב (ווו?)

א גוזמא איז, אז נאָר דער „איבערגעזעטיקטער“ ליוועראַנט איז געווען דער צושויער פון יידישן טעאטער אין רומעניען (ז. 93).

פינקעל רעדט וועגן די ערשטע פּיעסן פון גאָלדפאדען — און פון טעקסט איז צו זען אז ער קען זיי לחלוטין ניט. ער שרייבט אומעטום „קאַפּריזנע טאָכטער אָנשטאָט „קאפּריזנע כלה“. „שמענדריק“ איז ביי אים איינע פון די ערשטע ווערק(!) (ז. 96). די אויסגאבע פון לעמבערג, ווו „שמענדריק“ איז געדרוקט (1875) איז א פיקטיווע. דאָרטן איז דאָך אויך געדרוקט דער איינאַקטער „דער קאטאר“ און אַ פּיעסע אין דריי אקטן „ליד פון פּויטעל נאָר מיט נאטקי גנב“ (מחברשאפט — אומבאַקאַנט).

„דער קאַטאַר“ איז אַנטשטאַנען אין רומעניען אין 1877. איז דאָך קלאָר, אז די דאָזיקע אנאָנימע אויסגאבע איז מיט א כיוון אנטעדאַטירט געוואָרן, כדי ג. זאָל ניט קענען דעם פארלעגער רעכטלעך פאר־פאָלגן און איז דערשינען מסתמא אין 1878 אָדער 1879, אָבער ניט אין 1877.

„שטומע כלה“ איז קיינמאָל ניט געווען געדרוקט (אויף ז. 97 ווערט געזאָגט אז יאָ).

אין איין אָרט זאָגט פינקעל אז עס איז שווער זיך פאַרלאָזן אויף די „פאַראַנענע טעקסטן“ (ז. 97). אויף וואָסערע טעקסטן? ווו געדרוקט?

אויף ז. 90 לייענען מיר, אז מען האָט גאָלדפאדענען פאָרגעוואָרפן „פארשקלאפונג פון אָפּענבאַך“. מיר וואָלטן געוואָלט וויסן ווער און ווו האָט אים דאָס פאָרגעוואָרפן. אָבער אויב שוין יאָ „פארשקלאַפונג“ איז ניט פון אָפענבאך נאָר גיכער פון נעסטראָי און זיין שולע.

אין אַלגעמיין: א שוואַכע ארבעט. און עס איז קיין וווּנדער, ווייל אויב מען קען ניט די טעקסטן פון גאָלדפאדענס ערשטע פּיעסן און די טעאַטער־ליטעראַטור פון יענער צייט, קען מען אויף דער טעמע קיין ארבייט ניט שרייבן.

אין דעם קליינעם ארטיקעלע פון ש. ניעפּאָמניאַשטשי (II-III, 784—779) איז אויסגענוצט געוואָרן נאַטאַנזאָנס קאָרעספּאָנדענץ אין „המליץ“ פון 1878, וועגן גאָלדפאדענס טעאַטער אין בוקארעסט.

עס איז מערקווירדיק, ווי אלע האָבן פארקוקט די דאָזיקע קוועלע, ווייל זי איז געווען געדרוקט אין 1878 און ניט פון בוקאַרעסט, נאָר איצט פון וואַרשע. עס איז דעריבער גוט געשען, וואָס איצט האָט מען עס באמערקט און איבערגעגעבן דעם אינהאלט מיט די נויטיקע, פינקטלעכע הערות.

די אָפּטיילונג פאר קליינע נאָטיצן און רויע מאַטעריאלן איז גאָר רייך אין ערשטן באַנד.

פון די וויכטיקסטע מאטעריאלן אין דעם באנד איז כדאי צו דערמאָנען די ניין בריוו פון שלום־עליכם צו בערטא פלעקסער און צו אנדערע, און די מאַטעריאלן וועגן י. מ. ליפשיץ, וואס זענען לעצטנס אזוי שטאַרק אויסגענוצט געוואָרן אין שייכות מיט ליפשיצס יובילוי.

די ביאָ־ביבליאָגראַפישע מאַטעריאלן וועגן בדחנים זיינען ניי און זייער אינטערעסאנט.

וועגן משה מאָרעכאָווסקי (ז. 200 און ווייטער) איז כדאי צוגעבן אַז חוץ די דערמאָנטע זאמלונגען האָט דער דאָזיקער בדחן ארויסגעגעבן נאָך צוויי: 1) „דיא היינטצאַטיגע לידער, שיין צום זינגען און צום לעזען. וואַרשע, 1884, 22 זייטן, 12°, און 2) „דער עלינטער יתום. יודישע שיינע ליעדער“... אָדעס, 1872. 32 זייטן, 16°. [ביידע אין האַרווארדער ביבליאָטעק].

אין א נאָטיץ פון נ. א. „ארום א געשטאַלט פון א פאָלקסזינגער“ (באַנד I, ז. 266—265) ווערט אויסגענוצט מ. ספּעקטאָרס א דערציילונג אין

ווערט שוין דערמאָנט אין 1306 ? פאַלט שוין ממילא אָפּ די השפעה פון אלט־יידיש.[1]

דאָס איז היסטאָריש אויפגעפּאסט. אויך פילאָלאָגיש איז דאָס ניט ריכטיק, ווי עס ווייזט אָן אזא אויטאָריטעט ווי דער ראָמאַניסט שפּיצער („שריפטן", II, 491-494).

מיט דער נייער ליטעראטור באשעפטיקט זיך נ. מייזעל אין זיין ארטיקל: „פּרץ און שלום־עליכם אין זייערע פּערזענלעכע באַציאונגען". פאר מיר איז בכלל אַ ספק, אויב דאָס איז אן ארטיקל פאר די „פילאָלאָגישע שריפטן", הגם ער איז אין אלגעמיין אינטערעסאנט און טיילווייז געשריבן לויט נייע מאַטעריאלן. בנוגע דער אויסגאבע פון „מאָניש" מיט וועלכער מייזעל איז אזוי ניט זיכער, זע מיין נאָטיץ אין דעם נומער „פּנקס" (ז. 383).

פון די ליטעראטור־היסטאָרישע דאָקומענטן, וואָס זיינען פארעפנטלעכט אין דעם באנד איז כדאַי צו דערמאָנען: יצחק ריבקינדס „דער בעל־מלאכה אין אן אלט יידיש ליד" (41—50), מיט פילאָלאָגישע מלואים פון מ. וויינרייך (50-56). דאָס ליד שטאַמט בלי ספק פון 18טן יאָרהונדערט. בנוגע דעם דרוק־אָרט האָט ד ר. ל. לעווין אויסגעזאגט א השערה, אז דאָס איז א פירטער דרוק (אין „מאָנאַטשריפט", 1928, העפט 1-2, ז. 16-17). איך האָב אן איינדרוק, אז דאָס גאנצע ליד האָט ניט צו טאָן מיט יידישע בעלי־מלאכות, נאָ עס איז א טראַנסקריפּציע פון אַ דייטש שפּאָטליד.

אין שטערקס ארבעט: „אויס די אלט־יידישע אוצרות פון דער מינכענער מלוכישער ביבליאָטעק" (56-68) זיינען פארעפנטלעכט געווארן פראגמענטן פון „בן המלך והנזיר" און פון "קאלילא און דימנא", ביידע לויט מאנוסקריפּטן.

א ליטעראַטור־היסטאָרישער דאָקומענט איז אויך באַראָכאָווס פּלאַן פאר א געשיכטע פון יידיש, פארעפנטלעכט פון ש. ניגער (21-28). דער דאָזיקער פּלאַן שטאַמט פון 1913.

מאַטעריאלן פאר דער יידישער שפראכפאָרשונג געפינען זיך אין די ארטיקלען פון ז. קאַלמאַנאָוויטש („דער יידישער דיאלעקט אין קורלאַנד", מיט מלואים פון דניאל לייבל, אין צווייטן באנד „שריפטן", 487-490) און אין די נאָטיצן און קלענערע ארבעטן פון ש. ווינטער (קאָרטן־שפּראַך), בוילין, לונסקי א. אַ.

ד ר. י. טאגליכטס ארבעט וועגן „די געאַגראפישע נעמען פון טשעכאָסלאָוואַקיע און פון שכנותדיקן בורגן־לאנד", איז גאָרניט ניט מחדש. מיר האָבן שוין כמעט דאָס אלץ געלייענט ביי מ. גרונוואַלד, אין אַן ארבעט געדרוקט מיט 40 יאָר צוריק[2] דאָס ביסל נייע נעמען וואס עס פעלט ביי גרינוואלדן איז ניט אפגעטיילט געוואָרן פון די אלטע, אזוי, אז דער לייענער קען ניט וויסן פון וואַנען האָט דער מחבר געשעפט זיינע ידיעות און עס איז א שווערע אויפגאבע אליין נאָכצוגיין יעדן מקור.

אין דעם באנד געפינען זיך נאָך אנדערע ארבעטן איבער פילאָלאָגיע פון ווילער, קאָגאראָוו, ז. רייזען, גוטמאַן און אז. וו., וואָס וועלן האָפענטלעך אפגעשאצט ווערן פון ספּעציאַליסטן.

פון די ארבעטן אויפ'ן געביט פון פאָלקלאָר איז בלי ספק די אינטערעסאנטסטע און גרינטלאכסטע די ארבעט פון ד ר. מ. וויינרייך איבער: „לאנטוך, די געשיכטע פון א הוימישן ניט־גוטן" (217-236) [מיט וויכטיקע מלואים אין צווייטן באנד, ז. 494-500]. דאָס איז די ערשטע גרינטלעכע אַרבעט אויף דעם געביט פון דער יידישער דעמאָנאָלאָגיע, הגם דער ענין האָט שוין אונטער זיך א גרויסע ליטעראטור. עס איז שוין באמת צייט אז אונזער דעמאָנאָלאָגיע זאָל זיין אויסגעפאָרשט ווי געהעריק, פונקט ווי דאָס איז מיט אונזער אנגעאָלאָגיע. ווייזט אויס, אז אונזערע פאָרשער צופט מער צו מלאכים ווי צו שדים! עס איז כדאי צו באַמערקן, אז גלייכצייטיק האָט אַן אַנדערער פאָרשער פארעפנטלעכט אויף העברעאיש אן ארבעט איבער: „בלאר מלך השדים" (דר. ג. שלום אין „מדעי היהדות, I, 112-127). ווייזט אויס ,אז דער אינטערעס פאר דער יידישער דעמאָנאָלאָגיע, א וויכטיק טייל פון אונזער פאָלקלאָר האָט לעצטנס געשטיגן אין די יידישע וויסנשאפטלעכע קרייזן.

צוויי אַרבעטן זיינען געווידמעט דעם יידישן פאָלקס־ליד: י. ל. כהן אנאליזירט לעהמאנס זאַמלונג „ארבעט און פרייהייט", וואָס איז דערשינען אין ווארשע, אין 1921, און ווייזט אָן אויף די השפעות פון בדחנישע און אנדערע לידער אויף דעם געבוי און פאָרם פון א גרויסער טייל פון די לידער. ער געפינט אבער אויך מאנכע עכטע פּערלען פון יידישן פאָלקס־ליד, ווי, למשל, די באלאדע וועגן הירש לעקערט, וואָס פארמאָגט א סך וואַריאנטן (ז. 144-145).

1) Heb. Bib.; XV; 92; R. E. J. XI, 274. די לעצטע ארבעט איבער געטאָ פון H. Mezss אין Revue Nice-Historique 1922-1923. איז מיר ניט אויסגעקומען צו זען.

3) M. Grunwald. Ein Beitrag zur Bezeichnung der Ortsnamen in Boehmen und Maehren bei den juedischen Schriftstellern. Juedisches Centralblatt, 1888.

אינסטיטוציע וואָס איז בארופן אַזאַ ווערק ארויס-
צוגעבן.

די אַרבעטן פון לאנדוי-בוך קען מען פאַרטיילן
אין דריי אָפּטיילונגען: פילאָלאָגיע, ליטעראַטור-
געשיכטע און פאָלקלאָר.

די פילאָלאָגישע ארבעטן וועלן אין דער רע-
צענזיע ניט בארירט ווערן. מאַנכע פון זיי וועלן
דערמאָנט ווערן אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זיי
האָבן א היסטאָרישן אָדער אַ ליטעראַטור-היסטאָרישן
כאַראַקטער.

אויף דעם געביט פון ליטעראַטור-געשיכטע
פאַרעפנטלעכט דאָס לאנדוי-בוך פאָלגנדע ארבעטן:

ד ר. ל. ל אַ נ ד ו י. „א ניט באקאנטער יידיש-
דייטשער פּראָזע נוסח פון דער ארטוס-לעגענדע".
(ז. 130-140).

דאָס איז ניט מער ווי א ביבליאָגראַפישער
קוריאָז, וויכטיק פאר דער געשיכטע פון קעניג ארטוס-
טעקסטן. די שפּראַך איז דייטש. טעמאַטיש איז דאָס
מער א „מאָראַלישע ערצעהלונג" ווי דער שער-בלאַט
לויטעט.

פאַר דער אַנטוויקלונג פון „ראָמאַנען" אין
מיטלאַלטער באַרופט זיך דר. לאַנדוי אויף דעם „ספר
חסידים" ווו עס געפינט זיך דער אזוי אָפּטמאָל
ציטירטער זאַץ אַז מען זאָל ניט בינדן העבראַאישע
ספרים אין פּאַרמעט אויף וועלכע עס זיינען פאַר-
שריבן ראָמאַנען (אל יכסה את ספרו בקלפים הכתובים
בהם רומנץ).

עס איז אָבער ניט ריכטיק צוצושרייבן דעם
פאַקט צו מיטלאַלטער ווייל אין דעם פּאַרמער-מאַ-
נוסקריפּט, וואָס איז עלטער פון דער באָלאָניער
אויסגאַבע, 1538, ווערט עס ניט דערמאָנט. א סימן,
אז דאָס איז אן אינטערפּאָלאַציע פון אָנפאַנג 16טן
יאָרהונדערט און באַציט זיך ניט אויף דער מיטל-
אַלטערלעכער תקופה.[1]

מ. ע ר י ק ס „וועגן „מעשה בריעה וזמרה"
(ז. 153-162) באהאַנדלט דעם געדרוקטן טעקסט
(ווענעדיק, 1597) און דעם כתב-יד פון ר ו י ט-
ל י נ ג ע ן, וואָס שטאַמט פון 1580. עריק באַווייזט
דעם אונטערשייד פון די צוויי טעקסטן. דער ווע-
נעציאַנישער טעקסט איז א מעשה-ביכל, און רויט-
לינגענס — א ראָמאַן.

אין Register of Jewish Theol. Seminary
(1927, ז. 143), ווערט ניט ריכטיק אָנגעוויזן, אַז
די ווענעציאַנישע אויסגאַבע איז „לחלוטין אומבא-
קאַנט". די פראַנקפורטער שטאָט ביבליאָטעק פאַר-
מאָגט אן עקזעמפּליאַר, מיט וועלכן עריק באַנוצט
זיך.

דער שרייבער פון דער רעצענזיע האָט אן
ארטיקל איבער „פּאַריז און וויענע" (ז. 196-188)
פון אליהו הבחור. עס איז אן איבערדרוק פון
צוויי זייטלעך פון דעם זעלטענעם ראָמאַן מיט אן
אויספירלעכער איינלייטונג. די דאָזיקע צוויי זייט-
לעך געפינען זיך אין „היברו יוניאָן קאָלעדזש",
אין סינסינעטי [אויספירלעכער וועגן „פּאַריז און
וויענה" — ביי עריקן אין זיין „געשיכטע פון דער
ליטעראַטור געשיכטע" (ז. 201-195) און ביי מ.
וויינרייך אין זיינע „בילדער פון דער יידישער
ליטעראַטור געשיכטע" (ז. 192-172).]

א באדייטנדער ליטעראַטור-היסטאָרישער מאַטעריאַל
געפינט זיך אין דער גרינטלעכער פילאָלאָגישער ארבעט
פון נ. ש ט י ף „ווען—דען" (בינדווערטער אין דער
יידישער שפּראַך פון 15טן און 16טן יאָרהונדערט).
[ז. 95-128], ווי אויך אין פּרילוצקיס „יחוס-בריוו
פון אַ משפּחה יידישע צייט-אומשטנדווערטער מיט
דער טייטש „איצט" (ז. 356-378).

ביידע ארבעטן זיינען אינטערעסאַנט, ניט
קוקנדיג אויף דעם „טרוקענעם" געגנשטאַנד. ביידע
ארבעטן האָבן א זויבערע קאָנסטרוקציע און קומען
צו געוויסע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן, וואָס איז דאָך
די אויפגאַבע פון דער וויסנשאַפט.

גראָד בנוגע פּרילוצקיס ארטיקל איז דאָס אנגע-
נעם צו באשטעטיקן, ווייל דער דאָזיגער מחבר האָט
ביז איצט געזינדיקט אין פּרט פון וויסנשאַפטלעכער
קלאָרקייט און ציל-באַוווּסטזיין. חוץ דעם זיינען
אין ביידע ארבעטן פאַראַן א סך ביבליאָגראַפישע
ידיעות פאר וועלכע מען דאַרף זיין דאַנקבאַר.

פ. קאָנס ארבעט א. נ. „דאָס ערשטע פּויליש-יידישע
ווערטערבוך און זיין מחבר לעווין ליאַנדאַר" (236-
250) איז שוין ריכטיק אָפּגעשאַצט געוואָרן אין
„פּנקס" (זע: ליפשיצעס רעצענזיע, ז. 168-170).
אין צווייטן באנד „שריפטן" האָבן קאָן, אונגער און
וויינרייך פאַרעפנטלעכט וויכטיקע ביאָ-ביבליאָגראַ-
פישע מלואים וועגן ליאַנדערן (500-505).

אַ פילאָלאָגיש-היסטאָרישן כאַראַקטער טראָגט
י אַ פ ע ס ארטיקל: „פון וואַנען שטאַמט דאָס וואָרט
געטאָ?" (206-210). יאַפע וויל באַווייזן, אַז דאָס
וואָרט „געטאָ" נעמט זיך פון אלט-יידיש, וואָס די
אשכנזים האָבן געבראַכט מיט זיך קיין איטאַליע.
אַלץ וואָלט געווען שיין און פיין, ווען מען וואָלט
געקאָנט באַווייזן, אַז פאַר 1562 איז דאָס וואָרט
ghectus ד. ה. געטאָ, ניט באַקאַנט.

ווי איז אָבער דער דין, אז דאָרם וואָרט „געטאָ"

[1] ספר החסידים, פ"פ. ד"מ, 1924. הקדמה פון פריימאַן, ז. י"ט. פאַרגלייך: M. SCHUELER. Beitraege zur Kenntnis der alten juedisch deutschen Profanliteratur. Realschule—Festschrift. Fr. a. M., 1928, p. 84.

רייך אין זיינע וויכטיקע מלואים (אין דעם זעלבן באַנד, 511-515) האָבן פאַרזען.[5]

ווײנרײך קאָרעגירט ריכטיק שטיפן, אַז דער „ספר היראה" איז אויך אַרויס אויף יידיש אונטער דעמזעלבן נאָמען (פרייבורג, 1583). אין מיין „ביבליאָגראַפיע פון יידישע דרוקן" האָב איך פאַר־צייכנעט צוויי מיר באַקאַנטע עקזעמפּליאַרן פון דער אויסגאַבע: איינעם אין פראַנקפורט אם מיין, און א צווייטן — אין דער האַמבורגער שטאַט־ביבליאָטעק.

פרײמאַן האָט איבערגעדרוקט דאָס „קלאָג ליד אויף א משרת פון פראַנקפורט", וואָס איז שוין אַמאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין באַסינס אַנטאָ־לאָגיע. צו וואָס האָט מען באַדאַרפט עס דרוקן נאָך אַמאָל?

פּנחס קאָן וויל אין דער ארבעט א. נ. „ווען איז געבוירן געוואָרן אייזיק מאיר דיק? (329-344) באַווייזן, אַז דיק איז געבוירן געוואָרן אין 1814 (דאָס איז אויך ניט זיכער). צו זיינע ראיות פאַר דער דאַטע גיט צו ש. ניגער (זע „פּנקס" ז. 380) א רייע דאַטעס, וואָס פון איין זייט שוואַכן זיי אָפּ זיין אַרגומענטאַציע, און פון דער צווייטער זייט, פאַר־שטאַרקן זיי. אַזוי אַז נאָך דער גרינטלעכער ארבעט פון פּ. קאָן בלייבט די פראַגע נאָך ניט קיין געלייזטע.

הילעסומס „האָלענדיש־יידיש כלה ליד פון סוף 18טן יאָרהונדערט (345-352) איז א דאָקומענט פון דער יידישער שפּראַך אין האָלאַנד, אָבער ליטע־ראַטור־היסטאָריש שטעלט דאָס ליד ניט פאָר מיט זיך קיין שום אינטערעס.

דר. א. א. ראַבאַקס אינפאָרמאַטיווער אַרטיקל וועגן די זעלטענע יידישע ביכער אין דער האַרוואַרדער ביבליאָטעק (381-400) איז אינטערע־סאַנט, הגם מאַנכע אינפאָרמאַציעס זיינען ניט קיין פּינקטלעכע. דער מחזור געדרוקט אין פּילא, אין 1638 האָט זיך אויסגעלאָזט פאַר א פּראַגער דרוק, געזעצט פון א זעצער וואָס שטאַמט פון פּילא, ווו עס איז, דרך אגב קיינמאָל ניט געווען קיין יידישע דרוקעריי. אַנדערע זעלטענע ווערק זיינען ריכטיק באַשריבן, הגם עס זיינען פאַראַן אין האַרוואַרד א סך זעלטענע יידישע ביכער, ווי די וואָס דר. א. א. ראַבאַק באַשרייבט מיט אַזוי פיל ליבע. וועגן זיי אָבער — ביי א צווייטער געלעגנהייט.

נ. מייזעל באַשרייבט די פּערזענלעכע באַ־ציונגען צווישן פּרצן און פרישמאַנען (467-484). דער אַרטיקל איז אינטערעסאַנט פאַר דעם אַלגעמיינעם לייענער און וואָלט געקאָנט זיין געדרוקט אין „צוקונפט" אָדער אין דער „אידישער וועלט".

5) Das Buch des "Ewigen Lebens". Festschrift Feilchenfeld, 1907, p. 66-76.

דעם געביט פון טעאַטער־געשיכטע באַרירן צוויי ארבעטן פון דעם רעפערענט און פון דר. מ. וויינרייך. די ערשטע ארבעט איז אַן אויס־פירלעכער אַנאַליז פון דר. שיפּערס ערשטע צוויי בענד פון זיין „געשיכטע פון יידישער טעאַטער־קונסט און דראַמע" (215-264).

וויינרייכס ארבעט א. נ. „צו דער געשיכטע פון דער עלטערער אחשורוש־שפּיל (425-452) איז אַן אַנאַליז פון די געדרוקטע אחשורוש טעקסטן פון די יאָרן 1718, 1720, 1763 און 1780. אויספירלעך וועל איך זיך אויף דעם אַרטיקל אָפּשטעלן אין „טעאַטער באַנד" פון ייוו"א.

פון די פאָלקלאָר ארבעטן — די וויכטיקסטע, — אַלס א מוסטער פון פאַרשרייבן א פאָלקס־ליד, איז די ארבעט פון פּראָפ. וו. אַנדערסאָן „דאָס ליד פון דער מאָבילזאַציע" (401-413). עס איז כדאַי געווען צו דרוקן די דאָזיקע ארבעט, כדי אונ־זערע יונגע זאַמלער פון פאָלקלאָר זאָלן וויסן ווי אַזוי מען פאַרשרייבט און צעגלידערט וואַריאַנטן פון א פאָלקס־ליד.

ח. חיות האָט גענומען אויף זיך גאָר א ריזיקע טעמע: „די גלויבונגען און מנהגים אין פאַרבינדונג מיטן טויט" (281-328). דאָס איז א טעמע, וואָס האָט שוין א קאָלאָסאַלע ליטעראַטור און אַז מען איז מיט דער דאָזיקער ליטעראַטור ניט באַהאַוונט, איז טאַקע שווער זיך אַן עצה געבן מיט אַזאַ טעמע. קודם כל מוז מען קענען דעם פאָלקלאָר אין תלמוד, און די צאָלרייכע „נעקראָפּילישע" ליטעראַטור (די „מעבר יבקס", למשל), זען וואָס איז פון ספר אַרייִן אין לעבן און וואָס איז אין לעבן געענדערט געוואָרן. אין דער פאָרמע ווי חיות האָט אונדז דערלאַנגט זיין ארבעט, איז דאָס ניט מער ווי א בינטל מאַטעריאַל, א ביסל סיסטעמאַטיזירט אָבער ניט מער. בלייבט נאָך די טעמע צו באַאַרבעטן מיט מער קענטניש און מעטאָדאָלאָגישער פאָרבאַרייטונג.

פאַר דער געשיכטע פון יידיש האָט א גרויסן ווערט די ארבעט פון דר. רודאָלף גלאַנץ: „די אויספאָרשונג פון דעם יידישן אייגנס אין דעם עלטערן דויטשן הענטשקע־לשון (353-368). אונטער „הענטשקע לשון" ווערט פאַרשטאַנען די גנבים־שפּראַך. אויף דעם געביט פון אויספאָרשן די „גנבים שפּראַך" האָט די גרעסטע פאַרדינסטן Ave Lallemant וועמען שטיינשניידער האָט אומזיסט געוואָלט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט (זע: „העברעאישע ביבליאָגראַפיע", 1865, 13-17 און 133-116).

גלאַנץ באַשטעטיקט אַז לאַלעמאַן האָט געמאַכט א גוטע התחלה און עס איז די "אויפגאַבע

לעהמאַן דער מחבר פון דער רעצענזירטער זאמלונג האָט פארעפנטלעכט א קאָלעקציע פון ליבע־לידער פון גנבים (מיט נאָטן) [291-308]. די זעלבע לידער זיינען אריין אין דער זאמלונג, וואָס איז דערשינען באזונדער אין ווארשע, אין 1928, א. נ. „גנבים־לידער".

דר. א. גאָלדמאַן פארעפנטלעכט אן אינטערעסאנט איינצלהייט וועגן דער „וואכנאכט ביי ווינער יידן צום אָנהייב 15טן יאָרהונדערט", אנטנומען פון א ניט־געדרוקטער דרשה פון א פראנציסקאנער „ברודער", מסתמא א משומד.

דער מנהג פון וואכנאכט איז נאָך ניט אויסגעפאָרשט געוואָרן ווי געהעריק. עס וועט דעריבער זיין אינטערעסאנט אָנצוּווייזן אז א וואָכנאַכט־ליד ווערט געבראַכט אין אַן אלט דייטשן ספר, פון 1606.[4]

א רייכע קאָלעקציע פון יידישע שפּריכווערטער האָט פארעפנטלעכט ש. רובינשטיין (411-426) און דר. וואכשטיין אין זיין ארטיקל מיט ערקלערונגען צו בערנשטיינס שפּריכווערטער (28-38).

דער ערשטער באנד פון די „פילאָלאָגישע שריפטן" פאַרמאָגט אויך חסרונות. דער הויפּט־חסרון איז: וואָס מען האָט אָפּגעדרוקט א סך קליינע ארטיקלען, וואָס וואָלטן געקאָנט אָן שאָדן פאר דעם בוך, ניט געדרוקט ווערן. זייער אָרט איז אין א זשורנאל, אָבער ניט אין א פעסטשריפט.

דער צווייטער באנד פילאָלאָגישע שריפטן האָט א קלענערע צאָל ארבעטן, ווי דער ערשטער. ער האָט אָבער די מעלה, וואס די ארבעטן זיינען גרעסערע, איך וואָלט געזאגט, פונדאמענטאַלע, וואָגיקע.

די ליטעראטור־געשיכטלעכע אָפּטיילונג איז אין דעם באנד גאָר רייך. דר. ב. וואכשטיין האָט פארעפנטלעכט 9 בריוו פון וועלוול זבאַרעזשער און דערמיט געמאכט אַן התחלה פאר א וויסנשאפטלעכע אויסגאבע פון זיינע שריפטן און פון מאטעריאלן פאר זיין ביאָגראפיע. לעצטנס איז בכלל געשטיגן דער אינטערעס פאר זבאַרעזשערן. אין זשורנאל „יידיש" (ווין, נומער 3-4, 1928) האָט י. טיגער אָפּגעדרוקט אן ארטיקל וועגן זבאַרעזשער אין ווין. ער האָט אויך אפּגעדרוקט אין דעם ארטיקל אַ פּאָר נייע בריוו און אין אַן הערה דערקלערט דער מחבר, אז אין זיין רשות געפינען זיך 21 בריוו, געשריבן פון וועלוול זבאַרעזשער צו זיין פריינד משה ארענשטיין. עס וואָלט געווען כדאַי די בריוו אָפּצודרוקן אין די שריפטן פון ייוו"א. [זע אויך דעם ארטיקל פון י. נמר: וועגן העברעאישע כתבים פון וו. ז. אין „דאָס אידישע פאָלק", ניו יאָרק, 30טן מערץ, 1928, נומ. 13.]

ש. גינזבורג אנטפּלעקט אן אומבאַקאַנט קאפּיטל פון אקסענפעלדס לעבן („נייס וועגן ישראל אקסנפעלד", ז. 43-54). עס האנדלט זיך וועגן א בקשה, וואָס אקסנפעלד האָט געשיקט אין 1841 צום בילדונגס־מיניסטער אוּוואַראָוו, אז מען זאָל דערלויבן צו דרוקן זיינע ווערק. די דאָזיקע בקשה ווי אויך די געשיכטע פון די שטערונגען אויף וועלכע אקסנפעלד האָט זיך אָנגעשטויסן וועלנדיק דרוקן זיינע ווערק, זיינען א טראגיש, ביז איצט לחלוטין אומבאקאנט קאפּיטל פון זיין נאָך ניט אנגעשריבענער ביאָגראפיע.

דר. ישראל צינבערג דערציילט וועגן דעם „קאמף פאר יידיש אין דער אלט־יידישער ליטעראטור" (69-106). דער ארטיקל ברענגט ניט קיין חידושים, איז אבער געשריבן זייער אינטערעסאנט און קען קלאָר און פאראינטערעסירן א ברייטן קרייז לייענער. אויף זייט 98 וואָלט כדאי געווען אָנצוּווייזן, אז דער ספר וואָס יששכר בער איבשיץ פון פּראָג האָט פארפאסט אויף דער בקשה פון זיין פרוי און צום אנדענק פון זיינע זיבן געשטאָרבענע קינדער, הייסט „באר שבע".

כ. שטיף וויל אין דער ארבעט איבער „מיכאעל אדאמס דריי יידישע ביכער" (135-164), באַווייזן אז דערזעלבער אדאם איז אויך דער איבערזעצער פון „ספר היראה", וואס איז דערשינען אין ציריך אין 1546 [די פריערדיקע צוויי זיינען: דער „יוסיפון" (ציריך, 1546) און דער חומש (קאָנסטאַנץ, 1544)]. די מעטאָדע מיט וועלכער ער אָפּערירט איז א ריין פילאָלאָגישע. אלזא, אין דעם פרט גאָר א גליטשיקע, ווייל מיר׳ן וויסן זייער ווינציק איבער סטילן פון יידישע שרייבער אין 16טן יאָרהונדערט און דערפאר איז נאָך ניט מעגלעך ריין־סטיליסטיש דערקענען אַ ווערק און אַ מחבר. די ארבעט גופא איז אָבער אינטערעסאנט און איז א מוסטער פון א פארשערישן צוגאנג צום ענין. פאר דעם אליין פארדינט שטיף דעם וואַרימסטן יישר־כח.

אין דערזעלבער ארבעט ווערן באַרירט א פּאָר ביבליאָגראפישע איינצלהייטן, ווי, למשל: דער שייכות פון „ספר היראה" צום „ספר חיי עולם", וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַזוי פיל צוטומלעניש. אז די צוויי ספרים זיינען אידענטיש (ד. ה., אז דער „חיי עולם" איז א געגראַמטע איבערזעצונג פון „ספר היראה") האָט שוין אנגעוויזן א. לעווענטאל אין אן ארבעט, וואָס ביידע, סיי שטיף, סיי ווינ־

4) Zeitschrift f. Geschichte der Juden in Deutschland III, 380-381.
[אין גייגערס א רעצענזיע אויף גידעמאנס בוך.]

פון דער יידישער פילאָלאָגיע צו פאַרפונדעווען און אויפשטעלן דאָס געביי וואָס ער האָט אָנגעהויבן" (ז. 356). אין דעם אַרטיקל, וואָס איז א מין אריינפיר צו א ניט־פאַרעפנטלעכט ווערק, געשריבן אין דייטש וועגן דעם „הענטשקע־לשון" באַרירט דער מחבר די מעטאָדאָלאָגישע טעותן פון די ביז איצטיקע פאָרשער פון גנבים־לשון, אַנאַליזירט די מקורים און שטעלט אוועק נייע, באמת אינטערעסאַנטע יסודות פון דער פאָרשונג פון די גניבים־דיאַלעקטן. ע־ ווייזט אָן אויף דעם קולטור־היסטאָרישן ווערט פון דעם יידישן „הענטשקע־לשון", דעם עכסטן יידישן שפּראַכיקן דענקמאָל, לויט זיין אָפּשאַצונג (ז. 368).

עס וואָלט געווען כדאי אַז דר. גלאַנצס ווערק זאָל דערשיינען אין יידיש און מען וואָלט געקאָנט זייער לייכט דעם וואונטש רעאַליזירן.

אויף דעם געביט פון לעקסיקאָלאָגיע, עטימאָלאָגיע, דיאַלעקטאָלאָגיע, פאָנעטיק, וואָרטבילדונג און סינטאַקסיס זיינען אין דעם באַנד אָפּגעדרוקט אַרבעטן פון: דעם פאַרשטאָרבענעם דר. חיים ספּיוואַק, דר. י. ווילער, דר. אַלפרעד לאַנדוי („די סלאַווישע עלעמענטן און השפּעות אין יידיש), מ. לערער, ש. ווינטער, ב. וויינריב, ר. סטאַלעק (אינטערעסאַנטע פאָלקס־לידער אין בורגנלענדער יידיש), ד. לייבל, פּראָפעסאָר יעווגעני קאַגאַראָוו, זלמן רייזען, ט. גוטמאַן א. אַ.

די אָפּשאַצונג פון די דאָזיקע אַרבעט גייט ניט אַריין אין די אויפגאַבן פון דעם רעצענזעט, הגם מאַנכע אַרבעטן טראָגן אַזאַ כאַראַקטער, אַז דער ניט־באַהאַוונטער לייענער וועט אויך זיין בכח אָפּצושיילן דאָס וועזנטלעכע פון דעם צופעליקן.

זייער וויכטיק זיינען די נאָטיצן, הערות און מלואים, וואָס דערגאַנצן, קאָרעגירן און דערקלערן מאַנכע אַרבעטן, וואָס זיינען געדרוקט אין ערשטן באַנד „שריפטן". איך האָב זיי דערמאָנט אַרומרייידנדיק דעם ערשטן באַנד.

אין אַלגעמיין וואָלט מען געקאָנט רעזומירן דעם ווערט פון די ערשטע צוויי בענד פון דער פילאָלאָגישער סעריע, אַזוי: עס זיינען פאַראַן אַ סך וויכטיקע אַרבעטן, ממש „קאָלומביאַדן". עס זיינען אָבער פאַראַן א סך קלייניקייטן, גריבלערייען, וואָס זיינען דאָרטן ניט אם פּלאַץ, אָדער וואָס שטעלן ניט פאָר מיט זיך אין אונזערע באַדינגונגען קיין וועזנטלעכע וויכטיגקייט, און דעריבער איז ניט נייטיק געווען זיי צו דרוקן.

די „שריפטן" דאַרפן זיין געווידמעט נאָר גרויסע אַרבעטן. פאַר קלענערע אַרבעטן, נאָטיצן, באַמערקונגען, און אַז. וו. איז פאַראַן פּלאַץ אין „אונדזער פּנקס" און דאָרטן דאַרפן זיי געדרוקט ווערן.

די ערשטע צוויי בענד פון דער פילאָלאָגישער סעריע זיינען באמת רעפּרעזענטאַטיוו פאַר דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

מען מוז באַדויערן, וואָס אַזוי פיל מיטאַרבעטער פון די „שריפטן" שרייבן נאָך ניט קיין יידיש, אָבער עס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער קולטורעלער אָרימקייט און שפּראַכלעכע רייכקייטן, אַז ווייטער פון קאָנסטאַטירן דעם פאַקט וועלן מיר אפשר נאָך יאָרן לאַנג ניט קאָנען גיין.

דער פאַקט אַליין אָבער, וואָס דער יי"וו"א האָט צוגעצויגן די דאָזיקע געלערנטע, איז א דערפרייענדיקער און רופט אַרויס א גלויבן אין אונדזער אַרבעט.

אויך דער פאַקט, וואָס די אַרבעטן, וואָס זיינען געדרוקט אין די „שריפטן" ווערן לעצטנס ציטירט אין די פרעמדשפּראַכיקע וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבעס און אויך רעצענזירט, איז אויך א סימן, אַז מיר ווערן מיט „לייטן" גלייך.

די ערשטע צוויי בענד פון דער פילאָלאָגישער סעריע, איז א שטאַרקער פונדאַמענט אויף וועלכן די יונגע יידישע וויסנשאַפט וועט קאָנען בויען א רויערהאַפטן אייגענעם בנין.

זיי זיינען אויך א גוטע אילוסטראַציע, וואָס פאַר א פּראָגרעס מיר האָבן געמאַכט און ווי ווייט מיר זיינען פון די ערשטע פּראָבן, וואָס עס זיינען געמאַכט געוואָרן אין 1913, מיטן אַרויסגעבן פון דעם „פּנקס" אין ווילנע.

אַרויסגעגעבן זיינען די צוויי בענד זייער נעט, הגם די ענגלישע רעזיומעס הינקען אַביסל אונטער שפּראַכלעך, אָבער נאָר אין ערשטן באַנד. אין צווייטן איז די שפּראַך א סך א בעסערע, הגם נאָך אויך ווייט פון צו זיין פּערפעקט.

דער דרוק און די אויסשטאַטונג זיינען אויסגעצייכנט. דער פאָרמאַט — אימפּאָזאַנט.

לאָמיר האָפן, אַז די אַנדערע בענדער וועלן זיין ניט ערגער פון די ערשטע צוויי, און מסתמא וועלן זיי זיין נאָך רייכער און אינטערעסאַנטער!

פנקס. צבומעל
בוך
3085

3085

JUN 1 1 2000

Toronto Jewish Public Library

THIS BOOK MAY BE KEPT

21 DAYS

and may be renewed once, if no application has been registered for it.

A fine of 4 cents a day is charged, if the book is kept after the last date stamped below. No book will be issued while a fine remains unpaid.

T 10 1951
Feb. 17, 63
FEB 29 '65
JAN 18 '70
21 '72
SEP 8 '72

MAY 8 - 2000
JUL 21 2000

JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO